STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03683

BLONZENDE SHTEREN

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בּלאָנזענדע שטערען

א ראָמאן פון

שלום־עליכם

דיא אלע, וואס האבען זיך בעמיהט צו מיין
25־יעהריגען ליטערארישען יום־טוב, דאנק
איך אפ מיט'ן דאזיגען ווערק.

NEW YORK

JEWISH PRESS PUBLISHING CO., PUBLISHERS

1912

קאַפּיטעל 1

וואו איז דעם חזן'ס מיידעל?

זונטאג כאור — סוף זומער איז דאָס געווען — האָט זיך לאה דיא חזנ'טע אויפגעחאפּט פריהער פאר אלעמען. זי האָט זיך דערמאנט, אז ס'איז היינט זונטאג, א מארקטאָג. א קוק געטהאָן אין פענסטער און דערזעהען, אז ס'איז שוין גרויסער טאָג, האָט זי א זאָג געטהאָן צו זיך אליין: „אוי, א מכה איז מיר!"... אין דער גיך זיך אָנגעטהאָן, אָפּגעגאָסען נעגעל וואסער, איינגעשלונגען דעם „מודה־אני", געחאפּט דעם קויש און אוועק מיט אזא מין אימפּעט, גלייך ווי איהר איז געשטאנען אָנצו־וועהרען גאָט ווייסט וואָס פאר א יאריד.

אין דרויסען איז געשטאנען א מחיה'דיגער פריה־מאָרגען. דיא זונן האָט זיך אויפגעחאפּט מיט א היטץ און מיט א ברען און האָט בעגאָסען האָלענעשטי, א קליין שטעדטעלע אין בעססאראביע, מיט איהרע גין־גאָלדענע שטראהלען. ווי א פיש אין וואסער האָט זיך לאה די חזנ'טע געפיהלט, אז זיא איז געקומען אין מארק אריין. און א מארק האָט זיך אין האָלענעשטי אויסגעשטעלט — א מורא'דיגער! די מאָלדאוואנעס האָבען ארויסגעפיהרט מילכיגס פון זייערע שאָף, גרינצייג און גאָרטענווארג פון זייערע באקטשים אָהן א שיעור. פאפּעשויעס (מאים), גרינע אוגערקעס בזיל־הזול. היינט ציבעלקעס און קנעבעלעך און שאָר ירקות. פון דיא אלע מינים האָט לאה דיא חזנ'טע איינגעהאנדעלט צו ביסלעך א פולען קאָשעק. און פיש האָט איהר גאָט אוגעשיקט—א כשר'ע מציאה! עס האָט זיך איהר אפילו ניט גע'חלומט קיין פיש. נאָר זיי זיינען איהר ווי אקעגען געקומען. מאָהלט אייך פיש — סע רעדט זיך נור אזוי „פיש"! קלייניטשקע פישעלעך, פלאָטוויצעס, ביינדלעך, קיי און שפּיי, נאָר אזוי וואָלוועל, אז ס'איז, כ'לעבען, א חרפּה אויסצוזאָגען: קיינער וועט נאָר ניט וועלען גלויבען!... יאָ. לאה די חזנ'טע האָט געהאט א גליקליכען מארק. פונ'ם איין־און־איינציגען קערבעל, וואָס זי האָט ארויסגעטראָגען, האָט זי נאָך צו ברענגען אהיים א היבשען אויסגאָב. ווי באלד אזוי, דארף מען קויפען דעם חזן א מתנה — א צעהנדלינג פרישע אייער. „ביי ישראלי'ן וועט דאָס זיין אָנגעלייגט. ער וועט האָבען אויף צעהן גאָגעל־מאָגעלס, עס געהט צו ימים־נוראים — האָסט דו געזעהען א ביסעל!... היינט צוקערקעס דארף מען ברענגען דער טאָכטער. רייזעל האָט ליעב זיסע זאכען, קאָנפעקטלעך, נאשרייען, מיר זאָל זיין פאר איהר קאָפּ, סארא קינד דאָס איז!"...

מיט אזעלכע געדאנקען האָט זיך די חזנ'טע ארומגעדרעהט נאָך א היבשע וויילע צווישען די קלייטען, ביז דאָס גאנצע קערבעל איז ביי איהר צעגאנגען געוואָרען אונטער די פינגער אזוי ווי שניי. ערשט דעמאָלט האָט זי זיך בערוהיגט און איז געגאנגען אהיים.

צוגעקומען צו איהר שטוב, האָט זי נאָך פון דרויסען דערהערט דעם חזן, ווי ער קאטשעט זיך אויפ'ן האלז: „מי־י־י בא־א־א־אש ומי־י־י במים!"... זיין בעקאנטע ליעבע שטימע, וואָס קלינגט איהר שוין אזוי לאנג און ווערד איהר קיין מאָל נישט נמאס! ישראלי דער חזן שטעלט אוים בעצייטענס א שפּאָגעלנייעם „ונתנה־תוקף" אויף ראש־השנה. ישראלי דער חזן איז נישט פון דיא גרויסע חזנים וואָס זאָל שם'ען אויף

דער וועלט, נאָר ביי זיך אין האָלענעשטי איז ער געגוג גרויס. דאָס שטעדטעל וועט איהם, זייט זיכער, נישט פערבייטען אויפ'ן גרעסטען כאָהר־חזן און וועט איהם נישט אוועקגעבען פאר קיין מיליאָן! פון דעסטוועגען, איינס צום אנדערען קעהר זיך ניט אָן. אז ישראלי דער חזן זאָל ניט צוקנעלען, וואָלט ער פערוואָרפען די צייהן אויף דיא באנמענעס. א גליק, וואָס ער איז א פיינער בעל־תנ"ך און א שארפער בעל־לשון־קודש, און דערצו האָט איהם גאָט געבענשט מיט א שעהן הענטעל צום שרייבען, האָט ער א שטיקלעך צעהן תלמידים, די רייכסטע קינדער פון שטאָדט (דעם נגיד ראפאלאָוויטשעס זוהנדעל איז פון זיינע ערשטע תלמידים). צוויי פרנסות איז נישט קיין קלייניגקייט. אמת, עס טרעפט אמאָל, אז פונ'ם חזנות מיט'ן מלמדות זאָל ביי ישראלי ׳עם חזן ניט זיין אויף שבת. נאָר שטארבען פון הונגער וועט מען שוין ניט שטארבען. מע קאָן זיך שוין מוטשען...

געקומען אהיים א פערשוויצטע מיט א פולען קאָשעק פון מארק, האָט לאה דיא חזנ'טע ניט געקאָנט פערשטעהן דעם שכל, פאר וואָס זיא זעהט ניט די טאָכטער און הערט ניט איהר קול? זי איז געוואָהנט געוואָרען, אז זי קומט פון מארק, טרעפט זי די טאָכטער אָנגעטהאָן, איינגעוואשען און צוגעקעמט, שפרינגט איהר אקעגען, קעהרט איבער דעם קויש, זוכט און נישטערט: „מאמע, וואָס האָסט דו מיר געבראכט צו טראָגען?" „האָב צייט, דער טייך ברענט ניט! לאָמיך פריהער אָפּגעבען דעם טאטען זיין גלעזעל ציקאָריע, האָסט דו געזעהען א ביסעל!"...

אָט אזוי איז זי געוואָהנט געוואָרען, די חזנ'טע. און איצט איז שטיל אין שטוב, מאָדנע שטיל. מע זעהט נישט רייזלען און מע הערט זי ניט, כאָטש די טהיר איז אָפען. דיא משמעות, אז זי שלאָפט נאָך?... און דער חזן הערט ניט אויף צו קאטשען זיך אויפ'ן האלז און פערגעהן זיך אויף דער דינסטער אָקטאווע מיט א געוויין: „אָך מי־י־י באש ומי־י־י במים! און נאָך א מאָל — מי־י־י בא־א־אש ומי במ־י־י־י־ים!"....

שטיל אויף דיא שפיץ פינגער, געהט לאה אריין אין שטוב אריין, שטעלט אוועק דעם קויש אין א ווינקעלע, און בכדי ניט צו שטעהרען דעם מאן אין זיין ארבייט, האָט זי, רייבענדיג זיך ביים אויווען, גענומען רעדען צו זיך אליין:

— פינסטער איז מיר! נאָך שלאָפט זי?... א מיידעל קאָן! אָט באלד וועלען קומען די תלמידים אין חדר אריין, און זי וועט זיך ארומדרעהען א נאקעטע פאר אלע יונגלעך אין די אויגען... זי מיינט, זי איז נאָך א קינד... ישראלי!... ישראלי?... ניין, ער הערט נישט... ער האָט זיך עס א ביסעל צעב'אש'ט און צע'במים'ט היינטיגען פריהמאָרגען טאטעניו!... אן אנדערער וואָלט מיינען, אז מע שטופט אָן פולע זעק פון אָט דעם חזנות. און צום סוף געהט רייזעל מיט אויסגעדרעהטע שיכלעך, מיר זאָל זיין פאר איהרע ביינער... ביז וואנען וועט זיא שלאָפען, א דונער איז מיר! מע דארף אויפוועקען דאָס קינד, האָסט דו געזעהן א ביסעל!...

מיט דיא דאָזיגע ווערטער געהט צו לאה האסטיג צום ווענטעל, וואָס צעטיילט מיט א ליילעך דעם חדר אויף צווייען, הערט זיך איין א ווײלע, הויבט אויף דעם פאָרהאנג פאוואָלינקע, מיט

צוויי פינגער, קוקט זיך איין אין בעט, ווארפט א קוק אויפ׳ן אפענעם פענסטער, שטעהט א ווײלע אהן ווערטער. דערפיהלט, ווי עמיצער וואלט איהר דערלאנגט מיט א שטיין אין הארצען אריין, דרעהט זי אויס דעם קאפ צום מאן:

— ישראלי!...

דאס איז שוין אויסגעשאסען געווארן מיט אזא קול, אז ישראלי האט באלד אויפגעהערט זינגען און אויסגעדרעהט דעם קאפ צום ווייב:

— וואס איז, לאה?

— וואו איז רייזעל?

— וואס הייסט — וואו איז רייזעל? זי שלאפט דענן ניט?........

— — — — — — — — — — — —

אין א האלבע שעה ארום האט שוין די גאנצע שטאדט געוואוסט פונ׳ם חזנ׳ס אומגליק, און דער עולם האט אנגעהויבען געהן געוואהר ווערען, דער אריין, דער ארויס.

— וואס הערט זיך? טאקי נישטא?... ווי איז דאס מעגליך?... ווי אזוי איז דאס געשעהען?...

דעם גאנצען פריהמארגען האט דאס געקאכט, ווי אין א קעסעל: „געהערט? נישטא דעם חזנ׳ס מיידעל!"... „וואס הייסט, וואו איז זי דענן?"... „פארפאלען געווארען, ווי אין וואסער אריין!"...

דער חזן אליין — וואס טהוט זיך עס מיט איהם? נישט ער וויינט, נישט ער רעדט. ער שטעהט אין מיטען שטוב, ווי א גולם, און קוקט אלעמען אין די אויגען אריין. אפנים, עס האט איהם אפגענומען דאס לשון מיט׳ן שכל... נאר די חזנ׳טע לויפט ארום ווי א צעדולטע איבער דער שטאדט, ברעכט די הענד, שלאגט זיך אין קאפ. ליינט אין די וועלט: „מיין טאכטער! מיין קינד! איין אויג אין קאפ!"... איהר געהען נאך ווייבער און יודען, העלפען איהר זוכען. מען איז שוין אויסגעווען וואו די וועלט האט איין עק: אויף יענער זייט בריק, און אויפ׳ן בית־עולם, און ביי אלע וואלעכשע גערטנער, און ביי׳ם טייך—נישטא!

א האלב־טוידטע האט מען געבראכט צופיהרען אונטער דיא הענד דיא חזנ׳טע אהיים. דארט איז געווען א פולע שטוב מיט מענשען. אלע האבען גערעדט פונ׳ם אומגליק, וואס האט געטראפען ביי׳ם חזן אין שטוב. אייניגע האבען פערקאטשעט דעם פארהאנג, א קוק געטהאן אויפ׳ן בעט און אויפ׳ן אפענעם פענסטער און א פרעג געטהאן ווי זיך אליין:

— אט דא ארומער איז ארויסגעפלויגען דאס פייגעלע?...

ביי א פרעמדען אומגליק געפינט זיך נאך אין האלענעשטי א גלייכווערטעל...

קאפיטעל 2.

נאך איין שאדען

א יודיש שטעדטעל, ווי ארעם ס׳זאל ניט זיין, מוז עס האבען איהר אייגענעם רויטשילד.

דער רויטשילד פון האלענעשטי— דאס איז ראפאלאוויטש, בעני ראפאלאוויטש.

דערצעהלען אייך רוב גדלו ורוב עשרו איז איבעריג. עס וועט זיין גענוג, מיין איך, אויסמאלען אייך נור דעם טיש אליין. ביי ראפאלאוויטשען צום טיש געהען אלע טאג נישט ווינציגער פון עטליכע און צוואנציג פארשוין: זיהן, און טעכטער, און איידעמס, און שניר, און אייניקלעך — אלע שעהנע, גוט אויסגעפאסעטע נפשות, מיט פעטע פיסקעס,

און איין אַלטע מאַמע, וואָס שאָקעלט מיט'ן קאָפּ „ניין־ניין", און איין אם א שעהנע מיט רויטע באַקען, און א בחור א קאַססיר, טאַקי איין אייגענער, א פריינדעל.

ביי די ראַפאַלאָוויטשעס אין שטוב, אז עס קומט צום עסען, ווערד אַזאַ טאַרעראַם, מיט אַזאַ געפּילדער, מיט אַזאַ קלאַפּעריי פון לעפעל מיט גאָפּלען, אז מע קאָן טויב ווערען. גאַנץ אויבענאָן ביי'ם טיש, ווי א מלך, זיצט דער בעל־הבית אליין, בעני ראַפאַלאָוויטש, א בעססאַראַביער יוד מיט נישקשה פון א בייכעל און מיט א באָרד, וואָס האָט זיך ביי איהם צעוואַכסען אויפ'ן טונקעל־גלאַנצענדיגען פּנים אין דער ברייט, וויל נישט ליגען ווי ביי לייטען, נאָר צעשמי־סען רעכטס און לינקס — און טהו מיר עפּיס!

בעני ראַפאַלאָוויטש איז א מענש, וואָס אז ער עסט—עסט ער. צוויי אַר־בייטען מיט א מאַל — דאָס האָט ער פיינד, און וויל גאָר נישט וויסען בעת מעשה, וואָס אין דרויסען טהוט זיך. אליין רעדען רעדט ער ווינציג וואָס, נאָר אז יענער רעדט — אהרט איהם נישט. זעלטען־זעלטען, אז ביי'ם טיש ווערד שוין א צו גרויסער ליאַרעם, שרייעט ער אָן אויף דער חברה:

— לאָז זיין שטיל, ממזרים, קוקט בעסער אין סידור אריין און ווייסט, וואָס איהר זאָגט!...

דאָס מיינט, מע זאָל אריינקוקען אין שיסעל אריין און וויסען, וואָס מע עסט. ס'איז שוין אַזאַ טבע ביי איהם רעדען פאַרשטעלט, בלשון סגי־נהור. למשל: א פערד איז ביי איהם א „בחור", געלד איז „שערבלעך", א ווייב איז א „אומגליק", א זוהן איז א „קדיש", א טאָכטער איז א „בלאָטער", ברויט איז „פּאָדעם", א שטוב איז א „בוידעם", איין אלקיר איז א „לאָך" — און אַזוי ווייטער. פון ראַפאַלאָוויטשעס שפּראַך קאָן מען מאַכען א גאַנצען ווערטער־בוך.

דעם לעצטען אָרט ביים טיש פער־נעמט בעני ראַפאַלאָוויטשעס ווייב, ביילקע. א יודינע א קליינינקע, א שוואַ־כינקע, א שטילינקע. מע הערט זי ניט און מע זעהט זי ניט. א קוק טהון אויף איהר, מוז מען זיך אליין פרעגען: אָט דאָס האָט אַראָפּגעבראַכט אויף דער וועלט אַזאַ חאַליאַסטרע?... פון דעסט־וועגען, האָט קיין יסורים ניט, טראָגט אָט דאָס קליינע ווייבעלע אויף זיך דעם גלות פון דער גאַנצער שטוב, איז פול אומעדום און איהר קאָפּ טהוט וועה פאַר אַלעמען. זיא אליין דאַרף גאָרנישט. דאָס גאַנצע לעבען זענען די קינדער. איהר אָרט אויבענאָן האָט זי אָפּגעטראָ־טען דער אַלטער מאַמע, וואָס שאָקעלט מיט'ן קאָפּ „ניין־ניין".. די דאָזיגע אַלטע מאַמע איז, אַפּנים, בעשאַפען גע־וואָרען דערויף, מע זאָל זיך דערמאַנען אינ'ם סוף פונ'ם מענשען. אָנגעוואָהרען שוין כמעט אַלע חושים, איז איהר פער־בליבען מעהר ניט אז איין זאַך — א שאַרף אויג: אַלסדינג דערזעהט זי פריי־הער פאַר אַלעמען. קיינער, א חוץ איהר, האָט זיך נישט ארומגעקוקט ביי'ם טיש צווישען דער חאַליאַסטרע, אז עס פעהלט דער יונגסטער פון די יונגלעך —לייבעל. די אַלטע האָט דאָס בע־מערקט די ערשטע און האָט גענומען ארומקוקען מיט איהר שאַרף אויג דעם גאַנצען טיש און שאָקלען מיט'ן קאָפּ:

— וואו איז דאָס ערגיץ לייבעל?

נאָך איהר האָבען זיך שוין אַלע ארומ־געזעהען, אז ס'איז ניטאָ לייבעל און מע

האָט אָנגעהויבען זוכען לייבלען אין אַלע ווינקעלעך:

— וואו איז לייבעל?

ווי אומגעלומפּערט גרויס בעני ראַפּאַלאָוויטשעס שטוב זאָל ניט זיין, האָט זיך נאָך ניט געטראָפען, אַז צום טיש זאָל פעהלען א קינד. איז דער פאָטער געוואָרען בייז און האָט אַרויסגעגעבען א בעפויל:

— לאָז מען ברענגען דעם „פּידסוויניק" פון דער „טשערעדע"!

אויף בעני ראַפּאַלאָוויטשעס לשון האָט דאָס בעדאַרפט הייסען, מע זאָל ברענגען דעם „מיזיניק" פון „חדר". און מע האָט אַוועקגעשיקט א שליח צו ישראלי דעם חזן אין חדר אריין, מע זאָל ברענגען לייבלען אַהיים עסען וואַרעמעס.

דער עולם האָט שוין געהאַלטען ביי'ם לעצטען געריכט, ביי די פרישע פּאַפּעשויעס מיט די הייסע זיסע קאַטשענעס, ווען דער שליח איז געקומען צוריק מיט דער ידיעה, אַז לייבעל איז ביי ישראלי דעם חזן אין חדר נאָך נישט געווען אפילו, און אַז ביי'ם חזן מיט דער חזנ'טע האָט זיך געטראָפען, ניט דאָ געדאַכט, איין אומגליק: זייער טעכטערעל, דיא בת יחיד'קע, רייזעל הייסט דאָס, איז זי היינטיגע נאַכט פערפאַלען געוואָרען, מע ווייסט ניט, וואו איהר געביין איז אַהינגעקומען...

וויא א באָמבע איז געווען די דאָזיגע בשורה פאַר די ראַפּאַלאָוויטשעס, און די גאַנצע משפּחה איז געבליבען זיצען ביי'ם טיש, איבערקוקענדיג זיך איינס מיט דאָס אַנדערע. וואָס יעדער פון זיי האָט איבערגעטראַכט אין דער מינוט — איז שווער צו וויסען. איטליכער בעזונדער האָט זיך בעהאַלטען זיינע געדאַנקען פאַר זיך. נאָר איין אַלטע איז געוואָהנט געוואָרען אַרויסצוזאָגען אַלסדינג, וואָס זי טראַכט, הויך אויף א קול, צושאָקלענדיג בעת־מעשה מיט'ן קאָפּ:

— טהוט ניר א קוק אין טיש־קעסטעל. איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז איך האָב געזעהען היינט אַרום האַלבע נאַכט אונזער לייבלען זיך פאָרען דאָרט אין דער פינסטער...

אַלטע מענשען האָבען אין זיך ווילדע געדאַנקען... פון דעסטוועגען האָט זיך דער קאַססיר מטריח געווען פון אָרט, איז צוגעגאַנגען צום טישקעסטעל און איז אָפּגעשפּרונגען מיט א געשריי:

— בעל־הבית! מע האָט אויסגעליידיגט דעם שופלאָד! צוגענומען דאָס גאַנצע ביסעל מזומנים!...

נאָך דיא ווערטער האָט עמיצער ביי'ם טיש אַרויסגעלאָזט א שטילען געשריי, איינגעבויגען זיך און געפאַלען חלשות.

דאָס איז געווען די קליינינקע, די שוואַכינקע, די שטילינקע ביילקע.

קאַפּיטעל 3

האָלאָנעשטי געהט חאָדאָראָם

עס קאָכט אין האָלענעשטי. עס זידט. עס טהוט זיך חושך. האָלענעשטי געהט חאָדאָראָם.

א קליינינקייט — אין איין טאָג אַזוי פיעל נייעס! צוויי סקאַנדאַלען מיט א מאָל! און נאָך וואָסערע סקאַנדאַלען! און עפּים אַזוי מאָדנע צענויפגעשפּאַנט: דעם אָרעמען חזנ'ס מיידעל מיט'ן רייכסטען נגיד'ס יונגעל — א ביסעל א סמיכות הפּרשה...

און האָלענעשטי האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט. קרעמער האָבען פערמאַכט די קלייטען, מלמדים האָבען צעלאָזט די חדרים, אַרבייטער האָבען אַוועקגעלייגט שער און אייזען, ווייבער־

האָבען איבערגעלאָזט זייערע אויוועגס, און מען איז ארוים אין שטאָדט, צענויפגעקליבען זיך רעדלעך־ווייז און פערפלייצט די גאסען — עס האָט אויסגעזעהען עפּיס טאקי נור ווי שבת ביי טאָג. און עס זענען אוועק מימרות מיט זאָגעכצען מיט מעשות און מעשות און מעשות, וואָס ס'איז אונמעגליך דאָס אלעס איבערצוגעבען אויף פּאפּיער. ווּאָרום אויף יעדער מעשה, וואָס איינער האָט דערצעהלט, האָט דער צווייטער געהאט דריי אנדערע מעשות. האָט זיך אריינגעמישט א דריטער און האָט זיי אָפּגעהאקט די פליגלען, אז זיי זענען ביידע בהמות; זיי ווייסען ניט, ווער ס'האָט זיי געשליערט. איז אָבער דער חסרון, וואָס ס'איז דאָ נאָך איינער, א פיערטער, זאָגט ער, אז דער דריטער ווייסט אויך מעהר פון א טוידטען. אָט לאָזט איהם, וועט ער אייך דערצעהלען א שענס!

און עס געהט אוועק א לאַנגע מעשה, אפילו זעהר א שענע, נאָר געבויעט אויף אייגענע סברות, על־פּי פּשט און על־פּי שכל. דער עולם אָבער, ווייזט אוים, איז מיט דעם ניט אין גאנצען צופריעדען. על־פּי שכל איז דאָס טאקי א שכל, נאָר וואָס דענן? עס ליגט זיך עפּים ניט אויפ'ן מח... ביז עס חאפּט זיך ארוים נאָך איינער, דוקא א געלער און דוקא מיט בלייזע אויגען, און שלאָגט זיך ארויף אויף א שטיקעל דרך און שטעלט אוועק א קלאָץ־קשיא:

— הערט זשע, יודישע קינדער, וואָס איך וועל ביי אייך פרעגען: זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס איז עפּים אויסגעקומען אונזערע צוויי חברה־לייט נעלם צו ווערען פּונקט נעכטען, שבת־צונאכטס, אין דער זעלביגער נאכט, ווען דאָס גאַנצע יודישע טהעאטער איז פון אונז אָפּגעפאָהרען?

— אם־כן, איז וואָס לאָזט דאָס מיך דאָ הערען?

— לאָזט דאָס מיך הערען — צי האָט דאָס נישט א שייכות מיט'ן יודישען טהעאטער און מיט די יודישע אקטיאָרשטשיקעס?

— שטראָם־גראָם — מאַך מיר א הארמידער!

דער עולם שיסט אוים א געלעכטער, און דער געלער מיט דיא בלייזע אויגען געפינט זיך בעליידיגט:

— איהר קאָנט אייך הירזשען צוזעצטערהייד. אז איהר זענט אזעלכע חכמים, ענטפערט מיר, איך וועל אייך פרעגען נאָך א קשיא: וואָס האָבען די אקטיאָרשטשיקעס געהאט צו טהון יענע וואָך ביי ישראלי דעם חזן? אפשר גלויבט איהר מיר ניט, זייט זיך מטריח, טהוט א פרעג דעם חזן אליין.

— אָט באלד וועלען מיר איהם געהן זאלצען אויף דיא וואונדען!

— רעדט זשע ניט קיין נאררישקייטען און לאָזט אייך פיהרען אויף א וועג. איהר בעסער פרעגט מיך, וועל איך אייך יאָ זאָגען, וואָס דיא אקטיאָרשטשיקעס האָבען געטהאָן ביי ישראלי דעם חזן. זיי זיינען געוואָהרע געוואָרען, פערשטעהט איהר מיך, אז ישראלי דער חזן האָט א מיידעל, און א שען מיידעל, וואָס קאָן שען זינגען, און אן אָרעמאן איז ער דאָך, דער חזן הייסט עס, האָבען זיי איהם פירגעלייגט, ער זאָל זי אָפּגעבען, דאָס מיידעל הייסט עס, צו זיי אין טהעאטער, וועלען זיי פון איהר מאכען א לייט... יודען! ליגט זיך עס אייך אויפ'ן טעם?

— לייגען לייגט זיך עס. וואָס זשע וועט איהר אָבער טהון מיט ראפּאלאָוויטשעס זוהנדעל?

— איז מיר טאקי שלעכט, עס ווערד מיר שיער דער קאפ צעשפאלטען טראכטענדיג. זאל איך קלערען, אז ראפאלאוויטשעס בחור'על, וואס לערענט ביי ישראלי דעם חזן אין חדר, איז א מחותן געוועזן מיט'ן חזנ'ס מיידעל— ווי קומט אזא שנעק צו אזעלכע זאכען?... זאל איך זאגען, אז דאס מיידעל האט איהם ארויפגעפיהרט אויף א גליטש מיט'ן הסכם פון איהרע פאטער און מוטער — קענען מיר אלע ישראלי דעם חזן, אז ער איז, דאכט זיך, ניט אזא מענש. סיידען אפשר די חזנ'טע? איז דאס שוין זעהט איהר, דוקא א שטיקעל גאנג. א קשיא אויף א יודינע...

— שאט, קינדער, גובערנאטאר יעדיט! —האט זיך ארויסגעחאפט איינער א גראמאטיאק, אנווייזענדיג מיט דער האנד אויפ'ן פריסטאוו, וואס איז דורכגעפלויגען פייל אויסען בויגען אויף א נייער קלינגענדער נאטאטשאנקע מיט א סך גלעקעלעך און מיט א פאר ווייסע פערדלעך, וואס דער עולם האט זיי באלד דערקענט, אז דאס זענען „ראפאלאוויטשעס סוסים“. אינאיינעם מיט'ן פריסטאוו איז געזעסען אויף דער נאטאטשאנקע אנ'איבערגעשראקענער, א טוידטער, יחיאל דער כלי־זמר, וואס האט די גאנצע צייט געשפיעלט ביי דער „חברה אקטיארשטשיקעס“ אין טהעאטער.

אט דיא נאטאטשאנקע מיט ראפאלאוויטשעס פערדלעך מיט יחיאל דעם כלי־זמר האבען מיט א מאל אויפגעהויבען דיא אקציעס פונ'ם געלען יודען מיט די בלייזע אויגען אזוי הויך, אז מע האט ניט־ווילענדיג אנגעהויבען צרוקען זיך צו איהם נעהינטער און נעהינטער און צוהערען זיך צו זייגע רעד, וואס ליגען זיך סאי אויפ'ן טעם, סאי אויפ'ן שכל, און האבען טאקי א ממשות.

ארויפגעשלאגען זיך אויפ'ן ריכטיגען וועג און געפונען אינ'ם יודישען טהעאטער דאס אמת'ע שליסעלע צו דער דאזיגער מאדנער געשיכטע, לאזען מיר איבער די האלענעשטער יודען מיט זייערע מעשות — לאזען זיי זיך שארפען די מוחות — און מיר קעהרען זיך אום מיט א קורצער צייט צוריק, ווען דאס יודישע טהעאטער איז נאר־וואס געהאט אראפגעקומען קיין האלענעשטי — דאס ערשטע מאל זינט האלענעשטי איז א שטאדט און בעסעראביע א גובערניע.

קאפיטעל 4.

א פערשלעפטע קרענק

נאך מיט א וואך דריי פריהער האט מען געוואוסט אין האלענעשטי, אז עס קומט צופאהרען א יודיש טהעאטער, נאר קיינער האט זיך ניט גערייכט, אז ס'זאל זיך אין האלענעשטי אזוי אננעמען. „ווייס איך,—האבען געשוועסט האלענעשטער יודען, — אויך מיר א זאך — אקטיארטשיקעס, קאמעדיאנטען!“...

אמת, מע קאן ניט זאגען, אז האלענעשטער יודען זאלען זיין אזוי צעבאלעוועט, אויסגעוואכסען אויף טהעאטער. אדרבה, מע דארף זיך מודה זיין, אז זיי האבען קיין טהעאטער, אייגענטליך, נאך קיין מאל נישט געזעהען אין די אויגען און ווייסען אפילו ניט, מיט וואס מע עסט דאס. נאר צוריק שמועסענדיג, וואו שטעהט דאס געשריבען, אז מע דארף אלסדינג טאקי אליין זעהען מיט די אויגען? און צו וואס האט גאט געגעבען א מענש שכל? א יוד פערשטעהט,

דאַנק גאָט, גרעסערע זאכען. א יוד איז ניט א גוי....

פון דעסטוועגען, אז ס'איז אראָפּגע־קומען קיין האָלענעשטי איינמאָל אין א שענעם פריהמאָרגען עפּיס א פּאַר־שוין מיט איין אָפּגעבארעט קאפּעלישעל אויפ'ן קאָפּ און מיט א געלען טשעמאָ־דאַן אין דיא הענד און האָט זיך ארויס־געגעבען, אז ער איז דאָס געקומען אהער אָפּדינגען דאָס טהעאטער, איז מען זיך צונויפגעלאָפען אויף חדושים.

דאָס הייסט, נישט מחמת דער פּאַר־שוין אליין איז געווען חדוש, — דאָס איז אחוץ א מעשה, — נאָר גלאט, מען איז געווען ציקאווע זעהען, וואָס וועט ער טהון?

דער פּארשוין, א נידעריגער, מיט א געגאָלט פּנים פון אויבען ביז א אראָפּ, האָט א קוק געטהאָן מיט א פּאָר ממזר'ישע אויגען אויף דער שטאָדט האָלענעשטי און אויף איהרע יודען, און א זאָג געטהאָן צום עולם מיט א מאָדנע הייזעריגע שטימע, און דאָס אָפּגעבא־רעטע קאפּעלישעל האָט איהם געגעבען א פּאָהר אהינטער:

— אפּנים, ווי איך זעה ארויס, האָט דאָ ביי אייך אָדם הראשון נאָך קיין מאָל קיין שבת ניט געהאלטען?

דאכט זיך, וואס איז דאָ פּאראהן אזעלכעס? עטליכע געוויינליכע יודי־שע ווערטער. איאָ? האָט איהר אָבער בעדארפט אָנקוקען, וואָס די עטליכע ווערטער האָבען אָנגעמאכט. עס האָט א חאַפּ געטהאָן איטליכען בעזונדער ביים בויך, טאקי, גור ווי מיט צוואנגען, און דער עולם האָט אויסגעשאָסען א געלעכטער. דער פּארשוין האָט זיך תחלת ווי דערשראָקען פאר די האָלע־נעשטער יודען, האָט אָפּגעשוויגען א ווילע, געקוקט אויף זיי, וויא אויף משוגעים, און געלאָזט זיי זאָלען זיך אביסעל אויסלאכען. און אז זיי האָבען זיך גוט אָנגעלאכט, האָט ער זיך דער־מאָלט אָנגערופען צו זיי שוין גאנץ ערנסט, מחמת ער האָט שוין לאנג גע־פיהלט, נאָך פּאָהרענדיג אין וועג, אז דער מאָגען איז איהם ליידיג און עס חלשט איהם דאָס הארץ.

— זאָגט מיר, מיינע ליעבע יודען, ווייסט איהר ניט, וואו קאָן מען דאָ שטילען דעם הונגער?

דאכט זיך, ווידער גאנץ געוויינליכע ווערטער. נאָר וויא ער האָט זיי אויס־גערעדט, איז געוואָרען צווישען עולם אזא געלעכטער, אז ממש מע האָט זיך געהאלטען ביי די זייטען. דאָס האָט שוין דעם פּארשוין א ביסעל פּערדראָ־סען און ער רופט זיך אָן צו זיי נאָך ערנסטער ווי פריהער:

—איך מיין דאָ נישט קיין חכמות; איך מיין פּשוט — עפּיס נעמען אין פּיסק אריין.

מעהר האָט מען נישט בעדארפט. פון די לעצטע ווערטער האָט דער עולם בעקומען נישט אנדערש וויא א מין קראמפּף אין בויך פאר געלעכטער.

אין א האלבע שעה האָט שוין גאנץ האָלענעשטי איבערגעחזרט די דאָזיגע ווערטער: „עפּיס נעמען אין פּיסק אריין“!...

— א פערשלעפּטע קרענק! — האָט דער עולם געזאָגט און געווישט זיך די טרערען, וואָס האָבען זיך געשטעלט פאר געלעכטער.

און די „פערשלעפּטע קרענק“ האָט אזוי לאנג געזוכט, ביז ער האָט זיך אָפּ־געזוכט זיינס. איין אכסניה אפילו ניט אזא געהויבענע נאָר אין גלייכען געלד...

זיך באקענט מיט א קערטשער העריננ און פערטרונקען מיט א בעססאראביער גלאָז וויין, האָט אונזער פּארשוין גאנץ פיין פערדרויכערט א פּאפּיראָס, זיך צעווערטעלט מיט דער בעל־הבית׳טע, א שווארצ׳חנ׳ודיגע ווייבעל, וואָס מע רופט זי נעחע, געוואָלט וויסען, צו זיא האָט א מאן, צו זי איז איין אלמנה אָדער גאָר א גרושה? נאָר נעחען האָט זעהר געשטיקט אויף צו לאכען, האָט זיא זיך אויסגעדרעהט פון׳ם „שלים־מזל״, און דער שלים־מזל האָט גענומען דאָס שטעקעל, אָנגערוקט דאָס קאפּעלישעל אויף׳ן שטערן, אריינגעלייגט די הענד אין דיא קעשענים און געלאָזט זיך איבער דער שטאָדט שפּאציערען, און אין איינוועגס טאקי אויסקוקען עפּיס איין אנשטענדיג פּלאץ אויף א טהעאטער.

געגאנגען איז ער נישט אליין. איהם האָבען בעגלייט א גאנצע חאליאסטרע וויסע־חברה׳ניקעס, באָרוויסע, נאָר גרויסע ליבעהאָבער פון יודישען טהעאטער. פּיס־טריט זענען זיי איהם נאָכגעגאנגען, ביז ער איז צוגעקומען צו א הויף דאָ האָט ער דערזעהען א ליידיגע שטאָל א מורא׳דיגע, א ברייטע, מיט איין אייזערנעם דאך.

—אָט די סטאדאָלע האָט גאָט בעשאפען משׁשת ימי בראשית פאר א יודישען טהעאטער! — האָט ער א זאָג געטהאָן צו זיך אליין און איז אריין אין הויף אריין.

דאָס איז געווען ראפאלאָוויטשעס הויף מיט ראפאלאָוויטשעס סטאדאָלע.

קאפּיטעל 5.

א פּאָר בריוולעך

האָלענעשטי האָט ניט בעדארפט לאנג ווארטען אויפ׳ן יודישען טהעאטער. ווי באלד נור די „פארשלעפּטע קרענק״ איז דורכגעקומען מיט בעני ראפאלאָוויטשען פאר דער סטאדאָלע, אויסגעגלייכט זיך מיט׳ן פּרייז, אזוי האָט ער אוועקגעשריעבען צו זיינע לייט א בריעף, וואָס מיר געבען איהם דאָ איבער פּינקטליך, וואָרט אין וואָרט, מיט דעם זעלבען לשון, ווי ער איז געשריעבען געוואָרען:

„ליבער פריינד אלבערט איך שרייב
„דיר א בריף און קום דיר מעלדען אז
„איך בין אין האָלענעשטי אין בעסע־
„ראביע א שטעדטעל גרוים ווי א
„געניץ און מענטשען חיות וואָס
„פרעסען מאמעליגע און זליאָקען וויין
„אזוי ווי וואסער נאָר משה ווערט
„געהן אין טהעאטער אז דער רוח
„וועט זיי נעמען און א טהעאטער
„האָב איך אָפּגעדונגען מעג ער
„שטעהן אין לאָנדאָן און א ביהנע
„חאָטש פּאָהר זיך דורך מיט א
„שליטען און געדעקט מיט אייזען א
„קרענק וועט אהין קומען ניט קיין
„רעגען דער ווירט פון טהעאטער
„הייסט ראפאלאָוויטש אָנגעשטאָפּט
„מיט געלד וויא א זאק מיט פּאָלאָווע
„פון דעסטוועגען איז ער א בעלן גע־
„ווען דער שוויין אויף אנ׳אויפגאם
„האָב איך איהם געזאָגט ער זאָל
„דארען ווארום עס דארף מיר אָנ־
„קומן די טעג קדחת מיט דער פּאָטשט
„און א סטאנציע האָב איך דערטאפּט
„דוקה א נישקשהדיגע און א באלא־
„באָסטע א מזוזה׳לע עס און טרינק
„און לאָז דיר וואָהל באקומען און
„קרעדיט וויפיל דו ווילסט על כן
„מאך קיין לאנגע שיהות שיק ארויס
„באלד דעקאָראציעס מיט אפּישען
„און פערזעץ וואָס דו האָסט און קום
„צופאָהרען מיט׳ן גאנצען חדר למען

„השם ניט פערציהען אין דער לאנגער
„באנק עס געהט צו די דריי וואָכען
„מיט די נייען טעג וועט מען פגר'ען
„פאר הונגער און א ראזרעשעניע איז
„דאָ צו קריגען גרינג ווי ביי האָצ־
„מאכען א ראסעל־פלייש אויף'ן ניכ־
„טערען הארצען זאָלסט איהם זאגען
„האצמאכען פון מיינעטוועגען ער זאל
„אויפהערען שדכנען זיך צו דער פרי־
„מאדאָנע וואָרום ס'וועט א רוח איהם
„אין טאטען לאָז ער פריהער מאכען
„אנ'עק מיט זיין עטיל דבורה און
„געה זיך דורך ליובעניו צו מיר אויף
„דער קוואטיר דאָרט האָב איך פער־
„געסען אונטער'ן בעט מיינע מעש־
„טעם מיט א פאָר צענזורירטע פיע־
„סען און שיק מיר ארוים אפישען
„למען השם וואָס פריהער און זיי
„נור ניט משוגע וואָס איך קלאָפ דיר
„ניט קיין דעפעשע ווייל איך פאר־
„מעג ניט מעהר ווי צוואנציג קאָפּי־
„קעם פון מיר דיין פריינד וואָס
„גריסט אייך יעדען בעזונדער גאָר
„פריינדליך

שלום מאיר".

אין עטליכע טעג ארום האָט דער דאָ־זיגער שלום־מאיר בעקומען תשובה — אזא מין בריעף:

„האָכגעשעצטער פריינד שלום־
„מאיר מיט'ן קאָפּ זאָלסט דו אָנלע־
„גען וואָס האָט דיר געטויגט האפען
„ביי בריינדעלע קאָזאָק פופצעהן
„קארבען און זאָגען אז ס'איז אויף
„מיין רעכענונג וואָסערע חשבונות
„האָב איך ממזר מיט בריינדעלע קאָ־
„זאק די גאנצע טרופע האָבען זי
„ליב ווי אויגענווייטיג פאר איהר צי־
„טערען וואָס זי ציטערט איבער א
„גראָשען און פאר איהר פראָטען
„וואָס זיא פראטעט און וואָס דוא
„שרייבסט וועגען דעקאָראציעס פער־
„שטעה איך ניט אָדער דו מאכסט
„זיך גפגרט אָדער דו ביזט טאקי א
„בהמה מיר דאכט אז דו ווייסט
„גאנץ גוט אז די דעקאָראציעס זענען
„שוין לאנג פערזעצט וואו האָב איך
„געלד אויף אויסצוקויפען אז קיין
„ראזרעשעניע וויל מען דאָ מעהר ניט
„געבען פאר קיין מיליון און מיין
„ביסעל געלד און בריליאנטען וועל
„איך צוליב פרעמדע קישקעס ניט
„פארטאכטאָרען ס'איז מיר נישט
„אזוי גרינג אנגעקומען סיידען זיי
„וועלען מיר אונטערשרייבען קאָנ־
„טראקטען ברחל בתך הנאקעטע און
„נישט דערמאָנען מעהר פון קיין
„מארקעס און פון קיין חלקים נא דיר
„גאר קאָמפּאניאָנען האָצמאך אויך
„א קאָמפּאניאָן צו מיר אין טהעאטער
„ניט דערהארען וועט האָצמאך איך
„זאָל מיך מיט איהם טיילען אויף
„דער האלב חאָטש ער סטראשעט
„מיך אז ער מאכט א בעזונדער קאָמ־
„פאניע לאָז ער מאכען מיט די זייטען
„וואו וועט ער נעמען דעקאָראציעס
„פרעג איהם וואו וועט ער קריגען
„פיעסען אזא יאָלד און ווער וועט
„איהם אויסהאלטען די טרופע
„נאָר איך האָב איהם אין דער ערד
„איך שיק דיר אפישען און נעם
„ארוים באלד א ראזרעשעניע אויף
„אכט ספעקטאקלען מיט א בענעפיס
„און וואס שרייבסט דו מיר גנב
„התנצלות אז דו פארמאָגסט צוואנ־
„ציג קאָפּיקעס ביזט ניט קראנק
„פארזעצען דעם זייגער אזוי ווי איך
„איטליבער איז א בלען אויף מיר
„אלע אויף מיינע פלייצעס אלע
„ווילען ערשטע ראָלען און קומט צו

„עפּיס איז ניטאָ קיינער אין דער־
„היים איצט מאַך איך דאָס די לעצטע
„פּראָבע וועט מיר בעסאַראַביע אָפּ־
„געראָטען איז גוט אַלאָ ניט שלאָגט
„איך קאָפּ אָן וואַנט און איך קאָן
„באַשטעהן זיך דורכפּאָהרען גאָר
„קיין רומעניע און צענויפשטעלען
„דאָרט א חדר אז גאָט און לייט זאָ־
„לען זיך פריהען דער וויל גרייט צו
„דאָרט אלסדינג וואָס מע דארף נאָר
„מאַך נישט קיין גרויסע אויסגאַבען
„דאָרטען היט די קעשעני מיר קומען
„צופאָהרען אלע מירטשעם אויף שבת
„און שבת צו נאכטס מאַכען מיר
„פּראָבען און זונטאג שטעלען מיר
„זיך שפּיעלען און זיי וויסען אז דיינע
„מעשטעס מיט די צענזורירטע פּיע־
„סען ליגען שוין לאַנג אויפ׳ן מיסט
„און בריף בעקום איך פון דער גאַנ־
„צער וועלט יעדען טאָג מע גאַראַנ־
„טירט מיר ראַזרישענים וויפיעל איך
„וויל אבי איך זאָל קומען זאָג איך
„ניין איך מוז פריהער דורכלויפען
„בעסאַראַביע און נאָכדעם וועלען מיר
„זעהען מיט האָכאכטונג און גליקס־
„ווינשענד דיין פריינד דירעקטאָר
אַלבערט שטשופּאַק״.

קאַפּיטעל 6.

דאָס האַלאַנעשטער פּובליקום

שכורים, וואָס האָבען שוין לאַנג נישט פּערזוכט דעם ביטערען טראָפּען, הונגע־ריגע, וואָס האָבען שוין לאַנג אין מויל נישט געהאַט, דאַרפען זיך ניט ארויפ־ווארפען אויף טרינקען און עסען מיט אזא יצר־הרע, ווי די האַלענעשטער האָ־בען זיך ארויפגעוואָרפען אויפ׳ן יודישען טהעאַטער.

צו דער ערשטער פאָרשטעלונג איז נישט נור ראפּאַלאָוויטשעס הויף געווען בעלעגערט מיט מענשען — די גאַנצע גאַס איז געווען איין עפּעל נישט דורכ־צו־וואַרפען. מען איז געווען זעהר נייגעריג א קוק צו טהון אויפ׳ן טהעאַטער חאָטש פון דרויסען. אויף אריינטרע־טען איז אינוועניג זיינען געווען שוין ווינ־ציגער בעלנים, איבער א סך טמים: ערשטענס, דארף עס, זאָגט מען, קאָס־טען געלד, און געלד איז אין האַלענעש־טי א זעלטענער ארטיקעל. צווייטענס, גישט איעדער קאָן זיך ערלויבען צו געהן אין טהעאַטער אריין. דאָס פּאַסט פאר יונגע ווייבלעך, בחורים און מיידלעך, אָבער ניט פאר אנשטענדיגע מענשען, יודען מיט בערד, וואָס האָבען שוין אפשר דערוואקסענע טעכטער אויף חתונה צו מאַכען. איז דאָך אָבער פּארהאַן א יצר־הרע, ניט געאדכט זאָל ער ווערען, רוימט ער איין א סוד אין אויהער: „וואָס וועט אייך אהרען רב יוד אז איהר וועט א קוק טהון פון דער־ווייטען דורך א שפּאַרינקעלע חאָטש און וועט זעהען, ווי מע שפּיעלט יודיש טהעאַטער?״...

אזעלכע בעלנים אויף א קוק טהון דורך א שפּאַרינקעלע האָבען זיך אָבער צונויפגעקליבען אין האַלענעשטי שוין א ביסעל צו־פיעל, אזוי פיעל, אז די אדמיניסטראַציע פון׳ם טהעאַטער האָט געמוזט פון דער ערשטער נאכט אָנווענ־דען דערצו איין עקסטרא מיטעל פון „וזרקתי״. דאָס איז אזא מין מאַשינע, וואָס טהוט א שפּריץ אָפּ דעם עולם מיט קאַלט וואַסער, ווירקט דאָס אויס־געצייכענט, טויזענד מאָל בעסער ווי די בעסטע פּאָליציע. ס׳איז גוט און עס קאָסט וואָלוועל.

צוגעקלערט האָט דאָס מיטעל פון „וזרקתי״ אונזער גוטער בעקאַנטער שלום־מאיר, די „פּערשלעפּטע קרענק״.

וואס איז, אייגענטליך, אט דער שלום־מאיר אין טהעאטער — איז שווער צו זאגען. ער איז גאר ניט און ער איז אלס דינג. ער איז בוכהאלטער, און קאסירער, און קאנטראלער, און א בילעטיאר, און צייטענווייז א סופלער, און א מאל, אז עס פעהלט אוים איין אקטיאר, איז ער איין אקטיאר אויך. מע זאל זאגען אויף איהם, אז ער איז א גרויסער ארטיסט — קאן מען נישט. עס וועט זיין נישט קיין אמת. דערפאר איז ער אבער איין עהרליכער „מענש“, איבערגעגעבען דעם דירעקטאר און דיענט איהם געטרייה, ווי א הונד. דער דירעקטאר, אלבערט שטשופאק, מיט וועלכען מיר וועלען זיך אין גיכען בעקענען נעהינטער, ווייסט דאס גאנץ גוט, און דעריבער טאקי פערשטופט ער מיט איהם אלע לעכער, און אומעדום, וואו מע טהוט זיך א ריהר, איז שלום־מאיר און שלום־מאיר. ביי ארייגנעלאזען ווערען אין טהעאטער אריין אהן געלד, מיט א קאנטראמארקע, איז אויך שלום־מאיר. און אזעלכע מיוחסים מיט קאנטראמארקעס זענען אין האלענעשטי קיין עין הרע, דא א סך:“

ראשית חכמה — ראפאלאוויטשעס הויז, א פארשוין עטליכע און צוואנציג. ראפאלאוויטש איז טאקי א יוד איין עושר און איז אפשר ניט קליין צו צאהלען. איז ער אבער אויך גערעכט: וואס הייסט, ער וועט צאהלען געלד פאר ארייגעהן אין זיין אייגענער סטאדאלע?

די ערשטע נאכט, אז עס האט זיך אויפגעעפענט דאס טהעאטער, האבען די ראפאלאוויטשעס ארייגעמארשירט מיט דער גאנצער חאליאסטרע, מיט'ן קאססיר דעם קרוב, מיט דער אם און מיט די איבעריגע „מענשען“, און האבען פערנומען דעם גאנצען אויבענאן, די ערשטע צוויי רייהען בענק. איז צוגעגאנגען צו זיי שלום־מאיר און געוואלט מאכען א שמועס מכח בילעטען. האט בעני ראפאלאוויטש תחלת גאר אפילו נישט געוואלט ענטפערען. האט איהם שלום־מאיר מיט זיין הייזעריגער שטימע געגעבען אנצוהערעניש, אז זיי האבען פערנומען אלע בעסטע ערטער. האט ראפאלאוויטש ערשט דעמאלט געשענקט א קוק מיט איין אויג און א זאג געטהאן אויף זיין לשון סגי־נהור, פערשטעלט:

— טראג אוועק פון דאנען, פארשלעפטע קרענק, דיינע קורצע חאדולים, ווארום אט האפסט דו א שמיר איבער דעם אפגעשאבענעם לאקשענברעט, אדער איך וועל הייסען די קלאפערס זאלען דיך נעמען צו דער ארבייט, וועט פון דיר ווערען א מאמעליגע....

נאך אזא מין מענה־לשון האט שלום־מאיר פערשטאנען, אז דא וועט מען קיין געלד ניט לייזען, ס'איז איין עבירה די טרחה, און די צייט שטעהט ניט. דאס טהעאטער איז אפען און דאס פובליקום געהט און געהט, און צום מיינסטען — אויף קאנטראמארקעס. יחיאל דער כלי־זמר אליין האט אויסגענוצט א היבש ביסעל קאנטראמארקעס. שלום־מאיר האט זיך גאר ניט גערעכט, אז א כלי־זמר זאל האבען, קיין עין הרע אזא משפחה! הייגט וואו זענען די איבעריגע כלי־זמרים? וואו איז א פאריקמאכער? וואו איז א סטאליער? א שמיעד? א שניידער? א שוסטער? אלע ארבייטען ארום טהעאטער און אלע האבען, ברוך השם, ווייב און קינדער און אלעמען קומט קאנטראמארקעס. הייגט וואו איז עפים די בעל־הבת'טע פון דער סטאנציע, וואס שלום־

מאיר האָט זיא אָנגערופען מזוזה'לע ? וואס איז זי שולדיג, אז זי האָט צוויי יונגערע שוועסטערלעך מיט איין אלטע מאמע, א טויבע אזוי ווי די וואנד ? לא די זי האלט זיי אוים מיט ברויט, זאָל זי נאָך צאָהלען געלד פאר זיין אין טהעאטער ? ס'איז טאקי א יושר צי, א שטייגער, שמעון-דוד דער בעל־עגלה און חיים־בער דער טרעגער, וואס האָבען געהאָלפען א ראָפּפיהרען די דע־קאָראציעס פון דער באהן ? זייער נשמה איז פון קלאָטשע ?... דער די־רעקטאָר אלבערט שטשופאק, ביי'ם אויסטיילען די קאָנטראמארקעס, מעג זיך זיין משוגע, קריצען מיט די צייהן, שמיצען זיך און ווארפען זיך, ער מעג אפילו אין גאנצען איינגעמען א מיתה משונה — שלום־מאיר הערט איהם, ווי דעם פאר א יאָהריגען שניי. ווען מע דארף געבען קאָנטראמארקעס, וועט מען געבען, און ווער ס'וועט דארפען אזוי אריינגעהן אין טהעאטער, וועט ער אריין.

מע קען זיך מיט א פובליקום נישט קריגען.

קאפּיטעל 7

א ו י ג ע ן

לאָז דער לעזער נור נישט לעבען אין טעות און נישט מיינען, אז דאָס גאנצע האָלאָנעשטער פובליקום בעשטעהט דורכאוים פון „קאָנטראמארקעס". ס'איז דאָ אזעלכע, וואָס האָבען אוועקגעגעבען דאָס לעצטע פערהאָרעו־עטע קערבעל, פערזעצט א משכון, אָדער אזוי געחאפּט אויף א פּאָר טאָג א גמילות־חסד ביי א גוטען פ.־יינד און געקויפט בילעטען פאר זייערע קינדער.

יודיש טהעאטער — ווי אזוי לאָזט מען נישט א קינד אין יודיש טהעאטער אריין ? ס'איז דענן פארהאן אנדערע פערגעניגענס אין האָלאָנעשטי ? יא, וואָס זשע טהוט מען אָבער, אז ס'איז פּאָרט ניטאָ קיין געלד, און חאפּען איז ניטאָ וואו, און דאָס קינד בעט זיך, געהט אוים חלשט אין טהעאטער אריין, ממש כלות הנפש ?

למשל, לאָמיר נעמען ישראלי דעם חזנ'ס טאָכטער, רייזעל, מיט וואָס איז זי ערגער פון אנדערע מיידלעך ? מע דארף האָבען א הארץ פון א טאָטער, מע זאָל קיין רחמנות נישט האָבען אויף אזא קינד, ווי רייזעל איז. ובפרט נאָך, אז רייזעל איז א בת־יחידה ביי איהרע פאָטער און מוטער, וואָס וואָלטעןביידע געגאנגען צעהן מייל צופוס, זיי זאָלען נור וויסען, אז זיי וועלען קריגען, דאָס וואָס דאָס קינד דארף האָבען. איז אָבער, מעשה שטן, פונקט אין יענער צייט, ווען דאָס טהעאטער האָט זיך בעדארפט עפענען, נישט געווען וואו צו קריגען קיין קאָפּיקע פאר ישראלי דעם חזן. נישט פון חזנות, נישט פאר שכר־למוד. עפּים טאקי נור ווי פון'ם שטיין ! לאה די חזנ'טע האָט זיך נעבאָך געוואָרפען אויף אלע זייטען . נישטאָ — חאָטש ציה זיך אוים ! לאָזען בייזע מיילער רעדען וויפיעל זיי ווילען. זיי זאָגען, אז לאה די חזנטע באלעוועט איהר טאָכטער שוין צו פיעל. אז לאה האָדע־וועט זי מיט צוקערקעלעך.

— נו, טאקי. לאָזען זיי פריהער פּרו־בען האָבען א בת־יחידה, אזוי ווי איך, און אזא געראָטענע בת־יחידה, ווי מיין רייזעל איז, — מיר זאָל זיין פאר איהר פּנים, — וועלען זיי נאָכדעם רעדען פון באלעווען און פון צוקערקעלעך, האָסט דו געזעהען א ביסעל !...

אזוי האָט זיך אויסגע'טענה'ט מיט זיך אליין לאה די חזנט'ע און איז גע־

פּאַלען אויף אַנ׳עצה (וואָס טהוט ניט א מאַמע צוליעב א קינד ?): אזוי ווי ביי איהר מאַן לערענט ראַפּאַלאָוויטשעס זוהנדעל, לייבעל, און אזוי ווי די גאַנצע חתונה איז ביי ראַפּאַלאָוויטשען אין הויף — איז דאָך עס, ווי מע זאָגט, א כשר׳ער טאָפּ מיט א כשר׳ן לעפעל. האָט זי זיך פריהער געפּרובט שיסען דורכ׳ן מאַן, אז ישראלי זאָל זאָגען לייבּ-לען, אז לייבעל זאָל זאָגען דער מאַמע, אז די מאַמע זאָל זאָגען דעם טאַטען, ראַפּאַלאָוויטשען הייסט עס, אז מע זאָל הייסען, מע זאָל איהר טאָכטער אריינ-לאָזען אומזיסט אין טהעאַטער אריין.

איז אָבער דער פּלאַן נישט אָפּגע-ראָטען. ישראלי דער חזן, געננוג וואָס ער איז איין אָרעמאַן, איז ער נאָך צו די צרות א גדלן אויך. סע שטעהט איהם ניט אָן, זאָגט ער, זיין א בעטלער און בעטלען ביי זיינע תלמידים. האָט לאָה אָפּגעווישט די ליפּען און האָט דער-טאַפּט ראַפּאַלאָוויטשעס זוהנדעל אין א ווינקעל און מאַכט צו איהם אזוי:

— לייבעל, איך האָב צו דיר א בקשה.

א בקשה ?... לייבעל איז געבליבען שטעהן: צו איהם ? צו לייבלען ? א בקשה ?... אויסגעהערט פון לאה׳ן די בקשה, זענען לייבעל׳ס שטענדיג רויטע בעקלעך נאָך מעהר רויט געוואָרען און ער האָט איהר צוגעזאָגט, אז ער וועט געוויס רעדען מיט דער מאַמע, אז די מאַמע זאָל רעדען מיט׳ן טאַטען, אז דער טאַטע זאָל רעדען מיט דער מאַמע, אז די מאַמע זאָל רעדען מיט׳ן טאַטען — טפו לייבעל האָט זיך פערפּלאָנטערט. בקצור, עס וועט שוין זיין רעכט.

און לייבעל׳ס גרויסע, שענע, ווייכע, מילדע אויגען בעת מעשה האָבען זיך בעגעגענט מיט רייזעל׳ס שוואַרצע ציי-גיינער־אויגען, וואָס האָבען געגליהט, געקוקט אויף איהם מיט דאַנק און מיט פרייד. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אז איהרע אויגען רעדען. זיי זאָגען איהם: „דו ביזט א וואָהלער בחור. דו אז דו וועסט נור וועלען איך זאָל זיין אין טהעאַטער, וועל איך שוין זיין. איך ווייס עס“...

האָט ער אראָפּגעלאָזט די אויגען.

און דעם זעלבען טאָג, נאָכ׳ן וואַרע-מעס, האָט לייבעל געבראַכט אין חדר אריין די גוטע ידיעה, אז ער האָט שוין גערעדט מיט דער מאַמע און די מאַמע האָט שוין גערעדט מיט׳ן טאַטען, און דער טאַטע האָט געזאָגט, אז לאָז זיא קומען (רייזעל הייסט דאָס) היינט פאַר-נאַכט צו זיי אהיים, וועט זי מיט זיי אַלעמען אריינגעהן אין טהעאַטער אריין.

דערהערט די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך רייזעל׳ס ציגיינער־פּנים פערדרוי-טעלט און איהרע שוואַרצע ציגיינער-אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען, זי האָט ארומגעחאַפּט די מאַמע קושען און האַלזען. נאָכדעם האָט זי אָנגעהויבען זינגען און טאַנצען און דרעהען זיך און געוואָלט חאַפּען די מאַמע אויך טאַנצען און דרעהען. האָט איהר לאָה געזאָגט מיט א געלעכטער:

— ביזט משוגע געוואָרען, מייט שונאים ? נעם בעסער, צוואַג דיך אוים, טהו זיך אָן, וועל איך דיר פער-פלעכטען די האָר, דו קומסט דאָך צווי-שען מענשען, האָסט דו געזעהען א ביסעל !....

פאַרנאַכט אָט זי לאָה אליין אָפּגע-פיהרט צו דיא ראַפּאָלאָוויטשעס אין שטוב אריין. איבערגעגעבען אויף ביייל-קע ראַפּאַלאָוויטשעס הענד און געבעטען,

זיא זאָל אויף איהר אכטונג געבען.

— איהר דארפט וויסען, אז זי איז ביי מיר א בת־יחידה, איין און איינציגע היסט עס.

ביילקע האָט בעטראכט דעם חזנ׳ס מיידעל מיט דיא שווארצע ציגיינערשע אויגען וויזט אויס, זי איז איהר געפעלען געוואָרען.

— האָט קיין יסורים ניט. — האָט זי געזאָגט צו דער חזנ׳טע — זייט זיכער אזוי ווי אנ׳איינען קינד.

און די חזנ׳טע איז אוועקגעגאנגען אהיים.

— — — — — — — — — — —

נישט גוט האָט זיך דעם חזנ׳ס מיידעל געפיהלט ביי ראפאלאָוויטשען אין דעם רייכען הויז צווישען דער „חאַליאסטרע“. נישט גוט דערפאר. וואָס אלע האָבען זי „געגעסען מיט די אויגען“. דאָס הויז אליין איז איהר אפילו זעהר געפעלען. די מענשען אויך. נאָר אָט דאָס קוקען, וואָס עס קוקען אויף איהר אזוי פיעל אויגען! יעדען בעזונדער געה ענטפער: „וויא אזוי רופט מען זיא?“ „וויפיעל איז זיא אלט?...

רייזעל האָט זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט אזא שטוב, אזא גרויסע שטוב און אזא שענע שטוב מיט אזוי פיעל חדרים, בעטלעך, טישלעך ביינקלעך, שפיעגלען און צאצקעס. היינט דער טיש מיט אזוי פיעל גלעזער און גלעזלעך און שעלעכלעך און לעפעלעך און אויבסען אלערליי איינגעמאכטס, אָהן א שיעור איינגעמאכטס! און דער געפילדער וואָס דאָ איז ארום טיש, מיט דיא געשרייען מיט דער פרייליכקייט מיט די געלעכטערען — אָט וואָס הייסט א נגיד׳ישע. א גבירי׳שע שטוב?!...

רייזעל האָט געוואוסט אז ליבעל, וואָס לערענט ביי איהר טאטען אין חדר, איז א נגיד׳ס א יונגעל, אז זיינע טאטע־מאמע זענען גבירים, די גרעסטע גבירים בענדיגליירעןאלסעיגעאןיאערקר ט יאת אין שטאָדט. נאָר וואָס הייסט דאָס, אייגענטליך, „נגיד“? וואָס איז דער פשט „גביר“? — דאָס האָט זי נאָך נישט רעכט פערשטאנען. אז א נגיד איז א גוטע זאך און א קבצן איז א שלעכטע זאך — דאָס האָט זי געהערט פון איהר מאמע טויזענדער־טויזענדער מאָל. „דעם דלות פערזעצען און א נגיד זאָל מען זיין“... דער נגיד האָט מזל“... „דעם נגיד איז גוט אפילו אויף יענער וועלט“... אָט דאָס הערט זי פון דער מאמע פון קינד וויז אן כמעט אלע טאָג, נאָר דעם טעם דערפון האָט זי ערשט דערפיהלט זיצענדיג אָט דאָ היינט ביי דעם דאָזיגען גרויסען, רייכען, געדעקטען פרייליכען טיש. און עס האָט זיך איהר נאָך קיינמאָל נישט אזוי שטארק געוואָלט זיין רייך ווי אין דער מינוט. און א געפיהל פון קנאה — א ניי געפיהל — האָט זיך אריינגע׳גנב׳ט צו איהר אין הארצען אריין. און איהרע שווארצע גליהענדע ציגיינער־אויגע האָבען זיך בעגעגענט מיט נאָך א פאָר אויגען. בעקאנטע גרויסע, שענע, וייכע, מילדע אויגען. וואָס האָבען געקוקט אויף איהר שעמעוודיג, נאָר ווארעם און פריינדליך. און עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז די אויגען רעדען צו איהר. זיי זאָגען איהר: „עס געפעלט דיר ביי אונז? מיר טהוט הנאה וואָס סע געפעלט דיר. מיר טהוט הנאה, אז דיר איז גוט“... עס האָט זיך איהר א ריהר געטהאָן דאָס הארץ, ס׳איז איהר געוואָרען מיט א מאָל ווארעם, היים, און

זיא האָט דערפיהלט, אז עס ברענט איהר דאָס פּנים.

האָט זי אראָגעלאָזט די אויגען.

קאַפּיטעל 8.

עס הייבט זיך אויף דער פאָרהאַנג

פריה האָט זיך דאָס האָלענעשטער פּובליקום צענויפגעקליבען צו דער ערשטער פאָרשטעלונג און אָנגעפּיהלט דאָס טהעאטער. מע האָט מורא געהאט, א קשיא אויף א מעשה, טאָמער וועט מען חלילה פערשפּעטיגען. קאָפּ אויף קאָפּ איז מען געשטאנען. און דיא וואָס זענען געזעסען, זענען געזעסען איינס ביי'ם אנדערען אויפ'ן שוים. גליקליך זענען געוועזן נור די, וואָס זענען געקומען צום אלעם ערשטען: זיי האָבען פערחאפּט די בעסטע ערטער, דעם רעכטען אויבענאָן. האָט דאָס, נאטירליך, פערדראָסען די, וועלכע זענען געקומען א ביסעל שפּעטער. זיי האָבען בעצאָהלט געלד, מזומן געלד, פאר פּלעטצער—און קיין פּלעטצער איז נישטאָ! איז געוואָרען א „ויצעקו" מיט א טומעל — מע האָט שיער ניט צוטראָגען דאָס טהעאטער. א גליק, וואָס שלום־מאיר (אומעדום שלום־מאיר!) האָט א וואונק געטהאָן צו יחיאל דעם כלי־זמר, ער זאָל „געבען" א פריילִיכס. דערהערט כלי־זמר, האָט דער עולם פערשטאנען, אז דאָ הויבט זיך שוין אָן דאָס שפּיעל, האָט מען זיך שוין ווי ס'ניט איז אויסגעזעצט און ס'איז געוואָרען שטיל.

דער עולם האָט אבער געהאט א גרויסען טעות. דיא מוזיק האָט שוין לאנג אויפגעהערט שפּיעלען און דער פאָרהאנג איז נאָך אלץ פעסט אראפּגעלאזט, און עס לאָזען זיך הערען פון יענער זייט פאָרהאנג קולות, געשרייען, קללות, א קלאָפּען פון העק און פון האמערס. עפּיס טהוט זיך דאָרטען, נאָר וואס — ווייסט מען ניט. דער עולם זיצט אויף שפּילקעס. און ווער שמועסט, יונגווארג — איז גאר אויסער זיך. מע וואָלט שוין וועלען דערלעבען זעהען, וואס וועט זיין, אז ס'וועט זיך אויפהויבען דער פאָרהאנג?

צווישען יונגווארג, וואס האָבען אזוי גייציג ארויסגעקוקט, ס'זאָל זיך אויפהויבען דער פאָרהאנג, איז געווען א יונג פּאָרעל, צוויי זעלטען שענע קינדער, א בר־מצוה בחורעל מיט גרויסע שענע מילדע אויגען און א שווארץ מיידעל פון א יאָהר פיערצעהן־פופצעהן מיט שווארצע ציגיינער־אויגען און מיט חן־גריבעלעך אין דיא בעקלעך. זיי זענען געזעסען הארט איינס נעבען דאָס אנדערע, חאָטש זיי זענען פון פערשיעדענעם שטאנד. ער — דעם נגיד ראפּאלאָוויטשעס זוהנדעל. זי — דעם אָרעמען חזן'ס מיידעל.

ווער האָט דאָס דאָזיגע פּאָרעל בעזעצט אזוי נאָהענט? אָדער אפשר האָבען זיי זיך אליין בעזעצט?... אין אזא טומעל ווער האָט זיך אויף זיי ארומגעקוקט? ווער האָט זיי איצט אין זינען אז אלע אויגען זענען אהין, אויפ'ן פּאָרהאנג, אויפ'ן פּאָרהאנג, אויפ'ן פּאָרהאנג! און אָט זיצט זיך דאָס דאָזיגע גליקליכע פּאָרעל, לייבעל און רייזעל, זייט ביי זייט דעם ערשטען מאל אויף זייער לעבען אזוי נאָהענט. מע קאָן זאָגען, דעם ערשטען מאָל אויף זייער לעבען זעהען זיי זיך וויא עס געהער צו זיין. דאס הייסט, זעהען זעהט מען זיך אלע טאָג ביי רייזעל'ס טאטען, ביי ישראל, דעם חזן אין חדר. נאָר וואָס פאר א זעהען איז דאָס? קומט לייבעל אין חדר אריין, איז אָדער געלערענט, אָדער געשריעבען.

ניטאָ קיין צייט און ניטאָ קיין ארט אויף צו פיהרען שמועסען מיט א מיידעל, ובפרט נאָך מיט'ן רבינ'ס א מיידעל, וואָס האָט א מאמע זאָל לעבען, און א מאמע גיט אכטונג אויף א קינד. א מאַמע קאָן אכטונג געבען. זיא היט איהר דיא טריט, לאָזט ניט איהר טאכטער אריינשמעקען אין דיא דלית אמות פון דיא חדר־יונגלעך און נישט אריינקוקען אין זייער ווינקעל אפילו:

— א מיידעל האָט נישט וואס צו טהון צווישען יונגלעך, וואָרום א מיידעל איז א מיידעל, און יונגלעך זענען יונגלעך — האָסט דוא געזעהען א ביסעל"!..

אזוי זאגט דיא חזנ'טע לאה, און אז לאָה זאָגט — איז געזאָגט. אפילו אויפהויבען א קול, זינגען א ליעדעל, לאָזט איהר נישט לאָה כל־זמן דיא יונגלעך זענען אין חדר. און רייזעל האָט דוקא א זיס קול און האָט דוקא ליעב זינגען ליעדלעך. און אז רייזעל צעזינגט זיך א מאָל, האָרכען זיך איין דיא עלטערע יונגלעך מיט פערשטאָרבענע הערצלעך. און אז זיי קומען נאָכדעם אהיים, דערמאָנען זיי זיך, ליגענדיג אין בעט, רייזעל'ס קול, זיפצען זיי אָפּ שטילערהייד און ווערען אנשלאָפען און עס חלומט זיך זיי נאָכדעם דעם „רבינ'ס מיידעל"...

אויב נישט מיט אלע עלטערע יונגלעך איז געווען דער פאל, וואָס רייזעל זאָל זיי קומען צו חלום, איז מיט ראפאלאָוויטשעס זיהנדעל, לייבעל, דער דאָזיגער פאל געווען נישט איין מאָל. לייבעל האָט ניט איין מאָל פערטראכט זיך בעת לערנען, און געקלערט האָט ער גאָר וועגען רייזלען... לייבעל האָט ניט איין מאָל געהאלטען פאר זיך די גמרא, און געזעהען האָט ער גאָר רייזלען...

און יעצט איז זי אזוי נאָהענט נעבען איהם, אז ניט נור ער זעהט זי, ניט נור ער הערט זי—ער פיהלט זי, ער פיהלט זי... ער הערט א קלאָפּען פון א הארץ: טיק־טאק, און ער ווייסט ניט, וועמענס הארץ קלאָפּט דאָס—זיין אייגען הארץ, אָדער איהרס, אָדער זייערעביידענס הערצער צוזאמען קלאָפּען? גיכער זייערע ביידענס, וואָרום זיי ביידע קוקען איינס אויף דאָס אנדערע, און בעגעגענען זיי זיך מיט זייער קוק, לאָזען זיי אראָפּ די אויגען ביידע. און ביידע וואָלטען וועלען עפּיס רעדען, עפּיס זאָגען, און רעדען קאָנען זיי נישט. נישט ער, נישט זי. נישטאָ קיין ווערטער!...

און לייבעל דערמאָנט זיך, וויפיעל מאָל ער האָט געזוכט איין אויסרעד אויף צו שטעהן נאָהענט נעבען רייזלען, הערען איהר קול, רעדען מיט איהר חאָטש דריי ווערטער. וואכסט אוים אלע מאָל די מאמע איהרע אויך מיט איין אויסרעד — און נישטאָ רייזעל... אויך רייזעל דערמאָנט זיך, וויפיעל מאָל זי האָט געוואָרפען אויגען אויפ'ן טאטענס תלמידים, אלע מאָל געזוכט צווישען זיי דעם נגיד'ס יונגעל, נישט אזוי דער פאר, ווייל ער איז א נגיד'ס א יונגעל, נאָר דערפאר, וואָס דער טאטע איהרער האלט פון איהם מעהר ווי פון אלע תלמידים. ער זאָגט אויף איהם נביאות, — און ישעאלי דער חזן איז אָ מבין אויף מענשען, — אז „דאָס וואכסט א כלי"... דערהערט דאָס לאה די חזנ'טע יזון טייטשט דאָס אוים אויף איהר שטייגער:

— וואָס דענן? א נגיד האָט מזל צו אלסדינג, אפילו צו קינדער, האָסט דו געזעהען א ביסעל!...

און זיצענדיג אזוי נאָהענט איצט מיט רייזעלען, פערדריסט דאָס לייבלען, וואָס גראדע איצט האָט ער פאר איהר קיין ווערטער, און אויך רייזעל ווייסט נישט,

צו זאָל זיא מיט איהם רעדען ? און וואָס און ווי אזוי זאָל זי מיט איהם רעדען?... אוןביידע טראכטען זיי איינם פון דאָס אנדערע, און ביידע שווייגען זיי... פּלוצים הויבען אָן אויסגעלאָשען ווערען די לאָמפּען און אין טהעאטער ווערד פינסטער. א סימן, אז אָט באלד וועט זיך עס אָנהויבען... און עס לאָזען זיך הערען פערשיעדענע קולות פון פּובליקום:

— אָאָאָ !

— אקוראט ווי אין מצרים !

— אי — אי — אי, מיין פוס !

— א מצוה, ווער איז איך, שולדיג ? איהר האָט א קראנקען פוס ? לאָזט מען איהם אין דערהיים !

— שטיל זאָל זיין, א רוח אין אייער טאטענס טאטען אריין !

דאָס פּובליקום ווערד לעבעדיג, פריי־ליך. לייבעל פערשטעהט ניט, ווי אזוי און ווען דאָס האָט זיך געטראָפען, נאָר רייזעל'ס הענדעל — א ווייך גלאט וואַרעם הענדעל — איז אויסגעוואכסען אין זיין האנד. ער האלט א ווײלע איהר הענדעל אין זיין האנד. נאָכדעם טהוט ער איהר א קוועטש דאָס הענדעל, גלייך ווי ער וואָלט איהר וועלען זאָגען : „צופריעדען ? "... זי ענטפערט איהם אָפּ צוריק מיט א קוועטש אין האנד, וואס דארף בעדייטען : „זעהר!"...

עם הויבט זיך אויף דער פאָרהאנג.

קאַפּיטעל 9.

אין גן עדן

אויב דאָס יודישע טהעאטער איז געווען פאר האָלענעשטער יודען גלאט א פערגעניגען, וואָס איז זיי אראָפּגעפאלען פון'ם הימעל, איז דאָס פאר אונזער יונג פּאָרעל, דעם נגיד'ס יונגעל און דעם חזן'ס מיידעל, געווען א גן־עדן. א גן־עדן פון גאָט, וואוהין נישט יעדער האָט דיא זכיה אריינצוטרעטען. זיי, דעם נגיד'ס זוהנדעל און דעם חזן'ס מיידעל, איז דאָס אָפּגעגאָלטען מעהר ווי אלעמען. אלע נאכט, אלע נאכט געהען זיי אין טהעאטער אריין, פערנעמען דיא בעסטע ערטער, זעהען זיך אָן און הערען זיך אָן אזעלכע חדושים, וואָס האָט זיי נאָך קיינמאָל נישט גע'חלומ'ט.

א גאנצע וועלט, א נייע וועלט האָבען זיי דאָ פאר זיך דערזעהען. א וועלט, וואו מענשען טהוען זיך איבער, פער־שטעלען זיך, דרעהען זיך ארום, רעדען מאָדנע ווערטער, זינגען און טאנצען, מאכען אזעלכע אָנשטעלען, וואָס מע דארף אָדער צעגאָסען ווערען פאר געלעכטער, אָדער צעגאנגען ווערען פאר געוויין.

און דאָס אלעס טהוען מענשען ? געוועהנליכע מענשען ?

ניין, דאָס זענען נישט קיין געוועהנ־ליכע מענשען, ווי למשל, איך און איהר. דאָס זענען אָדער לצים, רוחות, שדים, אָדער מלאכים פון הימעל. זייער שטעלען זיך, זייער ארויסטרעטען, זייער געהן, זייער רעדען,—יעדער ריהר זייער איז פול מיט חן, פול מיט כשוף. און אלץ ארום און ארום איז כשוף. און זיי אליין, לייבעל דעם נגיד'ס און רייזעל דעם חזן'ס, זענען פון דער ערשטער מי־נוט, וואָס דער פאָרהאנג הויבט זיך אויף, גאנץ פער'כשופט, אריבערגעטראָגען אין איין אנדער וועלט, אין א וועלט פון לצים, רוחות, שדים און מלאכים... און לאָזט זיך אראָפּ דער פאָרהאנג — איז אוים כשוף, אוים לצים, אוים רוחות, שדים, מלאכים. ווידער מענשען ווי אלע, געוועהנליכע מענשען. ווידער די פריהעריגע, דיא אלטע וועלט. און זיי פיהלען זיך גלייך, וויא זיי וואָלטען

נאָר־וואָס געווען אויפ׳ן זיעבעטען הימעל און פּלוצים האָט מען זיי אראָפּגעלאָזט צוריק אויף דער ערד. און עס טהוט זיי הארציג באנג, וואָס מע האָט זיי אראָפּגעלאָזט אזוי גיך צוריק אויף דער ערד, און זיי טרייסטען זיך דערמיט, וואָס אָט הויבט זיך אויף דער פאָרהאנג, וועלען זיי ווידער זיין דאָרטען, אויפ׳ן הימעל, אין גן־עדן. און אזוי מאָרגען, און אזוי איבערמאָרגען, און אזוי אלע טאָג.

גליקליכע קינדער!

וויפיעל יונגלעך זענען פארהאן אין האָלענעשטי, וואָס זענען מקנא לייבלען, וואָס ביי זיין טאטען אין הויף איז דיא גאנצע שמחה! וויפיעל מיידלעך זענען פארהאן אין האָלענעשטי, וואָס זענען מקנא רייזלען, וואָס א דאנק איהר מאַמען האָט זי זיך אריינגעחאפּט אין די הויכע פענסטער, צו די ראפאלאָוויטשעס. און וואָס פאר א ווערטה האָט דאָס ביי אזעלכע גבירים, אז עס געהט מיט זיי נאָך א מענש אין טהעאטער?

— מיין קינד האָט אזוי נושא חן געווען ביי די נגידים, קיין עין הרע, אז עס מעג איהר נור ניט פארשטעהרט ווערען...

אזוי בעריהמט זיך די חזנ׳טע פאר איהרע שכנה׳טעס, און בכדי מע זאָל ניט מיינען חלילה, אז דאָס האָט זי אויסגעבעטעלט א טובה פאר איהר טאָכטער, פערחאפּט זי זיך גאנץ דיפּלאָמאטיש:

— ווי קומט, א שטייגער, מיין רייזעל צו די נגידים? ווער איהר האָרכען. איך געה אזוי אין מארק, בעגעגענט מיך ביילקע, דיא ראפעלאָוויטשקע הייסט עס. „גוט מאָרגען“. „גוט יאהר“. „וואס הערט זיך?“ „וואס הערט זיך ביי אייך?“ „פרעגט ניט. א טארעראם ביי מיר אין הויף, א טהעיאטער א גדולה, א יום־טוב פאר מיין חברה, ביי זיי איז דאָס א גאנצער אנטיק. יאָ, און וואס מאכט אייערע?“ „א דאנק, וואָס זאָל זי מאכען?“ „מע זאָגט, עפּיס זעהר א געראָטענע ביי אייך“. „א דאנק נישט צו פערזינדיגען“. „פאר וואָס זאָלט איהר זי ניט צושיקען צו מיר?“ „א דאנק, וואָס וועט זי טהון ביי אייך?“ „זי וועט זיך בעקענען מיט מיינע מיידלעך און „אגב געהן מיט זיי אין טהעאטער. וואָס וועט אייך אהרען?“ „א דאנק, אויב זי וועט נור וועלען, וועל איך זי געוויס שיקען“...

אזוי קונציג האָט זיך פערענטפערט לאָה די חזנ׳טע, בעדיי אויסגעטראכט א גרויסען ליגען, אבי פערלייגט א קלאָץ, ווארום וואָס טהוט ניט א מאמע צוליעב א קינד?

נישט מחמת מיר ווילען נעמען דיא חזנ׳טע אונטער אונזערע פליגעל, נאָר וויל מיר דאָרשטען נאָך׳ן אמת, מוזען מיר זאָגען, ווי די מעשה איז געווען, אז מיט אבי ווען וואָלט אפשר די חזנ׳טע ניט געשיקט איהר קינד אין טהעיאטער אריין; נאָר מיט די ראפאלאָוויטשעס — מהכתיתי, פאר וואָס ניט? מיט׳ן גרעסטען כבוד. אדרבה, לאָז טאקי די וועלט זעהן, מיט וועמען איהר קינד קומט זיך צענויף... און אויף מאָרגען נאָך דער פאָרשטעלונג האָט לאה דיא חזנ׳טע געטשאטעוועט פאר פרעמדע אין די אויגען איבערפרעגען ביי איהר טאָכטער נאָך א מאָל און נאָך אמאל:

— מיט וואס זשע האָט מען דיך, הייסט עס, נעכטען מכבד געווען ביי די נגידים?

אָדער:

— רייזעל: וויפיעל א זייגער געהסט דו היינט צו די נגידים?

אדער:

— **אז מע ווערט דיך בעטען, טאכטער, נאך א מאל ביי די נגידים עסען וועטשע־רע, זאלסט דו זיך מעהר ניט אפזאגען. וואס דארף מען זיך שעמען, האסט דו געזעהען א ביסעל?...**

נארישקייטען! די טאכטער האט אפילו ניט אין זינען געהאט אפזאגען זיך. רייזעל האט זיך אין דער דאזיגער רייכער שטוב וואס ווייטער געפיהלט אלץ היימישער און היימישער. אלע מאל, ווען זי איז אהין געגאנגען, איז זי געגאנגען יום־טוב'דיג געשטימט, מיט א פול ווארעם הארץ, ווי מע געהט צו א נאהענטען גוטען פריינד אויף איין אנגעלייגטער שמחה.

און ס'איז גאר קיין חדוש ניט. אלע מאל, ווען רייזעל איז אהין געקומען, איז זי געווען א גאסט. דאס גרויסע ליכטיגע רייכע הויז פון די ראפאלאוויטשעס האט אויפגענומען דעם חזנ'ס מיידעל אלע מאל מיט דער אייגענער פריינד־שאפט, פרייליכקייט, געלעכטער, טומעל און געפילדער. און אלע מאל איז מען מיט דער גאנצער האליאסטרע געגאנגען אין טהעיאטער אריין, פערנומען דעם אויבענאן. און אלע מאל איז איהר אויס־געקומען זיצען זייט ביי זייט מיט רא־פאלאוויטשעס זוהנדעל, מיט לייבלען. און אלע מאל, ווען עס האט זיך אויפגע־הויבען דער פארהאנג און אין טהעאטער איז געווארען פינסטער, איז איהר האנד געווען אין זיין האנד. און אלע מאל האבען זיי דא ביידע אויפגעהויבען זיך פון דער ערד, דערפיהלט, אז עס זענען אויסגעוואכסען ביי זיי פליגלען און עס טראגט זיי ארויף אהין, אהין, גאנץ הויך, אין זיעבעטען הימעל אריין, אין גן־עדן, אין גן־עדן.

קאפיטעל 10.

אהיים פון טהעאטער

אהיים פון טהעאטער קומט דעם חזנ'ס מיידעל א צעהיצטע, מיט א פעררויטעלט פנים, מיט א בעזונדערען גלאנץ אין דיא אויגען און מיט א פול, איבערגעפילט הארץ, און עס דאכט זיך איהר, אז נאך קלינגט איהר אין די אויהרען דאס רעדען פון די מענשען־מלאכים, אויסגע־מישט מיט'ן שפיעלען פון די כלי־זמר און מיט די הילכיגע געלעכטערען פון די ראפאלאוויטשעס. און זי דערמאנט זיך, וואס דעם נגיד'ס זוהנדעל, לייבעל, האט איהר א זאג געטהאן שטילערהייד, כמעט אויף'ן אויהער, און א קוועטש גע־געבען איהר בעת מעשה די האנד:

— קומסט דאך מארגען נאך א מאל?...

יא. מארגען קומט זי נאך א מאל... א שאלה א ביסעל?

אזוי האט זי איהם געענטפערט. ניט מיט ווערטער, נאר מיט א קוועטש דיא האנד, ווי אלע מאל.

דאס איז געווען ביי'ם ארויסגעהן פון טהעאטער. דער עולם האט זיך געשטופט מיט סכנת נפשות אויף דערשטיקט צו ווערען, ווי אלע מאל. יודען האבען ליעב זיין די ערשטע ביים אריינגאנג. זיי האבען ליעב זיין די ערשטע אויך ביים ארויסגאנג. מע האט זיך אזוי צענויפגע־קוועטשט, אז לייבעל מיט רייזלען האבען זיך אויף א מינוט געפיהלט ווי איין מענש און מע האט זיי כמעט ווי ארויס־געטראגען פון טהעאטער...

אין דרויסען איז א נאכט איין אויס־געשטערענטע, א מחיה'דיגע נאכט. פון יענע ווארעמע ליכטיגע זומערדיגע נעכט אין בעססאראביע, וואס עס ווילט זיך גאר ניט געהן אהיים שלאפען. אין אזא

נאַכט צו שלאָפען איז באמת איין עבירה פאַר גאָט. דיא אויגען קוקען ארויף, צום הימעל. צו דער לבנה. צו די שטערן. די נשמה רייסט זיך — מע ווייסט ניט וואוהין. דאָס הארץ ציהט — מע ווייסט ניט צו וואָס. עס פיהלט זיך א מאָדנע בענקענים — מע ווייסט ניט, נאָך וועמען... שטיל איז אין האָלענעשטי און רוהיג. אָפגעקיהלט האָט זיך די ערד נאָך'ן אונטערגאנג פון דער בעססאראביער זונן. אָפגעלייגט האָט זיך דער שטויב, וואָס איז געשטאנען א גאנצען טאָג, ווי א זייל, און מע קאָן שוין האפען דעם אָטהעם. און א גרינג ווינטעלע פערבלאָזט פון ערגיץ, ברענגט צו טראָגען א גרוס פון די בעססאראביער גערטנער און פעלדער, וואָס שמעקען ניט מיט בשמים, נאָר מיט ברויט, מיט פאפעשויעס, מיט עפעל און מיט בארען. און א פייפעל לאָזט זיך הערען פון א פאסטוך, וואָס טרייבט די שאָף ערגיץ דאָרטען אויף דער פאשע. דאָס פייפעל קוים־קוים וואָס מע הערט, אלע מאָל שטילער, ביז סע ווערד פערשטאָרבען.

און יודען געהען פון טהעאטער. פון יודישען טהעאטער. און אז יודען געהען פון טהעאטער, געהען דאָס יודען, ניט קיין גויים. רעדט מען, שרייעט מען און מע מאכט מיט הענד. איינער גיט איבער דעם אנדערען, וואָס ער האָט געזעהען אין טהעאטער און וואָס ער האָט געהערט. און איטליכען דאכט זיך אויס, אז דאָס, וואָס ער האָט געזעהען, האָט נור ער געזעהען, און דאָס, וואָס ער האָט געהערט, האָט נור ער געהערט. און מע זינגט איבער נאָך א מאָל די ליעדלעך פון טהעאטער. און העכער פאר אלע רעדען יונגווארג. און פריהער פאר אלע לויפען קליינוואַרג. און האָלענעשטי חאפט זיך אויף, עס ווערד געשטעהרט די שטילע נאכט, די שענע, די ווארעמע ליכטיגע זומער־נאכט, אָבער נישט אויף לאנג. יודען קומען אהיים, לייענען אָפ קריאת־שמע, לעשען אויס די לעמפלעך און לייגען זיך שלאָפען — א גוטע נאכט!

אין א קליין שטיבעלע אויף „גאָט'ס גאס" (דאָרט וואָהנט ישראלי דער חזן) לייכט זיך נאָך. דער חזן מיט דער חזנ'טע קלויבען זיך שוין אויך שלאָפען לייגען. נאָר זיי ווארטען נאָך אויף דער טאָכטער, זי זאָל שוין קומען פון טהעאטער, וועט מען „מאכען נאכט".

ישראלי דער חזן, נאָך א גאנץ שענער יונגער מאן מיט שווארצע זיידענע האר אין א ווייסען טלית־קטן, זיצט האלב אויסגעטהאָן, פאָכט זיך מיט דער יארמעלקע און לייענט קריאת־שמע. לאה דיא חזנטע איז שוין אויך העכער האלב אויסגעטהאָן. דער שאָטען פון איהר ווייסען שלייער, וואָס פאסט זיך אזוי צו איהר שווארץ שטרענג פנים מיט איהרע שווארצע בייזע אויגען, שפיעלט זיך אָפ אויף דער ווייסער געל אונטערגעפארבטער וואנד. דערווארט זיך ביז די טאָכטער קומט אהיים בשלום פון טהעאטער, טרעט לאה ניט אָפ פון איהר, זי זאָל איהר דערצעהלען, וואָס פאר „קאָמעדיעס" מע האָט דאָרט היינט געשפיעלט? ווער איז געוועזן פון בעקאנטע? וואָס האָט מען געגעבען ביי די נגידים צום טיש?...

און נאָך עפּיס רעדט די חזנטע איבער איהר און לאָזט אוים מיט די ווערטער:

— איאָ? וואָס זשע, איך פערשטעה ניט, וואו יאָ און וואו ניין? א מאָל דארף זיין יא, און א מאל דארף זיין ניין, האָסט דו געזעהן א ביסעל!...

נאָר רייזעל הערט נישט. רייזעל הערט נור, אז דער מאמעס קול קלינגט איהר אין די אויהרען, און עס גיסען זיך, גיסען

זיך רעד, און דער טאטע לייענט קריאת־שמע און פּאַכט זיך פון היטץ — אך! וואָס פאר א קאָנטראַסט! דאָ, און דאָרט... וואָס פאר א חילוק דאָ איז קעגען די ליכטיגקייט, פרייליכקייט און פריינדליכקייט, וואָס דאָרטען!... און בכלל, ווי ענג און ווי פינסטער און ווי אומעטיג דאָ איז נאָך׳ן אבענד, וואָס זי האָט היינט פערבראכט, פריהער ביי די ראפּאלאָוויטשעס, אין דער גרויסער שענער ליכטיגער פרייליכער שטוב, און דערנאָך אין טהעאטער, אין גן־עדן, און דערנאָך געהענדיג פון טהעאטער אהיים אין דער דאָזיגער ווארעמער שענער ליכטיגער אויסגעשטערנטער זוממערנאכט!...

און לאָה די חזנ׳טע שיט נאָך אלץ מיט רעד, זי קוקט זיך אָבער ארום, אז זי רעדט שוין, דאכט זיך, א ביסעל צולאנג, און ס׳איז שוין טאקי ניט פריה אויך, האקט זי זיך אליין איבער די ווערטער:

— א דונגער איז מיר! נייען מאָס רעד... צייט שלאָפען, און איך דול איהר א ספּאָדיק, האָסט דו געזעהען א ביסעל!... אָט פארלעש איך, טאָכטער, דאָס לעמפּעל. א גוטע נאכט. שלאָף געזונד.

— א גוטע נאכט! — ענטפערט איהר רייזעל און נאָרעט זיך איין אין בעט, דעקט זיך איבער, מאכט צו די אויגען און די מחשבות האפּען זי אויף און טראָגען זי אריבער פון „גאָט׳ס גאס" צוריק אהין, אהין, אין גן־עדן אריין.

קאפּיטעל 11.

געהייבענע געסט

אונזערע נאָך גאָר יונגע העלדען, מיט וועלכע מיר ווילען אין דעם דאָזיגען ראָמאַן נאָך געהן ארומבלאָנזען איבער גאָט׳ס וועלט, ביז זיי וועלען אויסוואקסען און ווערען לייטען גלייך, איז, א פּנים, ניט באשערט געווען, זיי זאָלען זיך לאנג אויפהאלטען אין זייער קינדערשען גן־עדן נישט מחמת זיי האָבען זיך חלילה מיט עפּיס פערזינדיגט, ווי א מאָל אָדם הראשון מיט דער מוטער חוה, נאָר איבער דעם, וואָס א פרעמד אויג האָט אריינגעקוקט אין זייער וועלטעל, זייטיגע האָבען אריינגעשטעלט אהין א פוס און אָנגעריהרט די הייליגע הארמאָניע פון זייערע יונגע נשמות, פון זייערע קינדערשע, נאאיווע, ריינע, אונשולדיגע הערצלעך.

די ערשטע איז ארויסגעטריבען געוואָרען פון גן־עדן דעם חזנ׳ס טאָכטער, רייזעל. אָט וואָס מיט איהר האָט זיך געטראָפען.

איין מאָל אין א שענעם פריהמאָרגען, אז דער חזן איז געווען אין שול, די חזנ׳טע אין מארק און פון די תלמידים איז נאָך אין חדר נישט געווען קיינער, איז זיך רייזעל געזעסען ביי׳ם אָפענעם פענסטער, וואָס איבער איהר בעט, א האלב־נאקעטע נאָך, מיט נישט־פערפלאָכטענע האָר, מיט א נאָדעל־פאָדעם, פערנייהט א צעטרענטע נאָט פון א קאָפּטעל און געזונגען פון „שולמית" דאָס שענע ליעדעל מיט׳ן שענעם מאָטיוו, וואָס זי האָט געהערט אין טהעאטער:

דאָס ציגעלע איז געפאָהרען האנדלען—
דאָס וועט זיין דיין בערוף:
ראָזינקעס מיט מאנדלען —
שלאָף זשע, יודעלע, שלאָף!...

— בראוואָ, קעצעלע, בראוואָ! — האָט זיך אָנגערופען א הייזעריגליכע שטימע אונטער רייזעלס פלייצעס גלייך צו איהר אין פענסטער אריין.

דאָס איז געווען נישט קיין אנדערער, ווי אונזער גוטער בעקאַנטער שלום־מאיר, די „פארשלעפּטע קרענק“ פון׳ם יודישען טהעאטער.

שלום־מאיר, וואָס האָט אויף זיך, ווי מיר ווייסען שוין, טויזענדערליי ארבייט אין טהעאטער, טראָגט אויף זיך אויך בעל־הבתישקייט. גאַנץ פריה, אז דאָס גאנצע טהעאטער שלאָפט נאָך, געהט שלום־מאיר מיט א קויש אין האנד אין מארק אריין איינקויפען עפּיס צו פּיקען פאר די „קינדער“ (אזוי הייסען ביי איהם די אקטיאָרען פון טהעאטער). דערווייל, אזוי ווי ער געהט פערביי „גאָט׳ס גאס“, דערהערט ער — עמיצער זינגט א בעקאנט ליעדעל פון זייער טהעאטער, און אזוי געשמאַק, אזוי זיס, אזוי הארצעדיג, אז ער איז געבליבען א „צוגעקאָוועטער“. איז ער א בעלן געווען א קוק טהון, ווער זינגט דאָס אזוי שען? איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער און דערזעהען א שווארץ מיידעל, נאָך גאָר א קינד, בלוט און מילך, איז פערטיעפט אין דער ארבייט. האָט דאָס איהם געגעבען א „מאָרדעווע“ און ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטען און גענומען אפּלאָדירען דער יונגער זינגערין: בראוואָ! בראוואָ!

דיא יונגע זינגערין האָט זיך, ווייזט אויס, פאר דעם בראוואָ־פּאטשען נישט אויף קאטאָוועס דערשראָקען. דאָס קליינע רויטע שאלעבעל, וואָס האָט פערדעקט איהרע שענע קינדערשע פּלייצעס, האָט זיך אראפּגעגליטשט אביסעל אראָפּ און אנטפּלעקט אויף א ווײלע פאר א פרעמדער אויג איהר נאקעטע לייב, וואָס האָט שוין אויסגעזעהען מעהר מיידעלש אלס קינדעריש, און דאָס האָט אונזער גוטען שלום־מאיר׳ן נאָך מעהר צוגעגעבען חשק אויף צו שטעהן אָט דאָ אונטער׳ן פענסטער און דרשנ׳ען ווייטער, ווי זיין שטייגער איז:

— מיר זאָל זיין פאר דיין נשמה, פויגעלע, וואָס האָסט דוֹא זיך אזוי דערשראָקען? א שטימע האָסט דו, דארף איך דיר זאָגען, צוקערזיס. דריי פּרימאדאָנעס מעגען זיין פאר דיר די כפּרה, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה. און א ציפּערבלעטעל איז ביי דיר — אויף מיר שוין אזא יאָהר... שא! אויב איך בין נישט עובר־בטל, וואָלט איך געזאָגט, אז דו ביזט מיר קענטליך. איך וואָלט געמעגט שווערען, אז איך האָב דיך געזעהען מיט ראפּאלאָוויטשעס פּעמפּיק אויף איין ביינקעל אין טהעאטער. אניט — זאָלען מיר ארויס די אויגען. אהא! איאָ, דו ביזט רויט געוואָרען? נאָך רויטער פון׳ם שאלעבעל... לאָך, לאָך, מיידעלע, אז דו לאכסט, ביזט דו נאָך שענער ווי אזוי. די חן־גריבעלעך ווערען דעמאָלט ביי דיר נאָך גרעסער און די ווייסע צייהנדלעך פּאסען אויסגעצייכענט צו דיינע שווארצע האָר און צו דיינע ציגיינערישע אויגלעך, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה...

נישט אזוי דער שמאלץ־נוסח און נישט אזוי די בלאזנע שפּראַך פון׳ם דאָזיגען נפש, וועלכע רייזעל האָט נאָך זעהר ווינציג פערשטאנען, האָבען זי אָנגעשראָקען, ווי דאָס, וואָס זי איז נאָך גאָר כמעט א האלב־נאקעטע, און דאָ שטעהט א פרעמדער, א מאנספּערשוין, אונטער איהר פענסטער. „וואָס וועט זאָגען די מאמע, טאָמער קומט זי אָן?“ און רייזעל האָט זיך געגעבען א חאפּ אויף און צוגעמאכט דאָס פענסטער.

* * *

יענעם אויף־דער־נאכט, אז רייזעל איז געקומען מיט די ראפּאלאָוויטשעס

אין טהעאַטער, האָט זי שלום-מאיר בע־
גריסט מיט זיינע ממזר'ישע אויגען אָהן
ווערטער, און רייזעל איז רויט געוואָרען,
אַזוי ווי די פערגעהענדע זונן אין בעססאַ־
ראַביע... נאָכדעם, צום ערשטען אנט־
ראַקט, בעת יחיאל דער כלי־זמר שפּיעלט
א יודישען ניגון, בעוויזט וואָס ער קאָן,
און דער עולם קנאַקט ניסלעך, עסט
באַרלעך און רעדט און לאַכט און חזר'ט
איבער, וואָס מע האָט געשפּיעלט אויף
דער ביהנע איטליכס וואָרט, האָט רייזעל
בעמערקט, ווי אָט דער זעלבער נפש
האָט פון דער ווייטען אָנגעוויזען אויף
איהר מיט'ן פינגער דעם דירעקטאָר פון
טהעאַטער, און דער דירעקטאָר פון טהעַ־
אַטער, א הויכער פּאַרשוין אין א הויכען
צילינדער מיט מורא'דיג גרויסע ברי־
ליאַנטען כמעט אויף אַלע פינגער,
שטעהט פון דער ווייטען און וואַרפט
אויף איהר מיט אויגען — קליינע, רוי־
טע, אָהנברעמענדיגע אויגען. און אין
רייזעלס פּנים האָט זיך ווידער אָנגע־
צונדען א העליש פייער...

אויף מאָרגען, בעת ישראלי דער חזן
האָט צעלאָזט דעם חדר אויף וואַרעמעס
און אליין האָט ער זיך אויך נאָר־וואָס
געוואַשען און געזעצט מיט לאָהן און
מיט רייזלען צום טיש, עפענט זיך די
טהיר און עס קומען אַריין צוויי פּאַר־
שוינען: שלום-מאיר די „פּאַרשלעפּטע
קרענק" און דער דירעקטאָר פון'ם יודי־
שען טהעאַטער. ביידע זיינען זיי געווען
פריש געראַזירט און שטאַרק אָנגעפּאַר־
פומירט מיט פּאַטשולי זייף און מיט
אָדעקאָלאָן ווערא־וויאָלעט.

אָט דאָ איז דער אָרט צו בעשרייבען
דעם דירעקטאָר פון'ם יודיש-דייטשען
טהעאַטער, אלבערט שטשופּאַק.

א מגושמ'דיג געגאָלט פּנים מיט א
סך קנייטשען און א רויטער געקנייטש־
טער האַלז האָבען מאָדנע אַרויסגעקוקט
פון א שניי־ווייסען קאָלנער מיט א
גרויסאַרטיגען שניפּס, אין וועלכען עס
האָט געשטעקט א בריליאַנט־נאָדעל.
כמעט אַלע פינגער האָבען געפינקעלט
מיט בריליאַנטען און אויף דער גרויסער
גאָלדענער קייט פון'ם זייגער איז אַראָפּ־
געהאָנגען א שווערער מאַסס־ווער מעדאַ־
ליאָן. אויף'ן מעדאַליאָן איז געווען קונ־
ציג אויסגעלעגט פון ווייסע בריליאַנטען,
בלויע סאַפּפירען, רויטע רובינען און
גרינע שמאַראַגדען א קרוין פון צוויי
גרויסע צענויפגעפלאָכטענע בוכשטאַבען:
א. און ס. דאָס האָבען די טהייערע
שטיינער בעציערט דעם שענעם בע־
ריהמטען נאָמען:

„אלבערט סטשופּאַק".

די דאָזיגע אַלע טהייערע שטיינער
פון די גאָלדענע רינגען מיט'ן מאַססי־
ווען מעדאַליאָן, וואָס הענגען אויפ'ן
דירעקטאָר, האָבען צו דערצעהלען און
צו דערצעהלען!... נאָר אַזוי ווי מיר
געהען ראַשיג צו אונזער געשיכטע ווע־
לען מיר זיך דאָ ניט אָפּשטעלען. מיר
וועלען מסתמא האָבען דיא געלעגענ־
הייט ניט איין מאָל צו בעגעגנען זיך
אין אונזער ראָמאַן מיט'ן דאָזיגען פּאַר־
שוין, אין קורצען מוז מען אייך אָבער
זאָגען, — און צווישען אונז זאָל דאָס
בלייבען, — אז אומזיסט שטעלט ער
אַרויס דיא אַלע טהייערע זאַכען, מע
זאָל מיינען, אז דאָס איז געשענקטע
מתנות פון פּובליקום, „אַרטיסטישע
טראָפּעען" פון טהעאַטער. ניין, דאָס
האָט ער זיך אַליין ביסלעכווייז „דער־
ראָבערט", איינגעקויפט פּאַוואָלינקע
פאַר זיין אייגען געלד, „כשר" פּער־
דיענט דורך דער האַרעוואַניע פון א
פּאָר צעהנדליג אָרעמע, שטענדיג הונ־

גערינגע, נאָר תמיד פרייליכע נפשות...
אַלבערט שטשופאַק געהט מיט דעם גאַנג, אַז גלויבען טאָר מען נישט קיי־נעם, אפילו איין אייגען ווייב. דעריבער טראָגט ער אויף זיך זיין גאַנץ פערמעגען אין ברילִיאַנטען. ס'איז, פער־שטעהט איהר מיך, זיכער פאַר זיך און שעהן פאַר לייטען. „א רוח אין דער וועלט'ס טאַטען אריין!"...

דערזעהען אזעלכע געהויבענע געסט, האָט זיך ישראלי דער חזן געגעבען א הויב אויף פון אָרט. לאָה די חזנ'טע האָט זיי אונטערגעטראָגען צוויי שטוה־לען און געבעטען זיצען, און רייזעל?

— לאָמיר זיא בעסער לאָזען צורוה: נאָך א מינוט — און זיא וועט פער־ברענט!...

— בחורים ברוכים א רוח איהם... ווי זאָגט מען דאָס ביי אונז? — האָט זיך אָנגערופען דער דירעקטאָר, אַלבערט שטשופאַק, און האָט זיך ארויפ־געהאַקט וויא אויף א שטיין, ניט אהין, ניט אהער א גליק, וואָס שלום־מאיר זיצט ביי דער זייט (פון אַלע צרות דאַרף ער איהם ארויסשלעפען!). שלום־מאיר איז ארויסגעטראָטען מיט זיין הייזעריגליכע שטימע אויף זיין בלומען־שפּראַך:

— ברוכים היושבים, קומט עסען, עסט געזונד, קייעט און שלינגט און שטעהרט אייך ניט. מיר זענען פּראָס־טע הי־זקים'ס, פשוט'ע יודען, אזוי ווי איהר. דאָס איז מיין פרינציפּאַל, דער דירעקטאָר פונ'ם היגען יודיש־דייטשען טהעאטער, און איך בין ביי זיי דאָס אויבערשטע פון'ם שטויסעל, דאָס מי־טעלסטע פון'ם חריין און דאָס אונטער־שטע פון'ם בענטשען. זייער נאָמען איז אַלבערט שטשופאַק און מיך רופט מען שלום־מאיר. איצט, אז מיר האָבען זיך שוין בעקענט, הייסט דאָס, פון דער נאָהענט, קענען מיר נעמען מיט אייך צו ביסלעך בראָנפען, אויב ס'איז פאַר־האַן ביי אייך אין שטוב, און אויב ניט — שיקט, וועט מען ברייגנען, און פער־בייסען וועלען מיר פארבייסען טאַקי מיט דעם, וואָס איהר. איך זעה איהר רייבט בערעטשקעס מיט בלאָמען, א מין מאכל, וואָס איך האָב איהם נישט געגעסען, איך זאָל אייך ניט זאָגען קיין ליגען, אודאי א יאָהר הונדערט, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה!

קאַפּיטעל 12

ישראלי דער חזן קאַטשעט זיך אויפ'ן האַלז

אין דער גאַנצער צייט, וואָס שלום־מאיר האָט גע'דרש'ענט און דער חזן מיט דער חזנ'טע מיט דער טאָכטער האָבען איהם אויסגעהערט, איז דער די־רעקטאָר פונ'ם יודיש־דייטשען טהעאַ־טער, אַלבערט שטשופאַק, געזעסען ביי'ם חזנ'ם טיש מיט געשלאָסענע ליפּען, גע־שפּיעלט זיך מיט'ן מעדאַליאָן, געפינ־קעלט מיט אַלע דימאַנטען און ברילִיאַנ־טען, וואָס אויף דיא פינגער, און האָט ניט אראָפּגעלאָזט זיינע קליינע, רויטע אָהנברעמענדיגע אויגען פונ'ם חזנ'ם מיידעל.

נאָכ'ן עסען, אז שלום־מאיר האָט זיך שוין אָנגערעדט ווי א פויק, די חזנ'טע האָט צוגענומען פונ'ם טיש און דער חזן האָט אָפּגעבענטשט, האָט דער דירעקטאָר אַלבערט שטשופאַק געפונען, אז ער מעג שוין אויך עפּיס רעדען א וואָרט און אז ס'איז שוין צייט טאַקי צוטרעטען צום עסק, צוליעב וועלכען זיי זענען געקומען. האָט ער געגעבען פריהער א הויב אויף

דעם צילינדער פונ׳ם קאָפּ, בעוויזען א גרויסען פּליעך, אויסגעגלעט ארום און ארום מיט גלאטע פּעט־אָנגעשמירטע האָר, אָפּגעווישט דעם שוויים פונ׳ם שטערן און איז ארוים מיט דער שפּראך.

בטבע איז אָט דער נפש א יוד א שווייגער. נאָר אז ער צערעדט זיך שוין, איז איהם שווער אָפּצושטעלען זיך. די צונג הויבט איהם אָן אין מויל פּלאָנטען זיך, פערטראָגט איהם דער שווארציאָהר ווייסט וואוהין און עס קומט איהם אוים אָפּטמאָל צו זאָגען ניט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. שלום־מאיר, זיין פליגעל־אדיוטאנט, ווייסט שוין זיין חולאת, שלאָגט ער איהם איבער פונ׳ם אָנהויב אָן און דערעדט שוין נאָכדעם אליין פאר איהם דאָס איבעריגע אויף זיין לשון.

— פארשטעהט איהר מיך, ליעבער חזן, — אזוי האָט שטשופּאק אָנגעהויבען זיין געשפּרעך, — ס׳איז אזוי די מעשה, הערט זשע, איך אליין בין אויך געוועזן אמאָל בסך־הכל א משורר׳על ביי א חזן. הייסט עס, געטראָגען די פּאָמעניצע, מיין איך געזונגען, הערט זשע, א קול, א שטימע הייסט עס, א סאָפּראנאָ־שטימע אנ׳אמת׳דיגע, און געחאפּט פּעטש, מיין איך געהאָלפען ביי׳ם עמוד, ביז איך בין געוואָרען אליין א דאָס, א מענש פאר זיך הייסט עס, אויף חתונות און אויף ברית׳ען און אויף פּדיון־הבנ׳ס מיר געזונגען, הערט זשע, א כל־מקדש׳ל, מיין אייגענע פערפאסונג טאקי, וואָס איך האָב אליין פערפאסט, איהר זאָלט זעהען א בוך א גאנצען אָפּגעדרוקט מיינע ליעדער הייסט עס. איז דאָרטען דאָ ביי מיר א „כל־מקדש", הערט זשע, הויב איך אָן אזוי (זינגט און ציקעלט זיך):

כל־מקדש—ציפּקעלע מיין ווייב,
שביעי—דער שלאק זאָל דיך טרעפען,

כראוי לו—היינטיגע נאכט!...

אלבערט שטשופּאק, ווי עס זעהט אויס, איז אריין אין זיין ראָל. ער האָט זיך פערקאטשעט צו זינגען כל־מקדש גאָר אויף איין אנדער אופן, האָט איהם אָבער שלום־מאיר בעצייטענס דערלאנגט א סיגנאל מיט׳ן פוס אונטער׳ן טיש, אז ער זאָל בעסער אויפהערען, וועט זיין גלייכער פאר איהם, און האָט גענומען מיט זיין פּה־קדוש געבען צו פערשטעהן דעם חזן, צוליעב וואָס, אייגענטליך, זיי זענען אהער אריינגעקומען.

אזוי וויא זיי האָבען געהאָרכט פון ישראלי דעם חזן נאָך פריהער, איידער זיי האָבען נאָך גאָר געקלערט פאָהרען קיין בעססאראביע, אז ער איז א בע־ריהמטער זינגער, און אזוי וויא מוזיק איז זייער פרנסה, דאָס הייסט, זייער פרנסה, אייגענטליך, איז טהעאטער, און טהעאטער מיט מוזיק איז דאָך ווי א ברודער מיט א שוועסטער, אָדער ווי א מאן מיט א ווייב, על־כן וואָלט אפשר גע־ווען א יושר, אז דער חזן זאָל זיי עפּים „זאָגען"?...

— עפּים אזעלכס, הערט זשע, עפּים א דאָסיגס, א יודיש, א פּעפּעריגס!...
—האָט צוגעלעגט, אלבערט שטשופּאק, בעוויזען מיט די פינגער און געשמיי־כעלט מיט די מגושמ׳דיגע ליפּען, און דאָס מגושמ׳דיגע געקנייטשטע פּנים האָט זיך איהם נאָך מעהר צענויפגע־קנייטשט.

ישראלי דער חזן האָט באלד פערשטא־נען, וואָס מע פערלאנגט פון איהם. האָט ער תחילת אפילו ווי געברעקעלט זיך, געלאָזט בעטען, געמאכט אָנשטעלען: „וויים איך וואָס! ס׳איז גאָר ניט אזוי די מעשה! די וועלט האָט ליעב מגזם זיין!"... און אליין האָט ער זיך שוין גענומען אָנשטעלען דיא כלי (וואו האָט

איהר געזעהען, אז א חזן, אָדער איין ארטיסט זאָל זיך אָפּזאָגען, ווען מע בעט איהם שוין זעהר שטארק?). נאכדעם איז ער אויפגעשטאנען פון טיש, אָפּגעווישט די ליפּען, אויסגעהוסט זיך, צורעכט געמאכט דעם גאָרגעל, א פּרעג געטהאָן אזוי פון יוצא וועגען:

— איז וואָס זשע זאָל איך אייך, למשל, זאָגען?...

און נישט געוואָרט אויף איין ענטפער, הויבט ער אָן „זאָגען" א זאך, געוועהנליך פון ימים־נוראים, קאטשעט זיך אויפ'ן האלז, חאפּט זיך ארויף גאנץ הויך און לאָזט זיך אראָפּ ביז דער נידעריגסטער „אָקטאבע", און ווידער א מאָל ארויף, און ווידער אראָפּ, געדרעהט און געקאטשעט זיך, און געקאטשעט זיך...

די געסט האָבען געקוקט איינס אויף דאָס אנדערע אָהן ווערטער, נאָר געוואונקען מיט די אויגען, געמאכט מיט די ליפּען, געקוויקט זיך ווי פון א געשמאקען מאכל, אָדער פון א גוט גלעזעל וויין, און דערמיט האָבען זיי איהם אונטערגעגעבען היטץ א סך מעהר, ווי זיי וואָלטען איהם אָפּשיטען מיט די גרעסטע קאָמפּלימענטען. דעם חזן נעבאך האָט זיך אזש דער קאָפּ פערדרעהט. אז ס'איז יאָ אזוי, דארף מען זיי ערשט ווייזען, וואָס ער קאָן! און ער האָט גענומען זינגען נאָך א שטיקעל און נאָך א שטיקעל, און צום לעצט געוואָלט זאָגען זיי גאָר א נייע זאך, טאקי זיין אייגענע „קאָמפּאָזיציע", האָט איהם שלום־מאיר אָנגענומען פאר איין ארבעל:

— האָט קיין פאראיבעל ניט, מיין ליעבער חזן, איהר זינגט אזוי זיס, אז אלע כאָהר־חזנים פון דער גאנצער וועלט מיט זייערע משוררים און זינגערלעך מעגען זיין דיא כפּרה פאר אייער מינדסטען נאָגעל. גלויבט מיר, ווען מיר זאָלען ניט האָבען אויף זיך קיין טהעאטער מיט פראָבען יט אקטיאָרען מיט שלעק און מיט צרות, וואָלטען מיר נישט ארויסגעטראָטען פון אייער שטוב ביז נאָך שמיני־עצרת, עס וואָלט אונז גאָר קיין מאָל ניט נמאס געוואָרען זיצען אָט א דאָ ביי אייך און הערען אייערע „זאכען", גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה. איז אָבער דער חסרון—פּרנסה! ניטאָ קיין צייט, פערשטעהט איהר מיך, מיר פיהרען אויף מאָרגען זז שפּאָגעלנייע פּיעסע: „קוני לעמעל"... אפשר וואָלט געווען א סברה, אז פאר'ן אוועקגאנג זאָלט איהר אונז מכבד זיין מיט א פערביסעכטסעל?...

דער חזן איז געבליבען עפּיס ווי צעמישט:

— דהיינו, מיט וואָס פאר א פערבייסעכטסעל זאָל מען אייך, למשל, מכבד זיין?

— אָט מיט וואָס פאר א פערביי־סעכטסעל!...

און שלום־מאיר האָט אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אויף דעם חזנ'ס טאָכטער, וואָס האָט פון איהם קיין אויג ניט אראָפּגעלאָזט.דערהערט אזעלכע דבורים, איז נעבאך רייזעל געבליבען טוידט, און דער חזן מיט דער חזנ'טע האָבען אויפגעשטעלט מויל און אויהרען. דאָ האָט דער דירעקטאָר געוואָלט ארויס מיט זיין שפּראך, האָט איהם שלום־מאיר דערלאנגט דעם סיגנאל אונטער'ן טיש און האָט זיך גענומען בעסער אליין געבען צו פערשטעהן, וואָס מע מיינט:

— מיר מיינען, פערשטעהט איהר מיך, אז זי, אייער טעכטערעל הייסט עס, זאָל אונז עפּיס „זאָגען". זיא האָט, שמועסט מען, א שטימעלע און זינגט, זאָגט מען, ליעדלעך — א כפּרה דריי־

צעהן פּאַטטים מיט זיבעצעהן נעלסאַנס..

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס, אַז מיין טאַכטער זינגט ליעדלעך? — האָט זיך די חזנ'טע שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאַלטען, און רייזעל האָט נעבאַך פערהאַפּט דעם אָטעם. זי האָט געוואַרט — אָט־אָט וועט ער דערצעהלען די מעשה, ווי אַזוי ער האָט מיט איהר ערשט נעכטען געשמועסט אונטער'ן פענסטער, און פאַר דער מאַמע האָט זי דאָס גאָר ניט דערמאַנט אפילו!... „זי וועט שוין דאָ האָפּען פון דער מאַמע א רעכטען פּסק!"... שלום־מאיר אָבער האָט מיט זיינע ממזר'ישע אויגען דער־זעהען, ווי רייזעל ווערד אַלערליי פאַר־בען, האָט ער זיך אויסגעדרעהט ווי אויף א טעלער:

— א שענע מעשה, נאָר א קורצע! פון וואַנען ווייסט מען אומעדום, אַז אייער מאַן ביז הונדערט און צוואַנציג יאָהר האָט א „האַלז" מיט א „קאָלראַ־טור", וואָס מע מעג דאָס געהן הערען אויף חדושים? פּופּצעהן יאָהר אַז מיר פאָהרען ארום איבער דער וועלט מיט א יודיש טהעאַטער און נישט געהערט קיינמאָל, צי ס'איז גאָר פאַרהאַן ערגיץ א שטאָדט, וואָס הייסט האָלענעשטי. און פון דעסטוועגען זעהט איהר דאָך! א קליינינגקייט — „ישראלי האָלענעשטער"? עס קלינגט דאָך מיט איהם די וועלט! נו, וואָס וועט איהר דערויף זאָגען, מיין ליעבע חזנ'טע?

די „ליעבע חזנ'טע" האָט דערויף נישט וואָס צו זאָגען גאָר־נישט. ביי איהר איז דאָס גאָר קיין חידוש ניט, וואָס איהר מאַנס נאָמען קלינגט אויף דער וועלט. נאָר אַז איהר טאָכטער זאָל נעהמען איצט פלוצים אין מיטען דערינען און אוועקזעצען זיך אָט א דאָ זינגען פאַר צוויי ווילד־פרעמדע מאַנס־פאַרשוינען — איהר מעגט אייך זאָגען וואָס איהר ווילט — נאָר נאָך איהר אייבערשטען שכל קומט דאָס אויס, זי ווייסט אליין ניט, וויא אַזוי זיא זאָל דאָס אָנרופען:

— עפּיס גלאַט אָט אַזוי אָ נעמט א מיידעל און זינגט, גאָר־נישט, מיצקעדרינען, טיץ טאָבי דורען, הפקר ציבעלעס, האָסט דו געזעהען א ביסעל!..

קאַפּיטעל 13.

דעם חזן'ס טאָכטער זינגט „רבונו־של־עולם"

ניט אַזוי האָט דערויף געקוקט ישראלי דער חזן. ער האָט אָנגענומען די זאַך גאַנץ פּשוט. אמת, לאה די חזנ'טע איז אפשר גערעכט וואָס זי טענה'ט אליץ, אַז „א מיידעל איז א מיידעל און א יונגעל איז א יונגעל"... פון דעסטוועגען, איין מאָל אין א יובל, צוליעב אַזעלכע געסט, וואָס וואָלט דאָס געשאַדט, למשל, ווען זי זאָל אינאיינעם מיט'ן טאַטען עפּיס טאַקי זאָגען?... און אגב האָט זיך איהם טאַקי אַליין אויך געוואָלט נאָך א ביסעל זינגען. א חזן, אַז ער צעזינגט זיך, איז ווי א רעגען. אַז ער הויבט אָן געהן, געהט ער...

און ישראלי דער חזן טהוט א קוק אויף לאה זיין ווייב מיט א לשון בקשה, ווי איינער רעדט: „וואָס וועט דיך אָהרען, למשל, אַז דאָס קינד וועט עפּיס זאָגען?"... די חזנ'טע פערשטעהט דעם חזנ'ס קוק. ווי באַלד דער יצר־הרע פון זינגען האָט איהם שוין אָנגעשפּאַרט, איז דאָך פאַרפאַלען!... האָט זי איהם אָפּגעענטפערט אויך מיט א קוק, פון וועלכען ער האָט פערשטאַנען גלייך, ווי זי וואָלט איהם זאָגען: „עס האָט זיך דיר שטאַרק פערוואָלט? מילא, אַז דיר

איז ליעב, איז מיר ניחא, האסט דו געזעהען א ביסעל!"...

און ישראלי דער חזן ווערד פרייליך. ער הוסט זיך אויס, שטעלט א טאן און רופט זיך אן צו דער טאכטער:

— אז יענער בעט, מע זאל עפּיס זאגען, קאן מען ניט זיין אזוי גראב און מע מוז זיי עפּיס זאגען. דיא קשיא — וואס זאלען מיר זיי, למשל, זאגען? אפשר וואלטען מיר זיי גאר געזונגען דעם „רבונו־של־עולם"? הא? לאמיר זיי זינגען דעם „רבונו־של־עולם"... דו וועסט זאגען, און איך וועל דיר צוהאלטען אויף דער נידעריגער „אקטאווע"... נו, רייזעל, הויב אן: לא־לא־לא־לא!

רייזעל, וועלכע איז געווען צופרידען, וואס דער נעכטיגער אינצידענט איז אריבער בשלום, איז אויס דאנקבארקייט אליין גרייט געווען צו זינגען, ובפרט, אז זינגען האט זיא פון קינדווייז אן ליעב געהאט און האט דאס ליעב נאך איצט אויך. גאנצע טעג וואלט איהר ניט נמאס ווערען זינגען, ווען די מאמע זאל דאס איהר ניט פערוועהרען. אלע מאל, ווען רייזעל הויבט אויף א קול, צעשרייט זיך אויף איהר לאה:

— לאז זיין שטיל, רייזעל, האב איך דיר געזאגט וויפיעל מאל! דו מיינסט, אפנים, אז דו ביזט א ברעקעלע מיידעלע? א מויד, קיין עין־הרע, האסט דו געזעהען א ביסעל!...

— א מויד? — צעלאכט זיך רייזעל, און לאה אליין לאכט אויך, נאר זינגען לאזט זיא איהר ניט, סיידען א מאל מיט'ן טאטען אינאיינעם, אי דאס — ווען קיינער הערט ניט...

און רייזעל האט זיך אוועקגעשטעלט נעבען ישראלי דעם חזן, דיא הענד פערלייגט אהינטער, דיא אויגען אויפגעהויבען צו דער סטעלי, און מיט א גלאטע זיסע ריינע מעטאלקלינגענדע שטימע, וויא א פידעל, האט זיא אויסגעצויגען א טרויעריגען עכט־יודישען נגון מיט א תפלה־נוסח, אין וועלכען עס האבען זיך געלאזט הערען אי א קלאג, אי א פערדראס, אי א געבעט, אי טרעהרען:

„רבנו של עולם!
רבונו של עולם!
אתיתי — בין געקומען צו דיר זיך
באקלא־א־אגען.
אוי, גאטעניו, דעם אמת
דיר זא־א־געו:
עד מתי — אין גלות
זיך פלא־א־אגען?
ביז וואנען דאס טרייבען,
דאס יא־א־אגען?
געגוג שוין, גענוג שוין, גענוג שוין
געשלא־א־אגען —
מיר קאנען דאס שוין מעהר ניט
פארטרא־א־אגען!
גענוג שוין, גענוג שוין, גענוג שוין
געשלא א גען —
מיר קאנען דאס שוין מעהר ניט
פארטרא־א־אגען!..."

ביידע געסט, דער דירעקטאר מיט זיין פליגעלאדיוטאנט, זענען געזעסען פערכשופט, ביידע האבען זיי געקוקט איינס אויף דאס אנדערע מיט אפענע מיילער און זענען געווען אויסער זיך וואס דאס זינגען האט זיך אזוי גיך געענדיגט. זיי האבען גארנישט געהאט קיין ווערטער. שלום־מאיר האט אפילו אויסגעשריגען מיט זיין הייזעריגליכע שטימע: „בראווא! בראווא! ביס!" — ער האט אבער אליין באלד פערשטאנען, אז דער דאזיגער „בראווא, בראווא, ביס" האט דא א פנים פון חוזק. צו טרויעריג איז דער מאטיוו. צו הייליג זענען דיא ווערטער. צו

זים איז די דאזיגע יונגע פיעדעלשטימע און צו שעהן און צו געטליך איז דיא יונגע זינגערין, וועלכע איז אייגענטליך נאך גאר א קינד.

און אלבערט שטשופאק, דער דירעקטאר פון'ם יודיש־דייטשען טהעאטער?

עס איז שווער צו וויסען, וואס ביי דעם דאזיגען יודען האט זיך געטהאן אויף דער נשמה... ער האט ארויסבעקומען פון אונטערשטער קעשענע א זיידענע שטארק אנגעפארפומירטע פאטשיילע און האט אויסגעווישט דיא טרערען, וואס האבען זיך איהם געשטעלט אויף זיינע קליינע רויטע אהנברעמענדיגע אויגען....

אפנים, אז אינ'ם דאזיגען שוין לאנג אויסגעטריקנטען איינגעשרומפענעם נפש קלאפט נאך א יודיש הארץ, אין וועלכען עס פליסט נאך ווארעם בלוט און עס שלאגט נאך איין אדער. דאס געפיהל פון רחמנות איז ביי איהם, ווייזט אויס, נאך נישט אינגאנצען אפגעשטארבען, ווען זיין אויג האט נאך א טרער פאר יודישע צרות, וואס האבען זיך אויסגעגאסען ביי א פאלק פון גלות אין אזעלכע פשוט'ע ווארעמע ווערטער און אין אזא פראסטע ריהרענדע מעלאדיע, וואס קען נעמען אפילו א שטיין...

אבער אפשר איז גאר שולדיג אין דעם אט דאס געטליך שענע שווארצע מיידעל מיט דיא חן־גריבעלעך אין דיא בעקלעך און מט דיא שענע שווארצע ציגיינער־אויגלעך און מיט איהר צוקערזיסע פיע־דעל־שטימע, וואס גיסט זיך פון דער נשמה גלייך אין הארצען אריין און ווערד, וויא א גוטער בוימעל, צעגאנגען אין אלע איברים?... ווער קאן דאס זאגען? ווער קאן דאס וויסען?...

דער לעזער, וואס איז שוין בעקאנט מיט אונזער דירעקטאר פון'ם יודיש־דייטשען טהעאטער פון דיא פריהעריגע קאפיטלעך, ווייסט וואס פאר א בעל־דברן אט דער נפש איז. איצט, נאך דעם דאזיגען „רבונו של עולם", איז ער אויפגעשפרונגען, צוגעגאנגען צום חזן, איהם אנגענומען מיטביידע הענד ביי דער האנד און מיט טרערען אויף דיא אויגען האט ער געקאנט ארויסריידען נור דיא דאזיגע געצעהלטע ווערטער:

— זאל מיין נאמען ניט הייסען אלברעט!... (עס איז גאנץ נויטיג צו בעמערקען, אז ער אליין קאן זיין אייגענעם נאמען — עס זאל אייך צו קיין חרפה ניט זיין — קיין מאל נישט ארויסרעדען ריכטיג, און „אלבערט" קומט ביי איהם תמיד אויס „אלברעט".)

— הערט זשע, זאל מיין נאמען ניט הייסען אלברעט!

דאס איז דער גרעסטער קאמפלימענט, וואס עמיצער האט ווען געהערט פון אלבערט שטשופאק, דער דירעקטאר פון'ם אידיש־דייטשען טהעאטער.

קאפיטעל 14

אלבערט שטשופאק געהט ארויס פון דיא כלים

וואלט דער דירעקטאר פונ'ם יודיש־דייטשען טהעאטער, אלבערט שטשופאק, זיך בעגנינגענט נור מיט דעם קאמפלימענט אליין („זאל מיין נאמען ניט הייסען אלברעט"), וואלט געווען אלס־דינג שען און פיין, און אלע וואלטען געבליבען צופריעדען, יעדער אויף זיין שטייגער: די געסט וואלטען געווען צופריעדען, וואס זיי האבען געהערט זינגען אזא „רבונו־של־עולם", וואס ניט יעדער און ניט אלע מאל קאן מען אזעלכע הארכען. רייזעל, דעם חזנ'ם מיידעל,

וואָלט געווען צופריעדען מיט איהר ערש־טען „גרויסטריט“. פאַר פרעמדע מענ־שען. דער חזן וואָלט געווען גליקליך, וואָס זיין טאָכטער האָט אזוי אויסגענו־מען ביי די געסט (וועלכער פאָטער פיהלט זיך דאָס ניט גליקליך ביי׳ם ערש־טען ערפאָלג פון זיין קינד !). וואָס דארפט איהר מעהר ? אפילו לאה די חזנטע, וואָס האָט נישט געקאָנט איבער־טראָגען, אז איהר טאָכטער זאָל אויפהוי־בען איהר קול פאַר פרעמדע מאַנסבילען, איז איצטיגס מאָל געווען אזוי געריהרט, אז ניט ווילענדיג האָט זיך ביי איהר ארויסגערופען א שטילער זיפץ:

— א קינד, מיר זאָל זיין פאַר איהרע ביינער !...

איז אָבער באשערט געווען, אז אויף דעם דאָזיגען לויטערען הימעל זאָל זיך אָנרוקען א וואָלקען און דיא גאַנצע שמחה זאָל פערשטעהרט ווערען. און אי־בער וועמען ? טאקי איבער׳ן דירעקטאָר פונ׳ם יודיש־דייטשען טהעאטער און אי־בער זיין צונג, משטיינס געזאָגט, וואָס איז ביי איהם אין גלות. א מענש, אז ער געהט ארויס פון די כלים, איז קיין קאָ־טאָוועס ניט.

צי פאַר גרויס התפעלות, צי דאָס גע־שעפט האָט פון איהם געפאָדערט, נאָר אלבערט שטשופאַק איז ווידער א מאָל ארויס מיט דער שפּראך, שפּיעלענדיג בעת־מעשה מיט די דימאַנטען און ברי־ליאַנטען, וואָס אויף זיינע פינגער:

— אי, א קולכעל ! אי, א העלזועלע ! אי, א פּיסקעלע ! נו־נו ! הערט זשע, ליעבער חזן, איהר זיצט אָט דאָ אין דעם האָלענעשטי, הערט זשע, א העק, א גרוב, וואָס ? ווער ? פּאָליאָסקעט זיך אין דער בלאָטע און וויסט נור פּאַפּעשויעס, מאַמליגע, כל מקדש, חע־חע... א רחמנות, הערט זשע, אזא באַרליאַנט, וואָס וועט פון איהר זיין אָט דאָ, נעבאך, אייער קינד הייסט עס, איך וויים ? דאַכט זיך מיר, זאָל מיין נאָמען ניט הייסען אלברעט !...

פון דיא דאָזיגע דבורים האָט דיא חזנ׳טע פערשטאַנען, אז מע רעדט פון איהר קינד׳ס תכלית, האָט זי באַלד אָפּ־געהאַקט, ווי מיט א שאַרף מעסער:

— ביי יענעם אין מויל דארף מען די צייהן נישט צעהלען... זי האָט, דאַנקען גאָט, ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר ווע־מען דער קאָפּ זאָל וועה טהון...

אלבערט שטשופאַק האָט, ווייזט אויס, ניט פערשטאַנען דעם וויץ, אָדער ער האָט זיך געמאַכט, וויא ער פער־שטעהט ניט, און איז געגאַנגען ווייטער צו זיין זאַך, זיך געווענדעט נור צום חזן, גאָר נישט געקוקט אפילו אויף דער חזנ׳טע:

— איז וואָס זשע האָב איך אייך, הערט זשע, געוואָלט זאָגען, מיין ליעבער חזן ? יאָ. וועגען דעם, וואָס איהר זענט בלינדע מענטשען, פאַרפיהרטע אָט דאָ אָ. פאַנאַטיזמע, איך וויים וואָס ? א וועלט ! אזא וועלט ! דאַכט זיך, ביי מיר, איהר זאָלט זעהען, הערט זשע, קינדער —גאָלד ! מיידעלעך — אזא יאָהר אויף מיר ! ליאַלקעס ! אוגערקעלעך ! א פּרי־מאַדאָנא — אויך א טאַטענס א קינד. ניט אזא פּנימ׳על, וויא ביי אייערע, דערפאַר אָבער א שטימעלע, הערט זשע, אין דער גרעסטער אָפּערע ! ווען זי טרעט אריין צו מיר, אייערע הייסט עס, איז איך וויים ? אין דרייפיער יאָהר ארום, הערט זשע, מיט אזא היטעל אָ !...

דערביי האָט שטשופּאַק א ווייז גע־טהאָן מיטביידע הענד, וואָס פאַר א היטעל מיט גאָלד זי וואָלט זיי אריינגע־בראַכט, ווען זייער טאָכטער טרעט אריין

צו איהם אין טהעאטער.

ציי האָט דאָס די חזנ'טע פערשטאנען
ווי עס געהער צו זיין — איז שווער צו
זאָגען. ארויסגעזעהען האָט זי, אז דער
דאָזיגער פּארשוין מיט'ן הויכען קוימען,
מיט דער מגושמ'דיגער געגאָלטער
מאָרדע, רעדט איהר עפּים א מאָדנעם
שידוך פאר איהר טאָכטער און לייגט
איהר כּאָר אזעלכע זאכען, וואָס סע
שלאָגט צו דער גאל הערענדיג... און
עס האָט זיך אויפגעהאפּט אין איהר די
„מאמע", די מאמע, וואָס איז בעשאַפען
געוואָרען „אויף צו באשיצען און צו
באשירמען איהר קינד, ווי דאָס שווארצ־
אפּעל פונ'ם אויג". די מאמע, וואָס האָט
קוים דערלעבט זי צו זעהען אויף דיא
פּיס. די מאמע, וואָס ציטערט איבער
איהר, ווי איבער איין איידעלע, שענע,
טהייערע גלעזערנע כלי, — און זי האָט
נישט געוואָלט ארייגלאָזען זיך אין ווייַ־
טערע חקירות און האָט אָפּגעהאקט נאָך
שארפער, ווי פריהער:

— ניט דערהארען וועלען דאָס מיינע
שונאים! וואָס מיינט איהר דאָס עפּים,
מיר זענען פון שניידערס, צי פון שוס־
טערס, וואָס מיר וועלען דערלאָזען אונ־
זער בלוט צווישען פּורים־שפּיעלערס,
אקטיאָרשטשיקעס, קאָמעדיאנטען, שלע־
פּערס?... האָסט דו געזעהען א בי־
סעל!...

די דאָזיגע עטליכע ווארעמע ווער־
טער, וואָס לאה האָט ארויסגערעדט אין
איין אָטעם, האָבען דעם דירעקטאָר פונ'ם
יודיש־דייטשען טהעאטער, ווי עס ווייזט
אויס, גאָר ניט געשמעקט און, אפּנים, טאַ־
קי רעכט פערדראָסען. דאָס מגושמ'דיגע
געקנייטשטע פּנים איז איהם געוואָרען
מיט אמאל געל און גרין און א שוויים
האָט איהם בעשלאָגען. די מגושמ'דיגע
ליפּען האָבען זיך ביי איהם מאָרנע צע־
גויפגעלעגט און די קליינע אָהנבערעמענ־
דיגע אויגעלעך האָבען ביי איהם אָנ־
געגאָסען זיך מיט בלוט. אלבערט שטשו־
פּאק איז גרייט געווען אוועקצוגעבען
דער חזנ'טע א פּאָרציע, ווי איהר קומט.
א העזה א ביסעל פון א יודינע אזוי צו
רעדען מיט איהם, מיט'ן דירעקטאָר פון
יודיש־דייטשען טהעאטער!

גאָט ווייסט, צו וואָס פאר א סקאנ־
דאל דאָ וואָלט געקאָנט קומען... אל־
בערט שטשופּאק האָט פיינד מאכען
לאנגע „ספּראוועס". ביי איהם איז איינס
פון די צוויי: „אָדער געבען פּעטש,
אָדער חאפּען פּעטש... א גליק,
וואָס דאָ איז געווען שלום־מאיר.
שלום־מאיר קען זיין פּרינציפּאל,
וואָס פאר א פויגעל דאָס איז.
וויא ווייט מעגליך, דערלאָזט ער
איהם נישט צו קיין סקאנדאלען. ער
געהט מיט דעם גאנג, אז מע דארף ניט
געבען קיין פּעטש און מע דארף ניט
חאפּען קיין פּעטש. ער האלט, אז מיט
גוטען מאכט מען אלע מאָל בעסער...
האָט ער א ציה געטהאָן דעם פּרינציפּאל
פאר'ן ארבעל, ממזריש א וואונק גע־
טהאָן צו איהם מיט איין אויג און א
זאָג געטהאָן צום חזן:

— אייער זוגתי איז גאנץ גערעכט,
לאָמיך האָבען אזא יאָהר, וואס פאר א
חזנ'טע איהר האָט, א חוץ שווארצקייט..
נאָר וואס דענן? איין חסרון: זיי זע־
נען אביסעל צו א הייסע יודינע. זיי
האָבען ניט פערשטאנען, וואָס דער די־
רעקטאָר האָבען דאָ געזאָגט. זיי האָבען
גערעדט גלאט אזוי אין דער וועלט
אריין, אז ס'זענען פארהאן אלערליי
פּרנסות אויף דער וועלט. יעדער לויבט
זיך זיין פּרנסה, ווי זאָגט איהר: יעדער
הונט איז זיך ביי זיין טהיר בעל־הבית
און יעדער חזיר מיינט, אז זיין בלאָטע

איז טיפער... און ווייטער האָבען זיי חלילה נישט געמיינט גאָרנישט, ניט קעגען אייך, ניט קעגען אייער מאן, ניט קעגען אייער טאָכטער. אריינגעקומען זענען מיר אהער, זאָג איך אייך נאָך א מאָל, נור צוליעבין חזן, איהם הערען װינגען, גאָט זאָל אונז אלעמען אזוי גע־בען גליק און הצלחה. מיר וואָלטען נאָך געזעסען און געזעסען, ווילען מיר אייך מעהר ניט שטעהרען. אגב זעה איך, עס קלויבען זיך שוין די תלמידים צו אייך אין חדר אריין. איהר דארפט זיך זעצען צו דער ארבייט, ווי זאָגט איהר: תורה איז די בעסטע סחורה, ראָזינקעס מיט מאנדלען... זייט געזונד און האָט א גוטען שליטוועגס.

— מיט׳ן קאָפּ אין דער ערד און מיט די פּיס צו דער טהיר! — האָט זיי די חזנ׳טע מכבד געווען מיט א ברכה דע־מאָלט, ווען די געסט זענען שוין געווען אויף יענער זייט שוועל. און צו דער טאָכטער האָט זי א זאָג געטהאָן:

— מעגסט זיך שוין, טאָכטער, געזע־גענען מיט׳ן יודישען טהעאטער. דו וועסט דאָס ביי מיר ניט אָנקוקען מעהר כל־זמן איך ליג נאָך ניט אויפ׳ן בית־עולם!...

דעם גרעסטען חלק וואָלט געחאפּט פון איהר דער מאן (לאָה די חזנ׳טע, אז זי ווערד אין כעס, איז געפעהרליך!). איז אָבער דעם חזנ׳ס גליק געווען, וואס די תלמידים זענען שוין געזעסען ארום טיש ביי די אָפענע ספרים. ישראָלי דער חזן האָט, אייגענטליך, אליין אויך גע־פיהלט זיך עפּיס נישט אזוי פויגעל־דיג נאָך דעם דאָזיגען געשפּרעך פון די ניט־געבעטענע געסט. נאָר ער האָט זיך אָנגענומען מיט הארץ, געמאכט כלומרשט א פרייליך פּנים, געריבען א האנד אָן א האנד און אויסגעצויגען מיט א ניגון פון דער גמרא:

— געדענקט זשע, קינדערלעך, נאָך א מאָל, למשל, וואו האלטען מיר? יאָ—אָ—אָ...

קאפּיטעל 15.

אַ נייער פּאַרשוין — האצמאך

ביי ראפּאלאָוויטשען אין גרויסען ברייטען הויף איז פרייליך. די סטאָ־דאָלע, וואָס מע שפּיעלט דאָרט יודיש טהעאטער, איז קיין מאָל ניט געשלאָ־סען, ניט בייטאָג, ניט ביינאכט, קומט דער פריהמאָרגען — הויבט זיך אָן דאָרט א לעבען. מענשען — אויף און אָפּ. דער אריין, דער ארויס. סטאָליע־רעס מאכען צו־רעכט די בײנק. פאר־בערס מאָהלען דעקאָראציעס. טרעגערס טראָגען קאסטענס, ברענגען האָלץ, שלעפּען ברעטער. מע הערט נישט אויף צו קלאפּען מיט האמערס, שלאָגען צווע־כעס, דרעהען שטריק, און שטענדיג איז דאָרטען קולות, געשרייען, געפּילדערען.

אָפּטער און העכער פון אלע אנדערע קולות און פון אלע געשרייען הערט זיך איין קול, איין געשריי: „האָצמאך!"

—האָצמאך, דער רוח זאָל דיך נעמען!

— האָצמאך, די אויגען זענען דיר ארויס?

— האָצמאך, ריהר זיך!

— האָצמאך, האלט! האָצמאך, שטעה! האָצמאך, לויף! האָצמאך! האָצמאך! האָצמאך!

— „ווער איז אָט דער האָצמאך?"

— טראכט זיך ראפּאלאָוויטשעס זוהנ־דעל, לייבעל, און איידער ער דארף געהן אין חדר אריין חאפּט ער פריהער א קוק אריין אין דער סטאדאָלע. לייבעל ווייסט שוין, ווער דער האָצמאך איז.

א הויכער, א דארער, א קריינקליכער, א הוסטענדיגער, מיט א קורצען אָטהעם, מיט א ווייס געשטופּעלט פּנים, מיט א שפּיצעכיגער נאָז, מיט א שפּיציגען קאָפּ, מיט שפּיציגע אויהרען, און אויגען אויך שפּיציגע, הונגעריגע, שטעכענדיגע, שארפע אויגען — אָט דאס איז דער פארשוין.

זיין נאָמען, אייגענטליך, איז האָלצמאן. נאָר דער דירעקטאָר פון'ם טהעאטער, אלבערט שטשופּאק, האָט איהם פון'ם ערשטען טאָג געקרוינט מיט'ן נאָמען „האָצמאך" — און אזוי איז ער פארבליעבען עד היום הזה.

לייבלען איז אָט דער האָצמאך געפעלען געוואָרען פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבען זיך בעקענט. און בעקענט האָבען זיי זיך דוקא אָהן פאָרשטעלענישען, אָהן צערעמאָניעס און אָהן חכמות. אזוי איז געווען די מעשה.

האָצמאך האָט דערזעהען לייבלען שטעהן ביי דער טהיר פון דער סטאדאָלע, האָט ער פון דער ווייטען געמאַכט מיט איהם א שמועס:

— יאָלד! וואָס טהוסט דוא דאָ?

— גאָר נישט.

— וועמען דארפסט דוא?

— קיינעם נישט.

— ווער ביזט דוא?

— ראפּאלאָוויטשעס זוהן.

— וואָס זשע שטעהסט דו ווי א קבצנ'ם א יונגער ביי דער טהיר? קום אהערצו, בחור'על! פּאפּיראָסען רויכערסט דו שוין? צי נאָך נישט?

— נאָך נישט.

— אָבער דיין טאטע רויכערט? דיינע ברידער רויכערען? קאָנסט דו דאָך מיר ברענגען פּאפּיראָסען.

אויפ'ן אנדערען טאָג האָט איהם לייבעל, א פערסאפּעטער, א פערשוויצטער, א רויטער, געבראכט צו טראָגען א פולע קעשעני מיט פּאפּיראָסען, ארומגעקוקט זיך בעת־מעשה אויף אלע זייטען. האָצמאך האָט די פּאפּיראָסען גיך מיט זיינע דינע שפּיציגע פינגער צענויפשארט און אריינגעלייגט צו זיך אין קעשעני, נישט חלילה ווי א גנבה, נאָר ווי א מתנה פון א גוטען בעקאנטען, זיך נישט פערקרימט און אפילו נישט געזאָגט קיין דאנק, פעררויכערט, פערצויגען זיך, ארויסגעלאָזט דורך דער שפּיציגער נאָז א דין רויכעל, פערהוסט זיך און א זאָג געטהאָן:

— ווער רויכערט ביי אייך אזעלכע יום־טוב'דיגע פּאפּידאָסען?

— מיין עלטערער ברודער. — ענטפערט איהם לייבעל שטיל, קוים וואָס מע הערט.

— א רוח אין דיין עלטערען ברודערס טאטען אריין, ער ווייסט, וואָס מען דארף רויכערען! — ענטפערט איהם האָצמאך דוקא הויך אויף א קול. — זאָג נור, מיין טהייער שפּיעל־פויגעל, וואָס עסט מען ביי אייך, א שטייגער, אז עס קומט אין דער פריה, צו דער קאווע?

— וואָס מע עסט? ווי א מאָל. א מאָל עסט מען פּוטער, קעז, א מאָל אייער, קיכלעך, פּוטער־געבעקס.

— אָט־אָט־אָט, דאָס מיינט דער פסוק! ברענג מיר, חכם. א פּאָר פּוטער־געבעקסלעך, נאָר פרישע. דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר? פרישע!

דאָס וואָרט „פרישע" שרייעט אויס האָצמאך אזוי הויך, אז לייבעל ווערד א פערציטערטער. ער האָט מורא, מע זאָל ניט דערהערען.

פון דעסטוועגען האָט ער איהם געפאָלגט און דעם צווייטען פריה־מאָרגען געבראכט צו טראָגען אין קעשעני א פּאָר פרישע פּוטער געבעקסלעך, געציטערט,

מען זאָל ניט חלילה דערשמעקען... און אײדער ער האָט זיך ארומגעקוקט האָט זײ דער הונגעריגער האַצמאַך שױן דורכ־געלאָזט דורכ׳ן דינעם האלז און גיך אײנ־געשלונגען.

— פילען! — האָט איהם האָצמאַך א זאָג געטהאָן און בעלעקט זיך, װי א קאַץ נאָך אָנבײסען, פעררױכערענדיג א פּאַפּיראָס פון לײבעל׳ס ברודערס פּאַפּי־ראָסען, װאָס זענען איהם אזױ געפעלען, אז ער האָט זיך געהײסען ברענגען נאָך.

און לײבעל ברענגט איהם נאָך און נאָך, און האָט דערפאַר א פרײען צוטריט אין טהעאַטער ניט נור בײנאכט, בשעת שפּיעלען, נאָר אױך בײטאָג, בעת פּראָ־בען, רעפּעטיציעס מאַכען, און אפילו אהינצוצו, אױף יענער זײט פּאַרהאַנג, הינטער די קוליסען, װאוהין לײבעל׳ס נשמה האָט זיך געריסען דיא גאנצע צײט, געװאָלט זעהען, װאָס טהוט זיך דאָרטען?

און דאָס, װאָס לײבעל האָט דאָרטען דע־זעהען, לאָזט זיך דעגן בעשרײבען? נאָר א בעזונדערע װעלט. א װעלט, װאו מענשען טהוען זיך איבער, פערשטעלען זיך, שמירען זיך אָן און פאַרבען זיך צו און געהען ארױס פון דאָרטען לצים, שדים, רוחות און מלאכים. און א לעבען איז דאָרטען װי אין גן־עדן. שטענדיג לעבעדיג, פרײליך. דער זינגט, דער טאַנצט. דער שטופּט אָן פּולע באקען, דער טרינקט פון א פלעשעל — בול־בול־בול, און דער רױכערט א פּאַפּיראָס שטילערהײד, זיצענדיג אױף אלע פיער אין א װינקעלע, דער דירעקטאָר זאָל ניט דערזעהען און באַגראָבען אין דער ערד... א בײזער דירעקטאָר! אלע ציטערען פאַר איהם, װיא פאַר א מלאך המות, און אלע לאַכען פון איהם, מאַכען פון איהם חוזק, שטעלען איהם ארױס א צונג אונטער דיא פּלײצעס און קרימען איהם איבער, װי ער געהט און װי ער שטעהט און װי ער זיצט און װי ער רעדט און װי ער בלישטשעט מיט די בריליאַנ־טען — מזיקים!

בעסער פון אלעמען מאַכט איהם נאָך האָצמאַך. ער מאַכט נאָך יעדן אײנציגען אזױ קונציג, אז מע קאָן בלײבען פון איהם אָהן א בױך לאַכענדיג. א פרײלי־כע בריאה אָט דער האָצמאַך! לײבעל פערשטעהט ניט, פון װאַנען נעהמט זיך צו אָט דעם מענשען אזױ פיעל פרײליכ־קײט? דאכט זיך, אז קײנער האָרעװעט ניט אזױ פיעל, װי האָצמאַך, קײנער לױפט ניט אזױ פיעל, קײנער װערד ניט אזױ אױסגעריסען, קײנער הונגערט ניט אזױ פיעל, קײנער הוסט ניט אזױ פיעל און קײנער כאַפּט ניט אזױ פיעל פעטש, קלעפּ און סטוסאקעס פון יעדען בעזונ־דער, װי האָצמאַך, און קײנער איז נישט אזױ אױפגעלעגט שטענדיג אױף צו לאַ־כען, װי אָט דער האָצמאַך. אָט ערשט האָט איהם, דאכט זיך, דער דירעקטאָר אָנגעהאַפּט פאַר׳ן קאָלנער און ארױסגע־װאָרפען פון גאַרדעראָב: „האָצמאַך, דער רוח זאָל דיך נעמען!“ און אָט שטעהט ער שױן אונטערן דירעקטאָר׳ס פּלײצעס א ביסעלע אײנגעבױגען, דאָס קעפּעלע אױף א זײט, די ליפּעלעך צענױפגענומען, און א קוק טהון אױף איהם פון פאָרענט, װעט איהר דערזעהען א מגוש׳דיג פּנים מיט קלײנע אױגעלעך —אַלבערט שטשופּאַק מיט די בײנער!

נו, װי אזױ האָט מען פײנד אזא מענשען?

קאַפּיטעל 16

האָצמאַך שרײבט אַ בריעף

— הער נור, דו, פאַנסקיצאָפּ! דו

לערנסט דאָך אין חדר, קעהרסט דו דאָך אודאי קאָנען גוט שרייבען ? ברענג נור אריין אהער צו א טינט און פעדער, א בויגעלע פּאַפּיער מיט א קאָנווערט... און א מארקע פאר זיבען קאָפּיקעס !

אזוי האָט זיך אָנגערופען האָצמאַך צו זיין יונגען גוטען פריינד לייבעל איינמאָל אין א שענעם פריהמאָרגען, פּוצענדיג די שטיוועל פאר אלע אקטיאָרען אין טהעאטער.

אין עטליכע מינוט ארום זענען די אלע אויסגערעכענטע זאכען געווען אין דער סטאדאָלע, דאָס הייסט, אין טהעאטער, אויף יענער זייט פאָרהאנג, אונטער די קוליסען.

אויף איין איבערגעקעהרטען קאסטען ביי א דרייפּיסיג טישעל איז געזעסען ראפאלאָוויטשעס זוהנדעל, לייבעל, און געשריעבען א בריעף. אקעגען איהם, אויף דער ערד, האָט זיך צעלייגט האָצמאַך מיט א פּאַפּיראָס אין די צייהן, אָפּגעלייגט די שטיוועל פּוצען אויף א זייט, אונטערגעהוסט און ברייטליך דיקטירט :

— שרייב אזוי, נשמה מיינע :

„צו מיין ליעבע טהייערע מוטער שרה־ברכה לעב וואָהל ! און צו מיין ליעבען טהייערען פעטער זלמן לעב וואָהל ! און צו מיין ליעבע טהייערע שוועסטער זלאטקע לעב וואָהל ! און צו אלע מיינע ליעבע און געטרייהע פריינד לעבט וואָהל !“

— פארטיג, ליובעניו ? פאָהר ווייטער !

„ערשטען קום איך דיר צו מעלדען פון מיין וואָהל בעפונדען, אז איך בין, ברוך־השם, פאָלקאָם געזונד, ווי איך ווינש אייך פון טיעפען הערצען אימער און שטענדיג צו יעדער צייט פון אייך צו הערען — אָמן“.

— האָסט דו געשטעלט, קאָטעקעל, דאָס וואָרט אָמן ? האָב איך דיך ליעב. רייב ווייטער :

„און צווייטענס קום איך דיר צו מעלדען, מיין ליעבע טהייערע מוטער, אז מיר געפינען זיך אין באססעראביע, א לאנד פון פּאַפּעשועס, מאמעליגע און גראָבע ווייבער, און מיר שפּיעלען אלע נאכט טהעאטער, און איך קום דיר צו מעלדען, אז איך שפּיעל שוין די ערשטע ראָלען און פון נאָך יום־טוב הויבען מיר אָן צו ארבייטען אויף מארקעס, חלקים הייסט עס. דערווייל ארבייט איך אויף גאזש, דאָס הייסט, איך בעקום אויף דער וואָך, דאָס הייסט, אלע וואָך קריעג איך בעצאָהלט. ניט אזוי פיעל, אז דער קאָפּ זאָל הארט ווערען, נאָר, דאנקען גאָט, אבי נישט געארבייט אומזיסט. איך וויים, אז לויט מיין ארבייט בין איך ווערטה א סך מעהר, און וואָלט אפשר בעקומען מעהר, איז פארהאן ביי אונז איינער א ממזר, שלום־מאיר רופט מען איהם, א שלום־מאיר פון גאָט, ער וואָלט דיר געמעגט זיין די כפרה פאר דיר און פאר מיר און פאר זלאטקען. דאָס איז א הונד, וואס עסט אליין מכות און לאָזט דעם אנדערען אויך ניט. און איך שיק דיר א דרייערעל, און איך בעט דיך, מיין ליעבע מוטער, זאָלסט קיין פאריבעל ניט האָבען, וואס ניט קיין דריי הונדערט : דאָס איז אינגאנצען, וואס איך פארמאָג, און מאך דיר עפּים אויף יום־טוב, וואָס דו דארפסט, און זלאטקען שיק זאָלסט דו קויפען למען השם גאָר אָהן א שום תירוץ, און זאָלסט זאָגען דער פעטער זלמן, לאָז ער מיר ניט דרעהען א מח וועגען פּריזיוו, איך האָב איהם אין דער ערד ! איך בין שוין מיט'ן פּריזיוו בעוואָהרענט פון לאנג. דאָס האָב איך איהם צו פערדאנקען, דעם פעטער

זלמנ'ען טאקי... און איך בעט דיך, מיין ליעבע מוטער, אז דו וועסט מיר שרייבען א בריעף, זאל מיר אלי דער מלמד פאר איין וועגס שרייבען, ווען האב איך יאהר־צייט. פאר א יאהרען איז אויסגעקומען אקוראט דעם דריטען טאג חול־המועד סוכות. און שרייב מיר צי ביזט דו נאך אויף דער אלטער שטעלע, און למען־השם זלאטקען שיך, און מעהר קיין נייעס האב איך דיר ניט וואס צו שרייבען, און זיי געזונד, מיין ליעבע מוטער, פון מיר דיין זוהן, וואס ווינשט דיר פיעל גוטס און גליק אויף אימער און שטענדיג צו יעדער צייט פון דיר צו הערען — אמן".

— איצט, פעמפיק, לאז מיך, געב אהער די פעדער, וועל איך לייגען דעם טאטען.

און האצמאך האט פערקאטשעט איין ארבעל פון דער רעכטער האנד ביז'ן עלענבויגען און האט זיך גענומען צו דער ארבייט, און האט אוועקגעשטעלט עטליכע קאטשערעס מיט עטליכע לאפעטעס, און האט א פרעג געטהאן ביי זיין קאררעספאנדענט, ביי לייבלען:

— מאכט דאס ניט הערש בער האלצמאן?

לייבעל האט זיך שטארק איינגעקוקט אין די דאזיגע הערא גליפען און האט לאנג געזוכט און האט נישט געקאנט געפינען ניט קיין הערש, ניט קיין בער און ניט קיין שום אנדער חיה.

— מיין טהייערער פיפערנאטער! וואס קוקסט דו זיך אזוי צו? — האט זיך אנגערופען האצמאך צו זיין יונגען פריינד, צו לייבלען, און גענומען זיך צוריק צו דער פריהעריגער ארבייט — דיא שטיוועל פוצען. — ווי איך זעה, איז, א פנים, דיר געפעלען מיין האנדשריפט? דאס האב איך מיך אליין אויסגעלערענט, נארעלע. אליין פון מיין קאפ. אלסדינג, וואס איך קאן, איז אליין פון זיך. מיר זאגען אלע, אז איך וואלט געהאט זעהר א שענע האנד צום שרייבען, ווען מע זאל מיר נור געוועזן לערנען. נאר וואו? אז איך בין אזוי יונג געבליבען א יתום, און מיין מאמע האט זיך געשטעלט דיענען, און מיך האט צוגענומען דער פעטער זלמן צו זיך אין דער ארבייט. ער איז א שניידער, א לאטוטניק, א וויסטע קאליקע, נאר שלאגען שלאגט ער זיך דוקא ווי א גוטער בעל־מלאכה. האט ער מיר איינמאל, ביי'ם טיש זיצענדיג, גענעבען אנצוהערעניש מיט א פרעסעל גלייך אין הארצען אריין. הוסט איך דאס פון דעמאלט אן... האט מיך די מאמע אפגענומען פון'ם פעטער דעם רוצח און אוועקגעגעבען מיך צו א'ן אנדער קאליקע. האב איך אבער נישט געקאנט זיצען ביי דער ארבייט איבער'ן פרעסעל, וואס דער פעטער האט מיך מכבד געוועזן. איז זיך מיישב די מאמע און בעשטעלט מיך גאר פאר א בעהעלפער ביי א דרדקי־מלמד, וואשען קליינע קינדערלעך, זאגען מיט זיי מודה־אני, טראגען זיי דעם אנבייסען אין חדר אריין. מילא, טראגען אנבייסענס איז דוקא נישקשה פון א שטיקעל ארבייט: מע קאן חאפען א נאש, א לעק, א שמעק. איז אבער דער חסרון, וואס, מע דארף זיך מטריח זיין טראגען די קינדער אויף דיא פלייצעס, אז ס'א בלאטע, וואו זשע נעמט מען דערצו כח? העלפט גאט, עס פאהרט אראפ אין אונזער שטאדט א יודיש טהעאטער. יודיש טהעאטער — סטייטש? די גאנצע וועלט לויפט אין טהעאטער, און איך וועל זיצען אין דער היים? חאפ איך זיך אריין אהינצו מסתמא אזוי, אהן א בילעט. דארף זיך טרעפען אויף מיין גליק,

אז דעם דירעקטאָר, שטשופאקען טאקי, פארגלוסט זיך דורכגעהן דורך די ביינק, הייסט עס, קאָנטראָלירען די בילעטען. חאפט ער מיך מסתמא און דרעהט מיר אָן גאנץ גוט אנ'אויהער און ווארפט מיך ארויס אין דרויסען. וואָלט דאָס אפּ־שר נאָך ניט געווען אזא גוואלד, ווען ער זאָל ניט אראָפּרייסען ביי מיר דאָס הימעל. ווי אזוי קאָן איך קומען אהיים אָהן א היטעל? די מאמע וועט דערצעהלען דעם פעטער, וועט מיך דער גזלן טוידטען! האָב איך אָפּגעווארט גאנץ פיין אין דרויסען אויף'ן פראָסט, ביז דער עולם איז זיך צעגאַנגען אהיים, בין איך צוגעפאלען צום דירעקטאָר, צו שטשופאקען הייסט עס, געוויינט, גע'חלש'ט, געקושט איהם די הענד, ער זאָל מיר אָפּגעבען דאָס היטעל, דערצעהלט איהם דעם גאנצען אמת, אז איך בין סך־הכל א יונגעל א יתום און האָב א פעטער א רוצח.. הערט ער מיך אויס, שטשופאק הייסט עס, בעטראכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס מיט זיינע קליינע אויגעלעך, זיי זאָלען איהם ארויס אויף יענער זייט, און מאכט צו מיר: „ביזט א יתום, זאָגט ער, און האָסט ניט וואו צו זיין? אפשר וואָלסט דו, זאָגט ער, אריינגעטראָטען צו מיר אין טהעאטער? איך וועל דיך מאכען, זאָגט ער, פאר אן אקטיאָר“...

קאפיטעל 17.

חדושים וויא מען ווערט א קאָמיקער

האָצמאך האָט זיך פערהוסט. ער רייסט איבער אויף א ווייլע דאָס שטיוועל פוצען, פערדרויכערט א פאפיראָס, פערציהט זיך עטליכע מאָל און נעמט זיך דערצעהלען פאר זיין יונגען פריינד חדושים, ווי אזוי ער איז געוואָרען איין אקטיאָר.

— מיינסט אודאי, חכם בלילה, אז די מאמע איז געווען צופריעדען, וואָס איך האָב בעקומען אזא שטעלע? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. און נישט אזוי די מאמע, ווי דער פעטער זלמן. „פאָהרט ער אוועק מיט די אקטיאָרען, אזוי הערט ער אויף צו זאָגען קדיש, אָט דער גנב!“... אזוי האָט דער פעטער געוואָלט איינרעדען דער מאמע. נאָר ווער מיר פעטער? וואָס מיר קדיש? אז איך בין פּלוצים אזוי געהויכט געוואָרען? מאָהל דיר, קיין האָניג האָב איך די ערשטע צייט נישט געלעקט. שטשופאק האָט גענומען לערנען מיט מיר בלק גאָר אויף איין אנדער מין אופן. קודם האָט ער מיך מכבד געווען מיט עטליכע כפלשמונה'דיגע פעטש פאר די שטיוועל פוצען. „אָט אזוי, זאָגט ער, פוצט מען שטיוועל?“ און נעמט אוועק ביי מיר דאָס בערשטעל פון די הענד און ווייזט מיר, ווי אזוי א שטיוועל האָט ליעב, מע זאָל איהם פוצען. נאָכדעם האָט ער גענומען מיך טרייבען, ווי א גוטען הונד, שאפען מיט מיר אזעלכע גענג, וואָס מע בעדארף

אָבען א קאָפּ פון א מיניסטער, מע זאָל אומעדום קאָנען זיין און אלסדינג קאָנען טה:ן. און טאָמער עפּיס ניט אזוי, איז באלד געפאטשט. אָט אזא טבע האָט דער דאָזיגער יוד, די הענטעלעך זאָלען איהם אָפּדארען! עס געהט אוועק א ה־דש און צוויי און דריי און פיער — איך קוק נישט אָן די ביהנע. גוואלד, וואָס וועט זיין דער תכלית? דערויף האָב איך מיך מפקיר געווען?... פרעגען איהם, ווען וועל איך מיך זעהען מיט דער ביהנע — האָב איך מורא פאר פעטש. קלאָגען זיך פאר די אקטיאָרען, איז דאָ א ממזר שלום־מאיר, וואָס טראָגט איהם אָפּ אלסדינג אין די אויהרען אריין, א חלירע זאָל קומען אויף זיי ביי־

דען! בקצור, עס העלפט נישט, מע מוז א ביסעל צו דארען, איינגעדארט זאָל ער ווערען, שטשופּאַקען מיין איך דאָס! איך וואַרט א יאָהר, איך וואַרט צוויי — איך האָב מיך אָבער דערוואַרט. עס האָט זיך געטראָפען א מעשה. ס'איז געשעהען א נס מן השמים.

און האָצמאַך פערהוסט זיך אויף לאנג און שילט דעם הוסט מיט טוידטע קללות: „א חלירע זאָל קומען אויף מיין הוסט! א מיתה משונה! א פּאָהיבעל!“...

אפּגעפּארטיגט זיך מיט'ן הוסט און מיט די קללות, אָטהעמט ער אָפּ, פערציהט זיך נאָך עטליכע מאָל מיט'ן פּאַפּיראָס, נעמט זיך צו די בערשטלעך און דערצעהלט ווייטער:

— געווען ביי אונז איינער א'ן אקטיאָר, א ליובאָווניק, אוכוואטעווקער האָט מען איהם גערופען, א טהייערער, א זעלטענער ליובאָווניק, געשפּיעלט די שטארקסטע ראָלען און א שארלאטאן — הגדול הגבור והנורא! א יונגאטש געווען א שענער, א געזונטער, מיט פּלייצעס, מיט ביינער. א געמבע האָט ער געהאט אן אייזערנע, אן אמת גאָרגעלשטימע. און א צינגעל האָט דאָס געהאט, און דייטש האָט דאָס גערעדט — שוין איין מאָל א ליובאָווניק! וואָס טהוט גאָט? נעמט מסתמא אָט דער אוכוואטקעווער און ליינט זיך אוועק אויף קאטאָווען קראַנק און חאפּט א שטארב אוועק שוין דוקא אויף דער רעכטער אמת. מילא געשטאָרבען — געשטאָרבען. ברוך דיין אמת. וואָס זשע טהוט מען אָבער אָהן א ליובאָווניק? אפּישען זענען שוין צעקלעפּט, די קאססע לייזט געלד, מע רייסט בילעטען טאקי נור ווי אויף צו להכעיס. מיין שטשופּאַק — אָט—אָט נעמט ער איין א מיתה משונה. „האָצמאַך, — מאַכט ער צו מיר, — וועסט קאָנען שפּיעלען א ליובאָווניק?“ „אָך, — זאָג איך, — פאַר וואָס ניט?“ און האָב גענומען איינשטודירען מיין ראָל. געשפּיעלט האָט מען זעהר אן ערנסטע שטיק: „דאָרא, אָדער דער רייכער בעטלער פון שעקספּיר, אויסגעבעסערט און אויפגעפיהרט פון מיר אלבערט שטשופּאַק“. אזוי טאקי איז געשטאַנען אויף די אפּישען. אז ס'איז געקומען צו שפּיעלען, האָט מען מיך גאַנ'ץ פיין פארגראַמירט און ארויסגעלאָזט אויף דער ביהנע, אלס ליובאָווניק, אָן אויסגעצוואָגענעם, אן אויסגעפּוצטען „רודאָלף“, מיט אָנגעפּארבטע בעקלעך און מיט שווארצע וואָנסילעך, און א פּידזשאק האָט מען מיר אָנגעטהאָן א נייעם, און הויזען נייע, שטיוועל א פּאָר, גאַנצע שטיוועל, — איך זאָג דיר א „רודאָלף“, אויף מיר אזא יאָהר! און וואָס זאָל איך דיר לאנג ברייען, מיין טהייער שפּיעלפויגעל? ווייסט דער רוח דאָס פּובליקום! פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב מיך באוויזען אויף דער סצענע, איך האָב נאָך קיין מויל ניט אויפגעעפענט, — אז מע האָט אָנגעהויבען צו לאכען, לאכט מען נאָך! און ווער שמועסט, אז איך בין צוגעגאנגען צו דער פּרימאַדאָנא, צו דאָרא'ן הייסט עס, און האָב אָנגעהויבען ווארפען א קאנטשיק, דאָס הייסט, שפּיעלען מיין ראָל, אָנגענומען זי פאר א האנד און א זאָג געטהאָן צו איהר אויף טיעפדייטש, פּונקט אזוי ווי אוכוואטקעווער עליו השאָלעכץ: „אָ! ליעבעם קינד! מיר מוזען הייראטהען, דענן נאָך דער האָכצייט איז די ליעבע פיעל שטארקער אלס פאר דער האָכצייט!“... איז געווארען אן איינלייגעניץ אפשר אויף א האלבע שעה, איך האָב

געמיינט, מע וועט צעטראָגען דאָס טהעאַטער! וואָס שטאַרקער איך האָב געשפּילט מיין ראָל, אַלץ גרעסער איז געווען דאָס געלעכטער. טאַקי נור דער שלאַק האָט זיך אין זיי אַריינגעכאַפּט!...

בקצור, קוים דערלעבט, דער פאָרהאַנג האָט געגעבען אַ פאַל אַרונטער, האָב איך מיך, אַ פערשוויצטער, געלאָזט געהן וואו די אויגען טראָגען, קוים געפלאָנטעט מיט די פיס, נישט געזעהען פאַר זיך די וועלט, נאָר דערפיהלט האָב איך, אַז איך בין ביי שטשופּאַקען אין די הענד און דערהערט, אַז עס פליהען פּעטש, ווי האָלץ: „ממזר! פאַר וואָס האָסט דו מיר ניט געזאָגט פריהער, אַז דו ביזט אַ קאָמיקער?!“... זאָל איך אַזוי ווייסען פון איהם און ער זאָל אַזוי ווייסען פון זיין מגושמ׳דיג פּנים, רבונו של עולם, אויב איך האָב אפילו נאָך אָנגעהויבען צו ווייסען, וואָס הייסט דאָס — אַ קאָמיקער! און אָט אַזוי איז ביי מיר פון דעמאָלט אָן אַוועק אַ גאַנג, און איך האָב אָנגעהויבען צו וואַרפען קאַנטשיקעס, דאָס הייסט, איך האָב אָנגעהויבען צו שפּיעלען די גרעסטע קאָמישע ראָלען, פריהער „שמענדריק“, דערנאָך „ציגנגיטאַנג“, דערנאָך „קוני־לעמעל“, דערנאָך נח דעם שכור אין „דוד׳ס פיעדעלע“, און אפילו „פּפּוס“ אין „בר־כוכבא“ אויך. און אפילו דעם טעם פון „זעליקעל מנגן“ אין לאַטיינער׳ס בליהמעלע האָב איך שוין אויך אַ מאָל פאַרזוכט. איך, אַז איך געב מיך נור אַ שטעל אַוועק מיט אַ מזל־טוב: „חתן־כלה, מזל־טוב! אָט וועל איך אייך מאַכען אָן איבעראַשעניז, אַ אינקוויזיציע, אַ קאָמפּעדריציע, דאָלעלע— לעמאָלע! סילעלע — לעמאָלע! “ — פאַלט מען אויף די בייכער און מע שטאַרבט אַוועק!... און ווער שמועסט, אַז איך טרעט אַרויס אין אַ צעריסענער קאַפּאָטעל און טאַנץ אַ „חסיד׳על“:

יאָך בין מיר אַ חסיד׳על,
אַ לוסטיגע בריאָה,
יאָך בין מיר אַ חסיד׳על,
גאָר אָהן אַ פּניה;
יאָך בין מיר אַ חסיד׳על,
אַ חסידאַק—
און איך זינג מיר:
האָפּ־טשיק־טשאַק! —

דעמאָלט ווערד דאָס גאַנצע טהעאַטער פאַר מיר די כפּרה. איך בעדאַרף מיך פאַר אַזאַ וועוורוק, ווי דו, נישט אַרויסשטעלען. נאָר איך מעג מיך באַריהמען, אַז האָצמאַך האָט, דאַנקען גאָט, אַ נאָמען. דער חסרון נור, וואָס מע לאָזט מיך ניט אַלע נאַכט אויף דער ביהנע. און ווער, מיינסט דו? שטשופּאַק! אַ ביטערער יונג, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען! ער גיט נישט קיין ראָלען, געבען זאָל איהם גאָט קרענק אויף אַ גאַנץ ווינטער! די בעסטע ראָלען נעמט ער זיך, וואָרום טאָמער פּאַטשט מען בראַוואָ חלילה עמיצען אַנדערש, ניט איהם, באַקומט ער די נכפּה. אָט אַזאַ פּרא־אָדם איז דאָס... אַזוי לאַנג קרענקט ער, ווי לאַנג איך וואָלט איהם געפּוצט שטיוועל! נאָר האָב קיין מורא ניט — ס׳איז אַלס־דינג ביז אַ צייט. אים ירצה שם נאָך יום־טוב מאַכען מיר אַלע אַקטיאָרען יד־אחת — אַרבייטען אויף מאַרקעס, חלקים הייסט עס. אַלאָ ניט — שלאָגען מיר מיט איהם כפּרות און מאַכען זיך אַליין אַ בעזונדערע קאָמפּאַניע. מיר וואָלטען שוין לאַנג דאָס געטהאָן, ווען ניט אָט דער ממזר שלום־מאיר, ימח שמו וזכרו, וואָס לאָזט מיך אַ קאָפּ ניט אויפהויבען! ער קאָן נישט ליידען, למאי די פּרימאַדאָנע אונזערע איז צו מיר גוט און איהם קאָן זי דעם פּרצוף

ניט אָנקוקען, א רוח אין זיין טאַטענס מאַמען אריין! ער וויל מיר פארדרעהען דעם קאָפּ מיט זיין שוועסטער עטיל־דבורה, איך זאָל מיט איהר חתונה האָבען. א ניט דערהארען וועט ער, איך זאָל חאַסלירע האָבען מיט אזא חלירע — טפוי!...

אזוי לאָזט אוים האָצמאַך זיין ביאָגראפיע מיט א שפּיי אויף'ן בערשטעל און נעמט זיך רייבען די שטיוועל מיט אלע כחות.

קאַפּיטעל 18

לייבעל בעווייזט וואָס ער קאָן

לייבלען איז האָצמאַך'ס ביאָגראפיע אָהן איין ערך געפעלען. און נישט נור האָצמאַכ'ס ביאָגראפיע אליין, נאָר אלס־דינג, וואָס ער האָט דאָ דורך דער גאַנצער צייט געזעהען און געהערט, און אלץ, וואָס האָט א שייכות צום טהעאַטער, איז ביי אונזער יונגען העלד געווען טהייער און הייליג.

געזעהען זיך מיט האָצמאַכען האָט אונזער יונגער העלד גאַנץ אפּטליך, עטליכע מאָל א טאָג. געקומען פון חדר אהיים עסען, איז לייבעל'ס ארבייט געווען קודם געבען א קוק אריין אין דער סטאַדאָלע, וואָס הערט זיך דאָרטען. אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה — אריינגעחאַפּט זיך אין דער סטאַדאָלע און געבראַכט צו טראָגען אין קעשעני האָצמאַכען עפּים אויף צו קייען, און האָצמאַך געפינט זיך דאָך אין דער סטאַדאָלע שטענדיג. דאָרט לעבט ער, דאָרט עסט ער, דאָרט שלאָפט ער.

— א טהעאַטער טאָר מען נישט לאָזען אליין. אין א טהעאַטער בעדאַרף זיך תמיד עמיצער געפינען. א קלייניגקייט —דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, פּאַריקען!

און אויסער מיר וועט דאָך שטשופּאַק זיין פארמעגען נישט געטרויען קיינעם.

אזוי בעריהמט זיך האָצמאַך פאר זיין יונגען פריינד, פאר לייבלען, און וואָס ווייטער ווערד די גוטפריינדשאַפט פון די צוויי אלץ נעהענטער און שטאַרקער. האָצמאַך האָט געפונען פאר ווענען א ביסעל אויסצורעדען זיך, אויסגיסען זיין ביטער הארץ. איהם איז געפעלען אָט דער דאָזיגער „פּעמפּיק" (לייבעל) מיט זיינע שענע, מילדע, גוטע, ערנסטע אויגען. אויסער דעם, וואָס ער טראָגט איהם אונטער אלע מאָל גוטע זאכען פון'ם טיש און האַלט איהם אוים מיט פּאַפּיראָסען.

— שווער און ביטער, מיין טהייער שפּיעלפויגעל — אזוי בעקלאָגט זיך האָצמאַך פאר זיין יונגען פריינד, — קומט אָן דאָס שטיקעל ברויט, אז מע בעדאַרף זיין אן אַקטיאָר א קאָמיקער ביי אָט אזעלכע לייט, ווי שטשופּאַק, מע זאָל זיי געדיכט זייהען און שיטער אויפגעהען. אָפּגעשניטענע יאָהר האָבען מיר פון אָט דעם פּעזעווניק מיט די גרויסע בארליאַנטען, פארשטעהרט זאָלען זיי איהם, רבונו של עולם, ווערען!

האָצמאַך פערהוסט זיך און רעדט ווייטער:

— מאָהל דיר, ער האָט פון אונז אויך קאַלט און ווארעמס. אלע מאָנטאַג און דאָנערשטאַג ווארפען מיר איהם דעם גט פאר די פּים און סטראַשען איהם, אז מיר ווארפען איהם אוועק און מאַכען אליין א טהעאַטער, און ווען ניט זיין פליגעל אדיוטאַנט, אָט דער שלום־מאיר, ס'זאָל אויף איהם קומען א שטילע קרענק, וואָלטען מיר דאָס שוין לאַנג אויסגעפיהרט. נאָר חאַפּט זיי ביידען דער וואַטענמאַכער! אבי איך וויים מיר מיינס, אז איך בין מיט גאָט'ס הילף

א יודישער אַקטיאָר, חאָטש אפילו א קאָמיקער.

האַצמאַך מאַכט זעהר איין ערנסטע מינע און זעהט אויס נאָך מעהר „קאָמיקער", ווי ער איז. לייבעל קוקט אויף איהם מיט גרויס רעספּעקט, און האַצמאַך דער קאָמיקער רעדט ווייטער:

— אז עס קומט, הערסט דו, דער אויפדערנאַכט און מע טרעט נור אויף אויף דער ביהנע, אזוי ווערען פערשוואונדען אַלע צרות מיט אַלע יסורים, ווי מיט'ן רויך. אויף דער ביהנע בין איך גאר אַן אנדער מענטש. וואס מיר שטשופּאַק? ווער מיר שלום־מאיר? איך האָב זיי אין דער ערד מיט די ביינער! בין איך אויף דער ביהנע, זעה איך קיינעם נישט פאר מיינע אויגען. איך זעה נור לעמפּלעך זעה איך, און מענטשישע קעפּ זעה איך, ליסענעס, קאַפּעליושען, היטעלעך און היטלען, און ווייטער גאר נישט. ווער איז צו מיר דעמאָלט גלייך? דיין טאַטע מיט'ן גרויסען טרעלבויך! אנו, לאָז ער מיר, כדומה למשל נאַפּרימער, אוועקגעבען אַט די סטאַדאָלע מיט דעם גאַנצען הויף מיט זיין גאַנץ עשירות אַרום און אַרום, און לאָז ער מיר זאָגען, אשטייגער, איך זאָל איהם אָפּטרעטען די ביהנע אויף איין נאַכט — פּשעפּראַשאַם פּאַנאַ!

אַט אזוי בעריהמט זיך האַצמאַך פאר זיין יונגען פריינד, פאר לייבלען, און זיין יונגער פריינד לייבעל קוקט איהם אין די אויגען אריין און שלינגט, שלינגט איטליכעס וואָרט.

און האַצמאַך הערט ניט אויף צו בעריהמען זיך:

— אָדער, א שטייגער כדומה נאַפּשיקלאַד, לאָז מען מיר אָנשיטען אַט די שטאָל מיט גאָלד און צוגעבען מיר נאָך די בת־מלכּה פאר א ווייב, איך זאָל אוועקוואַרפען דאָס קאָמיקערייַ און געהן דיענען ערגיץ אין א קלייט, אָדער בעשטעלען זיך פאר א בעל־מלאכה, וועל איך יענעם אָנחראַקען א פולען פּנים! הערסט דו, פעמפּיק? ביזט נאָך גאר א געוויקעל, מיין טהייער שפּיעלפויגעל, און דו ווייסט גאָרניט, וואָס פאר א יצר־הרע דאָס טהעאַטער איז, ווי עס ציהט, ציהט, ווי א מאַגניט, צו אַלדע שווארצע יאָהר!

— פונקט דאָס אייגענע, וואָס מיט מיר! — חאַפּט זיך אַרויס לייבעל דעמאָלט, ווען האַצמאַך פערררויכערט א פּאַפּיראָס, און ער איז זיך מודה פאר זיין פריינד האַצמאַך, אז איהם ציהט אויך דאָס טהעאַטער, שוין פון לאַנג ציהט דאָס איהם, פון זינט ער איז צו זיין שכל געקומען. נאָך דעמאָלט, ווען ער האָט נאָך גאָרניט געוואוסט אפילו, צי ס'איז פאַרהאַן ערגיץ א טהעאַטער אויף דער וועלט, האָט ער שוין מיט זיינע חברים אין חדר געשפּיעלט טהעאַטער־שטיק: „מכירת יוסף", „יציאת מצרים", „אויפ'ן באַרג סיני", וכדומה אזעלכע זאַכען פון חומש", וואָס זיי אַליין טאַקי אין חדר האָבען צוגעטראַכט. און לייבעל גיט איהם איבער, וויא אזוי מען שפּיעלט ביי זיי אין חדר:

— איך קום אריין, א שטייגער, צו פּרעה מלך מצרים אין פּאַלאַץ אריין, שטעל מיך אוועק פאר איהם אַט אזוי און רוף מיך אָן צו איהם (לייבעל לייגט צענויף די הענד אויפ'ן הארצען און רעדט פריהער שטיל, דערנאָך העכער און העכער, מיט אַלץ מעהר פייער): „מיין נאָמען איז משה בן עמרם... איך בין געשיקט געוואָרען צו דיר, אדוני קעניג, פונ'ם יודישען גאָט, דער גאָט פון אברהם, יצחק ויעקב, וואָס זיין נאָמען איז אהיה אשר אהיה, אז דוא זאָלסט

ארויסלאָזען זייגע יודעלעך פון דיין לאַנד, פון מצרים. ביז וואַנעט איז דער שיעור וואָס האָסט דו צו זיי? וואָס פייניגסט דו זייערע לייבער?! וואָס קוילעסט דו זייערע קינדער און באָדסט זיך אין זייער בלוט, דו רשע מרושע! דו רוצח!! דו גזלן!!?? ווייסט דו, מיט וועמען דו שפּיעלסט זיך? (לייבעל הויבט אויף דיא האַנד.) אַט הויב איך אויף מיין רעכטע האַנד צום הימעל און בעוויין דיר, וואָס איך קאָן!"...

לייבעל'ס אויגען צינדען זיך אָן מיט פייער, די בעקלעך פלאַמען, דאָס פּנים שיינט, און האַצמאַך ווערד נתפּעל און שלאָגט איהם איבער אינמיטען:

— א שטאַרקע ראָל! — שרייעט אויס האַצמאַך · און האַפּט זיין יונגען פריינד פאַר די אַכסלען און הויבט איהם אָן צו טרייסלען. — א שטאַרקע ראָל! זאָל איך איינגעמען א מיתה־משונה, ווען עמיצער וועט זאָגען אויף דיר, אז דו ביזט ניט קיין אַקטיאָר! אַנ'אמתער אַקטיאָר, ווי איך בין א יוד, א געבוירענער אַקטיאָר פון דער ביהנע! ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען, פּעמפּיק?...

האַצמאַך קאָן ניט רעדען ווייטער. עס שטיקט איהם דער הוסט. אָנגעחאַפּט מיט ביידע הענד פאַר א קלאָץ, האָט ער זיך פריהער גאַנץ גוט אויסגעהוסט און אויסגעשאָלטען זיך אויף אלע זייטען:

— א פּאַהיבעל זאָל קומען אויף מיין הוסט, רבונו של עולם! ער זאָל אריבערגעהן אינאיינעם מיט מיין קורצען אָטהעם אויף שלום־מאיר'ען מיט זיין שוועסטער דער חלירע, און דאָס שטעכען וואָס עס שטעכט מיך אין א זייט שענק איך אוועק שטשופּאַקען אויף יום־טוב...

אָפּגעאָטהעמט און אָפּגעבריהט זיך פּת'ס הוסטען, ווערד האַצמאַך וויעדער לעבעדיג און פאַלט אריין אין פריהעריגען טאָן אריין:

— ווייסט דו, פּעמפּיק, וואָס איך וועל דיר זאָגען?

לייבעל קוקט איהם אין דיא אויגען, וואָס וועט איהם האַצמאַך זאָגען?

— אַט וואָס איך וועל דיר זאָגען, מיין טהייער שפּיעלפויגעל. איך אויף דיין אָרט וואָלט גאָר א שפּיי געטהאָן אויף אַלסדינג. דעם טאַטען מיט דיא גראָבע פּיסקעס וואָלט איך אָפּגעשיקט אין חדר אריין, לאָז ער בעסער דאָרטען קוועטשען דיא באַנק. דער בייביגער גמרא וואָלט איך געבען דעם וועג. דעם רבי'ן דעם חזן וואָלט איך געהייסען זינגען „ומפני חטאינו“, און אליין וואָלט איך...

דאָ קומען אָן חברה אַקטיאָרען מאַכען פּראָבען און מע שלאָגט זיי איבער דעם שמועס אין דער רעכטער מיט.

קאַפּיטעל 19.

אַנ'אויג וואָס קוקט

קיין מאָל וואָלט מען ביי דיא ראַפּאַלאָוויטשעס אין שטוב נישט ארומגעקוקט זיך, אז עס טאָגט אין די פּאַפּיראָסען און אז עמיצער טראָגט ארויס פון שטוב גאַנצע שטיקער פּוטערגעבעקס און אז עס סטייעט ניט אַלע מאָל קיין צוקער פון דער פּושקע, ווען נישט דיא אַלטע מאַמע, וואָס שאָקעלט מיט'ן קאָפּ „ניין־ניין“, מיט איהר שאַרף אויג, וואָס קוקט און זעהט פאַר א מייל. די דאָזיגע אַלטע האָט בעמערקט שוין פון א צייט, אז אין שטוב זיצט ערגיץ א גנב, האָט זיא גענומען נאָכקוקען, נאָכשפּירען, נאָכזעהען, און ס'איז איהר, דאַנקען גאָט, אָפּגעגאָלטען. זי ווייסט שוין, וועמענס ארבייט עס איז. „דאָס איז דער קליינער ימח־שמו'ניק, לייבעל!“...

איין זאַך איז איהר נור קשה: „אויף וואָס דאַרף עס א יונגעלע פּוטערגע־בעקס, צוקער און פּאַפּיראָסען? און וואוהין טראָגט ער עס? שוין זשע אין חדר אריין? וועמען? די חברים? אָדער אפשר טאקי דעם רבי'ן אליין"... און דיא אלטע האָט גענומען נאָכשפּירען און האָט בעמערקט, אז גאַנץ פריה, ווען אלע שלאָפען נאָך, כאַפּט ער זיך אויף, דער כל־בו'ניק, פערקנייטשט דאָס דאַוונען און ווערד פערשוואונדען... „וואוהין? וואָס האָט א בחור'על צו טהון אזוי פריה אין חדר, אז דער רבי שלאָפט נאָך?"...

און דיא אלטע מאַכט זיך כלא, זיצט כלומרשט איבער א גראָבען קרבן־מנחה, דאַוונט שטילערהייד און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ „ניין־ניין", און דאָס אויג קוקט און זעהט אלסדינג... און וויבאַלד לייבעל כאַפּט זיך נור ארויס פון שטוב, אזוי איז די אלטע באָבע איהם שוין פון הינטען, און זי קוקט איהם נאָך פון'ם גאַניק און זיא זעהט, וויא ער האָט זיך אריינגעכאַפּט אין דער סטאַדאָלע. „וואָס האָט ער, א שטייגער, צו טהון, אזא יונגער צאַצעק, אין דער סטאָדאָלע?"...

אויף מאָרגען דיא אייגענע געשיכטע. די אלטע רוהט ניט. דאָס אויג קוקט, דאָס הארץ קאָכט, דער קאָפּ שאָקעלט „ניין־ניין" און דער מח ארבייט. געלויבט איז גאָט — זי ווייסט שוין אלעם: „דער כל־בו'ניק האָט זיך צענויפגע'חבר'ט מיט איינעם פון די „פּורים־שפּיעלער", וואָס נעכטיגט אין דער סטאַדאָלע — א שענע קאָמפּאַניע, נאַקעטע, באָרוויסע און הונגעריגע הינטשלעגערס, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאר די רעד!"...

איצט בלייבט איבער מעהר ניט איין זאַך: „וואָס מהוט מען ווייטער? זאָגען דעם עכבראָש — למאי טראָגסט דו? וואוהין קריכסט דו? — וועט ער זי מסתמא באַלד האָרכען! הייניטיגע קינדער — ניט געדאַכט זאָלען זיי ווערען!

— זיי ווייסען דענן, אז מע בעדאַרף אָפּגעבען כבוד אַן'אלטע מאַמע, וואָס איז שוין קרוב צו אכציג? וואָס זשע דענן טהוט מען? זאָגען דער שנור? משטיינס געזאָגט,ביילקע, אויך מיר א מאַמע! כלומרשט א גוטע זעל, א ווייכינקע נשמה'לע... נאָר וואָס טויג מיר איהר ווייכקייט, וואָס נוצט מיר איהר גוטסקייט, אז דיא קינדער קריכען איהר אויפ'ן קאָפּ, טהוען וואָס זיי ווילען, וואַכסען אין שטויבער אריין! ניין־ניין. אויב זאָגען, דאַרף מען שוין זאָגען דעם זוהן, בעני'ן... בעני איז א טאַטע ביז הונדערט צוואַנציג יאָהר, און א טאַטע איז ניט קיין מאַמע. א טאַטע שרייעט אָן אויף א קינד, בייזערט זיך אויס, שענקט א מאָל א פּאַטש, אָדער ער לייגט גאָר אוועק און פיצקעט אריין, א יונגעלע זאָל ווייסען דאָס אנדערע מאָל"...

אָט אזוי האָט דיא אלטע אָפּגעקלערט ביי זיך און אָט אזוי האָט זיא טאַקי געטהאָן. און נאָך מיט א יתר־שאת. פערמסר'ען, צושטעלען א ביינקעלע — דאָס אליין איז נאָך ווינציג. מע דאַרף איהם כאַפּען, דעם גנב, ביי דער האַנד, און, פאַרקעהרט, לאָזען אלע זעהען, וויא אזוי א מאַמע א גוטע זעל באַלעוועט קינדער, צע'פטר'ט זיי, מאַכט פון זיי א תל!

קאַפּיטעל 20.

אַריינגעלאָזט אַ וואָרים

שטיל און קונציג האָט דיא אלטע אָפּגעאַרבייט איהר זאַך. אזוי קונציג, אז קיין פויגעל האָט נישט געוואוסט. בסוד־סודות, אויף דיא שפּיץ פינגער, האָט זי אָפּגעטראָגען דעם זוהן, בעני'ן, שטיל

אויפ׳ן אויהער, וואָס זיין מיזיניקעל טהוט, וואוהין ער געהט און וואָס ער טראָגט און מיט וועמען ער בעגעגענט זיך.—בעני האָט זי אויסגעהערט, אויס־געדרעהט צו איהר דאָס בעוואכסענע פּנים, א קוק געטהאָן אויף דער אלטער מאַמע מיט קעלבערנע אויגען און א זאָג געטהאָן אויף זיין לשון, קורץ און שארף:

— א קוה איז געפלויגען איבער׳ן דאך און געלייגט אן׳איי...

דאָס האָט בעדארפט בעדייטען, אז ער גלויבט ניט. בעני קאָן אזא זאך אויף זיין מיזיניק נישט גלויבען. לייבעל איז דער בעסטער, דער שטילסטער, דער געראָטענסטער פון אלע זיינע „בנים“. בעני איז ניט קיין גרויסער למדן, אָדער, ווי ער אליין זאָגט אויף זיך: נישט קיין גרויסער „יודע־נגן“, נאָר ער הערט, וואָס די וועלט זאָגט. און די וועלט זאָגט, אז זיין לייבעל וואכסט א לייט. ערשט אנומעלט האָט ער זיך בעגעגענט מיט ישראלי דעם חזן, לייבעל׳ס רבי׳ן, און האָט איהם א פרעג געטהאָן: „וואו האלט דאָרטען מיין פּידסוויניק אויפ׳ן פּאָפּאָס?... האָט ישראלי דער חזן אוועקגעלעגט א צעטעל, אז דער קאָפּ האָט זיך איהם אזש אָנגעהויבען דרעהען. דער חזן האָט איהם געזאָגט, אז אָט דאָס יונגעל איז נישט קיין געוויינטליך יונגעל, אז עס מוז פון איהם עפּיס ארויס, עפּיס אזעלכעס, עפּיס, עפּיס... דאָס איבעריגע דערמאכט שוין דער חזן מיט דיא הענד, און בעני ענדיגט שוין אליין פאַר איהם:

— א קליאמקע צו א טהיר, אָדער א פלעקעל צו־נ־א וואָגען, אָדער גאָר א נעבטיגער טאָג?...

און ביי זיך אין הארצען וואכסט בעני, ווערד ברייטער ווי לענגער, גאָט האָט איהם געבענשט מיט אזא וואוילען זוהן, אזא געראָטענעם, אויף דער עלטער!...

און ער קוקט אויף איהם און קוועלט און טראכט זיך: „וואָס קאָן פון איהם זיין? אפשר א— רב? און אפשר נאָך גרעסער פון א רב? ווער וויס, אפשר איז איהם דורך אָט דעם זוהן גאָר באשערט צו בעקומען א נאָמען אויף דער וועלט? ביז אהער האָט מען געוואוסט נור דאָ, אין האָלענעשטי, אז ס׳איז פאַרהאַן א יוד א בעל־הבית, בעני, און שפּעטער וועט פון איהם וויסען די גאנצע וועלט. פון אלדע גוטע יאָהר וועט מען צו איהם קו־מען אהער, קיין האָלענעטשי: „דאָס זענט איהר אָט דעם בעריהמטען לייב ראַפּאַלאָוויטשעס א פאָטער?“ — וועט ער זיי ענטפערען: „דער בעריהמטער לייב ראַפּאַלאָוויטש — דאָס איז מיינער א זוהן“...

אָט אזעלכע גאָלדענע חלומות חלומ׳ט בעני אויף דער וואָהר — קומט צו געהן די אלטע און „לאָזט איהם אריין א וואָ־רים“, אז אָט דער תכשיט, אָט דער אנ־טיק, איז גאָר סך־הכל א דער רוח ווייסט וואָס, א גנב, א פּראָסטער גנב! און בעני ווערד אויפגעבראכט, צערייצט, ווי א בער, און געהט ארום א גאנצען טאָג אָנגעברוגז׳ט, לאָזט אוים דעם כעס אָדער אויף די „מענשען“, אָדער אויפ׳ן ווייב, אויף ביילקען.

ביילקע קען שוין איהר בעני׳ן דורך און דורך. טהוט זי איהם א פרעג פער־ביי געהענדיג:

— וואָס איז שוין?

ענטפערט ער איהר ניט.

— דער בעל־הבית האָט איינגעשלונ־גען א קאַץ. — זאָגען אויף איהם דיא „מענשען“.

— דער טאַטע איז אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט. — זאָגען די קינדער, און אין שטוב געהען אלע ארום

אויף די שפּיץ פינגער. מע ווייסט נישט, פון וואס און פון וואנען — נאָר עס שמעקט מיט פולווער...

ביינאכט, אויף'ן געלעגער, קאטשעט זיך בעני פון איין זייט אויף דער אנדערער, זיפצט און קרעכצט, ווי א געפּענטעטער אָכס, קאָן קיין אויג ניט צומאַכען.

— אי, א וואָרים! נו, א וואָרים! מע האָט גענומען און מע האָט מיר „צעשטאורכעט" די גאנצע „ראחאובע"!.

א מינוט טראָגט עס איהם פון בעט. עס גלויבט זיך איהם עפּים צעקלאַפּען, צעברעכען, צענעמען אויף שטיקלעך, צעווארפען אויף אלע זייטען — מאכען פון אלעם א בארג!... ביסלעכווייז, ביסלעכווייז בערוהיגט ער זיך: „אפשר איז דאָס נאָך גאר אינגאנצען א „חימענע קאורע"?... אפשר האָט זיך דער אלטער אויסגעוויזען א סוטע ציעג פאר א בארענבוים?"...

און בעני ווערד אנטשלאָפען, שלאָפט געשמאק און חראָפּעט מיט סכנת־נפשות.

קאפּיטעל 21

געפּאַקט אַ גנב

אז גאָט אליין שלאָפט נאָך איז שוין בעני ראפּאלאָוויטש אויף די פיס.

בעני איז זיך נוהג אין דערפריה, אז ער שטעהט אויף, נעמט ער אויף זיך א חאלאט און א פּאָר שווערע שטעקשיך אויף צוויעקעס און געהט ארוים א ביסעל אין הויף צו דער „חודאָבע" און חאפּט א קוק, צי ס'איז אלסדינג אויף אָן אָרט, בעני האָט פיינד, אז „מע קנייטשט איהם די יארמעלקע" און מע „פּייפט איהם אויף די פּאָסטראָמקעס". אויף זיין לשון זאָל דאָס הייסען, אז ער האָט פיינד, אז ס'איז ניט אקוראט און אז מע פּאָלגט איהם ניט. דאָס געהילץ דארף ליגען אויסגעצעהלט. דער הויף — אויסגעקעהרט. דאָס מיסט צענויפגעשארט. און אפילו די בהמות דארפען זיין יעדע אויף איהר אָרט.

— גראָבע קצב'טע! דו ביזט שוין ווידער ביי דער מורע רביצין צו גאסט? א גוט יום־טוב אייך ביידען!

אזוי טענה'ט זיך אוים בעני מיט די בהמות, פון וועלכע איינע איז טאקי א גראָבע, א בייכיגע, א פארשייטע קוה, און די אַנדערע איז א שטילינקע, א גלאַטינקע, מיט איין אומשולדיג פרום פּנים, ווי ביי א רביצין. און ער חאפּט א שטעקען און איז זיי מכבד ביידען, נאָר מעהר קלעפּ בעקומט די קצב'טע, און בעני גיט איהר צו פערשטעהען מיט א שכל פאר וואָס:

— מע האָט דיר אוועקגעשטעלט א שיסעל? — רייב! וואס קריכסט דו צו א פרעמדער בעל־הבית'טע אין טעפּעל אריין?...

פון די בהמות געהט ער זיך דורך צו די פערד און שמועסט זיך אוים מיט זיי אויך בלשון סגינהור:

— הער נור, דו, חכם פון דער מה־נשתנה! אז דו וועסט זיך מיר זאטשעפּען מיט די בחורים, וועל איך דיר דערצעהלען, וואס רש"י מאכט אויף'ן פּסוק יבכה!..

און די פערד הויבען ניט אָן צו פערשטעהען דעם בעל־הבית'ס לשון (פערדישע קעפּ!), דרעהען זיי אוים צו איהם זייערע חן'עוודיגע מאָרדעס און קוקען אויף איהם חיטרע־תמ'עוואטע, ווי א איינער רעדט:

— וואָס זאָגט איהר עפּים האָבער?...

דער בעל־הבית דערלאנגט איינעם מיט'ן עלענבויגען אין זייט אריין, דעם אנדערען א קיצעל אין האלז, דעם דרי־

מען א גלעט איבער דער גריווע און לאָזט זיך געהן צו די ארבייטער, זיך אויסשילטען א ביסעל אויף מאָלדאוואַ־ניש: „אלא דראקא!“ — פּלוצים טראָגט אָן דער גוטער יאָהר די אלטע, וואס שאָקעלט מיט'ן קאָפּ „ניין־ניין“. זיא ווינקט צו איהם מיט'ן שארפען אויג: „אָט איז ער, דער תכשיט, מיט פולע קעשענים“ — און ווערד פער־שוואונדען.

בעני דערמאָנט זיך, וואס מע האָט איהם דערצעהלט אויף זיין זוהן, און עס טהוט איהם א טיאָבקע דאָס הארץ. ער וואָלט א בעלן געווען, אז ס'זאָל זיין א ליגען די גאנצע „האלעבורדע“. א מינוט ווילט זיך איהם גלאט א מאך טהון מיט דער האנד אויף דער גאנצער מעשה: „וויים איך וואָס? פּוסטע ווערטער, ווייבערשע מאניפּאָרגעס, באבסקי פליאָטקעס!“... נאר דערזעהען דעם זוהנדעל געהן מיט גיכע טריט צו דער סטאדאָלע צו, צינדט זיך שוין אָן אין דעם פּאָטערס הארץ א פייער אויף'ן זוהן — וואס האָט ער צו געהן, אזא יונגער פּידסוויניק, אזוי פריה צו די קאָמע־דיאנטען? און ער טהוט איהם א רוף מיט זיין שטארקער דוננערדיגער שטימע צו זיך.

לייבעל, וואס איז געגאנגען פער־טראכט אין זיינע אייגענע געשעפטען, דערהערט דעם טאטענס קול, בלייבט ער שטעהן אין א פערלעגענהייט, צי זאָל ער געהן, צי ניין? נאר אז דער טאטע רופט, געהט מען.

— וואוהין איז אזוי פריה? — פרעגט איהם דער פּאָטער.

לייבעל האָט זיך ניט געריכט אויף אזא בעגעגענים, פרעגט ער איבער ביי'ם פּאָטער:

— פריה?

— וואס זשע? שפּעט איז איצט? וואוהין געהסט דו דאָס, א שטייגער?

— וואוהין זאָל איך געהן?

— איך וויים, וואו דו זאָלסט געהן? אָט דאָס טאקי וויל איך וויסען ביי דיר.

לייבעל האָט נעבאך קיין צייט ניט געהאט אפילו צוטראכטען עפּיס אזא מין וואָרט, וואס זאָל זיך קאָנען לעגען אויף'ן מוח. שטעהט ער און קוקט, ווי א זינדיגער מענש, דעם פּאָטער אין די אויגען אריין.

— וואָס „זירקעסט“ דו אויף מיר מיט די „גלאָזעניאטעס“? האָסט מיך ניט דערקענט? צי וואָס? געדראוועוענט האָסט דו שוין? צי נאָך ניט?

— יאָ... ניין... מיין איך, יאָ.

לייבעל האָט זיך פערפּלאָנטערט, און דער פּאָטער ווערד אלע מאָל מעהר אין כעס:

— געדראוועוענט, צי ניט געדראוועוענט? לאָמיך שוין וויסען, וואו האלט איך מיט דיר?

לייבלען בעשלאָגט א קאלטער שוויים:

— יאָ, נאָך ניט. דאָס הייסט, איך האָב נאָך ניט געדראוועוענט. דאָס האָב איך טאקי געוואָלט געהן, דאָס געה איך טא־קי אין שול אריין דאווענען.

דעם פּאָטער ווערד א ביסעל גרינ־גער אויף דער נשמה; ער וואָלט א בעלן געווען, ס'זאָל זיין איין אמת. זעהט ער אבער נאָך'ן זוהנס אויגען, אז ס'איז א ליגען! און עס קאָכט איהם אויף'ן זוהן. דאָס בעסטע פון אלע קינדער!... ער געהט צו נאָך נעהענטער צו איהם. קוקט, ווי ער האלט זיך ביי ביידע קעשענים. איז, אפנים, טאקי איין אמת, וואָס די אלטע דערצעהלט, אז ער טראָגט איבער די גאנצע שטוב אהין?... און דער פּאָטער טהוט איהם א זאָג:

— אנו, ווייז נור, וואָס טעלעבעגדעט

זיך דאָרט ביי דיר ? עפּיס ביזט דו מיר זעהר אָנגעדראָלען ?...

אויף אזא שלאק האָט זיך לייבעל בשום אופן ואופן נישט געריכט. ער בלייבט שטעהן צוגעשרויפען צום אָרט און קאָן נישט ריהרען מיט קיין אבר.

— ווילסט דו ניט בעוויזען ? וועל איך אליין מוזען אריינפאָהרען צו דיר מיט מיינע צעהן פינגער גלייך אין די טאָרבעס אריין. — אזוי זאָגט דער פאָטער און פאָהרט איהם אריין מיט די הענד טאקי גלייך אין די קעשענים, און נעמט איהם בעזוכען, און טרייסעלט אוים ביי איהם א גאנצען אוצר פון אלע גוטע זאכען: פרישע פּוטערגעבעקסלעך קוילעטש, טיי און צוקער, און פּאַפּיראָסען א גוזמא, און א האלבען פּופּיק פון א געבראָטענע גאנז אויף בתוכם

קאַפּיטעל 22.

א מיאוס'ער פּסק

זאָגען אויף בעני ראפּאלאָוויטשען, אז ער איז א שטרענגער פאָטער — קאָן מען נישט. בעני מישט זיך איבערהויפּט ווינציג וואָס צו זיינע קינדער. דיא שטוב פיהרט דאָס ווייב, ביילקע. ער, בעני, ווייסט נור איין זאַך: „מע דאַרף שיטען האָבער". אויף זיין לשון הייסט דאָס, אז מע דאַרף געבען אויף דער הוצאה. און בעני גיט וויפיעל מע דאַרף. ער דינגט זיך ניט. פרעגט קיינמאָל נישט, אויף וואָס — ס'איז ניט זיין עסק. אויך דיא קינדער קענען זיך טהון וואָס זיי ווילען, אָפּבייסען איינס דאָס אנדערע דיא נעז אפילו — איז ניט זיין עסק. סיידען עס מאכט זיך א מאָל, א קינד טהוט אָפּ א זאַך, וואָס דער פאטער מוז זיך שוין אריינמישען, דעמאָלט איז הימעל עפען זיך! עס רוקט זיך אָן א חמאָרע אויף דער גאנצער שטוב. עס דונערט און עס בליצט און עס האָגעלט. אלע געהען ארום אָהן קעפּ, בעהאלטען זיך אין דיא ווינקעלעך — און מעהר פון אלעמען קומט נעבאַך אָפּ בעני'ס ווייב, דיא קליינימשקע, דיא שוואכינקע, דיא שטילינקע ביילקע.

בעני האָט זיך ניט בעגנינענט דערמיט אליין, וואָס ער האָט אויפגעוואָרפען דעם געראָטענעם מיזיניק באלד אויף דער הייסער מינוט צווי פלאמפּייערינע פּעטש אין ביידע בעקלעך, אז פונקען זענען געפלויגען פון דיא אויגען. ער האָט איהם גענומען פאר א האנד, אריינגעפיהרט איהם אין שטוב אריין, צענויפגערופען דיא גאנצע חאליאסטרע און געצוואונגען דעם שענעם תכשיט, ער זאָל דערצעהלען פאר דער גאנצער שטוב, וואָס ער האָט געטהאָן, און צוליעב וועמען ער איז געוואָרען א גנב... דאָס אליין איז אבער אויך געווען קארג. בעני האָט ארויסגעגעבען א פּסק, אז מע דארף דעם בחור „אריינציםבלען אין חדר־גדיא אריין"...

וויפיעל דיא שוואכע ביילקע נעבאַך האָט זיך ביי איהם ניט געבעטען, ער זאָל בעסער איהר פלייש שניידען אויף שטיקלעך, איידער אָנטהאָן דעם קינד אזא בזיון... וויפיעל די גאנצע שטוב האָט זיך ניט אָנגענומען פאר לייבלען, געוואָלט איהם פערענטפערען, אז ער האָט דאָ גאָרניט געטהאָן אזא גרויסע עולה, וויפיעל לייבעל אליין האָט ניט געבעטען, געשוואָהרען, געקושט דעם פאָטער דיא הענד — עס האָט נישט געהאָלפען קיין זאַך: האָט בעני געזאָגט „אריינציםבלען אין הדר־גדיא" — איז פערפאלען . . . .

— — — — — — — — — — — —

קאַלט און מיט דער גאַנצער מעטאָדע איז אויסגעפיהרט געוואָרען דער פּסק פון בעני ראַפּאַלאָוויטשען אויף זיין זוהנס לייב, א מיאוסער, א מיאוסער פּסק, וואס איז פערבליעבען פון גאָר אַלטע צייטען, ווען א מענשענס קאָפּ איז געלעגען און געטראַכט, וואס פאַר א שטראָף קלערט מען צו דעם פערשולדיגטען, עס זאָל איהם מאַכען ניט נור א וואונד אויף׳ן לייב, נאָר אויך א וואונד אין הארצען. ער זאָל פיהלען ניט נור א וועהטיג, וואס קאָן זיך פערהיילען, נאָר אויך א בזיון, וואס פערהיילט זיך קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט!...

דער דאָזיגער פּסק איז אזוי שוידערהאַפט מיאוס און ערניעדריגט העסליך, אז מיר זאָגען זיך אָפּ פון צו בעשרייבען די סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּיעלט יענעם פריהמאָרגען ביי דיא ראַפּאַלאָוויטשעס אין הויז. און מאַכען איין עק מיט דעם קאַפּיטעל צוויי און צוואַנציג.

קאַפּיטעל 23.

נאָך דער „עקזעקוציע“

אויף דער נאַכט, אז בעני׳ן איז אָפּגעגאַנגען דעם כעס און דאָס הארץ איז איהם געוואָרען וויך (תמיד אזוי: א פּאָטער, אז ער שמייסט אָפּ א קינד, ווערד ביי איהם דאָס הארץ וויך.) האָט ער ארויסגעגעבען א בעפעהל דער חאַליאַסטרא, מע זאָל געהן אין טהעאַטער אריין. און חאָטש ביי ראַפּאַלאָוויטשען אין שטוב איז נאָך דער „עקזעקוציע“, וואָס מע האָט אזוי מיאוס בעשטראָפט לייבלען, קיינעם ניט געוועזען צום הארצען געהן אין טהעאַטער, נאָר אז דער טאַטע זאָגט, מע זאָל געהן — געהט מען.

דאָס טהעאַטער (די סטאַדאָלע הייסט עס) איז געווען געפּאַקט, וויא אַלע מאָל. נאָר איין לייבעל נעבאָך איז געזעסען ווִיא א פּרעמדער, מיט אויסגעטריקענטע בלאָנזענד־קוקענדיגע אויגען. דער קאָפּ איז איהם געווען שווער, וויא מיט בליי אָנגעגאָסען, און אין הארצען האָט געברענט א גיהנום. קיין מאָל האָט זיך לייבעל ניט פאָרגעשטעלט אזא בזיון, אז א יונגעל וויא ער, שוין א בר־מצוה בחור׳על, דער בעסטער תלמיד אין חדר און דאָס ליעבסטע קינד אין דערהיים, זאָל אזוי מיאוס בעהאַנדעלט ווערען פונ׳ם פאָטער — און פאַר אלעמען אין דיא אויגען!... אזוי אומגעריכט איז דאָס אלעס פאָרגעקומען, אז ער האָט גאָר קיין צייט געהאַט אפילו זיך ארומצוקוקען, און ערשט דעמאָלס, ווען דיא זאַך איז שוין געווען אָפּגעטהאָן, האָט זיך ביי אונזער יונגען העלד אויפגעהאַפּט א מורא׳דיגער פּראָטעסט, א גאַנצער שטורם. דאָס איז אָבער געווען א פּראָטעסט פון א שוואַכען ווערעמעל קעגען א שטאַרקען ריעז, א פּראָטעסט, וואָס קאָן ארויסבעווייזען זיך נור אין טרערען. און לייבעל האָט געוויינט, ביטער געוויינט, און א סך געוויינט.

לייבעל האָט געוויינט ניט אליין. איהם האָט מיטגעהאָלפען וויינען דיא מאַמע. ביילקע נעבעך האָט ניט געהאַט קיין ווערטער אויף צו טרייסטען איהר ליעבסטען זוהן דעם מיזיניק, האָט זיא איהם נור געקושט, געגלעט און געשלונגען איהרע אייגענע טרעהרען, נישט אָפּגעטראָטען פון איהם דעם גאַנצען טאָג. אין חדר איז שוין יענעם טאָג לייבעל נישט געגאַנגען. ביי׳ם טיש איז ער אפילו געזעסען, נאָר צום עסען זיך ניט צוגעריהרט. יענעם טאָג איז ביי ראַפּאַלאָוויטשעס טיש געווען מאָדנע שטיל. אלע האָבען געהאַלטען די אויגען אראָפּ, יעדער צו זיך אין זיין טעלער

אריין. נאָר די איינע „אלטע“ האָט געקוקט אויף דער גאנצער שטוב מיט איהר שאַרף אויג, ווי זי וואָלט וועלען זאָגען: „אויף חרעטשקע בעדארף מען זיי אלעמען טרייבען איינציגווייז“... די שטילקייט איז געווען אזוי גרויס, אז מע האָט געקאָנט הערען, וויא בעני ראפאלאָוויטש קייעט און סאָפּעט און קרעכצט איבער דער „פּאָסטראמע“ — א בעסאראביער מאכל מיט פעפער און מיט קנאָבעל, וואָס אז מען עסט דאָס מיט „פּלעגנטשיטעס“, דאָס הייסט, אזעלכע בלינצים פון מאמעליגע מיט קרויט, איז דאָס טאקי א מאכל מלכים! דער חסרון איז אָבער, וואָס נאָך אזא מין מאכל ברענט אויפ׳ן הארצען און עס ווילט זיך טרינקען — סכנות. דאָס הייסט, אז מע וויל, איז דאָס א חסרון, און אז מען וויל, איז דאָס א מעלה—טרינקט מען ווײַן, און וויין איז דאָך אין בעסאראביע בזיל־הזול.

— בונע דעמעניאצע! (א גוט מאָרגען הייסט דאָס) — האָט זיך אָנגערופען בעני ראפאלאָוויטש צו דער גאנצער חאליאסטרע, דערזעהען, אז כמעט ער איינער ביי׳ם טיש עסט און טרינקט.
— וואָס זענט איהר געבליעבען שטעהן מיט דיא אָכסען אין דער בלאָטע? שמירט דעם וואָגען און פאָהרט ווייטער!

איצטיגס מאָל האָט אָבער בעני׳ס סגי־נהור שפּראך נישט געהאט דעם עפעקט, וואָס תמיד. שטיל האָט מען אָפּגעגעסען, שטיל איז מען זיך צעגאנגען פונ׳ם טיש, איטליכער צו זיך אין זיין ווינקעלע. אלע האָבען געפיהלט, וואָס דער קליינער לייבעל דארף א צינד טראָגען ביי זיך אין הארצען, און אלע האָבען זיך געוואונדערט, אז זיי האָבען דערזעהן, אז לייבעל געהט מיט זיי אין טהעאטער.

אין תוך אריין האָט אָבער קיינער ניט געוואוסט, וואָס ביי לייבלען אין הארצען טהוט זיך. אין דער צייט, ווען אלע האָבען געקוקט אויף דער סצענע, וויא מע שפּיעלט (און לייבעל אויך בתוכם), זענען אָבער זיינע מחשבות געווען ווייט פון דאנען. דער יונגער גייסט האָט ניט גערוהט, דער יונגער קאָפּ האָט געארבייט און אויסגעארבייט א פּלאן, וויא אזוי מע רעכענט זיך אָפּ מיט א טאטען פאר דעם אונערהערטען בזיון, וויא אזוי מען איז זיך נוקם פאר דיא שמיץ. „נישקשה, דיא שמיץ וועלען זיך פארהיילען, — טראכט זיך לייבעל, — אָבער דעם טאטען וועט דאָס קאָסטען טהייער“... אָ! ער ווייסט שוין וואָס צו טהון!... ניט אומזיסט האָט ער זיך פערבונדען מיט אזא מענשען, ווי האָצמאך. נעכטען האָט ער געהאט מיט איהם איין ערנסטען שמועס, האָט איהם האָצמאך געזאָגט גאנץ אָפען, וויא זיין שטייגער איז (האָצמאך האָט פיינד רעדען פארשטעלט):

— שוטה בן פיקחאָליץ! טהו א טרויבער דעם טאטענס קעשענים, קריג ארויס א רעכטע מטבע און זעץ דיך אויף מיט אונז, מיר פאָהרען שוין שבת־צונאכטס פון דאנען אוועק, וועסטו ווערען אנ׳אקטיאָר, און נאָך וואָס פאר אנ׳אקטיאָר, — אניט זאָל איך אייננעמען א מיתה משונה אָט דאָ וואו איך שטעה!...

דאָס, וואָס האָצמאך האָט ארויסגעזאָגט אזוי הויך, האָט געטראכט שטיללערהייד ביי זיך אין הארצען אונזער לייבעל. נאָר פונ׳ם געדאנק „א טרויבער טהון דעם טאטענס קעשענים“ הויבט

ער אָן צו פיעבערען. „סטייטש, דאָס הייסט דאָך שוין פשוט גנבה'נען! ווערען א גנב!"... אזוי טראכט זיך לייבעל. נו, און דאָס, וואָס ער טראָגט די גאנצע צייט פאר האָצמאכען אָנבייסענס מיט מיטאָגס מיט פאפיראָסען אויף צו רויבערען — איז דען ניט גע'גנבה'ט?... „ניין, — פערענטפערט זיך אליין לייבעל, — דאָס הייסט נישט גע'גנב'ט. יענער וויל עסען, טהיילט ער זיך מיט איהם אויף דער האלב. יענער וויל רויכערען, ברענגט ער איהם פאפיראָסען — וואָס קומט איהם דערפאר?... אָבער געלד? גנבה'נען ביי'ם טאטען געלד?".. אזוי טראכט זיך לייבעל. נאָר זאָגען פאר האָצמאכען, אז ער האָט מורא גנבה'נען — שעמט ער זיך. געפינט ער איין אנדער תירוץ: וואָס וועט זאָגען דער טאטע?

—דער טאטע וועט דענן שוויגען?— זאָגט לייבעל און דיא צייהן קלאָפען איהם אין מויל.

—פון וואנען וועט ער וויסען, בהמה?

— מאכט צו איהם האָצמאך.

— ער וועט זיך חאפען, אז איך בין ניטאָ, ו'עט ער מיר נאָכפאָהרען...

— וועט ער דיר אָנזאלצען אויפ'ן עק! ווייסט דו, אז מיר פאָהרען אזש קיין בוקארעשט, בהמה'לע? ווייסט דו, וואו בוקארעשט שפארט אָן, גאָטס פערדעלע? צו דוא ווייסט מעהר פון א טוידטען?

— איך ווייס, וואו בוקארעשט איז. אין רומעניע. איך ווייס אפילו, אז ס'איז ניט ווייט פון דאנען. — ענטפערט איהם לייבעל.

— הײנט וואָס זשע רעדסט דו, חכם עתיק? פאָהרסט דו נור אריבער די גרעניץ, אזוי האָט אויף דיר דיין טאטע קיין שליטה ניט. ניט דער טאטע, ניט די מאמע, ניט קיינער. דו האָסט זיי אלעמען אין דער ערד! דו געהסט דיר ארום איבער בוקארעשט, די הענד אין דיא קעשענים, און שטעלסט ארויס א פייג דער גאנצער וועלט. ביזט א פריי פייגעלע. פארשטעהסט, וואָס מע רעדט צו דיר, צי ווער וואָס?

לייבעל פערשטעהט זעהר גוט. פאר וואָס זאָל ער ניט פערשטעהן? נאָר וויל האָצמאך האָט איהם דערמאָהנט די מאַמע, חאפט ער זיך אָן אינ'ם דאָזיגען געדאנק:

— און די מאמע?... מיין מאמע? ווי אזוי וועט זי דאָס איבערטראָגען?...

— נו, וויבאלד אזוי, טאָ געה זשע צו דער מאמע דיינער, בעהאלט זיך אונטער איהר פארטוך, ברעקלע, און לאָז זי דיר געבען א לעקעבעל....

לייבעל דרעהט זיך און זוכט תירוצים. ער וויל, ער געהט אויס, ער חלש'ט פאָהרען מיט די אקטיאָרען. וואָס קאָן זיין בעסער דערפון?... נאָר ער קווינקעלט זיך, שלאָגט זיך נאָך מיט דער דעה...

דאָס איז אָבער אלסדינג געווען פריהער, פאר דער עקזעקוציע, פאר דעם מיאוס'טען פסק. איצט, נאָך אזעלכע בזיונות, וואָס דער טאטע האָט איהם אָנגעטאָהן, — פון'ם וועהטיג רעדט מען ניט, דער עיקר איז דער בזיון! דער בזיון! — איצט איז שוין אנדערע ווערטער. איצט וועט שוין לייבעל זיך ניט אָפשטעלען פאר קיין זאך. עס אהרט איהם שוין אפילו ניט דער מאמעס טרערען. לאָז זי וויינען. אויף איהר קוקענדיג, וועט די גאנצע שטוב וויינען און קלאָגען. און אפילו דער טאטע אליין וועט אויך בעסער ווערען. נישקשה, די ערשטע צייט וועט ער זיך טאקי שמיצען

און וואַרפֿען, נאָכדעם וועט ער חרטה האָבען. אי, חרטה האָבען! ער וועט זיך שלאָגען על חטא! און אז קיינער וועט ניט זעהען, וועט ער וויינען שטילערהייד און וועט איהם זוכען, און וועט איהם רופען: „וואו ביזט דו ערגיץ, לייבעלע, מיין טהייערער, טהייערער"?... ער וועט זיך ניט וועלען טרייסטען, אזוי ווי יעקב אבינו בעת מע האָט איהם געבראַכט דאָס פערבלוטיגטע העמדעל און געזאָגט, אז יוסף זיין זוהן איז פאַרצוקט געוואָרען פון א חיה אין פעלד... אָדער אזוי ווי דוד המלך, בעת מע האָט איהם אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אז זיין געליעבטער זוהן אבשלום איז געשטאָרבען.

— געשטאָרבען?... שא! אפשר וואָלט גאָר געווען א פּלאַן אוועקשטאַרבען?... שטארבען! שטארבען! מע דאַרף זיך אוועקלייגען און שטארבען.

קאַפּיטעל 24.

לייבעל אויף זיין אייגענער לויה

דער פּלאַן פון שטארבען געפעלט אונזער יונגען העלד אין דער מינוט אָם בעסטען. ער שטעלט זיך פאַר אפילו, אז שוין. ער איז שוין געשטאָרבען. וויא אזוי און פון וואָס איז ער געשטאָרבען— ווייסט ער אליין ניט, אבי געשטאָרבען. און אָט ליגט ער, בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זוהנדעל, א טוידטער, א קאַלטער, אויף דער הוילער ערד, איבערגעדעקט מיט שווארצען. צוקאָפּענס ברענען ליכט. די גאַנצע שטוב שטעהט ארום איהם און ברעכט דיא הענד און בעוויינט איהם. די מאַמע ליגט א פער'חלש'טע און דאָקטוירים מינטערען זי. אָט מינטערט מען זי אָפּ, און אָט חלש'ט זי ווידער א מאָל...

און דער טאַטע? אָ! דער טאַטע שלאָגט זיך מיט ביידע הענד אין קאָפּ און שרייעט: געוואַלד, יודען, דאָס האָט ער, ער, בעני ראַפּאַלאָוויטש אליין מיט זיינע הענד גע'הרג'עט א קינד, דאָס שענסטע, דאָס בעסטע, דאָס ליעבסטע קינד!... און אפילו די באָבע, די אַלטע־אַלטע באָבע, וואָס שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, וויינט און טענה'ט זיך אויס מיט'ן רבונו־של־עולם, פאַר וואָס האָט ער בעסער זי ניט צוגענומען אויפ'ן אָרט פון אָט דעם יונגען בוימעלע, אומשולדיג שעפעלע, וואָס על־פּי־יושר וואָלט ער, דאכט זיך, געדאַרפט ערשט לעבען און לעבען?!... אויך די אַם, וואָס ביי זיי אין שטוב, שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנד פאַר געוויין... און גלאט ווייבער, ווילדפרעמדע גאָר, וואָס ער קען זיי ניט און ווייסט זיי ניט, שטעהען איבער איהם און גיסען, גיסען מיט טרערען.

גאָר אָט הויבט זיך אָן דיא לויה. א שענע, א רייכע לויה! גאַנץ האָלענעשטי האָט זיך צונויפגעקליבען אויף לייבעל ראַפּאַלאָוויטשעס לויה. און ס'איז א געוויין, א יאָמער, א קלאָג ביז'ן הימעל. איבערהויפּט, דיא ווייבער. פון זייער יאָמערען מיט זייער קוויטשען קאָן מען טויב ווערען.

— שאַט, ווייבער, שטיל זאָל זיין! מאַכט א ווארע! לאָזט דורך די שמשים!...

און עס שפּארען זיך דורך די שמשים מיט די כלים מיט דער גאַנצער חברה־קדישא, און מע לייגט איהם ארויף, לייבלען, אויף דער מטה, און מען טראָגט ארויס דעם יונגען בר־מינן פון שטוב, און די מאַמע חלשט, און דער טאַטע שלאָגט זיך מיט דיא הענד אין קאָפּ, און די פּושקע קלינגט מיט'ן שוידערהאַפטען

נוסח: צדקה תציל ממות! צדקה תציל ממות!...

שטיל, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, געהט נאָך דער עולם נאָך לייבעלס לויה, און לייבעל אליין אויך. מערקווירדיג! עס זאָל דאָס איהם אפילו אָנהויבען אהרען. אדרבה, ער איז זיך מחיה, וואָס ער איז געשטאָרבען און עס טהוט איהם הנאה, וואָס ער האָט אזא שענע לויה. אלע בעקאנטע זענען דאָ. אלע. דער גאנצער חדר, אלע זיינע חברים, מיט'ן רבי'ן ישראלי דעם חזן און לאָה דיא חזנ'טע, און זייער טעכטערעל, רייזעל...

— רייזעל!... וואו איז רייזעל? וואָס איז די מעשה מיט רייזלען? פאר וואָס איז זיא היינט ניט געקומען? גראָד היינט!... אלע פארנאכט קומט זי צו זיי אהיים און געהט מיט זיי אין טהעאטער. היינט ניט... פאר וואָס איז דאָס? פאר וואָס?...

אוים טוידט, אוים לויה, אוים „צדקה תציל ממות" — רייזעל איז ארויפגעקומען איהם אויפ'ן זינען און ארויסגעיאָגט פון קאָפּ אלע־אלע אנדערע מחשבות און געדאנקען.

וואָס זשע איז טאקי מיט רייזלען?

מיר קעהרען זיך אום צוריק צו דער יונגער העלדין פון אונזער געשיכטע, צום חזנ'ס מיידעל. שוין צייט. שוין צייט.

קאפּיטעל 25.

טרעהרען

דער לעזער געדענקט מן הסתם, און אז ניט דארף מען איהם דערמאָנען, מיט וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער וויזיט, וואָס דער דירעקטאָר אלבערט שטשופּאק מיט זיין פליגעל־אדיוטאנט שלום־מאיר האָבען אפּגעגעבען ישראלי דעם חזן. אָנגעהויבען האָט זיך דער דאָזיגער וויזיט אפילו גאנץ נישקשה'דיג.

ישראלי דער חזן האָט אפּגעגעבען קאָנצערט אויף זינגען. די געסט האָבען געלעקט די פינגער. נאָכדעם האָבען זיי קוים געפּעל'ט, אז דעם חזנ'ס טאָכטער זאָל אויך עפּיס „זאָגען". האָט זי זיי געזונגען אינאיינעם מיט'ן טאטען „רבונו־של־עולם", און אזוי געזונגען, אז אלבערט שטשופּאק האָט (ווי שלום־מאיר דריקט זיך אוים) שיער ניט איינגענומען א מיתה־משונה און איז געוואָרען בארעדעוודיג. און אז דער דירעקטאָר פונ'ם יודיש־דייטשען טהעאטער איז ארוים מיט דער שפּראך, גענומען רעדען פון פרימאדאָנעס, פון שענע מיידעלעך־ליאלקעס־אוגערקעלעך, און אָנגעהויבען פערקריכען דער רוח ווייסט וואוהין, האָט לאָה דיא חזנ'טע גאָר ניט געוואָלט זיך דערגרונטעווען צום תוך, וואָס דער דאָזיגער יוד מיט'ן הוילען קאָפּ און מיט דיא בריליאנטען וויל און וואוהין ער שיסט, האָט זיא איהם געבענשט נאָך זיין אוועקגעהן, ער זאָל ברעכען דעם קאָפּ, און האָט זיך ארויסגעזאָגט גאנץ קלאָר און שארף:

— מעהר געהט נישט איהר טאָכטער אין יודישען טהעאטער, עס זאָל זיך אפילו איבערקעהרען די וועלט, סיידען זי, לאָה וועט ניט לעבען אויף דער וועלט!...

— וואָס איז דער שכל? — האָט דער חזן עפּיס וויא ניט ווילענדיג זיך ארויסגעחאַפּט מיט א וואָרט. האָט איהם דיא חזנ'טע אָפּגעשניטען:

— דעם שכל ווילסט דו וויסען? דער שכל איז א פּראָסטער שכל. א מענטש בעדארף האָבען א זיבעטע קלעפּקע און בעדארף פערשטעהן, וואו יאָ און וואו ניין, א מאָל בעדארף זיין יאָ און א מאָל ניין — האָסט דוא געזעהען א ביסעל!

וואָס, איינענטליך, דאָ איז פאָרגעקו־

מען — האט רייזעל ניט רעכט פער־שטאנען. נאר ארויסגעזעהען האט זי פון דער מאמעס רעד, אז אנ׳עק—מיט׳ן טהעאטער מעג זי זיך שוין אפגעזעגע־נען. זי קען שוין איהר מאמע גוט. ביי לאה׳ן א ווארט איז א ווארט. עס איז נור שווער ביז מע ברענגט זי דערצו. נאר קוים האט זי דאס ווארט געגעבען, און נאך צוגעשוואהרען אויך, מעגען שוין דעמאלט קומען כל מלכי מזרח ומערב — איז פערפאלען! אלסדינג אויף דער וועלט קאן מען ביי איהר מאמע פועל׳ען, נאר ניט ברעכען דאס ווארט... און רייזלען איז מיט א מאל געווארען אויפ׳ן הארצען אזוי וויסט, גליך ווי דיא זונן וואלט פאר איהר פלוצים אין מיטען העלען טאג פער־גאנגען און ס׳איז געווארען פינסטער. עפים האט מען צוגענומען ביי איהר, מיט גוואלד פון די הענד ארויסגעריסען, און עס האט זי געשטיקט אויף צו וויי־נען. האט זי זיך אבער דעם גאנצען טאג געשטארקט, געמאכט זיך א הארץ: „וועט זי ניט געהן אין טהעאטער. וואו שטעהט דאס געשריבען, אז מע דארף זיין אלע נאכט אין טהעאטער?“... נאר אז ס׳איז געקומען אויף דערנאכט, דער חזן האט צעלאזט דעם חדר, די חזנ׳טע האט אנגעצונדען דאס רויכיגע לעמפעל און „גאט׳ס גאס“ האט זיך איינגעהילט אין א טונקעלען שלייער, האט זיך רייזעל קיין ארט נישט גע־קאנט געפינען. עס האט איהר גענאגט די נשמה און געצויגען דאס הארץ אהין, אין טהעאטער אריין. און ניט אזוי נאך אין טהעאטער אריין, ווי צו די ראפאלאוויטשעס אין זייער רייכער, ליכטיגער, פרייליכער שטוב, מיט די פרייליכע גוטע ליעבע מענשען... און זיא דערמאנט זיך אין יענע זיסע ווער־טער, וואס לייבעל האט איהר געזאגט, ארויסגעהענדיג פון טהעאטער: „מאר־גען קומסט דו נאך א מאל?“... און זי דערמאנט זיך, ווי נאכדעם, אין דער פריה, אז לייבעל איז געקומען אין חדר אריין, א פרישער, א געזונדער, א שענער, א ריינער, ווי אלע מאל, האט זי איבערגעלייענט פון דער ווייטען אין זיינע גוטע, שענע, מילדע אויגען די אייגענע ווערטער: „היינט קומסט דו נאך א מאל?“... האט זי איהם גע־ענטפערט פון דער ווייטען אויך מיט א קוק: „אודאי קום איך היינט נאך א מאל — א שאלה א ביסעל?“ — און אראפגעלאזט די אויגען, די מאמע זאל ניט דערזעהען, אז זי קוקט אהין, צום טאטענס תלמידים. די מאמע האט פיינד, אז מע קוקט אהין, וואו יונגלעך לערנען... אך, מאמע! זי מיינט טאקי אנ׳אמת, אז רייזעלען אינטערעסירען די יונגלעך... עס הויבט זיך גאר ניט אן!... נאר צווישען די יונגלעך איז דא איינער, דעם נגיד׳ס יונגעל—לייבעל הייסט ער—אוי, איז דאס א יונגעל!... ניט ווייל ער איז דעם נגיד׳ס א יונגעל, נאר ווייל ער איז גוט ווי א מלאך, א מלאך פון גאט! אך, וואס ווייסט די מאמע, וואס דאס איז פאר א יונגעל, וואס דאס איז ביי איהם פאר א שטוב, וואס פאר מענטשען דאס זענען!?...

אזוי פלעגט דעמאלט רייזעל טראכטען ביי זיך אין הארצען און ארויסקוקען, דער טאג זאל שוין אוועקגעהן, און עס זאל שוין קומען דיא נאכט, דער טאטע זאל צעלאזען דעם חדר, וועט זיא אנטהון איהר איינציג שבת׳דיג קליידעלע, ארויפווארפען אויף זיך דאס רויטע שאַ־לעבעל, נעמען דאס פיצענע זאנטיקעל מיט די קוטעסלעך, וואס די מאמע האט איהר געקויפט, און (ווען זי זאל נאך הא־

בען נייע גאנצע שיך !) געהן אהין, אין יענער גרויסער, רייכער, ליכטיגער, פרייליכער שטוב, צווישען יענע גוטע, ליעבע, פרייליכע מענשען, און מיט זיי אינאיינעם אויף א גאנצע נאכט אין טהעאטער — אין גן־עדן אריין. און פלוצים גאר — נאט אייך איין איבערקעהרעניש ! דער גוטער יאהר האט זיי געבראכט צו טראגען און דער גוטער יאהר האט זיא געשטויסען, זיא זאל זיך שטעלען זינגען פאר פרעמדע מענשען און דורך דעם ארויסגעטריבען ווערן פון איהר גן־עדן!

און רייזעל פאלט צו מיט'ן פנים צום בעט און הויבט אן צו וויינען. לאנג און געשמאק וויינט רייזעל אויף איהרע יאהר און טעג, אויף איהר וויסטען מזל און אויפ'ן גרויסען, גרויסען אומגליק, וואס איהר איז געשעהן. און וויינענדיג, הערט זי, וויא פון יענער זייט פארהאנג שעפטשעט זיך דער טאטע מיט דער מאמע, קריגען זיך שטילערהייד. אפנים, איבער איהר... זי הערט דער מאמעס קול : „אז מע זאגט ניין... איז ניין, האסט דו געזעהען א ביסעל !“... און רייזעל הויבט אן וויינען נאך שטארקער. געהט צו צו איהר בעטעל, אונטער'ן פארהאנג, דער טאטע, ישראלי דער חזן, מיט שטילע טריט, בויגט זיך אן איבער איהר, גלעט איהר דיא האר, רעדט צו איהר שטיל, לאה זאל ניט הערען, רופט זיא אן מיט אלע זיסע נעמען : „רייזעל און רייזעלע און רייזעניו“, בעט זי, אז זי זאל אויפהערען וויינען, און זאגט איהר צו אלע גוטע זאכען : די מאמע וועט איהר מארגען אננעמען סיטץ אויף א קליידעל, וועלענס אויף א קאפטעל, מע וועט איהר קויפען שיך... נייע שיך... רייזעל וויינט נאך שטארקער, אזוי לאנג, ביז לאה, וואס האט געהערט אלסדינג, חאפט זיך ביי'ם קאפ און הויבט אן צו שרייען : „אט הענגט זי זיך ! אט טרינקט זיא זיך ! אט שטעכט זיא זיך !...“ בעט זיך ביי איהר ישראלי דער חזן, ס'זאל זיין שטיל, מע וועט זיך צענויפלויפען !... דערהערט מען ביי די שכנים, אז ביי דער חזנ'טע איז א געשריי, לויפען זיך טאקע צענויף עטליכע שכנה'טעס און עס ווערד אויף א מינוט א הארמידער : „גאט איז מיט אייך, לאה'ניו, וואס איז ?“ — „גאר נישט, גארנישט“. — „ווער האט דאס ביי אייך אזוי געשרייען ?“ — „געשריגען ? חלילה ! ס'האט זיך אייך אויסגעוויזען. דאס האבען מיר אזוי געלאכט“. — „געלאכט ? א שעהנער געלעכטער !“ — „געפעלט אייך ניט ? וואס זשע זענט איהר געקומען ?“ — „פאר גוטפריינדשאפט, לאה'ניו, פאר גוטפריינדשאפט. מיר האבען דערהערט, מע שרייעט, האבען מיר געמיינט, מע קוילעט זיך ביי אייך“. — „מע קוילעט זיך ביי מיר ? לאזען שוין מיינע שונאים געקוילעט ווערען פון גאט !“... עס הערט זיך א קלאפ פון־דער טהיר אזוי שטארק, אז די פענסטער ציטערען. „מיט'ן קאפ אין וואנט !“ — זאגט זיי נאך לאה מיט א לאנגער תפלה און לאזט אויס : „גוטע פריינד, האסט דו געזעהען א ביסעל !“

דאס אלסדינג הערט רייזעל, ליגענדיג ביי זיך אויפ'ן בעטעל, הינטער'ן פארהאנג, און וויינט שטילערהייד אויף איהרע יאהר און טעג, אויף איהר פינסטערען מזל, וואס זי איז געבוירען געווארען ביי ארעמע עלטערען, וואס קאנען איהר אפילו קיין פאר שיך ניט קויפען, און דארף פערברענגען דא איהר וועלט אין דער פינסטער, ביי א לעמפעל, וואס טשאדעט, און הערען דיא זידלערייען פון דער מאמע מיט די שכנה'טעס, וואס

קריגען זיך אַלע טאָג און בעטען זיך איבער, און מאָרגען וועט מען מסתמא ווידער אַמאָל צעקריגען זיך און איבערבעטען — און אַזוי אַלע טאָג... און דאָרטען? אָ! דאָרט איז ליכטיג. דאָרט איז פריילין. דאָרט לאַכט מען. דאָרט לעבט מען. אַי, לעבט מען!... איצט איז מען אין טהעאַטער. וואו האַלט מען? סאַמע אין מיטען. און אפשר שוין ביי'ם סוף. אָט באַלד לאָזט זיך אַראָפּ מסתמא דער פאָרהאַנג און דער עולם פּאַטשט בראַוואָ און שרייעט: „האָצמאַך! האָצמאַך! א חסיד'על! האָצמאַך!"... דער עולם שרייעט אַזוי לאַנג, ביז עס בעווייזט זיך האָצמאַך, איין אויסגעמוטשעטער, א פערשוויצטער, איין אָנגעשמירטער מיט קרייד, און טאַנצט דעם דריטען מאָל א „חסיד'על". די כלי־זמר שפּיעלען, דער עולם פּלעסקעט צו און האָצמאַך זינגט:

„יאָך בין מיר א חסיד'על,
א לוסטיגע בריאה,
יאָך בין מיר א חסיד'על
גאָר אָהן א פּניה.
יאָך בין מיר א חסיד'על, א חסיד'אַק
און איך זינג מיר: האָפּ־טשיק־טשאַק!
יאָך בין מיר א חסיד'על א. ז. וו..."

מיט'ן דאָזיגען פריילינען ליעדעלע ווערד רייזעל אנשלאָפען.

קאַפּיטעל 26.

א שרפה אויף „גאָט'ס גאַב"

עס איז געווען שוין ווייט נאָך האַלבע נאַכט, אז עס האָט זיך געלאָזט הערען פון אַלע ביידע קלויסטערס:

בום! בום! בום!...
בום! בום! בים!...

אין האָלענעשטי, אז מע דערהערט דריי מאָל „בום", איז דאָס א סימן, אז ס'איז א שרפה, און וויבאַלד א שרפה אין האָלענעשטי, אַזוי לויפט זיך צענויף די גאַנצע שטאָדט. מע העלפט אַרויסטראָגען זיך. מע ראַטעוועט די נפשות. און דוקא אַליין. וואָרום קיין פייערלעשערס איז אין האָלענעשטי ניט פאַרהאַן. עס ווערד דעריבער אַזאַ אַנגעלויף מיט אַזאַ געדרענג, אז כמעט צוליעב דעם אַליין איז אין האָלענעשטי כדאי צו זיין אויף א שרפה. מע זעהט זיך מיט א וועלט. מע הערט נייעס. ס'איז פריילין.

ביי ישראלי דעם חזן אין שטוב האָט פריהער פון אַלעמען דערהערט דאָס קלינגען די חזנט'ע לאה. דער טאָכטערס טרערען האָבען איהר נישט געלאָזט אנשלאָפען ווערען. און חאָטש רייזעל אַליין איז שוין לאַנג געשלאָפען מיט יענעם זיסען שלאָף, וואָס נור אומשולדיגע קינדער ווייסען פון איהם, האָט לאה דאָך נישט געקאָנט צומאַכען מיט קיין אויג. זי האָט חרטה געהאַט, אַזוי ווי הינט עסען זי, למאי האָט זי בעדאַרפט געבען דאָס וואָרט און שוועהרען זיך?!... פינסטערע מחשבות און שוואַרצע געדאַנקען זענען צו איהר, ווי איינגעגעסענע פליעגען, געקראָכען און האָבען זי געוואָרפען אין היץ און אין קעלט. אַלע מאָל, וואָס זי האָט צוגעמאַכט איין אויג, האָט זיך איהר אויסגעוויעזען, אז אָט־אָט שפּרינגט רייזעל אַרויס דורך'ן פענסטער און לויפט צום טייך — שונאי ציון — זיך טרינקען... און די אָרעמע מוטער נעבאָך זעצט זיך אויף, הערט זיך איין אין דער שטילער פינסטערניש פון דער נאַכט: „דאָס קינד שלאָפט"... — שפּייעט זי אויס דריי מאָל, לייגט זיך אַוועק צוריק און קרעכצענדיג מוטשעט זי זיך, טאָמער וועט זי פאָרט אנשלאָפען ווערען. פּלוצים דערהערט זי דריי מאָל „בום", און נאָך א מאָל דריי מאָל „בום", חאַפּט זי א קוק אין פענסטער און דער־

זעהט א שטיק רויטען הימעל, שפרינגט זי אראפ פון בעט, וועקט זי פאוואלינקע דעם מאנן, ער זאל זיך ניט דערשרעקען :

—ישראלי ! ישראלי ? שטעה אויף, גאט איז מיט דיר, ס'איז גארניט. סע נעצט.

—סע נעצט ? וואו נעצט ?

ישראלי חאפט זיך אויף א דערשראקענער. לאה בערוהיגט איהם :

— שרעק דיך ניט, ס'איז טאקי אויף אונזער גאס, אויף „גאמס גאס", נאר ס'איז ווייט, ווייט פון דאנען. איך האב מורא, אויב ס'איז ניט די דריטע דירה פון בנציון דעם שוחט. — זאגט לאה און קוקט אין פענסטער. — אוי, א דונער האט מיך דערשלאגען ! קום נאר אהער, ישראלי, וואס זאגסט דו ? די דריטע דירה פון בנציון'ען, ניט ווייט פון שול. איא ?

ישראלי קוקט זיך איין דורך'ן פענסטער :

— די דריטע דירה, זאגסט דו ? איך האב מורא, אויב ניט די צווייטע.

— פארפינסטערט בין איך געווארען! ישראלי, גיכער, טהו דיך אן. פארפאלען די שול חלילה ! וואס וועלען מיר טהון?... גיכער, ישראלי, גיכער. נאר נעם אויף זיך מיין פעטשיילע, זאלסט ניט פערקיהלען דעם האלז. גיכער, גיכער !

אומזיסט יאגט איהם לאה אזוי האלז אין נאקען. ישראלי איז שוין אליין באלד פארטיג. ישראלי האט שוין אפגעגאסען נעגעלוואסער, געהאפט אויף זיך די קאפאטע (פון לאה'ס פעטשיילע האט ער זיך אפגעזאגט, ס'איז ווארעם אין דרויסען) און ער לויפט פייל אויסען בויגען ראטעווען בנציון דעם שוחט, ראטעווען די שול.

אויף ראטעווען ביי א שרפה איז ישראלי דער חזן איינער פון די ערשטע אין האלענעשטי. אבי ער האט נור פון עמיצען הילף, איין עמער וואסער, א לייטער, א האק, א שטריק, אדער וואס ניט איז, שפרינגט ער אין פייער אריין, ממש מיט מסירת נפש. אזוי איז ישראלי דוקא איין איידעלע זאך, א רוהניות, א פליעג. נאר קומט צו א שרפה, ווערד ער א גבר, א העלד, א גבור שבגבורים. אויסשלאגען צעהן שויבען און צעבלוטיגען זיך די הענד — איז ביי איהם בלאטע. ארויפקלעטערען אויף'ן דאך אויף דערהרג'עט צו ווערען — איז ביי איהם א גארנישט. לאה ווייסט דאס. לאזט זי איהם נישט אליין. געהט זי איהם נאך. ובפרט איצט, אז ס'איז אזוי נאהינט צו דער שול !... „וואס זשע טהוט מען אבער מיט'ן קינד ?" — זאגט לאה צו זיך אליין, געהט צו צו רייזעלען, קוקט זיך איין, ווי זי ליגט צעווארפען, און הערט זיך איין, ווי געשמאק זי שלאפט, דעקט זי זי איבער מיט דער קאלדרע, זאגט שטילערהייד : „אנשלאפען געווארען נעבאך אין אנטהון, מיר זאל זיין פאר איהרע ביינער"... —און לאזט זיך געהן צו דער שרפה נישט מעהר אז א קוק טהון, איין קוק, א האלבען קוק — און באלד צוריק.

באלד צוריק ? — עס רעדט זיך נור אזוי. ווי קאן מען אוועקגעהן פון א שרפה, אז דאס פייער קנאקט און ווארפט פון איין דאך איבער'ן אנדערען ? אמת, צו בנציון דעם שוחט'ס דירה איז נאך גענוג ווייט, און צו דער שול אודאי. ברענען ברענט דערווייל אשר דער בעקער (וואו איז אשר און וואו איז די שול !). נו, אם כן ? אשר דער בעקער איז קיין יוד ניט ? אמת, אשר איז אליין שולדיג. מע האט איהם געזאגט וויפיעל

מאָל, ער זאָל זיין געהיט מיט די לעזשנים און זאָל טרייסלען א ביסעל אָפּטער דעם קוימען, ווארום ס'וועט אמאָל זיין דורך איהם אן אומגליק. וואָס הערט א בעקער ? האָט ער זיך דערשפּיעלט ! האפּט דער גוטער יאָהר דעם בעקער זיין דירה איז שוין פערפאלען. זי ברענט פון אלע זייטען, ברענט ווי א ליכט. וואָס טהוט מען אָבער מיט די שכנים ? ארום און ארום יודישע הייזער, מיט שטרוי און מיט שינדעל, און צענויפגערוקט איניינעם. איין ווינטעלע א קליינס — אהא פארטיג די גאנצע גאס, „גאָט'ס גאס".

און דער עולם האָט זיך א נעם געטהאָן צו די הייזער, וואָס ארום אָשר דעם בעקער. געלאָפען נאָך עמערס, געבראכט העק, געטראָגען שטריק, געשלעפּט לייטערס, און ישראָלי דער חזן איז ארויף צו משה־בער דעם קצב אויף'ן דאך, זיין פון דאָרטען געקאָמאנדעוועט, ווי א געניטער בראנדמאיאָר, מע זאָל איהם געבען הילף, ווארום אָט נעמט זיך אָן דעם קצב'ס דירה, און נאָך'ן קצב געהט רב שמואל דער רב, און נאָך רב שמואל דעם רב געהט נח דער דיין, און נאָך נח דעם דיין געהט בנציון דער שוחט, און נאָך בנציון דעם שוחט געהט די שול — ניט אומזיסט הייסט די דאָזיגע גאס, „גאָטס גאס"...

צו גרוים איז אבער געווען דער צענויפלויף מיט'ן געשריי מיט'ן געפּילדער, מע זאָל הערען ישראָלי דעם חזן'ס קול פון משה־בער דעם קצב'ס דאך אראָפּ.

— וועה איז מיר ! — האָט געשריגען צו איהם די חזנ'טע לאָה פון דער ווייטען און געמאכט צו איהם מיט די הענד. — וואָס טהוסט דו, גזלן ? וואָס שרייעסט דו ? דו וועסט זיך חלילה אָפּקוילען דעם האלז אָהן א מעסער, עס געהט צו ימים־נוראים!..

און ישראָלי דער חזן — אזוי ווי ער האָט געטראָפען. מע האָט נאָך ניט צייט געהאט דאָס גאנצע ביסעל אָרעמקייט ארויסצוטראָגען פון'ם קצב'ס שכנים, האָט דאָס פייער שוין געגעבען א וואָרף אריבער פון אשר דעם בעקערס שטוב גלייך אויף משה־בער דעם קצב'ס דירה, און ס'איז געוואָרען א גוואלד צווישען עולם :

— דער חזן ! דער חזן !...

קאפּיטעל 27.

שלום־מאיר רעדט פערשטעלט

וואָס האָט מען, א שטייגער, געהאט צום חזן'ס טאָכטער, צו רייזלען ? גענרמען א מיידעל און אוועקגעלייגט זיא ביי ראפאלאָוויטשען אין הויף, אויף די קלעצער. און ווייבער דרעהען זיך אום הין און הער, אָהן א שעור ווייבער. דיא ווייבער געהען צו אלע מאָל צום האָלץ, וואו רייזעל ליגט א געבונדענע, בויגען זיך אָן, קוקען זיך איין און פרעגען איינע ביי דער אנדערער : „עס ברענט?"... „עס ברענט, עס ברענט"...

וואָס זאָל דאָס בעדייטען ? שוין זשע קלויבט מען זיך זי צו פערברענען? פאר וואָס ?... זיא וויל אויפשטעהען, קאָן זי ניט. זי איז געבונדען הענד און פיס. זי הערט, ווי עס קנאקט אונטער איהר דאָס האָלץ. אין די אויגען שלאָגט א רויטע ליכטיגקייט. נעמט זי זיך אָן מיט אלע כחות, צערייסט די שטריק און... זי האפּט זיך אויף — זי איז ביי זיך, אין'ם גאנצען אָנטהון, אויף'ן בעטעל. זי הערט זיך איין — א לויפעריי מיט א גערעדעריי : „עס ברענט...

עס ברענט... זי האַפּט אַ קוק אין פענסטער — די גאַנצע גאַס איז בעגאָסען מיט רויטען. דער הימעל איז בעלייכט מיט אַ העליש־פייער, און עס לויפען מענשען. רייזעל רופט די מאַמע, רופט דעם טאַטען — ניטאָ קיינער. וואָס הייסט דאָס?... נאָך אַ מינוט — און רייזעל איז שוין אין דרויסען.

א פער'כשופ'טע בלייבט שטעהן רייזעל ביי דער טהיר. מיט אַ נאַקעט הענדעל פערשטעלט זי די האַלב־פערשלאָפענע אויגען. דאָס רויטע שאַלעכעל האָט זיך אַראָבגעגליטשט פון די נישט־פערפלאָכטענע האָר אַראָפּ, אַראָפּ. פון אונטער'ן ווייסען קליידעלע קוקען אַרויס אַ פּאָר אויסגעטראָטענע שיכלעך. פון אויבען ביז אַראָפּ ווערד זי בעגאָסען מיט דעם ליכט פון'ם העליש־רויטען הימעל, און דאָס מיידעל הויבט אָן שיינען מיט אַ נייע פייערדיגע שענקייט... נאָר ווער וועט זיך אונטערנעמען, ווער וועט זיך וואַגען אַראָפּהאַפּען אָט דאָס זעלטענע געמילד, אָט דאָס שוואַרצע פייערשיינענדיגע מיידעל מיט די צעפּלאָכטענע האָר, מיט די חן'עוודיגע בעקלעך איהרע, וואָס האָבען זיך בעפאַרבט פון'ם העליש־רויטען הימעל, און מיט די שוואַרצע גליהענדע ציגיינערישע האַלב־פערשלאָפענע אויגלעך וואָס האָבען זיך איהר אָנגעצונדען און לייכטען אַרויס פון איהר שען טונקעל, מיט פייער בעגאָסען פּנים, ווי צוויי שטערען פון'ם טונקעלען נאַכט־הימעל? און וואו נעמט מען פאַרבען אויף אָפּצומאָהלען „גאָט'ס גאַס" אין דער דאָזיגער וואַרעמער שטילער זומער־נאַכט, איבערגעצויגען מיט אַ העליש רויטען הימעל, וואָס בעלייכט די שטאָדט מיט די הייזלעך מיט די פּנים'ער פון די מענשען, וואָס לויפען און קלויבען זיך צונויף אינאיינעם, שרייען און פּילדערען, מאַכען מיט הענד, זעהען אויס פון דער ווייטען ווי טאַנצענדע שדים?...

— אַ גוטען אָבענד, קעצעלע! איינע אַליין נאָר? אַ מכה דער מאַמע! אוועק צו דער שרפה מן הסתם? די גאַנצע שטאָדט איז דאָרטען. דערהערט אַ שרפה אויף „גאָט'ס גאַס", האָב איך מיר באַלד געזאָגט, מע דאַרף געהן אַ קוק טהון, וואָס הערט זיך עפּיס ביי'ם חזן? גאָט זאָל מיר אַזוי געבען גליק און הצלחה!

נאָך'ן לשון איז ניט שווער צו דערקענען, אַז דאָס איז אַלבערט שטשופּאַקס פּליגעלאַדיוטאַנט, אונזער גוטער בעקאַנטער שלום־מאיר.

איצטיגס מאָל האָט זיך רייזעל פאַר איהם דוקא נישט איבערגעשראָקען. אדרבה, זי האָט זיך דערפרייהט, וואָס זי האָט דערזעהן אַ בעקאַנטען מענשען. אפשר ווייסט ער, ווער עס ברענט?

שלום־מאיר קאָן איהר ניט זאָגען, ווער עס ברענט.

— זאָל איך אַזוי וויסען בייז און גימעל און דלות. אַ גרויסע נפקא־מינה ווער: צי בערעל, צי שמערעל? צי יאָקעל, צי טודרוס? איך זעה, מע לויפט — לויף איך אויך. זאָג מיר בעסער, מיידעלע, וואָס איז די מעשה, וואָס ביזט נישט געווען ביי אונז היינט אין טהעאַטער? איך האָב דיך געזוכט, פייגעלע, מיט די אויגען נעבען יענעם פּעמפּיק, וואָס זיצט מיט דיר תמיד, און נישט געקאָנט געפינען. איך האָב שוין געמיינט, ביזט חלילה חרוב, אָדער אַזוי עפּיס אָן אומגליק?

ערשט דאָ דערמאָנט זיך רייזעל, וואָס פאַר אַ טאָג זי האָט איבערגעלעבט מיט וואָס פאַר אַ נאַכט פון צרות, פערדראָס און טרערען... און זי ווייסט אַליין ניט, וואָס זי טהוט, נאָר זי פערטרויעט זיך אָט דעם מענשען. זי דערצעהלט איהם

דעם גאַנצען אמת אין קורצע ווערטע־, אַז דאָס האָט זי די מאַמע אָנגעלערנט, זי ווייסט ניט פאַר וואָס. אפשר דערפאַר, וואָס זי האָט פאַר זיי געזונגען איינעם מיט'ן טאַטען דעם „רבונו־של־עולם“ ?...

— אָט דאָס איז גאָר ? יודישע זאַבובאָנעס — חאַ־חאַ־חאַ! — צעלאַכט זיך שלום־מאיר מיט אַ דריבנע הייזעריג געלעכטעריל, פאַלט אַריין באַ״ד אין איין ערנסטען טאָן אַריין און בעריוועריענד שאָקעלט ער מיט'ן קאָפּ, צוזיפּצענדיג דערביי: — אַז אָך און וועה איז די יאָהר, אַז אַזאַ בריליאַנט דאַרף זיך וואַלגערען אָט דאָ, אין דער האָלעגעשטער בלאָטע, צווישען חיות, וואָס פערשטעהען ניט, ווי איהם צו שעצען, און ביי פאַנאַטישע עלטערען, וואָס ווייסען אַליין ניט, וואו זייער קינדס גליק געפינט זיך...

רייזעל הויבט אויף די אויגען אויף איהם: וואָס, אייגענטליך, מיינט דער־מיט אָט דער מענש ?...

שלום־מאיר רעדט ווייטער, און אַלץ פערשטעלט:

— פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב דיך געהערט זינגען אָט דאָ,— געדענקסט דו אַנומעלט אין דער פריה? — דו האָסט געזונגען „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען“ האָסט דו געזונגען, — האָב איך באַלד געזאָגט: „אָט דאָס איז זי, די אמת'ע פרימאַדאָנאַ פון פרימאַדאָנאַלאַנד“, — גאָט זאָל מיר אַזוי געבען געזונד און הצלחה.

רייזעל פערשטעהט איהם גאָר ניט אַקוראַט. ער רעדט ווייטער:

— און ווער שמועסט, אַז דו האָבסט דיך אָוועקגעשטעלט זינגען מיט'ן טאַטען דעם „רבונו־של־עולם“, האָב איך געזאָגט: „דאָס מיידעל איז בעשאַפען געוואָרען פון גאָט פאַר אונזער טהעאַטער!“

— איך ?...

מעהר קאָן רייזעל ניט אויסרעדען אין דער מינוט, און זי פיהלט, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז איהר אַריין אין פנים.

— איך האָב עס באַלד געזאָגט אונזער דירעקטאָר. מע טאָר ניט, זאָג איך איהם, לאָזען פערלוירען געהן אַזאַ גאָלדענע פרימאַדאָנעכין. מע דאַרף זי, זאָג איך, אַרויסשלעפּען פון דאַנען מיט גוואַלד.

— מיט גוואַלד ?...

רייזעל ווערד שוין גאָר איבער־אַיִשט. און שלום־מאיר טהוט זיין זאַך, רעדט אָהן איין אָפּשטעל:

— וואָס דענן? ווי אַזוי לאָזט מען אַזאַ שטיק גאָלד זיך וואַלגערען אין דער בלאָטע? ווי אַזוי דערלאָזט מען פערלירען געהן אַזאַ טאַלאַנט? איך שטעל מיר פאָר דיין ערשטען אויפטריט ביי אונז אויף דער ביהנע אין דער ראָלע פון „בלימעלע“, אָדער „שולמית“, אָדער „שבת קודש“, אין קורצע קליידעלעך מיט קליינע שיכעלעך, און די טהוסט אַ זינג מיט דיין זיס שטימעכין די שענע ליעדער פון גאָלדפאַדען, פון פינקעלשטיין, אָדער פון אַנדערע — איז דאָך, הערסט דו, אַ כפרה פאַר דיר דאָס גאַנצע טהעאַטער מיט די ביינער! אָדער, לאָמיר זאָגען, דו האָסט זיך גאָר פאַרשטעלט פאַר אַ יונגעל מיט שוואַרצע געקרייזעלטע האָר און טהוסט אַ קוק אַרויף מיט ריינע פייעריגע ציגיינערישע אייגלעך און אַ זינג אָפּ „הייסע באַבקעלאַך“, אָט אַזוי, למשל (שלום־מאיר זינגט שטיל אויף זיין האַלב־הייזעריגע שטימע „הייסע באַבקעלאַך“ און קוקט אויף רייזעלען, וואָס פאַר איין איינדרוק עס מאַכט אויף איהר):

דאָרט זעה איך א שאָלטיק אין גאס,
טהוען טהוט ער גאָר ניט.
ער געהט ארום פוסט און פאס,
טהוט אלעס וואָס מע טאָר ניט.
קראנק איז ער אזוי ווי איך אויך
צו האָרעווען מיט בלוטיגען שוויים
און צו שרייען אין דער הויך:
הייסע באבקעלאך, אידעלאך, הייס!

— ס'פארשטעהט זיך, אז דו מיט דיין קול'כעל און מיט דיין פיסקעליי, אז דו טהוסט א לייג אוועק די דאָזיגע באבקעלאך, נעמט דאָס דאָס גאנצע פובליקום איין א מיתה משונה אויף'ן אָרט. זאָג אפשר, אז ניין, נשמה מיינע?

שלום־מאיר זעהט, אז זיינע רעד זענען ניט גרויסגעוואָרפען אויף'ן ווינד, געהט ער צו צו איהר גאנץ נאָהינט, טהוט איהר א גלעט פון דער גרינג איבער'ן הענדעל און מאכט צו איהר אויף זיין הייזעריגליכער שטימע:

— הערסט דו, פייגעלע מיינס, מעגסט גאָט דאנקען, וואָס דו האָסט זיך מיט מיר בעגעגענט. אונזער איצטיגע פרימאַ־דאָנא איז אויך א טאטענס א קינד, נאָר אויך פון אָרעמען גראד, אזוי ווי דו. פון א קליין שטעדטעל איז זי, פון פוילין. דאָס האָט זי מיר צו פערדאנקען, וואָס זי איז אן אקטריצע ביי אונז אין טהע־אטער, דאָס האָב איך איהר געהאָלפען אנטלויפען. ס'איז א שענע געשיכטע. נישקשה, מעגסט דאָס האָרכען. דער טאטע איהר'ער אליין איז סך־הכל א..

. . . .

:: שאָד. שלום־מאיר מוז איבעררייסען די געשיכטע פון דער פרימאַדאָנא. ער דערזעהט פון דער ווייטען, בעלויכטען פון דעם פייערדיגען הימעל, שניידט זיך פון דער צווייטער גאס ארויס א פיגור גלייך אהער, צום חזן'ס שטיבעל. פאסט איהם נישט מעהר צו שטעהען אָט דאָ מיט'ן חזן'ס מיידעל. דאָס קאָן איהם שאדען צו זיין גאנצען פלאַן, וואָס איז שוין אויסגעארבייט געוואָרען ביי איהם אין קאָפּ, שטעהענדיג אָט דאָ אין דרויסען. געזעגענט ער זיך אָפּ מיט רייזלען פאר דער האנד, ווארפט איהר אריין א פאָר ווערטער מיט א ניגון, צום גראם, נאָר פערשטעלט:

— ווערסט דו זיין א קלוג מיידעלע,
ווערסט דו האָבען א קליידעלע....

* * *

די פיגור, וואָס האָט זיך געשניטען פון דער צווייטער גאס ארויס, איז גע־ווען נישט קיין אנדערער, נאָר טאקי אונזער יונגער העלד בון'ם ראָמאַן, דעם נגיד ראפאלאָוויטשעס זוהנדעל, לייבעל.

קאַפּיטעל 28.

פופצעהן מינוט אַנטראַקט

מיר האָבען איבערגעלאָזט אונזער יונגען העלד, לייבלען, געהן נאָך זיין אייגענער לויה. דאָס הייסט, ווי ער זיצט אין טהעאטער און טראכט פון דעם, ווי אזוי ער איז געשטאָרבען, און ווי אזוי אלע בעדויערען זיין פריהצייטיגען טוידט, בעוויינען איהם און בעגלייטען איהם צו זיין אייביגע רוה. דאָס בילד שטעלט זיך איהם פאָר אזוי בלוט־לעבע־דיג און אזוי טרויעריג־ריהרע'ד, אז עס פע'קלעמט איהם ביי'ם הארצען און ער פיהלט אויף זיינע ליפען הייסע גע־זאלצענע טראָפּען — זיינע אייגענע טרערען. לייבעל בעוויינט לייבלען, און, זיצענדיג אין טהעאטער, הערט ער ניט און זעהט ניט, וואָס אויף דער סצענע טהוט זיך, און נור. דעמאָלט חאפּט ער זיך אויף, אז עס ווערד א מורא'דיגער רעש, א געלעכטער און א געשריי:

האָצמאך! האָצמאך!"...

דער דאָזיגער רעש וועקט אויף אונזער

יונגען העלד פון זיינע טרויעריגע חלומות און ברענגט איהם צוריק אין דער לעבעדיגער וועלט אריין, וואו יודען פרעהן זיך מיט אידישען טהעאטער, האָבען הנאה, לאַכען, שרייען און פּילדערען, לעגען איין די וועלט.

„פּופצעהן מינוט אַנטראַקט". אזוי שטעהט בפירוש געדרוקט אויף די אפישען פון טהעאַטער. נאָר דאָס גאַנצע פּובליקום ווייסט שוין (א יודען נארט מען נישט), וואָס פאר פּופצעהן מינוט דאָס איז.

— די מכות זאָל זיך זיי זעצען, וואָס מעהר פון דרייסיג ! — אזוי זאָגט דאָס האָלענעשטער פּובליקום. און דער עולם פערלאָזט די פערהאַפּטע ערטער און געהט ארויס אין דרויסען, ווער א ביסעל רעדען, ווער חאַפּען פרישע לופט, און ווער אריינשלעפּען אין טהעאטער אריין א קרוב אָדער א בעקאַנטען אָהן א בילעט, און ווער עס חאַפּט זיך אריין גאָר הינטער די קוליסען.

פאַרהאַן אין האָלענעשטי אַזעלכע, וואָס בעת אנטראקט גנב'נען זיי זיך אריין אהין, אויף יענער זייט קוליסען. זעלבסטפערשטענדליך, אז דאָס טהוט ניט קיין לייטישער מענש, קיין בעל־הבית. אהין טרעט אריין צָדער א כלי־זמר, אָדער א בעל־מלאכה, אָדער אזוי א הפקר־יונג, וואָס האָט ניט וואָס אָנצוּרוּעהרען אין האָלענעשטי. אהין חאַפּט זיך אריין גאַנץ אָפטליך, ווי מיר ווייסען שוין, דעם בעל־הבית'ס זוהנדעל, לייבעל, דורך גאָר א בעזונדער טהירעל, וואָס נור פאר איהם איז דאָס אָפען.

און אַלע מאָל, ווען אונזער לייבעל טרעט אריין אַהער, פיהלט ער זיך אין איין אנדער וועלט. שפּאַנענדיג איבער די שאָקלענדיגע ברעטער פון דער ביהנע וויזט זיך איהם אויס, אז ניט ער געהט, נאָר ער שווימט, ער שוועבט, עס טראָגט איהם אין דער לופטען. און זעהענדיג פאר זיך די איבערגעטהאָנענע, מיט קרייד אָנגעשמירטע אקטיאָרען און אקטריסעס, ווי זיי לויפען, ווי זיי שפּרינגען, ווי זיי חאַפּען טאַנצענדיג אַן עס, א טרונק, א זינג, שטעלט זיך איהם פאָר, אז ער איז איינער פון זיי, און נישט ווילענדיג נעמט ער איבער זייערע גענג, זייער שפּראַך מיט אלע זייערע תנועות און פאָסטעמקעס, און אז ער קומט אויף מאָרגען אין חדר אריין, בעוויזט ער פאר זיינע חברים אזעלכע מאָדנע קונצען, אז זיי זיינען איהם דערויף נאָך מעהר מקנא, ווי אויף דעם, וואָס ער איז דעם נגיד'ס א יונגעל.

איצטיגס מאָל, אז לייבעל איז אריינגעקומען הינטער די קוליסען, איז איהם נישט געלעגען אין זינען ניט קיין ביהנע, ניט קיין אקטיאָרען, ניט קיין קונצען. ער האָט דורכגעלאָזט פערביי די פּרימאַדאָנא מיט די גרויסע בלויע, שטאַרק אונטער געשמירטע אויגען און מיט די גרויסע מעשענע רייפלעך, וואָס באָמבלען זיך אויף איהרע אויהרען. ער איז דורכגעלאָפען פערביי די איבעריגע אקטיאָרען, וואָס האָבען געביסען אלע צו שטיקלעך פון איין עפּעל און פערגאַנגען זיך בעת מעשה פאר געלעכטער. לייבלען איז איצט נישט געלעגען אין זינען קיין זאַך. ער האָט געזוכט אין אַלעווינקעלאך האָצמאַכען.

האָצמאַכען איז געווען שווער צו דערקענען אין'ם קאָסטיום פון קבצנזאָהן (יענעם אויף דער נאַכט איז געגאַנגען דאָס בעריהמטע שטיק : „קבצנזאָהן עט הונגערמאַן").

האָצמאַכ'ס קאָסטיום איז בעשטאַנען פון א צעריסענעם, א צעפליקטען פראַק, איין אלטען צעקנייטשטען אָפּגעבארע־

טען צילינדער, שטאַרק צעריסענע קאַמאַשאַן אויף די פיס מיט ארויסגעשטעקטע פינגער, א פּאָר הויזען פון סאַמע לאַטעס, און צווישען די לאַטעס — א קאָרט, די טויז שערעל.

די דאָזיגע טויז שערעל האָט ארויסגערופען אין האָלענעשטי ביים פּובּליקום אזוי פיעל געלעכטערען, אז פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס קבצנזאָהן (האָצמאַך) האָט זיך בעוויזען אויף דער סצענע, ביז'ן סוף אקט איז דער עולם שיער ניט צעשטאָרבען. נעמען און פערלאָטען, איך בעט איבער אייער כבוד, א פּאָר אלטע תחתונים מיט דער טויז שערעל — דאָס איז עפּיס אזא המצאה, וואָס אין האָלענעשטי וואָלט דאָס ניט איינגעפאלען קיינעם אפילו אין טויזענד יאָהר ארום! דער עולם איז געוועזן זיכער, אז דאָס איז האָצמאַכ'ס אויפטהו (נאַאיווע מענשען!), האָבען זיי איצטיגס מאָל געמאכט דעם ליעבלינג האָצמאַך אזא אָוואציע, אז דער דירעקטאָר פון'ם יודיש־דייטשען טהעאטער, אלבערט שטשופּאק, וואָס האָט געשפּיעלט די ראָלע פון הונגערמאַן, איז שיעור ניט צעפּיקעט געוואָרען פאר קנאָה.

דערפאר איז אבער האָצמאַך געוועזן אויף'ן זיעבעטען הימעל. ער האָט געפיהלט, אז היינטיגען אויפדערנאכט שפּיעלט ער געטליך, אז היינטיגען אויפדערנאכט זענען „אלע נאָך איהם די כפּרה“.

דערזעהען לייבלען ארומדרעהען זיך הינטער די קוליסען, האָט ער פערשטאַנען, אז דאָס זוכט ער איהם, האָצמאַכען. מסתמא אָפּדאַנקען איהם פאר זיין היינטיגען שפּיעלען, און אפשר טראָגט ער איהם עפּיס גוטע זאכען, האָט איהם האָצמאַך פרעהליך א רוף געטהאָן:

— עה, פּעמפּיק! וועמען זוכסט דו? דעם נעכטיגען טאָג? פאר וואָס זעהט מען דיך עפּיס ניט, נשמה מיינע?

לייבעל געהט צו צו זיין פריינד, בעט איהם, ער זאָל זיך אָנבויגען צו איהם, ער דאַרף איהם עפּעס זאָגען א נויטיגע זאך אויף'ן אויהער.

— א סוד פאר גאנ'ץ בראָד? — זאָגט האָצמאַך, בויגט זיך אָן ווי לאנג ער איז צו לייבלען, ווערד שיער ניט איבערגעבראָכען אויף דער האלב.

אויסגעהערט דעם סוד, גלייכט זיך האָצמאַך אויס, אין זיינע שארפע שפּיציגע אויגען צינדט זיך אָן א פייערעל, און ער טהוט א פּאטש לייבלען אין פּלייצע:

— אָט אזוי האָב איך דיך ליעב! אָט אזוי ביזט דו פון מיינע מענטשען! וואָס דענן? מיינע ווערטער! איך האָב דיר לאנג געזאָגט, אז דיין פּלאַץ איז אָט דאָ אָ. אניט, זאָל איך איננעמען א מיתה משונה!...

אין דער מינוט וואכסט אויס הינטער האָצמאַכ'ס פּלייצעס הונגערמאַן (אלבערט שטשופּאק).

— וואָסער פּלאַץ? ווער פּלאַצט? ווער צעפּלאַצט, האָצמאַך!

דערהערט דעם דירעקטאָרס קול, דרעהט זיך אוים צו איהם האָצמאַך א פערציטערטער. ער געפינט זיך אָבער באלד און ווייזט אָן מיט'ן פינגער אויף לייבלען:

— ער זאָגט, אָט דער פּעמפּיק, אז איינער האָט פערנומען דאָרט א פּלאַץ אין טהעאטער אָהן א בילעט!...

דערהערט די ווערטער „אָהן א בילעט“, ווערד דער דירעקטאָר מלא כעס וחמה. אלבערט שטשופּאק קאָן ניט הערען די דאָזיגע ווערטער, ווי א גערטנער קאָן ניט הערען, אז מע זאָגט איהם: „א חזיר אין גאָרטען“...

— שלום־מאיר ! וואו איז ערגיץ שלום־מאיר ? א חלירע ! — צעשרייט זיך שטשופּאַק און זוכט מיט די אויגען לייבלען. נאָר לייבעל איז שוין נישטאָ.

קאַפּיטעל 29.

גזמה! נקמה! נזמה!

יענע נאַכט איז אונזער העלד געשלאָפען, מע קאָן זאָגען, ווי נאָך א באָד. און אַנשלאָפען געוואָרען איז ער מיט א פאַרטיגען אויסגעאַרבייטען פּלאַן פון נקמה, נקמה, נקמה ! נוקם זיין זיך דאַרף מען, נוקם זיין זיך ! אָנלערנען דעם טאַטען, אָפּרעכענען זיך פאַר די שמיץ, און פאַר'ן בזיון, און פאַר אַלעס, פאַר אַלעס !...

לאַנג האָט לייבעל נישט בעדאַרפט טראַכטען. וואָס איז דאָ פאַרהאַן צו טראַכטען ? עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז דאָס איז אזוי איינפאַך, על־פּי דרך הטבע און אזוי פּראָסט, וואָס פּראָסטער קאָן שוין, דאַכט זיך, גאָר ניט זיין.

אָט האָט איהר דעם גאַנצען פּלאַן, ווי מע זאָגט, אויף דער האַנד :

ביינאַכט, אז אַלע וועלען אַנשלאָפען ווערען, וועט ער זיך פּאַוואָלינקע אויפשטעהען און צוגעהען אויף די שפּיץ־פינגער צום קאַססירס בעט. לייבעל שלאָפט מיט'ן קאַססיר אין איין חדר. און דער קאַססיר (שמחה רופט מען איהם, נאָר לייבעל האָט איהם א נאָמען געגעבען „ששון ושמחה") איז א בחור, וואָס האָט ליעב שלאָפען. „ששון ושמחו" בעריהמט זיך אפילו, אז ער האָט אזא גרינגען שלאָף, אז ער קאָן דערהערען א פליעג, נאָר אַלע ווייסען, אז „ששון ושמחה" ווערד אַנשלאָפען, מעג מען איהם אַרויסטראָגען מיט'ן בעט, וועט ער ניט הערען, סיידען אָפּגיסען איהם מיט איין עמער וואַסער.

פון דעסטוועגען, קאָן מען זיך מיט דער קאַססע אויף ששון־ושמחה'ן פערלאָזען. ערשטענס, איז ער איין אייגענער מענש. טאַקי בעני ראַפּאַלאָוויטשעס א פריינדעל. א פּלעמעניק אָדער א שוועסטערקינד. און צווייטענס, איז ער גלאַט איין ערליכער בחור, א געטריי־הער, און היט די קאַססע, דאָס הייסט, דעם טיש, וואו דאָס געלד ליגט, ווי א גוטער הונד. די שליעסעלעך פון די טישקעסטלעך טראָגט ער תמיד ביי זיך אין די הויזענקעשענים, און אז ער לייגט זיך שלאָפען, לייגט ער זיך ניט אַנדערש, ביז ער קוקט ניט אַרום גוט אַלע פענסטער מיט אַלע לאָדען, צי זיי זיינען גוט פערמאַכט, האַפּט א קוק אויף אונטער די בעטען, צי ס'האָט זיך ניט אַריינגעחאַפּט בעצייטענס א גנב, און אז ער טהוט זיך אויס, לייגט ער אוועק די הויזען ביי זיך צוקאָפּענס. און דעם בעל־הבית'ס זוהנדעל, לייבלען, האָט מען איהם אויך אוועקגעלייגט אַקעגען אויף א בעטעל, — נו, בעדאַרף ער עפּים מורא האָבען ?

אָט דעם דאָזיגען קאַססיר האָט גאָט אַליין צוגעשיקט אונזער לייבלען, ער זאָל קענען אַרויסבעקומען די מטבע, ווי זיין פריינד האָצמאַך האָט איהם אויסגעלערנט. ער האָט איהם איינגערוימט א סוד, אז „מע דאַרף האָבען קלינגערס. קלינגערס ! און וואָס מעהר קלינגערס, וועט אַלץ זיין בעסער !"... און לייבעל, אויסאַרבייטענדיג זיין בעריהמטען פּלאַן, האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, ווי אזוי ער בעקומט אַרויס ביי'ם קאַססיר די „קלינגערס" פון דער קאַססע. „ששון־ושמחה" שלאָפט ווי א גע'הרג'עטער, חראָפּעט ווי א געקוילעטער אָכס, און ער, לייבעל, שטהעט אין דער פינסטערער נאַכט איבער זיין בעט און טראַכט, ווי

אזוי בעקומט מען ארוים דעם קאססירם הויזען פון צוקאפענם ? פאמעליך־פאמעליך פערלייגט ער א האנד אונטער דעם קישען, שלעפט ארוים פריהער איין הויז, דערנאך נאך א הויז און בעקומט ארוים דאס בינטעל שליעסלעך. שטיל, אויף די שפיץ פינגער, געהט ער צו צום טיש. רוהט זיך אפ נאך יעדען טריט, מע זאל ניט דערהערען, און דאס הארץ קלאפט איהם מיט סכנת־נפשות. מעהר ווי פאר אלעמען האט לייבעל מורא פאר דער אלטער באבע, וואס שלאפט אין צווייטען חדר. די „אלטע" האט שוין דוקא יא א גרינגען שלאף און א שארף אויג, וואס קאן זעהען דורך א וואנד, ווי איין אנדערער דורך ברילען. מיט א קלאפענדיג הארץ און מיט ציטערענדיגע הענד עפענט ער אויף דאס טישקעסטעל... לעגט אריין פאוואלינקע די האנד און נעמט אן א פולע זשמעני פאפיער־געלד („וואס מעהר פאפיער־געלד" — זאגט האצמאך), און פאוואלינקע לעגט ער אוועק די שליעסלעך מיט'ן קאססירם הויזען צוריק אויף זייער ארט, און אליין גליטשט ער זיך ארוים אין דרויסען ארוים... דארטעןווארט שוין אויף איהם זיין פריינד האצמאך מיט א צוגעגרייטע פוהר אויף אוועקצופאהרען צו דער באהן... און בכדי מע זאל זיי אויף דער הייסער שעה ניט נאכיאגען, האט לייבעל צוגעקלעהרט נאך א שענערע זאך. ער וועט זיך איבערטהון געוועהנליך אין פרעמדע מלבושים, און זיינע קליידער וועט ער אוועקלעגען בײ'ם ברעג טייך — לאז מען מיינען, אז ער האט זיך דערטרונקען... וועט מען איהם מסתמא זוכען אין וואסער, זוכען און זוכען און א פייג וועט מען איהם געפינען... וועט מען זיצען נאך איהם שבעה... מען וועט וויינען און קלאגען אזוי לאנג, ביז מע וועט איהם מסתמא פערגעסען... און אז ס'וועט אוועקגעהען א צייט, למשל, א יאהר צעהן אדער צוואנציג, וועט לייבעל דערמאלט זיין שוין א בעוואוסטער, א בעריהמטער ארטיסט, האבען איין אייגענע טרופע און ארומפאהרען איבער דער וועלט שפיעלען טהעאטער. וועט ער ארפאפאהרען אויף א טשיקאוועסט קיין האלענעשטי אויך שפיעלען טהעאטער, און אפדינגען דורך א מענשען טאקי ביי זיין טאטען אט די סטאדאלע, אריינלאזען די גאנצע שטאדט אהן בילעטען אין טהעאטער אריין — אדרבה, לאז מען זעהען, וואס הייסט געשפיעלט! און אז עס וועט זיך אויפהויבען דער פארהאנג, וועט ער אויפטרעטען אויף דער ביהנע מיט דער גאנצער טרופע. אלע וועלען זיין גרויסארטיג אנגעטהאן, און ער, דער דירעקטאר הייסט עס, וועט שטעהן אינמיטען איינגעטונקט אין דימאנטען און בריליאנטען, כמעט אזוי ווי שטשופאק... און ווי נור ער וועט זיך בעווייזען אויף דער ביהנע, אזוי וועט מען איהם מסתמא באלד דערקענען, אז דאס איז ער, לייבעל, וועט די מוטער געווים פאלען חלשות, און דער פאטער וועט געבען א געשריי ארוים מיט זיין דונערדיגע שטימע: „לייבעל!" און פון אלע זייטען וועט ווערען א גדולה: „לייבעל!"

— לייבעל! לייבעל! לייבעל!....

לייבעל עפענט אויף דיא אויגען, דערזעהט ער ביי זיך צוקאפענס שטעהן דעם קאססיר.

—ששון ושמחה! וואס איז?....

— וואס איז? וואס איז? האסט דוא געזעהן א מענש זאל האבען אזא הארטען שלאף! מע וועקט איהם און מע וועקט

און מע קאָן איהם גאָרניט דערוועקען. שטעה אויף. עס ברענט.

— ווער ברענט ? וואו ברענט ?...

— אויף „גאָט'ס גאס“. אלע זענען אוועק אויף דער שרפה. טהו דיך אָן. שוין פון א שעה אז מע קלינגט אין אלע גלעקער. מיר דאכט, עס קאָן אויפוועקען א טויטען.

אזוי האָט זיך אויסגע'טענה'ט מיט לייבלען „ששון־ושמחה“ דער קאססיר, וועלכען מע האָט נאָר־וואָס אליין קוים אויפגעוועקט און געזאָגט, אז ער זאָל נישט דערוועגען זיך אוועקגעהן פון שטוב.

עס איז אָבער נור גרינג אזוי צו זאָגען — „ניט אוועקגעהן פון שטוב“. וויא קאָן מען דאָס איינזיצען אין שטוב, אז אין דרויסען איז א שרפה ? און דער געטרייהער קאססיר, ששון־ושמחה, איז אינאיינעם מיט לייבלען ארויסגעגאנגען מעהר ניט אויף א מינוטקעלע נור א קוק טהון, ווי עס ברענט. און אז ער איז ארויסגעגאנגען אין דרויסען און דערזעהן דעם מיט פייער בעגאָסענעם הימעל און דערהערט דעם „בום“ פון די גלעקער, האָט דאָס איהם ניט ווילענדיג געגעבען א טראָג אוועק אהין, וואו עס האָט אוועקגעטראָגען אלעמען אין יענער נאכט, אחוץ איין לייבלען.

לייבלען האָט דאס אוועקגעטראָגען אין איין אנדער אָרט. ער האָט זיך גענומען רעכטס. א קוק טהון פריהער אין חדר אריין, צו ישראָלי דעם חזן, אָנקלאפּען זיי אין פענסטער, אויפוועקען זיי, טאָמער שלאָפען זיי נאָך און ווייסען ניט, אז ס'איז א שרפה אויף „גאָט'ס גאס“.

נאָר איידער לייבעל איז נאָך צוגעגאנגען צום חזן'ס שטוב, האָט ער שוין דערזעהן פון דערווייטען, בעלייכטעט פון'ם העלישפּייעריגען הימעל, שטעהן ביי דער טיהר דעם רבינ'ס טאָכטער רייזעל, און נעבען איהר — עפּיס א פּאַרשוין, וואָס האָט זיך אָפּגעטהיילט פון איהר, זיך א נעם געטהאָן לינקס און מאכט פיס. האָט זיך לייבעל אויך גענומען מאכען פיס, צוגעהן נעהינטער צו ישראָלי דעם חזן'ס שטוב.

קאַפּיטעל 30.

א נאַכט פון כשוף

און אז אונזער העלד וועט לעבען הונדערט יאָהר אפילו, וועט ער אויך ניט פערגעסען יענע נאכט פון דער שרפה אויף „גאָטס גאס“. ווארום דאָס איז געווען א נאכט פון כשוף.

אין דיא סאמע בעסטע, וויא אויך אין דיא סאמע ערגסטע צייטען פון זיינע שפּעטעריגע יאָהרען, און נאָך עד היום הזה, אז ער בלייבט מיט זיך איינער אליין, איז איהם אנגענעהם צו ליגען מיט צוגעמאכטע אויגען און איבערלעבען נאָך א מאָל און נאָך א מאָל יענע גליקליכע, שענע, אונפערגעסליך־כשופ'דיגע נאכט, ווען ער איז א האלבפערשלאָפענער געלאָפען זעהען, ווער ברענט אויף „גאָט'ס גאס“.

דער גאנצער הימעל, אויף וויפיעל דאָס אויג קאָן חאפּען, האָט זיך בעפארבט מיט רויטען, אזוי ווי מיט בלוט. וואו זענען אהינגעקומען די שטערען ? איבער דער דאָזיגער רויטקייט האָבען זיי זיך ערגיץ בעהאלטען און זענען פערשוואונדען געוואָרען. פון דעם צווייטען עק גאס האָט זיך געטראָגען א ווייטער הילך. עס האָט זיך געהערט א הורהא פון מענשען, א בילען פון הינד און א קנאקען פון ברענענדיגע דעכער. אויף דער רויטער ליכטיגקייט האָבען זיך אָפּגעשפּיעלט פון דער ווייטען א סך

שוואַרצע פיגורען. אין אַ רויטען וואָלקען איינגעהילט איז געשטאַנען פאַר זיינע אויגען דעם רבי'ס טאָכטער, וואָס האָט אויסגעזעהען, וויא אַ שענע פערכשופט'ע נאַכט־פּרינצעסין. קיין מאָל האָבען איהרע שוואַרצע האָר ניט אַזוי געגלאַנצט. קיין מאָל האָבען איהרע טונקעל־רויטע בעקלעך ניט אַזוי געגליהט, וויא אין דער דאָזיגער נאַכט. און עס האָט זיך איהם אויסגעמאָהלט, אַז זיא איז אַליין פון פייער, אַז אָט הויבט זי זיך אויף און ווערד פערשוואונדען אינאיינעם מיט די שטערען ערגיץ אין דער רויטער ליכטיגקייט פון דער דאָזיגער כשוף'דיגער נאַכט. און ער פיהלט, ווי עס ציהט איהם צו איהר נעהינטער און נעהינטער.

און רייזעל האָט איהם דערקענט נאָך פון דער ווייטען. זי קוקט זיך אַרום אויף אַלע זייטען, צי ס'איז ניטאָ קיין פרעמדער מענש, וואָס זאָל זיי זעהען. ניין. ס'איז ניטאָ קיין פרעמדער מענש, וואָס זאָל זעהען. ס'איז ניטאָ קיינער. אַלע זענען ביי דער שרפה. די גאַנצע שטאָדט איז ביי דער שרפה.

זי געהט איהם צוויי טריט אַקעגען. אין קורצע ווערטער גיט זי איהם איבער, ווי אַזוי זיא האָט זיך אויפגעכאַפּט... איינע אַליין אין שטוב... אַלע זענען ביי דער שרפה... „ווער ברענט?“

— ווער ברענט ? איך ווייס אויך ניט, ווער סע ברענט. מיך האָט מען אויפגעוועקט און געזאָגט, אַז ס'איז אַ שרפה אויף „גאָט'ס גאַס“, בין איך געלאָפען גלייך אַהער.

רייזעל קוקט איהם אין די אויגען אַריין.

— גלייך אַהער ?

— איך ווייס אַליין ניט, פאַר וואָס גלייך אַהער, ווארום ווען אַפילו די שרפה זאָל זיין ניט אויף „גאָט'ס גאַס“, וואָלט איך אויך פריהער געלאָפען גלייך אַהער...

ער בלייבט שטעהן. ער פיהלט, אַז ער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט מיט איין איבעריגען וואָרט, און ער ווערד רויט... רייזעל לאָזט נישט אַראָפּ פון איהם קיין אויג. אַך, וויא שען ער זעהט אויס אין דער מינוט אָט דאָ אויפ'ן פייער! ווי חנ'עוודיג עס פלאַמען איהם די בעקלעך! און די גרויסע און מילדע אויגען זיינע קוקען אויף איהר אַזוי היימיש, אַזוי ליעבליך, גלייך ווי ער וואָלט איהר זיין איין אייגענער, איין אייגענער ברודער.

לייבעל פערכאַפּט זיך און גיט איהר צו פערשטעהן, פאַר וואָס ער וואָלט לויפען פריהער אַהער: „אין אַזאַ נאַכט!“... „און גלאַט וואָס האָט ער צו טהון דאָרטען, ביי דער שרפה? וואָס האָט ער ניט געזעהען? ווי אַזוי הייזער אויף „גאָט'ס גאַס“ ברענען? לאָזען זיי ברענען. לאָז ברענען די גאַנצע גאַס, די גאַנצע שטאָדט אַפילו, וואָס געהט'ס איהם אָן? איצט קעהר ער זיך שוין מיט האָלענעשמי נישט אָן גאָר נישט. גאָרנישט. ער איז שוין מעהר נישט קיין האָלענעשטער. נאָך אַ טאָג. נאָך צוויי טאָג“...

ער נעמט זי אָן ביי דער האַנד:

— וועסט מיר געבען די האַנד תקיעת־כף, אַז צווישען אונז וועט דאָס בלייבען? וועל איך דיר עפּיס זאָגען.

און לייבעל דריקט איהר הענד־על אין זיין גרויסער וואַרעמער האַנד אַזוי ווי דעמאָלט אין טהעאַטער און ער זאָגט צו איהר שטיל און ערנסט, און אַ בענקעניש הערט זיך פון זיין קול:

— איך פאָהר אוועק פון דאַנען.

זי שטעלט אוועק אויף איהם איהרע

גלידענדע ציגיינער־אויגען.

— וואוהין?

וואוהין? ער ווייסט נאָך אליין אויך ניט — וואוהין. נאָר אז ער פאָהרט אוועק — דאָס איז זיכער, אזוי ווי ס'איז איצט נאכט אויף דער גאנצער וועלט. אזוי ווי דאָס איז א הימעל פון גאָט.

ביידע הויבען אויף דיא אויגען ארויף צום הימעל, און רייזעל דערפיהלט, אז פון דער בשורה ווערד איהר קאלט. זי רוקט זיך צו צו איהם נעהענטער, קוקט זיך איין און הערט זיך צו צו איהם, ווי ער רעדט דאָס אזוי ערנסט. וויפיעל זי קען איהם, האָט זי נאָך קיינמאָל ניט געזעהן איהם אזוי ערנסט. עס מאָהלט זיך איהר אויס, אז ער איז מיט א מאָל אויפגעוואכסען, געוואָרען א גרויסער. זי פרעגט איהם, און עס הערט זיך, ווי איהר קול ציטערט:

— אויף לאנג?

— אויף לאנג? וואָס הייסט, אויף לאנג? אויף שטענדיג. אויף אייביג.

— אויף אייביג? ווּעלען מיר, הייסט עס, שוין מעהר נישט זעהען זיך קיין מאָל ניט?

— קיין מאָל ניט.

לייבעל זעהט אין דעם אָפּשיין פון דער רויטער ליכטיגקייט, אז רייזעל'ס שען טונקעל פּנים ווערד בלאס, און ער נעמט זי אָן נאָך א מאָל ביי דער האנד און עס דאכט זיך איהם, אז איהרע פינגער זענען מיט א מאָל ווי קאלט געוואָרען. און עס טהוט איהם באנג, וואָס ער פאָהרט אוועק. ער קאָן אָבער דערצו גאָר ניט העלפען. שוין איין אָפּגעמאכטע זאך — פארפאלען. און ער ענטשליסט זיך צו פערטרויען איהר זיין סוד, זיין הייליגען סוד, וואוהין ער פאָהרט און צוליעב וואָס ער פאָהרט און איבער וועמען ער פאָהרט... און רייזעל קוקט איהם אין די אויגען אריין און הערט איהם אויס און לאָזט ארויס א גרינגען זיפץ.

לייבעל קוקט אויף איהר, ווי ער וואָלט איהר וועלען זאָגען: „דו ווילסט ניט? דו וועסט בענקען? זאָג: דו וועסט בענקען?“...

רייזעל ווערד רויט: „ניין. ניט דאָס. ניט דאָס! זי איז איהם נור מקנא. אָט, למשל, וויל ער אוועקפאָהרען פון דער היים, נעמט ער און פאָהרט אוועק. אנו, לאָז זי, א שטייגער, פרובען ווּעלען זיך אויפהויבען און אוועקפאָהרען — ווי קען זי? און אוועקפאָהרען פון דאנען וואָלט זי אפשר אויך געוואָלט. זעהר געוואָלט. ער מיינט, אז נור ער האָט צרות פון דער היים, פון די עלטערען? אהאָ! מע זאָל זיך אויסרעכענען, קאָן זיין, אז זי האָט די אייגענע צרות, וואָס ער. און אפשר נאָך מעהר“...

און זי גיט איהם איבער אלעס. און זי דערצעהלט פאר איהם אלסדינג, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין דעם דאָזיגען טאָג מיט דער דאָזיגער נאכט. און דעם שמועס, וואָס זי האָט געהאט נאָר־וואָס מיט אָט דעם פארשוין, וואָס מע רופט איהם אין האָלענעשטי „די פארשלעפּטע קרענק“. און די ווערטער פונ'ם דירעקטאָר גיט זי איהם איבער. אלסדינג דערצעהלט זי איהם. אלסדינג.

און לייבעל ווייסט אליין ניט, ווי אזוי דאָס איז געוואָרען. נאָר ער געדענקט, אז זיי זענען ביידע אויף דער שוועל פון ישראָלי דעם חזנ'ס דירה. און איהר קליין קינדערש הענדעל איז געווען אין זיין האנד. און ער האָט געגלעט איהר קליין קינדערש הענדעל מיט זיינע הענד. און ער האָט דאָס צוגעטראָגען איין מאָל צו זיינע הייסע

ליפּען און ער האָט איהר געקושט, געקושט דיא שפּיץ פינגער. און זי האָט גיט צוגענומען פון איהם איהר הענדעל, נאָר געקוקט אויף איהם דערשראָקען, מיט גרויסע־גרויסע אויגען. און איהרע גרויסע שווארצע ציגיינער־אויגען האָבען געגליהט און אָפּגעפינקעלט זיך אויף דעם רויטען שיין פון דער דאָזיגער זעלטענער שענער כשופ׳דיגער נאכט.

וואָס פאר א כח האָט זיי דאָ אוועקגעזעצט אזוי נאָהענט, אזוי הארט איינס נעבען דאָס אנדערע, אָט די דאָזיגע צוויי יונגע אומשולדיג־קינדערשע נשמות? וואָס פאר א כח האָט זיי געצוואונגען ביידען, זיי זאָלען אויסגיסען איינס פאר דאָס אנדערע אלעס, וואָס ביי זיי טהוט זיך? וואָס פאר א כח האָט זיי געמאכט מיט א מאָל אזוי נאָהענט, גלייך ווי זיי וואָלטען געוויזן בעפריינדעט גאָט ווייסט, פון ווען אָן?

נישט קיין אנדער כ׳ח, אויסער דעם וואונדערליכען פערבאָרגענעם כח פון יענער געטליך־וואונדערליכער נאכט.

דאָס איז געוועזן א נאכט פון כשוף.

קאַפּיטעל 31.

שטערען פאַלען ניט—שטערן בלאָנדזען

דאָס, וואָס רייזעל האָט דערצעהלט לייבלען אין יענער כשופ׳דיגער נאכט, זיצענדיג אין צווייען ביי ישראָלי דעם חזן אויף דער שוועל, איז ביי איהם געווען א נייעס. א פרעהליכע, א מאָדנע אָנגעלייגטע נייעס. איהרע ווערטער האָבען זיך ארייגגעגאָכען ווי בוימעל צו איהם גלייך אין הארצען אריין. איהר קול האָט איהם געקלונגען אין דיא אויהרען ווי די שענסטע מוזיק אין דער דאָזיגער אויסטערליש וואונדערליכער, נעמליך כשופ׳דיגער נאכט. „אך! עס טהוט איהם באנג, וואָס ער האָט נישט געוואוסט פריהער פון דעם. גוט, וואס זי האָט איהם דערצעהלט. גוט, וואס ער ווייסט. איצט זעהט ער ארוים, אז ס׳איז פון גאָט. איצט זעהט מען, אז ס׳איז א באשערטע זאך. זיי איז, אפּנים, באשערט, זיי זאָלעןביידע אינאיינעם גלייך האָבען צרות, גלייך טראָגען דעם גלות פון האָלענעשטי, אָבער גלייך אויסגעלייזט ווערען פון׳ם דאָזיגען גלות. ביידע גלייך זאָלען זיי זיך ארויסרייסען פון דאנען, פון אָט דעם ענגען, וויסטען, פינסטערען האָלענעשטי. און ביידע גלייך אוועקלאָזען זיך אהין, אהין, אין א נייער וועלט אריין. אין א גרויסער ליכטיגער וועלט. אָ! דאָרט וועט זיך אָנהויבען פאר זיי ביידען גאָר א ניי מין לעבען. א ניי ליכטיג שיינענדיג לעבען. זיי וועלען ביידע געהן אין איין וועג. זיי וועלען ביידע לערנען איין זאך. ער — שפּיעלען, און זי — זינגען. און ביידע וועלען זיי ווערען בעריהמט אויף דער וועלט: ער מיט זיין שפּיעלען, זי מיט איהר זינגען“.

און לייבעל גיט איהר זיין האנד און רופט די נאכט, דעם הימעל פאר איין עדות: „אָט די דאָזיגע נאכט, אָט דער רויטער, מיט פייער בעדעקטער הימעל לאָז זיין איין עדות, אז קיינמאָל, קיינמאָל זאָלען זיי זיך ניט אָפּשיידען איינס פון דאָס אנדערע. אויף דערויף געבען זיי זיך ביידע די האנד תקיעת־כף, אין גאָט איז זייער עדות, אז תמיד, תמיד זאָלען זיי זיין אינאיינעם, שטענדיג, אייביג און אייביג! וואָס ס׳זאָל זיך מיט זיי ניט טרעפען און וואו זיי זאָלען ניט מגולגל ווערען — איז אינאיינעם.

תמיד און אומעדום אינאיינעם. און אפילו דעמאָלט, אז זיי וועלען שוין ביידע אויסוואכסען, ווערען גרויסע, זאָל מען אויך איינס אָהן דאָס אנדערע נישט פון דאַנען אהין. קיין מאָל נישט. קיין מאָל נישט! ביידע וועלען זיי זיך האַלטען שטענדיג ביי איין טהעאטער. ביידע וועלען זיי נאָכדעם ארומרייזען די גאנצע וועלט. און אז זיי וועלען שוין האלטען דערביי, וועלען זיי מסתמא נאָך קומען אהער, קיין האָלענעשטי. געוויס וועלען זיי קומען אהער. גאָר אָהן א שום תירוץ. צוגאסט וועלען זיי קומען צו זייערע טאטע־מאמע... וועט געוואָהר ווערען די שטאָדט, וועט מען זיך ניעבויפלויפען אויף חדושים אָנקוקען בעני ראפאלאָוויטשעס זוהן און ישראָלי דעם ה־ן'ס טאָכטער... אך, וויא גוט עס וועט זיי דעמאָלט זיין! אלע וועלען זיי מקנא זיין. מע וועט זיי נאָכלויפען. מע וועט אויף זיי טייטען מיט די פינגער: „אָט איז דאָס גליקליכע, גליקליכע פּאָאר!"... און זיי וועלען דאָך שוין דעמאָלט אודאי זיין חתן־כלה... וואָס עפּיס חתן־כלה? ניין, נישט חתן־כלה, נאָר מאן און ווייב, חא — חא... ווארום חתן־כלה זענען זיי דאָך שוין פון לאנג... נאָך פון יענעם ערשטען אויפדערנאכט, וואָס מע האָט זיי באזעצט דאָס ערשטע מאָל אין טהעאטער".

— געדענקסט דו דעמאָלט, ווען מע האָט אונז דאָס ערשטע מאָל באזעצט אין טהעאטער, חא־חא?

„א שאלה א ביסעל, אויב זי געדענקט?... זי וואָלט וועלען אייביג אזוי זיצען. ווארום וואָס קאָן זיין בעסער און ליעבער און זיסער, ווי טהעאטער, ווי יודיש טהעאטער?"...

„אך, רבונו של עולם! גליך ווי זיי האָבען זיך ביידע אָנגערעדט! נו, איז דאָס נישט קיין גאָט'ס זאך? זעהט מען דען ניט ארויס פון דעם, אז גאָט אליין האָט אויף זיי רחמנות געהאט, אז גאָט אליין האָט אראָפּגעקוקט צו זיי פון אויבען און האָט זיי צוגעשיקט יעדען בזונדער איין אנדער שליח, איין אנדער אויסלייזער: איהר אָט דעם שלים־מזל שלום־מאיר, און איהם — האָצמאכען"...

און לייבעל דערציעדלט איהר א שענע געשיכטע, די גאנצע געשיכטע, ווי אזוי ער האָט זיך בעקענט מיט דעם דאָזיגען פארשוין האָצמאך. ווי אזוי ער האָט זיך מיט איהם בעפריינדעט, געוואָרען נפש אחת. און ווי אזוי דער פאָטער האָט איהם געפּאקט און מיאוס בעשטראָפט, און ווי אזוי ער האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען צו נעמען נקמה, אָפּצאָהלען, אָפּרעכענען זיך פאר'ן בזיון...

און דעם גאנצען פּלאן פון נקמה, וואס ער האָט אויסגעארבייט, און אפילו ווי אזוי ער וועט ארויסבעקומען די „קלינגערס" — אלעס גיט ער איהר איבער מיט אלע ברעקעלעך. ער האָט קיין מורא ניט פאר איהר. וואָס זאָל ער מורא האָבען? ער ווייסט, ער פיהלט, אז „ער און זי זענען פון היינטיגער נאכט אָן איינס, וואָרום זיי האָבען זיך געגעבען א תקיעת־כף. איהר האנד איז אין זיין האנד. און גאָט איז זייער עדות. גאָט איז אויבען. דאָרט, אין הימעל. אָבער ער הערט, גאָט הערט אלסדינג. אלסדינג"...

און זייערע ביידענס אויגען קוקען ארויף, אין הימעל אריין. און דער הימעל איז שוין נישט מעהר רויט אזוי ווי פריהער. די שרפה ווערד אלע מינוט קלענער. דער הו־הא מיט'ן טומעל — שטילער. און אָט האָבען זיך ווידער בעוויזען שטערען אויף'ן טיעפען הי־

מעל אין דער דאָזיגער געטליך שענער וואַרעמער סוף־זומערדיגער נאַכט. פריהער איין שטערען. נאָכדעם — נאָך איינער און נאָך איינער. און נאָכדעם — גאָר א סך, א סך, אָהן א שיעור שטערען. און זיי בייטען זיך, די שטערען. איין שטערען אהער, דער אנדערער אהין. איינער אראָפּ, דער אנדערער ארויף. זיי פאַלען, פאַלען.

— זעה נור, ווי די שטערען פאַלען... זאָגט רייזעל צו לייבלען און דאָס קול ציטערט, און דאָס הארץ קלאַפּט איהר.

לייבעל צעלאַכט זיך. „שוין זשע האָט זי מורא? מע דאַרף ניט מורא האָבען". זאָגט ער צו איהר און בערוהיגט זי, וויא איין עלטערער, חאָטש, אייגענטליך, איז זי עלטער פון איהם מיט א יאָהר. „וואָס דאַרף מען מורא האָבען? שטערען פאַלען ניט, שטערען בלאָנזען. ש ט ע ר ע ן ב ל אָ נ ז ע ן"...

און ער גיט איהר צו פערשטעהן, ווי א גרויסער, ווי איין עלטערער ברודער, ווי אזוי שטערען בלאָנזען. ער ווייסט. ער לערענט דאָך אין חדר, דעריבער ווייסט ער. דער שכל פון דיא שטערען איז אזוי: „יעדער שטערען איז א נשמה פון א מענשען. וואוהין די נשמה געהט, אהין געהט דער מענש. דעריבער מאַהלט זיך אונז אויס, אז די שטערען פאַלען.

— ש ט ע ר ע ן פ אַ ל ע ן נ י ט, ש ט ע ר ע ן ב ל אָ נ ז ע ן. — זאָגט איהר לייבעל, קוקענדיג ארויף, אין טיעפען הימעל, וואָס ווערד אלע מאָל מעהר אָפּגערייניגט פון דער פריהעריגער רויטקייט. נאָר איין עק הימעל, אהין אראָפּ, איז נאָך א ביסעל בעדעקט מיט א העלרויטער פארב, וועלכע ווערד אלע מאָל העלער שיטערער און צעגעהט זיך ביסלעכוויז, ביסלעכוויז. און דיא שווארצע פיגורען, וואָס זענען פריהער געווען אזוי צענויפגעשפּארט, צענויפגעשטויסען אלע אין איין אָרט, הויבען אָן ביסלעכוויז זיך פאַנאנדערצושפּרייטען אין אלע זייטען. און עס לאָזען זיך שוין הערען נאָהינטע קולות. אָט באַלד, אָקערשט ווי מע זעהט ניט, וועט מען קומען און מע וועט זיי דערזעהען זיצען אָט א דאָ, ביי דער טהיר... דאַרף מען אויפשטעהען, דאַרף מען געהן... חאָטש עס גלוסט זיך ניט...

— א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט.

און לייבעל הויבט זיך אויף פון דער שוועל און לאָזט זיך געהן אהין, צו דער שרפה, און בלייבט שטעהן, דרעהט זיך אוים צוריק מיט'ן פנים צו רייזעלען נאָך א מאָל, נאָך איין מאָל:

— א גוטע נאַכט.

— א גוטע נאַכט.

נאָך א ביסעל — און ווערד פערשוואונדען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט.

קאַפּיטעל 32.

א גוטע וואָך!

שבת צו נאַכטס.

עס זענען אוועק אלע גוטע סימנים פון'ם גוטען לעבען שבת־קודש אין האָלענעשטי.

מע זעהט שוין נישט מעהר אויף דער „פריצ'ישער גאַס" די פיינע ציקאַווע בחורים מיט די שען־אויסגעפּוצטע מיידלעך, וואָס האָבען שפּאַציערט א גאַנצען טאָג שבת ביז שפּעט פארנאַכט און גערעדט אויף רוסיש (א שלעכט גע'הרג'עט רוסיש, אָהן הענד און אָהן פיס, אבי רוסיש).

מע זעהט שוין נישט מעהר אויף „גאָט'ס גאַס" קיין יודען און ווייבער,

די יודען — אָנגעטהאָן אין שבת'דיגע קאַפּאָטעס, און די ווייבער טראָגען בריליאַנטלעך אין די אויהרען (צוויעקעס— אבי בריליאַנטלעך).

אויף יודישע קינדער זעהט מען נישט מעהר אין דרויסען זיך שפּיעלען אין א ניי שפּיעל, אין „יודיש טהעאטער". שוין לאַנג האָט זיך געזעצט די זונן מיט איהר גאַנצען פּראַכט און גלאַנץ. אויסגעלאָשען געוואָרען איז דער לעצטער פּונק פון'ם שענעם וואַרעמען בעססאַראביער זומערטאָג און אָפּגעטראָטען דעם אָרט פאַר'ן שענעם וואַרעמען שטילען בעססאַראַביער זומער־אָבענד. וואו ניט וואו בעווייזט זיך א שטערען, לייכט און בלישטשעט און שמייכעלט אראָפּ צו דער טונקעלער, שטויביגער ערד.

פרומע ווייבער האָבען שוין לאַנג אָפּגעזאָגט שטילערהייד אין דער פינסטער „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב", און א שטילע מאָדנע בענקעניש האָט זיך געלאָזט הערען, א בענקעניש נאָך'ן „ליעבען שבת־קודש, וואָס געהט אהין".. און געלע פייערלעך האָבען זיך בעוויזען פון אלע פענסטער ארויס.

עהרליכע יודען האָבען שוין לאַנג אָפּגעמאַכט הבדלה. אנדערע האָבען שוין אפילו אָפּגעזאגט דעם „המבדיל" מיט די „אליהו'ס" און מיט די איבעריגע „זמירות למוצאי שבת". און אנדערע האַלטען נאָך אין מיטען זאָגען, אין רעכטען זינגען, און אין רעכטען באָמקען „אל תירא עבדי יעקב"... און עס הערט זיך א בענקעניש אויף אין'ם דאָזיגען זאָגען. און עס גנבה'ט זיך אריין א טרויעריגער טאָן אין'ם דאָזיגען פרעהליכען זינגען...

שווער, שווער זיך צו שיידען מיט דער נשמה יתירה! שווער, שווער זיך צו געזעגענען מיט דער שענער ליעבער בת־מלכה שבת!...

— א גוטע וואָך! א גוטע וואָך! — זאָגט ישראלי דער חזן מיט א טיעפען זיפץ באלד נאָך דער הבדלה צו דער חזן'טע און צו דער טאָכטער, און נעמט זיך זאָגען „ויתן־לך" שען, אויף א קול, און אויסוועניג קנאַקט צו מיט'ן פינגער. ער קוקט אויף לאה'ן און טראַכט זיך: „אָט וועט זי באלד מאכען א שמועס פון געלד, פון שיך און פון אנדערע וואָכעדיגע זאכען"...

— א גוטע וואָך און אַ מזל'דיגע וואָך! — ענטפערט איהם לאָה די חזנ'טע אויך מיט א זיפץ און האָט איהם ניט אין זינען אפילו. זי קוקט גאָר אויף דער טאָכטער, אויף רייזלען, וואָס זיצט עפּיס מאָדנע פערטראַכט איינע אליין אין א ווינקעלע.

— פון וואָס טראַכט אצינד דאָס קינד, מיר זאָל זיין פאר איהר קאָפּ? — אזוי קלערט זיך לאָה און עס טהוט איהר וועה דאָס הארץ אויף איהר קינד.

לאָה האָט שוין לאַנג חרטה דערויף, וואָס זי האָט זיך בעגאַנגען מיט דער טאָכטער א ביסעל צו ירגזונ'דיג, צו שטרענג... „מיט א בת־יחידה, מיט א ציטעריגע, איין און איינציגע, טאָר מען ניט אזוי... זי ווייסט דאָס גאַנץ גוט, אז מע טאָר ניט... עס איז שוין אָבער א פערפאַלענע זאך. זי קאָן שוין צוריק ניט חאַפּען... און ווער שמועסט, איצט — אודאי ניט. אוים טהעאטער. זיי פאָהרען שוין, זאָגט מען, היינט ביינאַכט אוועק צו אלדע גוטע יאָהר"... (מיינען מיינט זי, אייגענטליך, „צו אלדע שווארצע יאָהר". נאָר למאי זאָל זי שעלטען יודען אויף א פולע וואָך...)

א ביסעם טהוט לאָה'ן באַנג, וואָס דאָס יודישע טהעאַטער פאָהרט אוועק

צופריעדען: „ווינציגער מיט א טארע־ראם אין שטאדט. — טרייסט זי זיך אליין. — האָלענעשטי איז זיך בעגאנ־גען ביז אהער אָהן א יודיש טהעאטער, וועט מען זיך בעגעהן מסתמא ווייטער אויך, האָסט דו געזעהען א ביסעל!...

און דאָס קינד וועט מסתמא פערגעסען, צי ס'איז גאָר געווען אמאָל א טהעאטער אויף דער וועלט... א קינד בלייבט א קינד. זי וועט איהר קויפען א פאָר נייע שיכלעך, וועלען זיך פערהיילען אלע וואונדען... און ווער שמועסט נאָך דער־צו צוקערקעס, „מארמעלאדען" און כדומה אזעלכע גוטע זאכען, וועט זי ברענגט איהר צוטראָגען מאָרגען, אם־ירצה־השם, פון'ם מארק... אוי, א דונ־נער איז איהר! מאָרגען איז זונטאג, א מארקטאָג, כמעט א יאריד, און זי האָט נאָך ניט, איהר זאָלט זאָגען, אן'אויסגע־ריבענעם גילען אפילו! מע בעדארף זיך א נעם טהון צו ישראלי'ן, עס געהט אזא וואָך, האָסט דו געזעהען א ביסעל!"...

די דאָזיגע געדאַנקען פערטראָגען אונ־זער חזנ'טע אין אזעלכע וואָכעדיגע דרכים אריין, אז זי פערגעסט אויף א ווילע אָן רייזעל'ס קריוודע.

און רייזעל — לאָזט זי צו־רוהה. רייזעל איז נישטאָ. רייזעל איז ווייט, ווייט פון דאַנען...

דאָס הייסט, דערווייל איז זי נאָך דאָ. וואו וועט זי אָבער מאָרגען זיין? מ א ר ג ע ן? מ א ר ג ע ן?... אָ, דאָס ווייסט קיינער נישט, קיינער נישט, נאָר זיי אין צווייען. דאָס הייסט, זי און לייבעל... און נאָך צוויי מענשען ווייסען פון דעם סוד: דער דירעקטאָר פון'ם יודישען טהעאטער און זיין מענש, שלום־מאיר... אָט דער שלום־מאיר האָט אָפגערעדט מיט איהר ערשט הײנט אין דער פריה, בעת אלע זענען געווען אין שול, אז נאָך האלבע נאכט, ווי דער זייגער וועט נור אויסשלאָגען צוועלף, אזוי זאָל זי... אָך, זי ווייסט שוין, זי ווייסט שוין וואָס!... און נור זי און ער, און ווייטער קיינער נישט, קיינער נישט!...

און עס טהוט איהר הנאה, וואָס זיא ווייסט אזא זאך, פון וועלכע די מאמע הויבט נישט אָן צו וויסען... א מצוה אויף איהר! א מצוה! שלום־מאיר איז גערעכט. ער זאָגט: „האָט זי נישט גע־זאָלט נעמען א מיידעל און פערשליסען זי אין שטוב, איינע אליין, האלטען זי, ווי מע האלט "א פייגעלע פערשלאָסען אין א שטייגעלע". קיין פרייהע מינוט. קיין קאָפּ ניט אויפצוהויבען! פאר פרעמדע זינג ניט! אין טהעאטער געה ניט! אהין קוק ניט! דאָרט שטעה ניט!... „וואָס איז מען עפּיס, פער־קויפטע צו טאטע־מאמע? קנעכט איז מען ביי זיי? אָדער וואָס?"... אזוי זאָגט שלום־מאיר און איז גערעכט. זעהר גערעכט!... אם־ירצה־השם, מאָר־גען אין דער פריה, אז די מאמע וועט אויפשטעהען און דערזעהען, אז „דאָס פייגעלע איז ארויסגעפלויגען פון'ם שטייגעלע" — אוי, וועט זי חרטה האָ־בען! אוי, וועט זי וויינען!... עס וועט שוין אָבער דעמאָלט זיין צו־שפעט. עס וועט איהר שוין דעמאָלט זיין א גוטע וואָך. א ג ו ט ע ו ו א ָ ך א ו ן א מ ז ל'ד י ג ע ו ו א ָ ך!...

ווען טהוט איהר דאָס הארץ נור אויף איינעם, אויף'ן טאטען. „דער טאטע נעבאך — אויף איהם איז יאָ א רחמנות... ער האָט זי אזוי ליעב גע־האט. מיט איהם איז זי תמיד געווען אזוי נאָהנט. ניט ווי א קינד מיט א

פּאָטער. נאָר כמעט ווי א שוועסטער מיט א ברודער. ווער וועט מיט איהם שפּיעלען חנוכה אין „דריידעל“ ? ווער וועט ארויס'גנבה'נען ביי איהם פּסח דעם אפיקומן פון אונטער דעם קישען ? ווער וועט איהם אָנרייסען גרינכ אויף שבועות ? ווער וועט געהן מיט איהם שמחת־תורה אין שול אריין ? און ווער וועט זינגען מיט איהם זמירות ? “...

און רייזעל דערמאנט זיך, ווי ערשט ניט לאנג פלעגט זי נאָך שבת צו נאכטס זינגען מיט'ן טאטען אינאיינעם די „אליהו'ס“ און גלאָט יודישע זאכען און שטיקלעך, וואס דער טאטע האָט זי אויסגעלערנט. און די מאמע בעת־מעשה פלעגט צעבלאָזען דאָס סאמאָוואַרעל און מאכען טיי.

איין ליעד, געדענקט רייזעל, פלעגען זיי זינגען כמעט אלע שבת צו נאכטס, אז דעם חזן איז געווען אויפגעלעגט אויף'ן הארצען. דאָס ליעד הייסט „משיח“ און זינגען דארף מען דאָס האלב אויף יודיש, האלב אויף גוייש. דער חזן צו איהר אויף יודיש, און רייזעל צו איהם אויף גוייש :

ער : „וואָס וועט דעמאָלט זיין ? “
זי : „קאָניעץ למר גלותנו“.
ער : „וואוהין וועלען יודען געהן ? “
זי : „מי פּאָידיאָם לארצנו“.
ער : „וואָס וועט דאָריזען זיין ? “
זי : „שם נאידיאָם גואלנו“.
ער : „ווער זשע וועט דאָס זיין ? “
זי : „נאש משיח צדקנו “.
ער : „ווען זשע וועט דאָס זיין ? “
זי : „סקאָראָ במהרה בימינו “.
ביידע (גיך) : „יום גילה, יום רינה,
יום דיצה, יום חדוה.
גילה, רינה, ריצה, חדוה.
אהבה ואחוה ! “

און נאָך א מאל : יום גילה, יום רינה !...

— טאָמער וואָלט שוין געווען א מאָל גענוג „געלע — גרינע“ ? — מישט זיך אריין די מאמע מיט'ן סאמאָווארעל. — לאָמיר בעסער טרינקען צו גלעזלעך טיי, האָסט דו געזעהען א ביסעל !...

אך, ווי גוט, ווי ליכטיג, ווי פרעהליך! און דאכט זיך, אָט ערשט איז דאָס געווען, און דאָך — אזוי לאנג, אזוי לאנג, גאָט ווייסט ווען !... און עס נעמט זי ארום א מורא'דיגער, א שווארצער אומעט. און עס איז איהר שווער דאָס הארץ. עס איז איהר ענג אין האלז. זי ווייסט אליין ניט, וואָס איהר איז. אָט־אָט וועט זי זיך צעוויינען... דערזעהט דער פאָטער, ווי זי זיצט איינע אליין עפּיס פערזאָרגט אין א ווינקעלע, געהט ער צו צו איהר זינגענדיג, גלעט איהר די שענע שווארצע גלאנצענדיגע האָר און בויגט זיך אָן צו איהר :

— וואָס איז דיר, טאָכטער ?
— גאָרנישט... א גוטע וואָך !

און זי פאלט צו מיט איהר הייסען קאָפּ צום חזן'ס ברוסט, טולעט זיך צו צו איהם און קושט איהם און האלזט איהם.

קאפּיטעל 33.

דער יצר־הרע פון געלד.

בעני ראפּאלאָוויטש האָט אויך אָפּגעמאכט הבדלה.

ביי בעני'ן געהט צו די הבדלה מיט'ן גאנצען „פּאראד“. אז בעני מאכט הבדלה, דארף זיין די גאנצע חאליאסטרע ארום איהם און אלע דארפען איהם ענטפערען „ברוך־הוא וברוך־שמו — אָמן“ דאָס ווייב און די קינדער און די אלטע מאמע, און דער בחור דער קאססיר, און די אם, און די קעכין — אלע, אלע.

און די הבדלה, וואָס בעני מאכט

איז שוין איין מאָל א הבדלה. הויבען הויבט ער אָן דוקא הויך, אויף א קול, גרויסארטיג, מיט א טרויעריגען ניגון. נאָר אז עס קומט צו „עזי וזמרת יה“ און א ביסעל ווייטער, פערפּלאָנטערט ער זיך אין דער עברי און מאַרקעט אָפּ א גאנצע שטיק אונטער דער נאָז, ביז ער שלאָגט זיך ארויף צוריק אויף א שטיקעל דרך, שרייעט אוים ווידער הויך, אויף א קול: כן תהיה לנו!“ און נאָכדעם נעמט ער ווידער מיט עטליכע טענער ניעדעריגער, ביז ער לאָזט אוים צעציגען: „בין קודש ל׳ — חו — ל׳“. ענטפערען איהם אלע מיט׳ן זעלבען ניגון: אָ — מ — ן! פערלעשט ער די הבדלה, שטופּט אָן אלע קעשענים אויף א פולער וואָך און זאָגט מיט זיין ברומענדע ליבענשטימע: „א גוט יאָהר!“

אָט אזוי מאכט בעני הבדלה.

אָבגעמאכט הבדלה, טהוט ער א וואונק צום קאססיר, ער זאל געבען א צעהל איבער דעם פּדיון פון דער וואָך און א שרייב אריין אין בוך אריין די „ר.וכונקעם“. און דער קאססיר „ששון ושמחה“ פערקאטשעט די ארבעל, ציהט ארוים די שליסעלעך פון די הויזענקעשענים, עפענט אויף דאָס מיטעלסטע שופלעדעל און זעצט זיך אוועק צעהלען דאָס געלד מיט א ערנסט, מיט כונה און מיט א ברען.

צום אלעמען ערשטען בעוויזט זיך אויף׳ן טיש דאָס פּאפּיער געלד, א פּעקעל נאָך א פּעקעל. דער קאססיר „ששון ושמחה“ איז א בעריאַק אויף צעהלען געלד. אלע מינוט טהוט ער א שפּיי אָן אויף׳ן גראָבען פינגער און די אססיגנאציעס ביי איהם אין די הענד קנאקען, פליהען, שעמערירען אין די אויגען. קודם געהען ביי איהם די מיוחסים, די שווערע הונדערטער, אָדער, ווי בעני רופט זיי, די „לייליכער“. נאָכדעם נעהען די ווייסע „דעליקאטנע“ פינפאונצוואנציגער. נאָכדעם — די רויטע פייעריגע צעהנער׳עך מיט די בלויע פינפערלעך. און נאָך זיי געהט שוין „קליינווארג“: גרינע אָבגעבליאקעוועטע דרייערלעך און געלע צעריפּעטע איינערלעך, גאָר אָהן א שיעור.

די גאנצע צייט. וואָס דער קאססיר צעהלט דאָס מזומנים, זיצט אונזער לייבעל פון דער ווייטען איבער א סידור׳על, זאָגט שטילערהייד בלומרשט דעם „ויתן לך, שאָקעלט זיך און מישט א בלעטעל נאָך א בלעטעל, און העלפט צעהלען דאָס געלד. ער צעהלט און צעהלט — און קאָן גיט איבערצעהלען. כל־זמן עס האָט געהאלטען ביי די גרויסע פּעקלעך, האָט ער נאָך געקאָנט חאפּען דעם גאנג. נאָר אז ס׳איז געקומען צום „קליינווארג“. האָט ער פערלוירען דעם חשבון און גענומען אריינקוקען צוריק אין סדורעל און זאָגען דעם „ויתן לך“ מיט׳ן אייגענעם שטילען ניגון, וואָס פריהער. נאָר די פּעקלעך מיט געלד שטעהען איהם פאר די אויגען און לאָזען איהם ניט צו־רוה. און ער פרעגט ביי זיך אליין: „וואו וועלען זיי זיין, אָט די אלע שענע פּעקלעך מיט געלד, היינט ארום האלבע נאכט? — וואו? ביי איהם, ביי איהם, ביי איהם!“...

. . . .

און עס חאפּט איהם אָן א ציטער, און ער צעשאָקעלט זיך נאָך שטארקער און הויבט אָן צו זאָגען דעם „ויתן לך“ ווייטער און ווייטער, נאָך מיט מעהר פרישקייט

די צוויי, בעני און דער קאססיר, זענען אזוי פערטיעפט אין דער ארבייט, אז זיי זעהען גאָר ניט לייבלען און הערען ניט זיין זאָגען, וואָס ער זאָגט דערפאַר אָבער די מאַמע (ביילקע), וואָס

זיצט ביי דער זייט, — זי זעהט און הערט, ווי לייבעל זאָגט, ווי לייבעל דאַווענט, קוועלט זי אָן און ווינשט זיך „אזא מזל, אזא שטיק גאָלד, וואָס פאר א קינד דאָס איז".

דער גרויסער וועהטיג, וואָס זי האָט געטראָגען ביז אהער טיעף אין הארצען, האָט זיך שוין אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו פערהיילען. און זי טראכט זיך: „וואָס האָט דאָס קינד, אייגענטליך, אזעלכם פערזינדיגט? דערפאר, וואָס ער האָט אוועקגעגעבען אָן אָרעמען קראנקען אקטיאָר זיין אָנבייסען, דארף מען אזוי בעשטראָפען א קינד? אָנטהון איהם אזעלכע בזיונות?... בעני זאָל וועלען א קוק טהון אויף איהם מיט איהרע אויגען... איהר זאָל זיין פאר זיין ליכטיג פנים!"...

נאָר בעני, ווי אויף צו־להכעים, וויל ניט קוקען און וויל ניט הערען. ער איז פערטיעפט אינ'ם געלד צעהלען. אָפּגעפארטיגט זיך מיט'ן פאפיער־געלד, נעמט מען זיך צום זילבער. אויף זילבער צעהלען איז שמחה נאָך מעהר מזיק, ווי אויף פאפיער. ער צעהלט אוים דאָס זילבער געלד אין קופּקעלעך און דיא קופּקעלעך ביי איהם וואכסען און וואכסען. אָט איז איינס, אָט איז צוויי, דריי, פינף, צעהן און נאָך און נאָך, און נאָך. געפּטר'ט דאָס זילבער־געלד, נעמט מען זיך צום ביסעל מינץ. און דאָס מינץ פליהט ביים קאססיר אין די הענד מיט סכנת־נפשות. קלינגט און ווערד פערפּאלען ביי איהם צווישען די פינגער, ווי ביי א פּאָקוסניק. „אייך בעדארף מען אויף כפרות" — טראכט זיך לייבעל. — ער דארף נישט קיין מינץ, ער דארף נישט קיין זילבער. וואוהין וועט ער זיך מיט זיי אהינטהון? פאר איהם וועט זיין געננג אָט א יענע פאפיערענע פעקלעך אליין, וואָס דער טאטע האלט אין די הענד... און לייבעל קוקט מיט איין אויג און זעהט, ווי דער טאטע זייענער שפּיעגעלט זיך אינ'ם געלד. בעני האלט איבער איטליכם פעקעל בעזונדער, טאפּט דאָס, גלעט דאָס און גיט דאָס איבער דעם קאססיר מיט א צאָהל, און יענער בעלייגט דאָס צוריק אין טישקעסטעל, איטליכם פעקעל אויף זיין אָרט.

געוויינליך, פריהער די מיוחסים די הונדערטער, און נאָכדעם דאָס קליינווארג, און נאָכדעם שוין דאָס זילבער מיט'ן מינץ.

און לייבעל קוקט מיט איין אויג אין סדור אריין, און מיט'ן אנדערען אויג — אהין, אהין, אין טישקעסטעל אריין, אין שופלעדעל, צו די פעקלעך מיט געלד. דאָרטען זענען איצט אלע זיינע מחשבות און געדאנקען. דאָרט איז ער איצט מיט אלע זיינע האָפנונגען און מיט זיין גאנצען וועזען און מיט זיין גאנצער נשמה

אז געלד איז א יצר־הרע — דאָס האָט לייבעל געהערט וויפיעל מאָל פון'ם רבי'ן אין חדר און גלאט פון עלטערע יודען. און אז דער יצר־הרע פון געלד איז אונגעהייער גרוים — דאָס האָט ער אויך געהערט. נאָר דעם טעם דערפון האָט ער דערפיהלט ערשט אָט דאָ אין דער מינוט. ער האָט דערפיהלט, אז דער יצר־הרע פון געלד האָט איהם אריינגענומען צו זיך אין די לאפּקעס אריין און האלט איהם שטארק־שטארק! און לייבעל ווייסט, אז ס'איז אומזיסט זיין מיה. ער וועט שוין פון'ם יצר־הרע'ס הענד ניט ארוים. און ער פּרובט זיך גאָר אפילו ניט. אדרבה, ער בעט גאָט, די עבירה זאָל איהם געראָטען. ווארום טאָמער חלילה ניין... טאָמער חלילה פאקט מען איהם — וועה — וועה! — די שעה זאָל גאָר ניט זיין!... דעמאָלט איז ער דאָך א פער־

פאַלענער. א פערפאַלענער פוןביידע וועלטען! האַצמאַך פאַהרט אוועק. דאָס טהעאטער פאַהרט אוועק. און ער?... און רייזעל?... וואָס וועט זיין מיט איהם?... אוים טהעאטער!... אוים רייזעל!... א סוף צו אלע גאָלדענע חלומות!... א סוף...

— טפררררו, מזל טוב! געקומען צו פאָהרען די „מחותנים“ אָפּרייניגען די סטאַדאָלע פון דער יודישער „פאסקודסטווע“.

אזוי רופט זיך אָן בעני אויף זיין סגי־נהור לשון און הויבט זיך אויף פון׳ם אָרט.

דער לעזער, וואָס איז שוין בעקענט מיט אונזער בעני ראפאלאָוויטשעס שפּראַך, דארף אליין פערשטעהן, אז די „מחותנים“ מיינט ער דאָס די בעלי־עגלות, און די „יודישע פאסקודסטווע“ מיינט מען עס — „דאָס יודישע טהעאַטער“.

קאַפּיטעל 34.

ברוך־הבא שמעון־דוד בעל־עגלה

בעני זאָל קאָנען, וואָלט ער זיך אליין אויסגעפּאטשט. אזוי איז ער אין כעס אויף זיך דערפאַר, וואָס ער האָט זיך „גע־קוואַפּעט“ אויף די עטליכע „פארעס“ און אוועקגעגעבען אזא ריינע אזא ציכטיגע סטאַדאָלע אויף א יודיש טהעאַטער. ווען מען טרייבט צענויף א פולע שטאַל מיט חזירים, וואָלטען זיי איהם, נאָך זיין מיינונג, נישט בעדארפט אזוי פארפּאַס־קודיגען דעם הויף, ווי מע האָט איהם פארפּאַסקודיגט אין די עטליכע וואָכען“. בעני ווייסט אליין ניט פאר וואָס, נאָר ווי א כשר׳ער יוד האָט פיינד חזיר, אזוי האָט ער פיינד אָט די הונגעריגע „לאַפּעטוטניקעס“ (דאָס מיינט ער די אקטיארען). און מעהר פון אלעמען קאָן ער נישט אָנקוקען אָט דעם „אויסגע־סטראָצעלטען מונדערפערצער“ מיט דעם „אָפּגעשאָבענעם לאָקשענבערעט“ (דאָס מיינט ער דעם דירעקטאָר אלבערט שטשופאָין).

מע קאָן זאָגען, אז די צוויי, בעני ראַ־פּאַלאָוויטש און אלבערט שטשופאַק, האָ־בען זיך פיינד געקראָגען פון דער ערש־טער מינוט, וואָס זיי האָבען זיך דער־קענט. זיי ביידע האָבען געקוקט איינס אויף דאָס אנדערע ניט אנדערש וויא פון איבען אראָפּ. ביי בעני׳ן האָט שטשופאַק קיין אנדער נאָמען ניט געהאַט, אויסער „שמאַרדאָווידליק“. און ביי שטשופאַקען האָט בעני קיין אנדער נאָמען ניט געהאַט אויסער „בעסאַראַביער פּופּיק“. דעריבער איז גרינג צו פערשטעהן, ווי בעני איז געוועזען צופריעדען, אז ער איז ארויסגעקו־מען אין הויף און דערזעהן שמעון־דוד דעם בעל־עגלה צופאָהרען צום טהויער מיט א גרויסער ביידארע, און נאָך איהם נאָך א וואָגען און נאָך א ביידארע, און פון הינטען גאָר א גרויסען הויכען וואָגען, וואָס מע רופט אָן אין בעסאַראַביע „הארבא“. און בעני האָט זיך גענומען אויסשמועסען מיט שמעון־דוד דעם בעל־עגלה אויף זיין שפּראַך:

— ברוך הבא, סקאָצעל קומט, א גאסט, שמעון־דוד! זאָג מיר נאָר, סערדצע, ווי־פיעל נעמסט דו, א שטייגער, ביי אָט די „האָלעדראַנצים“ דערפאַר, וואָס דו פיהרסט זיי ארוים דעם „פּגר“?

— אשרי האיש — אז אָך און וועה איז צום בעל־עגלה! — ענטפערט איהם אָפּ שמעון־דוד מיט א פּסוק פון תהלים און בעקלאָגט זיך פאר בעני׳ן, וואָס פאר א וויסטע פּרנסה דאָס איז. און ער רעכענט איהם אויף די פינגער, א פינגער נאָך א פינגער:

— א סקאָטינע דאַרף עסן, און מענ־שען דאַרף מען האַלטן, און האָבער איז טהייער, און א וואָגן דאַרף מען שמי־רען, און א גוי מוז מען האַלטן, און א גוי איז א גנב...

דערזעהען, אז אָט־אָט וועט ניט האַ־פּען קיין פינגער, האָט שמעון־דוד א מאַך געטאָן מיט דער האַנד און אויסגעלאָזט מיט א פּסוק פון תהלים:

— בימינך נצח — מיט'ן קאָפּ אין דער ערד!

שמעון־דוד בעל־עגלה איז מעהר בעל־הבית ווי בעל־עגלה. ער האָט איין איי־גענע שטוב, דריי פּאָר פערד, די קינדער לערנען ביי איהם אין חדר און אליין איז ער אויך א שטיקעל יודע־ספר, קלאָהר דעם גאַנצען תהלים אויף אויסווייניג און האַקט מיט פּסוקים, עקספּלאָאַטירט דעם תהלים נעבאַך אויף יעדען טריט און שריט.

מיט שטשופּאַקען האָט זיך שמעון־דוד בעדונגען מעשה פּאָדראַטשיק. דאָס הייסט, אז ס'איז ניט זיין עסק; ער דאַרף איהם אריבערפּעקלען קיין פּאַלעשטי צו דער באַהן שבת־צו־נאַכטס תיכף נאָך הבדלה דאָס גאַנצע יודישע טהעאַטער מיט די אַרטיסטען מיט די דעקאָראַציעס מיט „הכל בכל מכל פּלעקעל“, און אז גאַנץ פריה כלחוך השור ברענגט ער איהם אויף דער באַהן קיין פּאַלעשטי גאָר אָהן א שום תירוץ, עס מעגען פאַלען שטיינער פון'ם הימעל, און פון דאָרטען איז — „ברכי נפשי הללויה — קאָן ער שוין פאָהרען אפילו מיט א שליטען קיין ארץ־ישראל“...

אזוי האָט געזאָגט שמעון־דוד אליין. און שמעון־דוד, אז ער זאָגט, איז גע־זאָגט.

געקומען שבת־צונאַכטס — ניטאָ שמעון־דוד. עס האָבען זיך שוין לאַנג בעוויזען שטערן אויפ'ן הימעל און פייַ־ערלעך אין די פענסטער, און קיין פוהר זעהט מען נאָך אַלץ ניט. האָט שטשופּאַק געשיקט צו איהם האַצמאַכען אויף א זאַ־קוציע. האָט האַצמאַך געטראָפען שמעון־דוד'ן איבער א גרויסען סדור זאָגען „ויתן לך“ אויף א קול.

— רב שמעון־דוד, נו?

האָט איהם שמעון־דוד אָנגעוויזען מיט איין האַנד אויפ'ן מויל און מיט דער אַנדערער האַנד אויפ'ן סדור און א זאָג געטהאָן:

— נו — נו.

דאָס האָט בעדאַרפט בעדייטען, אז ביז שמעון־דוד וועט ניט פאַרטיג ווערען מיט'ן „ויתן לך“, איז גאָר ניטאָ וואָס צו רעדען. האָט זיך דערווייל האַצמאַך אוועקגעזעצט רויכערען א פּאַפּיראָס, און י'טשופּאַק איז דאָרטען פון דער הויז געשפּרונגען. קיין מאָל איז אַלבערט שטשופּאַק נישט געוועזען אזוי נערוועז, ווי אָט דעם שבת־צו־נאַכטס. ער האָט זיך גע'סוד'עט און געשושקעט מיט שלום־מאיר'ען, זיך געשמיצט און געוואָרפען, איבערגעקריעגט זיך מיט אַלע אַקטיאָרען און אַקטריסעס און מעהר פון אַלעמען האָט געלייזט, געוועהנליך, דאָס כפּרה־היהנדעל — האַצמאַך. ער האָט איהם אָנ־געזאָגט, און גוט אָנגעשאָלטען בעת־מעשה, ער זאָל איהם די רגע ברענגען די בעלי־עגלות מיט די פוהרען, א ניט זאָל זיין נאָמען ניט הייסען „אַלבערט“!...

— וואָס איז דאָס מיט אונזער „דרעק־טאָר“? — האָבען די אַרטיסטען זיך אי־בערגעשמועסט צווישען זיך אין דער סטאַדאָלע הינטער די קוליסען.

—טשעפּעט איהם ניט, ער איז משוגע.

די „דרעקטריסע“ קומט צו פאָהרען מאָר־גען אין דער פריה.

— פון וואַנען ווייסט דו?

— געווען א דעפּיִש.
— וואָס הערט שטשופּאַק א ווייב ?
— שטשופּאַק האָט דענן א ווייב ?
— מזל טוב ! ביזט א היגער?
— א סברה, אז אזא יוד ווי שטשופּאַק איז ניט קראַנק האָבען דריי ווייבער.
— און איך האָב געהערט, אז די האָט ער געיִגט.
— עס הויבט זיך גאָר ניט אָן.
— וואָס זשע טאַנצט ער ארום דער פּרימאַדאָנא ?
— די פּרימאַדאָנא לאָזט צו־רוה. די פּרימאַדאָנא האָט אייך אַלעמען אין דער ערד !
— ברײַנדעלע קאָזאַק ! וואָס זענט איהר פאר א מליץ־יושר ?
— טאָמער וואָלט איהר איינגענומען א לעפּעל שטומעניש ?
— אָדער גאָר א מיתה משונה.
— וואו ? דאָ אין דער בעסאַראַביע? צי דאָרט, אין רומעניע ?
— גיב א קוק אויף זיך אין שפּיגעל, מאַלפּע !
— טאָמער וואָלט געווען גענוג שלייפען די צינגלעך ?
— הכלל, וואו זשע האַלטען מיר מיט שמשופּאַקים ווייבער ?
— שאַט, קינדער, מיר דאַכט, אז מע פאָהרט.
— מע פאָהרט ! מע פאָהרט !
— ראַם — טאַרעראַם ! טעראַראַראַם !
— הערצאָם־פּערצאָם פּערעל — ווירעל
— ווערצאָם...
— רייב זשי ! פּוטץ זשי !
פּוטץ זשי, פּוטץ זשי, פּוטץ זשי,
פּוטץ געטרייה !...

און די גאַנצע חברה אַקטיאָרען און אַקטריסעס, דערהערט אז מע פאָהרט, האָבען זיך אויפגעהאַפּט ווי איין מענש און, זינגענדיג ארויסגעמאַרשירט איינס נאָך דאָס אנדערע פון דער סטאַדאָלע אין הויף ארוים — „מקבל פּנים זיין דעם חתן“.

קאַפּיטעל 35.

שמעון־דוד בעל־עגלה קאָמאַנדעוועט

לכבוד דעם יודישען טהעאַטער האָט שמעון־דוד דער בעל־עגלה אראָפּגעבראַכט א גאַנץ בינטעל בעלי־עגלות און שמייסערס, יונגע און אַלטע, אַ̇לע מיט גרויסע גוט־אָנגעשמירטע שטיוועל און אלע מיט לאַנגע בייטשען אין די הענד — כמעט די גאַנצע האָלענעשטער בערזע. דאָ זענען געווען : נח ברימזע — א בעל־עגלה מיט א צעריסענער נאַקידקע און מיט א פּלוסענעם קאַרטוז. נחמן קאָקאָש — א בייזער יוד, וואָס זעהט אויס ווי א האָהן. יענקעל מאַמעטליווע — א פערשלאָפענער בחור מיט רויטע ליפּען. געצי גאַלאַגאַן — א הויכער יונגאַטש נאָר מיט איין אויג. הענעך קוטטיי — א קליין בעל־עגלה׳כין, נאָר א קרעפּטיגס. און קאַרפּע מונדזיוק — א גוי א מאָלדאַוואַן מיט א שמויסען היטעל איז אויך געווען בתוכם. קאַרפּע דער מאָלדאַוואַן האָט אָנגערוקט דאָס היטעל, אונטערגעשטעקט די פּאָלעס פון דער סוויטקע און אוועקגעשטעלט זיך שמיערען די רעדער, און חברה בעלי־עגלות האָבען זיך א נעהם געטהאָן צו דער ארבייט געשמאַק, אויף אלע כלים: פּאַקען דעקאָראַציעס, טראָגען פון דער סטאַדאָלע קאַסטענס מיט קעסטלעך, פּעק מיט פּעקלעך, ארויפלייגען אויף די פוהרען, גאָר נישט געהערט די אַקטיאָרען מיט די אַקטריסעס, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטען און געבעטען, מע זאָל טראָגען „פּאַוואָלינקע“, „פּאַמעלכין“.

ווי א גענעראל איז געשטאנען איבער די בעלי־עגלות שמעון־דוד און געקאָ־מאנדעוועט, געבייזערט זיך און געהאקט מיט שטיקער תהלים, אויסגעמישט מיט מאָלדאוואניש לשון:

—הער נאָר, דו, „קאלבון", דו „בלאָס־טאמאט" איינער, על־כן יאבדו דרך — האלט איין דעם וואָגען, ווארום אָט האפּסט דו א פּריקע אין פּיסק אריין, כי יבער כמעט אפו — וועט דיר אראָפּ די נאָז!...

חברה בעלי־עגלות און שמייסערס שרעקען זיך, אפּנים, ווינציג וואָס אי־בער פּאר שמעון־דוד׳ס קאָמאנדע און פּאר שמעון־דוד׳ס תהלים זאָגען. ווארום די שמייסערס, אין דער אייגענער צייט וואָס מע ארבייט און מע טראָגט די פּעקלעך, ווארפט מען זיך דורך צווישען זיך מיט ווערטער און מיט ווערטלעך, און מע רעדט און מע לאכט, און מע שמועכט זיך אוים וועגען אכילה אויף בעל־עגלה־שפּראך:

— זאָג נאָר, דו מאמעטליווע בחור, ביזט עפּים א בעלן איצט אויף א „מאַ־לאיע" מיט הערינג אָדער מיט בריגזע אויף א פולער וואָך?

— אוועק, דו בלינדער טיאָר, מיט דיין מאלאיע! איך בין „ליובאָפּיטנע" בעסער אויף א צימעכעל מיט „נאהיט".

— און פּארטרינקען מסתמא מיט א קווערטעל „פּאָמניאק"? חא־חא.

— אָדער גאָר מיט א פרישער „בראהע"?

דערהערט דאָס שמעון־דוד, צעשרייעט ער זיך אויף א קול:

— למה רגשו גויים — וואָס האָט איהר זיך צערעדט פון עסעניש, ממזרים? אָט וועל איך אייך געבען א פּאָמניאק, וועט אייך זיין כצנה רצון

תעטרנו — מיט א דישעל אין האלז אריין!

די גוואלדען מיט די געלעכטערען פון די שמייסערס און דאָס קאָמאנדעוועו מיט די קללות פון שמעון־דוד בעל־עגלה גיסען זיך צענויף און מישען זיך אוים מיט׳ן רעש און מיט׳ן טומעל פון דיא אקטיאָרען מיט די אקטריסעס, וואָס לויפען ארום ווי די משוגעים, שרייען און פילדערען איינס אויף דאָס אנדערע און אלע אויף האָצמאכען:

— האָצמאך, דער רוח זאָל דיך נע־מען!

—האָצמאך, געה! האָצמאך, שטעה! האָצמאך, האלט! האָצמאך, אהער! האָצמאך, אהין!

און דער אָרעמער האָצמאך נעבאך טראָגט אויף זיינע דארע שפּיציגע פּלייצעס דעם גאנצען טהעאטער־גלות, שטעהט אוים אלעמענס קללות, ווארפט זיך אויף אלע זייטען, טראָגט און שלעפּט און הוסט, און עס פאלט איהם פון די הענד, ווארום איבער זיין קאָפּ שטעהט, איינגעטונקען אין בריליאנטען, דער דירעקטאָר פון׳ם יודיש־דייטשען טהעאטער, אלבערט שטשופּאק, און טרייבט איהם האלז אין נאקען און שעלט איהם און מאכט איהם מיט דער בלאָטע גלייך.

וואָס הערט אבער איצט האָצמאך דעם דירעקטאָר? „ער האָט איהם אין דער ערד מיט די ביינער!" לאָז נור אָפּ־לויפען בלאַט אָט דאָס שטיקעל ארבייט, וואָס ער האָט פערטראכט. לאָז נור אָט דער „יאט" ארויסבעקומען היינט ביי נאכט די „פּותיקא", וועט שוין זיין גימל!...

דער „יאט" — דאָס מיינט ער לייב־לען, וואָס ער זוכט איהם מיט די אוי־

גען און קאָן איהם ניט געפינען. אלע זענען דאָ אין הויף. אלע קינדער ראפאלאָוויטשעס, די זיהן מיט די טעכטער, און די שניר מיט די איידעמס, און די אם, און דער קאססיר, וואָס לייבעל האָט איהם א נאָמען געגעבען „ששון־ושמחה“ און אפילו די „אלטע“ מאמע איז ארויס חאפען א קוק מיט׳ן שארפען אויג, ווי דאָס טהעאטער פאקט זיך, און מניה וביה טאקי אכטונג געבען, מע זאָל חלילה צווישען יאָ און ניין עפּיס ניט אריינפאקען על־פּי־טעות אין וואגען אריין... נאָר איין לייבעל איז דאָ נישטאָ. און האָצמאך איז אויס מענש, וואס ער זעהט ניט דעם „יאט“. „א קשיא אויף א מעשה — טראכט ער זיך :— אפשר האָט דער קליינער וועווריק שוין חרטה געקריעגען אויף דעם גאנצען פּלאן ?... א שען פּנים וועט ער, האָצמאך, דעמאָלט האָבען ביי זיך אליין. „א יאָלד צווישען יאָלדען“ וועט ער דעמאָלט זיין. ביי שטשופּאקען א שטיוועל־פּוצער וועט ער בלייבען. און אפשר נאָך האָסלירע וזאָבען פּאר אָט דער חלירע עטעל־דבורזו, קומען זאָל אויף זיי אלעמען א פּאָהיבעל, רבונו של עולם, היינטיגע נאכט ! זיי זאָלען גאָרניט דערלעבען ארויספאָהרען פון דאנען. און אז זיי וועלען ארויספאָהרען, זאלען זיי ברעכען ריק און לענד אויף׳ן גלייכען וועג און ניט דערלעבען קומען אהין, וואו זיי פּאָהרען ! “...

— האָצמאך, וואס בורטשעסט דו דאָרטען וועלכע שווארצע יאָהר ?

— איך בורטשע ניט, איך לערען מיין ראָל.

— געפונען א צייט אויף צו לערנען א ראָל, פארברענט זאָלסט דו ווערען, אידיאָט ! אהערצו גאָה !

— אָמן, גם אתם. איך גאָה ! איך גאָה ! — זאָגט האָצמאך און הוסט און קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען, זוכט לייבלען — און לייבעל איז ניטאָ.

קאפּיטעל 36

לייבעל טהוט תשובה

וואו איז טאקי געוועזן לייבעל ? פאר וואָס איז ער ניטאָ אין הויף צווישען דער חאליאסטרע ביי׳ם ארויספיהרען דאָס יודישע טהעאטער ? געשיקט זיך עס אזא יום־טוב אָהן לייבלען ?...

לייבעל טהוט תשובה נאָך איידער ער האָט געזינדיגט. ער זיצט און דאַוועגט און בעט גאָט, אז ער זאָל איהם שיצען, ער זאָל איהם שטעהען אין זיינע נויטען.

געהערט האָט ער פון׳ם רבי׳ן, אז ס׳איז פארהאן אין תהלים א קאפּיטעל — דאָס איז דאָס קאפּיטעל פּו — אזעלכס איז דאָס א סגולה צו אלע צרות. און לייבעל בעדארף איצט א סגולה, ווארום די צרות, וואָס ער האָט איבערגעטראָגען דעם דאָזיגען שבת, ...יז דענן מעגליך צו בעשרייבען ? ווינציג האָט ער דעם דאָזיגען טאָג איבערגעקלערט וויסט ער דען ניט, אז דאָס, וואס ער געוו.ט טהון, איז די גרעסטע עבירה אין דער וועלט ? ווייסט ער דיען ניט, אז אחוץ דעם, וואָס ער ווערד א פאָרמאלנער גנב, הרג׳ט ער אוועק די מאמע זייגע, קוילעט איהר איבער דעם האלז אָהן א מעסער ? ווייסט ער דענן ניט, אז אחוץ דעם, וואס ער אליין אנטלויפט פון זיין טאטענס ייטוב, העלפט ער נאָך אנטלויפען אויך דעם רבין׳ס טאָכטער, א בת־יחידה נעבאך, איין־און־איינציגע ביי איהרע טאטע־מאמע ?... לייבעל ווייסט, אז זיינע זינד זענען אונגעהייער גרוים, און ער איז זיך מתודה

אויף זיי, און טהוט תשובה פאר'ן אלמעכטיגען גאָט, וואס איז א יודעמחשבות, וואָס ווייסט דעם מענשענס געדאנקען און אלעס, וואָס אין הארצען טהוט זיך... און ער עפענט אויף דאָס תהלים'על און מישט אויף דאס זעקסאונאכציגסטע קאפיטעל, און ער זאָגט פרום, מיט הארץ, ווי איין אמת'ער עהרליכער פרומער יוד, דאָס קאפיטעל פ״ו, און ער וויינט מיט פרומע ווארעמע געזאלצענע טרערען.

„תפלה לדוד — דוד'ס א תפלה:
„נייג, גאָטעניו, דיין אויהער, ענטפער מיר, ווארום איך בין אָרעם, און עלענד:
„היט אָפּ מיין לייב, וואָרום איך בין א פרומער:

„העלף דיין קנעכט, דו מיין גאָט,
וואָס איך פערזיכער מיך אָן דיר:
„לייטזעליג מיך, מיין הארר, וואָרום צו דיר טהו איך רופען א גאנצען טאָג:
„מאך פרעהען דעם ווערען פון דיין קנעכט, וואָרום צו דיר, מיין הארר,
טהו איך מיין לייב טראָגען:
„וואָרום דו, מיין הארר, ביזט דאָך א גוטער און א פארגעביגער און פול מיט גענאָד צו די אלע וואָס רופען דיך:
„פארנעם, גאָט, מיין תפלה און הער
צו אין'ם קול פון מיין געבעט:
„אינ'ם טאָג פון מיין אומגליק רוף
איך צו דיר, דו זאָלסט מיר
ענטפערען!"...

— וואָס איז דאָס מיט אונזער לייבלען, וואָס ער האָט זיך אזוי צעדאָווענט? — וואונדערט זיך די חאליאסטרע, גערענדיג פערביי אין הויף ארוים צו די בעלי־עגלות, וואָס זענען געקומען פערנעמען דאָס טהעאטער.

און לייבעל טהוט זיך זיינס. ער זאָגט תהילים, טהוט תפלה, בעט גאָט ווייטער, אלץ פונ'ם קאפיטעל זעכסאונאכציג:

„... און דו, מיין הארר, ביזט דאָך
א גאָט פון רחמנות און א דערבארעמיגער, דו דערלייגערסט דיין צאָרן
און ביזט פול מיט גענאָד און
וואָהרהייט:
„קעהר זיך צו מיר און לייטזעליג מיך.
גיעב דיין שטארקייט צו דיין קנעכט
און העלף דעם זוהן פון דיין דיענסט"...

— גאָט איז מיט דיר, לייבעל! דו ווילסט גאָר ניט געהן זעהען אפילו, וואָס אין הויף טהוט זיך? — זאָגט צו איהם „ששון־ושמחה" דער קאססיר, אריינגעקומען א צעפלאָמטער, וואָס דאָס טהעאטער פאָהרט ארויס.

לייבעל טהוט זיך א חאפּ אויף, דערלאנגט א קוש דאָס תהלים'על און לאָזט זיך געהן אין הויף ארויס.

קאפּיטעל 37.

ער געזעגענט זיך מיט זיינע פריינד

ארויסגעקומען אין הויף ארויס נאָך'ן תהלים־זאָגען און נאָך'ן אויסוויינען זיך א רוהיגער, איין אָפּגעפרישטער, מיט א צעווייקט הארץ, טרעפט אונזער יונגער העלד שוין איין אויסגעשטערענטען הימעל און א שטילע ווארעמע נאכט, וואָס קוקט אראָפּ צו איהם מיט הונדערטער־טויזענדער אויגען. און ער פיהלט א מאָדנע גרינגע גלאטקייט און א ווייכע ווארעמקייט אין אלע זיינע גליעדער. און עס דאכט זיך איהם אויס, אז צווישען איהם און צווישען דעם דאָזיגען אויסגעשטערענטען הימעל איז שוין נישטאָ אזא ווייטקייט, וויא אלע מאָל. עס מאָהלט זיך איהם אויס, אז ער זעהט, אז ער הערט, אז ער שפירט מיט

אלע זיינע חושים, אַז אויף איהם קוקט גאָט אליין. אז גאָט זעהט איהם דורך־און־דורך. אז גאָט ווייסט אלע זיינע מחשבות און געדאנקען. אז גאָט האָט אויסגעהערט זיינע תפלות, צוגעהערט צו זיין געבעט, מוחל געווען איהם דיא גרויסע עבירה און בעוויליגט...

און לייבעל זוכט זיין פסק, וואס איז אָנגעצייכענט אויבען אין דעם שענעם נאכט־הימעל, צווישען די העלע פינקעלדיגע בריליאנטען־שטערען. און צווישען די קליינע שטערענדלעך זוכט ער זיין אייגען שטערענדעל, זיין מזל, זיין נשמה. ער וויל טרעפען, וואָס וועט זיין מיט איהם היינט ? אויף היינטיגע נאכט שטעהט די וועלט. היינט — אָדער קיינמאָל נישט ! פלוצים דערפיהלט ער, ווי עמיצער פלאָנטערט זיך איהם ביי די פיס. אך ! דאָס איז טערקוש, זיין אלטער גוטער פריינד טערקוש.

— וואָס איז מיט דיר, טערקוש ?

טערקוש פעסטעט זיך, לאכטשעט זיך, דרעהט זיך און שפּרינגט איהם אין פנים און קוויטשעט : „אהו־האו" אפנים, ער וויל איהם אָנזאָגען די אייגענע בשורה, וואָס שמחה דער קאססיר האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ס'איז א פולער הויף מיט בעלי־עגלות און אז דאָס טהעאטער פאקט זיך.

צווישען טערקושען און לייבלען איז איין אלטע גוטפריינדשאפט, נאָר א פערבאָרגענע. קיינער דארף ניט וויסען, אז לייבעל האָט ליעב טערקושען און אז טערקוש האָט ליעב לייבלען. א חדר־יונגעל א בר־מצוה־בחור'על — וואָס האָט ער צו פיהרען חבר־לאפ מיט א הונד ? האָט אָבער לייבעל רחמנות אויף טערקושען דערפאר, וואס טערקוש איז א הונד א שלים־מזל, אָהן איין אויהער און מיט א רויט אונטערגעשלאָגען אויג.

טערקושען האָט מען נישט ליעב אין הויף קיינער נישט, אחוץ לייבעל. און טאקי מהאי טעמא טראָגט איהם לייבעל אָבטמאָל ארויס, אז קיינער זאָל ניט זעהען, א שטיקעל ברויט אין קעשעני. און אז ס'איז ניטאָ קיין ברויט — איז קיכעל, איז טאָרט, איז צוקערלעקאך. טערקוש עסט אלסדינג. טערקוש איז א הונד א חכם. דערזעהט ער לייבלען, ווארפט ער זיך אויף איהם און שפּרינגט אין פנים אריין, און לאָז לייבעל געהן מיט עמיצען, ניט אליין, קערעוועט ער אָפּ, קוקט שעלמיש מיט'ן רויטען אויגעל אויף א זייט און באלעקט זיך.

— ווער וועט דיר טראָגען עסען ?—

זאָגט צו איהם לייבעל, בויגט זיך אָן צו איהם, גלעט איהם צום לעצטען מאָל, וויל זיך מיט איהם געזעגענען, און עס רייסט איהם דאָס הארץ נעבאך אויף טערקושען. טערקוש אָבער ווייסט ניט, אז זיין חבר לייבעל האלט ביי אוועקפאָהרען. אזא ווילדער געדאנק קומט איהם גאָר אפילו ניט אויף זיין הינטישען קאָפּ ! — ער האָט גאָר אין זינען איין אנדער זאך : ער שטופּט די נאסע מאָרדע זיינע צו לייבלען אין די קעשענים, שמעקט, צי ס'איז דאָרט ניטאָ ביי איהם עפּיס אויף צו אבל'ען ?...

קוקענדיג אויף טערקושען, דערמאָנט זיך לייבעל אָן נאָך א פריינד, וואָס בלייבט דאָ איבער אָהן איהם נעבאך אליין. דאָס איז דער ווייכער שקאפּעס לאָשעקעל. דאָס לאָשעקעל איז שוין ניט קיין לאָשעקעל, נאָר א גאנצער לאָשעק פון כמעט א יאָהר. ערשט היינטיגען ווינטער האָט דאָס בעני אוועקגעשענקט דעם מיזיניק א מתנה צום טאָג פון זיין

בר־מצוה. דאָס איז געווען פאַר איין
עולם יודען, פאַר וועלכע דער בר־מצוה.
האָט געהאַלטען אַ גלענצענדע דרשה.
פערשטעהט זיך, אַז פון אַזאַ מתנה איז
דער עולם געווען אַזוי איבערראַשט, אַז
אַלע האָבען זיך איבערגעקוקט : „אָן'־
עם־האָרץ קאָן !"... אין שטאָדט איז
נאָכדעם געווען חוכא־ואיטלולא. „דאָס
בר־מצוה־לאָשעקעל" — קיין אַנדער נאָ־
מען האָט דאָס ניט געהאַט אין האַלע־
נעשטי.

גאַנץ אַנדערש האָט דערויף געקוקט
דער בר־מצוה אַליין. אונזער יונגער
העלד, חאָטש ער האָט געהאַט אַ גוט
קעפּעל צום לערנען און האָט דריי פיער־
טעל פון זיין לעבען פערבראַכט אין
חדר, האָט דאָך פון קינד־ווייז אָן ליעב
געהאַט פערדלעך מיט לייב און לעבען.
דאָס איז איהם, אפנים, געקומען בירושה
פון זיין טאַטען בעני, אויף וועלכען
האַלענעשטי זאָגט, אַז „ביי איהם איז
אַ פערדישע נשמה". בעקומען פון'ם
טאַטען אַזאַ מתנה, האָט לייבעל פון'ם
ערשטען טאָג גענומען דאָס לאָשעקעל
אונטער זיין השגחה. געקומען פון חדר
אַהיים, איז דאָס ערשטע געווען ביי
לייבלען — אַ שפּאַציער אין „סטאַני"
אַריין, אַ קוק טהון, וואָס מאַכט דאָס
לאָשעקעל. און דאָס לאָשעקעל איז אויף
זיינע אויגען געוואַקסען פון טאָג צו
טאָג. פון זיינע הענד געגעסען. פון זיי־
נע הענד געטרונקען. ליעב געהאַט, אַז
לייבעל זאָל איהם געבען אַ גלעט אי־
בער דער גריווקע, אַ קיצעל אין העלזעל,
און אפילו אַ פּאַטש פון הינטען —
מאַכט אויך ניט אויס, אבי פון אַ גו־
טען פריינד...

דורך'ן ווינטער, אַז דאָס לאָשעקעל
איז אויסגעוואַקסען און געוואָרען אַ
לאָשעק, האָט מען איהם גענומען לער־
נען געהן אונטער'ן רייטען. האָט ער
אָבער קיינעם ניט צוגעלאָזט צו זיך,
אחוץ לייבלען. אמת, אַז לייבעל האָט
זיך אויף איהם דאָס ערשטע מאָל אַרויפ־
געזעצט, האָט ער אויך געמאַכט עפּיס
זעהר ניט קיין שענע תנועות, געשפּרונ־
גען און געדרעהט זיך און אויפגעהויבען
די הינטערשטע פיסלעך אַזוי הויך, אַז
דער יונגער רייטער האָט געמוזט אַראָפּ־
גליטשען זיך מיט'ן קאָפּ אַראָפּ און גע־
בען אַ פאַל אַריין גלייך מיט הענד און
פיס אין בלאָטע אַריין. נאָר עס מאַכט
ניט אויס. אַלע פערד זענען אַזוי בע־
שאַפען. איידער מע לערענט זיי אויס
געהן אונטער'ן רייטען, מוז מען פון
זיי עטליכע מאָל אַראָפּפאַלען. אַזוי זאָ־
גען געניטע מענשען. און געניטע מענ־
שען ווייסען, וואָס זיי זאָגען. פון דעם
פאַל האָט לייבעל אַ פּאָר טעג אַ ביסעל
אונטערגעהונקען אויף אַ פוס. און אַז
ס'האָט זיך איהם פערהיילט דיא פיס,
האָט ער זיך געפּרובט נאָך אַ מאָל זעצען
רייטענדיג — און איז ווידער אַ מאָל
אַראָפּגעפאַלען. איצטיגס מאָל — שוין
מיט חסד. אַזוי אַז ער האָט נישט אָנ־
געוואָרען דעם בטחון — און דאָס האָ־
בען צוגעגעבען אַלע, די וואָס זענען
קלאָר אין הלכות פערד, — אַז ניט
היינט, איז מאָרגען — דער לאָשעק מוז
ביי איהם געהן אונטער'ן רייטען, עס
זאָל זיך אפילו איבערקעהרען די גאַנצע
וועלט !

איצט פאָהרט לייבעל אוועק. ווער
וועט זיך אָפּגעבען מיט'ן לאָשעק ? ווער
וועט אין זינען האָבען איהם געבען עסען,
טרינקען ? ווער וועט איהם גלעטען ?
ווער וועט איהם קיצלען ? און לייבעל
געהט אַריין אין „סטאַני" צו די פערד.
דערהערט לייבעל'ס לאָשעק, אַז מע
גט־ט, דרעהט ער אויס צו איהם די צי־

קאווע געפלעקטע מאָרדע, צענעמט די נאָזלעכער, קוקט אויף איהם מיט קלוגע ברענענדיגע אויגען.

— זיי געזונד, לאָשעקעל ! — זאָגט צו איהם לייבעל און טהוט איהם א גלעט איבער'ן ווארעמליכען רוקען. — דו ווייסט, אז איך פאָהר אוועק ? צי דו ווייסט ניט ?...

ניין. ער הויבט נישט אָן צו וויסען, אז לייבעל פאָהרט אוועק. ער טהוט א גרינגען ציטער מיט דער גריווקע און מיט דער גאנצער פעל און שטעלט אויףביידע אויהערלעך — ציקאווע צו וויסען, וואס וועט זיין ווייטער ?...

א פערד בלייבט א פערד.

קאפּיטעל 38

שלום־מאיר ספּיטשט

אומזיסט האָט זיך יענעם שבת־צור־נאכטס האָלענעשטי צענויפגעקליבען ארום נגיד'ס הויף ארויסבעגלייטען דאָס יודישע טהעאטער מיט כבוד, ווי עס געהער צו זיין. שלום־מאיר האָט זיי עט־ליכע מאָל געזאגט מיט'ן דארבען וואָרט, און אפילו אין טאטען אריין שוין אויך געשאָלטען, אז ס'איז אומזיסט זייער ווארטען — זיי וועלען זיך ניט דערווארטען, ווארום מע דארף זיך נאָך פאקען און פאקען. די האָלענעשטער ליעבהאָבער פון טהעאטער האָבען אבער ניט געוואָלט ניט הערען, ניט זעהען. זיי וויסען על־פּי־שכל, אז ס'איז דברים בטלים. אלסדינג נעמט א סוף. דאָס פאקען מוז זיך א מאָל ענדיגען. דאָס טהעאטער מוז ארויספאָהרען פון הויף גאָר אָהן א שום תירוץ, נארישקייטען! ווי פאָהרט דאָס אָפּ א יודיש טהעאטער פון האָלענעשטי גלאט אזוי, מיר־ניט, דיר־ניט, און א האלבע שטאָדט זאָל דאָס ניט ארויסבעגלייטען ?

דאָס האָט אונזער דירעקטאָר פון אידיש־דייטשען טהעאטער און זיין פליגעל־אדיוטאנט שלום־מאיר גראד נישט געשמעקט. צו דעם גרויסען פּלאַן, וואס זיי האָבען אויסגעפּלאנעוועט, האָט מען בעדארפט האָבען גראָד פארקעהרט, אז קיין זייטיגער עולם זאָל ביי זייער ארויספאָהרען דוקא ניט זיין. וואס זשע טהוט מען ? וואס זאָגט מען זיי ? שלום־מאיר האָט זיי שוין גענוג געזאָגט. איינרייסען זיך מיט א שטאָדט קען מען ניט. עס קען נאָך ארויס דערפון א סקאנדאל. און זיי דארפען האָבען, אדרבה, ס'זאָל זיין שטיל, אבסאָלוט שטיל. עס שטעהט זיי פאר אזא איין איידעלע ארבייט אויף „גאָט'ס גאס", א פיין שטיקעל ארבייט !

פאלט שלום־מאיר אויף א המצאה (פאָרט א דיפּלאָמאט !) ער קלעטערט ארויף אויף א הויכען וואָגען און טרעט ארויס פאר'ן עולם גאָר מיט א רעדע, אָבער טאקי מיט א גאנצען ספּיטש :

— געעהרטעם פּובליקום ! מיינע הערען און דאמען ! אינ'ם נאָמען פון דעם דירעקטאָר פון'ם אידיש־דייטשען טהעאטער און אינ'ם נאָמען פון דער גאנצער טרופּע האָב איך דיא עהרע איבערצוגעבען אייך, געעהרטעם פּובליקום, אונזער טיעפסטען דאנק פאר אייער סימפּאטהיע, וואס איהר האָט ארויסבעוויעזען צו אונזער טהעאטער. דיא גאנצע צייט וואס מיר האָבען זיך געפונען אין אייער שטאָדט, איז דאס טהעאטער — איך מעג עס זאָגען מיט שטאָלץ — קיין מאָל נישט געווען ליידיג. און נישט נור פון אינוויינינג, נאָר אפילו פון דרויסען איז דאס תמיד גע־וועזן בעלאגערט. דאס בעווייזט, אז איהר פערשטעהט וויא צו שעצען

קונסט און אידיש טהעאטער האָט ביי אייך א ווערטה. עס איז מיין חוב בעטען ביי אייך אום ענטשולדיגונג פאר מיין נישט־העפליכע בענעמונג קעגען אייך, דאָס הייסט, אויף יודיש געזאָגט, בעט איך ביי אייך הונדערט מאָל מחילה דערפאר, וואָס טאָמער האָב איך עמיצען פון אייך א מאָל גראָב בעהאנדעלט, אויסגעשאָלטען אין טאטען אריין, ארויסגעוואָרפען פון טהעאטער אָדער אָפּגעשפּריצט מיט קאלט וואסער. א מענטש איז ניט קיין מלאך... איך ווייס ניט, וויא אזוי איהר — נאָר איך פערזיכער אייך, אז אונזער טהעאטער וועט אייער האָלענעשטי קיין מאָל ניט פערגעסען. געעהרטעם פּובליקום ! אונזער טהעאטער האלט ביי אָפּפאָהרען פון דאַגען, און אפשר אויף א גאנץ לאנגער צייט. עס וואָלט ביי אונז געוועזן זעהר אָנגעלעגט, ווען איהר זאָלט אונז קאָנען בעהרען מיט אייער ארויסבעגלייטען פון שטאָדט ארויס. עס טהוט מיר אבער זעהר לייד אייך צו זאָגען, אז ניט אלע וועלען דאָס קענען טהון, וואָרום ביז עס וועט ניט אָנהויבען צו שאריען אויף טאָג וועלען מיר ניט ריהרען פון׳ם ארט. אויב איהר ווילט אונז ווירקליך אָנטהון א פערגעניגען, זאָלט איהר איצטער געהן אהיים שלאָפען און אם־ירצה־השם מאָרגען כאור וועט איהר קומען אהער. וועט איהר זיין ווילקאָמען.

דער עפעקט פון שלום־מאיר׳ס רעדע און פון זיין דייטשען „ווילקאָמען“ איז געוועזן איבער אלע מאָסען. „דאָס געעהרטע פּובליקום“ האָט דעם רעדנער געמאכט איין אונגעהייערע אָוואציע. אָהן איין עק „בראוואָ“ האָט מען איהם געשריגען. „בראוואָ“ אליין איז אָבער געוועזן ווינציג, האָט מען גענומען שרייען „הורראַ !“ מיט „הורראַ“ אליין האָט זיך דאָס פּובליקום אויך ניט בעגניגענט, האָט מען אָנגעהויבען שרייען און ארויסרופען האָצמאכען : „האָצמאַך ! א חסיד׳על ! האָצמאַך ! האָצמאַך !“

איז שלום־מאיר ארויף נאָך א מאל אויף׳ן וואָגען און ענטשולדיגט זיך פאר׳ן „געעהרטען פּובליקום“, אז ס׳איז אומזיסט זייער שרייען מיט זייער ליארמען : האָצמאַך וועט איצט ניט אויפטרעטען מעהר און קיין „חסיד׳על“ נישט זינגען. דאָס טהעאטער איז געשלאָסען.

דער געפילדער איז פון דער ערקלערונג נישט געוואָרען קלענער. אדרבה. די געשרייען „האָצמאַך“ און „חסיד׳על“ זענען געוואָרען מיט פופציג פּראָצענט גרעסער און שטארקער.

שלום־מאיר האָט ארויסגעזעהען, אז מיט גוטען וועט מען מיט זיי גאָרניט מאכען. ער האָט געמוזט אָנווענדען זיין אלטען מיטעל, וואס איז איהם געשטאַנען אין אלע זיינע נויטען, די סגולה פון „וזרקתי“. דאָס הייסט, מע האָט געמוזט זיך מטריח זיין, אויפפּאקען די דעקאָראַציעס און ארויסציהען פון דאָרטען דעם שפּריצער און לאָזען א קאלטען שטראָם אויף׳ן „געעהרטען פּובליקום“. א טייערע סגולה ! אין איינע צוויי מינוט איז דער פּלאַץ אָפּגעריינינגט געוואָרען און ס׳איז פון׳ם „געהרטען פּובליקום“ נישט געבליבען, איהר זאָלט זאָגען, א נפש.

ערשט דעמאָלט האָט שלום־מאיר אָפּגעווארט אקעגען א פּאָר שעה, און אז אין שטאָדט איז געוואָרען רעכט שטיל, האָט דער דירעקטאָר שטשופּאק צענויפגענומען די גאנצע טרופּפּע און האָט איינגעלאַדען אויך יחיאל דעם כלי־זמר מיט דער גאנצער קאָמפּאניע און איז אוועק מיט זיי אין א קעלער אריין נעמען צו גלעזלעך ווין און פערבייסען מיט

נאהיט, געבען א לעב, ווי גאָט האָט געבאָטען.

די טרופּפּע האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּוואונדערען, וואָס איז דאָס זייער דירעקטאָר פּלוצים געוואָרען אזוי מילד? „עפּים טאקי נור א בער אין וואלד גע'פּגר'ט!"... אלע מאָל האָט ער געהייסען געבען נאָך, אליין געטרונקען און געבעטען דעם עולם טרינקען מיט זיין נישט־קלעפּענדיגער שפּראַך:

— וואָס זאָל איך אייך זאָגען איז דאָס א וויין הערט זשע קינדער טרינקט און גיסט!...

סאמע אין רעכטען טרינקען האָט זיך אונזער שלום־מאיר ארויסגעגליטשט פון דער קאָמפּאניע, איבערגעלאָזט די גאנצע חברה אין קעלער, און אליין איז ער, ווי א שטילער שאָטען, אוועק אויף „גאָט'ס גאס".

קאַפּיטעל 39

אומזיסטע פּחדים

יצחק, בעת אברהם אָבינו האָט איהם געפיהרט צו דער עקדה, האָט געוויס נישט בעדארפט אזוי ציטערען, ווי עס האָט געציטערט אונזער יונגער העלד געבאָך, זיצענדיג יענעם שבת־צו־נאכטס אין וואָגען מיט זיין פריינד האָצמאַך און פאָהרענדיג מיט איהם צו דער באהן קיין פאלעשטטי און פון דאָרט קיין אונגעני, צו דער רומענישער גרעניץ. און געציטערט האָט ער, פשוט, דערפאר, וואָס טאָמער, א קשיא אויף א מעשה, יאָגט מען איהם נאָך און מע פאקט איהם און מע ברענגט איהם צוריק קיין האָלענעשטי און מע טרייסעלט אויס ביי איהם... אך! לייבעל האָט גאָר מורא דערפון צו טראכטען. בעסער ניט דערלעבען. בעסער א לעבעדיגער אין טייך אריין...

און לייבעל הערט זיך איין אין'ם לויפען פון די פערד, אין'ם קאטשען זיך פון די רעדער און אינ'ם טרייסלען פון'ם וואָגען. און עס דאכט זיך איהם, אז עמיצער לויפט איהם נאָך. און ער פיהלט, ווי עס טרייסלען זיך איהם אלע גליעדער פאר שרעק. פאר שרעק? אפשר איז דאָס גאָר פון דער שענער „יאזדע"? אז אָך און וועה איז צו זיי ביידען, צו איהם און צו האָצמאכען! — זיי זיצען אין א שענעם וואָגען, עס קאָן די נשמה אויך ארויסטרייסלען. דאָס איז שלום־מאיר'ם קאָפּ געוועזען, מע זאָל באזעצען האָצמאכען גאנץ אויבענאָן אויף דער „הארבא" מיט'ן באגאזש — ס'זאָל חלילה ניט זיין קיין שאָדען אין די דעקאָראציעס.

איצטיגס מאָל האָט שוין אבער האָצמאך געהערט שלום־מאיר'ען מיט'ן דירעקטאָר מיט זייערע דעקאָראציעס און מיט זייער גאנצען טהעאטער פונקט ווי דעם פאראיאהריגען שניי. האָצמאך איז שוין, זיצענדיג דאָ אויף'ן וואָגען, אליין געוועזען א דירעקטאָר, אליין געהאט זיין אייגען טהעאטער מיט זיין אייגענער טרופּפּע מיט זיינע אייגענע דעקאָראציעס. ביי האָצמאכ'ען, פערשטעהט איהר מיך, געפינט זיך אין בוזעם א פּעקעל אזעלכעס, וואָס וואַרעמט איהם און בריהט איהם, צעטראָגט א באלזאם אין אלע זיינע גליעדער און פילט אָן זיין הארץ מיט דער גרעסטער פרייד...

דאָס דאָזיגע גוטע פּעקעל האָט איהם איבערגעגעבען שטילערהייד, טאקי דאָ אויף'ן וואָגען זיצענדיג, זיין יונגער פריינד לייבעל, און די הענד זענען בעת־מעשה געוועזען ביי לייבלען קאלט און האָבען געציטערט, און די צייהן אין מויל האָבען איהם געקלאפּט, און אליין האָט

דאָס איהם געוואָרפען ווי אין א קדחת.

— וויפיעל איז דאָ, ליובעניו? — פרעגט איהם האָצמאַך שטילערהייד, אָנגעבויגען זיך צו איהם אויף'ן אויהער, עס זאָל ניט דערהערען דער בעל־עגלה, וואָס פאָהרט מיט זיי אויף'ן וואָגען. נאָר ער איז זיך משער נאָך'ן פעקעל, אז דאָ דארף זיין א היבשע „פּותיקא"...

— איך וויים אליין ניט. — ענטפערט איהם לייבעל אויך אויף'ן אויהער, און האָצמאַך דערפיהלט, ווי פון לייבעל'ס מויל זעצט ארויס א היטץ.

— וואָס ציטערסט דו, קאָטיקעל? ס'איז דיר קאַלט? — פרעגט איהם האָצמאַך מיט געטרייהשאַפט פון איין עלטערען ברודער.

— ס'איז מיר וואַ־וואַ־וואַרעם! — ענטפערט איהם לייבעל קלאָפּענדיג א צאָהן אָן א צאָהן.

— אזוי? ס'איז דיר וואַ־וואַ־וואַרעם? — קרימט איהם איבער האָצמאַך. — א בייזע היטץ אויף דיר. אָט וועל איך דיר אָנטהון, ליובעניו, מיין טענדעווערענדע, וועסט דו זיך מחיה זיין. מיין טענדעווערענדע וואַרעמט וויא א מאמע.

און האָצמאַך טהוט זיך א וואַרף און בינדט אויף א פּאַק מלבושים און שלעפּט ארויס פון דאָרטען איין אלטען בגד, שמאַטע שבשמאַטע.

וואָס איז איהם עפּיס געפעלען אָנצורופען אָט די שמאַטע מיט אזא געהויבענעם נאָמען? עס קאָן זיין, אז אמאל, בעת עס האָט נאָך געהערט צו שטשופּאַקען, איז דאָס טאַקי געווען אזא מין מלבוש, וואָס מע דאַרף עס רופען „טענדעווערענדע". האָב איך אָבער מו"א, אז דאָס האָט געמוזט זיין שוין לאַנג, זעהר לאַנג. אודאי אין יענע צייטען, ווען אונזער דירעקטאָר, אלבערט שטשופּאַק, איז נאָך גאָר קיין דירעקטאָר געווען, נאָר אזוי איין אַקטיאָר. און אפשר איז דאָס געווען נאָך דעמאָלט, ווען אונזער שטשופּאַק איז, ניט היינט געדאַכט, ארומגעגאַנגען אויף חתונות, אויף ברית'ען און אויף פדיון־הבן'ס און געזונגען „כל־מקדש"... יעדענפאַלס, בעת שטשופּאַק האָט אוועקגעגעבען דעם דאָזיגען אלטען בגד דיעם גאָמיקער האָצמאַך, האָט ער עטליכע מאָל איבערגע־חזר'ט, אז דאָס שענקט ער איהם אוועק אויף תמיד, א מתנה הייסט עס. און ער האָט זיך דוקא ניט געפוילט צענויפצורופען אלע ארטיסטען בעווייזען זיי, „וואָס פאַר א מתנה ער, שטשופּאַק, איז, חע—חע, א בעלן אוועקשענקען". און ער האָט גענומען דרעהען דעם אָרעמען האָצמאַכען אויף אלע זייטען, זיך געשפּיעגעלט און געקוועלט און בעריהמט זיך אין איין אָטהעם:

— געווען אמאָל הערט זשע אָן אנטיקעל פון אן אויבערמאַנטעל מיט א טהייערען קאָלנער פון עכטען סאַמעט און א פּעלירינע פון אויבען איז געווען הערט זשע געקויפט הייסט עס א פּאַרטיגען א מציאָה פון א גנב א מחיה געווען צו קוקען אָהן ארבעל, חע—חע, זאָל מיין נאָמען ניט הייסען א ל ב ע ר ט!...

אויף שטשופּאַק'ס רויטע אָהנברעמענדיגע אויגען האָט זיך אזש בעוויזען א טרער. און האָצמאַך האָט אָנגעטהאָן דאָס דאָזיגע טהייערע מלבוש און האָט טאַקי דאָ אויף'ן אָרט, הינטער שטשופּאַק'ס פּלייצעס, גענומען נאָכמאַכען שטשופּאַקען מיט זיין מגושמ'דיג־ געקנייטשט רחמנות־פּנים, מיט זיין צעגויפגעשנירעוועט פּיסקעל און מיט זיינע קליינע טרערענדיגע אויגלעך, — אָבער אזוי קונציג, אז ס'איז געווען ניט

צו דערקענען, ווער פון די צוויי איז
שטשופּאַק, און ווער איז האַצמאַך ?

פון דעסטוועגן האָט די דאָזיגע טענ־
דעווערענדע געדיענט האַצמאַכן, טאַקי
ווי א געטרייהע מאַמע. זי איז איהם
געווען א רעגענמאַנטעל, און איין אונ־
טערבעט, און איין אויבערבעט, און א
קאָלדרע, און א האַלאַט און וואָס איהר
ווילט. און אויך איצט איז זי איהם צו־
ביז געקומען אויף איינצוהילען דעם
דאָזיגען קליינעם „יאַט“, וואָס ציטערט
ווי א כשר לעמעלע. און האַצמאַך בויגט
זיך אָן צום קליינעם „יאַט“ און שעפּט־
שעט איהם אויף'ן אויהער און טרייסט
איהם, ווי מע טרייסט א קליין קינד :

— וואָס האָסט דו מורא, נאַרעלי ?
אַקערשט ווי מע זעהט ניט, זענען מיר
דאָך אין פּאַלעשטי. דאָרט זעצען מיר
זיך אוועק אלע אויף דער באַהן און
מיט'ן טאָג זענען מיר שוין אויף דער
גרעניץ, אין אונגעני, און פון אונגעני
ביז יאַס איז ניט מעהר ווי א האַלבע
שעה פאַהרעכטס. אזוי אז ביז מע וועט
זיך ביי דיר אין דער היים חאַפּען, ווע־
לען מיר שוין זיין — טיו — טיו !...

פון דעם דאָזיגען פרעהליכען געדאַנק
צעלאַכט זיך האַצמאַך מיט א שטילען
געלעכטער און פערהוסט זיך און שעלט
דעם הוסט מיט טוידטע קללות.

לייבעל הערט אבער ניט, וואָס האַצ־
מאַך רעדט צו איהם. לייבעל ציטערט.
ער וואָלט געמעגט שוועהרען, אז ער
הערט עמיצען לויפען נאָך'ן וואַגען און
סאַפּען : „הא־ע !' הא־ע ! הא־ע !“...
און וויפיעל דער ישרעק איז ניט גרויס,
שטעקט ער ארויס דעם קאָפּ פון דער
טענדעווערענדע, טהוט א קוק צוריק און
דערזעהט — זיין אַלטען פריינד טער־
קויש !... „ווי קומט אהער טערקוש ?
עס פאַהרט אודאי עמיצער פון'ם הויף
און טערקוש לויפט אויף צו פריהער“...
אזוי טראַכט זיך לייבעל און עס בע־
שלאָגט איהם א קאַלטער שוויים. און
איידער ער האָט צייט נאָך א מאָל א
קוק טהון צוריק, דערהערט ער — עמי־
צער פון הינטען יאָגט מיט א הוק און
מיט א פייף און מיט א קנאַק פון דער
בייטש. „פערפאַלען !“ — טראַכט זיך
אונזער יונגער העלד און איז גרייט אויף
אלסדינג. נאָר עס לאָזט זיך אויס א
נעכטיגער טאָג. דאָס איז אַנגעלאָפען פון
הינטען שמעון־דוד דער בעל־עגלה מיט
זיין בויד און איז ארויס צו זייער שמיי־
סער מיט זיין שפּראַך, האַלב אויף מאָל־
דאַוואַניש, האַלב אויף יודיש, און לשון־
קודש אויך אינמיטען :

— וחלקלקות — נאָך שלעפּסט דו זיך,
דו מאַגאַר איינער, דו שלעפּעריגער
מלאך ? און איך האָב געמיינט, אז דו
ביזט שוין העכער האַלב אין פּאַלעשטי.
ברע ! געב אָט דעם טורבאַטען פוס אָנצו־
הערניש אין זייט אריין, אָדער מיט דער
פּוזשעלע איבער די רגלים, ווארום ער
געהט מיר עפּעס שלא כדראַקי.

און שמעון־דוד וואַרט ניט ביז יענער
וועט עס טהון און דערלאַנגט בעסער
אליין מיט דער בייטש דעם טורבאַטען
פוס איבער די רגלים און זאָגט צום
שמייסער

— ברע ! אז דו וועסט קומען קיין
פּאַלעשטי, זאָלסט דו זאָגען דער איבע־
ריגער חבריא, אז איך האָב געהייסען פאַ־
סען פערד און פאַהרען צוריק אהיים,
נישט וואַרטען אויף מיר. דו הערסט,
וואָס מע דברט. צי דו שלאָפסט ? וויאָ,
קינדער, וויאָ — וויאָ !

אזוי לאָזט אויס שמעון־דוד מיט א
טשמאָק צו זיינע פערדלעך און נעמט זיך

פערקערעוועט דעם וואָגען רעכטס, און אונזער יונגער העלד ווישט זיך דעם שווייס און דאנקט גאָט, וואָס דער שרעק איז אריבער בשלום, און ער שטעקט ארויס פּאַוואָלינקע דעם קאָפּ פון דער טענדעווערענדע און טהוט א קוק מיט איין אויג צוריק, און עס טהוט איהם א בליאסק פון שמעון־דוד׳ס בויד ארויס א פּאָר גוט־בעקאנטע שווארצע גליהענ־דע ציגיינער־אויגען. לייבעל טהוט זיך א הויב אויף פון׳ם אָרט, א רייס ארויס פון דער טענדעווערענדע און קענען זיין אייגענעם ווילען חאפּט זיך ארויס ביי איהם א געשריי: „רייזעל!"... נאָר איידער דאָס וואָרט דערגרייכט צו שמעון־דוד׳ס בויד, האָט יענער זיך שוין אויסגעקערעוועט און מיט א הוק און מיט א פייף און מיט א קנאק פון דער בייטש נעמט ער זיך גאָר אויף איין אנדער וועג, עפּיס ווי ער וואָלט פאָהרען צוריק. גיך ווערד די בויד פערשוואונדען, לאָזט איבער נאָך זיך א געדיכטען שטויב מיט א גערוך פון פערד, אויסגעמישט מיט א ריח פון סמאָלע.

קאפּיטעל 40.

קשיות מיט קשיות

„א מענש, אז ער איז אין שרעק, קאָ־נען זיך איהם אויסווייזען אזעלכע זאכען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפּלויגען"...

אזוי טראַכט זיך אונזער יונגער העלד, זיצענדיג מיט האַצמאַכען אויף׳ן וואָגען, אויבען, אויף די דעקאָראַציעס. „פון וואַ־נען האָט זיך צו איהם גענומען אזא גע־דאנק, אז ביי שמעון־דוד דעם בעל־עגלה אין בויד זיצט רייזעל? ווען דאָס זאָל זיין רייזעל, פרעגט זיך א קשיא: וואָס האָט מען פערקערעוועט מיט איהר אהין, גאָר אויף איין אנדער וועג? פאָהרען זיי דענן ניט ביידע אין איין אָרט אריין?"...

אזעלכע קשיות פרעגט לייבעל ביי זיך אליין און ער דרעהט אויס דעם קאָפּ צו־ריק און טהוט נאָך א מאָל א קוק אהין, וואו שמעון־דוד׳ס בויד איז נעלם געוואָ־רען, און ער בעגעגענט זיך מיט די אוי־גען פון זיין פריינד טערקוש, וואָס לויפט איהם אלץ נאָך׳ן וואָגען מיט איין ארויס־געשטעלטע צונג. „אָט נארישער הונד!" — קלערט זיך לייבעל, און עס פערקלעמט איהם ביי׳ם הארצען, און ער האָט רחמנות אויף זיין אלטען געטרייען פריינד טער־קוש, וואָס בלייבט נעבאך עלענד, איינער אליין. „און דער לאַשעק נעבאך — טראַכט ער זיך — בלייבט דענן ניט עלענד, איינער אליין?"...

— א חלירע זאָל קומען אויף זיי ביי־דען! — רופט זיך אָן האַצמאַך.

— אויף וועמען זאָל קומען א חלירע? — פרעגט איהם לייבעל פערוואונדערט.

— אויף וועמען? טאַקי אויף מיין שטשופּאקען מיט אָט דעם ממזר שלום מאיר, וויא זיי האָבען זיך דאָס אביסעל צעלייגט ביי אָט דעם שמעון־דוד׳ען אין בויד טאַקי נור, ווי ביי זייער טאַטען אין ווייגגאָרטען!

לייבעל קוקט אויף האַצמאַכ׳ען נאָך מעהר פערוואונדערט; ער האָט נישט געזעהען ביי שמעון־דוד׳ען אין בויד, דאכט זיך, קיינעם, א חוץ רייזלען. וואָס טהוט זיך דאָ?...

און האַצמאַך האָט זיך זיינס אין זינען. איהם אינטערעסירט שטשופּאק און זיין פליגעל־אדיוטאנט שלום־מאיר. ער רעדט ווי צו זיך אליין:

— איין זאך פערשטעה איך ניט, חאָטש האק מיר אראָפּ דעם קאָפּ: וועל־כע שווארצע יאָהר האָבען זיי פערקערע־

וועט צוריק ? מע דארף א פרעג טהון אָט דעם שלעפעריגען האָץ. עה, פעטער ! שטעהט אויף צו סליחות ! — זאָגט האָצמאַך צום שמייסער. — האָט קיין פאראיבעל ניט, וואס מע האָט אייך איבערגעשלאָגען סאמע אין רעכטען שלאָף. קאָנט איהר מיר ניט זאָגען, למשל, וואוהין געהט אָט א יענער וועג, וואָס אייער שמעון־דוד האָט זיך ־אָר־וואס אהין א נעם געטהאָן ?

— הע ? אָט א יענער שליאַך ? — ענטפערט איהם דער שמייסער און דרעהט אוים צו איהם א פערשלאָפען פנים. — מיט אָט א יענעם שליאַך פאָהרט מען אז מע וויל פאָהרען קיין נאָוואָסעליץ.

— קיין נאָוואָסעליץ גאָר ?

— הע ? קיין נאָוואָסעליץ.

— ווי קומט אהער נאָוואָסעליץ ? מיר פאָהרען דענן קיין נאָוואָסעליץ ? מיר פאָהרען דאָך קיין אונגעני.

— הע ? מיר פאָהרען קיין פאלעשטי פאָהרען מיר.

— איך ווייס, — זאָגט איהם האָצמאַך, — אז קיין פאלעשטי. פאלעשטי איז דיא סטאנציע, וואָס מע פאָהרט פון דאָרט מיט דער באהן קיין אונגעני. אונגעני איז די רומענישע גרעניץ. און נאָוואָסעליץ איז דאָך גאָר אן אנדער גרעניץ.

דער שמייסער חאפט זיך אויף ווידער ווי פון׳ם שלאָף.

— הע ? אן אנדער גרעניץ — זאָגט איהר ? יאָ, אַנ׳אַנדער גרעניץ.

— וואָס זשע זאָגט איהר : נאָוואָסעליץ ? — פרעגט איהם האָצמאַך שוין מיט כעס.

— הע ? דער שליאַך, זאָג איך, איז קיין נאָוואָסעליץ. מיט א יענעם שליאַך, זאָג איך, פאָהרט מען, אז מע וויל פאָהרען, זאָג איך, קיין נאָוואָסעליץ.

— קיין נאָוואָסעליץ ? ווי קומט אהער נאָוואָסעליץ ? מיר פאָהרען דענן קיין נאָסוואָסעליץ ? מיר פאָהרען דאָך קיין אונגעני ! — שרייעט צו איהם האָצמאַך מיט אלע כחות.

— הע ? מיר פאָהרען קיין פאלעשטי פאָהרען מיר.

— א, גע׳הרג׳עט זאָלסט דו ווערען פון א שטיין ! איך זאָג איהם אונגעני, זאָגט ער מיר פאלעשטי ! היינט געה שמועס זיך אוים מיט א בעל־עגל׳צי !

האָצמאַך טהוט א שפיי אויף׳ן שמייסער און רופט זיך אָן צו לייבלען שטיל:

— אָט א יאָלד !

לייבעל הערט איהם אבער ניט. לייבעל׳ס קאָפּ ארבייט און פרעגט קשיות מיט קשיות, און דער הויפט פון אלע קשות : „וואס איז מיט רייזלען ?“...

— ווייסט דו, וואָס איך וועל דיר זאָגען, מיין טהייער שפיעלפויגעל ? — מאכט צו איהם האָצמאַך. — איך האָב מורא, אז מיין שטשופאק מיט אָט דעם ממזר שלום־מאיר האָבען עפּים פארגעסען אויף דער סטאנציע און האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק קיין האָלענעשטי פרעגט זיך אבער א קשיא (דאָ פעררוקט האָצמאַך דאָס קאפעלישעל ארויף און רעדט ווי צו זיך אליין) : וואס האָט שמעון־דוד אָנגעזאָגט די איבעריגע בעלי־עגלות, אז מע זאָל אויף איהם ניט ווארטען ? עפּים נישט גלאט דער פסוק. (האָצמאַך גלעט זיך מיט דער האנד, גלייך ווי עס וואָלט ביי איהם זיין א באָרד.) על־כן דארפען מיר לערנען דעם פשט, אז אָט דער יוד איז גערעכט. (ער ווייזט אויף׳ן שמייסער) דאָס הייסט, אז זיי זענען טאקי אוועקגעפאהרען צו

אַלדע שווארצע יאָהר ערגיץ מיט׳ן שליאך, וואָס מע פאָהרט קיין נאָוואָסעליץ. איי, די קשיא (דאָס זאָגט האָצמאך מיט א ניגון פון דער גמרא און טהוט א קוועטש מיט׳ן גראָבען פינגער) — איי, די קשיא יאם? למאי האָבען זיי אָפּגעשיקט די גאנצע טרופּע מיט די דעקאָראציעס צו דער רומענישער גרעניץ, און אליין זענען זיי משוגע געוואָרען, ביי זיי בלייב עס, און האָבען זיך אוועקגעלאזט דער רוח ווייסט וואוהין?

האָצמאך בלייבט זיצען מיט׳ן גראָבען פינגער א ווייל׳ע אָהן לשון, און נאָכדעם ענטפערט ער זיך אליין מיט׳ן זעלבען ניגון פון דער גמרא:

— תיקו — בלייבט א קשיא!

* * *

אין די ווייטערע קאפּיטלעך פון אונזער ראָמאן ווערד פערענטפערט די דאָזיגע קשיא, ווי אלע איבעריגע קשיות.

סוף ערשטער טהייל

צווייטער טהייל

קאַפּיטעל 41.

אוריאל אַקאָסטאַ

„האָלצמאַן, שוואלב עט קאָמפּ.“

— אַט דאָס איז דער נאָמען פון א יודיש וואנדער־טהעאטער, וואָס האָט ארומגעבלאָנזעט א שטיק צייט פון שטאָדט צו שטאָדט איבער רומעניע, גאליציע, בוקאָווינא און אנדערע לענדער און האָט מרעיש עולם געווען. דאָס דאָזיגע בלאָנזענדע יודישע טהעאטער האָט פערבלאָנזעט אויך אין אזעלכע גרויסע שטעדט, ווי וויען, בערלין און אפילו פאריז. און אויך דאָרטען האָט זיך עס קונה־שם געווען, אויפגעקאָכט די וועלט און געמאכט רעדען דעם עולם אומעדום, אין אלע יודישע און ניט־יודישע צייטונגען. ווען מיר זאָלען וועלען אָננעמען פאר גוט געלד אלסדינג, וואס אין יענער צייט איז געשריעבען געוואָרען וועגען דעם טהעאטער אויף די בלעטער, וועלען מיר מוזען צוגעבען, אז אפנים טאקי לא קם כמוהו — ס'איז נאָך אזעלכס ניט געווען ביי יודען.

וואָס זשע איז דאָס געווען פאר א מין טהעאטער ? און מיט וואָס האָט זיך עס אזוי אויסגעצייכענט ?

דאָס א'ז געווען עפּיס גאָר א מאָדנע, נישט קיין געוועהנליך יודיש טהעאטער. א טהעאטער אָהן א „בילד־שענע פּרימאַדאָנא“, וואָס, אויף טהעאטער־לשון גערעדט, זאָל זי „צידען פולע הייזער“. א טהעאטער אָהן א קאָמיקער א פארשלעפּטע קרענק, וואָס דאָס פּובליקום זאָל נאָך איהם זיין די כפּרה. א טהעאטער אָהן געזאנג, אָהן טענץ און אָהן האָפּקעס, וואָס דאָס יודישע פּובליקוּם אין יענער צייט האָט אזוי ליעב געהאט און האָט דאָס נאָך היינט אויך נישט פיינד. מע קאָן זאָגען, אז דאָס גאנצע טהעאטער האָט זיך געהאלטען מעהר נישט, ווי אויף איין פּאַרשוין, אויף איין ארטיסט, אויף נאָך גאָר א יונגען אויפגעהענדען שטערן מיט'ן נאָמען ראפאלעסקאָ.

ווער איז אַט דער ראפאלעסקאָ ? פון וואנען האָט ער זיך גענומען ? — דאָס האָבען נישט פיעל געוואוסט. אלע אבער האָבען געהערט, אז עס פאָהרט ארום עפּיס א יודישע טרופּפּע מיט עפּיס איינעם א ראפאלעסקא, וואס מע דערצעהלט פון איהם חדושים אין די בלעטער און ס'איז דעריבער כדאי איהם צו זעהן. וואָרום ווערליג די בלעטער שרייבען אויף איהם, דארף עס זיין עפּיס א מין כשופמאכער, „וואָס מאכט פון שניי גאָמעלקעס“. נישט נור יודען, אפילו כריסטען האָבען נישט געקאָנט פון איהם אָפּלויבען זיך. (און וויבאלד כריסטען לויבען, איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו רעדען!) זיי האָבען געזאגט אויף איהם און געשריעבען אין די צייטונגען, אז דאָס וואכסט א צווייטער זאָנענטאל, א בארנאיי, א פּאָססּארט, א אירווינג, א ראָססי און נאָך כדומה אזעלכע גרויסע נעמען האָט מען אויסגענוצט, און מע איז געגאנגען אָנקוקען דעם יונגען בעריהמטען כשופמאכער און מע האָט בעוואונדערט דעם גלענצענדען שטערן, וואָס האָט זיך בעוויזען אויף'ן הימעל פון דער יודישער סצענע.

מיט וואָס זשע, אייגענטליך, האָט דער דאָזיגער יונגער ארטיסט גענומען דעם עולם ? מיט ווילדע געשרייען, קולות וברקים, משונה׳דיגע גרימאַסען ? ניין. מיט זיין קאָקעטיש האַלטען זיך אויף דער ביהנע, ווי עס טהוען א סך יודישע ארטיסטען ? מיט טראַגישע ברייטע שפּאַנען, ווי אויף פּרוזשינעס ? אָדער מיט אנדערע מעלאָדראַמאַטישע עפּעקטען ? אויך ניין. מיט וואָס זשע פּאָרט האָט ער גענומען דעם עולם אויף זיכער ? — אויסגענומען האָט ער, לויט די רעצענזענטען פון יענער צייט האָבען געשריבען, נור מיט איין זאך : מיט דעם, וואָס „ער איז אומעדום און אלע מאָל איינפאַך ערנסט, פּראָסט נאַאיוו, אמת׳דיג, ווי דער אמת אליין, נאַטירליך, ווי די נאַטור“.

„די גאַנצע יודישע וואַנדער־טרופּפּע— שרייבט איינער א רעצענזענט — איז ניט ווערטה א שאָס פּולווער. דאָס יודישע טהעאַטער אָהן ראַפאַלעסקאָ׳ן איז, ווי אלע יודישע טהעאַטערס, א באַלאַגאַן, א פּורים־שפּיעל, פינסטער־חושך, טוידט ווי א בית־הקברות. און פון דער מינוט וואָס אויף דער ביהנע טרעט אויף ראַפאַלעסקאָ, איזוי ווערד ליכטיג אין אלע ווינקעלעך. ליכטיג און וואַרעם און היימליך, און אלעס לעבט, אלעס בעוועגט זיך. דאָס איז נישט מעהר קיין ביהנע, קיין טהעאַטער. דאָס איז שוין דאָס לעבען אליין“.

בעזונדער האָט זיך אָט דער ראַפאַלעסקאָ בעריהמט געמאַכט אין דער ראָל פון אוריאַל אקאָסטא. „איך בין געוועזן — שרייבט איינער א טהעאַטער־קריטיקער — איך בין נעכטען געוועזן אין יודישען וואַנדער־טהעאַטער „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“ מע האָט געגעבען „אוריאַל אקאָסטא“. איך האָב געזעהען דעם אויפגעהענדען שטערן, דעם וואונדערליכען ארטיסט ראַפאַלעסקאָ אין דער ראָל פון אקאָסטא, און איך פיהל, אז איך בין נישט אימשטאַנד צו בעשרייבען דעם טיעפען איינדרוק, וואָס דער יונגער ארטיסט האָט אויף מיר געמאַכט“...

פרעגט זיך א קשיא אויף׳ן רעצענזענט : וויבאַלד אז דו פיהלסט, אז דו ביזט ניט אימשטאַנד צו בעשרייבען, ווער זשע, שוטה, נויט דיך זאָלסט בעשרייבען ? עס רעדט זיך אָבער נור אזוי. דער זעלבער רעצענזענט בעשרייבט אויף גאַנצע דריטהאַלבען קאָלומס, קרוב צו דרייהונדערט שורות, דעם איינדרוק, וואָס דער דאָזיגער ארטיסט האָט אויף איהם געמאַכט, און לאָזען לאָזט ער אויס בזה הלשון :

„אך, ווען קאַרל גוצקאָוו, דער פערפאַסער פון „אוריאַל אקאָסטא“, זאָל אויפשטעהען פון קבר און א קוק טהון, וואָס פאַר איין אקאָסטא אָט דער ראַפאַלעסקאָ האָט איהם בעשאַפען ! “. .

אָט אזוי האָבען געשריבען אויף איהם די קריטיקער, די רעצענזענטען. און דאָס פּובליקום? וואָס האָט געזאָגט דאָס יודישע פּובליקום ? דאָס יודישע פּובליקום, וואָס איז נאָך ביז היינטיגען טאָג נישט אזוי שטאַרק צעבאַלעוועט נישט מיט טהעאַטער, נישט מיט גוטע פּיעסען, נישט מיט בעריהמטע ארטיסטען, איז געלאָפען אויף חדושים אָנקוקען דעם דאָזיגען אויפגעהענדען שטערן, אָט דעם בושפּמאַכער ראַפאַלעסקאָ. מע האָט בעלעגערט דאָס טהעאַטער, זיך געשלאָגען פאַר בילעטען און געפּאַטשט בראַוואָ וואָס די וועלט שטעהט. און חאָטש דאָס פּובליקום איז געלאָפען נישט אזוי פאַר גרייס מבינות, ווי איבער דעם, וואָס „א וועלט איז ניט משוגע“, פון דעסטוועגען

האָט כמעט יעדער, זיצענדיג אין טהע־אַטער, געפיהלט, אַז ער זעהט פאַר זיך עפּיס אַ נייעס, עפּיס אַ אונגעהייערען כח, איין אויסערגעוועהנליכע פערבאָרגענע קראַפט. עס טרעט אויף פאַר אייך אַ מענש, וואָס מיט פשוט'ע ווערטער, דאכט זיך, אַזוי פראָסט, אַזוי נאַטירליך, אָהן קונצען, ריהרט ער אָן אַלע אייערע סטרונעס, וועקט אויף אין אייך פערבאָרגענע געדאנקען, פערשלאָפענע געפיהלען, און אַ גרינג פרעסטעל לויפט דורך איבער אייער ליב, און איהר פיהלט מיט איהם, און איהר לעבט מיט איהם, און איהר קענט נישט אפּרייסען פון איהם אייער אויג, און אַז ער פערלאָזט די ביהנע, רייסט זיך ארויס ניט ווילענדיג ביי אייך אַ געשריי: בראַוואָ!

עס איז קיין חדוש ניט, ווי באַלד אַזוי, וואָס דאָס פּובליקום איז נייגעהריג געוועזען צו וויסען, ווער איז ער, אָט דער דאָזיגער כשופמאכער, אָט דער יונגער ארטיסט? פון וואנען שטאַמט ער? וואו האָט ער געשטודירט? פון וואנען האָט זיך צו איהם גענומען אַזאַ ריעזענקראַפט? ווי זעהט ער אויס אין לעבען, ניט אויף דער סצענע? ווי איז זיין אמת'ער נאָמען? און מאַלע וואָס דאָס יודישע פּובליקום איז אַ בעלן צו וויסען! נאָר וויפיעל אָט די נייגעהריגע בעלנים האָבען זיך ניט געבראָכען די מחות, וויפיעל זיי האָבען זיך ניט געגריבעלט און געגרונטעוועט, האָבען זיי נישט געקאָנט מעהר ארויסבעקומען אויסער דעם, אַז אָט דער וואונדערליכער ארטיסט הייסט לעאָ ראַפאַלעסקאָ, אַז שטאַמען שטאַמט ער פון רומענישע, פון בוקאַרעשט, און אַז ער איז נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אַלט ערשט אַ יאָהר אַכטצעהן — און מעהר האָבען זיי נישט געקאָנט דערגרונטעוועט קיין זאַך.

אונזער לעזער אָבער, וואָס געדענקט דעם ערשטען טהייל פון אונזער ראָמאַן, האָט געוויס פון'ם ערשטען ארויסטריט שוין בעדאַרפט שטויסען זיך, אַז דער דאָזיגער לעאָ ראַפאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט איז נישט קיין אַנדערער, נאָר אונזער יונגער העלד לייבעל ראַפאַלאָוויטש, בענני ראַפאַלאָוויטשעס זוהנדעל פון האָלענעשטי.

ווי אַזוי איז דאָס געוואָרען פון לייבעל ראַפאַלאָוויטש אַזאַ בעריהמטער ארטיסט לעאָ ראַפאַלעסקאָ? וואָס איז מיט איהם פאָרגעקומען אין פערלויף פון די עטליכע יאָהר? און די אַלע איבעריגע פּאַרשוינען פון אונזער אמת'ע ערצעהלונג — וואָס הערט זיך עפּיס מיט זיי? וואו זענען זיי געוועזען די גאַנצע צייט? וואָס מאַכען זיי? און וואו זענען זיי אַצינד? אַ ביסעלע געדולד, מיינע ליעבע פריינד, מיר וועלען אייך אַלעס, אַלעס דערצעהלען.

קאַפּיטעל 42.

דירעקטאָר האָלצמאַן

מיר האָבען די עהרע אייך פאָרצושטעלען דעם דירעקטאָר פון דער בעריהמטער בלאָנזענדער טרופּפּע „האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ.“—דעם הערר האָלצמאַן אליין.

בערנהאַרד האָלצמאַן איז אַ פּאַרשוין אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ ביסעל איין איינגעהויקערטער. טראָגט אַ הויכען צילינדער מיט אַ ווייסע וועסטע מיט גאָלדענע קנעפּלעך דאָס פנים געגאָלט, נאָר קרענקליך־גאָל מיט צוויי קליינע שוואַרצע באַקענבערד־קאָטלעטלעך. אַ פּאָר קאַרע שאַרפע שפּיציגע אויגען זיצען אַ ביסעל צו־טיעף אין שטערן און זאָגען עדות, אַז דער מענש איז נישט קיין געזונדער. דערצו האָט ער נאָך אַ קורצען אָטהעם

מיט א מאָדנע הוסטעל, וואָס ער קאָן פון דעם ניט פּטור ווערען. ער איז שוין געווען מיט דעם ביי וויפיעל דאָקטוירים, זאָגען זיי, אז ס'איז נישט געפעהרליך. מע קאָן, זאָגען זיי, מיט דעם אָדער אָפּלעבען יאהרען און יאָהרען, אָדער אין א שענער פריהמאָרגען נעמען און אָפּזאָגען די עטליכע גילדען... אודאי איז כדאי אזוי פיעל צו לערנען, שטודירען אויף דאָקטאָר, בכדי מע זאָל נאָכדעם קאָנען אזוי זאָגען נביאות...

דער דירעקטאָר האָלצמאַן ווייסט בעסער פון אַלע דאָקטוירים, וואָס פאר א מין הוסט ביי איהם איז. זיי געבען איהם איין עצה, ער זאָל זיך דורכפאָהרען ערגיץ אהין, אין די ווייטע ווארעמע לענדער, דאָרט וואו ס'איז דאָ א סך זונן, פרישע לופט, און דער עיקר — וואו מע קאָן זיך גוט אויסרוהען. חכמים! ס'איז גרינג צו זאָגען — דורכפאָהרען זיך אויסרוהען! און וואס וועט זיין מיט'ן „חדר", דאָס הייסט, מיט'ן טהעאטער און מיט די ארטיסטען? „ס'איז אזוי אויך — קלאָגט זיך האָלצמאַן — פארהאַן גענוג „שטיגוטערעס", וואָס שארפען די צייהן אויף זיין טרופּפּע, און בעלנים, וואָס ווילען לייגען א יד אויף זיין ראַפּאַלעסקאָ'ן. אזוי לאַנג קרענקען זיי אויף חלירע, ווי לאַנג ער וועט איהם ארויסלאָזען פון זיינע הענד! קאָרג האָט ער זיך אנגעמאָרדעוועט ביז ער האָט געמאַכט פון דעם דאָזיגען „יאַט" א בעריהמטען ארטיסט? וואָס וואָלט פון איהם געווען, למשל, ווען נישט ער, האָלצמאַן? א פאַנסקיצאַפּ וואָלט פון איהם אויסגעוואַכסען, א יאָלד שביאַלדען"...

איך מיין, אז נאָך דער דאָזיגער אונז גוט בעקאַנטער בלומענשפּראַך איז שוין איבעריג צו זאָגען, אז אָט דער דירעקטאָר, בערנהארד האָלצמאַן, איז נישט קיין אנדערער, נאָר אונזער אלטער גוטער פריינד האָצמאַך.

יאָ, דאָס איז האָצמאַך. דער זעלבער האָצמאַך, נאָר אונטער א נייער שאָלעכץ, אין א נייער ראָל, אין דער ראָל פון א דירעקטאָר. האָצמאַך איז שוין אויס האָצמאַך, אויס קאָמיקער. ער שפּיעלט שוין מעהר ניט אין טהעאטער. ער טאַנצט שוין מעהר נישט און זינגט שוין מעהר נישט „יאך בין מיר א חסיד'על". אויס. ער האָט שוין אויף דער ביהנע גאָרניט וואָס צו טהון, אויסער דעם, וואָס ער איז בעל־הבית, אנטרעפּרענער און רעזשיסער. פערגעסט ניט, ער איז דירעקטאָר פון א טרופּפּע. טראָגט אויף'ן קאָפּ א טהעאטער, וואָס וואַנדערט ארום איבער דער גרויסער וועלט און בעקומט א נאָמען. ער פערדיענט שוין, דאַנקען גאָט, שען געלד און קלויבט א מטבע צו א מטבע, וויל זיך מאַכען א קאַפּיטאַל און ערשט דעמאָלט זיך אָפּרוהען. מיר זענען זיך מודה, אז אונז איז זעהר אנגענעהם ארייַנצופיהרען אונזער לעזער צום נייעם דירעקטאָר בערנהארד האָלצמאַן (לאָמיר איהם צוליעב טהון און מעהר נישט רופען „האָצמאַך"; עס פּאַסט נישט פאר א דירעקטאָר). דער דירעקטאָר האָלצמאַן האָט, דאַנקען גאָט, א הויז, א פאַמיליע. אמת, קיין ווייב האָט ער נאָך נישט און וועט נישט האָבען ווייל ער וועט לעבען. אזוי זאָגט האָלצמאַן אליין. און שולדיג איז אין דעם דער דירעקטאָר שטשופּאַק'ס פליגעל־אדיוטאַנט שלום־מאיר.

— אָט דער ממזר, פאַרהאַפּט זאָל ער ווערען, האָט זעהר חשק געהאַט מיך פארשלייערען פאר זיין שוועסטער די

חלירע, אַ חלירע זאָל קומען אויף זיי בײדען מיט מיין הוסט אינאיינעם!

האָלצמאַן פֿערהוסט זיך אַזש. עס ברענט אין איהם אַ פֿייער נאָך איצטער, אַז ער דערמאָנט זיך אָן יענער ביטערער צייט, ווען ער האָט נאָך געהייסען האָצמאָך און האָט געפּוצט שטשופּאַקען די שטיוועל, ניט היינט גערדאַכט, און אָן דעם שידוך, וואָס שלום־מאיר האָט איהם גערעדט, געוואָלט חתונה מאַכען פֿאַר זיין שוועסטער עטעל־דבורה... וואָס, אייגענטליך, איז פֿאָרגעקומען צווישען דעם אַמאָליגען קאָמיקער האָצמאָך מיט שלום־מאיר׳ס שוועסטער עטעל־דבורה און פֿאַר וואָס האָט זי ביי איהם קיין אַנדער נאָמען ניט אַחוץ „חלירע" — דאָס איז אַ סוד, וואָס קיינער טאָר עס נישט וויסען... איין זאַך איז קלאָר, אַז דער דירעקטאָר האָלצמאַן האָט געגעבען דאָס וואָרט און געשוואָרען ביי׳ם נאָמען פֿון זיין טאַטען אויף יענער וועלט, — ער איז ביי איהם טהייער, — אַז ער וועט קיין מאָל, קיין מאָל ניט חתונה האָבען, מע זאָל איהם אָנשיטען אָט די שטוב מיט גאָלד!.. געשוואָרען — איז פֿאַרפֿאַלען. אמת, ער האָט אַ פּאָר מאָל שיער־שיער ניט געבראָכען די שבועה. האָט מען איהם געגעבען אָנצורעדעניש (אפילו זעהר גראָבליך), אַז אַ פּגירה ווי ער, וואָס שטעהט מיט איין פֿוס אויף יענער וועלט, דאַרף חתונה האָבען נור פֿאַר׳ן מלאך־המות... האָט האָלצמאַן דערויף געענטפֿערט, אַז ער האָט זיי אין דער ערד מיט די ביינער, ער וועט זיי מיט גאָט׳ס הילף אַלעמען איבערלעבען! — און פֿאַר גרויס האַרצוועהטיג האָט ער זיך מיישב געווען און האָט גאָר אויסגעשריעבען פֿון דערהיים די מאַמע שרה־ברכה מיט דער שוועסטער זלאַטקע. פֿון דעמאָלט אָן איז די מאַמע שרה־ברכה ביי איהם די גאַנצע בעל־הבית׳טע, און די שוועסטער זלאַטקע איז ביי איהם געוואָרען אין איין האַלב יאָהר איין אַקטריסע גלייך מיט אַלע אַקטריסעס. דערצו איז זלאַטקע נישט קיין מיאוס מיידעל. און חאָטש זי איז נאָך גאָר אַ יונג קינד און אַ שעמעוודיגע, האָט רויטע הענד מיט אַ רויט שפּיצעכיג נעזעל, נאָר נישקשה. אַזוי פֿיעל מכות זאָלען זיך זעצען די שונאים, וויפֿיעל חתנים עס שדכ׳ענען זיך צו איהר, אַקטיאָרען און ניט קיין אַקטיאָרען. אפילו האָלצמאַנ׳ס שותף שוואַלב, מיט וועלכען מיר וועלען זיך אין גיכען בעקענען, האָט אויך געגעבען אָנצוהערעניש זיין שותף האָלצמאַנ׳ען, אַז ער וואָלט זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון זיין שוועסטערל.

— האַלט זיך איין! — האָט איהם האָלצמאַן אָפּגעהאַקט אויף זיין לשון.
— ביזט ניט קראַנק צו־קוואַרען אַ קורצע צייט ביז מיר וועלען זיך אַרומקוקען וואו מיר זענען אין דער וועלט...

דאָס איז אָבער געווען נישט־מעהר אַז איין אויסרעד. ווארום האָלצמאַנ׳ען איז דער דאָזיגער שידוך מיט שוואַלבען דוקא געווען צום האַרצען. האָט ער אָבער געהאַט איין אַנדער אַרויסקוק. אַנדערע פּלענער האָבען זיך געוועבט ביי איהם אין מח, פֿון וועלכע מיר וועלען מסתמא אין גיכען געוואָהר ווערען.

קאַפּיטעל 43

"טערטעל־מערטעל"

מיר בעטען דעם לעזער זיך מטריח זיין מיט אונז אין דעם אַלטען־אַלטען טשערנאָוויץ, די הויפּטשטאַדט פֿון דער בוקאָווינא. סאַמע אין מיטען מאַרק, מיט די פֿענסטער צו די געוועלבען אַרויס, שטעהט מיט גדלות און מיט

רעספעקט צו זיך אַליין א גרויס האָטעל מיט'ן נאָמען „צום שווארצען האָהן“ און קוקט ארויס אויף געסט. גאָט מעג איהם העלפען. פון דעם וואנדער־טהעאטער „האָלצמאַן, שוואלב עט קאָמפּ.“ וועט זיך „דער שווארצער האָהן“ די הענד ניט צעפיהרען. די גאַנצע טרופּפּע פערנעמט בסך־הכל אזעלכע דריי־פיער חדרים און עסען עסען זיי אין א יודישער גאָרקיך, אי דאָס — ניט אלע, ווארום ניט יעדער ארטיסט האָט מיט וואָס צו צאָהלען. ובפרט סוף חודש, אז עס טרעטען אריין די „אומריינע טעג“ — דעמאָלט לעבט מען פון דעם, וואָס מע שטודירט די ראָלען, מע מאכט פּראָבען און מע שפּיעלט אין „טערטעל־מערטעל“. דאָס איז אזא מין קאָרטענשפּיעל, וואָס האָט אין זיך אלע מעלות: מע דארף ניט צולייגען קיין קאָפּ, מע דארף ניט האָבען קיין בעשטימטען צאָהל מענשען אויף צו שפּיעלען און מע קאָן שפּיעלען ווי אזוי מע וויל, אפילו שטעהענדיג. דעריבער טאקי האַלטען פון דעם אקטיאָרען, כלי־זמר, פּריקאזטשיקעס און בכלל מענשען, וואָס האָבען קיין צייט ניט און ווילען א שפּיעל טהון חאַפּענדיג, על רגל אחת.

איז דעם חדר, וואו די חברה שפּיעלען אין „טערטעל־מערטעל“, איז אזוי אָנגערויכערט, אז קוים־קוים וואָס מע זעהט, ווער דאָרט געפינט זיך, האָטש ס'איז בייטאָג און די זונן שיינט. גאַנץ אויבענאָן ביים טיש, איבער א גרויסען טעלער, זיצט דער באנקיר. איצטיגעס מאָל האַלט די באנק האָלצמאַנ'ס שותף, איזאַק שוואלב. א געגאָלטער פּארשוין מיט א מורא'דיג רויט פּנים, וואָס זעהט אויס גלייך ווי מע האָט גענומען און מע האָט איהם אָפּגעשונדען די הויט. און דערצו נאָך איז ער אויפגערעגט און היצט זיך זעהר שטארק. ער לייגט אויס די קאָרטען, א קלאַפּ נאָך א קלאַפּ, און הערד בעגראָבען „אזוי ווי קורח“. כמעט יעדע קאָרט שלאָגט איהם „ווי א בעסטיע“ און אויסער דעם, וואָס ער מוז אויסצאָהלען יעדען בעזונדער צוויי מאָל און דריי מאָל און פּיער מאָל און נייען מאָל אזוי פּיעל, שעלט מען איהם נאָך אָן וויפּיעל עס קאָן אין איהם אריין. פון אלע זייטען שטרעקט מען צו איהם הענד און ווערטלעך מיט קללות פליהען איבער זיין קאָפּ:

— שוועלבעלע! מיר צוויי קרוין, צוויי מכות דיר אין רויטען פּנים אריין!

— אהער, שוועלבעלע, פאר'ן אויבי־פיק פּיער מאָל אזוי פּיעל!

— שוואלב! איך מוז דיך אויסטהון היינט א נאקעטען, ווי די מאמע האָט דיך געהאט!

— שוואלב! וועסט ביי מיר אָפּגעהן מיט אַנ'אָקע בלוט!

— דעם טוידט האָסט דו ביי מיר, שוועלבעלע, דעם טוידט!

— אהא, ממזר! געשלאָגען? ארויס מיט די „פּארעס“!

און וואָס מעהר מע שעלט שוואלבען, מעהר היצט ער זיך, און וואס מעהר ער היצט זיך, מעהר פערשפּיעלט ער און פלאמט און ברענט ווי א „שטרויענער דאך“.

— חלירע! רייס איבער! געב איבער די באנק אנ'אנדערען. זעהסט דאָך, דו פארך, אז סע געהט דיר נישט דאָס בלאט.

אזוי עצה'ט איהם האָלצמאן, ווי א שותף און ווי א גוטער פריינד, און חאפּט א מיאוס'ען פּסק פון זיין צעהיצטען שותף איזאק שוואלב:

— אוועק, דו יאַדעשליווער הונט, דו

אלטער בחור איינער, ווער פרעגט ביי דיר עצות ?...

און דער באנקיר איזאק שוואלב ברענט און טאשט קארטען און קוקט מיט רויטע אנגעצונדענע אויגען אין טעלער אריין און זעהט, אז אין דער קאססע „טאגט", עס ווערד אלע מאל שיטערער און ווינציגער. איז ער זיך מטריח מיט א טיעפען זיפץ צו דער בוזעם־קעשעני. מיט ציטעריגע פינגער שלעפט ער ארויס פון דארט א פעטען טייסטער מיט געלד, און צווישען עולם ווערד נאך לעבעדיגער :

— פאהרסט קיין „קעשעניוו", איציקעל ? פאהר, פאהר, גנב, און ווער באגראבען נייעף איילען".

אזוי רופט זיך אן איינער איין אויסגעטריקענטער אקטיאר מיט א שארפען קנאפ אין גארגעל, און דעם דירעקטאר'ס שוועסטער, זלאטקע האלצמאן, שיסט אויס א געלעכטער. קוקט אויף איהר דער גאנצער עולם, פערשטעהט זי זיך און ווערד רויט ביז'ן שפיץ נעזעל, ווערד שיער ניט פערברענט. האט ראפאלעסקא אויף איהר רחמנות און לייגט איהר פאר קויפען בשותפות א קארט, א קרייץ. „היינט גילט אס קרייץ". ווערד זי נאך רויטער און טהוט אויף איהם א קוק מיט דאנקבארע אויגען און דאס הארץ ווערד איהר שיער ניט צעגאנגען. „אך, ער זאל, אשטייגער, וועלען צוגעהען צו איהר. זיך שטעלען נעבען איהר. נאהינט"... אזוי קלערט ביי זיך זלאטקע. און ראפאלעסקא, גלייך ווי ער וואלט געטראפען איהר פערלאנג, געהט ער צו צו איהר. שטעלט ער זיך אוועק נעבען אידר נאהינט. כמעט פיהלט זי דעם ריח פון זיינע שענע לאנגע בלאנדע האר, פון וויזלכע זי ווערד שיער ניט משוגע. „גאטעניו ! ס'איז נאך דא אויף דער וועלט אזא מלאך פון הימעל, ווי אט דער דאזיגער בחור מיט די לאנגע בלאנדע שמעקענדיגע האר און מיט די שענע מילדע גוטע אויגען ? ניין, נישטא, נישט געווען און עס וועט ניט זיין!"... אלע מאל, ווען זי שטעהט נעבען איהם נאהינט, פיהלט זי, אז דאס הארץ פאלט איהר אקערשט ניט ארויס און זי פארלירט זיך, ווייסט ניט אויף וואס פאר א וועלט זי איז, און וואס זי זאל ניט האלטען, פאלט ביי איהר פון די הענד. דערזעהט די מאמע איהרע, שרה ברכה, זאגט זי צו איהר הויך, אויף א קול :

„וואס איז מיט דיר, טאכטער מיינע?"

— ווערד זי נאך רויטער און פערשעלט זיך דאס געביין. און דאך איז זי גליקליך, אז זי שטעהט אין די דלית אמות פון אט דעם שענעם בחור מיט די בלאנדע שמעקענדיגע האר. און ווער שמועסט, אז ער בעגליקט זי נאך מיט א קוק, חאטש מיט איין קוק פון זיינע שענע גוטע ליכטיגע מילדע אויגען, וואס שיינען ווי דער הימעל און ווארעמען ווי די זונן... און וואס געהט איהר אן, אט דער ארעמער זלאטקען, צי די אויגען קוקען אויף איהר ווי זיי קוקען אויף אלע אנדערע ? צו זיי קוקען אויף איהר און מיינען זי, נור זי און נישט קיין אנדערע ?... אבי דער הימל איז שען און לויטער, אבי די זונן לייכט און ווארעמט...

דער באנקיער איזאק שוואלב האט אויסגעפערקויפט העכער א האלבע טאש קארטען און ער שארט צענויף דאס אנגעווארפענע געלד אין טעלער אריין, און פאוואלינקע, לאנגזאם, הויבט ער אן אויסלעגען פון דער צווייטער טאש א קארט נאך א קארט, און דער עולם קוקט מיט זשעדנע אויגען. ווי די קארטען „שלאגען", און דער געפילדער

וואכסט, און קללות פליהען, און די געלעכטע־ען געהען ביז'ן הימעל אריין, און שוואלב היצט זיך און צאהלט געלד. פאלט ארויס אס קרייץ אין דער פיערטער קלאס. ווערד א געשריי: „ווער האט אס קרייץ?“... „ראפאלעסקא, ווער דענן וועט האבען אס קרייץ?“... „ראפאלעסקעלע! וואס שוויגסט דו? נעם געלד!“...

— מיר האבען געוואונען. — זאגט ראפאלעסקא אן א בשורה זלאטקען. און זלאטקע איז אויף'ן זיעבעטען הימעל ניט אזוי צוליעב'ן געווינס, ווי צוליעב דעם, וואס ראפאלעסקא רעדט מיט איהר, מיט זלאטקען... ראפאלעסקא בעווייזט דעם באנקיר זיין קארט, און חבר'ה זענען איהם מקנא: „איהם געהט דאס! נר־נו! אט א מוצלח! עמיצער איז איהם איבערגעגאנגען מיט פולע עמער“... און דיא אקטיארען לאזען אויס זייער ביטער הארץ צו שוואלבען דעם באנקיער:

— שוועלבעלע! אס קרייץ... פיער מאל אזוי פיעל... געב געלד, איציקעל, געב־געב!...

— איך געב, איך געב! — זאגט דער באנקיער איזאק שוואלב און צעהלט אויס פון טעלער ראפאלעסקא'ן אין האנד אריין פיער מאל אזוי פיעל און מיט פערגעניגען דערפאר, ווייל ראפאלעסקא איז ניט גלייך צו אנדערע. ראפאלעסקא ווערד נישט נתפעל, אז ער געווינט, פילדערט ניט און שעלט זיך ניט, אז ער פערליערט ראפאלעסקא איז איבערהויפט איין אנדער מענש, ניט גלייך צו אנדערע. ראפאלעסקא'ן האבען ליעב אלע אקטיארען און אלע אקטריסעס, אהן איין אויסנאהם. און מעהר פון אלעמען האט איהם ליעב, — למאי זאלען מיר לייקענען? — דעם דירעקטאר האלצמאן'ס שוועסטערעל, זלאטקע נעבאך.

קאפיטעל 44

דיא ארעמע זלאטקע

מיר זאגען „נעבאך“, ווייל זלאטקע, דעם דירעקטאר האלצמאנ'ס שוועסטערעל, איז גאר אליין נישט געהרען די גאנצע מעשה. זי ווייסט איבערהויפט אליין ניט, וואס מיט איהר טהוט זיך. דערזעהט זי ראפאלעסקא'ן, אזוי ווערד זי אויס מענש. הענד און פיס פערליערט זי. און ווער שמועסט, אין טהעאטער, אויף דער סצענע, אז זי דערזעהט איהם נור, אז זיא דערהערט איהם רעדען, — פערלירט זי זיך אזוי, אז זי פיהלט, אז מע מעג זי אראפפיהרען פון דער ביהנע. ניט איין מאל האפט זי א מיאוסען פסק פון איהר ברודער דעם דירעקטאר (האלצמאן איז א שטרענגער רעזשיסער אפילו צו זיין אייגענער שוועסטער). ער זאגט צו איהר פאר אלעמען אין דיא אויגען:

— נו, האסט דו היינט געשפיעלט, זלאטקע, טאקי ווי אן'אמת'ע קוה. אין דער מינוט, וואס אוריאל אקאסטא זאגט אפ די ווערטער: „מאכט זשע אלע צו די אויגען! דו, בלינדע מאמע מאך אויך צו דיינע אויגען! גענוג! לאזט מיך... איך געה... איך לויף...“ דארפסט דו, יהודית, שוין א ווארף טהון זיך צום פענסטער און ארויס מיט דער שפראך: „א! ער לויפט גאר אהן איין אטהעם... און גלייך צו דער שול... אפנים, דאס האב איך, איך אנגעארבייט די גאנצע חתונה?!“... צום סוף בלייבסט דו שטעהן ווי א לייהמענער גולם. און אז דער סופלער זאגט דיר: „אפ צום פענסטער! אפ צום פענסטער!“ — הערסט דו איהם ווי

דעם קאַמער. מאַכט ער צו זיך מיט דער האַנד, קוקסט דו צו דער טיהר. הענט און פיס דאַרף מען זיך, שוועסטערל, אָפּהאַקען פאַר אַזאַ שפּיעל...

זאָלטקע ווייסט אַליין, אַז מע דאַרף איהר אָפּהאַקען הענד און פיס פאַר אַזאַ שפּיעל. נאָר וואָס איז זי שולדיג? פון דער מינוט, וואָס זי איז אַרויף אויף דער סצענע און דערזעהען די בלינדע מוטער פון אוריאַל אַקאָסטאַ, אָנגע־טהאָן אין שוואַרצען, האָט זיך איהר אָפּגעריסען אין האַרצען. און שפּעטער, אַז זי האָט דערהערט פון איהר דאָס הארבע וואָרט: „זיין פרוי? זיין פרוי, יהודית, וועסט דו קיין מאָל ניט זיין!“... איז איהר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. עס האָט זיך איהר אויסגעדאַכט אויף דער בלינדער, אַז דאָס איז נישט אסתר, אוריאַל'ס מוטער, נאָר א שוואַר־צע קראָה, א וואָראָנע איז דאָס. און ניט זי רעדט, נאָר זי קאַרקערט: „זיין פרוי? זיין פרוי וועסט דו, יהודית, קיין מאָל ניט זיין!“... אַך, ווער איז דאָס אימשטאַנד צו וויסען, וואָס ביי דעם אָרעם מיידעל אין האַרצען טהוט זיך? און וואָס איז זי שולדיג, אַז זי האָט פּאַרט ליעב געקריעגען אָט דעם שעהנעם בחור מיט די לאַנגע בלאָנדע שמעקענדיגע האָר און מיט די ליכטיגע מילדע גוטע אויגען? און ליעב געקריע־גען האָט זי איהם פון דער ערשטער מי־נוט, וואָס זי איז געקומען מיט איהר אָרעמער מאַמע אהער צופאָהרען... וואָס האָט זי גאָר איינגאַנצען בעדאַרפט קו־מען אהערצו צו פאָהרען? וואָס איז איהר אָפּגעגאַנגען דאָרט, אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעדטעלע? זיך געלערענט נייהען קאָפּטעלעך און שוין אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו פערדיענען. ניין, האָט דער ברודער אָנגעהויבען זע־צען מיט בריעף, א בריעף נאָך א בריעף. און געלד האָט ער זיי צוגעשיקט — זיי זאָלען קומען, למען־השם, זיי זאָלען קומען! נו, זענען זיי געקומען. האָט כ״ן זי באלד גענומען צו דער ארבייט, מאכען זי פאר איין אקטריסע. פריהער פאר א סוברעטין. מע האָט אָנגעטהאָן איהר א קורץ קליידעלע מיט ענגע שיכעלעך, אַז די אויגען קריכען פון קאָפּ. היינט האָט מען איהר אָנגעפאַרבט די בעקלעך מיט רויטען, אונטערגעפיהרט די אויגען מיט שוואַרצם און געלערענט זי, ווי אַזוי זי זאָל שטעהען, ווי אַזוי זי זאָל געהן, און ווי אַזוי זי זאָל זיך דרעהען, און ווי אַזוי זי זאָל פינטלען מיט די אייגלעך. און ווער האָט דאָס אַלץ זי געלערענט? איהר ברודער, איהר אייגענער ברודער!... האָט זי זיך געקלאָגט פאַר דער מאַמע. האָט איהר די מאַמע, שרה־ברכה, געזאָגט: „עלעהיי, טאָכטער, דו דיענסט ביי א פרעמדען און מע הייסט דיר קריכען אויף'ן בוידעם — וואָלט דיר בעסער געווען?“... דערנאָך האָט זי דער ברודער געוואָלט מאַכען פאַר א פּרימאַ־דאָנאַ — האָט זי ניט קיין קול אויף צו זינגען. איז דער ברודער געווען אין כעס —- סכנות, איבערגעקרימט איהר ווי זי זינגט: „דו קוויטשעסט, שוועס־טערל, ווי א גוטע קאַץ, אַז מע טרעט איהר אָן אויף'ן עק“...

ערשט דעמאָלט איז זלאַטקען געוואָר־רען א ביסעל ליכטיגער אויף דער נשמה, אַז דער ברודער האָט איהר געגעבען לערנען די ראָל פון יהודית אין „אוריאַל אַקאָסטאַ“. און נישט אַזוי דערפאַר, וואָס די ראָל פון יהודית איז איהר אַזוי געפעלען, וויא דערפאַר, וואָס די ראָל פון אַקאָסטאַ שפּיעלט אָט דער שעהנער בחור מיט די לאַנגע בלאָנדע האָר און

מיט די ליכטיגע מילדע גוטע אויגען, וואָס מע רופט איהם „ראפּאלעסקאָ". אָך! וואָס פאר א שענער נאָמען דאָס איז: „ראפּאלעסקא", „ראפּא-לעסקאָ"... צוליעב איהם אליין איז כדאי צו מוטשען זיך אָט דאָ, לערנען ראָלען און הזר'ען, ווי א פּאפּאגאיי, מאָדנע ווערטער, וואָס זי הייבט זיי ניט אָן צו פערשטעהען, און ארויסטרעטען אלע נאכט אויף דער ביהנע, וואָס איין גאָט ווייסט דעם אמת, ווי אזוי זי האָט דאָס פיינד. יאָ, זי האָט פיינד די ביהנע, דאָס טהעאטער, די ארטיסטען. זי האָט פיינד די גאנצע קאָמפּאניע, און מעהר פון אלעמען האָט זי פיינד דעם ברודער'ס קאָמפּאניאָן, איזאק שוואלב. אָנקוקען קאָן זי ניט אָט דעם רויטען פּנים דערפאַר, וואס ער קריכט צו איהר הינטער די קוליסען, אז קיינער זעהט ניט. ער טשעפּעט זיך צו איהר, קנייפּט זי, רייסט איהר אוים שטיקער פלייש און פרעגט נאָך ביי איהר, צי זי האָט איהם ליעב: „עפּעלע מיינס! האָסט מיך ליעב, עפּינלע?"... זלאטקע שווייגט: „גאָט זאָל איהם אזוי ליעב האָבען, דעם געשוואָלענעם רויטען פּנים!"... זאָגט צו זיך זלאטקע און אנטלויפט פון איהם. אין דער וועלט אריין וואָלט זי געלאָפען, האָט זי מורא פאר'ן ברודער. א שפּיי וואָלט זי געטהאָן אויף'ן טהעאטער, טהוט איהר באנג אָט דער ראפּאלעסקאָ מיט די לאנגע בלאָנדע האָר און מיט די ליכטיגע מילדע גוטע אויגען. אָך, ראפּאלעסקא! ראפּאלעסקא! דער דאָזיגער ליעבער זיסער נאָמען איז איהר שטענדיג אויף די ליפּען. דער דאָזיגער ליעבער זיסער נאָמען חלומ'ט זיך איהר אין שלאָף. און ניט איין מאָל, ליגענדיג ביי נאכט אין בעט, נעמט זי ארוים דאָס קאלטע קישעלע פון צוקאָפּענס, דריקט דאָס צו צו איהר ווארעמער מיידעלשער ברוסט און זי דערמאנט זיך אָן איהר ראָל, די ראָל פון יהודית, ווי זי רעדט צו זיך אליין: „וואָס קאָן מיך אָפּהאלטען איך זאָל איהם מיט היטץ צופּרעסען צו מיין ברוסט?"... און זי דריקט צו דאָס קאלטע קאָפּענקישעלע צו איהר ווארעמער מיידעלשער ברוסט און מיט איהרע הייסע מיידעלשע ליפּען קושט זי דאָס אין דער פינסטער און שעפּטשעט שטילערהייד דעם ליעבען זיסען נאָמען: „ראפּאלעסקאָ! ראפּאלעסקאָ!"...

אין דער פריה, אז די מאמע וועקט אויף זלאטקען, איז דאָס ערשטע, וואָס עס קומט איהר אויף די געדאנקען, — דער זיסער ליעבער ראפּאלעסקא. אָט באלד וועט זי איהם ווידער זעהען. אָט באלד וועט זי ווידער שטעהן מיט איהם אויף דער ביהנע. און מיט א געפיהל, וואָס נור זי, זי אליין, קאָן דאָס וויסען, וועט זי זיין נעבען איהם, נאָהינט, נאָהינט. וועט זי שלינגען זיינע ווערטער, זיינע ליעבע זיסע ווערטער: „יהודית! יהודית! מיט הייסע טרערען שטעהט אויף יעדען בלעטעלע פון ריינע בלומען אויפגעשריעבען, וואָס מיר זענען איינס פאר דאָס אנדערע געוואָרען"... און עס הויבט איהר אָן שוין בעצייטענס דאָס הארץ צו קלאפּען: „ראפּאלעסקא! ראפּאלעסקא!"...

און דערזעהט זי איהם, ווערד זי אוים מענש. הענד און פיס פערליערט זי און ווערד אלערליי קאָליערען. זי מינעט זיך נעבאך און בעהאלט דאָס פּנים — קיינער, קיינער זאָל ניט זעהען. דערזעהט דאָס אבער איהר ברודער האָלצמאַן. האָלצמאַן איז א מבין אויף א „טשאד"... ער קוקט און שווייגט און טראכט זיך: „מיט איין צד, מיט כלה'ס צד, בין איך

שוין באַלד פֿאַרטיק... הלוואי וואָלט איך שוין אַזוי האַלטן מיט חתנ׳ס צד"...

קאַפּיטל 45

אַ צווייטע מאַמע.

קיינער האָט אַזוי ניט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַיין אוצר עס ליגט באַהאַלטן אין דעם יונגען ראַפּאַלעסקאָ׳ן, ווי דער דיר־רעקטאָר האָלצמאַן. און קיינער האָט ניט געוואוסט אָפּשאַצן איהם נאָך זיין ווערטה, אַזוי ווי האָלצמאַן. און דעריבער האָט קיינער אַזוי ניט געציטערט איבער איהם, געציטערט די טריט זיינע, אַכטונג געגעבען און אָפּגעהיט, אַזוי ווי האָלצ־מאַן. נישט ווי אַ דירעקטאָר, נאָר טאַקי ווי אַ געטרייהער ברודער האָט ער אויף איהם געגעבען השגחה, וויאַ איין על־טערער ברודער, וואָס איז פֿעראַנטוואָרט־ליך פֿאַר זיין יעדען טריט, ווי אַ מענש, וואָס וועט דאַרפֿען אַמאָל אָפּגעבען דין־וחשבון פֿאַר עמיצען. מע קאָן זאָגען, אַז קיין שטויב לאָזט ער אויף איהם נישט פֿאַלען. איין איבעריג וואָרט, אַז עמיצער רעדט אויס מיט ראַפּאַלעסקאָ׳ן, — וואַכסט אויס האָלצמאַן. איין איבעריגען קוק, אַז עמיצער טהוט אויף איהם, — האַפּט איבער האָלצמאַן אין דער לופֿטען. און חיות ניט זיבער — עמיצער זאָל זיך דערוועגען מיט ראַפּאַלעסקאָ׳ן רעדען עפּיס אַזעלכס, וואָס ער, דער דירעקטאָר האָלצמאַן, זאָל דערפֿון ניט וויסען!

איך האָב מורא, אַז מעהר ווי צוליעב זיך, האָט האָלצמאַן אויסגעשריבען די מאַמע פֿון דערהיים צוליעב ראַפּאַלעס־קאָ׳ן, אָדער, וויאַ ער דריקט זיך אויס, צוליעב׳ן „יאַט". און ער האָט זעהר גלייך געטהאָן, וואָס ער האָט זי אויסגע־שריבען. דער „יאַט" איז געווען טאַקי נאָך גאָר אַ „יאַט", וואָס דאַרף האָבען אויף זיך אַ מאַמעס אויג. און חאָטש האָלצמאַן האָט געזעהען, אַז דער „יאַט" זאָל האָבען אַלסדינג, ס׳איז גאָר נישטאָ אַ זאַך, וואָס זאָל פֿאַר איהם זיין צו־טהייער, — דאָך האָט זיך געפֿיהלט, אַז איהם געהט אָפּ אַ מאַמע. אַ צווייטע מאַמע, אַבי אַ מאַמע. און אַזעלכע האָט ער געפֿונען אין האָלצמאַנ׳ס אָרעמע מוטער, שרה־ברכה.

שרה־ברכה האָט זיך אַרויסבעוויזען אַ יודינע אַ פּראָסטע, נאָר אַ מאָדנע יודינע. אַ הויכע, נאָר אַ ט־וקענע, אַ ביינעריגע, האָט זי געמאַכט דעם ערשטען איינדרוק פֿון אַ גרוים דראַגוניש אויסגעהאָרעוועט פֿערד. אַזוי וויינינגסטענס האָט זי זיך פֿאַרגעשטעלט אונזער יונגען העלד ראַ־פּאַלעסקאָ׳ן אין דער ערשטער מינוט, וואָס זי איז געקומען צו פֿאָהרען. וויי־טער־ווייטער איז ער מיט איהר געוואָהנט געוואָרען און זי איז איהם אַלץ מעהר געפֿעלען געוואָרען מיט איהר פּשוט׳קייט און מיט איהר אָפֿענהערציגקייט. קיין חכמות פֿערשטעהט ניט די דאָזיגע יודינע. וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. דערזעהט זי עפּיס אַזעלכס, וואָס ניט גלייך, זאָגט זי. עס מעג זיך זיין ווער עס וויל זיך. און דוקא הויך, אויף אַ קול, און נאָך מיט אַ מאַנסבילשע שטימע דערצו. למשל, שרה־ברכה קאָן ניט ליידען, וואָס אָט דער „ראַפּאַלעסקע" (אַזוי רופֿט זי איהם) שלאָפֿט אַזוי שפּעט. וועקט זי איהם, אַז עס קומט אין דער פֿריה. דערזעהט דאָס האָלצמאַן. גיט ער איהר אַ פּסק און זאָגט צו איהר שטילערהייד: „דו ווייסט, ווער דאָס איז? זיין טאַטע איז אָנגעשטאָפּט מיט געלד!"... ענטפֿערט איהם די מוטער דוקא הויך: „דערימאַך איז וואָס? אַז דער טאַטע איז אָנגעשטאָפּט מיט געלד, דאַרף דער זוהן זיך וואַלגערען ביז

דרייצעהן אזייגער ? "... איין אַנדערש מאָל זאָל זי א חאַפּ טהון „ראַפּעלעשקע'ן", ווען ער געהט אויף רעפּעטיציע אָדער אין טהעאַטער, און א זאָג טהון צו איהם : „שטעה ! " — וואָס איז ? — „פריהער טרינקט מען מילך, נאָכדעם געהט מען מאַכען קאָמעדיעס".

שרה־ברכה'ס משונה שאַרשאַווע ביינעריגע הענד, פערגרעבטע פון דער אַרבייט, האָט ראַפּאַלעסקאָ דערפיהלט אויף זיך דאָס ערשטע מאָל, ווען ער איז איינמאָל פערשלאָפט געוואָרען, זיך צוגעקיהלט און געלעגען צו בעט. אין א קליין שטעדטעל אין גאַליציע איז דאָס געווען. נאָך א פאָרשטעלונג. ראַפּאַלעסקאָ האָט געהאַט איין אונגעהייערען ערפאָלג. מע האָט איהם אַרויסגערופען און אַרויסגערופען אָהן א שיעור. ער האָט זיך בעוויזען אויף דער ביהנע א מאָל צעהן. דערנאָך האָבען יונגע לייט איהם אויפגעהויבען א פערשוויצטען אויף דיא הענד און דורכגעטראָגען איבער'ן טהעאַטער ביי אָפענע טהירען, האָט ער געחאַפּט א פערקיהלונג. האָט זיך האָלצמאַן דערשראָקען, אַראָפּגעבראַכט דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט בערוהיגט : „ס'איז גאָרניט. ס'איז אינפלוענצא". פערשריבען א רעצעפּט. געהייסען איינרייבען דאָס לייב מיט עסיג און מיט בראָנפען — ער זאָל דורכשוויצען. האָט מען בעדאַרפט זעהען, ווי די אַלטע שרה־ברכה האָט פערקאַטשעט די אַרבעל ביז די עלענבויגענס : „שוויצען ? א מכה דער מאַמע ! ער וועט שוין ביי מיר שוויצען"... און זי האָט גענומען איהם היילען. אליין, קיינעם ניט צוגעלאָזען. איינגעריבען איהם מיט עסיג און מיט ספּירט, אָנגעטרונקען איהם מיט מאַליגעס, האָט זי איהם איינגעדעקט מיט צוויי קאָלדרעס און מיט איהר אייגען איבערבעט וואָס זי האָט געבראַכט צופיהרען. און טאָמער איז קאַרג, האָט זי איהם איבערגעדעקט פון אויבען מיט דער בעריהמטער „טענדעווערנדע", וואָס דער בעריהמטער דירעקטאָר שטשופּאַק האָט אמאל אוועקגעשענקט איהר זוהן... מע קאָן זיך פאָרשטעלען, אז מע ליגט אזוי איינגעדעקט, קאָן מען שוין שוויצען. דער חולה איז, קאָן מען זאָגען, געשוואומען, ווי אין א טייך. און די אַלטע האָט איהם ווי א געטרייהע מוטער, געדעקט און געהילט און געווישט דעם שווייס פון'ם שטערען, געגעבען איהם מעדיצין, אַלע שעה איין עסלעפעל, און געשאָלטען די מאַמע, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אזא „פּיסקליא", אזא יונג „עופ'עלע" אויף דער וועלט, צווישען אזעלכע „יונגאַטשעס", „סאַוואָלעס", „גאַנציס" (דאָס מיינט זי די איבעריגע אַקטיאָרען).

— א מכה דער מאַמען ! — האָט שרה־ברכה געזאָגט אויף יעדען קרעכץ, וואָס דער קראַנקער האָט געגעבען, און אויף יעדען ריהר, וואָס ער האָט זיך געטהאָן.

און דער קראַנקער האָט אַקוראַט קיינמאָל אזוי ניט געבענקט נאָך דער מאַמע, ווי אין יענער צייט. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אז דאָס זיצט די מאַמע נעבען איהם. אז ער זעהט איהרע טרערען, אז ער הערט איהר געוויין. און ער האָט זיך געוואָרפען פון איין זייט אויף דער אַנדערער — אזוי דערצעהלט שרה־ברכה — און גערופען די מאַמע, א מכה איהר א גרויסע !

און נאָך עמיצען האָט ער גערופען פון הימץ, — אזוי דערצעהלט שרה־ברכה, — עפּיס איינע מיט'ן נאָמען רייזעל. ווער איז די רייזעל ? אפנים, א שוועסטערל ?...

ראַפּאַלעסקאָ זאָגט ניט יאָ, ניט ניין. און עס בלייבט, אַז אַ שוועסטערל.

אונזער יונגער העלד — דעם שבח מוזען מיר אויף איהם זאָגען — איז טאַקי געווען אַ העלד, אַז ער האָט זיך געקאָנט איינהאַלטען אַזאַ צייט און נישט דערמאָנען רייזעל׳ס נאָמען פאַר קיינעם, אפּילו פאַר זיין בעסטען נאָהענטסטען פריינד, פאַר האָלצמאַנ׳ען, ער האָט געטראָגען דעם גרויסען שמערץ מיט׳ן רעטעניש טיעף ביי זיך אין האַרצען. און דער שמערץ איז געווען גרויס און דאָס רעטעניש נאָך גרעסער : וואו איז אהינגעקומען דעם חזנ׳ס טאָכטער ? פאַר וואָס איז דער דירעקטאָר שטשופּאַק מיט זיין פליגעל-אַדיוטאַנט שלום-מאיר ניט געקומען קיין יאסי גלייך מיט אַלע ?...

און ער לעבט איבער נאָך אַ מאָל, ווי אַ חלום, די בהלה פון יענער צייט, ווי אַזוי זיי זענען געקומען קיין יאסי, אפּילו נישט געזעגנט זיך מיט דער טרופּפּע, און אין דעם זעלבען טאָג, וואָס זיי זענען געקומען, זענען זיי אַנטלאָפען פון דאָרטען אינצווייען מיט האָלצמאַנ׳ען קיין בוקאַרעשט, מורא געהאַט, טאָמער יאָגט מען זיי אָן פון האָלענעשטי. דאָרט, אין בוקאַרעשט, האָבען זיי זיך דערוואוסט אַז די טרופּפּע איז געזעסען מעהר ניט ווי איין טאָג אין יאסי אָהן אַ גראָשען געלד און אויסגעגאַנגען פון הונגער. דערנאָך האָבען זיי געהאַט אַ ידיעה, אַז שלום-מאיר איז געקומען קיין יאסי איינער אַליין, האָט פערנומען דיא דעקאָראַציעס און איז אַוועק, מען ווייסט ניט וואוהין, און די „בידנע אַקטיוערען" זענען זיך צעקראָכען. ווער עס האָט זיך געלאָזט צופוס אַהיים, און ווער ס׳איז געבליעבען הונגערען אין רומעניע. ערשט דעמאָלט, האָט זיך אַוועקגעשטעלט דער גרויסער פראַגעצייכען : וואו זשע איז רייזעל ? ? ? ...

פרעגען עמיצען — האָט ער נישט געהאַט ביי וועמען. דערצעהלען האָלצמאַנ׳ען זיין ראָמאַן מיט׳ן חזנ׳ס מיידעל — איז דאָס געווען ביי איהם צו אַ היילינגער סוד. און, אגב, זענען אייגעטראָטען פאַר איהם פרישע דאגות, מיט נייע פּחדים, מיט נייע צרות, ווי מיר וועלען זעהען ווייטער.

קאַפּיטעל 46

האָלענעשטי שלאָפט ניט

פון אַלע האָלענעשטער יודען, וואָס האָבען זיך אַזוי געקאָכט און פערלאָרען די קעפּ איבער דער אויסערגעוועהנליכער געשיכטע פון די צוויי אַנטרונענע, דעם נגיד׳ס זוהנדעל און דעם חזנ׳ס מיידעל, איז געווען נור איין מענש, וואָס איז געבליבען רוהיג, נישט געוויינט, נישט געקרעכצט, נישט געזיפצט און גענומען טהון, וואָס מע דאַרף.

דאָס איז געווען דער נגיד אַליין — בעני ראַפּאַלאָוויטש.

בעני ראַפּאַלאָוויטש, אַז ער איז פון׳ם גאַנצען טומעל און פון דער בהלה קוים געוואָהרע געוואָרען, וואָס דאָ טהוט זיך, האָט ער קודם אַ זאָג געטהאָן, ס׳זאָל זיין שטיל. איז געוואָרען שטיל. נאָכדעם האָט ער אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל, מע זאָל שפּאַנען פערד און אַראָפּברענגען דאָס „קנעפּעל". אויף בעני׳ס סגי-נהור-לשון האָט דאָס געהייסען — דעם פּריסטאַוו, מיט וועלכען בעני איז געווען אויף „דו".

— נעם וויפיעל דו ווילסט, — האָט איהם בעני געזאָגט, — טהו מיך אויס ביז׳ן העמד און ברענג מיר אַראָפּ מיין קינד...

עס איז כמעט נישט צו גלויבען, ווי א מענש זאָל זיך אין איין טאָג אזוי פערענדערען, ווי אָט דער בעני ראַפּאַלאָוויטש האָט זיך פערענדערט. די שטענדיג־רויטע באַקען זענען געוואָרען בלויליך און מיט א מאָל ווי אָפּגעצויגען, איינגעפאַלען. די אויגען האָבען געבלאַנזעט אויף אַלע זייטען, גלייך ווי זיי וואָלטען עמיצען זוכען. אפילו דער בויך, תמיד דיק און קיילעכיג ווי א פויק, איז מיט אמאָל געוואָרען ווי אראָפּגעהאָנגען אראָפּ. ס'איז גאָר ניט דער בעני, וואס אַלע מאָל. ער שרייעט נישט. ער וואַרפט זיך נישט, ער ברעכט נישט קיין ביינקלעך. מיט שטילע טריט שפּאַנט ער אַרום הין און צוריק איבער דער שטוב, פינסטער ווי א שאָטען, וויל אפילו אין הויף נישט אַרויסגעהן, ווייל די ליכטיגע וועלט נישט זעהען. און דאָ ליגט בייל־קע, דאָס ווייב, געפעהרליך קראַנק. ביי איהר איז א האַרץ־פעהלער, זאָגט דער דאָקטאָר, מע דאַרף זי בערוהיגען... בערוהיגען? מיט וואס קאָן זי בעני בערוהיגען, נאָכדעם ווי מע האָט איהם דערהרג'עט זיין קאָפּ מיט א שייט האָלץ, צוגענומען ביי איהם סאַמע דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און דאָס ליעבסטע און דאָס טהייערסטע?

— נעם וויפיעל דו ווילסט, — זאָגט ער נאָך אמאָל צום „קנעפּעל“, — טהו מיך אוים ביז'ן העמד, אבי ברענג מיר אראָפּ מיין קינד...

דאָס „קנעפּעל“ קוקט אויף בעני'ן. ער האָט איהם נאָך קיינמאָל נישט געזעהען אזוי אויפגערעגט, ווי איצט. ער האָט אויף איהם רחמנות. און ער לייגט אַרויף די האַנד אויף זיינע פּלייצעס און בערוהיגט איהם:

— בודיעט האַראַשאָ — ס'וועט זיין, הייסט עס, רעכט. פּריקאַזשי, בעני, קידוש — הייס געבען עפּיס טרינקען.

מיט גרויס ענערגיע האָט זיך נאַטשאַלסטווע א נעם געטהאָן צו דער אַרבייט חוקר ודורש זיין, אויסטאַפּען, אויספאָרשען די זאַך אַקוראַט, דערגרונטעווען זיך ביז'ן שורש, ביז דער ערשטער קוואַל. זיי זענען זיך געגאַנגען מיט זייער גאַנג, אז שולדיג איז דאָ אינגאַנצען אָט דער „שעלמא“, דער חזן. ער ווייסט געוויס, וואו דאָס פּאָרעל איז אַהינגעקומען, נאָר ער מאַכט זיך תמעוואַטע. לאָז ער נור פריהער אָפּזיצען א פּאָר שעה אין „קאַמענע מיעשאָק“, זיך בעקענען א ביסעל מיט די מייז, מיט די גרילען און מיט די איבעריגע חיות, וועט ער אויפהערן זיך מאַכען גע'פּגו'ט, אז ער ווייסט ניט פון וואס צו זאָגען... און עס איז אָפּגעגאַנגען א האָר, אז מע זאָל צונעמען ישראָלי דעם חזן און אָפּפיהרען אין גרטען אָרט אריין, ווען נישט די חזנ'טע לאָה מיט איהר מאַנסבילשען קאָפּ.

לאָה די חזנ'טע, וויבאַלד די ערשטע חוואַלי איז אריבער איבער איהר קאָפּ, האָבען זיך איהר אויפגעעפענט די אויגען און זי האָט מיט איהר אייגענעם שכל געחאַפּט, אז דאָס דאַרף זיין פערבינדען מיט'ן אידישען טהעאַטער. זי האָט דערצו טויזענדער, טויזענדער סימנים מיט ראיות. ווער נאָך קאָן אזוי וויסען, ווי א מאַמע? א מאַמע ווייסט, פּאַרוויסט און פאַרפינסטערט איז זי געוואָרען! א מאַמעס האַרץ פיהלט. זי האָט דערפיהלט, א דונער דאָט זי דערשלאָגען ,פון דער ערשטער מינוט, ווען יענע צוויי שלים־מזל'ען (שמשופאַק און שלום־מאיר) זענען אריבערגעטראָטען איהר שוועל, אז זיי געהן אויף איהר בלוט. גוואַלד, גוואַלד! וואו זענען געווען איהרע אויגען? עפּיס טאַקי נור א פאַרבלענדעניש, א גוט אויג, א גאָט'ס

שטראף פאר איהרע גרויסע זינד!... איצט איז איהר שוין אלעם קלאר. קלאר ווי דער טאג. אין איהר אומגליק האבען א חלק א סך — א סך מענשען. די ערשטע איז את די „וצדקתך", נעחע, די בעל־הבית'טע פון דער אכסניא, מיט איהרע צוויי אויסגעלאזענע שוועסטערלעך, וואס מיט איטליכען בעזונדער איז חא־חא־חא און חא־חא־חא... די שלים־מזל'ען האבען דארטען געהאלטען סטאנציע, געווען מיט זיי קוצעניר־מוצעניו — זיי מוזען ווייסען אלסדינג, אלסדינג... היינט יחיאל דער כלי־זמר? וואס האט דער שארלאטאן געשכור'ט מיט זיי א גאנצע נאכט ביי העניך וויינשענקער אין קעלער? און העניך דער וויינשענקער אליין — אויך א צדיק אין פעלץ! ביי איהם איז ניט אנטלאפען נאך פאר דריי יאהרען די עלטערע טאכטער מיט א סטאנאוואי שרייבערעל? זי וועט געהן שווערען ביי א ריינינקייט, אז די אלע האבען א חלק אין איהר אומגליק! פאר וואס זאל מען זיך ניט א נעם טהון צו זיי בעסער, ניט טשעפען זיך אומזיסט־אומנישט צו איהר מאן, וואס איז גאט די נשמה שולדיג, האסט דו געזהען א ביסעל?!...

דערמיט האט די חזנ'טע ניט נור אויסגעלייזט זיך און איהר מאן פון א נייעם אומגליק; זיא האט, מע קאן זאגען, געעפענט נאטשאלסטווע דעם מח, געגעבען געוועהר גלייך אין די הענד אריין, געגעבען ליכט אויף צו זוכען דעם אמת.

פערשטעהט זיך, אז די אלע אויסגערעכענטע פארשוינען האט מען באלד אויפגעחאפט, ווי דער רוח דעם מלמד, און מע האט זיי א נעם געטהאן אויפ'ן צימבעל. דערשראקען האבען זיי זיך אפילו זעהר שטארק, מורא געהאט חלילה פאר א בלבול. זיי זענען אבער אפגעקומען, דאנקען גאט, נור מיט'ן דערשרעק אליין. נאטשאלסטווע האט מעהר נישט געפאדערט פון זיי, נאר אויסהערען, וואס זיי האבען צו דערצעהלען וועגען די אקטיארען פון יודישען טהעאטער און וועגען דעם אנטלאפענעם פאר? און צום גליק האבען זיי טאקי געהאט צו דערצעהלען און צו דערצעהלען.

קאפיטעל 47.

עדות מיט עדות

דער ערשטער האט זיך בעוויזען אויף דער סצענע העניך וויינשענקער, א יוד שוין אין די יאהרען, ווייס ווי א טויב, נאר בעקעלעך רויטע, פעבקע. ווי ביי א יונגענמאנטשיק, און א בייכעל אויך א היבש, א בעסאראביער בי כעל. העניך איז א מענש ניט קיין איבערגעשפיצטער. האט ער אבער א מעלה: ער איז א איש־אמת. ער וועט אייך קיינמאל ניט דערצעהלען דאס, וואס ער ווייסט ניט, און קיין פזמונות פונ'ם קאפ ניט אויסטראכטען. האט ער גענומען דערצעהלען דעם ריינעם אמת, וויא פאר גאט אליין. ס'איז אזוי געווען די מעשה:

„שבת־צו־נאכט'ס — אזוי איז זיך העניך נוהג פון כמה וכמה יאהרען, פון זינט ער איז א וויינשענקער — נעמט ער א ליכט און לאזט זיך אראפ אין קעלער אריין צום וויין, א קוק טהון, וואס טהוט דער וויין? וועלכער וויין עם דארף נאך שפיעלען און וועלכען וויין מע דארף לאזען אויפ'ן פילטער? וועלכען וויין מע דארף צו געבען א מתיקות און וועלכען וויין מע דארף צוזעצען, פארקעהרט, א שטארקייט, ווארום ער איז שוין געניג מתוק? היינט איז פארהאן וויין, וואס מע דארף צעגיסען

און פלעשער און אויסקאָרקעווען, ער זאָל ניט חאַפּען קיין שימעל, און פאַרהאַן ווידער ווײַן. וואָס מע דאַרף איהם לאָזען, ער זאָל זיך אויסשטעהן, בכדי ער זאָל בעקומען זײַן אייגענעם טעם מיט זײַן מתיקות מיט זײַן שטאַרקייט, וואָרום וואָס איז דען אינגאַנצען דער שכל פון ווײַן?"...

אָט דאָ האָט מען געמוזט איבעררײַסען דעם ווײַנשענקער, אז ניט דעם שכל פון ווײַן וויל מען פון איהם הערען, נאָר עפּיס אַנדערש. דער עולם שמועסט, אז ביי איהם האָבען א גאַנצע נאַכט געשכור׳ט די אַקטיאָרען פונ׳ם יודישען טהעאַטער...

דערהערט דאָס וואָרט „געשכור׳ט", האָט זיך העניך אזש צעלאַכט: „חאַ־חאַ, געשכור׳ט? אַלץ הייסט געשכור׳ט! גוט געשכור׳ט! א יוד שכור׳ט! ס׳איז אזוי געווען די מעשה: ער שטעהט אין קעלער ביי דער אַרבייט, ביי׳ם ווײַן הייסט עס, קומט מען צוגעהן און מע זאָגט איהם, אז די אַקטיאָרען פון יודישען טהעאַטער זענען געקומען טרינקען ווײַן. האָט ער אוועקגעוואָרפען אַלע אַרבייט. ער האָט געמיינט, אז דאָ וועט מען דאָס געבען א שענעם טרונק ווײַן, עס וועט זיך גיסען ווײַן. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז פונ׳ם גאַנצען ווײַן האָבען זיי אויסגעטרונקען בסך־הכל דריטהאַלבען אָקעם ווײַן פונ׳ם רויטען ווײַן און אַנ׳אָקע ווײַן פונ׳ם ווייסען ווײַן. מע האָט נור גערעדט פון ווײַן. און העניך האָט א כלל, אז דער, וואָס רעדט פון ווײַן, דער טרינקט ניט קיין ווײַן, און דער, וואָס טרינקט ווײַן, דער רעדט ניט פון ווײַן"...

— דאָס איז אַלסדינג אמת! — האָט מען אָפּגעשטעלט דעם ווײַנשענקער און געבעטען, ער זאָל בעסער דערצעהלען, וואָס ווייסט ער פונ׳ם אַנטלאָפענעם פּאָרעל?

לאָזט זיך אויס א מעשה, אז פונ׳ם אַנטלאָפענעם פּאָרעל ווייסט העניך גלייך מיט זיי. דאָס הייסט, ס׳איז אזוי געווען די מעשה: „אז ער איז אויפגעשטאַנען אין דערפריה, איז ער קודם אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער צום ווײַן"...

— גענוג ווײַן! — האָט מען א זאָג געטהאָן צו העניך ווײַנשענקער און מע האָט זיך א נעם געטהאָן צו יחיאל דעם כלי־זמר.

יחיאל דער כלי־זמר איז א יוד מיט א שענע פּאַטלע האָר, מיט א גאָלדענעם סיגנעט אויפ׳ן פינגער, טראָגט א הויכען קאַפּעליש מיט א טענדעווערענדע, נאָר ער איז אביסעל ניט קיין געזונדער; דאָס הייסט אזוי איז ער אפילו נישקשה. נאָר ער געהט שטענדיג פערבונדען דעם האַלז און רעדט הייזעריג מיט סכנת נפשות. יחיאל וויל האָבען, אז דאָס דאָזיגע איז איהם געקומען פון דער פידעל. נאָר זײַנע קאָללעגען זאָגען, אז סע הויבט זיך גאָר ניט אָן. ס׳איז פון דעם, וואָס ער האָט ניט פיינד אָט דאָס, וואָס מע טאָר ניט. ער האָט „סאָטשיניעניעס" מיט אַלע יונגע ווייבלעך פון שטאָדט — א שאַרלאַטאַן, זאָגען זיי, זאָל גאָט היטען! זײַן ווייב, מאַהלט איך, חנה־פּעריל, קאָן איהם מיט אַלע זײַנע גענג און מיט אַלע זײַנע אָפּשניצלעך און שמד־שטיקלעך. נאָר חנה־פּעריל איז ניט אזא, זיא האָט פיינד סקאַנדאַלען. פערשטעהט זיך, אז נור ביז א צייט. אַלסדינג איז ביז א צייט. א מענש איז ניט קיין אייזען און יעדער האָט א גאַל. דעריבער מאַכט זיך (און גאַנץ אָפט), אז זי רעכענט זיך מיט איהם אָפּ, געוויינליך, אז קיינער זעהט ניט, חנה־פּעריל

איז ניט אזא. זי האָט פיינד סקאַנ־דאַלען...

איצט איז שוין קיין חדוש ניט, וואָס יחיאל האָט זיך אזוי דערשראָקען, אז מע האָט איהם א נעם געטהאָן אויפ'ן צימבעל, ער זאָל דערצעהלען דעם גאַנ־צען אמת, וואָס ער ווייסט פונ'ם יודי־שען טהעאטער. יחיאל האָט זיך אויס־געהוסט, צעקעמט די פאטלע און אוועק־געשטעלט זיך רעדען.

יחיאל, אז ער וויל רעדען, קאָן ער. דער רוח האָט איהם ניט גענומען. נאָר איצטיגס מאָל איז איהם ניט געגאַנגען. אפשר דערפאר, וואָס חנה־פעריל איז געשטאַנען ביי דער זייט? ער האָט גע־פלאָנטעט מיט דער צונג: „פראָבען מיט רעפעטיציעס, רעפעטיציעס מיט פראָבען, אָרקעסטראָווקעס מיט פארטי־טורעס, פארטיטורעס מיט אָרקעסט־ראָווקעס — און ווייטער האָט ער זיך מיט קיינעם קיין מאָל נישט אָנגע־קעהרט, אחוץ נאָטען, רעפעטיציעס, אָר־קעסטראָווקעס, אָרקעסטראָווקעס, אָר־קעסטראָווקעס, אָרקעסטראָווקעס, רע־פעטיציעס, נאָטען. און טאָמער זאָגען אויף איהם זיינע חברים די כלי־זמר, אז ער איז געווען א נאָהינטער מחותן מיט דער פרימאַדאָנא, זאָל מען זיי אָנ־שפייען א פולען פנים, ס' איז שקר וכזב, כזב ושקר, קיין וואָהר וואָרט, גאָלע ליגען, ניט געשטויגען, ניט געפלויגען"...

—חאראשאָ,—האָט מען איהם איבער־געריסען אינמיטען,—אָטשען חאראשאָ! וועגען זיין מחותנ'עשאפט מיט דער פרימאַדאָנא וועט מען מיט איהם נאָכ־דעם שמועסען. ס'איז דאָ צייט. אפשר וואָלט ער געווען אזוי פריינדליך און דערצעהלען, וואָס ווייסט ער פון דעם פאָרעל, וואָס זענען, וויא מע רעכענט, היינטיגע נאכט אנטלאָפען געוואָרען מיט דיא אקטיאָרען פון אידישען טהעאטער?

דערויף האָט יחיאל דער כלי־זמר גע־ענטפערט און געשוואָרען, אז מען מעג גלויבען א משומד, אז ער וויים ניט פון וואָס צו זאָגען. „קיין זאך נישט?" — קיין זאך נישט. „לחלוטין נישט?" — לחלוטין נישט... „אפילו אויף אָט אזוי פיעל?" — אפילו אויף אָט אזוי פיעל. „אפשר ליגנסט דוא?" — זאָל איך איינ־נעמען א מיתה־משונה! זאָל פון מיר ווערען א בארג! זאָל מיר ארויסשפרינ־גען א... „שא! גענוג! גענוג!"...

יחיאל דער כלי־זמר האָט געמיינט, אז ער איז שוין פטור. צום סוף האָט מען געהייסען איהם אריינפיהרען אין א בעזונדער חדר, פערשליסען איינעם אליין און בעטען, ער זאָל דאָרטען זיצען ביז מע וועט איהם רופען נאָך א מאָל, אז מע וועט איהם דארפען, און דערווייל האָט מען זיך גענעבען א נעם צו נעהנע דער בעל־אכסניא'טע מיט איהרע צוויי שוועסטערלעך. און דאָ איז ארויס א מורא'דיגער סקאַנדאַל.

וויא אונזערע לעזער געדענקען נאָך גאָר אינ'ם אָנהויב פון אונזער ראָמאַן, איז נעהנע, לויט שלום־מאיר'ס אטעס־טאציע, „א בעל־הבית'טע א מזוזה'לע.... עס איז שווער צו זאָגען, פאר וואָס נעהנע איז געוואָרען אזוי אויפגעטראָגען, אז מע דאָט זיא א נעם געטהאָן אויפ'ן „דאָפ־ראָס"? צו ווייל זיא איז נעבעך אזא ריינע כשר'ע נשמה, וואָס קען נישט דערלאָזען, ס'זאָל אויף איהר פאלען חלילה וחס א שפריינקעלע? צו איבער איין אַנדער זאך? — נאָר אז מע האָט זי א פרעג געטהאָן, וואָס ווייסט זי פונ'ם אנטלאָפענעם פאָרעל, האָט זיך אויפגע־

עפּענט ביי איהר א קוואל פון קללות און זי האָט אויפגעהויבען אזא גוואלד, אז ס'איז אוממעגליך געווען זיא איינצושטילען. פּעך און שוועבעל האָט זי געגאָסען אויף איהרע שונאים, וואָס פערגינען א הר ניט דאָס שטיקעל ברויט, און אויף אלע די, וואָס ווילען אין איהר זעהען שלעכטס! „דאָס מויל זאָל זיך זיי, רבונו של עולם, שמעלען אויף א זייט! די צונג זאָל זיי אָבפּאלען! די אויגען זאָלען זיי ארויס! הענד און פיס זאָל זיי אָפּנעמען! אויף קולים זאָלען זיי געהן! טאטע מאמע זאָלען זיי פערלירען! צו קבר־ישראל זאָלען זיי ניט קומען! איבער דיא הייזער זאָלען זיי זיך שלעפּען מיט קינדס קינדער אויף דור־דורות, טאטעניו, זיסער פאָטער, ליעבער, הארציגער, געטרייער!"

קאפּיטעל 48.

וויא בוימעהל אויף'ן וואַסער

נעחע'ס קללות האָבען אָבער נעהען גאָר נישט געהאָלפען. מע האָט איהר געגעבען צו וויסען מיט'ן הארבען וואָרט איין מאָל פאר אלע מאָל: וועט זי זאָגען, וואָס זי ווייסט, איז גוט. אלא ניט — וועט זי געהן אהין, וואו דער כלי־זמר זיצט. האָט זיך נעחע דערשראָקען און האָט דערצעהלט, ווי ווייט זי האָט געקאָנט, אויף רוסיש, דאָס איבעריגע אויף יודיש, א גאנצע געשיכטע:

„זי אליין, נעחע הייסט עס, איז סך־הכל א יודינע אנ'אלמנה און האלט אנ'אכסניא. חא־חא, משטיינס געזאָגט, אויך מיר אנ'אכסניא! א סטאדאָלע, א שטאל, א נעכטיגער טאָג. זי וואָלט שוין לאנג צוגעמאכט די דאָזיגע אכסניא, נאָר וואָס זאָל זי טהון, אז איהר מאן, עליו השלום, האָט איהר איבערגעלאָזט א באָמבע"....

נאטשאלסטווע האָט זיך ווי דערשראָקען:

— וואָסער א באָמבע?

„זי מיינט — א דירה מיינט זי. א שטוב, א חורבה, וואָס קיינער וויל זי ניט קויפען, סיידען אפשר אומזיסט? יעדער, ווער סע קומט אָנקוקען די דירה, טענה'ט ער, אז די דירה וואָלט געווען נישקשה פון א דירה, ווען די דירה זאָל חאָטש שטעהן אין מארק. זאָל איך נעמען, הייסט עס, די דירה אויפ'ן קאָפּ און אריבערטראגען אין מארק אריין די דירה?"...

— ניין, נישט דאָס. די דירה לאָז איבער אויף אנ'אנדערש מאָל. דו דערצעהל אונז, טהייערע, וואס ווייסט דו פון די יודישע אקטיאָרען, וואָס האָבען געהאלטען ביי דיר סטאנציע?

נעחע האָט זיך נישט געפונען שטארק בעליידיגט, וואָס מע האָט איהר איבערגעריסען סאמע אין אָנהויב, און האָט גענומען דערצעהלען פון די אקטיארען.

„היינטיגען שבת־צו־נאכט'ס, זי האָט נור־וואָס אָפּגעזאָגט „גאָט פון אברהם" און גענומען שטעלען דעם סאמאָוואר פון די שלים־מזל'ס וועגען, טאקי פאר דיא אקטיאָרען הייסט עס, קומט צו צו איהר די „פארשלעפּטע קרענק", אָט איענער וואָס מע רופט איהם שלום־מאיר, און מאכט צו איהר, צו נעחע'ן הייסט עס: „וואָס ווילט איהר פאר אייער אלטען קעצענעם בורנעס און פאר אייער ווינטערדיגען שאל?" קוקט זי איהם אָן, ווי א משוגענעם: „שלים־מזל, זאָגט זי, וואָס דארפט איהר א ווייבערשען שאל מיט א קעצענעם בורנעס אויף זומער?" מאכט ער צו איהר: „וואָס איז אייער באבעם דאגה? אז מע פרעגט, מסתמא דארף מען". וואָס טויג איך, ער איז צו

געשטאַנען צו איהר, ווי א קלעק — וואָס ס'האָט זיך איהר גע'חלומ'ט יענע נאַכט און היינטיגע נאַכט צו איהרע שונאים'ס קעפּ! און זי געהט און טראָגט איהם ארוים איהר אַלטען קעצענעם בורנעס מיט'ן ווינטערדיגען שאַל. זאָגט ער צו איהר: „וואָס וויל זיא פאַר די שמאַטעס?" מאַכט זי צו איהם: „ממה־נפשך, ווי באַלד שמאַטעס, היינט צו וואָס קויפט איהר זיי?" זאָגט ער: „וואָס איז אייער באָבעס דאגה?" געהט זי מסתמא און זאָגט איהם א פּרייז, ווערד ער אין כעס: „איהר זענט משוגע צי חסר־דעה?" זאָגט זי צו איהם: „ווערד איהר משוגע און מעטייר פאַר אלע יודען!" הויבט מען זיך אָן דינגען און קריעגען זיך. ער איהר — „אַלטע שמאַטעס". זי איהם — קויפט מען ניט". ער איהר — „מזוזה'לע". זי איהם — „פאַרשלעפּטע קרענק". אזוי לאַנג, אזוי ברייט, מע האָט זיך פאַר'ן מקח אויסגעגלייכט און ארוים מיט געלד. אָפּגענומען דאס געלד, טראַכט זי זיך: „רבונו של עולם! אויף וואָס קאָן אָט דער מענטש בעדאַרפען אַן'אַלטען ווייבערשען בורנעס מיט א ווינטערדיגען שאַל? און פלוצים, גאָר אין מיטען דרינען, סאַמע פאַר'ן אווּעקפאָהר?" און זי האָט גענומען מסתמא נאָכקוקען, וואָס וועט דאָ זיין? דערווייל זענען די איבעריגע שלים־מזל'ען אויך געקומען פון טהעאַטער, אָפּגעטרונקען טיי און גענומען צעצאָהלען זיך מיט איהר פאַר דער סטאַנציע, אזוי פיעל מכות זיי, ווי פיעל האַלבע קערבלעך זיי האָבען איהר אָפּגעריסען, און זענען אווּעק צו העניכ'ען אין קעלער אריין טרינקען ווײן. וואָס עפּיס פלוצים, אין מיטען דרינען, פאַר'ן אווּעקפאָהרען ווײן? זאָל זי אזוי וויסען א בייזע וועטשערע. ס'איז איהר עסק? לאָזען זיי טרינקען געזונד־ערהייד. ס'איז ניט פאַר איהר געלד. ...י איז פערנומען גאָר מיט אַנ'אַנדער זאַך: איהר ברענט דעם קאָפּ אויפ'ן בורנעס מיט'ן שאַל — צו וואָס האָט דער שלים־מזל געקויפט ביי איהר פלוצים אים זומער א ווינטערדיגען שאַל מיט א וואַרימען בורנעס און נאָך א ווייבערשען דערצו? נאָך שענער. וואָלט ער כאָטש נעמען דעם שאַל מיט'ן בורנעס און איינגעפּאַקעוועט מיט די איבעריגע זאַכען אין וועג אריין, וואָלט זי געדעכענט, ווייסט איהם דער רוח, אפשר וויל ער ברענגען אימיצען א מתנה פון האָלענעשטי? ווי באַלד אזוי, טהוט איהר שוין באַנג, וואָס זי האָט גענומען אזוי וואָלוועל, א מכה איהם! צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? נעמט ער דעם שאַל מיט'ן בורנעס און מאַכט צו איהר: „לאָזען זיי הענגען דאָ ביי אייך אויף דער וואַנט ביז דער לעצטער מינוט". איהר הערט ווערטער? ערשט ווײס איך ווען, ארום האַלבע נאַכט, קומט ער צוגעהן, דער שלים־מזל, נעמט דעם שאַל מיט'ן בורנעס און לאָזט זיך געהן. פרעגט זי איהם: „וואוהין איז?" זאָגט ער: „וואָס איז אייער באָבעס דאגה?" זאָגט זי: מיט'ן קאָפּ אין דער ערד!" און וויל זיך לייגען שלאָפען, קאָן זי ניט. ווי קאָן זי זיך לייגען שלאָפען, אז די שלים־מזל'ען זע־נען ערגיץ אין אַלדי שוואַרצע יאָהר ביי העניכ'ען אין קעלער און דאַרפען נאָך קומען זיך געזעגענען. אורחים. אָפּגעשטאַנען אזא צייט... וויא פאָהרט מען דאָס אווּעק אָהן א זיי־געזונד? כך הוה. עס איז שוין געווען העט־העט נאָך האַלבע נאַכט, זיא טהוט א קוק — אהא! איין בויד. די אנדערע. די דריטע. ווער

איז ? מאַקי זיי, דיא שלים־מזל'ען. דיא גאַנצע קאָמפּאַניע. מע פֿאָהרט, הייסט עס. „זייט געזונד". „פֿאָהרט געזונד". זי קוקט זיך איין אין דער דריטער בויד, סאַמע הינטען, ביי שמעון־דוד דעם בעל־עגלה, אינוויינינג אויבענאַן, זיצט די אַבעזיאַנע, דער דירעקטאָר זייערער, און האַרט נעבען איהם — עפּיס איינע א נקבה, איינגעהילט אין איהר אַלטען קע־צענעם בורנעס מיט איהר ווינטערדיגען שאַל. קיין פּנים זעהט מען ניט. נור אויי־גען... קענטליכע אויגען ! רבונו של עולם ! ווער זאָל דאָס זיין ? זייערע אַלע נקבות קען זי אין די פּנים'ער. פּאַציאַ־רעס, מיאוסקייטען, ספּו ! איינע ער־גער פון דער אַנדערער. און די דאָזיגע וויזט אויס א שעניקע. דאָס הייסט, קיין פּנים זעהט מען ניט, נאָר אויגען — שוואַרצע ציגיינערישע אויגעלעך, קענט־ליכע, קענטליכע אויגעלעך. ווער זאָל דאָס זיין ?... וואָלטען די שלים־מזל'ען חאָטש אָפּגעשטעלט זיך אויף א מינוט־קעלע, וואָלט זי שוין דערגאַנגען, ווער דאָס איז. עס האָט אַבער נישט געדויערט קיין רגע אפילו. אָט זענען זיי צוגעפּאָה־רען. אָט האָבען זיי אָפּגעזאָגט דעם זיי־געזונד. און אָט זענען זיי שוין ניטאָ. א גאַנצע נאַכט האָט זי זיך געקאַטשעט פון איין זייט אויף דער אַנדערער. נישט געקאָנט שלאָפען : גוואַלד ! גוואַלד ! ווער איז דאָס מיידעל מיט די קענטלי־כע ציגיינערישע אויגעלעך ? " ערשט אין דערפריה, אַז זי האָט דערהערט די מעשה, וואָס אין שטאָדט טהוט זיך, האָט זי זיך אָנגעכאַפּט ביי'ם קאָפּ, צוגערופען איהרע ביידע שוועסטערלאַך : „גיט מיר קייען שטרוי און רופט מיך טע־לעצע ! "...

„הכלל, הימעל און ערד האָבען, אבנים, געשוואָהרען, אַז קיין פערבאָר־גענע זאַך זאָל ניט זיין און דער אמת מוז אַרויף, ווי בוימעהל אויף'ן וואַ־סער. גאָט זאָל איהר אַזוי געבען הצלחה, ווי זי האָט געוואוסט פריהער, אַז ס'וועט אַזוי זיין. וואָרום פאַר וואָס האָט זיך עס נישט געטראָפען מיט איהרע שוועסטער־לעך ? פלעגען דענן איהרע שוועסטער־לעך ניט געהן אַלע נאַכט אין טהעאַטער אַריין ? פאַר וואָס האָבען איהרע שוועס־טערלעך ניט געמאַכט קיין אויגעלעך צו די שלים־מזל'ען, אַזוי ווי דער חזנ'טעס טעכטערעל ? "...

— ווער אַנשטומט, הולטייקע ! ! !

— האָט זיך פּלוצים געלאָזט הערען א ווילדער געשריי, און ווי א ווילדע צע־רייצטע חיה האָט זיך לאָה די חזנ'טע א לאָז געטהאָן צו נעחע דער בעל־אכסניא'־טע. די אָרעמע מוטער איז גרייט געווען דורס זיין אָט די דאָזיגע יודינע פאַר איהרע לעצטע עטליכע ווערטער... א גליק, וואָס מע האָט בעצייטענס צענומען די דאָזיגע צוויי ווייבער. א ניט, וואָלט געקאָנט זיין א מיאורע קאַטאַסטראָפע.

קאַפּיטעל 49.

דיא עקספּעדיציע נאָך דיא אַנטלאָפענע

פון דיא אַלע עדות מיט'ן חוקר־ודורש זיין, וואָס מיר האָבען בעשריבען אויבען, איז נור איין זאַך פעסטגעשטעלט געוואָ־רען, און א פּראָטאָקאָל איז אונטערגע־שריעבען געוואָרען, אַז „דער זוהן פון בעני ראַפּאַלאָוויטש, לייב, פיערצעהן יאָהר אַלט, און די טאָכטער פון'ם חזן, רייזעל ספּיוואַק, פונפצעהן יאָהר אַלט, זענען שבת־צו־נאַכט'ס אַקעגען זונטאָג אַנטלאָפען מיט א קאָמפּאַניע יודישע אַקטיאָרען צו דער גרעניץ קיין רומעניע, און אַז דער אויבענדערמאָנטער זוהן פון

בעני ראפאלאוויטש, לייב, האט פערנמען ביי זיין אויבענדערמאנטען פאטער בעני ראפאלאוויטש פון דער קאססע א סוממע פון אזוי פיעל און אזוי פיעל"...

ווי באלד אזוי, דארף מען זיי אויף דער הייסער שעה נאכלויפען, נאכיאגען, טאמער וועט מען זיי נאך חאפען. מע וועט זיי געוויס חאפען.

און ס'איז געבליעבען, אז מע זאל ארויסשיקען נאך זיי מענשען, און וואס פריהער — און מע האט טאקי אזוי געטהאן.

די דאזיגע עקספעדיציע איז בעשטאנען פון צוויי פארשוין: איינער — ראפאלאוויטשעס קאססיר, „ששון־ושמחה". דער אנדערער — טאקי ראפאלאוויטשעס א זוהן, אנשעל. מיט'ן ערשטען איז דער לעזער בעקאנט פון'ם ערשטען טהייל פון אונזער ראמאן. מיט'ן אנדערען בעקענען מיר זיך ערשט אצינד.

אנשעל איז א ציקאווע בחור פון א יאהר צוויי און צוואנציג. איין אויסגעהארעוועטער, אווייסער, אגלאטער, מיט רויטע וויינשעלליפען, מיט א שען קיילעכיג ארומגעשוירען בערדיל און מיט געדיכטע הארטע גלאנצענדיגע געקרייזעלטע האר.

מע קאן ניט זאגען, אז אנשעל זאל האבען אזא שלעכטען קאפ, נאר ער האט ניט געוואלט נישט לערנען, נישט שרייבען, חאטש שניידט איהם, חאטש בראקט איהם. האט בעני זיך ארומגעקוקט און האט איהם פריה צוגענומען פון חדר:

— לערנעמען ווילסט דו ניט, קאן חאטש פאשען חזירים.

דאס האט געהייסען, אז ער וויל איהם מאכען פאר א בעל־הבית. און אנשעל האט זיך געשניטען אויף א בעל־הבית. געקאנט גוט פאהרען רייטענדיג, אויסגעלערנט זיך וואלעכש רעדען, ווי איין אמת'ער מאלדאוואן, געזאגט מבינות אויף פאפעשויעס און מיט'ן קוק געחאפט יעדען בוים, וויפיעל ער קאן געבען מאטעריאל און וויפיעל ברענהאלץ. מיט איינעם ווארט — אנשעל האט ארויסבעוויעזען אלע סימנים פון א בעל־הבית א סוחר.

אט דא ניט לאנג האט בעני מיט איהם א שידוך געטהאן, צוגעזאגט נדן און געגעבען איהם א כלה, א גרינגע, ניט קיין שענע זעהר ניט קיין שענע נאר פון א געהויבענער משפחה פון בעלץ. דער חתן אנשעל, אז ער האט דערזעהן דיא כלה, איז איהם געווארען צעהן לעבער אין הארצען. נאר זאגען דעם פאטער — האט ער מורא געהאט. בעניין האט זיך זעהר געוואלט איינקויפען אין יחוס, און אז בעני וויל עפים א זאך — ווער וועט איהם זאגען ניין?

מיט א צעבראכען געמיטה איז אנשעל געקומען אהיים פון בעלץ. ער האט זיך אבער גיך בערוהיגט, געפונען א טרייסט אין דער אם, וואס ביי זיי אין שטוב, א געזונדע שטיק און א שענע... אמת, דיא אם האט שטארק פראטעסטירט, געשווארען זיך, אז זיא וועט איהם מאכען דעם גרעסטען סקאנדאל איבער דער גאנצער שטאדט. נאר וואס הערט א נגיד'ס א זוהן דיא שטאדט? ובפרט נאך אזא בחור, וויא אנשעל, וואס איז במעט ניטא איין מיידעל אין שטאדט, וואס זאל ניט האבען איהם געפאטשט? בעני זאל וויסען דערפון, וואלט זיך געטהאן חושך. נאר ווער וועט איהם געהן דערצעהלען אזעלכע מעשות? מאכט זיך עפים א סקאנדאל, פערשטיקט מען איהם בעצייטענס, אזוי אז צום פאטער זאל עס ניט אנקומען.

נאָר איין מענש איז פאַרהאַן ביי דיא ראַפּאַלאָוויטשעס אין שטוב, וואָס וויים פון אַלע שלעק און פון אַלע אומגליקען און שווייגט, טראָגט דעם וועהטיג אין זיך. דאָס איז דיא מוטער נעבעך. דיא קליינינקע, דיא שטילינקע דיא שוואַכינקע ביילקע.

מיר האָבען שוין בעמערקט ניט איין מאָל, אז דיא קליינינקע ביילקע טראָגט אויף איהרע שוואַכע פּלייצעס דעם גאַנצען גלות פון דער דאָזיגער שטוב. עס ברענט איהר דאָס פּנים פאַר איהר אנשלען. זיא בעגראָבט זיך אין דער ערד. נאָר וואָס קאָן זיא מהון? בעט זיא גאָט פאַר איהר קינד, גאָט זאָל איהם צושיקען עפּיס א רעכטען זווג, ער זאָל חתונה האָבען, וואָרום צו פּופּצעהן-זעבצעהן יאָהר האָט זיך איהם שוין אָנגעהויבען שיטען א בערדעל, און פון אכצעהן יאָהר אָן איז צרות מיט צרות מיט צרות...

אָט אזא מין בחור איז בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זוהן אנשעל, וועלכען דער פאַטער האָט ארויסגעשיקט נאָכיאָגען זיך, חאַפּען און ברענגען דעם אנטלאָפענעם זוהן. ער האָט איהם מיטגעגעבען דעם קאַססיר מיט א היבשע מטבע געלד און אָנגעזאָגט:

— היידא! פאָהרט און ברענגט איהם צופיהרען, דעם פּידסוויניק!...

און דעם קאַססיר האָט בעני עקסטרא אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט זשאַלעווען קיין „שערבלעך“ (קערבלעך) און געבען וויפיעל מע דאַרף. און אז מע וועט דאַרפען נאָך, זאָל ער שרייבען, וועט מען שיקען נאָך...

און פאַפּיערען האָט ער זיי מיטגעגעבען, „גע'חתמ'עטע דאָקומענטען“, וואָס מע קען דורך זיי דעם אנטלאָפענעם, אויב מע דאַרף, ברענגען צופיהרען א געקאָוועטען אין קייטען.

נאָר בעסער איז מיט גוטען, — האָט בעני אָנגעזאָגט אנשלען עטליכע מאָל. און אז דיא עקספּעדיציע איז שוין געווען גאָר איינגאַנצען פאַרטיג, דאָס הייסט, אז אנשעל מיט'ן קאַססיר „ששון-ושמחה“ זענען שוין געזעסען אויף דער נאַטעטשאַנקע און דיא פערד האָבען גערירט פון'ם אָרט, האָט זיי בעני נאָכגעשריען:

— גערענקט זשע, מיט גוטען, מיט גוטען!...

קאַפּיטעל 50.

דיא עקספּעדיציע ארבייט אויף אַלע כלים

אנשעל ראַפּאַלאָוויטש מיט'ן קאַססיר „ששון ושמחה, אז זיי זענען געקומען קיין יאַסי און ביז זיי האָבען זיך ארומגעקוקט, האָבען זיי שוין דאָרט פון דער קאָמפּאַניע אַקטיאָרען קיינעם נישט געטראָפען. געזאָגט האָט מען זיי, אז דאָ האָבען זיך יא ארומגעבלאָנקעט עפּיס עטליכע יונגע לייט מיט אויסגעדרעהטע שטיוועל און מיט געגאָלטע פּנים'ער, די משמעות — יודישע אקטיאָרען; נאָר וואו זיי זענען אהינגעקומען — ווייסט מען ניט. דערפון האָט די עקספּעדיציע ארויסגעזעהען, אז מע דאַרף פאָהרען ווייטער. און מע האָט ניט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און מע האָט זיך גענומען פאָהרען ווייטער און ווייטער, ביז מע איז געקומען קיין בוקארעשט.

געקומען צופאָהרען קיין בוקארעשט, האָט אנשעל גערדרונגען דעם קאַססיר און געגעבען צו פערשטעהען מיט א שכל, אז מע דאַרף זיך אָפּשטעלען אין איין אנשטענדיגען האָטעל.

— ממה נפשך, — האָט ער געזאָגט, — עס קאָסט אַזוי פיעל געלד וועט קאָסטען נאָך. ובפרט אַז דער טאַטע האָט אָנגעזאָגט אפשר הונדערט מאָל „מע זאָל ניט זשאַלעווען קיין געלד, און אַז מע וועט דאַרפען נאָך, וועט ער שיקען נאָך“.

אויסער דעם דאַרף מען וויסען, אַז ביי אַנשלען איז דאָס געווען דער ערשטער אַרויספאָהר פון דערהיים און דער ערשטער אַריינפאָהר אין אַזאַ גרויסער שטאָדט, ווי בוקאַרעשט. אַך, אַנשעל האָט שוין לאַנג געפיהלט אַ מאָדנע בענקעניש נאָך דער גרויסער פרייהער וועלט און גע׳חלום׳ט פון אַ שענער גרויסער שטאָדט. נאָר פון זינט ער איז אַ חתן געוואָרען פאַר אָט דעם גרינעם מיידעל די מיוחסת פון בעלץ, האָט ער זיך דאָס וואָרט געגעבען, אַז נאָך דער חתונה, ער וועט ווערען אַ ביסעל פרייער, וועט ער זיך אַראָפּחאַפּען אַמאָל אַינ׳ם שענעם בוקאַרעשט, אָנקוקען אַ וועלט און געבען אַ לעב אונטער, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטען...

איצטער, אַז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז ער איז אין דעם שענעם בוקאַרעשט נאָך פאַר דער חתונה, און געלד איז דאָ, און פרייה איז מען אויך, איז דאָך עס טאַקי, ווי מע זאָגט, אַ כשר׳ער טאָפּ מיט אַ כשר׳ען לעפעל.

איין שטיקעל שעטנז איז דאָ יאָ פאַרהאַן: דער קאַססיר. איז ערשטענס, ווער הערט איהם? און צווייטענס, איז דאָך „ששון ושמחה“ אויך נישט מעהר ווי אַ בשר ודם, און אַ בחור, און נאָך אַ „מענטש“ דערצו. אַז דעם בעל הבית׳ס זוהן איז ניחא, איז איהם ליעב....

אָפּגעשטעלט האָבען זיי זיך אויף איינע פון די שענסטע גאַסען אין בוקאַרעשט מיט׳ן נאָמען „סטראַדאַ פּאָדעמאָגאָשאָי“, אינ׳ם בעריהמטען האָטעל „דאַטשיאָ“.

בעריהמט איז דער האָטעל דערמיט, וואָס דאָרט האָט בעת דעם רוסיש־טערקישען קריעג געוואָהנט, זאָגט מען, דער בעריהמטער אָסמאַן פּאַשאַ. און וויעדער איז דער האָטעל בעריהמט מיט זיין בעריהמטען קאַפע־שאַנטאַן וואַריעטע „פּאַראַדיזאָ“, וואָס דאָרטען זינגט דיא בעריהמטע רומענישע זינגערין מאַרינעסקאָ־מילאַנעסקאָ איהרע בעריהמטע רוסישע ליעדער: „ראַזיוט וויעטרי באַויניע“ און „יאַ חאָטשו וואָס ראַזסקאַזאַט, ראַזסקאַזאַט“...

שטעהען אין אַזאַ האָטעל, וואו עס געפינט זיך אַזאַ בעריהמטער קאַפעשאַנטאַן וואַריעטע מיט׳ן נאָמען „פּאַראַדיזאָ“, איז דענן אַ גן־עדן?... אמת, וואו אַ גן־עדן, דאָרט בייסט זיך, קאָסט געלד. און דער קאַססיר „ששון־ושמחה“, אַז ער האָט דערהערט, וואָס מע הייסט זיך געבען פאַר אַ צימער, האָט ער זיך אָנגעחאַפּט ביי׳ם קאָפּ. האָט איהם אבער אַנשעל בערוהיגט:

— נאַרעלע, אַז מע פאָהרט מיט אַזאַ געשעפט, קאָן מען נישט לעבען וויא חזירים...

האָט זיך דער קאַסיר מיישב געווען: „אַז דעם בעל־הבית איז ליעב, איז איהם ניחא. ער איז דאָך ניט מעהר ווי אַ „מענטש“. און חברה האָבען געגעבען אַ לעב טאַקי ווי גאָט אין אדעם. בעטראַכט די צוויי יונגע „רוססען“, ווי זיי בייטען אַ הונדערטער נאָך אַ הונדערטער, האָט מען געקוקט אויף זיי אין האָטעל, ווי אויף צוויי יונגע מאַגנאַטען, וואָס האָבען נאָר־וואָס אָפּגענומען אַ שענע ירושה און זענען געקומען אהער לעבען אַ גוטען טאָג, האָט מען זיי די ערשטע וואָך מכבד געווען מיט אַזאַ חשבון, אַז

דער קאַססיר „ששון־ושמחה“ האָט שיער בעקומען די אַפּאָפּלעקסיע. האָט איהם אבער אנשעל ווידער אַ מאָל בערוהיגט מיט ווערטער :

— שוטה בן פּיקהאָלץ ! — האָט ער איהם געזאגט. — ווער רעדט היינט פון געלד ? דאָ געהט נישט אין קיין געלד, דאָ געהט אין'ם נפש. הלואי וואָלט אונז נור געראָטען מיר זאָלען געפינען דעם, וואָס מיר זוכען...

און זיי האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט גאנץ געשמאק : געדונגען איין עקיפּאַזש אויף דער שעה, אויסגעפאָהרען אלע גאסען, אלע גערטנער, מוזעאומס, גאַלערעע, טהעאטערס, צירקען, קאפעשאַנטאַנען וואריעטעס און קאבארעס. אנשעל איז געגאנגען מיט דעם גאנג, אז ארטיסטען מוזען זיך געפינען נור אין אזעלכע ערטער. „קאפעשאַנטאַן מיט טהעאטער זענען ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער“. אנשעל איז געווען ניט אזוי אלט, וויא געניט, און „ששון־ושמחה“ האָט זיך גאָרניט געקאָנט פער'חדוש'ען, ווי זיין יונגער פּרינציפּאַל, קיין עין־הרע, ווייסט אלסדינג, „ווי אַנ'אַלטער“, און אומעדום, וואוהין ער זאָל ניט קומען, איז ער היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים אין האָלענעשטי...

מעהר פון די אלע מקומות איז אונזער אנשלען געפעלען צו פערברענגען אין'ם קאפע־שאַנטאַן „פאַראַדיזאַ“. אנשעל האָט געזאגט צום קאַססיר :

— זאָל מיין נאָמען ניט הייסען אנשעל, אויב מיר וועלען זיי ניט פּאַקען אָט אדאָ, אין דעם דאָזיגען אָרט... לאָמיר זיך נור אוועקזעצען אָט דאָרט אין אַ ווינקעלע ביי אַ מאַרמאָרנעם טישעל. דאָרט איז אויסגעצייכנט. פון דאָרטען קאָן מען זעהען אלסדינג.

אנשעל איז געוועזן גערעכט : דאָרט איז אויסגעצייכנט. פון דאָרטען האָט מען געקאָנט זעהען אלסדינג : די מוזיק, און די סצענע, און די „ארפיאַנקעס“, וואָס געהען אַנגעטהאָן אלע אויף איין פאַכאָן : קורצע רויטע קליידעלעך, אונטערגעברעמט מיט גאָלדענע פראַנזען. הויכע שווארצע באָטקעלעך, פערשנירעוועט ביז ארויף. קליינע רויטע היטעלעך מיט גאָלד בעלייגט און אלע אויף אַ זייט. אנשעל הייסט געבען עפּים עסען און טרינקען.ביידע פערבייסען זיי גאנץ געשמאק. אויף'ן הארצען איז אויפגעלייגט. יום־טוב'דיג. ליכטיג. לעבעדיג. מענשען — אויף און אָפּ. אלעם בלישטשעט. אלעם פריילעכט זיך. און אַ געזאַנג טראָגט זיך איבער'ן גאנצען זאַל און צעגיסט זיך אין אלע אברים, אַ זיס געזאַנג ווי פון אַ סך־אַ סאַך פרויען־העלזער. עס איז שווער צו דערקענען, אז דאָס זינגען ניט קיין מענשען, אז דאָס שפּיעלען גאָר הארפּעס. אז די זיסע קולות געהען נישט פון לעבעדיגע העלזער, נאָר פון מעשענע סטרונעס, פון הילצערנע כלים, הארפּעס. אנשעל קוקט זיך איין אין די דאָזיגע כלים, אין די זינגענדיגע הארפּעס, און ער קלויבט נחת פון די ארפּיאַנקעס, ווי זיי ארבייטען אויף זייערע כלים, ברימלען מיט די דינע פינגערלאַך איבער די מעשענע סטרונעס, שאָקלען צו מיט די קעפּלעך און שמייכלען מיט די אויגלעך, צו וועמען שמייכלען זיי ? שוין זשע צו איהם, צו אנשלען הייסט עס ?

— טהו נור אַ קוק, ווי זיי שמייכלען. זעה נור, זעה ! — זאָגט אנשעל צום קאַססיר און טאָרעט איהם ביי'ם ארבעל.

דעם קאַססיר קריכט דאָס אָבער ניט אין קאָפּ אריין. „ששון־ושמחה“ קוים וואָס ער זיצט. ער וואָלט בעסער אַ בעלן געווען איצטער חאַפּען אַ שלאָף, און ער

דולט איהם גאָר א ספּאָדיק מיט ארפּיאַנקעס... נאָר אָט בעווייזט זיך אויף דער סצענע די בעריהמטע מאריענסקאַ־מילאַנעסקאַ, איינגעטונקען אין בריליאַנטען, און הויבט אָן זינגען : „יא חאָטשו וואס ראזסקאזאט, ראזסקאזאט"... און דער עולם, וואָס אין זאל, חאפּט אונטער : „קאק מי סנים פּאשלי גוליאט, פּאשלי גוליאט"... און אין זאל ווערד נאָך ליכטיגער, און דאָס פּובליקום ווערד נאָך פריילעכער. א חיות ! א גן־עדן ! א גן־עדן !

קאפּיטעל 51

זיי זיינען שוין אויף אַ דרך.

אָט אזוי האָט די עקספּעדיציע געטהאָן איהר זאך געטרייה, נאכט און נאכט, ביז עס האָט זיך געטראָפען א מעשה.

דאָס איז געווען אין א שענעם אויפדערנאכט אינ'ם אויבענדערמאנטען קאפעשאנטאן „פּאראדיזא". אונזערע צוויי רייזענדע, אנשעל ראפּאלאָוויטש און „ששון־ושמחה" דער קאססיר, זענען זיך געזעסען ביי זייער טישעל, געטרונקען „דולטשאצא" — וואסער מיט אזא מין איינגעמאכטס, און געהערט מוזיק.

אנשעל איז געווען איצטיגס מאָל זעהר אויפגעלעגט און יום־טוב'דיג. און „ששון־ושמחה" איז, פּארקעהרט, געווען, ווי אלע מאָל, שטארק פערזאָרגט. עס האָט איהם פּשוט געריסען דאָס הארץ אויף'ן געלד, וואָס געהט אוועק אומזיסט־אומנישט, ער ווייסט ניט צוליעב וואָס, ער ווייסט ניט צוליעב ווען. „מע זיצט אין בוקארעשט און מע זוכט דעם נעכטיגען טאָג און קערבלעך פּליהען, אזוי ווי מיסט — וועה־וועה, וואָס וועט זיין פון דעם ? "...

„ששון־ושמחה" איז איבערהויפּט עפּיס טאקי נור ווי אויף צו־להכעיס זיין „ששון־ושמחה'דיגען" נאָמען א מרה־שחורה'דיגע בריאָה. א שווארצער בחור מיט באנקעוואטע אויגען, מיט שטענדיג א פערלייגטע נאָז, די אויבערשטע ליפּ גראָב און גוט בעוואכסען. תמיד א פערשלאָפענער, א פערזאָרגטער, גיט ער קיינמאָל קיין לאך ניט און זעהט אויס, ווי די גאנצע וועלט איז אויף איהם געפאלען. עס געהט איהם ניט איין קיין זאך. אלסדינג איז ביי איהם פינסטער, טרויעריג און איינגעהילט אין א שווארצען שלייער. און דאָ „רימפּעלט די מוזיק און דער עולם קוועלט, א גדולה אין באָד! מע פרעסט. מע זויפט. מע פלעכט קערבלעך. ביי זיי איז, אפּנים, געלט־שמעלט — וואָס פעהלט זיי ? קאָפּוועהטיג!"...

אָט אין אזעלכע מרה־שחורה'דיגע געדאנקען זיצט אונזער מרה־שחורה'דיגער קאססיר און חאפּט דערוייל א קוק מיט די פערשלאָפענע באנקעוואטע אויגען אויף דער סצענע, וואו עס בעוויזען זיך פריהער די ארפּיאנקעס, דערנאָך אנדערע מינים שלעק, נקבות אלערליי : נקבות אזעלכע, וואָס זענען מאָדנע אָנגעטהאָן. און נקבות אזעלכע, וואס זענען נור האלב אָנגעטהאָן. און נקבות אזעלכע, וואָס זענען כמעט גאָר ניט אָנגעטהאָן... און אויף'ן סוף, א שטייגער, ווי א מין קאמפּאָט, ערשיינט די בעריהמטע מארינעסקאַ־מילאנעסקאַ. זי בלישטשעט מיט איהרע אויגען און מיט איהרע בריליאנטען און זינגט : „יא חאָטשו וואס ראזכקאזאט. ראזסקאזאט"... ווערד נאָך לעבעדיגער אין זאל. און אנשעל חאפּט איהר אונטער : „קאק מי סנים פּאשלי גוליאט. פּאשלי גוליאט"... קוקט זי אויף אנשלען פון דער סצענע און ווינקט צו איהם. ווערד אנשעל מלא שמחה און ווינקט צו איהר

צוריק. און תיכף ווי נור זי האָט געענדיגט איהר נומער, געהט זי פערביי זייער טישעל. הויבט זיך אנשעל אויף. געהט זי צו. מאכט ער איהר איין אָרט צווישען זיך און צווייזען קאססיר (דאָס ערשטע מאָל אזוי נאָהינט). עס לאָזט זיך הערען א שארשעריי פון איהרע זיידענע קליידלעך און א ריח־ניחוח פון שארפע פארפומען, וואָס דערגרייכען אזש ביז „ששון־ושמחה'ס" שטענדיג פערלייגטע נאָז. און מחמת זי (די נאָז) איז צו אזעלכע ריחות נישט געוואָהנט, קאָן זי זיך ניט איינהאַלטען און הויבט אָן צו ניסען. רופט זיך אָן אנשעל: „וואקכען זאָלסט דו". ווייסט „ששון־ושמחה" ניט, וואו ער זאָל זיך אהינטהון מיט זיין נאָז, וואָס האָט זיך פלוצים אין מיטען דרינען צעניסט.

— דאָמנולו! — מאכט דערווייל מארינעסקאָ־מילאנעסקאָ און דערלאנגט אנשלען מיט'ן נעבער איבער דער האנד און בלישטשעט מיט אלע בריליאנטען.

— אזא „פאָרמאָזא דאָמנולו", ווי דו ביזט, זאָלסט דו טרינקען „דולטשאצא"?

אויף אונזער לשון וועט דאָס הייסען: „אזא שענער בחור, ווי דו ביזט, זאָלסט דו טרינקען זיסע וואסער?"

פרעגט זיך: ווי אזוי שטעהט מען אויס אזא נסיון? ווי אזוי זאָל אנשעל'ס הארץ ניט צעגאנגען ווערען ווי שניי פון אזא קאָמפלימענט? און אנשעל רופט צו דעם קעלנער און קוקט אויף מארינעסקאָ־מילאנעסקאָ, ווי איינער רעדט: „וואָס איז דיין באגעהר, שענע פרינצעסין?"... די שענע פרינצעסין באגעהרט שאמפאניער־וויין. אנשעל הייסט דערלאנגען שאמפאניער־וויין און קוקט אויף איהר, ווי איינער רעדט: „וואָס נאָך איז דיין באגעהר, שענע פרינצעסין?" די שעהנע פרינצעסין באגעהרט פאזאנען געבראָטענע אויף צו פערבייסען. אנשעל הייסט דערלאנגען פאזאנען און קוקט איהר אין די אויגען אריין: „וואָס נאָך איז איהר באגעהר?" איהר באגעהר איז ליקער, און זי הייסט שוין אליין, מע זאָל ברענגען ליקער, פון דעם בעסטען, „שארטרעז" אָדער „פעפערמען". זאָגט איהר אנשעל נאָך מיט'ן אייגענעם לשון: „שארטרעז" און „פעפערמען"... און אנאנאסען הייסט זי זיך דערלאנגען. זאָגט דער קעלנער, אז קיין אנאנאסען איז ניטאָ. אויסגעגאנגען. ווערד אנשעל אָנגעצונדען: „וואָס פאר א תירוץ — אויסגעגאנגען? אז מע זאָגט אנאנאסען, איז אנאנאסען — אלא דראקאָ!"... ציהט איהם „ששון־ושמחה" פאר'ן ארבעל און קוקט אויף איהם מיט די באנקעוואטע אויגען: „גוואלד, עס וועט אָפּקאָסטען אַן אוצר!"... צעלאכט זיך אנשעל: „בהמה! דו זעהסט די בריליאנטען, וואָס זי טראָגט? דו ווייסט וויפיעל ווערטה האָבען די בריליאנטען?"...

ניין. „ששון־ושמחה" ווייסט ניט, וויפיעל ווערטה האָבען די בריליאנטען. ער ווייכט אבער איין אנדער זאך. ער ווייסט, אז עס טאָגט שוין ביי זיי אין דער קאכסע... ער האָט שוין היינט אין דער פריה א זאָג געטהאָן וועגען דעם אנשלען. האָט זיך אנשעל צעשריגען אויף איהם: „בהמה! וואָס זשע שווייגסט דו? שרייב אוועק אהיים, אז מע דארף נאָך, וועט מען שיקען נאָך"...

„ששון־ושמחה" איז אזא מענש, אז מע הייסט איהם שרייבען, שרייבט ער.

— וואָס זשע זאָל איך שרייבען? — פרעגט ער זיך ביי אנשלען.

— שרייב, אז מיר זיינען שוין אויף א דרך. מיר האָרעווען. מיר טהוען אלס־דינג. מיר שלאָפען ניט קיין נעכט. מיך

פאָהרען ארום אומעדום און מיר זוכען. און גוטע מענשען העלפען אונז. נאָר עס קאָסט געלד. מאסען געלד! ווארום קיינער וויל נישט אומזיסט... על־כן זאָל מען ארויסשיקען נאָך געלד. און למען־השם וואָס גיכער. און זייט געזונד און לאָזט גריסען. און אזוי ווייטער...

אוועקגעשיקט דעם דאָזיגען בריעף, האָט אנשעל זיך געפיהלט נאָך בעסער, וויא פריהער. ער האָט אראָפּגעוואָרפען א בארג פון'ם קאָפּ. און דער מרה־שחורה'דיגער קאסיר, פארקעהרט, איז געוואָרען נאָך מעהר מרה־שחורה'דיג: „וועה־וועה, וואָס וועט זיין דער תכלית?“... און אנשעל הייסט דערווייל געבען נאָך וויין. ער גיסט אָן אלע דריי באָקאלען, טרינקט צו מאריענסקאָ־מילאנעסקאָ'ן לחיים און זעהט, אז דער קאסיר זאָל אויך טרינקען לחיים. „ס'איז ניט שען זיצען ווי א לייהמענער גולם“... אנשעל טהוט אלסדינג, ער זאָל איהם צעשלאָגען דיא רעיונות. אזוי לאנג, אזוי ברייט, ביז דער מרה־שחורה'דיגער קאסיר ווערד פאָרט א ביסעלע לעבעדיגער. וואָס ווייטער הויבט איהם אָן דער שטערן גלאנצען. די גראָבע בעוואכסענע ליפּ הויבט זיך אויף און עס בעוויזט זיך אויף איהר כמו ווי א מין שמייכעל. די פערשלאָפענע באנקעוואטע אויגען קלעפּען זיך איהם און ער בעלעקט זיך. דאָס איז א סימן, אז ער איז שוין גאר בגילופין.

כמעט קאָן מען זאָגען, אז דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס „ששון־ושמחה“ זאָל זיין אזוי ששון־ושמחה'דיג. עס איז אויף זיי ביידען, אויף אנשלען מיט'ן קאסיר ,מיט א מאָל געקומען א פרייד, א נחת, א גדולה. עס איז זיי ביידען געוואָרען גוט — און א כוח. פאר גרויס גוטסקייט האָט זיך אנשעל אזש ארומגענומען מיט מאריענסקאָ־מילאנעסקאָ'ן, ווי מיט איין אייגענער שוועסטער, און אויף „ששון־ושמחה'ן“ איז אָנגעפאלען א שמחה. ער האָט געהאלטען דעם אָפּגעטרונקענעם באָקעל אין די הענד און געקאטשעט זיך אויף אלע זייטען, שיעור ניט דערשטיקט געוואָרען פאר געלעכטער. און פלוצים האָט ער אויפגעהערט צו לאכען. די פערשלאָפענע באנקעוואטע אויגען זענען איהם געוואָרען מיט א מאָל וואכענדיג און זענען. ווי צוגעזאָטען צו דער טיהר און פערגליווערט געוואָרען. און אליין איז ער מיט'ן באָקעל אין די הענד אויך געבליעבען א פערגליווערטער.

וואָס איז די מעשה? — ער האָט אין דער מינוט דערזעהען ביי דער טהיר נאָר־וואָס אריינגעקומען צוויי פארשוינען. איינער א גרעסערער, דער אנדערער א קלענערער. עס האָט זיך איהם אויסגעדאכט, אז די אריינגעקומענע קוקען אויף איהם און אויף אנשלען און רוקען זיך צוריק צו דער טהיר. נאָר ביז „ששון־ושמחה“ האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו אנשלען און א געשריי געטהאָן: „ער איז דאָ, ווי איך בין א יוד!“ — איז שוין פון יענע צוויי פארשוינען ניט געבליבען קיין זכר אפילו. . . . .

. . . .

אומזיסט האָט זיך „ששון־ושמחה“ געלאָזט לויפען נאָך זיי, ווי א משוגע'נער, אין דרויסען ארויס. אומזיסט האָט ער זיך געשוואָרען מיט כל השבועות אין דער וועלט, ער זאָל אזוי דערלעבען זעהן וועמען איהם איז ליעב, ער זאָל זעהען ביי זיך אלדאָס גוטס, ווי ער האָט אליין מיט זיינע אייגענע אויגען געזעהען זייער לייבלען נאָר־וואָס אָט א דאָ ביי דער טהיר! אנשעל האָט איהם נישט געגלויבט. אנשעל האָט געטענה'ט, אז

ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען. אז ס'האָט זיך איהם נע'חלומ'ט א חלום. שוקדיג איז דער וויין, שאמפּאַניער־וויין, חאַ־חאַ!

קאַפּיטעל 52.

דיא פויגלען וואַרפען אראָב דיא פעדערן

„ששון־ושמחה" האָט קיין טעות נישט געהאט: די צוויי פּאַרשוינען, וואָס זענען אריינגעקומען אין קאַפּע־שאַנטאַן „פּאַראַדיזאָ" און צוריק ארויסגעלאָפען, זענען געווען טאַקי די, וועלכע די עקספּעדיציע איז ארויסגעשיקט געוואָרען זיי אויפצוזוכען. דאס איז געווען דער אנטלאָפענער לייבעל ראַפאַלאָוויטש און אונזער אלטער גוטער בעקאַנטער האָצמאַך (אָט אזוי וועלען מיר זיי רופען די גאַנצע צייט, כל־זמן זיי האָבען נאָך לעת־עתה ניט געביטען זייערע נעמען).

די דאָזיגע צוויי העלדען אונזערע האָבען די ערשטע צייט אויך מעהר נישט געטהאָן, נור ארומגעגאַנגען און בעטראַכט דאָס גרויסע שענע בוקאַרעשט. זיי זענען דאָך אויך מעהר ניט ווי לעבעדיגע מענשען, און בוקאַרעשט איז א שטאָדט, וואָס ס'איז דאָ וואָס צו זעהען. ובפרט, פאַר דעם, וואָס האָט איין אַרטיסטישע נשמה מיט איין אַרטיסטיש אויג און קלויבט זיך ווערען א דירעקטאָר פון א טהעאַטער, איז אין בוקאַרעשט פאַרהאַן וואָס צו לערנען, וואָס צו שטודירען.

— מע דאַרף שטודירען די ביהנע, מיין טהייער שפּיעלפויגעל, — אזוי האָט גע'טענה'ט האָצמאַך צו זיין יונגען פריינד, — מע דאַרף אויסקוקען וואו ערגיץ א טהעאַטער און נעמען זיך צו א געשעפט, אליין עפּענען א שטיקעל טרעאַטער. ס'איז ניט קיין פּלאַן, נשמה מיינע, לעבען פון'ם גרייטען. ס'איז נישט קיין תכלית טרענצלען קערבלעך — מע דאַרף אין זינען האָבען עפּיס פּרנסה...

צו פּראָסט, צו פּראָזאַאיש פּראָסט האָבען געקלונגען האָצמאַך'ס ווערטער אונזער יונגסטען העלד לייבעל. לייבעל'ס נשמה האָט זיך אויך געריסען צו דער ביהנע, נאָר ניט צוליעב פּרנסה. צוליעב עטוואָס העכערם האָט דאָס איהם געצויגען, וואס ער אליין האָט דאָס נאָך ניט רעכט פערשטאַנען. איהם איז געווען טהייער יעדער טאָג, יעדע מינוט. ער וואָלט שוין א בעלן געווען אליין זיין אויף דער ביהנע, פּערגרימירען זיך און שפּיעלען... שפּיעלען... נאָר אז האָצמאַך זאָגט, אז מע דאַרף די ביהנע שטודירען, ווייסט ער וואָס ער זאָגט. אוןביידע האָבען זיי זיך גענומען שטודירען די ביהנע פון אלף ביז תיו.

אָנגעהויבען האָבען זיי דוקא זעהר פּראַקטיש: פון די אָרעמסטע געגענדען און קוואַרטאַלען, זיך צוגעקוקט צו די ביליגסטע קאַפּעהייזער און באַלאַגאַנעס. נאָכדעם איז מען געגאַנגען אלע מאָל העכער און העכער, אויסגעווען אלע גרויסאַרטיגע טהעאַטערס, ברעטלעך, וואַריעטעס און קאַפּע־שאַנטאַנס. אין יעדען אָרט האָט האָצמאַך עפּיס געפונען, עפּיס גענאַשט, און פון יעדען בעזונדער עפּיס אָפּגעלערנט.

— נו, שפּיעלפויגעלע? קוק זיך צו, ווי אזוי מע שטעלט אוים ביי זיי א ביהנע! זעהסט קאָסטיומען? זעהסט קליידערלעך? זעהסט שיכעלעך? זעהסט זעקעלעך? א רוח אין געלדם טאַטען אריין! ניט אומזיסט שטעהט אין פּסוק: כסף וזהב זענען טייערע ממזרים.

— מטהר חזירים. — צערריכט איהם לייבעל,

— לאָז זיין אַזוי. — גיט איהם נאָך האַצמאַך און טהוט זיך א טאַפּ ביי דער זייטקעשעני. — יאַק ריידעלע טאַ ריידעלע, אבי דאַברע מיינעלע. גוט וואָס מיר האָבען זיך אריינגעחאַפּט אין אזא שטאָדט. עס וועט אונז צוניץ קומען. אַט וועסט דו זעהען, וואָס פאר א „חדר" איך וועל, אם־ירצה־שם, צענויפשטעלען. גאָט און לייט וועלען מיר מקנא זיין. עס וועט א רוח אין שטשופּאַק'ס טאַטען אריין!

גאַנץ אנדערש האָט געלערענט דעם פּשט לייבעל. יעדען ארטיסט, וואָס ער האָט געזעהן אויף דער סצענע, האָט איהם לייבעל געגעסען מיט די אויגען, געשלונגען איטליכס וואָרט און געפּיהלט זיך, אז ער איז אליין אויך דאָרט אויף דער סצענע. עס האָט איהם געטראָגען אין דער לופטען, געצויגען ווי מיט צוואַנגען, דאָס פּנים האָט איהם געפלאַמט, די אויגען האָבען איהם געברענט, אין האַלז האָט איהם געקיצעלט און ער האָט מעהר נישט געטהאָן, נאָר געזיפצט. האַצמאַך האָט פערשטאַנען, אז אַט דער „יאַט" איז מסתמא נתפּעל פון די שענע דעקאָראַציעס מיט די גרויסארטיגע קאָסטיומען.

— זעהסט דו? אַט אַזוי נשמה'ניו שטעלט מען אויס א ביהנע. אַט אַזוי טהוט מען זיך אָן ביי לייטען. מע פינקעלט און מע בלישטשעט און שעמערירט אזש אין דיא אויגען. אַט אַזוי וועט זיין ביי מיר אויך. עס וועט א רוח אין שטשופּאַק'ס טאַטעס טאַטען אריין!

האַצמאַך'ס אידעאַל איז פון תמיד אָן געווען — ווערען מיט דער צייט אליין א שטשופּאַק, דאָס הייסט: א בעל־הבית, א דירעקטאָר פון א טהעאַטער. פאר וואָס ניט? ביי גאָט איז אַלץ מעגליך. דער בעסטער בעוויז איז ביי איהם געווען טאַקי דער אייגענער שטשופּאַק. ווייסט דען ניט די גאַנצע וועלט, אז אַט דער שטשופּאַק איז אַמאָל געווען פריהער א משרת, דער נאָך א משורר'על, דער נאָך א כל־מקדש־זינגער אויף חתונות און אויף ברית'ען? און פון דעסטוועגען איז ער היינט א דירעקטאָר מיט בריליאַנטען, פאַרהאַפּט זאָל ער ווערען... כל־זמן דאַצמאַך האָט ניט געהאַט וואָס צו שלינגען, האָט ער נעבאַך געמוזט דיענען ביי אַט דעם בלוטזויגער פאַר'ן שטיקעל ברויט. א ברירה האָט ער געהאַט? אָבער איצט, דאַנקען גאָט, אז ס'איז פאַרהאַן די מטבע (דאָ גיט זיך האַצמאַך א טאַפּ אין קעשעני און גלייכט זיך אויס די פּלייצעס און פערדרייסט דעם קאָפּ ארויף) האָט ער שטשופּאַקען אין דער ערד מיט די ביינער. וואָרט־וואָרט. האַצמאַך וועט נאָך מיט איהם לערנען בלק.ער וועט צענויפשטעלען א טרופּע פון די בעסטע אקטיאָרען און אקטריסעס און וועט ארומפאָהרען אויף דער וועלט און קומען צופאָהרען דוקא אהין אין יענער שטאָדט, וואו שטשופּאַק שפּיעלט מיט זיינע „דראַנגעס" און מיט זיינע „קאַליקעס", און דוקא אויסדינגען ביי איהם דאָס טהעאַטער פון הינטער דער נאָז — מיט איינעם וואָרט, ער וועט איהם דערגעהן די יאָהרען, אזוי אז ער זאָל בעקומען דריי מאָל די חלירע אינאיינעם מיט זיין פליגעל־אדיוטאַנט, פאַרברענט זאָלען זיי ווערען ביידע אין איין זומערדיגען טאָג!...

דער אייגענער וואונש, צו זיין דאָרט, וואו שטשופּאַק, — איז געווען אויך ביי לייבלען. לייבעל האָט אבער געהאַט איין אנדער מיין. לייבעל האָט געוואוסט, אז דאָרט וואו שטשופּאַק איז, דאָרט דאַרף זיין אויף רייזעל (אויב מע האָט זיי נישט

איבערגעחאפּט ערגיץ אויף'ן וועג...). פון דעם דאָזיגען געדאנק האָט לייבלען ניט איין מאָל געוואָרפען אין היטץ און אין קעלט. שטילערהייד האָט אין איהם געוויינט דאָס הארץ און ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען.

— וואָס איז דיר, ליובעניו? — פרעגט איהם האָצמאַך. — האָסט נאָך אלץ מורא, מע זאָל דיך ניט דערקענען? זאָל איך קרענקען, אויב עמיצער וועט איצטער זאָגען אויף דיר, אז דאָס ביזט דו!

אזוי האָט האָצמאַך געטרייסט זיין יונגען פריינד און ער האָט געהאט רעכט. עס איז שווער לייבלען צו דערקענען. עס איז כמעט אונמעגליך געווען צו דערקענען זיי ביידען, אזוי ווייט האָבען זיך די צוויי פערענדערט. די פויגלען האָבען אראָפּגעוואָרפען פון זיך די אלטע פעדערען און האָבען זיך בענייעט פון קאָפּ ביז פּיס.

וויבאלד זיי זענען נור געקומען קיין בוקארעשט, אזוי האָט זיך האָצמאַך באלד געלאָזט אָפּראזירען, אָפּגאלען דאָס גאנצע פּנים, איבערגעלאזט נור צוויי קליינע באַקענקאָטלעטלעך, וואָס האָבען איהם צוגעגעבען, לויט דער שפּיעגעל האָט איהם געזאגט, זעהר פיעל חן. נאָכדעם איז ער אריין אין א גרויס געשעפט פון קליידער און האָט זיך אויסגעקליידט בגדי־מלכות נאָך דעם לעצטען זשורנאל. זיך געקויפט א הויכען צילינדער, א שען שטעקעלע מיט א גאלקע פון עלעפענביין, לאקירטע שיך מיט געלע הענטשקעלעך.

— הא? וואָס זאָגסט דוא איצט, מיין טהייער שפּיעלפויגעל? וועט עמיצער זאָגען אויף מיר, אז דאָס איז האָצמאַך?

— קיינער נישט אין דער וועלט! — האָט איהם לייבעל געזאגט און געקלויבען נחת פון זיין בענייעטען פריינד.

לייבעל האָט באמת אָנגעקוואָלען, וואָס האָצמאַך האָט זיך אזוי איבערגעביטען. נישט ווינציגער האָט האָצמאַך אָנגעקוואָלען פון לייבלען, אז ער האָט איהם אויסגעטהאָן דאָס האָלענעשטער קאַפּאָטקעלע מיט'ן האָלענעשטער היטעלע און אריינגעזעצט איהם אין א קורץ „וויטעקעל" מיט א קליין קאַפּעלישעל און געקויפט איהם אויך א שטעקעלע און אויך געלע הענטשקעלעך.

— אזוי לאנג קרענקט שטשופּאק, אויב דוא ביזט דו! — האָט איהם האָצמאַך געזאגט, בעטראכטענדיג זיין יונגען פריינד פון פאָרענט און פון הינטען און פון אלע זייטען. — און אזא יאָהר אויף מיר, וואָס פאר א שענער „יאטעל" דו ביזט. און ניט קיין „יאטעל" נאָר א גאנצער „יאט", ווי איך בין א יוד!...

און ביידע האָבען זיך יענעם טאָג געפיהלט אזוי גרינג, גלייך ווי זיי וואָלטען גאָרניט געגאנגען אויף דער ערד, נאָר געטראָגען זיך אין דער לופטען.

אזוי קאָן זיך פיהלען נור א חתן אין דעם טאָג פון דער חופּה, אז מע טהוט איהם אָן אין גאָלע נייעס, פון אויבען ביז אראָפּ, און ער טרעט אריין אין א נייער, נייער וועלט אריין.

קאַפּיטעל 53.

האָלצמאַן־ראַפּאַלעסקאָ

אונזערע גליקליכע העלדען, האָצמאַך און לייבעל, זענען נאָך געלעגען אין די בעטען, געצויגען זיך און אויסגעגלייבט די ביינער, נישט געקוקט דערויף, וואָס ס'איז שוין געווען ניט פריה, ארום האַלבען טאָג.

אפּנים, אז צוליעב דעם, וואָס מע

שטודיערט גאנצע נעכט „קונסט, טהעאטער און מוזיק“ און מע איז אויסען אין אלע טהעאטערס, קאפעשאנטאנען מיט אלערליי וואריעטעס, מוז מען שלאָפען א ביסעל שפעטליך אויף'ן טאָג. נישקשה. אָהן איין אומגליק. די גרויסע געשעפטען זייערע? די שיפען אויף'ן ים? און וואָס קאָן זיין בעסער, ווי אז מע ליגט זיך אין דער פריה אויסגעצויגען אין בעט מיט א ריינעם קאָפּ און מע חלומ'ט אויף דער וואָהר, איטליכער פון זיינעם? האָצמאך חלומ'ט וועגען איין אייגען טהעאטערעל ערגיץ אין א יודישער שטאָדט... ער אליין זיצט ביי דער קאססע... די „קינדער“ שפיעלען זיין בענעפיס, דעם דירעקטאָר'ס בענעפיס... שא עס איז שוין באלד נישטאָ קיין בילעטען... קיין גאליאָרקע איז שוין לאנג נישטאָ... מע האָט זיי צעחאפט ווי הייסע לאָקשען... געבליבען מעהר נישט א פּאָר לאָזשען... דארף מען צושטעלען, הייסט עס, נאָך עטליכע שטוהלען... אזוי פלעגט זיך נוהג זיין דער דירעקטאָר שטשופּאק, ס'זאָל אויף איהם קומען א גיכער טוידט.

און לייבעל חלומ'ט אויך פון טהעאטער, נאָר אויף איין אנדער אופן. ער זעהט זיך אליין אויף דער ביהנע אין דער ראָל פון א געקרוינטען... א לאנגע מאנטיע פון פורפור... א גאָלדענע קרוין אויף'ן קאָפּ... אליין זיצט ער אויף'ן טהראָן און אלעם בויגט דעם קאָפּ פאר איהם, אלעם קניעט, אלעם בוקט זיך... און הימעלשענע מיידלעך, אין מלאָכים־קליידער אָנגעטהאָן, טאנצען ארום איהם א באלעטען־טאנץ... צווישען זיי — איינע, די יונגסטע, די שענסטע, טאנצט מעהר און בעסער און שענער פון זיי אלע... גרינג, ווי א ווינד, טראָגט זי זיך אויף דער סצענע, דרעהט זיך, ווי א וויכער, קוים־קוים וואָס מע זעהט איהר פנים, איהרע צעלאָזטע שווארצע לאָקענהאָר, איהרע שווארצע גליהענדע ציגיינער־אויגען — אך, ער האָט זי דערקאָנט: דאָס איז דאָך רייזעל!...

— טאָמער וואָלט געווען גענוג, נשמה מיינע, צו וואלגערען זיך אָט א דאָ?— שלאָגט איהם איבער האָצמאך סאמע אין דעם בעסטען חלום אויף דער וואָהר. — מע דארף אויפשטעהען עפּים קייען. טרינקען א שמעקענדיג טערקיש גלעזעל קאווע מיט פרישע ווארעמע בולקעלעך, א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין!

און ביידע שטעהען אויף, וואשען זיך איין, טהוען אָן די נייע בגדים און מאַכען זיך פארטיג צו דער ארבייט, דאָס הייסט, געהן איבער בוקארעשט, בעטראכטען אלע שענע אנטיקלעך, וואָס שטעהען ארויסגעשטעלט אין די פענסטער. מעהר נישט ווי בעטראכטען, אָנקוקען, נישט קויפען חלילה. איין עבירה געלד. „ס'איז ביי זיי נישט קיין גנבה'ש געלד“, זאָגט האָצמאך... דערנאָך וועט מען זיך אריינחאפען אין א רעסטאָראן אריין עפּים איבערבייסען. האָצמאך זעהט שוין אלע מאכלים, וואָס מע וועט דערלאנגען, און ער בעלעקט זיך שוין בעצייטענס (האָצמאך האָט זיך אויף זיין לעבען אזוי אָנגעהונגערט, אז וויפיעל ער זאָל ניט עסען, מאָהלט זיך איהם אוים, אז ס'איז ניט געגעסען...). נאָך'ן עסען וועלען זיי זיך א ביסעל אויסרוהען (האָצמאך האָט זיך אויף זיין לעבען אזוי אָנגעהאָרעוועט, אז וויפיעל ער זאָל ניט רוהען, מאָהלט זיך איהם אוים, אז ס'איז ניט גערוהט...). און ערשט אז ס'וועט ווערען נאכט, וועט מען זיך דורכגעהן אין א טהעאטער אריין, און פון דאָרטען ערגעץ אין א קאפעשאנטאן — שטודיע־

ען מוזיק, קונסט און טהעאטער“.

פאר מענשען, וואס שטודירען מוזיק, קונסט און טהעאטער, איז דאך די רעכטע צייט טאקי נור ביינאכט. און אגב איז פאר אזעלכע מענשלעך ווי האצמאך און ליבעל גלאט געזינדער, אז מע דרעהט זיך ארום וואס ווייניגער ביי־טאג אויף דער גאס. ליבעל זאגט, אז ער וואלט געמעגט שווערען, אז ער האט ערשט נעכטען געזעהען דורכפליהען א קארעטע, איז דארטען געזעסען זיין עלטערער ברודער אנשעל מיט זיין קאססיר „ששון־ושמחה“.

— געה שוין געה, פיפערנאטער! — האט איהם האצמאך אויסגעלאכט. — עס חלומ'ען זיך דיר ברידער מיט קאססירס. נארישקייטען! אפילו ווען זיי זאלען שוין טאקי קומען אהער, נארעלע, דארפען זיי דאך זיין מיט אכטצעהן קעפ, זיי זאלען דיך דערקאנען, און מיך אודאי! איצט ווייסט דו, מיין טהייערער יאט, וואס אונז פעהלט נאך?

— וואס?

— אנדערע נעמען.

— דהיינו?

— דהיינו, איך ליג און טראכט א גאנצע נאכט, וואס וועט זיין למשל? מיר וועלען דאך אייביג אזוי ניט ארומגעהן פוסט און פאס אהן א שטאך ארבייט און עסען פון'ם גרייטען? סוף כל סוף וועלען מיר דאך צושלאגען זיך צו עפּים, צענויפשטעלען א „חדר“, אריינפאהרען ערגיץ אין א יודיש שטעדטעל אריין און שפיעלען טהעאטער. נו, שטעל דיר פאר, וואס פאר א נאמען זאלען מיר זיך דערמאלט געבען, אז מע זאל א מכה וויסען, ווער מיר זענען? מילא איך שטעל אוועק אויף'ן טאוועל מיין אמת'ען נאמען „האלצמאן“. בערנהארד האלצמאן. א קרענק וועט עמיצער וויסען, ווער דער בערנהארד האלצמאן איז, אז אלע האבען ביז אהער געוואוסט נור האצמאך און האצמאך.

— טאקי גערעכט! — גיט איהם צו ליבעל. — האלצמאן איז טאקי שענער, ווי האצמאך.

— זעהסט דו? וואס זשע טהו איך אבער מיט דיר, נשמה מיינע? שטעל דיר פאר, אז מיר הויבען אן ארויספאהרען אויף דער וועלט און מיר קומען אין אזא שטאדט, וואו מע קען דעם באטיקא דיינעם. דו פערשטעהסט צי ניין? וואס טויג מיר זאלסט הייסען ראפאלאוויטש?

—ווי אזוי זשע דענן זאל איך הייסען?

— ווי אזוי דענן זאלסט דו הייסען? את דאס איז דאך טאקי די מעשה, וואס לאזט מיך ניט שלאפען. א גאנצע נאכט ליג איך און טראכט און טראכט, פאלט מיר איין אזא מחשבה: פאר וואס זאלסט דו ניט הייסען מיט א רומענישען נאמען, מיט א „עסקא“, אזוי ווי אלע הייסען דא, אין רומעניע? למשל: מראגולים — מארגולעסקא. חאזאנאוויטש — חאזונעסקא. ראפאלאוויטש— ראפאלעסקא. פערשטעהסט דו, ליובעניו? מיר קומען צו פאהרען אין א שטאדט אריין, לאז איך אפדרוקען גרויסע פלאקאטען: „דאס ערשטע יודיש־רומענישע טהעאטער פון בערנהארד האלצמאן און דער ערשטער יודיש־רומענישער ארטיסט ראפאלעסקא פון בוקארעשט“. ווי געפעלט דיר, מיין טהייער שפיעלפויגעל, אזא מין איינפאל? איא, האצמאך האט אין זיך גוטע געדאנקען? וואס?

פערשטעהט זיך, אז ליבלען איז דער איינפאל זעהר געפעלען, ווי אלסדינג, וואס זיין פריינד האצמאך טראכט צו. און האצמאך אליין איז אזוי צופריעדען מיט זיין המצאה, אז ער חאפט זיין יונ־

גען פריינד פאַר א האַנד און געהט מיט איהם א טענצעל, זינגט אונטער מיט'ן ניגון פון „קאָלדוניע" „האָצמאַך איז א בלינדער", נאָר מיט אַנדערע ווערטער:

„האָלצמאַן — ראַפּאַלעסקאָ !
ראַפּאַלעסקאָ — האָלצמאַן ! "

פון זינט לייבעל קען זיך מיט האָצמאַכ'ען, געדענקט ער איהם תמיד פאַר א לעבעדיגען נפש, וואָס איז קיינמאָל ניט אומעטיג, שטענדיג פריילין, חי־געלעבט, אפילו אין די ערגסטע סאַמע שווערע ביטערע צייטען פון זיין לעבען. גאָר אזוי אויפגעלעגט, ווי ער איז אצינד, האָט ער איהם נאָך קיינמאָל נישט געזעהן. ממש עס שפריצט פון איהם לעבען. ער האָט אזש כמעט אויפגעהערט הוסטען און שעלטען זיך. זעלטען־זעלטען ווען ער לאָזט ארויס א קלל, פון'ם מויל. סיידען אז ער דערמאָנט דעם נאָמען שטשופאַק אָדער שלום־מאיר. דיך מאָלט מוז ער שוין צוזעצען אָדער א „חלירע", אָדער א מיתה־מהומה", אָדער גלאַט א „קרענק"...

— געדענק זשע, מיין טהייער שפּיעלפוינעל, איך הייס שוין מעהר ניט האָצמאַך. איך הייס שוין האָלצמאַן. און דיך רופט מען ווי אזוי ?

— ראַפּאַלעסקאָ. — זאָגט איהם לייבעל.

— אָט אזוי האָב איך דיך ליעב, קאָטעקעל מיינס. געדענק זשע (מיט א ניגון) :

האָלצמאַן — ראַפּאַלעסקאָ !
ראַפּאַלעסקאָ — האָלצמאַן !...

קאַפּיטעל 56.

משנה מקום משנה מזל.

איינמאָל, אין א שענעם אויפדערנאַכט, זענען אונזערע העלדען, האָצמאַך און לייבעל ראַפּאַלאָוויטש, אָדער ווי זיי האָבען זיך שוין א נאָמען געגעבען, האָלצמאַן און ראַפּאַלעסקאָ, געגאַנגען איבער בוקארעשט, שוין ניט „שטודירען קונסט, מוזיק און טהעאַטער", נאָר גלאַט אזוי א ביסעל אויף'ן שפּאַציער. זיי האָבען שוין גענוג אויסגעשטודירט די דאָזיגע שטאָדט. זיי זענען שוין אויסגעווען, ווי זיי האָט זיך געדאַכט, אומעדום, אין אלע ערטער, וואו עס „בליהט מוזיק, קונסט און טהעאַטער". שפּאַציערענדיג, האָבען זיי פערבלאָנזעט אויף דער שענער גאַס „סטראַדאַ פּאָדעמאָגאָשאָי" און דערזעהן פאַר זיך א מורא'דיג גרויסע לאַנטערנע מיט גרויסע עלעקטרישע אותיות :

„פּאַראַדיזאָ".

— פּאַראַדיזאָ — פּאַראַדיז איז, דאַכט מיר, די טייטש גן־עדן ? אפשר וואָלטען מיר זיך אריינגעחאַפּט, ליובעניו, אויף א מינוט אין דעם דאָזיגען גן־עדן אריין ? הא ?

אזוי האָט האָלצמאַן א זאָג געטהאָן צו זיין יונגען פריינד און גאָר ניט אין זינען געהאַט אפילו צו וואַרטען אויף איין ענטפער, וואָרום ביי איהם האָט ער תמיד אלסדינג גע'פועל'ט. ביי לייבעל ראַפּאַלעסקאָ'ן איז האָצמאַך, אָדער האָלצמאַן, א גאָט און האָלצמאַנ'ס וואָרט — א תורה. אוןביידע האָבען זיך אראָפּגעלאָזט אין גן־עדן אריין.

מיר זאָגען „אראָפּגעלאָזט", ווייל אריינטרעטען אין גן־עדן אריין איז ניט אזוי גרינג. איידער מע קומט צו צום גן־עדן מוז מען פריהער דורכגעהען שבעה מדורי גיהנם. קודם ד[illegible]ף מען זיך ריי־וואָהרענען מיט איינטריטס־קוואַרטען — אזוי פיהרט זיך עס אין אלע גן־עדנ'ס, וואָס אויף דער וועלט. נאָכדעם האָבען זיי זיך בעדאַרפט נעמען לינקס, א פּאָאַר טרעפּלעך ארויף, וואו מע גיט אָפּ דעם

שומר דעם איבערראַק מיט'ן שטעקעל און ער הייסט זיך דערפאַר בעצאָהלען. דערנאָך ערשט האָבען זי· זיך ווידער אראָפּגעלאָזט עטליכע טרעפּ אראָפּ און אריינגעטראָטען אין ז' ברייטען, גוט בעלויכטענעם קאָררידאָר, און דאָרטען, אז זיי האָבען בעוויזען די איינטריטס־קאַרטען, האָבען זיך ערשט דעמאָלט געעפענט פאַר זיי די טהויערען פון'ם רעכטען גן־עדן.

אריינגעקומען, האָט זיי א זעץ געטהאָן אין פּנים א העלישע ליכטיגקייט פון א סך עלעקטרישע פיעלפארביגע פייערלעך און זיי האָבען דערזעהען פאַר זיך א הויכעלעגאַנטעס פּובליקום, הערען און דאַמען, זיצען ארום ווייסע מאַרמאָרשטיינערנע טישלעך, עסען און טרינקען און לאכען און פריהען זיך — ווי עס דאַרף צו זיין אין א גן־עדן.

צו דער דאָזיגער פריליכער קאפּעשאַנטאַנער אַטמאָספערע זענען אונזערע העלדען שוין, אייגענטליך, א ביסעל געוואָהנט געוואָרען. דאָך ניט אויף אזוי פיעל, אז זיי זאָלען צוגעהן גלייך צו א טישעל און פערנעמען א פּלאַץ און געבען א קלונג און אויסרופען מיט א ניגון: „קעל — נעער ? ! " ווי עס טהוט איין אמת'ער דזשענטעלמען, א שטענדיגער בעזוכער פון די מקומות... ניט די נייע בגדים זייערע, ניט דיא איבערגעביטענע נעמען האָבען זיי געקאָנט אזוי גיך מאַכען פאַר אוים פּראָווינציאלען. דאָס קליינע שטעדטעל איז זיי נאָך געלעגען אויסגעגאָסען אויף זייערע פּנים'ער גאַנץ נישקשה'דיג און עס האָט זיך געלאָזט הערען ביי זיי אויף יעדען טריט און שריט. וויבאלד אזוי, איז שוין קיין חדוש ניט, וואָס זיי זיינען געבליעבען שטעהן א ווײלע אויף דער טהיר פון גן־עדן, ניט אהין, ניט אהער, בעטראַכט

די העל־בעלויכטענע ווענד, די שען־געמאָהלטע סטעלי, די מיט רויטען כאמעט בעשלאָגענע לאָזשען, די ווייסע מאַרמאָרשטיינערנע טישלעך און ועל כולם — דאָס פריליכע לעבעדיגע העכסטעלעגאַנטע פּובליקום.

— א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין !

— האָט זיך אָנגערופען האָלצמאַן צו זיין יונגען פריינד און האָט שוין חשק געהאַט צוגעהן צו איינעם פון די טישלעך פערהאַפּען א פּלאַץ, האָט אונזער יונגער העלד פּלוצים א חאַפּ געגעבען זיין פריינד ביי דער האַנד און קוים ארויסגערעדט מיט שרעק :

—אַטאַ זענען זיי !...

— ווער ?

—מיין ברודער אנשעל מיט אונזער...

— געה שוין געה, פּי...

האָלצמאַן האָט, אפּנים, געוואָלט זאָגען „פּיפּערנאָטער", ווי זיין שטייגער איז. נאָר אז ער האָט אויפגעהויבען די אויגען אהין, וואו זיין יונגער פריינד האָט איהם אָנגעוויזען, האָט ער דערזעהען גאַנץ בעזונדער אין א ווינקעלע, ביי א טישעל, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט כל־טוב, די צוויי חברה־לייט, וואָס מיר ווייסען. דאָס איז געווען סאַמע אין דעם העכסטאינטערעסאַנטען מאָמענט, ווען אנשעל (ער האָט איהם דערקענט) האָט זיך אזוי ברודערליך ארומגענומען מיט דער בעריהמטער זינגערין מאַריענסקאַ־מילאַנעסקא. און נאָך איינעם האָט ער בעמערקט, עפּיס א בחור מיט א גראָבע ליפּ, וואָס האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען און געקאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

גיך, נאָך גיכער ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלען אין דער פאַנטאַזיע, האָבען אונזערע העלדען גענומען דעם וועג. א

פּינוט צוויי אָדער דריי לערך האָבען זיי גאָר קיין איינציג וואָרט נישט גע־קאָנט ארויסרעדען. עס האָט זיי כמעט אָפּגענומען דאָס לשון. דער גאַנצער כח איז זיי אריין אין די פּיס און עס האָט זיי געטראָגען, וויא אויף גומענע רעדלעך. ערשט אויף דער דריטער גאַס, אז זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט'ן געדיכ־טען גאַס־פּובליקום און האָבען דערזע־הען, אז זיי זיינען שוין אויסער יעדען געפאהר, האָט זיך אונזער האַלצמאַן צע־רעדט גאַנץ בריימליך, ווי זיין שטייגער איז:

— דיין בראַטישעק איז, אַפּנים, א רעכטער קונה? עס מעג שוין א רוח אין דיין עלטערען ברודער'ס טאַטען אריין! און ווער איז אָט אָ יענער בחור מיט די גראָבע ליפּען?

— האָסט איהם ניט דערקענט? — מאכט צו איהם לייבעל ראַפּאַלעסקאָ און עס קלאַפּט איהם א צאָהן אויף א צאָהן.

— דאָס איז דאָך אונזער קאַססיר, "ששון־ושמחה"...

דאָ האָט זיך האַלצמאַן אינסטינקטיוו א טאַפּ געטהאָן ביי דער קעשענע און גענומען ערשט מאכען פּיס.

— א, געהרג'עט זאָל ער דיר ווערען פון א דונער! ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגען, מיין טהייערער שפּילפּויגעל? איך בין גאָר קיין בעלן ניט מיט זיי זיך אָט דאָ צו בעגעגענען... און דו מסתמא אויך?... וויבאלד אזוי, טאָ לאָמיר זיי איבערלאָזען דאָ אין דעם בוקאַרעשט, לאָזען זיי זיך רוהען אין "גן־עדן", און מיר וועלען זיך פאָהרען ווייטער.

— וואוהין?

— וואוהין די אויגען וועלען טראָגען. וויא אין פּסוק שטעהט געשריעבען: משנה מקום משנה פּלעצעל.

— סע שטעהט: משנה מקום משנה מזל. — פעררירכט איהם לייבעל ראַפּאַ־לעסקאָ.

— לאָז זיין אזוי, ווי דו זאָגסט. דער עיקר איז, וואָס מיר דאַרפען אוועק פון דאַנען וואָס פריהער. איך הער זיי אפילו, וויא דעם רב אום חול־המועד פּורים, און דו מסתמא האָסט זיי אויך אין דער ערד מיט די ביינער. נאָר גלאַט אזוי, איך וויל מיך מיט זיי ניט בעגעגע־נען. איך האָב נישט ליעב דיינע האַלצ־נעשטער לייט, גאָט זאָל מיך ניט שטראָ־פען פאר די רעד, פאָלג מיך, ליובעניו, לאָמיר געהן א ביסעל גיכער. אָדער — שא! ווייסט דוא גאָר וואָס? אָט פאָהרט א פיאַקער. לאָמיר זיך געבען א זעץ אריין און איהם הייסען געבען א שמיים דאָס פערדעל, ס'זאָל געהן א גאַנג — א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין!

* * *

נישט שפּעטער וויא אין א פּאָר שעה ארום זיינען אונזערע בראַווע העלדען שוין געזעסען אין וואַגאָן פון א שנעלצוג, וואָס לויפט דירעקט פון בוקאַרעשט קיין בודאַפּעשט. און מחמת יענע נאכט איז געוועזען א קיהלע נאכט און אָנגעטהאָן זענען זיי געוועזען א ביסעל צו זומערדיג, האָט האַלצמאַן ארויסבעקומען זיין בע־קאַנט מלבוש, וואָס ער רופט זי "טענ־דעוווערענדע", און האָט איינגעהילט אין איהר זיין יונגען פריינד לייבעל ראַפּאַ־לעסקאָ:

— נעם דיך ארום, פויגעלע, אָט אזוי, גוט־גוט, א ניט ווערסט דו האַפּען א ציי־טער. ווי אזוי זאָגסט דו, שטעהט געשרי־בען: משנה מקום...?

— משנה מקום משנה מזל.

— א קלוג וואָרט, ווי איך בין א יוד!

— זאָגט האַלצמאַן, האַפּט זיך צו דער בוזעמקעשעני, פערהוסט זיך און שעלט

שטשופּאקען און שלום־מאיר'ען מיט טוידטע קללות.

קאַפּיטעל 55.

געצעל בן נעצעל.

אלע מאָל, ווען ראפאלעסקא דערמאָנט זיך אָן דער צייט, וואָס ער האָט פערבראַכט מיט האָלצמאַנ'ען אויף דער רייזע פון רומעניען קיין אונגארען, און פון אונגארען צוריק קיין רומעניע, און פון דאָרטען אין גאליציע, בוקאָווינא און אנדערע ערטער, שטעלט זיך איהם פאָר אָט דער גאנצער משך צייט, ווי א לאַנגער חלום, א אונענדליכער קאָשמאר, איינגעהילט אין א געדיכטען נעבעל. ער זעהט פאר זיך מעהר ניט ווי נעמען פון שטעדט און שטעדטלעך, נעמען אזעלכע, וואס ער האָט זיי קיינמאָל ניט געזעהען אין חלום אפילו. למשל, ווען האָט ער געהערט אזעלכע נעמען, ווי מוּנקאטש, מאַרמאַראָש, בערעקסאז, אונגוואר, גרויסווארדיין און נאָך כדומה אזעלכע נעמען, וואס ער האָט זיי שוין לאנג פערגעסען? ער געדענקט נור, אז נאָך דיא נעמען געהט א רייהע פון אנדערע נעמען, ווי בראאילא, פיאטרא, גאלאץ, באטאשאן, און נאָכדעם ווייעדער א נייע סדרה פון נעמען: טארנאָוו, טארנאָפּאָל, פשעמישל, קאָלאָמעא, יאראָסלאוו, סטאַניסלאוו, בראָדי, זלאָטשעוו, ראָהאטין, סיניאטין, הוסיאטין, בוטשאטש, קראָקאָ און לעמבעריג.

פון די אלע אויסגערעכענטע שטעדט איז ביי אונזער יונגען העלד פערבליעבען אין זכרון נור איין לעמבעריג איבער דעם ווייל אין'ם לעמבערגער יודישען טהאטער האָט ער געהאט בעגעגענישען און בעקאנטשאפטען, וואָס האָבען געשפּיעלט א וויכטיגע ראָלע אין זיין לעבען אלס ארטיסט און אלס מענש און געמאכט אין איהם איין איבערקעהרעניש.

דער לעזער וועט אויף אונז, האָפענטליך, קיין פּאראיבעל ניט האָבען דערפאר, וואָס מיר וועלען זיך אויף דעם לעמבערגער יודיש'ען טהעאטער אָפּשטעלען א ביסעלע לענגער אלס אויף אלע אַנדערע יודישע טהעאטערס. ווייל דאָס לעמבערגער יודישע טהעאטער איז ניט גלייך צו אלע אַנדערע. דאָס לעמבערגער יודישע טהעטאער איז א טהעאטער מיט א „חזקה", וואָס געהערט צו איינעם עפּיס א בן־אָדם מיט'ן נאָמען געצעל בן געצעל.

דער דאָזיגער געצעל בן געצעל בערימט זיך, אז דאָס לעמבערגער טהעאטער האָט ער גע'ירש'ענט פון זיין טאטען, און זיין טאטע האָט דאָס — אזוי זאָגט ער — בעקומען במתנה פון'ם קייזער פראנץ יאָזעף, בעת ער איז דורכגעפאָהרען לעמבעריג. ווילט איהר גלויבען — גלויבט. אניט — איז ווי איהר ווילט אייך. איין זאך איז קלאָר ווי דער טאָג, אז אין לעמבעריג איז דאָ נור איין יודיש טהעאטער און איין דירעקטאָר, געצעל בן געצעל — און, אנו, לאָז עמיצער פּרובען אריינשטעלען א פוס, קומען מיט א טרופּפּע צו איהם אין זיין לעמבערג! עס האָבען זיך שוין געפונען אזעלכע בעלנים, וואָס זענען געקומען אהער מיט זייער „חדר" אויף גאסטראָלירען, האָבען זיי אָפּגעשניטען אזוי מיאוס, אז זיי וועלען פערזאָגען קינדס קינדער, אז זיי זאָלען פאָהרען אומעדום, נאָר נישט קיין לעמבעריג. געצעל בן געצעל האָט זיי שוין דערצעהלט דעם פּסוק... ער האָט זיי געגעבען צו פערשטעהן דעם שכל, וואָס הייסט „חזקה", „מאָנאָפּאָל"... און וויבאלד אזוי, אז

מע שמועסט לשון „מאַנאָפּאָל" — איז דאָך נישט שייך, מעג דאָך געצעל בן געצעל טהון מיט'ן טהעאטער, וואָס ער וויל. קיין עצות פרעגען, דאַנקען גאָט, דאַרף ער ניט ביי קיינעם און ביי'ם פּובליקום אודאי ניט. וואָס ווייסט דאָס יודישע פּובליקום, משטייגסגעזאָגט ? „דער עולם איז א גולם", און מע מעג איהם געבען קייען שטרוי... אזוי זאָגט געצעל בן געצעל, און ער האָדעוועט דעם עולם צום מיינסטען מיט יענעם מין האַרצרייסענדע דראַמען און ריהרענדע טראַגעדיעס, וואָס רופען זיך אָן מיט משונה־מאָדנע נעמען, ווי למשל: „שמינדער בגעץ אויף'ן אויטאָדאַפע". „די בלוטיגע אינקוויזיציע אין סאַ־ביעטצקי'ס צייטען". „איזאבעלא, צע־רייס מיר דעם סטאַן". וכדומה אזעלכע דראַמאַטישע פּערלען, פּערפּאַסט צוויי־שען טאָג און נאַכט פון אזעלכע מזי־קים, ווי שטשופּאַק מיט זיין פליגעל־אַדיוטאַנט שלום־מאיר.

געצעל בן געצעל האַלט ניט פון דעם נייעם רעפּערטואַר און פון מאָדערנע דראַמאַטען, ווי למשל: די גאָלדענע מדינה א בלוטיגע טראַגעדיע". „חורבן בית המקדש א דראַמאַטישע אָפּערעטע" „על נהרות בבל א קאָמעדיע מיט געזאַנג און מיט טענץ". וכדומה אזעלכע ערנס־טע זאַכען. ערשט גאָר אין דער לעצטער צייט האָט ער אָנגעהויבען געבען א מאָל א ליטעראַרישע פּיעסע, ווי למשל: „חינקע פּינקע". „שלמה גאָרגעל". „שפּרינג אין בעט". „וועלוועלע עסט קאַמפּאָט". נישט אלע מאָל אָבער קאָן מען שטעלען ליטעראַרישע פּיעסען. מע טאָר א יודען ניט באַלעווען. וואָס מע זאָל איהם ניט געבען, וועט ער לעקען די פינגער ווי פון עפּיס רעכטס, פּאַטשען בראַוואָ און איינלעגען די וועלט.

א טעות האָט יענער, וואָס מיינט, אז לעמבעריג איז א הפקר־שטאָדט און גאַ־ליציע איז נישט קיין מדינה. פאַרהאַן, דאַנקען גאָט, אומעדום אָן עפענטליכע מיינונג. פאַרהאַן איין אויג, וואָס קוקט פאַרהאַן שוין היינט א קריטיק. פאַר־האַן יודישע צייטונגען, וואָס פיהרען א קאַמפּף מיט דעם דאָזיגען געצעל בן געצעל און שרייען גוואַלד, פאַר וואָס ער „וועקסעלט ניט דעם רעפּערטואַר" ? פּערדריסט דאָס איהם. געצעל בן געצעל, פערשטעהט איהר מיך, האָט פיינט, אז מע שרייבט וועגען איהם אויף'ן בלאַט. זאָגען מעגט איהר אויף איהם וואָס אין דער קאַרט. איהר מעגט איהם אפילו שעלטען אין טאַטען אריין פאַר א מאָה יודען. נאָר נעמען און בעשרייבען איהם אויף דיא גאַזעטען, אָפּדרוקען אין בלאַט — סכנת נפשות ! פאַר אזעלכע זאַכען ברעכט מען די ביי..ער. ניט ער אליין. ער האָט שוין אזעלכע „פּאַטריאָ־טען", וואָס וועלען געהן פאַר איהם אין פייער און אין וואַסער...

פון דעסטוועגען פּאַרדערט פון אונז דער אמת, מיר זאָלען מודה זיין, אז געצעל בן געצעל האָט זיך איין מאָל אָפּגערופען אויף'ן „קול פון דער פּרע־סע" און האָט געלאָזט אָפּדרוקען א בריעף אין די צייטונגען: „היות ווי דיא פּרעסע פּאָרדערט פון איהם דורכ־אויס א נייעם רעפּערטואַר און קיין פּיע־סען איז ניטאָ, על־כן לייגט ער פאַר זיי־נע קריטיקער, אנשטאָט דעם זיי זאָלען קריטיקען זיין טהעאטער און זיך אָנ־פּרעגען אויף סקאַנדאַלען, זאָלען זיי זיך בעסער נעמען צו דער ארבייט און אָנ־שרייבען עפּיס רעכטע נייע פּיעסען פאַר זיין טהעאטער, און אויב זיי וועלען זיין פּיעסען וואָס פּיעסען הייסט, וועט ער זיי אויפנעמען מיט דאַנק און וועט נאָך

בעצאָהלען אויך. ער מיינט נישט חלילה אומזיסט“... און חאָטש דאָקטוירים האָבען אָנגעזאָגט דעם דאָזיגען דירעקטאָר, אז ער זאָל זיך ניט צוריהרען צו דער פעדער, פון דעסטוועגען איז דער בריעף געווען אונטערגעשריעבען מיט'ן פולען נאָמען: „געצעל בן געצעל“. און עס האָבען זיך געפונען אזעלכע נאאיווע מענשען, וואָס האָבען געגלויבט, אז דאָס האָט דער דירעקטאָר אליין אָנגעשריבען, און דער דירעקטאָר אליין איז אויך געווען צווישען די, וואָס האָבען געגלויבט, אז דאָס האָט ער אָנגעשריעבען דעם בריעף.

קאַפּיטעל 56.

אַ מבול פון נייע פיעסען

מע קאָן זיך קוים פאָרשטעלען, וואָס פאַר א רעש דער אויפרוף פון געצעל בן געצעל האָט אָנגעמאכט אין געוויסע קרייזען. פאַר דער פרעסע איז יענער טאָג געווען, קאָן מען זאָגען, א יום־טוב. א קלייניגקייט! דער כח פון א געדרוקט וואָרט איז טאקי ניט אָפּצושאַצען, אז עס האָט געקאָנט ברעכען אזא איין אייזערנע וואנד, ווי געצעל בן געצעל! און די פרעסע האָט א ביסעל צעבלאָזען דעם אינצידענט, אָנגעוואַרעמט דעם עולם, אונטערגעגעבען היטץ אלע שרייבערס, מע זאָל זיך נעמען צו דער ארבייט עפּים שאַפען פאַר דער יודישער ביהנע, זיי דערמאַנט, אז „אין די פירות פון דעם פאָלקסגייסט הענגט אָפּ דער שטאָלץ פון דער אומה“... „נאַציאָנאַל־קולטורעלע ווערטהזאכען“... וכדומה אזעלכע הויכע שענע ווערטער. און אויסגעלאָזט מיט'ן געוויסען אויפרוף פון נאפּאָלעאָן באָנאַפּארט צו די עגיפּטישע פּיראַמידען...

דאָס איז אָבער געווען, דאַכט מיר, איין איבעריגע זאך. די שרייבערס האָבען זיך שוין במילא אָנגעוואַרעמט נאָך פריהער, און מע האָט זיך אוועקגעזעצט שרייבען פיעסען מיט'ן גאַנצען חשק און מיט'ן גאַנצען ברען, וואָס איז בעקאַנט נור דעם, וואָס האלט א פען אין האנד.

איין שטיקעל חסרון איז דאָ געווען, וואָס פאַר דער ארבייט האָבען זיך א נעם געטהאָן ניט נור מענשען פאַכלייט, ניט נור אויסגעשפּראָכענע ליטעראַטען, אָדער גלאַט יונגע לייט משכילים, איידעמס, וואָס זיצען אויף קעסט, נאָר ווילד־פרעמדע בעלי־מלאכות. למשל, שניידערס און שוסטערס האָבען אַפּגעלעגט שער און אייזען און האָבען זיך גענומען צו דער פען. דאָס איז שוין געווען, לאָזען זיי מיר מוחל זיין, פון זייער זייט א שטיקעל עולה. ווארום אויף וויפיעל אונז איז בעוואוסט, האָבען זיך אונזערע קאָללעגען דיא שרייבערס נאָך קיינמאָל ניט מתקנא געווען אין אנדערע בעלי־מלאכות. און ס'איז נאָך ניט געווען, דאַכט מיר, דער פאַל אין דער וועלט, אז אונזערער א פאַכמאַן, א דיכטער אָדער א דראַמאַטורג, זאָל אוועקלעגען די פעדער און זיך נעמען צו דער נאָדעל אָדער צום האַמער, און אָנשטאַט נאָוועלען און דראַמאַטען זאָל ער גאָר נייהען, איך בעט איבער אייער כבוד, א פּאָר תחתונים אָדער שטיוועל. סיידען אויב פון געבוירען איז זיין בערוף שניידעריי אָדער שוסטעריי...

ווי אזוי די מעשה זאָל ניט זיין, צי אזוי, צי אזוי — עס איז אין'ם לעמבעריג געוואָרען א גערעט אויף דראַמאַטורגען. עס האָבען זיך אין א גאַנץ קורצער צייט געגעבען א גאָס פּיעסען — דראַמאַטען, קאָמעדיעס און וואָדעווילען **— א מבול פון פּיעסען, שטילערהייד,**

בסוד סודות איינס פון דאָס אנדערע, האָט מען אָנגעהויבען טראָגען פּיעסען צום דירעקטאָר פון יודישען טהעאטער, געצעל בן געצעל.

געצעל האָט זיי אַלעמען אויפגענומען זעהר פריינדליך, בעשטימט יעדען בעזונדער א צייט אויף צו קומען אין טהעאטער אריין פאָרלעזען דאָס שטיק פאַר דער גאַנצער קאָמפּאניע אקטיאָרען, וויא דער מנהג איז אויף דער גאנצער וועלט.

אמת, געצעל'ס קאָמפּאניע איז ניט געוועזן אַזוי בעהאוונט אין דער קונסט פון פּיעסען און קיין נאָהינטע שמעלקעם מיט דער ליטעראטור האָבען זיי זיך קיינמאָל נישט אָנגעקעהרט. דערפאר איז דאָס אָבער געוועזן א חברה פון פרייליכע יונגען, איינס און איינס. ביי פרייהער צייט האָבען זיי שטארק ליעב געהאט מאכען א "יונס", דאָס הייסט, אריינגעמען א יאָלד אין קאָהן אריין, לצ'עווען, זיך לוסטיג מאַכען, ארומשטעקען איהם מיט פעדערען פון קאָפּ ביז פּיס.

איצט האָט זיי גאָט צוגעשיקט א שטיקעל ארבייט. אַלע מאָל, ווען א מחבר האָט געבראכט צוטראָגען א נייע פּיעסע, האָט איהם דער דירעקטאָר געצעל בן געצעל פאָרגעלייגט, ער זאָל זיא פאָרלעזען הויך פאַר אלע שוישפּיעלער. און בכדי אלע זאָלען קאָנען הערען ווי עס געהער צו זיין, האָט מען דעם פערפאסער אוועקגעזעצט איינעם אליין אויבענאָן אויף דער ביהנע, בעלייכט מיט לאָמפּען, און דיא חברה אקטיאָרען האָבען זיך צונויפגעקליבען אלע אין א לאָזשע אין דער פינסטער און האָבען צו איהם פון דאָרטען אלע מאָל געזאָגט, ער זאָל לייענען העכער. פערשטעהט זיך, אז דער אָרעמער אויטאָר האָט אַזוי לאנג געשריגען ביז ער איז הייזעריג געוואָרען שרייענדיג, און ערשט אז ער האָט געענדיגט דאָס לייענען, האָט ער זיך ארומגעקוקט, אז ער האָט די גאנצע צייט געלייענט פאר דיא פיער ווענד, ווארום די חברה אקטיאָרען מיט'ן דירעקטאָר געצעל בן געצעל זענען שוין לאנג געוועזן ערגיץ ווייס איך וואו און רוהיג זיך געשפּיעלט אין "טערטעל מערטעל".

אָט צו דעם דירעקטאָר געצעל בן געצעל האָט דאָס אָנגעשפּארט אונזער נייער דירעקטאָר האָלצמאַן מיט זיין קליינער טרופּפּע, וואָס איז בעשטאנען פון עטליכע יונגלעך, און צווישען זיי אויך אונזער לייבעל ראפאלאָוויטש, וואָס האָט שוין געשפּיעלט צו יענער צייט "שטארקע ראָלען" אונטער זיין נייעם נאָמען "ראפאלעסקאָ".

קאפּיטעל 57.

צוויי דיפּלאָמאַטען

נאָך דער ערשטער אאודיענץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען די צוויי דירעקטאָרען, בערנהארד האָלצמאן און געצעל בן געצעל, האָט האָלצמאַן באלד געזאָגט, אז אָט דער "יאָקעל בן פלעקעל" (אַזוי האָט ער איהם א נאָמען געגעבען) מעג זיין די כפרה פאר שטשורפּאק'ס מינדסטען נאָגעל. ער האָט זיך מודה געוועזן, אז זינט ער לעבט האָט ער נאָך אזא דעמב נישט בעגעגענט. איבערטראָגען לעמבעריג אויף איין אַנדער אָרט איז א סך גרינגער וויא עפּיס פועל'ן ביי אָט דעם פּיפּערנאָטער.

האָלצמאַן אליין איז אָבער אויך א גוטער עקשן. עס איז איהם שוין געגאנגען ניט אַזוי אין פּרנסה, וויא אין דער

אמביציע. ער האט זיך איינגעשפאר איין מאל פאר אלע מאל, אז לעמבעריג מוז זעהן זיין טרופפע חאטש איין און איינציג מאל. אוועקפאהרען פון דאנען אהן איין פארשטעלונג — דאס האט האלצמאן נישט געקענט איבערטראגען. און ער האט זיך געלאזט פרעסען פון אט דעם דאזיגען דעמב. דעם עקספלואטאטאר, איינגעאנגען מיט איהם אויף אזעלכע קאנדיציעס, וואס מיט איין אנדערען וואלט ער דאס נישט געטהאן אין קיין פאל, סיידען ער זאל פריהער אראפ פון זינען.

אז דער קאנטראקט אויף דיא ערשטע דריי ספעקטאקלען איז שוין געווען אונטערגעשריעבען פוןביידע צדדים און מע איז געגאנגען אין א „רעסטאוראציע“ עפים נעמען אין מויל אריין, האט האלצמאן א פרעג געגעבען ביי געצעל בן געצעל גאנץ ערנסט:

— זאגט מיר, מיין טהייערער יאקעל בן פלעקעל, טרעפט זיך ניט א מאל ביי אייך אין לעמבעריג זאל פערבלאנזען צו אייך צו־גאסט דיא חלירע?

— ביז אהער האט גאט אויסגעהיט. וואס איז דענן?

— שאדע. עס וואלט געקאנט זיין חאטש א שטיקעל האפנונג, מע זאל אמאל אייערער פטור ווערען...

פון דעסטוועגען מאכט ניט אויס. מע איז געקומען אין א יודישע „רעסטאוראציע“ אויסגעטרונקען צו גלעזלעך גוטען „שליוואוויץ“ און גאנץ פיין פערביסען מיט געגזענע לעבערלעך און מיט עפים נאך און פעררויכערט צו ביליגע ציגארלעך „טראפיק“, און ביידע דירעקטארען האבען זיך אונטערגעהאלטען גאנץ פריינדליך, נאר אז ס'איז געקומען צום בעצאהלען פאר'ן פריהשטיק, האט זיך געצעל בן געצעל א חאפ געגעבען בלומרשט, אז ער האט ניט ביי זיך קיין איינציגען העלער אפילו און האט זיך פאוואלינקע געוואלט ארויסגליטשען פון דער רעסטאוראציע. האט איהם האלצמאן אפגעהאלטען:

— פאני פיפערנאטער! למאי זאלט איהר זיך מטריח זיין? א דירעקטאר, וואס האט מאנאפאל אויף א יודיש טהעאטער אין א דייטשער שטאדט, פאסט נישט, ער זאל געהן אויף דער הינטערטהיר.

נישט נור מיט ווערטער אליין איז איהם האלצמאן דערגאנגען די יאהרען. האלצמאן האט געוואוסט, אז נאך זיין ערשטען גאסטראל וועט ער מיט זיין ראפאלעסקא דערלאנגען אט דעם מאנאפאל־דירעקטאר א טוידטקלאפ, אז ער וועט איהם האבען צו געדענקען. און האלצמאן האט קיין טעות נישט געהאט.

אזוי ווי אומעדום, אזוי אויך אין לעמבעריג, האט זיין ראפאלעסקא מיט'ן ערשטען ארויסטריט געגומ־ן דעם עולם אויף זיכער. דאס לעמבערגער פובליקום, וואס איז ניט אזוי שטארק ווייט אוועק פון'ם האלענעשטער פובליקום, האט זיך ניט געקאנט אפגעבען קיין דין־וחשבון, מיט וואס, אייגענטליך, האט דא אויסגענומען אט דער ראפאלעסקא? דאכט זיך, אזוי פראסט, אזוי איינפאך, א גאנץ געוועהנליכער אקטיאר, אהן געזאנג, אהן טענץ, נאר מיט ריינע ווערטער, און אזוי רוהיג, בנעימות'דיג־שטיל — און דאך נישט ווי געוועהנליך! יעדער טראט, יעדער ריהר, יעדעם ווארט זיינס איז אזוי נאטירליך פראסט, און רעדען רעדט ער גאר ניט ווי אויף דער סצענע, גאר נימ

ווי איין אקטיאָר, נאָר ווי יעדער איינציגער ווי איך מיט אייך, און דאָך — א מאָדנע זאך דאָס איז! — ווילט זיך זעהען נור איהם און הערען נור איהם, ווארום די אלע איבעריגע זעהען אויס קעגען איהם, ווי ליאלקעס, מאנעקענען, לעבעדיגע שטעקענס.

— ווער איז ער, אָט דער שלאק?

— ווייסט איהם דער גוטער יאָהר! עפּיס א ראפאלעסקא פון בוקארעשט.

דאָס איז געווען דעם ערשטען אויפ־דערנאכט. דעם צווייטען איז דאָס טהעאטער געווען פול געפּאקט און צום דריטען ספּעקטאקל איז שוין נישט געווען צו קריעגען קיין בילעטען און מע איז געשטאנען קאָפּ אויף קאָפּ, אזוי אז געצעל בן געצעל אין שוין נאָכגעגאנגען האָלצמאנ'ען פּיס־טריט און קוים איינגעבעטען איהם, ער זאָל איבערבלייבען מיט זיין טרופּע חאָטש אויף נאָך דריי גאסטראָלען.

עס איז מעהר ווי זיכער, אז ביידע דירעקטאָרען האָבען געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערען איינס פון'ם אנדערען. האָבען זיי אָבער, ווי צוויי עכטע דיפּלאָמאטען, געהאט יעדער בעזונדער איין אנדער מיין אויף אָפּצונארען, בעשווינדלען און אָנטהאָן איינער דעם אנדערען א ספּאָדיק. דאָ איז געווען א אינטריגע אויף א אינטריגע, ווי מיר וועלען דאָס באלד ארויסזעהען.

קאַפּיטעל 58.

הענריעטא שוואַלב.

עס איז נאָר נישטאָ וואָס צו וואונדערען זיך און ס'איז גאנץ נאטירליך, וואָס דער דירעקטאָר פון'ם לעמבערגער יודישען טהעאטער האָט געוואָרפען איין אויג אויף אונזער ראפאלעסקא'ן און שטארק חשק געהאט אריבערשמייכלען דאָס דאָזיגע גאָלדענע היהנדעלע צו זיך אין געשעפט אריין. צוזעהענדיג, ווי דאָס נארישע פּובליקום ציהט איינס נאָך דאָס אנדערע ווי די שאָף צו איהם אין טהעאטער אריין און צאָהלט די בלוטיגע העלערס פאר איין מאָל זעהען און הערען אָט דעם פּוסטען בחור, האָט דער געצעל בן געצעל בעדארפט זיין שטארקער פון אייזען. איהם האָט געקרענקט יעדער גולדען, וואָס די קאססע האָט געליזט, חאָטש דריי פיערטעל פדיון האָט געהערט צו איהם, צו געצעל בן געצעל. ווי א גזלן איז ער געזעסען ביי דער קאססע און צוגעקוקט, ווי דער עולם איז משוגע געוואָרען און שלאָגט זיך פאר איינטריטס־קארטען — טאָמער ווייסט איהר וואָס?... און אז ס'איז שוין אויסגעפערקויפט געוואָרען אלץ פּלעצער מיט אלע רעזערוו־שטוהלען און דאָס טהעאטערעל איז שוין איבערפול, ווי עופות אין א שטייג, אויף דערשטיקט צו ווערען — דעמאָלט איז אונזער געצעל בן געצעל אויך א בעלן אויף א טשיקאַוועסט זעהען, מיט וואָס נארישע יודען קוויקען זיך. און ער חאפּט א קוק אריין פון הינטער די קוליסען און ער זעהט פאר זיך ווידער א מאָל נור די נארישע יודען, וואָס לעקען די פינגער, וואָס קוועלען אָן און פּאטשען בראוואָ, ער ווייסט נישט פון וואָס. און עס דרעהט זיך איהם דער קאָפּ. נישט פון דעם שפּיעלען — דאָס שפּיעלען זעהט ער גאָר ניט: נאָר פון'ם געפּאקטען זאל. און עס פערחאפּט איהם דער אטהעם. זינט ער איז דירעקטאָר, געדענקט ער ניט ביי זיך אזא פול הויז... און אויב דאָס איז טאקי נור צוליעב אָט דעם בחור'על פון בוקארעשט, דארף מען זעהען איהם אוועקנעמען צו זיך גאָר אַהין

א שום תירוץ... נאָר וויא אזוי מאכט מען דאָס? צוטרעטען צו איהם גלייך און אָנזאלצען איהם א מקח, אז דער רוח זאָל איהם נעמען! — איז טאָמער נעמט אזא שמוינער און דערצעהלט עס פאר זיין דירעקטאָר, קאָן ארויס דערפון נור א סקאנדאל. א רעכטע קליפּה אָט דער האָלצמאַן. אריינפאלען צו איהם אין מויל אריין איז ער קיין בעלן ניט... ניין, געצעל בן געצעל האָט א פּלאַן: ער וועט שיסען דורך איין אנדערען, דורך זיין נייע פּרימאדאָנא — העגריעטא שוואלב.

ווער איז געוועזן אָט דיא העגריעטא שוואלב און די געשיכטע, ווי אזוי זי איז געוואָרען א פּרימאדאָנא — קאָן דערצעהלט ווערען אין גאנץ קורצע ווערטער:

איינמאָל האָט דער דירעקטאָר געצעל בן געצעל בעמערקט ביי זיך אין טהעאטער איין איינפאך געקליידעט מיידעל מיט א "פּרעכטיגע טאַליע און מיט א מאיעסטעטישע פיגור". אזוי האָט זיך אויסגעדריקט דער דירעקטאָר אליין און האָט גענומען נאָכקוקען נאָך'ן מיידעל: א נייטאָרין ניט קיין נייטאָרין, א פּאָקאָוועע ניט קיין פּאָקאָיעווע — נאָר שען איז זי ווי די וועלט.

— ווען איך בעקום אָט דאָס מיידעל צו זיך אין טהעאטער אריין, מאך איך זי פאר א פּרימאדאָנא. — האָט געצעל א זאָג געטהאָן צו איינעם פון זיינע פּאטריאָטען — אפשר וואָלסט דו געוואָהר געוואָרען, וואו דיענט זי?

— אָט די יפהפיה? — האָט איהם יענער געענטפערט. — וואו זי דיענט וויים איך נישט. נאָר דעם ברודער איהרען קען איך. שוואלב הייסט ער. חיים־איציק שוואלב. ער איז א ציגארניק, טראָגט ארום ציגארען צו פערקויפֿין.

— אָט אָ יענער יאָלד מיט'ן רויטען פּרצוף? סטייטש, איך האָב דאָך איהם ערשט יענע וואָך אויסגעפּאטשט און ארויסגעוואָרפען פון טהעאטער, ער זאָל ניט האָבען קיין טבע קריכען הינטער די קוליסען און מכבד זיין די אקטריסעס מיט סיגארעטלעך בעת מע דארף אין זינען האָבען דאָס שפּיעלען.

— וואָס זשע מאכט דאָס אויס? אויב איהר ווילט, קאָן איך מיט איהם א רעד טהאָן.

— מהכתיתי, רעד, נאָר אזוי, אז ער זאָל זיך ניט הייסען אָנמעסטען. דו פאַרשטעהסט, וואָס מע רעדט צו דיר?

— וואָס דענן, איך פערשטעה ניט? וואָס בין איך, עפּיס א דראָנג?

נאָך דעם דאָזיגען שמועס איז העגריעטא שוואלב (דעמאָלט האָט זי נאָך געהייסען פּשוט יענטעל) געבראכט געוואָרען צום דירעקטאָר געצעל אהיים. איהר ברודער, חיים־איציק שוואלב, האָט נאָך די פּעטש, וואָס ער האָט געחאפּט פון'ם דירעקטאָר, מורא געהאט איינצושטעלען, האָט ער אויף צו פריהער געשיקט די שוועסטער, און אליין איז ער געבליעבען אין דרויסען.

דאָס איז געוועזן ביי טאָג נאָך'ן שלאָף, האָט זי דער דירעקטאָר אויפגענומען א באָרוויסער און געבעטען זיצען, האָט זי ניט געוואָלט. זי קאָן באשטעהן. האָט ער זיא געפרעגט: "וואו דיענט זי?" האָט זי זיך בעריהמט, אז זי האָט זעהר א גוטע שטעל. " א גוטע און א גרינגע". "וויפיעל נעמט זי?" נעמען נעמט זי סך־הכל פופצעהן גולדען א מאָנאט אחוץ וועש. פאר'ן וועש האָט זי אחוץ צעהן גולדען. היינט פאלט איהר צו פון דער זייט אמאָל פיער און א מאָל זעכס און א מאָל אלע זיעבען.

— וויפיעל זשע מאכט דאָס אינאויינעם ?

— בארעכענט.

דער דירעקטאָר מיט די באָרוויסע פיס האָט זיך אויפגעהויבען זוכען א בליישטיפט מיט א שטיקעל פאפיער. ער האָט געוואָלט בערעכענען, וויפיעל דאָס מאכט, האָט ער נישט געקאָנט געפינען ניט קיין בליישטיפט, ניט קיין שטיקעל פאפיער. האָט ער זיך מיישב געווען און האָט זי א פרעג געגעבען, וואָס וואָלט געווען, למשל, ווען מע לייגט איהר פאָר לכתחילה א פופציגער א מאָנאט ? האָט זי איהם דערויף געזאָגט, אז פופציג גולדען איז א שענער געהאלט. עס ווענדעט זיך אָבער, וואָס פאר איין ארבייט?

— קיין שום ארבייט, נאָר שפיעלען טהעאטער. וויא אזוי רופט מען אייך ?

— ווענען א ו נ ז ? מיך מיט מיין ברודער ?

— ניין. אייך, אייך אליין.

— מיך אליין ? מיך רופט מען יענטעל און מיין פאמיליען נאָמען איז שוואלב.

— יענטעל ? פע ! וואָס פאר א נאָמען יענטעל ? — ענטעל ?... הענריעטא איז פיעל שענער. הענריעטא שוואלב. איהר האָט, דאכט זיך, א ברודער ? וואו איז אייער ברודער ?

— ער איז אין דרויסען, אָט דאָ ביי דער טהיר.

— א ?.... שיקט איהם אריין אהער צו מיר. זאָגט איהם, אז איך בעט איהם, ער זאָל ארייגקומען. מיר וועלען שוין דאָ מיט איהם דורכקומען.

קאפיטעל 59.

חיים־איציק שוואלב

דער דירעקטאָר געצעל בן געצעל האָט געהאט א גרויסען טעות, געמיינט, אז ער וועט מיט יענטעל'ס ברודער אזוי גיך דורכקומען. חיים איציק שוואלב האָט זיך ארויסגעוויזען פאר א נפש, וואָס ניט אזוי גרינג קען מען איהם איינבייסען. און דערצו איז געווען נאָך א צרה : עס האָט דעם ציגארענטראָגער פון תמיד אָן געצויגען צום טהעאטער. געהט זייט א נביא, אז אין אָט דעם דאָזיגען גראָבבייכיגען און קורצפיסיגען חיים איציק שוואלב זיצט פערבאָרגען איין ארטיסט. געהט טרעפט, אז אין אָט דעם רויטען פנים לייכט זיך אָפּ איין איידעלע נשמה, וואָס געהט אוים נאָך טהעאטער, נאָך מוזיק און נאָך אלעס, וואָס איז שעהן... ניט אומזיסט האָט אָט דער ציגארענטראָגער שטענדיג געוויקט הינטער דיא קוליסען, אוועקגעשענקט דיא אקטיאָרען דעם לעצטען צעהנדלינג סיגארעטלאך, מע זאָל איהם לאָזען שטעהן האָטש האפען א קוק פון דער ווייטען, וויא מע שפיעלט טהעאטער. מע קאָן גאָר קיין מענשענס נשמה ניט וויסען און נישט אלע מאָל טאָר מען אפּשאצען א מענשען נאָכ'ן פנים.

אז חיים־איציק שוואלב האָט דערהערט פונ'ם דירעקטאָר געצעל בן געצעל, וואָס מע פערלאנגט פון זיין שוועסטער, האָט ער זיך געזאָגט :

„אצינד איז געקומען די צייט“... און ער האָט זיך אָנגענומען מיט־הארץ און האָט איהם אוועקגעשטעלט א הארבען פונקט : „מיט דעם תנאי גיט ער איהם אָפּ דיא שוועסטער פאר איין אקטריסע, אויב ער נעמט איהם צו פאר איין אקטיאָר“.

וואָס פאר אן אקטיאָר זענט איהר מיט אזא פנים ?

חיים־איציק׳ען האָט זיך אָפּגעריסען אין הארצען. איהם האָט ניט איינער געזאָגט, אז ער האָט א פּנים פון א „וואגאבונד״ און אויגען ווי ביי א פעלד־גזלן. האָט ער אראָפּגעלאָזט די אויגען אראָפּ און א פרעג געטהאָן שטיל:

— וואָס פאר א פּנים האָב איך דען?

— א פּנים פון א... איך וויים אליין ניט וואָס.

חיים־איציק שוואלב האָט אָפּגע־זיפצט:

— געה איך דען אזוי ארום אויף דער ביהנע? מע וועט דאָך מיך גריי־מירען (דער ציגארענטראָגער האָט אויפגעהויבען די אויגען אויף׳ן דירעק־טאָר). איהר מיינט, איך בין ניט קלאָר אין די זאכען? איך האָב שוין אמאָל געשפּיעלט אויך.

— וואו האָט איהר געשפּיעלט?

— וואו איך האָב געשפּיעלט? מיט די פּורים־שפּיעלער האָב איך גע־שפּיעלט. דאָס הייסט, איך שפּיעל היינט אויך, אז עס קומט פּורים. אנו, לאָז עמיצער פּרובען געבען אזא המן, ווי איך!

חיים־איציק׳ס גזלנ׳ישע אויגען האָ־בען זיך אָנגעצונדען. נאָר דער דירעק־טאָר געצעל שלאָגט איהם איבער אויף דער גיך:

— סע קאָן זיין. סע קאָן זעהר זיין. נו, און מיט׳ן טרעמבאך וואָס וועט זיין?

חיים־איציק האפּט א קוק אויף זיין אייגענעם גראָבען בויך מיט די קורצע פיס:

— וועל איך מיך אונטערבינדען, איינציהען. איהר מיינט, איך וויים שוין גאָרניט? איך האָב געזעהען ביי אייך הינטער די קוליסען דאָס אייגענע, וואָס ביי אונז פּורים־שפּיעלער...

דעם דירעקטאָר געצעל בן געצעל שטעהט ניט אָן די מעשה, וואָס מע פערגלייכט די קוליסען פון זיין טהעא־טער צו פּורים־שפּיעלער, שלאָגט ער איהם איבער:

— נו, און מיט דער שפּראך וואָס וועט איהר טהון?

— דאכט זיך, ביי מיר איז א שפּראך ווי ביי אלע מענשען.

— עס דאכט זיך אייך אזוי. איהר זאָלט האָטש ניט פּייפען.

— ווער פּייפט? איך פּייף דען?

— ווער דען פּייפט? איך?

— גלאט, איהר טשעפּעט זיך (דער ציגארענטראָגער האָט זיך אויפגעהוי־בען מיט א מורא׳דיג רויט פּנים). זייט זשע מיר געזונד און שטארק. ווייבאלד איך טויג אייך ניט פאַר אן אקטיאָר, איז אייך מיין שוועסטער ניט קיין אקט־ריסע.

עס האָט ניט געהאָלפען קיין שמע־ישראל. דער דירעקטאָר געצעל בן געצעל האָט זעהר געוואָלט זיין שוועסטער פאַר איין אקטריסע און ער האָט גע־מוזט אריינגעמען זי מיט איהר ברודער דעם ציגארענטראָגער, און ער האָט זיך געקויפט מיט זיי, ווי מע זאָגט, ליכע־נע מפטיר. מילא, הענריעטא, אז זי האָט ניט ארויסבעוויזען אזוי גיך קיין בעזונ־דערע פעהיגקייטען צו דער ביהנע און קיין אויסגעשפּיעלטע שטימע האָט זי נאָך אויך ניט געהאט, — האָט זי האָטש „א פערעכטיגע טאַליע מיט א מאיעסטעטישע פיגור״. אבער וואָס טהוט מען מיט אזא שיים האָלץ, ווי אָט דער ציגארניק? וואָלט ער האָטש וועלען זיין א גולם, א סטאטיסט אין טהעאטער, איז נעמט איהם דער קאָרעק. וועט ער קאָסטען דאָרטען די צעהן גול־דען א וואָך צוליעב דער שוועסטער.

ציהט עס איהם אָבער דוקא צום עמוד, דוקא אויף דער ביהנע און דוקא אין די בעסטע סאמע טראגישע ראָלען. נאָר וואָס טהוט מען ניט צוליעב פּרנסה? געצעל בן געצעל'ס געשעפטען זענען די לעצטע צייט אין דער ערד. דער עולם געהט נישט אין טהעאטער, האָטש שלעפּ איהם מיט געוואלד. און וויבאלד אזא איין אקטריסע, ווי העגריעטא שוואלב, מיט אזא „פּרעכטיגע טאליע און אזא מאיעסטעטישע פיגור" וועט ניט פּער־ריכטען דאָס געשעפט, איז א סימן, אז ס'איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט...

אזוי האָט געזאגט געצעל בן געצעל און האָט געלאָזט אָפּדרוקען אנאָנסען, אז „אין גיכען קומט צופּאָהרען צו איהם א בעריהמטע זינגערין פון בוענאָס־איי־רעס, וואָס האָט מיט איהר פיגור בעצווי־בערט די גאנצע וועלט"... דעם נאָמען העגריעטא שוואלב האָט איהם נאָך ניט געפּאַסט ארויסצושטעלען איבער'ן ברו־דער שוואלב, וואָס איז ערשט נעכטען ארומגעגאנגען מיט א קעסטעל ציגארען. און די שטאָדט „בוענאָס־איירעס" האָט געצעל צוגעטראכט נור דערפאר, ווייל קיין ווייטערס דערפון איז שוין נישטאָ.

אין דער זעלבער צייט האָט מען גע־נומען מאכען העגריעטא'ן פּאר איין אקטריסע און פּאר א זינגערין, איינשטור־דירען ראָלען, איבערזינגען א פּאָר סקאר־באָווע לידער, אויסלערנען עטליכע צוויי־דייטיגע קופּלעטען—און דער עיקר האָט מען זי אויסגעלערנט דעם שכל אָנטהון זיך אזוי, ס'זאָל זיין יאָ אָנגע־טהאָן און ניט אָנגעטהאָן, יאָ נאקעט און ניט נאקעט... און אז מע האָט זי ארויס־געלאָזט אויף דער סצענע, האָט זי גע־מאכט אזא פּוראָר, אז מע האָט איהר פון דער גאַליאָרקע געשריגען: „שוועל־בעלע!" און „קעצעלע!" און „קאַ־טעקעל!" און „פּוינעלע!" און נאָך אזעלכע לאַסקאווע נעמען... דער די־רעקטאָר געצעל בן געצעל האָט געקלוי־בען נחת, געוואָרען ברייטער ווי לענגער.

דערפּאר אָבער האָט ער פון איהר ברודער חיים־איציק שוואלב געהאט אָפּ־געשניטענע יאָהר. „א חילול־השם אזעל־כעס ארויפצולאָזען אויף דער ביהנע".— האָט ער געזאגט צו דער טרופּפּע, אין אלע זענען געווען מיט איהם איינפער־שטאנדען.

מיר מוזען אָבער בעמערקען, אז זיי זענען געווען נישט אינגאנצען גערעכט. חיים־איציק האָט געהאַרעוועט מיט'ן בלוטיגען שוויים און האָט זיין ראָל גע־קאָנט אויסוויינינג, ווי א וואסער. איי, זי איז ארויסגעקומען ביי איהם, ווי די אקטיאָרען זאָגען, „צעקנייטשט ווי ביי א קאלב פון'ם מויל" — איז ביי איהם אזא איין אויסשפּראך, וואָס איז ער שולדיג? הייסט טשעפּען זיי זיך צו איהם, ווי אזוי ער שטעהט און ווי אזוי ער געהט. וואָס איז ער שולדיג, איך בעט אייך זעהר, אז ס'איז ביי איהם אזא גאנג פון געבוירען? דערפאר אָבער פיהלט ער זיך שטארק אין די סאמע שטארקע טראגישע ראָלען. אז עס קומט איהם אוים צו שפּיעלען א רשע, א טי־ראַן, אָדער אזוי א באנדיט, איז ער גע־פעהרליך. די גזלנ'ישע אויגען גיסען זיך איהם אָן מיט בלוט, ווי ביי איין אמת'ען פעלד־גזלן, און דאָס רויטע פּנים, וואָס זעהט אוים ביי איהם תמיד, ווי ביי א „וואגאבונד", ווערד שרעקליך. ניט אומ־זיסט פלעגט ער האָבען אזא ערפאָלג אין דער ראָלע פון המנ'ען, בעת ער האָט נאָך געשפּיעלט, ניט היינט געדאכט, מיט די פּורים־שפּיעלער.

קאַפּיטעל 60.

אַ סך בעלנים אויף דער פּרימאַדאָנאַ

צו אַלסדינג דאַרף מען האָבען גליק. חיים־איציק שוואַלב איז, כלעבען, גאָר ניט אַזאַ שלעכטער טראַגיק. פאַרהאַן אונטער יודישע אַקטיאָרען אין פיעל שטעדט אַ סך — אַ סך ערגערע פון איהם. פאַרהאַן קאָמיקער אַזעלכע, וואָס מיינען, אַז זיי זענען גאַנץ גוטע טראַגי־קער, און טראַגיקער, וואָס מיינען, אַז זיי זענען אויסגעצייכענטע קאָמיקער— און פון דעסטוועגען גאָרנישט. עס געהט אַ גאַנג. „הערט איהר, אָהן מזל זאָל מען גאָר ניט געבוירען ווערען“. אַזוי זאָגט חיים־איציק אַליין. ער ווייסט, אַז זיינע קאָללעגען די אַקטיאָרען זענען איהם דם־שונאים. זיי זאָלען איהם קאָנען דער־טרינקען אין אַ לעפעל וואַסער. זיי לאַ־כען פון איהם, רופען איהם „יאָלד“, און „דראָנג“, און „חלאַמידניק“, און „קלע־צעל“ און נאָך אַזעלכע גלענצענדע צו־נעמעניששען. ניטאָ איינער, וואָס זאָל איהם ליעב האָבען. נאָר מעהר פון אַלע האָט איהם פיינד דער דירעקטאָר פון לעמבערגער יודישען טהעאַטער.

איינמאָל האָט זיך דער דירעקטאָר געצעל בן געצעל אַרויסגעהאַפּט מיט אַ וואָרט פאַר חיים־איציקען אין די אויגען:

— מערקווירדיג ! דאַכט זיך, וואָס ? אייגענע שוועסטער און ברודער. איין מאַמע האָט זיי געהאַט. און פון דעסטוועג־גען העגריעטאַ׳ן האָב איך ליעב דאָס חיות, און איהם, אָט דעם וואַגאַבונד, קאָן איך ניט אָנקוקען !...

חיים־איציק שוואַלב האָט מעהר נישט בעדאַרפט. ער ווייסט שוין לאַנג, אַז דער דירעקטאָר, ווי די אַלע איבעריגע אַקטיאָ־רען, האַלט פון זיין שוועסטער אַ סך מעהר ווי פון איהם, און טאַקי מהאי טעמא קוקט ער מיט זיעבען אויגען, גיט אַכטונג, אַז הענריעטאַ זאָל זיך אויפפיה־רען אָנשטענדיג, ווי אַ לייטיש קינד. דאָס האָט געהייסען, אַז פאַר׳ן פּובליקום מעג זי אַרויסטרעטען אפילו אַ נאַקעטע. אויף דער ביהנע מעג זי טאַנצען און שפּרינגען און ברעכען זיך משוגערנער־ווייז, און ווייטער — אַזאַס ! דערויף איז ער אַ ברודער, און אַ געטרייהער ברודער, „שוין צו אַ געטרייהער“... דאָס האָבען געוואוסט אַלע. און ווער עס האָט ניט געוואוסט, האָט איהם ער געגעבען צו וויסען אַזוי, אַז יענער זאָל פערזאָגען אַ צעהנטען. „אַ יד ביי אָט דעם דאָזיגען ביינברעכער, זי מעג איהם אָפּדאַרען היינטיגען טאָג ! “...

אָט אַזוי האָבען געשמועסט חברה אַקטיאָרען, און עס האָט זיי ניט אָפּגע־האַלטען פון דעסטוועגען, אַז אַלע, פון׳ם לעצטען אַקטיאָר ביז׳ן דירעקטאָר געצעל בן געצעל, זאָלען זיך צושמייכלען צו דער פּרימאַדאָנאַ הענריעטאַ שוואַלב.

יאָ. הענריעטאַ שוואַלב איז שוין פּרי־מאַדאָנאַ. די פריהעריגע פּרימאַדאָנאַ האָט איהר נעבאַך געמוזט מיט בזיון און מיט הארצוועהטיג אָפּטרעטען איהר פּלאַץ נור דערפאַר, ווייל הענריעטאַ שוואַלב איז שענער פון איהר, האָטש זינגען זינגט יענע פיעל בעסער און שפּיעלען שפּיעלט זי אויך בעסער, גאָר אָהן איין ערך. נאָר וואָס זאָל מען טהון? אַ שען פּנים שפּיעלט היינט אומעדום אפילו אין פּאַריז, זאָגט מען, די גרעסטע ראָל. אַזאַ וועלט געוואָרען. נישט צו מאַ־כען.

נאָר ווי אַזוי די מעשה איז, אונזער יענטעל אָדער הענריעטאַ שוואַלב איז שוין פּרימאַדאָנאַ פון יודישען טהעאַ

טער אין לעמבעריג און ס׳איז נאָרניט צו דערקענען די אמאָליגע יענטעל. איהר מעגט זיך, נישקשה, פארגינען אָנקוקען, וואָס פאר א הוט זי טראָגט. איין עכטע פאנאמא מיט שטרויספעדערען. נישט קיין אימיטירטע, חלילה, נאָר טאקי אמת׳ע. און האלטען האלט זי זיך, ווי איין עכטע פרינצעסין. אויף איהרע בענעפיטען בעקומט זי שוין נישט קיין מאראנצען, ווי אין די ערשטע צייטען,— ניין. נאָר טאקי מתנות ממש, געשענקען, וואָס האָבען דעם ווערטה צוואנציג גולדען, און פינפאונצוואנציג גולדען, און פאר וואָס ניט אלע דרייסיג? א סברה, אז הענריעטא האלט שוין גאר א דיענסטמיידעל, וואָס בעדיענט זי און טראָגט איהר נאָך די גארדעראָב אין טהעאטער אריין.

אמת, אז קיינער זעהט ניט, שטעלט זיך הענריעטא אוועק אינאיינעם מיט׳ן דיענסטמיידעל און וואשט איבער און פרעסט אוים דאָס גאנצע גרעט.

אמת, עס האָט זיך געמאכט א מעשה, ביי הענריעטא׳ן איז פערפאלען געוואָרען א קעלנערעל מיט א שעמיזעטקא, וואָס האָבען געהאט ביידע דעם ווערטה ניט מעהר ווי אנדערהאלבען קרוין. האָט אונזער פרימאדאָנא געמאכט א גוואלד אויף׳ן דיענסטמיידעל, אז זי בע׳גנבה׳ט זי, און ס׳איז ארוים דערפון א סקאנדאל. די ביידע האָבען נישט געלעגט קיין כבוד איינס אויף דאָס אנדערע: הענריעטא האָט אויסגעוואָרפען דעם דיענסטמיידעל, אז זי איז צו א נאָהינטע מחותנת׳טע מיט איהר ברודער שוואלב. האָט דאָס דעם דיענסטמיידעל שטארק פערדראָסען און זי האָט אויסגעוואָרפען הענריעטא׳ן נאָך ערגערע זאכען — עס איז שיער ניט דערגאנגען צו פעטש. א גליק, וואָס ס׳איז אנגעקומען דער ברודער און עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז דאָס פארפאלענע קעלנערעל מיט׳ן שעמיזעטעל זענען גאָר ביי איהם, ביי שוואלבען, צווישען די איבערגעשריבענע ראָלען און צווישען דיא נאָטען. וויא קומען זיי אהין? ווייסט זיי דער שווארצער יאָהר!

האָט זיך דאָס דיענסטמיידעל צעוויינט. האָט זיך שוואלב גענומען נאָכפרעגען, וואָס האָט זי זיך פלוצים, אין מיטען דרינען, צעיאחמערט? האָט איהם דאָס דיענסטמיידעל דערצעהלט, וואָס די שוועסטער זיינע זאָגט אויף איהר. האָט זיך אין אונזער שוואלבען אויפגעחאפט דער אמאָליגער חיים־איציק און ער האָט...

ניין! מיר געהען פערביי דער דאָזיגער סצענע מיט א שטילשווייגעניש. וועמען געהט דאָס אָן, ווי אזוי ארטיסטען לעבען דאָרט צווישען זיך? דאָס ווערד אָנגערופען — איבערוואשען יענעמס קויטיג גרעט. מיר ווייסען, אז הענריעטא שוואלב איז א פרימאדאָנא. האלט זיך, ווי א פרינצעסין, טראָגט א פאנאמא־הוט מיט שטרויספעדערען. בעקומט שענע מתנות צו איהרע בענעפיטען און האלט א דיענסטמיידעל, וואָס טראָגט איהר נאָך די גארדעראָב אין טהעאטער, און ס׳איז ניטאָ דער אקטיאָר, סאי א בחור, סאי א בעווייבטער, וואָס זאָל זיך צו איהר ניט שדכ׳ענען, פון׳ם לעצטען סטאטיסט ביז׳ן סאמע דירעקטאָר געצעל בן געצעל.

און אויסער קאָללעגען־ארטיסטען זענען צווישען פריוואט־מענשען אויך פארהאן גענוג בעלנים אויף דער פרימאדאָנא הענריעטא שוואלב. און אלע טאנצען ארום איהר, מיינענדיג יעדער בעזונדער, אז ער איז איינער אויף׳ן יאריד. ווארום הענריעטא, האָטש זי איז ווייט פון א

חכמה, איז זי נאָך פון דעסטוועגן אזוי פיעל קלוג, אז זי פערדרעהט זיי אלע־מען א מח — און טאקי נישט מעהר. דערויף איז דאָ א שומר, וואָס הייסט חיים־איציק, אָדער איזאק שוואלב.

און ער שלאָפט ניט, דער שומר שוואלב. און עס דרימעלט ניט דאָס אויג פון דעם, וואס וואכט אויף איהר ביטאָג אזוי ווי ביינאכט, און א קלאָג איז צו דעם, וואס ווייסט דאָס נישט !...

קאפיטעל 61

הינטער־די־קוליסען־פאָליטיק

„אז מע דארף דעם גנב, נעמט מען איהם פון דער תליה“.

דאָס דאָזיגע שפּריכוואָרט האָט אויס־גענוצט דער בעריהמטער דירעקטאָר פון'ם לעמבערגער חזקה־טהעאטער, געצעל בן געצעל. ער האָט זיך געגעבען דאָס וואָרט, איין מאָל פאר אלע מאָל, ער מוז אריבערנארען צו זיך „אָט דעם בוקארעשטער פויגעל, וואָס דער עולם איז נאָך איהם אזוי די כפרה“, און איז געפאלען אויף אזא איין עצה: ער האָט אריינגערופען צו זיך דעם „וואגאבונד“, דער פרימאדאָנא'ס ברודער איזאק שוואלב (ער הייסט שוין מעהר ניט חיים־איציק) און האָט זיך מיט איהם פערשלאָסען ביי זיך אין צימער און געהאט מיט איהם א לאנגען אינטימען געשפרעך אונטער פיער אויגען.

געווים האָט געדארפט זיין דער דאָזיגער שמועס פון דיא צוויי פארשוינען הויך אינטערעסאנט און מיר וואָלטען איהם מיט פערגעניגען איבערגעגעבען פאר אונזערע לעזער מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט. איז דאָס אבער א זאך, וואָס אונמעגליך. א „אינטימער געשפרעך, וואָס קומט פאָר אונטער פיער אויגען“, קאָן קיין שום ראָמאניסט אין דער וועלט נישט איבערגעבען. מיר קאָנען נישט מעהר וויא אָנשטויסען זיך, וואָס דיא צוויי האָבען צווישען זיך אונטערהאנדעלט. מיר האָבען דערצו געווג סימנים מיט ראיות. דער עיקר — וואָס שוואלב האָט יענעם טאָג עפּיס זעהר שטארק אָפּגעלויבט פאר דער שוועסטער דעם יונגען ארטיסט פון בוקארעשט. ער האָט איהר געגומען איינרעדען, אז זיא זאָל זעהען זיך האלטען וואָס נעהינטער און; וואָס פריינדליכער צו אָט דעם ראפאלעסקא, חאָטש אפילו ער איז נאָך גאָר א יונגער שנעק.

— דוא פערשטעהסט, הענריעטא? מע דארף איהם פערדרעהען דעם קאָפּ, אָט דעם שנעק, ער זאָל מכות קאָנען פון דאנען אוועקפאָהרען — וועט דאָס זיין גוט פאר אונז אלעמען... וואָס איז דיא גוטסקייט — זאָלסט דו מיך ניט פרעגען. שפּעטער וועסט דו ארויסזעהען... און דאָס איבעריגע דארפסט דו אליין פערשטעהן, אויב דוא האָסט א קלעפּקע אין קאָפּ...

שוואלב'ס תורה איז אָבער געווען אומזיסט : אונזער פרימאדאָנא האָט נאָך פריהער גענומען זיך צו אָט דעם דאָזיגען בחור מיט דיא אומשולדיגע פערטראכטע אויגען און מיט דיא שענע בלאָנדע האָר, נישט ווייל ער איז איהר אזוי געפעלען, און נישט ווייל זיא איז געווען אזוי ענטציקט פון זיין שפּיעלען, נאָר, פשוט, אוים פערדראָס. הענריעטא'ן, וואָס איז געוואָהנט, אז אלע זאָלען זיין נאָך איהר דיא כפרה, האָט פערדראָסען, וואָס דער בחור האלט זיך פון איהר פון דער ווייטען, גלייך וויא ער בעמערקט זיא גאָר נישט. האָט זיא אָנגעווענדט אלע מיטלען, וועלכע עס פער־

מאָגט יעדע שעהנהייט אויף צו פערכישופ'ען דעם, וואָס זיא וויל פערכישופ'ען... זיא האָט זיך געדרעהט ארום איהם, געהאלטען אין איין זינגען און אין איין טאנצען. זיא האָט איהם געמאכט אויגלעך און חנ'דלאך און פיסקלעך. צו מע דארף, צו מע דארף ניט — זי האָט געהאלטען אין איין לאכען, בכדי צו בעווייזען איהם, וואָסערע קליינע ווייסע צייהנדלאך זיא האָט. וויא א ביען ארום האָניג, וויא א פליעג ארום א ליכט, וויא א פלעדערמויז אין א ווארעמען זומעראָווענד, האָט זיא געזשומעט און געשעמערירט איהם אין דיא אויגען, ס'איז אָבער אלסדינג געווען ארויסגעוואָרפען. אומזיסט, אומזיסט! עס האָט זיך וויא איבערגע'חזר'ט דיא אלטע־אלטע געשיכטע פון פוטיפרע מיט יוסף'ען, נאָר נישט אזוי איינפאך, וויא עס ווערט דערצעהלט אין חומש, ווייל הענריעטא שוואלב איז דאָך ניט געווען פוטיפרע און ראפאלעסקא איז ניט געוועזן יוסף הצדיק. דאָ זיינען געווען אנדערע סבות, וויא מיר וועלען דאָס באלד ארויסזעהן.

אלע, אויסער איין ראפאלעסקאָ, זענען געווען פעראינטערעסירט. אז צווישען אָט דעם פאָרעל זאָל זיך פערבינדען א שטיקעל ראָמאַן, און יעדער האָט דערביי געהאט א בעזונדער מיין:

נומער איינס — דער דירעקטאָר געצעל בן געצעל, ווי מיר ווייסען דאָס שוין פאר קלאָר, האָט געהאט דערביי נור איין מיין: ער האָט געוואָלט דורך דער פרימאדאָנא אריבערנארען צו זיך אין טהעאטער „דעם בחור פון בוקארעשט“, ווייל דאָס איז א סגולה צו דער קאססע...

נומער צוויי — די פרימאדאָנא הענריעטא אליין האָט זיך צו דער ארבייט גענומען, מע קאָן זאָגען. מעהר צוליעב ספאָרט, בעווייזען, וואָס א שענע פרימאדאָנא קאָן. „סטייטש־סטייטש! נאָך איהר נעמען איין א מיתה משונה אזוי פיעל יאָלדען, זאָל זי ניט קאָנען בייקומען אזא שנעק? ! עס קומט אויס, הייסט עס, אז ניט זי, ניט איהרע שענע אויגען, ניט איהרע זיידענע ברעמען, ניט איהרע זעלטענע האָר, ניט איהר טאליע, ניט איהר פיגור, ניט איהר הוט, ניט איהרע פעדערען, גאָרנישט, גאָרנישט האָבען קיין ווערטה אויף אָט אזוי פיעל? — וויבאלד אזוי, איז דאָך שוין עק וועלט!“... האָט זי זיך גענומען צו איהר ארבייט מיט נאָך מעהר פרישקייט.

נומער דריי — איהר ברודער שוואלב האָט געהאט דערביי זיין ארויסקוק: איהם איז גלאט געפעלען אָט דער שידוך. שוין צייט, אז ארום זיין שוועסטער זאָלען אויפהערען ארומטאנצען אָט דיא אלע יאָלדען און ער זאָל אויפהערען זיין א שטענדיגער שומר־חינם און א ביינברעכער... שוין צייט, אז הענריעטא זאָל מאכען איין אנשטענדיגע פארטיע, ווארום אזא „דורבאטש“ מיט א שען פנימ'על, ווי זיין שוועסטער איז, קאָן אקוראט אריינפאלען דער רוח ווייסט אין וואָסערע הענד. דעריבער האָט זיך שוואלב שטארק צוגעקלעפט קודם צום דירעקטאָר האָלצמאן, זיך איינגעקויפט צו איהם א ביסעל דורך חניפה און א ביסעל דורך איין אומזיסטען וואָרעמעם — און מע איז געוואָרען נפש אחת.

נומער פיער — האָלצמאן, וואָס איז אזוי קלוג ווי זיי און אפשר נאָך קליגער, האָט גאנץ גוט געזעהען, וואָס דאָ טהוט זיך, און האָט געלאכט פון דער גאנצער אינטריגע. א סברה, אז דער

האָט געהאַט אַ ווייטערן סוף פון זיי אַלעמען. ער האָט געוואָלט „איבער־חמאָליען" צו זיך די דאָזיגע שענע פּרימאַדאָנאַ מיט איהר ברידער שוואָלב מיט נאָך אַ פּאָר „משוררים" פון געצעל בן געצעל'ס טהעאַטער. פאַר וואָס ניט ? פאַר וואָס זאָל ער ניט בלייבען, אָט דער „יאָקעל בן פּלעקעל", ביי זיין „חזקה" און ביי זיינע בעהעלפּערס ?... און אַגב האָט אונזער האָלצמאַן — לאָמיר שוין אויסזאָגען דעם גאַנצען אמת — געהאַט אַ שטיקעל אַרויסקוק אויף העַנריעטאַ'ן אַליין — טאָמער וועט זי זיך צוגעוואוינען צו איהם, צו האָלצמאַנ'ען הייסט עס, און מיט דער צייט — אַ קשיא אויף אַ מעשה ?... ער וועט דאָך אייביג קיין בחור נישט פערבלייבען... איי, טאָמער איז זי איצטער צו איהם אַ ביסעל קיהלבליך, איז דאָ איין עצה : „אַ בענעפּיסעל, אַ מתנה'לע, און נאָך אַ מאָל אַ בענעפּיסעל, און ווידער אַ מאָל אַ מתנה'לע, דער עיקר, ס'זאָל נור זיין פאַר וואָס — אַ רוח אין געלד'ס טאַטען אַריין ! "...

אַזוי האָט זיך געטראַכט אונזער דירעקטאָר האָלצמאַן און איז געווען העכסט צופריעדען, וואָס די דאָזיגע יפהפיה מאַכט חן'דלעך צו זיין ראַפּאַ־לעסקאָ. ער האָט נור נישט געקאָנט פערשטעהן איין זאַך : פאַר וואָס אַנטלויפט ער, אָט דער נאַרישער „יאַט", פון דער פּרימאַדאָנאַ העַנריעטאַ שוואָלב ?. . . און וואָס איז דאָס בכלל מיט איהם געוואָרען אָט דאָ, אין דעם לעמבעריג, וואָס ער איז אַזוי פערטיעפט אין זיך און זעהט אויס עפּיס ווי פערזאָרגט מעהר ווי אַלע מאָל ?. . .

איין ענטפער דערויף געבען די ווייטערע קאַפּיטלעך.

קאַפּיטעל 62.

ברײנדעלע קאָזאַק

דעם ערשטען אויפדערנאַכט, אַז האָלצמאַן איז געקומען מיט זיין טרופּפּע שפּיעלען די ערשטע גאַסטראָל אין לעמבעריג ביי געצעל בן געצעל אין „חזקה־טהעאַטער", האָט ער דערזעהען הינטער די קוליסען אַ קענטליכע פיגור פון ניעדעריגען וואוכס. און אַזוי ווי די קוליסען פון לעמבערגער יודישען טהעאַטער זענען נאָך עד היום, זאָגט מען, נישט בעלייכט מיט עלעקטריע (אַ חוץ איין רויכיג לעמפּעל וואָס טשאַדעט מיט סכנת־נפשות), האָט ער ניט אַזוי גיך געקאָנט טרעפען, ווער דאָס איז. אַ מינוט האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער קען זי. אַ מינוט האָט ער געמיינט, אַז עס ווייזט זיך איהם אויס. נאָר די קענטליכע פיגור איז צוגעגאַנגען צו איהם אַ ביסעל נעהענטער, האָט געעפענט אַ גרויס מויל אויף צו לאַכען. אַ סימן, אַז זי האָט איהם אויך דערקענט. איז ער צוגעגאַנגען צו איהר נאָך נעהענטער, זיך גוט איינגעקוקט און אָפּגעשפּרונגען צוריק :

— ברײנדעלע קאָזאַק ? !...

— האָצמאַך ? !...

— ששש... לאָז קיינער ניט וויסען, אַז מיר זענען בעקענט... וועה איז מיר, וואָס איז מיט אייך ? איהר זענט דאָך מיר געוואָרען ברייטער ווי לענגער ! איהר דיענט אָט דאָ, ביי אָט דעם יאָקעל בן פּלעקעל ? שוין לאַנג ? און וואו איז ערגיץ אונזער שטשופּאַק ? און דער ממזר שלום־מאיר ? און די שוועסטער זיינע, די חלירע ? אַ חלירע זאָל קומען אויף זיי אַלע אין איין טאָג !...

— אָמן ! — האָט איהם די פיגור, וואָס הייסט ברײנדעלע קאָזאַק, אַ זאָג

געטהאָן מיט א געלעכטער. און ווייל דאָס גלעקעל האָט געקלונגען, און חברה ארטיסטען האָבען זיך געקליבען, און דער רעזשיסער האָט געטריבען האלז און נאקען, אז ס'איז שוין צייט אויפהייבען דעם פאָרהאנג, ווארום דאס פובליקום וועט צעטראָגען דאָס טהעאטער, האָבען די דאָזיגע צוויי זיך געמוזט דערווייל צעשיידען ביז נאָך'ן ערשטען אקט, און אָפגערעדט האָט מען צווישען זיך, אז קיין פויגעל טאָר ניט וויסען, אויב זיי האָבען זיך ווען עס איז געקענט...

און האָלצמאַן איז אוועק צו זיין יונגען פריינד ראפאלעסקא אין דער גארדעראָבנע אריין און האָט איהם איינגערוימט א סוד אויף'ן אויהער, אז ער האָט זיך נאָר־וואָס בעגעגענט אָט דאָ מיט שטשופאק'ס איין אקטריסע, מאַדאם טשערניאק, אָדער בריינדעלע קאָזאק, וואָס האָט געשפיעלט אמאל מיט איהם אינאיינעם. ער דארף זי געדענקען פון האָלענעשטי. א ניעדעריטשקע און א גראָבינקע... און ער האָט אָנגעזאָגט ראפאלעסקאָ'ן עטליכע מאָל, אז ער וועט זיך בעגעגענען מיט איהר דאָ הינטער די קוליסען, זאָל ער זיך מאכען גלייך, ווי ער זעהט זי דעם ערשטען מאָל.

אין דער גארדעראָבנע, וואו דער יונגער גאסטראָלער האָט זיך איבערגעטהאָן, איז אויך געווען נישט ליכטיגער, ווי הינטער די קוליסען. און דערצו האָט ראפאלעסקא געהאלטען אין מיטען גרימירען זיך קעגען א פערדרויכערטען אָנגעשפאלטענעם שפיעגעל. דעריבער איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס האָלצמאַן'ס אויג האָט נישט געקאָנט בעמערקען, ווי זיין יונגער פריינד האָט זיך אינגאנצען איבערגעביטען. א מינוט האָט ער גאָרניט געקאָנט רעדען. עס האָט איהם פערחאפט דעם אָטהעם. דערנאָך האָט ער כלומרשט קאלט א פרעג געגעבען ביי האָלצמאַנ'ען און נישט אויפגעהערט זיך צו גרימירען א קעגען דעם אָנגעשפאלטענעם שפיעגעל:

— ווי אזוי, זאָגסט דו, האָט מען זי גערופען?

— בריינדעלע קאָזאק.

— בריינדעלע קאָזאק? הם... איך געדענק נישט אזעלכע... וועסט מיך מסתמא מיט איהר בעקאנט מאכען... ווי געפעלט דיר מיין היינטיגער גרים?

— דער גרים איז אויסגעצייכענט גוט... באלד נאָכ'ן ערשטען אקט וועט מען דיך בעקענען מיט אלע ארטיסטען און מסתמא מיט איהר אויך. זאָלסטו זיך מאכען גלייך וויא דוא זעהסט זיא צום ערשטען מאָל. דוא פערשטעהסט? ווארום צו וואס טויג עס אונז, מען זאָל דאָ וויסען, ווער און וואס און ווען?... דוא פערשטעהסט, צי ניין?

ער פערשטעהט. פאר וואס זאָל ער ניט פערשטעהן? וויא האלט דער זייגער? שוין צייט? וועמענס אויפטריט? זיינער? איינס־צוויי־דריי!

— מיט'ן רעכטען פוס! — זאָגט איהם האָלצמאַן און מאכט איהם צורעכט דעם פארוק.

ראפאלעסקא האָט יענעם אויף דער נאכט געשפיעלט שלעכט. ערגער וויא ווען עס איז פריהער. דאָס הייסט, פאר'ן עולם האָט ער געשפיעלט גוט, אויסגעצייכענט, פראכטפאָל. דערויף האָבען עדות געזאָגט דיא רוישענדע אפּלאָדיסמענטען מיט דיא בראוואס פונ'ם פובליקום מיט דיא אונגעהייערע אָוואציעס, וואס מען האָט געמאכט דעם גאסט פון בוקארעשט. ראפאלעסקאָ

אליין אָבער האָט געוואוסט בעסער פון אַלעמען, אַז ער האָט היינט געשפּילט וויא א שוסטער. מען דאַרף איהם אָפּ־האַקען הענד און פיס און אָפּגעבען פאַר א סאָלדאַט. א סך ווערטער האָט ער דורכגעלאָזט. א סך ווערטער האָט ער צוגעזעצט. דעם סופלער האָט ער נישט געהערט. שטאַרק, שטאַרק געפאַלשע־וועט. קוים, מיט גרויסע צרות, אָפּגע־קלאַפּט דעם ערשטען אַקט. קוים־קוים ארויסגעריסען זיך פון׳ם פּובליקום, וואס איז טאַקי נור וויא אויף צו־להכעיס משוגע געוואָרען און וויל גאָר ניט אויפהערען צו שרייען: „ראַ־פאַ־לעס־קאָ! ראַ־פאַ־לעס־קאָ!"... ער טהוט זיך א וואַרף צום אָנגעשפּאָלטע־נעם שפּיעגעל. די אויגען ברענען איהם „וויא אויף פּאָקען". אין דער גרויסאַר־טיגער גאַרדעראָבנע, וואס זעהט אויס וויא א מלמד׳ישע סוכה אין א קליין שטעדטעל דריי טעג פאַר יום־טוב, איז מורא׳דיג אייגג, א שפּילקע ניט דורכצו־וואַרפען. דיא גאַנצע טרופּע פון געצעל בן געצעל׳ס טהעאַטער האָט זיך אהער צונויפגעקליעבען. זיי גראַטולירען דעם גאַסט. ווער מיט פערבאָרגענע קנאה, און ווער מיט אַן אמת. מען שטעלט איהם זיי פאַר איינס נאָך דאָס אַנדערע. און עס דאַכט זיך איהם אויס נאָך זיי־ערע פּנים׳ער, אַז ער זעהט פאַר זיך ניט קיין מענשען, נאָר חיות און עפות. איי־נער כאַפּט שטאַרק דעם אָנבליק פון א ציעג. דער אַנדערער זעהט אויס וויא א האָהן. אויף איינע וואָלט ער שווערען, אַז עס איז א קאַץ. גרינע קעצענע אוי־גען און בעלעקט זיך וויא א קאַץ... דער דירעקטאָר אליין, געצעל בן געצעל, רופט זיי אָן אלע ביי דיא נעמען:

— בענדעס. שלייען. שוואלב. פּרוי צימערינג. מאַדאַם קאַץ. קירצלינג. פּרי־מאַדאָנא שוואלב. פריילין שטענדער. סטאַטשיק. מאַדאַם טשערניאַק....

ביי דעם דאָזיגען נאָמען האָט האָלצ־מאַן א וואונק געטהאָן צו זיין יונגען פריינד מיט איין אויג, אַז דאָס איז זיא, „ברײנדעלע קאָזאַק"...

ראַפאַלעסקא האָט זיא באַלד דער־קענט. און ברײנדעלע קאָזאַק האָט איהם אויך דערקענט, כאָטש ער איז אויסגעוואַקסען און כאָטש ער איז גרימירט. זיא האָט איהם געזעהען וויא פיעל מאָל מיט האָצמאַכ׳ען דער־מאָלט אין דער סטאַדאָלע, אַז זיי האָ־בען געשפּיעלט מיט שטשופּאַק׳ען אין האָלענעשטי. „זאָל דאָס זיין טאַקי ער?... אאא! ? ?".. וויא א בליץ פליהט איהר דורך א געדאַנק אין קאָפּ און וויא א בליץ ווערט בעלייכט פאַר איהר אין איין רגע א גאַנצע רייהע פון קאָמבינאַ־ציעס, וואס זיינען דאָ נאָר־וואס ביי איהר געבוירען געוואָרען. אינ׳ם טומעל רופט זיא אָפּ האָלצמאַנען אויף א זייט:

— אָט דאָס איז דיין ראַפאַלעסקא פון בוקאַרעשט, האַ־האַ? דאָס איז דאָך גאָר דעם בעל־הבית׳ס „יאַט" פון האָלענעשטי...

— ששש... — מאַכט צו איהר האָלצ־מאַן און טרעט איהר אָן אויפ׳ן פוס. — קיין ווארט ניט מעהר!... לאָמיר בעסער רעדען פון עפּעס אַנדערש....

— פון וואס, למשל? — מאַכט זיא צו איהם און קוקט איהם אין דיא שאַר־פע שפּיציגע אויגען אריין און טראַכט זיך: „וואָס פון א מענשען קען ווע־רען! געה טרעף, אַז דאָס איז דער האָצמאַך, וואס האָט אמאָל געפּוצט דיא שטיוועל ביי שטשופּאַקען און געכאַפּט פּעטש, וויא א יאַטקע־הונד"...

— וואו זשע איז צו אלדי שווארצע יאהר שטשופאק ? און שלום־מאיר? און דיא איבעריגע קלאפערס ? — פרעגט ער זיך נאָך ביי איהר אין איין אָטהעם. און זיא ווייסט ניט, אויף וואָס פריהער צו ענטפערן. ווארום איידער זיא ענטפערט איהם אָפּ אויף איינע, פערלויפט ער מיט זיעבעצעהן אנדערע נאָכפרעגענישען. און אלסדינג אויף איין פום. איהם קריכט אין קאָפּ שטשופאק און שטשופאק, און זיא וואָלט וועלען וויסען, וואָס איז מיט דעם „יאט" ?... און ביידענ׳ס אויגען זיינען אָנגעווענדעט אין איין ארט, אהין, צו ראפאלעסקא׳ן... „צופיעל עולם ארום יזט. — טראכט זיך האָלצמאן. אָפּלאָזען איהם אליין צווישען אזוי פיעל וועלף־אקטיאָרען איז געפעהרליך"...

און רעדענדיג מיט בריינדעלע קאָזאק, לאָזט ער נישט אראָפּ קיין אויג פון ראפאלעסקאָ׳ן. און חאָטש ס׳איז גענוג פינסטער, דאָך קוקט ער זיך צו און זעהט, ווי אלע שטופען זיך צום גאסט, צו דעם „יונגען ארטיסט פון בוקארעשט". יעדען ווילט זיך זעהען איהם פון דער נאָהינט, איהם רייכען די האנד, הערען פון איהם א וואָרט. נאָר דער גאסט איז עפים ניט אויפגעלייגט צו רעדען. ער זוכט עמיצען מיט די אויגען. וועמען ? דאָס זוכט ער די קלייניטשקע, די גראָבינקע, וואָס רופט זיך טשערניאק, אָדער „בריינדעלע קאָזאק". און ער דערזעהט זי שטעהען מיט האָלצמאַנען אין א ווינקעלע און רעדען, און ער וויל צוגעהן צו איהר, נאָר ער האלט זיך איין. א מינוט דאכט זיך איהם אוים — אָט ווארפט ער אראָפּ פון זיך דעם גרים און לויפט צו צו איהר : „ציי האָט איהר נישט געהערט, צו האָט איהר נישט געזעהען איינע מיט׳ן נאָמען רייזעל ? איהר דארפט וויסען, וועמען איך מיין ; זי איז דעם חזנ׳ס מיידעל פון האָלענעשטי ?"... און נישט נור שטילערהייד פאר איהר אליין וועט ער דאָס איהר זאָגען, נאָר אויסשרייען הויך, אויף א קול, אז אלע זאָלען הערען. ער פיהלט, ווי די ווערטער שטעהן איהם אין האלז. זיי קיצלען איהם. זיי שטיקען איהם. און דאָ ווימלען איהם פאר זיינע אויגען פנימ׳ער פון חיות און פון עופות, וואס ער וויל זיי ניט זעהען. און הערט ווערטער, קאָמפּלימענטען, וואָס ער וויל זיי ניט הערען. און צווישען די אלע שטופט זיך צו איהם איינער, עפים א קליינינטשקער מיט גאָלדענע ברילען, מיט א דרייעקעכיגען שארבען און מיט מאָדנע גרויסע ווייסע צייהן, וואָס וואכסען איינער אויפ׳ן אנדערען. דאָס פנים לויכט איהם. די אויגען דורך די ברילען גלאנצען. ער שטופט זיך מיט אלע כחות דורכ׳ן גאנצען עולם. די אקטיאָרען מיט די אקטריסען דערזעהען איהם פון דערווייטען : „קינדער ! דער דאָקטאָר לויתן געהט!... און אז ער קומט צו נעהינטער, טרעטען זיי אָפּ, מאכען איהם א וועג און רופען אוים אויף א קול :

— יאָלדען ! לאָזט דורך דעם דאָקטאָר לעווינס !...

קאפיטעל 63.

האָלצמאן "האַקט אַ טשייניק"

„ער האקט א טשייניק" — איז איין אויסדרוק, וואָס איז ניט אויף אונזער מיסט געוואכסען. דאָס האָבען מיר גענאשט פון אמעריקא... „האקען א טשייניק" הייסט ניט — געזאָגט א ליגען אויף עמיצען צו מזיק׳ען, חלילה שלעכטס צו טהון. דאָס ווערד אָנגערופען, ווען איינער דערצעהלט גלאט דאָס, וואָס ניט

געשטויגען, ניט געפלויגען. די אויהרען הערען ניט, וואָס דאָס מויל רעדט. פון וואנען, אייגענטליך, שטאמט דער אויסדרוק? פאר וואָס עפּיס א טשייניק, ניט קיין סאמאָוואר? און ווי אזוי „האקט“ מען דאָס א טשייניק? — דאָס אלעס לאָזען מיר איבער פאר די געלעהרטע, פאר די שפּראך קענער און שפּראך־פאָרשער. זיי וועלען שוין מסתמא נאָכפאָרשען און אויסגעפינען דעם שורש אקוראט. מיר ווילען נישט בעשעפטיגען זיך מיט פרעמדע ארבייט און צונעמען ביי פאכלייט זייער פרנסה. מיר וועלען זיך געהן בעסער צוריק צו אונזער געשיכטע און צו אונזערע העלדען.

האָלצמאַן, וואָס האָט קיינמאָל אין ערגיץ ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון'ם „יאט“, פון ראפאלעסקאָ'ן, האָט די גאנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט מיט ברײנדעלע קאָזאק, געקוקט אהין, וואו דער „יאָט“ געפינט זיך. און ווי באלד ער האָט נור בעמערקט פון דערווייטען, ווי עפּיס איינער א זייטיגער פּארשוין האָט זיך זעהר ענערגיש געשטופּט און דורכגעשטופּט גלייך צו ראפאלעסקאָ'ן, ווארפט ער אוועק ברײנדעלע קאָזאק און וואקסט שוין אויס צווישען זיי ביידען און קוקט מיט די שארפע שפּיציגע אויגען אויף'ן זייטיגען פּארשוין: „וועמען דארפט איהר? וואָס דארפט איהר?“...

דער זייטיגער פּארשוין, דערזעהן דעם עלעגאנטען דירעקטאָר מיט די באקענקאָטלעטלעך, נעמט ער ארויס א וויזיטקארטעל: „דאָקטאָר לעוויוס“.

האָלצמאַן ווארפט א קוק אויף'ן קארטעל און בעטראכט דעם דאָקטאָר יוליוס לעוויוס מיט'ן דרייעקעיגען שארבען, מיט די גרויסע ווייסע ציינער, וואָס וואקסען ביי איהם איינער אויף'ן אנדערען, און טראכט זיך: „וואָס איז דאָס פאר א מין בן־אָדם?“ רופט איהם אָפּ איינער פון די ארטיסטען אויף א זייט און רוימט איהם איין א סוד אויף'ן אויהער, אז דאָס איז דער דאָקטאָר לעוויוס, וואָס זיי, די אקטיאָרען האָבען איהם א נאָמען געגעבען „דאָקטאָר לויתן“. ער איז א בעריהמטער דאָקטאָר, א גרויסער געלעהרטער, א געוויסער מעצענאט און א מורא'דיגער ליעבהאָבער פון יודיש טהעאטער, און דערצו נאָך א גרויסער עושר פון אפשר א האלבען מיליון...

איך האָב מורא צו זאָגען פאר קלאָר. נאָר מיר דאכט, אז ניט דער טיטול „דאָקטאָר“, און ניט דאָס צונעמעניש „לויתן“, און ניט דאָס וואָס ער איז א געלעהרטער און א מעצענאט און א ליעבהאבער פון יודיש טהעאטער האָבען אזוי געגומען אונזער האָלצמאַן'ען, ווי עס האָט איהם געגומען די לעצטע מעלה, אז דער דאָקטאָר איז דערצו נאָך א גרויסער עושר פון אפשר א האלבען מיליון. מיר זאָגען עס דערפאר, אייגענטליך, ווייל תיקף ומיד, ווי ער האָט נור דערהערט די ווערטער „אנ'עושר פון כמעט א האלבען מיליון“, אזוי האָט ער זיך געגעבען א וואָרף צום דאָקטאָר דעם געלעהרטען, דעם מעצענאט מיט'ן ליעבהאָבער, און האָט איהם געמאכט אזא פריינדליכען „בואי בשלום“, מיט אזא ברייטען ברוך־הבא, אז דעם דאָקטאָר אליין און אויך אלעמען, וואָס זענען געשטאנען דערביי, איז דאָס אויסגעקומען שוין אביסעל צו פריקרע.

דער דאָקטאָר לעוויוס, אָדער „לויתן“, האָט זיך גאנץ העפליך געווענדעט צו האָלצמאַנ'ען אויף דייטש, בעווייזען בעת מעשה די מאָדנע ציינער, וואָס וואקסען ביי איהם איינער אויף'ן אנדערען, און א

פרעג געגעבען ביי איהם, אויב ער איז דאָס טאקי דער אימפּרעסאריאָ פון דעם בעריהמטען גאסטראָלער?

עס איז מעגליך, אז דאָס וואָרט „אימפּרעסאריאָ“ האָט אונזער אימפּרעסאריאָ האָלצמאן (עס זאָל איהם צו קיין חרפּה ניט זיין) דערהערט ערשט היינט אָט דאָ צום ערשטען מאָל אויף זיין לעבען. האָט ער עס, אפּנים, ניט רעכט צעקייעט, מחמת ער האָט דערויף געענטפערט דעם דאָקטאָר לעוויוס עפּיס בויבעריק. און גערעדט האָט צו איהם אונזער האָלצמאן אויך מעהר אויף דייטש, ווי אויף יודיש, דאָס הייסט, מיט מעהר פּתח׳ן, ווי מיט קמצי׳ן. ער האָט איהם געזאָגט, אז ער אליין, האָלצמאן הייסט עס, איז א רוסישער, פון „ראססייע“ הייסט עס, נאָר דער „יאט“, דער בחור הייסט עס, שטאמט פון בוקארעשט, דאָס הייסט, נישט פון בוקארעסט גופא, נאָר אָנדערהאלבען שעה נעבען בוקארעשט....

ארויסגעזעהען, אז אויף דייטש איז אָט דער אימפּרעסאריאָ א ביסעל געחאפּט אין דער עברי, האָט דער דאָקטאָר לעוויוס גענומען רעדען מיט איהם אויף יודיש. און נאָך וואָס פאר א יודיש. א סך יודישע יודען וואָלטען זיך ווינשען רעדען אזא יודיש, ווי דער דאָקטאָר לעוויוס רעדט. איז אָבער דער חסרון פון די דייטשע יודען — באלד טרעטען זיי אייך ארוים מיט זייער דייטש און דערהרג׳ענען אייך דעם קאָפּ...

דערהערט, אז אָט דער דאָקטאָר „לויתן“ רעדט יודיש, ווי „אלע מענטשען“, איז דאָך שוין, הייסט עס די צונג נישט מעהר אין גלות, האָט זיך אונזער האָלצמאן מחיה געווען און האָט זיך צערעדט פאר פייער און פאר וואסער און דערצעהלט גרויסקייט, זיך בעריהמט פאר׳ן דאָקטאָר, אז דאָס האָט ער, האָלצמאן, געמאכט אָט דעם „יאט“ פאר א לייט. ווי אזוי איז דאָס געווען? דאָס איז געווען אין בוקארעשט.... געשפּיעלט טהעאטער.... זיך בעקאנט מיט איין אָרעמען בעל מלאכה... דערזעהען ביי איהם א זוהנדעל, אויך א בעל־מלאכה... איז ער איהם פון׳ם ערשטען קוק געפעלען געוואָרען און האָט געזאָגט צום פאטער, צום בעל־מלאכה: „אָט דעם יאט אייערען מוז איך מאכען פאר אנ׳ארטיסט“.... קוקט ער איהם אָן, דער בעל־מלאכה: „וואָס הייסט דאָס אנ־ארטיסט? וואָס פאר א מלאכה איז דאָס?“ חא־חא!...

און האָלצמאן צעלאכט זיך אזוי אמת׳דיג און אזוי געשמאק, אז דער דאָקטאָר לעוויוס מיינט, אז דאָס איז תורת לאָקש (א דייטש בלייבט א דייטש!). ער קוקט איהם אין מויל אריין און שלינגט איטליכם וואָרט.

גאנץ אנדערש בעציהען זיך צו דעם די חברה אקטיאָרען. די חברה אקטיאָרען שטעהען אפילו אויך אלע ארום איהם, האָרכען אויך כלומרשט מיט קאָפּ האָלצמאנ׳ס בבא־מעשיות, שמייכלען צו איהם זיס־פריינדליך און שאָקלען איהם צו מיט די קעפּ. זיי זענען אָבער מבינים אויף א טשאד. זיי ווייסען אויך די צונג, ווי אזוי „מע האקט א טשייניק“... הערען זיי אוים האָלצמאנ׳ס בבא־מעשיות און ווארפען זיך דורך מיט האלבע ווערטער אויף טהעאטער־לשון, אקטיאָרסקי שפּראך:

— ער האקט דאָס א טשייניק!

— קנאקט ווי א סאָלאָוויי....

— האלב שענקט אוועק דער וואנד.

— די אנדערע העלפּט אין ים אריין.

— און דאָס איבעריגע?

— אויף פרייע פעלדער און אויף פּו־סטע וועלדער.

— טפּו־טפּו־טפּו, אזוי ווי ער הערט ניט...

— אזוי זאָל ער ניט זעהען.

און האָלצמאַן „האקט א טשייניק", דערצעהלט אזעלכע גוזמות — פון זיך און פון ראפּאלעסקאָ'ן, אז נור א דייטש קאָן אזעלכע אויסהערען. ראפאלעסקאָ'ן איז דאָס אלע מאָל איבער דער טבע. און מיר דאכט, אז האָלצמאַן אליין פיהלט אויך, אז ער איז שוין אביסעל צו ווייט פערקראָכען. ווארום בטבע איז אונזער האָלצמאַן גאָר ניט אזא גרויסער ליגנער, גאָר די אומשטענדען האָבען איהם גע־בראכט דערצו, ער זאָל אלע מאָל אויס־טראכטען איין אנדער מעשה — פון וואַ־נען עס האָט זיך צו איהם גענומען אָט דער "יאט". א מענש, וואָס האָט מורא פאר איין איבעריגען קוק, פערדיענט, מע זאָל איהם מוחל זיין, טאָמער טראכט ער אויס אלע מאָל איין אנדער פּזמון. ווע־מען טהוט ער דענן דערמיט שלעכטס, א חוץ זיך אליין? א געמאכטע מכשפה, זאָגט מען, איז ערגער פון א געבוירענע. א געמאכטער ליגנער אָבער איז נאָך ער־גער. א געבוירענער ליגנער איז, איי־גענטליך, נישט מעהר, ווי א מענש מיט א טאלאנט. א ליגען קומט ארויס ביי איהם אויסגעטאָקט, גלאט און קיילעכיג און אלע מאָל געשליפען, ווי ביי איין ארטיסט. און ביי א געמאכטען ליגנער קומט דאָס אויס משונה אומגעלומפּערט און אלע מאָל אנדערש. א קורצען זכרון. און וואָס סע קומט איהם אויף דער צונג, דאָס רעדט ער.

אונזער האָלצמאַן נעבאך האָט זיך אזוי פערהאקט, אז ער האָט שוין אָנגע־שפּארט אזש ביי'ם קעניג קארל פון רומעניע... ווי אזוי ער וואָלט דאָ ארויס פון'ם קעניג קארל — ווייסט נור איין גאָט אין הימעל. א גליק, וואָס אין דער מינוט לויפט אָן דער רעזשיסער, א פערשוויצטער, א פערפינעטער:

— אלע בייזע וויסטע חלומות! דאָרט צעטראָגט מען דאָס טהעאטער אויף שטיקלעך, און זיי — גאָרנישט. באלאקען זיך דאָ, ווי שבת נאָך'ן טיש!..

אין האָלצמאַנ'ען האָט מען פּשוט פערידענט א מצוה. ער האָט פרייה אָפּ־געאָטהעמט. איין עק. פּטור געוואָרען פון איין אומגליק. נאט אייך גאָר פלו־צים א קעניג קארל פון רומעניע! פון וואנען האָט ער זיך גענומען אויף זיין קאָפּ?...

קאפּיטעל 64.

ניין, מען דאַרף האָבען מזל!

די ערשטע גאסטראָל פון דער בלאָנ־זענדער טרופּע „האָלצמאַן, שוואלב עט קאָמפּ." האָט זיך געגרינדעט אין לעמ־בערגער יודישען טהעאטער מיט'ן זעל־בען בייפאל, ווי אומעדום. דעם פאר־האנג האָט מען שוין וויפיעל מאָל ארונטערגעלאזען און ארויפגעצויגען און ווידער א מאָל אראָפּגעלאָזט און עס הערען נאָך אלץ נישט אויף די קולות פון פובליקום: „ראַ־פּאַ־לעס־קאָ! ראַ־פּאַ־לעס־קאָ!" — די אקטיאָרען האָבען שוין אראָפּגעוואָרפען די אָנגע־קלעפּטע פלאקסענע בערד, טהוען זיך שוין איבער, זוכען ווער א קאָלנער, ווער א צוויטען קאמאש. און בעת־מעשה אָדער מע זינגט, אָדער מע ווארפט זיך דורך מיט שארפע ווערטלעך. און דאר־טען, אין זאל, הערט זיך אלץ: ראַ־פּאַ־לעס־קאָ!"

— אויף די ציינ־דע־לעך זאָלט איהר שרייען! — ציהט אויס איינער איין

אַקטיאָר מיט אַ ראַבעטיני פּנים, וואָס מוטשעט זיך, קאָן ניט אַנטהון דעם פּידזשאַק, האָטש גער איהם אַ קרענק. דער אונטערשלאַג פון׳ם צוריסענעם אַרבעל דערלאָזט ניט.

— זאָל איך ? — פרעגט דער רע־זשיסער מיט אַ רויט פערשוויצט פּנים ביי האַלצמאַנ׳ען און האַלט זיך מיט ביידע הענד ביי׳ם בלאָק פון׳ם פאָר־האַנג.

— גענוג זיי צו קרענקען פאַר זייע־רע כשר׳ע העלערם ! — זאָגט האַלצ־מאַן, וואָס האָט פיינד צערעמאָניעס. עס העלפט אָבער נישט קיין חכמות. דער גאַסט פון בוקאַרעשט מוז נאָך איין מאָל האָטש בעווייזען זיך פאַר׳ן פּוב־ליקום. און עס ציהט זיך אויף דער פאָר־האַנג צום לעצטען מאָל, און ראַפאַלעס־קאַ בעווייזט זיך און פערנייגט זיך, און דאָס פּובליקום פון דעסטוועגען ליאַרעמט ווידער : „ראַפּאַ־לעסקאַ ! ראַ־פּאַ־לעס־קאַ ! "

— אַ סוף. מעהר געה איך ניט ארויס! — זאָגט ראַפאַלעסקאַ, ווי אַ קאַפּריז־נע קינד, און ווארפט אַראָפּ פון זיך דעם פּאַריק, קלעפּט אָפּ די וואָנסילעך און רייבט איין דאָס פּנים. דאָס יונגע שענע גלאַטע פרישע ווייסע פּנים, וואָס איז בעברעמט מיט שענע בלאָנדע צע־וואָרפענע האָר איבער׳ן מאַרמאָר־ווייסען האַלז. די אַרטיסטען בעטראַכטען איהם פון דער נאָהענט מיט נייגיעריגע זשעדנע אויגען און זענען איהם מקנא אויף אַלעם : אויף זיין אויסערגעוועהנ־ליכען ערפאָלג, וואָס ער האָט, און אויף זיין רוהיג האַלטען זיך, און אויף די רוישענדע און איבעררא שענדע אַפּלאָ־דיסמענטען פון׳ם פּובליקום, וואָס איז משוגע געוואָרען. און אויף זיין יונג שען פריש גלאַט פּנים זענען זיי איהם מקנא, און אויף זיינע שענע בלאָנדע צעוואָרפענע האָר, און אויף זיין מאַר־מאָר־ווייסען האַלז... זיי זענען איהם מקנא און פערשמעהען ניט, מיט וואָס, אייגענטליך, האָט זיך דאָ אַזוי אויס־געצייכענט אָט דער דאָזיגער יונגער אַקטיאָר ? און וואָס איז דאָ אַזוי דער געוואַלד — „ראַפּאַלעסקאָ ! " ראַפּאַ־לעסקאָ ! " ? פריהער, איידער דער גאַסט פון בוקאַרעסט איז אויפגעטרע־טען אויף דער ביהנע, האָבען זיי ער־וואַרטעט פון איהם — זיי ווייסען אַליין ניט וואָס. זיי האָבען געמיינט, זיי ווע־לען דאָ דערהערען גאָט ווייסט וואָס פאַר אַ לייבענשטימע. זיי האָבען גע־מיינט, זיי וועלען דערזעהען אַ שפּיעלען, אַז די ווענד וועלען ציטערען. און אַ לשון, און ווערטער, נישט קיין געוועהנ־ליכע ווערטער וועלען זיי פון איהם דערהערען. צום סוף — ווער ? וואָס ? ווּעמען ? עס הויבט זיך גאַר ניט אָן ! ער טרעט אויף ווי אַ מענש, שטעהט ווי אַ מענש, און זיצט און געהט און האַלט זיך אויף דער ביהנע רוהיג, געלאַסען און פּראָסט, פּראָסט, ווי אַ פּראָסטער געוועהנליכער מענש. חא־חא — אָט דאָס הייסט געשפּיעלט ? ער רעדט דאָך גאַר אפילו ניט ווי איין אַקטיאָר, נאָר ווי אַ פּראָסטער געוועהנליכער מענש, וואָס קוועלט דאָ אַזוי דער עולם, צו אַלדי שווארצע יאָהר ? וואָס לייגען זיי איין די וועלט, אָט די יאָלדען ? שאָה! בהמות ! אייזלען !... ניין, מע דאַרף נור האָבען מזל, גליק דאַרף מען האָבען !...

אַזוי האָבען געטראַכט די אָרעמע אַקטיאָרען נעבאָך אין דעם שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען, געשרייען און גע־וואַלדען, וואָס האָבען זיך געטראָגען אי־בער זייערע קעפּ, ווי אַ ווינד, ווי אַ ווי־

כער, ווי א שלאקסרעגען, וואס דארף א מאָל, סוף־כל־סוף, אויפהערען, וואס מוז דאָך א מאָל האָבען איין עק.

יאָ. אלסדינג אויף דער וועלט מוז האָבען א סוף. אפילו דאָס ארויסרופען איין ארטיסט אויף דער סצענע פון יודי־שען טהעאטער מוז אויך א מאָל נעמען איין עק. דערזעהען, אז דער פאָרהאנג ציהט זיך מעהר ניט אויף, האָט דער עולם סוף־כל־סוף גענומען אפּרייניגען דאָס טהעאטער. די לאָמפּען האָבען אָנ־געהויבען אויסגעלאָשען צו ווערען. עט־ליכע מינוט — און דאָס טהעאטער איז פּוסט.

נאָר איין פּארשוין איז געבליבען ווארטען אויף די ארטיסטען — דער דאָקטאָר לעווים, אָדער, ווי די אקטיאָ־רען האָבען איהם א נאָמען געגעבען, „דאָקטאָר לויתן“. ער האָט איינגעלאָ־דען ביידע טרופּפּעס באלד נאָך דער פּאָרשטעלונג זאָל מען געהן אלע אינ־איינעם אין א קאפּע הויז געבען א לעב אויף זיין רעכענונג.

דיא לעמבערגער ארטיסטען קענען אָבער דעם דאָזיגען מעצענאט. זיי ווייסען אז דער „דאָקטאָר לויתן“ איז עפּיס נישט אזא ברייטע האנד, וואָס זאָל זיך צע־ווארפען צוליעב יודישע אקטיאָרען. דער דאָקטאָר לעווים איז א ותרן אויף גוטע ווערטער, אויף קאָמפּלימענטען, אויף אלסדינג, אָבער נור ביז דער קעשעני. ביז'ן בייטעלע. ווייטער — נישט א טריט. גוט איז אָבער א גוט וואָרט. איין ארטיסט, א קינסטלער, וויא גרויס און בעריהמט ער זאָל ניט זיין, האָט ער ליעב, אז מען זאָל איהם לויבען, ריהמען און הויבען נאָך העכער וויא ער איז. גוטע ווערטער זענען גוטער בוימעהל, און איך לאָך פון יענעם צבועק, וואָס וויל מיך איינרעדען, אז ער האָט פיינד חנופה.

נאָר אויב דער דאָקטאָר לעווים איז געווען א ותרן אויף גוטע ווערטער בכלל, האָט ער אונזער יונגען העלד פּשוט אָפּגעשאָטען מיט קאָמפּלימענ־טען פון אויבען ביז אראָפּ. דער דאָק־טאָר לעווים איז, וויא איין אמת'ער מע־צענאט, נאָך יעדען אקט אריינגעלאָפען צו ראפאלעסקאָ'ן אין גארדעראָבנע אריין. ער האָט געריבען דיא הענד, גע־שוויצט, בעוויזען אלע ציינער, וואָס האָ־בען זיך ביי איהם מאָדנע בערוואקסען איינער אויפ'ן אנדערען, און געדאנקט דעם יונגען גאסט און זיי אימפּרעסאריאָ האָלצמאן כמעט מיט טרערען אויף דיא אויגען. נאָכ'ן דריטען אקט איז אונזער מעצענאט אריין אין אזא התפּעלות, אז ער האָט ארומגעחאפּט דעם יונגען אר־טיסט און האָט זיך מיט איהם צעקושט. נאָכדעם האָט ער אָפּגערופען דעם די־רעקטאָר האָלצמאן אויף א זייט און האָט מיט איהם עפּיס איינגע'טענה'ט מיט היטץ און אלץ בעוויזען מיט דער האנד צו זיך אויפ'ן הארצען, וויא איינער רעדט: „עלי ועל צוארי — אויף מיינע אחריות“....

דיא אקטיאָרען, וואָס זיינען געשטא־נען ביי דער זייט און געזעהען דיא סצענע, האָבען דערויף אויך מקנא גע־ווען דעם יונגען גאסט פון בוקארעשט. זיי האָבען זיך געטראכט: דער דאָקטאָר „לויתן“ איז טאקי ניט אזא צוואָרפענע בריאה. ער איז אָבער א דייטש און א שטיק משוגענער. עס קען איהם אָנ־קומען דאָס משוגעת — זאָל ער ווער וויים וואָס! א קשיא אויף א מעצענאט. וואָס טהוט מען, למשל, אז א דייטשון נעמט און שענקט איהם אוועק דעם גאָל־דענעם זייגער? אָדער ער טהוט אוים

דעם בריליאַנטענעם רינג, וואָס ביי איהם אויפ'ן פינגער, און טראָגט איהם אונטער אַ מתנה? אָדער ער ווערד גאָר משוגע און שרייבט איהם אָפּ איינע פון זיינע לעמבערגער הייזער? ניין, מע דאַרף האָבען מזל. גליק דאַרף מען האָבען!

דעם אמת געזאָגט, האָט אונזער האָלצמאַן אויך געלייגט גרויסע האָפנונגען אויף דעם דאָזיגען מעצענאַט. דערזעהען, אַז דער „דייטש" איז גאָר די „כפּרה" פאַר'ן „יאַט", האָט ער זיך אַ קלער געטהאָן: „קירע דייטש זאָל חאָטש וועלען אונטערטראָגען אַ רעכטע מתנה... ארויסנעמען עטליכע טויזענד „ראַנעש"... אָדער — שאַ — ער זאָל גאָר וועלען צוטרעטען צו האָלצמאַן פאַר אַ קאָמפּאַניאָן, אינאיינעם אָפּדינגען אַ טהעאַטער, טאַקי וואָס אַ טהעאַטער הייסט, מיט אַ פּרימאַדאָנאַ און מיט אַלע זיבעציהן זאַכען... אָדער זאָגען: נאַ, האָלצמאַן, דיר האָט גאָט געגעבען אַן אוצר — ראַפאַלעסקאָ. מיר האָט גאָט געגעבען געלד. לאָמיר מאַכען שותפות... פאַר וואָס ניט? אַ קשיא אויף אַ דאָקטאָר אַ מעצענאַט, אַ ליעבהאָבער פון יודיש טרעאַטער און וואָס פערמאָגט אפשר אַ האַלבען מיליאָן, אַ רוח אין געלד'ס טאַטען אריין!"..

קאַפּיטעל 65

ווער עס פאָהרט און ווער עס געהט צו פוס

נאָך דעם, וואָס אויבען איז געשטאַנען איז גאַנץ גרינג צו פערשטעהן, פאַר וואָס אונזער דירעקטאָר האָלצמאַן איז געווען אַזוי איבערראַשט, אַז דער לעמבערגער מעצענאַט, דער דאָקטאָר יוליוס לעוויוס, האָט איהם פערזענליך בעהרט איינצולאַדען מיט אַלע ארטיסטען נאָך דער פאַרשטעלונג אין אַ קאַפע. זיין נעלקרענקליך פּנים האָט געלויכטען און זיינע שאַרפע שפּיציגע אויגען האָבען געשיינט בעת ער האָט אָנגעזאָגט דעם „יאַט" די דאָזיגע בשורה:

— דוא ווייסט, מיין טהייער שפּיעלפויגעל? אָט דער מעצענאַט דער „לויתן" האָט דאָך אונז איינגעלאַדען אַלעמען אין אַ קאַפע.

— אַלעמען? — פרעגט איהם ראַפאַלעסקאָ און קוקט זיך ארום און זוכט מיט די אויגען די קליינינטשקע, די גראָבינקע, אָט די, וואָס רופט זיך "ברײנדעלע קאָזאַק".

די הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען פון'ם פּובליקום מיט די קאָמפּלימענטען פון'ם דאָקטאָר לעוויוס האָבען נאָך ניט אויף אַזוי פיעל פערדרעהט דעם קאָפּ אונזער יונגען העלד, אַז ער זאָל פערגעסען אויף אַ מינוט אַן דער ברײנדעלע קאָזאַק, וואָס איז די איינציגע אָט דאָ, וועלכע קאָן איהם אָפּגעבען אַ גרוס פון דעם חזנ'ס טאָכטער, פון רייזלען.

רייזעל! רייזעל! וואו ער זאָל ניט זיין, וואָס ער זאָל ניט טהון — שטעהט איהם פאַר די אויגען רייזעל. און אומעדום און אַלע מאָל אין איין געשטאַלט. אַזוי וויא ער האָט זיא געזעהען דעמאָלט אין האָלענעשטי, אין דער געטליך שעהנער זומער־נאַכט, בעת דער שׂרפה אויף „גאָט'ס גאַס". אַזוי איז זיא פערבליבען אין זיין זכרון. בעגאָסען איז זיא דאָמאָלט געווען פון אויבען ביז אראָב מיט פייער, און זיא אליין האָט זיך איהם אויסגעוויזען דאַמאָלט אַ פייעריגע אין דער רויטער ליכטיגקייט פון יענער אויסטערליש שענער כשופ'דיגער נאַכט. עס

איז געגוג פאַר איהם. ער זאָל צומאַכען דיא אויגען, זאָל זיך איהם פאַרשטעלען רייזעל, א בעגאַסענע פון אויבען ביז אראָב מיט פייער, און עס מאַהלט זיך איהם אויס, אז איהרע גרויסע שווארצע גליהענדע ציגיינער־אויגען, וואָס האָ־בען זיך אָפּגעפּינקעלט אין דעם רויטען שיין פון יענער געטליכער אויסטערליש וואונדערליכע נאכט, קוקען אויף איהם און דרינגען איהם דורך. אנדערש שטעלט זיך איהם גאָר ניט פאָר זיין אונפערגעס־ליכע נאכטפּרינצעסין, זיין געטליך שענע פערכשופטע כלה — רייזעל...

און היינט — העלער ווי אַלץ מאָל. און ער הערט זיך צו, ווי דאָס הארץ קלאַפּט איהם שוין נאָך איידער ער וועט עפּיס וואָס הערען וועגען איהר... און ער קוקט זיך ארום און ער זוכט די קליי־ניטשקע, די גראָבינקע, וואָס מע רופט זי „ברייינדעלע קאַזאַק“. שאַ! אָט איז זי דאָ צווישען אלע. קוקט אויף איהם מאָדנע און נעמט איהם דורך מיט די אויגען, גלייך ווי זי ווייסט עפּיס... מאָדנע געהט זי אָנגעטהאָן. א רויטע ראָטאָנדע, א רויטע און א ברייטע. און אליין זעהט זיא אויך אוים עפּיס מאָדנע, גלייך ווי אָט האַפּט זי א טענצעל, א גע־שטאַלט איז ביי איהר פון א פּעסעל. פּים קיילעכיגע, גראָבינקע, קורצינקע. הענד — פּאַמפּעשקעס. אויגעלעך ניט קיין גרויסע, יאַפּאַנישע, נאָר מיט שטאַרק־געדיכטע ברעמען. און א פּנים דוקא א ווייס און א קיילעכיגס, ווי א טעלער, ווי א לבנה. און שטענדיג שמייכעלט זי, בעוויזט א גרוים מויל מיט געזונדע ווייסע ציינער. טהוט איהר א קוק אויף איהר, איז ווי ביטער ס'זאָל אייך ניט זיין אויף'ן הארצען — מוזט איהר א שמייכעל טהון. א מאָדנע לע־בעדליכע פיגור אָט די „ברייינדעלע קאַ־זאַק“!

און דאָך האָט זי אויסגעזעהען אין דער מינוט ביי ראַפּאַלעסקאָ'ן אין די אויגען גאַנץ היבש און חנ'עוודיג. אזוי זעהט אוים ביי אונז אין די אויגען דער בריעפטרעגער, אז מיר קוקען ארוים מיט אַלע אויגען אויף א ידיעה, און פלו־צים דערזעהען מיר אָט דעם ליכטיגען פּנים, ווי ער גריסט אונז, ווי ער שטעלט זיך אָפּ, קוקט אריין צו זיך אין שוואר־צען זאַק אריין, בעקומט ארוים פון דאָר־טען א ווייס פּעקעל און טראָגט אונטער איין בריוועל און נאָך א בריוועל און נאָך צוויי בריוועלעך — אך! אליהו הנביא! קושען איהם, קושען איהם ווילט זיך, אָדער חאַטש ארומנעהמען איהם, דריקען איהם די גראָבע שאַרשאַווע בריעפטרע־גערישע האַנד זיינע...

א שטייגער, מיט וואָס פאַר א חשק וואָלט אין דער מינוט אונזער העלד ידע'ען, אז אלע ארטיסטען פון ביידע טרופּפּעס זאָלען חאַטש אויף א קורצער צייט אריין אין דער ערד, אָדער אוועק צו אלדי רוחות, בכדי ער זאָל בלייבען מיט אָט דער חנ'עוודיג־לעבערליכער פּי־גור איינצווייען און רעדען מיט איהר פון רייזלען, פון רייזלען, פון רייזלען... איז אָבער טאקי נור מעשה־שטן, גלייך ווי מע האָט זיי געדונגען, זיי זאָלען אלע שטעהן אָט דאָ ארום איהם, און קוקען אלע אויף איהם, און ווארטען אַלע אויף איהם, אויף איהם איינעם, ביז ער וועט פּאַרטיג ווערען אויף צו געהן אלע אינ־איינעם מיט'ן דאָקטאָר לעוויוס אין א קאַפע. און דערווייל שמועסט מען און מע באַלאַגורעט און מע לאַכט. א פריי־ליך געזינדעל.

— וואָס דויערט דאָס ביי דיר היינט

אזוי לאַנג ? — זאָגט האָלצמאַן צו ראַפּאַלעסקאָ'ן און העלפט איהם זיך אָנטהון און נעמט איהם ארום דעם האלז מיט א קאַשנע, ער זאָל זיך ניט צוקיהלען, און זיי לאָזען זיך געהן, און דער גאַנצער עולם נאָך זיי אין דרויסען ארויס מיט א רעש, מיט א הו־הא און מיט א געלעכטער, אזוי ווי די חדר־יונגלעך, וואָס מע האָט נאָר־וואָס אפּגעלאָזט פון לערנען.

אין דרויסען איז א שטילע שטערענדיגע נאַכט. ביי דער טהיר פון טהעאַטער שטעהט א קארעטע מיט פערד — נישט קיין געוועהנליכע זאַך פאַר'ן לעמבערגער יודישען טהעאטער. דיא חברה אקטיאָרען בלייבען שטעהן : „וועמענס איז קארעטע ? וועמענס איז פערד ?" — דאָס האָט דער דאָקטאָר לעוויוס בעשטעלט זיין עקיפּאַזש פאַר זיך און פאַר'ן גאַסטראָלער ראַפּאַלעסקאָ און, זעלבסטפערשטענדליך, פאַר זיין אומפּרעסאַריאָ האָלצמאַן. און אַלע דריי זעצען זיך אריין אין דער קארעטע. האָלצמאַן קאָן זיך ניט איינהאַלטען און מוז א זאָג טהון : „א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין"... דער דאָקטאָר לעוויוס טהוט א זאָג צום גאַנצען עולם : „אַלזא, מיינע העררען, אין קאַפּע מאַנאַפּאַל ? " — און דער עולם איז ווידער מקנא אָט דעם גליקליכען ראַפּאַלעסקאָ, און זיי זאָגען איינס צום אנדערען מיט א געלעכטער און מיט א פּסוק : „מי באש ומי במים"...

— מאכט רש"י : ווער עס פאַהרט און ווער עס געהט צו־פוס. — אזוי טייטשען זיי אוים דעם פסוק און אין האַרצען טראַכטען זיי זיך : „ניין. אָט דער „יאַט" איז געבוירען אין א העמדעל"...

— נעם דיך נור גוט ארום מיט'ן פּלעד. — זאָגט האָלצמאַן צו זיין יונגען פריינד און הילט איהם איין און דעקט איהם צו דיא פיס, און דער דאָקטאָר לעוויוס זאָגט עפּים דעם קוטשער אויף דייטש, און יענער טהוט א שמועס מיט דיא פערד אויף פער־דיש לשון, און דער עקיפּאַזש ריהרט, און די נאכט איז שטיל, און די שטערען בלישטשען, און אינזער יונגער העלד דרעהט אוים דעם קאָפּ צו דער קאָמפּאַניע אקטיאָרען. זיי זענען איהם מקנא — נאַראָנים ! ער איז גאָר זיי מקנא. ער וואָלט בעסער וועלען איצט, אין אָט דער שטילער שטערענדיגער נאכט, געהן מיט זיי צו־פוס און רעדען א צוויי ווערטער מיט אָט דער גראָבינקער, וואָס רופט זיך „בריינדעלע קאָזאק" — טאָמער וועט ער עפּים ביי איהר געוואָהר ווערען וועגען דער, וועלכע אינטערעסירט איהם אפשר מעהר פון אַלע און פון אלעם אויף דער וועלט...

קאַפּיטעל 66.

עם גיט זיך אוים א נאַכט

נאָך'ן טומעל פון טהעאטער איז זעהר אנגענעהם זיך דורכצופאָהרען אין א ווייכער קארעטע איבער די האַרטע שטיינער פון דער שטאָדט. די פעדערלעך לויפען, דער עקיפּאַזש טראַגט, די נאכט איז שטיל, דיא שטערען בלישטשען. אַלע דריי זיצען צעלייגט אויף די ווייכע לעדערנע קישענס. אַלע דריי האָבען הנאה. און מעהר פון אַלע האָט הנאה דער דאָקטאָר אַליין. דער דאָקטאָר לעוויוס האָט באמת הנאה פון דער דאָזיגער נאַכט. עם גיט זיך אוים א נאַכט ! געהאַט אזוי פיעל פערגעניגען פון ראַפּאַלעסקאָ'ם שפּיעלען. איינגעלאַדען אַלע

ארטיסטען אין קאפע אויף א ביער. פיהרט דיא בעריהמטע געסט אין איין אייגענעם עקיפאזש. און ווי איין עכטער מעצענאט, א ליעבהאבער פון דער ביזנע בכלל, האט ער איצט אזא געלעגנהייט א ביסעל זיך דורכרעדען וועגען דעם, וואס ער האט אזוי ליעב, און בעווייזען, וואס ער ווייסט וועגען טהעאטער, וועגען שפיעלען, וועגען קונסט. און דער דאקטאר לעוויום רעדט און אונזערע בעריהמטע געסט, האלצמאן און ראפאלעסקא, הערען זיך צו.

מאהלט אייך, ווען דער דאקטאר לעוויום זאל ניט זיין דער דאקטאר לעוויום ,ווען ער זאל ניט זיין קיין מעצענאט, וואס פערמאגט איין אייגענעם עקיפאזש מיט כמעט א האלבען מיליאן דערצו, וואלט איהם אונזער האלצמאן זיכער ניט לאזען דרש'ענען פאר'ן „יאט“ אין די אויגען אזעלכע „אנטימאניעם“, חלומות, נעכטיגע טעג. למשל, א דייטש א דאקטאר פערגינט זיך זאגען ראפאלעסקא'ן, אז ער, ראפאלעסקא, טאר אין אזעלכע ראלען מיט אזעלכע ארטיסטען בשום אופן ניט ארויסטרעטען. „ניין, — זאגט ער, — אזא פון גאט געבענשטער טאלענט, ווי ראפאלעסקא, דארף זיך בעווייזען אין מעהר ערנסטע קלאססישע ראלען“... היינט זינגט ער איהם א ליעדעל גאר וועגען וויען, בערלין און פאריז. „ער דארף, זאגט ער, ארויספאהרען אויף דער גרויסער וועלט זיך בעקענען מיט'ן שפיעלען פון די אמת'ע קינסטלער. אנקוקען די גרויסע ליכטיגע שטערען, וואס בעלייכטען דעם טהעאטערהימעל פון דער גרויסער וועלט“... און נאך אזעלכע מאדנע דבורים הערט ער פון'ם דאזיגען דאקטאר דעם מעצענאט. און האלצמאן קאן זיך ניט אפחידוש'ען, וויפיעל שענע ווערטער דער דייטש ווארפט ארוים אין איין מינוט.

גאנץ אנדערש קוקט דערויף ראפאלעסקא. פאר ראפאלעסקא'ן זענען דיא דאזיגע שענע ווערטער א תורה, א הלכה למשה מסיני, א באלזאם. ניט דעריבער, ווייל די ווערטער זענען שען, נאר ווייל ער פיהלט אין זיי דעם גאנצען אמת, ווייל כמעט דאס אייגענע פיהלט ער אליין. זיין יונגע ארטיסטישע נשמה ציהט איהם שוין לאנג, וואוהין — ווייסט ער אליין ניט. ער ווייס נור, אז איהם פעהלט נאך א סך ביז ער אליין זאל זיך קאנען זאגען : „יא, איך בין איין ארטיסט“. מיט זיין איינגעבוירענעם אינסטינקט פיהלט ער, אז חאטש דער עולם קוועלט, לעקט די פינגער, אפלאדירט, צעטראגט דאס טהעאטער—ס'איז אבער נאך נישט דאס, וואס ער מיינט. ער דארף נאך א סך א סך האבען. ער דארף נאך א סך קוקען, א סך זעהען, א סך הערען, לערנען, לאנג לערנען, ביז ער זאל קאנען געבען דאס, וואס ער איז בכח צו געבען.

ניט איין מאל האט ער דערפון גערעדט מיט זיין פריינד האלצמאן. לאכט איהם האלצמאן אוים. ער זאגט צו איהם מיט זיין בלומענשפראך : „שוטה'לע בן פיקהאלצעל ! ווער האט דיר געזאגט, אז אקטיארען ווערען געמאכט אויף א פאבריק ? וואו האב איך געלערנט דיא קונץ פון קאמיקעריי ? ניט ביי שטשופאק'ען אין קיך, ימח שמו וזכרו? פון דעסטוועגען, אנו, לאז עמיצער פרובען זאגען, אז איך בין ניט קיין קאמיקער, ווערסט דו דער ערשטער אנחראקען יענעם א פולען פנים — זאג אפשר, אז ניין ? “ — ראפאלעסקא איז איהם מסכים, אז ער וועט דער ערשטער אנ־

שפּייען יענעם א פולען פּנים. „היינט וואָס זשע רעדסט דו, נארעלע? צי אפשר פיהלסט דו, אז איך בין דיר ווינציג געטרייה? אָדער אפשר בין איך דיר נמאס געוואָרען? זאג, פויגעלע, שעם דיך ניט". ראפאלעסקא שעמט זיך ניט און זאגט, אז ער ווייסט, אז האָלצמאַן איז איהם געטרייה און אז האָלצמאַן האָט אפילו ניט אָנגעהויבען איהם נמאָס צו ווערען. „היינט וואָס זשע רעדסט דו, טפּש'על? — זאָגט צו איהם וויעדער האָלצמאַן. — ווערסט מיך פאָלגען, וואס איך וועל דיר זאגען?" — געוויס וועט ער איהם פאָלגען, מע דארף נאָך פרעגען? — „נו, אויב אזוי, טהו א גוטען שפּיי, מיין טהייערער, אויף די אלע זיבעצעהן זאכען, און לאָמיר טהון אונזער ארבייט. לאָמיר נאָך א ביסעל ארומפאָהרען איבער דער וועלט, ביז מיר וועלען זיך דעראָביען ערגיץ צו איין אייגען טהעאטערעל, וועט דעמאָלט זיין א רוח אין געלד'ס טאטען אריין"...

דערמיט ענדיגען זיך אלע זייערע געשפּרעכען, און די נשמה פון אונזער יונגען ארטיסט רוהט־נישט. ער הערט ניט אויף צו חלומ'ען פון דער גרויסער טהעאטער־וועלט מיט די גרויסע שטערען, פון וועלכע ער האָט א סך מאָל געהערט און זעהר ווינציג געזעהען. פיהלט זיך ניט אין דעם דער אייגענער כח, וואָס ציהט די קלענערע פלאנעטען צו דער גרויסער פלאמענדער זונן? אויב דאס איז ניט קיין חק ולא יעבור פאר אלע יונגע אקטיאָרען, איז דאס אבער פאר ראפאלעסקאָ'ן געוויס אנגעמאָסטען, וואָרום מיר קאָנען זאָגען פאר זיכער, אז אונזער יונגער העלד איז נאָך אויף אזוי פיעל נאאיוו, אז ס'איז נישטאָ ביי איהם קיין מעהר הייליגע זאַך אויף דער וועלט, ווי די ביהנע. דאָס טהעאַטער — דאָס אין זיין בית־המקדש, און דער ארטיסט — דאָס איז דער כהן־גדול. דעריבער איז זיין אויפטרעטען אויף דער ביהנע אלע מאָל און אומעדום א מין צוטרעטען פון'ם כהן־גדול צו דער עבודה. יעדער טראָט איז ביי איהם אויסגערעכענט. יעדעס וואָרט אפּגעמאָסטען. יעדער קוק אפּגעוואויגען. קיין איבעריגער ריהר. קיין איבעריגע זילבע. נור נאטירליך — די נאטור אליין. נור פּראָסט — די פּראָסטקייט אליין.

ליגט ניט בעהאלטען אין דעם דער גאנצער סוד פון זיין אויסנעמען אלע מאָל ביי'ם עולם?

קאפּיטעל 67.

גאלדענע חלומות

יעדער לייטישער מענש מוז האָבען עפּיס א חולאת, א מין אידעע־פיקס, א שטיקעל משוגעת. דעם דאָקטאָר לעוויוס'עס משוגעת איז טהעאטער. דער דאָקטאָר לעוויוס איז קראנק אויף טהעאטער. קונסט, טהעאטער, ארטיסטען— דאָס זענען פון די זאכען, וואָס אז דער דאָקטאָר לעוויוס הויבט אָן וועגען זיי צו רעדען, איז שווער, אז ער זאָל אזוי גיך אנשוויגען ווערען. רעדט ער פון טהעאטער, פערגעסט ער די גאנצע וועלט מיט אלע איהרע אנדערע אינטערעסען. פאַרהאַן אין א זייגער אזא מין רעדעל, וואָס אז מע ריהרט דאָס אָן, דרעהט זיך עס און סע דרעהט זיך אָהן איין אָפּשטעל. ביי זייגער־מאכערס איז דאָס א סימן, אז דער זייגער איז קאַלי. מאַכען זיי אזוי, אז דאָס רעדעל זאָל זיך דרעהען לאנגזאם, איינגעהאלטען, מע זאָל גאָר ניט בעמערקען, ווי עס דרעהט זיך — און דאָס, זאָגען זיי, איז דער

גאנצער שכל פון'ם מעכאניזם. מיר זענען זיך מודה. אז אינ'ם ענין פון זייגערמאכעריי האָבען מיר א גאנץ קליינע ידיעה. נאָר וואָס אנבעלאנגט צו אונזער מעצענאט דאָקטאָר לעוויוס, ווייסען מיר פאר קלאָר, אז דאָס רעדעל פון זיין מעכאניזם, וואָס ווערד אָנגערופען מיט'ן נאָמען „טהעאטער", וועט קיין מייסטער אין דער וועלט ניט אונטערנעמען זיך אפצושטעלען. האָט מען דאָס נור אָנגעריהרט, וועט זיך עס שוין ביי איהם דרעהען און דרעהען. די ארטיסטען פונ'ם לעמבערגער יודישען טהעאטער ווייסען שוין דאָס חולאת פון'ם דאָזיגען מעצענאט, היטען זיי זיך, מע זאָל מיט איהם פון אזעלכע זאכען ניט רעדען...

אונזערע צוויי העלדען, וואָס זענען מיט איהם געפאהרען אין זיין עקיפאזש פון טהעאטער צום קאפע מאָנאָפּאָל, האָבען פון דעם אומגליק נאָך נישט געוואוסט, האָבען זיי אויפגעשטעלט מויל און אויהרען און געהאָרכט, ווי דער דאָזיגער מעצענאט לייענט זיי א לעקציע, און יעדער פון די צוויי האָט זיך געהאט וועגען דעם זיין בעזונדערע מיינונג מיט זיין בעזונדערען נאָמען. ביי איינעם האָט דאָס געהייסען (מיר רעדען מיט דאָלצמאַן'ס שפּראך) „אנטימאָניע מיט סירקע", „צוויעקעס מיט זייף", „מילכיגע לאָקשען מיט כשר'ע פאָדעם". ביי'ם צווייטען איז דאָס געוועזען הימעל־מוזיק, נביאיש, תורת־משה. איינער האָט איהם גזעהרט דערפאר, וואָס ער פערמאָגט איין אייגענעם עקיפאזש מיט אייגענע מויערען. און דער אנדערער האָט געשלונגען די ווערטער, וואָס זענען געוועזען א באלזאם, א זיסער געטראנק, א גוטער חלום, וואָס הויבט אָן מקוים

צו ווערען אויף דער וואָהר. און דער דאָקטאָר לעוויוס האָט ליעב, ווי יעדער מענש, אז מע הערט איהם מיט קאָפּ. און, ווי יעדער מענש, האָט ער ליעב אויפקלערען, קלאָר מאכען, צעקייען און אריינלעגען יענעם אין מויל אריין, זאָגען א מיינונג און געבען איין עצה, ווי צום בעסטען, צום גלייכסטען און צום שענסטען.

— איהם בעדארף מען, זאָג איך אייך נאָך אמאָל, נעמען און אוועקפיהרען קיין ווין, אונזער ווין, אין בורגטהעאטער אריין, אונזער בורגטהעאטער, און בעווייזען איהם, וויא מע שפּיעלט ביי אונז טהעאטער. לאָז ער נור א קוק טהון אויף זאָנענטהאל'ען, אויף אונזער זאָנענטהאל...

— ווער איז דער זאָנענטהאל? — טהוען א פרעג ביידע מיט א מאָל, האָלצמאן און ראפאלעסקא.

דער דאָקטאָר לעוויוס בעטראכט זיי ביידען מיט רחמנות, ווי מע קוקט, למשל, אויף ווילדע מענשען, וואָס ווייסען ניט, וואָס מע טהוט מיט א מעסער און מיט א גאָפּעל:

—זאָנענטהאל ווייסט איהר ניט? דאָס איז דער גאָט פון אלע ארטיסטען, פון אלע שוישפּיעלער. אויך א יוד און אויך א יונגעל אָנגעקומען קיין ווין. א יונגעל א שניידער. זיך אוועקגעלאָזט קיין ווין זוכען ארבייט און פערבלאָנזעט אין בורגטהעאטער און דערזעהען דעם גרויסען וועלט־בעריהמטען דאַוויזאָהן. פון דעמאָלט אָן ווערד ער איין אָפטער געהער אין טהעאטער, ווארפט אוועק דאָס שניידעריי און ווערד אין עטליכע יאָהר ארום דער גרויסער וועלט־בעריהמטער און בעליעבטער קינסטלער

זאָנענטהאַל, אונזער זאָנענטהאַל, וועל־כער...

— האָט ער עפּיס יענע מעשה? — טהוט איהם האָלצמאַן א שלאָג איבער אין מיטען די רעד, בכדי א דרעה צו טהון דאָס רעדעל, ס'זאָל זיך דרעהען אין איין אַנדער זייט.

דער דאָקטאָר לעוויום טהוט א קוק אויף האָלצמאַנ'ען:

— וועלכע מעשה?

—אָט דאָס, וואָס איך האָב ליעב און איהר האָט ניט פיינט, פּעטי־מעטי. מאַכט צו איהם האָלצמאַן, בעווייזט איהם אויף דער האַנד און רייבט מיט דריי פינגער.

אפּנים, אז דער דאָקטאָר לעוויום האָט פערשטאַנען, ווארום ער צעלאַכט זיך און ציהט אוים:

— אאַא? אָט דאָס מיינט איהר? זאָנענטהאַל איז א מיליאָנער.

דאָס וואָרט „א מיליאָנער" ציהט דער דאָקטאָר לעוויום פּענאַנדער: „א מיל־ליאָ־נער!" — און האָלצמאַנ'ס שאַרפע שפּיציגע אויגען טהוען א גלאַנץ אין דער פינסטער, און דער אומבעקאַנ־טער זאָנענטהאַל וואַכסט אוים אין זיינע אויגען מיט דריי קעפּ העכער, און די שטאָרט וויען בעקומט ביי איהם מיט א מאָל גרוים חן, און ער רופט זיך אָן:

—א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין. ס'זאָל ניט קאָסטען אזוי טהייער די נסיעה און מע זאָל זיך קאָנען דערשלאָ־גען צו אָט דעם זאָנענטהאַל, וואָלטען מיר מיט ראַפּאַלעסקאַ'ן אפשר טאַקי זיך דורכגעפאָהרען קיין וויען.

— ניט אַנדערש! — זאָגט דער דאָקטאָר לעוויום. — איך קאָן אייך גע־בען צו איהם א בריעף, אויב איהר ווילט.

האָלצמאַן טהוט אזש א שפּרונג אונ־טער אין פאַעטאָן:

— איהר קענט זיך מיט איהם פער־זענליך?

— מיט אלע גרעסטע שוישפּיעלער אין דער וועלט.

פון דער מינוט אָן איז ביי זיי דער דאָקטאָר לעוויום אויסגעוואַכסען אזוי הויך, וואָס העכער קאָן שוין גאָר ניט זיין. ביי האָלצמאַנען איז ער אויסגעוואַק־סען מיט דעם, וואָס ער קען זיך מיט א מ י ל י א נ ע ר, און ביי ראַפּאַלעס־קאָ'ן — דערמיט, וואָס ער קען זיך מיט ז אָ נ ע נ ט ה א ל ע ן. און חאָטש ראַ־פּאַלעסקא הערט דעם נאָמען גלייך מיט האָלצמאַנען צום ערשטען מאָל, נאָר דעם דאָקטאָר'ס ווערטער: „דער גאָט פון די שוישפּיעלער" און דיא קורצע ביאָ־גראַפיע, וואָס דער דאָקטאָר לעוויום האָט זיי דאָ דערצעהלט, זאָגען איהם אונטער, אז דער זאָנענטהאַל — דאָס איז דער גאָט, צו וועמען ער דיענט פון קינדוויין אָן... אז דאס איז די זונן, צו וועלכע עס ציהט זיך זיין נשמה. אז דאָס איז דאָס אידעאַל, וואָס ער זעהט עס סאַי אין חלום, סאַי אויף דער וואָהר, און דער דאָקטאָר לעוויום אליין בעקומט אין זיינע אויגען אויך א פּנים פון א נישט־געוועהנליכען מענשען, פון א שטיק גאָטהייט.

און דער דאָקטאָר לעוויום הערט נישט אויף צו געבען עצות, וואָס מע דאַרף טהון מיט ראַפּאַלעסקאָ'ן — און פון איצט אָן איז שוין ביי זיי ביידען אלס־דינג, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט, הייליג. איטליכעס וואָרט — א תורה. און ביידע הערען זיך איין זיינע דרשות, וואָס קלינגען ביי זיי אין די אויהרען, ווי די בעסטע מוזיק. און ביי ביידען וועבען

זיך גאָלדענע פעדים אין דער פאַנטאַזיע. און ביידע חלומ'ען אויף דער וואָהר גאָלדענע חלומות.

האַלצמאַן חלומ'ט, ווי אזוי זיי קומען צום מיליאָנער זאַנענטהאַל קיין וויען מיט'ן דאָקטאָר'ס בריעף... ווי גרויסאַרטיג ער נעמט זיי אויף... ווי זאַנענטהאַל רעדט זיך דורך און פאַרהערט דעם „יאט" און פרעגט ביי האַלצמאַנ'ען אויף דייטש: „וואָס איז זיין באגעהר?" ענטפערט ער איהם: „כך וכך, פאַני זאַנענטהאַל, וואָס זאָל זיין מיין באַגעהר? איהר זענט דאָך א מענש וואָס קאַטאָרי פאַרשטעהט אַנ'עסק. מיין באַגעהר איז א טהעאַטערעל אַנ'אייגענעם מיט א פרימאַדאָנעכין מיט הכל בכל מכל פלעקעל — און א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין"...

און ראַפאַלעסקאַ'ס חלומות וועבען זיך פון אנדערע גאָלדענע פעדים. איהם שטעלט זיך פאָר אַט דער גרויסער זאַנענטהאַל אינ'ם געשטאַלט פון א מלאך מיט פליגלען, וואָס אז ער וויל, הויבט ער זיך אויף, טהוט א מאַך מיט די פליגלען און שוועבט איבער אלע לעבעדיגע; און אז ער וויל, לאָזט ער זיך אראָפ און איז גלייך מיט אלעמען, קלענער פון אלעמען. און אַט דער גוטער מלאך ווערד זיין מלאך הגואל, זיין וועגווייזער און זיין לעהרער, און ער פיהרט דאָס איהם צום רעכטען וועג, וואוהין עס ציהט איהם זיין הארץ פון קינדוווייז אָן, צום אמת'ען קוואַל, וואָס בעגעהרט זיין דאָרשטיגע נשמה...

— מיינע העררען! — זאָגט דער דאָקטאָר לעוויוס נאָכדעם, ווי דער עקיפאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי א העל־בעלויכטען הויז. — מיינע העררען! מיר זענען אין קאפע מאַנאַפּאַל.

קאַפּיטעל 68.

קאַפּע מאָנאָפּאָל

אומעדום, אין יעדער מעהר אָדער ווינציגער אַנשטענדיגער שטאָדט, האָבען זיך די ארטיסטען פון טהעאַטער זייער קאַפּע, וואו מע קומט אריין אויסטרינקען א שאָל טיי, א גלאָז ביער, זיך זעהען מיט א מענשען, אָדער גלאַט אזוי אביסעל זיצען.

אין דער שטאָדט, וואו מיר געפינען זיך אַצינד, אין לעמבערג, איז דערויף בעשאַפען געוואָרען דאָס קאַפע „מאָנאָפּאָל". דאָרט קאָן מען פערברענגען גאַנץ געמיטליך. אז איהר ווילט, קאָנט איהר אייך שפּיעלען אין שאָך, אין דאָמינא אָדער אין ביינדלעך. אז איהר ווילט, קאָנט איהר שפּיעלען א פּאַרטיע ביללארד. און אז איהר ווילט שטאַרק, קאָנט איהר האַפען א קערטעל אויך.

נאַטירליך, שפּיעלט מען ניט אין קאָרטען באַלד ביי'ם אריינקומען אין קאַפע. א קאָרט האָט ליעב א צוגעשלאָסענע טהיר מיט א פערהאַנגענעם פענסטער. ס'איז שוין אזוי איינגעפיהרט משֵשת ימי בראשית... מהאי טעמא האָט דאָס קאַפע „מאָנאָפּאָל" א גאַנץ בעזונדער צימערעל, וואָס שטעהט א ביסעל אָן א זייט, זעהר בעשיידען, אזוי אז מע זעהט דאָס גאָר כמעט נישט אָן. דאָס דאָזיגע צימערעל איז כמעט שטענדיג בעזעצט מיט אקטיאָרען, און נור מיט די יעניגע אקטיאָרען, וואָס האָבען ליעב א קערטעל. און אזוי ווי ס'איז כמעט נאָך גאָר ניט געבוירען געוואָרען אויף דער וועלט דער אקטיאָר, וואָס זאָל פיינד האָבען א קערטעל, איז דעריבער דאָס קליינע קאָרטענצימערעל, דאַנקען השם־יתברך, שטענדיג פול

געפּאַקט מיט יודישע אַקטיאָרען און אָנגערויכערט אַזוי, אַז מע זעהט ניט די ליכטיגע וועלט. אין דער דאָזיגער שטאָדט, אַז עמיצער וויל זיך זעהען מיט איין אַקטיאָר פון יודישען טהעאַטער, געהט ער אין קאַפע „מאָנאָפּאָל" גלייך אין יענעם זייטיגען צימער. ער ווייסט פריהער, אַז דאָרט וועט ער איהם צו יעדער צייט זיכער געפינען. קורץ — קאַפע „מאָנאָפּאָל" — דאָס איז די רעזידענץ פון די יודישע אַרטיסטען אין לעמבערג, און אַהין פיהרען מיר אַריין איצט אונזער לעזער.

אַז די אַקטיאָרען פון ביידע טרופּפּעס זענען אַריינגעקומען אין קאַפע „מאָנאָפּאָל", זענען זיי אַריין מיט אַזאַ רעש און אויסגעזעצט זיך אַרום די טישען מיט אַזאַ ברייטקייט, גלייך ווי זיי וואָלטען זיך געקליבען אויסטרינקען און אויפעסען אַלסדינג, וואָס אין דעם הויז געפינט זיך. באַלד זענען אויסגעוואַכסען ווי פון אונטער דער ערד צוויי קעלנערס אין קורצע פראַקען מיט לאַנגע עכט־סעמיטישע נעזער און האָבען אַוועקגעשטעלט זיך פון ביידע זייטען ביי די אַריינגעקומענע געסט אָהן ווערטער, ווי איינער רעדט ? „וואָס פערלאַנגען די העררען ?" — האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די „העררען" פערלאַנגען דערווייל נאָך קיין זאַך נישט. זיי וואַרטען אויף אַ פּאָר פּאַרשוינען, און דערווייל האָט מען זיך גענומען אָפּ'לצ'עווען טאַקי פון די פּאָר „פּאַרשוינען", וואָס מע וואַרט אויף זיי, און מעהר פון אַלעמען האָט מען איינגעטהיילט דעם דאָקטאָר „לויתן". איינער האָט איהם קונציג נאָכגעמאַכט, ווי אַזוי ער האַלט די הענד אין די קעשענים, קוקט אַריבער די בריללען און רעדט און שפּריצט מיט די צייהן.

דער אַנדערער האָט איהם איבערגעקרימט, ווי אַזוי ער האָט אַפּלאָדירט ראַפּאַלעסקאָ'ן מיט הענד און מיט פיס און מיט אַלע אברים. אַ דריטער האָט בעוויזען, ווי אַזוי ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם „יאַט" קושען, און ווי אַזוי דער „יאַט" האָט זיך נעבאַך דערשראָקען. און די גאַנצע חברה ווערד צעגאַנגען פאַר געלעכטער.

אַקטיאָרען — זענען בכלל אַ פּריוויליכע אומה. ניט אומזיסט רופט מען זיי ביי אונז „פערשלעפּטע קרענק". צי ס'איז דאָ פון וואָס, צי ס'איז ניטאָ פון וואָס — מע לאַכט. זאָגט איינער אַ חכמה, לאַכט מען. זאָגט ער אַ נאַרישקייט — דאַרף מען דאָך אודאי לאַכען.

— אונזער „לויתן". קעהר זיי דאָרט לייענען אַ לעקציע אין פּאַעטאָן וועגען „קונסט"...

און גלייך ווי זיי זענען געווען דערביי. דער דאָקטאָר לעוויום האָט לכתחילה אָנגעזאָגט דעם קוטשער, ער זאָל זיי ניט פיהרען גלייך צום קאַפע „מאָנאָפּאָל", נאָר מאַכען פריהער אַ קליינעם טור אַרום דער שטאָדט שעפּען פרישע לופט. ער קאָן בעשטעהען, אַז די חברה אַקטיאָרען זאָלען אַ ביסעל צו־וואַרטען. אַ מעצענאַט, וואָס האָט געלד, צערעמאָניעט זיך ניט אַזוי שטאַרק מיט אָרעמע אַקטיאָרען און נאָך יודישע דערצו. דער דאָקטאָר לעוויום איז געוואוינט געוואָרען, אַז איין אַקטיאָר זאָל האָבען פאַר איהם דאָס נייעניאָהריגע. דער כח פון געלד. והראיה — ער איז נור אַריינגעקומען אין קאַפע, איז דער גאַנצער עולם ווי איין מענש אויפגעשטאַנען און מיט רעספּעקט אָפּגעטראָטען איהם דעם אויבענאָן, וועלכען ער האָט פערנומען מיט דעם געפיהל פון אַ מענשען, וואס

ווייסט זיין אָרט. דערפאַר האָט ער אָבער אוועקגעזעצט נעבען זיך דעם גאַסטראָלער ראַפּאַלעסקאָ'ן פון דער רעכטער האַנד און דעם אימפּרעסאַריא האָלצמאַן פון דער לינקער האַנד, און די זיצונג האָט באַלד בעקומען א פייערליך פּנים, און דיא שטימונג איז געוואָרען א געהויבענע. דער דאָקטאָר לעוויוס האָט געגעבען א קלונג, און ביידע קעלנערעם מיט די קורצע פראַקען און מיט די לאַנגע סעמיטישע נעזער זענען ווידער א מאָל אויסגעוואַכסען ווי פון אונטער דער ערד, צוגעלאָפען גלייך צום דאָקטאָר לעוויוס און געקוקט איהם אין דיא אויגען אריין מיט אזוי פיעל רעשפּעקט און נייגיעריגקייט, גלייך ווי דאָס, וואָס דער דאָקטאָר לעוויוס וועט זיי באַלד זאָגען, וועט האָבען פאַר זיי און פאַר'ן קאַפּעהויז און פאַר דער גאַנצער וועלט מי יודע וואָס פאַר א ווערטה. ביידע קעלנערעם האָבען זיך אזש צוגעבויגען, די הענד ארונטער, און פערהאַלטען דעם אָטהעם אויף אזוי פיעל, וויפיעל ס'איז נור מעגליך פאַר א לעבעדיגען נפש, וואָס מוז אָטהעמען. דער דאָקטאָר לעוויוס האָט אבער נישט אזוי גיך ארויסגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהאט צו זאָגען. ער האָט זיך פריהער גאַנץ פיין אויסגעגלעט דעם דרייעקעדיגען שאַרבען, דעם שטערן פערקנייטשט, די אויגען האַלב־צוגעמאַכט און געקוקט פערמראַכט אריבער די בריללען אין איין פינטעל אריין, ווי א מענש, וואָס האַלט ביי אויפלעזען א וועלטפּראָבלעם. דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרען. דער דאָקטאָר לעוויוס וואָלט בעטען ביי די קעלנערעם, זיי זאָלען אזוי גוט זיין ברענגען ביער, אַלעמען צו קאָפּעל ביער, און כשר־וואורשט אויף צו פערבייסען.

די קעלנערעם האָבען זיך אויסגעגלייכט, האָבען ביידע מיט א מאָל זיך א לאָז געגעבען מיט אזא איין; אימפּעט און מיט אזעלכע שיינענדיגע פּנים'ער, גלייך ווי זיי וואָלטען וועלען אַנזאָגען דער וועלט א בשורה, אז עמיצער האָט געמאַכט דעם הויפּט־טרעפער, אָדער אז עמיצער, א נאָהענטער בעקאַנטער, האָט ענטדעקט דעם נאָרדפּאָל, אָדער, ווייניגסטענס, אז מע האָט עמיצען רעפריהט פון געפענגנים.

קאַפּיטעל 69.

ער טרינקט פאַר דיא בלאָנזענדע שטערען

דאָס ביער איז סערווירט געוואָרען, די כשר־וואורשט האָט מען מיט כבוד אויפגענומען, אָפּגעריינינגט פאַר איהר א ריינעם אָרט, און דער דאָקטאָר לעוויוס האָט זיך אויפגעהויבען, ווי א פּרעזידענט, און מיט זעהר א זים שמייכעלע וואָס האָט זיך צעגאָסען אויף זיינע גראָבע ליפּען און גרויסע ווייסע צייהן, וועלכע האָבען זיך ביי איהם מאָדנע צעוואַכסען איינער אויפ'ן אנדערען, האָט ער אָפּגעהאַלטען א טאָאַסט, א לאַנגע, א גלענצענדע רעדע.

געשפּראָכען האָט דער דאָקטאָר לעוויוס, נאַטירליך, הויך־דייטש, וואָרום ווי באַלד אָפּיציעל, מוז מען שפּרעכען דייטש. מיר וואָלטען דאָ אַפּילו זעהר חשק געהאט בעווייזען א בריה'שאַפּט איבערגעבען די גאַנצע רעדע אין אונזער פּראָסט יודיש לשון — די דייטשען אויף צו־להכעיס, ווילען מיר אָבער ניט אויפהאַלטען דעם לעזער. איין עבירה די צייט. אין דריי ווערטער געבען מיר איבער דעם גאַנצען אינהאַלט.

דער דאָקטאָר לעוויום האָט קודם כל געגעבען א קורצען איבערבליק איבער דער געשיכטע פון טהעאטער בכלל, ווי אזוי די קונסט האָט זיך ענטוויקעלט ביי אלע פעלקער אין פערשיעדענע לענדער, פון דעם גרויסען שעקספּיר'ס צייטען ביז צו היינטיגען טאָג. פערשטעהט זיך, אז דערביי איז ארויסבעוויזען געוואָרען א מורא'דיגע ערודיציע און נעמען פון ביכער און פון פערפאסערס האָבען זיך געשאָטען, ווי א האָגעל, אויף די קעפּ פון די אויסגעהונגערטע אקטיאָרען, וואָס האָבען שעלמיש געוואונקען צום אָנגעשוימטען שפּיעלענדיגען ביער און פריינדליך געשמייכעלט צו דער כשר-וואורשט, וואָס האָט געלאָזט הערען פון זיך א ריח-ניחוח פון גוט-גערויכערט פלייש מיט א זעהר פיינעם אראָמאט פון דייטשען קנאָבעל. חברה האָט שוין אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו־שרכ'ענען זיך צו דיא קאָפּעלס מיט ביער, וואָרום לויט דעם דאָזיגען „קורצען איבערבליק", האָבען זיי אויסגערעכענט, אז ביז דער דאָקטאָר „לויתן" וועט פאַרטיג ווערען מיט שעקספּיר'ען, קאָנען זיי דריי מאָל פארטיג ווערען מיט'ן יער און מיט דער כשר-וואורשט.

דער דאָקטאָר לעוויום האָט אָבער אליין ארויסגעזעהן, אפנים, אז ער איז מיט זיין „קורצען איבערבליק" א ביסעל צו-ווייט אוועק, האָט ער קונציג געגעבען א שפּרונג איבער פון שעקספּיר'ען גלייך צום „פאָטער פון דער יודישער ביהנע", צו גאָלדפאַדען'ען, און צו זיינע נאָכפאָלגער, ביז ער איז בשלום אריבער צו די ארטיסטען פון יודישען טהעאטער דאָ אין לעמבערג און צו די ארטיסטען פון אלע אנדערע טהעאטערס, וואָס בלאָנזען ארום פון שטאָדט צו שטאָדט און הויבען אויף די פאָהן פון יודישע קונסט. איינער פון דיא דאָזיגע בעדייטענסטע בלאָנזענדע ארטיסטען, האָט דער רעדנער געזאָגט, איז דער יונגער גאסט פון בוקארעשט, דער שוין-בעריהמטער מאעסטראָ, דער טאלענטפאָלער ראפאלעסקאָ. וועלכען זיי האָבען די עהרע דאָ אינ'ם איינגען קרייז פון לויטער ארטיסטען צו בעגריסען.

„דיעזער יונגער ארטיסט, מיינע דאַמען און הערען, — האָט דער דאָקטאָר לעוויום זיך געווענדעט צו די ארטיסטען, בעווייזענדיג אויף ראפאלעסקא'ן, — דיעזער יונגער ארטיסט איז ערשיענען פאר אונזערע אויגען גאנץ אונערוואַרטעט, ווי עס ערשיינט א מאָל אויף'ן הימעל א אונערווארטעטער פאר דער אסטראָנאָמיע א לויכטענדער א בלאָנזענדער גלענצענדער שטערן. גאנץ אונערווארטעט האָט פערבלאָנזעט צו אונז דער דאָזיגער בלאָנזענדער שטערן ראפאלעסקא און האָט בעלייכט דעם גאנצען הימעל פון אונזער אידישער ביהנע. אָבער נישט אויף לאנג, מיינע דאמען און הערען, ליידער נור אויף א קורצע צייט, ווי אלע גרויסע בלאָנזענדע שטערען, וואָס אָט בעווייזען זיי זיך, און אָט ווערען זיי פערשוואונדען... איך הויב מיין טאָאסט, מיינע דאמען און הערען, — האָט דער דאָקטאָר לעוויום אויסגעלאָזט זיין דרשה, — איך טרינק פאר אונזערע יודישע בלאָנזענדע שטערן. האָך! "

א דרייפאכען „האָך" האָבען אונטערגעהאפּט די ארטיסטען פון ביידע טרופּפּעס און בעדאנקט דעם רעדנער מיט א היבשע פּאָרציע אפּלאָדיסמענטען, און מע האָט זיך געגעבען א נעם צום ביער און צו דער כשר-וואורשט.

אַ מאָל איז געווען, אַז איין וואָרט, וואָס איז געזאָגט געוואָרען פאַרבייגע־הענדיג, זאָל אַרויסרופען אַ גאַנצען פּאַק מיט געדאַנקען און זכרונות. די צוויי ווערטער „בלאָנזענדע שטערען" זענען גענוג געווען, זיי זאָלען אָוועקטראָגען אונזער יונגען העלד צו איהם אַהיים קיין האָלענעשטי. ב ל אָ נ ז ע נ ד ע ש ט ע ר ע ן — דאָס זענען די ווער־טער, וואָס ער אַליין האָט אַמאָל גע־זאָגט צו רייזלען אין יענער כשופדיגער נאַכט פון דער שרפה אויף „גאָט'ס גאַס" רייזעל האָט דערזעהען דעמאָלט, ווי שטערען בייטען זיך און פאַלען. האָט זי זיך צוגערוקט צו איהם נאָהינט, גאַנץ נאָהינט, געקוקט איהם אין די אויגען אַריין; זי האָט מורא געהאַט : „זעה נאָר זעה, ווי שטערען פאַלען פון'ם הי־מעל"... „שטערען פאַלען ניט — האָט ער זי בערוהיגט — שטערען פאַלען ניט, נאַרעלע, שטערען בלאָנזען"... און ניט ווילענדיג, קעהרט זיך אום אונזער ראַ־פאַלעסקאַ צוריק צו יענער שענער, אויס־טערליש שענער וואונדערליכער כשופ'־דיגער נאַכט. און ער הערט שוין נישט מעהר נישט די אַפּלאָדיסמענטען, נישט די געלעכטערען פון די אַקטיאָרען. ראַ־פאַלעסקאַ איז נישט בהאי עלמא. ער איז ווייט־ווייט פון דאַנען. ער איז אין דער גליקליכער כשופ'דיגער וועלט פון ליכטיגע זכרונות, פון זיסע חלומות...

— פאַר אונזערע בלאָנזענדע שטע־רען ! — זאָגט צו איהם נאָך אַ מאָל דער דאָקטאָר לעוויוס מיט'ן לעצטען טרונק ביער, טהוט אַ קלונג צו די קעל־נערס, צעצאָהלט זיך און געזעגענט זיך אָפּ מיט'ן גאַנצען עולם ביז דער צוויי־טער פאָרשטעלונג, ביז מאָרגען.

— אויף ווידערזעהן.

— ברוך שפטרני ! — רופט זיך אָן איינער פון דער הבריא, בעת דער דאָק־טאָר לעוויוס איז שוין אויף יענער זייט טהיר.

— אַלסדינג איז ביז אַ צייט. — האַפּט איהם אונטער נאָך איינער.

— נישטאָ קיין אייביגע זאַך אונטער דער לבנה, ווי דאָן פּעדראָ זאָגט.

— יאָלד ! וואָסער דאָן פּעדראָ ? דאָס האָט גאָר געזאָגט משה רבינו.

— קעהרסט מיינען — שלמה המלך ?

— לאָז זיין שלמה המלך. קינדער, צו דער אַרבייט ! די נאַכט שטעהט ניט.

און דער עולם הויבט זיך אויף פון די טישען און מע שפּאַצירט אַריין אַהין, אינ'ם אָפּגעשלאָסענעם זייטיגען צימער, וואָס איז דערמאָנט ביי אונז מיט אַ קאַפּיטעל פריהער.

קאַפּיטעל 70.

חי — געלעבט

חברה אַקטיאָרען, אַז זיי פערקלויבען זיך אַהין, אינ'ם קליינעם קאָרטענצימערל פון קאַפע „מאָנאָפּאָל" ווייסט מען דען, וואו די צייט קומט אַהין ?

יודישע אַקטיאָרען, פריילינע קינדער, צום מיינסטען — קאָמיקער, פערשלעפּ־טע קרענק, לעבעדיגע ברואים, אַז מע קומט זיך צענויף, איז גלאַט ניט אומע־טיג. חי־געלעבט. ובפרט, אַז מע פער־לעגט אַ באַנק און מע האַפּט אַ קער־טעל. עס איז קיין חילוק ניט, צי מע געווינט, צי מע פערשפּיעלט — לאַכען לאַכט מען זיך אָן אַזוי, אַז מע בלייבט אָהן זייטען.

זעצט מען זיך אַוועק שפּיעלען, מוז זיין עמיצער אַ כפּרה־היהנדעל, וואָס דאָס

רוב ווערטלעך און דער גרעסטער חלק קללות פאַלען אויף זיין קאָפּ.

צום מיינסטען איז דאָס כפּרה־היהנדעל שוואַלב, אונזער בעקאַנטער טראַגיקער איזאַק שוואַלב. מיר האָבען שוין געהאַט די געלעגענהייט צו זעהען איהם מיט דער חברה שפּיעלענדיג אין „טערטעל־מירטעל“. דאָ, ביי דער אַרבייט, הייסט ער שוין מעהר ניט איזאַק, ניט שוואַלב, נאָר חיים־איציק, און איציקעל, און שוועלבעלע. און קאָמפּלימענטען שיטען זיך אויף איהם, ווי פון א ראָזשעק: „קעסעלפּיק“, און „טרעלבויך“, און „רויטער“, און „המן“, און „מאַנדריש“, און וואָס איהר ווילט. און שוואַלב, מיינט איהר, געפינט זיך בעליידיגט ? קענט איהר ניט שוואַלבען. שוואַלב, אז ער שפּיעלט אין קאָרטען, שפּילעט ער לשמה. אזוי שפּיעלט ער אויף דער ביהנע און אזוי שפּיעלט ער אין קאָרטען און אזוי עסט ער — אַלסדינג, וואָס שוואַלב טהוט, טהוט ער מיט חשק, מיט ישוב־הדעת און מיט כונה.

אויסגעטהיילט דיא קאָרטען און איבערגעצעהלט דאָס צענויפגענומענע געלד, הויבט ער אָן „אויסלעגען די מענטשעלעך“ — אזוי הייסען ביי איהם די קאָרטען. און די קאָרטען געהען ביי איהם פּאַוואָלינקע, נאָך׳ן אלף־בית : „אלף — אנ׳אָדלער... בית — א באַרענבוים... גימל — א גנב... דלת — א דלפן... הא — א האָז... ואו — א ווייגאָרטען... זיין — א זאַווערוכע... חית — א חזיר... טית — א טעלערלעקער...“ א. ז. וו.

ניין, זאָגט איך וואָס איהר ווילט, אונזער טראַגיקער איזאַק שוואַלב איז בור אויף דער ביהנע א וואַגאַבונד און א גזלן. ווייטער אזוי, קאָנט איהר זיך אויף איהם זעצען רייטענדיג און אוועקפאָהרען. „א דימענט פון א מענשען — זאָגען אויף איהם זיינע קאָללעגען די אקטיאָרען — נאָר ער וואָלט געמעגט אָנלעגען מיט׳ן קאָפּ איידער ער איז געבוירען געוואָרען“...

איצטיגס מאָל האָט זיך שוואַלב גע־היצט ביי די קארטען מעהר ווי אלע מאָל. „א נאַקעטער איז איהם איבערגעגאַנגען דעם וועג“. עס איז איהם נישט געגאַנגען דאָס בלאַט, חאָטש טהו זיך אָן א מעשה. ביידע, אי ער, אי די שוועסטער, די פּרימאַדאָנא, הענריעטא שוואַלב, האָבען געהאַלטען אין איין ביי־טען געלד און האָבען ביידע געפּלאַטט ווי א העליש פייער...

אויף דער שוועסטער האָט איהם נאָך מעהר געאַהרט, ווי אויף זיך. האָט ער גענומען איהר אויסרעדען פאַר אלעמען, אז זי „ברענט געלד“. האָט זי איהם געזאָגט, אז זי ברענט איהר געלד, ניט זיינס. האָט ער איהר געזאָגט : „וואָש גרעט“. האָט זי איהם געזאָגט : „דרעה סיגאַרעטלעך“ האָט ער א י ה ר... האָט זי א י ה ם — אָ וואָרט פאַר א וואָרט, עס הויבט אָן ווערען הויך אינטערעסאַנט. דער עולם מישט זיך אריין. א סך נעמען זיך אָן פאַר דער פּרימאַדאָנא. פאַרהאַן אבער אזעלכע, וואָס האַלטען מיט׳ן ברודער. נעמען זיי זיך אָן זיין קריוודע. ווערד ער נאָך מעהר אויפגערעגט און זאָגט, אז ער דאַרף ניט קיין מליץ־יושר און בעט נישט קיינעמס לאַסקע. ווערד נאָך פרייליכער און די געלעכטערען וואַכסען.

ביסלעכווייז ווערען אין די קאָרטען אַריינגעצויגען אויך ביידע דירעקטאָרען: געצעל בן געצעל און בערנהארד האָלצמאַן.

אלס דירעקטאָרען, זיצען די צוויי פּאַרשוינען פריהער גלאַט אזוי זיך. זיי קוקען צו, ווי דער עולם שפּיעלט. ס'איז אינטערעסאַנט צו זעהען, ווער וועט דאָ געווינען און ווער וועט פערשפּיעלען. דערנאָך שטעלען זיי אליין אויך אריין אין קאָהן. חלילה ניט אויף צו געווינען. ניין. נאָר אזוי זיך, אויף קאַטאָוועס. מע איז ציקאווע זעהען, וועמענס קאָרט וועט שלאָגען? און ווי עס פיהרט זיך ביי א בלינדע קאָרט, פערשפּיעלען זיי דאָך מסתמא. ווילען זיי זיך אָבשפּיעלען, ווערען זיי ווידער בעגראָבען. הויבען זיי זיך אָן צו היטצען — און אָט אזוי ווערען אלע פערטיעפט אין דער ארבייט און מע זעהט שוין נישט מעהר פאר זיך די וועלט, א־יסער דריי זאכען: ד ע ם ב א נ ק י ע ר, ד אָ ס ג ע ל ד א ו ן ד י ק אָ ר ט ע ן.

קאָרטען פליהען. פּנימ'ער פלאַמען. אויגען ברענען. געלד קלינגט. די געשרייען וואכסען. מע רייסט פון די הענד. מע שלאָגט זיך פאר א קאָרט. ווער עס לאכט, און ווער ניט. ווער ס'איז צופריעדען, און ווער ניט. אויפגערעגט זענען אלע. מען איז גרייט איינס דאָס אנדערע דורס זיין, איינשלינגען לעבעדיגערהייד.

ס'איז חי־געלעבט.

קאפּיטעל 71.

אַרויסגעכאַפּט זיך מיט אַ וואָרט

נור צוויי פּאַרשוינען האָבען ניט גענומען קיין אנטהייל אין דער וואקחאנאַליע פון די קאָרטען. דאָס זענען געוועזן אונזער יונגער העלד ראפאלעסקאָ און בריינדעל טשערניאק, אָדער, ווי מע רופט זי, „בריינדעלע קאָזאַק".

נישט מחמת די צוויי זענען חלילה ווייט פון קאָרטען. אדרבה. אויף בריינדעלע קאָזאַק זאָגען חברה, אז „זי וועט פערשטעקען דריי מאַנסבילען ביי די קאָרטען". „ביי איהר צו געווינען א גראָשען, זאָגען זיי, איז ווי פון א וואַנט צו צאַפּען וויין"... „בריינדעלע קאָזאַק, אז זי געווינט, האַפּט זי אוים, זאָגען זיי, די יארמעלקע מיט נים און — טיו־טיו". אזוי זאָגען אויף איהר חברה אקטיאָרען, און בריינדעלע טהוט זיך איהרם: געווינט זי — בעהאלט זי דאָס געווינס טיעף אין קעשענע. זעהט זי, אז עס געהט איהר ניט די קאָרט, הערט זי אויף צו שפּיעלען. אָט אזא מענש איז בריינדעלע קאָזאַק.

אויך דער יונגסטער פון אלע, דער בעריהמטער ראפאלעסקא, האָט נישט פיינט א קערטעל. פארקעהרט, מע קאָן זאָגען, אז ער האָט דאָס זעהר־זעהר ליעב. נאָר וואָס דענן? זיין שפּיעלען איז גאָר אויף איין אנדער מין ארט. איהם אינטערעסירט ניט אזוי דאָס געווינען אָדער דאָס פערשפּיעלען, ווי דאָס שפּיעלען גופא. דער פּראָצעס פון קאָרטענשפּיעל איז פאר איהם אליין פאר זיך א זאך פון הויכען אינטערעס.

„חא־חא! שוין דאָס זעכסטע מאָל, אז איך שטעל אוועק אויף'ן קעניג פּיק, און איהר זאָלט זאָגען, ער זאָל דאָס איין מאָל אויסנעמען"...

אָדער: „חא־חא! וואָס זאָגט איהר דערויף? איך האָב דאָך שוין ווידער א מאָל פערשפּיעלט!"

און ביי יעדען מאָל, וואס ער פערשפּיעלט, איז „חא־חא", און אזוי געשמאק, גלייך ווי דאָס וואָלט איהם געמאכט דעם גרעסטען פערגעניגען. א גליק, וואָס זיין אימפּרעסאריאָ האָלצ־

מאַן האלט איהם איין. ער זאָל איהם וועלען ארויסגעבען אזוי פיעל, וויפיעל ער קאָן פארשפּיעלען, וואָלט אָט דער יאט געגאנגען אין גאָלד. „גענוג, זאָגט איהם האָלצמאַן, גענוג. ס'איז ביי אונז ניט קיין גנבה'ש געלד“.

האָלצמאַן אליין שפּיעלט אויך זעהר איינגעהאלטען, וואָרום האָלצמאַן האָט א טבע — ער ערגערט זיך זעהר ביי דיא קאָרטען. אלץ איינס ביי איהם: סאַי ער פערשפּיעלט, סאַי ער געווינט — ווערד ער באלד אויפגערעגט, הויבט אָן צו הוסטען און צו שעלטען זיך. פון דעסטוועגען האָט ער בעסער ליעב, אז ער געווינט, איידער אז ער פערשפּיעלט. יעדער האָט זיך זיין משוגעת ביי דיא קאָרטען. אז איהר ווילט שטודירען דעם מענשענס כאראקטער, זאָלט איהר אייך צוקוקען, וויא ער שפּיעלט אין קאָרטען. דער גאנצער חסרון איז נור, וואָס ניט יעדער קען זיך איינהאלטען און צוקוקען, ווי יענער שפּיעלט. דערזעהט איהר א קאָרט, אזוי נעמט אייך אָן א חשק איינצושטעלען אין קאָהן. דער יצר־הרע פון קאָרטען איז געפעהרליך.

עס האָט דאָ בעדארפט זיין שוין גאָר א גרויכער אינטערעס, אז אָט דיא צוויי, בריינדעלע קאָזאק און ראפּאלעסקאָ, זאָלען אויסשטעהן אזא נסיון: צוזעהען, ווי חברה קאָכען זיך און אליין נישט פארזוכען אפילו דעם טעם. זיי האָבען נור אָפּגעוואַרט דיא צייט ביז דער טומעל איז געוואָרען גענוג גרויס און דער גאנצער עולם פערהיפּנאָטיזירט, דעמאָלס האָבען זיי זיך אָפּגעקערעוועט אן א זייט, און עס איז גיך פערבונדען געוואָרען צווישען דיא צוויי א אינטימער געשפּרעך: „עס דאכט זיך איהם, אויב ער האָט קיין טעות ניט, אז ער האָט זיא געזעהן אמאָל אין האָלענעשטי?... „ניין, ער האָט קיין טעות ניט“. דער מאדאם טשערניאק'ס קיילעכיג פּנים ווערד רויט און דיא אויבערשטע ליפּ הויבט אָן ביי איהר צו שוויצען. „זיא האָט איהם באלד דערקענט, חאָטש ער איז אויסגעוואכסען... געוואָרען א גרויסער... אפשר וואָלטען זיי זיך צוזעצען אויף א ווייל?“...

און זיי זעצען זיך אוועק בעזונדער ביי א טישעל און דער שמועס וויקעלט זיך און וויקעלט זיך: „האָלענעשטי... טהעאטער... טרופּפּע... שטשופּאק...“ ער טהוט זיא א פרעג פערביי־געהענדיג:

— וואו זשע איז ער איצט אָט דער שטשופּאק?

— שטשופּאק וואו ער איז? עהע־הע! (זיא טרוט א מאך מיט ביידע הענד) עליו השאָלעכץ...

ראפּאלעסקאָ טהוט זיך א חאפּ אויף:

— געשטאָרבען?....

דיא מאדאם טשערניאק צעלאכט זיך געשמאק, בעוויזט אלע צייהן:

— הא־חא־חא, שטשופּאק געשטאָרבען? ניט אזא מענטש איז שטשופּאק, ער זאָל טהון אזא נארישקייט. ער איז דוקא געזונד און שטארק אויף אלע אברים, נאָר דער קאָפּ איז איהם אין דער ערד, אוי, אין דער ערד! אחוץ וואָס ער האָט צו טהון שטענדיג מיט ווייבער — דער כל־בו|ניק שטשופּאק פערגינט זיך האָבען דריי ווייבער, דריי מכות איהם אין האלז — האָט ער געחאפּט א זייטיגען קלאָפּ, וואָס ער וועט איהם האָבען צו געדענקען, און צו האָט א האָפנונג, אז ער וועט שוין אזוי גיך ניט אויפשטעהן קיין תחית־המתים.

די מאדאם טשערניאק רוקט זיך צו צו איהם נאָך נעהנטער און דערצעהלט איהם מיט הארץ, מיט היטץ און מיט

הענד פון טשופּאַק'ן. ווי אַזוי ער איז נעבאַך אויף צרות, אויף גרויסע צרות. אַ קליינינקייט, אַ מענטש האָט זיך אויסגעבראַכט, אויסגעפּערזעצט און אויסגעפּער־קויפט דאָס גאַנצע ביסעל בריליאַנטען, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, און ווער עס קען שטשופּאַק'ן מיט זיינע בריליאַנטען, דער וועט דאָס פאַר־שטעהן... און צוליעב וואָס? — צוליעב אַ מיידעל, וואָס איהם האָט זיך גע־חלומ'ט, אַז זי וועט זיין מיט דער צייט זיין גאַנץ אָנשפּאַרעניש, זיין ציערונג און זיין אַליץ. אַ פּרימאַדאָנאַ האָט זי ביי איהם געזאָלט זיין. אַ פּרימאַדאָנאַ, וואָס ער וועט נאָכדעם מאַכען — מאַכען זאָל זיך איהם אַ מכה — דורך איהר אַ פערמעגען... צום סוף איז דאָך פאַרהאַן אַ גאָט אויף דער וועלט. וואָס טהוט גאָט? טרעפט זיך אַ מעשה, אַז דאָס מיידעל דאַרף זיך בעקענען ערגיץ אויף אַ קאָנצערט מיט דער וועלט־בעריהמטער זינגערין מאַרטשעלאַ זעמ־בריך, און די מאַרטשעלאַ זעמבריך הערט זי זינגען, ווערד זי נאָך איהר די כפּרה, און נעמט זי אַוועק צו זיך און גיט זי אָפּ אין וויען אין קאָנסערוואַ־טאָריום. נו, זאָל ער ניט איינגעמען קיין מיתה־משונה, שטשופּאַק, אַז מע פערלירט אַזאַ פּרימאַדאָניכין, וואָס ער וואָלט געקאָנט דורך איהר אויפקומען? איי אַ פּרימאַדאָנעכין! שטשופּאַק זוכט אויס! אַ מיידעל אַ גאָלד... נאָך גאָר אַ קינד... בלוט און מילך... שען ווי דער טאָג, און זינגען זינגט דאָס — אַז עס לאָזט זיך אויס די וועלט... ראָזע הייסט זי. ראָזע ספּיוואַק.

— רייזעל?!...

פאַרפאַלען. צוריק האַפּט מען ניט.

דאָס וואָרט האָט זיך אַרויסגעריסען ביי אונזער יונגען העלד קעגען זיין איינע־נעם ווילען, און זיין יונג שען פּנים איז אין איין רגע בעגאָסען געוואָרען מיט אַ פּורפּור־פאַרב, ווי פון דער פערגעהענדער זונן אין אַ שענעם זומער־אָבענד.

ניין. די ביהנע, ווייזט אויס, האָט נאָך ניט אויסגעלערנט אונזער יונגען אַר־טיסט ראַפאַלעסקאַ צו שפּיעלען אין'ם לעבען אַזוי גוט, ווי אויף דער סצענע, און ער האָט מיט איין וואָרט, מיט איין נאָמען „רייזעל" זיך אַרויסגעגעבען אינ־גאַנצען פאַר אָט דער בריינדעל טשער־ניאַק, וואָס מע רופט זי 'בריינדעלע קאָזאַק". זי וועט שוין וויסען ביי איהם אַלעס. זי ווייסט שוין אַלעס... ניין. ער זעהט דענן ניט נאָך איהרע אויגען, אַז זי ווייסט אַלעס?

פאַרפאַלען — צוריק האַפּט מען ניט.

קאַפּיטעל 72

ווער ס'איז שעהן — זי איז קלוג

בריינדעל טשערניאַק, אָדער „בריינ־דעלע קאָזאַק", אַז זיא האָט דערהערט פון ראַפאַלעסקאַ'ן דעם אויסגעשריעה „רייזעל", האָט זי זיך שוין מעהר נישט געקאָנט איינהאַלטען און שפּילען איהר ראָל. זיא האָט געגעבען אַ פּלעסק מיט די הענט, און געמאַכט זיך אַליין אַ קאָמפּלימענט:

— אוי! אוי! נו?... ווער ס'איז שען — איך בין קלוג!...

יאָ. ווער ס'איז שען — זי איז קלוג, זי מעג זיך טאַקי בערידמען, אַז זי האָט אָנ'אויג. אוי אָנ'אויג! אָנ'אויג! באַלד, אין דער ערשטער מינוט, ווי זי האָט נור דערזעהען רינטער די קוליסען אָט דעם „לעאָ ראַפאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט",

אזוי איז איהר געקומען אויף די געדאַנקען, אז ס'איז „ער“ . . . אָט דער, וואָס זיא האָט איהם געזעהען אינאיינעם מיט דער ספּיוואַק. און ניט איין מאָל האָט זי איהם געזעהען, נאָר עטליכע מאָל, א סך מאָל. און זי האָט זיך באַלד א נעם געטהאָן גריבלען ביי זיך אין זכרון: „רבונו של עולם! וואו האָט זי איהם געזעהען אינאיינעם מיט ראָזע ספּיוואַק? — נור, פערשטעהט זיך, אין האָלאָנעשטי אין טהעאטער! ערשט היינט איז דאָס איהר קלאָהר געוואָרען, קלאָהר ווי דער טאָג. ווי באַלד אזוי, איז איהר שוין פערענטפערט א סך זאַכען. ערשטענס איז איהר שוין רעכט, וואָס אָט די ראָזע ספּיוואַק האָט אזוי איינגעלעגט די וועלט . . . אָ! נאָך אזא בחור, כלעבען, מעג מען זיך פערבענקען . . . אך, ווען ער זאָל וויסען ווי ראָזע האָט נאָך איהם געבענקט!...“

— געבענקט? . . .

ראַפאַלעסקאָ פיהלט, אז עס פערהאַפּט איהם דער אָטעם. און די מאַדאַם טשערניאַק טהוט איהם א זעץ איבער דער האַנד: „זעה נור, ווי ער מאַכט זיך תמע'וואַטע! . . . נעבאַך! נעבאַך! אזא יונגעטשקער און קען שוין אָפּנאַרען, אי, אי, אי! געבענקט — פרעגט ער. דאָס מיידעל האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען . . . פון וואַנען זי וויים דאָס? — חאַ־חאַ, א שענע מעשה! זי און ראָזע זענען דאָך געווען ווי אַנדערע צוויי. ווי שוועסטער. ווי אייגענע שוועסטער . . . עס איז דען געווען א זאַך וואָס ראָזע זאָל פאַר איהר נישט פערטרויען? איין מאָל האָט זיך געטראָפען א מעשה . . . שאַ! וואו האָט זיך עס געטראָפען? זי געדענקט שוין ניט אַקוראַט. וואו זענען זיי דען נישט אויסגעוועזען? אזוי ווי די ציגיינערס האבען זיי זיך ארומגעשלעפּט מיט דעם שטשופּאַקען, פערשלעפּען זאל מען איהם, רבונו של עולם. פון לאנד צו לאנד, פון שטאָדט צו שטאָדט, וואו מען האט געמאָגט, האט מען ניט גענעכטיגט. בלייבען לאנג אויף איין ארט— האט איהם נישט געטויגט איבער זיינע ווייבער, וואס האבען איהם געיאגט און גע'רודפ'ט. אלע מאל, אלע מאל קומט צו איהם א פרישע ווייב, קומען זאל אויף איהם פּרעה'ס שלעק. און א טרופּע איז ביי איהם דעמאלט געווען— אזא יאהר אויף איהם. איין דראנג גרעסער פון אנדערען. ווען ניט זיא, ברײנדעל טשערניאַק, מיט איהר שפּיעלען און ראזא ספּיוואַק מיט איהר זינגען, וואלט ער געמוזט נעמען א טארבע און געהן איבער דיא הייזער, אדער גלאט אנלעגען מיט'ן קאפּ. אויף זיי אינצווייען, קען מען זאגען, האט זיך געהאלטען דאס גאנצע שטיקעל טהעאטער, און איבערהויפּט אויף ראזא'ס זינגען ליעדעלעך. דאָס איז געווען א זינגען! דאס איז געווען ליעדלעך!!..... דיא מאדאם טשערניאַק איז געווען דיא ערשטע, וואס האט נביאות געזאגט נאך דעמאָלט, אז דאס מיידעל וועט אמאל זיין גרויס און בעריהמט, ווארום זיא, דיא מאדאם טשערניאַק, איז אויף דיא זאכען שוין דוקא א מבין. „וואס זיא האט זיך שוין אנגעזעהען אויף איהר לעבען— אוי־אוי־אוי! זיא האט ראזא'ן אליין געזאגט וויפיעל מאל, אז ניט דאָ איז איהר ארט. קיינער וואלט זיך ניט איינגעשטעלט מיט איהר אזוי אויפריכטיג צו רעדען, וויא זיא, און פאר קיינעם וואלט ראזא ניט פערטרויט איהר הארץ, וויא פאר איהר, ווארום קיינער קען ניט— ניין, קיינער

קען ניט אזוי שטשופאק'ען ימח שמו, וויא זיא קען איהם..... האט זיא געוואוסט, מיט וואס דאס שמעקט. א מיידעל אן עלענדע... נאך גאר א קינד.... בלוט און מילך.... געהייסען האט דאס אפילו פאר דער וועלט, אז דיא ראזא ספיוואק איז שטשופאק'ס איין אייגענע, א פלעמעניטשקע, וואס ער האט זיא אראפגעבראכט פון ווארשא. א פלעמעניטשקע פון ווארשא? האחהא! דאס וועט ער דערציהלען דער באבע, ניט איהר! זיא, בריינדעל טשערניאק, האט באלד אנגעשמעקט, אז ראזא איז אזוי א פלעמעניטשקע, וויא זיא איז א קייסעריני. נאר ער וויל א פלעמעניטשקע — חאפט איהם דער וואטענמאכער — זאל זיין א פלעמעניטשקע..... און זיא האט גענומען נאכקוקען, נאכשמעקען, אויסטאפען! ביי שטשופאק'ס פליגעל־אדיוטאנט שלום־מאיר הייסט ער. ראפאלעסקא דארף איהם געדענקען ...“א! ער געדענקט איהם זעהר גוט, פאר וואס זאל ער ניט געדענקען? א נידעריגער, א פרייליכער, א פערשלעפטע קרענק“.

— א פערשלעפטע קרענק? — חאפט איהם אונטער בריינדעלע קאזאק, א וואגאבונד, א גנב, אן אויסוואורף פון דער נאטור, נאך א גרעסערער כל־בו'ניק פון זיין בעל־הבית. וויא א געטרייער הונט איז ער איבערגעגעבען צו אט דעם שטשופאק'ען, ווייסט דער רוח דיא ביינער זייערע, וואס האלט דאס זיי שטענדיג אין איינעם, אט דיא צוויי? וואו מען זייעט זיי ניט, דארט וואקסען זיי...

און זיא הערט ניט אויף צו שיטען אויף זיי פעך און שוועבעל, און אונזער העלד שלינגט איטליכעס ווארט. ער וואלט יגזין וועלען הערען פון איהר עפעס אזעלכעס, וואס געהער זיך אן מיט רייזלען, און זיא קלאפט איהם וועגען שטשופאק'ען און ווידער א מאל וועגען שטשופאק'ען. זיא זעהט אבער אליין אויך, אז עס איז שוין צופיעל שטשופאק, שלאגט זיא זיך אליין איבער דיא רעד: „יא, וואו זשע האלט זיא, הייסט דאס? אלץ ביי אט דער ראזא ספיוואק..... קומט זיא צו געהן צו איהר איינמאל, ראזא הייסט עס, און פרעגט ביי איהר, אויב זיא קען ווארפען אויף קארטען? וואס עפעס פלוצים? קענען קען זיא, נאר זיא ווייסט, זאגט זיא, איינע א טרעפערין, ווארפט זי אויף קארטען, אז עס לאזט זיך אויס דיא וועלט... פאלט זיא איהר אויפ'ן האלז, ראזא הייסט עס: נשמה'ניו, הארצעניו, ליובעניו, מע זאל זי פיהרען צו דער טרעפערין... ניין, זי וויל באלד... וואס האט דיר אנגעשפארט, פויגעלע?... אט אזוי וויל זיא. א קאפריזנע מיידעל געוועזן דיא ספיוואק, א ברען, פלאם־פייער... פלוצים זאל זי אייך צעוויינען, בעהאלטען דעם קאפ אין קישען. ניט עסען, ניט טרינקען, ניט גאר ניט. און א מאל זאל זי אייך גרומהאפען טאנצען אין מיטען העלען טאג... „אין מיטען דרינען? משוגע, צי חסר־דעה?“... און א מאל זאל זיא זיך גאר צעזינגען, און זינגען און זינגען, טאקי נור ווי א סאלאווי. א קאפריזנע מיידעל אט דיא ספיוואק“...

„הכלל, וואו זשע האלט זי? יא, געהען זיי צו דער טרעפערין, הייסט עס. גוט. געקומען צו דער טרעפערין — א קלוגע מכשפה. א דורכגעטריבענע. קוקט זיא איהר אין דיא אויגען, לעגט אויס די קארטען, פאלט אויס אם הערץ — „א ליעבע“ הייסט עס... און אויבער קארא —„א בלאנדער קאוואליער“... און א

זעכסטעל, אַלע מאָל אַן אַנדער זעכסטעל —„א וועג“ הייסט עס... א „ליעבע“, אַ „בלאַנדער קאוואַליער“ און א „וועג“. גוט. און זי לאָזט נישט אַראָפּ פון איהר קיין אויג, דיא טרעפּערין, און טייטשט איהר אויס, אַז דער „בלאַנדער קאוואַליער“ טראַכט פון איהר כסדר. כסדר... טאָג ווי נאַכט טראַכט ער נור פון איהר, דער בלאַנדער. טאָג ווי נאַכט. ער שטרעבט צו איהר, צו ראָזא׳ן הייסט עס, מיט אַלע כחות. מיט׳ן גוף און מיט דער נשמה... ער וויל זיך, זאָגט זי, מיט דיר אויפטרעפען. ער געהט אויס, ער הלש׳ט און וויסט נישט, ווי אַרום... ווייל איהר זענט, זאָגט זי,ביידע אין „וועג“, תמיד אין וועג. שטענדיג־שטענדיג אין וועג... ער—אהער, דו—אהין. ער—אהין, דו—אהער... איהר האָט זיך ליעב, זאָגט זי, איהר האָט זיך ליעב. ער — דיך און דו — איהם. און איהר טראָגט זיך, זאָגט זי, איינס צו דאָס אַנדערע, איהר שטרעבט, איהר רייסט זיך, נאָר איהר בלאָנזעט, איהר בלאָנזעט... איהר בלאָנזעט, אזוי ווי די שטערען, זאָגט זי, אזוי ווי דיא שטערען אין הימעל...

און נאָך עפּעס האָט איהר דאָרטען די מכשפה געזאָגט און געזאָגט. זי געדענקט שוין אָבער ניט — וואָס... זי געדענקט נור, אַז זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער טרעפּערין, איז איהר ראָזא געפאַלען אויפ׳ן האַלז און גענומען זי האַלזען און קושען און וויינען אַזש פאַר פרייד... „א קאַפּריזנע מיידעל — האָט זי זיך דערמאָלט געטהאַכט — א קאַפּריזנע מיידעל“... „איצט איז איהר שוין פערענטפערט א סך זאַכען — לאָזט אויס ברײנדעלע קאַזאַק מיט א ניגון, און דאָס קיילעכיגע פּנים ווערד איהר בעגאָסען מיט א פּעט צופריעדען שמייכעל.— איצט ווייסט זי שוין, ווער דער „בלאַנדער“ איז... איצט פערשפּאָרט ער זיך שוין מאַכען גע׳פּגר׳ט. עס וועט איהם שוין ניט העלפען קיין שמע־ישראל, חא—חא, ! ווער ס׳איז שען—זי איז קלוג“...

קאַפּיטעל 73.

איהם ווילט זיך זינגען

ס׳איז שוין געוועזן ווייט נאָך האַלבע נאַכט, אַז דיא חברה אַקטיאָרען פון ביידע קאָמפּאַניעס האָבען סוף־כל־סוף געענדיגט דאָס שפּיעלען און זענען זיך צעגאַנגען, דער אַהער, דער אַהין. ווער מיט א חרטה, און ווער מיט א פּערדראָס. ווער צופריעדען, און ווער פערזאָרגט, און ווער טאַקי רעכט אין כעס אויף זיך און אויף יענעם און אויף דער גאַנצער וועלט.

ווי אויף־צו־להכעיס, איז ניט געוועזן קיין איין דראָשקע אויף דער גאַס, און אונזערע העלדען, האָלצמאַן און ראַפּאַלעסקאָ, האָבען געמוזט גלייך מיט אַלע זיך שלעפּען איבער דיא לעמבערגער גאַסען פון קאַפּע „מאָנאָפּאָל“ ביז צו זיך אויף דער סטאַנציע מחילה צו־פוס.

עס איז געוועזן איין אַסיענריגע נאַכט. איינע פון די נעכט, וואָס מע זאָגט אויף זיי: „ניט ווינטער, ניט זומער, ניט וואַרעם, ניט קאַלט“. א געוועהנליכע האַלב־ווינטערדיגע, איך וואָלט געזאָגט: א וואָכעדיגע נאַכט. וואָס זשע, פרעגט זיך, איז אונזער יונגען העלד אזוי גוט, אזוי ליעב און אזוי פריילין? וואָס זשע שמייכעלט צו איהם אזוי דער הימעל? ו.אָס זשע ווינקען צו איהם אזוי די שטערען? וואָס זינגען די גאַסען? מיט וואָס שמעקט אזוי די נאַכט? וואָס טראָגט עס איהם אזוי אין דער לופטען?

למאי ווילט זיך איהם היינט אזוי זינגען? למאי ווילט זיך איהם אזוי ארומנעמען זיין פריינד, זיין טהייערען ליעבען פריינד, און זיך מיט איהם צעקושען דוקא אָט דאָ, אין מיטען גאס? „ניין, ער מוז איהם ארומנעמען, האָלצמאַנ'ען, ער האָט איהם ליעב. נו, ער האָט איהם ליעב!"...

יענער קוקט איהם אָן, ווי א משוגענעם.

— וואָס איז דיר היינט צוגעקומען, מיין טהייערער שפּיעל־פויגעל?

האָלצמאַן קאָן זיך ניט מוחל זיין. ער האָט זיך היינטיגע נאכט פאר־שפּילט, ווי א רעכטער קאַרטיאָזשניק. דער רוח האָט איהם געטראָגען זיך צו־שמירען צו דער באנק. א יצר־הרע, צו אלדי שווארצע יאָהר דערזעהן א פול שיסעלע, האָט איהם אָנגענומען א חשק. א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין... תחילת האָט ער געהאט געוואונען. חאַפּ זשע אוים דאס היטעל מיט נים און געה אהיים, דו פּארך — ניין, גלוסט זיך נאָך און נאָך. א מענש האָט גרוי־סע אויגען. און דערצו נישט געקאָנט אָפּזאָגען דעם דירעקטאָר געצעל.

— א חלירע זאָל אויף איהם קומען מיט מיין הוסט אינאיינעם.

א שלעכטער סימן. האָלצמאַן, אז ער הויפּט אָן צו הוסטען און שעלטען דעם הוסט, איז א סימן, אז ער איז ניט אויפגעלעגט. איז אָבער ראַפּאַלעסקאָ אויפגעלעגט. אויפגעלעגט? גליקליך. גליקליך אויך ניט. ניטאָ דאס ריכטיגע וואָרט. געבענשט זאָל זיין די דאָזיגע נאכט! געבענשט זאָל זיין די דאָ־זיגע וועלט. די דאָזיגע שענע זיסע ליעבע זיסע וועלט! דעם גאנצען וועג פון קאַפּע „מאַגאָפּאַל" ביז דער סטאַנ־ציע איז נור ער רעדט און נחר ער לאכט און נור ער זינגט. "וואָס איז מיט דעם יאַט?"... דער דירעקטאָר האָלצמאַן טהוט איהם א קוק אין פּנים אריין — דאָס פּנים שיינט, די אויגען גלאנצען. „אפּנים, דעם דאָקטאָר לויתן'ס קאָמפּלימענטען האָבען איהם גוט דעם קאָפּ פערדרעהט"...

געקומען אויף דער סטאַנציע שוין מיט'ן טאָג גלייך, זיך קוים דערקלונ־גען, טהוט מען זיך אוים אויף צו שלאָ־פען געהן, און ראַפּאַלעסקאָ הערט נישט אויף צו רעדען און צו לאכען. און עס דאכט זיך האָלצמאַנ'ען, אז זיין יונגער פריינד רעדט עפּים היינט מאָדנע דבורים. עס קלעפּט זיך ניט א וואָרט צו א וואָרט... "ניין, עס געפעלט איהם, זאָגט ער, די שטאדט לעמבעריג! לעמבערג — א מחיה'דיגע שטאָדט, א מחיה'דיגער נאמען. לעמ־בע־ריג. און די מענשען? גאָלדענע מענשען, זאָגט ער. און דאס טהעאטער איז איהם אויך, זאָגט ער, געפעלען. און די ארטיסטען — אויסגעצייכענטע מענשען אלע".

און דער דירעקטאָר געצעל בן גע־צעל? — שלאָגט איהם איבער האָלצ־מאַן.

„פאר וואָס ניט? זעהר א וואוילער מענש אָט דער געצעל".

— אזא יאָהר אויף איהם, א חוץ שוואַרצקייט. — חאַפּט אונטער האָלצ־מאַן און וויל פערלעשען דאָס ליכט — שוין צייט שלאָפען. לאָזט איהם נישט ראַפּאַלעסקאָ. ער וויל נאָך א ביסעל רעדען.

— משוגע מיינע שונאים? שוין באלד טאָג.

— תּאָטש נאָך א ביסעלע. — בעט

זיך ביי איהם ראפאלעסקאָ און צולאכט זיך פון זיך אליין.

— פון וואָס ווילט זיך דיר רעדען ?

— פרעגט איהם האָלצמאַן.

ער וויל רעדען, ערשטענס, פון דעם דאָקטאָר לעוויוס.

— וואָס איז דאָ צו רעדען פון׳ם דאָקטאָר לעוויוס ? א מעצענאט א דייטש, וואָס האָט אין זיך נייען מאָס רעד . . .

ניין, ער וויל הערען, וואָס טראכט ער וועגען וויען ? וועגען פאָהרען קיין וויען ? אַך, קיין וויען ! . . .

וואָס זאָל האָלצמאַן טראכטען וועגען וויען ? ווי קאָנען זיי אוועקוואַרפען אלע געשעפטען און פלוצים פאָהרען קיין וויען ? וואָס איז ביי זיי — גנבה׳שע געלד, צי וואָס ? . . . לאָז דער דאָקטאָר לויתן גיעבען צושטייער אויף הוצאות — ער איז ניט קראַנק. — ער האָט אפשר א האלבען מיליאָן, איז ער ניט קליין געבען צושטייער . . .

ראפאלעסקאָ פערטראכט זיך : „צושטייער ? ער וועט זיכער געבען צושטייער. פאר וואָס זאָל ער ניט געבען? א גאָלדענער מענש אָט דער דאָקטאָר. א גאָלד, נישט קיין דאָקטאָר. א דימענט פון א דאָקטאָר“.

— אלע זיינען ביי דיר גאָלדענע מענשען. אלע—דימענטען. דערוויל דארף מען שלאָפען. שלאָפען! שלאָפען !

האָלצמאַן ציהט אוים דעם לאַנגען, דינעם האלז פון בעט ארויס, טהוט א בלאָז, פערלעשט דאָס ליכט, מאכט צו דיא אויגען, וויל אָנהויבען שלאָפען, לאָזט איהם ניט ראפאלעסקאָ :

— אָט דיזע קליינינקע, דיא גראָבינקע, אָט יענע בריינדעלע קאָזאַק, איזא א וואוילינקע?

האָלצמאַן חאפט זיך אויף, שפאַרט זיך צו אויף׳ן שפיציגען עלענבויגען פון זיין דארער אויסגעמוטשעטער האנד און קוקט מיט דיא שארפע שפיציגע אויגען אין דער פינסטערניש אריין, וואָס שניידט זיך דורך מיט א שיטערינן בלויען פאס פון׳ם פריהמאָרגען.

ביז דער דאָזיגער מינוט האָט האָלצמאַן געהאט כמעט פערגעסען אָן דיזער בריינדעלע קאָזאַק. איצט האָט ער זיך דערמאָנט, אז זיא איז געזעסען דיא גאנצע צייט אינצווייען מיט׳ן „יאט“ — פון וואָס האָבען זיי געקענט רעדען?... „ווער ווייסט?... פאראַן גענוג שטיגערערס, מכוזרים אויף דער וועלט... ניין, ער קאָן זיך גאָר ניט מוחל זיין, וואָס ער האָט זיך אזוי פערשפיעלט מיט חברה אין דיא קאָרטען, אז ער האָט גאָר כמעט פערגעסען אכטונג געבען אויף׳ן „יאט“. דאָס אנדערע מאָל וועט ער שוין אזא זאך נישט טהאָן“...

האָלצמאַן קאָן שוין ניט שלאָפען. ער פערהוסט זיך און פרעגט ביי ראפאלעסקאָ׳ן מיט א האלב-וואכענדיגער שטימע, וועגען וואָס, אייגענטליך, האָט ער דיא גאנצע צייט גערעדט אָט דאָרט מיט אָט דער בריינדעלע קאָזאַק ?

ראפאלעסקאָ׳ס קול בערוהיגט איהם: „וועגען וואָס זאָל מען רעדען ? וועגען גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. גלאט אזוי געשמועסט. געפלוידערט. געפלאפעלט אין דער וועלט אריין“...

— דאָך ? . . .

ראפאלעסקאָ גיט איהם איבער, וועגען וואָס זיי האָבען געפלוידערט. ער טראכט איהם אוים פזמונות, נעכטיגע

טעג, און לאַכט פון זיך אַליין, וואָס עס גיסען זיך ביי איהם אַזעלכע שקרים און אַזוי גרינג, אַזוי גלאַט, ווי אַ בוימעהל. און וואָס מעהר ער ליגט, מעהר קומט דאָס אויס קיילעכדיג. „חאַחא! וואו האָט ער זיך דאָס אויסגעלערנט „האַקען אַ טשייניק?“ . . .

ראַפאַלעסקאָ פיהלט, אַז ער רעדט נישט דאָס, וואָס מע דאַרף, שלאָגט ער איבער זיך אַליין:

— אָט די ברײנדעלע קאָזאַק, כלעבען, אַ וואַוילינקע. אַ גוטע זעל. אַ מענש אָהן אַ גאַל. און, ווייזט אויס, אַ וואויילע אַקטריסע. דאַרף שפּיעלען אויסגעצייכענט גוט. אַלע אַרטיסטען שפּיעלען דאָ אויסגעצייכענט גוט. וואָס? ניט אַזוי?

קיינער ענטפערט איהם נישט. אפּנים, אַז האָלצמאַן שלאָפט שוין? יאָ, ער שלאָפט שוין.

האָלצמאַן שלאָפט שווער. עפּיס ריהרט זיך דאָרט ביי איהם אינוויינינג אין הארצען אַלע מאָל, עס חאָרחעלט און עס רייסט זיך עפּיס ביי איהם פון אינוויינינג אַרויף, אַרויף, דורכ'ן האַלז, און עס קאָן זיך ניט אַרויסחאָרחלען קיין מאָל. דאָס חאָרחלען לאָזט נעבאַך ניט שלאָפען אונזער האָלצמאַן'ען. פערהוסט ער זיך אַלע מאָל און ווערגט זיך מיט'ן הוסט און שעלט פון'ם שלאָף: „אַ חלירע“... קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט און ווערט אַנשלאָפען און חאָרחעלט ווייטער, ביז דער הוסט וועקט איהם אויף ווידער אַמאָל אויף אַ ווײַלע, שעלט ער איהם ווידער אויס מיט דער חלירע און ווערט ווידער אַ מאָל אַנשלאָפען.

* * *

ווי קאָן מען שלאָפען אין אַזאַ נאַכט? — דאָס פערשטעהט ניט ראַפאַלעסקאָ. אַ מאָדנע נאַכט. אַ האַלבווינטערדיגע, נאָר מחיה'דיגע נאַכט. „געבענשט זאָל זיין די דאָזיגע נאַכט!“

... און ער חאַפּט זיך אויף פון געלעגער. ער עפענט אויף דאָס פענסטער. בויגט זיך אַריבער העכער האַלב אין דרויסען אַרויס און ציהט אַריין אין זיך די פרישע לופט וויפיעל ער קאָן. נעמט אַרום מיט איין קוק דעם גאַנצען הימעל. אויסגעלאָשען זענען די שטערן. אין אַ זייט הענגט אַ בלאַסע פערהויכטע לבנה, וואָס האַלט שוין ביי אונטערגעהן. אָט־אָט ווערד זי פערשוואונדען. די האַלבנאַכטעדיגע בלויקייט הויבט אָן צו ווערען גרוי, פריהמאָרגענדיג. אַקעגשט ווי מע זעהט ניט, וועט זיך אויפחאַפּען דער טומעלדיגער טאָג. פאַר אונזער העלד איז דאָס אַלץ איינס: לאָז זיין נאַכט. לאָז זיין טאָג. אַז גאָט האָט אַזאַ טייערע וועלט. אַזאַ טייערע, אַזאַ וואַוילע, אַזאַ זיסע וועלט! ווי קאָן מען שלאָפען, אַז ס'איז אַזוי גוט אויף דער נשמה? ווי קאָן מען שלאָפען, אַז דאָס האַרץ איז אַזוי פול און עס גלוסט זיך זינגען?

איהם ווילט זיך זינגען, זינגען...

קאַפּיטעל 74

שאַך־שפּילער

אונזערע צוויי דירעקטאָרען פון ביידע אידישע טרופּפּעס זענען חס ושלום נישט געוועזען קיין בלוטיגע שונאים — וואָס האָבען זיי געהאַט איינס צו דאָס אַנדערע? נישט־מעהר זיי האָבען געשפּיעלט אין שאַך. יעדער פון די צוויי האָט זיך מיט קלוגשאַפט אונטערגע־

גראָבען אונטער זיין פארטנער, בעריעש פער'גנבה'ט און קונציג געשלאָגען א ציגעל נאָך א ציגעל. וועמען וועט דאָס איינפא׳ען צו זאָגען אויף א גוטען שאָך־שפיעלער, אז ער איז חלילה א גנב, אָדער א שווינדלער, אָדער אזוי ניט קיין עהרליכער מאַן ? אונטערגראָבען זיך אונטער'ן פארטנער, אונטערשטעלען א פיסעל, לאָזען זיך פיהרען ביי דער נאָז, אויסרעכענען יענעמס גענג, אריינפיהרען אין א בלאָטע אריין און געבען איהם א מאט — דאָס אלעס ווערד אָנגערופען „גוט געשפיעלט אין שאָך“.

אויף אונזער האָלצמאַנ'ען קאָנען מיר זאָגען דעם דאָזיגען שבח : ע ר א י ז ג ע ו ו ע ן א ג ו ט ע ר, א ק ל ו ג ע ר ש אָ ך ש פ י ע ל ע ר. נישט מעהר.

האָלצמאַן האָט ברוך השם א חוש־הריח. ער האָט אָנגעשמעקט מיט זיין שארפע שפיציגע נאָז, אז דער דירעקטאָר פון לעמבערגער טהעאטער, אָט דער „יאָקעל בן פלעקעל“, האָט געווארפען איין אויג אויף זיין „יאט“. האָלצמאַן האָט ברוך השם א שארף אויג. ער האָט געזעהן, אז אלע טאנצען ארום זיין ראפאלעסקאָ'ן און קוקען אויף איהם, ווי א קאץ אויף שמאלץ. נאָר ער האָט זיך געמאכט, ווי ער זעהט ניט. טאנצט, קינדערלעך, טאנצט. איהר טאנצט אויף אייער אייגענער חתונה“... אזוי האָט זיך געטראכט אונזער האָלצמאַן און האָט געמאכט איין „גאנג“ נאָך'ן אנדערן.

ראשית חכמה, האָט ער „געשלאָגען בלאט“ מיט דער פרימאדאָנא'ס ברודער, וואָס האָט זיך איהם עפיס זעהר שטארק ארומגעדרעהט ארום „יאט“ און געשמייכעלט צו איהם, „ווי א פגר אומגעוואשען“. מאָהלט אייך, אז אזעלכע, ווי אָט דער „טרעלבויך“ שוואלב, וואָלט האָלצמאַן געקאָנט פערשטעקען אין גארטעל צעהן, ניט איינעם.

איינמאל האָט האָלצמאַן פערבעטען דעם טראגיקער איזאק שוואלב אין א „רעסטאווראציע“ און האָט איהם ביי א גלאָז ביער מיט א קאָלבאס גענומען אָפלויבען אין טאָג אריין, זיך געוואונשען דיא מזל'דיגע יאָהר, וואס שוואלב איז מעהר אקטיאר פון זיינע אלע קאָלעגען. „אזוי לאנג קריענקט זיין דירעקטאָר „יאָקעל בן פלעקעל“, ווי לאנג ער איז ווערטה צו האָבען אזא טראגיקער, ווי שוואלב“.

מיט דעם האָט איהם האָלצמאַן באלד אוועקגעקויפט. ער האָט איהם אָנגעטראָגען סאמע דאָרט, וואו איהם טהוט וועה. און שוואלב האָט זיך מודה געווען פאר איהם, בסוד געוועהנליך, אז ער וואָלט שוין לאנג וועלען שלאָגען כפרות מיט אָט דעם עקספלאָאטאטאָר, איז ער, ערשטענס, געבונדען מיט א קאָנטראקט נאָך אויף גוטע דריי יאָהר. און, צווייטענס, איז „ניטאָ קיין פאָדים“... ער זאָל האָבען מיט וואָס — עהע־הע — וואו וואָלט ער איצט אָנגעשפארט ? „אזוי לאנג פוילט געצעל בן געצעל, ווי לאנג לעמבעריג וואָלט איהם אָנגעקוקט אפילו. ער וואָלט שוין געפונען וואוהין צו פאָהרען מיט אזא פרימאדאָנעכין, ווי זיין שוועסטערל. לאָנדאָן, זאָגט מען, איז א ביסעל א גרעסערע שטאָדט, ווי לעמבעריג, הא ? “

— א ביסעלע.—גיט איהם צו האָלצמאַן און פערזופט מיט ביער.

נו, און א טהעאטער איז דאָרט פארהאן, זאָגט מען, א ביסעלע א שענערס, הא ?

— איך מיין אזוי. — ניט איהם צו האָלצמאַן און טהוט א זופּ.

ניין. נאָך שענער. שוואַלב האָט דאָרט א ברודער, אין לאָנדאָן. איין אייגענעם ברודער. אויך א פּאַפּיראָסניק. דאָס הייסט, אמאָל איז ער געוועזן א פּאַפּיראָסניק, היינט איז ער שוין א "ביזנעסמאַן". צוגעשיקט ניט לאַנג זיין פּאָרטרעט: א יונגאַטש מיט אָט אזא בויך, מיט א גאָלדענע קייט, מיט א דימענטענעם רינג, גאָר ניט צו דערקענען, אז דאָס איז ער. ער שרייבט איהם, דער ברודער הייסט עס, למען השם, ער זאָל קומען צופאָהרען מיט דער שוועסטער קיין לאָנדאָן, וועלען זיי וויסען, וואָס הייסט געלעבט אויף דער וועלט!

האָלצמאַן הערט איהם אויס: „אזא יאָהר אויף איהם, וואָס פאַר א חכם דער ברודער איז. ער אליין, האָלצמאַן טאַקי, איז דען ניט א בעלן זיך אראָפּכאַפּען מיט זיין „יאַט" קיין לאָנדאָן? עס ציהט איהם שוין לאַנג אהין, אין דעם לאָנדאָן. א וואויל שטעדטעל, זאָגט מען, אָט דאָס לאָנדאָן. ער פיהלט, אז דאָרט קאָן מען מאַכען גימעל. דער עיקר איז צענויפשטעלען א חדר, ווי עס געהער צו זיין. ער ווייכט, וואָס איהם פעהלט. צו זיין קאָמפּאַניע פעהלט איהם נאָך א רעכטער טראַגיקער אויף די סאַמע שטאַרקע ראָלען און א שענע פּרימאַדאָנא — אָט די צוויי ווען ער קריגט, איז א רוח אין דער וועלט'ס טאַטען אריין".

מיט איין האַלבע שעה שפּעטער, אז די צוויי נפשות, האָלצמאַן און שוואַלב, זענען זיך צעגאַנגען פון דער „רעסטאָוראַציע" מיט גראָבע שטאַרקשמעקענדיגע "טראַבוקוס-ציגאַרען" אין די פּיסקעס, האָבען זיי זיך מאָדנע שטאַרק געדריקט די הענד און מאָדנע פריינדליך געשמייכעלט איינס צום אנדערען, ווי מענשען, וואָס האָבען זיך פערשטאַנען אויף'ן וואָרט און געשלאָסען נאָהענטע גוטפריינדשאַפט גאָר נישט אויף קאַטאָוועס.

צווישען יודישע אַקטיאָרען זענען, אזוי ווי אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט, פאַרהאַן קנאה־שנאה, פּאָליטיק און אלערליי אינטריגעס. וואַרום צווישען יודישע אַקטיאָרען זענען, ווי אומעדום אויף דער גאַנצער וועלט, פאַרהאַן אלערליי פאַרשוינען מיט פערשיעדענע מינים ברואים. איינער איז מקנא, פערגינט ניט. דער אַנדערער האָט א מיין. דער דריטער איז גלאַט א מענש, וואָס האָט ליעב קעצרייסעניש. אז קעץ רייסען זיך — איז דען ניט פרייליך? ...

דערזעהען, ווי די „קליפּה" (האָלצמאַן) האָט זיך עפּיס זעהר שטאַרק „סקאָמפּאַניעט" מיט'ן „טרעלבויך" (שוואַלב), האָבען חברה אָפּגעטראָגען צו זייער דירעקטאָר גלייך אין אויהער אריין: „כך וכך. אונזער איציקעל איז עפּיס צו א נאָהענטער שמעלקע געוואָרען מיט דעם קנאַקער פון בוקארעשט, וואָס האַקט א טשייניק"...

אונזער צווייטער שאָך־שפּיעלער, דער דירעקטאָר געצעל בן געצעל, האָט אויסגעהערט דיא אלע מימרות, ווי א תם, כלומרשט געוואָרען געל און גרין און שטאַרק אויפגעטראָגען אויף דעם „וואַגאַבונד", און געהייסען זיך אריינרופען אָט דעם ציגאַרניק שוואַלב.

אז שוואַלב איז אריינגעקומען, האָט דער דירעקטאָר צוגעמאַכט די טהיר מיט די פענסטער, ארומגעקוקט זיך פון אלע זייטען און געהאַט מיט איהם א לאַנגען געשפּרעך, אינטים, אונטער פיער אוי־

גען, און שטיל, גאנץ שטיל: „א קשיא? טאָמער ליגט עמיצער צו איין אויהער פון יענער זייט טהיר? א וועלט פון פאלשע מענשען, אינטריגאנטען, ליידיגגעהערס"...

נאָך דעם דאָזיגען שטילען געשפּרעך, אז שוואלב איז ארויסגעגאנגען פון זיין דירעקטאָר'ס קאבינעט, האָט איהם דאָס רויטע פּנים „געפלאמט ווי א שרפה און געשוויצט ווי א ביבער".

— א פּנים, ער האָט בעקומען א היבשע פּאָרציע? — אזוי האָבען זיך געטראכט זיינע קאָללעגען און האָבען געהאט א גרויסען טעות.

מיר קאָנען נישט וויסען אקוראט, וואָס דאָרט איז גערעדט געוואָרען. מיר האָבען שוין איין מאָל געהאט בעמערקט, אז א אינטימער געשפּרעך, וואָס פיהרט זיך אונטער פיער אויגען ביי פערשלאָסענע טהירען, קאָן קיין ראָמאניסט אין דער וועלט ניט וויסען. מיר קאָנען נור ארויסזאָגען איין זאך: מיר זענען זעהר ניט זיכער מיט דער מיסיע פון איזאק שוואלב און מיר האָבען מורא, צי טאנצט ער דאָ ניט אויף צוויי חתונות און צי פיהרט ער ניט ביידע שאָך־שפּיעלער אין באָד אריין?

איז אָבער א סברה, אז אונזער האָלצמאן איז שוין אליין אויך געפאלען אויף דעם אייגענעם שכל, וואס מיר. דעריבער האָט ער געפונען, אז אין'ם שאָך־שפּיעל, וואָס ער פיהרט איצט מיט'ן דירעקטאָר פון'ם לעמבערגער טהעאטער, מוז מען האלטען קאָפּ.

און ער האָט געמאכט נאָר א נייעם, איין אָריגינעלען גאנג.

דער דאָזיגער גאנג איז געווען — בריינדעל קאָזאק.

קאַפּיטעל 75.

האָלצמאַן געהט אַ גאַנג נאָך אַ גאַנג

די ארטיסטען פון'ם לעמבערגער טהעאטער האָבען געהאט פאר זיך א נייע שטיקעל ארבייט. זיי האָבען זיך געבראָכען די מחות: וואָס איז דאָס דער בוקאָרעשטער דירעקטאָר עפּיס געוואָרען אזא נאָהענטער שמעלקע מיט זייער בריינדעלע קאָזאק? און, ווי זייער שטייגער איז, האָבען זיי זיך גענומען אָפּ'לצ'עווען פון'ם דאָזיגען פּאָרעל, שארפען די צינגלעך און איבערווארפען זיך מיט פליגעלדיגע שטעכווערטער:

— א לעבען ביי זיי, ווי אונטער'ן באָד.

— זעהט נור, אויב עס האנדעלט זיך דאָ ניט וועגען א סליוויג 1).

— מזל־טוב, אין א גוטער שטאָדט 2)

— לאָז גאָט געבען מיט בלוט 3).

— ס'זאָל זיי גוט פערלויפען 4).

וועמען האָט דאָ געקאָנט איינפאלען, אז האָלצמאן גראָבט זיך דורך אָט דער דאָזיגער יפהפיה צו דער פּרימאדאָנא הענריעטא שוואלב? מע האָט בעדארפט האָבען האָלצמאנ'ס נאָז מיט האָלצמאנ'ס חוש־הריח, אז מע זאָל אין א גאנץ קורצע צייט אָנשמעקען, אז בריינדעל קאָזאק איז דערצו דער בעסטער שליח. און ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט קלוג, קונציג און מיט ענערגיע, מיט חשק, ווי עס געהער צו זיין.

---

1) א זווג.
2) אין א גוטער שעה.
3) מיט גליק.
4) גוט אָפּלויפען.

אָנגעהויבען האָט זיך עס, געוועהנליך, פון א שמועס, א שפּאציער, א וויזיט צו איהר אהיים — אלטע בעקאנטע. וואָס ווייטער — אלץ מעהר פריינדליך. „עס טהוט איהם הנאה, וואָס ער זעהט זיך מיט איהר. סע איז נור אנ'עבירה, וואָס שטשופּאַק איז דאָ ניטאָ".

— וואָס זשע וואָלט געווען? — פרעגט זי איהם און קוקט אויף איהם מיט איהרע קליינע יאפּאָנישע אויגלעך און וויל טרעפען, וואָס ער מיינט.

— וואָלט ער חאָטש איינגענומען א מיתה־משונה.

— אָמן הלואי, רבונו של עולם, פון אייער מויל אין גאָט'ס אויהרען!...

שיער־שיער האָט זי געוואָלט זאָגען: „פון ד י י ן מויל" — און האָט זיך פערחאפּט. עס איז איהר אזוי פריקרע צו זאגען איהם: „א י ה ר"! „רבונו של עולם, וואָס פון א מענשען קאָן ווע־רען! ווען שטשופּאַק זאָל איצט זיין דאָ און געבען א קוק אויף זיין „האָצ־מאַכ'ען", וואָלט ער טאקי איינגענומען א מיתה־משונה"...

אזוי טראכט זיך בריינדעלע קאָזאק און קוקט אויף האָלצמאנ'ען און קאָן זיך ניט זאט אָנקוקען. זיא הערט זיך צו צו זיינע רעד און קאָן זיך ניט געניג אָנהערען. ס'איז גאָר ניט דער מענש. כ'לעבען, ס'איז יאָר ניט דאָס לשון. ער רעדט שוין גאָר פון „תכלית", פון „גע־שעפט", פון „קאפּיטאל". „האָצמאך" און „קאפּיטאל" — חא־חא!... ער בעריהמט זיך, אז ער פערמאָגט, דאנקען גאָט, א ביסעל געלד... „ער איז נישט קיין גרויסער קאפּיטאליסט, זאָגט ער, נאָר מיט שטשופּאַק'ען וועט ער זיך אויסגלייכען. יענער האָט בריליאנטען, ער האָט מזומנים. א מזומנ'ע מטבע, זאָגט ער, איז טהייערער פון אלע ברי־ליאנטען, א רוח אין געלד'ס טאטען אריין".

— טשעפּעט זיך אָפּ פון שטשופּאַק'־ען! — שלאָגט איהם איבער בריינדע־לע קאָזאק. — ער האָט שוין היינט עגמת־נפש, ניט קיין בריליאנטען.

— איך וועל דאָס ניט גלויבען, ביז מיינע אויגען וועלען דאָס ניט זעהען, און איך וועל מיך ניט בערוהיגען, ביז שטשופּאַק וועט ביי מיר ניט רייניגען די שטיוועל, א חלירע זאָל קומען אויף איהם מיט מיין הוסט אינאיינעם.

רעדט ער פון שטשופּאַק'ען, ווערד ער אויפגערעגט, און אז ער ווערד אויפגע־רעגט פערהוסט ער זיך. אויסגעהוסט זיך פערלעגט ער די פינגער אין דער וועסטע, שפּאנט ארום מיט די לאנגע דינע פיס הין און צוריק איבער דער מאדאם טשערניאק'ס צימערעל, קוקט אראָפּ צו זיך אויף די שפּיץ פיס און הערט נישט אויף צו בעריהמען זיך פאר איהר, וואָס ער האָט און וואָס ער פער־מאָגט. און מיט א מאָל פערחאפּט ער זיך און שמעלט זיך אָפּ אין מיטען ארומשפּאנען און הויבט אָן צו פערענט־פערען זיך פאר איהר, עס זאָל איהר ניט זיין קיין וואונדער, פון וואנען עס קומט צו איהם געלד. פשוט, פערדיענט און צונויפגעזאמעלט, אָפּגעשפּארט און בע־האלטען. „נישקשה, ער האָט זיך גענוג אָנגעבידעוועט ביז ער האָט זיך דער־ראָבערט צו א שטיקעל תכלית, גאָט מעג איהם שוין העלפען".

— אָמן הלואי, פאר וואָס ניט? — גיט איהם צו די מאדאם טשערניאק. זי פערשטעהט ניט, וואָס איז דאָ פארהאן צו פערענטפערען זיך? געלד האָבען איז דען א בזיון? א בזיון איז, אז מע איז

א כתריליק, א דלפן, אז מע האָט ניט. א בזיון איז, אז מע איז א כתריליק, א דלפן א שלעפּער, אזוי ווי צָט די אלע איבעריגע יאָלדען, וואָס גערען ארום, מיט רעשפּעקט צו מעלדען, אָהן א אונטערשט העמד אויף'ן לייב און ווייסען נור שפּיעלען אין קאָרטען, שארלאַטאַנאַווען, חאַפּען א גמילות־חסד אויף צו פאַרפאַלען... אָנקוקען קאָן זי זיי ניט, אָט די לייט, נור דערפאַר וואָס געלט איז ביי זיי שמעלט... שיטערע פינגער. פי־פו־פא... וואָס איז ? מע קאָן ניט זיין קיין גוטער אקטיאָר און אָפּהיטען א גראָשען ? וואָס איז א מענש אָהן געלד, משטיינס געזאָגט ? וואָס ?

— ווי א גוף אָהן א נשמה. — חאַפּט ער אונטער און פאַלט אריין צו איהר אין טאָן אריין. ער געדענקט נאָך פון שטשופּאַק'ס צייטען האָט זי תמיד געהאַט א "קניפּעל". חברה פלעגען שמועסען, אז אָט די בריינדעלע קאָזאַק איז אָנגעשטאָפּט מיט געלד, אזוי ווי מיט יאָהרען. דער חסרון איז נור, אז די בריינדעלע קאָזאַק פערמאָגט "ממון־קורח". דער חסרון איז נור, האָבען זיי גע'טענה'ט, פאַר וואָס זאָל גאָט ניט טהון א נס, אז זי זאָל אריין אין דער ערד, ווי קורח און זיי זאָלען זי ירשה'נען ? ?...

אָט אזוי גערט ביי זיי דאָס געשפּרעך פריינדליך־אינטים, ביז מע קומט ארויף פּאַוואָלינקע און ביסלעכווייז אויף וויכטיגע זאַכען, און ער מאַכט מיט איהר א שמועס וועגען תכלית, געשעפטן, פּלאַנען אויף ווייטער: "ביז וואַנען איז דער שיעור צו זיין נע־ונד, פערקויפט צו אזא מין חיה, ווי דער יאָקעל בן פלעקעל ? איז דענן ניט גלייכער טויזענד מאָל, ווען זי געהט, למשל, האַנד ביי האַנד מיט איהם, מיט האָלצמאַנ'ען ? אזעלכע צוויי מענשען, ווי זיי, קאָנען דאָך טאַקי יאָ מתקן זיין, עפּיס אויפטהון אויף דער וועלט, הא ? אזעלכע צוויי מענשען, ווי זיי בלעבען, געשלאָגענע הינט... זיי ווייסען שוין "פּאָטשאָמו ליבע"... און ווי אזוי מע מאַכט געלד — בעדאַרף מען זיי ניט לערנען. געלד מאַכען בעדאַרף מען קאָנען. און דער עיקר דאַרף מען קאָנען געלד קלייבען. פערדיענען א גראָשען איז ניט אזוי שווער, וויא א גראָשען צו היטען. א גראָשען דאַרף מען היטען. צופיעל בעלנים אויף'ן גראָשען. וואָס ?"...

— צופיעל בעלנים. — גיט איהם נאָך בריינדעלע קאָזאַק.

— צופיעל שטיגוטערעס, וואָס ?

— צופיעל שטיגומערעס. — גיט איהם צו בריינדעלע קאָזאַק.

און אָט אזוי קייטעלט זיך ביי זיי דער שמועס אינטים און געשעפטליך, ביז ער קומט ארויף מיט איהר אויף'ן סאַמע רעכטען ענין, וואָס איהם קוועטשט — אויף דער פרימאַדאָנא.

— מע בעדאַרף אריבערחמאַליען — זאָגט ער [illegible] — ביי אָט דעם יאָקעל בן פלעקעל אָט די שענע טעלעצע.

— די שענע טעלעצע, חא־חא ? — חזר'ט איבער נאָך איהם בריינדעלע קאָזאַק און אויף איהר פעט קיילעכיג לבנה־פּנים צעגיסט זיך א פעט שמייכעלע, און זי בעוויזט איהם איהרע ווייסע צייהן. עס ווייזט אויס, אז זי איז צופריעדען, ערשטענס, וואָס זי האָט געטראָפען — וועמען ער מיינט צווייטענס, וואָס ער האָט אָנגערופען די פרימאַדאָנא מיט איהר אמת'ען נאָמען. און דריטענס, איז זי היינט גלאַט צופריעדען מיט'ן גאַנצען געשפּרעך...

און האָלצמאַן נעמט זי דורך מיט זיינע שאַרפע שפּיציגע אויגען און גיט איהר צו פערשטעהן, האַלב ערנסט, האַלב קאָמיש, דעם שכל, פאַר וואָס מע דאַרף אריבערחמאַליען די שעגע טעלעצע.

— א שעניגקע פּרימאַדאָנא, פערשטעהט איהר מיך, זי מעג זיך זיין א קאַלב, איז גוט צו פּרנסה.

— גוט צו פּרנסה, חאַ־חא! — גיט איהם צו ברײנדעלע קאָזאַק.

— א סגולה פון׳ם רבי׳ן. — זאָגט ווייטער האָלצמאַן מיט׳ן אייגענעם האַלב־ערנסטען, האַלב־קאָמישען טאָן.

— א סגולה פון׳ם רבי׳ן. — חאַפּט איהם אונטער ברײנדעלע קאָזאַק און דערלאַנגט איהם קאָקעטיש א זעץ מיט איהר קורץ גראָב הענדעל און דאָס פעטע קײלעכיגע לבנה־פּנים ביי איהר שוויצט אַזש פון גרויס תענוג. און איהרע קלײנע יאַפּאָנישע אויגלעך ווערען נאָך קלענער. אזוי קליין, אַז מע זעהט זיי שוין כמעט גאָרנישט ארויס.

קאַפּיטעל 76.

ברײנדעלע קאָזאַק׳ס ראָמאַנען

וואָס האָט געקאָנט הייסען ביי ברײנדעלע קאָזאַק האָלצמאַנ׳ס אָנצוהערעניש: „געהן מיט איהר האַנד ביי האַנד“? און ווי אזוי זאָל זיך ניט פרייהען דערויף איין עלענדע, פערוואָגעלטע, בלאָנזשענדע נשמה, וואָס איז נע־ונד שוין אזוי פיעל יאָהרען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון לאַנד צו לאַנד, פון טהעאַטער צו טהעאַטער?... אַז האָלצמאַן איז געווען ביי שטשופּאַק׳ען און האָט נאָך געהייסען „האָצמאַך“, איז געווען עפּיס אַנדערש. און איצט, אַז האָצמאַך איז שוין „האָלצמאַן“ און איז שוין א דירעקטאָר פון איין אייגענעם טהעאַטער און האָט דערטאַפּט אזא איין אתרוג׳על, ווי אָט דער „יאַט“ ראַפּאַלעסקאָ, וואָס אַלע שלאָגען זיך פאַר איהם, און פערמאָגט נאָך דערצו א שטיקעל קאַפּיטאַל אויך— איז שוין טאַקי ווידער עפּיס אַנדערש... זיי בײדע, ווען זיי געהען, ווי זאָגט ער, האַנד ביי האַנד, און עס געראָט איהר טאַקי אריבערחמאַליען אָט די „שעגע טעלעצע“ הענריעטאָ און זיי טהוען א פאָהר ארויס אַלע פיער מיט דער פּרימאַדאָנא און מיט דעם „יאַט“ איבער דער וועלט — דערמאָלט איז דאָך טאַקי „אויף איהר אזא יאָהר“.

אָט מיט אזעלכע זיסע געדאַנקען האָט זיך אונזער ברײנדעלע קאָזאַק א ייָם געטהאָן צו דער אַרבייט שכל׳דיג און געשמאַק, ווי איין עכטער דיפּלאָמאַט. און עס איז איהר, דאַנקען גאָט, געראָטען אויף׳ן שענסטען אַרט. דער „דורבאַטש“ הענריעטאַ מיט׳ן שעגעם פּנימ׳על האָט זיך געלאָזט איבעררעדען און איז איינגעגאַנגען אויף אַלע גליקען און פּריווילעגיעס, וואָס זי האָט איהר פאָרגעלעגט. איבערהויפּט, האָט זי די מאַדאַם טשערניאַק גענומען מיט דעם, וואָס זי וועט זיין אזוי נאָהענט צום „יאַט“, צו ראַפּאַלעסקאָ׳ן...

הענריעטאַ שטעלט אויף איהר איהרע שעגע בלויע אויגען און ווערד רויט, ווי א צוויק. ברײנדעלע קאָזאַק דערזעהט און פערלויפט אויף צו פריהער: „זי פערשטעהט ניט, וואָס איז דאָ זיך זשעניערען? דאָס איז אזא זאַך, וואָס טרעפט זיך דען ניט מיט יעדען?... איהר דאַרף מען קיין פינגער אין מויל ניט לעגען. זי וועט איהם אָפּבייסען... זי זעהט דען ניט, אַז הענריעטאַ איז נאָך איהם די כפּרה און ער נאָך איהר?“...

העגריעטא שוואַלב ברענט, ווי א העליש פייער: "ער נאָך איהר? פון וואַנען ווייסט זי דאָס?"...

אָ! זי ווייסט שוין. די מאדאם טשערניאַק ווייסט אַלעס. ניטאָ אַ זאַך, וואָס די מאדאם טשערניאַק זאָל ניט וויסען. ניטאָ אַ זאַך, וואָס דיא מאַדאַם טשערניאַק זאָל ניט קאָנען. לאָז מען זי נור גוט אַ בעט געבען, מאַכט זי דאָס אין איין קויל פייער 1). איינס־צוויי־דריי — און מע ברעכט טעלער.

— ברײַנדעלע! הארצעניו! ליובעניו! — איז איהר העגריעטא געפאַלען אויף'ן האַלז און בעהאַלטען איהר שען ברענענדיג פּנים אין דער מאַדאַם טשערניאַק'ס רויטע ראַטאָנדע.

ניט אומזיסט האָט די פּרימאַדאָנאַ אַזעלכע שענע צונעמענישען, ווי "שענע טעלעצע" און "דורבאַטש" און "לעמעשקע". העגריעטא שוואַלב האָט זיך אפּנים, אונטערגענומען בעווייזען דער וועלט, אַז מע קאָן האָבען אַ שען פּנים'על און קיין שכל פון דאַנען אַהין. ברײַנדעלע קאָזאַק האָט געקאָנט פערשטעקען אין גאַרטעל, קויפען און פערקויפען אַ גאַנץ טוץ אַזעלכע שענע נאַרישע מיידלעך, ווי אָט די פּרימאַדאָנאַ פון'ם לעמבערגער טהעאַטער. און אַך! ווער עס האָט ניט גע'זעהען אין יענער צייט ברײַנדעלע קאָזאַק, דער האָט קיין מעהר גליקליכען מענשען אויף זיין לעבען ניט געזעהען. איטליכם בעשעפעניש האָט זיך זיין שטערן אין הימעל און אויף יעדער בריאה מוז קומען אַ צייט. געקומען די צייט אויך אויף ברײַנדעל טשערניאַק, אָדער ברײַנדעל קאָזאַק, זי זאָל שוין אויך אַ מאַל אויפגערעבט ווערען. געקומען די צייט, אַז איהר האַרץ זאָל שוין אויך אַ מאָל אויפוואַכען פון שטענדיגען דרימעל, אָנהויבען קלאַפּען און צאַפּלען מיט אַ וואַרעם געפיהל פון אמת'ען גליק. געקומען די צייט, אַז זי זאָל שוין אויך פערזוכען פון יענעם זיסען געטראַנק, וואָס יעדער לעבעדיגער מענש מוז אַ מאַל מאַכען אויף איהם "שהחיינו"...

דער גאַנצער חסרון איז אבער, וואָס דאָס איז געווען ביי איהר נישט דאָס ערשטע מאָל, ניט דער ערשטער ראָמאַן און, דאַכט זיך, אַז ניט דער לעצטער...

ווען מיר זאָלען זיין אַ ביסעל מעהר "מאָדערן" און ליעב האָבען הויכע ווערטער, וואָלטען מיר זאָגען אויף ברײַנדעלע קאָזאַק, אַז זי איז אַ "קאָמפּליצירטע נאַטור". וויפיעל מאָל האָט זי זיך שוין אָפּגעבריהט אין איהר לעבען! וויפיעל קלעפּ האָט זי שוין געחאַפּט פון "פּאַלשע, פּערדאָרבענע, שאַלקהאַפטיגע מאַנסבילען" — און נאָך האָט דאָס זי ניט אָנגעלערענט!

עס איז געווען אַ צייט, ווען שטשופּאַק האָט בעדאַרפט האָבען איהר לאַסקע, האָט ער זיך צו איהר גע'שדכ'ענט, און זי האָט איהם געגלויבט, — האָט זי נאָכדעם אויף זיך די האָר געריסען... עד היום נאָך קאָן זי זיין נאָמען ניט הערען און דערמאַנט איהם פון דעסטוועגען דריי מאָל אַ טאָג.

נאָך שטשופּאַק'ען האָט זיך צוגעשמייכעלט צו איהר שטשופּאַק'ס פּליגעלאַדיוטאַנט, אונזער גוטער בעקאַנטער שלום־מאיר די פּאַרשלעפּטע קרענק, מיט וועלכען מיר וועלען זיך נאָך מסתמא בעגעגענען אין אונזער ראָמאַן. דער דאָזיגער נפש איז אריין צו איהר, ווי מע זאָגט, מיט די שטי־

1) כהרף־עין.

וועל אין הארצען. ס׳איז א סברה, אז עס האט שוין געהאלטען אזוי ווייט, אז ס׳איז אפגעגאנגען נור א חופה. און דאס האט שלום־מאיר ניט געוואלט הערען, ניט זעהען. בטבע איז איין אקטיאר א מענש, וואס האט פיינד חופות. א מיידעל, א כלה, א שפאציער, א מתנה, א וועטשערע, א שפאס, א טענצעל — אלסדינג, אבי ניט קיין חופה: "די בעסטע חופה איז דער ערגסטער טוידט"...

ברײנדעלע קאזאק׳ס ראמאן מיט שלום־מאיר׳ען האט זיך אויסגעלאזט, ווי אלע איהרע ראמאנען, וואס פאר איהם און וואס נאך איהם. דאס הייסט, אנגעהויבען האט זיך עס מיט א גמילות־חסד און מיט נאך א גמילות חסד און מיט נאך און נאך, און אויסגעלאזט האט זיך עס מיט א שטילען סקאנדאל, מיט א וועטהיג אין הארצען און מיט א שנאה צו אלע "פאלשע, שאלקהאפטיגע מאנסבילען".

נאר וואס פאר א וואונד ווערד מיט דער צייט ניט פערהיילט? די גמילות־חסדים, וואס שלום־מאיר האט ביי איהר גענומען, זענען געבליעבען. ביי איהם, און מאדאם טשערניאק איז געבליעבען מאדאם טשערניאק (דעם נאמען "מאדאם" האט זי אליין זיך געגעבען איבער איהר אימפאזאנטע פיגור און איבער איהרע יאהרען...).

עס וועט אויסווייזען ביי׳ם לעזער אפשר א ביסעל פריקרע, נאר מיר מוזען דעם אמת זאגען, אז אט דער שלום־מאיר האט ביי איהר צוגענומען א שטיק הארץ, א שטיק לעבען.

איין מענש אליין. עלענד ווי א שטיין. אהן א קרוב, אהן א גואל, אהן א פריינד, אהן א גוטען פריינד. שטאמט ארויס גאט ווייסט פון וואנען. שלעפט זיך ארום גאט ווייסט וואו. און בלאנזעט, און בלאנזעט גאט ווייסט ביז וואנען... אנן דאך האט זי איהר האפנונג נאך ניט פערלוירען. פריהער אדער שפעטער— עס וועט דאך קומען א מאל דער, וואס וועט זי פערשטעהן און אפשאצען נאך איהר ווערטה. ער מוז, ער מוז א מאל קומען. וועט זי איהם אריינפיהרען צו זיך. וועט זי איהם עפענען איהר קאסטען. וועט ער זעהן איהרע אוצרות. וועט ער זעהען גרעט. וועט ער זעהן מלבושים. וועט ער זעהען ציערונג. דאס אלעס איז אנגעגרייט פון זיינעטוועגען... פון זיינעטוועגען... און ער ווייסט גאר ניט!... און איהר הארץ וועט זי פאר איהם עפענען. איהר נשמה פאר איהם אויפדעקען. אך, אפשר איז זי ניט אזוי שען, ווי אנדערע. אפשר איז זי ניט אזוי יונג, ווי אנדערע. וויפיעל געטרייהשאפט אבער, וויפיעל ליעבשאפט עס פערמאגט אזא הארץ! וויפיעל אמת׳ע רייגע איבערגעבענהייט און כשר׳ע צוגעבונדענקייט ליגט בעהאלטען אין אזא נשמה!...

פאלשע, שאלקהאפטיגע מאנסבילען. ארעמע ברײנדעלע קאזאק! א גליק, וואס זי הערט ניט און זעהט ניט, ווי אזוי מע מאכט זיך לוסטיג פון איהר אונטער די אויגען איבער איהר פנים, און איבער איהרע יאהרען, און איבער איהר טאליע, און איבער איהר ראטאנדע, און איבער איהר "קניפעל"...

דערפאר אבער אין די אויגען — ווי אזוי חנפה׳נען איהר אלע! איין אקטיאר, אז ער האט שוין ניט, וואס צו טראגען אין לאמבארד, קומט ער צו דער מאדאם טשערניאק נאך א גמילות־חסד׳על און מאכט איהר אכציהן קאמפלימענטען. זי ווייסט, אז ס׳איז א נעב־

טיגער מאָג. זי ווייסט, אז מאָרגען אנטלויפט ער פון איהר, בעהאַלט זיך פון איהר, נאָר זי לאָזט זיך פון איהם נאררען... אויף יעדען איינציגען אקטיאָר קוקט זי, ווי אויף א קאנדידאט, און טיעף ביי זיך אין הארצען טראכט זי זיך: "ווער ווייסט? אפשר איז דאָס דער, וואָס איהר איז באשערט צו פערבינדען מיט איהם איהר וועלט? אפשר אז דאָס דער, וואָס איהם איז אָנגעגרייט פון איהר א באמת ווארעם הארץ מיט א באמת'ע געטרייהע איבערגעגעבענע נשמה?"...

האָלצמאַן איז איצט געווען דער, וואָס אויף איהם איז געפאלען דער גורל פון דער מאדאַם טשערניאק. האָלצמאַן איז איצט געווען דער, וואָס האָט זיך אריינגעקליבען צו איהר אין הארצען אריין, האָט דאָרט געוועלטיגט ווי א מלך און געקאָמאנדעוועט מיט איהר אזוי לאנג, ביז ער האָט זי געהאט נויטיג. און נאכדעם, אז ס'איז געקומען צו עפּיס, האָט זיך אויסגעלאָזט, אז זיי האָבען זיך איינס דאָס אנדערע ניט פערשטאנען, וואָס הייסט דאָס, אייגענטליך, ג ע ה ן ה א נ ד ב י י ה א נ ד?... ביי איהם האָט דאס געהייסען אזוי גוט, ווי האָבען א חלק אין געשעפט, זיין א שותפ'טע צו דער טרופּע — "מהכתיתי, פאר וואָס ניט? לאָז זי אריינלעגען געלד, אָך, מיט'ן גרעסטען בזיון!"...

געלד זאָל זי אריינלעגען?... א חלק וועט זי האָבען? ?... אָ ט ד אָ ס האָט דענן געמיינט די מאדאם טשערניאק? ? ?...

פאלשע, שאלקהאפטיגע מאנסבילען! אָרעמע בריינדעלע קאָזאק!

קאפּיטעל 77.

מען געהט מיט אַ וויזיט

מיט דעם אלעמען, וואָס אויבען איז בעשריעבען, האָט האָלצמאַנ'ס ארבייט אין דעם געבענשטען לעמבערג נאָך נישט געענדיגט זיך. איהם איז געשטאַנען פאר'ן אויג דער מעצענאט, דער דאָקטאָר "לעוויוס-לויתן", מיט זיין האלבען מילליאָן. נישט אויסנוצען אזא גלענצענדע בעקאנטשאפט — דארף מען זיין א "יאָלד שביאָלדען". אויף דעם דאָזיגען דייטש דארף מען אָנשיקען ראפּאלעסקא'ן. דורך דעם "יאט" וועט ער איהם שוין בעארבייטען, ווי עס געהער צו זיין...

אזוי האָט גופגע'פסק'ענט ביי זיך האָלצמאַן און האָט זיך גענומען צו ראַפאעלסקאָ'ן איהם לערנען, וואָס ער האָט צו טהון ביי'ם דאָקטאָר לעוויוס און ווי אזוי ער זאָל מיט איהם האנדלען.

— לאָז ער קודם געבען, מיין טהייער שפּיעלפויגעל, צו־שטייער אקאָרשט אויף הוצאות הין און צוריק קיין וויען צו אָט דעם ראָזענטהאל.

— זאָנענטהאל. — פעררינכט איהם ראפאלעסקאָ.

— און לאָז ער באוואָהרענען אונז ביידען מיט דער גאנצער קאָמפּאניע מיט פרנסה. איך זאָג נישט — אויף לאנג, נאָר חאָטש אויף איין יאָהר, ביז דו וועסט עפּיס נאשען ביי אָט דעם ראָזענטהאל.

— זאָנענטהאל. — פעררינכט איהם ווידער ראפּאַלעסקאָ.

— און אויסקליידען בעדארף ער דיך און מיך אקעגען ווינטער, ווי עס געהער צו זיין. עפּיס א רעכט פעלצעל א מאָרדערענס פון דיינעטוועגען, און מיר פון

פוקס. מע קאָן דאָך נישט קומען ווי די האָלעדראַנצים פאַר אַזאַ מיליאָנער, וויא אָט דער ראָזענטהאַל.

— זאָנענטהאַל. — פּעררינכט איהם ראַפאַלעסקאָ שוין צום דריטען מאָל.

— וואָס פּעררינכסט דו מיך אַלע ייגוט, דו שוטה בן פּיקהאָלץ? — צעשרייעט זיך אויף איהם האָלצמאַן און פּערהאַפּט זיך אָבער באַלד. — זאָנענטהאַל, ראָזענטהאַל — איך האָב איהם אין דער ערד מיט דיא ביינער! דער עיקר — דער דייטש זאָל ניט זיין אָט דאָס, וואָס סע קווימשעט, און זאָל אַרוים מיט די ממתקים. אַ ניט, דאַרף מען איהם אויף תשעה נייענציג כפּרות. וואָס זאָגסט דו, קעצעלע?

"קעצעלע" האָט איהם דערויף גאָרניט וואָס צו זאָגען. האָלצמאַן און ראַפּאַלעסקאָ האָבען זיך יעדער בעזונדערע השגות, לעבען אין בעזונדערע צוויי וועלטען. וואָס ביי איינעם איז דער עיקר, איז ביים אַנדערען לחלוטין גאָרניט. און דאָך לעבט מען, ווי די טייבעלעך. צו וואָס זאָלען זיי זיך קריעגען? האָלצמאַן האַלט ראַפאַלעסקאָ'ן נאָך אַלץ פאַר אַ "יאַט", אַ "שמינדער בגעץ", אַ "שוטה'לע בן פּיקהאָלצעל". נאָך גאַר אַ קעלבעל... און ראַפּאַלעסקאַ וויל ניט איבערשפּאַרען האָלצמאַנ'ען. דערפאַר, ווייל ער האַלט, אַז האָלצמאַן איז איהם בעצם אַ גוטער פריינד און מיינט אַלסדינג נור פון זיין טובה וועגען. און טאָמער מאַכט זיך אַמאַל, יענער חאַפּט זיך אַרוים מיט אַ האַרב וואָרט, דאַרף מען קיין פאַראיבעל ניט האָבען אויף אַ קראַנקען מענשען.

— איך, פּערשטעהסט דו מיך, בין אַ קאַפּריזניק. און ניט אַזוי אַ קאַפּריזניק, וויא אַ ספּילשלעוועער. און ניט אַזוי אַ ספּילשלעוועער, ווי אַ משוגע'נער. און אַלץ איבער דעם הוסט, אַ חלירע זאָל אויף איהם קומען מיט שטשופּאַק'ען אין איין טאָג.

אָט אַזוי פּערענטפערט זיך פאַר איהם האָלצמאַן, און מע ווערד ווידער חבר.

האָלצמאַנ'ען איז געראָטען: דער דאָקטאָר "לעוויום־לויתן" האָט זיי ביידען, איהם מיט ראַפּלעסקאַ'ן, העלפּליכסט איינגעלאַדען צו זיך אויף אַ מיטאָג. "ער פערהאָפּט — האָט זיי דער דאָקטאָר לעוויום געזאַגט מיט אַ ליעבליך שמייכעלע און בעוויזען זיינע מאָדנע צעוואַכסענע ציינער — ער פּערהאָפּט, אַז זיי וועלען איהם ניט ענטזאַגען".

— אָפּזאָגען זיך פון אַזאַ וואַרעמעס?

— חאַפּט זיך אַרוים האָלצמאַן און ווינקט מיט די שאַרפע שפּיציגע אויגען צו ראַפּאַלעסקאַ'ן, — אדרבה, אָך! מיט'ן גרעסטען בזיון, מיין איך, מיט'ן גרעסטען כבוד...

פאַר אונזער האָלצמאַנ'ען איז דער וויזיט געווען אַ גרויסער, אַ געהויבענער יום־טוב. אַ יום־טוב, וואָס מע דאַרף זיך צו איהם גרייטען: "חאַפּט דאָס דער רוח מיט די ביינער! ממה־נפשך, געהט מען צו אַזאַ מיעצענאַט אויף אַ וואַרעמעס, דאַרף מען געהן, ווי אַ מענטש".

און ער איז אַוועק צווישען די קליימען און האָט זיך געקויפט ספּעציעל אַ שפּאָגעל־נייעם אַנצוג, זיך געשאָלטען מיט די לעמבעריגער דייטשען, געדונגען זיך ביז'ן ביין אַריין און אויסגעדונגען אין גלייכען געלד, מע קאָן זאָגען, אַ מציאָה.

— אַזוי לאַנג קרענקט דער דירעקטאָר יאָקעל בן פלעקעל, ווי לאַנג מע קריגט

ביי אונז פאר אַט דעם געלד אזא־נ־אַנצוג. וואָס זאָגסט דו, ליובעניו ?

— א מציאה פון א גנב.

— אפשר ניין ?

— פאר וואס ניין ?

— וואָס זשע לאַכסט דו ?

— וואָס זשע ? זאָל איך וויינען ?

— ווער זאָגט דענן וויינען ? עך, שוטה׳לע בן פיקהאָלצעל ! — מאַכט האָלצמאַן, און ביידע צעלאַכען זיך געשמאַק, און ביידע נעמען זיך גרייטען צום געהויבענעם וויזיט. האָלצמאַן זעצט זיך אוועק "האָפּען א גאָל אָפּ" דאָס אויסגעטריקענטע געל־גרין גלאַנצענדיגע פנים, איבערגעלאָזט פון שענקייט וועגען נור צוויי שוואַרצע באַקענקאָטלעטלעך. דיא באַקענקאָטלעטלעך האָבען זיך טאַקי זעהר געפּאַסט צו זיינע מאָגערע איינגעפאַלענע באַקען און צו זיין אויסגעצויגענעם האַלז, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון א שניי־ווייסען שטעהענדיגען קאָלנער מיט א קונציג אונטערגעבונדענעם שניפּס. א פּאָר נייע לאַקירטע שיך מיט ברייטע בענדלעך און דער אויסגעגלעטער גלאַנצענדיגער צילינדערהוט, וואָס אויף׳ן שפּיציגען קאָפּ, האָבען צוגעגעבען זיין שפּיציגער פיגור נאָך מעהר חן, אזוי אַז זיין יונגער פריינד ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך אַזש ניט געקאָנט איינהאַלטען און האָט איהם געמאַכט א קאָמפּלימענט, אַז ער ווערד וואָס א טאָג שענער און יונגער. "שענער קאָן זיין. נאָר יונגער — גאָט ווייסט". — זאָגט צו איהם האָלצמאַן גאַנץ ערנסט און בויגט אָן צו איהם דעם קאָפּ :

— זעהסט, פייגעלע, גרויע האָר ? א חלירע זאָל קומען אויף שטשופּאַק׳ען, דאָס האָב איך נור א י ה ם צו פערדאַנקען.

אויך ראַפאַלעסקאָ האָט זיך אָנגעטהאָן צוליעב דעם וויזיט נאָך דעם לעצטען זשורנאַל. זיינע גרויסע ווייסע זעמטען־שענע הענד האָבען ארויסגעשיינט פון׳ם סמאָקינג, וואָס האָט אויסגעזעהען אויף איהם א ביסעל צו־קורץ און צו־ענג, מחמת ראַפאַלעסקאָ האָט דעמאָלט געהאַלטען סאַמע אין רעכטען וואַכסען. די ברייטע פולע שניי־ווייסע שענע מאַנישקע האָט ארויסגעשיינט פון דעם אויסגעשניטענעם זשעסטעל און געקאָנקורירט מיט׳ן שענעם ווייסען האַלז. די גאַנצע פיגור זיינע האָט ארויסבעוויעזען אזוי פיעל יונגשאַפט און פרישקייט, אַז ס׳איז געווען באמת א פרייד און א פערגעניגען אויף איהם צו קוקען. ניט אומזיסט האָט די פרימאַדאָנאַ הענריעטאַ שוואַלב אוועקגעוואָרפען אַלע איהרע קאַוואַלירען און חתנים און גענומען זיך גאַנץ ערנסט צו "בעקעמפּפען אַט דעם יונגען שנעק", וואָס "אָדער ער האָט א האַרץ פון א טאַטער, אָדער די אויגען זענען ביי איהם ניט אויף׳ן אָרט, אָדער ער איז גלאַט נאָך א גרינע אוגערקע"...

הענריעטא שוואַלב, וואָס איז געוואוינט געוואָרען, אַז אַלע "זאָלען זיין נאָך איהר די כפּרה", האָט נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס טהוט זיך עס מיט׳ן דאָזיגען בחור ? סטייטש, זי, הענריעטאַ, איז איהם שטענדיג פאַר ׳י אויגען, טהוט זיך אָן צוליעב איהם. ערשט ניט לאַנג זיך געמאַכט א סאַמעטען קלייד "רעפאָרם", בעלייגט מיט "שמעלץ". יענע טהוט אַלסדינג, וואָס זי קאָן, לייגט איין די וועלט, און ער — גאָר ניט ! א מאָדנער בחור דאָס איז ! א ווילדע, א ווילדע זאַך ! אַט איז ער אייך פריליך, שפּרינגט און טאַנצט און

זינגט... אָט ווערד ער אײַך אומעטיג, געהט ארום ווי א פער׳חלומ׳טער מלאך... "מע דאַרף דאָס בחור׳על נעמען אין די הענד אריין!"

קאַפּיטעל 78.

גאַרישע, יונגלישע געדאַנקען

דאָס "בחור׳על" (ראַפּאַלעסקאָ) האָט אָבער אפילו ניט אין זינען געהאַט די פּרימאַדאָנאַ שוואַלב. זיין קאָפּ און זיין האַרץ און ער אינגאַנצען זענען איצט געווען אין איין אָרט — אין וויען. ביינאַכט אין חלום און בייטאָג אויף דער וואָהר האָט ער געזעהן פאַר זיך נור וויען און נור וויען. וויען איז געווען פאַר איהם איצט דער גן־עדן, וואוהין עס האָט זיך געריסען זיין נשמה. אין וויען זענען איצט געווען פאַר איהם צוויי מענשען, וואָס האָבען איהם געצויגען צו זיך, ווי א מאַגניט. "זעהען זיך מיט די צוויי און דערנאָך שטאַרבען"...

דער לעזער ווייסט שוין, ווער זענען אָט די צוויי. עס איז נור שווער צו זאָגען, ווער פון די צוויי האָט ביי איהם אריבערגעוואויגען: רייזעל, אָדער זאָנענטהאַל?...

אז רייזעל איז איצט אין וויען — דאָס איז דאָך זיכער. אז ער וועט זי אין וויען מסתמא געפינען — אין דעם איז אויך קיין ספק נישט. די פראַגע איז נור: אויב זי וועט איהם דערקענען? און זי אליין ווי אזוי זעהט אויס? און וויא אזוי וועט זיין זייער ערשטע בעגעגניש? און וואָס וועט ער איהר זאָגען צום אלעם ערשטען? ער וועט זיך פאַר איהר נישט מעלדען, אז דאָס איז ער. ניין. לאָז זי אליין איהם דערקענען. אָט ווי אזוי דאָס וועט פאָרקומען:

קודם וועט ער זיך דערפרעגען, "וואו, אין וואָס פאַר א טהעאַטער זינגט די בעריהמטע ראָזא ספּיוואַק?" געוואָרע געוואָרען וואו דאָס איז, געהט ער אוועק און קויפט זיך א בילעט און זעצט זיך אוועק גלייך מיט׳ן איבעריגען פּובליקום אין פּאַרטער און הערט זי זינגען גלייך מיט׳ן איבעריגען פּובליקום — און גאָרנישט. וואָס מאַכט דאָס אויס? איין אַקטריסע זינגט, לאָז זי זינגען. איי, ער קאָן ניט איינזיצען? איי, עס שפּרינגט איהם אָקערשט דאָס האַרץ ארויס? "שטילער, ראַפּאַלעסקאַ, שטילער. איצט איז ניט דאָס, וואָס אמאָל, און וויען איז ניט האָלענעשטי. איצט ביזט דו שוין ניט לייבעל ראַפּאַלעוויטש פון האָלענעשטי, איצט ביזט דו לעאָ ראַפּאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט. איצט איז זי שוין ניט רייזעל דעם חזנ׳ס מיידעל פון גאָט׳ס גאַס, איצט איז זי שוין די בעריהמטע ראָזא ספּיוואַק פון וויען. איצט ביזט דו שוין אליין איין אַרטיסט און דאַרפסט זיצען, ווי א סטאַטיק. דאַרפסט זיך האַלטען ווי א מענש... שטילער, ראַפּאַלעסקאָ, שטילער"... ערשט העט שפּעטער, נאָך׳ן ערשטען, ניין, נאָך׳ן צווייטען אַקט, בעת אַנטראַקט, חאַפּט ער זיך אריין צו איהר הינטער די קוליסען. ער געהט צו איהר: "האָסט מיך דערקענט?"...

אָדער ניין. דער פּלאַן געפעלט איהם ניט. ער וועט איהר בעסער שרייבען א בריעף, אז איינער, איין אַרטיסט פון יודישען טהעאַטער, פון בוקאַרעשט, מיט׳ן נאָמען ראַפּאַלעסקאָ, וויל זיך בעקענען מיט דער בעריהמטער זינגערין ראָזא ספּיוואַק. ער בעט זי זעהר... ניין. נישט ער בעט זי, נאָר ער לייגט איהר פאָר, אויב זי וויל... יאָ.

אויב זי וויל, קאָן זי קומען אין יודישען טהעאַטער און מעלדען זיך צו איהם, צווישען ערשטען און צווייטען אקט, וועט ער איהר איבערגעבען א גרוס פון האָלענעשטי... דערהערען האָלענעשטי וועט זי שוין געווים קומען אין טהעאַטער. וועט ער זי זוכען מיט די אויגען צווישען פובליקום און וועט זי באלד דערקענען. נאָך די אויגען וועט ער זי דערקענען. נאָך די גרויסע שווארצע גליהענדע ציגיינער־אויגען... אַך! ווי אזוי וועט ער קאָנען שפּיעלען בעת זי זיצט אין טהעאַטער?... ווי אזוי וועט ער זיך האַלטען אויף דיא פּיס בעת ער וועט דערזעהען אָט דיא אויגען? ווי אזוי וועט ער עפענען א מויל בעת זי וועט קוקען אויף איהם, קוקען אויף איהם?... ער הערט דענן, וואָס ער רעדט? ער ווייסט דענן, וואָס ער שפּיעלט?... לאָז זיך שוין ענדיגען דער אקט. לאָז זיך שוין אראָפּלאָזען דער פאָרהאַנג. נאָך איין מינוט—און ער איז שוין דאָרטען, הינטער דיא קוליסען. נאָך איין מינוט— און זי קומט איהם אקעגען. זי האַלט אויסגעשטרעקטביידע הענד צו איהם. פון איהרע פּלייצעס פאַלט אראָפּ דאָס רויטע שאַלעכעל — מערקווירדיג! דאָס זעלבע רויטע שאַלעכעל, וואָס אין יענער נאכט, בעת דער שרפה אין האָלענעשטי — און איהרע אויגען, איהרע שווארצע גליהענדע ציגיינער־אויגען, זענען אי־בערגעצויגען מיט א דין רויכעל און גלייך ווי בענעצט. שוין זשע ווייגט זי?... און ער אליין פיהלט דענן ניט, ווי עס ווייגט אין איהם דאָס הארץ און עס קייקלען זיך איהם טרערען?... און זיי פאַלען איינס דאָס אנדערע אויפ׳ן האַלז. און קיין רעד איז נישטאָ. נישטאָ קיין לשון. אויסער צוויי געצעהלטע ווערטער: "רייזעל" און "לייבעל"...

אָט אין וואָסערע גאָלדענע חלומות, נאַררישע יונגעלשע געדאַנקען עס האָט אין יענער צייט ארומגעבלאָנזשעט אונ־זער יונגער שטערן ראַפאַלעסקאָ.

צו די דאָזיגע חלומות האָט זיך צו־געלייגט נאָך איין חלום—זאָנענטהאַל... עס איז נור שווער צו זאָגען, וועלכער פון די צוויי חלומות האָט איהם מעהר פער׳כישופ׳ט? ווער פון די צוויי האָט פערנומען מעהר פּלאַץ ביי איהם אין הארצען? רייזעל, זיין גאָטהייט? אָדער זאָנענטהאַל, דער גאָט אליין?... אָט איז ער געקומען קיין וויען. ווייסט איהר, וואָס איז אזעלכעס וויען? מיט וואָס צייכענט זיך אוים וויען? וויען— דאָס איז די שטאָדט, וואו עס זיצט זאָנענטהאַל. און וואָס איז וויען אָהן זאָנענטהאַל׳ען?...

ער בלאָנזשעט ארום איבער דיא שעה־נע גאַסען פון דער שענער שטאָדט וויען: "צי ווייסט איהר ניט וואו זיצט דאָ ערגיץ זאָנענטהאַל?" "וואָס הייסט? ווער ווייסט דאָס ניט, וואו זיצט זאָנענ־טהאַל? זעהט איהר אָן דאָרטען א קרישטאָלענעם פּאַלאַץ מיט א גאָלדע־נעם דאך?—דאָרט זיצט זאָנענטהאַל"...

מיט א קלאַפּענדיג הארץ טרעט ער אריבער די שוועל פון דעם גאָלדענעם פּאַלאַץ... בעהאַנגען פון אויבען ביז אראָפּ מיט דימאַנטען און בריליאַנטען קומט איהם אקעגען "דער גאָט פון די ארטיסטען", דער גרויסער זאָנענטהאַל. מיט א פּנים פון א מלאך און מיט א שמייכעלע פון דער זונן אין א שעה־נע זומערדיגען פריהמאָרגען קוקט אויף איהם דער גאָט פון די ארטיסטען און שוישפּיעלער, דער גרויסער זאָנענטהאַל...

"רבונו של עולם! אָט דאָס איז ער, אָט דער גרויסער, גרויסער כישוף'מאכער? אך, ווי פּראָסט ער איז און ווי גוט און ווי זיס ער רעדט. גלייך ווי ס'איז גאָר ניט ער, אָט דער גרויסער, גרויסער זאָנענטהאל!" און זאָנענטהאל נעמט איהם פאר א האנד און פיהרט איהם אריין צו זיך אין די סאַמע אינווייניגסטע חדרים פון דעם שענעם גרויסארטיגען פּאלאץ און זעצט איהם אוועק אקעגען זיך אויף א גאָלדענעם שטוהל. און ער פערהערט איהם שפּיעלען. און ער לויבט איהם אזוי שטארק, אז עס דרעהט זיך איהם אזש דער קאָפּ: "ניין. נישט אין אזעלכע ראָלען בעדארף ער ארויסטרעטען".—זאָגט צו איהם זאָנענטהאל אליין מיט דעם זעלבען לשון און מיט דעם זעלבען טאָן, וואָס דער דאָקטאָר לעוויוס האָט צו איהם געזאָגט דעם ערשטען אבענד פון זייער בעקאנטשאפט — "ניין. אזא פון גאָט געבענשטער טאַלאנט דארף זיך ארויסבעווייזען אין מעהר ערנסטע קלאַסישע ראָלען"... אָבער פונקט דאָס אייגענע, וואָס דער דאָקטאָר לעוויוס האָט איהם געזאָגט, וואָרט און וואָרט.

"דאָקטאָר יוליוס לעוויוס" — האָבען ביידע אונזערע העלדען איבערגעלייענט א קליין שילדעל אויף א גרויסען הויכען טויער פון א גרויסארטיגען הויף מיט אייזערנע גראַטעס, מיט הויכע בוימער, טאָפּאָלים, פון וועלכע עס האָט זיך ארויסגעזעהען א פּעסטער ווייסער מויער, א בעל-הבתיש, א גביר'יש הויז, וואָס קוקט אויף אייך סטאַטעטשנע און סאָליד, און עס דאכט זיך אייך אויס, ווי עס רעדט צו אייך: "דאָ איז גוט. דאָ איז בעקוועם. דאָ איז רוהיג"...

— א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין! — האָט זיך האָלצמאַן נישט געקאָנט איינהאַלטען, רעכט אויסגעשנייצט די נאָז אין א נייער נאָך קנאַקענדיגער פּאַטשיילע און האָט א ציה געטהאָן דאָס גלעקעל.

קאַפּיטעל 79.

דער לעמבערגער מעצענאַט

פּארהאַן מענשען, וואָס ניט אַלע מאָל זענען זיי גלייך. עס בייט זיך ביי זיי זייער אויסזעהן, זייער פיזיאָנאָמיע. אָט האָט איהר זיך מיט זיי בעגעגענט אין דרויסען, האָבען זיי, דאכט זיך, געהאַט איין אנדער פּנים, און אָט טרעפט איהר זיי ביי זיך אין דער היים, האָבען זיי שוין ווידער גאָר איין אנדער פּנים.

אז אונזערע איינגעלאַדענע געסט, האָלצמאַן און ראַפאַלעסקאָ, זענען אריינגעקומען צום דאָקטאָר לעוויוס, האָבען זיי איהם כמעט נישט דערקענט. וואו איז אהינגעקומען זיין ברייט געלעכטערעל אויף זיין פריינדליך פּנים? וואו איז אהינגעקומען זיין רעדען אָהן איין אויפהער און אָהן איין אָפּשטעל? עפּעס איז ער דאָ ביי זיך מעהר סאָליד, געזעצט, שטרענג און איינגעהאַלטען. און קלענער איז ער עפּיס געוואָרען. מיט א קאָפּ ניעדריגער. גאָר ניט דער מעצענאַט, וואָס אין טהעאַטער. גאָר־גאָר ניט דער דאָקטאָר לעוויוס, וואָס אויף דער גאַס.

מע קאָן ניט זאָגען, אז דער דאָקטאָר לעוויוס זאָל זיי האָבען צוגענומען ניט פריינדליך. אדרבה. ער האָט אליין זיי געהאָלפען אראָפּנעמען פון זיך די אויבערשטע מלבושים, אריינגעפיהרט זיי צו זיך אין א גרויסארטיגען קאַבינעט, פול מיט ביכער פון אונטען ביז ארויף צו דער סטעליע. בעזעצט האָט ער זיי אין צוויי הויכע ווייכע פאָטעלען און העפליך מיט זיי א שמועס געגעבען וועגען

גען זעהר נישט קיין אינטערעסאַנטע זאכען: וויא געפעהלט זיי די שטאָדט לעמבעריג? וואָס זאָגען זיי אויף דעם וועטער? און נאָך כדומה אזעלכע נישטיגע טרוקענע געשפּרעכען, וואס מע בענוצט זיי פון יוצא ווענען כמעט אין יעדען אריסטאָקראַטיש הויז, וואוהין מע לאַדעט אייך איין אָפיציעל אויף א מיטאָג און דער טיש איז נאָך נישט פאַרטיג, און מע בעדאַרף זיצען און הונגערן, און רעדען איז נישטאָ פון וואָס. דער בעל־הבית קוקט דאַמאָלס אויף אייך, ווי אויף דער עלפטער מכה פון מצרים, און טראַכט זיך: "א סקוטשנער גאַסט דאָס איז. מע דאַרף זיך מיט איהם ניאַנטשען"... און דער גאַסט קוקט אויף'ן בעל־הבית און פרעגט זיך אליין: "וועלכער רוח האָט מיך אהער געבראַכט, איך זאָל הונגערן? נישטאָ דענן ביי מיר אין דער היים קיין וואָרעמס, צי וועלכע גוטע יאָהר?"...

אייער שטימונג ווערד אַ ביסעל ווייכער ערשט דאַמאָלט, ווען דער בעל־הבית טהוט זיך א האַפּ אויף, בעט אייך אריין צום געדעקטען טיש און שטעלט אייך פאָר פאַר דער אויסגעפּוצטער פריינדליך שמייכלענדער ווירטהין, און מע זעצט אייך אוועק אויבענאָן ביי דער רעכטער האַנד, נעבען דער אויסגעפּוצטער פריינדליך שמייכלענדער ווירטהין, און מע גיסט אייך אָן דאָס ערשטע גלעזעל, און מע רוקט אייך צו דאָס פאַרבייסען, און מאַכלים קוקען ארויס פון די טעלער און שמייכלען צו אייך און שמעקען אייך, און איהר הויבט אָן סוף כל סוף אריין אין אייער ראָל.

פערבראַכט אין נישטיגע טרוקענע געשפּרעכען אקעגען א האלבע שעה, איז דער דאָקטאָר לעוויוס אויפגעשטאַנען מיט זיינע איינגעלאַדענע געסט, דורכגעפיהרט זיי דורך א גאנצע רייהע פון גרויסע ברייטע הויכע חדרים, גרויסאַרטיג אויפגעפּוצט מיט זעהר רייך מעבעל, שווערע פאָרטיערען, הויכע גלענצענדיגע שפּיעגלען און צו געפיהרט זיי צום געדעקטען טיש. נאָר אַנשטאַט איין אויסגעפּוצטע פריינדליך שמייכלענדע ווירטהין, האָבען זיי געטראָפען אויבענאָן ביי'ם טיש איין אלט גרייז־גרוי בעשעפעניש מיט איין איינגעקנייטשט געל פּנים, וואָס האָט געהאַפּט דעם אָפּבליק פון א גוט איינגעזויערטע קיסליצע.

— מיין מוטערכען. — האָט א זאָג געגעבען צו זיי דער דאָקטאָר לעוויוס, נאָכדעם ווי ער איז צוגעגאַנגען צו איהר און א קוש געגעבען איהר אין האַנד אריין.

די "מוטערכען", א יודינע מיט א פאַריק, אין א זיידען קלייד, מיט ברילּיאַנטענע אוירינגען און מיט גרויסע פּעריל, האָט זייביידען קוים־קוים מזכה געוועזן מיט איין קוק. דאָס איז געוועזן אזא קאַלטער קוק, אז ס'איז אין זיי פערקיהלט געוואָרען אינווייניג דער מאַמעס מילך. "אַן־אַלטע מכשפה" — האָבען א זאָג געטהאָן האַלצמאַנ'ס שאַרפע שפּיציגע אויגען צו זיין יונגען פריינד. און ביידע, רעכט אויסגעהונגערט, האָבען זיך אוועקגעזעצט צום טיש, נישט געלאָזט זיך לאַנג בעטען און גענומען שטילען דעם הונגער, בעטראַכט בעת־מעשה דעם דאָקטאָר לעוויוס און נישט געקאָנט זיך גענוג אָנקוקען אין זיין פיזיאָנאָמיע, וואס האָט בעקומען דאָ שוין ווידער גאָר איין אנדער אויסזעהען. עפּיס איז יאָ געוועזן אויף זיין פּנים א שמייכעל. נאָר דער שמייכעל האָט אויסגעזעהן ניכער וויא א פערקרי־

מעניש פון א מענשען, וואָס דאַרף זיך אָט־אָט אויסקוועטשען אַרויסנעהמען א צאָהן. אָט דאַכט זיך, נעמט ער זיך אָן מיט אַלע כחות, פערוואַרפט דעם קאָפּ, מאַכט צו די אויגען און עפענט אויף דאָס מויל: "נאַ, ציה, שלעפּ, רייס, טהו וואָס דו ווילסט"...

אזוי האָט אויסגעזעהן דער דאָקטאָר. און די "מוטערכען"? זיי האָט זיך געדאַכט, אז זי טראַכט זיך: "צו וואס האָט ער געבראַכט אהער אָט די שלים־מזל'ען?"... ניין. עס איז ניט געווען קיין שום שטאָף אויף צו רעדען. און דאָס, וואָס מע האָט גערעדט, האָט זיך ניט געקלעפּט. ווען ניט דאָס קלאַפּען פון די גאָפּלען און מעסערס איבער די טעלער, וואָלט מען געקאָנט הערען יעדען שלונג, מיט וועלכען אונזערע געסט האָבען זיך ווי געוואָרגען. אזוי גרויסאַרטיג שטיל איז צוגעגאַנגען דער מיטאָג. עס איז געווען באמת א חיות און א פרייד, ווען דער דאָקטאָר איז אויפגעשטאַנען פון טיש, א קוש געגעבען דער "מוטערכען" אין האַנד און אריינגעגאַנגען מיט זיי צוריק צו זיך אין קאבינעט אריין.

דאָ האָט דער בעל־הבית אפּגעשלאָסען א שיפלאָד פון'ם שענעם שרייבטיש און אַרויסגענומען דריי פערשיעדענע סיגאַרען פון דריי פערשיעדנע שאַכטלען. האָלצמאַנ'ס שאַרפע אויגען האָבען מיט'ן קוק אָפּגעשאַצט, אז די דריי סיגאַרען זענען פון דריי פערשיעדנע סאָרטען: ב ע ס ע ר ע, ע ר ג ע ר ע און ג אָ ר פּ א ס ק ו ד נ ע. די "בעסערע" האָט דער בעל־הבית גענומען זיך. די "ערגערע" האָט ער געגעבען ראַפאַלעסקאָ'ן. און "גאָר די פּאסקודנע" האָט ער אונטערגעטראָגען האָלצמאַנ'ען. ביי'ם פערדריכערען, האָט זיך אַרויס־בעוויזען, אז האָלצמאַן איז א מבין אויף סיגאַרען, ווארום ער האָט זיך שטאַרק פערקרימט און עס האָט איהם אָנגעהויבען שטיקען אויף צו הוסטען. וואָלט האָלצמאַן ניט געראַט געקומען אהער מיט א געוויסען ציעל און ניט האָבען קיין בעזונדערען אַרויסקוק, עה־הע, וואָלט זיך דער דאָזיגער מעצענאט פון איהם נישט גענאַרט פאַר אזא כבוד. האָלצמאַן וואָלט זיך ניט געפּוילט און וואָלט איהם א פרעג געגעבען, וואו האָט ער דערטאַפּט אזא "שטינקאַדאָרוס־ציגאַר", פון יענע סאָרט ציגאַרען, "וואָס פערקריכען זיך אויף'ן וואַגאָן" און וואָס זענען געמאַכט געוואָרען אויף צו "סמ'ען פליגען". נאָר אזוי ווי אָט דער וויזיט האָט געראַט א געוויסען צוועק, האָט האָלצמאַן זיך אנגענומען מיט כח רויכערען די ציגאַר פון'ם דריטען סאָרט, הוסטען אויף דערשטיקט צו ווערען און דערצו נאָך אויסהערען פון'ם דאָזיגען מעצענאט א גאַנצע לעקציע איבער "קונסט", וואָס יענער האָט זיך גענומען לייענען גאָר איבעראַנייעם פאַר זיין יונגען פריינד ראַפאַלעסקאָ.

"ווידער א מאָל דאָס אייגענע ליעדער, סע שלאָגט שוין צו דער גאל". — האָט זיך געטראַכט האָלצמאַן. — "אבער א מאָל קונסט און ווידער א מאָל קונסט, און קלאַסישע ראָלען, און וויען — ביי אונז אין וויען... און זאָנענטהאל — אונזער זאָנענטהאל... ער האָט איהם קוים דערטאַפּט, אָט דער דייטש. און דער דאָזיגער נאַרישער "יאט" קוקט איהם אין מויל אריין, מיינט, ס'איז תורת לאָקש. א מעשה ביז מאָרגען. מע דאַרף איהם געבען א פּאָהר אריין מיט'ן דישעל אין גאַניק אריין, וועט דאָס נעמען א סוף".

— האָט קיין פּאראיבעל ניט, רב דייטש, איך בין א פּראָסטער הי־וקיים און פערשטעה ניט קיין חכמות. איהר זאָגט, אז דער "יאַט" טאָר ניט שפּיעלען אין די שטארקע ראָלען, וואָס ביז אהער, אז ער דארף שטודירען. וויען, זאָגט איהר, דארף ער זעהען. מהכתיתי, א׳הר זענט אפשר גערעכט. פרעגט זיך אבער: ווי קומט די קאץ איבער׳ן וואַסער? איהר האָט דאָך געהערט מסתמא דאָס שפּריכוואָרט: "אז ס׳איז ניטאָ קיין פינגער, קאָן מען קיין פייג ניט שטעלען?"

ביי די ווערטער האָט האָלצמאַן געגעבען א וואונק מיט איין אויג צו זיין יונגען פריינד — ער זאָל איהם קומען צו־הילף.

ראפאלעסקא אבער — צי ער האָט איהם ניט פערשטאנען, צי ער האָט זיך געמאכט, אז ער פערשטעהט ניט — איז איהם צו־הילף ניט געקומען. ארויסוואָרפען געווען האָלצמאנ׳ס האָפנונגען אויף דעם דאָזיגען מעצענאט... און דער מעצענאט האָט זיך געגעבען א חאפּ אויף פון׳ם גורט, ווי איין אָפּגעבריהטער:

— פּארדאָן! דעם בריעף מיינט איהר, וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט צו מיין פריינד זאָנענטהאל? די רגע. איין מאָמענט.

אומזיסט האָט איהם האָלצמאַן געוואָלט בערוהיגען, אז דער בריעף מעג זיין אויף שפּעטער. אומזיסט האָט זיך האָלצמאַן עטליכע מאָל אומגעקעהרט צו זיינעם. אומזיסט האָט ער איהם געגעבען א קאפּוליער אָנצוהערעניש, אז "עס דארף קאָסטען אונגעהייער די נסיעה"... אז "עס וועט זיי ניט סטייען קיין פּאָדעם"... אז ביי זיי איז "געצעהלטע גראָשענס"... דער דאָקטאָר לעוויוס איז געווען טויב צו אַט דיא אלע אָנצוהערענישען, טויב ווי די וואנד.

דערזעהן, אז סע האלט שמאָל, האָט האָלצמאַן א פרוב געגעבען ארויס מיט קלאָרע דבורים. אָבער טאקי נישט מעהר ווי א פרוב געגעבען, ווארום איידער האָלצמאַן האָט נאָך געעפענט דאָס מויל צו געבען א רעד וועגען געלד, האָט דער דאָקטאָר לעוויוס שוין איבערגעגעבען איהם דעם אָנגעשריעבענעם בריעף, געקוועטשט ביי דער האנד, א קלונג געגעבען צום דיענער און בעוויזען אויף די "הערען", אז זיי ווילען געהן, און איז אויפגעשטאנען און האָט זיי גאנץ העפליך בעגלייט ביז דער טהיר:

— היינט איז אייער לעצטער גאסטראָל. היינט זעהען מיר זיך אין טהעאטער. געוויס זעהען מיר זיך. וועלען מיר שוין רעדען פון אלסדינג. פון אלסדינג. אדיעאו. אויף ווידערזעהען. איך דאנק אייך זעהר און זעהר פאר׳ן וויזיט. אדיעאו. אויף ווידערזעהען.

קאפּיטעל 80

די לעצטע גאַסטראָל אין לעמבערג

דיא לעצטע פאָרשטעלונג פון דער בעריהמטער בוקארעשטער טרופּפּע כאר זייער אָפּפאָהרען פון לעמבערג איז אבגעלאָפען נאָך מיט מעהר "קלאפּ", מיט מעהר פראכט און גלאנץ, ווי די ערשטע פאָרשטעלונגען. עס האָט זיך איינגעגעבען א געראָטענער, א זעלטענער ספּעקטאקעל. אלע שפּיעל׳ער זענען געווען אויף זייערע ערטער. דער רעזשיסער האָט נישט בעדארפט צו שוויצען. דער דירעקטאָר (דיריזשאָר) האָט נישט בעדארפט צו האקען האָלץ. דער סופלער דאָט נישט געהאט, וואָס צו טהאָן. אלעס איז געגאנגען, ווי

אויף פוטער. די אקטיאָרען פון ביידע טרופּעס האָבען זיך אין דעם אָבענד ווי צענויפגעזונגען, און אויף זיי אַלעמען האָט מאַיעסטעטיש געשוועבט און געוועלטיגט דער גייסט פון דעם יונגען קינסטלער.

ראַבּאַלעסקאַ האָט אַליין געפיהלט, אַז היינטיגען אויפדערנאַכט איז ער ביי זיך אין דער היים. ווי נישטיג און אומגעלומפּערט-נאַרריש דאָס שטיק איז ניט געוועזן, האָט זיך דאָך געפיהלט אין'ם שפּיעלען א זעלטענער אַנסאַמבל. אמת'ע עסטעטיקער האָבען הנאָה געהאַט. קלענערע מבינים זענען געוועזן אויסער זיך. און דאָס גרויסע פּובליקום איז ארויס פון די כלים און צעטראָגען דאָס טהעאַטער: "ראַ-פּאַ-לעס-קאָ! ראַ-פּאַ-לעס-קאָ!"

און ראַבּאַלעסקאַ האָט צוליעב געטהאָן דעם עולם און האָט זיך בעוויזען פאַר'ן פּובליקום נאָך א מאָל און נאָך א מאָל. און נישט אַליין, נאָר מיט דער בעריהמטער לעמבערגער פּרימאַדאָנאַ, וואָס האָט געטיילט מיט איהם דעם טריאומף פון דעם דאָזיגען אָבענד. אַלע מאָל, ווען ראַפּאַלעסקאָ האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנד, האָט זי געפיהלט א ציטער איבער'ן לייב: "דער בחור איז מיינער... ער וועט שוין געהן ביי מיר אין חדר אריין".. אזוי האָט זיך געטראַכט הענריעטאַ שוואַלב און האָט ברייט געשמייכעלט מיט אַלע איהרע ווייסע צייהן און מיט אַלע פאַלשע שטיינער, וואָס זי האָט זיך אָנגעקויפט די לעצטע צייט.

אויף איהר קוקענדיג, האָט אויך אָ־געקוואָלען איהר ברודער דער טראַגיק. פאַר דעם דאָזיגען נפש האָט זיך געעפענט א גאָלדענע גרוב און אַלע גליקען זענען געקומען מיט אַמאָל: ערשטענס, ווערד ער פּטור פון אָט דעם בלוטזויגער געצעל בן געצעל. צווייטענס, האָט מיט איהם דער דירעקטאָר האָלצמאַן צוגעשלאָגען א "יד", אַז זיי ווערען שותפים און עפּענען אינ-צווייען איין אייגענעם משא-ומתן, א טהעאַטער אונטער זייערע ביידענס נעמען: "האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ". און וויפיעל איז ווערטה אָט דאָס, וואָס ער פּטר'ט א האָרב פון דיא פּלייצעס?... ער מיינט דאָס זיין שוועסטער יענטעל, אָדער הענריעטאַ, וואָס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז זי האָט דעם "יאַט" פּריטשמעליט דעם קאָפּ ווי עס געהער צו זיין. "נישקשה פון א שידוך — האָט ער זיך געטראַכט און מיט ביידע הענד זיך געווישען דאָס רויטע פּנים. — מיינע קאָללעגען די בעהעלפּערס וועלען צעזעצט און צעפּיקעט ווערען פאַר קנאה, און מיין דירעקטאָר "יאָקעל בן פלעקעל", ווי האָלצמאַן רופט איהם, וועט אם-ירצה-השם בעקומען א שענע "פּאָפּלעקציע"...

— וואָס קוקט איהר אַלע מינוט אין שפּעלטעל אריין און וועמען זוכט איהר?

— האָט שוואַלב א זאָג געטהאָן צו זיין נייעם שותף האָלצמאַן, וואָס האָט זיך ארומגעדרעהט הינטער די קוליסען א צעטראָגענער און פערקוקט אַלע מינוט אין טהעאַטער אריין, געזוכט עמיצען מיט די אויגען.

— דעם נעכטיגען טאָג. — האָט איהם האָלצמאַן געענטפערט און נישט אויפגעהערט צו פערקוקען אין פּאַרטער אריין.

דאָס האָט ער געזוכט דעם דאָקטאָר יוליוס לעוויוס, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט קומען אין טהעאַטער צו דער לעצטער פאָרשטעלונג, און איז נישט געקומען. אונזער האָלצמאַנ'ען האָט די דאָזיגע מעשה אזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט

דעם גאנצען אויפדערנאכט ניט אויפגעהערט צו שעלטען מיט דער חלירע און מיט כף־הקלע און מיט אנדערע קללות אלע דאקטוירים מיט אלע דייטשען מיט אלע מעצענאטען פון דער גאנצער וועלט.

— וועמען בענשט איהר דאס אזוי געשמאק? — זענען חברה אקטיארען נייגיעריג געווען צו וויסען.

— דאס האב איך מיך דערמאנט אן מיינעם א פעטער, א שניידער, וואס איז כל־ימיו געווען א קבצן, האטש ער פלעגט נעמען יתור... ער איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט, דער זכות פון זיינע געלאטעטע מלבושים זאלען איהם ביישטעהן.

פאר חברה אקטיארען איז אבער דער תירוץ געווען נישט קיין תירוץ. האבען זיי אפגעטראגען צו זייער דירעקטאר אין די אויהרען אריין, אז דא איז עפיס נישט גלאטיג. אז דער "קואקער" פון בוקארעשט (האלצמאן) איז עפיס זעהר "פארחאלעפירעמט", צעטראגען הייסט עס. וואס קאן עס זיין?...

געצעל בן געצעל האט זיי אויסגעהערט מיט ארופגעלאזטע אויגען און זיך קוים איינגעהאלטען פון א שמייכעל טהון:

— פארחאלעפירעמט? — האט ער זיך געטראכט. — איהר זענט גרויסע בהמות. פארחאלעפירעמט וועט ער ערשט זיין מארגען, אז ער וועט דארפען אוועקפאהרען פון דאנען... אט וועט איהר מארגען עפיס זעהן א שענס...

* * *

אויף מארגען איז געווען א שענס. אזעלכס, וואס אין לעמבערג האט זיך נאך ניט געטראפען זינט לעמבערג איז א שטאדט, זינט עס עקזעסטירט דארט א יודיש טהעאטער און זינט געצעל בן געצעל איז דארט א דירעקטאר. מע האט איהם צענומען דאס גאנצע חדר, אומגליקליך געמאכט. מע האט ארויסגענארט ביי איהם, ערשטענס, די פרימאדאנא — אזא פרימאדאנא! — און אין איין גאנג האט מען צוגענומען אויך איהר ברודער, דעם וואגאבונד. מיט נאך איין אקטיאר, בעני גארגעל, א זעלטענער קופלער! און אפילו די מאדאם טשערניאק, בריינדעל קאזאק, איז אויך מיט זיי נעלם געווארען צו אל־די שווארצע יאהר.

— וואס טהוט מען איצט? — האט זיך נעבאך געצעל בן געצעל געקלאגט און געוויינט פאר'ן איבעריגען ביסעל אקטיארען. — האטש נעם שלים צו דאס טהעאטער, אדער לייג זיך אוועק און נעם איין א מיתה־משונה!

— נישט אנדערש! — האבען איהם געטרייסט די איבערגעבליבענע אקטיארען און האבען זיך דערוויל אוועקגעלאזט אין קאפפע מאנאפאל פאר גרויס הארצוועהטיג חאפען א קערטעל. און דער דירעקטאר פון לעמבערגער טהעאטער האט גענומען די פיס אויף די פלייצעס און האט זיך אוועקגעלאזט נאך די אנטלאפענע קיין וויען און קיין בוקארעשט, און פון דארט, אז מע וועט דארפען פאהרען ווייטער, וועט ער פאהרען. "זאל זיין נאמען ניט הייסען געצעל, אויב ער וועט זיי ניט פאקען! סיידען ס'איז ניטא קיין גאט אויף דער וועלט"...

סוף צווייטער טהייל

דריטער טהייל

קאפיטעל 18.

דיא ביאָגראַפיע פון דיא שוואַלבען

דאָס שותפות פון אונזערע בעריהמטע קאָמפּאניאָנען, האָלצמאַן עט שוואלב, איז למשל געשלאָסען געוואָרען אין דער שענער לוסטיגער שטאָדט וויען גאנץ יום־טוב׳דיג.

דאָס איז געוועזן אין איינער פון יענע וויענער קאפערעסטאָראנען, וואָס זענען אפילו ווייט פון דעם נאמען "ערשטקלאַסיגע", נאָר מע קאָן דאָרטען פון דעסטווענען אין א זייטיגען צימער, ביי א גלאָז פילזנער ביער מיט גוטע וואורשטלעך, זיך גאנץ פיין אונטערהאַלטען.

פערקלויבען האָבען זיך אהין אונזערע צוויי שותפים גאנץ אליין און האָבען אָפּגערעדט צווישען זיך אלע פּרטים, אויסגעארבייט אלע תנאים, א פונקט נאָך א פונקט :

1) האָלצמאַן און שוואלב עפענען א טהעאַטער אונטער׳ן נאָמען : "האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ".

2) די דירעקטאָרען פון׳ם טהעאטער זענען זיי ביידע : האָלצמאַן און שוואלב.

3) ביידע דירעקטאָרען לייגען אריין אין שותפות אריין : שוואלב — זיין שוועסטער הענריעטא, אלס פּרימאַדאָנא, און האָלצמאַן — דעם בעריהמטען ארטיסט, לעאָ ראַפאַלעסקאָ, אלס ערשטען ליעבהאבער.

4) אלע פערדיענסטען, וויפיעל ס׳וועט זיין אחר נכיון הוצאות, וועלען געטיילט צווישען ביידע דירעקטאָרען אויף דער העלפט, חצי שלי וחצי שלך.

5) שפּיעלען טהעאטער זענען די דירעקטאָרען ניט מחויב, נאָר די אקטיאָרען אליין. סיידען עס טרעפט, עמיצער פון די אקטיאָרען ווערד קראנק אזוי שטארק, אז ער קאָן שוין ניט ארויסטרעטען אויף דער ביהנע. דעמאָלט געהער דעם קראנקען אקטיאָר׳ס חלק פערדיענסט צו די דירעקטאָרען.

6) אלע אקטיאָרען ארבייטען ביי זיי אויף מארקעס. דאָס הייסט, וויפיעל עס בלייבט ריין פערדיענסט פון׳ם אָבענד, נעמט אראָפּ די דירעקציע זיך קודם די ערשטע העלפט, און די איבעריגע העלפט ווערד איינגעטיילט צווישען די ארטיסטען חלק כחלק, יעדען נאָך זיין ווערטה, חוץ ראפאלעסקא און די פּרימאדאָנא, וועלכע בעקומען יעדער צו צוויי חלקים.

7) א מכה דארף עמיצער פון די אקטיאָרען וויסען, וויפיעל די דירעקציע פערדיענט, אָדער וויפיעל, חלילה, זי דערלייגט.

8) דער קאסירער פון׳ם געשעפט דארף זיין . . .

דאָ איז ארויסגעקומען צווישען די דירעקטאָרס א שטיקעל מחלוקה. יעדער פון די צוויי האָט, נאטירליך, געוואָלט זיין נעהינטער צו דער שיסעל. דער דאָזיגער ססכוך איז אָבער גיך אויסגעגלייכט געוואָרען דורך א המצאה פון האָלצמאנ׳ען : אז ביי דער קאססע אין טהעאטער דארף זיצען שוואלב, ווייל ער איז א מענטש, וואס איז שווערליך אויף׳ן געזים ; דערפאר אבער אלע הוצאות. געלדער, חשבונות און רעכנונגען דארפען געהן דורך האָלצמאנ׳ס האנד.

און נאָך איינינע ניט זעהר וויכטיגע פונקטען זענען אויסגעארבייט געוואָרען.

און אלע פיינטשיק, מיט א שכל און מיט א גאנג. אויסארבייטען פונקטען מעג מען פרעגען ביי האָלצמאנ׳ען. ער האָט געהאט אויף זיך, נישקשה, א גוטען רבין, שטשופאק האָט ער געהייסען, ימח שמו זאָל ער ווערען!

אפגעפארטיגט זיך מיט אלע פונקטען, האָט האָלצמאן א קלונג געגעבען, געהייסען דערלאנגען א טינט און פעדער מיט א בויגען פאפיער אויף צעשרייבען זיך, מאכען א קאָנטראקט, און א זאָג געטהאָן צו זיין שותף גאנץ ברייטליך:

— נו? א דוננער זעצען זאָ, מען זיך און „געריבען" זאָל ווערען!

— איך? — האָט איהם שוואלב אָפגעענטפערט מיט תמימות און אפגעשטופט פון זיך דאס טינט און פעדער. — איך האָב, ווי איהר זעהט מיך א יודען, זינט איך לעב קיין פען נישט געהאלטען אין האנד אפילו.

— טאקי באמת? — האָט איהם האָלצמאן איבערגעפרעגט מיט כלומרשט זעהר א פערוואונדערט פנים. — ווי קאָן דאָס א מענטש ניט שרייבען עטליכע ווערטער חאָטש־בי אויף אונזער לשון, איך מיין, אויף פראָסט יודיש?

— פון וואנען? — האָט זיך שוואלב גאנץ ערנסט פערענטפערט פאר זיין נייעם שותף. און מחמת ער האט געהאלטען שוין ביי׳ם דריטען גלאָז ביער, האט זיך די צונג געפיהלט ביי איהם אויפגעבונדען, און ער האָט אנידערגעלייגט פאר האָלצמאנ׳ען פון זיך א גאנץ שענע ביאָגראפיע, וועלכע מיר געבען דאָ איבער אין גאנץ קורצע ווערטער:

„אליין איז ער געבוירען געוואָרען — ער ווייסט ניט וואו, און געוואכסען א יתום — ער ווייסט ניט פון וועמען. דאָס הייסט, אייגענטליך, זענען זיי געווען דריי יתומים: ער און זיינער אנ׳עלטערער ברודער, ניסעל הייסט ער, דער וואָס איז איצט אין לאָנדאָן. און א חוץ דעם, א קליין שוועסטערעל, יענטעל, אָט די פרימאדאָנא טאקי, וואָס מע רופט זי איצט הענריעטא. האָבען זיי זיך געוואלגערט, הייסט עס, אלע דריי, יעדער בעזונדער אויף אן אנדער מיסט, ביז גוטע מענטשען האָבען אויף זיי רחמנות געהאט און מע האָט זיי יאקאָש צעשטערכעט, דעם אהער, דעם אהין. איהם מיט זיין ברודער ניסעל האָט מען אָפגעגעבען צו א בעקער, זיי זאָלען ארומטראָגען אייערינגע בייגעל. איז זיי נישט געווען צום הארצען די מלאכה, האָבען זיי זיך בעסער גענומען צו ציגארען. ביי ציגארען פערדיענט מען מעהר. דאָס הייסט, פון ציגארען האָט מען אויך מכות מיט בכורות. א שטיקעל גליק חאָטש, וואָס ער, איזאק שוואלב, האָט פון תמיד אָן געהאט א טאלאנט צום שפיעלען. אז ס׳איז געקומען פורים, פלעגט ער מאכען געלד... הקיצור, זיי אינצווייען האָבען זיך ווי עס איז אויסגעשלאָגען זייערע הוצאות. דאָס הייסט, נאקעט און באָרוויס און הונגעריג אויך, נאָר דער וועלט האָבען זיי ארויסגעשטעלט א פייג. שלעכט איז נור געווען אָט דאָס נאָכוועהניש, דאָס שוועסטערעל. וואָס טהוט מען מיט א מיידעל? האָבען זיי זי אָפגעגעבען דיענען, בעשטעלט, הייסט עס, אויף אנ׳אָרט. פאר׳ן שטיקעל ברויט, אבי אראָפגעפטר׳ט א האָרב. האָבען זיי אָבער געהאט מיט איהר צרות און צרות. אלע דריי וואָכען האָט זי געביטען דיא ערטער. וואָרום זיא איז, צו זייער שלים־מזל, פון קינדוויז אויף געווען א געראָטען מיידעל. דאָס הייסט, ניט אזוי געראָטען אין שכל, וויא אין שענקייט. און דאָס רוב בעלי־בתים האָבען א טבע, ס׳זאָל אויף זיי קומען א מגפה, אז זיי דערזעהען א שעהן מיידעל, ווערען זיי דיא כפרה... וואָלט חאָטש זיין עלטערער ברודער ניסעל געווען אין דערהיים, וואָלט ער זיך מיט זיי אָרענטליך אָפגערעכענט. זיי וואָלטען שוין פערזאָגט קינדס־קינדער.

"וואָרום מיין ברודער ניסעל — זעהט איהר מיך ? בין איך א הונט א קעגען איהם !" — האָט זיך איהם אָבער פערגלוסט, זיין ברודער ניסעל הייסט עס, אוועקלאָזען זיך אין אלדי שווארצע יאָהר קיין לאָנדאָן, און דוקא צופוס, צוגעזאָגט שרייבען בריוולעך, אַלע וואָך א בריוועל. צום סוף — ווער ? וואָס ? אוועקפאָהרען און פערגעסען דעם זיי־געזונד. ערשט ווען האָט ער זיך דערמאָנט שרייבען ? העט־העט ! אז ער, איזאק שוואלב, איז שוין געוואָרען אן אקטיאָר פון שטארקע טראגישע ראָלען און זיין שוועסטערל— א פרימאדאָנא ביי אָט דעם יאָקעל בן פלעקעל. נו, פרעגט זיך: ווען האָט ער, שוואלב, צייט געהאט אויסלערנען זיך שרייבען ?..."

אויסגעהערט דיא דאָזיגע אינטערעסאנטע ביאָגראפיע פון זיין אָפּגעהערציגען שותף, האָט אונזער האָלצמאַן איהם געמוזט מודה זיין, אז ער איז פאָלקאָם גערעכט. ער אליין, האָלצמאן הייסט עס, קאָן אויך שרייבען אייגענטליך נור דעמאָלט, ווען קיינער זעהט ניט. נאָר אז מע וויל שמועסען דאָס אייגענע צוריק, צו וואָס דארף מען איינגאנצען דאָס שרייבען ? — ביי דיא ווערטער האָט האָלצמאַן צעריסען דעם ריינעם בויגען פּאַפּיער אויף דער האלב און האָט זיך אָנגערופען צו זיין שותף:

— אין דער ערד מיט'ן קאָפּ אלע פּאַפּיערען מיט אלע צעשרייבעכצען ! "ניט דער וועכסעל צאָהלט, דער מענטש צאָהלט". לאָמיר זיך געבען די האנד תקיעת־כף, אז אלעדינג, וואָס מיר האָבען דאָ אָפּגערעדט, זאָל זיין קדוש וטהור. און לאָמיר נעמען נאָך צו גלעזלעך ביער און לאָמיר זיך צעקושען אין די פּיסקעס: לחיים ! לאָז גאָט געבען, ס'זאָל זיין מיט מזל און מיט גליק !

— לחיים ! לחיים ! לאָז גאָט געבען, ס'זאָל זיין מיט הצלחה און מיט אלדאָס גוטס.

— אָמן.

— אָמן. אָמן.

קאפּיטעל 82

דער ערשטער וויזיט צום גרויסען זאָנענטהאַל

געקומען אהיים, א ביסעל אונטער'ן גלעזעל, האָבען אונזערע שותפים ניט אויסגעזאָגט קיינעם, אז זיי האָבען געשלאָגען צווישען זיך אזא איין ערנסט געשעפט. זיי האָבען זיך נור גענומען שטודירען די שטאָדט וויען און נאָכזוכען א לאָקאל אויף א יודיש טהעאטער. זיי האָבען זיך אָבער גיך ארומגעקוקט, אז זייער טרחה איז אומזיסט. וויען איז נישט קיין שטאָדט און דיא וויענער יודען זענען קיין יודען ניט. "יודען, — אזוי האָט געזאָגט האָלצמאַן, — וואָס קאָנען זיך בעגעהן אָהן א שום יודיש טהעאטער, יודען, וואָס אָדער זיי לויפען הערען זאָנענטהאל'ען, אָדער זיי בענוגענען זיך מיט א קאבארע, אָדער אזוי א שענקעל, וואו מע קלויבט זיך צענויף ביי א גלאָז ביער, מע רויכערט ציגארען און מע האָרכט זינגען: "חוה", אָדער "פרייטאָג אויף דער נאכט", און מע פּלעסקעט בראַוואָ און מע לעקט די פינגער — אזעלכע יודען מעגען געהאנגען ווערען אויף א בוים, אָדער געשאָסען ווערען פון א ביקס".

אזוי האָט זיך אויסגעטענה'ט האָלצמאן אויף זיין מענה־לשון און האָט אָפּגערעדט מיט זיין שותף שוואלב, מע זאָל א שפּיי טהון אויף דעם אויסגעפּוצטען וויען און בעסער אוועקלאָזען זיך צוריק אויף דער פּראָווינץ, איבער די קליינע שטעדטלאך אין'ם געבענשטען גאליציע, בוקאָווינע, רומעניע וכדומה אזעלכע מדינות, וואו יודען האָבען נאָך נישט גענאשט פון'ם עץ־הדעת, וואו דאָס פּובליקום לויפט זיך נאָך צענויף אָנקוקען יודישע אקטיאָרען, ווי מע

לויפט זיך צונויף, א שטייגער, קוקען אויף א בער, א עלעפאַנט אָדער אויף א מאַלפּע...

דאָס איינציגע, וואָס האָט אויפגעהאַלטען האָלצמאַנ'ען אין וויען, איז געווען זאָנענטהאַל. "אַנ'ארטיסט, וואָס פערמאָגט זיין אייגענס א מיליאָן, פערדיענט, אז מע זאָל צוליעב איהם פערברענגען אין וויען אַנ'איבעריגען טאָג". אזוי האט געזאגט האָלצמאַן, נישט מחמת ער ווערד אזוי נתפעל פון מיליאָנען. "חס וחלילה! וואָס הערט האָלצמאַן א מיליאָנער? ער האָט שוין געזעהן אויף זיין לעבען מיליאָנערען. ער האָט שוין מיט זיי גערעדט, געפאָהרען אין איין קארעטע און אויב איהר ווילט האָט ער מיט זיי געגעסען שוין ביי איין טיש אויך". (דאָס איז א וואונק אויף'ן דאָקטאָר "לעוויוס־לויתן" אין לעמבעריג). האָלצמאַן, פערשטעהט איהר מיך, געהט מיט דעם גאַנג, אז איין אקטיאָר, ווי זאָנענטהאַל, וואָס האָט געקאָנט זיך ארויפארבייטען אויף א מיליאָן, נישט צעטרענצלען, נישט פער'שכור'ען און נישט פערשפּיעלען אין קאָרטען, איז גלאַט ווערטה, מע זאָל איהם געהן זעהען".

און האָלצמאַן האָט אונטערגעפרישט די הלבשה, אויסגעגל'עט דעם צילינדער־הוט, געקויפט זיך א פּאָר שפּאָגעל־נייע לאקירטע שיך, נייע הענטשקעס מיט א האַלב־זיידענעם שירם, מיטגענומען מיט זיך דעם בריעף, וואָס דער דאָקטאָר לעוויוס האָט זיי געגעבען, און האָט זיך אָנגערופען צום "יאַט":

— נו, מיין טהייער שפּיעלבויגעל, מיט'ן רעכטען פוס...

דאָ האָט זיך אפילו שוואלב דער שותף ארויסגעחאפּט, אז ער וואלט אויך א בעלן געוועזן מיטגעהן צו זאָנענטהאַל'ען. "ווייבאלד אז מע שמועסט שותפות, איז דאָך ניט שייך". האָט איהם אָבער האָלצמאַן אָפּגעהאַקט די פליגעל:

"אזאָס! האנדעלשאפט איז קיין ברודערשאַפט. שותפות איז טאַקי שותפות, נאָר מע דאַרף וויסען, ווער צו וואָס עס פּאַסט"... שוואלב האָט ניט פערשטאַנען דאָס עקשנות: "וואָס איז? עס וועט דען קאָסטען טהייערער, אז זיי וועלען געהן זאַלבעדריט? צי ער וועט איהם אָפּבייסען א שטיקעל זאָנענטהאַל?" — האָט איהם האָלצמאַן געגעבען צו פערשטעהן מיט א שב: "אז יעדער מענטש דאַרף וויסען זיין שטאַט. לאָז אריין א דבר־אחר אין שטוב, קריכט ער אויף'ן טיש"... האָט דאָס שוואלב'ען שוין א ביסעל פערדראָסען און ער האָט איהם געגעבען אָנצוהערעניש, ער זאָל ניט פערגעסען, אז קודם איז די פּרימאַ־דאָנאַ הענריעטאַ שוואלב איהם א שוועסטער און ער, שוואלב, קעהר איהר אָן א ברודער... האָט זיך שוין האָלצמאַן, פון זיין זייט, אָנגעצונדען, האָט זיך פערהוסט און האָט גאָר אָנגעהויבען רעדן צו איהם לשון־קודש: לא מעוקצך ולא מדובשך — קריך מיר ניט אויף'ן בוידעם און דאָס מיר ניט אויף'ן לייטער"...

פון דעם ענטפער דאַרפען מיר פערשטעהן, אז אונזערע שותפים זענען זיך צונויפגעגאַנגען מיט זייערע כאראקטערען און געוואָרען אזוי אינטים, אז זיי זיינען גיך אריבער פון "איהר" אויף "דו". נאָר מיר קעהרען זיך אום צוריק צו אונזער ענין, דאָס הייסט, צום ערשטען וויזיט ביי'ם גרויסען זאָנענטהאַל.

נישט ראַפּאַלעסקאַ, נישט האָלצמאַן האָבען ניט געקאָנט פערשטעהען וואָס איז די מעשה, וואָס אזא גרויסער זאָנענטהאַל וואָהנט ניט אין קיין אייגענעם מויער, נאָר אין א האָטעל? "מילא, א נאַש בראַט, אז ער וואלגערט זיך אום אין אלע מיסטען, בעקענט זיך מיט אלע היהנער, קאַטשקעס, בעל־הבית'טעס און וואַנצען — זענען מיר דערויף בידנע יודישע

א ק ט י ע י א ו י ע ר ע ן. אָבער זאָנענטהאל ? אין וויען ? סטייטש, נאָך א מאָל ! "

דאָס זענען געווען האָלצמאַנ'ס טענות, פאָהרענדיג מיט ראפאלעסקאָ'ן אין א גאַנץ שענעם עקיפּאַזש צו זאָנענטהאל'ען. ווייבאלד אָבער זיי זענען צוגעפאָהרען צום גרויסארטיגען האָטעל, וואו זאָנענטהאל האָט געוואָהנט, און עס איז זיי ארויסגעטראָטען אקעגען עפּיס איינער א בן־אָדם אין א ליוורעע מיט גאָלדענע קנעפּ, אזוי האָט האָלצמאַן באלד געביטען זיין מיינונג און האָט א זאָג געגעבען צו זיין יונגען פריינד ראַפאלעסקא: "א רוח אין געלד'ס טאַטען אריין! " און צום בן־אָדם מיט די גאָלדענע קנעפּ האָט ער געגעבען צו וויסען, אז זיי ווילען זיך זעהען מיט זאָנענטהאל'ען. די גאָלדענע קנעפּ האָבען בעטראַכט אונזערע ביידע פּארשוינען פון אויבען ביז אראָפּ און געגעבען זיי צו וויסען אז מיט זאָנענטהאל'ען קאָן מען זיך ניט זעהען. "פאַר וואָס, למשל ? " — "ווייל זאָנענטהאל נעמט נישט אויף". — "וואָס הייסט, ער נעמט נישט אויף ? " — די דאָזיגע שאלה האָבען די גאָלדענע קנעפּ איבערגעלאָזט גאָר אָהן א שום תשובה און האָבען זיך געהאַט אויסגעדרעהט שוין אויף אוועקצוגעהן. האָט זיך האָלצמאַן אָנגערופען מיט שטאָלץ, אז זיי האָבען צו זאָנענטהאל'ען א בריעף פון זעהר א געהויבענע פּערזאָן, וואָס פערמאָגט אפשר ניט ווייניגער, ווי זיין בעל־הבית. לאָז ער נור ניט מיינען, אז זיי זענען עפּיס ווייס איך ווער, קודם זענען זיי אליין אויך ארטיסטען.

דאָ האָט האָלצמאַן זיך א נעם געטהאָן בײ'ם צילינדערהוט און האָט אויסגענומען א הענטשקע און באלד אָנגעטהאָן צוריק און האָט מכבד געווען דעם בן־אדם פון דיא גאָלדענע קנעפּ מיט א זעץ אין פּלייצע די גאָלדענע קנעפּ זענען פון אזא בענעמונג געוואָרען א ביסעל צעמישט. צוגענומען בײ זיי דעם בריעף, ארויפגעגאַנגען ארויף געלאָזט וואַרטען אונזערע וויזיטערס אויף די טרעפּ היבשע עטליכע מינוט און אראָפּגעקומען צוריק מיט א קלאָרע ידיעה, אז זאָנענטהאל ענטשולדיגט זיך זעהר. ער האלט איצט אין איינשטודירען א נייע ראָל. אויב זיי ווילען דורכאויס מיט איהם שפּרעכען, קאָנען זיי ארויפקומען היינט אין טהעאטער, הינטער די קוליסען, צווישען די אקטען...

מעהר האָט מען נישט געקאָנט ארויסציהען פון'ם דאָזיגען נפש קיין איינציג וואָרט, מחמת איידער זיי האָבען געעפענט א מויל אויף צו רעדען, האָט דער בן־אָדם פון די גאָלדענע קנעפּ בעוויזען אונזערע וויזיטערס, אז פון הינטען טראָגט ער די זעלבע גאָלדענע קנעפּ, וואָס פון פאָרענט.

— — — — —

— וואָס האָט זיך מיר גע'חלום'ט די נאכט און יענע נאכט און אלע נעכט פון א גאַנץ יאָהר, זאָל אויסגעהן צו זאָנענטהאל'ען מיט'ן דאָקטאָר לויתן און מיט אלע מעצענאטען פון דער גאַנצער וועלט. נאָר וואָס דענן, מיין טהייער שפּיעלפויגעל ? פּתח שין — שאַ!

אזוי האָט האָלצמאַן געזאָגט צו ראַפאלעסקאָ'ן, פאָהרענדיג צוריק אהיים, און ביידענס פּנים'ער האָבען געפלאַמט אזוי ווי פייער.

קאַפּיטעל 33.

נישט אַלע חלומות ווערען מקוים

געקומען צוריק פון'ם געהויבענעם וויזיט ווי אָפּגעשמיסענע, האָבען אונזערע וויזיטערס געקריגען א שענעם ברוך־הבא פון דער חברה ז. זמיאָרען, וואָס האָבען זיי בעגעגענט מיט א ברייטען שלום־עליכם:

— נו ?

— וואָס נו ?

— וואָס הערט זיך עפּיס בײ׳ם גרויסען זאַנענטהאַל ?

— וואָס זאָל זיך הערען ? — האָט האָלצמאַן אויסגעצויגען און געמאַכט א גלײכגילטיג־תמ׳עוואַטע פּנים. —מאָהלט אײך, ס׳איז שוין אײן מאָל א זאַנענטהאַל !

און האָלצמאַן האָט זיך אָנגענומען מיט הארץ און גענומען האקען א טשײניק, דערצעהלען חדושים פון זאַנענטהאַל׳ען, ווי אזוי ער זיצט דאָס גרויסארטיג, און וואָס פאר א גאָלדענער מענש דאָס איז, און ווי אזוי ער האָט זײ אויפגענומען און מכבד געווען מיט טײ, מיט ביער און מיט ציגארען, "יעדע ציגאר אָט אזוי די גרויס ! "

און האָלצמאַן האָט א ווײז געטהאָן מיט בײדע הענד, וואָס פאר א גרויסע ציגארען מע האָט זײ דאָרט געגעבען און האָט דערלאַנגט א פאָהר ארײן מיט אײן האנד גלײך צו שוואלב׳ען אין רויטען פּנים ארײן. שוואלב, וואָס איז, ווי בעוואוסט, א ספּעציאַליסט אויף ציגארען, האָט זיך נישט געקאָנט אײנהאלטען פון צו בעמערקען, אז אזעלכע גרויסע ציגארען, ווי האָלצמאַן זאָגט, איז סך־הכל גאָר נישטאָ אויף דער וועלט, ווארום ווער ווייסט נאָך אזוי אויף דעם ארטיקעל, ווי ער, וואָס האָט כל ימיו געהאנדעלט מיט דער דאָזיגער סחורה ?

— טאקי אנ׳עבירה, כ׳לעבען, — האָט איהם האָלצמאַן אָפּגעהאקט, — וואָס דו האָסט זיך גענומען ניט צו דײן מלאכה. הלואי וואָלסט דו שוין בעסער געבליבען בײ די ציגארען, וואָלט די יודישע ביהנע פערמאָגט ווינציגער מיט א דראָנג.

דער דאָזיגער ענטפער איז געווען א ביסעל צו־שארף פאר אזא גוין ארטיסט, ווי שוואלב, איז איהם דאָס רויטע פּנים געוואָרען נאָך רויטער און ער האָט אָנגעהויבען צו שוויצען. שוואלב איז אבער, ווי דער לעזער האָט שוין געמוזט א פּאָר מאָל בעמערקען, נישט אזא מענש, וואָס זאָל זיך געפינען שטארק בעלײדיגט און וואָס זאָל טראָגען לאנג א שנאה אין הארצען. דעריבער איז קײן חדוש ניט, וואָס מע איז באלד געוואָרען צוריק שלום, און ס׳איז געבליבען טאקי דאָ אויף׳ן אָרט, אז דעם זעלבען אויפדערנאכט זאָל מען נעמען א לאָזשע אין בורגטהעאטער און אלע אינאײנעם זאָל מען זיך דורכגעהן הערען זאַנענטהאַל׳ען. דאָס הײסט, עס רעדט זיך נור אזוי — אלע אינאײנעם. געהן וועלען זײ נור זאלבעפינפט : בײדע דירעקטאָרען און ראַפאַלעסקאָ און הענריעטא און ברײנדעלע קאָזאק.

— און די איבעריגע חבריא ?

— די איבעריגע חבריא — האָט האָלצמאַן אָפּגע׳פּסק׳ענט — איז נישט קלײן צו זיצען אין דערהײם און חלעפּטשען תהלים. און פאר נויט, אויב זײ ווילען זעהר, קאָנען זײ ארויפקלעטערען מחילה העט ארויף, אויף דער אויבערשטער גאלעריע, וועט, ערשטענס, קאָסטען א סך ווענליגער, און אגב וועט מען זײן נעהענטער צו גאָט.

מיט אײנעם וואָרט, אונזער האָלצמאַן האָט נישט ארויסבעוויזען קײן סימן פון אונצופריעדענהײט. אדרבה, ער איז יענעם פריהמאָרגען געווען לעבעדיגער און בערעדעווידיגער, ווי תמיד, געמאכט אלערלײ העוויות און אָנשטעלען, אונטערגעזונגען און אונטערגעטאנצט, גלײך ווי דעם מענשען האָט געטראָפען א גליק.

גאנץ אנדערש האָט זיך ארויסבעוויזען דער צווייטער וויזיטער, לעאָ ראַפאַלעסקאָ. מיר האָבען שוין אײנמאָל בעמערקט אויף אײן אָרט, אז אונזער יונגער העלד איז נור אויף דער ביהנע געווען א מײסטער צו שפּיעלען זײן ראָל אויסגעצײכענט. דערפאר אבער איז ער אין געוויינליכען לעבען געווען א שוואַ־

כער ארטיסט אויף וויפיעל זיין פריינד האָלצמאַן איז געווען לעבעדיג און פרייליך, אזוי פיעל איז ער געווען פערזאָרגט און אומעטיג און ארומגעגאנגען, ווי אָהן א קאָפּ. און וואָס איז דער חדוש, אז פון אלע זיינע זיסע געדאנקען האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך און פון אלע גאָלדענע חלומות — א נעכטיגער טאָג.

דער ערשטער חלום איז געווען — זיין בעגעגעניש אין וויען מיט דעם חזן'ס מיידעל רייזעל, אָדער ראָזא ספּיוואק, איבער וועלכעס ער איז ניט געשלאָפען קיין נעכט.. און דער ווייטער חלום איז געווען — דער אויפנעם, וואָס ער וועט האָבען ביי'ם גרויסען זאָנענטהאל. און פון די ביידע חלומות האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם.

אומזיסט האָט ער זיך אזוי געריכטען קיין וויען, צו דער בעריהמטער זינגערין מארטשעלי זעמבריך, ביי וועלכער עס האָט זיך אויפגעהאלטען זיין רייזעל, אָדער ראָזא ספּיוואק. נאָך אלע נאָכפרעגענישען און אויספאָרשונגען איז ער געוואָהרע געוואָרען נור איין זאך: אז נישט מארטשעלי זעמבריך און נישט ראָזא ספּיוואק זענען אין וויען נישטאָ. די מאדאם טשערניאק, וועלכע האָט איהם פריהער ערב געווען, אז ראָזא איז געווים אין וויען און צוגעזאָגט איהם אויסצוזוכען און צונויפפיהרען מיט ראָזא'ן גאָר אָהן א שום תירוץ, האָט זיך עפּיס אין וויען ווי אומגעביטען און אָנגעהויבען רעדען; מיט איהם איין אנדער לשון. אלע מאָל איז זי געקומען צוגעהן מיט איין אנדער נייעס: פריהער האָט מען איהר געזאָגט, אז ראָזא ספּיוואק האָט זיך צעגאנגען מיט מארטשעלי זעמבריך און איז מיט עפּיס איין ארטיסטען פלוצלונג אָפּגעפאהרען פון דאַנען קיין בערלין.. נאָכדעם האָט זי געבראַכט צוטראָגען א ידיעה, אז ראָזע איז אין פאריז אין קאָנסערוואטאָריום, שטודירט אויף דער רעכנונג פון איינעם א רייכען מאַן א מעצענאט, זשאַן רעשקאָ, א כריסט, וואָס האָט זיך פערליעבט אין דער יודישער זינגערין אָט אזוי ווייט.. שפּעטער איז זי געקומען צוגעהן מיט דער רויטער ראטאָנדע, האָט אָפּגערופען ראבאלעסקאָ'ן אויף א זייט און איינגערוימט איהם א סוד אויף'ן אויהער, אז זי ווייסט פאר קלאָר, אז ראָזא ספּיוואק איז איצט אין לאָנדאָן, גיט אָפּ קאָנצערט אינאיינעם מיט א בעריהמטען וויאָלינשפּיעלער, א יודיש יונגעל, מישא סטעלמאך, וואָס כע קלינגט מיט איהם די וועלט. און ס'איז א סברה, אז דער מישא זאָל גאָר זיין ראָזא'ס א חתן, אָדער ער זאָל שוין האָבען מיט איהר חתונה געהאט...

— שקר וכזב! — האָט זיך ניטווילענדיג ארויסגעכאפּט ביי ראבאלעסקאָ'ן.

— וואָס איז שקר וכזב? — האָט איהם די מאדאם טשערניאק איבערגעפרעגט און האָט א וואָרף געגעבען אויף איהם מיט איהרע קליינע יאפּאנישע אויגעלעך און אויף איהר קיילעכיג לבנה־פּנים האָט זיך בעוויזען א שמייכעלע און צעגאָסען זיך ביז'ן גרויסען מויל מיט די געזונדע ווייסע צייהן.

אך! ווען ראבאלעסקא זאָל זיך ניט שעמען, וואָלט ער אויפגעהויבען די האַנד אויף דער דאָזיגער מכשפה. אזוי מיאוס האָט זי איהם אין דער מינוט אויסגעזעהן מיט איהר פעט קיילעכיג פּנים, מיט איהרע קליינע יאפּאנישע אויגלעך און מיט איהר טאנצענדיגער פיגור אין דער רויטער ראטאָנדע, וועהרענד ערשט ניט לאַנג האָט זי געהאט אזוי פיעל חן אין זיינע אויגען!... ניין, ס'איז ניט די בריינדעלע קאָזאַק, וואָס געווען. לחלוטין ניט. זי האָט זיך איהם עפּיס מיט א מאָל אינגאנצען איבערגעביטען. אויף וויפיעל זי האָט פריהער געהאלטען פון ראָזא'ן און פלעגט זי לויבען אין טאָג אריין און דערצעהלען איהם חדושים

פון איהר אליין און פון איהר זינגען, אזוי פיעל זעהט זי איצט זי צו בערעדען און צו פערשווארצען מיט אלע טונקעלע פארבען. וואס איז דאס געווארען מיט דער ברײנדעלע קאזאק ?

פערשטעהט זיך, אז דא איז געווען א פאליטיק, א אינטריגע, פון וועלכער מיר וועלען גאר אין גיכען געוואהר ווערען. יעדענפאלס, איז דאס פאר אונזער יונגען העלד געווען א טויט־קלאפ. דאס איז געווען דער ערשטער קלאפ, און דער וויזיט צום בעריהמטען זשאנגלער איז געווען דער צווייטער קלאפ. א קלאפ נאך א קלאפ. און ראפאלעסקא האט ערשט ניט לאנג וועגען זיי ביידע געהאט אזוי פיעל געטרוימט, אזוי פיעל גע'חלום'ט! און ער האט זיך געטראכט :

"א פנים, אז ניט אלע חלומות ווערען מקוים ?"...

קאפיטעל 84

דער מענש איז פונ'ם זינען

דיא לאזשע, וואס אונזער קאמפאניע האט פערנומען אינ'ם וויענער בורג טהעאטער, איז בעשטאנען פון פינף בערשיעדענע פארשוינען, און יעדער פון דיא פינף האט רעאגירט אויף דער פארשטעלונג און אויף דעם אויפטריט פונ'ם גרויסען זשאנגלער אויף זיין שטייגער.

האלצמאנ'ם קאפ איז געלעגען אינגאנצען אינ'ם פובליקום און אין דיא דעקאראציעס. "אט דאס הייסט א טהעאטער !", ווען גאט העלפט איהם, כדומה למשל, אזא טהעאטערעל חאטש אין דריי יאהר ארום, וואלט ער שוין בעוויזען דער וועלט, ווער האלצמאן איז. עס וואלט שוין א רוח זיי אין טאטען אריין! ווארום, לאמיר זיך קארשט ניט נארען: פערשטאנד האט דאך האלצמאן ניט ווינציגער, ווי אט די דייטשען. געלד א ביסעל איז אויך פארהאן. און קרעפטען, ברוך־השם, פעהלט אויך ניט. איין זאך נור — וואו נעמט מען ביי אונז אזא פובליקום ?...

און האלצמאנ'ס אויגען פאלען פון דער לאזשע אראפ אין פארטער, אויפ'ן ים מיט גלאנצענדיגע קעפ פון'ם גלענצענדען עלעגאנטען פובליקום, וואס האט אנגעפילט דאס גלענצענדע טהעאטער. און סע רייסט זיך ארויס ביי איהם פון'ם מויל זיין געוויינליכע קללה — "א חלירע", מע ווייסט ניט אקוראט אויף עמען : צי אויף די דייטשען, וואס האבען אנגעפאקט אזא טהעאטער, צי אויף די יודען, וואס ווילען ניט געהן בעסער אין דעם יודישען טהעאטער, וואס ער, האלצמאן, האט ערהאט בדעה אויפצושטעלען דא, אין דער דאזיגער פערשאלטענער שטאדט ? — "פע !— האט האלצמאן געזאגט צו זיך אליין.— וויען — אויך מיר א שטאדט ! מע דארף אנטלויפען פון דאנען וואס גיכער ערגיץ אין א שטעדטעל, אין א יודיש שטעדטעל. א שטייגער, א מין האלענעשטי... די כפרה מעג זיין אט דאס גאנצע אויסגעפוצטע פובליקום מיט זייערע נאקעטע הוילע גלאטע קעפ פאר איין יודען פון האלענעשטי"...

כמעט דאס זעלבע האט געטראכט אויך די מאדאם טשערניאק, נאר אויף איין אנדער אופן. ברײנדעלע קאזאק האט אין דער קורצער צייט קענען געלערנט האלצמאנ'ען מיט זיין אידעאל, וועלכס איז געווען אויך איהר אידעאל. זיא האט נור ארויסגעקוקט אויף דער גליקליכער מינוט, ווען האלצמאן וועט זיך איהר ערקלעהרען, אז ער איז שוין גרייט מיט איהר צו געהן "האנד ביי האנד" אויף דער רעכטער אמת, דאס הייסט, טאקי שטעלען א חופה. דעמאלט — "א, דעמאלט וואלטען זיי ביידע אוועקגעשטעלט אזא טהעאטער, אזא טהעאטער !"...

און איהרע געדאנקען חאפען זי אונטער און טראגען זי אוועק אויף א וויי־

לע ווייט־זייטס פון דאנען. ערגיץ אין א יודיש שטעדטעל אין גאליציע, אָדער אין דער בוקאָווינע. דאָרט זעהט זי זיך שוין אלס "מאַדאם האָלצמאַן", די פרוי פון'ם דירעקטאָר האָלצמאַן. זיי זענען שוין מיט גאָטס הילף בעלי־בתים פון איין אייגענעם טהעאטער מיט אייגענע דעקאראציעס, מיט איין אייגענער טרופּע פון סאַמע בעריהמטע שפּילערס. צווישען זיי איז דער בחור, דער יונגער ראפאַלעסקאָ, מיט דער פּרימאַדאָנא הענריעטא, וואָס הייסט שוין ניט הענריעטא שוואלב, נאָר הענריעטא ראפּאלעסקאָ...

"יאָ, הענריעטא ראפּאלעסקא! דאָס וועט זי, מאַדאם טשערניאק, שוין זעהען, אז דער שידוך זאָל זיין א שידוך. און אז דער שידוך וועט זיין א שידוך, וועט האָלצמאַן אויפהערען קוקען אויף דער פּרימאַדאָנא, ווי א קאַץ אויף סמעטענע, און עס וועט זיך איהם אויפהערען גלוסטען פייגעלעך, א מכה איהם!"...

ברײנדעלע קאָזאק האָט מיט איהרע קליינע יאפּאַנישע אויגעלעך נאָכגעקוקט האָלצמאַנ'ען אויף יעדען טריט און שריט און האָט גוט געזעהן, ווי ער טאנצט ארום דער פּרימאַדאָנא שוואלב נישט ווי מע טאנצט ארום א פּרימאַדאָנא... "מען דארף זעהן אָט די נאררישע מויד מיט'ן שענעם פּנים פערשלייערן פאר אָט דעם ציקאווען בחור וואָס גיכער"... אזוי האָט זי זיך געזאגט און גענומען ארבייטען אויף אלע כלים. פריהער פאר אלעמען ארויסשלאָגען דעם ציקאווען בחור פון'ם קאָפּ אָט דאָס מיידעל ראָזא ספּיוואק, ער זאָל אָן איהר פערגעסען, און נאָכדעם שוין נעמען זיך צו דער פּרימאַדאָנא'ס ברודער, דעם וואגאבונד, איהם עפענען דעם מח, ער זאָל זעהען, אז זיין נאררישע שוועסטער מיט'ן שענעם פּנים זאָל חתונה האָבען פאר איהר גלייכען (וואָס קאָן זיין גלייכער, ווי אָט דאָס פּאָרעל?) און אויפהערען דרעהען א קאָפּ אזעלכע לייט, וואָס פּאסען זיך איהר, ווי א קרחת...

און ברײנדעלע קאָזאק ווארפט א בליק אויף'ן "וואגאבונד", וואָס קוקט אויף דער סצענע און די נשמה איז איהם גאָר ווייס איך וואו: "א רעכט גלעזעל ביער מיט א ווארשטעל וואָ'ט איצט געווען ווי געוואונשען", טראַכט זיך איציקעל שוואלב, און די געדאנקען טראָגען איהם אוועק אין בופעט אריין, צו די ווייסגעדעקטע טישלעך, צו די פלעשעלעך מיט די גלעזלעך, טעלער און גאָפּלען, מיט אלע גוטע זאכען... און א פּנים מאַכט ער בעת־מעשה, גלייך ווי ער איז שטארק פערטיעפט אינ'ם שפּיעלען און איז כלומרשט אזוי ענטציקט פון'ם גרויסען זאָנענטהאל'ען, אז דער רוח נעמט איהם אוועק!

אויך די שוועסטער זיינע, הענריעטא, קוקט אויף דער סצענע און איז פערנומען מיט זיך אליין. זי האָט זיך דאָס היינטיגען אָבענד אויסגעפּוצט, אז ס'איז טאַקי נור א מחיה צו קוקען. פערקעמט האָט זי זיך ביי א פּאריקער אבער נאָך דער לעצטער מאָדע, אָנגעטהאָן איהרע שענסטע קליידער און אָנגעהאָנגען אויף זיך איהרע אלע אמת'ע און פאלשע שטיינער, נישט אזוי צוליעב דעם גרויסען זאנענטהאל האָט זי זיך דאָס אזוי אויסגעפּוצט, וויא צוליעב דעם יונגען ראפּאלעסקאָ, וואָס איז דערוויל נאָך ניט אין גאַנצען איהרער; עס איז אבער דאָ א האָפנונג, אז.... אָ! פערלאָזט זיך שוין אויף איהר. הענריעטא ווייסט. הענריעטא איז שוין געניט אין די זאַכען. מען בעדאַרף אָט דעם בחור פריהער א ביסעל אָנמוטשען... לאָז עס איהם א ביסעל שווער פערלויפען... און ערשט נאָכדעם, אז ער וועט קומען צו איהר, ווי יענע אלע זענען צו איהר געקומען און געקייעט ביי איהר דיא ערד, — דעמאָלט וועט זי שוין וויסען, וואָס זי האָט צו טהון....

נאר וואס טהוט זיך עס מיט איהם אצינד ?... הענריעטא קוקט זיך איין אין ראפאלעסקא'ן — עס איז איהם לחלוטין נישט צו דערקענען. אריבערגעבויגען זיך העכער האלב פון דער לאזשע ארויס, איז ער אינגאנצען דארטען, אויף דער סצענע און איז אזוי אריינגעטהאן אינ'ם שפיעלען, אז ער הערט קיינעם ניט און זעהט קיינעם ניט. עס עקזיסטירט ניט פאר איהם איצט קיינם און קיינער, אחוץ זאנענטהאל, דער גרויסער זאנענטהאל. און ער ציטערט מיט'ן גאנצען לייב. און עס פלאמט איהם דאס פנים. און עס ברענען איהם די אויגען. און ער ברעכט די פינגער און עס רייסט זיך ארויס ביי איהם אלע מאל א טיעפער זיפץ פונ'ם הארצען. הענריעטא קוקט אויף איהם און קאן ניט פערשטעהן, וואס טהוט זיך עס מיט איהם ? ער זאל דאס אפילו אפרייסען דיא אויגען פון דער סצענע אויף איין מינוט. א מענש זיצט מיט איהר אין איין לאזשע — ווי רעדט מען נישט אויס אווארט ? ווי שענקט מען דאס ניט יענעם חאטש א האלבען קוק ? לאז זיך נור ענדיגען דער אקט, וועט זי איהם פירהאלטען, וועט זי איהם שוין זאגען. זי וועט איהם זאגען, אז... שא ! אט האט זיך געענדיגט דער ערשטער אקט, און ראפאלעסקא איז גאר אינגאנצען אראפ פונ'ם זינען. מיט טרערען אין די אויגען האט ער גענומען דריקען איטליכען בעזונדער די האנד, פון האלצמאנ'ען ביז בריינדעלע קאזאק, און אז ס'איז געקומען צום טראגיק שוואלב, האט ער איהם ארומגעחאפט קושען :

— אט וואס הייסט געשפיעלט ! אט ווי אזוי מע דארף שפיעלען !

הענריעטא שוואלב איז געשטאנען ביי א זייט און האט איהם בעטראכט און געזאגט צו זיך אליין :

— ניין. דער בחור איז גערירט... דער מענש איז פונ'ם זינען...

קאפיטעל 85.

דער זעלבער בעל החלומות

ווייבאלד עס האט זיך נור געענדיגט דער ערשטער אקט, אזוי האט האלצמאן גענומען אונטערהאנדלען מיט די קאר פעלדיענערעס פונ'ם בורגטהעאטער מכח ארייגטרעטען הינטער דיא קוליסען צו זאנענטהאל'ען. האט זיך אבער אויסגעלאזט, אז זאנענטהאל קאן אויפנעמען נור איינעם פון זיי, דעם יונגערען, ווע־גען וועלכען עס שרייבט צו איהם דער דאקטאר לעוויוס פון לעמבערג.

— א גוט מארגען געלי, רעטאך טראג איך ! וואס ס'האט זיך מיר גע'חלומ'ט יענע נאכט און היינטיגע נאכט...

אזוי איז ארויסגעטראטען מיט זיין שפראך האלצמאן און האט זיך אבער באלד געמוזט פערחאפען, ווארום ער האט דערזעהען פאר זיך די גאנצע חברה אקטיארען מיט דער פרימאדאנא שוואלב און מיט בריינדעלע קאזאק אין דער מיט. א גרוב וועז עס עפענט זיך, וואלט ער אריין א לעבעדיגער. עס איז איהם געווען א בזיון פאר דער חברה, וואס האבען גענומען איבערקוקען זיך אהן ווערטער. און איבערהויפט — פאר זיין שותף שוואלב, וואס האט געקוקט אויף איהם מיט חיטרע אויגען, ווי א איינער רעדט : "סטייטש ! ווי קומט דאס ? נאך אזעלכע ציגארען ?" . . . דערווייל אבער די נאכט שטעהט ניט, די מינוטען זענען קורץ, און דער קאר פעלדיענערווארט. האט האלצמאן א נעם געגעבען ראפאלעסקא'ן אויף א זייט און האט איהם איינגערוימט א סוד אויפ'ן אויהער, וואס ער איז געוואהר געווארען ערשט היינט, דא אין טהעאטער, א נייעס : "אט דער זאנענטהאל סך־הכל פערמאגט זיין איינענעם א זוהנדעל א תכשיט, וואס מעג האבען לאנגע צרות און קורצע יאהר ; א רעכטער

כל־בו'ניק! אַט דער קדיש האלט אין איין חתמ'ענען וועכסלען און דער טאטע האלט אין איין צאָהלען".

— לכן דארפסט דו זעהען, — האָט מיט איהם האָלצמאַן איינגע'טענה'ט מיט אַלע זיינע שפּיציגע איברים, — אַז ס'זאָל ניט זיין דאָס אייגענע וואָס מיט'ן לעמבערגער מעצענאַט, פארחאַפּט זאָל ער דיר ווערען! זאָלסט מיט איהם דבר'ען קלאָרע דבורים מכח אכצעהן און דרייצעהן... און זאָלסט ניט לאָזען זיך שפּייען אין דער קאַשע, וואָרום אַז עס'ען חזיר, זאָל חאָטש רינען איבער'ן באָרד. דו פערשטעהסט?...

נאָר דאָ האָט זיך געטראָפען מיט אונזער יונגען העלד אַ זאַך, וואָס האָלצמאַן האָט ניט געגלויבט ניט זיינע אויהרען, ניט זיינע אויגען. עס איז שווער צו זאָגען, וואָס דאָ איז געשעהן אַזעלכס: צי דערפאַר, וואָס האָלצמאַן האָט איהם אַזוי פיעל דעקוטשעט מיט זיינע אָנצוהערענישען וועגען "אכצעהן און דרייצעהן": צי דערפאַר, ווייל ער איז געווען אָנגעשטויסען נאָך פון אין דערפריה וואָס זאַנגענטהאַל האָט זיי ניט געוואָלט אויפנעמען ביי זיך אין דערהיים; צי אפשר ווייל ער איז גלאַט געווען אַ צעקאָכטער, — נאָר דעמאָלט, ווען ראַפאַלעסקאָ איז, דאַכט זיך, געווען שוין גאָר גרייט אויף צו געהן מיט'ן קאַפּעלדיענער ארויף, הינטער די קוליסען, האָט ער זיך פּלוצים געגעבען אַ דרעה אויס צו האָלצמאַנ'ען און אָנגערופען זיך צו איהם קורץ און שאַרף.

— ניין. איך געה ניט.

— הא? וואָס?

— איך געה ניט.

— וואָס הייסט — דו געהסט ניט?

— אַט דאָס הייסט.

האָלצמאַן האָט דורכגעריבען די אויגען און גענומען איינקוקען ביי דעם העלען שיין פון די עלקטרישע ליכט אין זיין יונגען פריינדס פּנים — וואָס איז דאָס מיט איהם געוואָרען? ווי איז דאָס מעגליך, אַז אַט דער "יאָט" זאָל איהם, האָלצמאַנ'ען, נישט וועלען פאָלגען? דאָס איז געווען דער ערשטער "ניין", וואָס ער האָט ווען פון איהם געהערט. אין'ם דאָזיגען "ניין" און איבערהויפּט אין'ם טאָן, מיט וועלכען דער "ניין" איז ארויסגעזאָגט געוואָרען, איז אָבער געווען אַזוי פיעל פעסטקייט און בעשלאָסענהייט, אַז האָלצמאַן האָט שוין מעהר ניט איבערגעפרעגט אפילו — פאַר וואָס "ניין"? ער האָט איהם נור נאָך אַ מאָל אַ קוק געגעב'ן אין די אויגען אריין כן הצד און איז נבהל ונשתומם געוואָרען. אין דער מינוט האָט האָלצמאַן בעדאַרפט פיהלען כמעט דאָס אייגענע, וואָס בלעם האָט אַ מאָל געפיהלט, בעת זיין אייזעל האָט אונטער איהם מיט אַ מאָל בעקומען לשון און אָנגעהויבען רעדען ווערטער ווי אַ מענש.

— ניין איז ניין. — האָט ער אַ זאָג געגעבען צו ראַפאַלעסקאָ'ן כלומרשט מיט אַ שמייכעל, וואָס האָט זיך נישט געקלעפּט מיט זיין איצטיג אויסזעהען.

מע קאָן זאָגען, אַז אין דער מינוט האָט זיך האָלצמאַן מיט אַ מאָל אַ רוק געגעבען, עלטער געוואָרען מיט עטליכע יאָהר. די שפּיציגע נאָז האָט זיך איהם מאָדנע אויסגעצויגען. די שפּיציגע פּלייצעס האָבען זיך איהם מאָדנע איינגעבויגען און עס האָט איהם אַזש אָנגעהויבען צו שטיקען אויף צו הוסטען. דערווייל האָט זיך געלאָזט הערען דאָס גלעקעל, אַז דיא מינוטען פונ'ם אנטראקט האָבען זיך געענדיגט, און דער עולם האָט אָנגעהויבען פערנעמען די ערטער אין טהעאַטער, און אויך אונזערע צוויי העלדען האָבען אָהן לשון אוועקגעלאָזט זיך צוריק אין דער לאָזשע.

געהענדיג פון טהעאַטער, האָבען אונזערע אַרטיכטען פון דער ניי־רעפאָרמירטער טרופּע "האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ." זיך צענויפגעקומען אינאיינעם,

די פינף וואָס פון דער לאָזשע, און אויך
די איבעריגע, וואָס זענען געזעסען אויף
דער גאַלערעע, געמאַרשירט איבער די
גאַסען פון דער שטאָדט וויען און גערעדט
אַלע אינאיינעם, און מיט הענד, ווי דער
שטייגער איז. מע האָט איבערגעגעבען
איינער דעם אַנדערען דעם איינדרוק,
וואָס דאָס וויענער טהעאַטער האָט אויף
זיי געמאַכט, ארויסגעזאָגט א מבינות,
געגעבען א קריטיק דערביי האָט איינער
דעם אַנדערען געזעהען אריבערצורעדען,
שטאַרק געמאַכט מיט די הענד, געלאַכט,
געליאַרעמט און געפּילדערט. גאַנץ אָפּט־
ליך האָבען זיך געלאָזט הערען אזעלכע
ווערטער, ווי : "דראָנג", "יאָלד",
"שייטהאָלץ", "אָכסענהאָרן", "שמינדער
בגץ", "פלאָקענשיסער", תהילים־ריי־
בער", "קאַרטאָפליפרעסער", וכדומה
אזעלכע שאַרפע מאָדנע ווערטער, וואָס
מע קאָן הערען צווישען יודישע אקטיאָ־
רען. אויף וועמען זענען די דאָזיגע שאַר־
פע צונעמענישען און שפּיציגע עפּיטעטען
געווען געציעלט — איז שווער צו זאָגען.
נאָר פריילאיך איז געווען. דער געשריי
האָט געגרייכט ווייט. די געלעכטערען—
נאָך ווייטער. עס האָט אויסגעזעהן, ווי
א נייער שטראָם פון נייע מענשען מיט
א נייעם לשון האָט זיך אריינגעריסען
אין'ם אַלטעגליכען וויענער לעבען, און
ניט איין דייטש, מיין איך, האָט זיך
אָפּגעשטעלט און פערוואונדערט איינגע־
קוקט זיך אין דעם דאָזיגען אונגעוועהנ־
ליכען בינטעל מענשען, וואָס האָבען מיט
זייער אונגעוועהנליכער אויפפיהרונג
אויפגערודערט ניט איין גאַס אין דער
דאָזיגער שטילער געמיטליכער גאַסט־
פריינדליכער שטאָדט.

נאָר צוויי פּאַרשוינען האָבען ניט גע־
נומען קיין אַנטהייל אין דעם דאָזיגען
האַרמידער. דאָס זענען געווען דער די־
רעקטאָר האָלצמאַן און דער פּרעמיער פון
דער טרופּפּע — ראַפאַלעסקאָ. ביידע
זענען זיי געווען פערנומען מיט זייערע
אייגענע מחשבות און געפיהלען. האָלצ־
מאַן, וואָס איז געגאַנגען האַנד ביי האַנד
מיט ברײַנדעלע קאָזאַק, האָט כלומרשט
איינגעהערט זיך אין איהר פּלאַפּלעריי,
און געטראַכט האָט ער בעת־מעשה וועגען
"יאַט", וואָס האָט איהם דעם ערש־
טען מאָל אויף זיין לעבען געזאָגט "ניין".
און דער "יאַט" איז געגאַנגען אונטער
די הענד מיט דער פּרימאַדאָנאַ שוואַלב.
זי האָט גערעדט איבער איהם און גע־
לאַכט, געפינקעלט מיט די אויגען און
געבלישטשעט מיט די ווייסע צייהן, און
ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער הערט, גע־
ענטפערט איין וואָרט איבער צעהן, נאָר
זיין נשמה איז איהם געווען ווייט פון
דאַנען. ער האָט זיך געזעהן אויף דער
ביהנע אין דער זעלבער ראָל, וואָס זאָ־
נענטהאַל, און ער האָט זיך דאָס וואָרט
געגעבען : "זאָל זיין נאָמען ניט הייסען
ראַפאַלעסקאָ, אויב ער וועט א מאָל ניט
שפּיעלען, אזוי ווי זאָנענטהאַל ! "

און אונזער יונגער בעל־החלומות
האָט שוין גענומען טרוימען פון א נייעם
גן־עדן, חלומ'ען נייע חלומות : ווי אזוי
ער, ראַפאַלעסקאָ, האָט זיך גענעם געגע־
בען שטודירען נייע ראָלען, די זעלבע
ראָלען, וואָס זאָנענטהאַל שפּיעלט. ווי
אזוי די וועלט ווערד פון איהם ענטציקט
און אַלע זאָגען אין איין קול, אז אָט
באַלד שטייגט ער אריבער זאָנענטהאַלען.
ווי אזוי ער ווערד איינגעלאַדען קיין
וויען, אין בורגטהעאַטער אויף גאַסטראָ־
לען. ווי אזוי זאָנענטהאַל, דער גרויסער
זאָנענטהאַל, זיצט אין פּאַרטער גלייך
מיט אַלע און הערט איהם שפּיעלען. ווי
אזוי זאָנענטהאַל ווערד נתפּעל, פליהט
ארויף אויף דער סצענע, חאַפּט איהם
ארום קושען און איז זיך מודה הויך אויף
א קול פאַר דער גאַנצער וועלט, אז איהם
האָט געשלאָגען, מנצח געווען אָט דער
יונגער ארטיסט — ראַפאַלעסקאָ...

א קרענק קאָן איבערגעהן, נאָר נישט
קיין איינרעדעניש. א קראַנקער קאָן גע־

הײלט װערען, נאר נישט קײן בעל־החלומות.

קאפיטעל 86.

בײדע האבען געלאכט

יענע נאכט איז געװען א שװערע נאכט פאר אונזער האלצמאנ׳ען. ער האט לאנג נישט געקאנט אנשלאפען װערען. דאס הארץ איז איהם געװען שװער, װי א שטײן. געדאנקען האבען זיך איהם גע־פלאגטערט, שװערע, אומעטיגע געדאנ־קען: "װאס איז דאס געװארען מיט דעם "יאט" ? — האט ער זיך געטראכט, געהוסט און געקאטשעט זיך פון אײן זײט אויף דער אנדערער. — שולדיג איז אין דעם די דאזיגע שטאדט, פאר־ברענט זאל זי װערען. פון זינט מע איז געקומען קײן װיען, איז דער "יאט" גע־װארען אן אנדער מענש. קאפריזנע גע־װארען װי א בן־יחיד. מע דארף אנטלױ־פען פון דאנען װאס גיכער"...

אזױ האט אפגע׳פסק׳עט האלצמאן, געװארפען אײן אומ׳חן אויף דער שטאדט װיען מיט איהרע מענשען. די שענע פרײליכע שטאדט האט איהם אויסגעװיזען טונקעל, חושכ׳דיג, אומע־טיג, און די מענשען — מיאוס, פאלש און שאלקהאפטיג. און אלעס, װאס ער האט זיך פארגעשטעלט אין דער דאזיגער נאכט, האט זיך איהם פארגעשטעלט פיעל ערגער, װי עס איז געװען, און פיעל ערגער, װי עס האט געקאנט זײן. אלע זײנע שענע בלענער זענען זיך מיט אמאל צעגאנגען װי א רויך. די מענשען, אויף װעלכע ער האט זיך פערלאזט, האבען איהם מיאוס געפיהרט אין באד ארײן און ארויסגעגעבען מיט הענד און מיט פיס. דאס ערגסטע, פאר װעלכען ער האט שטענדיג מורא געהאט, איז גע־שעהן: מע האט איהם בעלעגערט פון אלע זײטען. מע לאקערט אויף זײן נשמה. מע װיל צונעמען בײ איהם, אװעקרויבען זײן גאנץ פערמעגען. מע װיל ארויסרײסען בײ איהם פון אונטער׳ דער נאז זײן ראפאלעסקא׳ן.

"מע דארף אכטונג געבען אויף׳ן "יאט", — טראכט זיך האלצמאן, — מע דארף איהם היטען, װי דאס שװארצ־אפעל פון׳ם אויג... צופיעל שטיגוטע־רעם... װער װײסט, װער אויף װאס עס קען איהם ארויספיהרען ? װער װײסט, װאס פאר געדאנקען עס האט אט דער שװאלב ? און װאס פאר מחשבות עס טראגט בײ זיך אין הארצען די שװעס־טער זײנע ? און װאס פאר א שלאנג עס ליגט אין בוזעם בײ אט דער ברײנ־דעלע קאזאק?... אײן מענש אלײן צװי־שען אזױ פיעל װעלף !...

און האלצמאן זעצט זיך אויף אויף׳ן בעט, שפארט זיך אן אויף זײן שפיציגען עלענבויגען, הוסט זיך אויס און רופט זיך אן צו זײן יונגען פרײנד, װאס ליגט א בעט קעגען א בעט:

— ראפאלעסקעלע, דו שלאפסט ?

— נײן. װאס איז דענן ?

— ס׳איז מיר אײנגעפאלען א גע־דאנק.

— דהײנו ?

— דו הערסט, װי איך הוסט ?

— נו ?

— מײן איך, אז ס׳איז אן עק. מע דארף זיך גרײטען אין װעג ארײן. אפ־זאגען די עטליכע גילדען און אװעקגעהן אהין, װאו מײן טאטע עליו השלום...

ראפאלעסקא זעצט זיך אויך אויף אויף׳ן בעט, קוקט אויף האלצמאנ׳ען מיט גרויסע איבערגעשראקענע אויגען.

— ביזט משוגע ? צי חסר־דעה ? צי דו רעדסט פון היטץ ?

האלצמאן איז צופריעדען, װאס רא־פאלעסקא האט זיך אזױ דערשראקען, צעלאכט ער זיך, הויבט אן הוסטען און שעלטען:

— נארעלע װאס דו ביזט ! אזױ פיעל יאהר קרענקט שטשופאקס קאפ, װיפיעל איך װעל נאך, אם־ירצה־שם, לעבען. איך

שמועס דאָס גלאַט אַקעגען דרינען. איך רעכען אַרויסשרייבען די מאַמע מיינע פון׳ם וויסטען לאַנד מיט מיין שוועסטערל, טאָמער וועל איך ווינציגער הוסטען...

און האָלצמאַן פערהוסט זיך אויף לאַנג, אָטהעמט אָפּ, דרעהט זיך אוים מיט׳ן פּנים צו דער וואַנד און ווערד אנשלאָפען. און עס חלום׳ט זיך איהם, אז ער איז ניט אין וויען, נאָר אין לעמבעריג. ער שפּאַציערט ארום אויף קאַרל־לודוויגשטראַסע און דערזעהט פון דער ווייטען דעם דירעקטאָר פון לעמבערגער טהעאַטער, געצעל בן געצעל, געהן מיט׳ן "יאַט" האַנד ביי האַנד, גלייך פערביי איהם, און זיי זאָלען דאָס איהם אפילו מזכה זיין מיט א קוק. טהוט דאָס איהם א בראָט און א ברען און א טראָג אויף פון׳ם אָרט, און ער טהוט א רוף דעם "יאַט", פריהער שטיל: "ראַפּאַלעסקא!" ווער־וואָס? ער הערט נישט! נאָך א מאָל: "ראַפּאַ־לעסקא!"... וואָס ווייטער, אַלץ העכער און העכער: "ראַ־פּאַ־לעס־קאָ!... ראַ־פּאַ־לעס־קאָ!!". יענער וויל זיך אפילו ניט ארומקוקען, גלייך וויא ער קען איהם גאָר נישט!... מעהר איז שוין האָלצמאַן נישט איימשטאַנד אויסצוהאַלטען. פון אַזאַ האַרצוועהטיג קאָן פּלאַצען די גאַל ביי׳ם בעסטען מענשען. "ע! וואָס ס׳וועט זיין, וועט זיין. ער וועט צוגעהן צו אָט דעם ממזר, צו אָט דעם יאָקעל בן פּלעקעל, וועט איהם א נעם טהון ראַפּטום פון הינטען פאַר זיין חזיר׳שען קאַרק מיט איין האַנד, און מיט דער אַנדערער האַנד וועט ער איהם דערלאַנגען א חמאַלי איבער די פּיסקעס איינס־צוויי־דריי, אָט אזוי — טראַך־טאַרעראַך!"

א האַלב־טוידטער שפּרינגט ראַפּאַלעסקאָ אראָפּ פון זיין געלעגער און לויפט צו צו האָלצמאַנ׳ס בעט און דערזעהט פאַר זיך אזא מין בילד: דאָס נאַכטטישעל, וואָס ביי האָלצמאַנ׳ען צוקאָפּענס, ליגט אויף דער ערד מיט די פיס ארויף, אינאיינעם מיט א צעבראָכענעם קאַראַפין וואַסער, א צעפּיצעלט גלאָז, איין איבערגעקעהרטען איין אויסגעבויגענעם לייכטער, און דער זייגער— האָלצמאַנ׳ס גאָלדענער זייגער, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג געקויפט זיך אָט דאָ אין וויען — ליגט אויך צווישען די הרוגים א סקאַליטשעטער.

— וואָס איז געשעהען? — האָט ראַפּאַלעסקא א פרעג געטהאָן ביי האָלצמאַנ׳ען.

א צעטומעלטער קוקט האָלצמאַן מיט בלאָנזענדע אויגען אויף ראַפּאַלעסקא׳ן וואָס קוים ער קאָן זיך איינהאַלטען פאַר געלעכטער, און אויפ׳ן חורבן, וואָס ער האָט דאָ אָנגעמאַכט.

צופריעדען, וואָס דער חלום איז ניט מעהר ווי א חלום, האָט ער זיך אָנגערופען צו זיין יונגען פריינד פריילידך, ווי זיין שטייגער איז:

— א פּנים, אז גזלנים האָבען זיך מיר גע׳חלומ׳ט, צי וועלכע שוואַרצע יאָהר? זעה נור, וויפיעל שאָדען! א חלירע זאָל אויף מיר קומען היינטיגע נאַכט!

און ביידע האָבען זיי זיך געהאַפּט ביי די זייטען און האָבען אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער. לאַנג־לאַנג האָבען זיי געלאַכט, ביז מע האָט זיי אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנד פון צווייטען חדר, זיי זאָלען אויפהערען לאַכען.

ביידע האָבען געלאַכט. נאָר נישט ביידענס געלעכטער איז געוועזען גלייך. איינער האָט געלאַכט געשמאַק, פון׳ם גאַנצען האַרצען. און דער אַנדערער האָט געלאַכט מעהר ניט פון יוצא וועגען. געטראַכט זיך בעת־מעשה: "ניין, ס׳איז ניט דער "יאַט" וואָס געוועזען.... אפילו דאָס לאַכען וואָס ער לאַכט איז אויך נישט דאָס, וואָס געוועזען... מע דאַרף אַכטונג געבען אויף איהם... מע דאַרף אויסשרייבען די מאַמע מיט׳ן

שוועסטערל... מע דאַרף אַנטלויפן פון וויען, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַכסט"...

קאַפּיטעל 87

א „מענש מיט בילדונג"

דער איינציגער געבילדעטער אַרטיסט פון דער טרופּע "האָלצמאַן, שוואַלבּ עט קאָמפּ." איז געווען דער סופלער, בעני גאָרגעל, דער, וואָס האָלצמאַן האָט איהם אַריבערגענאַרט צו זיך פון'ם לעמבערגער טהעאַטער. דער דירעקטאָר געצעל בן געצעל האָט זיך ניט איין מאָל בעריהמט, אַז קיינער פערמאָגט ניט אַזאַ סופלער, ווי ער. וואָרום זיין סופלער איז, פערשטעהט איהר מיך, "אַ מענש מיט בילדונג". און טאַקי מהאי טעמא, ווייל ער איז "אַ מענש מיט בילדונג", האָט דאָס איהם אונזער האָלצמאַן איינ־איינעם מיט דער פּרימאַדאָנאַ "אַריבער,געזמאַליעט" צו זיך. האָלצמאַן האָט זיך ווי פערענטפערט פאַר זיך אַליין: "איך ווייס אַליין ניט, אויף וועלכע שוואַרצע יאָהר בעדאַרף איך האָבען אַזאַ מין נפש, וואָס אויף'ן קוק איז ער מעהר ניט ווערטה, ווי אַ העלער. נאָר גאָרניט, האָפּט איהם דער וואַטענמאַכער, "אַ מענש מיט בילדונג" וועט זיין שטיקעל ברויט תמיד פערדיענען"...

האָלצמאַן איז געווען גערעכט. אויף'ן קוק וואָלט איהר פאַר אָט דעם נפש קיין העלער אויך ניט געגעבען: אַ שוואַרצער בחור, אַ דאַרער, איין אויסגעטריקענטער, מיט אַ "נאָז פון נאָזענלאַנד", מיט אַ דינעם האַלז און מיט אַ גרויסען קנאָפּ אין גאָרגעל, וואָס אַז ער רעדט, געהט דער קנאָפּ אַראָפּ און אַרויף, גלייך וויא ער שלינגט. אָפּגעריסען־אָפּגעשליסען, מיט איין צופּגעבאַרעט קאַפּעלישעל, און האָר אויף'ן קאָפּ — אַ וואָגען מיט היי. וואָלט ער די האָר געשמירט מיט עפּיס, אָדער חאָטש אַזוי פערקעמט יעדען טאָג, וואָלט נאָך געווען צו דערליידען. איז אָבער אונזער סופלער ניט אַזאַ מענש, וואָס זאָל זיך אָפּגעבען מיט אַזעלכע נאַרישקייטען. "אַ מענש מיט בילדונג" האָט עפּיס אַנדערש וואָס צו טהאָן. ווי־באַלד אַזוי, בעדאַרף מען איהם שוין מוחל זיין, וואָס ער טראָגט אַ קויטיגען קאָלנער מיט אַ מאָדנעם שניפּס, וואָס איז שווער צו טרעפען, ווי אַזוי האָט ער אויסגעזעהן בעת ער איז בעשאַפען געוואָרען אויף דער וועלט. דאָס אַלס־דינג, אַז איהר וועט נעמען אינאיינעם, וועט איהר זיך לייכט פאָרשטעלען דאָס פערזעהניש, וואָס האָלצמאַן האָט אויף איהם באַלד געזאָגט, — פערשטעהט זיך, אונטער די אויגען, — אַז ס'איז מיאוס פאַר אָט דעם שלים־מזל אַ שטי־קעל ברויט אויפצועסען. און ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז "אַ מענש מיט בילדונג", האָט איהם האָלצמאַן געקרוינט אַלע מאָל מיט אַ נייעם נאָמען: פריהער — "שלים־מזל", נאָכדעם — "באַשע־פניש", נאָכדעם — גאָר "קוני־לעמעל"...

דאָס איז אַ כלל, אַז וואָס מעהר דער מענש איז געבילדעט, מעהר פראָסט איז ער ביי זיך. דערפאַר, אפּנים, האָט זיך אונזער סופלער ניט געפונען בעליידיגט און האָט געלאָזט זיך שאַפען פון יעדען בעזונדער און געטהאָן האָלצמאַנ'ען כל עבודת פרך. האָלצמאַן איז געגאַנגען, פערשטעהט איהר מיך, מיט דעם גאַנג, אַז אַ מענש, ער מעג זיין געבילדעט ווי מייזענדער רוחות, נאָר קוים איז ער ביי יענעם און עסט ברויט, דאַרף ער דאָס שטיקעל ברויט פערדיענען. "למאי ער אַליין, האָלצמאַן טאַקי, איז דען ניט אַ טאַטענס אַ קינד? פון דעסטוועגען האָט איהם געמעגט אָנשטעהן אמאָל, ניט היינט געדאַכט, אַרבייטען פאַר דריי, האָרעווען ווי אַ רוח, עסען מכות און פו־צען די שטיוועל ביי שטשופּאַק'ען, ימח שמו וזכרו זאָל ער דאָרט ווערען, וואו ער איז ערגיץ!"...

אַזוי האָט זיך פערענטפערט האָלצמאַן

ביי זיך אין הארצען, און אונזער אָרעמער סופלער, דער "מענש מיט בילדונג", האָט געטראָגען דעם יאָך פון גלות שטילערהייד, קיין מאָל נישט בעקלאָגט זיך, פאר קיינעם קיין צונג ניט איבערגעקערט, גלייך ווי עס דארף אזוי צו זיין.

יעדער מענש האָט זיך אבער זיין צייט, זיין מזל, זיין שטערן אין הימעל. עס איז געקומען א צייט אויך אויף אונזער "מענשען מיט בילדונג", אז זיין שטערן זאָל פלוצים איהם אָנהויבען שיינען און ער זאָל מיט א מאָל דערהויבען ווערען ביי אלעמען אין די אויגען, און אפילו ביי זיין פרינציפאל האָלצמאן.

דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען די טרופע "האָלצמאן, שוואלב עט קאָמפ." האָט פערלאָזט דאָס "וויסטע וויען" און האָט זיך אוועקגעצויגען איבער דער וועלט "שפילען טהעאטער" אויף'ן אלטען שניט: אָפערעטען, מעלאָדראַמען, סקארבאָווע אויסגעדראָשענע שטיק, — "אזוי ווי גאָט האָט געבאָטען".

ויהי היום, איין מאָל אויף א רעפעטיציע, ס'איז געקומען צו ראפאלעסקאָ'ן, ער זאָל אויפטרעטען, — והילד איננו, נישטאָ דער ערשטער ליעבהאָבער. וואו איז דער בחור? מע זוכט איהם א שעה, מע זוכט איהם צוויי. נישטאָ ניט ראַפאלעסקאָ, ניט דער סופלער, דער "מענש מיט בילדונג".

ווי אזוי האָלצמאן האָט דעמאָלט נישט בעקומען קיין אפאָפּלעקציע — איז טאקי א נס מן השמים. דער "כח הדם" איז איהם איבערגעגאנגען און ער האָט שוין גענומען איבערטראכטען אלערליי מעגליכקייטען, איינע שרעקליכער פון דער אנדערער. נאָך דעם "ניין", וואָס ער האָט געהערט פון'ם "יאט" דעמאָלט אין'ם וויענער בורגטהעאטער, קאָן אלסדינג מעגליך זיין... אזוי האָט זיך געטראכט האָלצמאן, און עס האָט איהם א חאפ געגעבען דער קראם, אָנגעהויבען ווארפען העכער הייזער. די מאדאם טשערניאק האָט זיך דערשראָקען פאר זיין שפיציגע נאָז, וואָס האָט זיך עפּיס מאָדנע אויסגעצויגען איבער'ן איינגעפאלענעם פנים, ניט דאָ געדאכט, ווי ביי א ברמנן, און פאר זיינע שפיציגע אויגען, וואָס זענען מיט א מאָל אויסגעלאָשען געוואָרען. האָט זי גענומען פארקוועען ארום איהם, אויסרעדען דאָס הארץ, בעטען ער זאָל זיך צולעגען אויף א ווילעטשקע, וועט זי איהם מאכען א קאָמפרעס פון עסיג מיט וואסער. האָט זיא געהאט פון איהם א קאָמפרעס, אז זי וועט פערזאָרגען קינדס־קינדער. וואָס ס'איז איהם געקומען אויפ'ן מויל — דאָס האָט ער איהר געזאָגט. ער האָט זי נור געפרעגט, ווער בעט זי, זי זאָל שטופּען די צונג אהינצו, וואו מע דארף ניט? און ער האָט זי אָנגערופען: "ברייינדעלע קאָזאק", "ליכטיגער פנים", "האלבע לבנה", "מאזעפא" און נאָך אזעלכע שענע נעמען, צו וועלכע די מאדאם טשערניאק איז שוין געוואָהנט געוואָרען פון איהם צו הערען און שווייגען. ווארום וואָס האָט זי געקאָנט טהון מעהר ווי אלע אנדערע אָרעמע פרויען, וואָס זענען נעבאך פערליעבט זהן א נשמה? מע פערקליבט זיך אין א ווינקעלע און מע וויינט זיך אויס שטילערהייד און מען ווישט אויס די אויגען — און לאָז זיין שטיל... דערווייל איז מען געקומען צו לויפען מיט א בשורה: "מזל טוב, דער שאָדען האָט זיך אָפּגעזוכט! ביידע שאָדענס!" "וואו? וואו זענען זיי?" "אויף דער אבכניא האָבען זיי זיך ביידע, ראַפאלעסקאָ מיט'ן שלים־מזל דעם סופלער, פערקליבען אין א חדר און מע לייענט א ביכעל".

האָלצמאן האָט געחאפט דעם צילינדער מיט'ן שטעקעל און איז קוים א לעבעדיגער געקומען צו לויפען בלאס, פער־

סאָפּעט. "וואָס איז די מעשה?" "גע־
פונען, געפונען אנ'אוצר!"...

און ראַפּאַלעסקאָ חאַפּט ארום האָלצ־
מאַנ'ען, האַלזט איהם און קושט איהם:
"אנ'אוצר! אנ'אוצר!" האָלצמאַן קוקט
איהם אָן ווי א משוגענעם: "וואָסער
אוצר? וואָסערע לאָקשען? "א ו ר י א ל
א ק אָ ס ט א, דאָס זעלבע שטיק, וואָס
זיי האָבען געזעהען שפּיעלען דעם גרוי־
סען זאָנעטהאַל'ען אין וויען, געפינט
זיך ביי'ם סופלער איבערזעצט וואָרט
אין וואָרט אין אונזער לשון, אין יודיש!
אנ'עק. מעהר שפּיעלט שוין ניט ראַפּאַ־
לעסקאָ קיין אנדער ראָל, אחוץ "אוריאַל
אקאָסטאַ". אנ'עק. אויס אָפּערטען. אויס
מעלאָדראַמען. אויס פּורים־שפּיעל.
אויס, אויס!"...

אזוי ווי האָלצמאַן איז געשטאַנען
מיט'ן צילינדער און מיט'ן שטעקעל,
אזוי האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אויף א
צעבראָכען בענקעל און עס האָט איהם
בעשלאָגען א קאַלטער שוויס. "וואָס
איז דאָס פאר ווערטער? וואָס פאר א
שפּראַך? וואָס פאר א לשון ביי דעם
"יאַט" געוואָרען? און וואָס הייסט —
ער וועט ניט שפּיעלען מעהר קיין אָפּע־
רעטען? און וואו איז ער, האָלצמאַן,
דער דירעקטאָר? ער האָט שוין גאָר
קיין דעה ניט? און וואָס וועט זיין מיט
די דעקאָראַציעס? מלבושים? ראָלען?
פּיעסען? נאָטען? אַפישען? וואָס טהוט
זיך דאָ? עק וועלט???...

און האָלצמאַן איז גרייט געווען דע־
מאָלט צערייסען דעם סופלער אויף
צווייען. נא דיר אזא מין אָנשיקעניש
אויף זיין קאָפּ — "א מענש מיט ביל־
דונג"!

קאַפּיטעל 88.

וועלכע קאַץ עסט די פּוטער?

פון דעמאָלט אָן איז אוועקגעגאַנגען
א סדרה: "אוריאַל אקאָסטאַ".
אומעדום, אין וואָס פאר א שטאָדט
די טרופּפּע "האָלצמאַן, שוואַלב עט
קאָמפּ." איז געקומען, האָט מען נאָך
די ערשטע צוויי־דריי פאָרשטעלונגען
געגעבען "אוריאַל אקאָסטאַ". און האָט
מען די פּיעסע אויפגעפיהרט איין מאָל,
האָט מען געמוזט זי אויפפיהרען נאָך
א מאָל און נאָך א מאָל. אין אנדערע
ערטער האָט מען געפּאָדערט לכתחילה
קיין שום אָפּערעטא, נאָר דיא דאָזיגע
פּיעסע. למשל, אין פּאריז, וואו די קאָמ־
פּאַניע האָט אָפּגעשפּיעלט צוועלף ספּעק־
טאַקלען, האָט מען קיין אנדער פּיעסע
ניט אויפגעפיהרט, אויסער "אוריאַל
אקאָסטאַ". און ס'איז געווען, ווי האָלצ־
מאַן זאָגט, חושך ואפלה! מען האָט
צעטראָגען דאָס טהעאַטער. כריסטען
זענען געקומען זעהען דעם יודישען
שטערן, ראַפּאַלעסקאָ, און נישט געקאָנט
זיך זאַט אָפּלויבען. אויף די בלעטער —
אזוי האָט מען איבערגעגבען האָלצ־
מאַנ'ען — האָט מען פערגלייכט ראַ־
פּאַלעסקאָ'ן צו אלע גרעסטע שפּיעלערס
און נביאות געזאָגט, אז ער וועט אריי־
בערשטייגען דעם גרויסען זאָנענטהאַל
מיט אלע בעריהמטע גלענצענדע שטע־
רען אין דער וועלט.

אודאי האָט אונזער האָלצמאַן געקוואָ־
לען, געוואָרען גרעבער ווי לענגער און
געקליבען נחת, וואָס אזא שמאַטע
שבשמאַטע, גאָט זאָל ניט שטראָפען
פאר דיא רעד, ווי אָט דאָס "אוריאַל
אקאָסטאַ", ברענגט איין כמעט אזוי
פיעל געלד אין דער קאַססע, ווי די
שענסטע אָפּערעטא, חאָטש ס'איז ניטאָ
אין דעם ניט קיין טענץ, ניט קיין גע־
זאַנג, ניט קיין פריילעכע קופּלעטען. "א
מאָדנע וועלט געוואָרען, א פאַרקעהרטע,
צו אַל־די שוואַרצע יאָהר. צאינה־
וראינה־מוסר איז ביי זיי בעסער פון
קופּלעטען. א האַלבער משוגענער אויף
דער ביהנע איז ביי זיי ליעבער פון דער
שענסטער פּרימאַדאָנא. היינט גאָ!
נאָר אויך די אייגענע מעשה. לאָז זיין

פון א קאָזאַק, אַבי צום לעבען. א געזונד זאָל קומען אויף דעם שלים־מזל דעם סופלער, וואָס האָט אויסגעקראַצט דאָס דאָזיגע ביכעל. אז מע שמועסט "א מענש מיט בילדונג", חא־חא, איז דאָך ניט שייך! מע דאַרף איהם שענקען אנ׳אַלטען אנצוג, זעהען דער קוני־לעמעל זאָל אָנטהאָן א ווייסען קאָלנער מיט א נייעם שניפּס, און טאקי אין איינוועגס איהם אונטערשערען א ביסעל די האָר אויף — ער זעהט שוין אוים, ווי א קליינשטעדטעלדיגער דיאַק, צו אל־די רוחות!"...

אזוי האָט זיך האָלצמאַן געזאָגט און האָט דעם סופלער געהעכערט זיין געהאַלט, אָפּגעגעבען איהם זיין פערדיענטען כבוד און אויפגעהערט רופען איהם "שלים־מזל", "באַשעפעני..", "קוני־לעמעל" און נאָך אזעלכע נעמען. "אז גאָט וויל, שיסט א בעזעם" — האָט האָלצמאַן געזאגט און האט זיך געדרעהט די שפּיציגע וואָנסים ארויף טשאַקענדיג, מעשה ווילהעלם דער צווייטער, אָדער ארומגעגאנגען די הענד אין די קעשענים, ארויסגעשטעלט די גאָלדענע דאָפּעלקייט אויף דער ווייסער וועסטע און געדאנקט גאָט, וואס "ער ברוך־הוא האָט איהם אויסגעפיהרט אָהן מעצענאַטען און אָהן בעריהמטע ארטיכטען, לאָזען זיי אייך געהן כפּ־הקלע דאָרטען אלע אינאיינעם מיט שטשופּאקען, ימח שמו וזכרו"...

איין זאַך נור האָט געפעהלט אונזער האָלצמאַנ׳ען: א בעל־הבית׳טע. דאָס הייסט, אז מע וויל, האָט ער געהאט א בעל־הבית׳טע אויך. און נאָך איין אומזיסטע דערצו. דאָס איז די מאדאם טשערניאַק.

זיא האָט איהם געפיהרט די גאַנצע בעל־הבתישקייט, אָפּגעהיט יעדען גראָשען, אכטונג געגעבען אין שטוב, געווען איהם געטריה וויא א הונד. פערריכט איהם די וועש, פערמערעזשעט איהם די קאָפּצים. א מאָל געקאָכט איהם "טראָיאנקע" און א מאָל געמאַכט איהם "גאָגעל־מאָגעלס" — ער זאָל אזוי ניט הוסטען. עס האָט שוין געהאַלטען אזוי ווייט, אז חברה אקטיאָרען האָבען אונטער די אויגען זי אויפגעהערט צו רופען "מאַדאם טשערניאַק" און "ברייענדעלע קאָזאַק", נאָר — "מאַדאם האָצמאַך". א גליק, וואָס האָלצמאַן האָט דערפון ניט געוואוסט. אניט, וואָלט ער געהאַט צווייענדיגע עגמת־נפש: ערשטענס, וואס מע געדענקט נאָך זיין אמאָליגען נאָמען, און צווייטענס, וואָס מע רעדט איהם אזא מיאוסען שידוך. האָלצמאַן איז א בעלן אויף איין אַנדער שידוך. האָלצמאַן וויל א מיידעל, און דוקא א שענע. "אָט, למשל, אזא מין קארעפּירער אתרוג׳על, ווי אָט די פּרימאַדאָנאַ הענריעטא. פאר וואָס ניט, איך בעט אייך? מיט וואס איז דאָס ניט גלייך? טאָמער איז זי ניט אזא חכמה, איז זי אָבער שען, אז דער רוח חאַפּט איהם אוועק. דער חסרון — זי איז א ביסעל צו לעבעדיג. דרעהט זיך, ווי א חזן אויף נעריצך... עט, ס׳איז אבער נור איצטער, פאר מתן־תורה. לאָז ער איהר נור אָנטהון דאָס פינגערעל — עהע־הע! — וועט ער מיט איהר לערנען בלק, שטודיערען הלכות דרך־ארץ, ווי גאָט האָט געבאָטען"...

דאָ ווערד האָלצמאַן ביי זיך א ביסעל שטארקער און פאַלט אבער באַלד אריין צוריק אין דעם זעלבען מינאָרנעם טאָן, און די געדאנקען זיינע ווערען ווידער טרויעריג, ווי פריהער, און ער ברעכט זיך דעם קאָפּ: "ווער איז דער שטן־מקטרג, וואָס האָט זיך דאָ אריינגעמישט? נישט אַנדערש, אז עמיצער שטעהט ביי איהם הינטער די פּלייצעס און פּאָרקעט, מאכט איהם קאלי דאָס געשעפט... ער האט שוין אפילו מיט דער פּרימאַדאָנאַ׳ם ברודער נישט איין גלאָז ביער ־ אויסגעטרונקען און נישט

אײן מאָל געגעבען איהם אַנצוהערעניש, אז ער זאָל זיך ארײנלעגען אין עסק ארײן. שוואלב האָט די אַנצוהערענישען גאַנץ גוט פערשטאַנען. נאָר דער רוח זאָל איהם װיסען, דעם זולו־וסובא׳ניק, פרעסט און זויפט, שטופּט אָן פולע פּיסקעס, זאָגט צו גאָלדענע בעוג, און קומט צו עפּים — איז א נעכטיגער טאָג! מע דארף פּרובען א רעד טהון מיט דער יפהפיה אלײן. "אײן מאָל פאַר אלע מאָל, לאָם איך װיסען, װאס בין איך: מילכיג צי פלײשיג?"... און האָלצמאַן האָט זיך גענומען רעדען מיט דער "יפהפיה", געװעהנליך פערזעטעלט.

אײן מאָל — דאָס איז געװען א שבת בײ טאָג — האָט זיך האָלצמאַן אַנגעטהאָן מעשה פראַנט. די לעצטע צײט האָט ער בכלל אַנגעהויבען שטאַרק צו פראַנטעװען. "אױסגעקנײדעט װי צו דער פּגירה" — האָבען געזאָגט אויף איהם די חברה אקטיאָרען. ער האָט זיך ארומגעראַזירט, פערדרעהט די װאָנסים ארויף, בעגאָסען מיט פּארפיומען, גענומען דאָס שטעקעלע און פּאָרגעלעגט דער פרימאַדאָנא, זי זאָל מיט איהם געהן אביסעל שפּאַציערען. האָט זי איהם בעטראַכט פון אויבען ביז אַראָפּ און האָט איהם אָפּגעזאָגט װי א טוידטען. "אַז זי װעט זיך פערבענקען נאָך איהם, װעט זי איהם שיקען רופען"... האָלצמאַן איז געבליעבען װי אײן אָפּגעשמיסענער און האָט אָפּגעװישט די ליפּען.

דאָס אנדערע מאָל האָט ער מיט איהר פערפיהרט א געשפּרעך פּשוט װעגען חתונה האָבען. שוין צײט, האָט ער איהר געזאָגט, זי זאָל אויפהערען שפּרינגען פּי־פּו־פּא, א טראַכט טהון עפּים װעגען תכלית... האָט איהם הענריעטא אָפּגעענטפערט אַפילו זעהר גראָב, ניט װי מע ענטפערט אָפּ א דירעקטאָר. זי האָט איהם געזאָגט: "למאי זאָל איהם דאַרען דער קאָפּ פאַר יענעם? פאַר װאָס זאָל ער בעסער ניט אין זינען האָבען זײן אײגענע נאָז, װאָס װאַכסט אויף איהר גראָז?"... דעם גריזם האָט האָלצמאַן אַראָפּגעשלונגען און א פרעג געגעבען בײ איהר: פון װאַנען װײסט זי, אז ער האָט ניט אין זינען זיך? אפשר רעכענט ער אין גיכען א חתן װערען? — "טאַקי באמת? — האָט זי איהם מיט א חצופה׳דיג געלעכטערעל איבערגעפרעגט. — פאַר װעמען, למשל, חא־חא־חא, פאַר׳ן מלאך המות?"...

אונזער האָלצמאַן האָט גענומען נאָכקוקען, אויספאָרשען, װער איז דאָ צװישען זײ דער שטן־מקטרג? ביז ער האָט זיך ארויפגעשלאָגען אויפ׳ן רעכטען װעג. ברײנדעלע קאָזאַק איז איהם געקומען צו־הילף. זיא האָט איהם געעפענט דעם מח, אז ער איז א גרויסער נארר. "אויב דיא אויגען, האָט זיא איהם געזאָגט, זעענען בײ איהם ניט פון הינטען, נאָר פון פאָרענט, דארף ער אלײן זעהען, װאָסער קאַץ ס׳עסט דיא פּוטער"....

דערמיט האָט זיך דיא מאדאם טשערניאַק חאָטש א ביסעל געקיהלט דאָס הארץ פאַר דיא נעכט, װאָס זיא איז ניט דערשלאָפען, און פאַר דיא טרערען, װאָס זיא האָט פערגאָסען. ברײנדעלע קאָזאַק האָט שוין ניט מורא געהאט מעהר פאַר קײנעם. בײ איהר איז געװען קלאָר װי דער טאָג, אז דער שידוך פון דער פרימאַדאָנא מיט ראפּאלעסקאָ׳ן איז א פאַרטיגע זאַך, װאָס ניט הײנט איז מאָרגען — דער בלאָטער מוז אויסזעצען. און דאמאָלם איז בערנהארד האָלצמאַן איהרער. ס׳איז גאָר נישטאָ װאָס צו רעדען.

צו האָט ברײנדעלע קאָזאַק געטראָפען, אָדער זיא האָט געהאט א טעות אין חשבון — דאָס װעלען מיר באלד זעהען.

קאַפּיטעל 89.

האָלצמאַן האָט געסט

ברײנדעלע קאָזאַק׳ס אַנצוהערעניש,

אז צווישען דער פרימאדאָנא שוואלב און ראפאלעסקאָ שפיעלט זיך אָפּ א ראָמאן, איז פאר אונזער האָלצמאנ׳ען געווען וויא מיט א שייטהאָלץ איבער׳ן קאָפּ. וואָרום אויסער דעם, וואָס ער פערליערט אין א שענעם פריהמאָרגען אזא ״קארעפירער אתרוג׳על״, האָט דאָס איהם צעשלאָגען איינעם פון זיינע בעסטע גלענצענדסטע חלומות, צעשטעהרט איהם זעהר א וויכטיגען גרויסארטיגען פלאן, אויף וועלכען ער האָט געבויעט א גאנצען בנין.

דער דאָזיגער פלאן איז געבוירען געוואָרען ביי איהם פלוצים איינמאָל אין א שענעם פריהמאָרגען דורך א בריעף, וואָס ער האָט בעקומען פון דער היים, פון זיין מאמע דיא אלמנה שרה־ברכה. מיר געבען איבער דעם דאָזיגען בריעף וואָרט אין וואָרט, ווי ער איז געשריעבען געוואָרען:

״צו מיין ליבען געטרייהען זוהן
״הערשבער האָלצמאן נ״י. איך שרייב
״דיר מיין ליבער געטרייער הערשבער
״א בריעף דורך אלטער דעם מלמד׳ס
״זוהנדעל, איציק, אז ראשית בין איך
״ברוך השם אין בעסטען געזונד, געב
״גאָט דאָס נעמליכע פון דיר צו הערען
״אויף ווייטער ניט ערגער אמן.
״והשנית שרייב איך דיר מיין ליבער
״געטרייהער הערשבער אז איך האָב
״שוין פון דיר לאנג קיין בריעף ניט
״געהאט, איך וויים שוין גאָר ניט
״וואָס איבערצוטראכטען. און איך
״בעט דיך זעהר מיין ליבער געטריי־
״ער הערשבער זאָלסט מיר שרייבען
״פון דיין געזונד און וואָס דו מאכסט
״און עס גריסט דיר דיין שוועסטער
״זלאטקע זאָל לעבען קיין עין הרע א
״מויד געוואָרען, זאָלסט זי זעהען
״וואָלסט דו זי ניט דערקענט אזוי
״אויפגעוואכסען איז זי קיין עין הרע
״ניט און שעהן איז זי קיין עין הרע
״ניט ווי דער טאָג, ניט איך זאָג דאָס־
״ווייל איך בין איהר א מאמע נאָר
״אלע זאָגען דאָס, אז איך טהו אויף
״איהר א קוק טהוט מיר וועה דאָס
״הארץ, צייט נעמען אויפ׳ן קאָפּ וואָס
״איז דער תכלית זיצען טאָג וויא
״נאכט מיט דער נאָדעל און שטשאָ־
״בען פרעמדע קאָפּטלעך, מע דארף
״אקלער טהון וועגען א שידוך,
״חתנים האָב איך פון איהרעטוועגען
״טויזענד פאר איינעם טויגען זיי
״אָבער אלע אויפ׳ן פייער, איינער איז
״יאָסעל דעם סטאָליר׳ס יונגערער בן,
״פישעל, דער אנדערער איז א קצב־
״יונג ראובן הייסט ער, ווייל זיא איהם
״ניט, זי זאָגט אז סע שמעקט פון
״איהם פעל, און יאָסעל דעם סטאָ־
״ליר׳ס בן איז דוקא נאָך איהר די
״כפרה איז ער אָבער אנ׳אויסווירפ־
״לינג א שארלאטאן אז דער רוח
״וויסט וואָס, ער האָט ניט אפילו
״זאָלסט זאָגען א פאָר שטיוועל ווי
״סע געהער צו זיין און דרעהט זיך
״פאר דיא אויגען וויא א סאוואולע,
״איך האָב איהם שוין געגעבען אָנצו־
״הערעניש עטליכע מאָל ער זאָל פער־
״געסען וויא אזוי מיין טאָכטער
״הייסט אניט וועל איך איהם געבען
״דעם וועג, נאָר היינטיגע בחורים
״זענען ערגער פון די חזירים טרייבט
״זיי ארויס דורך דער טהיר קריכען
״זיי דיר דורכ׳ן פענסטער, אודאי ווען
״דיין פעטער זלמן עליו השלום זאָל
״זיין וואלט ער זיך מיט אזא חברה
״מאן אנדערש אָפּגערעכענט, וואָס
״קאָן איך טהון משטיינס געזאָגט
״א יודינע אנ׳אלמנה און אנ׳אָרעמע
״דערצו ווען איך קאָן איהר געבען
״נדן פערשטופּען א חתן דאָס מויל
״חאָטש מיט אזוינע ק״ן קארבען
״וואָלט זיא שוין לאנג ביי מיר
״געווען א כלה אין חתנים איז קיין
״מניעה ניט איך זאָל אזוי האָבען א
״דאגה מיט אלדאָס גוטס טויזענד

“פֿאַר איינעם וואָרום זיא ווערד וואָס
“א טאָג שענער, זאָלסט אָנקוקען א
“מויד קיין עין הרע וואָלסט דו זי
“ניט דערקענען, זי גריסט דיר גאָר
“פריינדליך און איך בעט דיך מיין
“ליבער און געטרייער הערשבער
“למען השם זאָלסט מיר באלד שריי־
“בען וואָס דו מאכסט און דער עיקר
“פון דיין געזונד וואָרום איך וויים
“שוין ניט וואָס איבערצוטראכטען
“און זיי געזונד וויא עס ווינשט דיר
“דיין מאמע צו זעהען אין דיר פיעל
“נחת, שרה ברכה האָלצמאַן”.

דער דאָזיגער בריעף איז אונזער האָלצמאַנ׳ען אריין אין קאָפּ אריין, און איבערהויפּט דיא ווערטער: “קיין עין הרע א מויד ווערסט זי ניט דערקענען”. און עס האָט איהם ניט אויפגעהערט צו פיקען אין מח אזא געדאנק:

“אויב זי איז באמת אזוי, ווי די מוטער שרייבט, וואָלט אפשר געווען א סברה, אז די אלטע זאָל קומען מיט איהר צו פאָהרען אהער, לאָז זי זיך בעקענען מיט׳ן “יאט”, טאָמער געפעלט זי איהם, א קשיא אויף א מעשה, ברעכט מען טעלער און מע שרייבט תנאים און טאקי באלד, איינס־צוויי־דריי, פיער שטעקענס — און א חופּה! און דעמאָלט שטעלט ער ארוים דער גאנצער וועלט א פייג — ונאמר אמן”...

און האָלצמאַן פערשליסט זיך בסוד־סודות מיט זיין נייעם סעקרעטער, דעם סופלער (פאר איין אנדערען וואָלט האָלצמאַן אזא סוד נישט פערטרויען), און ער דיקטירט איהם איין ענטפער צו דער מוטער בזה הלשון:

— הער זשע אוים, מיין טהייערער, שרייבען זאָלסט דו איהר אזוי:

“לאמי היקרה הצנועה מרת שרה
“ברכה שתחי׳ ולאחותי היקרה
“הצנועה מרת זלאטקע שתחי׳. הנה
“זיי וויסען, אז איך בין דאנק גאָט
“אין בעסטען געזונד און שפּיעל שוין
“ניט דאנק גאָט מעהר קיין טהעאַ־
“טער, איך האָב שוין דאנק גאָט אַן׳־
“אייגענעם טהעאטער מיט אנ׳אייגע־
“נער טרופּפּע און פערדיען א דאנק
“גאָט שען געלד, און לעב דאנק גאָט
“ווי א מענטש, און טהו מיך אָן ווי
“א מענטש, און געה ארוים ווי א
“מענטש, און האָב דאנק גאָט א
“שטיקעל נאָמען אויף דער וועלט.
“נאָר איין זאך, וואס איך בין נע־ונד
“און האָב ניט קיין היים. לכן איז
“ביי מיר געבליעבען אמי היקרה,
“זאָלסט ניט מאכען קיין לאנגע
“שהיות, נעמען זלאטקען און קומען
“מיט איהר צו פאָהרען אהער צו מיר,
“וועסט דו זיין בעל־הבית׳טע און
“וועסט האָבען נחת אויף דער עלטער.
“געגוג דיר שוין צו שטעהן ביי
“פרעמדע אויוועגס. צייט זאָלסט דיר
“אויסרוהען דיינע אלטע ביינער און
“וויסען פון א וועלט צו זאָגען. און
“וועגען זלאטקען זאָלסט דו דיר גאָר־
“נ־ש זאָרגען. איך האָב פון איהרטוועגען
“געגען א ביסעל א שענערען שידוך ווי
“יאסעל דעם סטאָליר׳ס בן, און אפילו
“ווי דער קצבניאק ראובן. זעה זשע,
“אמי היקרה, למען השם וויבאלד דו
“בעקומסט דעם דאָזיגען בריעף,
“זאָלסט דו ניט מאכען קיין שהיות,
“זאָלסט נעמען זלאטקען און זאָלסט
“קומען צופאהרען אהער צו מיר, צו
“דיין זוהן.

בערנהארד האָלצמאַן,
“דירעקטאָר פון טהעאטער:
“האָלצמאַן, שוואלב עט קאָפּ”.

אוועקגעשיקט דעם בריעף, האָט האָלצמאַן גענומען ארויסקוקען אויף די געסט פון טאָג אויף טאָג. ס׳איז אָבער געווען אומזיסט זיין ארויסקוקען: אנשטאט די ערווארטעטע געסט, בעקומט ער א בריעף פון דער מאמע, אז “זי האָט זיין בריעף מקבל געווען און אז זי איז דאנק גאָט אין בעסטען געזונד

און זלאַטקע איז אויף דאנק גאָט אין בעסטען געזונד, קיין עין הרע א מויד, ער זאָל זי זעהן וואָלט ער זי ניט דערקענט, און וואָס ער שרייבט, זי זאָל קומען צו פאָהרען, וואָלט זי זיכער געפלויגען צו איהם זי זאָל האָבען פליגעל, ווי קאָן זי אבער קומען אז עס דאַרף קאָסטען אזוי פיעל געלד, צוויי מענשען הוצאות, היינט די גרעניץ, זי זאָל האָבען דאָס וואָס ז'י באהן אליין דאַרף קאָסטען וואָלט זי שוין לאנג חתונה געמאכט זלאַטקען, מיט א חתן האָט זי קיין דאגה ניט, טויזענד פאר איינעם, קיין עין הרע א מויד, ער זאָל זי זעהען וואָלט ער זי ניט דערקענט...“ א. ז. וו.

דאָס האָט האָלצמאַנ'ען אזוי אויפגערעגט, אז ער האָט איהר באלד ארויסגעשיקט געלד און אוועקגעשריעבען איהר מיט'ן הארבען וואָרט, אז זי זאָל די רגע קומען צו פאָהרען, נישט דערוועגען זיך מעהר קלערען אפילו איין מינוט וועגען א שידוך, נאָר נעמען זלאַטקען און, למען השם, באלד קומען צו פאָהרען!

נאָך דעם בריעף איז אוועקגעגאנגען נאָך א בריעף און נאָך א בריעף, ביז גאָט האָט געהאָלפען איין מאָל אין א סוף־זומערדיגען אבענד — אין טהעאַטער, אין א קליין שטעדטעל אין גאליציע איז דאָס געוועזן, א מינוט איידער מע האָט בעדארפט אויפהויבען דעם פאָרהאנג — האָט זיך דערהערט א רעש פון דרויסען. וואס איז די מעשה? עפּיס א יודינע איין אָרעמע מיט א מיידעל פרעגען זיך נאָך אָניף האָלצמאַנ'ען און רייסען זיך אין טהעאטער אריין אָהן געלד, לאָזט מען זיי ניט.

— א רוח אין אייער טאטענס ערד אריין! ממזרים, דאָס זענען דאָך מיינע געסט! — האָט זיך האָלצמאַן צעשריגען אויף זיינע קאָללעגען און ארויסגעלאָפען אין דרויסען.

— דיינע געסט? קומט דאָך דיר מזל־טוב. גאָט ליעב דיר מיט דיינע געסט! — האָבען איהם אָבגעענטפערט זיינע קאָללעגען און נאָכגעגאנגען נאָך איהם אָנקוקען האָלצמאַנ'ס געסט.

קאַפּיטעל 90.

אָרעמע ברײנדעלע קאָזאַק

דרויסען איז געשטאנען איין אלול'דיגע קלאָרע קיהלבליכע נאכט. די לבנה איז נאָך ניט ארויסגעטראָטען פון איהר געצעלט אויף צו בעלייכטען די ערד. נאָר די שטערן, וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען בעווייזען איינציגווייס איינער נאָך דעם אנדערען, זענען געווען גענוג אויף צו צעטרייבען דאָס פינסטערניש פון דער נאכט, מע זאָל קאָנען ארויסזעהן, אויף וויפיעל ס'איז מעגליך, דיא פיגורען פון האָלצמאַנ'ס געסט.

צום אלעם ערשטען האָט זיך געוואָרפען אין דיא אויגען א הויכע, א טרוקענע, א דארע, א ביינעריגע יודינע, וואָס האָט געהאפּט דעם אָפּבליק פון א דארער אויסגעהאָרעוועטער קליאטשע. אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען, אנגעלאדען מיט בעטגעוואנט — פערענעס, קישענס, קאָלדרעס און גלאט אלטע שמאטעס, האָט זי געקוקט איטליכען אין די אויגען אריין, געזוכט, ווער איז דאָס צווישען דער חברה איהר זוהן? נעבען איהר, ווי א לאָשעקעל, איז געשטאנען, הארט ביי'ם פאָרטוך, א יונג מיידעל, כמעט נאָך גאָר א קינד, מיט פערפלאָמטע פריזע בעקלאָך, מיט עטוואס א פערשפיצט קינדערש נעזעל און מיט געדיכטע ברעמען אויף איהרע שעמעוודיגע אויגען, וואס האָבען געקוקט אראָפּ, אויף דער ערד, אָנגעטהאָן איז זי געווען אין א פראָסט סיצען קליידעל מיט א גרינגע בעזשען קאָפּטעל, פון אויבען איין אלט געלבליך בורנעסעל, וואָס האָט זיך ניט גוט פערשפּילעט און ארויסבעוויזען סימנים, אז דאָ שטעהט שוין נישט א קינד, נאָר א דערוואכסען מיידעל.

דיא קאָמפּאניע אקטיאָרען, וואָס האָ־

בען זיך ארויסגעהאפּט אויף א וויילע אַנקוקען האָלצמאנ׳ס געסט, האָבען געלאָזט צו־רוה די אלטע, וואָס האָט סוף־כל־סוף דערקענט נאָך די אויגען, ווער איז צווישען זיי איהר זוהן, האָט זי זיך ארויפגעוואָרפען אויף איהם מיט א געוויין און מיט א מאנסבילשער שטימע און האָט אנידערגעלייגט א מענה־לשון: „אוי, א דוננער האָט מיך דערשלאָגען! אוי, א מכה איז מיר! ווינד און וועה איז דער מאמע! אָט דאָס טאקי ביזט דו, הערשבער? זוהן מיינער טהייערער! . . .

אקטיאָרען, וואָס האלטען אין איין שפּיעלען, האָבען היינד אין לעבען ריהרענדע סצענעס, וואָס קאָנען ארויסרופען א טרער. זיי האָבען זיך בעסער גענומען בעטראכטען דאָס יונגע שענע מיידעל, וואָס איז געשטאנען ביי דער זייט אינ׳ם ענגען בורגעסעל און געוואַרט אויפ׳ן ברודער.

מאָדנע הנ׳עוודיג האָט ביי זיי אויסגעזעהען אָט דאָס יונגע נאאיווע פּשוט געקליידעטע בעשעפעניש מיט דיא פערפלאמטע בעקעלעך, וויא דיא פערשקעס, און מיט דיא געדיכטע ברעמען אויף דיא אראָפּגעלאָזענע אויגען. איהר גאנצע פיגור האָט גערעדט פון יוגענד, פון פרישקייט און פון אונשולד. קיינער פון דער חאליאסטרע האָט קיין וואָרט נישט ארויסגעלאָזט, א חוץ איין שוואלב, האָלצמאנ׳ס שותף, וואָס האָט א זאָג געטהאָן אונטער דער נאָז, וויא פון גראָבען בויך ארויס: „אן עפּעלע דאָס איז — מיר זאָל זיין!“...

דיא דאָזיגע חכמה פון איזאק שוואלב איז איצטיגעס מאָל אוועק מיט׳ן ווינד, גלייך וויא קיינער האָט דאָס נישט געהערט. דאָרט, וואו עס דרעהען זיך ארום שמענדיג אָבגעבליאקעוועטע, געקנייטשטע נאָר אָנגעשמירטע פּנים׳ער, אריינגעשטעלטע צייהן, אונטערגעפיהרטע ברעמען, פרעמדע האָר, אויסגעגאָר־סעוועטע נישט־נאטירליך הויכע ברוסטען, מיט א פאלש געקינצעלט שמייבעלע אויף דיא אָנגעפארבטע ליפּען, אז מע דערזעהט א פריש פּנים מיט א פריש געשטאלט, פריש און געזונד און נאטירליך, אזוי וויא די מאמע האָט געהאט, —בלייבט מען שטעהן פערגאפט. מע בעקוקט, מע בעטראכט און מע בעוואונדערט, און מע דערמאָנט זיך, אז מע איז אליין אויך געווען אמאָל יונג און פריש און נאטירליך, אזוי וויא דיא מאמע האָט געהאט. און ניט ווילענדיג, רייסט זיך ארויס א זיפץ פונ׳ם הארצען, און עס גנבה׳ט זיך אריין אין דער נשמה א פערבאָרגען געפיהל פון קנאה צו דעם פרישען פּארשוין און א פערדראָס און א האס צו דער גאנצער וועלט. . .

נאָר נישט קוקענדיג דארויף, וואָס האָלצמאנ׳ס שוועסטערעל האָט געמאכט, וויא עס שיינט, אזא גוטען איינדרוק אויף דער גאנצען קאָמפּאניע אקטיאָרען, האָט זיך אָבער האָלצמאן אליין געפיהלט זעהר נישט פויגעלדיג. עס איז איהם ניט אָנגעשטאנען, וואָס צו איהם, צום דירעקטאָר פון דער טרופּפּע, וועלכער „לעבט ווי א מענטש, טהוט זיך אָן ווי א מענטש און געהט ארוים ווי א מענטש“, זענען געקומען צו פאָהרען געסט, א מאמע מיט א שוועסטערעל, וועלכע זעהען אוים, ווי די שלעפּערינס. און דאָ האָבען זיך, ווי אויף צו־להכעיס, צענויפגעקליבען די גאנצע חאליאסטרע, שטעהען און קוקען אויף זיין בייז וואונדער. האָט דאָס איהם פערדראָסען און ער האָט זיך צעשריען אויף דיא אקטיאָרען, זיי געמאכט מיט דער בלאָטע, אין איין וועגס טאקי בעוויזען פאר זיינע געסט, אז ער, האָלצמאן, איז מיט גאָט׳ס הילף א בעל־הבית, א דירעקטאָר פון א טהעאטער, און דער עולם האָט פאר איהם דאָס נייעניעהריגע. און נישט נור אויף

די אקטיאָרען קאָן ער אָנשרייען און אָפּזידלען. האָלצמאַן, אז ער וויל, קאָן ער דעם שותף שוואלב אויך געבען א פינסטערען סוף. האָט ער זיך צעשריגען אויך אויף שוואלבען:

— הער נאָר, דוא וואסעראָקס, דו טרעלבויך, דו טרפה'נער האלז, דו ביזט אויך אָט א דאָ מיט אלע יאָלדען ?!

אין איין מינוט איז פון דער חאָליאסטרע נישט געבליבען קיין שריד ופליט. דיא רעזשי פון טהעאטער אויף דעם אבענד האָט האָלצמאַן איבערגעגעבען צו זיין שותף שוואלב, און אליין האָט ער פערנומען זיינע געסט מיט די פעקלעך, פערינעס, קישענס, קאָלדרעס און שמאטעס און איז אוועק מיט זיי צו זיך אויף דער סטאנציע.

אויף מאָרגען נאָך דער פאָרשטעלונג האָט האָלצמאַן צענויפגערופען די גאַנצע קאָמפּאַניע און געשטעלט ביער לכבוד דיא געסט, וואָס זענען געווען ביי איהם אָנגעטהאָן שוין יום־טוב'דיג. די אלטע — אין איהר שבת'דיגע יועלענע פּעטשיילע — האָט אויסגעזעהען, וויא איין אלט פערד אין א שלייער. און דאָס שוועסטערעל, זלאטקע, איין אויסגעצוואָגענע און א פערקעמטע, האָט אלעמען פער'כישופ'ט, ניט אזוי מיט איהר הלבשה, ווי מיט איהרע פרישע בעקלעך, געדיכטע ברעמען, קליינע צייהנדעלעך און שעמעוודיגע אויגלעך.

— אָן עפּלע. — האָט א זאָג געגעבען נאָך א מאָל איזאק שוואלב, און איצטיגס מאָל האָט דער גאנצער עולם אויסגעשאָסען א געלעכטער.

מע דארף נישט האָבען קיין סך, אז די דאָזיגע חברה פונ'ם פרייליכען צעהנדלינג זאָלען זיך צעלאכען. האָט איינער אַרויסגעלאָזט א וואָרט, חאָטש ס'איז גאָר ניטאָ פון וואָס צו לאכען, נאָר קוים האָט דער אנדערער א לאָך געגעבען, לאכט שוין דער דריטער אויף נאמנות, און די איבעריגע—אויף איהם קוקענדיג. זיי מעגען זיין אויף גו'ויסע צרות, זיי מעגען אפילו הונגערען, "בענקען נאָך א בולקע" — איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אָן. אז מע האלט ביים לאכען, לאכט מען.

דער חברה אקטיאָרען האָבען מיטגעהאָלפען לאכען אויך דיא פּרימאדאָנא שוואלב און דיא מאדאם טשערניאק; נאָר ס'איז געווען אז אָך און ווערה צו זייער געלעכטער. דעם גאנצען פריהמאָרגען זענען דיא צוויי געווען שטארק לא־עליכם'דיג, מאָדנע אָנגעבלאָזען. הענריעטא שוואלב איז גלאט געווען ניט צופריעדען, למאי ס'איז דאָ נאָך א שען מיידעל אויף דער וועלט, און אין כעם אויף ראפאלעסקאָ'ן, למאי ער ווארפט אויגען אויף דער קליינשטעלדיגער יענטע מיט די רויטע הענד און מיט דעם שפּיצעכיגען נעזעל.. אין'ם דאָזיגען מיידעל האָט הענריעטא געזעהן פאר זיך א קאָנקורענטין. און וויפיעל זי האָט ניט געזוכט אויף איהר חסרונות, האָט זיא אויסער דעם, וואָס די הענד זענען ביי איהר רויט און דאָס נעזעל א ביסעל שפּיצעכיג, נישט געפונען מעהר קיין שום חסרון. האט דאָס זיא געמאכט נאָך מעהר אויפגערעגט און זי האָט געלאכט מיט איהר הויך, הילכיג, ניט נאַטירליך געלעכטער, וואָס ווערד אָנגערופען ביי דער חברה אקטיאָרען אויף זייער לשון: "געלאכט מיט קרעמיזנים" אָדער "געלאכט מיט יאשטשערקעס".

נאָר אויב הענריעטא שוואלב איז געווען נישט־צופריעדען מיט האָלצמאַן'ס געסט, דארף מען זאָגען אויף דער מאדאם טשערניאק, אז אויף איהר איז געווען א גאָט'ס רחמנות צו קוקען. אויף איהר קיילעכיגען לבנה־פּנים זענען ארויסגעטראָטען פלעקען און אויף אידרע קליינע יאפּאָנישע אויגען זענען געהאנגען טרערען, חאָטש זי האָט זיך געהאַלטען שטאָלצעדיג, געגוידערט און

כלומרשט געלאַכט. ביי דער חברה
אַקטיאָרען הייסט אַט דאָס געלעכטער:
"ווי אַ פּגר אומגעוואַשען"...

די מאַדאַם טשערניאַק נעבאַך האָט
געפיהלט, אַז איהרע זיעבען יאָהר האָבען
זיך געענדיגט, אַז אַט באַלד וועט מען
צונעמען ביי איהר די שליסעלעך און
מסתמא איבערגעבען צו אַט דער אַלטער
מכשפה, וועלכער זיא האָט געוואונשען
מיט'ן גאַנצען הארצען אַ גיכען סוף און
אַ גרינגען טוידט.

די מאַדאַם טשערניאַק ווייסט שוין
דעם טעם פון גלות. ס'איז ניט דעם ערש־
טען מאָל ביי איהר, וואָס מע נעמט און
מע וואַרפט זי אַרויס, ווי אַ כלי, וועלכע
מע דאַרף שוין ניט, ווי איין אַלט קלייד,
וואָס איז אַרויס פון דער מאָדע, אָדער
פשוט, ווי אַ זאַך, וואָס האָט זיך צוגע־
געסען. "אַט דער גאַנאַמניק האַצמאַך—
האָט זי זיך געטראַכט—וועט זיך באַלד
מאַכען גלייך ווי גע'פּגר'ט. ער וועט פער־
געסען אַלסדינג, וואָס מיר האָבען אַמאָל
גערעדט, און אַז איך וועל איהם דערמאָ־
נען, וועט ער זיך כלומרשט פערהוסטען
אויף אַ האַלבע שעה"...

אָרעמע בריינדעלע קאָזאַק! אַזוי ווי
דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט. האַלצמאַן
איז אַ מענש, וואָס האָט פיינד צערעמאָ־
ניעס. ביי איהם איז איינס־צוויי־דריי.
ער האָט איהר אפילו ניט געזאָגט קיין
דאַנק פאַר איהר בעל־הבית'ווען ביז
אַהער, און פאַר איהר אַכטונג געבען אויף
זיין געזונד, און פאַר קיין זאַך, גלייך ווי
גאָרניט, גלייך ווי עס קומט איהם... און
אַז ער האָט דערזעהן אין דער פריה, אַז
זי קלייבט זיך איהם עפּעס זאָגען, האָט
ער זיך אַ חאַפּ געגעבען ביי'ם הארצען
און האָט אָנגעהויבען אַזוי שטאַרק צו
הוסטען, אַז ער איז אַזש אונטערגע־
שפּרונגען.

שמיל, אָהן אַ זיי־געזונד, האָט זיך
די מאַדאַם טשערניאַק אַרום האַלבען טאָג
אַריבערגעפּעקעלט אויף אַ נייע קוואַר־
טיר, אפילו קיין טרער ניט געלאָזט. צע־
נויפגעפּאַקט די קאַסטענס, האָט זי זיך
געמאַכט אַ הארץ, גענומען אויף זיך די
רויטע ראָטאָנדע און שמייכלענדיג מיט
איהרע גרויסע ציינער, האָט זי, מיט אַ
טענצעל, ווי איהר שטייגער איז, פער־
לאָזט האַלצמאַנ'ס וואָהנונג אויף שטענ־
דיג.

— משנה מקום משנה מזל. — האָבען
זי די חברה אַקטאָרען אַרויסבעגלייט
מיט אַ געלעכטערעל, און קיינעם, קיין
איינציגען פון זיי, איז ניט איינגעפאַלען
אַראָפּלאָזען זיך אויף אַ מינוט אַ ביסעל
טיעפער, אַ קוק טהון, וואָס ביי דער אָרי־
מער בריינדעלע קאָזאַק אין הארצען
טהוט זיך.

— אַ נחמה מוז איך נאָך דערלעבען
אָן דעם האַצמאַכען. סיידען איך וועל
ליגען אין דער ערד און גראָז וועט אויף
מיר וואַכסען. — האָט זיך געטרייסט
בריינדעלע קאָזאַק, געהענדיג איבער
דער גאַס נאָך'ן וואָגען איינע אַליין,
איינגעהילט אין דער רויטער ראָטאָנדע.

אָרעמע בריינדעלע קאָזאַק!

קאַפּיטעל 91

ער לערנט מיט זיי דרך ארץ

די ערשטע עטליכע טעג, כל־זמן די
אַלטע שרה־ברכה מיט איהר טאָכטער
זלאַטקע זענען געווען ביי האַלצמאַנ'ען
געסט, האָט ער זיך בעגאַנגען מיט זיי
ווי מיט געסט. אַכטונג געגעבען, זיי זאָ־
לען עסען און זאָלען טרינקען און ס'זאָל
זיי וואָהל זיין. אויף אַ מינוט איז ער
פון זיי ניט אָפּגעטראָטען. ער האָט זיי
בעוויזען רוב גדלו ורוב עשרו, זיי גענו־
מען אַלע נאַכט אין טהעאַטער און בע־
זעצט אויבענאָן אין דער ערשטער רייהע.
זלאַטקע פערשטעהט זיך, איז געווען פון
די פאַרשטעלונגען אויף'ן זיעבעטען הי־
מעל; עס האָט זיך איהר אַזש געדרעהט
דער קאָפּ. און אפילו די אַלטע שרה־ברכה,
וואָס האָט בטבע פיינד געהאַט טהעאַ־

טער, ווי א כשר'ער יוד חאָט פיינד חזיר, האָט צוליעב געטהאָן, געקוקט מיט איין אויג אויף דער סצענע און מיט'ן אנדערען אויג אויף'ן פובליקום, געלאכט הויך אויף א קול און געשאָלטען אין גוטען מוטה די "קאָמעדיאנטען" איבער'ן גאנצען טהעאטער: "שלים־מזל'ען צו אל־די שווארצע יאהר!" אָדער: "מיינע וועהטיגען אויף זייער קאָפּ!" אָדער: "א, ריק און לענד ברעכט, רבונו־של־עולם!" אזוי אז האָלצמאן האָט צו איהר פון דער סצענע געמוזט ווינקען מיט די אויגען, מאכען מיט די הענד און איינשטילען זי: "ששששששש!"... מיט איינעם וואָרט, די מאמע מיט דער טאָכטער האָבען זיך געבאָדען אין פוטער און אין האָניג.

נאָכדעם, אָבער, אז די היטץ פון גאסטפריינדליכקייט איז ביי אונזער האָלצמאנ'ן איבערגעגאנגען, האָט ער גענומען מיט זיינע געסט א ביסעל לערנען דרך־ארץ: ווי אזוי זיי זאָלען געהן, ווי אזוי זיי זאָלען שטעהן, ווי אזוי זיי זאָלען זיצען אין טהעאטער, וויא אזוי זיי זאָלען זיך "האלטען צווישען מענשען". זיין שוועסטערעל זלאטקען האָט ער אָנגעטהאָן הענטשקעלעך, מע זאָל ניט ארויסזעהען איהרע רויטע הענד, געקויפט א היטעלע מיט א גרויסער פעדער, כמעט ווי ביי דער פרימאדאָנא, און אויסגעקליידעט זי, ווי א "פרינצעסין".

מע קאָן ניט זאָגען, אז די דאָזיגע "פרינצעסין־קליידער" זענען געווען זלאטקען שטארק צום הארצען. אדרבה, זי האָט זיך געפיהלט אין זיי געאיינגט, געקוועטשט און געפענטעט. עס האָט איהר וועה געטהאָן דער קאָפּ, געשווינדעלט אין די אויגען און אויסגעוויזען, אז די נאָז איז ביי איהר ניט אויף איין אָרט און אז אלע זעהען דאָס... מיט פערגעניגען וואָלט זי אָנגעטהאָן צוריק דאָס סיצענע קליידעל מיט'ן ביזשען קאָפּטעל מיט די אלטע אויסגעטראָטענע שיך. זי האָט זיך געווינשען, זי זאָל האָבען די ברכות, וואס זי האָט זיך געפיהלט אין זיי א סך הייכמישער, ווי אין די נייע ענגע שפּיציגע שיכלעך מיט די הויכע אָפּצאסען, וואס מע געהט אויף זיי, ווי אויף דובעס. נאָר וואָס זאָל זי טהון, אז דער ברודער הייסט אזוי?...

און האָלצמאן האָט בעטראכט זיין שוועסטערעל אין דער נייער הלבשה, פערגלייכט זי מיט דער פרימאדאָנא שוואלב און געפונען, אז זי איז גאָר ניט קיין מיאוס מיידעל. נאָר דאָס, וואָס זי איז נאָך אביסעל ווילד, שעמעוודיג און צופיעל שווייגענדיג. מע דארף זי "אויססוויטשען", אויסמענטשלען, אויסבילדען הייסט דאס, מאכען בערעדעוודיגער, לעבעדיגער, מיט איינעם וואָרט — פאר א "ציוויליזירטע מאמזעל"... דערביי ווארפט ער א קוק אויף'ן "יאט", וואָס רעדט מיט זלאטקען, און זלאטקע לאָזט אראפּ די אויגען און ווערד רויט, ווי א צוויק. ווינקט צו איהר האָלצמאן מיט די ברעמען, זי זאָל אראפּלאָזען די הענד און אויפהויבען די אויגען. פון דעם ווערד זלאטקע נאָך רויטער, און האָלצמאן ווערד אויפגערעגט מיט סכנת־נפשות, און אז ער בלייבט אליין מיט דער שוועסטער, גיט ער איהר ווי א הונד: "וואָס האָסט דו מורא קוקען גלייך אין די עינים, האָסט עפּיס גע'גנבה'ט?"... אָדער: "זעה נור א פּאָר ידים"... און דאָס ווייסען מיר דאָך פון לאנג, אז האָלצמאן הויבט אָן רעדען לשון־קודש, איז א סימן, אז ער איז שוין גוט אין כעס.

אויך צו דער אלטער מוטער האָט זיך האָלצמאן גענומען שטודירען מיט איהר הלכות דרך־ארץ, געוואָלט א ביסעל אויסקליידען, זי זאָל זיין "לייטענגלייך". עס פּאסט איהם ניט, — האָט ער איהר געגעבען צו פערשטעהען מיט א שכל, — אז דעם דירעקטאָר'ס מאמע זאָל געהן אָנגעטהאָן ווי א "קורעלאפּניטשקע"... גו־נו. מעהר האָט מען נישט בעדארפט. שרה־ברכה איז, ווי מיר ווייסען שוין כון

פריהער, א יודינע א פראָסטע, נאָר איין אויפריכטיגע; וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג. האָט זי איהם אויסגעהערט און אָפּגעענטפערט מיט איהר מאַנסבילש קול, אז אויב זי געפעלט איהם ניט אין שלייער און עס שטעהט איהם ניט אָן די אָרעמע מאמע, קאָן זי איהם טהון צוליעב, פערקערעווען דעם דישעל און פאָהרען מיט דער טאָכטער אהיים אפילו היינטיגען טאָג.

און ניט לאנג געטראכט, נעמט זיך די אלטע גאנץ ערנסט צו איהרע פעקלעך, די פערינעס, די קישענס מיט די קאָלדרעס, און רופט זיך אָן צו זלאטקען:

— קום, טאָכטער! וואָס ווילען מיר. קורעלאפניטשקעס, זיך ארומדרעהען דאָ, צווישען אזעלכע גרויסע פריצים און פריצטעס? מיר קאָנען זיי חלילה אויסשמירען זייערע פריצישע מלבושים...

פערשטעהט זיך, אז האָלצמאן האָט זיך באלד פערהאפט, געשוואָרען פאר דער מאמע מיט כל השבועות שבעולם און האָט אויסגעשלאָגען פאר איהר א קניע ערד, ביז ער האָט גע׳פועל׳ט ביי דער אלטער, אז "דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, האָט ער געבילט".

א שען ביסעל צרות איז אונזער האָלצמאן אויסגעשטאנען ערשט נאָכדעם, בעת ער האָט בעשלאָסען מאכען פון זיין שוועסטערל איין אקטריסע. ווי א נאראָוויסטע פערד האָט זיך די אלטע שרה־ברכה אוועקגעשטעלט: "איין מאָל ניין! גיכער וועט זי איינעמען א מיתה־משונה, איידער דערלאָזען, אז איהר טאָכטער זאָל טאנצען מיט אלע קאָמעדיאנטען אויף איין שטריק. סיידען דעמאָלט, ווען כ׳ע וועט איהר לייגען שארבענס אויף די אויגען!"... בקיצור, ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען. עס האָט האָלצמאנ׳ען אריינגעווארפען אין א קאלטען שוויים אריין; ער האָט אזש אָנגעהויבען צו הוסטען מיט בלוט...

דערזעהען בלוט, האָט זיך די אלטע דערשראָקען: "א וועהטיג איז איהר! א מכה איז איהר! א דונער האָט זי דערשלאָגען!"... און זי האָט געגעבען איהר הסכמה נור מיט א תנאי, און דער זוהן האָט איהר געמוזט צו־שווערען און געבען א תקיעת־כף פאר צוויי עדות, אז פריהער זאָל ער זלאטקען חתונה מאכען. ער האָט זיך אונטערגענומען, אז ניט שפעטער ווי אין א האלב יאהר ארום וועט מען איהר געבען א חתן און שטעלען א חופה אזוי ווי גאָט האָט געבאָטען.

די עדות זענען געווען האָלצמאנ׳ס בעל־סוד, דער "מענש מיט בילדונג", און זיין שותף שוואלב, וועלכער האָט, ווי מיר ווייסען שוין פון די פריהעריגע טהיילען פון׳ם ראָמאן, שטארק חשק געהאט צום דאָזיגען "עפעלע", דאָס הייסט, צו זיין שותפ׳ס שוועסטערל. שוואלב האָט זיך בפירוש ארויסגערעדט, אז ער וואָלט מיט איהר חתונה געהאט מיט אלע כבוד׳ען. ער האָט געמיינט, אז האָלצמאן וועט זיך אָנחאפען מיט ביידע הענד. צום סוף האָט ער דערצו דוקא קיין חשק ניט געהאט. האָלצמאן האָט אָנגעגרייט פון זיין שוועסטערלס וועגען א ביסעל א לייטישערען, א פיינערען און א שענערען שידוך. דערפון האָט נישט געוואוסט קיין בן־אָדם, קיין פויגעל אפילו. אזא חלום האָט זיך ניט געחלומט נישט דער אלטער מאמע, נישט אפילו זלאטקען אליין, וואָס האָט גאָר די העזה ניט געהאט צו טראכטען דערפון, — סיידען אפשר ביינאכט אין שלאָף, אָדער ערגיץ טיעף־טיעף אין די פערבאָרגענישען פון דער נשמה.

ווער איז געווען דער חתן, וואָס האָלצמאן האָט אָנגעגרייט פון זיין שוועסטערס וועגען — דאָס פערשטעהט שוין יעדער, אז ניט קיין אנדערער, ווי דער "יאט", לעאָ ראפאלעסקא, וועלכען די אָרעמע זלאטקע האָט, ווי מיר ווייסען שוין, ליעב געקריגען פון דער ערשטער

מינוט נעבאָך, וואָס זיא האָט איהם דערזעהען.

אויב דער דאָזיגער חלום איז מקוים געוואָרען, אָדער ניין — דאָס וועלען מיר מיט דער צייט גיזוואָהרע ..ערען. מיר ווילען ניט פערהאפּען, ווי מע זאָגט, די פּיש פאר דער נעטץ, און מיר געהען דעריבער ניט געחאפּט, טריט ביי טריט, נאָך אונזערע מאָהנע העלדען, די נע־ונד'ניקעס, וואָס האָבען נישט קיין בעזונדערן בערוף און נישט קיין בעשטימטע: פּונקט אויף גאָט'ס ערד, ריכטען אָפּ גלות, וואנדערען ארום צופעליג, דער אהער, דער אהין, אהן ז וואָרום און אָהן א צוועק, ווי בלאָנזענדע שטערען. געהענדיג אזוי מיט אונזערע ארטיסטען־נע־ונד'ניקעס האנד ביי האנד, קומען מיר צו אלע מאָל נעהינטער און נעהינטער צו יענעם מאָמענט, מיט וועלכען מיר האָבען אָנגעהויבען דעם צווייטען טהייל פון אונזער איינפאכער געשיכטע, וואָס האָט זיך צעוואכסען, אין דער לענג און אין דער ברייט און הויבט אָן אויסזעהען, ווי איין אמת'ער ראָמאן.

קאַפּיטעל 92.

א דעפּעשע פון לאָנדאָן

אין אָנהויב צווייטען טהייל פון אונזער ראָמאן האָבען מיר איבערגעלאָזט די וואנדער־טרופּפּע “האָלצמאן, שוואלבעט קאָמפּ.“ אין טשערנאָוויץ, די הויפּטשטאָדט פון דער בוקאָווינא, אינ'ם בעריהמטען האָטעל “צום שווארצען האָהן“, סאמע אין דער רעכטער ארבייט — מע האָט געשפּיעלט אין “טערטעל־מערטעל“. אהין פיהרען מיר אריין דעם לעזער נאָך א מאָל און מיר בעטען איהם, ער זאָל זיך פאָרשטעלען אין זיין זכרון דאָס גאנצע בילד, ווי אזוי איזאק שוואלב, דער “באנקיער“, ברענט ווי א ליכט, טהיילט אויס קאָרטען, און דער גאנצער עולם ארום היצט זיך. מע קוקט מיט זשעדנע אויגען אין טעלער אריין, ווי דאס געלד וואכסט. מע ווערטעלט זיך און מע שעלט דעם באנקיער, וויפיעל עס געהט אין איהם אריין, און מע שכ:עסט זיך דורך וועגען דעם יונגען ארטיסט ראפאלעסקא, וואָס שטעהט ביי דער זייט, שלאָגט א קאָרט נאָך א קאָרט און נעמט געלד.

— זעהט נור, ווי ראפאלעסקאָלען געהט עס א ביסעל דאָס בלג.ט. דריי מאָל דורכאנאנד געשלאָגען די באנק.

— א נאקעטער איז איהם איבערגעגאנגען דעם וועג.

— געבוירען געווארען אין א הייבעל.

— ווידער אמאל די לעצטע קלאס ראפאלעסקא! אָט נעמט ער צו דאָס גאנצע שיסעלע.

— שוין צוגענומען דאָס לעצטע ביכעל געלד.

— שוואלב! גזוגען זיך מיט די עטליכע גילדען.

— שוואלב! דו ביסט א בר־מינן.

— יתגדל ויתקדש.

אָט אזוי שמועסען זיך אויס חברה אקטיאָרען, און ראפאלעסקא נעמט געלד. אלע מאָל, וואס ער נעמט דאָס געלד, טראָגט ער עס צו צו האָלצמאנ'ס שוועסטערעל, צו זלאטקען — ער שפּיעלט מיט איהר אויף איין קאָרט — ער הייסט איהר אויפעפענען ביידע הענד און שיט איהר אויס דאָס ביסעל מינץ און פע־קוקט איהר בעת־מעשה אין איהרע שטראהלענדיגע אויגען אריין מיט א מינע, וואס דארף זאָגען: “איך וויס, מיידעלע, אז דו ביזט איצט אויף'ן זיעבעטען הימעל, ניט אזוי צוליעב די געווינסען, ווי צוליעב עפּיס אנדערש“... און זייערע שטראהלענדיגע אויגע: ביגעגענען זיך און רעדען א סך, נאָר אָהן ווערטער...

קיינער פון דער דאָזיגער קאָמפּאניע בעמערקט דאָס נישט. צו פיעל איז מען פערטהאָן אין דיא קאָרטען. נאָר איין האָלצמאן, וואָס זעהט אפילו דעמאָלט, ווען ער קוקט ניט, און הערט אפילו דאָס,

וואָס מע רעדט ניט, — ער הערט אלעם און טראכט ביי זיך אין הארצען: קיין עין־הרע, קיין בייז אויג, דער "יאט" געהט אין חדר אריין... אז מיר ויעלען ווערטה זיין ביי גאָט, וועלען מיר אם יו־צה־השם אין גיכע צייטען שטעלען דער וועלט א פייג — ונאמר אמן".

— וואסעראָכס! וואָס ביזט דוא געבליבען שטעהן? געב קאָרטען! — זאָגט האָלצמאן צו זיין שותף.

— איך געב! איך געב! — ענטפערט איהם שוואלב, און טהיילט אויס קאָרטען, און דאָס פנים הערט איהם נישט אויף צו פלאמען. אין דער מינוט דערהערט זיך א קלאָפּ אין טהיר: איינס־צוויי־דריי. "אריין!" רופען זיך אָן עטליכע קולות מיט א מאָל, און עס עפענט זיך די טהיר — א דעפּעש. "צו וועמען איז א דעפּעש?" "צו איזאק שוואלב". "פון וואנען א דעפּעש?" "פון לאָנדאָן". "וואָס פאר א דעפּעש?" האָט צייט, לאָזט איהם איבערלייענען". "ווי קאָן שוואלב לייענען? נישט פאר איהם געזאָגט געוואָרען".

און איזאק שוואלב צעטיילט קודם דאָס געלד פון דער באנק צוריק צו דיא שפּיעלערס, און דאָס נעמט א ביסעל צייט, וואָרום מע דארף דאָך האָבען א קאָפּ פון א מיניסטער, מע זאָל זיך אָנגעדענקען, וויפיעל ווער עס האָט איינגעשטעלט. דערביי פאלט א שען ביסעל קללות אויפ'ן באנקיר'ס קאָפּ און שארפע שפּיציגע ווערטער פליהען אין דער לופטען, ווי געוועהנליך.

אויסגעטהיילט דאָס געלד, חאפּט זיך שוואלב ארוים אויף א מינוט מיט דער טעלעגראמע צום בעל־הבית פונ'ם האָטעל, ער זאָל איהם איבערלייענען, וואָס דאָרטען שטעהט, און דער גאנצער עולם בלייבט געשפּאנט. וואָס פאר סודות קאָן האָבען שוואלב פון זיין שותף האָלצמאן?... און מעהר פון זיי אלעמען איז געשפּאנט האָלצמאן אליין. איהם שטעהט גלאט ניט אָן די מעשה, וואָס ער איז געבליבען זיצען דאָ מיט אלעמען, ווי איין אָפּגעשמיסענער, און עס ברענט אין איהם א פייער אויף דעם גראָבען יונג, וואָס ער האָט זיך מיט איהם פּערבונדען: "א חלירע זאָל קומען אויף דעם ציגארענמאכער"... נאָר אָט קומט אריין צוריק שוואלב מיט א שיינענדיג פּנים און רופט זיך אָן צום גאנצען עולם:

— קינדער, מיר פאָהרען קיין לאָנדאָן!

עס איז שווער זיך פאָרצושטעלען, וואָס האָט זיך אָפּגעטהאָן צווישען די אקטיאָרען, אז מע האָט דערהערט די דאָזיגע בשורה. איינער איז ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן טיש, אויפגעהויבען די רעכטע האנד:

— אי! לאָנדאָן? לאָנדאָן! לאָנדאָן! לעבען זאָל לאָנדאָן!

דער אנדערער האָט זיך דערלאנגט א פּאטש איבער דיא לוטקעס:

— מיך ציהט שוין לאנג קיין לאָנדאָן, דער רוח זאָל מיך נעמען!

א דריטער, א לאנגער אויסגעטריקענטער אקטיאָר מיט קעסטעלדיגע הויזען, ציהט זיך אוים ווי לאנג ער איז, לייגט אריין ביידע הענד אין די הויזענקעשענים, גלאנצט אוים א פּאָר אויגען מיט סכנות און הויבט אָן רעדען אויף ענגליש און מיט א ניגון: "אָ, יעס־יעס, מאי דיר מאי ביר, מאי קייק מאי סטייק, מאי רינג מאי קינג!" א פיערטער דערלאנגט דעם פינפטען א קלאפּ אין פּלייצע און געהט גלאט א טענצעל, זינגט צו דערביי מיט א הייזעריג קול א גויש ליעדעל, גאָט ווייסט פון וואנען עס האָט זיך אהער גענומען: "עה, בואוו טאי נעמא, טאי פּאָייחאוו דאָ מלינא!"...

— שטיל זאָל זיין, ממזרים! — צעשרייט זיך אויף זיי האָלצמאן, ווי א מענש, וואָס פיהלט, אז ער איז בעל־הבית, און דערלאנגט א זעץ מיט'ן

קולאַק איבער'ן טיש. — זעה נור, מע האָט זיך עס א ביסעל צ־הוליעט! א גדולה אויף דער באבע! קיין קאַפּעל דורך־ארץ פאר איין עלטערען, א מכה אייך אין האלז! א סבה אייך אין פנים! א חלירע אין דיא פּלייצעס!...

און צו שוואלבען רופט ער זיך אָן:

— אנו, ווייז נור אהער די דעפּעש, שוועלבעלע?

— ווייזען די דעפּעש? — זאָגט צו איהם שוואלב און קווינקעלט זיך. — ווייזען דיר די דעפּעש? יאָ. וואָס דענן? איך וועל דיר ניט ווייזען? איך וועל דיר ווייזען, איך וועל דיר ווייזען. נישט באלד, שפּעטער א ביסעל. איך דאַרף דיר פריהער עפּיס דערצעהלען א זאך. קום זיך דורך, אז דו ווילסט, אין קעלער אריין. דאָרט וועל איך דיר ווייזען.

און שוואלב קעהרט זיך אוים מיט'ן פּנים צו דער קאָמפּאניע:

— ווער געהט מיט מיר אין קעלער אריין?

— וואָס הייסט ווער? אלע!

— אין קעלער! אין קעלער!

עס ווערד א געפּילדער מיט א שטור־פּעריי צווישען דער חברה און מע פער־לאָזט דעם "שווארצען האָהן" און מע געהט אלע אינאיינעם אין קעלער אריין.

קאַפּיטעל 93.

אין קעלער

אייגענטליך, איז דאָס ניט קיין קעלער, ס'איז גאָר א שטוב. און ניט קיין שטוב, נאָר א ווײנשענק. און ניט קיין ווײנשענק, נאָר א שענקעל. אין טשערנאָוויץ אָבער רופט מען דאָס "קעלער". אז מע זאָגט איינעם: "געהען מיר אין קעלער" — ווייסט ער שוין, אז דאָס מיינט מען — צו מאיר בעשעלם. אזוי רופט מען דעם בעל־הבית פונ'ם קעלער, נאָך זיין טאטען בעשעל עליו־השלום (ער איז אויך געוועזן א ווײנשענקער).

מאיר בעשעלם איז אליין אפילו א דייטש א גלוח מיט א צילענדערהוט, נאָר איינם צום אנדערעז נעהר זיך נישט אָן. איין אמת יודיש גלעזעל וויין, אז איהר ווילט, און דוקא א מושקאט, און דוקא א רומענער, איז ביי מאיר בעשעלם. ווילט איהר פערבייסען, הייסט אייך דערלאַנגען א שטיקעל פלייש, וועט מען אייך געבען פלייש, עכט כשר (זענט איהר א דייטש און ווילט דאָס אָנרופען "וויענער שניצעל", איז ביי אייך דיא ברירה). אָדער אפשר ווילט איהר גאָר א יודיש "ראָסעלע"? (אויב עס געפעלט אייך, ס'זאָל הייסען בעסער "גולאש", הייסט עס "גולאש".) דערצו דערלאַנגט מען אייך זויערע אוגערקעלעך — אתרוגים, פון דיא אנטיקען (אז איהר ווילט, קאָנט איהר זיי רופען אויף דייטש "זאלצגורקען"). נישט דער נאָמען איז דער עיקר. דאָ האנדעלט זיך אינ'ם טעם, און ביי מאיר בעשעלם האָט אלסדינג א יודישען טעם. און פערקעהרט, טאָמער פערגלוסט זיך אייך אין מיטען מיטוואָך א שבת'דיג מעהרצימעסעל, אָדער א קוגעלע, א מאהינע מיט קעז — אבי געלד. מאיר בעשעלם איז א דימענט פון א מענשען, חאָטש ער איז גראָב וויא עוג מלך הבשן, און חאָטש ער האָט א בעזען קוק. דער בעזער קוק נעמט זיך ביי איהם דערפון וואָס איין אויג איז ביי איהם עטוואָס קאסאָקע.

אחוץ דיא אלע אויסגערעכענטע מעלות, וועט אייך דאָרט קיינמאָל ניט זיין סקוטשנע. תמיד וועט איהר האָבען מיט וועמען צו רעדען א וואָרט. מאיר בעשעלם אליין וועט אייך אונטערהאלטען. פון דער ערשטער מינוט, וואָס איהר האָט אריבערגעטראָטען זיין שוועל, האָט איהר אין איהם געפונען א גוטען פריינד, וואָס וועט אייך אמוזירען אויפ'ן בעסטען ארט. דאָס הייסט, ער וועט אייך אויסדערצעהלען אלסדינג, וואָס אין טשערנאָוויץ טהוט זיך, בערעדען אלע

בעלי־בתים מיט אלע ווייבלעך מיט אלע מיידלעך און וועט אייך דערצעהלען — בסוד־סודות געוויינטליך און מיט א זיס געלעכטערעל—אזעלכע מעשות, אז איהר וועט שטוינען און וועט זיך טראַכטען: "איינס פון די צוויי — אָדער איך שלאָף און עס חלומ'ט זיך מיר א חלום, אָדער דער מענש איז א שקרן, וואָס די וועלט האָט דאָס ניט"...

פון דעסטוועגען, קאָנט איהר געפינען צווישען זיינע געסט די פיינסטע בעלי־בתים פון שטאָדט, פאָרשטעהער פון דער קולטוס־געמיינדע און אפילו אמת'ע זעפוטאטען, אָפגעאָרדנעטע, רעכטסאַנוואלטער, די פיינסטע פראָמינענטע לייט פון טשערנאָוויץ. דיא אלע אויבענדערמאָנטע געסט, וואָס רעדען צווישען זיך נור אויף דייטש, וועלכעט איז זייער "מוטערשפּראַך", קוים האָבען זיי זיך אראָפּגעלאָזט צו מאיר בעשעלס אין קעלער אריין, לאָזען זיי זיך אראָפּ נאָך א ביסעל ניעדעריגער און הויבען אָן רעדען אויף יודיש, אָבער אזא יודיש, וואָס מע האָט אזעלכעס ניט געהערט זינט מיר זענען אין גלות.

אָט אין דעם דאָזיגען קעלער זענען אריינגעטראָטען אונזערע ארטיסטען, זיך בעשטעלט ווער א צימעסעל, ווער א "ראָסעלע" מיט אוגערקעלעך און ווער א פּאָר אוגערקעלעך אליין — יעדער לויט דער לאגע פון זיין קעשעני נאָכ'ן "טערטעל־מערטעל", און וויין האָט געשטעלט שוואלב.

— היינט איז אויף'ן גלעזעל מיין טאָג. — האָט ער געזאָגט און אוועקגעזעצט זיך מיט האָלצמאנ'ען ביי א טישעל גאנץ בעזונדער, וויא עס פּאסט פאר דירעקטאָר־ען, און דער איבעריגער עולם האָט זיך אמוזירט מיט'ן בעל־הבית. מאיר בעשעלס האָט זיי דערצעהלט א מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפען ביי זיי אין טשערנאָוויץ, איין אמת'ע מעשה, וואָס ער אליין וואָלט זאָגען, אז ס'איז א ליגען, ווען ער זאָל דאָס ניט זעהן מיט זיינע אויגען...

פונ'ם ערשטען גלעזעל מושקאט, וואָס איזאק שוואלב האָט גענומען, האָט זיך אויפגעבונדען ביי איהם די צונג און ער האָט גענומען דערצעהלען פאר זיין שותף האָלצמאן די גאנצע מעשה פון אָנהויב ביז'ן סוף, און דעם ריינעם אמת. גאָט זאָל איהם אזוי בעגליקען, וויא ער וועט ניט פערלייקענען פאר איהם אפילו אויף אָט אזוי פיעל. למאי זאָל ער זאָגען א ליגען, אז ער קאָן געהן מיט'ן אמת? "הקיצור, ס'איז אנ'אָפּענער זעכס און זעכציג. ער, איזאק שוואלב, האָט שוין לאנג בעמערקט, אז ער איז איהם, האָלצמאנען, איבעריג. אינגאנצען איבעריג. און דאָך האָט ער זיך געמאכט ניט ווי־סענדיג און געהאלטען זיך. צוליעב וועמען? נור צוליעב דער שוועסטער, דער פרימאדאָנא. פון א צייט אָבער האָט דיא פרימאדאָנא אליין אויך אָנגעהויבען עפּים ווי ארויס פון דער מאָרע. פון זינט מע האָט אוועקגעוואָרפען די בעסטע אָפּערעטען צוליעב "אוריאל אקאָסטא" און נאָך אזעלכע פוסטע זאכען, איז אוועק א סדרה ראפּאעסקאָ און נאָך א מאָל ראפאלעסקאָ און ווידער א מאָל ראפּאלעסקאָ. מילא, ער אליין, שוואלב הייסט עס, ס'זאָל איהם אָנהויבען אהרען. אוריאל אקאָסטא — איז אוריאל אקאָסטא. איז אָבער די שוועסטער. וואָס טהוט מען מיט דער שוועסטער? זי עסט איהם א לעבדיגען. זי האָט אויך, זאָגט זי, א נשמה. זי וויל אויך, זאָגט זי, אפּלאָדיסמענטען. האָט ער זיך מיישב געווען און שרייבט אוועק א בריעף צו זיין ברודער ניסעל קיין לאָנדאָן, די גאנצע מעשה, אזוי און אזוי. ער, איזאק שוואלב, טרוט תמיד אזוי. האָט ער עפּים — אזוי האקט ער א בריעף צו זיין ברודער ניסעל אין לאָנדאָן. קומט איהם אָן איין ענטפער פון זיין ברודער ניסעל פון לאָנדאָן: שוטה בן פיקהאָלץ!—שרייבט

איהם זיין ברודער ניסעל פון לאָנדאָן.— ביז וואנען איז דער שיעור ארומצושלעפּען זיך פון שמוני'ן צו בוני'ן? אמעהר, שרייבט ער, נעם די שוועסטער און קומט ביידע צו פאָהרען אהער, קיין לאָנדאָן. איך האָב דאָ פאר אייך, שרייבט ער, א געשעפט — א גאָלד. מיר האָבען דאָ, שרייבט ער, א טהעאטער א צאצקע, "פּאוויליאָן־טהעאטער" הייסט דאָס ביי אונז. שוין איין מאָל א טהעאטער. און ארטיסטען, שרייבט ער, זענען איינס און איינס: דראָנגען, קאטשענעס, שייטהעלצער, און מע שארט פון דעסטוועגען גאָלד מיט לאָפּעטעס. ווארום דאָס פּובליקום, שרייבט ער, איז דאָ זעהר ניט קיין געבאלעוועט פּובליקום. וואָס מע גיט דעם, עסט עס אויף און לעקט אויס מיט די פינגער. איך האָב שוין גערעדט, שרייבט ער, מיט וועמען מע דארף, זאָגען זיי: לאָז נור דיין ברודער קומען אהער מיט דער שוועסטער, מיט דער פּרימאַדאָנעכ'ן, וועלען מיר זיי פארצוקערען. מיר האָבען, זאָגען זיי, געהערט פון איהר און געלייענט אין די צייטונגען. גוטס לאָזט זיך הערען פון דער ווייטען. נו, און נאָך און נאָך שרייבט איהם זיין ברודער ניסעל פון לאָנדאָן. געהט ער, איזאק שוואלב הייסט עס, און האקט איהם אריין א בריעף: אזוי און אזוי. פאָהרען איז קיין קונץ ניט. מע דארף וויסען, אויף וואָס מע פאָהרט; קאָנדיציעס, גאראנטיע, קאָנטראקט. קומט איהם אָן וויעדער א תשובה פון זיין ברודער ניסעל פון לאָנדאָן: בהמה, שרייבט ער, וואָס דו ביזט! אז איך זאָג דיר, זאָלסט קומען, מסתמא איז שוין דאָ, שרייבט ער, אלסדינג, וואָס מע דארף; קאָנדיציעס, גאראנטיעס און קאָנטראקטען. געהט ר' איזאק שוואלב, און האקט איהם אריין נאָך א בריעף, כך וכך: האָב איך אזוי פיעל און אזוי פיעל און די שוועסטער— אזוי פיעל און אזוי פיעל — זאָל ער קלאפּען א דעפּעש, קומען זיי באלד צו פאָהרען. קומט איהם אָן אָט די דאָזיגע דעפּעש.

— נו? וואָס וועסט דו זאָגען אויף מיין אָחי? — מאכט שוואלב צו זיין שותּף און שטעלט איהם אוועק אקעגען דאָס רויטע פּנים.

— וואָס זאָל איך זאָגען? — ענטפערט איהם האָלצמאן כלומרשט גאנץ קאלטבלוטיג און קוקט זיך אויף די שפּיץ פינגער. — איך האָב דיר שוין לאנג געזאָגט, אז דיין בראטישעק איז א בראווער יונגאטש, ביזט ניט ווערטה זיין פּאדעשווע. אודאי איז גוט צו זיין אין טשערנאָוויץ, אז מע האָט א ברודער אין לאָנדאָן, וואָס איז דאָ פארהאן צו רעדען? נאָר וואָס דען? איך וואָלט א בעלן געווען זעהן דיא דעפּעש.

שוואלב טהוט א זופּ אָפּ פונ'ם גלעזעל:

— קאָנסט דענן לייענען?

— איך דארף נישט לייענען; איך וויל נור אזוי א קוק טהון.

— וואָס האָסט דו ניט געזעהן? א דעפּעש ווי אלע דעפּעשען. — מאכט צו איהם שוואלב און בעוויזט איהם די דעפּעש אקעגען דעם שיין פונ'ם פענסטער. און איידער שוואלב האָט זיך ארומגעקוקט, איז די דעפּעש שוין געווען ביי האָלצמאנ'ען אין די הענד.

א מינוט שפּעטער איז צו גערופען געוואָרען האָלצמאנ'ס סעקרעטער, דער "מענש מיט בילדונג", און אָט וואָס ער האָט איבערגעלייענט אין דעפּעש: "אויב קומען איז נור מיט ראפּאלעסקאָ'ן"...

— — — — — — — — — — —

דער דירעקטאָר האָלצמאן האָט, שטעלט אייך פאָר, זיין שותּף קיין שום אויסרעד נישט געמאכט, אפילו קיין וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט נור גענומען די דעפּעש און האָט איהם דערלאנגט מיט איהר א רעכטען שמיר איבער זיין רויט פּנים פון אויבען אראָפּ.

קאַפּיטעל 94.

ווער איז דער פאַרשוין

דיא בעריהמטע וואנדער־טרופּפּע "האָלצמאַן, שוואלב עט קאָמפּ." איז שוין גרייט געווען צו פערלאָזען טשערנאָוויץ און פאָהרען ווייטער אָפּריכטען גלות־טהעאטער. ניסעל שוואלב האָט זיי שוין געהאט צוגעשיקט אפילו פון לאָנדאָן א יודישע צייטונג, וואו עס איז געווען געדרוקט אויף דער ערשטער זייט א גאנץ ברייטע אפּיש מיט מורא'דיג גרויטע שרייענדיגע אותיות:

"!!!סענסיישאָן!!!
!!!איבערראשענדע נייעס!!!
לעאָ ראפאלעסקאָ, דער גרעסטער אידישער סטאר, וואס האָט איבערראשט די גאנצע וועלט, — אין גיכען אין לאָנדאָן, אין פּאוויליאָן טהעאטער!!!"

מע האָט שוין אפילו גענומען פּאקען זיך אין וועג אריין. עס איז געבליעבען ניט מעהר נאָך איין פאָרשטעלונג אין טשערנאָוויץ צום בענעפיט פון ראפאלעסקא. צו דעם דאָזיגען בענעפיט האָט זיך געגרייט די טשערנאָוויצער יוגענד מיט'ן אקאדעמישען פעראיין "אמונה" בראש. די קארטען זענען געווען דורך דער חברה יונגווארג אויסגעפערקויפט ביז איינע. עס זענען זיך צונויפגעפאהרען קיין טשערנאָוויץ יונגע לייט פון די ארומיגע קליינע שטעדטלעך אָסטריצע, זיטשקע, שיפעניץ, נאוועסעליץ, וואָס א יודיש טהעאטער האָט נאָך קיינמאל אהין ניט פערבלאָנזעט פון אָדם הראשון ביז צו היינטיגען טאָג. און אפילו פון אזעלכע שטעדט, ווי סאדעגערע, באָיאן, שאָץ און נאָך אזעלכע ערטלעך, וואו דאָס רוב יודען זענען פערברענטע חסידים, האָבען זיך אויף אָפּגעריסען עטליכע יונגע לייט פון די "פאָרטגעשריטענע עלעמענטען". די משמעות, אז דער נאָמען ראפאלעסקא האָט דערגרייכט אזש אהין, וואו דער "רבי" זיצט און געוועלטיגט מיט גרויד־סער קראפט א סך מייל ארום און ארום...

א פול־געפּאקטער זאל איז פאר'ן ארטיסט א גאראנטיע אויף ערפאָלג. ובפרט, פאר אזא איין ארטיסט, ווי ראפאלעסקא, וואָס האָט כמעט צו יעדען ספּעקטאקאל זיך אָנגעצונדען מיט'ן זעלבען פייער, גלייך ווי ער טרעט אויף צום ערשטען מאָל אויף דער ביהנע און וויל בעווייזען פאר'ן פּובליקום, וואס ער פערמאָגט. ראפאלעסקא האָט זיך שוין לאנג נישט געפיהלט אזוי גוט, ווי אין דעם דאָזיגען אבענד. ער האָט אָנגעווענדעט אלע כחות פון זיין בליהענדען טאלאנט און האָט איצטיגעס מאָל געשאפען אין "אוריאל אקאָסטא" איין אויסגעצייכענטען, א שטילען, איינזאמען פילאָזאָף, איין אמת'ען שפּינאָזא. ראפאלעסקא אליין האָט נישט געציעלט דערויף, נאָר עס האָט זיך ביי איהם געטהאָן פון זיך זעלבסט, אינסטינקטיוו. דורך זיין אונגעוועהנליכער נאטירליכקייט האָט ער בעוויזען, וואס הייסט נצחון; אז ניט דיער איז א גבור, וואָס איז מנצח דעם אנדערען, נאָר דער, וואס קאָן אויסשטעהען א מלחמה מיט זיך אליין און זיך אליין מנצח זיין.

עס איז מעגליך, אז ערגיץ אנדערש־וואו וואָלט דאָס איצטיגע שפּיעלען ניט אזוי אויסגענומען, ווי עס האָט אויסגענומען אין טשערנאָוויץ, ווייל אויף דער פאָרשטעלונג האָבען זיך געפונען די אויבענדערמאָנטע "עלעמענטען", חסידישע יונגע לייט, וואס האלטען מלחמה שטילערהייד מיט דער פינסטערניש, מיט דער רעאקציע. די דאָזיגע פערבאָרגענע העלדען פיהרען אָבער זעלטען אויס און פאלען אָפּט בעזיעגטע, ווי אוריאל אקאָסטא איז געפאלען. דאָס טהעאטער האָט זיך פּשוט געבראָכען פון די רוישענדע אפּלאָדיסמענטען און מורא'דיגע אָוואציעס. ווי

שטודירענדע יוגענד האָט אויף די הענד ארויסגעטראָגען דעם בענעפיציאַנט ראפאלעסקא'ן, איהם בעשאָטען מיט בלומען, אונטערגעטראָגען מתנות, וואָס חברה אקטיאָרען האָבען זיי בעטראכט און האָלצמאן האָט זיי בעהאַלטען. א פּאָר יונגע לייט האָבען געלייענט אדרעסען, וואָס קיינער האָט זיי ניט געהערט, אחוץ דאָס בינטעל סטודענטען, — מיט איינעם וואָרט: דאָס איז געווען א טריאומף, וואָס גיט זיך איין זעלטען, אפילו אזא צעבאַלעוועטען ארטיסט, ווי ראפאלעסקאָ.

צום אלערלעצטען, אז אלע אָוואציעס האָבען זיך שוין געענדיגט, חברה אקטיאָרען האָבען זיך שוין איבערגעטהאָן, צעגויפגענומען די פּעקלעך און מיט א געפילדער און מיט א טארעראם זענען זיי שוין גרייט געווען פערשוויצטערהייד פערלאָזען דאָס טהעאטער, עס האָט שוין געהאלטען ביי אויסלעשען די ליכט און ביי שליסען די טהירען, — איז אָבער געווען אונמעגליך. עס האָבען זיך צעגויפגעשלאָגען, ווי שפּעלאך אין דער טשערעדע, סאמע ביי'ם ארויסגאנג, א גאנצע חאָפּטע יונגע לייט, צווישען זיי א סך מיט לאנגע קאפּאָטקעלעך, און אלע מיט רויטע פערשוויצטע פּנים'ער און מיט ברענענדיגע אויגען, וואָס האָבען ארויסגעקוקט אויף ראפאלעסקא'ן. ראפאלעסקאָ וועט דאָך מוזען א מאָל ארויסגעהן פון טהעאטער — טאָמער וועלען זיי פּאָרט זוכה זיין חאָטש נאָך איין מאָל איהם זעהען פון דער נאָהענט. חסידישע יונגע לייטלעך מיט הייסע טעמפּעראַמענטען — ארויסטרייבען זיי איז ניט מעגליך. זיי האָבען זיך דאָס וואָרט געגעבען — ניט אָפּטרעטען פון דאנען, זיי זאָלען וויסען — דער טוידט זאָל זיי זיין. נאָר ווי אויף צו־להכעיס, איז ניט ראפאלעסקאָ און נישט קיינער פון די אקטיאָרען ווילען זיך נישט בעווייזען. הינטער די קוליסען זעהט מען נישט און מע הערט נישט קיינעם גיט. נישט אנדערש אז דאָרט האָט זיך עפּיס געטראָפען.

און כך הוה. אָט וואָס דאָרט האָט זיך געטראָפען: תיכף נאָך'ן ערשטען אקט האָט האָלצמאן, וועלכער שטעהט אויף דער וואך און גיט אכטונג, בעמערקט צווישען יונגווארג, וואָס האָט ליעב צו שטופּען זיך הינטער די קוליסען, עפּיס איינעם א מאָדנעם נפש, א בעוואכסענעם, מיט א בעקאנט פערשלאָפען פּנים מיט בעקאנטע באנקעוואטע אויגען. דער דאָזיגער נפש איז ניט געפעלען געוואָרען האָלצמאנ'ען פון דער ערשטער מינוט, וואס ער האָט איהם דערזעהען. איהם איז ניט געפעלען געוואָרען, וואָס ער קריכט גלייך הינטער די קוליסען, שטופּט זיך און וויל זיך דורכשלאָגען דוקא צו ראפאלעסקא'ן. האָט איהם האָלצמאן געבעטען, ער זאָל מוחל זיין געהן צוריק: "פעטער! — האָט ער איהם געזאגט אויף'ן אידעלען ארט. —זייט ניט אָט דאָס, וואָס סע קוויטשעט, און קריכט ניט אהין, וואו מע דארף ניט"... צום צווייטען אקט — ווידער דאָס אייגענע: דער פערשלאָפענער נפש מיט די באנקעוואטע אויגען שטופּט זיך צו ראפאלעסקא'ן און האָלצמאן גיט איהם דעם וועג שוין מיט א פּאָר שטעכווערטלעך: "א יוד איז א חזיר. מע זאָגט איהם וואוהין קריכסטו דו מאכט ער זיך גע'פגר'ט". נאָך'ן דריטען אקט האָט איהם האָלצמאן געפּאקט שוין אויף דער טהיר, צוויי שריט פון ראפאלעסקא'ן, האָט ער איהם אָנגענומען פון הינטען ביי'ם קאָלנער און ארויסגעווארפען פּשוט, אָהן צערעמאָניעס, און געבענשט מיט "א חלירע אין דער לינקער זייט בויך" איהם און אלע חייאָקעס, וואָס פּלאָנטען זיך פאר די פיס, דער שווארץ יאָהר ווייסט זיי וואָס!... ערשט העט־שפּעטער, גאָר צום סוף, אז די ארטיסטען האָבען געהאַלטען ביי'ם איבערטהון זיך, האָט האָלצמאן בעמערקט פון דער ווייטען דעמ־

זעלבען פערשלאָפענעם נפש, ווי ער האָט זיך טאקי פאָרט דורכגעגליטשט און האָט זיך אריינגעהאפּט צו ראפאלעסקא'ן גלייך אין דער גארדעראָבנע אריין. ווי א צערייצטער טיגער האָט האָלצמאן דער־לאנגט א שפּרונג צו. נאָר איידער ער איז צוגעלאָפען איהם אָננעמען פאר'ן קארק, איז דער נפש שוין געווען ארומגענומען מיט'ן "יאט" און ביידע האָבען זיי זיך געקושט און געהאלזט, ווי צוויי לייבליכע ברידער.

האָלצמאן האָט געעפענט מויל און אויגען און איז געבליבען שטעהן א פער־גליווערטער. ווען דער טאטע פון יענער וועלט זאָל קומען, וואָלט ער ניט בע־דארפט מעהר שטוינען. האָלצמאן האָט אויסגעזעהען אין דער מינוט, ווי א שטיק לייהם, ווי א נישט־פערענדיגטע סטאטוע, אין וועלכער דער סקולפּטאָר האָט גע־וואָלט דורכפיהרען שרעק, נאָר ס'איז איהם ניט געראָטען. זיין מאָדנע אויסגע־צויגען געשטופּעלט פּנים איז געווען מורא'דיג לעכערליך און זיינע שפּיציגע אויגען האָבען גערעדט:

— יודען! צעשניידט מיך אויף שטיקלעך! ווארפט ארויס מיין פלייש פאר די הינט! נאָר זאָגט מיר: ווער איז אָט דער פּארשוין, וואָס קושט זיך מיט'ן "יאט"?...

קאפּיטעל 95.

דיא מאַמע געשטאָרבען

ווער געדענקט בעני ראפּאלאָוויטשעס קאססיר, דעם פערשלפענעם מרה־שחורה'דיגען בחור מיט די באנקעוואטע אויגען פון האָלענעשטי, וואָס מע רופט איהם מיט'ן שענעם נאָמען "ששון־ושמחה"? — דאָס איז געווען דער פּארשוין, וואָס האָט זיך צעקושט מיט ראפּאלעסקא'ן

ווי קומט ער קיין טשערנאָוויץ? פון וואנען און צוליעב וועמען? וואָס הערט זיך עפּיס אין האָלענעשטי? וואָס מאכט בעני ראפּאלאָוויטש מיט זיין גאנצער משפחה? וואָס מאכט ישראָלי דער חזן, לאָה די חזנ'טע און זייער טעכטערעל רייזעל? — אָט וועגען דעם אלעם האָט "ששון־ושמחה" געהאט צו דערצעהלען פאר ראפּאלעסקא'ן א גאנצע נאכט.

די צוויי, אז זיי זענען ארויס פון טהעאטער און געקומען אויף דער אכסניה "צום שווארצען האָהן", האָבען זיי זיך פערקליבען צו ראפּאלעסקא'ן אין חדר, אָנגעפרעגט ביי האָלצמאנ'ען, צי ס'איז מעגליך. מע זאָל זיי לאָזען אליין?

— אָך! מיט'ן גרעסטען בזיון! — האָט האָלצמאן א זאָג געטהאָן, בעת־מעשה א בלישטשע געגעבען מיט זיינע שפּיציגע אויגען אויף'ן מרה־שחורה'דיגען פּיפּערנאָטער מיט די באנקעוואטע אויגען, איבערגעלאָזט זיי אינצווייען. אָנגעזאגט הויך אויף א קול, קיינער זאָל זיך ניט דערוועגען חלילה אריינגעהן. און אליין האָט זיך אונזער דירעקטאָר, צו קיין חרפּה זאָל איהם ניט זיין, אוועקגע־זעצט ביי זיך אין צווייטען חדר אקוראט הינטער דער טהיר, צוגעלעגט איין אויהער און איינגעהערט זיך גוט, ניט דורכגעלאָזט א וואָרט פון'ם געשפּרעך, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען "יאט" און צווישען דעם בעוואכסענעם פּארשוין פון האָלענעשטי. דעם דאָזיגען געשפּרעך געבען מיר איבער ווי ווייט מעגליך אין קורצען. נאָר איידער מיר טרעטען צו צו דער ערצעהלונג, דארפען מיר זאָגען א פּאָר ווערטער פון'ם ערצעהלער גופא.

"ששון־ושמחה", אז מיר האָבען איהם איבערגעלאזט אין בוקארעשט, אין'ם פרייליכען ווארייטע מיט'ן נאָמען "פּא־ראדיזאָ", מיט ראפּאלעסקאָ'ס עלטערען ברודער אנשעל, איז ער דעמאָלט נאָך געווען א בחור מיט א בעוואכסענער ליפּ. איצט איז ער שוין, ברוך־השם, א בע־ווייבטער. ער האָט חתונה געהאט פון האָלענעשטי טאקי, אָט באלד וועלען מיר

וויסען — פאר וועמען, און ער האָט שוין לבּ״ול צוויי קינדערלעך, און ער טראָגט שוין איצט א באָרד, וואָס וואָט זיך צעוואקסען ביי איהם, קיין עין־הרע, אין דער לענג און אין דער ברייט, און דאָס מאכט איהם דאָס פּנים נאָך מעהר פערשלאָפען און נאָך מעהר מרה־שחורה׳דיג, ווי פריהער, און ער זעהט אוי״ס ווי א יוד א בעיאָהרטער, א פערזאָרגטער בעל־הבית.

מעהר האָבען מיר דערווייל פון איהם גאָרנישט וואס צו זאָגען, און געהען אריבער גלייך צו דער מעשה אליין, וועלכע מיר געבען איבער טאקי מיט׳ן לשון פון “ששון־ושמחה”:

—הער זשע, לייבעלע, נשמה מיינע הארציגע, וואס איך וועל דיר דערצעהלען. האָבען מיר זיך אוועקגעלאָזט, הייסט עס, ביידע, איך און דיין ברודער אנשעל, דו הערסט צי ניין, איבער דער גרויסער וועלט זוכען דעם נעכטיגען טאג, שטשופּאק׳ען הייסט עס, מיט דער חאָליאסטרע. ווארום ווערליג די סליעדסטוויע מיט די עדות האָבען ארויסבעוויזען, איז דער אמת ארויף ווי בוימעהל אויף׳ן וואסער, אז דאָס איז ניט אנדערש, ווי שטשופּאק׳ס ארבייט, און אז ער האָט קיין אנדער וועג פאר זיך ניט געהאט, אָט דער שטשופּאק, ווי רומעניע. על־כן האָבען מיר זיך אויך גענומען קיין רומעניע. כך הוה. געקומען, דו הערסט צי ניין, קיין יאס, הויבען מיר אָן זיך נאָכפרעגען צווישען יודען: צי האָט איהר ניט געזעהן אזעלכע און אזעלכע יודישע אקטיארען שלים־מזל־ען, פערשלעפּטע קרענק, איינער מיט א מגושמ׳דיג געקנייטשט פּנים, דער אנדערער א קורצינקער מיט ממזרישע אויגען, וואָס אז ער געהט, טאנצט ער אונטער? ווערען מיר געוואָהרע, דו הערסט צי ניין, אז מע האָט געזעהן א סך יודישע אקטיארען שלים־מזל׳ען, פערשלעפּטע קרענק, און אלע זענען זיי מיט מגושם׳דיגע פּנים׳ער און מיט ממזר׳ישע אויגען נאָר וואָס דען? צי זיי טאנצען געהענדיג, אָדער זיי געהען טאנצענדיג— דאָס, זאָגען זיי, האָבען זיי פּערגעסען צו בעמערקען. אם־ירצה־שם, דאָס אנדערע מאָל, זענען זיי מבטיח, דו הערסט צי ניין, וועלען זיי זיך שוין בעסער צוקוקען. וואָס אָגסט דו אויף אזעלכע מאָלדעווער קוטשמעס? הער זשע, וואָס ווייטער איז געווען. דערזעהען, אז אין יאס איז א נעכטיגער טאָג — שלעכט, וואָס טהוט מען? האָבען מיר זיך אוועקגעלאָזט, דו הערסט צי ניין, ווייטער און ווייטער, ביז מיר זענען געקומען אזש קיין בוקארעשט. פאָהרענדיג, זאָגט צו מיר דיין ברודער אנשעל, אז זיין נאָמען זאָל ניט הייסען אנשעל, אויב ער וועט איהם ניט פּאקען! זאָג איך: “הלואי, פון דיין מויל, זאָג איך, אין גאָט׳ס אויהרען”. און כך הוה. געקומען קיין בוקארעשט האָט דיין בראטישעק, אנשעל הייסט עס, געגעבען, דו ערסט צי ניין, א לעב אונטער — זאָל דער אויבערשטער אויסהיטען אלע יודען! געלד האָט מען דאָך אונז מיטגעגעבען א פולע היטעל— וואָס אהרט איהם? וואו ערגיץ א טהעאטער, וואו ערגיץ א קאפע, וואו ערגיץ א שענקעל, דו הערסט צי ניין. טענה איך מיט איהם: “אנשעל, זאָג איך, אין גאָטעס ווילען, זאָג איך, וואס טהוסט דו, זאָג איך, דו ברענסט, זאָג איך, געלד!” מאכט ער צו מיר: ס׳איז ניט דיין טאַטענס עסק, שווייג! שלעכט — וואָס טהוט מען? שווייג איך. עס געהט אוועק א טאָג און צוויי און דריי, געלד לאָזט אזוי ווי שניי, שוין באלד ניטאָ קיין פּארעס. זאָגט ער: שרייב דעם טאטען, ער זאָל שיקען געלד. טענה איך: “אנשעל! אין גאָטעס ווילען, זאָג איך, וואָס וועט זיין, זאָג איך, דער תכלית?” מאכט ער צו מיר: ס׳איז ניט דיין זיידענס געשעפט, מע זאָגט דיר שרייבען— שרייב! שלעכט, וואָס טהוט מען? שרייב איך. דערווייל זיצען מיר אזוי

איינמאָל אין א מין טהעאַטער, אָדער א שענקעל, וואָס מע רופט דאָס "פּאראַדיז". עס שפּיעלען מיידלעך, טאַנצען און זינגען, און עפּיס איינע, מארינעסקאָ-מילאַנעסקאָ רופט מען זי, אפילו א גאַנץ היבשע נקבה, דו הערסט צי ניין, און א גוטע ציגיינערין אויף אויסנעמען געלד (דאָ האָט די אויבערשטע ליפּ ביי "ששון-ושמחה" אויפגעהויבען זיך א ביסעל ווי צום לאַכען — דעם ערשטען מאָל פאַר דער גאַנצער נאַכט). איך טהו א קוק, דו הערסט צי ניין, אַקוראַט ביי דער טהיר שטעהען צוויי קענטליכע פּאַרשוינען, ביידע אָנגעטהאָן יום-טוב'דיג. איך קוק מיך איין — איך וואָלט געמעגט שווערען, אז ס'איז דו, לייבעל הייסט עס. "יאָ, ס'איז ער, טראַכט איך מיר, ס'איז ער, ווי איך בין א יוד! "און איך טהו מיך א הויב אויף און רוף מיך אָן צו דיין ברודער אַנשעל: "אַנישעל, זאָג איך, דו זעהסט, זאָג איך? ער איז דאָ, זאָג איך!" זאָגט ער: ווער? זאָג איך: "לייבעל". זאָגט ער: עס חלום'ט זיך דיר. זאָגט ער, דו שלאָפסט. אהינאהער, ביז איך האָב מיך געלאָזט לויפען, ביז עפּעס וואָס, איז שוין, דו הערסט צי גיין, ניט געוועזן קיינער! שלעכט, וואָס טהוט מען ווייטער? דערווייל קומט אָן א בריעף פון האָלענעשטי, אז די מאַמע דיינע איז געפעהרליך קראַנק און אז אַנשעל זאָל פאָהרען אהיים וואָס גיכער. זאָג איך צו אַנשלען: "פאָהרען מיר?" זאָגט ער: שרייב אַוועק אַ בריעף, אז מיר זענען שוין אויף'ן רעכטען וועג, לאָז מען ארויסשיקען נאָך געלד. זאג איך: "אַנשעל, זאָג איך, אין גאָטעס ווילען, זאָג איך, אָדער לאָמיר פאָהרען אהיים, אָדער לאָמיר פאָהרען ווייטער. ממה-נפשך"... מאַכט ער צו מיר: ניט דיין באַבעס דאגה, מע זאָגט דיר שרייב, זאָלסט דו שרייבען! שלעכט, וואָס טהוט מען? גיה איך און שרייב אַוועק, דו הערסט צי ניין, א בריעף קיין האָלענעשטי, צום טאַטען הייסט עס, געוויינטליך פערשטעלט: אזוי און אזוי, שרייב איך איז די מעשה, איהר זאָלט וויסען זיין שרייב איך, אז אונזער נסיעה, שרייב איך, איז אַרויסגעוואָרפען, גיה זוך דעם נעכטיגען טאָג, עס קאָסט נור געלד אומזיסטאומנישט און טהון טהוען מיר גאָרנישט. און דאָס וואָס איך האָב אייך געשריעבען ביז אהער, שרייב איך, אז מיר קעהרען איבער וועלטען, האָב איך דאָס אייך געשריעבען נור ווייל אַנשעל, שרייב איך, האָט מיר אזוי געהייסען שרייבען. וואָס זאָל איך טהון, שרייב איך, איך בין דאָך ניט מעהר ווי א מענטש! מע הייסט מיר שרייבען, שרייב איך. על-כן זאָלט איהר מעהר, שרייב איך, קיין געלד ניט שיקען, און אז איהר וועט אויפהערען שיקען געלד, שרייב איך, וועלען מיר דאָך סוף-כל-סוף מוזען קומען אהיים. אָט אזוי שרייב איך זיי פערשטעלט, וואָס דען האָב איך געזאָלט טהון? זאָג אפשר, אז איך בין אומגערעכט? הער זשע ווייטער. עס געהט ניט אַוועק, דו הערסט צי ניין, קיין אכט טאָג, קומט אונז אָן א דעפּעש קיין בוקאַרעשט, א קורצע נאָר א גוטע, סך-הכל דריי ווערטער: "קום צופאָהרען. דיא מאַמע איז פערביי"...

ווי נור "ששון-ושמחה" האָט ארויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, האָט ראַפאַלעסקא איהם אָנגעחאַפּט פאַר ביידע הענד:

— הא? וואָס זאָגסט דו? די מאַמע...?

— זאָל האָבען א ליכטיגען גן-עדן. ווי דען, קינדעניו, האָט דאָס געקאָנט אַנדערש זיין? א קליינינקייט, וואָס זי איז אויסגעשטאַנען! זי איז דאָך אזוי אויך געוועזן, זאָל זי מיר מוחל זיין, הויט און ביינער, קוים-קוים וואָס די נשמה האָט זיך געהאַלטען, און דאָס גרויסע ראָסקאָש, וואָס זי האָט געהאַט ביי'ם טאַטען, דאַרפסט דו אויך געדענקען. און דאָ איין באָמבע נאָך דער אַנדערער. איך

ווייס ניט, וועמען פון אייך ביידען האָט זי בעסער ליעב געהאט — דיך צי אנשלען? ווארום כל־זמן אנשעל איז געזעסען אין בוקארעשט האָט זי נאָך געהאט א האָפּענונג, אז ער וועט קומען מיט דיר אינאיינעם. וויבאלד אבער, אז זי איז געוואָהרע געוואָרען, דו הערסט צי ניין?...

ניין. ראפאלעסקא האָט איהם מעהר נישט געהערט. ער איז געפאלען אויף דער האנד, ווי מע פאלט תחנון, בעהאלטען דעם קאָפּ און האָט זיך צעוויינט און צעחליפּעט, ווי א קליין קינד. “ששון־ושמחה” האָט זיך פערלוירען. טרייסטען, אויסרעדען דאָס הארץ, זאָגען א גוט וואָרט — דערויף איז ער ניט בעשאפען געווארען. האָט ער גענומען ברעכען די הענד און רעדען צו זיך אליין: “שלעכט, שלעכט! וואָס טהוט מען?” דערווייל האָט מען דערהערט ראפאלעסקא'ס געוויין אין די איבעריגע חדרים, איז מען געקומען צולויפען, פריהער האָלצמאן, דערנאָך די אלטע שרה־ברכה און נאָך איהר זלאטקע, און ס'איז געוואָרען א בהלה מיט א טארעראם מיט א הו־הא.

— וואָס איז? וואָס איז דאָ געשעהען? — האָבען זיך אלע דריי אריינגעריסען.

— מיין מאמע געשטאָרבען! — האָט ראפאלעסקאָ אויסגעבראָכען און געפאלען האָלצמאנ'ען אויף'ן האלז מיט א געוויין. האָט זיך האָלצמאן ניט געקאָנט איינהאלטען און האָט זיך פערקרימט, ווי א יודינע וואָס קלויבט זיך צו וויינען. אויף איהם קוקענדיג, האָט זיך צעוויינט אויך זלאטקע, און די אלטע שרה־ברכה האָט פערבראָכען מיט די הענד און גענומען יאָמערען און קלאָגען און לייענען מיט א ניגון, ווי פון א מענה־לשון:

— וועה איז מיר, ווינד איז מיר, א דונער האָט מיך דער'הרג'עט! א מאמע פון קינדער נעבאך פיסקליאטעס קליינע פיינעלעך! ווער וועט זיי פיטערען? ווער וועט אויף זיי אכטונג געבען? ווער וועט דער קאָפּ וועה טהון אויף די עלענדע יתומים, וואָס זענען געבליעבען ווי אויף'ן וואסער? ווארום כל־זמן די מאמע איז א מאמע, איז דער טאטע א טאטע, און אז די מאמע געהט אוועק, זאָל מען בעסער ניט דערלעבען...

— לאָז זיין שטיל! זיך צעיאחמערט א ביסעל! — איז האָלצמאן אָנגעפאלען אויף דער מוטער און צעשריגען זיך אויך אויף דעם בעוואכסענעם מויד־שחורה'דיגען קאססיר מיט די באנקעוואטע אויגען פאר דער גוטער בשורה, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט דעם “יאט”.

— שמינדער בגעץ! ווער האָט אייך געבעטען? ווער האָט אייך געשלעפּט פאר דער צונג? אזעלכע בשורות זאָגט מען אָן דורך א גוי...

“ששון־ושמחה” איז געבליעבען זיצען ווי איין אָפּגעשמיסענער, האָט זיך ראפאלעסקא אָנגענומען זיין קריוודע. ער האָט געגעבען אָנצוהערעניש, אז “ששון־ושמחה” איז ביי איהם א גאסט, און אז ער וויל, מע זאָל איהם היינטיגע נאכט לאָזען צו־רוה, נאָר היינטיגע נאכט... האָלצמאן האָט פערשטאנען דאָס אָנצוהערעניש. און חאָטש עס האָט זיך איהם זעהר ניט געגלוסט איבערלאָזען דעם “יאט” אליין מיט אָט דעם שמינדער בגעץ. נאָר ס'איז עפּיס א תירוץ? איצט איז ניט די יאָהרען, וואָס אמאָל. איצט, אז ראפאלעסקא זאָגט, איז געזאגט... און האָלצמאן פערקוקט איהם אין די אויגען אריין און לאָזט אוים זיין גאנץ ביטער הארץ אויף דער מוטער און אויף דער שוועסטער:

— וואָס זענט איהר געקומען אהער, וועלכע שווארצע יאָהר? ווער האָט געשיקט נאָך אייך ווער? זעה נור, זיך צעיאכמערט א ביסעל! ווער בעט אייך, איהר זאָלט זיין! קקאָג־מוטערם ווער? — אזוי האָט האָלצמאן איבערגע'חזר'ט נאָך א מאָל, זיי דורכגעטריבען און אליין

גליטשט ער זיך אויף ארויס פּאַוואָלינקע פון׳ם חדר, בעזעצט זיך ווידער אויף זיין פריהעריגען פּאָסטען, אויף יענער זייט טהיר, און לעגט צו איין אויהער. און ראפאלעסקא בלייבט מיט „ששון־ושמחה" ווידער א מאָל אינצווייען און ער בעט דעם קאססיר, ער זאָל איהם איי־בערגעבען אלע איינצעלהייטען מיט אלע קליינינקייטען, ווי אזוי די מאמע איז געשטאָרבען? און ווען איז זי געשטאָר־בען? און צי האָבען זיי זי נאָך געטראָ־גען פאר דער קבורה? און ווי אזוי איז געווען די לויה? אלסדינג האָט איהם „ששון־ושמחה" געמוזט דערצעהלען, און ניט איין מאָל, נאָר עטליכע מאָל. א סך מאָל!

קאַפּיטעל 96.

נייעס פון האָלאָנעשטי

א גאַנצע נאַכט איז ניט געקומען קיין שלאָף אויף זייערע אויגען. „ששון־ושמחה" האָט דערצעהלט נייעס פון האָ־לענעשטי, און ראפאלעסקא האָט זיך צו געהערט צו זיין מאָנאָטאָנעם קול, וואָס האָט געקלונגען און געהודעט ווי איין אָנ־געבראָכענע גלאָק און געצויגען זיך און געצויגען, ווי א גע־יכטער האָניג, אָהן איין אָפּשטעל, איבערגעריסען אלע מאָל נור מיט א „הער זשע ווייטער" און מיט א „דו הערסט צי ניין" און מיט א „שלעכט, וואָס טהוט מען?" אויך האָלצמאַן נעבאך איז ניט געגאַנגען שלאָ־פען. ער האָט נישט געקאָנט אָפּרייסען זיך פון דער טהיר. נישט געקאָנט אפילו אויפהויבען זיך פון׳ם בענקעל, טאָמער דערהערט מען דאָרט א סקריפּ. עס זענען געווען מינוטען, ווען האָלצמאַן האָט זיך פערשאָלטען דאָס געביין: אויף צו־להכעיס האָט איהם געשטיקט אלע מאָל א הוסט צו טהון. האָט ער זיך איינגע־האַלטען מיט אלע כחות און געזעסען אין געהאקטע וואונדען און געהערט גלייך מיט ראפאלעסקא׳ן נייעס פון האָלע־נעשטי.

יענע נאַכט, קאָן מען זאָגען, זענען זיי ביידע, ראפאלעסקא און האָלצמאַן, געּ־וואָהרע געוואָרען נייעס פון האָלענעשטי א סך מעהר ווי אין די אלע יאָהרען פון זינט זיי זענען נע־ונד אויף דער גרויסער וועלט.

ערשטענס, וועגען בעני ראפאלאָוויטש. וועה־וועה, וואָס פון ראפאלאָוויטשעס שטוב איז געוואָרען! א חורבן. איין אי־בערקעהרעניש. אָנהויבען פון ראפאלאָ־וויטשעס ווייב, פון ביילקען. די קליי־ניטשקע, די שטילינקע, די שוואכינקע ביילקע איז אויסגעגאַנגען ווי א ליכט. שטיל, זיך נישט געקלאָגט פאר קיינעם, איז זי אוועק פון דער וועלט, וואו זי האָט אזוי פיעל געליטען איבער איהרע קינ־דער, קיין גוטען טאָג נישט געוואוסט. די שטילינקע ביילקע האָט געוואָלט שטאַרבען שטיל, ווי זי האָט געלעבט. האָט זי דעריבער נישט געוואָלט זאָגען קיינעם, וואס איהר איז. און אז ס׳איז איהר געוואָרען שטאַרק שלעכט און אלע האָבען דאָס דערזעהן, האָט בעני צע־שיקט פערד אויף אלע טראַקטען און אראָפּגעבראַכט די בעסטע דאָקטוירים, געאַרבייט מעשים, געזאָגט, מע זאָל איהם אויסטהון ביז׳ן העמד, אבי ביילקע זאָל איהם זיין געזונד. איז אבער געווען שוין צו־שפּעט. ווי א קנויל ביוועל, אָדער ווי א קליין קינדעלע, איז די קלייניטשקע, שטילינקע ביילקע געלעגען אויף איהר גרוים בעט מיט שטאַרק צענויפגעמאַכטע ליפּען און מיט שטאַרק איינגעפאלענע ווייסע־ווייסע בעקלעך. איינע אליין אין א גרויסען אלקיר אין א גרוים בעט. קיי־נער־קיינער ביי דער זייט. בעני איז גע־ווען פע־טראָגען מיט די דאָקטוירים. די עלטערע זיהן — אין געשעפט. די טעכ־טער — אין קיך־זאַכען. אנשעל און לייי־בעל זענען ניטאָ. נאָר איין בת־שבע, די יונגסטע פון די טעכטער, איז געזעסען

אין א ווינקעלע און געוויינט שטילערהייד — זי זאָל ניט אויפוועקען די מאַמע. ניין, זי וועט שוין ניט אויפוועקען די מאַמע. די מאַמע איז שוין געהאַט דעמאָלט געשלאָפען שטארק. איהרע צוגעמאַכטע אויגען האָבען אויסגעזעהען אויף איהר ווייס, צו־ווייס פנים, ווי צוויי שווארצע גריבלעך. איהרע בלאָנדע אמאָל זעהר שעהנע ברעמען, וואָס האָבען ארויסגעקוקט פון אונטער איהר ווייסען שטערן, ארומגעברעמט מיט א ווייסען האנטיכעל, האָבען צוגעגעבען איהר קליין קינדיש פנים א קינדיש פערטראכט אויסזעהן. איין האנד, א קליין קינדיש ווייס, א ביסעל צו־ווייס הענדעל, איז אראָפּגעהאנגען פון דער קאָלדרע אראָפּ. אלעם האָט אויסגעזעהען ווי געוועהנליך, גלייך ווי זי ליגט אין א טיעפען שלאָף. שטיל איז געווען. א הארץ, וואָס האָט אזוי פיעל ליעב געהאט און אזוי פיעל דורך דעם געליטען, האָט שוין אויפגעהערט ליעבען, ליידען און שלאָגען. שטיל איז געווען. א מורא'דיגע, א הייליגע שטילקייט. דאָס איז געווען די שטילקייט פון'ם טוידט. געשטאָרבען ביילקע.

ביילקע איז געשטאָרבען און די אלטע באבע, בעני ראפאלאָוויטשעס מוטער, די וואָס שאָקעלט מיט'ן קאָפּ "ניין־ניין" — די לעבט! זי איז שוין עובר־בטל און בלינד אויףביידע אויגען, נאָר זי לעבט. און געהט פרעגט קשיות!... אלע עלטערע קינדער, די זיהן מיט די טעכטער, די שניר מיט די איידעמס מיט די אייניקלעך האָבען זיך צעקראָכען, דער אהער, דער אהין. בעני האָט קיינמאָל נישט געקאָנט הויזען מיט די קינדער. נאָר זינט ביילקע איז איהם אוועקגעשטאָרבען, איז ער געוואָרען — זאָל גאָט היטען!... אנשלען האָט ער חתונה געמאכט, טאקי דעם זעלבען שידוך פון בעלץ. איהם געגעבען א ווייבעל א מיאוסקייט, נאָר פון א שען אָרט. ער טאָר אבער נישט קומען פאר'ן פאָטער'ס אויגען. זיין נסיעה קיין בוקארעשט וועט ער איהם אייביג ניט פערגעסען... זיצט זיך אנשעל אין בעלץ. ער האלט א קלייטעל פון טיטון, פון מאחאָרקע, און איז, זאָגט מען, געווארען אזוי פערגרעבט, אז ס'איז איהם גאָרנישט צו דערקענען... איין טאָכטער, די מיטעלסטע, פערעל הייסט זי, האָט זיך גע'גט מיט איהר מאן און זיצט א גרושה. די אנדערע פון איהר, יוכבד, האָט חתונה געהאט, דעם טאטען אויף צו־להכעיס, פאר יחיאל דעם כלי־זמר'ס א ברודער, אויך א כלי־זמר, און גאָר די יונגסטע, בת־שבע, האָט געזאָלט שטודיערען אויף אקושאָרקע, האָט זי בעני ראפאלאָוויטש אויף צו־להכעיס חתונה געמאכט, טאקי פאר איהם, פאר שמחה דעם קאססיר הייסט עס. (דאָ לאָזט אראָפּ ששון־ושמחה" די אויגען און הויבט אָן ווי פערענטפערען זיך:) ער איז זיך מודה, אז ער האָט שוין לאנג געהאט געווארפען אן אויג אויף בת־שבע'ן, נאָר ער האָט קיינמאָל ניט געוואגט אזא זאך אָנצומוטהען, חאָטש אפילו, אז מע וויל צוריק, מיט וואָס איז יחיאל דעם כלי־זמר'ס ברודער א שענערער יחוס? יעדענפאלס, איז דאָך שמחה אן'אייגענער. א ווייטער קרוב, דאָך א קרוב. בת־שבע אליין איז אפילו געווען פון'ם שידוך מע קאָן ניט זאָגען שטארק צופריעדען. אדרבה, זי האָט זיך א צייט "געבריקעוועט", "געמאָרדעוועט", געמאכט אָנשטעלען, געוויינט און געארבייט, געזאָגט, אז זי וועט זיך נאָר א מעשה אָנטהון... איהם אליין, שמחה'ן הייסט עס, איז דאָס געווען אויך איבער דער טבע. בת־שבע איז טאקי זעהר א וואוילע, מע קאָן זאָגען, דיא בעסטע פון אלע. נאָר אָנהענגען זיך מיט געוואלד האָט ער אויך ניט געוואָלט. האָט אָבער בעני ראפאלאָוויטש זיך איינגעשפּאַרט — איין מאָל פאר אלע מאָל... בקיצור, זיי האָבען חתונה געהאט — און גאָר ניט. דאנקען

גאָט, זיי האָבען שוין צוויי קינדערלעך און עס וועט שוין באלד זיין נאָך איינס. עס וואָלט זיי געווען, מע קאָן זאָגען, גאנץ נישקשה'דיג, ווען נישט דאָס נייע אומגליק, וואָס האָט זיי געטראָפען...

— וואָס נאָך פאר אן אומגליק? — פרעגט איבער מיט שרעק ראפאלעסקאָ, און "ששון־ושמחה" חאפּט זיך איהם צו בערוהיגען:

— גאָרנישט. גאָרנישט. עס רעדט זיך נור אזוי — אנ־אומגליק. אין דער אמת'ן איז דאָס גאָר ניט אזא אנ'אומגליק. דער שוועהר זאָל לעבען איז אויף דער עלטער, פאר צרות א פּנים, דו הערסט צו ניין, געוואָרען פרום.

"אָט דאָס איז גאָר? — חאפּט אונ־טער שטילערהייד האָלצמאַן הינטער דער טהיר און שפּייעט אויס. — טפו זאָלסט דו ווערען, פערשלאָפענער פּיפּערנאָטער, פאר אלע טשערנאָוויצער אידען!"

און "ששון־ושמחה"'ס מאָנאָטאָנע שטימע גיסט זיך ווייטער.

קאפּיטעל 97.

בעני ראַפאַלאָוויטש ווערט אַ בעל תשובה

— הער זשע ווייטער, וואָס איך דער־צעהל דיר. דהיינו, וויא אזוי מיינסט דו איז ער געוואָרען פרום, דער שוועהר זאָל לעבען? מיט סכנת־נפשות! ער האָט זיך ארייננגעלאָזט, דוא הערסט צו ניין, אין יודישקייט. טאָג וויא נאכט — נור געדאווענט און נור געזאָגט תהלים. מילא, דאָס דאווענען מיט'ן תהילים־זאָגען וואָלט אָבער נאָך אויך נישט געווען אזא איין אומגליק, ווען נישט נאָך א גרעסערע צרה. דהיינו, וואָס פאר א צרה? דער רבי!... דער שוועהר זאָל לעבען איז מיט א מאָל געוואָרען דעם רבי'נס א חסיד, א הייסער, א פייערדיגער חסיד. און אָנגעהויבען פאָהרען, דו הערסט צו ניין, צום רבי'ן און ניט נור פאָהרען, נאָר זיצען, ליגען, נישט ארויסטרעטען פונ'ם רבינ'ס הויף. פריהער איז געווען דער שטעפאנעשטיר רבי, רב מתתיהו. איצט איז דער באָיאנער. שוין העכער א האלב יאָהר אז ער האָט זיך אוועקגעזעצט אין באָיאן ביי'ם רבי'ן — און וויל נישט פאָהרען אהיים. געקומען איז ער קיין באָיאן אויף יום־טוב, און פון דעמאָלט אָן איז — א גוטען טאָג מיט דער קאַ־פּאָטע. האָב איך דערזעהן, אז ס'איז א מעשה אָהן אן עק, איך שרייב צו איהם, צום שוועהר הייסט עס, א בריעף נאָך א בריעף: "געוואלד, שוועהר לעבען, וואָס איז דער תכלית? עס ווערד א תל פונ'ם איבעריגען ביסעל בעל־הבתיש־קייט!" ענטפערט דיא וואנט? ער וויים נור איין זאך: מע זאָל איהם, דוא הערסט צי ניין, — איך זאָל איהם שיקען געלד פון דער היים. וואָס איז ביי מיר — :ז קרענעצי? א ברונען? א ברונען שעפּט זיך אויף אוים!... געזעהן, ס'איז שלעכט — וואָס טהוט מען? האָב איך מיך מיישב געווען, דו הערסט צו ניין, און האָב מיך ארויפגעחאפּט צום שוועהר קיין באָיאן, מיט איהם איבעררעדען. מע קאָן דאָך איהם ניט מפקיר זיין... נאָר געה רעד צו דער וואנט, אז יענער האָט זיך ארייננגעלאָזט, מישטיינסגעזאָגט, אין אזעלכע זאכען: דער רבי, דער רבי און דער רבי! שבת, ווען דער רבי פּראוועט דעם טיש, זיצט ער, דוא הערסט צו ניין, מיט אלע חסידים און חאפּט שיריים. צו שלש־סעודות דיא חסידים פּליעסקען — פּליעסקעט ער אויך. שבת־צו־נאכטס נאָך דער מלוה־מלכה דיא חסידים טאנצען — טאנצט ער אויך. רעדען מיט איהם פון דער היים, פון האָלענעשטי — קאָן מען נישט. ער וויל נישט האָרכען. דערמאָנען איהם דיא קינדער — טאָר מען נישט. און ווער שמועסט, דער נאָמען לייבעל אָדער אנשעל — לא יזכר ולא יפּקד. אנשעל הייסט ביי איהם: "מלאך־המות". אָט דער מלאך המות האָט, זאָגט ער נע־

קוילעם דיא מאמע. ווען ניט אנשעל מיט זיין שענער נסיעה קיין בוקארעשט, וואָלט דער שוועהר קיין אלמן ניט געבליעבען. דאָס איז זיכער, וויא דער טאָג. העד זשע ווייטער. בין איך געקומען קיין באָיאן צום רבי'ן, צום שוועהר הייסט עס, האָב איך איהם געטראָפען, דו הערסט צי ניין, אויף אלע שונאים געזאָגט געוואָרען. איך קאָן מיך גאָרניט דערמאָנען. דאָס הארץ טהוט וועה. זאָלסט איהם זעהען — קיין האלב נישט געבליעבען. דער בויך העננט. דיא באקען איינגעפאלען. אלט און גרוי. איך האָב מיך אזש צעוויינט. און ער — ער זאָל דאָס אפילו א פרעג טהון : וואָס מאכען דיא קינדער ? — גאָר נישט, גאָלע גאָר נישט. איך זאָל געהן, דוא הערסט צו ניין, מיט איהם צום רבי'ן. און טאקי באלד. אנדערש וויל ער ניט. איך זאָג דיר — שטארקער פון אייזען. א מוסר זיך אראָפצונעמען פון דעם מענטשען. איך וויל מיט איהם אָנהויבען עפּעס רעדען, שמועסען פון דער היים, וואָס וועט זיין דער תכלית ? לאָזט ער נישט. מאָרגען, זאָגט ער, מאָרגען. היינט דארף ער זיין, דו הערסט צי ניין, ביי'ם רבי'ן. און אזוי פון טאָג אויף טאָג. דערווייל, זיצענדיג אזוי אויף דער אכסניה, העד איך עפּים יונגע לייט שמועסען פון טשערנאָוויץ... פון יודיש טהעאטער... פון א בענעפיט, וואָס ווערד געשפּיעלט דורך עפּים איינעם א בעריהמטען נאָך גאָר א יונגעטשקען אקטיאָר פון בוקארעשט, בלוט און מילך, מיט'ן נאָמען ראפאלעסקאָ... דער נאָמען "ראפאלעסקאָ", די שטאָדט "בוקארעשט" און דיא ווערטער "אן'אקטיאָר", "א יונגעטשקער", "בלוט און מילך" — זענען מיר, דו הערסט צי ניין, אריין אין נאָז אריין : "צי איז דאָס נישט אונזער לייבעל ?" — טראכט איך מיר. עפּעס קלעפּט זיך מיר דאָ איינס מיט'ן אנדערען : בוקארעשט... ראפאלעסקאָ... יודיש טהעאטער... און איך האָב מיך מיישב געווען אזוי : עס קאָסט במילא הוצאות, וועט קאָסטען נאָך א פּאָר העלערס — איך מוז, דו הערסט צו ניין, א קוק טהון אויף דעם דאָזיגען יונגעטשקען אקטיאָר פון בוקארעשט. נאָר קודם בעדארף מען א רעד טהון וועגען דעם מיט'ן שוועהר, האָרכען, וואָס וועט ער זאָגען. פון וואנען הויבט מען אָן? פון טהעאטער. פון יודיש טהעאטער אין טשערנאָוויץ... דערהערט "יודיש טהעאטער" — איז ער געוואָרען, וואָס זאָל איך דיר זאָגען ? א שענערען לייגט מען אין דער ערד. ער האָט אזש אָנגעהויבען צו טרייסלען זיך. געחאפּט דעם שטעקען, דוא הערסט צי ניין, און געזאָגט, אז ער וועט מיר דעם קאָפּ צעשפּאלטען, טאָמער רעד איך אויס נאָך איין וואָרט !.... שלעכט, וואָס טהוט מען ? בין איך ארויסגעגאנגען אין גאס, געדונגען א פוהר גלייך קיין טשערנאָוויץ און בעצאָהלט וויא א בראָדער סוחר. וואָרום לאָמיר זיך ניט נארען, א שטייגער, איך זאָל וויסען, אז ס'זאָל מיך קאָסטען מי יודע וויפיעל, איך זאָל אפילו דארפען געהן צו־פוס איך וויים אליין ניט וויפיעל — וואָס איז שייך ? וויפיעל איז ביי מיר ווערטה דאָס אליין, וואָס איך זעה דיך, דאנקען גאָט, א לעבעדיגען. היינט דעם כבוד, וואָס דוא האָסט געהאט אין טהעאטער. דו וועסט מיר גלויבען צי ניין ? אז ס'איז געוואָרען א געשריי מיט א פּאמיטעריי "ראפאלעסקאָ"! און אז חברה יונגווארג האָבען דיך א נעם געגעבען אויף די הענד, האָבען זיך מיר געשטעלט טרערען אין דיא אויגען, וויא דו זעהסט מיך א יודען ! איך האָב מיך דערמאָנט, דו הערסט צו ניין : וועה איז מיר, אָט דאָס איז דאָך אונזער לייבעל, אָט דער וואָס איז געשלאָפען מיט מיר אין איין אלקיר !... א בעט קעגען א בעט !...

דאָ האָט זיך "ששון־ושמחה" אויסגעווישט א טרער און פלוצים האָט זיך

בײ איהם איבערגעביטען דאָס קול מיט'ן
פּנים, מיט'ן טאָן, און ער רופט זיך אָן
צו ראַפאַלעסקאַ'ן מיט א צוקערדיג
גנבה'ש לשון:

— געדענקסט, נשמה'ניו, וויא מיר
פלעגען שלאָפען אינאײנעם, אין אײן
אַלקיר, א בעט קעגען א בעט?.... מײנע
הויזען מיט דיא שליסעלעך פלעג איך
תמיד האַלטען בײ מיר צוקאָפּענס... יע־
נעם שבת־צו־נאַכטס, דוא הערסט צו נײן
האָב איך אויך געלעגט דיא הויזען צוקאָ־
פּענס... מײנסט דו, אז איך האָב ניט
געהערט, ווי עמיצער שטעהט בײ מײן
בעט, טאַפּט די הויזען און פּאָרעט זיך
בײ'ם טישקעסטעל?... געהערט, איך
זאָל אזוי הערען אל־דאָס גוטס. נאָר איך
האָב נישט געקאָנט, דו הערסט צו נײן,
אויפרײסען די אויגען... וואו איז אהינ־
געקומען דאָס געלד, וואָס... דעמאָלט...
פון טישקעסטעל?.... איך מײן, בײ וועמ־
ען זענען זײ געבליבען? בײ אָט א
יענעם, וואָס מיט'ן מגושמ'דיגען גע־
קנײטשטען פּנים? צי בײ'ם קלײנעם
טאַנצענדיגען אקטיאָר מיט דיא ממזר־
רישע אויגען? צי גאָר בײ אָט אדער
געשטופּעלטער חלירע, וואָס אמאָל האָט
ער געהײסען האַצמאַך, און הײנט רופט
מען איהם שוין האָלצמאַן?...

קאַפּיטעל 98.

א מחק פון ראַפאַלאָוויטשעס שטוב

עס האָט שוין אָנגעהויבען שאַריען
אויף טאָג. דער טשערנאָוויצער מאַרק,
וואָס שטעלט זיך אוים אלע פריהמאָרגען
אַקעגען דעם "שווארצען האָהן", האָט
שוין אָנגעהויבען אויפצושטעלען זיך,
בעווײזען סימנים פון לעבען, און אונזע־
רע צוויי אַלטע בעקאַנטע (איצט שוין
שטיקלעך אײגענע), ראַפאַלעסקאַ און
"ששון־ושמחה", האָבען נאָך אַלץ גע־
רעדט, דאָס הײסט, רעדען האָט גערעדט
"ששון־ושמחה", און ראַפאַלעסקאַ האָט
איהם געהערט מיט דער גרעסטער שפּאַ־
נונג, איבערגעריסען איהם זעלטען מיט
א האַפּ אויף זיך פון אָרט, אָדער מיט
אײן אויסגעשריי: "טאַקי באמת?"
אָדער: "וואָס רעדסט דו?" אָדער: "עס
קאָן ניט זײן!".... "ששון־ושמחה" האָט
איהם פערזיכערט, אז אלץ, וואָס ער דער־
צעהלט איהם, איז תורת־אמת, געשוואָ־
רען בײ זײן יודישקײט — ער זאָל אזוי
דערלעבען קומען אהײם צו זײן ווײב און
קינדערלעך, און נאָך אַזעלכע שבועות,
גלײך וויא ראַפאַלעסקאַ וואָלט איהם ניט
געגלויבט אָהן א שבועה, דאָס איז געווען
אזוי קאָמיש, אז האָלצמאַן, וועלכער איז
נאָך אלץ געזעסען הינטער דער טהיר
פון צווײטען חדר, אריינגעקוקט דורכ'ן
לעכעל פון'ם שליסעל צו ראַפאַלעסקאַ'ן
אין חדר ארײן און צוגעהערט זיך שטאַרק
צום גאַנצען שמועס, האָט זיך ניט
געקענט אײנהאַלטען פאַר געלעכטער
און שטילערהײד געשטיקט זיך. און אז
ס'איז געקומען צו דעם מאָמענט, ווען
"ששון־ושמחה" האָט א פרעג געגעבען
פּלוצים בײ ראַפאַלעסקאַ'ן מכח'ן געלד
וואָס ס'איז פערפאַלען געוואָרען דע־
מאָלט פון'ם טישקעסטעל אין האָלע־
נעשטי, האָט אונזער האָלצמאַן שטאַרק
צוגעלעגט דאָס אויער צו דער טהיר,
גײציג געווען צו האָרכען, וואָס וועט
איהם דער "יאַט" ענטפערען דערויף;
האָט אָבער בעת מעשה געגעבען א
טרישטשע דאָס בענקעל, וואָס האָלצמאַן
איז אויף דעם געזעסען, אזוי אז אלע
דרײ האָבען זיך איבערגעשראָקען: ראַ־
פאַלעסקאַ און "ששון־ושמחה" האָבען
זיך גלאַט דערשראָקען פאַר'ן טרישטש,
וואָס האָט אויסגעווײזען אין דער שטיל־
קײט פון דער נאַכט א סך שטאַרקער,
ווי ס'איז געווען אין דער אמת'ן. און
האָלצמאַן האָט זיך דערשראָקען, טאָ־
מער דערוויסט מען זיך, אז ער איז די
גאַנצע צײט געזעסען פון יענער זײט

און צוגעהערט א פּרעכטיקן שמועס. דער איבערשרעק איז אָבער נאָך א פּאָר מינוטען שטילשווייגען איבערגעגאנגען מיט גאָר נישט, און האָלצמאן האָט געקאָנט בלייבן גאנץ צוגעשטעהרט אויף זיין פּאָזיציע, וויא פריהער. לײַדער אָבער האָט ער סאמע דאָס אינטערעסאנטעסטע נישט געהערט. ניט דערפאר ווייל ער האָט שלעכט געהערט; אדרבה, ער האָט דורך דער טהיר געהערט איטליכס וואָרט. נאָר דאָ איז געוועזן איין אנדער סבה: ראפאלעסקאָ האָט אויף דער פראגע פון געלד פשוט נישט געוואָלט ענטפערן. ער איז אויפגעשטאנען, ארומגעשפּאצירט א פּאָר מאָל הין און צוריק איבער'ן חדר; דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און, שטאָט דעם ער זאָל ענטפערן זיין נייגעבאָרענעם שוואָגער אויף דעם, וואָס יענער האָט איהם געפרעגט, האָט ער ביי איהם בעסער א פרעג געגעבען:

— נו? און וואָס מאכט עפּיס מיין אמאָליגער רבי, דער חזן?

"דער יאט איז גאָר קיין נארר ניט". — טראכט זיך האָלצמאן. — ער פרעגט איהם דאָס, ענטפערט ער איהם בויבעריק, פערשלאָגט איהם האקעבאקע, מכח א רבי'ן און מכח א חזן. וויבאלד אזוי, מעג איך געהן שלאָפען. שוין באלד גרויסער טאָג. חאפּט איהם דער וואטעמאכער, אָט דעם מרה־שחורה'דיגען פארשוין. א חלירע זאָל זיך ארייןחאפּען צו איהם אין דער לינקער זייט בויך!"....

מיט דיא דאָזיגע ווערטער טראָגט זיך אָפּ אונזער האָלצמאן שטילערהייד צו זיך אויפ'ן בעט, טהוט זיך אויס און דעקט זיך איין מיט דער קאָלדרע איבער'ן קאָפּ און ווערט גיך אנשלאָפען, און אונזערע שוואָגערס, "ששון־ושמחה" און ראפאלעסקאָ, ציהען ווייטער זייער געשפּרעך:

"ששון־ושמחה": אויף ישראָלי דעם חזן פר־ּסט דו? עהע־הע! גליקליך! גליקליך ווי די וועלט!

ראפאלעסקאָ: דהיינו?

"ששון־ושמחה": דהיינו, יענער איז א גביר.

ראפאלעסקאָ: א גביר? ישראָלי דער חזן א גביר?

"ששון־ושמחה": אַן־אדיר! ער איז שוין אויס מלמד, אויס חזן. טע־טע־טע! גאָרניט דער ישראָלי, וואָס אמאָל. און לאָה די חזנ'טע, געדענקסט לאָה די חזנ'טע? טראָגט זי פּערעל אין דער וואָכען און געהט אָנגעטהאָן, דו הערסט צי ניין, וויא א גביר'טע און בעריהמט זיך פאר איטליכען מיט איהר טאָכטער. וואו זי געהט — איז "מיין רייזעל" און "מיין רייזעל". זי האָט שוין מיט איהר "רייזעל" אלעמען דעם קאָפּ פעררייזעלט. א קלייניגקייט — איהר רייזעל? היינט הייסט זי שוין ניט רייזעל. היינט הייסט זי שוין ראָזא און איז א בעריהמטע זינגערין. אין לאָנדאָן איז זי איצט. דו געדענקסט זי נאָך, צי ניין? אָט דאָ ניט לאנג איז זי געוועזן צו־גאסט ביי אונז אין האָלענעשטי מיט א גאנצע חאליאסטרע זינגערס און שפּיעלערס, ארומגעלאָפען מיט קארעטעס און מיט וועלאָסיפּעדען, דו הערסט צי ניין, פּי־פּו־פּא — סכנת־נפשות! וואָס זי האָט אָפּגעקאָסט די נסיעה, מעגען מיר זיך דאָס ביידע ווינשען פּערד־'ענען. א ווערטעלע? מע זאָגט גאָר, אז זי האָט א חתן, פערמאָגנ' ער א מיליאָן, דו הערסט צי ניין, א גאנצען מיליאן! האָלענעשטי איז מיט איהר געגאנגען האָדאָראָם. אויף די גאסען איז מען איהר נאָכגעלאָפען. א ווערטעלע אויסצורעדען! ערשטענס, איז זיא טאקי געוואָרען שען, אז ס'איז איהר אין פּנים

נישט אַריינצוקוקען. הויך און שען און געזונד, און זינגט, זאָגט מען, אַז ס׳לאָזט זיך אויס דיא וועלט, היינט איז זי פּשוט רייך, רייך אין געלד. קאָנסט פֿערשטעהן א חזנ׳ס אַ מיידעל פֿערגינט זיך, זי וויל אָוועקקויפֿען, דו הערסט צו נײַן, אונזער דירה, דאָס הייסט, דעם שוועהרס דירה, פֿון וועמענס וועגען מיינסטו? פֿון איהרעט וועגען? עס הויבט זיך גאָר ניט אָן! פֿון דעם חזנ׳ס וועגען. דער חזן אליין האָט דוקא נישט געוואָלט הערען ניט זעהען. די חזנ׳טע אויך ניט. זיי האָבען גע׳טענה׳ט, וואָס טויג זיי אזא גרויסע יאַרמעלקע? זיי האָבען בעסער געוואָלט אָוועקקויפֿען נעהנע דער אַלמנה׳ס דירה. האָט זיך די טאָכטער, רייזעל הייסט עס, איינגעשפּאַרט, דו הערסט צי נײַן, דוקא ראַפּאַלאָוויטשעס דירה! און נישט נור די דירה אליין — דעם גאַנצען הויף מיט דער סטאַדאָלע מיט׳ן בעל־הבתישקייט וויל זי אָוועקקויפֿען. וואָס דאַרפֿסטו מעהר? אפֿילו דעם הונט "טערקוש" — געדענקסט איהם? — האָט זי צו איהם אויך חשק געהאַט. אַז אָוועקקויפֿען, זאָגט זי, איז מיט האַק און פּאַק. א השגה פֿון א חזנ׳ס א מיידעל, חע־חע!

דאָס איז געוועזן ביי "ששון־ושמחה" דאָס צווייטע געלעכטער פֿאַר היינטיגער נאַכט. דערזעהען אָבער, אַז ראַפּאַלעסקאָ לאַכט נישט מיט, אדרבה, ער איז עפּיס גאָר מאָדנע פֿערטראַכט און ווי פֿערזאָרגט געוואָרען, פֿערענטפֿערט זיך "ששון־ושמחה" אויף זיין לשון:

— איך וואָלט די דירה בשום אופֿן ניט פֿערקויפֿט. נאָר אַז גאָט שיקט צו אזא קונה! האָב איך מיך מיישב געווען, דו הערסט צי נײַן, לאָז זי חאַטש גוט בעצאָהלען. זאָג אפשר אַז נײַן?.... וואָס איז דיר, לייבעלע? וואָס גיזט דו עפּיס פּלוצים געוואָרען אַזוי...? עס טהוט דיר אפשר באַנג, וואָס מיר האָבען פֿערקויפֿט די דירה? גלויב מיר, לייבעל סערדצע, עס האָט מיר אויך וועה געטאָן דאָס הארץ, נישט ווינציגער ווי דיר, אפשר נאָך מעהר. נאָר וואָס האָט מען געקאָנט טהון? אַז דאָס געשעפֿט געהט צו גרונד. דער שוועהר זאָל לעבען ליגט ביים רבי׳ן. די קינדער האָבען זיך צעפֿאָהרען, איינער אין ליסי, דער אנדערער אין סטריסי, צעזייט און צעשפּרייט. דו הערסט צי נײַן, אויף אלע זיבען ימים. ווער איז געבליבען אין דער היים? נאָר איין אַלטע באַבע, וואָס איז שוין עובר־בטל, און מיין בת־שבע מיט די קינדער, זיך רעכען איך ניט... וואָס דאַרף איך? איך, ווי דו קוקסט מיך אָן, דאַרף גאָר ניט. איך לעב, דו הערסט צי נײַן, אַזוי ווי איך האָב געלעבט שטענדיג. אַנ׳אַנדערער אויף מיין אָרט — עהע־הע!...

דעם "עהע־הע" האָט "ששון־ ושמחה" אויסגעצויגען מיט א ניגון און מיט א מאַך מיט דער האַנד. וואָס איז געווען דער פּשט פֿונ׳ם "עהע־הע"? און וואָס האָט בעדייט דער מאַך מיט דער האַנד?

קאַפּיטעל 99

ראַפּאַלעסקאָ ווידער אין עולם הדמיון

אומזיסט האָט זיך אָט דער נפש "ששון־ושמחה" אַזוי פֿערענטפֿערט פֿאַר זיין יונגערען שוואָגער: ראַפּאַלעסקאָ׳ס פֿערטשאַדעטער קאָפּ, זיין פֿערוועהטיגט הארץ און ער אינגאַנצען זענען געווען ווייט פֿון דאַנען. א מיש־מאַש פֿון געפֿיהלען האָט זיך צענויפֿגעקליבען ביי

איהם אין הארצען: געוויסענביסען, בענקעניש, חרטה, נייגיעריגקייט, ליעבע — ניין, אזוי פיעל האָט אונזער העלד נאָך קיין מאָל ניט איבערגעלעבט, ווי אין דער דאָזיגער נאכט. ער האָט אין איין נאכט, קאָן מען זאָגען, פערלאָרען פאָטער און מוטער, שוועסטער און ברידער און דאס גאנצע הויזגעזינד מיט דער גאנצער שטוב, וואו ער איז געבוירען, מיט דער שטאָדט, וואו ער איז אויסגעוואכסען — אלעס, אלעס, וואס איהם איז אמאָל געווען ליעב און טהייער, האָט ער אין דער דאָזיגער נאכט פערלאָרען, פערלאָרען אויף אייביג און עס האָט זיך איהם אויסגעדאכט, אז אלעס, וואס איהם איז אמאָל געווען נאָהינט, איז איצט ווייט פון איהם, גאנץ ווייט, גלייך ווי איהם וואלט אָפּגעטהיילט פון זיי א גאנצע וועלט, איין אייביגקייט. און עס שטעלט זיך איהם פאָר אלעס ווי א חלום, אלעס טונקעל, ווי איינגעהילט אין א געדיכטען שלייער, און איבערגעדעקט מיט א נאכט־הימעל, וואס איז פול־פול מיט סודות און נור איין ··טערענדעל שיינט צו איהם ארויס פונ׳ם דאָזיגען טונקעלען הימעל, שיינט און לייכט און ווינקט צו איהם, רופט איהם צו זיך, — דאָס איז רייזעל.

פון דיא אלע מעשיות, וואָס „ששון־ושמחה" האָט איהם דאָ דערצעהלט, האָט ער ארויסגעזעהען, אז אלסדינג, וואָס האָט פריהער געלעבט, געבליהט, געצאפּעלט און געפרייהט זיך, איז אָפּגעשטאָרבען, אָפּגעמעקט געוואָרען, אוועקגעגאנגען און פערשוואונדען געוואָרען, וויא א שאָטען, אויף תמיד, אויף אייביג און נור איין מענש איז אויסגעוואכסען פאַר זיינע אויגען אויף דעם גרויסען חורבן פון זיין פערגאנגענהייט — דאס איז רייזעל. אך, רייזעל! דאָס, וואס זייביידע האבען אמאָל, אין דיא גליקליכסטע יאָהרען פון זייער קינדהייט געחלומ׳ט, האָט זי דערגרייכט אויף דער וואָהר. זי — יאָ, ער — ניט... זאָגען, אז ער האט איהר ניט פערגונען? מקנא געווען? — דאָס ניט. נאָר עס פערדריסט איהם, פאר וואס איז ער אזוי געשטראָפט, וואָס נור פאר איהם איז אין האָלענטשי שוין נישטאָ קיינער, וואס פאר איהם איז האָלענטשי שוין ניט קיין היים, נאָר א בית־הקברות...

און ראפאלעסקאָ פערטראכט זיך אויף דעם אלעם, וואס ער האָט דאָ געהערט, און וואָלט וועלען וויסען איין זאך: דאָס, וואָס רייזלען ציהט קיין האָלענטשי, — איז גרינג צו פערשטעהן. זי האָט פאָרט ניט איבערגעלעבט דאָס, וואס ער... נאָר וואָס איז דער שכל פונ׳ם אוועקקויפען זייער שטוב פאר איהרע עלטערען? פאר וואָס עפּיס גראָד ז י י ע ר שטוב און ניט קיין אנדערע?... וואָס פאר א מיין האָט דאָ געקאָנט זיין ביי איהר?.... ניט שוין זשע האָט ער קיין טעות, ניט שוין זשע איז דאס צוליעב איהם? ניט שוין זשע איז איהר אזוי טהייער דאָס הויז, וואו ער איז געבוירען און ע־צויגען געוואָרען? ניט שוין זשע האָט זי איהם נאָך ניט פערגעסען? ניט שוין זשע האָט זי נאָך ניט פערגעסען די שבועה. וואָס זי האָט געשוואָרען דעמאָלט, אין האָלענעשטי, אין דער נאכט ·ון דער שרפה אויף „גאָט׳ס גאס" און געשטעלט דעם רויטען מיט פייער בעדעקטען הי־

מעל פאר עדות, אז אייביג און אייביג זאָלען זיי זיין אינאיינעם אז וואָס ס'זאָל זיך מיט זיי ניט טרעפען און וואו זיי זאָלען ניט מגולגל ווערען, זאָלען זייערע נשמות זיין אינאיינעם. תמיד און אומעדום אינאיינעם:

און ער דערמאָנט זיך אין יענער נאכט פון דער שׂרפה, אין יענער כּישוף־דיגער נאכט, אין יענער אויסטערלישטשענער, גליקליכער, אונפערגעסליך־כּישוף־דיגער נאכט, ווען רייזעל איז געשטאַנען פאר זיינע אויגען, אין א רויטען וואָלקען איינגעהילט, און האָט אויסגעזעהן, ווי א שענע פערכּישופ'טע נאכט־פּרינצעסין... אוי, יונגע־יונגע יאָהרען! וועלכע טרערען זענט איהר ניט אימשטאנד אויסצוטריקענען? וואָס פאר א טרויער זענט איהר ניט אימשטאנד צו טרייסטען? וואָס פאר א וואונד זענט איהר ניט אימשטאנד אויסצוהיילען? אונזער יונגער העלד האָט אין דער מינוט כמעט פערגעסען אינ'ם גאנצען חורבן פון זייער שטוב און האָט געטראכט נור פון איין זאך: וואָס פריהער זיין אין לאָנדאָן און וואָס גיכער זעהען זיך מיט רייזלען... און זיין פאנטאזיע חאפּט איהם אויף, ווי אלע מאָל, אויף איהרע פליגלען און טראָגט איהם אוועק ווייט פון דער ווירקליכקייט אינ'ם עולם־הדמיון, אין א וועלט פון חלומות, גוטע, ליעבע, זיסע חולמות...

און פונקט דאָס, וואָס אמאָל איז געווען פאר איהם וויען, איז איצט געוואָרען פאר איהם לאָגיש. מיט דעם אונטערשיעד, וואָס דעמאָלט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט מיט זיין כח־הדמיון אז ער שפּיעלט טהעאטער און רייזעל קומט איהם הערען, און איצט האָט ער מורא. אפשר וועט איהר ניט אנשטעהן קומען

אין א יודיש טהעאטער? א קשיא — יענע איז היינט אזוי בעריהמט, אזוי בעריהמט, אזוי גרויס, אזוי רייך!.. און עס פערדריסט איהם אפילו גאנץ גוט, און ער שטעלט זיך פאָר, ווי אזוי ער וועט איהר פירהאלטען, אז א מענש טאָר ניט זיין ביי זיך אזוי גרויס, טאָר זיך ניט איבערנעמען... און יעדענפאלס, שעמען זיך מיט אייגען טהעאטער — איז אלץ איינס, ווי שעמען זיך מיט טאטע־מאמע... דערפאר טאקי וויל ער נישט קומען צו איהר אהיים. ווארום וויבאלד זי איז ביי זיך אזוי גרויס, שטעהט איהם שוין אויך ניט אָן... וועט ער בעסער קומען אין יענעם טהעאטער אין לאָנדאָן, וואו זי זינגט, קויפען א קארטע גלייך מיט אלע און זיצען אין פּארטער גלייך מיט אלע און הערען זי זינגען גלייך מיט אלע... עס רעדט זיך אָבער נור אזוי: "גלייך מיט אלע". ווי קאָן ער איינזיצען, אז דאָס זינגט רייזעל? ביי זיי אלע איז זי ראָזא ספּיוואק. ביי איהם איז זי אָבער — דעם חזנ'ס טאָכטער, רייזעל!... קוים אויסגעזעהן דעם ערשטען אקט, שיקט ער ארויף צו איהר הינטער די קוליסען זיין קארטעל: "לעאָ ראפאלעסקאָ"... דער פּלאן געפעלט איהם אָבער אויך ניט: וואָס וועט איהר זאָגען דער נאָמען "ראפאלעסקאָ"? ער וועט איהר בעסער אויפשרייבען זיין אמת'ען נאָמען אויף יודיש: "לייבעל ראפאלאָוויטש". אָדער ניין. גאָר אזוי: ער וועט איהר ארויפשיקען זאָגען, אז א מענש, גלאט א מענש פון האָלענעשטי, וויל זיך מיט איהר זעהען. ער האָט איהר געבראכט א גרוס פון דער היים, פון איהר טאטע־מאמע. וועט זי איהם זיכער וועלען זעהען. וועט זי איהם ארויפרופען צו זיך. וועט ער ארויפקומען פּאַוואָלי, געלאסען, א טרעפּ נאָך א טרעפּ — וואָס האָט ער זיך צו חאפּען? אריינגעקומען

צו ראָזא ספּיוואַק אין גאַרדעראָבנע, טרעפט ער זי ארומגערינגעלט מיט פערעהרער... זייד און סאמעט און בריליאנטען, און בלומען, בלומען, בלומען... זי הויבט אויף די אויגען, איהרע שווארצע גליהענדע ציגיינער־אויגען, קוקט א ווײלע אויף איהם, חאַפּט זיך אויף, ווארפט אוועק אלע פערעהרער, טהוט זיך א לאָז צו איהם מיט אויסגעשטרעקטע הענד: "לייבעל!"... און ער צו איהר: "רייזעל!"...

— סטוק־סטוק־סטוק — דערהערט זיך א קלאַפּ אין טהיר.

— ווער איז? — פרעגט ראפאלעסקאָ אויפגעוואכט, ווי פון שלאָף.

— ס'איז איך, בערנהארד.

עס עפענט זיך אויף די טהיר און עס קומט אריין האָלצמאן, און אינאיינעם מיט איהם רייסט זיך אריין א שטראָם פרישע לופט פונ'ר נאָר־וואָס אריינגעטראָטענעם פריהמאָרגען.

קאפּיטעל 100.

האָלצמאַן איז נישט אויפגעלעגט

אריינגעקומען, ווארפט האָלצמאן א קוק מיט זיינע שארפע שפּיציגע אויגען פריהער אויפ'ן "יאט", וואָס ליגט אויסגעצויגען אינ'ם גאנצען אָנטהון אויף דער סאָפע עפּיס מאָדנע צעקאָשמעט און פערטראכט, דערנאָך — אויפ'ן מרה־שחורה'דיגען גאסט, וואָס זעהט אויס, ווי א שלעפעריגער שמש סליחות־צייט, — און האָלצמאן בעקומט א שטארקען יצר־הרע אין דער מינוט אָנצונעמען אָט דעם בעססאראביער פּעמפּיק בּאר'ן רויטען קארק, דערלאנגען איהם א רעכטען "טערעבענץ" פון בּאָרינט און א פּאָר פיינע סטוסאקעס פון הינטען און ארויסלאָזען איהם פון אלע טרעפּ "לעזאזל". האָלצמאָן ווייסט אָבער, וואו איין און וואו אויס. ניט אלע מאָל טאָר מען "ארויסבעווייזען דעם כהן"... האלט ער זיך איין, האַפּט א קוק פערבייגעהענדיג אויף די ניט־אָנגעריהרטע בעטען און רופט זיך אָן כלומרשט מיט א שמייכעלע:

— זעה־נור — גאָר ניט געשלאָפען?

— ניט געשלאָפען. — ענטפערען זיי איהם ביידע.

האָלצמאן פיהלט, אז ניט דאָס האָט ער געוואָלט זאָגען, און ער רופט זיך אָן צו זיי אלץ מיט דעם זעלבען געמאכטען שמייכעלע:

— גאָר ניט געלעגט זיך אפילו?

— ניט געלעגט זיך אפילו.

— א גאנצע נאכט געזעסען און געפּלוידערט?

— א גאנצע נאכט.

— הם... צייט גרייטען זיך אין וועג אריין. — זאָגט האָלצמאן צו ראפאלעסקאָ'ן און פערקוקט איהם אין די אויגען אריין.

— איך בין גרייט. — ענטפערט איהם ראפּאלעסקאָ, חאַפּט זיך אויף פון דער סאָפע און דאָס פּנים שיינט איהם אקעגען דער אויפגעגאנגענער זונן, וואָס קוקט אריין פריינדליך אין פענסטער אריין.

"יאט בלייבט יאט". — טראכט זיך האָלצמאן. — דאנקען גאָט, וואָס איז איהם חאָטש ניט איינגעפאלען אין קאָפּ א מחשבה זיך אוועקזעצען שבעה נאָך דער געשטאָרבענער מאמע פלוצים אין מיטען מיטוואָך שבת־צו־נאכטס. אָדער וואָס וואָלט ער געטהאָן, למשל, ווען ראפאלעסקאָ זאָגט, אז ער וויל א פּאָהר טהון קיין בּאָיאן צום רבי'ן זיך זעהען מיט'ן טאטען דעם בעל־תשובה? אָדער וואָס וואָלט זיין, ווען עס קומט איהם אריין חלילה א "מאנקאָליע" אין קאָפּ — זיך דורכפאָהרען גאָר קיין האָלענעשטי? א קשיא אויפ'ן "יאט"?...

א גאנצען פריהמאָרגען האָט האָלצמאן ניט אָפּגעלאָזט פונ'ם אויג אויף קיין רגע

ניט ראפאלעסקא׳ן, ניט זיין גאסט. ער האט דאס אפגעארבייט אזוי קונציג, אז וואו די צוויי זענען געווען, איז ער געווען א דריטער. ער האט אלע מאל געהאט איין אנדער אויסרעד. האלצמאנ׳ס טרחה איז אבער געווען אומזיסט. ראפאלעסקא אליין האט זיך געפיהלט גרינגער אויף דער נשמה, אז זיין נייגעבארענער שוואגער "ששון־ושמחה" איז געזעסען אויף דער פוהר, נאכדעם ווי ער האט זיך מיט איהם צעקושט און געלאזט גריסען "גאר פריינדליך".

— פון מיינעטוועגען לאזט אויף גריסען! — שרייעט איהם נאך האלצמאן.

— גאר פריינדליך! — זאגט איהם "ששון־ושמחה", אויסגעדרעהט זיך צו איהם מיט׳ן בעוואכסענעם פערשלאפענעם פנים אויף דער פוהר, וואס איז אנגעפאקט מיט חסיד׳ישע יונגעלייטלעך קאפ אויף קאפ. דאס פאהרען אונזערע "ליעבהאבער פון קונסט" אלע אינאיינעם צוריק פון וואנען זיי זיינען געקומען מיט פערביטערטע הערצער. גאט ווייסט, ווען זיי קאנען האבען נאך א מאל אין זייער לעבען א זכיה צו זעהען און צו הערען אזא איין אמת׳ען קינסטלער, ווי אט דער ראפאלעסקא! ...

— בשם אלקי ישראל — מיט׳ן קאפ אין דער ערד! — בענשט זיי האלצמאן און רופט זיך אן צו דער חברה אקטיארען: — קינדער, צו דער ארבייט!

די חברה אקטיארען נעמען זיך פאקען אין וועג אריין, און איבער זיי שטעהט דער דירעקטאר האלצמאן, פעררוקט דעם צילינדערהוט אהינטער, ווישט זיך דעם שוויים פונ׳ם געשטופעלטען פנים און קאמאנדעוועט מיט זיי, פונקט ווי מע האט אמאל, בימי שטשופאק, ניט היינט געדאכט, געקאמאנדעוועט מיט איהם:

— ניט אזוי... אט אזוי... פריהערעם קליינעם קאסטען, דערנאך דעם גרויסען קאסטען — מיין איך פארקעהרט: פריהער דעם גרויסען קאסטען דערנאך דעם קליינעם קאסטען... אט אזוי... לייהמענער גולם, וואס ביזט דו געבליבען שטעהן? נעם דו רעכטס, וועט ער נעמען לינקס — מיין איך פארקעהרט: נעם דו לינקס, וועט ער נעמען רעכטס... אט אזוי... הער נאר דו, קאפ און צונג, וואס קוקסט דו אויף מיר, ווי א זינדיגער מענש? אמעהר, קוק בעסער, ווי דו טראגסט שלמה המלך׳ס שטוהל — ארויסטראגען זאל מען דיך!... פאוואלי די קרוין, ממזר, צעברעכסט דו מיר די קרוין — צעברעך איך דיר דעם קאפ!...

אט אזוי קאמאנדעוועט האלצמאן, טרייבט און שעלט זיך מיט טוידטע קללות. אויף איטליכס ווארט, וואס עמיצער רעדט ארויס, געפינט זיך ביי איהם א קללה. למשל, איינער קומט און זאגט איהם אן א בשורה, אז ס׳איז אויסגעגאנגען שטריקלעך, ענטפערט ער איהם: "שטריקלעך אויסגעגאנגען? ארויסגעהן זאל פון אייך די פארע!" "וואו זאל איך דאס לייגען?" — "ליג אין דער ערד!" "אפשר שטעלען אט דא?" — "שטעה פראוועצעם!" "איך ו׳עכען נעמען נאך א פוהר" — "נעם איין א מיתה משונה!" "ער הייסט זיך געבען נאך געלד" — "געבען זאל דיר גאט א נייע נשמה!"...

איינעם האט האלצמאן מכבד געווען מיט א שפאגעל־נייע קללה, אפילו א ביסעל א לאנגע, נאר א שארפע: "וויפיעל לעבערלעך ס׳איז אויסגעשטופעלט געווארען אין אלע מצות פון דער וועלט זינט די יודען זיינען ארויסגעגאנגען פון מצרים ביז היינטיגען פסח — אזוי פיעל פרישטשיקלעך זאלען זיך דיר זעצען, ממזר, אויף דער צונג!"...

וויא אויף צו להכעיס, טראגט אן דער גוטער יאהר די אלטע מאמע שרה־ברכה מיט איהר בעטגעוואנט.

— שוין? ביזט שוין דא מיט דיינע

אלטע שמאטעס ? דו ווערסט מיך ברענגען דערצו, אז איך וועל דיר אויפ־טריַנען אַן׳איבערבעט און ארויסלאָזען דיר אלע פעדערען !

— אנו, לאָז דיר גאָט געבען אזא זינן ! — ענטפערט איהם די אלטע מו־טער, דאָס איינציגע בעשעפעניש, וואָס האָט פאר אונזער בייזען דירעקטאָר קיין טראָפּען דרך־ארץ.

האָלצמאַן טהוט א שפּיי, און די אל־טע געהט אוועק און קומט אָבער באלד צוריק. וואָס ווייטער ? גאָר ניט. זי וויל, אז איהר זוהן זאָל געהן עפּיס עסען, עפּיס נעמען אין מויל אריין : ״ער זעהט, זאָגט זי, אַזוי אויך אויסעט ווי א שווארץ יאָהר . . . ווי די שדים עסען, זאָגט זי, אזא פנים האָבען זיי... מע זעהט נאָך די באקען, ווי די צייה־נער קנאקען . . . כח, זאָגט זי, זאָל מען זוכען אין שיסעל . . . קייען, זאָגט זי, איז ניט הבל. . .״

עס ווייזט אויס, אז די אלטע שרה־ברכה האָט זיך אונטערגענומען אויס־שיטען דאס גאנצע ביסעל פאָלקסווערט־לעך, וואָס זענען שייך צו דער אכילה. איז אָבער האָלצמאַן היינט ניט גוט גע־לוינט, שלאָגט ער איהר איבער אין מי־טען :

— זעה־נאָר ! די ״פּעטשענע־ווע־רענע״ האָט זיך אין איהר א ביסעל צערעדט ! עס וועט א מאָל נעמען א סוף, צי ניין ?

האָלצמאַן פערהוסט זיך אזש פאר כעס, און חברה אקטיאָרען ווערען שיער ניט דערשטיקט פאר געלעכטער. לא־כען הויך האָט מען מורא. האָלצמאַן קאָן געבען א לאכען, מען זאָל בלוי בעשטעהן.

ניין, האָלצמאַן איז היינט ניט אויפ־געלעגט. שטארק ניט אויפגעלעגט. איהם איז די נסיעה קיין לאָנדאָן ווי א ביין אין האלז : ״ניט איינצושלינגען און ניט אויסצושפּייען״ . . . ער ווייסט אליין ניט, פאר וואָס, נאָר ס׳איז איהם עפּיס מאָדנע דאָס הארץ. עס האָבען זיך איהם גע׳חלומ׳ט ביינאכט אלטע ווייבער — אויף זייער קאָפּ זאָל עס פאלען !״ . . .

קאפּיטעל 101.

מיסטער קלאַמער

ארויסגעבעגלייט די בלאָנזענדע טרו־פּע פון טשערנאָוויץ קיין לאָנדאָן, גע־זעגענען מיר זיך אָפּ מיט דער דאָזיגער חאליאסטרע אויף א קורצע ווײלע און פערנעמען זיך א ביסעל מיט דער גע־שיכטע פון דער הויפּט־העלדין פון אונ־זער ראָמאַן, מיט׳ן חזנ׳ס טאָכטער רייזעל, אָדער, ווי מע רופט זי שוין היינט : ראָזא ספּיוואק.

צוליעב דעם דאָזיגע. צוועק מוזען מיר קודם דערצעהלען א מעשה אפילו א זייַ־טיגע, נאָר זיא האָט זעהר א נאָהינטע שייכות צום חזנ׳ס טאָכטער.

דאָס האָט פּאסירט אין דער שטאָדט לאָנדאָן, אין׳ם סאמע געדיכטען טהייל פונ׳ם יודישען קווארטאל, וואָס הייסט מיט א מאָדנעם נאָמען ״ווייטשעפּעל״. און מאָדנע איז דער נאָמען, וואָס ער שרייבט זיך ניט אזוי, ווי מע רעדט : שרייבען שרייבט ער זיך ״פּיטעל חאפּט איהם״, און לייענען לייענט זיך עס : ״ווייטשעפּעל״.

ווייטשעפּעל איז ווערטה מע זאָל עס בעשרייבען, און ווייניגסטענס, זאָגען איבער דעם האָטש עטליכע ווערטער. דאָס איז א מין בערדיטשעוו, ווילנא, בראָד, אָדער אלע דריי צוזאמען, און אפשר נאָך ירושלים. אין ערגיץ שלאָגט ניט אזוי דער יודישער דופק, ווי ־אָרט. אין ערגיץ פיהלט זיך ניט א יוד אזוי היימיש, ווי דאָרט. דאָס אויסזעהן איז אונזער אויס־זעהן, דאָס לשון איז אונזער לשון. דאָס לויפען, דאָס יאָגען, דאָס שרייען, דאָס מאכען מיט דיא הענד — אלסדינג ווי בײַ אונז. אפילו דער האנדעל, דיא

פרנסות די זעלבע. דאס הייסט, איך וויל זאָגען, אז די יודען האָבען דאָרט קיין שום נייעס ניט אויפגעטהאָן. זיי לעבען דאָרט איינער פון'ם אנדערען, רייסען איינער ביי'ם אנדערען פון די הענד, — וואָס זאָג איך, פון די הענד? — טאקי דעם ביסען פון'ם מויל. מיט איינעם וואָרט, זענט איהר געקומען אהין, הייכט עס, אז איהר זענט געקומען אהיים. איהר האָט קיין דאגה נישט מיט קיין יודיש נאכטלעגער, מיט קיין יודישע שוהל, מיט קיין יודישען מאָלצייט.

רעדענדיג פון מאָלצייטען, דאַרף מען אייך רעקאָמענדירען א יודישען רעסטאָראן סאמע אין רעכטען מיטען ווייטשעפּעל מיט'ן נאָמען: "קאפּע נאציאָנאל". דאָס איז ניט נור א יודישער רעסטאָראן, דאָס איז א יודישער קלוב, וואָרום צו יעדער צייט, ווען איהר זאָלט ניט אריינקומען אהין, טרעפט איהר איין ערב־רב פון אלערליי יודען, פון כל המינים טיפּען, וועלכע נור אייער הארץ גלוסט: בערזענמעקלערס, דאָקטוירים פון פילאָזאָפיע, קאָמיוואָיאזשארעס, מיסיאָנערען, הויזירערס, ארטיסטען פון יודישען טהעאטער, דיימאָנט הענדלערס, קאנטאָריסטען, צייטונגסשרייבערס, שאכשפּיעלערס, פּריקאָזטשיקעס, ציוניסטען, טערריטאָריאליסטען און גלאט יונגע לייט, וואָס מען ווייסט ניט, ווער זיי זיינען און וואָס זיי טהוען, נאָר זיי שרייען און פּילדערען, לאכען און רויכערען און ס'איז פול מיט זיי דער קלוב. נאָך מעהר פון אלעמען רויכערט און שרייעט און פּילדערט דער בעל־הבית אליין, מיסטער קלאמער, וועלכען מיר האָבען דיא עהרע אייך פאָרצושטעלען.

מיסטער קלאמער איז א יוד א גאליציאנער, א מענש א בר דעת מיט א הדרת־פּנים און מיט א הערצל־באָרד, האלט זיך דעריבער פאַר א שענעם מענשען און פאר א ציוניסט, אליין איז מיסטער קלאמער געשטימט מעהר טערריטאָריאליסטיש, דאָס הייסט ער איז קיין טערריטאָריאליסט אויך ניט. און בכלל האלט ער ניט פון קיין חברות און פון פּארטייען, מחמת דעם, פערשטעהט איהר מיך, וואָס מיסטער קלאמער איז בטבע איין אפּיקורס. ער גלויבט נישט קיינעם, אויסער זיך. נאָר אז מע קומט צו געהן און מע זאָגט איהם אין דיא אויגען, אז ער האָט פונקט אזא באָרד וויא דער דאָקטאָר הערצל, ס'זאָל דאָס פּעהלען א האָר, האָט ער זיך שוין איינגעשריבען צווישען ציוניסטען, נאָר מיט א תנאי, אז באם טאָמער מאכט זיך, עס געראָט מיסטער זאנגווילען, ער קריגט א פּאסענדע טערריטאָריע פאר יודען, האָט ער, מיסטער קלאמער, קעגען דעם גאָר נישט וואָס אויסצוזעצען. דאָקטאָר הערצל איז אודאי א גרויסער מענש, א דזשענטעלמען. מיסטער זאנגוויל איז אָבער אויך ניט קיין יונגעלע. "לעבען און לעבען לאססען" — דאָס איז מיסטער קלאמער'ס פּרינציפּ. מיסטער קלאמער איז, איבערהויפּט, א מענש פון פּרינציפּען, איז רעדט ענגליש, און מיינט, אז ער רעדט ווי איין עכטער ענגלענדער. און דערצו האלט ער זיך פאר א שטיק למדן, א יודע־ספר, און ס'איז גאָר ניטאָ א זאך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל דערפון ניט וויסען. דאָס געשעפט, דעם רעסטאָראן הייסט עס, האט ער פיינד, וויא א כשר'ער יוד האט פיינד חזיר, קוקט נישט אפילו אין ווינקעל אריין, נאר אז עס קומט צום חשבון, טהוט ער א טובה און נעהמט געלד — אבי מע גיט איהם. וואָרום אז מע גיט איהם ניט, איז אויך פאַרפאלען. ביי איהם איז א פּרינציפּ: כל דכפין ייתי וייכול — יודען קומען, עסען זיך אָן און טרינקען זיך אָן און פאהרען אוועק קיין אמעריקא — געה זוך זיי,

דער חסרון איז נור, וואס ער אליין, מיסטער קלאמער הייסט עס, טייטשט אויס אזוי דעם פסוק. צופיעל רעדט מיסטער קלאמער פון זיך און פון זיין קענען דיא וועלט און פון זיין גוטהערציגקייט ובכלל, רעדט מיסטער קלאמער אביסעל צופיעל. נאר פאר וואס זאל ער ניט רעדען, אז קיין אנדער ארבייט האט ער ניט? ארבייטען אין געשעפט — ארבייט זיין ווייב, דיא מיסעס קלאמער, א יודינע איין אויסגעהאָרעוועטע ביי'ם אויוועז, א פערוויסטע און א פערפינסטערטע. קוקט נישט אן דעם פערוויכערטען פערוויינטען לאנדאנער הימעל, א חוץ שבת. קומט שבת, טהוט זי אן די "העט" מיט א שענע "דרעס" און ווערד א "לעדי". דערפאר אָבער זעהט זי, אז איהר מאן, מיסטער קלאמער, זאָל האָבען זיין "ברעקפעסט" מיט זיין "דינער" צו דער צייט. נאָך'ן עסען מוז ער זיך צושפארען, חאפען א דרימעל, און נאָכדעם שוין קאָנט איהר איהם זעהן אָדער ארומשפאציערען איבער זיין קלוב און גלעטען זיך זיין הערצל־באָרד, אָדער — זיצענדיג מיט עמיצען ביי א טישעל, וויא א גאסט, ביי א גלעזעל ביער, מיט א ציגאר, און בעקלאָגען זיך אויף זיין פינסטער מזל: "אך און וועה דיא יאָהר, אז עך, מיסטער קלאמער, בעדארף פערקויפען לאָקשען! נאָר וואָס זאָל מען טהון, אז מע דארף לעבען? אָדער וויא זאָגט דער איינגלענדער: "יו מאָסט וואָרק פאָר יור ליווינג"...

ניין מיסטער קלאמער האָט פיינד, דעם רעסטאָראן, קאָן ניט אָנקוקען דיא דאָזיגע פרנסה. ער האָט בעסער ליעב קהל'שע געשעפטען, מישען זיך אין די לאָנדאָנער צדקה־חברות, זאָגען דעות אויף די רוסישע עמיגראנטען, וואָס הייסען ביי איהם ניט מיט קיין אנדער נאָמען, אויסער: "דיא קאצאפעס", אָדער "די שנאָררערס". נאָך זיין מיינונג, האָט מען אלע רוסישע יודען בעדארפט נעמען און אויפהענגען אויף איין שטריקעל. אפשר מיינט איהר, אז מיסטער קלאמער איז חלילה אזא שלעכטער מענש? אָדער אפשר מיינט איהר, אז דיא ענגלישע יודען האָבען ביי איהם מעהר חן? האָט איהר א טעות. מיסטער קלאמער, אז עס קומט איהם אָן, קאָן ער אייך אָפּזידלען (געוועהנליך אונטער דיא אויגען) אלע לאָנדאָנער גבירים, די יודישע לאָרדען, מאכען זיי מיט דער בלאָטע. מיסטער קלאמער איז א מענש מיט אמביציע: פרובט איהם זאטשעפען מיט א וואָרט, וועט איהר זיך ניט אויסבאָדען ווייל איהר וועט לעבען. די, וואָס קענען איהם, היטען זיך. אניט, זאָל ער אייך אליין ארײנמישען זיך צווישען די געסט, ארײנשפרינגען פלוצים בעת יענע האלטען אין מיטען א שמועס, מעלדען זיך צום וואָרט: "יודען, לאָזט מעך! עך וועל אייך זאָגען אויפריכטיג אז איהר אלע ווייסט ניט מה דקאמרי רביצין. רעדען קאָסט קיין געלד ניט, אָדער וויא זאָגט דער איינגלענדער: "טאָק איז טשיפ" — אזוי לאָזט אויס מיסטער קלאמער און נעמט זיך אָן ביי זיין הערצל־באָרד: — וועגען וואָס, אייגענטליך, האנדעלט זיך דאָ ביי אייך, למשל?"...

אָט דאָ האָט איהר אייך דעם פרשון. איצט דארף מען אייך דערצעהלען, וואָס פאר א שייכות האָט דער מיסטער קלאמער צום חזנ'ס טאָכטער און צו אונזער ראָמאן.

קאפיטעל 102

א פעקעל כתבים

דער פערפאסער פונ'ם דאָזיגען ראָמאן האָט אליין געהאט די עהרע צו בעקענען זיך פערזענליך מיט'ן אויבענבעשריבענעם פארשוין, מיסטער קלאמער. אונזער בעקאנטשאפט איז געשלאָסען געוואָרען אייפ'ן פשוט'ע, יודישען אופן. געקומען קיין לאָנדאָן — וואו שטעלט זיך

אַפּ א יודישער פּערפאסער ? געוועהנליך, אינ'ם יודישען קוואַרטאל, אינ'ם בעריהמטען וויטשעפּעל. און וויבאלד מע וואָהנט אין וויטשעפּעל, אזוי מוז מען ווערען איין אנהענגער פון "יודישען קלוב", דאָס הייסט: אין רעסטאָראן פון מיסטער קלאמער. און, וויא דער שטייגער איז, קומט צו מיסטער קלאמער מיט זיין הערצעל־באָרד, גיט אָפּ א יודישען שלום־עליכם: "פון וואנעט איז א יוד ? וואָס טהוט מען אין לאָנדאָן ? וואָס איז אייער טהועכטס ?" — געוואָהר געוואָרען פון מיין פּראָפעססיע, צעלאכט זיך מיסטער קלאמער גאנץ ברייטליך און ציהט מיר אויס א האנד נאָך אמאָל און מאכט צו בעת מעשה די אויגען :

— אויב אזוי זענט איהר דאָך אַלל־רייט — קומט דאָך אייך ערשט דער אמת'ער שלום־עליכם, און עך מעג אייך זאָגען, ווי אברהם אבינו האָט געזאָגט צו כדרלעומר'ען : אחינו אתה. וואָרום, וויא איהר קוקט מעך אָן, בין עך אליין אויך א שרייבער. דאָס הייסט, אמאָל, אז עך האָב נאָך ניט געהאנדעלט מיט לאָקשען, פלעג עך געבען א שרייב אריין אין דיא בלעטער. היינט — שוין ניט. דאָס הייסט, עך זאָל וועלען, וואָלט עך נאָך איצט אויך געוועזן אַלל־רייט. נאָר וואו האָב עך צייט, אז עך דארף אויסהערען אָט דאָס בינטעל יודען ? ביי מיר איז א פּרינציפּ, וויא זאָגט דער איינגלענדער : "ביזנעס בעפאָר פּלעזשור"... אויב איהר ווילט, — מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעלע, — ווארט א ווײלע, וועל עך אייך עפּיס ווייזען.

עם איז ניט געוועזן קיין ספק, אז אָט ברענגט צו־טראָגען מיסטער קלאמער א מאנוסקריפּט — ליעדער, און אפשר א ראָמאן, און אפשר גאָר א דראמע, און אפשר — אלע דריי מתנות צוזאמען. ווער ווייס ? — און כך הוה. עם נעמט נישט קיין צוויי מינוט, קומט ארוים מיסטער קלאמער מיט א פּעקעל פּאַפּיערען אין האנד, און מיט א שיינענדיג־לאכענדיג פּנים רופט ער זיך אָן :

— אָט דאָ האָט איהר אַן אוצר, א פּעקעל מיט כתבים. נישט מיינע חלילה. עך געב מיך ניט אָפּ מיט אזעלכע דומהייטען. עך האָב נויטיגערס צו טהון. פאַרהאַן, דאנק גאָט, וואָס צו טהון אין לאָנדאָן, דיא צייט שטעהט ניט, אָדער וויא זאָגט דער איינגלענדער : "טיים איז מאָני". אָט דאָס פּעקעל, וואָס איהר זעהט, איז בסך־הכל פערבליבען ביי מיר א ירושה, חא־חא, פון איינעם עפּיס א שנאָרער, אנ'ארטיסט פון די יודישע ארטיסטען, א קליינטשקער, א הייזעריגער, מיט ממזר'ישע אויגען, עך זאָל אזוי וויסען פון איהם, וויא עך ווייס, ווער ער איז און וואָס ער איז און פון וואנען ער איז ! ביי מיר איז א פּרינציפּ, אז יענער זאָגט מיר ניט, דארף מען ניט — איטליכער האָט זיך זיין פּעקעל, אָדער וויא זאָגט דער איינגלענדער : "סטוק טו יורגינס"... הקצור, צוויי וואָכען דורכאנאנד האָט ער ביי מיר געפרעסען און געזויפען, געזאָגט, אז ער האָט דאָ א בעקאנטע, א באַריהמטע זינגערין, אָדער א שפּיעלערין, וואָס פערדיענט מיליונען. איז ער מיט איהר, זאָגט ער, א נאָהענטער שמעלקע. עס איז שווער, זאָגט ער, איידער מע דערשלאָגט זיך צו איהר. נאָר קוים, זאָגט ער, וועט ער זיך נור דערשלאָגען, אזוי ווערטה ער אָפּגעשאָטען מיט געלד, וויא א חתן מיט גערשטען. אַלל רייט ! ביי מיר איז א פּרינציפּ : א מענש זאָגט — מסתמא איז ער בעגלויבט, אָדער ווי זאָגט דער איינגלענדער : "זיהינג איז בעליווינג"... איינמאָל קומט ער צו מיר צו־געהן, אָט דער שלים־מזל, עך זאָל איהם אויסלייהען א פּאָר שילינג. ער דארף, זאָגט ער, געבען א פאָהר אראָפּ אויף איין טאָג אָט דאָ ניט ווייט קיין ברייטען — אנ'ערטעל אזעלכעס, ניט ווייט פון לאָנדאָן, וואו עס פאָהרען

ארויס אלע לאָרדען און רייכסטע מאגנאטען. דאָרט, זאָגט ער, געפינט זיך איצט די באריהמטע זינגערין, אָדער די שפּיעלערין. און בעת־מעשה נעמט ער און גיט מיר איבער עפּיס א פּעקעל, אָדער ווי מע רופט דאָס אין איינגלישען: א "האנד־בעג" — עך זאָל עס איהם בעהאלטען, פּערשליסען, זאָגט ער, אונטער'ן שלאָס, וואָרום דאָרט ליגען, זאָגט ער, נויטיגע פּאפּיערען, וואָס האָבען די ווערטה, זאָגט ער, מי יודע וויפּיעל. אָלל־רייט! ביי מיר איז א פּרינציפּ: א מענש זאָגט — מסתמא איז ער בעגלויבט, וויא זאָגט דער איינגלענדער: "זיהינג איז בעליווינג"... גנעה עך און געב איהם עטליכע שילינג און נעם ביי איהם צו אָט דאָס פּעקעל, דעם האנד־בעג, און פּערשליס עס אויבען אָפּסטעירז ביי מיר אין שרייבטיש. און עך ווארט אויף דעם שנאָרער א טאָג און צוויי און דריי און א וואָך און א חודש און א יאָהר — אזוי וויא איהר האָט איהם געזעהן, אזוי האָב עך איהם געזעהען, ביז היינטיגען טאָג, גנעה זוך מעך, אָדער ווי זאָגט דער איינגלענדער: "קעטש מי איף יו קען"... איינמאָל דערמאָן עך מעך אינ'ם סעטשעל, אינ'ם האנד־בעג פונ'ם שלים־מזל. עך טהו מיך א נעם צום סעטשעל, ס'איז כדאי צו וויסען, וואָס פאר א דאָברע־מזל דאָרט קאָן ליגען, אָדער ווי זאָגט דער איינגלענדער: "טראש איט אָלט"... עך טהו א קוק — כתבים אויף יודיש געשריעבען! אָלל־רייט — טראכט עך מיר — אלע בייזע חלומות אויף זיין קאָפּ! אויף וואָס דארף עך זיי? וואָס וועל עך מיט זיי מאכען? נאט אייך, איהר זענט דאָך עפּעס א שרייבער. אפשר וועלען זיי אייך צוניץ קומען? און טאָמער חס ושלום ניט, קאָנט איהר זיי ארויסווארפען אויף א ריין אָרט — אהרט מעך אויך ניט. ביי מיר איז א פּרינציפּ, דאָס וואָס עך דארף ניט, געהט ביי מיר אין מיסט־בארדעל, אָדער ווי זאָגט ד'ער איינגלענדער: "גער ריד אָף דהי רוביש"...

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך נעהאט ווינציג חשק צום דאָזיגען פּעקעל מיט כתבים. א יודישער שרייבער האָט גענוג אייגענע "כתבים"... נאָר וועדליג דער מיסטער קלאמער האָט מיר בעשריבען דעם "שנאָרער", א ניעדעריגער פּארשוין און א הייזעריגער, וואָס יאָגט זיך עפּיס נאָך א בעריהמטע זינגערין, איז מיר איינגעפאלען א מחשבה: צו איז דאָס ניט אונזער אלטער בעקאנטער שלום־מאיר, פון שטשופּאק'ס חברה, אָט א יענע "פּערשלעפּטע קרענק" פון האָלענעשטי?... און איך האָב צוליעב געטהאָן דעם מיסטער קלאמער און צוגענומען ביי איהם דאָס פּעקעל כתבים.

געקומען אהיים, געגעבען א קוק אריין אין די כתבים — טאקי איין אוצר! ערשטענס, קענטליכע נעמען: האָלאָנעשטי... שטשופּאק... "גאָט'ס גאס"... שלום־מאיר... האָצמאך... בריינדעלע קאָזאק... היינט די שפּראך. א ריין פּשוט יודיש, דאס אמת'ע מאמע־לשון, אָהן קונצען. און דאס כתב — שעהן און לייכט צום לייענען, א ביסעל קינדעריש, קענטיג — א מיידעלשע האנדשריפט... געשריבען זענען די כתבים אין א פאָרם פון בריעף. צו וועמען — שטעהט ניט. אָהן א דאטום און אָהן א שטאדט און א נאמען. און אלע הויבען זיי זיך אָן אָדער מיט די ווערטער: "מיין טהייערע!" אָדער: "מיין איינציגער פריינד!" אָדער! "בעסטער פריינד!" אייניגע בריעף זענען גאָר אָהן איין אָנהויב, אָדער אָהן א סוף. עס פעהלען בלעטלעך. מיר געבען זיי איבער דאָ, אזוי ווי זיי שטעהען און געהען. דער לעזער וועט שוין אליין וויסען פון וועמען דיא בריעף געהען און צו וועמען זיי זענען געשריבען.

קאפּיטעל 103.

אַ נאַכט פון שרעק

(ערשטער בריעף.)

איך שרייב צו דיר א בריעף, מיין טהייערער, און פרעג מיך, צו וואָס טהו איך עס? ווייס איך דענן, וואו דו ביזט און וואָס דו ביזט און וואָס מיט דיר טהוט זיך? איך האָב אָבער א האָפענונג, אז ניט היינט, איז מאָרגען — אלע טאג, אלע שעה, אלע מינוט האָפף איך, טאָמער ווער איך פאָרט אמאָל געוואָהר, וואו דו ביזט. לאָם איך דיר חאָטש ארויסשרייבען אלסדינג, וואָס מיט מיר האָט זיך אָפּגעטהאָן פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך בין אוועק פון האָלענעשטי, ביז צו היינטיגען טאָג. בעת איך שרייב צו דיר, מאָהלט זיך מיר אויס, אז דו זיצסט נעבען מיר און איך דערצעהל דיר און דערצעהל דיר. געוויינטליך, וועל איך ניט קאָנען דיר אלסדינג אזוי גוט ארויסשרייבען, ווי איך וואָלט דאָס דיר געקאָנט איבערגעבען פערזענליך, וואָרום ווי קומט צו מיר קאָנען שרייבען? דאָס ביסעל יודיש, וואָס איך קען, האָב איך אויך צו פערדאנקען מיין טאטען. ער פלעגט מיר אָבער שטענדיג זאָגען: „אלע אינגלעך שרייבען — שרייב אויך, וואָס וועט דיך ארען אז דו וועסט קענען? געדענק טאָכטער, עס וועט דיר אמאָל צו־ניטץ קומען!... היינט זעה איך ווי ווייט ער איז געוועזן גערעכט...

פון וואנען ווילסט דו, טהייערער, זאָל איך דיר אָנהויבען דערצעהלען? פון יענעם שבת־צו־נאכטס — געדענקסט דו? אוי, יענעם שבת־צו־נאכטס אז איך בין ניט געשטאָרבען פון שרעק אליין, איז א סימן, אז איך וועל לאנג לעבען. איידער איך האָב דערלעבט הערען דעם זייגער אויסשלאָגען צוועלף, איז מיר שיער דאָס הארץ ארויסגעשפרונגען. איטליכע מינוט איז מיר געוועזן ז׳ שעה. וואָס זאָג איך — א שעה? א טאָג, א יאָהר. און אז דער זייגער האָט אויסגעשלאָגען צוועלף, האָב איך מיך פאוואָלינקע אויפגעהויבען, פאוואָלינקע אויפגעעפענט דאָס פענסטער און געגעבען א קוק ארויס אין דרויסען — א נעכטיגער טאָג, פינסטער־חושך. נישטאָ קיינער!... וואָס איך האָב אין דער מינוט איבער געטראכט — קאָן איך דיר ניט ארויסשרייבען. וואו נור ערגיץ א שלעכטע מחשבה, איז זיא מיר געקראָכען אין קאָפּ אריין. מעהר פון אלץ האָב איך מורא געהאט פאר דיר, מיין טהייערער, טאָמער האָט זיך מיט דיר חלילה עפּיס געטראָפען... נאָר אָט הער איך א פייף, און נאָך א פייף — אזוי ווי מיר האָבען אָפּגערעדט מיט דעם הייזעריגען פארשוין (אָט דער, וואָס מע רופט איהם שלום־מאיר), אז איך וועל דערהערען א פייף, איז א סימן, אז דאָס איז ער... דאָס הארץ — ווי א זייגערעל, טיק־טיק־טיק. הענד און פיס ציטערען. א מאָדנע קעלט אויף מיר. „רייזעל, מאך צו דאָס פענסטער! רייזעל, דעק דיך איבער מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און — א גוטע נאכט!“ — אזוי טראכט איך מיר א מינוט און דערמאָן מיך אָבער באלד אין דעם, וואָס מיר האָבען אָפּגערעדט.. און דערמאָן מיך אין דער שבועה, וואָס מיר האָבען געשוואָרען, און איי׳ם תקיעת־כף, וואָס מיר האָבען זיך געגעבען אין דער נאכט פון דער שרפה, — געדענקסט נאָך יענע נאכט פון דער שרפה?... און איך גיעב מיך א חאפּ אויף: „זייט געזונד, טאטע־מאמע! זייט געזונד, האָלענעשטי! עס לאָזט אייך גריסען דעם לעצטען מאָל דעם חזנ׳ס מיידעל... אוים רייזעל!... ארויסגעפלויגען דאָס פייגעלע פון׳ם שטייגעלע“... אזוי געזעגען איך מיך מיט דיא פיער ווענד און צעקוש מיך מיט׳ן קאָפּענקישעלע. און עס טהוט מיר וועה דאָס הארץ און האָב רחמנות אויפ׳ן טא־

טען נעבאך: וואָס וועט ער זאָגען מאָרגען אין דער פריה?... דאָס געדויערט אָבער נישט מעהר וויא א מינוט. אפשר נאָך ווינציגער וויא א מינוט — און איך בין שוין אויף יענער זייט פענסטער, אויף דער גאס. "גאָט'ס גאס" איז טויד'ט. ווי צוויי שאָטענס געהען מיר ביידע, איך און דער הייזעריגער. איך לויף, ער לויפט מיר נאָך. קוים וואָס ער האפט דעם אָטהעם. ערשט אין עק, ביי אשר דעם בעקער'ס אָפּגעברענטער שטוב, שטעלען מיר זיך אָפּ ביידע, איך און דער הייזעריגער. ער קוקט אויף מיר, איך — אויף איהם. דערנאָך צעלאכט ער זיך שטיל, מיט זיין הייזעריגען געלעכטער: "מיידעלע, זאָגט ער, דו לויפסט אזוי, אז איך האָב דיך קוים געחאפּט". און ער בינדט אויף עפּיס א פּעקעל. דאָרט ליגט א צעריסענער קעצענער בורנוס מיט איין אלטען שאל. "וואָס איז דאָס?" — דאָס איז, זאָגט ער, פון דיינעטוועגען, קעצעלע, זאָלסט זיך איבערטהון, מע זאָל דיך, זאָגט ער, חלילה ניט פּאקען. זיי מעגען שוין זיין, זאָגט ער, מיט אכטצעהן קעפּ, וועלען זיי דיך א מכה דערקענען. היל דיך נור גוט איין, פּייגעלע, אינ'ם שאל. אָט אזוי. און שטומען זאָלסט דו מיר, זאָגט ער, וויא א פיש. ביז מיר וועלען ניט קומען צו דער באהן, טאָרסט דו ניט אויסרעדען, זאָגט ער, קיין וואָרט. דו הערסט, ליובעניו? קיין פּיפּס!"...

אין דעם פּאָהרט אָן א בויד מיט דריי פערד. דער הייזעריגער שטעלט אָפּ דיא פוהר. אויף דער קעלני זיצט שמעון־דוד בעל־עגלה — איך האָב איהם דערקענט אין דער פינסטער — און פון בויד שפּרינגט ארויס דער דירעקטאָר (שטשור־פּאק) עפּיס זעהר צעטראָגען. ער רופט אָפּ דעם הייזעריגען אויף א זייט און מע סוד'עט זיך. וואָס ווייס איך ניט. איך הער נור, ווי דער הייזעריגער צערשרייעט זיך, אויפ'ן דירעקטאָר אפּנים:

"אי־די־אָט!"... איך שטעה אין געהאקטע וואונדען, איינגעהילט אין בורנוס און אין שאל, און דיא צוויי הערען ניט אויף צו סוד'ען זיך. נאָכדעם געהען זיי צו צום בעל־עגלה, נעמען איהם אראָפּ פון דער קעלני, פיהרען איהם אוועק אויך אויף א סוד — און איצט סיד'ען זיך שוין אלע דריי. רבונו של עולם! וואָס איז דאָס פאר סודות?... דער בעל־עגלה, שמעון־דוד, הער איך, טענה'ט צו זיי אויף זיין מאָלדעווער לשון... איך חאפּ ווערטער: "א ביסעל א סמיכות־הפּרשה!.... א פאָלג מיך א גאנג!... וואו איז פאלעשטי, און וואו איז נאָוועסעליץ!"... זאָל איך ניט אראָפּווארפען פון זיך אָט דעם קעצענעם בורנוס, טראכט איך מיר, און ניט מאכען א ויברח צוריק אהיים, כל־זמן ס'איז נאָך צייט?... דערווייל הער איך א הייזעריג קול: "מאדאם קאץ! מאדאם קאץ!"... וועמען רופט מען עם? דאָס מיינט מען מיך, אפּנים? ער האָט מיך געקרוינט מיט א נייעם נאָמען: "מאדאם קאץ". — "וואָס זענט איהר שטעהן געבליבען? — מאכט ער צו מיר ווייטער. — קריכט, זייט מוחל, מאדאם קאץ, אין בויד אריין"...

און מיר זעצען זיך אלע דריי אריין אין וואָגען אריין, איך מיט'ן דירעקטאָר אויבענאָן אין בויד, און דער הייזעריגער — פּאָריטש, אקעגען. דער דירעקטאָר איז מאָדנע מרה־שחורה'דיג. ער זיפּצט, און עס לאָזט זיך הערען פון איהם וויין. דער הייזעריגער טהוט א קאָמאנדעווע צום בעל עגלה: "יאזדע!" שמעון דוד טהוט א שמייס די פערד, און מיר פאָהרען.

וויפיעל מיר זענען אזוי אָפּגעפאָהרען — ווייס איך ניט. נאָר פלוצים, הער איך, טהוט דער בעל־עגלה א שטעל אָפּ די פערד מיט א ברייטען "טפּררו" — און מיר בלייבען שטעהן אקוראט ביי נעהע דער אלמנה'ס שטוב. "פערפינסטערט בין איך געוואָרען! עס געהט מיר

מעהר ניט אָפּ צו מיינע זיידענע קליידער, — טראכט איך מיר, — אז נעחע די אלמנה זאָל מיך דאָ דערזעהען!“.... און כך הוה. איידער איך קוק מיך ארום, שטעהט שוין נעחע די אלמנה ביי דער טהיר מיט איהרע צוויי שוועסטערלעך, האלב אויסגעטהאָן, און שמעון־דוד לאָזט זיך אריין מיט נעחע דער אלמנה אין א שמועס וועגען די "ים־קאָטערס" (דאָס מיינט ער, אפּנים, די אקטיאָרען), צי זענען זיי שוין אוועקגעפאָהרען אלע קיין פאלעשטי, און ווען זענען זיי אוועקגעפאָהרען? אגב, האָט ער זי פירגעהאלטען פאר א פּאָר פארשווינדלעך, וואָס ער האָט איהר אנומעלטען געבראכט צו־פיהרען פון דער באהן. זי האָט איהם, זאָגט ער, אפילו אין האנד ניט אָנגעשפּיגען... דערויף ענטפערט איהם די אלמנה, אז אזעלכע צוויי פארשווינדלעך, ווי ער האָט איהר געבראכט צו־פיהרען אנומעלטען פון דער באהן, מעג מען געדיכט זייהען און שיטער אויפגעהען. און בעת־מעשה קוקט נעחע אין בויד אריין גלייך אויף מיר... איך וואָלט געמעגט שווערען, אז זי האָט מיך דערקענט... אָט־אָט פליהט מיר ארויס די נשמה... איך היל מיך איין אין דעם בורנוס מיט'ן שאל שטארקער און שטארקער. נאָך א מינוט — און איך ווער דערשטיקט. לאנג לעבען זאָל דער הייזעריגער. ער האָט זיך צעשריגען אויפ'ן בעל־עגלה, גענומען איהם טרייבען האלז און נאקען: "יאזדע! יאזדע!" און אָפּגעזעגענט זיך מיט נעחען: "זייט געזונד — פאָהרט געזונד". שמעון־דוד האָט געגעבען א קנאק מיט דער בייטש: "היידא" — און ער צעלאָזט די פערד אזוי שטארק, אז עס מאָהלט זיך מיר אויס, אז אָט־אָט ווערען מיר צעשאָטען. "וואָס פליהט איהר אזוי? וועלכע שווארצע יאָהר יאָגט אונז נאָך?"... — פרעגט איהם דער דירעקטאָר, און מע ווערט, ווי די צייהן טרייסלען זיך איהם אין מויל. שמעון־דוד אָבער ענטפערט נישט. ער שמייסט די פערד שטארקער און שטארקער. און מיר הויבט אָן איבערגעהן א געדאנק: אפשר טאקי יאָגט מען זיך נאָך אונז?... אפשר איז דאָס געווען דער סוד, וואָס די דריי האָבען זיך גע'סוד'עט?... און אזוי וויא איך טראכט, דערזעה איך פאר אונזער וואָגען לויפען גלייך מיט דיא פערד אייער הונד "טעהקוש" — איך האָב איהם באלד דערקענט. א שלעכטער סימן — וויא קומט אהער "טערקוש"?.. מסתמא יאָגט מען זיך פון אייער הויף נאָך דיר, און חאפּען וועט מען מיך... פערפאלען! מיר ביידע זענען פערפאלען... עס שטעלט זיך מיר שוין פאָר אפילו, ווי אזוי מע האָט אונז געפּאקט, ווי אזוי מע פיהרט אונז מיט כבוד צוריק אין שטאָדט אריין, און דוקא געבונדענע, און דוקא ביידען אינאיינעם... אפשר איז גאָר א פּלאן, — טראכט איך מיר, — איך זאָל מיך געבען א וואָרף אראָפּ פונ'ם וואָגען און גע'הרג'עט ווערען? ווארום איידער אזא בזיון... "סטאָפּ! האלט זיך איין!" — דערהערט זיך א געשריי פון שמעון־דוד'ען, וואָס שטעלט זיך ווידער א מאָל אָפּ, שוין אין מיטען פעלד, און שמועסט זיך אויס מיט א צווייטען בעל־עגלה אויף זיין מאָלדעווער לשון. איך קוס מיך איין אין דער צווייטער פוהר — א וואָגען אָנגעפּאקט מיט קאסטענס, און אויבען אויף דיא קאסטענס, זיצען צוויי פארשוינען. איינער איז, דאכט מיר, האָצמאך, דער אנדערער — דוא!... דיך האָב איך באלד דערקענט, טהייערער, חאָטש דו ביזט געזעסען איינגעוויקעלט, ווי איך, עפּיס אין איין אלט מלבוש. א מינוט האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז דו קוקסט אויף מיר. אָט האָסט דו דיך געגעבען א הויב אויף, א מאך צו מיר מיט דער האנד און אָנגערופען מיך ביי'ם נאָמען,

שיער־שיער בין איך ניט אראָפּגעשפּרונגען פון וואָגען. דאָס האָט אָבער, אפּנים, מעהר ניט וויא אויסגעדאַכט זיך מיר. און געדויערט האט עס, איך ווייס ניט, אויב א האלבע מינוט. וואָרום שמעון־דוד האט באלד געגעבען א קערעווע אוים דעם וואָגען ווי צוריק, א קנאַק מיט דער בייטש — און מיר פאָהרען וויטער.

זענען מיר, דאנקען גאָט, איבערגעקומען דעם דאָזיגען שרעק אויך. איצט פרעגט זיך, וואוהין פאָהרען מיר? וואוהין פאהרען דיא איבעריגע? וואָס איז דער דירעקטאָר עפּים אזוי מרה־שחורה׳דיג? וואס איז געוועזן דער סוד? און פאר וואס האט דער הייזעריגער אָנגערופען דעם דירעקטאָר "אידיאָט"? — דאָס אלעם וועל איך דיר ארויסשרייבען אין מיין צווייטען בריעף. איצט איז שפּעט. צייט שלאָפען. א גוטע נאכט.

קאפּיטעל 104.

שטשופּאַק מיט זיינע ווייבער

(צווייטער בריעף.)

מיין איינציגער פריינד!

די צרות, וואס איך האב דיר בעשריבען אין מיין ערשטען בריעף, און די אלע שרעק און פּחדים, וואס איך בין אויסגעשטאנען אין יענע נאכט, זענען גאָלד אקעגען דעם, וואס איך האב איבערגעלעבט דערנאָך. דאָס איז געוועזן צרות און אומגליק און חבוט־הקבר און גיהנם און וואָס דו ווילסט.

שטעל דיר פאָר, טהייערער, אז ערשט דעמאָלט, ווען מיר זענען שוין אריבערגעפאָהרען די גרעניץ, ווער איך געוואָהר, אז עס הויבט זיך גאָר ניט אָן — מיר זענען גאָרניט אין רומעניע, ווי מיר האָבען געהאט אָפּגערעדט פריהער. ווי אזוי איך האב מיך געפיהלט און וואס איך האב מיר געטראכט — דארף איך דיר דענן בעשרייבען? איך זאל געוועזן זעהען פאר זיך א וואסער, וואלט איך מיך זיכער אריינגעווארפען. איך האב גענומען זיך שלאָגען מיט די הענד אין קאָפּ, רייסען אויף זיך די האָר און וויינען אזוי, ווי איך האב נאך אויף מיין לעבענסטאָג קיין מאָל ניט געוויינט. אפּנים, אז זיי ביידע, דער הייזעריגער מיט׳ן דירעקטאָר, האבען זיך פאר מיר גוט דערשראָקען. איינס איבער דאָס אנדערע האבען זיי גענומען מיך איינשטילען מיט גוטע רעד. נאָר וואָס מעהר זיי האבען איבער מיר גערעדט, מעהר האָב איך געליארעמט. איך האב צעריסען אויף זיך דיא קליידער, דאָס העמד, געוואָלט אויסשלאָגען דיא פענסטער. דער דירעקטאָר האט זיך רעכט דערשראָקען פאר מיר און איז אנטלאָפען געוואָרען און אפשר האָט איהם דיזער הייזעריגער שטילערהייד משלח געוועזן... ער האט פערשטאנען, אפּנים, אז איך האב מורא פאר דעם דירעקטאָר׳ס מגושמ׳דיג געקנייטשט פּנים מיט זיינע פאסקודנע רויטע אויגען, וואָס אהן ברעמען...

איבערגעבליבען אינצווייען מיט׳ן הייזעריגען, מיט דעם, וואָס מע רופט איהם שלום־מאיר, האָב איך ערשט דעמאָלט אָנגעהויבען וויינען. האָט ער מיך גענומען טרייסטען און שווערען ביי זיין לעבען און ביי׳ם הימעל און ביי גאָט אליין, אז עס וועט מיר קיין זאך ניט געשעהען. בין איך צוגעפאלען צו איהם, גענומען איהם קושען די הענד — ער זאָל מיר זאָגען דעם אמת, דעם ריינעם אמת... האָט ער מיר ווידער א מאָל גענומען שווערען, אז ער וועט מיר דערצעהלען אלסדינג, איטליכם ברעקעלע, אניט — זאָל ער אזוי און אזוי. און אָט וואָס ער האָט מיר דערצעהלט. איך גיעב עס דיר דאָ איבער אין דריי ווערטער:

געזאָלט האָבען מיר טאקי פאָהרען קיין רומעניע, נאָר סאמע אין דער לעצטער

מינוט איז דער פּלאַן געענדערט געוואָרען איבער'ן דירעקטאָר טאַקי. אָט דער דירעקטאָר, לאָזט זיך אויס א מעשה, האָט זיין אייגענעם צוויי ווייבער. ער זאָגט אפילו, אז איינע פון זיי האָט ער שוין לאנג אָפּגעג'גט. ער קאָן, זאָגט ער, שטעלען עדות. נאָר זי, די גע'גט'ע הייסט עס, טענה'ט, אז ס'איז שקר וכזב. וויל די אנדערע, דיא ניט־גע'גט'ע הייסט עס, ער זאָל זי גט'ען. וויל ער איהר קיין גט ניט געבען. פאַר וואָס? ער פערלאנגט פון איהר, זי זאָל איהם אומקערען דאָס גאַנצע געלד מיט'ן ציערונג מיט דער גאַרדעראָבע מיט די הוצאות, וואס ער האָט אויף איהר אויסגעבראכט — א גאנצען מאַיאָנטעק. טענה'ט זי פאַרקעהרט: ס'זאָל זיך איהם זעצען די מכות, וואָס זי האָט זיך אויף איהם א סך מעהר אויסגעבראכט. ווער פון זיי איז גערעכט — איז שווער צו וויסען. דער הייזעריגער זאָגט, אז זיי זיינען אלע דריי גערעכט, און מחמת זיי זיינען אלע דריי גערעכט, טאָר מען זיי ניט, זאָגט ער, צולאָזען איינס צו דאָס אנדערע, ווארום עס קאָן, זאָגט ער, ארויס דערפון אנ'אומגליק — זיי וועלען אלע, זאָגט ער, בלייבען אָהן נעזער.

דערוויל טרעפט זיך א מעשה, אז אין די לעצטע טעג פאר'ן אוועקפאָהרען פון האָלענעשטי, בעקומט דער דירעקטאָר א בריעף פון א בעקאנטען, אז זיין ערשטע ווייב, די גע'גט'ע, איז געוואָהרע געוואָרען, וואו ער איז, קלויבט זי זיך צו איהם צו־גאסט קיין האָלענעשטי. איז איהם געוואָרען קאלעמוטנע אויף'ן הארצען, ווארום זי מאכט איהם אומעדום אזעלכע סקאנדאלען, אז ער מוז פון איהר לויפען אין דער וועלט אריין. ער האָט זיך געהאט שוין לאנג געריסען קיין רומעניע, קיין בוקארעשט. נאָר אז ער האָט בעקומען די דאָזיגע פריילעכע ידיעה, האט ער גענומען זיך גרייטען אין וועג אריין מיט דער גאנצער חאליאסטרע. נעם זשע, קוני־לעמעל, און פאָהר אוועק און מאך א שווייג. ניין. געהט ער, דער דירעקטאָר הייסט עס, און שרייבט אוועק פריהער א בריעף צו זיין צווייטער ווייב, די ניט־גע'גט'ע: "זאָלסט וויסען, אזוי און אזוי, איך האלט ביי אָפּפאָהרען קיין רומעניע. שוין צייט מיר זאָלען מאכען אנ'עק, אהין אָדער אהער. ווילסט דו מיט מיר זיין, קאָנסט דו קומען צו פאָהרען צו מיר גלייך קיין בוקארעשט". וואָס זשע טהוט זי, די ניט־גע־גט'ע הייסט עס? געהט זי און שרייבט איהם אָפּ אנ'ענטפער: "אזוי און אזוי, מיין טהייערער מאן! פריהער מאך אנ'עק מיט דיין ערשטער ווייב, נאָכדעם וועסט דו שמועסען מיט דער צווייטער". און צו יענער, צו דער גע'גט'ער, נעמט זי, די ניט־גע'גט'ע, און שרייבט אוועק חוץ א בריעף: "זאָלסט וויסען, אזוי און אזוי. אויב דו ווילסט מאכען אנ'עק מיט שטשופאק'ען, זאָלסט דו זעהען קומען וואָס גיכער קיין בוקארעשט"...... נעמט יענע, די גע'גט'ע הייסט עס, און לאָזט זיך פאָהרען גלייך קיין בוקארעשט. ווערד געוואָהר דערפון דער דירעקטאָר דורך עפּיס איינעם איין אקטיאָר, וואָס האָט בעקומען א בריוועל פון זיינעם א בעקאנטען, אויך איין אקטיאר. ווען בעווייזט איהם דער אקטיאר דאָס בריוועל? פונקט א האלבע שעה פאר'ן אוועקפאָהר, ביי העניך ווינשענקער אין קעלער. אָט דאָס איז די גאנצע מעשה. און אָט דאָס איז געוועזן דער סוד דעמאָלט, שבת־צו־נאכטס אין דרויסען, און אָט דערפאר האָט דאָס דער הייזעריגער אָנגערופען דעם דירעקטאָר מיט'ן נאָמען "אידיאָט".

"די דאָזיגע מעשה, וואָס איהר האט מיר דערצעהלט, — זאָג איך צום הייזעריגען, — איז טאקי אפילו זעהר א שענע מעשה, נאָר א קורצע. וואָס זשע וועט אבער זיין ווייטער?" — "ווייטער, זאָגט ער, וועט זיין גוט: די ווייבער ווע־

לען זיך דאָרטען אין בוקארעשט, זאָגט
ער, אם־ירצה שם רייסען ביי די שליי־
ערס, און מיר וועלען דאָ אָפּדינגען א
טהעאטער, זאָגט ער, און אוועקשרייבען
א בריעף צו דער חברה, זיי זענען, זאָגט
ער, אין יאס, אז ווער עס האָט מיט וואָס
זאָל קומען אהער, און ווער עס האָט ניט
קיין פּאָדעם, זאָל זיצען דאָרט, זאָגט ער,
אָדער ער זאָל געהן אהין, וואו דער ליע־
בער שבת־קודש געהט אוועק". "נו, און
האָצמאַך ?" — זאָג איך. מאכט ער
צו מיר: "וואָס עפּיס האָצמאַך ?
האָסט זיך פערבענקט נאָך איהם ?"...
"ניין, זאָג איך, גלאט אזוי. איך האָב
מיך דערמאָנט, זאָג איך, ווי אזוי האָצ־
מאַך טאנצט א "חסיד'על" לאָז ער דיר
טאנצען מיט'ן מלאך־המות, זאָגט ער,
אט דער האָצמאַך. וואָס דארפען מיר אָט
דעם דראָנג מיט די לאנגע פיס ? מיר
וועלען קריגען, זאָגט ער, אומעדום אזא
קאָמיקער, ווי האָצמאַך"...

דו פערשטעהסט דאָך שוין, טהייע־
רער, אז פון דער בשורה איז מיר פער־
קיהלט געוואָרען דער מאמעס מילך...
איך האָב מיך אָבער איינגעהאלטען ווי
ווייט מעגליך, געמאכט א פריילוך פּנים.
דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אז מיט
גוטען וועל איך בעסער מאכען, און אז
מע דארף שלאָגען בלאט מיט אָט דעם
הייזעריגען פּארשוין. און איך האָב
איהם אָנגעהויבען בעטען און געגעבען
צו פערשטעהן, אז כל־זמן עס וועלען
נישט קומען די גאנצע איבעריגע חברה,
וועל איך מיך ניט בערוהיגען. און אויב
ער וויל מיר טהון א טובה, זאָל ער זעהען.
אז אלע זאָלען קומען צופאָהרען, און
דוקא אָט דער דראָנג האָצמאַך זאָל אויך
קומען. "דעמאָלט, זאָג איך, וועל איך
מיך פּיהלען, גלייך ווי איך בין אין דער
היים, אין האָלענעשטי"... קוקט ער אויף
מיר און לאכט, און זאָגט צו מיר: גוט.
זיי שרייבען אוועק באלד א בריעף, אז
אלע זאָלען קומען צופאָהרען, און אָט
דער דראָנג האָצמאַך זאָל אויך קומען,
חאַפּט איהם דער רוח. אזוי זאָגט צו מיר
אָט דער הייזעריגער, שלום־מאיר הייסט
עס, און בעט מיך, אז וואָס איך וועל
דארפען און ווען איך וועל עפּיס דארפען
—זאָל איך מיך ווענדען צו איהם, און
נור צו איהם,—ועט ער מיר שטעהן אין
מיינע נויטען... און ער לויפט אוועק אין
די קלייטען און ברענגט מיר צו־טראָגען
נייע מלבושים א פּאַק. איך זאָל מיר
אויסקלייבען וואָס איך וויל און וואָס
מיר פּאסט. און שוכווארג האָט ער מיר
געבראכט צו־טראָגען דריי מאָל, ביז איך
האָב מיר צוגעקליבען א פּאָר שיך צו
מיין מאָס. און איך האָב מיך איינגעוואַ־
שען און אָנגעטהאָן פון קאָפּ ביז פיס.
און אז איך האָב א קוק געגעבען אויף זיך
אין שפּיעגעל, האָב איך מיך אליין נישט
דערקענט. וואו זענען אהינגעקומען די
טרערען ? עס האָט זיך מיר אָנגעהויבען
וועלען עסען. און ניט נור עסען—זינגען
האָט זיך מיר גאָר פערגלוסט ! און איך
האָב מיך צעזונגען ווי א סאָלאָוויי, גלייך
ווי מיר וואָלט געווען גוט ווי די גאנצע
וועלט.

קאפּיטעל 105.

דעם חזן'ס מיידעל זינגט קופּ־ לעטן און טאַנצט א פריילכס

(דריטער בריעף.)

מיט דעם אלעם, וואָס איך האָב דיר
בעשריבען אין מיינע ערשטע בריעף,
קעהרסט דו זיכער מיינען, אז עס האָ־
בען זיך שוין געענדיגט מיינע גרויסע
צרות ? ניין, טייערער, אָט דאָ הויבט
זיך ערשט אָן פאר מיר א סדרה פון נייע
טרערען, בענקעניש, בזיונות, פּערדראָס
און הארצוועהטיג אויפ'ן פּוד ! אז סך־
הכל האָב איך גאָר געלעבט אין טעות.
איך האָב געמיינט, אז ווערען איין

אקטריסע איז א שפּיעלכעל. מע טהוט זיך איבער און מע געהט ארויף אויף דער ביהנע — און פארטיג. צום סוף לאָזט זיך אויס, אז ס'איז נאָך ווייט צום געלעכטער. מע דארף דורכמאכען פריהער א גאנצע שקאָלע, דורכגעהן אלע שבעה מדורי גיהנם. ארטיסטען, זאָגען זיי, ווערען ניט געבוירען. פּאטטי, די בעריהמטע פּאטטי, זאָגען זיי, איז מיידעלווייז ארומגעגאנגען מיט א שארמאנקע און געזונגען אונטער די פענסטער... אזוי האָבען מיך אויפגעקלערט דער דירעקטאָר (שטשופּאק) און מיין בעשיצער (שלום־מאיר). און בכדי מען זאָל מיך צוגעוואָהנען צו דער ביהנע, האָט מען מיר געגעבען קודם זינגען קופּלעטען און לידעלעך און אויסגעלערנט טאנצען.

דעם ערשטען אויפטריט מיינעם אויף דער ביהנע וועל איך ניט פערגעסען ווייל איך וועל לעבען. און אויפגעטראָטען האָב איך אינגאנצען מיט איין לידעל. דער דירעקטאָר (שטשופּאק) בעריהמט זיך, אז ס'איז זיין לידעל. ער אליין, זאָגט ער, האָט עס פערפאסט. דער הייזעריגער זאָגט: שפּיי איהם אין פּנים... ווער דאָס האָט פערפאסט — ווייס איך ניט. נאָר הויבען הויבט זיך עס אָן מיט די ווערטער:

"פּראַטיג אויף דער נאכט —
איז א יעדער איד א מלך"...

און לאָזען לאָזט זיך עס אויס:

"פּראַ־א־א־טיג אויף דער נאכט!"...

דער עיקר איז אָבער ניט דאָס לידעל, ווי דאָס זינגען. און ניט אזוי נאָך דאָס זינגען, ווי דער גרים, דאָס אָנטהון. מע האָט מיך אָנגעטהאָן פּאר א יונגענמאן א חסיד'על. מען האָט מיר אָנגעקליצפּט פּאָה'לעך. ארייינגעשטעלט אין א פּאָר מאנסבילשע אטלעסענע הויזען, א זייידענע קאפּאָטע, מיט א קאפּעלישעל אויפ'ן קאָפּ. די מוזיק האָט געשפּיעלט און איך האָב דורכגעזונגען דעם "פּראַטיג אויף דער נאכט" און נאָך צוגעטאנצט דערצו א "פרייליכס" — איז געוואָרען, וואָס זאָל איך דיר זאָגען? — איין איינלייגעניש מיט א פּאטשעריי בראוואָ, זאָל גאָט היטען! איך האָב געמיינט — אָט־אָט פאלט איין אויף מיר די סטעלי. ביז'ן הימעל זענען געגאנגען די געשרייען: ספּיוואק! ראָזע ספּיוואק! (אזוי האָב איך שוין געהייסען דעמאָלט אויף דער אפישע). עס האָט זיך געשפּאָלטען אונטער מיר די ערד. עס האָבען זיך מיר געוויגט די ווענד מיט די לאָמפּען. איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך זאָל טהון. האָט מיך דער דירעקטאָר פון איין זייט און דער הייזעריגער פון דער אנדערער זייט גענומען שטויסען פון הינטער די קוליסען, אז איך מוז אויפטרעטען פאר'ן פּובליקום נאָך א מאָל. האָב איך אויפגעטראָטען נאָך א מאָל. איבער־א־נייעס זינגען דעם "פּראַטיג אויף דער נאכט" און ווידער א מאָל איבערטאנצען דאָס "פרייליכס". איך האָב געטאנצט, און אלץ האָט מיט מיר מיטגעטאנצט: די סטעלי, די ווענד, די לאָמפּען, דאָס פּובליקום. און אז איך האָב געענדיגט, בין איך ביי זיך הינטער די קוליסען אנידערגעפאלען ווי א סנאָפּ און האָב מיך צעוויינט. "קעצעלע, דו וויינסט? פרעהען דארפסט דו זיך! דו ווייסט דענן, פייגעלע, וואָס פאר אנ'ערפּאָלג, וואָס פאר א פורואָר, וואָס פאר א טריאומף? פּאטטי איז א הונט, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה!"... אזוי האָט מיך געטרייסט מיין בעשיצער, דער הייזעריגער. און דער דירעקטאָר איז געשטאנען פון דער וויטענס (איהם האָב איך קיינמאָל ניט צוגעלאָזט נעהינטער ווי א האלבען קלאפטער פון זיך). ער איז געשטאנען און אָנגעקוואָלען, געוואָרען ברייטער ווי לענגער. דאָס האָט מען געקאָנט ארויסזעהען נאָך די בענעצטע אויגלעך זיינע און נאָכ'ן געלעכטערעל זיינעם, וואָס זעהט אויס מעהר געוויינט, ווי געלאכט. "אוי, קופּלעטען, הערט זשע,

צוקער־זיס, זאָל מיין נאָמען ניט הייסען
אלבערט”... — האָט ער געבעלעבעט־
שעט מיט דער צונג און געבלישטשעט
מיט זיינע ברילּיאַנטען.

פון דעמאָלט אָן איז אוועקגעגאנגען א
גאנג ”ראָזא ספּיוואק”. נאכט און נאכט,
נאָך דעם טהעאטער־שפּיעלען, ווי א מין
קאָמפּאָט, האָט מען בעדארפט אונטער־
טראָגען דעם פּובליקום ראָזא ספּיוואק'ס
”פּראטיג אויף דער נאכט” און אויסלאָ־
זען מיט א טענצעל. ס'איז א סברה, אז
דעם קאָמפּאָט האָט דאָס יודישע פּובלי־
קום מעהר פּאָליובעט פון אלע מאכלים
מיט די פּאָטראָוועס פונ'ם גאנצען טהע־
אטער. איך האָב אליין געהערט מיט
מיינע אויהרען, ווי צוויי יודען בעלי־
בתים שמועסען זיך דורך אין טהעאטער
הויף איבער'ן גאנצען זאל: ”ווען וועט
שוין האָבען אנ'עק מיט'ן פּורים־שפּיעל
און ווען וועט מען אונז שוין דערלאנגען
אָ ביסעל ראָזע ספּיוואק”... די ערשטע
צייט האָב איך געמיינט, איך וועל אין
דער ערד אריין פון אזעלכע קאָמפּלי־
מענטען. ניין, דאָס דארף מען פער־
שטעהן. דאָס דארף מען פיהלען !.... דאָס
פּערקוקען פון דיא מאנסבילען צו מיר
אונטער דער זשילעט. דאָס בעטראכטען
מיך פון אלע זייטען אין דיא מאנסבילשע
הויזען. זייערע אויגען בעת־מעשה מיט
דיא ווערטלעך, וואָס זיי ווארפען איינס
דאָס אנדערע. הייגט דיא בייזע אויגען
פון די ווייבער — רבונו של עולם ! וואו
ס'איז דאָ ערגיץ א קרענק אויף דער
וועלט האָב איך זיי געווינשעוועט, און
וואו ס'איז דאָ ערגיץ א קללה — האָב
איך אין זיי אלעמען אריינגעוואָרפען.
איך האָב פערשאָלטען דיא מאנסבילען
און דיא ווייבער און דאָס יודישע טהע־
אטער און זיך אליין און דעם טאָג, וואָס
איך בין געבוירען געוואָרען אויף דער
וועלט ! איך האָב עס אָבער אלסדינג, ווי
דו זעהסט, איבערגעלעבט, און דאנקען
גאָט, וואָס איך קאָן עס איצט דערצעהלען
דיר אין פריידען. און ווייסט דו, וועמען
איך האָב צו פערדאנקען ? נור דיר, מיין
טהייערער, מיין איינציגער פריינד ! וואָ־
רום איך האָב די גאנצע צייט אפילו אויף
קיין מינוט נישט פערלוירען דיא האָפע־
נונג, אז אָט קומסט דו צו־פאָהרען, אָט
דערזעה איך דיין ליכטיג פּנים, און אָט
נעמען מיר זיך ביידע פאר די הענד און
לאָזען זיך אוועק אין דער וועלט אריין,
אזוי וויא מיר האָבען אָפּגערעדט, זיך
תקיעת־כף געגעבען... מיין בעשיצער
(דער הייזעריגער) האָט מיך געפיהרט
פון טאָג צו טאָג, אז אָט קומען צו־פאָהרען
די איבעריגע חברה און מיט זיי וועט
קומען ”מיין האָצמאך”... (אזוי פלעגט
ער זיך מיט מיר רייצען). עס זענען
אָבער אוועקגעגאנגען טעג און וואָכען —
ווער ? וואָס ? מע הערט נישט און מע
זעהט נישט !

דיא איינציגע, וואָס האָט זיך יאָ בע־
וויזען פון דעם פריהעריגען חדר, איז גע־
ווע; דיא מאדאם טשערניאק, איין אק־
טריסע א פערזעהעניש, א קאָמישע
פיגור, וואָס מע רופט זיא ”בריינדעלע
קאָזאק”. דו דארפסט זי געדענקען פון
האָלענעשטי. א קורצינקע, א גראָבינקע,
מיט גרויסע ווייסע ציינען. פון איהר בין
איך דאָס געוואָהר געוואָרען. אז מיין בע־
שיצער (שלום־מאיר) האָט מיך גענארט,
מיאוס אָפּגענארט. ער האָט קיין שום
בריעף ניט געשריעבען צו דער חברה
קיין יאס, אז זיי זאָלען צוריקקומען.
כ'איז געווען ליגען פון אָנהויב ביז'ן
סוף !... אָט די דאָזיגע בריינדעלע קאָזאק
דאָט מיר אָנגעדערצעהלט אזעלכע זאכען,
אז דיא האָר שטעלען זיך קאפּויר. די
דעקאָראציעס, זאָגט זי, האָט מען אויס־
געשריבען, נאָר די קאָמפּאניע אקטיאָ־
רען און אקטריסעס האָט מען איבער־
געלאָזט וויא אויפ'ן וואסער, אין א
פרעמד לאנד, זאָגט זי, אָהן א שפּראך
און אָהן א גראָשען ביי דער נשמה. ווען
ניט זי, וואָלטען זיי דאָרטען אויסגעגאנ־

גען פון הונגער. וויא ווייט נור מעגליך האָט זי זיי, זאָגט זי, אונטערגעהאַלטען. נאָכדעם האָבען זיי אויסגעפּערקויפּט, זאָגט זי, פון זיך, וואָס זיי האָבען געהאַט, און האָבען זיך צעקראָכען, צעגאַנגען, זאָגט זי, אזוי ווי זאַלץ אין וואסער. "נו, און דאָצמאַך ?" — פרעג איך זי. "דאָצמאַך", זאָגט זי, איז ווי אין דער ערד אריין"... און אזוי אלע מאָל פלעגט זי מיר דערצעהלען שרעקליכע מעשות פון די אָרעמע אקטיאָרען, ווי אזוי מע האָט זיי נעבאַך אָפּגעהומעלט, און אלע מאָל האב איך אריינגעוואָרפען: "נו, און האָצמאַך ?" און אלע מאָל איז געווען די אייגענע ווערטער: "האָצמאַך איז אין דער ערד אריין".

נאָר איינמאָל האָט זיך די בריינדעלע קאָזאַק ארויסגעהאַפּט מיט א וואָרט, אז זי האָט געהערט פון איינעם א יודישען אקטיאָר, אז ער האָט געהערט פון נאָך איינעם, אויך א יודישען אקטיאָר, אז יענער האָט געזעהן האָצמאַכ'ען מיט עפּים זעהר א יונגעטשקען בחור'על זענען אומגעפאָהרען איבער בוקארעשט... דו קאָנסט פערשטעהן, ווי מיר האָט געקלאַפּט דאָס הארץ, אז איך האָב דערהערט אָט די דאָזיגע ווערטער!.... צוליעב דעם אליין האָב איך זי געוואָלט ארומהאַפּען קושען, און מיר זענען געוואָרען פון דעמאָלט אָן מיט אָט דער בריינדעלע קאָזאַק ווי צוויי שוועסטער. און ווער שמועסט, זי צו מיר — איז געווען טאקי ווי איין אייגענע שוועסטער.

אָט דער בריינדעלע קאָזאַק האָב איך צו פערדאנקען מיט א סך זאכען. זי האָט מיר געעפענט די אויגען, ווער דער דירעקטאָר (שטשופּאַק) איז, און וואָס דער הייזעריגער (שלום מאיר) איז, און האָט מיך קלאָר געמאַכט און אויסגעלערנט, וואָס איך האָב צו טהון אויף דער וועלט. זי האָט מיך בעקאַנט געמאַכט מיט אזעלכע זאַכען, וואָס וואָלט געווען אפשר אָהן איין אומגליק, איך זאָל עס וויסען א ביסעל שפּעטער... איך האָב איהר אָבער צו פערדאנקען דערמיט, וואָס איך האָב מיך ארויסגעראַטעוועט פון דער בלאָטע נאָך בעצייטענס. זי איז געווען די ערשטע, וואָס האָט מיר אָנגעוויזען, אז מיין אָרט איז ניט דאָ, צווישען די קאָמעדיאַנטען... ווען ניט זי, וואָלט איך מיך נאָך אפשר עד היום ארומגעשלעפּט מיט שטשופּאַקס טרופּפּע 'ואו ערגיץ א העק. ווען ניט זי, וואָלט איך נאָך איצט אויך אפשר אויפגעטראָטען אין אלע שענקליך, אָנגעטהאָן אין מאנסבילשע הויזען, און געזונגען "פּראַטיג אויף דער נאַכט" און געטאַנצט א "פּריילּיכס"..........

. . . .

טהייערער! טהייערער! אז איך דערמאָן מיך אָן יענער צייט, פלאַמט מיר מיין פּנים פאַר חרפּה נאָך איצט אויך און עס ברענט אין מיר א פייער ניט אזוי אויף מיין דירעקטאָר און ניט אזוי אויף מיין בעשיצער, וואָס האָבען געוואָלט פון מיר ארויסציהען וואָס מעהר געלד, — דאָס טהוט יעדער אונטערנעמער היינט אויך. ניין. מיך האָט געברענט אויף יענע זאַטע בעלי־בתים מיט די פעטע בייכלעך, וואָס פלעגען געהן מיך הערען זינגען מיין "פּראַטיג אויף דער נאַכט", אָדער קוקען, ווי איך טאַנץ א "פּריילּיכס", און פלעגען קוועלען, זיך באַלעקען, ווי א קאַץ אויף סמעטענע, איינלעגען די וועלט, צעטראָגען דאָס טהעאַטער: "ספּיוואַק! ראָזע ספּיוואַק!"... ליעבהאָבער פון יודישען טהעאַטער — אזוי האָבען זיי זיך גערופען, און געגאַנגען נאַכט און נאַכט צו שטשופּאַק'ען אין טהעאַטער, פערקוקט הינטער די קוליסען: ווען וועט זיך שוין בעווייזען אָט דאָס מיידעל אין מאַנסבילשע הויזען?... אוי, אָט די ליעבהאָבער פון יודישען טהעאַטער! איך זאָל דיר וועלען פון זיי שרייבען, וואָלט איך בעדאַרפט אוועקזיצען וואָכענלאַנג, טאָג ווי נאַכט, און שרייבען און

שרייבען און גאָרניט אויפהערען. ניין, זיי זענען דאָס, כלעבען, ניט ווערטה. מיט איינעם א "ליעבהאָבער פון יודישען טהעאטער" מוז איך דיך יאָ בעקאנט מאכען. און חאָטש אליין איז ער געווען אמאָל נישט מעהר ווי איין אָרעמער בעל־מלאכה, א קירזשנער, שפיעלט ער אָבער איצט א גרויסע ראָלע אין דער טהעאטער־וועלט צוליעב זיינעם א זוהן, א "וואונדערקינד", א בעריהמטען פידעל־שפיעלער. און ווייל פון איהם איז זעהר א סך צו דערצעהלען און ס'איז שוין רעכט שפעט, לייגען מיר איהם אָפּ אויף א צווייטען מאָל. א גוטע נאכט, טהייערער מיינער. שלאָף געזונד!

קאפּיטעל 106.

א מעשה פון טויזענד־און־איין־נאַכט

(פיערטער בריעף.)

איינמאָל — דאָס איז געווען אין א הייסען זומערדיגען טאָג — זענען מיר געווען אלע אויף פּראָבע. איך האָב שוין געהאט דעמאָלט אָנגעהויבען שטודירען ערשטע ראָלען. קומט מען צו־געהן און מע זאָגט אָן דעם דירעקטאָר, אז עפּיס א מענש פרעגט זיך נאָך צו איהם. איטליכם מאָל, אז דער דירעקטאָר (שטשופּאק) דערהערט, אז עמיצער פרעגט זיך נאָך צו איהם, אזוי ווערד ער טוידט ווי דיא וואנד. אפּנים, אלץ איבער די ווייבער... די מאדאם טשערניאק, אָט די וואָס מע רופט "ברייגדעלע קאָזאק", זאָגט, אז שטשופּאק האָט, דאנקען גאָט, ניט קיין צוויי, נאָר דריי ווייבער... הכלל האָט מען איהם געגעבען צו־וויסען, אז עמיצער, א מענש, פרעגט זיך נאָך צו איהם. איז ער באלד געוואָרען ווי צעמישט און אָנגעהויבען זוכען זיין בעל־יועץ: "שלום־מאיר! וואו איז ער ערגיץ, שלום־מאיר, א חלירע!". דער "מענש" אָבער האָט זיך, אפּנים, נישט געקאָנט דערוואַרטען ביז עפּיס וואָס, איז ער אויסגעוואכסען הינטער די קוליסען, און ביידע האָבען זיי זיך געגעבען א וואָרף איינס דאָס אנדערע אויף'ן האלז: "סטעלמאך!"... "שטשופּאק!"... אין דעם איז אָנגעלאָפען דער "הייזעריגער" און עס איז געוואָרען צווישען אלע דריי א קושעריי, א גדולה, א יום־טוב! לייבליכע ברידער, וואָס האָבען זיך ניט געזעהן א יאהר צוואנציג, דארפען ניט אזוי דערפרעהען זיך, ווי די דריי האָבען זיך דערפרייהט. און ווע־ שמועסט, אָט דער "מענש", וואָס מען רופט איהם "סטעלמאך" — דער איז שיער ניט צו־שמאָלצען געוואָרען, ווי שניי אויף דער זונן. אפּנים, פאר גרויס תענוג, וואָס ער האָט זוכה געווען נאָך א מאל צו זעהן זיך מיט שטשופּאק'ען און מיט זיין רעכטער האנד, דעם הייזעריגען שלום־מאיר. א יודעל א ניע־עריגס, א שוואר־צינקס, א האָריגס, שוין אין די יאָהרען, נאָר גוט געפּאקט, גוט אויסגעפּאסעט, מיט א קיילעכיג בייכעל, מיט א געלייטערט פּנים, מיט טרערענדיגע אויגלעך און מיט זעהר־זעהר א זיס־צוקערדיג שמייכעלע, וואָס ליגט שטענדיג צעגאָסען איבער'ן גאנצען פּנים (עס זעהט אויס, אז דער מענש איז צופריעדען מיט זיך, מיט גאָט, מיט אלע מענשען און מיט דער גאנצער וועלט) — אָט דאָס איז דער פּאָרטרעט פון דעם פּארשוין, וואָס מע רופט איהם סטעלמאך. א מעלה האָט ער — ער איז נישט גרויס ביי זיך און חאָטש ער אליין זאָגט אויף זיך, אז ס'איז איהם קיין עין־הרע גוט ווי די וועלט, און אז ער איז קיין עין־הרע זעהר רייך, פון דעסטוועגען, איז ער ביי זיך פּראָסט און קליין און פּשוט. ער האָט פיינד, ווי אנדערע, זאָגט ער, בלאָזען פון זיך. ער האָט פיינד ארויסבעווייזען, זאָגט ער, גרויסקייט. אדרבה, ער אליין האָט ליעב צו דערצעהלען פאר

איטליכען בעזונדער, און צו יעדער צייט, ווען איהר ווילט, זיין גאנצע ביאגראפיע. דערצעהלען זיין ביאגראפיע וועט איהם קיין מאָל ניט נמאס ווערען. רעדען רעדט ער שטיל, קוים וואָס מע הערט, מיט א גרינגען זיפץ און מיט א שמייכעלע, גלעט דיך בעת־מעשה איבער דער האנד, אָדער ער האלט דיך צו ביי׳ם קנעפּעל, זאָלסט ניט אוועקגעהן — און עס גיסט זיך, גיסט זיך ביי איהם אזוי גלאט, ווי בוימעהל פון א פאס, און עס קניפּט זיך און עס קייטעלט זיך ביי איהם איינס אין׳ם אנדערען, טאקי נור עפּיס חדושים ונפלאות, מעשיות פון טויזענד־איין־נאכט. איך וויים ניט, אויב עס וועט אויסקומען גוט, נאָר איך וועל מיך פּרובירען איבערגעבען דיר זיין ביאָגראפיע טאקי מיט זיין לשון.

געוועזען איז ער, ניט היינט געדאכט, ניט פאר אייך געדאכט, ניט פאר קיין שום מענשען געדאכט, — אזוי הויבט ער אָן צו דערצעהלען זיין ביאָגראפיע מיט א זיפץ און מיט א שמייכעלע, און דאָס פּנים שיינט, — געוועזען, ניט היינט געדאכט, ניט פאר אייך געדאכט, ניט פאר קיין שום מענשען געדאכט, א יוד אן׳אָרעמאן, א קבצן, א דלפן, אנ׳עני ואביון און א מטופל מיט קינדער דערצו, טאקי ממש קיין שטיקעל ברויט ניט געוועזען. געזעסען ערגיץ וויים איך וואו, אין א קליין שטעדטיל, א מדבר, אן עק, ניט ווייט פון בערדיטשעוו, מיט׳ן נאָמען מאחנעווקע אָדער יאחנעווקע (איך האָב שוין פערגעסען דעם נאָמען), און געלעבט פון דעם, וואָס ער האָט גענייהט היטלען, שמויסענע היטלען, פאר די גויים, געגאנגען דריי מייל צופוס מיט דער סחורה אויף די יארידים, טאָמער וועט מען עפּיס פערדיענען. די שטיוועל, ניט היינט געדאכט, ניט פאר אייך געדאכט, ניט פאר קיין שום מענשען געדאכט, ארומגעבונדען מיט שטריקלעך — די פּאָדעשוועס זאָלען חלילה ניט אפּפאלען, און א פּעלצעל האָט ער געטראָגען, וויא א רעשעטע, פון סאמע לעבער. דער פראָסט ברענט, דער שניי סקריפּעט, דער ווינד שמייסט אין פּנים אריין און דאָס הארץ חלש׳ט, און אין דער היים, ניט היינט געדאכט, ניט פאר אייך געדאכט, ניט פאר קיין שום מענשען געדאכט, ליגט א קראנק ווייב מיט קליינע קינדער. דאָס עלטערע איז נאָך נישט אלט געוועזען דעמאָלט קיין זעכס יאָהר. הערשע׳לע האָט מען איהם דעמאָלט גערופען. געוועזען פון קליינווייז אויף א געראָטען קינד, א גאָלד. טאָג ווי נאכט פלעגט עס ארומגעהן מיט צוויי שטעקעלעך און שפּיעלען, און שפּיעלען, און שפּיעלען. "הערשעלע, וואָס טהוסט דו דאָס?" "איך שפּיעל, זאָגט ער, אויף׳ן פיעדעל". געהט דער פּאָטער אויף ציקאָוועסט איינמאָל און ברענגט איהם צו־טראָגען א פּראָסטע גויעשע פיעדעל, וואָס האָט די ווערטה דריי גילדען. דאָס קינד האָט דערזעהען א פיעדעל — האָט עס זיך אזש צעוויינט. וואו האָט ער געזעהן א פיעדעל? ווער האָט איהם בעוויזען, ווי אזוי מע דארף שפּיעלען? זאָל איהם אזוי וויסען, זאָגט ער, א בייזע וועטשערע מיט אייך אינאיינעם. דאָס קינד האָט, זאָגט ער, אליין, אליין פון זיך, גענומען רימפּלען, און גערימפּעלט, און גערימפּעלט, אזוי לאנג ביז ער האָט אָנגעהויבען שפּיעלען ניגונים. דארף גאָט פיהרען אזוי, אז אין יענעם שטעדטעל וואָהנט א פּריץ, א גראף צי א קניאז (איך געדענק שוין ניט אקוראט). דאָס שטעדטעל איז טאקי זיין שטעדטעל. ווערד געוואָהר דער פּריץ, אז ביי איהם אין שטעדטעל געפינט זיך דוקא ביי אן׳אָרעם יודעל א קירזשנער א יונגעלע אנ׳אנטיקעל — שפּיעלט ער אויף׳ן פּיעדעל, אז עס לאָזט זיך אויס די וועלט. הייסט דאָך דער פּריץ מסתמא, מע זאָל איהם ברענגען דאָס יודעל מיט׳ן

יונגעלע מיט'ן פיעדעל, און אז דער פּריץ הייסט, קאָן מען קיין חזיר ניט זיין און מע מוז געהן. געקומען צום פּריץ מיט'ן יונגעל און מיט'ן פיעדעל. דאָס יונגעלע האָט מען ארויפגעשטעלט אויף'ן טיש און עס האָט געגעבען א שפּיעל איינס און צוויי און דריי — דער פּריץ איז באלד געוואָרען די כפּרה און די פּריצה האָט ארומגעחאפּט דאָס קינד קושען און האלזען. און עס איז בעשאפען געוואָרען אויף'ן טיש טיי און קאווע און פערבייסען: בולקעס, אייער, איינגעמאכטס — אלסדינג וואָס א יוד מעג עסען. "זיץ, מאכט צו איהם דער פּריץ, זיץ, וואָס שטעהסט דו? דו ווייסט דענן, זאָגט ער, וואָס דו פערמאָגסט? דו פערמאָגסט, זאָגט ער, א טהייערן שטיין. דו ביזט, זאָגט ער, א מילליאָנער. נאָר וואָס דענן, זאָגט ער, דו ביסט א פּראָסטער מענש, א בלינדער. דו ווערסט, זאָגט ער, זיין ערגער פון ערגער, אויב דו ווערסט דאָס קינד לאָזען וואכסען אזוי, נישט אָפּגעבען איהם אין שטאדט אריין לערנען, שטודירען מוזיק!"... רופט זיך אָן צו איהם דער פאטער: "אדוני פּריץ! דיר איז, אפּנים, גרינג צו זאָגען — "שטודירען מוזיק"? איך בין, ניט דאָ גערעדט, ניט פאר קיין מענשען גערעדט, א יוד אנ'ארעמאַן, א קבצן, א דלפן, אנ'עני ואביון און א מטופל מיט קינדער דערצו"... מאכט צו איהם דער פּריץ: "לאָז דיך ניט אהרען. דו געב איהם נור איבער אויף מיינע הענד, מאך איך דיר איהם פאר א לייט"... אזוי זאָגט צו איהם דער פּריץ, און די פּריצה שאָקעלט צו מיט'ן קאָפּ. איז אבער אָט דער סטעלמאך אויך נישט פון די, וואָס צעהן א גראָשען, טראכט ער זיך: דערווייל, ביז עפּעס וואָס, ביז דער פּריץ וועט מאכען זיין קינד פאר א לייט, קאָן איהם, דעם פאָטער, בלייבען ווינציגער מיט א קינד, און דעם כלל־ישראל — ווינציגער מיט א יודען... "ניין, פּריץ לעבען. דאָס איז ניט קיין פּלאן, זאָגט ער. דו הייס מיר בעסער שפּאנען פערד און לייה מיר אויס עטליכע קערבלעך אויף הוצאות, חאפּ איך מיך אראָפּ מיט'ן קינד קיין בערדיטשעוו. א גרויסע שטאדט. קיין עין־הרע, א סך יודען. רייכע מענשען"...

כך הוה. געקומען למזל מיט'ן קינד קיין בערדיטשעוו. ער דרעהט זיך ארום מיט'ן קינד איבער דער שטאדט. א כרך גדול. עס קאָכט ווי אין א קעסעל. יודען לויפען ארום, דער אהער, דער אהין, פערטראָגען, פערטארעראמט. קיינער קוקט זיך ניט ארום דאָס קינד וויל נעבאך עסען. און ווי אויף־צו־להכעיס, זומערצייט, עפּעל און בארען און פלאָמען בזיל־הזול. דאָס קינד געהט אויס פלאָמען — און איהר זאָלט זאָגען, א פּרוטה ביי דער נשמה. הויבט ער אָן אָפּשטעלען איינעם, דעם אנדערען, בעטען אנ'עצה, מעהר ניט אז אנ'עצה: "וואָס טהוט מען, יודישע קינדער, אזוי און אזוי: איך פערמאָג א טהייערען שטיין, זעהט איהר, א מילליאָן"... קוקען זיי איהם אָן, ווי א משוגע'נעם: א יוד געהט אָפּגעריסען־אָפּגעשליסען, שלעפּט זיך ארום מיט עפּיס א יונגעלע, נאקעט און באָרפיס, און זאָגט, אז ער פערמאָגט א מילליאָן. הויבט ער אָן זיי געבען צו פערשטעהן, דערצעהלט זיי, וואָס דער פּריץ האָט געזאָגט, און וויל זיי בעווייזען, וואָס דאָס יונגעלע קאָן. צעלאכט מען זיך און מע בטל'ט אויס צו איהם אלע חלומות! פערדריסט דאָס איהם. געהט ער אוועק צו די יונגע לייט, צו איינעם, צום אנדערען, דערצעהלט זיי, וואָס דער פּריץ האָט געזאָגט און בעט זיך, מע זאָל לאָזען דאָס יונגעלע א שפּיעל טהון, בעווייזען זיי, וואָס דאָס יונגעלע קאָן... אויסגעהערט, רופען זיי זיך אָן צו איהם: "באשר בכן, וואָס זשע ווילט

איהר, רב יוד ? " — וואָס זאָל ער וועלען ? ער וויל נעבאך עטליכע קערבלעך חאָטש קאָנען אוועקפאָהרען צוריק אהיים... רופט זיך אָפּ צו איהם איינער : "שאַט, ווייסט איהר וואָס ? מיר וועלען אייך מאכען א קאָנצערט ?" קלערט זיך דער פּאָטער : ער זאָל אזוי וויסען א בייזע וועטשערע ! פרעגט איהם בחרם, וואָס הייסט דאָס א קאָנצערט ? נאָר זיי זאָגען א קאָנצערט, לאָז זיין א קאָנצערט...

הכלל, ער האָט ביי זיי נושא חן געווען. חברה האָבען גערונגען א זאַל. מע האָט אפּגעדרוקט אפישען און מע האָט אָנגעהויבען ארומגעהן פערקויפען בילעטען — קיינער קויפט ניט. שלעכט, וואָס וועט זיין? "לאָז אייך ניט אהרען, זאָגען זיי, ביז'ן קאָנצערט איז נאָך ווייט". געקומען דער אויפדערנאכט פון'ם קאָנצערט. שוין זייגער אכט. זייגער נייען. זייגער האלב־צעהן — נישטאָ קיינער. ערשט ארום עלף האָבען זיך צענויפגעזאמעלט עטליכע יונגעלייט, קוים א מנין. מע טהוט זיך א חאַפּ : וואו דאָס יונגעלע ? דאָס יונגעלע שלאָפט. קוים אויפגעוועקט. אוועקגעשטעלט אויף א בענקעל. דאָס יונגעלע האָט זיך צעשפּיעלט — נו־נו. דאָס איז שוין געווען א קאָנצערט !

מע האָט דאָס קינד ארומגערינגעלט, געקוועטשט, געקושט, שיער ניט דערשטיקט. נאָר וואָס קומט ארויס, אז ס'איז נישטאָ אפילו מיט וואָס פאַר'ן זאָל צו בעצאָהלען ? געקומען אהיים, אויף דער אכסניה הייסט עס, מיעד, צעבראָכען, הונגעריג. עסען, זאָגט די בעל־הבית'טע, איז שוין שפּעט... א בעטעל אויף צו לעגען זיך שלאָפען — הייסט זיך דער בעל־הבית בעצאָהלען פריהער געלד. ביטער ! בעט מען אויס דאָס פעלצעל אויף דער ערד און מע לעגט אוועק א קולאק צוקאָפּענס. דאָס קינד ווערט אנשלאָפען — א קינד בלייבט א קינד — און ער, דער פּאָטער הייסט עס, ליגט און טראכט, דער מח ווערד איהם שיער ניט צעפּאלען : ווי אזוי רייסט מען זיך ארויס פון דעם דאָזיגען מקום ? ער פיהלט, דאָס הארץ זאָגט איהם, אז נעבען איהם, אָט דאָ אויף'ן צעריסענעם פעלצעל, וואלגערט זיך נעבאך א פערמעגען. א מיליאָן. נאָר געה שריי — אני שלמה ! מיט די געדאנקען ווערד ער אנשלאָפען, דער פּאָטער הייסט עס, און עס חלומט זיך איהם א חלום, א מאָדנער חלום : אין מיטען שטאָדט א בוים מיט פלאָמען. גאנץ אויבען, אויף'ן שפּיץ־בוים, שטעהט זיין זוהן און טרייסעלט, טרייסעלט דעם בוים, און פון'ם בוים גלייך אראָפּ צו איהם, צום פּאָטער, פאלען... ניט קיין פלאָמען, נאָר — מיליאָנען ! איין מיליאָן נאָך'ן אנדערען. איין מיליאָן נאָך'ן אנדערען. ער, דער פּאָטער הייסט עס, בויגט זיך אָן צו דער ערד, קוקט זיך ארום אויף אלע זייטען, הויבט אויף די מיליאָנען און שטופּט אין די קעשענעס אריין. דער זוהן פון אויבען פרעגט איהם : "טאַטע, נאָך ? " "נאָך־נאָך!" — ענטפערט איהם דער פּאָטער און ווערד גאר ניט מיעד קלויבענדיג די מיליאָנען. פּלוצים דערהערט ער פון דער ווייטען א טומעל, א געפילדער. "גענוג שוין טרייסלען! " — זאָגט ער צום זוהן און חאַפּט זיך אויף — דערזעהט ער, אז ער ליגט מיט'ן קינד אויף דער ערד, דאָס פעלצעל צוקאָפּענס. די שטוב איז פול מיט מענשען. דער בעל־הבית איז טוידט ווי די וואנד. די בעל־הבית'טע ברעכט די הענד און וויינט : "איהרע פּערעל ! איהרע פּערעל ! "... ער שטעהט אויף פון דער ערד, וויל געהן צו דער טהיר, זאָגט מען איהם : "זייט זשע מוחל, רב יוד, מיר וועלען אייך פריהער בעזוכען"... "וואָס הייסט — איהר וועט מיך בעזוכען ? " "מיר וועלען אייך אויסטהון, זאָגען זיי, נאקעט,

אייך און אייער קינד, און בעזוכען, אפשר, זאָגען זיי, זענען על־פּי־טעות צו אייך פערקראָכען ביינאַכט דער בעל־הבית'טעם פערעל ?" . . . . .

. . . .

עס ווייזט אויס, אז דאָ פעהלען עטליכע בלעטלעך, ווארום אין דער ווייטעריגער געשיכטע פון טויזענד־איין־נאכט איז צו זעהען, אז דער סטעלמאַך מיט זיין וואונדערקינד זענען שוין אין פעטערבורג, און אז דאָס קינד הייסט שוין ניט הערשעלע נאר גרישא, און אז ער בעקומט שוין גאָר פענסיע. ווי ארום און ווי אזוי קומט ער קיין פעטערבורג— דאָס ווייסען מיר ניט. צו־לעגען, אויסטראכטען — ווילען מיר ניט אפילו קיין וואָרט צו דער דאָזיגער אמת'ער געשיכטע. מיר קאָנען נור איין זאַך: איבערגעבען אלע ווייטעריגע שריפטען פון אונזער העלדין, אָהן אַ שום ענדערונג, אזוי וויא זיי שטעהען און געהען.

קאפּיטעל 107.

פּאַרטזעצונג פון טויזענד־און איין נאַכט

געקומען קיין פעטערבורג — עס קאָכט די שטאדט. פון איינעם צום אנדערען. פון איינעם צום אנדערען. דאָ אַנ'אָנבייסען, דאָ א ווארעמעס, דאָרט א וועטשערע. און דאָס קינד — אויף די הענד טראָגט מען איהם ארום. אומעדום, וואו ערגיץ א באל, א קאָנצערט, אַנ'אָווענד, — הערט מען נור "גרישא סטעלמאַך" און "גרישא סטעלמאַך". סטודענטען, פּראָפעסאָרען, כריסטען, דאמען — אלע אין איין קול: "גרישא סטעלמאַך!" עס קאָכט! עס זידט! פון געלד שמועסט מען ניט. וויבאלד פענסיע— איז דאָך אנדערע ווערטער. אמת, די פענסיע איז איהם פערלאָפען מיט בלוט און מיט בזיונות און מיט לויפענישען פון איינעם צום אנדערען. קוים מיט צרות זיך דערשלאָגען, אי דאָס — צוליעב א כריסט, א רשע, א צורר־היהודים — א סך צו דערצעהלען... און אזוי געהט אוועק א יאהר און א יאהר. דאָס קינד וואכסט און דער נאָמען וואכסט נאָך גרעסער. נישטאָ שוין, דאנקען גאָט, פאר איהם קיין לעהרער. אנ'עק, אויסגעגאנגען פּראָפעסאָרען אין פעטערבורג. ער האָט זיי אלעמען אריבערגעיאָגט. וואָס וועט זיין ווייטער? צייט א קלער טהון מכח תכלית. אייביג קיין פענסיע וועט מען ניט געבען. צייט אליין אָנהויבען פערדיענען. מע דארף געבען א פאָהר ארוים מיט'ן קינד אויף דער וועלט. און טאקי וואָס גיכער. ווארום כל־זמן דאָס "וואונדערקינד" איז א קינד, איז דאָס א וואונדער, וואָס אלע ווילען דאָס זעהען. קוים אבער טהוט עס א וואכס ארויס פון די קורצע הויזלעך, אזוי ווערד דאָס קינד אויס קינד און דער וואונדער — אויס וואונדער. גאָט ווייסט, וואָס פון א קינד קאָן נאָך אויסוואכסען און אין וועמענס הענד ער קאָן נאָך אריינפאלען. על־כן דארף מען זעהען אריינחאפּען בעצייטענס... אזוי האָט זיך דער פאָטער בערעכענט און אזוי איז דאָס טאקי געווען. דאָס הייסט, ניט אזוי גיך טהוט זיך עס ווי סע רעדט זיך. ארויספאהרען אויף דער וועלט — קאָסט געלד, און קיין געלד איז ניטאָ. וואָס זשע טהוט מען? דארף מען געפינען עפּים אנ'עצה, זוכען א שותף: דיין געלד, מיין סחורה... און גאָט האָט איהם געהאָלפען, ער האָט געפונען א בעלן, א דייטש, מיט'ן נאָמען שוליץ, וואָס נעמט זיי אויף זיינע הוצאות, און וויפיעל עס וועט מאכען — איז חצי שלי חצי שלך. נאָר וואָס דענן? א קלייניגקייט: ער וויל א קאָנטראקט אויף צעהן יאהר. "דייטש! ביזט משוגע, צי חסר־דעה? וואָס פאר צעהנדליגער יאָהרען? גענוג א יאָהר, גענוג צוויי יאָהר, דריי יאָהר — אנ"עס!" חאָטש

האק איהם, חאַטש בראָק איהם. אנ׳ איינגעשפּארטער דייטש! דערווייל די צייט שטעהט ניט. קאָסטען קאָסט. פון דערהיים שרייבט מען, מע זאָל שיקען געלד. אהין־אהער, מע האָט זיך מיט׳ן דייטש קוים אויסגעגלייכט אויף פינף יאָהר. זיך צעשריבען מיט א קאָנטראקט, ווי עס געהער צו זיין, און מע האָט זיך אוועקגעלאָזט אין א גוטער שעה איבער דער וועלט. מע האָט אָנגעהויבען קלאַפּען קאָנצערטען, איינס נאָך דאָס אנדערע, איינס נאָך דאָס אנדערע, און דאַנקען גאָט, ס׳איז אוועק מיט הצלחה. וואוהין מע קומט — איז חושך! הערען גרישא סטעלמאַך — לויפט מען ווי אויף א שרפה. מענשען — אזוי ווי זאמד, אזוי ווי שטערען אין הימעל. גבירים, אדירים, כריסטען, שררות — אזוי ווי פליעגען, פליעגען פאלען זיי, און געלד — געלד שיט זיך פון אלע זייטען. ס׳איז נור א פערדראָס, וואָס מע דארף זיך טהיילען מיט אָט דעם דייטש! פאר וואָס קומט איהם אזוי פיעל געלד? וואָס האָט ער אריינגעלעגט? דעם טאטענס ירושה? צי די גרויסע תורה, וואָס דאָ איז? ער קאָן שוין, ברוך־השם, אליין די מלאכה פון קאָנצערטען. א טהייערע מציאה! מע קומט צו פאָהרען אין א שטאָדט, גיט מען צו וויסען קודם אין אלע צייטונגען, מע בעצאָהלט, הייסט עס, פאר אנאָנסען, און זיי הויבען אָן קלאַפּען און טרומייטערען: "גרישא סטעלמאַך קומט צו־פאָהרען!" "גרישא סטעלמאַך פאָהרט!" גרישא סטעלמאַך איז געקומען!"... מע דינגט אָפּ א זאלל, אָדער א טהעאטער, מע קלעפּט אויס אפישען, מע דרוקט אָפּ בילעטען — און א גוטען טאָג. ס׳איז נור א וועהטיג: דער דייטש! אן עבירה פאר גאָט. נאָר אז מע ליגט אין פאַס — איז עפּיס א תירוץ? פאַרפאַלען! איין שטיקעל טרייסט, וואָס אָט־אָט ענדיגען זיך דיא פינף יאָהר, געהט אויס דער קאָנטראקט,

וועט ער שלאָגען כפּרות מיט׳ן דייטש — דעמאָלט ווער איז צו איהם גלייך? "זיין סחורה, זיין געלד"... — — — — — —

אָט אזוי לאָזט אויס אָט דער סטעלמאַך זיין ביאָגראפיע מיט א שיינענדיג פּנים, גלעט זיך דאָס בייכעל און צעפרעגט זיך ביי שטשופּאַק׳ען, וואָס הערט זיך עפּיס ביי איהם און וואָס הערט זיך עפּעס גלאט אין יודישען טהעאטער? ווארום דאָס יודישע טהעאטער איז ביי איהם, זאָגט ער, דאָס איינציגע שטיקעל פערגעניגען. דעם זוהנס קאָנצערטען — דאָס איז ביי איהם געשעפט. און אז ער וויל זיך אונטערהאלטען, געהט ער אין טהעאטער. אין יודיש טהעאטער. ער האלט זעהר פון יודיש טהעאטער און קען זיך דעריבער מיט אלע יודישע ארטיסטען. און דערפון נעמט זיך זיין גוט־פריינדשאפט מיט שטשופּאַק׳ען. ער, אז ער קומט צופאָהרען, זאָגט ער, אין א שטאָדט, איז דאָס ערשטע — צעפרעגט ער זיך קודם, וואו קאָן מען עסען כשר און צי ס׳איז דאָ יודיש טהעאטער? יודישע פיש און יודיש טהעאטער — וואָס קאָן זיין בעסער דערפון? נאָך איידער ער איז אהער געקומען צופאָהרען, האָט ער שוין געהערט, זאָגט ער, אז ביי זיין פריינד שטשופּאַק׳ען איז דאָ א נייעס, עפּיס איינע א ראָזע ספּיוואַק, מע לויבט זי זעהר... אָט דאָס איז זיא" — מאכט צו איהם שטשופּאַק און ווייזט אָן אויף מיר מיט זיינע רויטע אָהנברעמענדיגע אויגען, און דער סטעלמאַך ציהט מיר אויס א האנד, א ווארעמע, א ווייכע האנד, וויא א קישען, און א האָריגע, מיט קורצע גראָבע האָריגע פינגער, און דאָס גאנצע פּנים ביי איהם ווערד אָקערשט ניט צעשמאָלצען פאר תענוג. "טאקי באמת? — זאָגט ער. — ווער איז זיא און פון וואנען?" "זיא איז טאקי מיינע א פלעמעניטשקע פון ווארשא, א יתומה׳לע, אָהן א טאטען,

אָהן א מאַמען". — טאַקט איהם אָפּ שטשופּאַק א קיילעכיגען ליגען און שנו־רעוועט צענויף די געקנייטשטע ליפּען, ער זאָל זיך עס אפילו פערקרימען. "נע־באך!" — זאָגט סטעלמאַך מיט א שמייכעלע און מיט א רחמנות'פּנים, קוועטשט מיט די האַנד, געזעגענט זיך אָפּ און זאָגט צו, אז ער וועט קומען אויף דער נאכט, ער וועט קומען, זאָגט ער גאָר אָהן א שום תירוץ מיך הערען זינגען. "מיט'ן יאט?" — פרעגט איהם שלום־מאיר. "זאָל גאָט היטען! — ענטפערט איהם סטעלמאַך און טהוט זיך אזש א וואָרף, גלייך ווי מע האָט איהם אָפּגע־בריהט. — וואָס הייסט, מיין גרישא וועט געהן אין יודיש טהעאטער, חא־חא־חא? לאָם איך מיך נור בעווייזען מיט איהם איינמאָל צווישען יודען — איז אנ'עק, פאַרפאַלען די קוה מיט'ן שטריקעל... ניט מחמת ער איז ביי מיר חלילה קיין יוד ניט. אדרבה! נאָר וואָס דענן? מע דארף עס פערשטעהן. ס'איז אנ'איידעלע מאַטעריע"... (דאָ בעווייזט סטעלמאַך מיט די קורצע גראָ־בע פינגער, וואָס פאר איין איידעלע מאַטעריע דאָס איז.) "איהר שפּיעלט זיך, זאָגט ער, מיט מיין גרישא'ן? מיין גרישא, אז ער פאָהרט, איז נור ערשטע קלאַס דאָרט וואו קיין יודען פאָהרען נישט . . . און שטעהן שטעהען מיר, זאָגט ער, נור אין בעסטען און שענסטען האָטעל. און אז מע דארף געהן צום קאָנצערט — עס מעג זיין דריי טריט — איז נור געפאָהרען, און דוקא אין א גע־דעקטער קארעטע. איהם קאָן מען, זאָגט ער, ניט זעהען גלאַט אזוי, אָהן געלד, חא־חא. איהם, אז מע וויל זע־הען, דארף מען פריהער אָנקומען צום דייטש. און פאר א דייטש, זאָגט ער, האָט מען דרך ארץ, חאָטש אפילו דער דייטש — צווישען אונז זאָל עס בלייבען — איז סך־הכל אליין אויך א יוד, חאָטש ער הייסט שולץ, נאָר ער וויל ניט, זאָגט ער, מע זאָל וויסען... עס פּאַסט נישט... צו מיר, זאָגט ער, אז עמיצער קומט און וויל זיך זעהען מיט מיין גרישא'ן, עפּיס א טובה, אָדער גלאַט זיך בעקענען, — שיק איך איהם אָפּ צום דייטש, חא־חא־חא, צום דייטש"...

די דאָזיגע ווערטער לאָזט אויס דער סטעלמאַך מיט אזא פאַסקודנע געלעכ־טערעל, אז עס גלוסט זיך אנטלויפען פון דעם מענשען אזוי ווייט, אז מע זאָל שוין קיינמאָל זיין פּנים ניט אָנקוקען. און דאָך איז מיר אויסגעקומען צו אָט דעם מענשען אָנקומען מיט א טובה, אָפּזיצען ביי איהם דריי שעה אויף'ן זייגער און אויסהערען נאָך א מאָל און נאָך א מאָל זיין ביאָגראַפיע פון טויזענד־איין־נאַכט. מאָהל דיר, אָט דער סטעל־מאַך וואָלט געקאָנט לאנג וואַרטען ביז איך זאָל צו איהם אָנקומען. עס האָט אָבער אנדערש ניט געקאָנט זיין. עס האָט געטראָפען א מעשה מיט א בע־ריהמטע זינגערין — איהר נאָמען איז מאַרטשעלע זעמבריך. די מאַרטשעלע זעמבריך — דאָס איז די, וועלכע... נאָר מחמת דער בריעף מיינער איז שוין אזוי אויך, דאכט מיר, צו־לאַנג, לעג איך דאָס אָפּ אויף א צווייטען מאָל. זיי גע־זונד, מיין טהייערער!...

קאַפּיטעל 108.

גרישא סטעלמאַך און מאַר־טשעלע זעמבריך

(פינפטער בריעף.)

טהייערסטער פריינד!

מיין בעקאנטשאפט מיט דער בע־ריהמטער זינגערין מארטשעלא זעמבריך איז אויך א מעשה פון טויזענד־איין־נאכט. איהר, אָט דער זעמבריך, האָב איך צו פערדאנקען דערמיט, וואָס איך האָב מיך ארויסגעריסען פון שטשופּאַק'ס הענד, ארויסגעקראָכען יון א זומפּ, וואָס איך האָב געמיינט, אז איך וועל שוין

פערבלייבען דאָרט איין אייביגע. דאָס ערשטע האָט זי גענומען מיך לערנען. און לערנען, ווי מע לערענט א קליין קינד. גאָר פון אָנהויב. טאקי פון אלף־בית... נאָר איך פערלויף אויף צופריהער און האָב גאָר פערגעסען, אז איך האָב אָנגעהויבען דיר צו דערצעהלען, ווי אזוי מיין בעקאנטשאפט מיט איהר איז פאָרגעקומען. אזוי איז געווען די געשיכטע:

דער ליעבהאָבער פון יודיש טהעאטער, מאיר סטעלמאך, אָט דער, וואָס איך האָב דיר בעשריבען אין מיין פריהערינגען בריעף, איז כמעט ניט ארויסגעקראָכען פון אונזער טהעאטער. נאכט און נאכט האָט ער געווייקט ביי אונז, געהערט דריי מאָל איין שטיק, ס'איז איהם גאָרניט נמאס געוואָרען. געזעסען איז ער ביי אונז תמיד אויבענאָן, צעלעגט אין דער ערשטער רייהע, געוועהנליך אומזיסט, ווארום א "ליעבהאָבער פון טהעאטער" צאָהלט קיין געלד ניט. דערפאר האָט ער אָבער אפלאָדירט אלע מאָל פריהער פון אלעמען און שטארקער פון אלעמען און מעהר פון אלעמען. ער איז געווען ענטציקט כמעט פון יעדען איינציגען אקטיאָר. און ווער שמועסט פון מיר און פון מיינע ליעדער — איז ער געווען, ווי זאָגט שלום־מאיר, די כפרה! דאָס ערשטע מאָל איז ער פון מיין "פראטיג אויף דער נאכט" אזוי ארויס פון די כלים, אז ער איז ארויפגעלאָפען הינטער די קוליסען און מיט טרערע אויף די אויגען האָט ער ארומגעחאפט מיין דירעקטאָר (שטשופאקען) און האָט זיך מיט איהם אזש צעקושט.

פון דעסטוועגען, איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אָן. מיין דירעקטאָר האָט איהם א פאָר מאָל געגעבען אָנצוהערעניש, אז ער וואָלט א בעלן געווען הערען זיין גרישא'ן שפיעלען, האָט ער זיך געמאכט ניט־וויסענדיג און פערדרעדט די צייהן. שטשופאק'ס אָנצוהערענישען זענען אָבער געווען אזוי גראָב, אז ער האָט שוין געמוזט יוצא זיין און האָט אונז איינמאָל אין א זונטאג געבראכט צו־טראָגען דריי בילעטען: דעם דירעקטאָר, דעם הייזעריגען און מיר — אויף א מאטינע, א פריהמאָרגענדיגען קאָנצערט. בעת־מעשה האָט ער גענומען אויסמאָהלען, וואס פאר א גרויסארטיגער קאָנצערט דאָס וועט זיין. "דאָס וועט שוין זיין, זאגט ער, איין מאָל א קאָנצערט: זיין גרישא וועט שפיעלען, דער דייטש וועט אקאָמפּאניערען און זעמבריך וועט זינגען. ווילט איהר אפשר וויסען, זאָגט ער, ווער אָט דיא זעמבריך איז? דיא זעמבריך — דאָס איז, זאָגט ער, די בעריהמטע מארטשעלע זעמבריך, די צווייטע פאטטי. וואָס זאָגט ער — פאטטי? צעהן מאָל, הונדערט מאָל, טויזענד מאָל גרעסער פון פאטטי'ן! דאָס ערשטע מאָל, זאָגט ער, אז פאטטי האָט זי דערהערט זינגען, איז זי איהר געפאלען אויף'ן האלז און געזאגט צו איהר מיט די ווערטער: "מיר זענען צוויי שטערען — איך בין דער שטערן, וואָס געהט אונטער, דו ביזט דער שטערען, וואס געהט אויף" — און האָט זיך צעוויינט... פערשטעהט זיך, אז מיט קיין אנדערען וועט אָט די זעמבריך אין א קאָנצערט נישט אויפטרעטען פאר קיין געלד, נאָר מיט זיין גרישא'ן — איז עפּיס אנדערש"... און ס'איז אוועק א גאנג: "גרישא־גרישא, גרישא־גרישא"... "ער קלינגט דאָס א ביסעל! — טראכט איך מיר. — איך וואָלט שוין געוואלט דערלעבען זעהען אָט דעם גרישא'ן, זעהען און הערען, וואָס איז דאָס פאר א מין גרישא אויף דער וועלט?"

גאָט האָט געהאָלפען, איך האָב דערלעבט איהם זעהען און הערען. און איך מוז דיר זאָגען, מיין טהייערער פריינד, אז איך האָב געזעהען פאר זיך צוויי גרישא'ס. דאָס הייסט, איך וויל זאָגען, אז געזעהען האָב איך איין גרישא'ן און

געהערט האָב איך איין אנדערען. דער גרישא, וואס איך האָב איהם געזעהן די ערשטע מינוט אויפטרעטען אויף דער עסטראדע, איז געווען א בחור'על, שוין א היבש בחור'על, חאָטש אפילו אין קורצע הויזלעך, א פוכלאק, מיט פעכקע בעקלעך, מיט קלייען אויף'ן פנים, און אויגען — נור א סימן פון אויגען. קורץ — א גאנץ געוועהנליך בחור'על, וואָס ווען מע בעגעגענט דאָס אין גאס, לאָזט מען איהם דורך פערביי, וויא טויזענד אנדערע. דאָס איינציגע, וואָס האָט זיך געווארפען אין די אויגען — די לאקירטע שיך מיט גרויסע בענדער, וואָס האָבען אויסגעוויעזען א ביסעל צו גרויס פאר איהם — צו א גרויסער פוס פאר א "וואונדערקינד" — און דער בריטער ווייסער קיילעכיגער קאָלנער, אונטערגעבונדען מיט א צו גרויסען פאווער, אראפגעהאנגען מיט צוויי שפיצען. ווייטער איז ניט געווען גאָרניט אויף איהם צו בעמערקען. דערפאר אָבער, אז ער האָט זיך געגעבען א נעם צום פיעדעל, דעם ערשטען פיהר געטהאָן מיט'ן בויגען איבער די סטרונעס אראפ און ארויף, — איז דער פריהעריגער בחור מיט די פעכקע באקען און מיט'ן קלייענדיגען פנים באלד פערשוואונדען געוואָרען, און אויף זיין אָרט איז אויסגעוואכסען א נייער מענש. גאָר איין אנדער אויסזעהען. איין אנדער געשטאלט. אנדערע אויגען — גרויסע בלויע, הימעלשע אויגען. א מאָדנע זאך — וואו זענען זיי געווען פריהער, די דאָזיגע אויגען?... און אפשר האָט זיך עס מיר נור אויסגעוויזען? ווארום אז ער האָט אויפגעהערט צו שפּיעלען און דאס פובליקום האָט אָנגעהויבען צו דונערען משוגענערווייז, איז פאר מיינע אויגען געשטאנען ווידער דער זעלבער פוכלאק מיט'ן קלייענדיגען פנים, מיט די גרויסע לאקירטע שיך, מיט'ן בריטען קאָלנער און מיט די לאנגע שפיצען פון'ם פאווער. רוהיג איז ער געשטאנען פאר'ן פובליקום, וואס האָט איינגעלעגט די וועלט, רוהיג און קאלט, אזוי ווי אייז. קוים־קוים וואס ער האָט זיך פערנייגט. אפשר א מאָל צעהן האָט מען איהם ארויסגערופען. און איטליכעס מאָל, וואס ער איז ארויסגעגאנגען, איז ער געגאנגען פעסט, הארט ביי דער ערד, נאָר קאלט און רוהיג, ווי א מענש, וואס איז זיכער, אז דאָס קומט איהם...

באלד נאך דעם, וויא ער האָט אפגעשפּיעלט, איז אויפגעטראָטען די בעריהמטע זינגערין מארטשעלא זעמבריך. איהר זינגען — זאָג איך מיך אָפּ צו בעשרייבען. מארטשעלא זעמבריך, אז זי שטעלט א טאָן, גיסט ער זיך אריין גלייך אין הארצען, ווי א בוימעהל, און צוגעהט זיך אין יעדען אבר. דו הערסט און ווערסט פער'כישופ'ט און וואונדערסט זיך: פון וואנען נעמט זיך אזא גלאטקייט, אזא זיסקייט און אזא שטארקייט? קיין שום כח לייגט זי ניט צו צום זינגען. עס זינגט זיך אליין. דו זיצסט און הערסט און מיינסט, אז דאָס זינגט ניט קיין האלז, נאָר א פיעדעל שפּיעלט. מארטשעלא זעמבריך, אז זי זינגט, זינגט מיט אלץ, וואָס ארום איהר, זינגט מיט די גאנצע וועלט. דו פערגעסט דעמאָלט, וואו דו ביזט אין דער וועלט. און צי ס'איז גאָר פארהאן ערגיץ א וועלט אויסער אָט די שעהנע, גלאטע, זיסע, הימלישע געזאנגען. אָט אזוי זינגט מארטשעלא זעמבריך! איך קען זאָגען, אז איך בין יענעם פריהמאָרגען געווען ווי אין א טשאד, ווי אין א חלום, ווי אויף יענער וועלט. ווארום באלד נאָך איהר איז אויפגעטראָטען ווידער דאָס בחור'על מיט די פעכקע בעקלאך און מיט'ן קלייענדען פנים. אָט־אָט ער שוין ווידער געגעבען א פיהר מיט'ן בויגען אראָפּ און ארויף. אָט האָט שוין ווידער זיין פיעדעל אָנגעהויבען רעדען ווערטער, זינגען, וויינען, וויינען ווי א

מענש —. און אָט האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז שוין ווידער פערשוואונ׳ען געוואָרען. און אויף זיין אָרט איז שוין געשטאנען ווידער איין אנדער גרישא סטעלמאך. א מכשף איז געשטאנען אויף דער עסטראדע, וואָס האָט פער׳כישופ׳ט און צוגעצויגען צו זיך דאָס גאנצע טהעאטער. ניין. איך בין ניט אימשטאנד דיר איבערצוגעבען קיין צעהנט חלק פון דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט יענעם פריהמאָרגען, און וואָס פאר א קאָנצערט דאָס איז געוועזן! עס איז שווער צו זאָגען, ווער פון די צוויי האָט מעהר אויסגענומען: גרישא סטעלמאך, אָדער מארטשעלא זעמבריך? מאָהל דיר, דאָס פובליקום האָט זיי ביידען ניט געזשאלעוועט קיין אפּלאָדיסמענטען. נאָר מיר דאכט, אז איהם האָט מען ווארעמער אויפגענומען און איהם האָט מען מעהר אוועקגעגעבען ווי איהר. ער האָט אָפּגעשפּיעלט דאָס לעצטע שטיק פון פּראגראם — און דאס גאנצע פובליקום, ווי איין מענש, איז פשוט משוגע געווארען. משוגע געווארען, אראפּ פון זינען! ווי קאָן מען אזוי שטארק פערגעטערען א מענשען? אמת, דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעשפּיעלט נאכדעם אויף ביס, איז געוועזן א געטליכע זאך. מעהר ווי געטליך. — — — — — —

— — — — —

עס פעהלען שוין ווידער בלעטלעך. און איבערהויפּט געהען די וויטעריגע כתבים פון אונזער העלדין, ראָזא ספּיוואק, אהן א סדר, צעזייעט און צעשפּרייט, דאָ געשריבען מיט קליינע אותיות פּאוואָלינקע אויף גאנץ גרויסע בויגענס, דאָ, פערקעהרט, מיט גרויסע אותיות, חאפּענדיג, אויף גאָר קליינע בויגעלעך פּאפּיער. קענטיג, אז זיי זענען געשריבען געוואָרען אין פערשיעדענע צייטען און ניט אלע מאָל ביי גלייכע אומשטענדען. אויסערדעם, געפינען זיך צווישען איהרע פּאפּיערען בריוועלאך אזעלכע, וואָס זענען געשריבען שוין נישט אין אונזער יודיש, און נישט פון איהר, נאָר צו איהר. ווי עס שיינט, זענען דאָס בריעף פון א מאנספּערזאָן... מיט גרויס מיה האָבען מיר פון דעם מיש־מאש געקאָנט צענויפשטעלען מעהר ניט אז נאך א פּאָר בריוועלעך, וועלכע מיר ברענגען ווייטער.

קאפּיטעל 109.

נאָד׳ז קאָנצערט

(זעכסטער בריעף).

ליעבסטער, טהייערסטער פריינד!

איך האָב דיר אין מיין פריהעריגען בריעף אָנגעהויבען דערצעהלען פון מיין בעקאנטשאפט מיט דער בעריהמטער מארטשעלא זעמבריך און האָב מיך א ביסעל צופיעל פערערדט וועגען דעם קאָנצערט. דאָס איז געוועזן מיין ערשטער ערנסטער קאָנצערט, וואס איך האָב ווען געהערט אין מיין לעבען. איך האָב שוין נאכדעם געהערט א סך גרויסע ערנסטע קאָנצערטען. דעם וועל איך אבער אייביג־אייביג ניט פערגעסען. אפשר דערפאר, ווייל ער האָט אינגאנצען מיך איבערגעמאכט, איבערגעשטעלט מיין לעבען, ווי דו וועסט ווייטער זעהען?...

א נייגעבאָרענע, פול מיט נייע געדאנקען און נייע האָפנונגען, בין איך ארויסגעגאנגען מיט׳ן גאנצען פובליקום פון טהעאטער. אין מיינע אויהרען האָבען נאָך אלץ געקלונגען די זיסע טענער, די הייליגע אקקאָרדען, די הימעלשע געזאנגען. איך האָב פאר מיינע אויגען נישט געזעהען קיינעם, אויסער די צוויי: מארטשעלא זעמבריך און גרישא סטעלמאך. איך האָב קיין זאך ניט געהערט, אויסער איהר זינגען און זיין שפּיעלען. א סך פון׳ם פובליקום איז געבליעבען שטעהן אין דרויסען, ביי׳ם טהעאטער,

ווארטען א פנים אויף דיא צוויי, ביז זיי וועלען ארויסקומען. איך בין אויך געבליעבען ווארטען. איז צוגעפאָהרען איין אויטאָמאָביל און עס האָבען זיך אריינגעזעצט דריי מענשען : מארטשעלא זעמבריך, גרישא סטעלמאך און דער דייטש. גרישא'ס פאָטער, מאיר סטעלמאך, איז געשטאנען נעבען זיי, געבויגען זיך אין דרייען און געשמייכעלט מיט'ן גאנצען פנים. דאָס פובליקום האָט זיי ארויסבעגלייט פון טהעאטער מיט הילכיגע אפלאָדיסמענטען און נישט אויפגעהערט, אין דרויסען שוין, נאָך שטארקער צו אפלאָדירען. דיא דריי זענען אוועק מיט'ן אויטאָמאָביל, וויא א חלום, און איך בין געבליעבען שטעהן א פער'כישופ'טע און געקוקט אהין, וואו דיא צוויי גליקליכע זענען פערשוואונדען געוואָרען... איך בין זיך מודה, אז אין דער מינוט האָט זיך פער'גנבה'ט צו מיר א געדאנק : "וועל איך אויך א מאָל זיין א מארטשעלא זעמבריך ? וועט מען מיך אויך א מאָל ארויסבעגלייטען מיט אפלאָדיסמענטען ?... איך מוז מיך דערשלאָגען צו אָט דער זעמבריך, ס'זאָל זיך קעהרען די וועלט ! איך וויל, זי זאָל מיך הערען זינגען -- אפשר וועט זי מיר זאָגען, וואָס דארף איך טהון, איך זאָל ווערען א מארטשעלא זעמבריך?"...

אין דעם געהט אָן מיין היטער און מיין בעשיצער — שלום־מאיר. "מיר געהען זאָגט ער, אלע אינאיינעם עסען אָנבייסען". "ווער זענען די אלע ? " — איך און ער און דער דירעקטאָר (שטשופאק), און דער אלטער סטעלמאך געהט אויך מיט אונז. שטשופאק האָט איהם איינגעלאדען אין א יודישען רעסטאָראן אויף געפילטע פיש מיט חריין. דער "ליעבהאָבער פון יודישען טהעאטער" האָט אזוי ליעב יודישע פיש, ובפרט נאָך — אז יענער צאָהלט ! ... "א כשר'ער טאָפ מיט א כשר'ן לעפעל. — טראכט איך מיר. — מע דארף בעטען דעם ליעבהאָבער פון יודישען טהעאטער, ער זאָל מיך בעקאנט מאכען מיט דער מארטשעלא זעמבריך. נאָר ווי אזוי מאכט מען דאָס, אז מיין דירעקטאָר זאָל דערפון ניט וויסען ? "...

פערשטעהט זיך, אז חאָטש דער "ליעבהאבער פון יודישען טהעאטער און פון אידישע מאכלים" איז געווען אזוי שטארק בעשעפטיגט מיט דיא יודישע פיש און מיט'ן יודישען חריין, אז ער האָט אזש אָנגעהויבען צו שוויצען, פון דעסטוועגען האָט ער ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען נסים ונפלאות פון זיין גרישא'ן און פון מארטשעלא זעמבריך. א קלייניגקייט—מארטשעלא זעמבריך! זי איז די איינציגע זינגערין, וואָס זינגט פאר'ן קייזער פראנץ־יאָזעף. מיט קיין אנדערען וועט זי נישט געבען קאָנצערט פאר קיין מילליאָן אפילו. נאָר צוליעב זיין גרישא'ן האָט זי זיך אליין אָנגעשלאָגען. און ס'איז אוועק ווידער א ליעדעל : "גרישא־גרישא ! גרישא־גרישא ! "... מען קאָן זאָגען — דער מענש איז פער'שכור'ט, אָדער געריהרט, און זיין משוגעת איז — גרישא !

אויסגעהיט די מינוט, ווען דער דירעקטאָר מיט'ן הייזעריגען זענען געווען פערנומען מיט'ן צעצאָהלען זיך פאר'ן עסען, האָב איך מיך מיט סטעלמאכ'ען אויפגעהויבען פון טיש אויף ארויסצוגעהן. געהענדיג, הערט ער נישט אויף צו זינגען : "גרישא — זעמבריך, זעמבריך — גרישא". פלוצים שלאָג איך איהם איבער אין מיטען און טהו איהם א זאָג : "פאני סטעלמאך, איך האָב צו אייך א בקשה". דערהערט דאָס וואָרט "בקשה", איז דער סטעלמאך געוואָרען אויס מענש. ער איז מיט א מאָל געוואָרען געל און גרין, אראפ דאָס שמייכעלע פון'ם פנים און די אויגען האָבען אויסגעטריקענט, געוואָרען קאלט און גלעזעריג. א רחמנות געווען אויף איהם צו קוקען. "א קליינע בקשה, — פערחאפ

איך מיך, — גאָר א קליינע בקשה : איך וויל, איהר זאָלט מיך בעקאנט מאכען מיט אָט דער זעמבריך, זי זאָל מיך הערען זינגען". דערהערט פון מיר אָט די ווערטער, איז איהם געוואָרען גרינגער אויף דער נשמה. דאָס פּנים האָט זיך איהם וויעדער איבערגעאנדערשט. עס האָט זיך בעוויזען צוריק דאָס שמייכעלע. די געלקייט מיט דער גרינקייט זענען אוועק און די בעקלעך זענען געוואָרען צוריק רויט : "אָך, — מאכט ער צו מיר, אָפּזיפּצענדיג, — פאר וואָס דענן ניט? מיט'ן גרעסטען כבוד !"... "נאר איין זאך — זאָג איך צו איהם שטיל — עס דארף זיין בסוד. פון מיינע לייט טאָר קיינער ניט וויסען. איהר פערשטעהט?". איך פערשטעה, ליובעניו, וואָס דענן, איך פערשטעה ניט? איך פערשטעה זעהר גוט... נאָר, זאָגט ער, ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואסער?" און ער טראכט א ווײַלע און טהוט זיך א פּאטש אין שטערען: "שא ! ער האָט שוין צוגעטראכט: מאָרגען, אם־ירצה־השם, אין דער פריה, ארום זייגער עלף, זאָל איך קומען צו געהן צו איהם אויף דער סטאנציע, וועט, זאָגט ער, זיין רעכט. קיין פויגעל וועט ניט וויסען"...

זיין ביי סטעלמאכ'ען אויף דער סטאנציע און מיין דירעקטאָר זאָל דערפון ניט געוואָהרע ווערען — דאָס איז א ביסעל א שווערע זאך. שטשופּאק לאָזט דען אָפּ איין אויג פון מיר? און זיין רעכטע האנד, דער הייזעריגער — דער היט דאָך מיך ווי א געטרייער הונד... בין איך געפאלען אויף איין עצה : אז מע דארף דעם גנב, נעמט מען איהם פון דער תליה. ער אליין, שלום־מאיר הייסט עס, האָט דאָך מיר א מאָל געבעטען, אז וואָס איך וועל דארפען און ווען איך וועל עפּים דארפען, זאָל איך מיך ווענדען צו איהם, און נור צו איהם, וועט ער מיר שטעהן אין מיינע נויטען... האָב איך מיך מיישב געווען און האָב מיך פאר איהם פערטרויט, געזאָגט, איך וויל מעהר ניט איין זאך — הערען, וואָס וועט זאָגען א בעריהמטע זינגערין וועגען מיין שטימע? און עס איז מיר אָפּגעראָטען : "קעצעלע !—זאָגט ער צו מיר אויף זיין לשון.—ס'איז דענן פארהאן, זאָגט ער, א זאך אויף דער וועלט, וואָס זאָל איהם זיין שווער פון מיינעטוועגען צו טהון? אין פייער און אין וואסער. גאָט זאָל איהם, זאָגט ער. אזוי געבען גליק און הצלחה".

א מאָדנער מענש, אָט דער הייזעריגער! דעם בעל־הבית איז ער געטרייה ווי א געטרייהער הונד. ער וועט זיך לאָזען פאר איהם שניידען די פינגער, און פון מיינעטוועגען, זעה איך, איז ער גרייט איהם קויפען און פארקויפען דריי מאָל א טאָג. א מאָדנער מענש ! אָט דאָ קומט סאמע דאָס אינטערעסאנטעסטע. נאָר מחמת איך האָב היינט רעפּעטיציע, לאָז איך עס איבער אויף שפּעטער, אָדער אויף מאָרגען. זיי געזונד !

קאפּיטעל 110.

דעם חזן'ס מיידעל ביי מאַרטשעלע זעמבריך

(זיעבעטער בריעף.)

אצינד וועל איך דיר שוין ענדיגען די געשיכטע פון מיין בעגעגעניש מיט דער בעריהמטער מארטשעלא זעמבריך. איך רעד וועגען איהר א ביסעל צופיעל, ווייל איך בין אין איהר פערליעבט. און ס'איז גאָרנישט קיין וואונדער. וואָרום דאָס, וואָס זי האָט פון מיר געמאכט, וועלען נישט מאכען קיין צעהן לעהרערס, און דאָס, וואָס זי האָט פאר מיר געטהאָן, וועט נישט טהון קיין אייגענע מוטער. איך מעג זאָגען, אז זיא האָט מיך ארויסגעצויגען פונ'ם רעכטען

שמוץ, מיך אויסגעצוואָגען און אָנגעטהאָן און געשטעלט אויף די פיס. נאָך מעהר: זי האָט מיך אומגעקעהרט צו מיין טאטע־מאמע... ניין. דערצעהלען פון אָט דער זעמבריך דארף מען אוועקזיצען ניט איין נאכט, נאָר דריי. לאָמיך דיר שוין פריהער ענדיגען דאָס, וואָס איך האָב דיר אָנגעהויבען צו דערצעהלען—וועגען מיין ערשטען וויזיט צו איהר.

אויף מאָרגען אין דער פריה נאָכ'ן קאָנצערט, ארום זייגער עלף, ווי מיר האָבען אָפּגערעדט מיט'ן ליעבהאָבער פון יודישען טהעאטער, רופט זיך אָן מיין בעשיצער (שלום־מאיר) צום דירעקטאָר (שטשופּאק), אז ער דארף געהן מיט מיר איינקויפען קליינינקייטען. "וואָס פאר קליינינקייטען אין מיטען דרינען?"—פרעגט איהם שטשופּאק און קוקט אויף מיר מיט זיינע קליינע רויטע אָהנברעמענדיגע אויגען. "וויים איך וואָס! — ענטפערט איהם דער הייזעריגער. — שמאָכטעלאַיקעס, נאַררישקייטען, נעכטיגע טעג". פוילט זיך ניט שטשופּאק און פרעגט איהם איבער נאָך א מאל: "וואָס פאר שמאָכטעלאַיקעס, נאַרישקייטען, נעכטיגע טעג פלוצים אין מיטען דרינען?" "קלעק! — רופט זיך אָן צו איהם שלום־מאיר שוין מיט א טאָן העכער. — מע זאָגט דיר, אז מע דארף, וואס געהט עם דיך אָן?"...

א מאָדנע זאך מיט די צוויי. דאכט זיך, אזוי שעלט איהם דער דירעקטאָר און טרייבט איהם און שאפּט זיך מיט איהם, ווי מיט א משרת. נאָר לאָז אָט דער הייזעריגער א ביסעלע העכערען דאָס קול, אזוי פערשנורעוועט ער די מגושמ'דיגע ליפּען און מאכט א שוויג. ווארום אז ניט, קאָן איהם אָט דער שלום־מאיר אָפּשפּיעלען א פריהמאָרגען, איהם געבען א געשריי "איד־י־אָט!" — אז די פענסטער זאָלען קלינגען. הכלל, מיר האָבען זיך אויפגעהויבען, איך און דער הייזעריגער, און זענען אוועק צו אונזער "ליעבהאָבער פון יודישען טהעאטער".

א ברוך־הבא האָט אונז דער ליעבער סטעלמאך געמאכט זעהר א ברייטען, געבעטען זיצען און גענומען דערצעהלען אונז, געוויינטליך, פריהער פון זיין גרישא'ן און דער נאָך פון זיך אליין, זיין גאנצע ביאָגראפיע, נאָך א מאָל פון אָנהויב, א מעשה פון טויזענד־איין־נאכט, און ווידער אויף דריי זייגער־שעה. דאָ איז מיר שוין דער הייזעריגער געקומען צו־הילף, איבערגעשלאָגען איהם אין מיטען, געזאגט, אז מיר האָבען זעהר וועניג צייט. האָט זיך אָט דער סטעלמאך געגעבען א חאפּ אויף און גענומען עפּיס מאָדנע דרעהען זיך אויף איין אָרט און בעלעבעטשען מיט דער צונג: "ווי אזוי טהוט מען דאָס? ווי אזוי מאכט מען דאָס? איצט זיצט דאָרט ביי איהר סאַמע דער דייטש, און זיין גרישא איז אויך דאָרטען... ער קאָן איצט נישט אריינגעהן אהין... ער וויל, נאָר ער קאָן נישט"... בעת־מעשה האָט דער "ליעבהאָבער פון יודיש טהעאטער" אויסגעוויזען אזוי קליין און אזוי מיאוס, אז דער הייזעריגער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאלטען און האָט איהם א זאָג געגעבען: "ווייסט איהר ניט, וואס מע טהוט?" "אדרבה, וואס טהוט מען?" "מע נעמט איין א מיתה־משונה אָט דאָ אויף'ן אָרט"... די דאָזיגע ווערטער האָט, אפּנים, סטעלמאך אָנגענומען פאר א וויץ. ווזרום ער האָט זיך געחאפּט ביי די זייטען און האָט אָנגעהויבען לאכען, לאכט ער נאָך. האָט איהם אבער מיין בעשיצער ניט געלאזט לאנג לאכען. "פּאני סטעלמאך!—מאכט ער צו איהם. הערט, וואס איך וועל אייך זאָגען: אָט די פוילע שטיק ווארפט אוועק. איהר זאָגט אונז בעסער — יא אָדער ניין. פאר אייער גרישא'ן האָט קיין מורא'ט ניט.

מיר וועלען איהם חס וחלילה ניט אָפּבייסען. און אייער בלומרשדיגער דייטש פון באַרדיטשעוו לאָז געהן כפּ־הקלע. מיר האָבען איהם אין דער ערד. ווילט איהר אריינגעהן מיט אונז, איז גוט, אלא ניט — געהען מיר אליין אריין צו אָט דער יפהפיה, און טאַקי שוין אָט די רגע, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה"...

דערהערט אזעלכע קלאָרע דבורים, האָט זיך אונזער ליעבהאָבער פון יודישען טהעאַטער איבערגעביטען אין געשטאַלט. ס'איז איהם אזש פערטריקענט געוואָרען די ליפּען. ער האָט זיך צוגעזעצט, אויסגעשטאַנען, פערשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך, געוואָלט געבען א שמייכעל — איז דאָס נישט געגאַנגען, און מיר זענען אַלע דריי אריין אין א שען מעבלירטען סאַלאָן, אויסגעבעט מיט א סך דיוואַנעס אויף דער ערד. דאָרט האָט אונז דער זיסער סטעלמאַך געבעטען זיצען, און אליין איז ער צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צו דער טהיר פון צווייטען צימער, צוגעלעגט פריהער איין אויהער און נאכדעם מיט די קורצע גראָבע פינגערלעך אָנגעקלאַפּט: "ס'איז איך, איך, סטעלמאַך"... — — — — — — — —

— — — — —

דאָ ווערד ווידער איבערגעריסען אין מיטען, און מיט דעם נישטגעענדיגטען בריעף לאָזט זיך אויס ליידער דאָס גאַנצע פּעקעל כתבים, וואָס איז אריינגעפאַלען צו אונז אין די הענד אריין דורך דעם מיסטער קלאַמער פון לאָנדאָן. און מיר ווייסען ניט, ווי אזוי די בעריהמטע זינגערין מאַרטשעלאַ זעמבריך האָט אויפגענומען אונזער העלדין.

מיך ווייסען איבערהויפּט זעהר ווינציג פון דעם, וואָס מיט איהר איז פּאָרגעקומען אין דער גאַנצער צייט. דעם נאָמען "ראָזאַ ספּיוואַק" בעגעגענען מיר ערשט אין א צייט ארום אין דעם גרויסען טומעלדיגען לאָנדאָן אויף אַלע גאַסען אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות אויף אומגעלומפּערט־גרויסע אפישען איניאַיינעם מיט'ן נאָמען "גרישא סטעלמאַך"...

דאָס איז געווען אינ'ם אויבערשטען אריסטאָקראַטישען טהייל פון לאָנדאָן, וואָס ווערד אָנגערופען מיט'ן נאָמען: "וועסט־ענד". אינ'ם אונטערשטען טהייל פון דער שטאָדט, אויף דער "איסט־ענד", אינ'ם "ווייטשעפּעל" — דאָרט זענען אויך געווען אין דער זעלבער צייט אויסגעהאַנגען אומגעלומפּערט גרויסע פּאָסטערס מיט מורא'דיג גרויסע אותיות אָפּגעדרוקט, אז "אינ'ם יודישען פּאַוויליאָן־טהעאַטער וועלען צום ערשטען מאָל אין לאָנדאָן אויפטרעטען די איינגעלאַדענע גרויסע געסט פונ'ם קאָנטינענט — דער בעריהמטער לעאָ ראַפאַלעסקאָ פון בוקאַרעשט און די בעליעבטע פּרימאַדאָנאַ העגריעטאַ שוואַלב פון בוענאָס־איירעס".

דאָס איז געווען, קאָן מען זאָגען, דאָס ערשטע מאָל, וואָס אונזערע יונגע נע־ונד'ניקעס, דעם נגיד'ס יונגעל מיט'ן חזנ'ס מיידעל, האָבען זיך אויפגעטראָפען ביידע אין איין שטאָדט. דאָס ערשטע מאָל זינט זיי האָבען פערלאָזען זייער געבורטשטאָדט האָלענעשטי און בלאָנקען זיך ארום, ווי די בלאָנזענדע שטערען, איבער דער גרויסער וועלט און ריכטען אָפּ גלות־טהעאַטער.

צי האָבען זיי זיך שוין בעגעגענט, אָדער נאָך אַלץ ניט? און אויב זיי האָבען זיך בעגעגענט — ווי אזוי איז געווען זייער בעגעגעניש? דאס זענען אזעלכע פראַגען, וואָס דער לעזער האָט פאָלקאָם רעכט צו שטעלען. צוליעב דעם אבער בעט מען איהם ער זאָל אזוי גוט זיין געהן מיט אונז ווייטער, ווי ער איז געגאַנגען ביז אהער. דאָרט, אין דעם גרויסען תהום, וואָס הייסט לאָנדאָן, וועלען מיר זיך בעגעגענען כמעט מיט אַלע אונזערע אַלטע בעקאַנטע נע־ונד'ניקעס, און אויך מיט נייע פּאַרשוינען, וואָס שפּיע־

לען א מעהר אָדער וויניגער וויכטיגע ראָלע אין אונזער ראָמאַן.

קאַפּיטעל 111.

נישט אין אַ גוטער שעה

נישט אין א גוטער שעה איז אונזער נע־ונד'נע טרופּפּע "האָלצמאַן, שוואלב עט קאָמפּ." אריינגעפאהרען קיין לאָנדאָן. דער דירעקטאר פון דעם דאָזיגען טהעאטער, בערנהארד האָלצמאַן, האָט זיך געפיהלט, גלייך ווי ער וואָלט אריינפאלען עפּים אין א פינסטערער גרוב, אָדער אין א זודיגען קעסעל, פון וואנען ס'איז נישט אזוי גרינג ארויסצוקריכען. אלץ האָט זיך איהם אויסגעוויזען טונקעל, וויסט און פינסטער. אלץ האָט איהם אויסגעזעהען ווילד, משונה אומגעלומפּערט. די מענשען מיט זייער לשון האָבען ביי איהם א פּנים געהאט פון ריין משוגע. דער רעש מיט'ן טומעל מיט'ן הו־הא האָבען איהם איינגאנצען פריטשמעליט דעם קאָפּ, און ער האָט געוואָרפען איין אום־חן אויף דער טומעלדיגער שטאָדט מיט'ן חמורנעם פערוויינטען הימעל מיט דער גאנצער ענגלישער מדינה, וואָס איז איהם נמאס געווארען, מע קאָן זאָגען, פון דער ערשטער מינוט, וואס ער האָט אוועקגעשטעלט א פוס אויף דער ענגלישער טערריטאָריע, ביז ער האָט אָנגעשמעקט מיט זיין נאָז דעם ריח־ניחוח פון'ם ברודנעם ווהייטשעפּעל.

אריינגעפאהרען אין לאנדאן אין מיטען בייטאָג, האָבען זיי געטראָפען א מורא'דיגע פינסטערניס, ווי אין מצרים. ממש מיט די הענד איז געווען אָנצוטאפּען דאָס חשכות. די דאָזיגע שטאָדט, לא־די וואָס גאָט האָט זי פערשאָלטען, צוגענומען ביי איהר די זונן, האָט זי האָלצמאַן, פון זיין זייט, אָנגעשאָלטען — ס'זאָל נור פאלען אין וואסער אריין. ער האָט איהר געווינשעוועט, ווי אמאָל היינריך היינע: דער ים זאָל זי איינשלינגען און צוריק ארויסשפּייען — און האָט נאָך צוגעלעגט א קנייטשעל: ס'זאָל ווערען פון איהר א שטיק זאלץ, ווי פון לוט'ס ווייב איז אמאל געווארען.

ניין. אונזער האָלצמאַן האָט זיך געפיהלט אין לאָנדאָן זעהר זעהר פּאַסקודנע. א סך ערגער ווי אמאָל, ניט היינט געדאכט, אין האָלענעשטי. ניט אומזיסט איז ער געווען אזוי צעטראָגען און נישט אויפגעלעגט, בעת ער האָט נאָך געקלויבען זיך מיט דער קאָמפּאניע אריבערצופאָהרען אהער פון טשערנאָוויץ.

דאָס ערשטע בעגעגניש איז שוין געווען אויף צרות. ארויסגעפאָהרען אקעגען דער טרופּפּע איז שוואלב'ס ברודער מיט נאָך עפּים א פּארשוין, וואָס ניסעל שוואלב האָט איהם פאָרגעשטעלט פאר די געסט, אָנגערופען ביי'ם נאָמען "מיסטער העטשקינס" און א זאג געגעבען צו זיי אויף יודיש, אז דאס איז א כריסט. און חאָטש ער איז א כריסט, דאָך איז ער דער בעל־הבית און דער מענעדזשער פון דעם גרויסען יודישען לאָנדאָנער פּאוויליאָן־טהעאטער. דער דאָזיגער בעל־הבית און טהעאטער־מענעדזשער האָט אויסגעזעהען אין האָלצמאַנ'ס אויגען גיכער, ווי א מענש, וואָס מעג איהם אָנשטעהן ארומטראָגען מאראנצען אָדער אייז־וואסער צו פערקויפען אין טהעאטער צווישען די אנטראקטען. "עפּים א בולאנער שייגעץ — האָט זיך האָלצמאַן געטראכט — מיט איין אונטערגעשווירענע היטשקע מיט איין אָפּגעשיילט סטרופּעוואטע פּנים"...

אָנגעטהאָן איז ער געווען, דער דאָזיגער מענעדזשער, אין א מאָדנע רעקעל אין דער טאליע, ניט אויף זיין מאָס גענייהט, קעסטעלדיגע אונטערגעבויגענע הויזען, אויבען ברייט, אונטען שמאָל, אויף גלאנצעדיגע שיך מיט הויכע אָפּצאסען. פון'ם רויטען שמאָלען האלז האָט איהם ארויסגעשטעקט א שארפער קנאָפּ. וואָס ניט דער גרויסארטיגער שניפּס, ניט די בריליאנטענע נאָדעל

האָבען דאָס געקאָנט פערמאסקירען. אויף'ן פאָרשטעלען איהם די אָנגעקומענע געסט, האָט דער דאָזיגער מיסטער העטשקינס אויסגעצויגען צוויי פינגער, בעוויזען דריי גאָלדענע צייהן און שלעפעריג א זאָג געגעבען מעהר ניט אז איין וואָרט : "אָלל־רייט". נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו די געסט מחילה מיט'ן חלק, וואָס איז איינגעפיהרט מע זאָל איהם האלטען פון הינטען, עמיצען א וואונק געגעבען מיט איין פינגער, און — צום גרויסען בעוואונדערען פון אונזער גאנצער טרופּע — איז גרויסארטיג צוגעפאהרען איין אויטאמאביל. דער פארשוין, וואָס רופט זיך "מענעדזשער" און הייסט מיסטער העטשקינס, איז אריינגעשפּרונגען אין אויטאָמאָביל און איז פערשוואונדען געווארען אין'ם געדיכטען גרויען שווערען לאָנדאָנער נעבעל.

גאנץ אנדערש האָט אויסגעזעהן דער ברודער פון האָלצמאנ'ס שותּף — ניסעל שוואלב. ער האָט זיך געהאלטען א סך ברייטער פונ'ם פערשוואונדענעם בעל־הבית, מיסטער העטשקינס. ער האָט יא אויסגעזעהען, ווי א שטאָדט־בעל־הבית, וואָס ניט נור דאָס לאָנדאָנער טהעאטער, נאָר גאנץ לאָנדאָן מיט דער סביבה ארום און ארום געהערט צו איהם.

ברייט און דיק, אזוי ווי א פאס, איז ער צוויי מאָל אזוי הויך ווי זיין ברודער. א געגאָלטער, שטענדיג מיט א ציגאר אין די צייהן, מיט א קליין קאפּעלישעל אויף דער זייט, א צופריעדענער מיט זיך און מיט אייך און מיט דער גאנצער וועלט, האָט ער, לאכענדיג הויך אויף א קול, געקאָמאנדעוועט מיט די געסט, גלייך ווי זיי וואָלטען געקומען צו איהם, ניט אין טהעאטער אריין.

קודם האָט ער זיך ארומגעכאפּט מיט יעדען איינציגען קושען, נישט דורכגעלאָזט קיינעם, פונקט ווי ער וואָלט מיט זיי אלעמען געוועזן בעקאנט און בעפריינדעט מי יודע פון ווען אָן. נאָכדעם האָט ער מיט די אייגענע ידים אראפּגעכאפּט מחילה אלע פּעקלעך פון וואגאָן און אליין געדונגען א "קערידזש" און גענומען קאָמאנדעווען מיט די געסט :

— דו, איזאק, זעץ דיך אוועק מיט ראפּאלעסקאָ'ן אָט דאָ, אויבענאָן. אָט אזוי אָ. און איך מיט דיין שותּף וועלען מיר זיך אוועקזעצען אקעגען.

בעת־מעשה האָט ער פריינדליך ארויפּגעלעגט אויף האָלצמאנ'ס דארע שפּיציגע פּלייצע :: גראָבע א קיילעכיגע א פּעטקע האנד. אונזער דירעקטאָר האָט געחאפּט א קוק מיט איין אויג אויף זיין שותּפ'ס בר'ודער און מיט'ן אנדערען אויג — אויף זיין שותּפ'ס ברודער'ס האנד : "א ביסעל א יד ! זי וואָלט איהם געמעגט אָפּדארען היינטיגען דאָנערשטאג פארנאכט... וואס איז ער מיר דאָ פאר א קאָמאנדיר ? דעם הייסט ער זיך זעצען אהער, דעם — אהין ? און וואו בין איך ?... איך וועל זאָגען דעם שותּף מיינעם, אז איך האָב פיינד אזעלכע זאכען... מע דארף איהם, אָט דעם וויזעלטהיער, לכתחילה, נאָך איידער עפּיס וואָס, אפּהאקען די פליגעל, ער זאָל וויסען דרך־ארץ... א דבר־אחר בעדארף מען געבען גלייך איבער'ן פּיסק !"...

אָט אזוי האָט זיך געטראכט אונזער האָלצמאן איהם צו זאָגען. נאָר אנשטאט דעם, רופט ער זיך אָן צו זיין שותּף :

—הערסט דו, איציקעל ? דער "אָחי" דיינער, קיין עין־הרע, איז אויסגעוואכסען אין דער לענג און אין דער ברייט.

דערויף ענטפערט איהם דער שותּף, קוקט אויף'ן ברודער מיט ליעבשאפט און מיט גדלות, און דאָס פּנים גלאנצט איהם, ווי א פעטער קוגעל, און שוויצט :

— אויסגעוואכסען — זאָגסט דו ? פּחע, ביי אונז אלעמען אזא "גאָדלע"...

— דאָס זעהט מען שוין ! — מאכט האָלצמאן און טראכט זיך : "וואו זענט

איהר געווען אלע בשעת דער גרויסער חלירע ?"...

ווי דער רוח דעם מלמד, האָט אונטערגעהאפּט דער "קערידזש" אונזערע אָנגעקומענע געסט און געטראָגען פייל אויסען בויגען איבער די רוישענדע גאסען פון דער רוישענדיגער שטאָדט. אונזער דירעקטאָר האָלצמאַן האָט זיך געפיהלט די גאנצע צייט, אז ס'איז איהם ענג. ניטאָ מיט וואָס צו חאפּען דעם אָטהעם נעבען דעם דאָזיגען "וואסעראָקס" — אזוי האָט ביי איהם געהייסען זיין שותּפ'ס ברודער, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו קאָמאנדעווען אויף שפּעטער, ווען זיי זענען שוין געקומען אויפ'ן רעכטען פּלאַץ, אין ווהייטשעפּעל. דאָרט האָט זיי ניסעל שוואלב ארונטערגענומען אלעמען, איינציגווייז, כמעט אויף די הענד אראָפּגעטראָגען, און יעדען איינציגען מיט א "האָפּליא" און מיט א געלעכטערעל, וואָס האָט האָלצמאנ'ען געפּיליעט ביי'ם הארצען.

ניין. ניט אין א גוטער שעה איז געווען האָלצמאנ'ס ערשטער אריינפאָהר אין לאנדאן. עפּיס האָט איהם געזאגט דאָס הארץ, אז דאָ, אויפ'ן ענגען האָריזאָנט פון'ם לאָנדאָנער גרויען הימעל, דארף אונטערגעהן זיין שטערן, וואָס האָט איהם ביז אהער אזוי העל געלייכט און געשיינט... זיין גאנץ ביטער הארץ האָט ער אויסגעלאזט, ווי אלע מאָל, אויפ'ן קאָפּ פון דער אלטער מאמע, שרה־ברכה נעבאך, און אויף דער אומשולדיגער שוועסטער זלאטקע, אָדער גאר אויף די אקטיאָרען און אקטריסעס, געשמיצט און געוואָרפען זיך, געקריעגט, געבייזערט זיך און געשאָלטען מיט אזעלכע קללות, וואָס האָלצמאַן וואָלט געקאָנט צענויפשטעלען פון זיי, ווען ער זאָל האָבען צייט און קאָנען שרייבען, א גאנצען בוך נאָך'ן אלף־בית.

קאפּיטעל 112.

א גוטער ברודער — ניסעל שוואלב

א מאכל און, להבדיל, א מענש האָבען כמעט איין גליק : איינעם געפעלט, דעם אנדערן — ניט. אויף וויפיעל ניסעל שוואלב האָט ניט געהאט קיין חן ביי'ם דירעקטאָר האָלצמאַן אין די אויגען, אויף אזוי פיעל, אויב ניט מעהר נאָך, האָט ער ביי ראפאלעסקא'ן דוקא אויסגענומען. און אויסגענומען האָט ער ביי איהם שוין דערמיט אליין, וואָס ער איז א פריילֿיכע, א לעבעדיגע נשמה, און האלט אין איין רעדען און אין איין לאכען, און דוקא הויך אויף א קול, מיט א פּאטש אין פּלייצע, און איז מיט אלעמען אויף דו. מיט איינעם וואָרט — א גוטער ברודער, און א סוף.

אונזער יונגער העלד האָט פון תמיד אָן ליעב פריילֿיכע לעבעדיגע נשמות. האָלצמאַן אליין, בעת ער איז נאָך געווען אין האָלענעשטי, געדיענט ביי שטשופּאַק'ען און געהייסען "האָצמאָך", איז אויך געווען, ווי מיר געדענקען איהם, א פריילֿיכע א לעבעדיגע בריאה. דאָס איז ער נור איצטער, זינט ער איז א דירעקטאָר פון איין אייגענער טרופּפּע, מיט א מאָל געוואָרען א בעל־יסורים און א בעל־מרה־שחורה און איז רק חושד יעדען איינציגען אז מע שארפּט די צייהן אויף זיין "יאט" (אויף ראפאלעסקאָ'ן), מע וויל איהם אומגליקליך מאכען.

דאָ, אין דעם טומעלדיגען לאָנדאָן, זענען זיינע יסורים מיט זיין מרה־שחורה מיט זיין חושד זיין געוואָרען נאָך גרעסער. און ער האָט געהאט דערצו געוויסע סבות, ווי מיר וועלען דאָס אין גיכען ארויסזעהען. ביי ראפאלעסקא'ן אין די אויגען האָט האָלצמאַן דערמיט א סך מעהר אָנגעוואָרען, ווי געוואונען. וואָס מעהר האָלצמאַן האָט אפּגעלאכט און געשאָלטען זיין שותּפ'ס ברודער, אלץ מעהר

האָט ראפּאַלעסקא צו איהם געצויגען און, אויף צו־להכעיס האָלצמאַנ'ען, געוואָרען מיט ניסעל שוואַלב דוקא א גוטער ברודער.

ראַפּאַלעסקאָן איז אָט דער נפש געפעלען געוואָרען פון דער ערשטער מינוט מיט אַלע זיינע תנועות און פּאָסטעמקעס און אפילו מיט דער שפּראַך. ניסעל שוואַלב, אז ער רעדט, כאַפּט ער איין וואָרט פאַר'ן אַנדערען, קוים וואָס מע פערשטעהט איהם, און מחמת בטבע איז ער נישט קיין קליינער ליגנער (ער איז איין אַגענט פון א געזעלשאַפט, און דאָס רוב אַגענטען זענען, זאָלען מיר הונדערט מאָל מוחל זיין, גרויסע ליגנערס), על־כן האַלט ער אין איין שווערען זיך מיט מאָדנע שווערענישען. למשל: "ווי איהר זעהט מיך א שווימענדיגען!" אָדער: "איך זאָל אזוי האָבען אַלעמענס גוטס!" אָדער: "אויב איך זאָג א ליגען, זאָלט איהר זיך דערוואָרגען מיט'ן טיש!" וכדומה אזעלכע שבועות, וואָס ער זאָגט זיי ארויס אזוי גיך, אין איין אָטהעם, אז איהר האָט קיין צייט ניט כאַפּען מיט'ן שכל דאָס, וואָס איהר דערהערט ניט מיט'ן אויהער.

די ערשטע צייט האָט זיך ניסעל שוואַלב אונטערגענומען בעווייזען אונזער יונגען העלד, וואָס הייסט לאָנדאָן. ער האָט צוגעזאָגט איהם אויספיהרען די גאַנצע שטאָדט אין איין טאָג.

אמת, אויסקוקען גאַנץ לאָנדאָן אין איין טאָג איז א ביסעל א גוזמא. נו, איז וואָס? מאָרגען איז דען קיין טאָג ניט? און איבערמאָרגען? דער עיקר איז, וואָס ניסעל שוואַלב קען די שטאָדט לאָנדאָן אויף אויסווענינ, און מיט איהם, אז מע געהט, אָדער מע פאָהרט, איז ניט אומעטיג. דאָס מויל מאַכט זיך איהם ניט צו. אומעדום, אויף יעדער גאַס, כמעט אויף יעדען הויז, האָט ער אייך צו דערצעהלען א היסטאָריע, א געשיכטע אָדער א סקאַנדאַל. און ניט נור סתם א היסטאָריע, א געשיכטע אָדער א סקאַנדאַל, נאָר טאַקי איין אמת'ע מעשה, וואָס האָט זיך געטראָפען דוקא פאַר איהם אין די אויגען און אָפטמאָל טאַקי מיט איהם אליין. "ווי איהר זעהט איהם א שווימענדיגען און ער זאָל אזוי האָבען אַלעמענס גוטס".

ניסעל שוואַלב, אז ער דערצעהלט אייך עפּיס, היפּנאָטיזירט ער אייך: ער האַלט אייך ביי א האַנד, אָדער ער נעמט אייך אָן ביי א לאַץ, קוקט אייך אריין טיעף אין די אויגען אריין און זעצט אייך אריין מיט די פינגער גלייך אין האַרצען אריין זיינע א געשיכטע מיט אַלע ברעקעלאַך, מיט אַלע פּישטשעווקעס.

אָט, למשל, הערט א שענס: ער האָט זיך אַנומעלטען בעגעגענט אין "הייד־פּאַרק" מיט איינעם זעהר א גרויסען מאַן, שיע־ ניט א לאָרד, עפּיס צעווערטעלט. יענער איהם אזוי. ער יענעם אזוי און אזוי. א וואָרט פאַר א וואָרט... און כאָטש איהר זענט זיכער, אז די גאַנצע מעשה איז ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, נאָר ניסעל שוואַלב היצט זיך אזוי שטאַרק און לאַכט בעת מעשה אזוי געשמאַק, אז, ניט ווילענדיג, הויבט איהר אָן צו טראַכטען ביי זיך אין האַרצען: "ווייסט איהם דער שוואַרצער יאָהר— אפשר איז דאָס איין אמת?"...

מיט דעם פויגעל האָט זיך עס אונזער יונגער העלד בעפריינדעט, געוואָרען נפש אחת, אויסגעוועזען מיט איהם אַלע מייזענלעכער און, איבערהויפּט, אין אַלע טהעאַטערען, אָפּעראַ־הייזער און קאָנצערטען. צייט האָבען זיי געהאַט איבערגענוג, ווייל די גאַסטראָלירענדע טרופּפּע "האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּאַניע" איז געווען בעשעפטיגט אינ'ם פּאַווילאָן־טהעאַטער מעהר ניט אז צוויי מאָל אין דער וואָך.

ראַפּאַלעסקאָ האָט זיך געפיהלט מיט זיין נייעם גוטען פריינד אין לאָנדאָן, ווי א פיש אין וואַסער. ער וואָלט זיך געפיהלט נאָך בעסער, ווען ניסעל שוואַלב

זאָל ניט אריינפאַלען קיין אידעע מיטצונעהמען אויף דיא שוועסטער זיינע, די פרימאַדאָנאַ הענריעטאַ שוואַלב. ניסעל האָט געוואָלט, אַז זיין שוועסטערל זאָל אויך אָנקוקען אַ וועלט, זאָל אויך הערען מוזיק. "נישקשה, עס וועט איהר צוניטץ קומען" — האָט ער געזאָגט, און געמיינט האָט ער עפּיס אַנדערש. איהם האָט דער ברודער איזאַק דעם ערשטען טאָג נאָך איבערגעגעבען, אַז מען בעדאַרף דעם "יאַט" פערשלייערען פאַר זייער שוועסטער, פאַר הענריעטאַ'ן. אַניט, וועט איהם אָט דער יאַדישליוועס האָהן (דאָס מיינט ער — דעם שותף האָלצמאַן) פער'קנס'ען פאַר זיין שוועסטערל...

— פאַר וועמען ? פאַר אָט דעם גריינעם אַגרעס? — האָט זיך ניסעל שוואַלב אויפגעהאַפּט און גענומען שטעלען ברייטע פיס איבער'ן צימער.

— אַ גרינער אַגרעס — זאָגסט דו ? אַנ'עפּעלע ! — מאַכט צו איהם איזאַק שוואַלב און שטעלט אַוועק אויף איהם דאָס רויטע פּנים.

— קיי און שפּיי ! — ענטפערט איהם דער ברודער ניסעל און הערט ניט אויף אַרומצושפּאַנען הין און צוריק מיט זיינע ברייטע טריט.

אין ניסעל'ס קאָפּ האָט מען געקאָנט זעהען — אַרבייט זיך עפּיס אַ וויכטיגער פּלאַן, אַ קאָמבינאַציע.

קאַפּיטעל 113.

אַ מענש מיט קאָמבינאַציעס

ניסעל שוואַלב איז אַ מענש מיט קאָמבינאַציעס. אין זיין הויפּט־פּראָפעססיע רעכענט ער זיך אפילו אַלס אַגענט, נאָר פון דעם אליין קאָן מען אין לאָנדאָן קיין לעבען נישט מאַכען. מוז מען קאָמבינירען. און קאָמבינירען קאָמבינירט ניסעל שוואַלב אַלסדינג, וואָס עס לאָזט זיך. און דער אמת פאָדערט, מע זאָל דעם דאָזיגען קאָמבינאַטאָר געבען אַ שבח הינטער די אויגען, אַז זיינע קאָמבינאַציעס ווייזען אויס תחילת, דאַכט זיך, משוגה ווילד, קרום־פערדרעהט, ריין משוגע, נאָר נאָכדעם קומט דאָס אויס גלייך און גלאַט, וואָס גלאַטער קאָן שוין גאָר ניט זיין. און טאָמער מאַכט זיך אַ מאָל, ס'איז נישט אַזוי גלייך — איז ער דאָך ניט מעהר ווי אַ מענש, און אַ מענש האָט אַ מאָל אַ טעות.

ניסעל אליין דערצעהלט, אַז מיט זיינע קאָמבינאַציעס האָט ער שוין ניט איין פירמאַ פערדרעהט דעם מח, געבראָכען ריק און לענד. שולדיג איז אבער נישט ער. אַ סימן — מע זאָל איהם געווען פאָלגען ביז'ן סוף, וואָלט אַלסדינג געווען אַנדערש. דער גאַנצער חסרון איז, זאָגט ער, וואָס מע פאָלגט איהם ניט, ווייל מע פערשטעהט איהם ניט. פּשוט, מענשען זענען בהמות, זאָגט ער, אָכסען, פערד, אייזלען. קיינער פערשטעהט ניט קיין געשעפט אַזוי ווי ער, און קיינער, זאָגט ער, ווייסט ניט, וואָס הייסט אַ קאָמבינאַציע...

דאָס יודישע פּאַוויליאָן־טהעאַטער זאָל אריינפאַלען צו אַ כריסט אין די הענד אריין — דאָס איז אויך געווען ניסעל שוואַלב'ס אַ קאָמבינאַציע, אַזוי ווי ס'איז געווען זיין קאָמבינאַציע אמאָל, אַז די איינציגע יודישע צייטונג אין לאָנדאָן, "דער יודישער קוריער", זאָל אַרויסגעגעבען ווערען דוקא דורך אַ כריסט, ניט דורך אַ יודען. וואָס איז דער שכל ? אָט אַזוי האָט געוואָלט ניסעל שוואַלב און אָט אַזוי איז דאָס טאַקי געווען.

אמת, "דער יודישער קוריער" האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ האַנטשירקע, וואָס מע ווישט מיט איהר די טעלער אין קיך, און דער אַרויסגעבער דער כריסט איז נעבאָך ניזוק ונהרג געוואָרען. ער האָט דערלעגט צום געשעפט פונקט אַזוי פיעל פונט שטערלינג, וויפיעל ער האָט פערמאָגט. ער זאָל געווען האָבען מעהר, וואָלט ער דערלעגט מעהר. נאָר ווער אין

איהם שולדיג? א גרויעשער קאָפּ. ניט
געוואלט פּאָלגען ניסעל שוואלב'ס פּלאַן
— דרוקען דעם "יודישען קוריער" צוויי
מאָל א טאָג, ווי די ענגלישע צייטונגען
טהוען. אין דער פריה און אויף דער
נאכט. אי, די קשיא איז מיט א קל־
וחומר: מה־דאָך די לאָנדאָנער יודען
ווילען ניט קויפען דאָס יודישע בלאט
איין מאָל אין טאָג, וועלען זיי דאָך צוויי
מאָל אין טאָג אודאי ניט קויפען? איז
דער תירוץ: אדרבה, אָט ווייל צוויי מאָל
אין טאָג, וועט מען ערשט קויפען, וואָ־
רום מע וועט וועלען זעהן, וואָס קאָן,
אשטייגער, א יודיש בלאט דרוקען צוויי
מאָל אין טאָג?

די געשיכטע, ווי אזוי דאָס פּאַוויליאָן־
טהעאטער איז אריינגעפאַלען צו א כריסט
אין די הענד אריין, איז אזוי אינטערע־
סאַנט, אז מיר געבען זי דאָ איבער פאַר
אונזערע לעזער אין קורצען.

ניסעל שוואלב איז, ווי זיין ברודער,
איזאַק שוואלב, א גרויסער ליעבהאָבער
פון טהעאטער. דאָס ליגט שוין ביי זיי,
אפּנים, אין דער משפחה. דערצו האָט
ער טאַקי אליין אויך אמאָל געהאט
א שטיקעל שייכות צו יודיש טהעאטער,
ווי מיר וועלען זעהען ווייטער. דעריבער
איז ער פון תמיד אָן געווען איין אָפּטער
גאסט, מע קאָן זאָגען, א שטענדיגער בע־
זוכער, כמעט א תושב אין יודישען פּאַ־
וויליאָן־טהעאטער. נאָר אין דער צייט,
וואָס דאָס יודישע לאָנדאָנער פּובליקום
איז זיך געזעסען אין טהעאטער, ווי די
שאָף, און צוגעהערט אלע נארישקייטען,
וואָס שלאָגען צו דער גאל, און אויסגע־
הערט אלע זינגערייען, וואָס מע קאָן פון
זיי חלש'ען, איז ניסעל'ס קאָפּ געווען
פערנומען מיט אלערליי קאָמבינאציעס.
"פאַר וואָס, למשל, — האָט ער זיך גע־
טראַכט — זאָל דאָס לאָנדאָנער יודישע
פּובליקום ניט האָבען א רעכט יודיש
טהעאטער, און נישט איין טהעאטער,
נאָר טאַקי גאנצע דריי טהעאטערס:
פאַר דראַמאַ בעזונדער, פאַר אָפּערעטען
בעזונדער און פאַר ערנסטע אָפּערע בע־
זונדער? מיט אזעלכע דריי טהעאטערס
קאָן מען דאָך איינגעמען די וועלט! אין
אזא טהעאטער וועט שוין אָנשטעהן צו
קומען דער יודישער אריסטאָקראַטי אויך.
דער עיקר—א שען הויז און רעכטע אר־
טיסטען. איז א הויז דאַרף מען ניט קיין
שענערעס, ווי דאָס פּאַוויליאָן־טהעאטער.
א ביסעל אונטערשריפטען — ווערד
דאָס א גן־עדן. און ארטיסטען? א דאגה
מיט ארטיסטען! און וואו איז אמעריי־
קא? ווינציג "סטאַרס" פאַרהאַן אין
אמעריקא? פאַר געלד קאָן מען אראָפּ־
ברענגען ניט נור אדלער'ען פון ניו יאָרק,
נאָר אפילו סאַראַ בערנאַרד פון פּאַריז.
און פאַר נויט וועט מען זיך דערווייל בע־
געהן מיט די קלאָפּערס, וואָס זענען דאָ
אין לאָנדאָן, צושמעלצען צו זיי זיין
שוועסטערעל, די פּרימאַדאָנאַ פון זיין
ברודער'ס טרופּע "האַלצמאַן, שוואלב
עט קאָמפּ.", מיט דעם יונגען ארטיסט
לעאָ ראַפּאַלעסקאַ פון בוקארעשט, וואָס
עס קלינגט מיט איהם איצט די וועלט.

דאָס איז געווען אין דער צייט, ווען
די צוויי ברידער האָבען געהאלטען סאַמע
אין רעכטען איבערשרייבען זיך וועגען
קומען קיין לאָנדאָן אויף גאַסטראָלען.
אין יענער צייט האָט ניסעל שוואלב
אויפגעגעבען כמעט אלע זיינע געשעפ־
טען און האָט זיך אָפּגעגעבען אינגאַנ־
צען נור מיט זיינע דריי טהעאטערס. עס
זענען געפלויגען בריעף קיין עסטרייך
צו זיין ברודער, בריעף קיין אמעריקא,
בריעף קיין רוסלאַנד און אפילו יאָהאַ־
נעסבורג און בוענאָס־איירעס האָט ער
אויך ניט פערגעסען. ער האָט נישט דורכ־
געלאָזט וואו ערגיץ א יודיש טהעאטער
אָדער א יודישע בעריהמטהייט. און פון
אומעדום זענען געקומען ידיעות, וואָס
מע קאָן מיט זיי זיין צופריעדען. עס
האָט זיך געשניטען אויף א דרך. איין
זאך נור איז איהם געבליעבען דורכצו־

זעצען, נאָר א קליינינקייט : וואו נעמט מען געלד?...

איז אבער אונזער קאָמבינאטאָר ניט אזעלכער, וואס שטעלט זיך אָפּ אין האלבען וועג. ניסעל שוואלב איז א מענש, וואָס געהט גלייך און האָט פיינד איבערקלייבען, און דערצו איז ער נאָך א גרויסער מוצלח אויך. אָט וועט איהר האָרכען א שענס.

קאפּיטעל 114.

מע בעדאַרף האָבען גליק

איינמאָל, אין א חמורנעם נעבעל־טאָג, ווי עס גיט זיך אוים אין לאָנדאָן, ווען די גאנצע שטאָדט זעהט אוים ווי מצרים אין די דריי פינסטערע טעג, אזוי אז אפילו די אָנגעצונדענע לאנטערנעס אין מיטען העלען טאָג זענען ניט אימשטאנד צו פערהיטען, אז פוסגעהער זאָלען זיך ניט צעבוצקען מיט די שטערענס, איז אונזער זשעניאלער קאָמבינאטאָר ניסעל שוואלב אוועק אין קאָנטאָר "העטשקינס בראָס. לימיטעד", וואָס אין סיטי לאָנדאָן. דאָרט האָט ניסעל שוואלב זיין הויפּט־אגענטור פון נייה־מאשינען, וועלאָסיפּעדען, אויטאָמאָבילען עט צעטערא.

דאָס הויז "העטשקינס בראָס, לימיטעד" געהערט צו צוויי רייכע ענגלענדער, געברידער העטשקינס, פון וועלכע איינער, דער עלטערער, פערברענגט כמעט זיין גאנץ לעבען אין דער שווייץ, קלעטערט אויף די סאמע הויכע בערג און איז נאָך ניט גע'הרג'עט געוואָרען, און דער יונגערער, דער וואָס מיר האָבען איהם בעגעגענט אין קאפּיטעל הונדערט עלף, דער פיהרט די געשעפטען.

געטראָפען האָט איהם ניסעל שוואלב שטעהן ביי א הויכען דעסק, ביי'ם איבערקוקען די קאָררעספּאָנדענציע פון דער פּאָסט. באלד נאָך'ן ערשטען "גוד מאָרנינג", האָט איהם שוואלב געבעטען, ער זאָל אוועקלעגען אלע געשעפטען און זאָל איהם אויסהערען : ער האָט איהם געבראַכט צו־טראָגען א "ביזנעס", וואָס נור איין מאָל אין זיבענהונדערט יאהר טרעפט זיך אזא גליק.

דער יונגער העטשקינס האָט אוועקגעלעגט די פּאָסט, אוועקגעזעצט זיך מיט זיין אגענט א טשער קעגען א טשער, פערקאטשעט די ברייטע קעסטעלדיגע הויזען ארויף, איבער די דארע קנעכלעך, און קאלט, אָהן ווערטער, ארויסבעוויזען איהם, אז ער איז אָנגעברייט אויסצוהערען, וואָס פאר א מין "ביזנעס" דאָס איז, וואָס נור איין מאָל אין זיבענהונדערט יאָהר טרעפט זיך אזא גליק.

אין א לאנגער רעדע מיט זעהר א שענער שפּראך, מיט א סך פאַרבען, האָט איהם ניסעל שוואלב אויסגעמאָהלט דיא לאגע פון'ם יודישען טהעאטער בכלל און פון'ם לאָנדאָנער פּאוויליאָן־טהעאטער בפרט. נאָכדעם האָט ער איהם צעלעגט א גאנצען פּלאַן פון דריי טהעאטערס : פאר ערנסטע אָפּערעס, פאר אָפּערעטען און פאר דראמאטען. דערביי האָט ניסעל שוואלב ארויסבעוויזען א זעלטענע געניטקייט אין די זאכען, וואָס זענען שייך צו טהעאטער, קונסט און מוזיק. נאָכדעם האָט ער איהם ארויסגעלעגט א גאנצען פּאק מיט בריעף און דעפּעשען פון פערשיעדענע ארטיסטען פון דער גאָרער וועלט און אויסשניטלעך פון גאזעטען. דאָס אלסדינג האָט ער איבערגעזעצט איהם פון יודיש אויף דער ענגלישער שפּראך, און צום סוף האָט ער געבראכט איין אויספיהרליכע קאלקולאציע : וויפיעל פונט שטערלינג מע בעדארף ארייננלעגען און וויפיעל פונט שטערלינג מע וועט ארויסנעמען.

לויט דעם דאָזיגען קלאָרען חשבון איז אויסגעקומען, אז אין עטליכע יאָהר ארום קאָן מען אוועקקויפען פאר איין אייגענטהום ניט נור דאָס פּאוויליאָן־טהעאטער, נאָר אָט דאָס הויז, מיט

נאָך א הויז, מיט נאָך דריי הייזער אין סיטי לאָנדאָן.

אין דער גאנצער צייט, וואָס ניסעל שוואלב האָט גערעדט, איז מיסטער העטשקינס געזעסען און אלץ געטראכט, וואָס פאר א שייכות, למשל, קאָן האָבען צו "העטשקינס בראָס, לימיטעד" אָט דער גאנצער געשפּרעך? קיין נייהי־מאשינען בעדארף מען צו א טהעאטער, דאכט זיך, ניט האָבען. בייסיקלעך (וועלאָסיפּעדען) — אויך ניט. סיידען אפשר איין אויטאָמאָביל. איז איבער איין אויטאָמאָביל אזוי פיעל רעד?!...

מיסטער העטשקינס האָט דיא גאנצע צייט געקוקט דורכ'ן פענסטער אויף דער גאס, חאָטש מע האָט דאָרט ניט געזעהען גאָרנישט, און געקלאפּט זיך מיט איין פינגער איבער דיא דריי גאָלדענע צייהן. ער האָט אלץ געווארט ביז דער אגענט וועט א מאָל ענדיגען. און אז יענער האָט זיך גוט אָנגערעדט, האָט זיך מיסטער העטשקינס אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צום אגענט און א קוק געגעבען איהם אין דיא אויגען אריין, וויא איינער רעדט: "וואָס זשע איז דער היוצא לנו מזה?"...

ניסעל שוואלב האָט דעם קוק, אפּנים, פערשטאנען, האָט ער איהם קורץ און שארף ערקלערט, וואָס ער וויל. ער וויל, פערשטעהט איהר מיך, אז ער, העטשקינס, זאָל איינגעהן אויף דער קאָמבינאציע. בעת מעשה האָט איהם ניסעל שוואלב אריינגעקוקט אין פּנים, — וואָס פאר איין איינדרוק האָט געמאכט אויף איהם דיא דאָזיגע קאָמבינאציע?

אויף דעם דאָזיגען קאלטען פּנים איז אָבער נישט געוועזען איבערצולייענען — איהר זאָלט זאָגען — איין אות אפילו. קאלט איז דאָרטען געוועזען, וויא אויפ'ן שפּיץ פונ'ם מאָנטבלאן, און רוהיג, ווי אויפ'ן פערגליווערטען ים. מיסטער העטשקינס האָט מעהר ניט וויא א זיפץ געטהאָן, אויפגעשטאנען, זיך א קראַץ געגעבען מיט איין פינגער איבערן קנאָפּ, וואָס אויף זיין רויטען האלז, שלעפּעריג א זאָג געגעבען: "אָלל־רייט", אויסגעצויגען דעם אגענט צוויי פינגער פון דער רעכטער האנד, געהייסען קומען נאָך איין ענטפער אויף דער קאָמבינאציע מאָרגען דריי פיערטעל אויף צוועלף.

וואָס פאר איין ענטפער מיסטער העטשקינס האָט געגעבען — דארפען מיר שוין ניט זאָגען. טאקי נור אזא מוצלח, ווי ניסעל שוואלב, האָט געקאָנט געראָטען דורכזעצען אזא ווילדע קאָמבינאציע.

מע בעדארף ניט קיין שכל, פריינד לעזער, מע בעדארף ניט קיין קענטעניש — מע בעדארף נור האָבען גליק.

קאפּיטעל 115.

דיא מוזיקאַלישע משפּחה

— היינט אויף־דער־נאכט געהען מיר צום חזן. — האָט זיך אָנגערופען איינמאָל ניסעל שוואלב צו זיין נייעם יונגען פריינד, צו ראפאלעסקאָ'ן.

דערהערט דאָס וואָרט "חזן", האָט דאָס ראפאלעסקא'ן געגעבען א שמויס אין הארצען און א הויב אויף פונ'ם אָרט. זיין אמאָליגער רבי, ישראָלי דער חזן, פון האָלענעשטי, איז איהם פּלוצים געקומען פאר די אויגען, און מיט א קלאָפּענדיג הארץ האָט ער א פרעג געגעבען ביי זיין נייעם גוטען ברודער:

— וואָסער חזן?

— דער לאָמזשער חזן, אָט דער, וואָס איז געוועזען מיט דער חאליאסטרע אין טהעאטער. האָסט שוין פערגעסען? (ניסעל שוואלב איז מיט זיין נייעם יונגען פריינד שוין לאנג אויף "דו".)

— אאא? — ציהט אוים ראפאלעסקאָ, און ער דערמאָהנט זיך, אז אנומעל־

טען אין פאוויליאָן־טהעאטער, צווישען די אקטיען, האָט איהם ניסעל שוואלב צוגעפיהרט הינטער די קוליסען עפּיס א געלען יודען מיט וואט אין די אויהרען. נאָך'ן יודען איז נאָכגעגאנגען א גאנצע חאלאסטרע קינדער, יונגלעך און מיידלעך. ווי יעל קינדער דאָרטען איז געווען — געדענקט ער ניט. נאָר דאָס געדענקט ער, אז געווען זענען דאָרט מעהר רויטע איידער שווארצע, און אלע מיט לאכענדיגע פּנים'לעך און שעלמישע אויגעלעך.

פאַרשטעלענדיג איהם די דאָזיגע חאליאסטרע, האָט איהם ניסעל שוואלב — טאקי זיי אין די אויגען — אָפּגעלויבט דאָס דאָזיגע געזינדעל אין טאָג אריין, דערצעהלט גוזמאות, מיט געשיכטעס, מיט סקאנדאלען, און גיך, איין וואָרט איבער'ן אנדערען, מיט פייער און מיט שווערענישען, ווי זיין שטייגער איז. נאָר די אלע מעשיות זענען ראפאלעסקאָ'ן דעמאָלט, אין'ם טהעאטער־טארעראם, אין איין אויהער אריין, פון'ם אנדערען ארויס. ראפאלעסקא איז שוין געוואָהנט געוואָרען, אז אויף יעדען מענשען האָט ניסעל שוואלב א מעשה, און א מעשה מוז זיך ענדיגען ביי איהם מיט א סקאנדאל.

איצט, געהענדיג אהין מיט א וויזיט, האָט איהם ניסעל שוואלב נאָך א מאָל איבערגע'חזר'ט, וואס פאר א זעלטענע מוזיקאלישע משפחה דאָס איז: א געזינדעל פון לויטער זינגער און מוזיקער. פון דעם טאטען דעם חזן ביז'ן קלענסטען קינד, וואס איז נאָך ניט אלט קיין פיער יאָהר, זינגען זיי און שפּיעלען אויף אלע אינסטרומענטען.

— מיינסט אפשר, אז עמיצער האָט זיי געלערענט ? חא־חא ! ביי דעם דאָזיגען חזן ווערען געבוירען קינדער פאַרטיגע מוזיקער פון דער מאַמעס בויך — איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס !

אָזוי לאָזט אוים ניסעל שוואלב און האפּט זיך אריין מיט ראפאלעסקא'ן אין א יודיש געוועלבעל, און הייסט זיך געבען ברויט און ווארשעווער ווארשטלעך און געזאלצענם "און עפּיס נאָך". ניסעל שוואלב קוקט אריין אין די געזאלצענע זאכען און בעלעקט זיך.

— צו וואס איז דאָס פּלוצים ? — פרעגט איהם ראפאלעסקא פערוואונדערט.

— "כיבוד". — מאכט צו איהם גאנץ ערנסט ניסעל שוואלב. — זיי מוזען דאָך עפּיס האָבען מיט וואָס אונז מכבד צו זיין. און אגב ווען זיי טאקי אליין אויף עפּיס איבערבייסען. אָרעמע לייט, קבצנים, חא־חא, סטייטש קבצנים ! מע זאָל זיי ניט אונטערהאלטען, וואָלטען זיי דאָ, אין'ם דאָזיגען לאָנדאָן, אם־ירצה־שם, אויסגעגאנגען פון הונגער. א קלייניגקייט ? קיין עין הרע, אזא געזינדעל! פיקערס א סך, און פערדיענערס, ברוך השם, נישט איינער. ס'איז אבער נור דערוויל, כל זמן די קינדער זענען קינדער. לאָזען זיי זיך נור געבען א חאפּ אויף אויף די פיס, וועלען זיי אָנשיטען אָט די שטוב מיט גאָלד, ווי דו זעהסט מיך א שוויעמענדיגען... פּאוואָלי, ווי דו געהסט. ס'איז דאָ פינסטער און גליטשיג און וחלקלקות. קאָנסט נאָך חלילה בלייבען אָהן א טאטען.

אזוי מאכט ניסעל שוואלב צו ראפאלעסקא'ן, און רייבט א שוועבעלע נאָך א שוועבעלע, אוןביידע לאָזען זיך פאָרזיכטיג אראפּ ערגיץ אין א קעלער אריין, אָדער גלאט אין א גרוב, און טרעטען איין אין א מין אַפּארטמענט, וואָס ס'איז שווער צו טרעפען, וואו איהר געפינט זיך. א קיך ניט קיין קיך, א קאמער ניט קיין קאמער. נאָר ברייט און לאנג, און בעטלעך — ווי אין א בקור־חולים. די ווענד בעהאָנגען מיט אלערליי מוזיקאלישע אינסטרומענטען. אין מיטען שטוב שטעהט א גרויסער אויסגעדיענטער פאָרטעפּיאן אָפּען, און א קליין מיי־

דעלע פון א יאָהר זעכס־זיעבען און אפשר אכט (ניסעל שוואלב זאָגט, אז זי איז נאָך ניט אלט קיין פיער — טא! לאָמיר איהם צוליעב טהון) מיט רויטע הערלעך זיצט און ציהט פון׳ם אינסטרומענט מורא׳דיגע קולות. יעדענפאלס, ניט די קולות, וואָס דאָס קינד וויל. מע דארף איהם אָבער מוחל זיין, דעם דאָזיגען זקן. ער האָט שוין זיינס אָפּגעשפּיעלט. איין אנדער־ער אין זיינע יאָהרען וואָלט שוין לאנג אָנגעשפּארט העט־וויט, ערגיץ אויף א בוידעם...

דערזעהען די אריינגעקומענע געסט, ווארפט אוועק דאָס זעכס־זיעבען־אָדער־אכט־יעהריגע מיידעלע, וואָס איז נאָך ניט אלט קיין פיער יאָהר, דעם זקן דעם פּאָרטעפּיאַן און טהוט זיך א לאָז צו ניסעל שוואלב אויף די הענד מיט א גע־שריי־אויס:

— דער פעטער ניסעל איז געקומען! דער פעטער ניסעל!!

ווי אין טהעאטער אויף דער סצענע, האָבען זיך אָנגעהויבען בעוויזען איינס נאָך דאָס אנדערע עפּיס פון איין אונ־טערטהיר פּארשוינען: יונגלעך און מיידלעך. וויפיעל — ווייסט מען ניט. נאָר מעהר רויטע ווי שווארצע, טאקי די זעלבע, וואָס ראפאלעסקא האָט זיי גע־זעהען ביי זיך, הינטער די קוליסען, אלע מיט לאכענדיגע פּנים׳לעך און מיט שעלמישע אויגעלעך. נאָך זיי טרעט ארויס אויך דער פאָטער, דער לאָמזשער חזן אליין, א יוד א רויטער, וואָס האלט שוין ביי ווערען גרוי. נאָך א יאָהר צוויי־דריי — און פון זיינע רויטע האָר וועט נישט בלייבען קיין סימן אפילו. פון דעסטוועגען האלט ער זיך נאָך גאנץ פעסט און גלייך און ציכטיג־זויבער. די אויגען גלאנצען און די הענד ציטערען, ווי ביי אלע הונגעריגע. נאָר א מכה — דאָס פּנים דארף נישט זאָגען, וואָס אין בויך טהוט זיך...

— קודם לאָמיר זיך נעמען עפּיס צו־ביישען. — זאָגט ניסעל שוואלב, רייבט א האנד אָן א האנד און בעלעקט זיך. — איך בין טוידט־הונגעריג, ווי איהר זעהט מיך א שווימענדיגען.

און רעדענדיג, בינדט ער אויף די פּעקלעך מיט׳ן איינגעקויפטען עסענ־ווארג און נעמט זיך דער ערשטער צו דער ארבייט מיט אזא מין אפּעטיט, גלייך ווי עס וואָלט באמת געווען ביי איהם נאָך א תענית.

— וואס זיצט איהר, ווי די מחותנים אויף א פרעמדע חתונה? — צעשרייט ער זיך אויף׳ן מוזיקאלישען געזינדעל. הויבט זיך אויף פריהער דער לאָמזשער חזן מיט די הונגעריגע אויגען און מיט די ציטעריגע הענד, געהט צו כלומרשט אזוי זיך, פון יוצא וועגען. יענער בעט, קאָן מען ניט זיין אזוי גראָב... און נאָך איהם — די גאנצע חאליאסטרע קינדער, וועלכע ס׳איז גלייך צו דערקענען, אז דער אפּעטיט איז ביי זיי, דאנקען גאָט, נישט צו פערזינדיגען. ביסלעכווייז ווערד לעבעדיגער־לעבעדיגער, און די ארבייט געהט אוועק אזוי געשמאק, אז אונזער ראפאלעסקא׳ן נעמט אויך אָן א יצר־הרע צום עסען.

— זיץ, נעם, ברעך, שנייד, קיי, שעם דיך ניט! ביזט דאָ צווישען היימישע, צווישען אייגענע. — גיט איהם אונטער ניסעל שוואלב חשק, און די חאליאסטרע קוקט אויף׳ן יונגען ארטיסט מיט אזעלכע פריינדליך־נייגיעריגע אויגען, אז ער הויבט אָן פיהלען זיך דאָ גאנץ היימיש, טאקי ווי צווישען אייגענע. פון וואנען האָט זיך גענומען צו איהם פּלוצים אזא אפּעטיט צום עסען? פאר וואס פיהלט ער זיך דאָ אזוי ווארעם, אזוי פריידע, אזוי לעבעדיג? — א מאָדנע, מאָדנע געזינ־דעל!

די גאנצע צייט פון׳ם עסען הערט ניסעל שוואלב ניט אויף צו שיטען מיט רעד און ווערטלעך. פאר יעדען האָט ער א בעזונדער ווערטעל מיט איין אנדער

צונעמעניש. ניסעל שוואלב רעדט, און די חאליאסטרע, עסענדיג, קאטשעט זיך פאר געלעכטער. נאָר דער פאָטער, דער לאָמזשער חזן, טהוט זיין זאך ערנסט, ווישט זיך אלע מינוט די ליפּען און עסט ווייטער. ניין, אונזער יונגער העלד זינט ער איז נע־ונד, האָט ער זיך אזוי גוט ניט געפיהלט, ווי אין'ם דאָזיגען געזינדעל. אזוי גוט, און בעקוועם, און היימליך, און ווארעם, און פרייה, און לעבעדיג.

אָפּגעגעסען, טהוט ניסעל שוואלב א וואונק צום לאָמזשער חזן, און דער לאָמזשער חזן, גוט אויסגעווישט די ליפּען שוין אויף דער רעכטער אמת און איבערגעלעגט די וואטען אין די אויהרען, טהוט ער א קאָמאנדעווע צו דער חאליאסטרע —מע זאָל זיך נעמען צו די כלים, געבען לכבוד די געסט א שטיקעל קאָנצערט.

קאפּיטעל 116.

שפּיעל דעם חתן וויינענדיגס

דאָס "שטיקעל קאָנצערט", וואָס דאָס מוזיקאלישע געזינדעל האָט געגעבען, איז געווען נישט קיין שטיקעל, נאָר א גאנצער, זעלטענער קאָנצערט. איינער פון די קאָנצערטען, וואָס מע קאָן זיי ניט פערגעסען קיינמאָל. אחוץ דעם, וואָס דאָ זענען געווען אלע מינים מוזיקאלישע אינסטרומענטען : פיעדעל, פלייט, טשעלאָ, פּיאנאָ, באס, צימבעל, ארפא און קעסעלפּויק, און אויסער דעם, וואָס דאָס שפּיעלען גופא איז געווען מייסטעריש־גרויסארטיג, מיט'ן בעסטען אנסאמבל, האָט דער דאָזיגער פאמיליען־אָרקעסטער, וואָס איז בעשטאנען פון האלב־נאקעטע און גאנץ־באָרוויסע קינדער, אונזער יונגען העלד גלאט געריהרט ביז טרערען. קוקענדיג אויף דער דאָזיגער פון גאָט געבענשטער נאָר אָרעמער קאפּעלע, קומען איהם אויף'ן קאָפּ אלערליי מחשבות. אין דער גאנצער צייט פון זיין נע־ונד זיין אויף דער וועלט האָט ער זיך שוין אָנגעזעהען גענוג טאלאנטען, וואָס וואלגערען זיך ביי אונז אויף'ן מיסט. קיינער אינטערעסירט זיך ניט דערמיט. קיינער קוקט זיך ניט ארום. "נישטאָ, נישטאָ ביי אונז קיין מעצענאטען". — טראכט ער זיך, און ער דערמאָנט זיך אין'ם לעמבערגער מעצענאט, אינ'ם דאָקטאָר לעוויוס־לויתן, וואָס פערמאָגט אפשר א האלבען מיליאָן. דער דאָזיגער דאָקטאָר האָט זיך תחילת ארויסגעשטעלט פאר א ליעבהאָבער פון קונסט, פאר א מעצענאט, און אז ס'איז געקומען צו עפּים, האָלצמאן האָט איהם נור געגעבען אָנצוהערעניש וועגען שטיצע, אזוי האָט זיך ביי'ם דאָקטאָר איבערגעביטען דאָס פּנים, צוגעזאָגט, אז ער וועט קומען צו זיי אין טהעאטער אריין — און א גוטען טאָג, מעהר האָט מען איהם נישט געזעהען... "איך — טראכט זיך ראפאלעסקא — לאָב איך נור ווערען זעלבסטשטענדיג און אליין אָנהויבען פערדיענען געלד, נעם איך אָט אזא מין געזינדעל ארויס פון דער דאָזיגער בלאָטע און גיב זיי די וועלט צו זעהען"...

ראפאלעסקא פאנטאזיערט, ווי אלע מאָל, גאָלדענע חלומות, און דער באָרוויסער אָרקעסטער הערט ניט אויף צו בעווייזען זיינע וואונדער. אין דער צייט, וואָס די קאפּעללע שפּיעלט און ראפאלעסקא בעוואונדערט און פאנטאזיערט, זיצט ניסעל שוואלב אין א ווינקעלע מיט דער מוטער פון די דאָזיגע געבענשטע קינדער, א יודינע מיט א רויטען פאלשען פּאריק אויף'ן קאָפּ, וואָס וועט דערפאר קיינמאָל ניט ווערען גרוי, און רעדט און דערצעהלט און שווערט, "ווי איהר זעהט איהם א שווימענדיגען" און "ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס"...

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאכט, אז ניסעל שוואלב איז געגאנגען מיט זיין יונגען פריינד אהיים צוריק פון דער

מוזיקאַלישער משפּחה. דאָס לאָנדאָנער ווהייטשעפּעל איז נאָך געווען בעלייכט מיט אַלע לאַנטערנעס. נאָר אויסער דעם הויכען פּאָליסמען מיט די לאַנגע פיס, האָט מען שוין נישט בעגעגענט קיינעם. אונזער יונגער העלד, וואס איז בטבע א שוייגער, איין אָפּגעוואויגענער, אָפּגע־כּאָסטענער האַראַקטער, איז שוין לאַנג ניט געווען אַזוי אויפגערעגט, ווי אין דעם דאָזיגען אָוועגד. ער איז מיט א מאָל גע־וואָרען רעדענדיג. ער האָט גע'טענה'ט צו זיין נייעם גוטען ברודער ניסעל שוואַלב און געמאַכט מיט די הענד:

— סטייטש, סטייטש! אַזעלכע גע־בענשטע קינדער, אַזעלכע געבענשטע הענד! וואַלגערען זיך אין אַזא בלאָטע, ליגען אין אַזא גרוב! ווי איז דאָס מעג־ליך, אַז אין אַזא שטאָדט, ווי לאָנדאָן, זאָל זיך נישט געפינען צווישען יודען חאָטש איין מעצענאַט, וואס זאָל שטי־צען די דאָזיגע מוזיקאַלישע פאַמיליע?

— וואָס רעדסט דו, קינדעניו, מעצע־נאַט? — רופט זיך אָן צו איהם ניסעל שוואַלב און זיין שטימע הילכט איבער'ן ווהייטשעפּעל אין דער דאָזיגער נאַכט. —אָט וועל איך דיר דערצעהלען א שע־נערע זאַך, וועסט דו אַראָפּ פון זינען! פאַרהאַן ביי אונז איינער — דוא רופסט עס א מעצענאַט. ער איז א רוסי־שער יוד. געווען אַמאָל, קיין עין הרע, אַנ'אביון, היינט איז ער א יוד א מיליאָ־נער, אויף אונז ביידען געזאַגט געוואָרען. סטעלמאַך הייסט ער, דער דאָזיגער מע־צענאַט.

— סטעלמאַך?

ראַפאַלעסקא איז שטעהן געבליבען. עס דאַכט זיך איהם, אַז ער האָט ערגיץ געהערט שוין דעם דאָזיגען נאָמען, וואס האָט א שייכות צו רייזלען. נאָר ער קאָן זיך ניט דערמאַנען, וואו... דערזעהען, אַז ראַפאַלעסקא איז שטעהען געבליעבען, רופט זיך אָן צו איהם ניסעל שוואַלב:

— זעה נור, איך האָב נאָך גאָרניט אָנגעהויבען צו דערצעהלען, איז ער שוין ארויס פון די כלים. העט בעסער ווייטער. בעקאַנט האָב איך מיך מיט דעם סטעל־מאַכ'ען אָט דאָ ניט לאַנג טאַקי, אין פּאַ־וויליאָן־טהעאַטער. ער איז אַנ'אָפּטער געהער אין טהעאַטער. א שטאַרקער ליעב־האָבער פון יודיש טהעאַטער און א מבין אויף מוזיק. מחמת זיין זוהנדעל, גרישא סטעלמאַך, איז א בעריהמטער פיעדלער, א וואונדער־קינד. ער האָט שוין גע־שפּיעלט וויפיעל מאָל ביי'ם קעניג אין הויף. און דורך איהם, דורך'ן זוהנדעל הייסט עס, איז ער דאָס אַזוי רייך גע־וואָרען.

ראַפאַלעסקא האָט זיך שוין דערמאַנט, ווער דער סטעלמאַך איז און וואס פאַר א שייכות זיין זוהנדעל האָט צו רייזלען. און די מעשה מיט'ן מעצענאַט, וואָס ניסעל שוואַלב דערצעהלט איהם דאָ, בעקומט ביי איהם א גאַנץ בעזונדערען אינטערעס, און ער טהוט א פרעג ביי זיין נייעם גוטען פריינד:

— אַלזאָ, וואו געפינט ער זיך, אָט דער... איך מיין, אָט דער בעריהמטער פיעדעלשפּיעלער?

— חאַפּ זשע ניט! — מאַכט צו איהם ניסעל שוואַלב. — איך האַלט נאָך ניט ביי'ם זוהן, איך האַלט ערשט ביי'ם פאָטער, ביי'ם מעצענאַט הייסט עס, ווי אַזוי מיר האָבען זיך מיט איהם בעקאַנט. בעקאַנט האָבען מיר זיך מיט'ן דאָזיגען שמינדער בגעץ אין בופעט, צווי־שען די אַקטען. איך זעה עפּיס א יודעל דרעהט זיך מיר אַרום און קייעט און קוקט אויף מיר מיט אויגען. ער אויף מיר, איך אויף איהם. א וואָרט פאַר א וואָרט: "פון וואַנעט איז א יוד? איהר זענט מיר, זאָג איך, עפּיס קענטליך". "איך בין, זאָגט ער, סטעלמאַך". "אַזוי, זאָ' איך, זענט איהר, הייסט עס, טאַקי סטעלמאַך אַליין? זאָגט זשע מיר, זאָג איך, מיסטער סטעלמאַך, פון וואָסערע סטעלמאַכ'ס זענט איהר דאָס, איינענט־

ליך גערעדט ? "... קוקט ער מיך אָן כ־תמא, ווי א חושים׳דיגען, און מאכט צו מיר מיט א ברוגז׳ליכען געלעכטערעל: "וואָס הייסט — פון וואָסערע סטעלמאכ׳ס ? איהר האָט ניט געהערט, זאָגט ער, קיין מאָל דעם נאָמען גרישא סטעלמאך ? חא־חא, א יוד, זאָגט ער, זיצט אין לאָנדאָן און ווייסט ניט, אז ס׳איז דאָ א גרישא סטעלמאך אויף דער וועלט, וואָס האָט שוין געשפּיעלט וויפיעל מאָל ביי׳ם קעניג אין הויף"... "אז ס׳איז דאָ אין לאָנדאָן, זאָג איך, א גרישא סטעלמאך, וואָס שפּיעלט ביי׳ם קעניג אין הויף, דאָס, זאָג איך, ווייס איך, חאָטש איך בין אין הויף, זאָג איך, ניט אזא אָפּטער אריינגעהער. נאָר וואס געהער ער זיך, זאָג איך, אָן מיט אייך ?" צעלאכט ער זיך נאָך שטארקער און רופט זיך אָן צו מיר מיט גדלות : "וואָס ער געהער זיך אָן מיט מיר ? חא־חא ! איך בין זיינער א טאטע". "מזל־טוב, זאג איך, אז וואָהל איז דעם זוהן, וואס האָט אזא טאטען". און אָט אזוי האָבען מיר זיך צערעדט. דאָס הייסט, רעדען האָט, אייגענטליך, גערעדט אָט דער ליץ. ער האָט פיינד, אז יענער רעדט. ער האָט בעסער ליעב אליין רעדען. ובפרט, אז ער צערעדט זיך פון זיין גרישא׳ן, וועסט דו איהם ניט אָפּשטעלען מיט קיין צעהן פערד. טראטאטא ! טראטאטא ! גרישא־קעניג־קאָנצערט־מוזיק... א מעשה אָהן אנ׳עק ! שלאָג איך איהם איבער אין מיטען : "איך זעה, זאָג איך, אז איהר זענט א מבין און א ליעבהאָבער פון מוזיק. אויב איהר ווילט, זאָג איך, האָרכען א ביסעל רעכטע מוזיק, וועל איך אייך פיהרען, זאָג איך, אין אנ׳ערטעל, און דוקא אָהן געלד, וועט איהר הערען, זאָג איך, וואָס הייסט מוזיק אויף דער וועלט !"... מאכט ער צו מיר : "אָך, מיט גרעסטען פערגעניגען. ביי מיר, זאָגט ער, איז יודיש טהעאטער, מוזיק און נאָך אזעלכע זאכען אזוי טהייער, אז איך וועל אייך געהן, זאָגט ער, דריי מייל צו־פוס". "אויסגעצייכענט ! — טראכט איך מיר. — גאָט אליין האָט דיך צוגעשיקט. אפשר איז באשערט, אז דורך דיין זכות זאָל די אָרעמע משפחה געהאָלפען ווערען ? "... הקיצור, מיר האָבען אָפּגעשטעלט א טאָג, גענומען דעם חברה־מאן און געבראכט צופיהרען צום לאָמזשער חזן, איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל — מיין סטעלמאך איז אויס מענש. אָט־אָט נעמט ער איין א מיתה משונה. אלע מאָל, ווען ער קומט אהין, גלוסט זיך איהם גאר ניט אוועק. זיצט מיט אלעמען און עסט מיט אלעמען און דערצעהלט גליקען פון זיין זוהנדעל, נסים ונפלאות, יציאת־מצרים — הימעל עפען זיך ! בין איך מיך מיישב איינמאָל, אז דוא ביזט יא אזא גוטער ברודער, טאָמער וואָלט געווען א סברה, מיסטער סטעלמאך, איהר זאָלט עפּיס א קלער טהון מכח דער דאָזיגער משפחה ? "מע בעדארף, זאָג איך צו איהם פערשטעלט, אָט די געבענשטע קינדער צעשטעקען אין די קאָנסערוואטאָריעס, מאכען פאר שטיקלעך מענשען". קוקט ער מיך אָן, ווי א נעכטיגער, פינטעלט מיט די אויגען, פערשטעהט נעבאך ניט, וואס מע מיינט... רוף איך מיך אָן צו איהם שוין מיט פשוט׳ע דבורים : "מיסטער סטעלמאך, זאָג איך, מע בעדארף, זאָג איך, האָבען ג ע ל ד !"... דערהערט דאָס וואָרט "געלד", איז מיין סטעלמאך געוואָרען, וואס זאָל איך דיר דערצעהלען, חא־חא־חא ? א שענערען לעגט מען אין דער ערד, ווי דו זעהסט מיך א שווימענדיגען ! וואָס טויג דיר, ער האָט זיך אויף דער גיך אָפּגעזעגענט—און פון דעמאָלט אָן אויס סטעלמאך ! איך ווארט איהם אָפּ אין טהעאטער איין נאכט, די אנדערע נאכט, די דריטע נאכט — ניטאָ מיין פויגעל. טראכט איך מיר : "בלאָטע ! פון ניסעל שוואלב׳ס הענט אנטלויפט מען ניט !" און איך האָב מיך

מסתמא דערפרעגט, וואו ער זיצט, דער דאָזיגער פּיפּערנאָטער, און מארש צו איהם אהיים. איך קלאַפּ אָן אין דער טהיר, דערהער איך א קול פון אינעווענינ — טאקי זיין קול, איך האָב איהם דערקענט: "טהו נאָר א קוק, ווער קלאפּט דאָס. אויב א הויכער, א גראָבער — זאָג איהם, אז איך בין ניטאָ אין דער היים". מיט די ווערטער, חא־חא, וויא דו זעהסט מיך א שווימענדיגען! דערהערט אזא מעשה, טראכט איך מיר: "ע! ווילסט דו זיך פון מיינע הענד ארויסדרעהען, וועט דיך קאָסטען טהייער!

אזוי דערצעהלט וויטער ניסעל שוואלב און טראכט שוין אויס פון'ם קאָפּ א גאנצע אינטריגע מיט א סקאנדאל, צוויי סקאנדאלען, דריי סקאנדאלען, און האלט צו זיין יונגען פריינד פאַר א האנד, און היצט זיך, און שפּריצט מיט פייער, און לאָזט אויס, וויא זיין שטייגער, איז מיט א ברייטען געלעכטער און מיט א שבועה: "חא־חא, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס!"...

פון יוצא וועגען מאכט ראפאלעסקא א פּנים, גלייך ווי ער וואונדערט זיך. אין דער אמת'ען אָבער האָט ער פון דער גאנצער מעשה געהערט מעהר ניט ווי דעם כוח: "חא־חא, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס." ראפאלעסקאָ האָט גאָר אין זינען בעת מעשה עפּיס אנדערש. דער נאָמען "גרישא סטעלמאך" האָט איהם געפּיקט אין מח. סטייטש, דאָס איז דאָך דער גרישא סטעלמאך, רייזעל'ס חתן!... וויבאלד אזוי, איז ער דאָך שוין אויף'ן רעכטען וועג... איצט בלייבט איבער נור איין זאך: זיך בעקאנען מיט אָט דעם גרישא סטעלמאך.

פאַרהאַן ביי אונז איין אלט וואָרט: "שפּיעל דעם חתן ווייגענדיגס, ער האָט זיך זיינס אין זינען".

קאַפּיטעל 117

זיי פאָהרען קיין אַמעריקא!

די גלענצענדע קאמבינאציע פון דריי יודישע טהעאטערס אין לאָנדאָן, וואָס דער זשעניאלער קאָמבינאטאָר ניסעל שוואלב האָט אויסגעקאָמבינירט, האָט זיך ניט אינגאנצען איינגעגעבען.

נישט נור דריי יודישע טהעאטערס, ווי ניסעל שוואלב האָט געפּלאנעוועט, נאָר אפילו דאָס איינציגע שטיקעל פּאַוויליאָן־טהעאטער איז אויך געגאנגען ניט אין בעסטען. דער לאָנדאָנער עולם איז טאקי געלאָפען אויף חידושים זעהען דעם בעריהמטען לעאָ ראפאלעסקאָ פון בוקארעשט און די בעריהמטע פּרימאַדאָנא שוואלב פון בוענאָס־איירעס. דאָס טהעאטער איז טאקי געווען געפּאקט פון אויבען ביז אראָפּ, אז ס'איז ניט געווען איין עפּעל דורכצוואווארפען. דער גאנצער חסרון איז אָבער, וואָס דאָס פּובליקום איז געווען דאָס זעלבע פּובליקום, וואָס תמיד. דאָס זעלבע ווהייטשעפּעל מיט זיינע איינוואָהנער. די זעלבע מעוברת'ע ווייבער מיט די זעלבע זויגעדיגע קינדער, וואָס פערהילכען דאָס טהעאטער מיט זייער געוויין. דיא זעלבע בחורים און דיא זעלבע מיידען, וואָס וואַרפען זיך מיט מאראנצען־שאָלעכץ און רעדען אזוי הויך און לאכען אזוי געשמאק און האלטען זיך אזוי היימיש־פאמיליאר, אז דאָס פּאוויליאָן־טהעאטער זעהט אויס גיכער ווי, להבדיל, א שוהל־הויף אין א קליין שטעדטעל אין א ווארעמען יום־טוב'דיגען טאָג צו אויסנעמעניש, וויא איידער א טהעאטער. דיא יודען פון דער וועסט, די לאָנדאָנער יודישע אריסטאָקראטיע, אויף וועלכע ניסעל שוואלב האָט, אייגענטליך, געשלאָגען, ווי אויף פּיער טייז, האָבען אפילו ניט אריינגעשמעקט אין ווהייטשעפּעל־טהעאטער, ווי זיי

האָבען ניט אריינגעשמועקט ביז אהער און וועלען ניט אריינשמועקען אהין ביז משיח וועט קומען. גיכער וועט זיך איין ענגלישער אָרטאָדאָקסישער רב אוועקשמד'ען און א מאָדערנער רעוורענד וועט זיך אויסלערנען דאוונען, איידער א לאָנדאָנער יוד פון דער וועסט וועט זיך אראָפּלאָזען אויפ'ן ווהייטשעפּעל צו די שנאָרערס אין א יודיש טהעאטער, וואו יודען רעדען אויף יודיש, שפּיעלען אויף יודיש, זינגען אוף יודיש און טאַנצען אויף יודיש.

מיט איינעם וואָרט, דאָס געשעפט איז געגאַנגען נישט אין בעסטען. דאָס גאַנצע דאָברע מזל האָט אויפגעגעסען די נע-ונד'נע טרופּפּע "האָלצמאַן, שוואלב עט קאָמפּ." און ס'איז ניט געווען מיט וואָס צו אויסהאַלטען די אייגענע אַקטיאָרען. דער קאַפּיטאַליסט, דער כריסט מיסטער העטשקינס, האָט שוין געהאַלטען כמעט-כמעט ביי דער לעצטער שורה פון דער סומע פונטען-שטערלינג, וואָס ער האָט דערויף מפקיר געווען, און איז גרייט געווען זיך אוועקשטעלען אין מיטען סעזאָן.

פערשטעהט זיך, אז דאָס האָט אונזער קאָמבינאַטאָר ניסעל שוואלב שטאַרק געערגערט. א גוי בלייבט א גוי. ער וויל ניט פערשטעהן שוואלב'ס טהעאָריע, אז וואָס גרעסער דער קאָפּ — גרעסער דאָס היטעל, און וואָס גרעסער דער טאָפּ — גרעסער דאָס פייער.

שוואלב האָט גע'טענה'ט, אז מען בעדארף ניט אראָפּפאַלען ביי זיך און מען טאָר זיך ניט אָפּשטעלען. אדרבה, מען בעדארף פערגרעסערען דאָס טהעאטער. פערגרעסערען, פערברייטערען און פערשענערען. מען בעדארף אויסשרייבען אַדלער'ען פון אמעריקא. מען בעדארף מאַכען א טורנע איבער גאַנץ ענגלאַנד. מע בעדארף ניט שפּאָרען קיין געלד. ער האָט בעוויזען מיט א רעכנונג, ווי צוויי מאָל צוויי, אז יעדען פונט שטערלינג, וואָס מיסטער העטשקינס לייגט אריין אין טהעאטער אצינד, וועט איהם אריינברענגען מיט דער צייט דריי פונט, צעהן פונט, צוואַנציג פונט, אָהן א שיעור פונטען!

מיסטער העטשקינס אָבער האָט נישט געוואָלט הערען די אַלע גליקען. מיסטער העטשקינס איז געגאַנגען, פאַרקעהרט, מיט זיין גויעשען גאַנג: "לעם קראַיי — מאָר וואול", אָדער אויף יודיש גערעדט: "ווינציגער עולם, גרעסער דיא סעודה".

קיין סך ווערטער האָט ער ניט אויסגענוצט. און איבערשפּאַרען דעם דאָזיגען היציגען אַגענט האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיג. מיסטער העטשקינס האָט איהם דוקא אויסגעהערט ביז'ן סוף, זיך געקלאָפּט מיט'ן נאָגעל איבער די דריי גאָלדענע ציין און געקוקט דורך'ן פענסטער אין דרויסען ארויס. און אז יענער האָט געענדיגט, איז ער אויפגעשטאַנען מיט א זיפץ, אויסגעצויגען איהם צוויי קאַלטע פינגער און א זאָג געגעבען קאַלט און שלעפעריג: "אָלל-רייט. מעהר ניט א שיללינג".

וואָס האָט ניסעל שוואלב געקאָנט טהון? זיין יודישען קאָפּ וועט ער אויף דעם טרוקענעם ענגלענדער ניט ארויפשטעלען און נעמען זיך דאָס לעבען איבער אזעלכע זאכען איז אויך ניט כדאי. "עט! דער הימעל איז צו דער ערד ניט געפאַלען. גאָט איז גאָט און לאָנדאָן איז לאָנדאָן. אז ניט דאָס, וועט זיין איין אנדער שוואַרציאָהר"... אזוי האָט זיך געזאָגט ניסעל שוואלב, און זיין זשעניאַלער קאָפּ האָט ניט גערוהט, ביז ער האָט ניט צוגעקלערט א נייע קאָמבינאַציע.

די דאָזיגע קאָמבינאַציע איז בעשטאַנען מעהר ניט אז פון איין וואָרט. איין און איינציג וואָרט. נאָר דאָס וואָרט האָט אין זיך אזא מין צוציהונגסקראַפט, אזא מין מאַגנעט, אזא מין כישוף, וואָס מע בעדארף מעהר ניט נור

ארויסלאָזען פון׳ם מויל, ווערד ביי אונז א שלעפּעריגער וואכענדיג, א פוילער — אַרבייטספעהיג און דער גרעסטער אפיקורס און דער פערצווייפעלסטער סקעפּטיקער ווערד פול מיט גלויבען און מיט האָפנונגען.

"אמעריקא" איז דאָס וואָרט.

איך זאָל האלטען ביי פערגלייכען, מאַכען פּאַראלעלען, וואָלט איך געזאָגט, אז אמעריקא — דאָס איז א גרויסער ים, וואס ציהט אין זיך אלע טייכען. א גרעטער חלום, וואָס ניט אלע מאָל ווערד ער מקוים. א ווייטעסטער פונקט, וואס ווייטער קאָן מען שוין ניט פאָהרען. א לעצטע רפואה, וואָס אויב דאָס וועט אייך ניט העלפען, וועט אייך שוין קיין דאָקטאָר און קיין טאָטער אויך ניט העלפען...

אונזער היציגען קאָמבינאטאָר ניסעל שוואלב האָט דאָס שוין לאנג געצויגען אהין, אין׳ם "גאָלדענעם לאנד". ער האָט גע"חלום׳ט פון קינדווייז אָן, אז ער מוז ווערען רייך, און רייך קאָן מען ווערען נור דאָרטען, אין׳ם לאנד פון דאָלאר. עס זיינען געווען צייטען, וואָס ער האָט שוין אפילו "געסייווט" געלד אויף א שיפסקארטע. נאָר אלערליי קאָמבינאַציעס האָבען איהם אלע מאָל אָפּגעהאלטען און יעדע מאָל, ווען די אָדער יענע קאָמבינאציע האָט ביי איהם געפּלאצט, אזוי איז ער געלאָפען גלייך אין א קאָנטאָר אריין זיך בעשטעלען א טיקעט מיט׳ן ערשטען שיף קיין ניו יאָרק. נאָר לויפענדיג אין קאָנטאָר אריין, פליהט איהם אריין פלוצים אין קאָפּ א נייע קאָמבינאציע, קעהרט ער זיך אום צוריק און נעמט זיך צו דער ארבייט, ביז ער פּאלט דורך, לויפט ער אוועק ווידער נאָך א טיקעט, קעהרט זיך ווידער אום צוריק. און אזוי שוין עטליכע מאָל.

איצטיגעס מאָל אָבער איז דאָס געווען ביי איהם פעסט בעשלאָסען, אויף איין אייזערנעם באָדען, עס מעגען פאלען שטיינער פון׳ם הימעל. גאָט אליין האָט שוין אזוי געהייסען. אלע אומשטענדען האָבען זיך דיא לעצטע צייט צענויפגעלעגט און אויסגעבעט איהם א וועג קיין ניו יאָרק.

דער גאָלדענער פּלאן צו פאָהרען אין דער גאָלדענער מדינה איז געבוירען געוואָרען אונטען, אין קעלער, ביי דער בעקאנטער מוזיקאלישער משפחה. דער לאָמזשער חזן האָט דיא טעג בעקומען א בריעף פון אמעריקא, ער זאָל למען השם קומען צו־פאָהרען מיט אלע זיינע קינדער, וועט מען זיי אָפּגילטען. איהם און די קינדער. "געזאנג און מוזיק — אזוי שרייבט איהם יענער אין בריעף — איז דאָרט אזא מין ארטיקעל, וואָס אמעריקא אליין פערמאָגט דאָס נישט און מוז עס בעציהען פון "יוראָפּ". א ליאדע כלי־זמר׳על, שרייבט מען איהם ווייטער, וואָס איז כל־ימיו ארומגעגאנגען אין דער היים מחילה מיט צעריסענע תחתונים און אָהן שטיוועל, ווערד אין אמעריקא אויף דער צווייטער וואָך פּראָפעסאָר"...

אז דער לאָמזשער חזן האָט איהם דורכגעלייענט דעם דאָזיגען בריעף, האָט זיך ניסעל שוואלב אויפגעחאפּט, וויא איין אָפּגעבריהטער, זיך דערלאנגט א פּאטש אין שטערן און דעם אנדערען פּאטש האָט ער געשענקט דעם לאָמזשער חזן אין פּלייצע.

— מיר פאָהרען קיין אמעריקא! איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס, ווי מיר פאָהרען קיין אמעריקא! איך האָב, הערט איהר, א קאָמבינאציע, א טהייערע, א זעלטענע קאָמבינאציע! מאָרגען אָדער איבערמאָרגען זעהען מיר זיך. עס וועט זיין רעכט. גוד ביי!

אין א מינוט ארום איז שוין ניסעל שוואלב געווען אויף דער גאר. א לעבעדיגער, א פריילעכער, א גליקליכער האָט ער געשפּאנט מיט ברייטע טריט איבער׳ן ווהייטשעפּעל, דאָס קאָפּעלישעל

אויף א זייט און אונטערגעפייפט א ליעדעל, האָט ער זיך דורכגעלעגט א וועג מיט זיינע ברייטע פּלייצעס צווישען געדיכטען לאָנדאָנער פּובליקום, וואָס טראָגט זיך ווי א חמארע אויף ביידע טראָטוארען, ווי איין אויסגוס, וואָס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף.

— סאראַ שטאָדט דאָס איז! — האָט זיך ניסעל שוואלב געטראכט, פּייפענדיג. — א חיות, א תענוג צו לעבען אויף דער וועלט. איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס!...

קאַפּיטעל 118.

א קאַץ קאָן אויך קאַלי מאַכען

אונזער פריינד לעזער ווייסט — מיר האָבען דאָס שוין א מאָל געזאָגט אין איין אנדער אָרט, — אז פון מאַראַל האַלטען מיר ניט, און מוסר זאָגען דעם עולם איז ניט אונזער דרך. נאָר פון דעם אמת אוועקגעהן קאָן מען ניט און מע מוז מודה זיין, אז סאי גוטעס, סאי שלעכטעס ווערד גאנץ אָפּט בעלוינט, און דוקא אויף דער וועלט. מע טאָר מיט א וועלט זיך ניט פערקריגען. עס איז גלייכער צעהן גוטע פריינד, ווי איין שונא. א קאַץ — זאָגט מען — קאָן אויך קאַלי מאכען... אקעגען וועמען, אייגענטליך, זאָגען מיר דאָס? — א קעגען ברײנדעלע קאָזאק.

דער לעזער דאַרף געדענקען, ווי ניטפיין און אונארטיג אונזער דירעקטאָר בערנהארד האָלצמאן האָט זיך אמאל בעגאנגען מיט דער אָרעמער ברײנדעלע קאָזאק. זי האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען און געשוואָרען ביי גאָט, אז זי מוז נאָך אמאָל דערלעבען א נקמה אין'ם דאָזיגען "דרעקסאָר", וואָס האָט צו־שטארק פערריסען די נאָז. ער האָט שוין גאָר פערגעסען, אָט דער הונט מיט אויהרען, אז ער האָט אמאל געהייסען "האָצמאַך" און געפּוצט ביי שטשופּאקען עליו־השלום די שטיוועל. נאָר וואָס האָט זי איהם געקאָנט טהון, משטיינסגעזאגט, איין אָרעמע איין עלענדע נע־ונד'ניצע, וואָס איז בעשאפען געוואָרען מעהר ניט פון יענעמס וועגען, מע זאָל זי פריהר אויסנוצען און דערנאָך בעליידיגען? זיא האָט זיך נעבאך אזוי לאנג ארומגעשלעפּט איבער דער וועלט, געחאפּט נאָך עטליכע קלעפּ פון די "פאלשע שאלקהאפטיגע מאנסבילען" — ביז זי האָט זיך דערשלעפּט קיין אמעריקא. און דאנקען גאָט, זי האָט קיין חרטה ניט. זי הייסט שוין דאָרט ניט מעהר "ברײנדעלע קאָזאק". זי הייסט שוין צוריק מיט איהר אלטען נאָמען "מאדאם טשערניאק". "זי האָט זעהר א פיינעם "זשאב". — שרייבט זי צו הענריעטא'ן אין א בריעף מיט גרויסע האלב־קיילעכיגע אותיות, וואָס זעהען אויס, ווי געפלאָכטענע בייגעל. — אמת, זי איז שוין ניט מעהר קיין אקטריסע, ווייל דאָ, אין דער געבענשטער מדינה פון קאָלומבוס'ען, שרייבט זי, איז איינגעפיהרט אויף יעדער מלאכה א "יוניע". יודישע אקטיאָרען האָבען זיך זייער "יוניע" און לאָזען נישט צו קיין פרעמדען אקטיאָר צום פּסוק. דערפאר האָט זי היינט איין אנדער "דזשאב". איין אנדער שטעלע, אויך א בכבוד'ע און אויך אין יודישען טהעאטער"...

וואס כאר א "דזשאב" דאָס איז — שטעהט ניט אין בריעף. זי שרייבט נור, אז זי האָט, דאנקען גאָט שען פּרנסה און איז גאנץ צופריעדען און האָט שוין אויפגעגעבען אלע האָפנונגען, ווען ס'ניט איז איבערבייטען איהר ארט לעבען, און לאָזט אויס מיט א ברכה: "לאָז אויף זיי קומען א טוידט, אויף אלע מאנסבילען, און פריהער פון אלע — אויף דעם יאדעשליוועו דרעקטאָר — נאָך לעבט ער?"...

"איהר קאָנט אייך גאָר ניט פאָרשטעלען מיין פריינד, — שרייבט ווייטער די מאדאם טשערניאק — אז איך

בין געוואָהרע געוואָרען, אז איהר זענט אין לאָנדאָן, די לעצטע סטאנציע פון יוראָפּ נאָך אמעריקא. אך, ווי גוט וואָלט דאָס געווען, האָב איך מיר געטראכט, ווען איהר קומט אהער קיין אמעריקא ! דאָ וואָלט איהר געווען פּונקט אויף אייער פּלאץ. איך האָב מיר שוין ערלויבט אפילו א רעד טהון וועגען אייך מיט א פּאָר מענעדזשערס פון די היגע יודישע טהעאטערס, האָבען זיי זיך שטארק צוגעהערט און נאָכגעפרעגט אויף אייער "פּיקטשע". האָב איך זיי בעוויזען אייער "פּיקטשע", האָבען זיי שיער איינגענומען א מיתה־משונה. זיי האָבען ביי מיר געבעטען, גע'חלש'ט אייער אדרעס. געווים וועלען זיי אייך שרייבען, אָדער זיי האָבען אייך שוין געשריעבען, מסתמא אנגאזשירט אלס פּרימאדאָנא. מיין עצה : איהר זאָלט זיי קיין בעדינגונגען ניט שטעלען און גאָר ניט ענטפערען אפילו, נאָר נעמען און קומען צופאָהרען גאָר אָהן א שום אָפּלעגעניש. ביז וואנעט איז דער שיעור צו זיין נע־ונד ? פּאר אנדערע אקטיאָרען וועל איך אייך ניט זאָגען. שווערליך איבער דער "יוניע". נאָר אזעלכע "סטארס", ווי איהר, אָדער, למשל, ווי ראפּאלעסקא, ווען איהר קומט אהער צופאָהרען, איז מעהר ווי זיכער, אז מע וועט אייך טראָגען אויף די הענד. נאָר וואָס דענן ? עס דאַרף זיין בסוד. אויסער אייער ברודער און אויסער ראפּאלעסקאָ, טאָר קיין בן־אָדם דערפון נישט וויסען... און איבערהויפּט — אָט דער יאדעשליווער דרעקטאָר, וואָס וועט אייך אזוי פערדרעהען דעם קאָפּ, אז איהר וועט זיך אייביג פון איהם ניט אויספּלאָנטען... געדענקט זשע, למען השם, ניט שרייבען קיינעם און ניט רעדען קיינעם און קומען צופאָהרען. איך האָב שוין דאָ געזאגט א פּאָר מענשען, אז איהר קומט צופאָהרען, האָבען זיי זיך ניט געפוילט און אָפּגעדרוקט די דאָזיגע נאכריכט אויף די גאזעטען אינאיינעם מיט אייער "פּיקטשע". איך שיק אייך די גאזעטען, און ווייסט, אז איהר האָט דאָ, אויף דער זייט ים, א געטרייהע איבערגעגעבענסטע פריינדין, וואס איהר נאָמען איז ברייגע טשערניאק".

אָט אזוי האָט זיך ברײנדעלע קאָזאק שטילערהייד אונטערגעגראָבען אונטער איהר בלוטיגען שונא האָלצמאן. מיט דעם איינעם קלאָפּ האָט זי זיך אבער נישט בעגנוגענט. צונעהמען ביי איהם די פּרימאדאָנא אליין, האָט זי זיך געטראכט, איז ווינציג. מע בעדאַרף ארויסרייסען פון זיינע הענד דאָס סאמע בעסטע, וואָס ער פערמאָגט דאָס איינציגע, וואָס גיט איהם די וועלט צו זעהן. דאָס טהייערע היהנדעלע, וואָס טראָגט איהם גאָלדענע אייעלעך. מיט איינעם וואָרט — מע בעדאַרף אוועקנעמען ביי איהם דעם "יאט", ראפּאלעסקאָ'ן. פון אונטער דער נאָז אוועקנעמען. אזוי ווי ער האָט אמאל צוגענומען ביי'ם דירעקטאָר געצעל בן געצעל פון לעמבעריג די פּרימאדאָנא. אזוי ווי מע האָט אמאל צוגענומען ביי איהר צווייטען שונא, ביי שטשופּאק'ען, דאָס צווייטע גאָלדענע היהנדעלע, ראָזא ספּיוואק.

אזוי האָט זיך געזאגט ברײנדעלע קאָזאק, און גאָט אליין איז איהר נעקומען צו הילף.

קאפּיטעל 119.

מיט איין שאָס צוויי מיט א מאָל

ברײנדעלע קאָזאק האָט אויף איהר גאנץ לעבען "אין דער היים" זיכער ניט איבערגעלייענט קיין צעהנט־חלק פון דעם, וואָס זי האָט זיך אָנגעלייענט אין דער קורצער צייט, זינט זי האָט זיך בעזעצט דאָ, אין דער "געבענשטער מדינה פון קאָלומבוס'ען. דאָרט, אין דער אלטער היים, פלעגט זי אויך ליעב האָבען א געדרוקט וואָרט. נאָר ווען ? איין מאָל

אין א יובל קריגען א ביכעל, א "העכסט־אינטערעסאנטען ראָמאן", אויסזיצען איבער דעם גאנצע נעכט און וויינען שטילערהייד, אז קיינער זאָל ניט זעהן. דאָ, אין דער "געבענשטער מדינה פון קאָלומבוס'ען", פערשפּאָרט מען זוכען א ביכעל. געהסט ארוים אויף דער "סטריט", טראָגט מען דיר אקעגען א "פּייפּער", און נאָך א "פּייפּער", און נאָך א "פּייפּער". יעדער "פּייפּער" איז גרוים, ווי א ליילעך, קאָסט א סענט און איז פול פון פויגעלמילך. וועה־וועה, וואָס איז דאָרט ניט פאראהאן? די סאמע לעצטע נייעס פון דער היים און פון דער גאנצער וועלט, און אלץ מיט אזעלכע שענע קעפּלעך, וואָס מע קאָן זיי דערזעהען פאר א מייל. היינט וואָס פאר א ראָמאנען דרוקען זיך דאָרט! אין יעדען "פּייפּער" געהען שטענדיג, פון יאָהר צו יאָהר, צוויי ראָמאנען מיט א מאָל, איין ראָמאן איז שענער פאר'ן אנדערען — איין אמת'ער גן־עדן!

פון די דאָזיגע "פּייפּערס" האָט אונזער בריינדעלע קאָזאק איינמאָל אין א שענעם אָבענד אויסגעלייענט אונטער דער רובריק פון "דראמא, קונסט און מוזיק" א נייעס, אז אין דער ווערסט פון ניו יאָרק, "אפּטאון", אין'ם אריסטאָקראטישען פּערטעל, ווערען ערווארטעט פון פּאריז צוויי געסט — צוויי גרויסע "סטארס": דער בעריהמטער וויאָלין־שפּיעלער פון'ם ענגלישען קעניגליכען הויף גרישא סטעלמאך און דיא גרעסטע זינגערין פון דער וועלט, וואָס האָט איבערגעטראָפען פּאטטי'ן, די וועלטבעריהמטע ראָזאליע ספּיוואק.

— ראָזאליע ספּיוואק? — האָט בריינדעלע קאָזאק אויסגערופען צו זיך אליין און דערלאנגט זיך א פּאטש מיט ביידע הענד איבער די קליידלעך. — גוואלד, דאָס איז דאָך ראָזע, ראָזע ספּיוואק!

די מאדאם טשערניאק איז געווען א ף'ן זיעבעטען הימעל.

סטייטש, ראָזע, ראָזע ספּיוואק קומט צופאהרען! און עס האָבען זיך גענעבען א טראָג אין איהר קאָפּ, ווי א וויכער, אלערליי מחשבות און פאנטאזיעס. אך, וואָס פאר א גדולה דאָס וועט זיין, אז ראָזע וועט זי דערזעהן! זיי וועלען פאלען איינס דאָס אנדערע אויף'ן האלז און וועלען זיך צעקושען — דאָס איז נומער איינס. נאָכדעם וועט זי זיך אָנהויבען דערפרעגען ביי איהר, וואָס מאכט זי? שוין לאנג אין דער דאָזיגער מדינה? אין וואָס פאר א טהעאטער דיענט זי? וועלכע ראָלען שפּיעלט זי? אך, וועלכע ראָלען! ... אין טהעאטער דיענט זי, נאָר קיין ראָלען שפּיעלט זי שוין מעהר ניט. דאָ אין דער "געבענשטער מדינה פון קאלומבוס'ען", איז פאראהאן אויף יעדער מלאכה א "יוניע", און די "יוניע" דערלאָזט ניט קיין פרעמדע אקטיאָרען... זי דיענט טאקי אין יודישען טהעאטער, נאָר נישט אויף דער ביהנע. זי האָט איין אנדער דזשאב. זי פערקעמט די "מיסעס", טהוט איהר איבער די "דרעסעס" — נו, וואָס מאכט דאָס אוים? אבי פערדיענען און מאכען א לעבען. וואָס? ניט אזוי? ... געוויס, געוויס! — וועט איהר ענטפערען ראָזע און קוקען אויף איהר מיט איהרע גליהענדע ציגיינערישע אויגען... די מאדאם טשערניאק פערשטעהט דעם קוק. זי קען דאָס מיידעל אויסגעבונדען. זי טראכט זיך אודאי בעת־מעשה: "פאר וואָס זאָל די מאדאם טשערניאק ניט זיין בעסער מיט מיר?"... געוויס אזוי: דארף זי דיענען ביי פרעמדע, אז זי קאָן בעסער האָבען א דזשאב ביי איין אייגענע, ביי א פריינדין, וואָס האָט געלעבט מיט איהר אמאל, ווי איין אייגענע שוועסטער?...

אזוי האָט זיך די אָרעמע בריינדעלע קאָזאק פערבראכט א גאנצע נאכט אין די גליקליכסטע חלומות און האָט אזש

געפיבערט. זי האָט נישט געקאָנט דערוואַרטען זיך ביז ס'וועט ווערען טאָג, געחאפּט אויף זיך דעם שלאָפ־ראָק, אוועקגעזעצט זיך און אָנגעשריעבען א בריעף צו “לעאָ ראפּאלעסקא אין פּאַוויליאָן־טהעאטער, ווהייטשעפּעל, לאָנדאָן” מיט גרויסע האלב־קיילעכיגע אותיות, וואָס זעהען אויס, ווי געפלאָכטענע בייגעל, בזו הלשון:

“מיין ליעבער לעאָ ראפּאלעסקאָ!

געוויס האָט איהר נאָך ניט פערגעסען אייער אלטע בעקאנטע און איבערגעגעבענע פריינדין טשערניאק, וואָס איז געווען אמאָל אינאיינעם מיט אייך נע־ונד, געדיענט מיט אייך אין איין טרופּפּע, אינאיינעם מיט אייך געטהיילט פרייד און ליידען... אך, וואָס פאר א גליקליכע צייט דאָס איז געווען! האָטש מיר אלע זענען ניט זשעדנע געוועזן קיין צרות. איטליכער מיט זיין פּעקעל... נאָר לאָמיר נישט רעדען פון דעם, וואָס געווען. לאָמיר בעסער שמועסען פון אצינד. אויף די היגע “פּייפּערס” האָב זיך אויסגעלייענט, אז אייער טרופּפּע געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן און אז איהר האָט דעם גרעסטען “סוקסעס”. איהר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלען, וואָס פאר א פרייד דאָס האָט מיר געמאכט, אז איך האָב מיך באלד אוועקגעזעצט אייך שרייבען א “לעטטער” און שיקען אייך א ווארעמען־ווארעמען גרוס פון דעם ווייטען לאנד, וואו איך געפין מיך אצינד און מאך א לעבען. איך האָב קיין חרטה ניט, וואָס איך האָב פערלאָזט האָלצמאנ'ען מיט דער קאָמפּאניע, און צו גאָט א האָפנונג, אז איך וועל ווייטער אויך קיין חרטה ניט האָבען. אמעריקא איז דאָס אמת'ע לאנד פון יודיש טהעאטער. איך מיין, אז ווען איהר קומט צופאָהרען אהער, ווייסט מען ניט, וואו מע זאָל אייך אוועקזעצען. אמת, ניט יעדען אקטיאָר נעמט מען דאָ גערן אויף. דאָ, אין דער געבענשטער מדינה פון קאָלומבוס'ען, איז אויף יעדער מלאכה פארהאן א “יוניע”. אויך אקטיאָרען האָבען זיך זייער “יוניע” וואָס לאָזט ניט צו קיין פרעמדע אויף דער ביהנע, סיידען עס קומט א בעריהמטער “סטאר”. צום ביישפּיעל, ווען איהר קומט אהער, איז גאָר קיין רעדע פון קיין “יוניע”. איך האָב א בעוויז. איך האָב געפּרובט א רעד טהון מיט די היגע טהעאטער־מענעדזשערס, ווי וואָלט זיין, ווען, למשל, אזא “סטאר”, ווי ראפּאלעסקא, זאָל קומען אהער אויף גאסטראָלען? האָבען זיי מיך אויסגעלאכט. “הלואי, זאָגען זיי, וואָלט ער נור אזוי געקומען, ווי מע וואָלט איהם דאָ פערצוקערט!” איך געב אייך איבער זייערע אייגענע ווערטער און געפין, אז ניט לאָנדאָן איז פאר אייך דער געווינשטער פּלאץ. אייער אָרט איז דאָ, אין דעם גאָלדענעם לאנד, וואו איהר וועט זיין ניט נור א גאסט אויף א ווייל, נאָר איינער פון די גרעסטע “סטארס” אויף תמיד און אויף אייביג, מיט טויזענדער־טויזענדער פערעהרער, צווישען וועלכע די ערשטע בין איך —

אייער איבערגעבענסטע פריינדין
בריינע טשערניאק”.

“יאָ. גוט, איך האָב מיך דערמאנט: א סברה, אז די טעג קומט אהער צופאָהרען פון פּאריז מיין אמאָליגע פריינדין ראָזע ספּיוואק — איהר האָט זי נאָך ניט פערגעסען?... אויף די היגע “פּייפּערס” וואו עס ווערד געבראכט איהר “פּיקטשע”, הייסט זי שוין מעהר ניט ראָזע ספּיוואק, נאָר “מיסס ראָזאליע ספּיוואק” און איז נאָך שענער, וויא געווען. איך שיק אייך דאָ איין אויסשניט פון'ם “פּייפּער” מיט דער “פּיקטשע” פון ראָזע ספּיוואק, אָדער, ווי מע רופט זי שוין היינט: “מיסס ראָזאליע ספּיוואק”. זעלבסטפערשטענדליך, אז מיין בריעף צו אייך דארף זיין א הייליגער סוד. קיין פויגעל טאָר ניט וויסען. נור איך און איהר און גאָט. אויב איהר וועט

מיר ענטפערען אויף מיין בריעף, שיק איך אייך מיין אדרעס.

בריינע טשערניאַק".

קאַפּיטעל 120.

וואָס איז מיט׳ן „ראָט"?

ברײנדעלע קאָזאק האָט גוט געציעלט און ניט שלעכט געטראָפען. דערצו האָט איהר נאָך צוגעשפּיעלט א ביסעל די הצלחה. מיט איהרע בריוועלעך צו הענריעטא שוואלב און צו ראַפּאַלעסקאַ׳ן האָט זי בעדארפט צוטרעפען אקוראט אין אזא צייט, ווען דאָס לאָנדאָנער פּאַווי־ליאָן־טהעאטער האָט געהאלטען ביי צו־שליעסען זיך און די קאָמפּאַניע "האָלצ־מאַן, שוואלב עט קאָמפּ." — ביי צעגאַ־לען ווערען. אויסער דעם, האָט זי מיט איהר בריעף צו ראַפּאַלעסקאַ׳ן איהם ממש די אויגען געעפענט.

ערשט מיט א פּאָר טאָג פריהער, איי־דער ראַפּאַלעסקאַ האָט ערהאַלטען דעם דאָזיגען בריעף. האָט ער, שפּאַציערענ־דיג מיט׳ן סופלער בענ׳ גאָרגעל („א מענש מיט בילדונג") איבער לאָנדאָן, דערזעהן אויף איינער פון די פּעשענ־בעל־גאַסען פון׳ם אריסטאָקראַטישען פיערטעל א גאַנץ גרויסען פּויסטער מיט גאַנץ גרויסע אותיות דעם נאָמען "ראָזאַ־ליע ספּיוואַק", אָדער "ר. ספּיוואַק", און צוזאמען מיט דעם נאָמען — נאָך א נאָ־מען: "גרישא סטעלמאַך". און ווי ער האָט דאָס דערזעהן, אזוי איז ער שטעהן געבליעבען און א חאַפּ געגעבען זיך ביי׳ם האַרצען.

— וואָס איז, גאָט איז מיט דיר ?

— האָט איהם "דער מענש מיט ביל־דונג" א פרעג געגעבען. — וואָס האָסט דו דאָ אזעלכס דערזעהן ? און אלטע אפּישע פון פאר חמעלניצקי׳ס צייטען ?

— שטעה נור א ווײלע, לאָמיר איבער־לייענען, וואָס דאָ שטעהט. — מאכט צו איהם ראַפּאַלעסקאַ, און ביידע שטעלען זיך אָפּ און ווערען געוואָהר פון דער אַפּישע, אז מיט א חדשים צוויי־דריי צו־ריק איז געווען אין איינעם פון די גרעסטע האָללען אין לאָנדאָן א קאָנצערט פון צוויי בעריהמטהייטען : מיסס ראָזאַליע ספּיוואַק און מאַסטער גרישא סטעל־מאַך...

א שטורם האָט זיך אויפגעהויבען ביי אונזער יונגען העלד אין דער נשמה : כמיטמש, אין דער זעלבער צייט איז ער, ראַפּאַלעסקא, שוין געווען אין לאָנדאָן, — ווי האָט ער דאָס געקאָנט דורכלאָזען אזא געלעגענהייט ? זיין מיט רייזלען אין איין שטאָדט און זי ניט זעהען ? ! און ווער ווייסט — אפשר איז זי נאָך איצט אויך אין לאָנדאָן ?...

און ער האָט גענומען נאָכפרעגען זיך, נאָכפאָרשען, טאָמער ווערט ער עפּיס דער־געהן ?

דער ערשטער, ביי וועמען ער האָט גע־פונען צו פרעגען, איז געווען זיין נייער גוטער פריינד און פיהרער איבער לאָנדאָן ניסעל שוואלב. פערשטעהט זיך, אז ניט גלאַט אָט אזוי איז ער צוגעקומען צו איהם מיט אזא זאך. ראַפּאַלעסקא האָט איהם א חאַפּ געגעבען גאָר פון איין אנ־דער זייט : ער זאָל איהם אויסרעכענען ביי די נעמען, וועלכע בעריהמטע שפּי־לערס, זינגערס און זינגערינס ער האָט געהערט אויף זיין לעבען ?

ניסעל שוואלב, ווי איין אמת׳ער מזהעאטראל, האָט זיך נישט געלאָזט לאנג בעטען און באלד גענומען אויסרעכענען אויף די פינגער א צעטעל פון נעמען, אָבער אזא מאססע נעמען, אז ס׳איז נור געווען צו שטוינען.

אמת, צווישען די דאָזיגע נעמען זענען געווען א סך "פון דער הגדה", דאָס הייסט, אזעלכע, וואָס זענען געבוירען געוואָרען ביי ניסעל שוואלב אָט דאָ ערשט, טאקי אין דער דאָזיגער מינוט, עס האָט זיך ארויסגעשטעלט, אז מיט א סך בעריהמטהייטען איז ניסעל שוואלב

געוועזען בעקאנט, נאָהינט בעקאנט, טאקי אויסגעבונדען. למשל, פאטטי...

— פאטטי'ן לאָז צו־רוה! — שלאָגט איהם איבער ראפאלעסקא. — דו זאָג מיר בעסער, צי האָסט דו געהערט א מאָל א נאָמען ספיוואק?

— וואָסער ספיוואק? ס'איז דאָ צוויי ספיוואקס.

צוויי ספיוואקס? אויף אזא שלאק האָט זיך ראפאלעסקא ניט גערעכט. און ער רופט זיך אָן צו זיין פריינד:

—איהר נאָמען איז ראָזע, אָדער ראָזאליע ספיוואק.

— חא־חא־חא! — האָט זיך ניסעל שוואלב צעלאכט מיט זיין ברייטען געלעכטער, וואָס האָט געקאָנט בעדייטען, אז אָדער ער קען זיך מיט דער ראָזע ספיוואק, ווי אנדערע צוויי, אָדער ס'איז נישטאָ וועמען צו קענען.

נאָך דעם דאָזיגען געלעכטער איז אוועק ביי איהם א לאנגע געשיכטע ווידער אמאָל וועגען פאטטי'ן: וויא אזוי ער האָט זיך מיט איהר בעקאנט, און וויא אזוי ס'איז שיער ניט ארויסגעשפרונגען ביי איהם א סקאנדאל מיט פאטטי'ס איין אייניקעל...

— מיט פאטטי'ס אנ'אייניקעל?

— אָהאָ! יענע האָט שוין אור־אייניקלעך און אור־אור־אייניקלעך!...

יענעם טאָג האָט ראפאלעסקאָ נישט גערוהט. א מינוט האָט ער נישט געקאָנט איינזיצען אין שטוב. עס האָט איהם נור געריסען אין דרויסען ארויס. ער האָט כמעט נישט געהערט, וואָס מע רעדט צו איהם.

— וואָס איז מיט'ן "יאט"? — האָט האָלצמאַן זיך אָנגעפרעגט ביי זיין שותף איזאק שוואלב.

— ס'איז דאָך דיין "יאט", וואָס פרעגסט דוא מיך?

האָלצמאַן האָט איהם אָפגעלאָזט און איז אוועקגעגאנגען צו דער מאַמע.

— וואָס איז מיט'ן "יאט"?

שרה־ברכה האָט זיך געקלויבען אין קיך אריין צושטעלען אָנבייסען, האָט זיא איהם אָפגעהאקט:

— לאָז מיך צורוה מיט'ן "יאט". איך בעדארף געהן אין "קיטשען" אָפּפּליקען צוויי "טשיקענס" און צושטעלען "דינער" און ער "באדערט" מיך מיט'ן "יאט"!

(נאָטא בענע: דיא אלטע שרה־ברכה, וויא זיא האָט ניט פיינד געהאט דאָס וויסטע פינסטערע לאָנדאָן, האָט זיא דאָך גענאשט א ביסעל ענגליש.)

האָלצמאַן האָט א שפיי געגעבען: "דו רעדסט שוין אויך אויף איינגעלש לשון?"

—און האָט אָנגעכאפּט דיא שוועסטער:

— וואָס איז מיט'ן "יאט"?—האָט ער א פרעג געגעבען ביי דער שוועסטער.

זלאטקע איז געוואָרען אזוי טוידט, אז האָלצמאַן האָט שוין פערגעסען אינ'ם "יאט" און זיך דערשראָקען פאר דער שוועסטער. "וואָס איז זיא עפּעס אזוי בלייך געוואָרען?"... ער האָט צוגעשלאָסען דיא טיהר, אָנגענומען דיא שוועסטער פאר א האנד, אריינגעקוקט איהר טיעף אין דיא אויגען אריין:

— זלאטקע, וואָס איז מיט דיר?

— גאָר נישט — האָט איהם דיא אָרעמע זלאטקע געענטפערט, צוגעפאלען מיט'ן פנים צום טיש און צעוויינט זיך, וויא א קליין קינד, מיט שטילע, נאָר וואַרעמע־וואַרעמע טרעהרען.

קאפּיטעל 121.

דיא נייע קאָמפּאַני

דער פאָרשטעהער פון דער פירמא "העטשקינס בראָס, לימיטעד אין לאָנדאָן, וואָס איז איינגעגאנגען אויף'ן אגענט ניסעל שוואלב'ס קאָמבינאציע מיט'ן יודישען פאווילי
אָן־טהעאטער, האָט געהאלטען וואָרט, ווי איין עכטער ענגלענדער. ער האָט אונטערגעפיהרט די לעצטע שורה, אויסגערעכענט, וויפיעל פונט־שטערלינג ער האָט דערלעגט צו די

"ביזנעס" און מכבד געווען דעם אגענט מיט א קאלטען און א שלעפעריגען "אָלל־רייט". ער האָט אפילו נישט בעהערט איהם, ווי אלע מאָל, מיט צוויי קאלטע פינגער, נאָר אויסגעדרעהט זיך צו איהם מחילה מיט'ן הינטען, אריינגעהאפט זיך אין זיין אויטאָמאָביל — און אוועק.

עס קאָן זיין, אז אין איין אנדער צייט וואָלט אפשר ניסעל שוואלב געהאט דערפון יסורים און גענומען זיך צום הארצען. איצטיגס מאָל אבער האָט ער דעם אפילו קיין איבעריגע מינוט ניט אוועקגעשענקט. ער איז צופיעל געווען בעשעפטיגט מיט זיין נייער קאָמבינאציע, ער זאָל זיך נעמען צום הארצען, וואס א קאלטער ענגלענדער האָט זיך פערעקשנ'ט, פערזייעט אויף יודיש טהעאטער עטליכע הונדערט פונט־שטערלינג, און ווייטער נישט א טריט! ניין, א גוי איז ניט קיין יוד. א יוד, אז ער וואָלט אריינקריכען, וואָלט ער שוין געקראָכען ווייטער: "ממה־נפשך — אָדער טוידט, אָדער רויט"... ווער האָט דאָס אויסגעטראכט, אז איין ענגלענדער פערשטעהט א געשעפט? ער הויבט נישט אָן צו פערשטעהן. איהר מיינט אפשר, אז ניסעל שוואלב האָט דאָס איהם ניט געזאגט אין די אויגען? געזאגט, ווי איהר זעהט איהם א שווימענדיגען! "מיסטער העטשקינס! — האָט ער איהם געזאגט. — איך זאָל האָבען די ברכות, וואָס ביי מיר אין מיין לינקען שטיוועל געפינט זיך מעהר שכל, ווי ביי אייך אונטער'ן קאַפעליש"... מיט די ווערטער, חא־חא, ער זאָל אזוי האָבען אלעמענעם גוטס...

אזוי האָט זיך ניסעל שוואלב בעריהמט פאר זיינע פריינד און גענומען פלאנעווען זיין נייע קאָמבינאציע, וואס ער האָט צוגעטראכט, און פאנטאזירען אין דער הויך, ווי אזוי ער קומט צו־פאָהרען קיין אמעריקא מיט א קאָמפאניע, וואָס בעשטעהט פון כל מאמינים שהוא: די בעסטע ארטיסטען (דאָס מיינט ער ראפאלעסקא'ן), די בעסטע זינגערינס (דאָס מיינט ער זיין שוועסטער, די פרימאדאָנא), די בעסטע מוזיקער (דאָס מיינט ער דעם לאָמזשער חזן מיט'ן געזינדעל). און וואו איז ער טאקי ניסעל שוואלב אליין? איהר מיינט אפשר, אז ער האָט שוין גאָר קיין שייכות צו יודיש טהעאטער? חא־חא, נאָך א מין שייכות! א סברה, אז ניסעל שוואלב איז אמאָל, ניט היינט געדאכט, געווען טאקי אין לאָנדאָנער פאוויליאָן־טהעאטער איין "אָשער". און ניסעל שוואלב גיט צו פערשטעהן, וואס הייסט איין "אָשער":

— ביי אייך הייסט דאָס א "בילעטער" ביי אונז הייסט עס איין "אָשער". זיין ארבייט, פערשטעהט איהר מיך, איז מעהר אויסווענדיג, ווי אינעווענדיג. מע קאָן זיך אָבער אָהן איהם נישט בעגעהן. דער "בילעטער", אָדער דער "אָשער", געפינט זיך ביי'ם סאמע אריינגאנג פון טהעאטער, נעמט אָפ די בילעטען, ווייזט אָן אויף די זיצפלעצער, גיט אכטונג אויף די אָרדנונג—מיט איינעם וואָרט, אויף'ן "אָשער" שטעהט, אייגענטליך, דאָס גאנצע טהעאטער, אזוי ווי, למשל, אויף'ן פאָליסמאן שטעהט גאנץ לאָנדאָן. פרובט, נעמט צו פון לאָנדאָן דעם פאָליסמאן— איז א גוטען טאָג מיט דער קאפאָטע...

אזוי זאָגט ניסעל שוואלב אליין מיט א משל און האקט ווייטער:

— און איך בין, דארפט איהר וויסען, געווען איין "אָשער" — צווישען "אָשערס" איין "אָשער", איין מענש אליין אויף'ן גאנצען פאוויליאָן־טהעאטער, ווי איהר זעהט מיך א שווימענדיגען. אָהאָ! ביי מיר האָט מען זיך מיט מאראנצען־שאָלעכץ פון די לאָזשעס ניט געוואָרפען און זויגעדיגע עופה'לעך אין פארטער האָבען ביי מיר ניט געוויינט. אבי נור עפּים וואָס — איז אָנגענומען פאר'ן קאָלנער, איינס, צוויי, דריי, און מארש אין דרויסען ארויס! איינמאָל האָט זיך געטראָפען אזא מין סקאנדאל...

און ניסעל שוואלב פערקאמשעט די ארבעל און דערצעהלט מיט היץ, מיט פייער, ווי זיין שטייגער איז, וואָס פאר א סקאנדאל מיט איהם האָט זיך געטראָפען. די מעשה וואָלט געווען זעהר א שענע מעשה. איז אבער דער חסרון, וואָס דאָרט איז געווען זעהר ווינציג אמת. דאָס האָט ניסעל שוואלב נאָר־וואָס אויסגעטראכט פון אָנהויב ביז'ן סוף, פ ע ר פ א ס ט הייסט עס, און בעת מעשה צוגעשוואוען, "ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס, אניט — זאָלט איהר זיך דערווערגען מיט'ן דאָזיגען טיש!"...

באלד נאָך'ן "סקאנדאל" געהט ניסעל שוואלב אריבער ווייטער צו זיינע גאָלדענע פלאנען אין'ם גאָלדענעם לאנד און מאָהלט די גליקען אין אמעריקא מיט די סאמע ליכטיגסטע פארבען. זייער לעבען דאָרטען שטעלט זיך איהם פאָר, ווי א מין גן־עדן. א קליינינקייט, א קאָמפאניע פון כל מאמינים שהוא! (ער רעכענט אויס אויף די פינגער נאָך א מאָל דאָס גאנצע צעטעל).

— וואָס איז ווערטה א טהעאטער, זאָגט שוין איהר אליין, וואָס פערמאָגט אן'אייגענעם אָרקעסטער, אייגענע ארטיסטען, אייגענע מוזיקער, אייגענע "אָשערס" — אלסדינג, אלסדינג אייגענס! וויפיעל מע פערדיענט, טהיילט מען זיך גלייך אויף גלייך. נישטאָ איינעם מעהר, דעם אנדערען ווינציגער — א מין קאָמונע. וואָס? ניט אזוי?

מחמת דער דאָזיגער שמועס איז פאָרגעקומען אונטען, אין קעלער, ביי דער מוזיקאלישער משפחה, האָט זיך דער ערשטער ארויסגעשטעלט דער לאָמזשער חזן, אז ער איז גרייט אונטער'חתמ'ענען די רגע מיט ביידע הענד א קאָנטראקט אויף וויפיעל יאָהר מע וויל, אפילו אויף אייביג. "אין קאָנטראקט — האָט ער געזאָגט — מעג שטעהן בפירוש געשריבען, אז זיינע קינדער זענען מחויב צו שפיעלען ווען מע וויל און וואו מע וויל און וויפיעל מע וויל, און מיט די פערדיענסטען, וויפיעל ס'וועט זיין, זאָל מען זיך טהיילען חלק כחלק"...

דאָ איז אָבער ארויסגעטראָטען איזאק שוואלב מיט א פראָטעסט. ער האָט גע'טענה'ט, — און דאָס רויטע פנים האָט איהם בעת מעשה שטארק געשוויצט — אז דער פלאן איז נישט אינגאנצען ריכטיג. ווי קאָן מען פערגלייכען, למשל, ראפאלעסקא'ן, אָדער די שוועסטער די פרימאדאָנא, צו אבי וועמען?... עס דארף דאָך זיין אויף אלסדינג א מאָס און א גרעניץ...

איז ארויסגעשפרונגען דער ברודער ניסעל און האָט אוועקגעגעבען דעם ברודער איזאק א רעכטע פאָרציע:

— דו ביזט אן'אומגליקליכער שקלאף! א קנעכט ביזט דו! דו ביזט, ווי איך זעה, אינגאנצען פערשקלאפט געווארען פון די שענע אנטרעפרעניאָרען. דו ביזט געוואוינט געוואָרען, פערשטעהסט דו מיך, צו עקספלאָאטאטאָרעס, ווי געצעל בן געצעל, בערנהארד האָלצמאן און נאָך אזעלכע. איך בין אָבער ניט געצעל בן געצעל און ניט בערנהארד האָלצמאן, וואָס זאָל פאָהרען רייטענדיג אויף יענעמס פלייצעס. איך האָב אין זיך קודם־כל יושר, גערעכטליכקייט און מענשליכקייט. ביי מיר איז רעכט, ווי איהר זעהט מיך א שווימענדיגען, איך זאָל אוועקארבייטען אין אמעריקא א יאָהר און צוויי יאָהר און דריי און פיער און פינף און זעכס גאָר אינגאנצען פון יענעמס וועגען, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס"...

זעלבסטפערשטענדליך, אז אויסגעפיהרט האָט ניסעל שוואלב. די אידעע פון קאָמונע איז אָנגענומען געוואָרען מיט א גרויסער מעהרהייט, און אָט אזוי האָט זיך געגרינדעט א נייע קאָמפאני פון קונסט, מוזיק און טהעאטער.

קאַפּיטעל 122.

דער קאַפּיטאַליסט

איצט איז געבליעבען נור איין זאַך: וואו נעמט מען געלד אויף אריבערצופּעקלען די נייע קאָמפּאַניע קיין אמעריקא? די דאָזיגע פראַגע איז אָבער אויפגעלעזט געוואָרען א סך לייכטער און א סך גיכער, ווי מע קאָן זיך פאָרשטעלען.

דער לעזער, וואָס איז שוין א ביסעל בעקאַנט מיט אונזער זשעניאַלען קאָמבינאַטאָר ניסעל שוואַלב, ווייסט, אז אין געלד איז ביי איהם קיינמאָל קיין מניעה. דער עיקר, אבי א רעכטע קאָמבינאַציע — "געלד, זאָגט ער, איז די לעצטע דאגה. ער איז קיין מאָל, זאָגט ער, ניט נעגאַנגען זוכען געלד. געלד זאָגט ער, זוכט איהם". אויך איצטיגס מאָל איז איהם געלד אַקעגען געקומען אויף א גאַנץ וואונדערליכען אופן.

דאָס איז געווען אין "קאַפּע נאַציאָנאַל" ביי אונזער אַלטען בעקאַנטען מיסטער קלאַמער.

מיסטער קלאַמער איז, ווי בעוואוסט, איטליכען בעזונדער א גוטער פריינד און גלאַט א מענשענפריינד, ווי ער אליין זאָגט אויף זיך. נאָר מיט ניסעל שוואַלב איז ביי זיי א לאַנגיאָהריגע גוטפריינדשאַפט. מע קאָן זאָגען, איין אַלטע ליעבע. ביי ניסעל שוואַלב איז פאַר מיסטער קלאַמער נישטאָ קיין סוד. אַלע זיינע קאָמבינאַציעס פערטרויעט שוואַלב פריהער פון אַלעמען זיין פריינד קלאַמער, און נאָכדעם שוין דער גאַנצער וועלט.

ביי א גלאָז ביער האָט איהם ניסעל שוואַלב איבערגעגעבען זיין גלענצענדען פּלאַן וועגען דער נייער קאָמפּאַניע פון כל מאמינים שהוא, וואָס איז גרייט אָפּצופאָהרען קיין אמעריקא אפילו מאָרגענדיגען טאָג, בלתי איין זאַך האַלט איהם נאָך אָפּ — ער האָט נאָך נישט אויף שיפס־קאַרטען, אויף רייזע־קאָסטען און אויף אַנדערע הוצאות. א קלייניגקייט — קיין עין־הרע א היבשע חאַליאַסטרע!

די גאַנצע צייט, וואָס שוואַלב האָט גערעדט, איז מיסטער קלאַמער געזעסען מיט צוגעמאַכטע אויגען און געגלעט זיך זיין באָרד, וואָס מאַכט איהם אזוי ענהנליך מיט'ן דאָקטאָר טהעאָדאָר הערצל. דערנאָך, אז יענער האָט געענדיגט האָט זיך מיסטער קלאַמער אָנגערופען צו איהם גאַנץ געלאַסען:

— אָלל־רייט. זאָגט זשע מיר, מיסטער שוואַלב, האָט איהר עפּעס נאָך וואָס צו זאָגען, צי ס'איז שוין אַלעס? אויב דאס איז אַלעס, וויל איך אייך שטעלען נור איין פראַגע: ווען איך געב אייך, למשל, א קאַפּיטאַליסט, וועט איהר איינגעהען דערויף, איהר זאָלט זיך טהיילען מיט איהם אויף דער העלפט מיט אַלע פערדיענסטען?

בטבע איז ניסעל שוואַלב אזא מענש, וואָס האָט פיינד א סך צו טראַכטען. ער געהט מיט דעם גאַנג, אז מע האַפּט א האָז אין וואַלד, זאָל מען זיך ניט אָפּשטעלען קלערען, פון וואָסער א זייט איהם צו שיסען. פּיף־פּאַף — און א סוף. פון דעסטוועגען האָט ער, פון יוצא וועגען, זיך דיפּלאָמאַטיש א רייב געגעבען דעם שטערן, ווי א מענש, וואָס פינאַנסירט א געשעפט. נאָך א צוויי־דריי סעקונדען בעקלערען זיך האָט ער פּעסט ארויסגעזאָגט:

— מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, מיט אַלע כבוד'ען און מיט'ן בעסטען דאַנק.

— אָלל־רייט. גיט זשע מיר אייער יד, און לאָז זיין מיט מזל און מיט ברכה. אייער קאַפּיטאַליסט — דאָס בין עך.

דערביי האָט מיסטער קלאַמער א וויין געגעבען מיט דער האַנד אויף זיך און בעהערט זיין פריינד מיט אזא זיס־ליעבליך־גרויסאַרטיג שמייכעלע און צו גלייכער צייט מיט אזוי פיעל זעלבסטרעספּעקט, אז ווען, למשל, דער לאָרד רויט־

שילד אליין זאָל זיין אויף זיין אָרט, וואָלט ער זיסער, ליעבליכער און גרויסאַרטיגער נישט געקאָנט זיין.

ניסעל שוואלב איז געבליעבען זיצען אזוי ווייט איבערראשט, אז ער האָט פערגעסען אויסציהען די האנד און צושלאָגען דאָס תקיעת־כף. ער קען מיסטער קלאַמער'ען ניט דאָס ערשטע יאָהר און ווייסט, אז ער איז א ציוניסט, און א טעריטאָריאַליסט, און א קהלסמאַן, און א קאָכלעפעל, און א גוטער ברודער, און א בעל־אכסניה, און א בעל־עצה, און וואָס איהר ווילט. נאָר אז מיסטער קלאַמער איז א קאַפּיטאַליסט — דאָס איז פאַר איהם א אונערוואַרטעטע, כמעט אונגלויבליכע נייעס. מיסטער קלאַמער, פון זיין זייט, האָט, ווייזט אויס, פערשטאַנען שוואלב'ס געדאנקען האָט ער מיט'ן זעלבען גרויסאַרטיגען שמייכעלע איהם א זאָג געגעבען:

— עס זאָל אייך נישט איבערראשען, וואָס עך געה איין אויף אזא געשעפט, ווי זאָגט מען: א בלינדער אתרוג. עך בין אָבער אויך ניט אזוי גרין, ווי איהר מיינט. עך געה נישט מיט מיין גאנצען קאַפּיטאַל. עך לאָז איבער מיין געשעפט פאַר מיין מיסעס. עס האָט זיך מיר שוין לאַנג צוגעגעסען פערקויפען לאָקשען. איטליכער בעדאַרף וויסען זיין פּלאַץ, צו וואָס ער איז פעהיג, ווי זאָגט דער איינגעלשמען: "עוורי וואָן אין איטס פּליים"... מיסטער שוואלב, גיט נור אהער אייער יד, כל־זמן עך האָב נישט קיין חרטה. ביי מיר איז א פּרינציפּ: מאַך איך עפּיס, זאָל זיין געמאַכט, אָדער ווי זאָגט דער איינגעלשמען: "איף יו וואָנט טו דו א טהינג"...

יענעם אויפדערנאַכט איז ביי'ם לאַמזשער חזן אין קעלער געוועזן אזא שמחה, אז די שכנים, וואָס זענען שוין געוואָהנט געוואָרען צו דער שטענדיגער מוזיק און צום שטענדיגען ליארעם מיט'ן געפּילדער פון דער דאָזיגער מוזיקאַלישער משפחה, האָבען זיך צענויפגעלאָפען אין דרויסען און אראָפּגעקוקט אראָפּ אין קעלער אריין דורך די ניט־פערהאַנגענע פענסטער און געזעהען ביי'ם לאַמזשער חזן א מאַססע געסט זיצען און טרינקען, און עפּיס איינער א הויכער, א גראָבער, שטעהט מיט א גלאָז אין דער האַנד און "ספּיטשט". נאָכדעם האָט זיך דאָס גוזינדעל געגעבען א נעם צו די כלים, און דער הויכער דער גראָבער האָט אראָפּגעוואָרפען דעם "דזשעקעט" און האָט זיך געלאָזט א טענצעל מיט אזא היץ און מיט אזא פייער, ווי עס קאָן טאַנצען נור א גליקליכער פאָטער ביי זיין יונגסטער טאָכטער די מיזיניקע אויף דער חתונה.

קאַפּיטעל 123.

דער הונד איז וועֶרטה דעם שטעקען

די ידיעה, אז דאָס פּאַוויליאָן־טהעאַטער וועֶרד געשלאָסען, האָט געטראָפען אונזער האָלצמאַנ'ען, ווי מיט א פּיסטויל אין הארצען און ער איז אָנגעפאַלען אויף זיין שותף, איזאַק שוואלב, למאי ער האָט איהם אריינגעפיהרט אין א בלאָטע, געלאָזט שטעהן, ניט אהין, ניט אהער. ער האָט אריינגעזעצט אין איהם אזוי פיעל קללות, וויפיעל עס האָט נור געקאָנט אין איהם אריין.

איזאַק שוואלב האָט אבער א גוטע טבע, א גאָלדענעם כאַראַקטער: אז מע זידעלט איהם, שווייגט ער. איהר מעגט איהם זאָגען, וואס אין דער קאָרט, וועט ער אייך ניט איבערקעהרען די צונג. ער קוקט אייך, ווי א זינדיגער מענש, אין די אויגען אריין און שוויצט. איצטיגעס מאָל אָבער האָט ער שוין ניט געקאָנט אָפּשווייגען. מע האָט איהם אָנגעריהרט דעם האָנאָר פון זיין ברודער ניסעל: האָלצמאַן האָט איהם אָנגערופען מיט א מיאוסען נאָמען — און פאַר'ן ברודער ניסעל וועט ער אייך געהן ביז'ן בלוט.

א צעקאָכטער פון די ניט־געראָטענע געשעפטען אין לאָנדאָן, א צערייצטער פון דער טומלדיגער חמאַרנער שטאָדט מיט איהרע טומאַנען און "פאָגעס", מיט איהרע גרויע פינסטערע קאַלטע מויערען, מיט איהרע גרויע קאַלטע מענשען און, איבערהויפּט, א צעבייזערטער פון'ם אַל־טען הוסט, וואס האָט איהם דאָ, אין לאָנדאָן, דערגאַנגען מעהר ווי אומעדום, האָט אונזער אָרעמער דירעקטאָר ניט אויפגעהערט צו זעגען און צו פיילען זיין שותף. ער האָט זיך געקיהלט דאָס האַרץ חאָטש מיט קללות:

— איינגעזונקען וואָלט געמעגט ווע־רען צַט דאָס לאָנדאָן מיט אייך אינ־איינעם, איידער איך בין אהער געקומען! בעסער וואָלט איך צעבראָכען א פוס, אָדער דו ביידע פיס מיט'ן האַלז און נאַקען! קאַרג געווען איין שותף, בע־דאַרף איך נאָך האָבען אויף זיך צוויי.

— וואס וואַרפסט דו מיר אויס אלע מאָל צוויי שותפים? — פרעגט איהם שוואלב.

— וואָס דען? וויבאַלד אז דאָס טהעאַטער איז אויס טהעאַטער, איז אונ־זער שותפות אויס שותפות. וואָס דאַרף איך אויף זיך אַזעלכע צוויי עסעדים, ווי דו מיט דיין אָחי?

— טאַקי באמת? איז אינו מיט דיא קנישעס. — זאָגט שוואלב און שטעהט אויף. — מיר פאָהרען במילא אוועק קיין אמעריקא.

— קיין אמעריקא פאָהרסט דו? — האָלצמאַן טהוט איהם א קוק אריין אין די אויגען אריין. — געזונדערהייד! אפילו אין דער ערד אריין.

שוואלב לאָזט זיך געהן און בלייבט שטעהן. ער דרעהט אויס דאָס רויטע פנים צו זיין שותף:

— די שוועסטער פאָהרט אָבער אויך מיט אונז...

האָלצמאַן טהוט א פּלעסקע מיט די הענד, חאַפּט זיך כלומרשט ביי דער באַק און מאַכט א קרום פנים.

— אוי־וואַ! אַט צערייס איך מיר דעם סטאַן און זעץ מיך אוועק אין מיטען וועהיטשעפעל וויינען אויף דיינע יאָהר און טעג.

שוין פון דער טהיר ענטפערט איהם שוואלב:

— זאָלסטו דו טאַקי וויסען, אז דו ועסט, אם־ירצה־שם, וויינען אויף ביי־דע אויגען. ווארום מיט אונז פאָהרט נאָך עמיצער...

דאָ ווערד האָלצמאַן שוין אַלערליי פאַרבען. די שפּיציגע אויגען שפּריצען מיט פייער:

— ניט דערלעבען וועט דאָס דיין ברוּ־דער, דער "שור־הבר"!... דאַכט זיך, וואָס פאַר א בעליידיגונג שטעקט אינ'ם וואָרט "שור־הבר"? רופט איהם דען ניט האָלצמאַן אלע טאָג מיט'ן נאָמען "וויזעלטהיער", אָדער "וואַסעראָכס"? מיט וואָס איז "וויזעלטהיער" אָדער "וואַסעראָכס" שענער פון "שור־הבר"?

— געהט זשע רעדט מיט אזא נפש, ווי איזאַק שוואלב. דערהערט דאָס וואָרט "שור־הבר", האָט זיך אין איהם אָנגע־צונדען א פייער. דאָס שטענדיג־רויטע פנים איז איהם אזש געוואָרען גרין. מלא רציחה איז ער צוגעגאַנגען צו זיין שותף גאַנץ נאָהענט און א זאָג געגעבען איהם שטיל, נאָר שאַרף:

— הער נאָר, דו, חלירע וואָס דו ביזט! לאָזט ארויס נאָך א מאָל אויף מיין ברוּ־דער דאָס דאָזיגע וואָרט, זאָג איך דיר צו, אז דו געהסט ארויס פון מיינע הענד א מת!

— א מת?

— א טויטער! א בר־מינן!

האָלצמאַן האָט זיך, אפנים, ווינציג־וואָס איבערגעשראָקען פאַר זיין שותף שוואלב. ער האָט זיך צעלאַכט און פער־הוסט בעת־מעשה:

— איך? איך פון דיינע הענד א

בר־מינן? חא־חא! פּחע־הע־הע! בהמה!... איידער דו וועסט דיך געבען איין ריהר מיט דיין בערישען גוף, בין איך דיר מבטיח, אז איך צעפּאטש דיר דיינע רויטע פּיסקעס און מאך פון זיי א פּרעזשעניצע!

עס איז קיין ספק ניט, אז א גרויסער חלק פון דעם, וואָס דיא צוויי האָבען זיך איינס דאָס אנדערע מבטיח געווען, וואָלט געווים אויסגעפילט געוואָרען, מחמת זיי זענען, אייגענטליך, ביידע דערויף געווען רעכט בעגליובט. איז אָבער אויסגעוואכסען דיא אלטע שרה־ברכה מיט איהרע דארע נאָר ברייטביי־נעריגע פּלייצעס צווישען זיי ביידע און האָט געמאכט א פּשרה: דעם זוהן האָט זיא צוגענומען, דעם שותף האָט זיא ארויסגעוואָרפען און די טהיר צוגע־שלאָסען.

פאר אונזער האַלצמאַנ׳ען האָט זיך דעמאָלט געעפענט דער אמת׳ער גיהנם. טיעף אין הארצען זענען איהם ארייגגע־קראָכען דעם שותפ׳ס ווערטער: "זאָלסט דו טאקי וויסען, אז דו וועסט, אם־ירצה־שם, ווייגען אויף ביידע אויגען, ווארום מיט אונז פאָהרט נאָך עמיצער"... ריינע ווערטער. קלאָרע דבורים. בעדארף מען נאָך האָבען א פּירוש צו זיי?

איצט איז איהם שוין קלאָר, וואָס דער "יאַט" געהט ארום, ווי אויף א פרעמדער וועלט... די ברידער שוואלב האָבען איהם אראָפּגעפיהרט פון׳ם רעכטען וועג. די שוועסטער האָט איהם דעם קאָפּ פער־דרעהט. ס׳איז קלאָר ווי דער טאָג. עס קאָן זיין, אז דער "יאַט" איז אפשר אליין ניט גערן. ער קאָן זיך דעריבער קיין אָרט ניט געפינען. מע זעהט דאָס דען ניט? אָ! מע זעהט דאָס זעהר גוט.

— האָצמאך, פארברענט זאָלסט דו ווערען! וואו זענען געווען דיינע אויגען?

אזוי זאָגט האָלצמאַן צו זיך אליין און זשאלעוועט זיך ניט קיין קללות. קללות אליין אבער איז נאָך ווינציג. ער זאָל קאָנען זיך אויספּאטשען, אָדער עמיצער אנ־דערש זאָל איהם וועלען דורכברעכען די ביינער.

— האָצמאך, ביזט דאָס ווערטה! — זאָגט ווייטער צו זיך האָלצמאַן, ארומ־שפּאנענדיג איבער׳ן צימער הין און צו־ריק, ווי א צערייצטע חיה, און פייערענ־דיג מיט די שפּיציגע אויגען. — א מצוה אויף דיר, האָצמאך! דער הונט איז ווערטה דעם שטעקען!

פאר הארצוועהטיג און פאר כעס אויף זיך אליין טהוט ער א שליידער מיט׳ן פוס א ביינקעל, וואָס שטעהט זיך אומ־שולדיג ביי דער וואנד. אויף׳ן קלאָפּ קומט צו־לויפען פון קיך די מאמע שרה־ברכה, ניט טוידט, ניט לעבעדיג:

— וואָס איז שוין ווייטער? וואָס האָט דאָס געגעבען אזא קלאָפּ, אז איך האָב דערהערט אזש אין "קיטשען"?

שרה ברכה איז ניט אריינגעקומען אליין. אין די הענד האָט זי געהאלטען איין עוף. שוין כמעט איין אָפּגעפליקט עוף. דאָס עוף האָט פערוואָרפען דאָס בלייכע טוידטע קעפּעל מיט׳ן איבערגע־קוילעטען האלז אהינטער און געקוקט מיט די בלייכע פערצויגענע פערגליווער־טע אויגלעך, ווי עס האָט זיך אויסגעוויע־זען האָלצמאַנ׳ען, גלייך אויף איהם. אלע אויף איהם! אלע אויף איהם!

עס נעמט איהם אָן אזא כעס, אז ער פיהלט — אָט ווערד איהם דאס הארץ צעריסען אויף צווייען. און ער פאלט אָן אויף דער אלטער מיט אָפענע קולעקעס און צעשרייעט זיך ניט מיט זיין קול:

— אין "קיטשען" אריין! אין "קיט־שען"! אין "קיטשען"!

די אלטע שרה־ברכה שטעהט א ווייל, טהוט א שפּיי אויס און לאָזט זיך מיט׳ן כמעט אָפּגעפליקטען עוף צוריק אין קיך אריין.

— א מצוה אויף דיר! — זאָגט נאָך

א מאָל צו זיך האָלצמאַן. — דער הונט איז ווערטה דעם שטעקן.

קאַפּיטעל 124.

א נאָהענטע קאַטאַסטראָפע

אז עס רוקט זיך אָן אויף איהם א חמארע אין דער דאָזיגער פערשאָלטענער שטאָדט פון אייביגע טומאַנען און "פאָגעס" — דאָס האָט האָלצמאַן שוין לאַנג פאָראויסגעפיהלט, נאָך באַלד ווי ער איז אהער אָנגעקומען. ער האָט נור נישט געוואוסט, פון וואָסער א זייט די קאַטאַסטראָפע וועט קומען. איהם איז באַלד ניט געפעלען די צו־נאָהינטע מחותנ׳עשאַפט פון אָט דעם "שור־הבר" (ניסעל שוואַלב) צום "יאַט" (ראַפאַלעסקא). וואָס האָט ער אָבער געקאָנט מאַכען? צו אויסגעוואַכסען און צו ערנסט איז געוואָרען דער "יאַט" — ס׳איז איהם גאָר ניט צו דערקענען. ווער וואָלט דאָס זיך ריכטען, אשטייגער, אז אָט דאָס נאַאיווע שעפּעלע, וואָס, דאַכט זיך, ערשט ניט לאַנג האָט עס קיין צוויי נישט געקאָנט צעהלען, נישט געוואוסט קיין צורת־מטבע, ווי מע זאָגט, וועט ווערע; מיט א מאָל א גאַנצער יש מיט איין אמביציע, מיט איין ערנסטער שטעלונג, מיט איין אייגענעם גאַנג און מיט נייע השגות און שטרעבונגען צו בילדונג, צו קענטעניש, צו לערנען שפּראַך און נאָך אזעלכע זאַכען?...

און ווער איז שולדיג, אז ניט ער אליין, טאַקי האָלצמאַן? דער רוח האָט איהם געטראָגען, ער זאָל אריבערשלעפּען צו זיך דעמאָלט, אין לעמבעריג, ביי׳ם דירעקטאָר געצעל בן געצעל, אינאיינעם מיט דער פּרימאַדאָנא, אויך די צוויי שלים־מזל׳ען: ברײנדעלע קאָזאַק און דעם סופלער, בעני גאָרגעל, אָדער ווי מע רופט איהם אונטער די אקטיאָרען: "א מענש מיט בילדונג". מילא, ברײנדעלע קאָזאַק, וויבאַלד האָלצמאַן האָט נור אָנגעשמעקט, אז זי איז עפּיס קוצעניו־מוצעניו מיט׳ן "יאַט", האָט מיט איהם עפּיס געשעפטען מיט סודות, אזוי האָט ער איהר נעגעבען דעם וועג און פטור געוואָרען פון א שלים־מזל.

ניט אזוי איז דאָס אָבער געווען מיט׳ן צווייטען שלים־מזל, מיט׳ן סופלער. "דער מענש מיט בילדונג", וואָס איז געווען האָלצמאַנ׳ס איינציגער בעל־סוד, האָט איהם אָנגעמאַכט נאָך א גרעסערן חורבן ווי ער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלען. "דער מענש מיט בילדונג" האָט איבערגעגעבען דעם "יאַט" אינגאַנצען זיין בילדונג, אינגאַנצען, וואָס ער האָט פערמאָגט — און דאָס האָט איהם געקוילעט, געקוילעט אָהן א מעסער. וואס פאר א פּנים האָט ער, האָלצמאַן, דער דירעקטאָר, אצינד ביי זיין "יאַט" אין די אויגען, אז יענער קאָן שוין גאָר שפּראַך, לייענט שוין ביכער, דעקלאַמירט שעקספּיר׳ען אויף אויסווענדיג גאַנצע שטיקער און חלומ׳ט שוין גאָר פון א פרייער וועלט, זאָגט ער, מיט נייע הימלען? געה טרעף, וואָס פאר א וועלט? וואס פאר א הימלען? עפּיס רעדט ער מיט איהם טערקיש לשון!... פון "זעלבסטשטענדיגקייט" שמועסט ער מיט איהם, און פון א נייעם רעפאָרמירטען טהעאטער מיט א נייעם רעפּערטואר, נייע פּיעסען, אלסדינג ניי און ניי און ניי! נו, און מיט׳ן אלטען וואָס זאָל מען טהון? ארויסוואַרפען פאר די הינד? און ווער וועט דאָס שאַפען אָט דאָס נייע?... מאָדנע דבורים! און דאָס האָט ער אלץ גענאַשט ביי אָט דעם "מענשען מיט בילדונג" — א חלירע זאָל אויף איהם קומען היינטיגען טאָג, רבונו של עולם, מיט׳ן שור־הבר אינאיינעם!

אזוי לאָזט אויס האָלצמאַן מיט א ברכה און פערטראַכט זיך א ווײלע, און זייַנע טרויעריגע גרוי־טונקעלע מחשבות האַפּען איהם אויף און טראָגען איהם אריבער פון׳ם "יאַט" אויף דער שוועסטער, אויף זלאַטקען...

די שוועסטער ! די שוועסטער ! פון איהר האָט האַלצמאַן צרות אויף'ן פּוד. זלאַטקע נעבאַך, זעהט ער, צאַנקט שטילערהייד, געהט אויס, ווי א ליכט, — און ווער איז שולדיג, אז ניט ער, טאַקי ווידער ער אליין ? ווער האָט זי אויסגעשריבען אהער מיט דער אלטער מאַמע, אז ניט ער ? ווער האָט זי אָפּגעריסען פון איהר היים, פון איהר ארבייט, געמאַכט זי פאַר איין אקטריסע, זי זאָל זיין נע־ונד, און געגעבען איהר האָפּנונגען, פאַלשע, פאַלשע האָפּנונגען ?... אומזיסט געוועזן זיין מיה, ארויסגעוואָרפען די גאַנצע ארבייט — געזעהען, אז זיי זאָלען זיין נאָהינט... זי און דער "יאַט"... געמיינט, אז ס'איז א שידוך, צום סוף... וואָס וועט זיין מיט זיין שוועסטערל, טאָמער טאַקי הויבט זיך אויף דער "יאַט" אין א שענעם פריהמאָרגען און פאָהרט אַוועק, ווי שוואַלב זאָגט, קיין אמעריקא ?...

האָלצמאַן פּייניגט זיך, טראַכט איבער דאָס ערגסטע, וואָס עס קאָן נור זיין... באַלד אָבער פערחאַפּט ער זיך : "עט ! נאַררישקייטען ווי איז דאָס מעגליך ?... ווי קאָן עס זיין, אז ראַפּאַלעסקא זאָל זיי אַוועקוואַרפען און פאָהרען אליין אָהן איהם אזש קיין אמעריקא ? נאַררישקייטען ! נאַרישקייטען ! צו א גוט האַרץ, צו א ווייכער כאַראַקטער און צו איין עהרליכע נשמה, ער זאָל אזעלכס טהון... אזי פאָהרען, וועלען זיי שוין פאָהרען אלע אינאיינעם. ווי דען ? "..

אזוי טרייסט זיך האָלצמאַן, און באַלד ווערען זיינע מחשבות צוריק פערוואָלקענט : "דער הוסט, א חלירע זאָל אויף איהם קומען מיט'ן שור־הבר אינאיינעם!"...

יא. האָלצמאַנ'ס קראַנקהייט האָט זיך דאָ, אין דעם וויסטען לאָנדאָן, די לעצטע צייט אזוי פערשטאַרקט, אז גאָט ווייסט, ווען ער וועט קאָנען פאָהרען אזא ווייטע נסיעה. די דאָקטוירים הייסען איהם נאָר פאָהרען צוריק אויב ס'איז מעגליך, אין דער שווייץ, זאָגען זיי, אין איטאַליע... ריינע לופט, זאָגען זיי, א וואַרעמע זונן — חאַ־חאַ־חאַ, אָט נאַראָנים ! שוטים ! אידיאָטען ! אמת'ע אידיאָטען !... צו וואָס נוצט האָלצמאַנ'ען ריינע לופט און א וואַרעמע זונן, איך בעט אייך זעהר, אָהן א טהעאַטער און אָהן א ביהנע, חאַ־חאַ־חאַ ? ...

פאַר גרוים צרות, אפּנים, צעלאַכט זיך עס האָלצמאַן אזוי געשמאַק און פערהוסט זיך דערביי אזוי שטאַרק, אז די אלטע שרה־ברכה קומט ווידער א מאָל צולויפען מיט. פערקאַטשעטע ארבעל פון קיך. איצטיגס מאָל — שוין אָהן איין עוף, נאָר מיט א גרויסען פאָלאָמניק אין דיא הענד : "שוין ווידער א מאָל דער גוטער הוסט ? "...

פון שרה־ברכה'ן שמעקט ציבעלע מיט פעפער, און דאָס שטיקט האָלצמאַנ'ען נאָך מעהר אויף צו הוסטען. נאָר ער שטאַרקט זיך מיט אלע כחות. ער האַלט איין אין זיך דעם הוסט און צעבייזערט זיך אויף דער מאַמע, הייסט איהר געהן אין קיך אריין, צוריק צו די ציבעלעס, מאַכט זיך, ווי ער לאַכט, פערקרימט מאָדנע דאָס מויל, שפּייעט אין טיכעל אריין און פערשטופּט עס ווייט אין קעשעני — די אלטע זאָל ניט זעהען, אז ער שפּייעט מיט רויטען... בלאָטע ! ניט שרה־ברכה'ן נאַרט מען. א מאַמע האָט איין אויג. זי זעהט גאַנץ גוט איהר אומגליק .. און זי פערבו־עכט מיט די הענד : "א וועהטיג איז איהר ! א שלאַק האָט זי געטראָפען ! א מכה זאָל זיין דער מאַמען ! " — און מיט גוואַלד לעגט זי אריין דעם קראַנקען זוהן אין בעט אריין און שיקט אַוועק זלאַטקען אויף גיך, זי זאָל ברענגען דעם דאָקטאָר.

א דערשראָקענע, נאָך מעהר פערזאָרגט און געל און בלאַס ווי תמיד, און, דאַכט זיך, מיט פערוויינטע אונטערגעשוואָלענע אויגען, האַפּט זלאַטקע אויף

זיך דאָס בורנוסעל און לאָזט זיך לויפען צום דאָקטאָר.

געהענדיג איבער די טומעלדיגע רוישענדע גאסען פון לאָנדאָן, טראכט זיך זלאטקע ביי זיך אין הארצען: דאכט זיך, אזא גיהנם. אזוי פיעל פערד, טראמוויען, אויטאָמאָבילען לויפען אויף און אָפּ — עמיצער זאָל זיך אויף איהר דערבארעמען, זי וועלען איבערפאָהרען! איבערפאָהרען אויף טוידט!...

. . . .

. . . .

אויף די האָלצמאנ׳ס האָט זיך אָנגערוקט א חמארע. א שווארצער א גערדיכטער וואָלקען הענגט אויף זייערע קעפּ. א נאָהינטע, איין אונפערמיידליכע קאטאסטראָפע.

ענדע דריטער טהייל.

פיערטער טהייל

קאַפּיטעל 125.

גליקליכע שיפספּאַסאַזשירען

ווי א ריעזיגע חיה האָט אויסגעזעהען פון דער ווייטען דאָס גרויסע ווייסע שיף "אטלאַנטיק" אויפ'ן ים. מיט א מאָדנער עקשנות האָט זיך דאָס דאָזיגע בעשעפעניש געטראָגען אויפ'ן וואַסער, זיך געשלאָגען מיט אלע כחות, זיך געראַנגעלט מיט'ן ווינד, דורכגעשניטען די בייזע וועלען פונ'ם אטלאַנטישען מעער און געשוואומען אלץ ווייטער און ווייטער אויפ'ן וועג פון סויטהעמפּטאָן קיין ניו יאָרק.

די בערטומעלטע פּאַסאַזשירען, וואָס זענען די ערשטע צייט געווען העכסט־ענטציקט פון דער דאָזיגער גרויסאַרטיגער נסיעה און וואָס האָבען פריהער זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּרייסען פון דער שענקייט, פון דער געטליכער נאַטור און גאָר ניט געקאָנט אָפּלויבען זיך פון גאָט'ס וואונדער, וואָס מע זעהט זיך אָן אויפ'ן ים, האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען פיהלען ווי א טשאַד אין קאָפּ און האָבען אויפגעהערט צו קוקען אין דער טיעפער ברייטער הויכער אונענדליכקייט אריין, וואָס בעשטעהט פון הימעל און וואַסער, וואַסער און הימעל — אָהן אײן אָנהויב און אָהן א סוף.

איינציגווייז האָט זיך דער עולם אָנגעהויבען אָפּטראָגען יעדער צו זיך, אין זיין רוה אריין, יעדער צו זיך, אין זיין קאַבין, און אוועקגעלייגט זיך מיט א שווערען, ווי א מיט בליי אָנגעגאָסענעם מח יעדער ביי זיך, אויף זיין בעטעל, איבערגעבליבען אליין יעדער מיט זיינע אייגענע אומעטיגע מחשבות און געדאַנקען.

ווינציג, זעהר ווינציג זענען געווען אזעלכע, וואָס האָבען זיך נאָך געשטאַרקט, ארומגעשפּאַציערט נאָך אלץ הין־און־צוריק איבער'ן אויבערדעק, אָדער צענויפגעקליבען זיך אין א געזעלשאַפט, געטרונקען ביער פון גרויסע קאָפּעל און געדויכערט גראָבע ציגאַרען, גערעדט און געלאַכט הויך אויף א קול און דערצעהלט מעשות, אנעקדאָטען, נעכטיגע טעג, אויפ'ן הימעל א יאַריד — גלייך ווי גאָר ניט זיי מיינט מען.

צווישען די געצעהלטע גליקליכע פּאַסאַזשירען איז געווען א פּאָר פון אונזערע בעקאַנטע פריינד: מיסטער קלאַמער פון לאָנדאָן מיט זיין טהעאַדאָר־הערצל־באָרד און זיין שותף ניסעל שוואַלב, דער געוועזענער אגענט, היינט בעל־הבית, מענעדזשער, אנטרעפּרענער, רעזשיסער און קאַססירער פון דער נייער טהעאַטער־טרופּע: "קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ".

יאָ, פריינד לעזער. אויס "האָלצמאַן, שוואַלב עט קאָמפּ". מ'ע האָט ארויסגעוואָרפען דעם נאָמען האָלצמאַן און אויף זיין אָרט אוועקגעשטעלט דעם נאָמען קלאַמער, א זאַך, וואָס האָט ניט אָנגעריהרט קיינעם, אויסער האָלצמאַנ'ען, און עס דאַרף אונז נישט אָנהויבען צו וואונדערען: דיא וועלט בעשטעהט פון איין ארמיע, וואָס געהט אויף מלחמה. א גאַנצע ארמיע וועט זיך ניט אָפּשטעלען צוליעב דעם, וואָס טאָמער פאַלט א סאָלדאַט אין מיטען וועג. דער געפאַלענער האָט א ברירה: וועט איהם גאָט געבען כח, וועט ער אויפשטעהן, אניט — וועט מען אויף איהם קיין כבוד ניט לעגען. מ'ע וועט שפּאַנען איבער איהם מיט די שטיוועל און מיט די קאַלאָשען און מע וועט איהם טרעטען און צעטרעטען, אזוי א:

קיין האָהן אפילו וועט ניט קרעהען. אמת, ס'איז גענוג טרויעריג. נאָר ווער איז איהם שולדיג, האַלצמאַנ'ען, וואָס האָט פערלאָזט דעם הוסט אזוי וויט, אז די דאָקטוירים לאָזען איהם איצט פון בעט ניט אראָפּ, מעסטען איהם די טעמפּעראַ־טור, צעהלען איהם דעם פולס און הייסען איהם ניט רעדען? — ניט רעדען?! א שענע מעשה, נאָר א קורצע! אז ניט רע־דען — הייסט וואָס איז דער חילוק פון א מענשען ביז א בהמה? ניין, עס וועט נישט העלפען קיין הכמות. מיר וועלען מוזען זיך געזעגענען מיט אונזער האַלצ־מאַנ'ען אויף א צייט, איהם ווינשען א רפואה שלמה און געהן מיט אונזער נייער קאָמפּאַניע, וואָס פאָהרט מיט'ן שיף פון לאָנדאָן אהין, אין יענעם לאנד, וואָס ציהט צו זיך די אויגען פון דער גאַנצע־וועלט זינט קאָלאָמבוס האָט עס ענט־דעקט ביז צו היינטיגען טאָג, שוין הע־כער פיערהונדערט יאָהר.

דאָס אויבענדערמאָנטע פּאָרעל, מיס־טער קלאַמער און ניסעל שוואלב, זענען זיך געזעסען, ווי די טייבעלעך, אינ־צווייען ביי איין טישעל, געטרונקען ביער, געררויכערט ציגאַרען און גערעדט און גערעדט און גערעדט. דאָס מויל האָט זיך זיי ניט צוגעמאַכט. פון וואָס האָט מען דאָס געשמועסט? פון גאָרניט. גאָלע גאָרניט. אפנים, דיא ביידע האָבען זיך אונטערגענומען, ווער וועמען עס וועט איבעררעדען און ווער וועמען עס וועט איבערשטייגען אין "בלאָף".

מיסטער קלאַמער האָט דערצעהלט אלטע מעשות פון זיין "קאָפּע־נאַציאָ־נאל", פון די רוסישע שנאָרערס און פון די לאָנדאָנער "טשאַרעטיעס", וואו ער, קלאַמער, איז פון תמיד און אייביג איין עהרען־מיטגליעד, און גלאָט מעשה'לעך פון דער וועלט, אנעקדאָטען, צוגעפּע־פערט מיט א משל און מיט א וויץ, "ווי זאָגט דער איינגעלשמען".

ביי ניסעל שוואלב זענען אָבער די אלע מעשות מיט די אנעקדאָטען גאָר קיין נייעס ניט. אדרבה. אויף יעדען אנעקדאָט, וואָס מיסטער קלאַמער דער־צעהלט איהם, זאָגט שוואלב, אז ער ווייסט דאָס שוין פון לאַנג. און ניט נור ער ווייסט עס — ער איז אליין אפילו דערביי געווען. א סימן — ס'איז דער־מאָלט שיער ניט ארויס דערפון א סקאַנ־דאַל. אָט וועט איהר הערען...

און ניסעל שוואלב דערצעהלט, וואָס פאַר א סקאַנדאַל, מיט היץ, געוועהנליך, און מיט פייער, און לאָזען לאָזט ער אויס מיט א שבועה: "ווי איהר זעהט איהם א שווימענדיגען און ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס"... און די חוואַליעס פון'ם ים, וואָס האָבען זיך געיאָגט ווי ווילדע חיות פון ביידע זייטען שיף, קלאַפּען צו צום טאַקט, רייסען זיך אלע מאָל העכער און העכער, ווילען אריבער־שמייסען אריבער'ן דעק, פערפליצען, איבערקעהרען, איינשלינגען דאָס שיף מיט אלץ, וואָס אויפ'ן שיף. נאָר אונזער פּאָרעל מאַכט זיך ניט דערפון. זיי טהוען זיך זייערס: זיי טרינקען ביער, רויכערען ציגאַרען און רעדען, רעדען, רעדען, אָהן א שיעור.

גליקליכע שיפספּאַססאַזשירען!

קאַפּיטעל 126.

צווישען הימעל און וואַסער

נאָך איין פּארשוין איז געבליבען זיצען אויף'ן אויבערדעק פון'ם שיף "אטלאַנ־טיק". ער האָט אָבער ניט געטרונקען קיין ביער, ניט געררויכערט קיין ציגאַר, נאָר גלאָט אזוי געזעסען, אָדער — ריכטיגער — געלעגען בעזונדער, איינער אליין, אויף א טשער (שיפסשטוהל), איינגע־הילט אין א וואַרעמען פּלעד און איבער־געדעקט מיט א רויטער בייענער קאָלדרע. דאָס איז געווען נאָך גאָר א יונגער פּאַס־קאַזשיר מיט זעהר א סימפּאַטיש אויסגע־בלייכט פּנים. די מורא'דיגע וועלען האָ־

בען זיך, ווי צערייצטע חיות, געיאָגט פון ביידע זייטען שיף. עס האָט זיך אויסגעוויזען אלע מאָל, אז ניט די חוואליע — וועט דיא צווייטע, וואָס טראָגט זיך אָט־אָט פון דער ווייטען, געוויס בייקומען, אריבערשמייסען, פערפלייצען, איבערקעהרען, איינשלינגען דאס שיף מיט אלץ וואָס אויף׳ן שיף געפינט זיך.

נאָך׳ן בלייכקייט פון׳ם פנים איז צו דערקענען, אז אָט דער יונגער פאססאזשיר (דאָס איז געווען לעאָ ראפאלעסקאָ) איז שוין לאנג א פערטשאדעטער. מיט האלב־אָפענע אויגען ליגט ער אויסגעצויגען, דעם פערטשאדעטען קאָפּ האלט ער אונטער מיט ביידע הענד און קוקט זיך איין אין׳ם נאָהענטען הימעל, וואָס איז ווי צענויפגעגאָסען אינאיינעם מיט׳ן ים אזוי, אז ס׳איז שווער צו דערקענען, וואו איז הימעל און וואו איז וואסער. דאכט זיך, לויטער איז דער הימעל. דאכט זיך עס לייכט אזוי די זונן. קיין וואָלקען און קיין ווינד. וואָס זשע שטורעמט אזוי דער ים? וואָס בייזערט זיך אזוי דער אלטער? וואָס ווארפט דאָס אזוי מיט׳ן שיף אהער און אהין, ארויף און אראפּ? צי אפשר ווייזט זיך עס איהם נור אויס אזוי? פאר וואָס זשע קאָן ער דעם קאָפּ ניט אויפהויבען? נישט ריהרען מיט קיין פינגער? פאר וואָס פיהלט ער אלע מאָל ערגער און ערגער אויף צו חלש׳ען? אויף צו חלש׳ען? — ניין. אויף צו שטארבען, שטארבען, שטארבען!

און ער שטרענגט אָן זיין פערטשאדעטען קאָפּ, ער וויל זיך דערמאנען — דעם וויפיעלטען טאָג איז מען שוין אָט אזוי צווישען הימעל און וואסער — און ער קאָן נישט. ער קאָן זיך ניט דערמאנען אפילו, פון וואנען און וואוהין ער פאָהרט. נאָך מעהר. ער האָט שוין פערגעסען אפילו, ווי אזוי מע רופט איהם. אז מע רופט איהם ראפאלעסקאָ — דאָס ווייסט ער. נאָר דעם אמת׳ען נאָמען זיינעם — חאָטש נעמט איהם אראָפּ דעם קאָפּ. אוי, דער קאָפּ! דער קאָפּ!

— פיהלסט ניט גוט? אפשר וועסט דו געהן זיך צולייגען ביי זיך אין קעבין אריין? קום.

אזוי זאָגט צו איהם ניסעל שוואלב און בויגט זיך אָן איבער איהם און קוקט איהם מיט געטריישאפט אין די אויגען אריין. נאָר ראפאלעסקאָ קוקט אויף איהם מיט אזעלכע אויגען, גלייך ווי ער האָט איהם ניט דערקענט: ווער רעדט דאָס? ווער שטעהט דאָס איבער איהם? ער וויל זיך אויפזעצען — קאָן ער נישט. ער וויל אויפהויבען דעם קאָפּ — קאָן ער נישט. ער שטרענגט אָן אלע כחות פון זיין זכרון: רבונו של עולם! וואָס טהוט זיך עס מיט איהם? וואו איז ער דאָס ערגיץ אויף דער וועלט? פאר וואָס קאָן ער זיך ניט דערמאנען דעם אייגענעם נאָמען זיינעם? מיט דעם נאָמען האָבען דאָך איהם גערופען אמאָל די חברים אין חדר, ברידער און שוועסטער אין דער היים, און די טאטע־מאמע... טאטע־מאמע? וואו זענען זיי אצינד?...

— א גלעזעלע קאָניאק. פאָלג מיך, נעם אויף די ליפען, וועט דיר ווערען גרינגער.

אזוי זאָגט צו איהם ניסעל שוואלב, טראָגט איהם אונטער א גלעזעל קאָניאק. נאָר ראפאלעסקא הויבט ניט אָן צו פערשטעהען, ווער שטעהט דאָס איבער איהם? ווער קוקט דאָס איהם אין די אויגען אריין? דאכט זיך, א קענטליכער פארשוין. קענטליכע אויגען... ווער זשע איז דער פארשוין?... פאר וואָס איז איהם אזוי שווער דער קאָפּ? ווער קרעכצעט עס אזוי? — דאָס קרעכצעט דאָס שיף. ווער פייפט עס אזוי? — דאָס פייפט דער ווינד. און עס יאָגען זיך די וועלען איינס איבער דאָס אנדערע. אָט הויבען זיי זיך אויף העכער הייזער, אָט ווערען זיי צעשאָטען אזוי ווי זאמד אויף קליינע שפריצלעך. פלוצים קנאלט אויס

א דונער און א בליץ פליהט איהם דורך פערביי די אויגען. חלומות! דער דונער איז קיין דונגער. דאָס רעדט אזוי דער ים. דאָס רוישען אזוי די חוואליעס, וואָס הויבען זיך אויף און ווערען צעפאַלען. דער בליץ איז קיין בליץ. דאָס איז איין אָפשיין פון דער זונן, וואָס האָט געלאָזט אפ'טובל'ען זיך א ליכטיגען שטראהל אין די צעפלעסקעטע וואסערען פון'ם צעלאָזטען, צעבייזערטען ים.

— פאָלג זשע מיך, זויג אוים א שטיקעל לימענע, וועסט דו דערפיהלען דאָס הארץ...

אהא! ער ווייסט שוין, ווער דאָס איז. דאָס איז האָלצמאַן. בערנהארד האָלצמאַן. פאר וואָס זשע איז איהם דאָס פנים אזוי רויט און פעט און פריש? אין איין האנד האלט ער א פלעשעלע קאָניאק, אין דער אנדערער — א לימענע, און בעט זיך ביי ראפאלעסקא'ן, ער זאָל עפּים נעמען:

— פאָלג זשע מיך, א שטיקעל לימענע אין מויל אריין. אָדער געב אהער א האנד, שפאר דיך אָן אָן מיר, וועל איך דיך אָפּפיהרען אראָפּ, צו דיר אין קעבין... עה! מיסטער קלאמער!

אזוי רופט אוים ניסעל שוואלב און דרעהט אוים דעם קאָפּ צו זיין קאָמפּאַניאָן — ווער? וואָס? א נעכטיגעטאָג! מיסטער קלאמער איז שוין דאָרט, וואו ניסעל'ס ברודער איזאק, וואו די שוועסטער הענריעטא, און וואו דערלאָמזשער חזן מיט זיין מוזיקאליש געזינדעל. אלע ליגען זיי, יעדער ביי זיך, אויף זיין בעטעל, און קרעכצען, און פּאָכען מיט דער נשמה, און זעהען דעם מלאך־המות פאר די אויגען. און נור ער איינער, ניסעל שוואלב, האלט זיך אויף די פיס. ניסעל שוואלב איז דער איינציגער פון דער גאנצער קאָמפּאניע, פון דער נייעַנע־ונד'נער טרופּפּע, וואָס פּאָהרט קיין אמעריקא, — דער איינציגער לעבעדיגער מענש, וואָס איז פריש און מונטער.

און עס ברומט דער ים. און עס רוישען זיינע וועלען. און עס שניידט זיך אויף א בורע מיט א רעגען מיט א שניי. און דער ווינד שמייסט אין פּנים אריין און צעטרייבט דעם איבערגעבליעבענעם עולם פון'ם אויבערדעק, אויסער די סטיוארטען מיט די מאטראָסען, וואָס זענען שוין געוואָהנט געוואָרען צו אזעלכע זאכען, און אויסער דעם קאפּיטאן, וואָס האָט אריינגעשטעקט א ליולקע אין מויל אריין און קוקט מיט א טרוקען שמייכעלע אויף'ן צעבייזערטען ים, ווי אויף א פערשייטען קונדס. און עס טראָגט זיך דאָס ווייסע ריעזיגע בעשעפעניש, וואָס מע רופט דאָס אָן שיף און וואָס הייסט מיט'ן נאָמען "אטלאנטיק", מיט א מאָדנער עקשנות אלץ ווייטער און ווייטער, אין דער טיעפער ברייטער הויכער אונענדליכקייט אריין, וואָס בעשטעהט פון הימעל און וואסער, וואסער און הימעל — אָהן איין אָנהויב און אָהן א סוף.

קאפּיטעל 127.

א פרויען־האַנד

אז אונזער יונגער העלד האָט אָנגעהויבען עטוואָס אויפוואכען פון דער היהנערפלעט און דער טשאד האָט איהם אָנגעהויבען ביסלעכווייז ארוים פון קאָפּ, האָט ער מעהר דערפיהלט ווי דערזעהן, אז ער געפינט זיך איין אויסגעטהאָנענער אויף א בעטעל, ביי זיך אין שיפסקעבין, און עמיצענס האנד האָט ער דערפיהלט ביי זיך אויף'ן שטערן, איין איידעלע, א ווארעמע פרויענהאנד. נאָר וועמענס האנד דאָס איז, ווער איז די פרוי — דאָס האָט ער ניט געוואוסט.

אז ער איז אויף'ן וואסער — דאָס האָט ער געפיהלט נאָך'ן שארפען ריח פון'ם בייזען ים און נאָך'ן רוישען פון די וועלען, וואָס שפּילענדיג זיך ווי די ווילדע חיות אויף דעם שיין פון דער לויטערער זונן, האָבען נאָך אלץ געבושע־

וועט, געוואָרפען דאָס שיף העכער הייזער, , אָנגעקלאַפּט ראַפאַלעסקאָ׳ן אין פענסטערל אריין — ער זאָל אויפשטעהען, ארויסגעהען אויף׳ן אויבערדעק, אָנקוקען גאָט׳ס וואונדער : "געגוג שוין, געגוג שוין צו ליגען". אזוי, האָט זיך איהם אויסגעדאכט, רעדען צו איהם די גוילען פון׳ם ים, און ער נעמט צענויף זיין איבעריג ביסעל כח פון זיין זכרון, זיין גאַנץ ביסעל געדאַנקען און בּר טראַכט : "ווי קומט ער אהער ? דאכט זיך, גאָר ניט לאַנג איז ער געוועזען אויף׳ן אויבערדעק, געזעסען אין א טשעד אזוי בעקוועם, בעוואונדערט די געטליכע נאַטור, זיך געוואַרעמט אויף דער לאשטשענדיגער זונן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפיעגעלט אין דעם שוים פון די שפּיעלענדיגע חוואליעס, וואָס יאָגען זיך פוןביידע זייטען שיף, און געקוקט אין דער טיעפער ברייטער הויכער אונענדליכקייט אריין, וואָס בעשטעהט פון הימעל און וואסער, וואסער און הימעל — אָהן איין אָנהויב און אָהן א סוף... אין ער וויל זיך אויפזעצען — האָט ער מורא, ער זאָל ווידער ניט פאַלען צוריק. עפּענען די אויגען — האָט ער מורא, עס זאָל זיך איהם ווידער ניט פערדרעהען אין קאָפּ דאָס שיף מיט׳ן ים מיט׳ן הימעל מיט דער גאַנצער וועלט, ווי ביז אהער. און ער לאָזט ארוים א שווערען זיפץ : "אוי, דער קאָפּ ! דער קאָפּ" !

— נאָך אַלץ דער קאָפּ ?... — הערט ער א קול פון א פרוי, א קענטליך קול, נאָר ער ווייסט ניט, ווער דאָס איז. און ער פיהלט אויף זיך א האַנד, איין איידעלע, א וואַרעמע פרויענהאַנד גלעט איהם דעם שטערן, פערשאַרט איהם די צעוואָרפענע האָר ארויף — ווער זאָל דאָס זיין?... וועמענס האַנד ?... און ער דערמאַנט זיך, אז מיט א צייט פריהער — ער געדענקט ניט ווען — האָט ער פונקט אזוי ווי איצט אויך געפיהלט א פרויענהאַנד, וואָס האָט איהם פונקט אזוי ווי איצט געגלעט דעם שטערן און געשאַרט איהם די האָר ארויף.

האָלצמאַנ׳ס שוועסטערל איז דאָס דעמאָלט געוועזען. זלאַטקע...

דאָס איז געשעהען איינמאָל אין א פאַרנאַכט. ראַפאַלעסקא איז געלעגען ביי זיך אין צימער אויף א קאַנאַפּע און געחלומ׳ט אויף דער וואָהר זיינע זיסע גאָלדענע חלומות. יענע זיסע גאָלדענע חלומות, אין וועלכע דעם סאַמע אויבענאָן פערנעמט ביי איהם שטענדיג דעם חזנ׳ס טאָכטער -- רייזעל.

קיינער איז דעמאָלט נישט געווען אין שטוב — געדענקט ער,—נאָר ער און זלאַטקע. עס איז איהם קיינמאָל ניט געווען אזוי ביטער אויף׳ן האַרצען ווי יענעם פאַרנאַכט. א מאָדנע בענקשאַפט -- געדענקט ער — האָט זיך אריינגעגנבה׳ט צו איהם דעמאָלט אין דער נשמה און געדריקט איהם און געפּרעסט און געצויגען, ווי מיט צוואַנגען. עס האָט זיך איהם געגלוסט וויינען.

אויב ער האָט געוויינט — דאָס געדענקט ער ניט. ער געדענקט נור, אז זלאַטקע איז אויסגעוואַכסען נעבען איהם — דאכט זיך, ער אליין האָט זי צוגערופען— און געזעסען נעבען איהם און געגלעט איהם דעם שטערן, אָט אזוי ווי מע גלעט איהם איצט, אין דער מינוט, און געשאַרט איהם די צעוואָרפענע האָר ארויף, אָט אזוי ווי מע שאַרט איהם איצט, אין דער מינוט. און א מאָדנע וואַרעמקייט האָט זיך איהם דעמאָלט צוגאָסען אין אַלע גליעדער. ער האָט געפיהלט — אזוי געדענקט ער — א וואַרעמע האַנד פון א געטרייער שוועסטער, און ער איז איהר געווען דאַנקבאַר אָהן איין עק און אָהן א שיעור. ער האָט זי ארומגעאַרעמט — געדענקט ער — מיט זיין האַנד, צוגעצויגען זי צו זיך, בעהאַלטען זיין קאָפּ ביי איהר אויף׳ן שוים, געוויינט, לאַנג געוויינט, אויסגעוויינט פאַר איהר זיין ביטער האַרץ, אריינגעפיהרט זי צו זיך אין

זיין קדיש־קדשים אריין, אנטפּלעקט פאַר איהר זיין הייליגען־הייליגען סוד. ער האָט איהר דערצעהלט, אז ס'איז פאַרהאַן איינע אזעלכע אויף דער וועלט, וואָס ער האָט זי ליעב מיט זיין גאנצען לעבען, וואס ער איז גרייט פאַר איהר אין פייער און אין וואסער, וואָס ער קאָן ניט פערגעסען ניט אין חלום, ניט אויף דער וואָהר... "ווי אזוי הייסט זי? און וואו איז זי?" — אזוי האָט איהם זלאטקע דעמאָלט שטיל א פרעג געגעבען און דאָס קול — געדענקט ער — האָט ביי איהר געציטערט, און אליין האָט זי בעת־מעשה געציטערט. ווי אזוי זי הייסט — האָט ער איהר נישט געוואָלט זאָגען. נאָר וואו זי איז? — עהע־הע! ער זאָל וויסען, וואו זי איז! ער זאָל דאָס וויסען, וואָלט ער שוין לאנג נישט געוועזן אָט א דאָ מיט דער וואנדערטרופּע. ער וואָלט שוין אפשר לאנג ניט געוועזן מעהר נעונד, ווי ער איז, ער וואָלט שוין אוועקגעפלויגען אהין, צו איהר, אלסדינג אוועקגעוואָרפען און אוועקגעפאָהרען צו איהר, ווארום זיי האָבען זיך דאָס וואָרט געגעבען שוין לאנג, נאָך קינדווייז, אז וואו זיי זאָלען ניט זיין און וואָס מיט זיי זאָל זיך ניט טרעפען, זאָלען זיי תמיד זיין אינאיינעם, תמיד און אייביג!..

ניין. ער ווייסט ניט, וואו זי איז. ער ווייסט נור, אז זי איז בעריהמט, אז זי איז גרויס, אז זי איז רייך, איהר זינגען שמ'ט אויף דער וועלט. "דעם נאָמען פּאטטי האָסט דו געהערט? איז זי גרעסער פון פּאטטי'ן". — "נאָך גרעסער פון פּאטטי'ן?" — "גאָר נישט דער ערך!"

אזוי — געדענקט ער — האָט ער דעמאָלט געלויבט זיין רייזלען פאַר זלאטקען, אפּגעלויבט אין טאָג אריין, ניט געזשאלעוועט קיין העלע פאַרבען. א מין מלאך, א מלאך פון גאָט!... און ער האָט זיך מחיה געוועזן, — געדענקט ער — וואָס ער האָט געפונען פאַר וועמען אפּצולויבען, זיך בעריהמען מיט זיין געליעבטער. ווארום ווער נאָך וועט איהם וועלען אזוי אויסהערען, ווי די דאָזיגע זלאטקע? ער זעהט דענן ניט, אז איטליכס וואָרט זיינס איז ביי איהר הייליג, תורת־משה? ער פיהלט דענן ניט, ווי עס קלאָפּט איהר דאָס הערצעל? ער פיהלט דענן ניט, ווי זי פלאטערט אין זיינע הענד, ווי א פויגעלע?...

וואָס די אָרעמע זלאטקע האָט בעת מעשה איבערגעלעבט — ווייסט ניט ראפאלעסקאָ. וואָס געהט עס איהם אָן? אבי ער האָט אויסגעגאָסען פאַר איהר זיין הארץ. אבי ער האָט אנטפּלעקט פאַר איהר זיין סוד. געוואָרען גרינגער אויף דער נשמה.

אויפגעדעקט דעמאָלט פאַר זלאטקען זיין הייליגען סוד, האָט ער איהר שוין אין איינוועגס פערטרויעט אויך דאָס, וואָס ער רעכענט צו טהון אויף ווייטער. ער האָט איהר איבערגעגעבען אלע זיינע פערבאָרגענע פּלענער, ווי אזוי ער וועט זיך מיט זיין בעריהמטער בעגעגענען און סוף־כל־סוף צענויפקומען און שוין קיינמאָל זיך ניט צעשיידען, קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט! און בעת מעשה האָט ער ארומגענומען זלאטקען — געדענקט ער — מיט ביידע הענד, שטארק־שטארק צוגעדריקט צום הארצען און גענומען ביי איהר דאָס וואָרט, אז ער וועט זיך צענויפגעהן מיט זיין רייזלען (ער האָט זיך שוין ארויסגעכאפּט מיט'ן נאָמען אויך — פערפאַלען!), וועט ער נעמען צו זיך אויך זי, זלאטקען הייסט עס, ווארום ער פיהלט, אז זלאטקע איז איהם געטריי און איבערגעגעבען, ווי א שוועסטער, ווי איין אייגענע שוועסטער.

— איאָ, ביזט מיר געטריי ווי א שוועסטער? — זאָגט ער צו זלאטקען און נעמט זי ארום ווארעם, א סך וואַרעמער, ווי א ברודער נעמט ארום א שוועסטער... נאָר זלאטקע שווייגט. ראפאלעסקאָ פערשטעהט ניט, פאַר וואָס שווייגט זלאטקע? נעמט ער זי ארום נאָך שטארקער און

פרעגט זי, פאַר וואָס זי ענטפערט איהם ניט ? שוין זשע האָט ער א טעות ? שוין זשע האָט זי איהם ניט ליעב ?

— ניט ליעב ? !... — און זלאַטקע טהוט זיך א וואַרף צו איהם, חאַפּט איהם ארום און קושט איהם און האַלזט איהם, און טרערען גיסען זיך, גיסען זיך פון איהרע אויגען.

— וואָס זשע וויינסט דו, נארעלי ? וואָס זשע וויינסט דו ? וואָס זשע וויינסט דו ?... — — — —

— — — — — —

— — — — — —

פון דעמאָלט אָן — געדענקט ראפאַלעסקאָ — פלעגט ער וועלען אָפּט בלייבען אליין מיט זלאַטקען, א ביסעל רעדען מיט איהר וועגען רייזלען. און דאָס איז איהם געווען גאָרניט אזוי שווער. וואָרום האָלצמאַן — אזוי האָט איהם אויסגעוויזען — האָט אָנגעווענדעט אלע מיטלען, אז זיי זאָלען בלייבען וואָס אָפטער אינצווייען מיט זלאטקען. אזוי האָט זיך איהם אויסגעדאכט. און אפשר האָט ער א טעות ? ניין. ער האָט ניט קיין טעות. וואָרום וואָס דענן פלעגט עפּיס האָלצמאַן פלוצים אוועקגעהן, איבערלאָזען איהם אליין מיט דער שוועסטער, זיך אומקעהרען צוריק, געבען א קוק, אויב זיי זיצען אינאיינעם, און באלד ווידער אוועקגעהן ?... אך, האָלצמאַן ! האָלצמאַן! ווי שווער ס'איז איהם געווען דאָס געזעגנען זיך מיט האָלצמאַנע'ן, ווי שווער !...

—שוין צייט אויפצושטעהען, טהייערער ! מע זעהט שוין ארוים לאַנד... מיר זענען שוין באלד אין אמעריקא, טהייערער, שענער, טהייערער !...

א קענטליכע שטימע. א פרויענשטימע... ווער רעדט דאָס איבער איהם?... ווער רופט דאָס איהם "שענער", "טהייערער" ?.. ער האָט נאָך אבער אלץ מורא אויפצוזעצען זיך — ער זאָל צוריק ניט פאלען. ער האָט נאָך אלץ מורא עפענען די אויגען — עס זאָל זיך איהם ווידער ניט פערדרעהען און קאָפּ דאָס שיף מיט'ן ים, מיט'ן הימעל, מיט דער גאַנצער וועלט, ווי ביז אהער. און ער זינקט אין זיינע שווערע בלייענע געדאנקען. און ער לעבט איבער נאָך א מאָל די שווערע מינוטען פון זיין געזעגענען זיך מיט האָלצמאַנ'ען. און ער שלאָגט זיך על־חטא.

קאַפּיטעל 128

זיי געזונד, בערנהאַרד

דאָס איז געווען א פריהמאָרגען, א קאַלטער וואָלקענדיגער פריה־מאָרגען פון רעגען און פון קעלט און פון "פאָגע", ווי עס גיט זיך אוים א פריהמאָרגען אין דעם קאלטען פערדרויכערטען פערוויינטען לאָנדאָן.

די זאכען זענען שוין געווען ביי ראפאַלעסקא'ן איינגעפּאקט און אליין איז ער שוין אויך געווען פארטיג צו דער נסיעה, פארטיג ארום און ארום : אָפּגעגעסען, אָנגעטהאָן, פערדרויכערט א האוואנע ציגאר, בעשטעלט א קעב און אריינגעלאָפען נור אויף א ווייל — זיך געזעגענען מיט האָלצמאַנ'ען.

— זיי געזונד, בערנהארד !

— פאָהר געזונד.—האָט איהם האָלצמאן געענטפערט מיט די אויגען, דען דאָס רעדען איז איהם פערבאָטען, שטרענג פערבאָטען. אך ! וואָלט האָלצמאן געמעגט רעדען. וואָלט האָלצמאן איהם חאָטש עפּיס קאָנען זאָגען, עפּיס אזעלכם א שאַרפּס — אויסבייזערען זיך, אויסזידלען גוט, ווי איהם קומט, אויסשעלטען זיך, ווי ער קאָן — וואָלט ראפאלעסקא'ן, דאכט זיך, געווען א סך גרינגער אויף'ן הארצען. ניין, האָלצמאַן האָט נור אוועקגעשטעלט אויף איהם זיינע שאַרפע שפּיציגע אויגען און — אך, וויפיעל טרויער, וויפיעל אונענדליכע טרויער איז געווען אין'ם דאָזיגען קוק ! האָלצמאַן האָט איהם נור אויסגעצויגען

א דארע שפיציגע האנד, און ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען ראפאלעסקא'ן, צו א יוארעמע האנד.

קיינמאָל האָט זיך ראפאלעסקא'ן ניט געוואָלט אזוי גיך אוועקגעהען פון האָלצמאנ'ען, ווי אין דער מינוט. און ער האָט געהאט די מעגליכקייט אוועקצוגעהען, זיך אויפזעצען אויפ'ן קעב — און זיי געזונד. נאָר אנשטאט דעם, ער זאָל זיך נעמען צו דער טהיר, האָט ער זיך, נאָך'ן געזעגענען שוין, אוועקגעזעצט צוריק אויף א שטוהל, נעבען בעטעל, וואו האָלצמאן איז געלעגען איבערגעדעקט מיט דער בעריהמטער טענדעווערענדע און געפיבערט, און א שארפער ריח פון רפואות האָט זיך געלאָזט הערען, א ריח פון רפואות, פון אפטייק, פון בר־מינן...

פון זינט ראפאלעסקא קען זיך מיט האָלצמאנ'ען האָט ער איהם נאָך אזוי שלעכט ניט געפונען, ווי איצטיגס מאָל. דער טוידט איז איהם געלעגען אויף די ליפען, דורכגעלייכט זיך אין די שפיציגע אויסגעלאָשענע אויגען, זיך אויסגעצויגען אויף זיינע שפיציגע אָפגעשטאָרבענע אויהרען און געשוועבט איבער'ן גאנצען חדר. אין דער מינוט האָט זיך ראפאלעסקא'ן פאָרגעשטעלט: ווי אזוי זיין פריינד האָלצמאן וועט ליגען אויף דער ערד מיט די פיס צו דער טהיר, איינגאנצען איבערגעדעקט מיט דער טענדערווערענדע. דאָס טוידטע פנים וועט מען ניט זעהען, נאָר די שפיצען פיס וועלען אויסשטעקען. און א ליכטעל וועט ברענען ביי איהם צוקאָפּענס. און פון ביידע זייטען אויף דער ערד וועלען זיצען איבער איהם די מאמע שרה־ברכה מיט דער שוועסטער זלאטקע, וועלען איהם בעוויינען, ברעכען די הענד און לייענען מיט א ניגון א גאנץ צעטעל, ווי פון א מענה־לשון: "הארציגער זוהן! טהייערער ברודער, געטרייהער! אויף וועמען לאָזט דו אונז אי־אי־אי־בער?!..."

ער געדענקט איהם, דעם דאָזיגען טרויעריגען ניגון, פון האָלענעשטי — לאָח די חזנ'טע האָט אמאָל בעוויינט איהר אלטע מאמע, וואָס איז געשטאָרבען צו עטליכע און זיעבעציג יאָהר. און עס דאכט זיך איהם אויס, אז ער פיהלט דאָ דעם טוידט, עס שמעקט מיט רפואות, מיט אפטייק, מיט בר־מינן — און עס ווילט זיך איהם אין דער מינוט נור לויפען, לויפען אין דער וועלט אריין.

נאָר אָנשטאט דעם, ער זאָל לויפען, בלייבט ער זיצען, בויגט זיך אָן איבער האָלצמאנ'ען און רעדט צו איהם אזוי ווארעם, אזוי פריינדליך, און טרייסט איהם און זאָגט איהם צו, אז ווי נור ער קומט קיין אמעריקא, אזוי שרייבט ער איהם באלד א בריעף, אלע טאָג וועט ער איהם שרייבען בריעף, און וויבאלד ער, האָלצמאן, וועט נור אויפשטעהען פון בעט — און אויפשטעהען וועט ער דאָך גאָר אין גיכען — אזוי זאָל ער זיך אויפזעצען מיט דער שוועסטער און מיט דער מאמע און פאָהרען גלייך צו איהם קיין ניו יארק, גלייך צו איהם...

ראפאלעסקא קוקט אראָפּ צו זיך אויף די שפיץ שטיוועל. ער פיהלט, אז עס ברענט אויף איהם דאָס פנים, וואָרום ער זאָגט א ליגען, א גרויסען ליגען: האָלצמאן וועט ניט געזונד ווערען קיינמאָל. ער וועט קיין אמעריקא ניט פאָהרען קיינמאָל. און ווען ער וואָלט אפילו זיין געזונד און קאָנען פאָהרען, וואָלט איהם די נייע קאָמפּאניע סאי־ווי ניט וועלען מיטנעמען. ניט איהם, ניט זיין שוועסטער — ס'איז דורכאויס ליגען, שקר וכזב! נאָר ראפאלעסקא האָט אָנגעהויבען לייגען, לייגט ער ווייטער, אין איין אָטהעם. "אודאי — זאָגט ער — וואָלט גלייכער געווען, ווען די שוועסטער זאָל פאָהרען באלד מיט דער גאנצער קאָמפּאניע, קאָן זי אָבער ניט. ווי קאָן זי איבערלאָזען דעם ברודער אליין אין לאָנדאָן?"...

דאָ חאפּט איהם אָן האָלצמאן ביי א

האנד און עס צינדען זיך איהם אָן די שפּיציגע אויגען און אין הארצען חריפּעט איהם: "א יתומה... נעבאך א יתומה..." מעהר קאָן האָלצמאן ניט ארויסרעדען. עס שטיקען איהם די טרערען...

— זיי געזונד, בערנהארד! — זאָגט איהם ראַפּאַלעסקאָ נאָך א מאָל, צום לעצטען מאָל, און איז צופריעדען, וואָס ער איז שוין אויף יענער זייט טהיר און זעהט שוין ניט מעהר פאר זיך דעם האלב־טוידטען האָלצמאנ׳ען און הערט שוין ניט מעהר דעם שארפען ריח פון רפואות, פון אפּטייק, פון בר־מינן... ער קוקט זיך ארום און דאנקט גאָט, וואָס ער האָט אין דער מינוט חאָטש ניט בעגעגנט נישט זלאטקען, נישט די אלטע שרה־ברכה. וואו זענען זיי?... זאָל ער זיי אָפּווארטען? ניין. ער וועט בעסער געהן פאָהרען. עס גלוסט זיך איהם לויפען, שפּרינגען, נאָר ער האלט זיך איין, מאכט לאנגזאמע טריט, זעצט זיך ארויף פאַוואָלינקע אויף׳ן הויכען קעב, וועלכער האָט איהם אויף און פיהרט איהם געשווינד אָפּ צו דער באהן. דאָרט טרעפט ער דיא גאנצע קאָמפּאניע:ביידע ברידער שוואלב מיט דער שוועסטער די פּרימאדאָנע און דעם לאָמזשער חזן מיט׳ן מוזיקאלישען געזינדעל... וואָס אזוי שפּעט? מיר קאָנען נאָך אָנווערען דאָס שיף"...

ערשט דעמאָלט אָטהעמט אָפּ אונזער העלד א ביסעל פרייער, אז ער שטעהט שוין אויף׳ן אויבערדעק פון׳ם "אטלאנטיק," און דאָס שיף געהט אָפּ פון סויטהעמפּטאָן רוהיג, מיט גדלות, מיט זעלבסטרעשפּעקט, גרויסארטיג־שען. אויך דאָס וועטער איז דאָ שען. נישטאָ די קאלטע וואָלקענס מיט דער געדיכטער "פאָגע" פון׳ם קאלטען לאָנדאָן. פריינדליך קוקט אראָפּ די ליעבע זונן פון ריינעם הימעל. שטיל און גלאט, ווי שפּיעגעל־גלאָז, איז דער ים. און עס גליטשט זיך דאָס שיף איבער׳ן וואסער, קוים־קוים וואָס ריהרט אָן די וועלען, וועלכע הויבען ערשט אָן ארויסצוטרעטען, בויגען זיך און בוקען זיך, לאָזען זיך זעהען, געבען אָפּ א גרוס פון׳ם גרויסען ברייטען ים, וואָס בעוועגט זיך און שטעהט אויף איין אָרט פון אייביג ביז אייביג. און א ליעבע ווארעמקייט צעגיסט זיך ביי ראפּאלעסקא׳ן אין אלע גליעדער. ער פיהלט זיך פריי. ער פאָהרט אהין, אהין, צו זיין געליעבטער, צו זיין איינציגער געליעבטער... נאָר פּלוצים וואכסט אויס הארט נעבען איהם הענריעטא שוואלב, אויסגעפּוצט ווי תמיד און אויסגעציערט אין אלע עכטע און פאלשע בריליאנטען, ווי תמיד. זי גיט איהם איהר האנד און זיי לאָזען זיךביידע שפּאציערען איבער׳ן אויבערדעק. הענריעטא האָט זיך אויפגעהאנגען אויף זיין האנד; זי פערקוקט איהם אין די אויגען און לאכט מיט איהר הילכיגען קאָקעטישען געלעכטער און בעווייזט פאר דער גאנצער וועלט איהרע שענע פּערלדיגע צייהנדלעך. און די גאנצע וועלט קוקט נאָך מיט אויגען דעם דאָזיגען פּאָרעל און ווילען טרעפען, ווער איז דאס: שוועסטער און ברודער? חתן־כלה? אָדער אפשר גאָר מאן און ווייב?...

אָט אזוי האָט אונזער העלד געזעגענט זיך מיט זיינע פריינד, מיט זיינע סאמע נאָהענטע פריינד, מיט האָלצמאנ׳ען, וואָס איז איהם געווען געטריי ווי א ברודער, און מיט האָלצמאנ׳ס שוועסטערל, וואָס איז איהם געווען איבערגעגעבען ווי א שוועסטער, מעהר ווי א שוועסטער... "זיי געזונד, בערנהארד" — אָט איז געווען אינגאנצען, וואָס ראפּאלעסקאָ האָט געהאט צו זאָגען צו זיין פריינד בערנהארד האָלצמאן.

קאפּיטעל 129.

אָ שלים־מזל׳דיגער קוש

אויב ראפּאלעסקא האָט זיך געהאלטען מיט האָלצמאנ׳ס שוועסטערל ווי

א ברודער, האָט ער זיך מיט דער פּרימאַדאָנא שוואלב אליין נישט געוואוסט, וויא אזוי צו האלטען. פון תמיד אָן האָט הענריעטא געטאנצט ארום איהם, געקאָקעטיערט, געשפּיעלט מיט איהם אָפּט אין ברוגז׳לעך. אליין ביי זיך אין הארצען האָט זי גאנץ גוט געוואוסט, אז ער איז צו איהר קאלט ווי אייז, נאָר פאר דער וועלט האָט זי ארויסבעוויעזען, אז ער איז אין איהר פערליעבט סכנות און אז זי איז זיינע נאָך נישט א אָפיציעלע כלה.

פון דעם האָבען געוואוסט אלע. מע האָט שוין אפילו געהאט געשמועסט וועגען ברעכען טעלער און וועגען שטעלען א חופּה. נאָר ווי אזוי מאַכט מען דאָס? פאראן א צרה, וואָס הייסט האָלצמאַן. דיא ברידער שוואלב האָבען ארויסגעזעהען אז כל־זמן ראפּאלעסקאָ וועט זיין נאָהינט מיט זיין פריינד און אימפּרעסאריאָ, וועט האָלצמאַן נישט דערלאָזען, אז דער "יאט" זאָל אריינפאלען צו זייער שוועסטער אין די הענד אריין. האָבען זיי גענומען זוכען מיטלען, ווי אזוי פּטור צו ווערען פון אָט דעם "יאדעשליוועו שלים־מזל" (האָלצמאַן). און גאָט האָט זיי געהאָלפען, עס איז זיי געראָטען ארום און ארום, נאָך מעהר ווי זיי האָבען געוואָלט. נישט נור האָבען זיי בעדארפט פּועל׳ען ביי ראפאלעסקאָ׳ן, ער זאָל מיט זיי מיטפאָהרען אינ׳ם גאָלדענעם לאנד, ראפאלעסקאָ אליין, דערהערט, אז זיי קלויבען זיך קיין אמעריקא, האָט ער כמעט אָנגעשלאָגען זיך צו זיי, אז ער וויל מיט זיי מיטפאָהרען. דיא ברידער שוואלב זענען געווען אויפ׳ן זיעבעטען הימעל: "דער יאט איז טאקי, אפּנים, רעכט פערקנאקט אין אונזער דורבאטש?" — אזוי האָבען די דאָזיגע ברידער אָפּגע׳פּסק׳ענט צווישען זיך. שוטים! זיי האָבען ניט געוואוסט, ווּעמען זיי האָבען דערמיט צו פערדאנקען. זיי האָבען ניט געוואוסט, אז די אייגענע בריינדעלע קאָזאק, וואָס האָט גערופען קיין ניו־יאָרק זייער שוועסטער די פּרימאַדאָנא, האָט געצויגען אהין אויך ראפאלעסקאָ׳ן דערמיט, וואָס דאָרט געפינט זיך אצינד זיין געליעבטע, דעם חזנ׳ס טאָכטער פון האָלענעשטי. און די ברידער שוואלב האָבען אָפּגעשמועסט, אז ווי באלד מע קומט צופאָהרען קיין אמעריקא, אזוי שטעלט מען אוועק "פּיער שטעקענס" — און גע׳פּטר׳ט איין עסק. דערווייל דארף עס נאָך זיין בסוד־סודות, קיין פויגעל טאָר דערפון ניט וויסען.

פערשטעהט זיך, אז דער סוד איז ניט פאר אלעמען. פאר וועמען עס דארף זיין א סוד, און פאר וועמען ניט. למשל, פאר מיסטער קלאמער איז ביי ניסעל שוואלב, ווי מיר ווייסען, בכלל נישטאָ קיין סוד. מיסטער קלאמער איז געווען דער ערשטער, וואָס איהם האָט ניסעל שוואלב פערטרויעט דעם דאָזיגען גלענצענדען פּלאַן. מיסטער קלאמער האָט איהם אויסגעהערט, ווי זיין שטייגער איז, מיט צוגעמאכטע אויגען און גלעטענדיג מיט פּיער פינגער זיין הערצל־באָרד. און אז יענער האָט געענדיגט, האָט איהם מיסטער קלאמער געזאָגט, אז פאר איהם איז דאָס כלל ניט קיין נייעס, ער ווייסט עס פון לאנג; און אז ער האָט קעגען דעם שדוך גאָרנישט וואָס אויסצוזעצען, בלתי נור איין זאך, אז מע טאָר נישט פערלאָזען אין דער לאנגער באנק, איינס־צוויי־דריי, ווי זאָגט דער אייגעלשמען: "סלאָו אט סטארט פאסט אט ענד". מע דארף זעהען וואָס גיכער קודם ברעכען טעלער, און טאקי באלד, און טאקי שוין שטעלען א חופּה, וועט זיין אָלל־ראיט. ווארום אָט די חברה פּייפּערס (דאָס מיינט ער אקטיאָרען) זענען א פּאָלק, וואָס פּי־פּו־פּא!

מיסטער קלאמער האָט ארויסגענומען די פּיער פינגער פון זיין הערצל־באָרד און האָט א מאך געטהאָן מיט זיי אין דער לופטען דריי מאָל הין און צוריק —

צו בעווייזען, וואָס די חברה פּייפּערס זענען.

די זעלבע מיינונג פון שטעלען א חופּה איז געווען אויף זייער דריטער קאָמפּאַניאָן, דער לאָמזשער חזן, מיט וועלכען ניסעל שוואלב האָט זיך פערשלאָסען אונטען אין קעלער בעזונדער אין א חדר און בסוד־סודות איבערגעגעבען איהם דעם גאָלדענעם פּלאַן. און מחמת זאָס דאָזיגע חדר איז געווען די "קיטשען", וואו די לאָמזשער חזנ'טע האָט סאמע געקאָכט "דינער", איז דאָס שוין פאר דער חזנ'טע אויך געווען אויס געהיימנים, אויס סוד, און דעם חזנ'ס קינדער, דאָס גאנצע מוזיקאלישע געזינדעל, אלע האָבען ארויסגעקוקט, ווען וועט מען ברענגען טעלער און ווען וועט מען שטעלען חופּה?

נאָר איין מענש האָט פון דעם אלעם נישט אָנגעהויבען צו וויסען. דאָס איז געווען לעאָ ראפּאלעסקאָ. איהם איז אפילו אויף די געדאנקען נישט געקומען, וועגען וואָס דאָ האנדעלט זיך. זיין קאָפּ און זיין הארץ זענען געווען, ווי מיר ווייסען שוין פון לאנג, דאָרטען, וואו דעם חזנ'ס טאָכטער, די איצט בעריהמטע ראָזא אָדער ראָזאליע ספּיוואק, צו וועלכער ער שטרעבט מיט אלע כחות, וועלכע ער זעהט אין חלום ביינאכט און בייטאָג אויף דער וואָהר, צוליעב וועלכער ער האָט זיך בעשלאָסען אוועקווארפען אויפ'ן טוידטען בעט זיין אלטען גוטען פריינד האָלצמאַן, וואָס האָט זיך מפקיר געווען צוליעב איהם, און זיין שוועסטערעל, וואָס איז איינגעגאנגען ווי א ליכט, נישט געקאָנט זיך אפילו געזעגענען מיט איהם... אך! וואָס פאר מיאוסע מעשים ער האָט אָפּגעטהאָן אין דער לעצטער צייט — ער קאָן זיך עס גאָרניט מוחל זיין.

און ליגענדיג איצט ביי זיך אָט דאָ איינער אליין אויף זיין וויעג־בעטעל אין שיפּסקעבין, וואו ער הויבט אָן ביסלעכווייז קומען צו זיך, טראכט ער זיך: "ווי אזוי האָט ער געקאָנט אזוי ניעדעריג פאַלען, אזוי מיאוס בעגעהן זיך מיט די סאַמע נאָהענטע גוטע פריינד, פּראָסטע אומשולדיגע מענשען?"...

ווי א טרויעריגער קאלײדעסקאָפּ, ווי א פּאנאָראמע פון אלערליי בילדער, איינס שווארצער פונ'ם אנדערען, געהט איהם דורך פערביי דאָס גאנצע לעבען זיינס ביז אהער, און ער זעהט ניט פאר זיך כמעט קיין איין לויטערען פּונקט, ניט איין פּינטעלע א ליכטיגס. דורכאויס פינסטער, דורכאויס נידערטרעכטיג, דורכאויס פערברעכען, פערברעכען, פערברעכען, פערברעכען: דעם טאַטען בע'גנבה'ט... פון דער היים אנטלאָפען... דיא מאמע גע'הרג'עט... האָלצמאנ'ען אָפּגעליגנערט... זלאטקען אָפּגענארט, מיאוס אָפּגענארט, זיך פערשטעלט פאר א ברודער, איהר צוגעזאָגט ליעבע, צעבראָכען א יונג אומשולדיג הארץ... און איצט פאָהרט ער אין א ווייט אומבעקאנט לאנד אויף שטענדיג, אויף אייביג! ניין. ער איז ניעדעריגער פון ניעדעריג. ער איז ווערטה מע זאָל איהם פיינד האָבען. און ער האָט זיך פיינד אין דער מינוט, און ער שלאָגט זיך על־חטא, און ער איז זיך אליין נמאָס, נמאס ומאוס! "אוי, דער קאָפּ! דער קאָפּ!"

— אלץ דער קאָפּ?...

אזוי פרעגט איהם א קענטליכע שטימע, א שטימע פון א פרוי, וואָס זיצט איבער זיין בעטעל, האלט די האנד אויף זיין שטערן, גלעט איהם און שארט איהם די צעוואָרפענע האָר פונם קאָפּ ארויף און קוקט איהם אין די אויגען אריין אזוי ווארעם, אזוי ליעב און אזוי פריינדליך. ווער זאָל דאָס זיין? ער דערפיהלט א ריח פון פּודער און פּארפומען, בעקאנטע פּארפומען. ער וואָלט געמעגט שווערען, אז דאָס איז הענריעטא שוואלב. ער עפענט אויף איין אויג, דאָס אנדערע אויג און דערזעהט פאר זיך נאַ־

הינט א בעקאנט ווייס אָנגעפּודערט פּנים מיט רויטע אָנגעפּארבטע ליפּען. יאָ. דאָס איז הענריעטא שוואלב. דאָס ווייסע אָנגעפּודערטע שמעקענדיגע פּנים איז איהם נאָהינט, גאנץ נאָהינט צו זיין פּנים. איהרע אויגען קוקען איהם טיעף אין די אויגען אריין. און די רויטע שטארק אָנגעפּארבטע ליפּען שעפּטשען איהם שטיל פון דער נאָהינט: "טהייערער! שענער! טהייערער!"...

אין דער מינוט ווערד אלץ פערגעסען. פערגעסען, אז ער האָט זיך נור־וואָס געשלאָגען על־חטא. פערגעסען אפילו, וואוהין און צוליעב וועמען ער פאָהרט און וואו ער איז. און ווער ער איז. און ער הערט זיך צו, ווי די האנד גלעט איהם, און ווי די אויגען קוקען אויף איהם, און ווי די ליפּען שעפּטשען איהם: "שענער! טהייערער!" — נאָך א מינוט — און ער נעמט זי ארום מיט זיינע הענד. נאָך א מינוט און איהרע רויטע ליפּען בויגען זיך צו צו איהם נאָך נעהינטער און גיסען זיך צענויף מיט זיינע ליפּען און ווערען פערשטאָרבען אין א לאנגען־לאנגען קוש.

עס איז מורא צו האָבען, אז דער דאָזיגער קוש וועט אונזער העלד ניט אָפּלויפען גלאט. דאָס איז געווען אויב ניט קיין אויסגערעכענטער קוש, א קוש פאר עדות, וואָרום וואָס דענן זענען פון יענער זייט טהיר גראָד אין דער צייט אויסגעוואכסען דריי פערשוינען: ניסעל שוואלב, מיסטער קלאמער און דער לאָמזשער חזן?...

דאָס איז געווען פאר אונזער העלד א געפעהרליכער, א שלים־מזל'דיגער קוש, ווי מיר וועלען דאָס ארויסזעהן שפּעטער פון די וויטעריגע קאפּיטלעך פון אונזער ראָמאן. דערווייל וועלען מיר בעטען דעם לעזער מיט אונז אריינטרעטען אין דער גרעסטער שענסטער שטאָדט פון דער גאָלדענער מדינה — אין ניו־יאָרק.

קאפּיטעל 130.

„אמעריקא! אמעריקא!"

פון זינט כריסטאָפאָר קאָלומבוס האָט אין'ם 1492 יאָהר ענטדעקט אמעריקא ווערד דאָס זעלבע לאנד ענטדעקט כמעט יעדען טאָג פון יעדען איינציגען, וואָס קומט צו־פאָהרען מיט'ן שיף צו די ברעגעס פון ניו יאָרק. כמעט דאָס זעלבע, וואָס האָבען געפיהלט קאָלומבוס און זיינע מיטרייזענדע, אז זיי האָבען דערזעהן פון דערווייטענס אויסשניידען זיך לאנד, פיהלט יעדער "עמיגראנט, אז ער דערזעהט מענשען שטעהען אויף'ן אויבערדעק פון שיף, אָנגעלאדען מיט בינאָקלס און פערגרעסערונגס־גלעזער און קוקען ארויף, וואו עס שניידט זיך אויס פון דערווייטענס פריהער שווארצע, דערנאָך גרויע, דערנאָך בלויע, דערנאָך געלע, דערנאָך גרינע שטיקער לאנד, און זיפצענדיג זאָגט אָן איינער דעם אנדערען, יעדער אויף זיין שפּראך, די גוטע בשורה: "אמעריקא! אמעריקא!"

— אמעריקא! אמעריקא! —רופט אויס א הייסער איטאַליענער מיט געדיכטע שווארצע שמייכלענדיגע וואָנסים, מיט געזונדע הענד, פארטיגע צו וואָס פאר איין ארבייט איהר ווילט.

— אמעריקא! אמעריקא! — זינגט אויס א שפּאנישע פרוי, א ברונעטין, מיט פייעריגע אויגען און מיט א רויטער זיידענער שאל, וועלכע דער ווינד האָט א ביסעל צעבלאָזען און בעוויזען איהרע שווארצע גלאנצענדיגע האָר, נאָר־וואָס פערקעמטע און מיט פעטען אָנגעשמירטע לכבוד אמעריקא.

— אמעריקא, פּראָשע פּאנא! — זאָגט איין פּוילען צום אנדערען, און ביידע האלטען אין איין גלעטען דיא אויסגעפּוצטע לאנגע פּוילישע וואָנסים.

— אמעריקא, אָ יא! — רופט זיך אָפּ א גראָבער דייטש, וואָס די גאנצע גראָבקייט איז איהם אריין אין בויך

אין דעריבער חאפּט ער דעם אָפּבליק פוי
א פעטעל ביער.

— אמעריקא ! אָ יעם ! — האלט
איהם אונטער א קאלטער ענגלענדער
מיט קעסטעלדיגע הויזען מיט א רויט
געגאָלט פּנים, וואָס זעהט אוים, ווי א
האלבגעבראָטענער ביפשטעקס.

—הורא, אמעריקא ! — בעגריסט
איינער נישט קיין געצוואָגענער דאָס
לאנד און מאכט מיט׳ן היטעל אויף׳ן
רוסישען שטייגער.

— באנזאי, אמעריקא ! — זאָגט צו
זיך אליין א טונקעלער יאפּאנער מיט
שמאָלע קאסאָקע אויגלעך און מיט דינע
אויסגעבויגענע פּיסלעך, האלט אין איין
האנד א קליין געל טשעמאָדאנדעל מיט
אָ פלעד מיט אָ שירם — זיין גאנץ ביי־
סעל באגאזש.

— אמעריקא, וועה איז צו מיר ! —
קלאָגט א יודיש ווייבעל, א שווארצ־
חנעוודיגע, מיט א פאריקעל און מיט
צוויי קינדער, איינם ביי דער האנד און
דאָס צווייטע אויף דיא הענד. אָהן א
טראָפּען בלוט אין פּנים שטעהט זי און
קוקט אהין, וואו עס שניידען זיך איהר
פון דערווייטענס שפּיץ קוימענס, הויכע
דעכער, ווייסע ווענד מיט פענסטערלעך,
קוים וואָס מע זעהט זיי נאָך, און דאָס
הארץ קלאפּט איהר שוין בעצייטענס,
און שוין איז זי פול מיט יסורים, מיט
דאגות און מיט זאָרג : ווער ווייסט אויב
מע וועט זי אריינלאָזען אין דעם אמע־
ריקא מיט איהרע עופה׳לעך ? ווער
ווייסט, אויב זי וועט ניט האָבען דאָ
דאָס אייגענע, וואס זי האָט געהאט אין
דייטשלאנד ? ווער ווייסט, אויב איהר
מאן וועט קומען זי אראָפּנעמען פון שיף?
ווער ווייסט, אויב מע דארף דאָ ניט קיין
פּאס אזוי ווי דאָרט, אין דער היים ?
ווער ווייסט, אויב מע האָט ניט צע־
נגבה׳ט דאָ אלע איהרע קישעלעך מיט׳ן
בעטגעוואנט ?...

מע קאָן זאָגען כמעט פאר געווים, אז
פון אלע פּאססאזשירען, וואָס זענען אָנ־
געקומען דעם דאָזיגען טאָג קיין ניו־
יאָרק מיט׳ן שיף "אטלאנטיק", האָט זיך
קיינער אזוי ניט געשטופּט בעצייטענס
צום ארויסגאנג, קיינער האָט זיך אזוי
ניט געערגערט, קיינער איז ניט געווען
אזוי אויפגערעגט־נערוועז, אזוי אומ־
גליקליך־משוגע, ווי אונזערע אחינו בני
ישראל. און דאָס איז גאנץ גרינג צו פער־
שטעהן : דער גרעסטער טהייל פון די
יודישע פּאסאזשירען זענען דאָך פון
דעם מין, וואָס מע רופט עס "עמיגראנ־
טען". דאָס זענען דאָך מענשען, וואס קו־
מען קיין אמעריקא צו געפינען דאָ א
נייע היים, אָנשטאט יענע אלטע היים,
וואָס האָט זיי אזוי מיאוס בעהאנדעלט
און אזוי אונערבארעמליך ארויסגעוואָר־
פען... און זיי קוקען ארוים אוי׳ף׳ן
לאנד, ווי אויף משיח׳ן. און זיי שלאָגען
זיך צענויף אלע ווי די שאָף. דאָס הארץ
קלאָפּט. דער פּולס שלאָגט הונדערט
צוואנציג. "רבונו של עולם, ליעבער גאָט!
וואָס ערווארטעט זיי דאָ, אין׳ם דאָזיגען
געבענשטען לאנד ?"

זעלטען־זעלטען ווער פון זיי עס האָט
ניט אין ניו יארק א זוהן אָדער א טאָכ־
טער, א מאן אָדער א ווייב, א קרוב, א
גואל, א פריינד, א בעקאנטען, וואָס
ווארט אויף זיי ביי׳ם ברעג און איז
גרייט "אראפּצונעמען" זיי פון שיף, אום
צו פערגרינגערען זיי דעם פּיין, וואָס מע
האָט אויסצושטעהען אויף דער ערשטער
סטאנציע, וואָס מע רופט עס דאָרט מיט
א שענעם נאָמען : "טרערען־אינזעל".

אך, "טרערען־אינזעל" ! א סך טרע־
רען זענען דאָ אויסגעגאָסען געוואָרען,
און עס גיסען זיך נאָך דאָ טאג־טעגליך
טרערען, א ים מיט טרערען, צום מיינס־
טען — י ו ד י ש ע טרערען... פאר
יודישע עמיגראנטען איז דאָס א מין
אָפּקומעניש, א חבוט־הקבר, א שטיקעל
פאָר־גיהנם, וואו זינדיגע מענשען מוזען
דורכלייטערען זייערע נשמות, בכדי זיי

זאָלען קאָנען נאָכדעם אריינקומען אין גן־עדן. אמאָל האָט דאָס דאָזיגע פאָר־גיהנם געהייסען “קעסעל־גארדען”. היינט הייסט עס “עלים איילאנד”. ווי איהר זעהט, האָט זיך דער נאָמען געביטען אבער די צרות מיט די לײדען, די זיפצען מיט די טרערען, די בזיונות מיט די שפיכות־דמים זענען געבליבען די זעלבע און וועלען מסתמא בלייבען מיט'ן אויבערשטענס הילף ווייטער אויך די זעלבע, כל־זמן מענשען וועלען געוועלטיגען אויף מענשען, כל־זמן מענשען וועלען ארויסבעווייזען פון צייט צו צייט, אז אין זיי געפינען זיך נאָך סימנים פון חיות...

* * *

צווישען אלע איבעריגע פאסאזשירען, וואָס זענען ארויס אויפ'ן אויבערדעק אָנקוקען דאָס גאָלד'נע לאנד דערווייל פון דער ווייטען, זענען געווען אויך די בלאָנזענדע ארטיסטען פון אונזער נע־ונד'נער טרופפע “קלאמער, שוואלב עט קאָמפּ”. א פערגעניגען געווען אָנצוקוקען די דאָזיגע גרופּפע פריילִיכע עמיגראנטען, וואָס האָבען זיך אויסגעפוצט, יעדער נאָך זיין גוסט און נאָך זיין שטאנד, צוגעגרייט זיך מקבל פנים זיין “דיא גאָלדענע מדינה פון קאָלומבס'ען”, ווי עס געהער צו זיין, פייערליך, יום־טוב'דיג.

דיא ברידער שוואלב האָבען זיך אָנגעטהאָן אין זייערע שענסטע יום־טוב'דיגע קליידער, פריהער זיך גוט “ארומגעשיווט”, נישט איבערגעלאָזט קיין סימן פון געוואוכס אויפ'ן פנים — ווער מיר באָרד ? וואָס מיר וואָנסים ? גלאט און ריין, וויא א טעלער. און דאָך האָבעןביידע ברידער געהאט פערשיעדענע פנים'ער. איינער (ניסל) האָט אויסגעזעהען, ווי א דייטש א קאָלבאסניק אינ'ם הייליגען זונטאג, און דער אנדערער (איזאק) איז מעהר געווען עהנליך צו א רוסישען קאפראל, וואָס איז נאָרוואָס ארויס פון דער דיענסט און געגעבען זיך דאָס וואָרט ניט טרינקען מעהר קיין בראָנפען, נאָר ביער.

דערפאר האָט אָבער מיסטער קלאמער אריבערגעשטייגט זיי ביידען. ער האָט דאָס א ביסעל צעקעמט זיין הערצעל־באָרד רעכטס און לינקס, עפּיס גאָר מעשה סקאָבעליעוו. דאָס שניי־ווייסע העמד מיט'ן ווייסען שניפּס אונטער'ן שטארק אויסגעשניטענעם סמאָקינג האָבען איהם בעדארפט צוגעבען חן פון איין אמת'ען דזשענטעלמען, ווען ער זאָל נור ניט געווען חאפּען דעם אָפּבליק פון איין אָבערקעלנער אין א גרויסארטיגען האָטעל. דורכגעהענדיג אין שפּיגעלדיגען “דייניגרום”, האָט ער געחאפּט א קוק אויף זיך אין שפּיעגעל, געבליעבען שטעהן א ווײלע, ווייזט אויס, גאנץ צופריעדען. ער איז געווען איבערצייגט, אז אויפ'ן גאנצען שיף איז ער אויב ניט דער שענסטער מאנספּאַרשוין, און פארקעהרט, לאָמיר זעהן, וואָס וועט זאָגען ניו יאָרק ? אפשר איז אין אמעריקא דאָ שענערע פון איהם, און אפשר ניין ?... מיסטער קלאמער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאלטען, ער זאָל ניט א זאָג טהון צו זיך אליין מיט זעהר א בעשיידען שמייכעלע :

— מיסטער קלאמער ! איהר זענט אָלל־רייט. . .

גאנץ אנדערש איז דאָס געווען מיט'ן פיערטען שותף פון דער דאָזיגער קאָמפּאניע. מיר רעדען פון'ם לאָמזשער חזן. דער לאָמזשער חזן, חאָטש ער איז שוין לאנג פון פוילען און חאָטש ס'איז נישטאָ ביי איהם קיין זכר פון קיין פאות, און אויב איהר וועט מיר צוזאָגען, אז צווישען אונז וועט דאָס בלייבען, וועל איך אייך דערצעהלען א סוד, אז ס'איז א סברה, אז אפילו דאָרט, וואו עס הויבט זיך אָן ביי איהם באָרד. . . נאָר למאי זאָלען מיר רעדען לשון־הרע? קורץ, ער האָט ארויסבעקומען זיין אלטע חזנ'ישע שבת'דיגע קאפּאָטע מיט'ן זיידענעם ביי

נארטעל. די וועסטע האָט ער פּערשפּילעט ביז ארויף און אַ פּנים האָט ער אָנגעצויגען אויף זיך אזא פּרומס, אז ביידע שוואלבס מיט׳ן מיסטער קלאמער האָבען זיך נישט געקאָנט איינהאלטען און האָבען אלע דריי אויסגעשאָסען:

— וואָס איז דאָס?

— אמעריקא! — האָט זיי אָפּגעענטפערט דער לאָמזשער חזן מעהר ניט אז מיט איין וואָרט און געגעבען זיי צו פערשטעהן דעם שכל: — אמעריקא, פערשטעהט איהר מיך, איז ניט יוראָפּ, און ניו יאָרק איז ניט לאָנדאָן. א מ ע ר י ק א איז א לאנד מיט א ממה־נפשך: ביזט דו אן׳ארטיסט—ביזט דו אן׳ארטיסט. ביזט דו א חזן — ביזט א חזן. האָט איהר עס צעקייעט?

אויב זיי האָבען עס צעקייעט אָדער ניט — דאָס ווייסט מען ניט. נאָר דער לאָמזשער חזן איז געגאנגען מיט א פּראקטישען דרך: ביז וואנען זיינע קינדער וועלען אמאָל אָנהויבען פּערדיענען געלד אין אמעריקא, ביז וואנען די חברה ארטיסטען וועלען אמאָל אָנהויבען שארען געָלד אין דער גאָלדענער מדינה, וועט ער דערווייל חאַפּען א דאַווען ביי׳ם עמוד (עס געהט צו ימים־נוראים) טאקי פאר זיינע לאנדסלייט, די לאָמזשער יודען וואָס האָבען איהם ארויסגערופען אהער מיט זיין מוזיקאַלישע געזינדעל. דאנקען גאָט, ער פיהלט זיך נאָך א־ן כח. ער האָט אויף׳ן ים ניט פערלוירען גאָרניט פון זיינע כלים. פארקעהרט. די נסיעה אויף׳ן שיף, פיהלט ער, ה־אָט איהם ארדבה, נאָך דורכגעלויטערט אביסעל דיא שטימע און עס קיצעלט איהם אין האלז, און עס נאָרגעלט זיך איהם, און עס זינגט זיך איהם דעם גאנצען פריהמאָרגען, פון זינט מע האָט אָנגעהויבען ארויסצוזעהען פון דער וויטען דאָס לאנד. מיט איינעם וואָרט, דער לאָמזשער חזן האָט דערפיהלט דעם חזן, **האָט ער זיך אָנגעטהאָן, ווי א חזן,** **און ארויפגעצויגען אויף זיך דעם חזנ׳י־שען פּנים,** ווי עס פּאַסט פאָר א חזן צו די ימים נוראים. אויך די חזנ׳טע האָט זיך אָנגעטהאָן יום־טוב׳דיג. אויבען, אויף׳ן געלען פּאריק, א זיידענע פּעטשיילע, פערבונדען מיט צוויי שפּיצען, נאָר ביידע אויהרען ארויסגעשטעלט, מע זאָל זעהן, ערשטענס, די זילבערנע־פערגאָלדעטע אויהרינגלעך, וואָס באָמבלען זיך ביי איהר פון נאָך דער חתונה אָן, און, צווייטענס, פאר וואָס זאָלען ניט ארויסשטעקען חאָטש א ביסעל איהרע אייגענע בלאָנדע האָר? זי ווייסט דענן, וואָס פאר א לאנד אמעריקא איז? ווער ווייסט, וואָס געהט דאָרטען מעהר אָן: צי צניעות, צי חציפות? אפשר דארף מען דאָרט ביידע זאכען? א קשיא אויף אמעריקא?..

דערפאר זענען אָבער זייערע קינדער, דאָס מוזיקאלישע געזינדעל, געווען אויסגעקליידעט גאנץ אייראָפּעאיש. אלע, פון׳ם גרעסטען ביז׳ן קלענסטען. זענען זיי געגאנגען אָנגעטהאָן קינדערש: האלבע הויזלעך. גראָבע פּאָלקעס, קורצע מייטקילעך און קליינע קאפּעלושלעך אויף די לאנגע האָר. קורצע הויזלעך און לאנגע האָר האָבען געטראָגען אלע בעריהמטע "וואונדער־קינדער": הובערמאן, און פיעדעלמאן, און גרישא סטעלמאך, אזוי לאנג ביז ס׳איז נור געווען מעגליך צו בעהאלטען די באָרד און וואָנסים, וואָס צו א געוויסער צייט זוי־בען זיי אָן, ווי ס׳איז בעוואוסט, צו שפּראָצען און צו וואקסען מיט רוחות, חאָטש גאָלט זיי, חאָטש שניידט זיי, האָטש טהוט זיי וואָס איהר ווילט!

ווער־ווער — נאָר דאָס מוזיקאלישע געזינדעל איז געווען צופריעדען מיט דער דאָזיגער נסיעה מעהר פון אלעמען. זיא האָט ערוואַרטעט אין דער גאָלדענער מדינה דאָס, וואָס קיינער ניט. אז מע האָט זיי אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אז **מע זעהט שוין ארויס דאָס לאנד, זענען**

זיי ארוים אלע אויף'ן אויבערדעק, זיך ארומגענומען אלע, פערלייגט א האנד אויף א האנד, און אלע אינאיינעם האָבען זיי, גלייך ווי ס'איז ביי זיי געוועזן אָפּגעשמועסט פון פריהער, אויסגעצויגען איין אמעריקאניש ליעדעל צום טאקט פון די וועלען, וואָס האָבען שוין איצט געקלאָפּט מיט ווינציגער צאָרן, נאָר מיט מעהר ריטהם:

— אמע־רי־קא! אמע־רי־קא!...

קאפּיטעל 131.

רוהיג איז דער ים

רוהיג איז געוועזן דער ים ביי די ברעגעס פון אמעריקא, בעת דאָס שיף איז שוין געוועזן ניט ווייט פון ניו־יארק. ניט שטיל, נאָר ר ו ה י ג.

דער צעבייזערטער ים, אז ער בערוהיגט זיך, אָטהעמט ער אָפּ, ווי איין איינגעמאטערטע ריעזיגע חיה. גרויס איז דער ים, ווען ער צעשפּיעלט זיך און צעפּלעסקעט זיך מיט אלע זיינע וועלען. שען איז דער ים, ווען ער בערוהיגט זיך. מאַיעסטעטיש שען, געטליך שען.

א שלל פון פארבען, אלערליי פארבען, וועלכע עס פערמאָגט נור די מילדע נאַטור, האָבען זיך אין איהם איצט אָפּגעשפּיעגעלט צו דערפרעהען דאָס אויג פון די אויפגעלעבטע פּאסאזשירען, צו בעלוינען זיי פאר זייערע אנגסטען, וואָס ער האָט זיי פערשאפען אין די עטליכע שווערע טעג פון דער שווערער נסיעה. און פול זענען געוואָרען אלעמענס הערצער מיט דאנקבארקייט צו דער געטליכער נאטור און מיט בעגייסטערונג צו דער אייביגער מעכטיגקייט, וואָס האָט בעשאפען אזא גרויסע, אזא שענע, אזא ליעבע, זיסע וועלט. זיי האָבען מוחל געוועזן דעם ים, מוחל געווען מיט'ן גאנצען הארצען און האָבען אויסגעשאָטען אלע ווידער א מאל אויף'ן אויבערדעק פון שיף, ווידער א מאָל געגור־מען בעטראכטען און בעוואונדערען גאָט'ס ווערק, ווידער א מאָל געוועזן קאָנטעט, אויפגעלעגט און צופריעדען, גלייך ווי גאָרניט געוועזן.

נאָר אויב די אלע פארשווינען, וואָס אויף'ן שיף, זענען מיט זייער צוקומען נאָהינט צו די ברעגעס פון ניו יאָרק געוועזן צופריעדען, דארפען מיר זאָגען אויף דעם יונגען פּאָרעל, וואָס איז געשטאנען אויף'ן אויבערדעק גוארעמט, הארט איינס נעבען דאָס אנדערע, אז דאָס איז געוועזן א גליקליך פּאָרפאָלק, אויב ניט דאָס גליקליכסטע פּאָרפאָלק אויף'ן שיף. יעדענפאלס, אזוי האָט דאָס אויסגעזעהן. און שען איז געוועזן דאָס פּאָרעל, שעין און יונג און פריש און געזונד און גליקליך. א סך אויגען האָבען געקוקט אויף זיי און מקנא געוועזן. א גליקליך, גליקליך פּאָרעל!

ווער איז געוועזן דאָס יונגע פּאָרעל? פערשטעהט זיך, אז ניט קיין אנדערע, נאָר די פּרימאדאָנא שוואלב מיט איהר געליעבטען לעאָ ראפּאלעסקאָ. צי איז ראפּאלעסקא געוועזן גליקליך — ווייסען מיר ניט, נאָר אז הענריעטא איז געוועזן אויף'ן זיעבעטען הימעל — דאָס איז געווים.

גליקליכע, גליקליכע הענריעטא — זי האָט זיך עס דערלעבט! אזא צייט געווען אויף'ן געיעג, זיך נאָכגעיאגט נאָך דעם דאָזיגען שענעם בחור פון דעם ערשטען טאָג אָן, וואָס זי האָט איהם דערקענט אין לעמבערג, ביז דער סאמע לעצטער צייט אין לאָנדאָן. און ערשט דאָ, אויף'ן שיף, איז איהר געראָטען, זי האָט איהם געפּאקט — ער איז איהרער, ער איז איהרער!...

וואָס פאר א נצחון דאָס איז — דאָס ווייסט נור זי אליין, און ווייטער קיינער ניט. אין איהרע אויגען האָט אָפּגעשטראהלט דער דאָזיגער נצחון. איהר פּנים האָט געשיינט פון גליק, פון העכסטען גרעסטען גליק. אלע איהרע גליע־

דער האָבען געשריגען אין איין קול: "זעהט איהר אָט דעם שענעם בחור מיט די גוטע מילדע אויגען, מיט די בלאָנדע שענע לאָקען — גיט איהם נור נישט קיין עין־הרע — ער איז מיינער! מיינער! מיינער!"...

און זי לעהנט זיך אָן אויף זיין האנד נאָך שטארקער, און טוליעט זיך צו איהם נאָך נעהינטער, און פערקוקט איהם פון אונטען ארויף טיעף־טיעף אין די אויגען אריין, ווייל אויסטייטשען דאָס פייערעל, וואָס ברענט אין זיי, וויל וויסען, פון וועמען ער טראכט אצינד. פון וועמען? חאָ־הא — פון איהר מסתמא, פון וועמען דענן? אנו, זייט זיך קאָרשט מטריח, שפאציערט דורך פון איין עק שיף ביז'ן אנדערען, געהט דורך אלע קלאסען און געפינט נאָך אזא שען מיידעל, ווי הענריעטא שוואלב, מיט אזא ווייס פנים, מיט אזעלכע קארשען־ליפען, מיט אזוינע שיסענדיגע אויגען, וואָס קוקען כלומרשט קורצזיכטיג, מיט אזוינע פערעלדיגע צייהנדלעך, וואָס אז זי לאכט, זענען דאָך אלע מאנסבילען נאָך איהר די כפרה? אנו, געפינט נאָך איינע דאָ, אויפ'ן שיף, וואָס זאָל ליגען אזוי עלעגאנט אויף איהר דאָס קלייד, וואָס איהרע האָר זאָלען זיין אזוי גוויסארטיג פערקעמט, וואָס דאָס היטעלע זאָל זיין אזוי צוגעפאסט צו די האָר, וואָס דאָס קעלנערעל זאָל אזוי ארומנעהמען דאָס העלזעל, וואָס דאָס הענטשקעלע זאָל אזוי ארומנעמען דאָס הענטעל? היינט ווער פערמאָגט איהר שמוק? איהרע שטיינער?

אך, עס קאָן זיין, אז דאָ פאָהרען אויפ'ן שיף דאמען, וואָס פערמאָגען אפשר בעסערע שטיינער. למשל, אָט א יענע הויכע דארע טרוקענע ענגלענדערין מיט די גאָלדענע צייהן טראָגט אויף זיך שמוק — הענריעטא מעג זיך עס ווינשען פערמעגען חאָטש האלב —: אויפ'ן האלז — פערעל, אין דיא אויהרען — שמאראגדען, א מעדאליאָן — פון שמאראגדען, אויף אלע פינגער — בריללויאנטען, סאפירען, רובינען און שמאראגדען, שמאראגדען, שמאראגדען! נאָר וואָס פאר א פנים האָט די דאמע אליין? משטיינס געזאָגט! ווי זעהט עס אויס אויף איהר? וואָס פאר א חן דאָס האָט? ווען זי, הענריעטא א שטיינער, טהוט אָן אויף זיך אָט די שמאראגדען. אָ! זי וועט שוין אָבער האָבען שמאראגדען. זי וועט שוין האָבען. לאָזען זיי שוין נור קומען אין דעם אמעריקא. לאָזען זיי זיך נור ארומקוקען, וואו זיי זיינען אין דער וועלט. לאָז נור ראפאלעסקאָ זיך בעווייזען פאר דער וועלט. לאָז ער אקאָרשט אָפּשפּיעלען עטליכע פיינע גאסטראָלען, לאָז נור דאָס פובליקום דערזעהען, וואָס פאר איין אוצר דאָס איז — וועט שוין דעמאָלט זיין בריליאנטען מיט סאפירען, מיט רובינען, מיט שמאראגדען...

— געפעלט דיר א ביסעל שמאראגדען?

הענריעטא טוליעט זיך צו ראפאלעסקא'ן און לאָזט ניט אראָפּ פון דער ענגלענדערין איהרע כלומרשט־קורצזיכטיגע אויגען.

— וואָסערע שמאראגדען? — פרעגט ראפאלעסקא.

— בלינדער יאָץ! חא־חא, דו זעהסט ניט?

ניין. ער זעהט ניט. נישט קיין ענגלענדערין, נישט קיין שמאראגדען. ער קוקט גאָרניט אפילו אהין, וואו זי ווייזט איהם אָן. א פערטראָגענער מלאך דאָס איז, חא־חא!

הענריעטא צעלאכט זיך, ניט ווייל ס'איז דאָ וואָס צו לאכען, נאָר צוליעב דעם, זי זאָל בעווייזען איין איבעריגען מאָל איהרע פערלדיגע צייהנדלעך. און זי קוקט אויף ראפאלעסקא'ן מיט איהר נייעם קוק, וואָס זי האָט ניט־לאנג איינגעשטודירט אקעגען שפיעגעל.

דעם דאָזיגען קוק האָט זי גענאשט אין לאָנדאָן גאָר אין דער לעצטער צייט פון א קורצזיכטיגער דאמע מיט א לאָרנעט.

יענע דאמע האָט איהר אויסגעזעהען רייצענד, בעת זי האָט שטארק קורצזיכטיג געקוקט דורך'ן לאָרנעט, האלב־צענויפגעמאכט די אויגען און אינגאנצען צענויפגעצויגען די ברעמען. העגריעטא האָט באלד איבערגענומען די דאָזיגע פּאָזע. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט אקעגען שפּיעגעל, האלבצענויפגעמאכט די אויגען און אינגאנצען צענויפגעצויגען די ברעמען — און פון דעמאָלט אָן איז אוועק א גאנג.

— יענטעל, וואָס איז מיט דיר ? — האָט זי דער ברודער איזאק איינמאָל א חאַפּ געגעבען אויג אויף אויג.

— וואָס איז דענן, איציק ?

— וואָס קאָטשעבורעסט דו עס עפּיס פּלוצים מיט די אויגען, אז דו קוקסט ?.

העגריעטא איז רויט געוואָרען, אָפּגעשיקט דעם ברודער אין דער ערד אריין און האָט שוין אָבער אנדערש ניט געקאָנט קוקען, נאָר ווי יענע קורצזיכטיגע דאמע מיט'ן לאָרנעט.

אך, גליקליכע העגריעטא, ווער איז אצינד גלייך צו דיר ? דו ביזט יונג, דו ביזט געזונד, דו ביזט שען, דו ביזט רייצענד, און קיינער, קיינער, נאָר דו פּערמאָגסט אזא איין אוצר, אזא שאַץ, ווי ראפּאלעסקא, דיין ראפּאלעסקאָ. ער איז דיינער, דיינער, דיינער !

עס איז געוועזן א צייט — און גאָר נישט לאנג איז דאָס געוועזן — וואָס ער איז נאָך ניט געוועזן איהרער, ווייט ניט איהרער. עס איז איהר געשטאנען אויף'ן וועג זלאטקע. אָט דאָס קיי־און־שפּייענדיגע מיידעל מיט'ן שפּיצעכיגען נעזעל. העגריעטא אליין האָט נישט ארויסגעזעהען גאָרנישט, נאָר דער ברודער איזאק און דער ברודער ניסעל האָבען איהר געעפענט די אויגען... צו שטארק ברענען ביי איהר די אויגען, אז זי דערזעהט איהם. צו רויט ווערען ביי איהר די בעקלעך, אז ראפּאלעסקאָ קוקט אויף איהר, און צו אָפט בלייבען זיי איבער אליין אינצווייען... **דערויף האָט זי אויפ־**

מערקזאם געמאכט איהר ברודער איזאק. איינמאָל האָט ער איהר געזאָגט : "קום, דורבאטש, וועל איך דיר עפּיס ווייזען"... און ער האָט אָנגענומען העגריעטא'ן פאר א האנד און האָט זי צוגעפיהרט צו דער טהיר און געהייסען איהר אריינקוקען דורך'ן לעכעל פון'ם שליסעל. נאָר דאָס, וואָס העגריעטא האָט דערזעהן, איז געווען פּונקט דער היפּך פון דעם, וואָס איהר ברודער האָט געמיינט. זי האָט דערזעהן ראפּאלעסקאָ'ן ארומגעהן מיט איין אָנגעבויגענעם קאָפּ הין און צוריק מיט גרויסע שפּאנען איבער'ן צימער, די הענד פערשטעקט אין די קעשענעס, און דאָס קיי־און־שפּייענדיגע מיידעל מיט'ן שפּיצעכיגען נעזעל איז געזעסען אויף א שטוהל און האָט געוויינט.. "איהר ברודער — האָט ער נאָכדעם געזאָגט פאר זיי — איז מסוכן קראנק. דער דאָקטאָר זאָגט, אז האַלצמאן איז געפעהרליך"...

"א תירוץ פאר די בענשליכט. — האָט געדרונגען איזאק שוואלב, וואָס האָט נאָכגעקוקט נאָך זיי, ווי א רעכטער שפּיאָן. — אז דער ברודער איז געפעהרליך, דעריבער דארף די שוועסטער זיצען ביי א פרעמדען בחור אויף'ן שוים און וויינען מיט טרערען ? "... — "דו ליגסט, ווי א הונט ! " — האָט איהם העגריעטא א וואָרף געטהאָן אין פּניִם אריין און א קלאַפּ געגעבען מיט דער טהיר. און פון דעסטוועגען איז איהר דער וואָרעם אריין טיעף אין הארצען און געטאָטשעט־געטאָטשעט שטילערהייט. און א פייערעל האָט געברענט אין הארצען, אוי געברענט־געברענט !... דאנקען גאָט. ארויס פון דעם גיהנם. איצט איז זי מיט איהם אליין. איצט איז ניטאָ מעהר קיינער אויף'ן וועג. קיינער, קיינער, קיינער !...

דאָס ערשטע, וואָס וועט זיין, אז זיי וועלען קומען קיין ניו יאָרק — אזוי האָט אָפּגע'פּסק'ענט ביי זיך העגריעטא — **איז אָפּפאָטאָגראפירען זיך מיט איהם**

אין צווייען אין פערשיעדענע פּאָזען. פּאָזע נומער איינס : זיי געהען ביידע אויף'ן שפּאציער. פּעסט געאַרעמט. ער — אין זיין עלעגאנטען גרויען איבער־ראָק. זי — מיט א באָא אויף'ן האלז, דאָס היטעלע אויף א זייט... פּאָזע נומער צוויי : זיי זיצען איינס אקעגען דאָס אנדערע ביי א קיילעכיג טישעל. ער האַלט איהר הענטעל אין זיין האנד און קוקט אויף איהר אנפּאס, ווערענד זי האלט האלב־צענויפגעמאכט דיא אויגען, אינגאנצען צענויפגעצויגען די ברעמען, פּונקט ווי יענע קורצזיכטיגע דאמע מיט'ן לאָרנעט. פּאָזע נומער דריי : אויף א ליכטיגען פאָן צוויי קעפּלעך — זיין קאָפּ און איהר קאָפּ, — צוגעטוליעט פעסט איינס צום אנדערען. דאָ דארפען שוין איהרע אויגען זיין אינגאנצען אָפען און קוקען ארויף, ווי די הייליגע מאדאָנא... פּאָזע נומער פיער... נאָר ווי דערלעבט מען שוין, ווי דערלעבט מען שוין קומען קיין אמעריקא !

— נאָך עפּיס וויט צו אמעריקא ?

ער הערט נישט. ראפאלעסקא הערט ניט, וואָס הענריעטא שוואלב רעדט צו איהם, און זי קעהרט זיך אום צוריק צו איהרע מחשבות וועגען פאָטאָגראפירען זיך באלד ווי זיי וועלען קומען קיין ניו יאָרק. איהר ברודער ניסעל זאָגט אפילו, אז דאָס ערשטע, וואס וועט זיין אין ניו יאָרק, איז — שטעלען א חופּה. ער זאָל זיך, זאָגט ער, ניט שעמען, וואָלט ער נאָך דאָ, אויף'ן שיף, געשטעלט א חופּה — "ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס"... הענריעטא אָבער מיינט ניט אזוי. הענריעטא'ן ווילט זיך זיין פריהער א כלה, כאָטש עטליכע וואָכען א כלה. וואָס האָט זי קיין צייט ניט ? זי האָט אזוי לאנג דערויף ארויסגעקוקט. פאר וואָס זאָל זיך ניט צעטיילען אָט דער פערגעניגען ?...

— נאָך עפּיס וויט צו אמעריקא? — פרעגט זי ביי איהם נאָך א מאָל. נאָר ער הערט זי ניט. ער איז, אפּנים, גאָר אויף איין אנדער וועלט ? יאָ, אויף איין אנדער וועלט. אָט באלד, אָקערשט ווי מע זעהט ניט, איז ער דאָרטען, וואוהין ער שטרעבט אזוי לאנג, כמעט דאָס גאנצע לעבען זיינס. אָט באלד, אָקערשט ווי מע זעהט ניט, וועט ער זעהען די, וועלכע ער האָט ניט פערגעסען אויף קיין מינוט אפילו. ווי אזוי וועט זיין זייער ערשטע בעגעגעניש אין'ם דאָזיגען לאנד נאָך אזוי פיעל יאָהרען ? וועט זי איהם דערקענען? ער זי וועט שוין יאָ דערקענען. ער האָט איהר בילד, וואָס די מאדאם טשערניאק האָט איהם דאָ ניט לאנג צוגעשיקט. עס ליגט ביי איהם אָט דאָ אין בוזעמקעשענע... און ער דריקט מיט דער האנד אויף דער בוזעמקעשענע, און הענריעטא איז איבערצייגט, אז דאָס מיינט מען זי, וועמען דענן, אז נימז זי ?... און זי לעהנט זיך אָן אויף איהם נאָך נעהענטער, גאָר נאָהענט, און פערקוקט איהם אין די אויגען, און לאשטשעט זיך צו איהם, ווי א קעצעלע :

— באלד וועלען מיר זיין אין אמעריקא, ווי מיינסט דו ? — פרעגט זי ביי איהם א דריטען מאָל און דערלאנגט איהם מיט'ן פינגער איבער דער נאָז און צעלאכט זיך : חא־חא־חא !

ראפאלעסקא שטעלט אוועק אויף איהר די אויגען. ער ווייסט ניט, וואָס זי לאכט. מע האָט איהם איבערגעשלאָגען סאמע די בעסטע געדאנקען... אין דער מינוט האָט ער שוין גאָר געהאט פערגעסען אָן דער, וואָס שטעהט אָנגעלעהנט אויף זיין האנד. האָט זי איהם דערמאנט. און ער־בעטראכט זי פון אויבען אראָפּ און קלערט בעת־מעשה : "צו וואָס אָט דער פלירט? וואָס עפּיס אזוי שפּעט פערליעבט זיך אין דער דאָזיגער?... פון איין צרה ארוים, אין דער אנדערער אריין"...

און גאר ניט־ווילענדיג קומט איהם אויף'ן זינען ווידער א מאָל זלאטקע מיט איהר שטענדיג מעלאנכאָליש אויס־

וועהן, מיט איהרע פערשוואָלענע אויגען פאר געוויין. און נישט ווילענדיג דערמאנט ער זיך אָן האָלצמאנ'ס לעצטע, קוים אויסגעחריפּעטע און פערשטיקטע ווערטער ביים געזעגענען זיך: „א יתומה, נעבאך א יתומה". ער וואָלט וועלען פערגעסען, קאָן ער ניט. ער וואָלט א בעלן געווען, אז זיין גאנצע פערגאנגענהייט, אז דאָס גאנצע ביסעל יאָהרען פון זינט ער איז נע־ונד אויף דער וועלט זאָל בלייבען אויף יענער זייט ים, אין דער אלטער וועלט, אזוי אז ער זאָל קומען אין דעם דאָזיגען נייעם לאנד אריין א פרישגעבאָרענער, א לויטערער, א ריינער, איין אימשולדיגער, ווי ער איז געוועזן אמאָל, אמאָל, אין זיינע ערשטע לויטערע ריינע קינדער־יאָהרען... נאָר ווי אויף צו־להכעיס פערגעסט זיך ניט, און עס קריכען אין קאָפּ אריין דוקא די ערגסטע געדאנקען, דוקא די טרויעריגסטע בילדער.

און בכדי אָפּצוטרייבען פון זיך די דאָזיגע געדאנקען אין בילדער, קוקט ער אין ים אריין. אך, דער ים! דער ים! שוין ווידער קאָן ער פון איהם די אויגען ניט אָפּרייסען. אלע פּאסאזשירען זענען ווידער אויפ'ן אויבערדעק. ווידער שפּיגלען זיי זיך שוין אין ים. זיי קאָנען זיך שוין ווידער זאט ניט אָנקוקען אין זיין פּראכט און גלאנץ. אך, דער ים, דער ים! ניטאָ קיין ערך צו זיין גרויסקייט, ווען ער בייזערט זיך. ניטאָ קיין פערגלייכען צו זיין שענקייט, ווען ער בערוהיגט זיך.

רוהיג איז געוועזן דער ים ביי די ברעגעם פון ניו יאָרק, ניט שטיל, נאָר רוהיג.

קאפּיטעל 132.

דער לאָמזשער חזן אין טראָבל

אז אמעריקא קרוינט עמיצען מיט א נאָמען, מעגט איהר זיך פערלאָזען, אז דאָס איז אזוי ריכטיג, ווי אין דער אָפּטייק. אָפּגעוועגן, אָפּגעמאָסטען, צוגעשניטען און געטראָפען גלייך אין קארב אריין.

„טרערען־אינזעל" — אזוי הייסט ביי זיי דער ערשטער אריינטריט אין דעם גאָלדענעם לאנד אריין.

ווי בעוואוסט, איז דער אריינטריט אין גן־עדן אריין אויך ניט אזוי גרינג: מע מוז פריער דורכגעהן אלע שבעה מדורי גיהנם.

ווי, להבדיל, דאָרט, אין גן־עדן העליון, אויף י ע נ ע ר וועלט, אזוי איז אויך דאָ, אין'ם גן־עדן התחתון, וואָס מע רופט עס אמעריקא. נישט פאר יעדען זענען אָפּען די טהויערען און נישט אלעמען קומט אָן דאָס אריינגעהן גלייך. איינעם געראָט עס, דעם אנדערען ניט. איינעם קומט עס אָן שטארק שווער, דעם אנדערען — א ביסעל גרינגער. איינעם איז דאָס ווי א בייגעל אויפעסען, דעם אנדערען פערלויפט עס מיט בלוט.

די, וואָס ווייסען פון דעם סוד, — און זעלטען ווער עס ווייסט דאָס נישט — נעמען אָן אלע מיטלען בעצייטענס, נאָך איידער זיי פאָהרען ארויס פון דער היים, און בעוואָהרענען זיך און בעשירמען זיך מיט אלעם, וואָס נויטיג איז. און דאָך כלאָפּט זיי דאָס הארץ נאָך מיט וויפיעל מייל פאר ניו יאָרק. און עס ווארפט זיי אין היץ און אין קעלט. און עס קלאָפּט זיי א צאָהן אויף א צאָהן. און מע געהניצט פיבעריש, און מע ציהט זיך, און מע פוצט זיך, און מע בעקוקט זיך איינס דאָס אנדערע, און מע בעט גאָט, מע זאָל חלילה ניט געשטריכעלט ווערען און נישט האָבען קיין טראָבעל ביי'ם פערדער, מע זאָל גיך און געשווינד דורכגעהן די שבעה מדורי־גיהנם פון „טרערען־אינזעל" און אריינטרעטען בשלום אין די טהויערען פון גן עדן, דאָס מיינט מען — אין'ם גאָלדענעם לאנד.

אונזערע בלאָנזענדע ארטיסטען פון דער נע־ונ'נער טרופּפּע „קלאמער,

שוואלב עט קאמפ". האבען זיך אויסגעלאכט פון דער גאנצער צערעמאניע. א טהייערע מציאה אמעריקא ! זיי וואלטען אייך געקאנט — זאגען זיי — דריי מאל אריין און ארויס און ווידער א מאל אריין. "נארראנים — זאגען זיי — האבען אויסגעטראכט שוועריגקייטען. קיין שוב שוועריגקייטען. אבי סע איז געזונד און יונג און פריש און פרייליך און מע געהט אנגעטהאן ווי א מענש, און מע האט צו בעווייזען א פאר טאלער, און מע קאן אנרופען ביי'ם נאמען א פאר בעקאנטע — בלאטע שבבלאטע !"

וואס הערט, למשל, אמעריקא אזא דזשענטעלמען, ווי מיסטער קלאמער, וואס טראגט אזא עלעגאנטען סמאקינג און וואס ענגליש איז זיין מוטערשפראך ? אדער אזא ריעז, וויא ניסעל שוואלב, וואס האט ער מורא צו האבען? אדער איזאק שוואלב ? אויף אלע עמיגראנטען געזאגט געווארען.

פון דעם ארטיסטישען פאר פאלק, ראפאלעסקא און הענריעטא, שמועסט מען ניט. פאר אזעלכע יונגע שענע געזונדע עלעגאנט־געקליידעטע פארשוינען זענען דאך אפען אלע טהירען מיט אלע טהויערען. נישט מעהר דער לאמזשער חזן מיט זיין מוזיקאליש געזינדעל.

באשערט א מענשען יסורים ! דאס הייסט, עס וואלט דא אויך אפגעגאנגען גלאט. זיי זענען, דאנקען גאט, אלע געזונד און שטארק אויף אלע איברים און האבען, ברוך־השם, איין אפעטיטעל צום עסען — הלואי וואלטען זיי נור אזוי געהאט אלע מאל, וואס צו עסען. האט זיך אבער געטראפען מיט'ן חזן איין אומגליק — און ער איז אליין שולדיג אינ'ם אומגליק : ער האט בעדארפט צו וויסען פריהער, אז אזא מטופל מיט קינדער, קיין עין־הרע, וויא ער איז, האט בעדארפט זיך אויפצורעדען מיט זיינע קאמפאניאנען בעצייטענס, זיי זאלען איהם בעוואהרענען מיט די עטליכע טאלערס, ער זאל האבען, וואס צו ווייזען, טאמער טהוט מען איהם א פרעג...

ער פערענטפערט זיך, באשר ער האט ניט געוואוסט. ער האט געמיינט, זאגט ער, אז אמעריקא איז אמעריקא. צום סוף איז דאס גאר, גאט זאל ניט שטראפען פאר די רעד, ערגער ווי לאמזשע. וויפיעל ארעמע לייט, למשל, קומען אן קיין לאמזשע — מע זאל זיי דאס עמיצער פרעגען, צו זיי האבען געלד, צו זיי האבען ניט קיין געלד ? א שענע זאך !

דער לאמזשער חזן האט נעבאך גוט געשוויצט, א סך מעהר ווי, להבדיל, ביי'ם עמוד. שטעלט אייך פאר, מע נעמט א יודען און מע טהוט איהם פלורצים אין מיטען דרינען, פון דער העלער הויט, א חאפ, ער זאל ווייזען "מאני". וואס פאר א "מאני" ? טאלערס מיינען זיי. אמעריקאנער דאללארס. ענגלישע פונטען מאכט אויך נישט אויס. און אפילו רוסישע רובעלס, זאגען זיי, איז אויך א מטבע. אבי די מטבע זאל זיין. אזוי האט מען איהם אויפגעקלערט שוין נאכדעם, שוין שפעטליך. ער בעדארף בעווייזען — האט מען איהם געגעבען צו פערשטעהן — מזומנ'ע גראשענס, אז ער האט, הייסט עס, מיט וואס אויסצוקומען די ערשטע צייט און נישט פאלען צו־לאסט אויף פרעמדע...

"אויף פרעמדע ? חלילה !" — האט זיך נעבאך דער חזן גענומען פערענטפערען, ווי ווייט ער האט געקאנט, האלב ענגליש, חצי דייטש. ער האט געגעבען צו פערשטעהן מיט ביידע הענד אז ער איז חלילה ניט איינער, אז ער איז דא, קיין עין־הרע, מיט א גאנצע חאליאסטרע... אויב אזוי, האט מען איהם געגעבען צו וויסען, זאל ער מוחל זיין בעווייזען, מיט וואס וועט ער אויסהאלטען די דאזיגע חאליאסטרע ?

הקיצור, וואס ווייטער איז אונזער חזן געקראכען אלץ טיעפער. עס האט שוין

געזאָלטען דערביי, אז מע זאָל איהם אָפּפיהרען צו יענע, וואָס האַלטען ביי׳ם פּסוק "השיבנו נאזאד"...

אומזיסט איז געווען נעבאך זיין שטאַמלען, האַלב ענגליש, חצי דייטש. אומזיסט איז געווען זיין מאַכען מיט די הענד, זיין ווינקען מיט די ברעמען און זיין אַפּעלירען צו זיין שותּף מיסטער קלאַמער, וועלכער קאָן רעדען ענגליש.

מיסטער קלאַמער האָט זיך געמאַכט, וויא ער זעהט ניט. מיסטער קלאַמער איז א בריה אויף געבען עצות דאָרט, אין ווהייטשעפּעל, ביי זיך אין קאָפּעגאציאָנאל, אָבער ניט דאָ, ביי׳ם אראָפּגעהן פון שיף, אויפ׳ן אַמעריקאַנישען באָדען, וואו ס׳איז אַזא טומעל מיט אַזא געפּילדער פון די "פערשאָלטענע רוסישע שנאָרערס", אז מען קאָן משוגע ווערען! אונזער מיסטער קלאַמער האָט זיך פּאַוואָלי אויסגעדרעהט, אויסגעגלעט דעם סמאָקינג, צענומען זיין הערצל־באָרד אויף צווייען, אהער און אהין, מעשה סקאָביליעוו, און האָט זיך אָפּגעטראָגען — ווי זאָגט דער אייגעלשמען: "אַי דיסאָון איט בעג ענד בעגעדזש". אויף אונזער גוי׳ש לשון וועט עס הייסען אזוי גרויס, ווי: "מאָיא תאטא סקראיאו"...

א גליק, וואָס אויפ׳ן שיף האָט זיך נאָך געפונען א צווייטער שותּף, ניסעל שוואַלב, א מענש מיט קאָמבינאַציעס. דערשמעקט פון דערווייטען, אז דער חזן איז אין טראָבעל, האָט אונזער געניאַלער קאָמבינאַטאָר באַלד פערשטאַנען, וואָס דאָ טהוט זיך. האָט ער אָפּגערופען די חזנ׳טע אויף א זייט, זיך געסוד׳עט מיט איהר א ווײַלע, שאַרף געוואונקען מיט די אויגען און עפּיס געפּאָרעט זיך ביי איהר אין בוזעם. דערנאָך האָט ער א וואונק געגעבען צו איהר און צו איהרע קינדער: "קומט!"

אין איין אנדער צייט און ביי אנדערע אומשטענדען, מאָהלט איך, וואָלט אונזער קאָמבינאַטאָר געחאַפּט פון דער חזנ׳טע גאָר א מיאוסען פּסק. די האַלב־צנועה׳דיגע און האַלב־חצופה׳דיגע לאָמזשער חזנ׳טע פאָהרט טאַקי, וועלען מיר זאָגען, מיט א קאָמפּאַניע ארטיסטען אין א לאַנד, וואָס הייסט אַמעריקא. ס׳איז אמת. מע דאַרף אָבער נישט פערגעסען, אז דערווייל איז זיא איהם חלילה נישט קיין חאָריסטקע, נישט קיין טענצערין און נישט קיין זינגערין און אפילו ניט קיין פּרימאַדאָנא (דאָס מיינט זיא זיין שעסטער הענריעטא), וואָס קושט זיך מיט א פרעמדען בחור (דאָס מיינט זי ראַפּאַלעסקאָ׳ן), וואָס מע ווייס נאָך ניט, צו איז ער איהר א חתן, צו א נעכטיגער טאָג?... דערווייל איז זיא נאָך דעם לאָמזשער חזן׳ס א ווייב מיט חופּה וקידושין, און אַזא חברה־מאַן, וויא ניסעל שוואַלב, דאַרף וויסען דרך־ארץ... נאָר איצט, בשעת בהלה, און דערצו נאָך דערהערט, אז איהר מאַן איז אין טראָבעל, האָט זי גאָר קיין צייט ניט געהאַט זיך אַרומצוקוקען אפילו. און דאָ האָט זי אָט דער חברה־מאַן שוואַלב געגעבען א נעם ביי דער האַנד, זי צוגעפיהרט גלייך צום טישעל און ווי א מענש, וואָס רעדט גוט ענגליש, איז ער ארויסגעטראָטען אלס מליץ־יושר פאַר׳ן חזן מיט דער חזנ׳טע מיט זייער גאַנצען מוזיקאַלישען געזינדעל, אזוי צו זאָגען (מיר זעצען איבער זיין רעדע אויף אונזער יודיש לשון):

— מיינע העררען! איך בין בעפאָלמעכטיגט אייך פאָרצושטעלען די פרוי פון׳ם דאָזיגען הערר, זיי קאָנען קיינס ניט רעדען קיין ענגליש א וואָרט אפילו. זעהט איהר אָט די חאַליאַסטרע? (ער האָט א וויז געגעבען מיט איין האַנד אויף׳ן גאַנצען געזינדעל) דאָס איז מיט גאָט׳ס הילף א משפחה פון לויטער מוזיקאַנטען, בעגאַבטע טאַלאַנטען. זיי אַלע, ווי איהר קוקט זיי אָן, פון׳ם פאָטער ביז׳ן קלענסטען קינד, פערדיענען זיך

זייער שטיקעל ברויט, מע קאָן זאָגען, שטיקער גאָלד. נאָר איינע, אָט די דאָזיגע (ער האָט אָנגעוויעזען אויף דער חזנ׳טע), זי איז די איינציגע, וואָס פערדיענט גאָרנישט. זי איז נור א געטרייהע פרוי צום מאַן, א מוטער צו די קינדער, א בעל־הבית׳טע אין שטוב און א קאססירערין פון געלד. די גאַנצע קאססע געפינט זיך שטענדיג ביי איהר אין א גוטען אָרט... ביי דער פרוי ארויסבעקומען א סענט, הערט איהר, איז כקריעת ים־סוף!...

דאָס זענען געווען די ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט צו די אדונים אויף ענגליש. און צו דער חזנ׳טע האָט ער א זאָג געגעבען שוין אויף פשוט יודיש:

— יודינע! שפּילעט אויף, זייט מוחל, דעם בוזעם און ארויס מיט די פּארעס!...

* * *

שוין אז מע האָט געשטעלט א פוס אויף דער טריקעניש, אויף׳ן אמעריקאַנישען באָדען, האָט ערשט דעמאָלט דער לאָמזשער חזן ארויסגעזעהען, אין וואָס פאַר א סכנה ער איז געשטאַנען און פון וואָסער א צרה ער איז אויסגעלייזט געוואָרען. האָט ער ארומגעכאַפּט זיין בעשיצער און זיין אויסלייזער, אויף וויפיעל ס׳איז נור מעגליך געווען ארומצוחאַפּען אזא פּאַרשוין, ווי ניסעל שוואַלב, גענומען איהם קושען און האַלזען און שטיקען און דאַנקען איהם מיט טרערען:

— טאַטעניו! הארצעניו! פאָטערעל! איהר זענט דאָך עפּיס א יוד א חכם! א שלמה המלך! א מלאָך פון גאָט! א... א... איך ווייס אליין ניט וואָס! — און ער האָט איהם ווידער א מאָל געוואָלט חאַפּען קושען.

— אָבער גענוג, גענוג! — האָט זיך ניסעל שוואַלב געריסען פון׳ם חזנ׳ס הענד. — וואָס וויל פון מיר דער יוד? ער וועט מיך באַלד דערשטיקען, אָט דער יוד, אויף׳ן אמעריקאַנישען באָדען, איך זאָל אַזוי האָבען אַלעמענס גוטס!

קאַפּיטעל 133.

אויף׳ן אַמעריקאַנישען באָדען

אלזא, פריינד לעזער, זענען מיר שוין מיט אונזערע העלדען אויף׳ן אמעריקאַנישען באָדען.

פאַר דעם, וואָס איז קיינמאָל נישט געפאָהרען קיין אמעריקא, נישט געלעגען אויף׳ן ים, נישט דורכגעמאַכט דיא שבעה מדורי־גיהנם, נישט געהאַט קיין מוֹאָבעל, קיין אויפרעגונג, קיין הארצקלאָפּעניש ביי׳ם ארייַנקומען אין לאַנד אריין, נישט ארויסגעקוקט אויף זיינע אייגענע, נאָהענטע, היימישע, אָדער גלאַט לאַנדסלייט, וואָס זאָלען ארויסקומען איהם אראָפּנעהמען פון שיף — פאַר דעם וועלען די דריי ווערטער "אויף׳ן אמעריקאַנישען באָדען" קלינגען, ווי א פוסטע גלאָק, אויסוואַיזען טרוקען און נישט זאָגען גאָרנישט, ניט צום שכל, ניט צום הארצען. דער אָבער, וואָס איז אליין געווען אמאָל בבחינת עמיגראַנט, דער וועט מיך פערשטעהן. דער וועט פיהלען, וואָס פאַר א ליעבע זיסע מוזיק עס קלינגט אָפּ אין די דריי ווערטער און וויפיעל פּאָעזיע עס געפינט זיך אין דעם קבלת־פּנים, אין די בעגעגנישען פון די אָנגעקומענע געסט אין׳ם נייעם לאַנד אריין.

יעדע פון די דאָזיגע בעגעגנישען איז א געשעהעניש, וואָס נישט די אָנגעקומענע, נישט די ארויסגעקומענע, נישט די אויפגענומענע, נישט די אויפנעמער וועלען עס פאַר א לאַנגע צייט נישט פערגעסען. די סצענעס, וואָס קומען דערביי פאָר, זענען מעהרסטענטהייל ריהרענדע, ערהאַבענע סצענעס, זיי קאָנען אפילו ביי א זייטיגען צוקוקער אויך ארויסרופען א טרער.

דאָס זענען סצענעס, וואו מענשען וואַרפען זיך איינס דאָס אנדערע אויף׳ן האַלז, וואו הענד ווערען צוזאַמענגעגעפלאָכטען, וואו הערצער ווערען קלאַ־

פענדיג צוגעטוליעט נאָהינט איינס צום אנדערען, וואו ליפען ווערען צענויפגעגאָכען, וואו אויגען טריפען טרערען : "געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מע זעהט זיך "...

דאָס זענען הייסע, ברענענדיגע טרערען, נאָר טרערען פון פרייד, טרערען פון איבערמענשליכען גליק, טרערען פון ליעבשאַפט, פון געטרייהשאַפט, פון תענוג, פון נחת און פון דאנקבארקייט צו דעם, וואס לעבט אייביג : "געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מע זעהט זיך!"..

און א מיש־מאש פון ווערטער, פון לשונות און שפראכען לאָזען זיך הערען אויף'ן אמעריקאנישען באָדען. פראזען נישט קיין געבונדענע. געדאנקען נישט קיין ארויסגעזאָגטע. מעהר ניט, אז איינצעלנע אויסגעשרייען : "מאמע מיינע הארציגע !"... "זוהן מיינער טהייערער !"... "פאָטער געטרייהער !"... "שוועסטער!"... ברודער !"... "פריינד מיינער !".. "הארץ מיינס !"..

פארהאן אויך אזעלכע בעגעגנישען אויף'ן אמעריקאנישען באָדען, וואס האָבען שוין גאָר קיין ווערטער ניט. שטומע בעגעגנישען. מעהר נישט אז איין לאנגער־לאנגער קוש, אין וועלכען צוויי מיילער האָבען זיך צענויפגעגאָסען און פערשטאָרבען געוואָרען.

טרעט אָפ, פריינד לעזער, דאָס איז א היילינער קוש.

דאָס איז א קוש פון צוויי יונגע הערצער, וואָס טראָגען זיך שוין פון א צייט איינס אקעגען דאָס אנדערע מיט די היילינסטע געפיהלען פון אמת'ער ליעבע, פון טיעפער בענקעניש.

דאָס איז א קוש פון א פאָרפאָלק, וואָס האָבען זיך ליעב ווי א שעה נאָך דער חופה.

דאָס איז א קוש פון מאן און ווייב, וואָס האָבען קורץ נאָך דער חתונה אויף א קליינע צייט זיך געמוזט צעשיידען.

אויב איהר ווילט, וועל איך אייך אין עטליכע ווערטער איבערגעבען די דאָזיגע געשיכטע.

תיכף נאָך'ן פאָגראָם איז ער אוועקגעפאָהרען קיין אמעריקא. זי איז געבליעבען אויף דער צייט. געלעגען געוואָרען. געהאט א קינד. א קינד א טרייסט. דאָס קינד וואקסט קיין עין־הרע, קיין בייז אויג. זי שיקט איהם דאָס "פאטרעטעל". נאָט דאָס איז זיין קינד? זיין קינד ? !... יאָסעלע רופט מען איהם (א נאָמען נאָך זיין טאטען). ער טראָגט דאָס "פאטרעטעל" ביי זיך אויף'ן הארצען, ווי א הייליגטהום, ווי א קמיע. ביינאכט, אז קיינער זעהט ניט, קושט ער דאָס טהייערע "פאטרעטעל". "דאָס קינד האָט שוין צייהנדלעך", שרייבט איהם מיט טרערען די גליקליכע מאמע. "דאָס קינד — שרייבט זי איהם אין א צווייטען בריעף — קאָן שוין זאָגען "טאטעשי" — א נחת צו הערען ! אז מע פרעגט איהם: "וואו איז דער טאטעשי ? " — בעווייזט ער מיט'ן קליינעם פינגערל אהין, ווייט ווייט : "דאָרטען טאטעשי"... א קינד א חכם ! " די מאמעשי דערצעהלט איהם פון'ם טאטעשי, אז דער טאטעשי איז אין אמעריקא. אז ער ארבייט דאָרטען פלייסיג. אז ער קלויבט דאָרט א כעגט צו א סענט. אויף א שיפסקארטע קלויבט ער. ער האָט שוין צונויפגעקליבען. שוין ארויסגעשיקט איהר די שיפסקארטע. זי איז גרייט צו דער נסיעה. שוין לאנג גרייט. שוין אפילו דאָס בעטגעוואנט איבערגעשאָטען. טרעפט זיך א שלאק. ווערד שלאף דאָס קינד. אויף סקארלאטינע. פערקויפט זי די קישעלעך, פערזעצט די שיפסקארטע צו ראטעווען דאָס קינד. נעמט דער רוח דאָס בעטגעוואנט, חאפט דער רוח די שיפסקארטע — אבי אָפראטעווען דאָס קינד. נישט געקאָנט אָפראטעווען דאָס קינד. גאָט האָט נישט געהייסען. געברענט־געברענט — און אויסגעלאָשען געוואָרען. ווי א ליכט אויסגעגאנגען. שיער ניט משוגע געוואָ־

רען די יונגע מאמע נעבאך! שרייבט זי איהם אכטצעהן ליגענס: "עס לאָזט דיר גריסען יאָסעלע"... שרייבט ער צו איהר: "פאר וואָס זשע קומסט דו ניט צו פאָהרען? איך האָב דאָך דיר געשיקט א שיפסקארטע". ענטפערט זי איהם א נייעם ליגען: "איך האָב נאָך ניט די שיפסקארטע. עס לאָזט דיר גריסען יאָסעלע"... שרייבט ער צו איהר: "איצט האָסט דו שוין די שיפסקארטע. פאר וואָס קומסט דו ניט צופאָהרען?"... וויפיעל קאָן מען אזוי נאררען א מענשען? שרייבט זי איהם דעם אמת, נאָר ניט אויף איין מאָל. ביסלעכווייז. א טראָפען נאָך א טראָפען: "יאָסעלע נישט געזונד". "יאָסעלען איז ערגער". "מיט יאָסעלען איז שלעכט". "יאָזעלע איז פערביי". "נישטאָ יאָסעלע"...

נאָך אזא מין ביטער לעבענסדראמא האָבען זיך אָט דאָ, אויפ'ן אמעריקאנישען באָדען, דאָס פאָרפאָלק בעגעגענט.

ער — א ריעז. זי — א בלום.

נאָך פון דערווייטען, אויפ'ן אויבערדעק, האָט ער זי דערקענט. שען, נאָך שענער ווי געווען. חנ'עוודיג, נאָך חנ'עוורדיגער ווי געווען. זי איהם האָט אויך דערקענט. גאָר איין אנדער מענש געוואָרען. אמעריקא!...

און אָט זענען זיי שוין איינס ביי'ם אנדערען אויפ'ן האלז. אָט האָבען זיך זייערע מיילער צענויפגעגעסען אין איין לאנגען הייסען קוש. זיי זענען נאָך ביידע יונג. ביידע געזונד און שען און שטארק. ביידע האָבען זיי זיך ליעב. אפשר נאָך מעהר ווי פריהער. זיי וועלען זיך א ביסעל אויסוויינען איינס פאר דאָס אנדערע דאָ זייערע הערצער, און געפינען איינס אינ'ם אנדערען א טרייסט צו זייער וואונד, וואָס וועט גיך, האָפענטליך, גיך געהיילט ווערען...

לאָגיר זיי נור לאָזען אליין. לאָמיר זיי ניט שטעהרען.

מאָרגנע, מאָרגנע בעגעגענישען קומען פאַר אָט דאָ, אויפ'ן אמעריקאנישען באָדען. און די סצענעס, וואָס קומען דערביי פאָר, זענען, מעהרסטענטהייל, ריהרענדע, ערהאבענע סצענעס. בנאמנות — זיי קאָנען אפילו ביי א זייטיגען צוקוקער אויך א מאָל ארויסרופען א טרער.

קאפיטעל 134

געבענשט זאָל זיין דאָס לאנד

דער לעזער דארף נישט מיינען פון דעסטוועגען, אז אלע בעגעגענישען אָט דאָ, אויפ'ן אמעריקאנישען באָדען, זענען לויטער טרויעריגע סצענעס, וואָס ריהרען ביז טרערען. עס טרעפען אויך אזעלכע סצענעס און בילדער, וואָס רופען ארויס, ניט-ווילענדיג, א שמייכעל, און א מאָל אויך א געלעכטער. למשל, נעמט אָט דיא סצענע, וואָס מיר געהען אָט דאָ בעשרייבען.

דאָס איז געווען אין דעם ריהרענדען מאָמענט, ווען דער לאָמזשער חזן האָט ארומגעחאפט זיין בעשיצער און זיין אויסלייזער צו האלזען און צו קושען, און ניסעל שוואלב האָט זיך אָפגעשלאָגען פ'ין איהם מיט ביידע הענד. ניסעל שוואלב האָט דערזעהען עפּיס א בעשעפעניש אין געשטאלט פון א נקבה, מיט א רויטע ראָטאָנדע, מיט א ברייט פנים, ווי די לבנה אין אָנהויב חודש, מיט א פעט שמייכעל און מיט א סך ווייסע צייהן.

דאָס בעשעפעניש — האָט ער דערזעהען — האָט זיך פריהער ארויפגעוואָרפען אויף זיין שוועסטער הענריעטא. דערנאָך האָט זי זיך געשמאק צוקושט אויך מיט זיין ברודער איזאק. און צום סוף איז זי ארויפגעפאלען אויף ראפאלעסקאָ'ן, האָט איהם ארומגעחאפט מיט איהרע גראָבע קורצע הענד און גענומען איהם קושען און האלזען, ווי א שוועסטער, ווי א מאמע, ווי א געטרייהע מאמע.

— ווער איז די חיה? — האָט זיך

ניסעל שוואלב געווענדעט פריהער צום חזן, דערנאָך צו דער חזנ'טע. נאָך דער חזן מיט דער חזנ'טע זענען אליין אויך געווען אין די הענד פון א בינטעל פּארשוינען, לאָמזשער יודען און ווייבער. זיי האָבען זיך ארויפגעוואָרפען פריהער אויפ'ן חזן, דערנאָך אויף דער חזנ'טע, דערנאָך אויף דער חאליאסטרע, געהאלזט און געקושט און צוגעקוועטשט שטארק־שטארק צום הארצען.

צווישען די דאָזיגע יודען זענען געווען אלערליי מינים טיפּען: אזעלכע וואָס האָבען זיך שוין לאנג אויסגעגרינט אין אמעריקא, און אזעלכע, וואָס זענען נאָך געווען גאנץ גרין, נישט אָנגעוואָרען קיין טראָפּען פונ'ם צלם אלקים, אפילו די רויטע פּאטשיילע פונ'ם האלז נאָך ניט אראָפּגענומען.

אויך די ווייבער זענען געווען פון אלערליי מינים: גאנצע און האלבע יענקיכעס, וואָס רופען זיך שוין "מיסעס" און "ליידי", טראָגען גרויסע "העטס" אויפ'ן קאָפּ און גאָלדענע צייהן אין מויל; און אזוינע, וואָס קאָנען זיך ניט צעשיידען מיט'ן שייטעל, וועלכעס געהט מיט א ווייטען שרונט אין מיטען קאָפּ, פּונקט אזוי ווי מען טראָגט ביי זיי אין לאָמזשע — אמת'ע "יענטע־מירעלס" . . .

אלע די דאָזיגע אויסגערעכענטע טיפּען, סאי די גרינע, סאי די אויסגעגרינטע, סאי די מיסעסען, סאי די "יענטע־מירעלס", אלע האָבען זיך מחיה געווען מיט זייערע לאנדסלייט — מיט דעם לאָמזשער חזן און זיין משפּחה; און אלע האָבען געשריגען, געליארעמט און געפּילדערט, געוואָרפען זיך און געמאכט מיט די הענד — פּונקט ווי דאס וואָלט געווען ניט אין ניו יאָרק, נאָר טאקי אין מיטען לאָמזשע, אויפ'ן "אלטען מארק", אָדער אויף "די ריבאקעס".

די לאָמזשער יודען און ווייבער האָבען פּשוט בעפאלען זייערע לאנדסלייט, שער משפּחה, געמאכט אויף זיי א מין דעם לאָמזשער חזן מיט זיין מוזיקאלי־פּאָגראָם, געשלעפּט יעדער צו זיך, דער אויף "ברעקפּעסט", דער אויף "דינער", דער אויף "סאפּער". למען השם, צו מיר! ניין, צו מיר! אָהן א שום תירוץ!...

דער לאָמזשער חזן מיט זיין געזינדעל זענען געווען ווי פערכשופ'ט. ווי א חלום איז זיי פאָרגעקומען דאָס אלעס. ווארום פון זינט זיי זיינען אוועק פון לאָמזשע, פון זינט זיי זענען נע־ונד אויף דער וועלט, און וויפיעל צייט זיי האָבען זיך געוואלגערט אין לאָנדאָנער ווהייטשעפּעל, האָבען זיי נאָך אין ערגעץ אזא מין קבלת־פּנים מיט אזא מין ברוך־הבא מיט אזא מין אויפנאהמע ניט געהאט, ווי דאָ, אויף דעם אמעריקאנישען באָדען, און אפילו נישט געזעהען אין חלום. נאָך מעהר: אין לאָמזשע אליין זענען זיי קיינמאָל ביי קיינעם ניט געווען אזעלכע אָנגעלייגטע געסט, ווי אָט דאָ, אין דעם גליקליכען פרייען לאנד, אין דער גאָלדענער מדינה פון קאָלומבוסען. אדרבה, דאָרט אין דער היים, צווישען אייגענע, צווישען יודען, זענען זיי געווען גרוים ביי איטליכען אין די אויגען. אויך אין וועג האָט מען זיי אָפּט געגעבען א קאפּורליער אָנצוהערעניש, אז זיי זענען צו א גרויסע משפּחה. אפילו מיסטער קלאמער, וואָס איז שוין כלומרשט איין אייגענער מענש, א שותף קאן מען זאָגען, האָט זיי אויך א פּאָר מאָל אויפ'ן שיף א זאָג געגעבען, אפילו מיט א זים שמייכעלע, למאי זיי האָבען פערנומען דעם גאנצען "סקארב" פון דער היים, נישט איבערגעלאָזט א ביסעל קינדער אין לאָמזשע לזכרון?... און דאָ — נאט אייך פלורצים אזעלכע געהויבענע געסט, אזוי טהייער, אז מע צערייסט זיי שיער, מע שלאָגט זיך אוש פאר זיי — געבענשט זאָל זיין דאָס לאנד! געבענשט זאָל זיין דאָס לאנד!

און דער חזן מיט דער חזנ'טע קוקען

איינס אויף׳ם אנדערע און לאָזען א טרער. און דאָס מוזיקאַלישע געזינדעל ווערד ברייטער ווי לענגער, עס טראָגט זיי אין דער לופטען. זיי ווייסען ניט, ווע־מען זיי זאָלען ענטפערען פריהער. זיי וועלען, אם־ירצה־השם, זיין אומעדום. וואָס דענן ? א שאלה א ביסעל ! זיי וועלען, אם־ירצה־השם, זיין ביי אלעמען. ביי דעם אויף "ברעקפעסט", ביי דעם אויף "דינער", ביי יענעם אויף "סאפער" איין מענש אליין קאָן זיך טאקי ניט צע־רייסען. ס׳איז אמת. אָבער אזא געזינדעל, קיין עין־הרע, חא־חא, נישקשה, עס וועט, אם־ירצה־השם, זיין רעכט ! עס וועט זיין רעכט !

ניסעל שוואַלב שטעהט און בעטראַכט די דאָזיגע סצענע און עס פריידט זיך איהם דאָס הארץ. ווער נאָך ווייסט, אזוי ווי ער, ווי אָרעם און עלענד אָט דאָס גע־זינדעל איז געוועזן אין לאָנדאָן ? פלוצים האָבען זיך בעוויזען ביי זיי אזוי פיעל פריינד, און גוטע פריינד ! וואָס זשע ? ער האָט דענן ניט געוואוסט פריהער, אז עס וועט אזוי זיין ? געוואוסט, ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס, ווי ער האָט געוואוסט. דערויף איז דאָס אמעריקא. געבענשט זאָל זיין דאָס לאנד ! שאדע נור, וואָס ער האָט קיין צייט ניט צוגעהן צו די דאָזיגע גאסטפריינדליכע לייט, זיי אָפּדאנקען פאר׳ן לאָמזשער חזן און אין איינוועגס טאקי זיך מיט זיי א ביסעל נעהינטער בעקענען און מאכען מיט זיי א שמועס וועגען אמעריטשקע, יאנקי דאָדעל קאָלומבוסעס מדינה... אנ־עבירה ! ניסעל שוואַלב׳ס קאָפּ איז פער־נומען אין דער מינוט דער שווארציאָהר ווייסט מיט וואָס, מיט עפּיס א שלאק, א רויטע ראָטאָנדע. וואָס איז ארויפגע־פאַלען פריהער אויף זיין שוועסטער, דערנאָך אויף זיין ברודער און איצט אויף ראפאלעסקאָ׳ן — און קושט איהם, און קושט איהם, און קושט איהם, פריהער אין איין באק, דערנאָך אין דער אנדערער באק, דערנאָך אין די ליפּען. און ווידער א מאָל אין איין באק, אין דער אנדערער באק, דערנאָך אין די ליפּען. א מעשה אָהן אנ׳עק !

ניין. ניסעל שוואַלב קאָן דאָס שוין מעהר ניט איבערטראָגען. געהט ער צו צו דער רויטער ראָטאָנדע, נעמט זי אוועק פון ראפאלעסקאָ׳ן :

— ווער איז די חיה ?

עס ווייזט אוים, אז ראפאלעסקא אליין האָט זיך מחיה געווען, וואָס מע האָט איהם אויסגעלייזט פון איין אָנשי־קעניש. ער האָט זיך צורעכט געמאכט די צעוואָרפענע האָר מיט׳ן צעקנייטשטען היטעלע און שטעלט זיי פאָר איינס פאר דאָס אנדערע :

— מיין פריינד שוואַלב... מיין אלטע בעקאנטע ברייי... מאדאם טשערניאק.

שיער־שיער האָט זיך ראפאלעסקא ניט ארויסגעכאפּט מיט איהר אמת׳ן נאָמען : "ברײנדעלע קאָזאק".

דאָס איז געווען זי.

קאפּיטעל 135

בחצוצרות וקול שופר

די צייט, וואָס אונזער נייע נע־ונד׳גע ארטיסטיש־מוזיקאַלישע קאָמפּאַניע "קלא־מער, שוואַלב עט קאָמפּ." האָט אויסגע־קליבען צו קומען קיין אמעריקא, איז געוועזן די סאמע בעסטע, די סאמע הייכע צייט, איך וואָלט געזאָגט — די אמת׳ע שניט־צייט אין׳ם יודישען קוואר־טאל פון׳ם פערטומעלטען, פערטארע־ראמטען, פערהאוועטען, פערביזיטען און פערביזנעסטען ניו יאָרק.

דאָס איז געווען אין דעם חודש, ווען דאָס יודישע לעבען אין די יונייטעד סטייטס פון אמעריקא הויבט אָן נאָך די לאנגע שלעפעריגע וואָכען פון זומער־וואקיישאָן אויפצואוואכען פון׳ם שלאָף. ווען דער יודישער דופק אין די גרויסע שטעדט הויבט אָן צו קלאַפּען שטארקער,

ווי אַלע מאָל. ווען די יודישע גאס וועט
נאָך מעהר יודישליך, ווי אַלע מאָל. ווען
די ארויסגעבער פון די יודישע צייטונגען
ווערען ברייטער ווי לענגער און די יודי־
שע בלעטער ווערען שיער ניט צעזעצט
פון די שרייענדיגע אַנאָנסען און מורא׳־
דיגע רעקלאמעס. דאָס זענען, מעהרס־
טענטהייל, אַנאָנסען, וואָס רופען אייך
אין שול אריין, וואָס רעדען וועגען חזנים,
מנינים, שופרות, לולבים, אתרוגים,
לשנה־טובה־קארטען און נאָך אזעלכע
הייליגע זאכען, וואָס זענען שייך צו גאָט.
מיט איינעם וואָרט — דאָס איז געווען
יום־טוב־צייט, ערב ראש־השנה, א צייט,
וואָס מע קאָן זי בעטיטלען מיט דריי
ווערטער: בחצוצרות וקול שופר.

פונקט ווי ביי אונז אין דער אלטער
וועלט, אזוי אויך דאָ, פון דער זייט ים,
אין דער נייער וועלט, זענען די דאָזיגע
טעג, די איבערגאנגס צייט פון׳ם אלטען
יודישען יאָהר צום נייעם יאָהר, פון׳ם
זומער צום ווינטער, א צייט פון ליקווי־
דירען אלץ וואָס אלט און אָפּגעניצט.
פון אויפּפּוצען אלץ וואָס אָפּגעריבען
און אָפּגעוועלקט. פון איבערבייטען מענ־
שען און דיענערשאַפט. פון איבערניצע־
ווען מלבושים און שוכווארג. פון בע־
שטעלען מלמדים און חדרים. פון איבער־
ציהען זיך און איבערקלויבען זיך, אָדער,
ווי מע רופט עס דאָרט, "מופען" פון איין
דירה אין דער אנדערער. מיט איינעם
וואָרט — די וועלט איז אומעדום איין
וועלט.

"סיזאָן" ווערען אָנגערופען דאָרטען די
דאָזיגע טעג.

"סיזאָן" איז א גוט וואָרט, א טהייער
וואָרט, דאָס סאמע ליעבע זיסע וואָרט
אין דעם דאָזיגען לאנד פון ארבייט פאר
יעדען איינציגען גליידְ: פאר דעם, וואָס
גיט הענד, ווי פאר דעם, וואָס זוכט
הענד. פאר דעם, וואָס שוויצט, ווי פאר
דעם, וואָס מאכט שוויצען. פאר דעם,
וואָס א "ניקעל" איז א מטבע, ווי פאר
דעם, וואָס א דאָללער איז א ממזר. פאר
דעם, וואָס זוכט א שטיקעל ברויט, ווי
פאר דעם, וואָס זוכט פערגעניגען. פאר
דעם, וואָס שמאכט מיט ווייב און קינ־
דער ערגיץ אויבען גאנץ הויך, אויף׳ן
"טאפּ־פלאָר", אָדער אונטען, אין
"בייסמענט", אָהן לופט און אָהן
ליכט, ווי פאר דעם, וואָס האָט פער־
בראכט דעם גאנצען זומער אויף דאַט־
שעס, דאָרט הייסט דאָס — אין די
"קעטסקילס", געשפּיעלט גאנצע טעג
מיט גאנצע נעכט אין "פּאָאוקער", אָדער
אין "פּינאָקעל", וואָס איז כמעט אזוי
שכל׳דיג, ווי אונזער "אָקע" מיט אונזער
"סטוקעלקע", אָדער גאָר אין אזא
שפּיעל, וואָס מע רופט עס ביי אונז
"פלירט", ביי זיי "פלוירט", און וואָס
בעשטעהט פון אָפּרעדען יענעמס ווייב
בשתיקה, אָדער געביטען זיך מיט די
ווייבער בפרהסיא, מיינס און דיינס און
שותפות׳דיגס, הפקר פּעטרישקע...

"סיזאָן" איז אויך די איבערגאנגס־
צייט, די צייט פון בענייאונג, פון אָפּ־
פרישונג און אויפלעבונג פון טהעאטער
בכלל און אויך פון׳ם יודישען טהעא־
טער, וואָס פערנעמט נאָך דער פרעססע
א בכבוד׳ען פּלאַץ אין׳ם יודישען קוואר־
טאל פון ניו יאָרק. די יודישע "פרעסס"
ווערד דעמאָלט ביזי. די יודישע ציי־
טונגען האָבען דעמאָלט וואָס צו טהון.

קודם בעווייזען זיך פערביילויפענדיגע
ארטיקלען מיט׳ן נאָמען: "נייעס פון
דער יודישער טהעאטער־וועלט".
דאָס זענען, מעהרסטענטהייל, פלי־
הענדיגע נאכריכטען, אונטערגעהאַפּ־
טע ידיעות, אומשולדיגע ליגענס פון
דער קוליסע און אויסגעטראכטע
פליאָטקעס, וואָס ניט געשטויגען,
ניט געפלויגען. למשל: אז דער און דער
טהעאטער־מענעדזשער קומט נעכסטע
וואָך פון "יוראָפּ" מיט דיא גרעסטע
זינגערינס פון דער פּאריזער אָפּערא.
אָז דער און דער מענעדזשער האָט אויס־

געדונגען יענעמס און יענעמס טהעאטער. אז יענער און יענער מענעדזשער האט געמאכט אויבערמופען צו זיך, אפגערעדט הייסט עס, יענעם און יענעם "סטאר". אז די און די בעריהמטע פרימאדאנא פערלאזט די יודישע ביהנע און געהט אריבער צו דער אמעריקאנער. אז יענער און יענער בעריהמטער אויטאר, וואס האט זיך געמאכט אונשטערבליך מיט זיינע מוזיקאליש־רעאליסטיש־דראמאטישע ווערק, האט אנגעשריעבען צום סיזאן דריי רעאליסטיש־מוזיקאליש־פאטריאטיש־מעלאדראמאטישע פיעסען, וואס האבען איבערגעראפען אלץ, וואס מען האט ווען געזען אין דיעזען לאנד. דערביי ווערד געגעבען א קיצעל אין זייט אריין דעם און דעם "כטאר". א קניפ אין בעקעל דער און דער פרימאדאנא. א שמיר איבער'ן פנים דעם און דעם טהעאטער־מענעדזשער און א שמייכעל יענעם און יענעם אויטאר. מיט איינעם ווארט — דאס זענען דערוויל ניט־מעהר אז פלאפלערייען, וואס די "פרעסס" ערלויבט זיך ערב סיזאן, בעת דער זומער האלט ערשט ביי'ם אונטערגעהן.

גאנץ אנדערש זעהט עס אויס מיט דער פרעסס בעת דער טהעאטער־סיזאן איז שוין אריינגעטראטען און האלט שוין אין פולען גאנג. דעמאלט, אז איהר עפענט אויף א יודיש בלאט, טהוט אייך א בליאסק אין די אויגען א גאנצע רייהע פון שרייענדיגע ארטיקלען מיט מוראדיגע קעפלעך און פערשיעדענע נעמען. עס שעמערירען פאר אייך גאנצע זייטען, דארטען הייסט עס "פיידזשעס", פוז אויבען ביז אראפ מיט קידוש־לבנה־אותיות, שענע גלאטע ווערטער, הויכע קלינגענדיגע פראזען, וואס גיסען זיך ווי בוימעהל און לייענען זיך גרינג, ווי א וואסער, און רעדען צו אייך וועגען הימלישען פערגעניגען, וואס דער און דער מענעדזשער האט אנגעגרייט פון אייערטוועגען, און פון א אמת'ען גן־עדן־געגנוס, וואס איהר וועט האבען אין יענעם טהעאטער. די דאזיגע שענע גלאטע בוימעהלדיגע ארטיקלען זענען אזוי בריה'ש צענויפגעשטעלט, אזוי ממזר'יש אויסגעשטאטעט, אז דער פשוט'ער נאאיווער לעזער עפענט אויף מויל און אויגען. ער ווייסט ניט, צי איז דאס א לייטארטיקעל, אדער, ווי מע רופט עס דארט, איין "עדיטאריעל", פון'ם רעדאקטאר אליין? צי איז דאס אזא מין קריטיק, א הללויה, א לויבגעזאנג פון'ם צופריעדענעם ענטציקטען טהעאטער־רעצענזענט? קיין מאל אין דער וועלט וועט איהם ניט איינפאלען אין קאפ א מחשבה, אז דאס איז חלילה א גוט־בעצאהלטע אנאנסע, דארט הייסט עס "אדווערטייזמענט", פאר געלד, איין אפגעדונגענער "פיידזש", וואס דער טהעאטער־מענעדזשער קאן דארט אנשרייבען, וואס זיין הארץ גלוסט. און ער קלאפט דארט וועגען זיין טהעאטער, קלינגט און פייפט און טרומייטערט בחצוצרות וקול שופר.

"ווילט איהר זעהען עטוואס ערהאבענעס, עטוואס אזעלכעס, וואס איהר האט נאך קיין מאל ניט געזעהען — צוגיסט זיך איינער אין א צייטונג און זינגט ווי א סאלאוויי: — ווילט איהר פערברענגען האטש איין שטונדע א גרמע, א רוהיגע, אין פאראדיעז? ווילט איהר וויסען, וואס הייסט א הימעלגענוס? ווילט איהר הערען דעם וויעדער־קול פון עכט־יודישען געזאנג? ווילט איהר יאמערליך וויינען מיט עכט־יודישע טרערען, ווי אין די "געבראכענע הערצער"? ווילט איהר הערצליך לאכען פון נאטירליכען הומאר און ריינעם יודישען וויץ, ווי אין די "אללרייטניקעס"? ווילט איהר זעטיגען אייער אויג מיט מאדערנע רייכע סינערים און פאטריאטישע דעקאראציאנען און אויסשטאטונג, ווי אין "פינטעלע יוד"? ווילט

איהר זעהען וואונדערבארע טענצער און טענצערינס, ווי נאָך ניעמאָלס דא געוועזען? — קומט זעהען יעדען אָבענד און מאטינעע דעם גאנצען יום־טוב די "פּיער שטעקענס" — די שענסטע און רייכסטע יודישע טראגי־קאָמישע מעלאָדראמאטיש־פּאטריאָטישע אָפּערעטע, וואָס איז אמאָל געזעהען געוואָרען אויף א יודישער ביהנע".

"צווישען אלע פּיעסען אין אלע יודישע טהעאטערע אויף דיעזען יום־טוב שיינט ארויס די "מנורה" מיט אזא דיעלען ליכט, אז אלע אנדערע פּיעסען, וואָס זענען ווען אויפגעפיהרט געוואָרען, ווערען פערדונקעלט און געהען גענצליך פערלוירען. — אזוי זינגט גאנץ בעשיידען א צווייטער מענעדזשער פון א צווייטען טהעאטער. — די "מנורה" — זאָגט ער ווייטער מיט זעלטענעם אפּלאָמב — שטעהט צווישען זיי, ווי א ריעז צווישען קארליקעס. מען האָט שוין געזעהען טרערען אין דיעזען לאנד. טרערען פון פערלאָזענע "אלמנות" און פון אומגליקליכע "יתומות". טרערען פון פערלוירענע קינדער און פון אומגעבראכטע עופה'לעך אויף דער ביהנע. מען האָט שוין געזעהען בלוט פון פעראומגליקטע יודישע טעכטער און געשענדעטע פרויען אין די בעסטיאלע פּאָגראָמען. מען האָט שוין געהערט געלעכטערען אויפ'ן סטיידזש פון אונזערע טהעאטערע, נאטירליכע געלעכטערען פון הערצליכען הומאָר און יודישען וויץ. מע האָט שוין געהערט געזאנגע און זיסע מעלאָדיען פון בעריהמטע פּרימאדאָנאס. מע האָט שוין געזעהען טענץ פון די שענסטע טענצערינס פון דער וועלט — זאָ עטוואָס איבערראשענד־ערהאבענעם און הימעל־הייליגעס האָט מען נאָך אין ניו יאָרק ניע געהערט און ניע געזעהען! "

א דריטער מענעדזשער פון א דריטען טהעאטער צעלעגט זיך ווי א שטאָדט־בעל־הבית אין זיין "פּייפּער" און דערצעהלט זיך גלאט א מעשה: ווי אזוי ער האָט דיעזען זומער גלענצענד פערבראכט זיין וואקיישאָן אין "יוראָפּ", אויסגעפאָהרען אלע גרויסע שטעדט, בעזוכט אלע טהעאטערס, זיך צוגעקוקט און צוגעהערט, וויא א ביען גענאשט פון אומעדום צו ביסלעך האָניג, און דאָס האָט איהם געבראכט אויף דער אידעע, ער זאָל צענויפשטעלען פאר'ן ניו יאָרקער יודישען פּובליקום אזא יום־טוב־פּיעסע, וואָס זאָל צו גלייכער צייט בעצויבערען דעם צוהערער מיט נאָך ניע דאָ געוועזענע נאציאָנאלע קאָסטיומען און אָנפילען דאָס הארץ מיט עכט־יודישען שטאָלץ און פּאטריאָטיזמוס. א פּיעסע וואָס זאָל דארשטעלען דיא פיינסטע הערליכסטע יודישע טיפּען פונ'ם אלטען פערגאנגענעם יודענטהום מיט די מאָדערנסטע באנדיטען פונ'ם צוואנציגסטען יאָהרהונדערט. א פּיעסע, וואָס זאָל ענטהאלטען עכט־ביבלישע מאָטיווען, העכסט־יודישע נאציאָנאל־מעלאָדיען און פּאטריאָטישע ליעדער מיט דיא סאמע נייעסטע טענץ פון פּאריזער באלעט. דאָס אלעס צענויפשטעלען — שרייבט דער דאָזיגער מענעדזשער־דראמאטורג — האָט איהם געקאָסט גענוג מיה און גענוג געלד. און אז ער איז נאָך פיעלער מיה און אונערמיעדליכער ארבייט מיט אונגעהויערע גרויסע קאָסטען פארטיג געוואָרען מיט דער פּיעסע, איז ער ערשט דעמאָלט געווען אין דער גרעסטער פערלעגענהייט — איבער'ן נאָמען. ער האָט נישט געהאט דעם פּאסענדען נאָמען. שטעלט אייך פאָר, אז דאָס סאמע שווערסטע אין א מוזיקאליש־דראמאטישען ווערק איז ניט די מוזיק, ניט די דראמאטישע האנדלונג, ניט די טיפּען, ניט דיא בילדער און ניט דיא אויסשטאטונג, נאָר דער נאָמען. א מוזיקאלישעם דראמא דארף האָבען א נאָמען,

וואָס זאָל קלינגען וויא א גלאָק, וואָס זאָל שפּיעלען וויא א פּיעדעל, וואָס זאָל זינגען ווי א פּרימאַדאָנא. און — דאנקען גאָט — ער האָט געפונען, אז דער ריכטיגסטער נאָמען פון אזא ריעזיגע מוזיקאַליש־דראַמאַטישער און נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישער טראַגי־קאָמעדיע דאַרף זיין ניט קיין אנדערער, נאָר "משה".

קאַפּיטעל 136.

"משה"

דער נאָמען "משה" איז זעהר פּאָפּולער אין דער יודישער טהעאַטער־וועלט אין אמעריקא.

"משה" אין געזענגפיסלעך ווערד דאָרט אָנגערופען כמעט דאָס גאַנצע יודישע טהעאַטער־פּובליקום.

"משה" — דאָס איז א סימבאָל פון נאַאיוויטעט, פּראָסטקייט און גראָבהייט.

"משה" — דאָס איז א טיפּ פון א פּשוט'ען חי־וקיים, וואָס מע דאַרף זיך מיט איהם ניט צערעמאָניען. מע מעג איהם געבען קייען היי און שטרוי. נישקשה, "משה" האָט א גוטען מאָגען, וואָס קאָן אלסדינג פערטראָגען.

מע רעכענט, — און דאָס איז אזוי גוט וויא זיכער — אז דער פּערפאַסער כונ'ם וואָרט "משה" זאָל זיין, לאָז ער מיר מוחל זיין, דער אזוי־גערופענער פּאָטער פון דעם יודישען טהעאַטער, דער גאָטזעליגער גאָלדפאַדען.

איך זאָג: "לאָז ער מיר מוחל זיין" דערפאַר, ווייל דאָס וואָרט "משה" ווערד בעגלייט מיט נאָך א וואָרט, וואָס דרוקען לאָזט זיך עס ניט און וואָס דער גרעסטער יודיש־אמעריקאנישער פּאָעט זשעניערט זיך ניט צו גראַמען עס מיט'ן וואָרט "קדחת"...

אמת, עס האָבען זיך געפונען דאָרט אזעלכע, וואָס זענען מיט'ן וואָרט ניט צופריעדען. איינער האָט זיך זאָגאַר אָפּגעריסען און האָט פּלוצים אין א שענעם טאָג ארויסגעטראָטען מיט ז פייעריגען פּראָטעסט אין דער "פּרעסע" קעגען אזא מגושמ'דיגער גאָטלעסטערונג און פערשוועכונג פון דעם סאמע הייליגסטען היסטאָרישען נאָמען, וועלכען מיר פערמאָגען. עס האָט אָבער דאָס אויך נישט געהאָלפען. דעם פּראָטעסט האָט מען דורכגעלייענט, זיך גוט אָנגעלאַכט דערביי, און דער נאָמען "משה" איז פערבליבען עד היום הזה ניט נור דאָרט, אין קאָלומבוסעס מדינה, ער האָט זיך אריבערגעקייקעלט אויך אהער צו אונז, אין דער אלטער היים, אינאיינעם מיט זיין בעגלייטונג־וואָרט, אזוי אז ווען עמיצער פון אונזערע יודישע אקטיאָרען זאָגט "משה", ווייסט מען שוין, וואָס וויטער געהט...

מיט איינעם וואָרט — דער פּערפּאַסער פון דער נאַציאָנאַל־יום־טוב'דיגער מוזיקאַליש־דראַמאַטישער און פּאַטריאָטישער פּיעסע האָט מיט'ן נאָמען "משה" גוט געציעלט און נאָך בעסער געטראָפען. פאר דער פּרימאַדאָנא געפינט זיך דאָרט א פּאַטריאָטיש ליעד, וואָס עקט זיך מיט דעם די וועלט. די פּרימאַדאָנא זינגט דאָס ליעד אזוי הנ'עוודיג־זיס, מיט אזא מחיה'דיגזיסער מעלאָדיע, אז עס צעגעהט זיך פּשוט אין יעדען אבר און רופט ארויס דעם גרעסטען אפּלויז. דאָס ליעד ווערד געזונגען ניט נור פון דער פּרימאַדאָנא אליין. דאָס גאַנצע טהעאַטער מיט אלע ארטיסטען מיט'ן כאָהר מיט'ן ווערטהען פּובליקום העלפען איהר מיט.

"משה" הייסט דאָס ליעדעל און געזונגען ווערד דאָס אָט ווי אזוי:

עס ערשיינט די פּרימאַדאָנא, דוקא א בילד־שענע נקבה און דוקא אין אָפּיצערסקע יוניפאָרם, און צעגיסט זיך אין א זעהר אנגענעהמער מעצא־סאָפּראַנא־שטימע:

"צי האָט איהר ניט געזעהען
מיין משה?
משה? משה? משה?
ער טהוט אויף זאכען גרויסע!
גרויסע! גרויסע! גרויסע!
גוואלד, יודישע קינדער, משה!
צי האָט איהר ניט געזעהן משה'ן?"

דאָ ווערען געוואָרפען אויגען פון דער פּרימאדאָנא צום ווערטהען פּובליקום אויף אלע זייטען — אין פּארטער, אין דיא באקסעס, אויף דער גאלעריע.

רופט זיך אָב א קול פון ווערטהען פּובליקום פון פּארטער, פון די באקסעס אָדער פון דער גאלעריע:

— איך היים משה!

ענטפערט איהם די פּרימאדאָנא מיט זעלטענעם חן:

"ניין! ביזט ניט מיין משה!"

רופט זיך אָפּ נאָך עמיצער פון פּארטער, פון דיא באקסעס אָדער פון דער גאלעריע:

— איך היים משה.

דעמאָלט ענדיגט די פּרימאדאָנא, און דער כאָהר מיט'ן ווערטהען פּובליקום העלפען איהר אונטער:

"משה דאָ און משה דאָרט —
משה איז אויף יעדען אָרט".

נאָך דיא ערשטע צוויי־דריי פאָרשטעלונגען איז דאָס ליעד "משה" אָנגענומען געוואָרען און צעטראָגען געוואָרען איבער דעם נייענטען דיסטריקט פון ניו יאָרק און געזונגען געוואָרען אין שטוב און אין גאס, אין קיטשען און אין שאפּ, אין אלע יודישע רעסטאָראנס, אין דיא סטאָרס און אין דיא פעקטאָרים — אומעדום האָט מען געהערט זינגען נור "משה", "משה" און "משה". קיין גרעסערען סוקסעס האָט מען ניט געקאָנט ערווארטען. ווארום פון א נאציאנאל־מוזיקאליש־דראמאטיש־פּאטריאָטישער פּיעסע, אז עס בלייבט איבער א ליעדעל ביי'ם ווערטהען פּובליקום, איז דאָס דער בעסטער סימן פון ערפאָלג פאר דער גאנצער פּיעסע, אז זי וועט, אם־ירצה־שם, מאריך ימים זיין. דער מענעדזשער פון יענעם טהעאטער האָט שוין געקאָנט זיין זיכער, אז זיין "משה" וועט ניט אראָפּגענומען ווערען פון דעם רעפּערטואר אזוי לאנג, וויא "משה'ן" וועט ניט נמאָס ווערען זינגען "משה"... לאָזען זיך די קריטיקער קריטיקירען, וויפיעל זיי ווילען. לאָזען די רעצענזענטען חוזק מאכען, וויפיעל זייער הארץ גלוסט. לאָזען פעליעטאָניסטען זיך וויצלען איבער דיא יום־טוב־פּיעסען, זיי אָנרופען מיט'ן שענדליכען נאָמען "דיא נארישע וואָך". די מענעדזשערס פון דיא יודישע טהעאטערס זאָגען, אז זיי ווייסען בעסער, וואָס "משה" האָט ליעב און וואָס מע דארף "משה'ן" געבען. און אויב, זאָגען זיי, עס געהט אין דעם, ווער פערדארבט אממעהרסטען דעם געשמאק פון ווערטהען פּובליקום, צי דאָס טהעאטער, צי די "פּרעסס" — לאָז מען אקאָרשט א בלעטער טהון, זאָגען זיי, די יודישע צייטונגען פון אמעריקא און זעהען, וואָס פאר שונד־ראָמאנען זיי דרוקען דאָרטען לכבוד "משה'ן"... און עס געהט אוועק הייסע פּאָלעמיק אויף דיא בלעטער. און עס פערפיהרט זיך א בלוטיגער קאמפּף צווישען דיא פאָרשטעהער פון דיא צוויי גרויסע מעכטע אין דער גרעסטער יודישער קהילה פון דער וועלט, צווישען דער יודישער "פּרעס" און צווישען יודישען טהעאטער — און אלץ צוליעב "משה'ן". און "משה" לייענט דאָס, וואָס מע שרייבט וועגען איהם אויף די בלעטער — און מאכט זיך ניט דערפון. וואו האָט ער צייט אין'ם לאנד פון "הארריאָפּ" און פון "העלפּ יור סעלף" זיך אָפּשטעלען און פערנעמען זיך מיט אזעלכע נארישקייטען, מיט פילאָזאָפיע? דאָס פערהאוועטע, פערטא־

רעראַמטע און פּערטומעלטע, פּערביזיטע און פּערביזנעסטע פּובליקום, אויסגעהאָרעוועט און אויסגעמאַטערט פון'ם טאָג, קוים דערלעבט דעם אויפדערנאַכט, לאָזט מען זיך אַוועק אויף דער יודישער גאַס און מע בעזאָרגט זיך מיט טיקעטס און מע פּיהלט אָן די גאַלעריע מיט'ן פּאַרטער מיט דיא באָקסעס, און מע שלינגט דאָס זיסע פּאַטריאָטיש־חנעוודיגע ליעד "משה", וואָס דיא בעריהמטע פּרימאַדאָננא זינגט מיט אַזוי פיעל חן און זוכט מיט די אויגען אין פּובליקום:

"גוואַלד, יודישע קינדער, משה!
זאָגט מיר, וואו איז משה?"

און דאָס ווערטהע פּובליקום העלפט איהר מיט:

"משה דאָ און משה דאָרט —
משה'ן טרעפט איהר אויף יעדען אָרט".

קאַפּיטעל 137.

דיא קאַמוניע בּרעקעלט זיך

דער יום־טוב האָט שוין געהאַלטען ביי ענדיגען זיך. "די נאַררישע וואָך" מיט איהרע ווילדע אומגעלומפּערטע יום־טוב פּיעסען האָט שוין געהאַלטען ביי אונטערגעהן. דיא יודישע טהעאַטערס פון ניו יאָרק האָבען שוין געהאַלטען ביי נעמען זיך צום ערנסטען רעפּערטואַר פון לויטער ליטעראַרישע פּיעסען. אויף די גרויסע אַפּישען אין סטריט און אויף דער צווייטער פּיידזש פון די יודישע צייטונגען האָבען זיך בעוויזען די גוט־בעקאַנטע נעמען פון דער יודיש־אַמעריקאַנישער טהעאַטער־וועלט. די "פּרעסס" האָט געשמועסט פון נייע דראַמען, אָנגערופען נייע נעמען פון אַלטע זאַכען, וואָס זענען פּערטראָגען געוואָרען איבער'ן ים פון דער אַלטער וועלט, קונציג איבערגעניצעוועט אויף דער לינקער זייט און בריה'ש איבערגעאַרבייט אויפ'ן אַמעריקאַנישען שטייגער, צוגעפּיקסט און אויסגעיודישט אַזוי, אַז מע זאָל מכות דער־קענען, פון וואַנען דאָס שטאַמט. מיט איינעם וואָרט — ס'איז געווען "אָלל־רייט".

גאַנץ ערנסט האָבען די קריטיקער גערעדט פון די דאָזיגע נייע פּלייס, געווידמעט זיי גאַנצע פּיידזשעס און בעשענקט די אויטאָרען מיט די שענסטע גלענצענדסטע נעמען. איינעם האָבען זיי אָנגערופען זודערמאַן. דעם אַנדערען — הויפּטמאַן. דעם דריטען האָט מען געבענשט מיט'ן נאָמען איבסען. דעם פיערטען געקרוינט מיט'ן נאָמען שעקספּיער — דער יודישער שעקספּיער, נאָך גרעסער פון שעקספּיער!...

זעלבסטפּערשטענדליך, אַז ניט אַלע רעצענזענטען זענען געווען איינפּערשטאַנדען און ניט אַלע רעצענזיעס זענען געווען גלייך. ווי עס פיהרט זיך דאָרט פון קדמונים, האָבען זיך די מיינונגען צעטהיילט. שאַרף צעטהיילט. דאָס שטיק, וואָס איין קריטיקער האָט אין איין צייטונג אָפּגעלויבט אין טאָג אַריין, אויפגעהויבען ביז'ן הימעל. און דעם אויטאָר פּערגעטערט, האָט דער אַנדערער קריטיקער אין אַ צווייטער צייטונג אומ'ברחמנות אַרונטערגעריסען, די פּיעסע געטראָטען מיט די פּיס, פון'ם אויטאָר געמאַכט אַש, בעוויזען מיט אותות ומופתים, אַז זינט קאָלומבוס האָט ענטדעקט אַמעריקא איז נאָך גאָר אַזאַ שונד שבשונד נישט בעשאַפען געוואָרען. מיט איינעם וואָרט — דער "סיזאָן" איז געווען אין רעכטען גלאַנץ, און "משה" האָט נאָך אַלץ געוועלטיגט אויף דער יודישער גאַס. דער מענעדזשער פון יענעם טהעאַטער, וואו ס'איז געשפּיעלט געוואָרען "משה", האָט געהאַלטען די הענד אין דיא קעשענעס און זיך בעקלאָגט, אַז ס'איז ניט גוט. זעהר ניט גוט; זיין טהעאַטער איז צו־קליין אויף אַריינצונעמען דאָס גאַנצע פּובליקום, וואָס וויל קומען אַלע נאַכט זעהען און הערען זיין "משה'ן". דערביי האָט ער געמאַכט אַ

קרום פּנים פון איין אומגליקליכען ראקיפעלער, וואָס ווייסט ניט, וואָס צו טהון מיט די שווערע מילליארדען, וואָס פאלען אויף איהם ווי שטיינער פונ'ם הימעל.

מע קאָן זיך פאָרשטעלען, וויא דיא מענעדזשערס פון דיא איבעריגע טהעאטערס האָבען איהם מקנא געווען. אומזיסט געווען זייער ווארפען זיך אויף אלע זייטען. אומזיסט געווען זייער ארויסציהען פון קאסטען די בעסטע סחורה פון די בעסטע דראמאטורגען פון דער וועלט. אומזיסט געווען זייער שרייבען אויף זיך, אז נור ביי זיי איז "די אמת'ע היים פון דער יודישער דראמא". "משה" האָט זיי אלעמען פערטומעלט, דעם קאָפּ פריטשמעליט, בעזיעגט. די אָרעמע טהעאטער בעלי־בתים זענען נעבאך געווען אין דער גרעסטער פערצווייפלונג, ווען ס'האָט זיך בעוויזען פאר זיי פלוצים אין א שענעם טאָג א קוואל פון נייע האָפנונגען אויף אויפלעבונג. א קוואל, וואָס האָט זיי געעפענט די אויגען, ממש דערקוויקט, כמעט פון טוידט לעבעדיג געמאכט.

דיא דאָזיגע קוואל איז געווען אונזער געוויסע קאָמונע "קלאמער, שוואלב עט קאָמפּאני".

די נייע בלאָנזענדע קאָמפּאניע האָט דיא ערשטע צייט נאָך איהר פערבלאָנזען קיין ניו יאָרק דערווייל נאָך נישט געטהאָן גאָרנישט, נאָך געשטאנען פון דערווייטען און נור צוגעקוקט און נור בעוואונדערט, וואָס קומט פאָר אין יודישען טהעאטער פון קאָלומבוסעס מדינה. א נייער מענש, אז ער שטעלט אוועק א פוס אין א ניי אָרט אין א פרעמד לאנד, איז ווי א שווימער אין איין אומבעקאנטען וואסער. מע בעדארף קודם זיך ארומקוקען, וואו מען איז אין דער וועלט, זיך צוקוקען צו די זיטען, זיך צוהערען צו דער שפּראך, אקלימאטיזירען זיך.

לאנג זיצען אזוי איז אָבער אויך נישט קיין פּלאן. אונזערע ארטיסטען פון דער נע־ונד'נער טרופּפּע "קלאמער, שוואלב עט קאָמפּ". האָבען געקאָנט אזוי אויפעסען דאָס גאנצע ביסעל מזומנים, וואָס מיסטער קלאמער האָט מיטגעבראכט מיט זיך פון לאָנדאָן. ביי יעדען פונט שטערלינג, וואָס מיסטער קלאמער האָט בעדארפט אויסבייטען אויף אמעריקאנער דאָללערס, האָט ער נעבאך גוט געקרעכצעט, אונטערגעטריבען זיינע שותפים, פאר וואָס זיי נעמען זיך ניט צו דער ארבייט א ביסעל געשמאקער. נעגעבען אָנצוהערעניש, געוויינליך מיט גוטען, אז עס טאָגט שוין ביי איהם אין פּאקעט, און אז אָט־אָט, אָקערשט ווי מע זעהט ניט, וועט זיין — וויא זאָגט דער איינגעלשמען: "נאָ פּיי — נאָ שאָו". אויף אונזער לשון וועט עס הייסען אזוי גוט ווי: "נעמא פּאפּא, געה ליולי"...

זעלבסטפערשטענדליך, אז די איבעריגע קאָמפּאניאָנען זענען אזעלכע קאפּורליער אָנצוהערענישען געווען נישט אזוי זיס צו הערען, און מעהר פון אלעמען איז דאָס געווען ניט אנגענעהם פאר'ן קאָפּ און פיהרער פון דער קאָמפּאניע, פאר ניסעל שוואלב. אלע אויגען זענען געווען געווענדעט צום געניאלען קאָמבינאטאָר, וואָס וועט ער אויפטהון, וואָס פאר א קאָמבינאציע? און ניסעל שוואלב איז פאר זיינע שותפים ניט פערשעמט געוואָרען און האָט זיין רעפּוטאציע חלילה ניט פערשוועכט. ער האָט ביי זיי געבעטען מעהר ניט אז געדולד און בעוויזען זיי, ווי צוויי מאָל צוויי, אז זיי וועלען דאָ אָנשארען געלד, מאכען א פערמעגען, איבערשטייגען דזשייקאָב שיף, פערשטעקען אין גארטעל דריי ראקקעפעלערס, ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס. נישט־מעהר, ניסעל שוואלב האָט מיט זיין געניטען אויג ארויסגעזעהן, אז אין'ם דאָזיגען לאנד, וואָס הייסט אמעריקא, זענען דיא געזעצע פון דער אלטע־

וועלט ניט געשריבען געוואָרען. אז דאָס, וואָס פאר "יוראָפּ" איז גוט, איז עס פאר אמעריקא א שחיטה. ער האָט מיט זיין קאָמבינאטאָרישען מח אויסגערעכענט, אז מיט דער גאנצער פעראייניגטער טרופּפּע ארויסצוטרעטען, ווי ער האָט גערעכענט פריהער, קאָן ער דאָ האָבען א גוואלדיגען דורכפאל און ברעכען ריק און לענד. א סך געזינדער וועט זיין פאר דער קאָמפּאני, אז זי וועט זיך דאָ ארויסווייזען ביסלעכוויז, איינציגווייז דאָס הייסט, די קאָמפּאניע מעג זיך טאכי בלייבען א קאָמונע, ווי געוועזען, נאָר זי דארף געטהיילט ווערען, די קרעפטען דארפען געברעקעלט ווערען אויף שמיקלעך אזוי אז יעדער איינציגער פון זיי זאָל זיך לאָזען הערען, ארויסרופען בעוואונדערונג און מאכען א "סענסיישאָן". דערביי האָט ניסעל שוואלב ארויסבעוויזען, אז ניט נור ער איז א געניאלער קאָמבינאטאָר — ער איז אויך א פּראקטישער סוחר, אָדער, ווי עס הייסט אין אמעריקא, א גוטער ביזנעסמאן. ער איז געגאנגען, ווי רש"י מאכט: "כדרך התגרים" — דאָס הייסט, אויף'ן סוחר'ישען וועג. א פּראקטישער סוחר, אז ער בעווייזט זיין סחורה, בעווייזט ער פריהער דאָס ערגסטע, וואָס ער פערמאָגט, און נאָכדעם שוין — דאָס בעסטע. קודם האָט ניסעל שוואלב געזעהען צו בעשטאמען דיא שוועסטער הענריעטא די פּרימאדאָנא מיט'ן ברודער איזאק דעם טראגיק.

וואָס אנבעלאנגט דעם ברודער איזאק, דארף מען זאָגען, אז דאָס איז איהם געגאנגען נישט אזוי גוט. אחוץ דעם, וואָס איזאק שוואלב איז נישט אנערקענט געוואָרען אין דער ניו יארקער טהעאטער וועלט אלס טראגיק, א חוץ דעם, וואָס מבינים האָבען אויף איהם געזאגט, אז איהם וואָלט בעסער געפּאסט צו זיין א בוטשער, איידער א שוישפּיעלער, אז איהם וואָלט אָנגעשטאנען צו זיין בעכער א מילכמאן, אָדער ארומטראָגען א "בארעל אייז־קרים" אויף'ן קאָפּ, איידער צו זיין איין עקטער און שפּיעלען טראגישע ראָלען אין טהעאטער, — אחוץ די אלע מעלות איז גלאט איין אומגליק מיט די "יוניאָנס" אין דער "יענקישער מדינה". קיין פרעמדען אקטיאָר לאָזט מען ניט צו צום פּסוק, חאָטש שריי חי־וקיים. איזאק שוואלב האָט קיין אנדער ברירה ניט געהאט אָננעמען דערווייל איין אנדער שטעלע, איין אנדערע דזשאב. אין וואָס איז בעשטאנען דער דאָזיגער "דזשאב", וועלען מיר זעהען ווייטער. דערווייל האלטען מיר ביי זיין שוועסטער הענריעטא, ביי דער בעריהמטער פּרימאדאָנא פון בוענאָס־איירעס.

קאפּיטעל 138.

דער שטערען פון בוענאָס־איירעס

ברײנדעלע קאָזאק האָט ניט מגזם געוועזען אין איהרע בריעף צו הענריעטא'ן דערמיט, וואָס זי האָט געשריעבען צו איהר, אז מע וועט זי אין אמעריקא ניט נור פערצוקערען, נאָר אז די מענעדזשערס פון די יודישע טהעאטערס וועלען זיך אלע שלאָגען פאר איהר, וויא פאר איין אבן טוב. עס איז געוועזען גענוג, אז ניסעל שוואלב זאָל זיך בעווייזען מיט זיין שוועסטער הענריעטא פריהער אין איין טהעאטער, דער נאָך אין'ם אנדערען, זיי זאָלען ציהען אויף זיך די אייגען פון'ם גאנצען פּארטער־פּובליקום. הענריעטא איז אין יענער צייט געוועזען, קאָן מען זאָגען, אין רעכטען בליהען און אין רעכטען גלאנץ פון איהר שענקייט. דערצו איז זי געוועזען אזוי עלעגאנט געקליידעט און איהר הוט איז געוועזען אזוי שרייענד־מאָדערן, און איהרע שטיינער, צווישען וועלכע עס זענען געוועזען מעהר פאלשע אלס עכטע, האָבען איהר צוגעגעבען אזוי פיעל חן, אז ווען דער

ברודער האָט זי אריינגעפיהרט הינטער די קוליסען און פאָרגעשטעלט פאר די אקטיאָרען און אקטריסעס, האָט מען שוין אין פארטער געוואוסט, אז דאָס איז א בעריהמטע פּרימאדאָנא, א נייער אויפגעהענדער סטאר אויף׳ן הימעל פון דער יודישער ביהנע. ווער זיא איז און פון וואנען זיא איז—האָט נאָך דערווייל נישט געוואוסט קיינער. דאָס איז מען געוואָהר געוואָרען ערשט שפּעטער, אז אין דיא צייטונגען האָבען זיך בעוויעזען פריהער ארטיקלען, דערנאָך—בחצוצרות וקול־שופר׳דיגע אנאָנסען מיט קידוש־לבנה־אותיות, אז אין דעם און דעם טהעאטער טרעט אויף א נייער שטערן פון בוענאָס־איירעס מיט׳ן נאָמען הענריעטא שוואלב, וואָס מיט איהר סימפּאטיש אויסזעהן און שלאנקער פיגור וועט זי פערשעמען אלע שעהנהייטען, וועלכע האָבען ווען עס איז בעטראָטען ניט נור די יודישע ביהנע, נאָר אלע ביהנעס פון דיעזען לאנד און פון דער גאנצער וועלט. און ווייל דער מענעדזשער האָט געהאלטען ביי רעדען פון שעהנהייטען, האָט ער זיך שוין ערלויבט צולעגען נאָך עטליכע ווערטער, אז אויף דער אויסשטעלונג פון שעהנהייטען אין פּאריז האָט הענריעטא שוואלב בעקומען דעם ערשטען פּרייז.

גענוג. אנדערע מעלות האָט מען שוין בערשפּאָרט אויסרעכענען. דאָס טהעאטער האָט זיך שוין סאי ווי געבראָכען פון׳ם פּובליקום, וואָס איז געקומען מקבל פּנים זיין דעם שטערן פון בוענאָס־איירעס, די בעריהמטע שעהנהיים, וועלכע האָט בעקומען דעם ערשטען פּרייז. און ס׳איז נויטיג צו צוגעבען, אז דאָס ווערטהע פּובליקום, וואָס איז א ביסעל געוואָהנט געוואָרען, מע זאָל עס א מאָל אָפּבלאָפען, דאָס הייסט, דערצעהלען, אז אויף׳ן הימעל איז א יריד, איז איצטיגס מאָל געווען בעפרידיגט אויף׳ן בעסטען ארט און האָט אויפגענומען דעם שטערן פון בוענאָס־איירעס מיט אזא מין דוננערענדיגען אפּלויז, וואָס נור אין א יודיש טהעאטער אין ניו־יאָרק קאָן אזעלכעס געמאָהלט זיין.

עס איז גרינג זיך פאָרצושטעלען, מיט וואָס פאר א טאָן ניסעל שוואלב האָט גערעדט מיט׳ן מענעדזשער פון טהעאטער, אז ער איז געקומען צו דער צווייטער פאָרשטעלונג שמועסען וועגען בעדינגונגען און דערזעהען איין אנשלאג ביי דער קאסע : ״קיינע טיקעטס מעהר״. ניסעל שוואלב האָט גאָר פערגעסען, אז די מעשה מיט׳ן ערשטען פּרייז אין פּאריז האָט אויסגעטראכט דער מענעדזשער פון זיין אייגענער פאנטאזיע, און ער האָט גענומען דערצעהלען מיט היץ, מיט פייער, ווי זיין שטייגער איז, נסים ונפלאות, ווי אזוי זיין שוועסטער האָט בעקומען דעם דאָזיגען פּרייז. ווי אזוי די אלע איבעריגע בילדשענע פרויען האָבען איהר מקנא געווען, ניט פערגינען. ווי אזוי די דירעקציע אליין איז געווען אויפגערעגט, אז מען איז געוואָהרע געוואָרען, אז זי איז א יודישע טאָכטער. ווי אזוי מע האָט שיער־שיער ניט צוגענומען ביי איהר דעם ערשטען פּרייז. א גליק, וואָס ער, ניסעל שוואלב, האָט זיך ארויסגעשטעלט, געוואָלט מאכען זיי אלעמען א סקאנדאל. און ניט נור געוואָלט, נאָר טאקי געמאכט זיי א סקאנדאל. ער האָט זיי געזאָגט דאָס און דאָס, אזוי און אזוי...

ניסעל שוואלב האָט געמוזט איבערהאקען אין מיטען, ווייל סאמע דאָ האָט ער דערפיהלט, ווי עמיצער האָט איהם אָנגעטראָטען אויף׳ן פוס, נאָר אזוי שטארק, ווי דאָס וואָלט געווען א פוס פון א סאָלדאט פון דער גווארדיע. צום כוף איז דאָס גאָר געווען בריינדעלע קאָזאק׳ס פוס. דאָס האָט זי איהם אָנגעטראָטען, ער זאָל זיך א ביסעל איינהאלטען. ווי קומט אהער בריינדעלע קאָזאק? — סטייטש, דאָס איז זי דאָך געווען די

רעכטע מעקלערין פון דער פּרימאַדאָנאַ שוואַלב. דאָס האָט זי דאָך אַראָפּגעבראַכט פון לאָנדאָן דעם "שטערן פון בוענאָס־איירעס". היינט ווי איז דאָס מעגליך, מע זאָל רעדען פון בעדינגונגען — און זי זאָל ניט זיין דערביי? ניסעל שוואַלב האָט זיך נאָכדעם ניט געוואונדערט דערויף, וואָס ער איז מיט זיינע מעשיות פערקראָכען א ביסעל צו־ווייט. ער האָט זיך נור געוואונדערט, ווי קומט צו א נקבה אזא שווערער פּוס?

גליקליכע הענריעטא! זינט זי איז אויף דער ביהנע, זינט זי איז א פּרימאַדאָנאַ, האָט זי נאָך אזא אויפנאהמע נישט געהאַט אין ערגיץ, ווי דאָ אין ניו יאָרק. אזעלכע דונערענדיגע אַפּלאָדיסמענטען האָט זי נאָך נישט געהערט זינט זי לעבט אויף דער וועלט. ניין. דאָס זענען ניט געווען אַפּלאָדיסמענטען פון מענשליכע הענד. א מענשליכע האנד איז דענן אימשטאַנד ארויסצולאָזען אזעלכע הילכיגע קולות? אזוי הילכיג דונערט עס נור, ווען מע פּאַטשט קישענס, ווען מע שלאָגט אויס בעטגעוואַנט, ווען מע רייניגט דורך רויכוואַרג זומער אויף דער זונן מיט גוטע שטעקענס, אָדער, ווייניגסטענס, ווען מע גיט איינעם אין די הענד אריין צוויי ברעטלעך און מע זאָגט איהם: "קלאַפּ! שנייד! בראָק אויף וואָס די וועלט שטעהט!"...

מיר מוזען זיך מודה זיין צום סוף און אויסזאָגען פון'ם סוד, אז גאנץ אויבען אויף דער גאַלעריע זענען געווען אזעלכע מענשען מיט אזעלכע "כלים" אין די הענד, וואָס האָבען ארויסגערופען דעם דאָזיגען שטורם אַלע מאָל, ווען דער שטערן פון בוענאָס־איירעס האָט זיך בעוויזען אויף דער ביהנע, אָדער בעדאַרפט פערלאָזען די ביהנע. דאָס טהעאַטער איז שיער ניט צעפאַלען געוואָרען פון אזא דונערען מיט אזא שטורעמען. דאָס אונטערשטע פּובליקום האָט מיט שרעק געקוקט ארויף, געוואָלט זעהען, פון וואַנען געהט דער קראַך, און האָט אליין אויך געהאָלפען דונערען און שטורעמען. דאָס ליגט שוין אין דער טבע פון א פּובליקום, וואָס דאַרף נור האָבען דעם ערשטען סיגנאַל. ווער איז דאָס מחויב צו וויסען, פון וואַנען עס געהט דער סיגנאַל? ווער, ווען — וועט דאָס, א שטייגער, איינפאַלען אין קאָפּ, אז דאָרט ערגיץ זיצען מענשען מיט "כלים" אין די הענד, אָנגעגרייט אויף צו מאַכען איין ערפאָלג דער פּרימאַדאָנאַ, און אז צווישען די דאָזיגע "קלאַפּערס" געפינט זיך טאַקי איהר אייגענער ברודער?

יאָ. דער ערשטער צווישען די "קלאַפּערס" איז געווען נישט קיין אנדערער, ווי אונזער בעקאַנטער טראַגיקער איזאַק שוואַלב — און דאָס איז טאַקי געווען זיין "דזשאָב", וואָס זיין ברודער ניסעל האָט איהם אוועקגעגעבען דערווייל אויף דער ערשטער צייט אין אמעריקא.

סיק טראַנזיט גלאָריא מונדי — זאָגט א לאַטייניש שפּריכוואָרט. אויף אונזער יודיש, אז מיר זאָלען עס ווילען איבערזעצען א ביסעל פרייער, וועט דאָס הייסען: אָט אזוי ווערד א מאָל פון א טראַגיק א קלאַפּער.

קאַפּיטעל 139.

דער לאָמזשער סאָלאָוויי

אונזער קאָמונע "קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ." איז געגאַנגען אין אמעריקא, קאָן מען זאָגען, דורך טהיר און דורך טהויער. אין דער זעלבער צייט, וואָס דער "שטערן פון בוענאָס־איירעס" איז אויפגעגאַנגען אויף'ן הימעל פון דער יודישער ביהנע, האָט זיך געלאָזט הערען אין דער יודישער "פּרעס" א קול־נגינה פון א "לאָמזשער סאָלאָוויי", וואָס די בלעטער האָבען אויפגעכאַפּט און צעפּויקט איבער גאַנץ אמעריקא.

אונזער לעזער שטויסט זיך שוין אָן, ווער דער "לאָמזשער סאָלאָוויי" איז.

דאָס איז נישט קיין אנדערע, נאָר אונזער לאָמזשער חזן.

הכל תלוי במזל — ס'איז נור א גליקזאך. אין לאָנדאָן איז דער דאָזיגער חזן געלעגען פערשטעקט אין א ווינקעל, זיך געוואלגערט אין א קעלער, געשטאָרבען, ניט היינט געדאכט, מיט דער גאנצער משפּחה דריי מאָל א טאָג פון הונגער, געמוזט אָנקומען צו די טובות פון די לאָנדאָנער "טשארעטיעס" און צו די עצות פון אזעלכע גוטע מענשען, ווי מיסטער קלאמער. און דאָ, אין ניו יאָרק, איז ער מיט א מאָל מפורסם געוואָרען, אויסגעוואכסען מיט דריי קעפּ העכער און בעקומען א נאָמען, וואָס קלינגט פון איין עק שטאָדט ביז'ן אנדערען.

אין אלע בלעטער און אויף אלע בלאָקס אויף די אפישען האָט איהר געקאָנט יעדען סיזאָן לייענען יעדען טאָג די דאָזיגע שרייענדיגע בחצוצרות־וקול־שופר'דיגע אנאָנסען:

"קומט היינט אין אונזער טהעאַטער הערען דעם לאָמזשער סאָלאָווייזינגען כל־נדרי מיט זיין אייגענער קאפּעללע, וואָס דער קעניג געאָרג האָט בעוואונדערט!"

ווי ארום איז דאָס אויסגעוואכסען דער לאָמזשער חזן אין טהעאטער? און פון וואנען האָט זיך עס גענומען אהער דער גאָט די נשמה שולדיגער קעניג געאָרג? — אונזער פריינד לעזער דארף אזעלכע קשיות ניט פרעגען. ער דארף זיך נור דערמאנען, אז מיר זעגען מיט אונזער קאָמונע נישט אין יעהופּעץ, נאָר אין דער גאָלדענער מדינה פון קאָלומבוסען, אין'ם פרייען גוטען גליקליכען לאנד, וואָס הייסט אמעריקא.

וואָס מע וויל, קאן מען זאָגען אויף אונזערע ברידער אין דער גאלדענער מדינה: למשל, אז זיי זענען אביסעל צו להוט נאָך די ביזנעס, אז זיי ווארפען זיך ארויף אויף'ן אמעריקאנער לעבען מיט אנ'אנגעהייער זשעדניקייט, ווערען זיך אמעריקאניזירט, ווילען אויסזעהען מעהר אמעריקאניש ווי די אמעריקאנער זעלבסט, און נאָך אזעלכע זאכען, וואס ביי איינעם איז דאָס א חסרון, ביים אנדערען א מעלה.—איין שבח מוז מען אויף זיי נאכדערצעהלען, אז דעם אלטען פסוק פון אונזער אלטען חומש "ואהבת את הגר" — איהר זאָלט ליעב האָבען דעם פרעמדען, ווייל איהר זענט אליין געוועזען פרעמדע" — דעם דאָזיגען פסוק פערגעסען זיי קיין מאָל ניט און וועלען ניט פערגעסען, אפילו ווען זיי זאָלען ווערען אויסגעגרינט אויף'ן געלסמען אופן. איך זאָל וויסען, אז מע וועט מיך ניט בעשולדיגען, אז איך בין מגזם, וואלט איך זאָגען, אז אין דער מצוה פון הכנסת אורחים איז דאָרט יעדער איד כמעט איין אברהם אבינו. איין אורח, נישט נור א קרוב, נאר גלאט א לאנדסמאן, איז ביי זיי א גאנצער אנטיק. יעדער, וואָס איז אליין אמאָל געוועזען א געפלאגטער און פערזוכט דעם טעם פון עמיגראנט, קוים האָט ער זיך ארויפגעארבייט אויף א שטיקעל מעמד, וועט ער זיך ניט בערוהיגען, ביז ער וועט ניט אראפּברענגען איינציגווייז די איבעריגע משפּחה פון דער אלטער היים. ער זאָל נור קאָנען, וואלט ער דאכט זיך, א בעלן געוועזען, אז דאס גאנצע שטעדטעל זיינס מיט'ן רב און מיט'ן שוחט און מיט'ן חזן זאָל אריבערמופען צו איהם אין זיין נייער געבענשטער היים. לאָזען אלע זעהען, וואס פאר א לעבען ער מאכט אין דער גאָלדענער מדינה פון קאָלומבוסען און, לאָזען זיי אויך מאַכען א לעבען.

מע דארף ניט מיינען פון דעסטוועגען, אז מיר זענען געניגט צו זינגען א דיפיראמב, א לויבליעד צו אונזערע אמעריקאנער ברידער און ארויסשטעלען זיי אלע פאר צדיקים גמורים. מענשען זענען אלע מאָל און אומעדום נור מענשען. קומט אראפּ צו זיי א לאנדסמאן, נעמט מען איהם אויף מיט דער גרעסטער

גאסטפריינדליכקייט. מע ווייסט ניט די ערשטע צייט, וואו מע זאָל איהם אוועקזעצן. מען איז זיך מיט איהם משמח. מע שטאָלצירט מיט איהם. מע גיט איהם די בעסטע עצות. מע ווייזט איהם דעם ריכטיגסטען וועג. מע שטיצט איהם אפטמאָל אונטער מיט א מזומנעם דאללאר אזוי ווייט ווי מע קאָן. דאָס אלסדינג איז אבער נאר אויף דער הייסער שעה. די צייט שטעהט ניט. פאַרהאַן א פסוק ביי זיי, א האַרטער פסוק: "טיים איז מאַני — צייט איז געלד". אוועק דיא הייסע שעה, זאגט מען צו איהם: "אצינד, מיסטער, צו דער ארבייט! דאָס לאַנד איז פאַר דיר אָפּען, געה, ברידערעל, מאַך א לעבען".

און דער פרישער אורח, אויסגערוהט און ארומגעקוקט זיך, געהט ארויס אויף דער קאָכעדיגער גאס און בלייבט א פערטומעלטער.

וואָס איז די מעשה?

אין׳ם דאָזיגען פערהאוועטען, פערטאַרעראַמטען לאַנד פון "האררי־אָפּ", וואו קיינער האָט קיין צייט ניט און אלע זענען פערביזיט פון גאנץ פריה אָן ביז שפּעט אין דער נאכט, אז עס קומט צו פאָהרען איין אורח, דאַרף ער ניט וואַרטען ביז עמיצער וועט איהם אפּשטעלען אין גאס, אריינרוקען א שלום־עליכם, מכבד זיין מיט א שמעק־טאבאק און פּרעגען: "מה שמכם?" — ער וועט דאַרפען דערויף לאַנג וואַרטען. ניין. דאָס איז א לאַנד פון זעלבסטשטענדיגקייט. א לאַנד, וואו יעדער איז א בעל־הבית אויף זיך אליין. א לאַנד, וואָס האָט אויסגעאַרבייט איין אייזערנעם פּרינציפּ: "העלפּ יור סעלף" — העלף זיך אליין. אויף אונזער לשון וועט דאָס הייסען אזוי פּיעל, ווי: "פּעטער, שטעהט מיר ניט אויף׳ן וועג!" "פּעטער, אָקערט מיט דער נאָז, ארבייט מיט די זייטען!" אָדער: "פּעטער, איהר קאָנט געהן שטאַרבען, **אויב איהר האָט ניט וואָס צו עסען"**.

ניין. אין אזא לאַנד דאַרפט איהר ניט וואַרטען אויף כבוד און ארויסקוקען אויף נסים. איהר בעדאַרפט אליין זיך מטריח זיין אָפּשטעלען יעדען איינציגען און ארויס מיט׳ן לשון: "סער! איך בין דער און דער און קאָן דאָס און דאָס — אפשר דאַרפט איהר הענד?"... הענד — דאָס איז דער עיקר. ניטאָ קיין מענשען, נאָר הענד. הענד, וואָס ליגען פאָר. הענד, וואָס רעדען. הענד, וואָס שרייען: "הענד! הענד!" — און וואָס העכער איהר וועט שרייען "הענד" איז אלץ בעסער פאַר אייך.

נאָר איהר דאַרפט ניט זיין נאַאיוו און מיינען, אז ס׳איז נויטיג, אז איהר אליין דאַרפט ארומגעהן איבער דער כטריט און צו שרייען: "הענד! הענד!" ניין. דערויף איז געגעבען געוואָרען א "פּרעסס". דערויף זענען בעשאַפען געוואָרען צייטונגען, וואָס בעדיענען דאָס ברייטע פּובליקום און וואָס זענען בעזעצט און פערזייעט, דורכגעשפּיגעוועט און אָנגעניזשעט מיט לעבעדיגע אדווערטייזמענטס און שרייענדיגע אנאָנסען פון אויבען ביז אראָפּ, וואָס רעדען וועגען זיך, קלינגען, פּייפען און טרומייטערען בחצוצרות וקול שופר! און ווער נור עס וויל אין דעם לאַנד מאַכען א לעבען, און ווער נור עס וויל זיין בעוואָהרענט, אז ער זאָל אין דעם פרייען גאָלדענעם אמעריקא ניט אויסגעהן שטילערהייט פון הונגער — דער מוז אָנקומען צו דער הילף פון דער "פּרעסס", דער מוז — צי ער וויל, צי ער וויל ניט — אדווערטייזען זיך אין אלע בלעטער, אָפּלויבען זיך אליין און זיין סחורה אין טאָג אריין, קלינגען אין אלע גלעקער, פּייפען און טרומייטערען ב ח צ ו צ ר ו ת ו ק ו ל ש ו פ ר!

די דאָזיגע לאַגע האָט באַלד פערשטאַנען אונזער פיהרער פון דער קאָמונע. ער האָט אָנגעשמעקט מיט זיין נאָז און געכאַפּט מיט זיין אויג, אז מע טאָר ניט

מאכען לאנגע שהיות, אז מע בעדארף נעמען די לייצעס אין איין האנד, די בייטש אין דער אנדערער האנד — און מארש! דערצו האָט איהם מיט'ן לאָמזשער חזן צוגעשפּיעלט א ביסעל די צייט און א ביסעל די הצלחה. די צייט איז געווען, ווי מיר ווייסען שוין, ימים־טובים־צייט, ווען חזנים זענען אין אמעריקא א גאנגבארער ארטיקעל. און די הצלחה איז געווען, וואָס אקוראט צו זייער אָנקומען קיין ניו יאָרק איז א געוויסע "סאָסייעטי" געבליבען אָהן א חזן. און חאָטש די סחורה איז אין אמעריקא איבערגענוג, אזוי אז אויף דער ערשטער אנאָנסע: "עס ווערד געזוכט א חזן אויף ימים־נוראים" — האָבען זיך א שאָט געגעבען חזנים פון דער וועלט, און אונזער לאָמזשער חזן איז אויסגעקומען אויסצושטעהען א געוואלדיגען קאָנקורס. האָבען זיך אָבער אריינגעמישט זיינע לאָמזשער לאנדסלייט, און אונזער לאָמזשער חזן איז געוואָרען "אָלל־רייט".

דאָס איז אָבער געווען נישט מעהר ווי א אינטערמעצצא, א הקדמה צו דער קאריערע פון'ם לאָמזשער סאָלאָוויי. איין אמעריקאנער סאָסייעטי דארף א חזן נור אויף ימים נוראים, און פון ימים נוראים אליין קאָן מען קיין לעבען ניט מאכען. דאָ האָט זיך ארויסבעוויזען אונזער קאָמבינאטאָר ניסעל שוואלב מיט זיין אונטערנעמונגס־טאלאנט. ער האָט אפּגעדונגען א האָלל און געלאָזט אפּדרוקען אין אלע בלעטער אזא מין אנאָנסע:

"א מענש א סאָלאָוויי. א האלז א קלארנעט. א קול א פּיעדעל. דאָס איז דער וועלטבעריהמטער לאָמזשער חזן מיט זיין אייגענעם כאָהר. ער וועט זינגען כל־נדרי אין דעם און דעם מיוזיק־האָל מיט בעגלייטונג פון זיין אייגענער קאפּעללע אויף אלערליי אינסטרומענטען, וואָס האָבען געשפּיעלט פאר'ן קעניג געאָרג".

דער ערשטער קאָנצערט איז געווען אויך דער לעצטער קאָנצערט, ווייל אויף מאָרגען אין דער פריה איז אונזער ניסעל שוואלב און זיין געלד־שותף מיסטער קלאמער געזעסען ביי א גלאָז ביער און א האוואנא־סיגאר מיט א מענעדזשער פון א יודיש טהעאטער און אונטערגעשריבען איין אגרימענט אויף דרייסיג ספּעטאקלען, אין וועלכע דער "לאָמזשער סאָלאָוויי" מיט זיין קאפּעללע דארף זינגען אלע נאכט כל נדרי אין דער בעריהמטער אָפּערעטע, וואָס הייסט טאקי מיט'ן נאָמען "כל נדרי".

נאָכדעם, ווי דער אגרימענט איז געווען אונטערגעשריבען און דער מענעדזשער האָט איהם אריינגעלייגט אין זייטקעשעני, אזוי האָט מיסטער קלאמער באלד חרטה געקריגען אויף'ן געשעפט און גענומען עסען דעם קאָמפּאניאָן, ניסעל שוואלב, למאי ער האָט זיך אזוי געאיילט פערהאנדלען אזא סחורה בחצי־חנם. א סימן — נאָך די ערשטע עטליכע ספּעקטאקלען האָט דער זעלבער טהעאטער־מענעדזשער אונטערגעשריבען מיט זיי א נייעם אגרימענט אויף נאָך דרייסיג ספּעקטאקלען פאר א פּרייז פּונקט דריי מאָל אזוי פיעל. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז די צוויי שותפים, מיסטער קלאמער און ניסעל שוואלב, זאָלען זיך דעם ערשטען מאָל אויף'ן אמעריקאנישען באָדען צעאמפּערען, צעווערטלען זיך, אָנרופען איינם דאָס אנדערע מיט פערשיעדענע נעמען, וואָס מיר קאָנען בשום אופן זיי ניט ברענגען, ווייל זיי פּאסען זיך נישט פאר אזעלכע דזשענטעללייט, ווי די דאָזיגע צוויי. אזא ווערטלען זיך האָט געקאָנט געשלאָסען ווערען מיט א מיאוסען סקאנדאל, ווארום איינער פון זיי (ניסעל שוואלב) האָט שוין געהאט אָנגעבאָטען מזומנ'ע פּעטש פאר זיין קאָמפּאניאָן (מיסטער קלאמער). א גליק, וואָס דער חזן מיט דער חזנ'טע האָבען זיך אריינגעמישט און בעצייטענס צענומען דיא צעאמפּערטע

קאָמפּאַניאָנען, זיי דערמאַנט, אַז זיי שטעהט פאָר זעהר אַ וויכטיגע אַרבייט, אויב ניט די וויכטיגסטע: בעשטאַטען ראַפּאַלעסקאַ'ן. דערווייל האָט די חזנ'טע געמאַכט זעהר אַ שענעם סאַפּער פאַר דער גאַנצער קאָמונע, איינגעלאַדען די מאַדאַם טשערניאַק (ברייינדעלע קאָזאַק) און אַ פּאָר לאָמזשער לאַנדסלייט, וואָס האָבען צוגעזאָגט קומען מיט זייערע "מיסעסען" פּערברענגען מיט זייער לאַנדסמאַן, דעם לאָמזשער סאָלאָוויי, איין אָבענד, בעקענען זיך מיט זיינע קאָמפּאַניאָנען און געבען אַ לעב אונטער, ווי גאָט האָט געבאָטען.

קאַפּיטעל 140.

אַ מאָדנע ביאָגראַפיע

"בעשטאַטען" ראַפּאַלעסקאַ'ן איז געווען ניט אַזוי לייכט, וויא אונזערע שותפים די קאָמוניסטען האָבען זיך געקאָנט פאָרשטעלען. ערשטענס האָט מען ראַפּאַלעסקאַ'ן כמעט נישט אָנגעקוקט אין די אויגען פון זינט מען איז געקומען קיין אַמעריקאַ. גאַנצע טעג פיהרט ער זיך אַרום מיט דער מאַדאַם טשערנאַק — "טאָמער ווייסט איהר, וואָס פאַר עסקים ביי איהם מיט אָט דער חיה?" — און קומט אויף דער נאַכט, — זעהט מען איהם ניט. ער איז אויפען אומעדום, אויף אַלע קאָנצערטען, אין אַלע טהעאַטערס אינ'ם אַריסטאָקראַטישען גוישען ניו יאָרק, וואָס מען רופט עס "אַפּטאַון", גלייך ווי ער וואָלט געקומען אַהער צו די גויים, ניט צו די יודען. גלייך ווי נישט דאָס יודישע טהעאַטער האָט פאַר איהם אַ אינטערעס. גלייך ווי ער וואָלט ניט זיין קיין יודישער אַרטיסט, קיין בלאָנזשענדער שטערן פון דעם יודישען נע־ונד'נעם טהעאַטער, קיין קינד פונ'ם יודישען גהעטאָ.

די ערשטע צייט האָבען אונזערע קאָמוניסטען דערויף זיך ניט אַזוי שטאַרק אַרומגעקוקט. אַ יונגערמאַן — האָבען זיי זיך געטראַכט — דאָס ערשטע מאָל אין אַ פרעמד לאַנד, לאָז ער זיך אַ ביסעל אַרומזעהען. ווייטער־ווייטער אָבער האָבען זיי אָנגעהויבען קוקען אויף איהם קרום, נאָכפרעגען זיך, וואוהין ער געהט און וואָס ער טהוט, און גענומען איהם זאָגען מוסר, למאי ער קוקט זיך נישט צו צו דעם, וואָס ער בעדאַרף? למאי ער שטודיערט בעסער ניט די יודישע ביהנע אינ'ם יודישען ניו־יאָרק, וואָס הייסט "דאַון־טאַון", און למאי ער זעהט ניט. עפּיס נאַשען פון די בעריהמטע אַמעריקאַנישע יודישע "סטאַרס"?

דערויף האָט זיי ראַפּאַלעסקאָ אָפּגעענטפערט, אַז די יודישע ביהנע פערשפּאָרט ער צו שטודירען, ער קען זי שוין דורך און דורך, און אויב עס קאָן זיין אַ רעד פון "נאַשען", קאָן עס נור מעגליך זיין ביי די אומות העולם, אין די אַמעריקאַנער גרויסע טהעאַטערס.

דאָס איז אָבער געווען מעהר ניט אַז אַ תירוץ פאַר די בענשליכט. ראַפּאַלעסקאָ איז געווען פערנומען אין ניו־יאָרק מיט זיינע אייגענע ביזנעסס, ווי מיר וועלען אין גיכען געוואָהרע ווערען. די קאָמוניסטען האָבען אָבער דערמיט נישט געקאָנט זיין צופריעדען. זיי האָבען געוואָלט דורכאויס, אַז זייער שפּיעגעל ראַפּאַלעסקאָ זאָל וואָס גיכער אויפטרעטען פאַר'ן ניו־יאָרקער יודישען פּובליקום, בעווייזען ווער ער איז און וואָס ער איז.

נאַטירליך, האָט ניסעל שוואַלב געטהאָן, וואָס ער האָט געקאָנט. ער האָט קודם בעקאַנט געמאַכט אַלע רעפּאָרטערס פון די יודישע צייטונגען מיט דער ביאָגראַפיע פון לעאָ ראַפּאַלעסקאָ אין קורצען. ער האָט זיי איבערגעגעבען, יעדען בעזונדער בסוד, אַז ראַפּאַלעסקאָ שטאַמט פון דער אָנגעזעהענסטער יודישער פאַמיליע אין בוקאַרעשט. אַז זיין

פאָטער — סעמיואיל ראפאלעסקאָ — איז איינער פון די רייכסטע באנקירען אין רומעניען, וואָס האָט בעקומען בירגערעכט פונ׳ם קעניג אליין. נאָר עס האָט איהם אָפּגעקאָסט א מענגע! נאָך קינדוויז האָט דער קליינער לעאָ ארויסבעוויזען גוואלדיגע ארטיסטישע פעהיגקייטען און גע׳חלומ׳ט שטודירען "קונסט", האָבען די פאנאטישע עלטערען נישט געוואָלט ניט הערען, ניט זעהען. איז זיך מיישב דער יונגער לעאָ און שטעלט זיך פאַר איינמאָל פאַר דער רומענישער קעניגין, די בעוואוסטע דראַמאטישע שריפטשטעלערין קארמען סילווא...

— קארמען סילווא איז א שריפטשטעלערין פון נאָוועלען, — רייסט איהם איבער דער רעפּאָרטער. נאָר ניסעל שוואלב פאלט נישט אראָפּ ביי זיך. ער דערצעהלט ווייטער:

— אָבער א מבינ׳טע אויף דראמא איז זי שוין? נו אלזאָ, האָט זיך אונזער לעאָ פאָרגעשטעלט פאר איהר און פאָרגעלעזען א פּאָר מאָנאָלאָגען, איז די קעניגין אזוי ארויס פון די כלים, אז זי האָט איהם אויף איהר רעכענונג געגעבען שטודירען אין גרעסטען רומענישען טהעאטער. דער יונגער ראפאלעסקאָ אָבער האָט תמיד געשטרעבט נור צו דער יודישער ביהנע. "איך בין, זאָגט ער, א קינד פון יודישען פאָלק, און איך דארף, זאָגט ער, דיענען מיין פאָלק, מיין שפראך, ניט קיין פרעמדע". און איינמאָל אין א שענעם פריהמאָרגען רצט ער זיך אוועקגעלאָזט מיט א יודישער וואנדער־טרופפע, וואָס האָט ארומגעבלאָנזעט אין יענער צייט איבער רומעניען פון שטאָדט צו שטאָדט. דער דירעקטאָר פון יענער טרופפע איז געווען איינער א געוויסער ארטיסט און א הויבגעלערנטער דראמאטורג האָלצמאן, דער בעריהמטער פערפאסער פון דעם בעריהמטען ווערק "אוריאל אקאָסטא"...

דאָ האָט איהם דער רעפּאָרטער געמוזט אונטערברעכען:

— עקסקיוז מי, מיסטער שוואלב, דער פערפאסער פון "אוריאל אקאָסטא" איז ניט האָלצמאן, נאָר קארל גוצקאָוו.

ניסעל שוואלב איז אָבער נישט פון די, וואָס פערליערען זיך. ער פערענטפערט זיך:

— איך וויים, אז דער פערפאסער איז קארל גוצקאָוו. איך מיין דעם איבערזעצער אויף יודיש.

— אי בעג יור פארדאָן! — שלאָגט איהם איבער נאָך א מאָל דער פערעקשנ׳טער רעפּאָרטער. — דער איבערזעצער פון "אוריאל אקאָסטא" איז ניט האָלצמאן, נאָר יוסף לערנער.

ניסעל שוואלב האקט ווייטער:

— איך וויים, אז לערנער. לערנער איז געווען דער ערשטער איבערזעצער. איז אָבער האָלצמאן נישט געווען צופריעדען מיט דיעזער איבערזעצונג, האָט ער איינמאָל אין א שענעם פריהמאָרגען זיך אוועקגעזעצט אויף א גאנצער נאכט און האָט איבערזעצט דאָס גאנצע ווערק איבעראנייעס, ספּעציעל פון ראפאלעסקאָ׳ס וועגען, און ס׳איז איהם זעהר געלונגען. קיינער האָט נאָך אזוי ניט איבערזעצט "אוריאל אקאָסטא", ווי האָלצמאן, און קיינער האָט נאָך אזוי ניט געשפּיעלט דיעזע ראָל, ווי ראפאלעסקאָ. איהר קאָנט פערשטעהן פון ד׳עם פאקט אליין, אז אין וויען האָט איינמאָל זאָנענטהאל, דער גרויסער זאָנענטהאל, געזעהען ראפאלעסקאָ׳ן אין דער ראָל פון אוריאל אקאָסטא, האָט ער זיך צעוויינט, ווי א קליין קינד, און געזאָגט, איין מאָל פאר אלע מאָל, אָן׳עק — מעהר שפּיעלט ער שוין ניט דיעזע ראָל! און וואָס מיינט איהר? ער האָט געהאלטען וואָרט: ער האָט זי טאקי ניט געשפּיעלט

ביז'ן טוידט אריין — איך זאָל אזוי דאַבען אלעמענס גוטס....

די אמעריקאנער רעפּאָרטערס זענען ניט קיין שרעקעדיגע קינדער. זיי ווייסען, וואָס הייסט בלאָף. האָבען זיי מעהר ניט או צוגעפּיקסט א ביסעל דאָס אלץ, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעהערט פון ניכעל שוואלב. דאָס הייסט, א ביסעל האָבען זיי ארויסגעוואָרפען, א ביסעל צוגעלעגט — און עס איז ארויס א וואונדערליכע ביאָגראַפיע.

אויפ'ן אנדערען טאָג, אז ראפאלעסקאָ האָט געעפענט דאָס בלאַט, האָט ער איבערגעלייגט זיין אייגענע ביאָגראפיע, בעטיטעלט מיט א כפול־שמונה'דיג קעפעל פון גרויסע אותיות:

"א נייער שטערן אויף דער
אידישער ביהנע!
קארמען סילווא אויסער זיך!
קעניגין קרוינט יונגען כטאר.
זאַנגענהאַל גיסט מיט טרערען".

אויף אונזער יונגען העלד איז אָנגעפאלען אזא געלעכטער, אז מע האָט איהם קוים אָפּגעראטעוועט.

קאפּיטעל 141.

אין דער "קיבעצאַרני"

"קיבעץ" — דאָס איז א יודיש־אמעריקאניש וואָרט, געבוירען געוואָרען אויף'ן אמעריקאנישען באָדען, אין די ספערען פון דער יודישער פּרעססע און יודישען טהעאטער.

איבערזעצען דאָס וואָרט אויף אונזער לשון — מוז איך אָנקומען צו א גאנצער רייהע פון ווערטער און בעגריפען און פּרובען זאָגען אזוי:

זיך קיבעצען הייסט: איבערוואָרפען זיך מיט שטעכיווערטער, פּיהרען רכילות אויפ'ן אָרט, רעדען לשון־הרע אין די אויגען, איינעכען זיך אין די ביינער, ארײנקריכען יענעם אין די גרגרת, דערלאָנגען ביז דער זיעבעטער ריפּ, דרעליווען איין אויהער, טרעפען אין שווארצאפּעל, זאלצען אויף די וואונדען, טרויבערען די קישקעס, רייסען די הויט, טרענען די אָדערען, דערגעהן די יאָהרען, מאכען די עקטיקע, בעגראָבען נייען איילען, מיט גוטען שלאָגען כפרות, קורשענדיג ארויסנעמען די נשמה — א!

אונזער יודיש לשון איז, ברוך־השם גענוג רייך. איך וואָלט נאָך געקאָנט ברענגען א סך — א סך אזעלכע אויסדריקען. איז אָבער דער חסרון, וואָס די אלע בעגריפען, צוזאמענגענומען, קומען ניט צו דעם איין־און־איינציגען וואָרט "קיבעץ", וואָס נור אויף'ן שטארקען אייגעגארטיגען אמעריקאנישען באָדען האָט געקאָנט אזעלכס אויפבליהען און אויסוואכסען. און וויבאלד אזוי, האָב איך מורא, אז עס וועט מיר זיין שווער איבערצוגעבען אייך, וואָס איז דאָס אזעלכס "קיבעצארני".

קיבעצארני — דאָס איז א מין קלוב, אָדער א קאפע אזעלכע אין'ם נייענטען דיסטריקט פון ניו יארק, וואו עס קומען זיך צענויף א געוויסער קלאסס אינטעליגענטען, וואָס האָבען א שייכות צו ליטעראטור, צו טהעאטער און פּאָליטיק.

דאָס זענען דאָס־רוב מענשען פון פערשיעדענע לאגערס און אלערליי פּארטייען, מעהרסטענטהייל — געגנערס, אָפּטמאָל — קאָנקורענטען, און כמעט אָהן אויסנאהם—פערביטערטע שונאים. ניט נור שונאים אויף'ן לעבען, וואָס האָבען זיך פיינד, קאָנען זיך ניט אָנקוקען דעם פּרצוף, ניט הערען איינס דעם אנדערענס נאָמען. ניין. דאָס זענען אזעלכע פערברענטע שונאים, וואָס אז איינער פון זיי, למשל, זאָל חלילה צומאַכען איין אויג, וואָלט דער אנדערער געגאַנגען טאנצען א פריילכס ביי איהם אויף'ן קבר.

אין א געוויסער צייט קומען זיך צונויף אין דער קיבעצארני דיא דאָזיגע פּארשוינען, בעזעצען זיך אויף זייערע

געווייסע ערטער, יעדער ביי זיין טישעל, ארומגערינגעלט מיט זיינע פאַרטיימענשען און מיט זיינע פּאטריאָטען. מע הייסט זיך דערלאנגען עפּיס נעמען אין מויל אריין, מע פערררויכערט ציגארען— און עס הויבט זיך אָן א קיבעצעריי, דאָס הייסט, כלומרשט גאר אין גוטען מוטה הויבט מען אָן איבערוואַרפען זיך איין טישעל איבער'ן אנדערען מיט קאָמפּלימענטען, שטעכווערטער און ליצנות, וויצען און פּליאָטקעס, חכמות און פּלוידערייען. איבערוואַשען איינס דאָס אנדערע דאָס קויטיגע גרעט דורך א ביסעל צו־שאַרפע און צו־איבערטריבענע קריטיק און הומאָריסטישע גוזמאות אָנטרעטען פערבייגעהענדיג יענעם סאמע דאָרט, וואו עס טהוט וועה, זעהען מיט פערגעניגען, ווי יענער מינעט זיך, צאַפּעלט, בעקומט שיער די אפּאָפּלעקציע — און דאָס אלץ דוקא אין בעסטען לוין, אויף קאַטאָוועסלעך, מיט א ליעבליך שמייכעלע, אָדער מיט א הילכיגען געלעכטער.

די קיבעצארני, פריינד לעזער, דאָס איז א מין פרייער גיהנם, וואו מענשען בראָטען און פרעגלען זיך אויף'ן פייער, א מין שוויץ באָד, וואו מע בעזעמט זיך איינס דאָס אנדערע. דאָ, אין דער קיבעצארני, ווערען בעשאפען עקסטרעמען, פאבריצירט מיינונגען און רעפּוטאציעס, בעשטימט קאריערעס פון שרייבערס, ארטיסטען און קינסטלערס. די קיבעצארני זאָגט ארויס איהר ערשטע מיינונג קורץ און שארף צו גוטען אדער צו בייזען. די קיבעצארני טראָגט ארויס איהר ווערדיקט — טויט אָדער רויט. די קיבעצארני לייגט איהר שטעמפעל: "אָלל־רייט" אדער "לעזאזל"

איצינד, אז איהר ווייסט שוין, וואָס איז עס אזעלכס "קיבעצארני", וועלען מיר אייך בעטען אויף א וויילע אהין מיט אונז אריינצוטרעטען.

* * *

דאָס איז געווען אין איין אָסיענדיגען נעבעל־מאָג, איינער פון די טעג, ווען די אונזיכטיגע הימלען פון ניו יאָרק, פערשטעלטע מיט די הויכע אומגעלומפּערטע מויערען, וואָס מע רופט זיי דאָרטען "וואָלקענקראצערס", און מיט די אייזערנע הימעל־באהנען, וואָס הייסט דאָרט "עלעווייטעד", זענען פערוויינט און פערויכערט און חאפען דעם אָפּבליק כמעט פון לאָנדאָנער הימעל.

און געווען איז עס פארמיטאָגצייט, די שעה, ווען די צווייטע שטאָדט פון דער וועלט האלט סאמע אין דעם רעכטען טארעראם: אלעס איז בייזי — דאָס הייסט, אלעס רוישט, אלעס ארבייט, אלעס לויפט, אלעס קויפט, אלעס האנדעלט, אלעס וואנדעלט. מיט איינעם וואָרט — ס'איז א קעסעל און עס קאָכט.

נישט קוקענדיג, וואָס דאָס איז געווען די סאמע בייזי־צייט, איז די "קיבעצארני" געווען פול געפּאקט. אלע טישלעך זענען געווען בעזעצט. א שפּילקע ניט דורכצוּוואַרפען. א בלויער רויך איז געשטאנען — האָטש מיט א מעסער דורכצושניידען. אלעס האָט גערעדט, געפּלוידערט און געגראגערט. הכלל, דער עולם האָט געהאלטען אין רעכטען קיבעצען.

ביי איינעם פון די טישלעך זענען געזעסען דריי פּארשוינען, געטרונקען ביער און געווען אזוי פערטיעפט אין א שמועס, אז זיי האָבען גאָר ניט געהערט, אז פונקט אין דער מינוט זענען זיי ביי אלעמען אין די מיילער, ווערען געקיבעצט פון'ם עולם אויף'ן שארפסטען ארט. די דריי פּארשוינען האָבען געהאלטען אין איין רעדען איינס איבער'ן אנדערען, אין איין דערצעהלען גרויסקייט, בעריהמען זיך און האקען שקרים אויף וואָס די וועלט שטעהט. פון די דאָזיגע דריי פּארשוינען, וואָס האָבען זיך פערהערט אין ליגען, זענען

צוויי פון זיי אונז גאַנץ גוט בעקאַנט נאָך פון דער אַלטער וועלט, פון לאָנדאָן. און אַז מע שמועסט פון צוויי לאָנדאָנער ליגנערס, רעכענט אודאי דער לעזער אַז דאָס מיינט מען מסתמא ניט קיין אַנדערע, נאָר מיסטער קלאַמער און ניסעל שוואַלב.

ניין. דער לעזער האָט קיין טעות ניט. היינטיגס מאָל האָט ער געטראָפען: דאָס זענען געווען זיי, אונזערע בעסטע פריינד, מיסטער קלאַמער און ניסעל שוואַלב. אַ־צט בלייבט אונז נאָך צו בעקענען זיך מיט'ן דריטען פאַרשוין, וואָס איז שוין ניט קיין לאָנדאָנער, נאָר איין עכטער אַמעריקאַנער. איין אַמעריקאַנער וועט איהר דערקענען פאַר אַ מייל. איין אַנדער אויסזעהן מיט איין אַנדער אויסשפּראַך, מיט איין אַנדער האַלטען זיך, מיט איין אַנדער בענעמען זיך. וועהרענד דער ענגלענדער איז אַ פערזאָרגטער, פערספּלינטער מעלאַנכאָליקער, איז דער אַמעריקאַנער אַ לעבעדיגער, אַ פריילי־כער יענקי מיט קלוגע שאַרפע אויגען, מיט פרייע אַנגענעהמע מאַניערען, מיט פרעמדע, נאָר גאָלדענע צייהן.

דער פאַרשוין, וואָס מיר געהען בע־שרייבען, איז אַ יודיש־אַמעריקאַנער טהעאַטער־מענעדזשער, און זיין נאָמען איז ניקעל.

ניקעל איז איינער פון די פּאָפּולערסטע פערזענליכקייטען אין'ם יודישען ניו יאָרק. איינער פון יענע גוטע ליעבע מענשלעך, וואָס אין אַמעריקאַ רופט מען עס אָן אַ "גוד באָי". אויף אונזער לשון וועט עס הייסען אַזוי גרויס, ווי "אַ גוט ברודערל", אָדער אַ גוטער ברודער ביז גאָר! אַ מזג טוב! דאָס העמד פון'ם לייב. שטענדיג וועט איהר טרעפען ביי איהם אַ פריינדליך שמייכעלע אויף'ן תמיד יונגען אָפּענעם פריילי־כען פּנים. אַלע מאָל האָט ער פאַר אייך אַ גוט וואָרט. אָפּטמאָל אויך אַ גמילות־חסד — אַבי ער האָט נור. ניט אַלע מאָל אָבער האָט ער. גאַנץ אָפט טרעפט עס, אַז ניקעל אַליין זוכט אַ גמילות־חסד. תמיד איז ער אַ נצרך. ווייל זיין "מי־סעס" געהט ביי איהם אין ספּאָדיק. זי איז דער מאַנסביל. אַלע ווייסען עס. זיינע שונאים די קאָנקורענטען נוצען עס אויס אין דער קיבעצאַרני ווי ווייט מעג־ליך. מאָהלט אייך, זיי לייגען צו נאָך דריי מאָל אַזוי פיעל. נאָר ער לאַכט פון זייער באָבע. ניקעל זאָל וועלען פון אַלסדינג זיך נעמען צום האַרצען — וואו וואָלט ער שוין איצט אָנגעשפּאַרט!

ניקעל ווייסט, אַז מע האַלט איהם פאַר'ן גרעסטען בלאָפער אין גרייטער ניו יאָרק.

ניקעל ווייסט, אַז איינער דערצעהלט אין דער קיבעצאַרני אַ גוזמא, טהוט איהם דער אַנדערער אַ פרעג: "ווער זאָגט עס — ניקעל?"

ניקעל ווייסט, אַז די קיבעצאַרני טראַכט אויס אויף איהם זאַכען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען.

למשל, מע דערצעהלט, אַז ער, ניקעל יאַקבי. האָט זיך בעריהמט, ווי אַזוי ער איז אַמאָל איבערגעפאָהרען מיט איין אויטאָמאָביל דעם ניאַגראַפאַל איבער'ן אייז אין מיטען תמוז אין אַ ברענענדיגען פראָסט.

אָדער אַזאַ מין פּזמון: אַז ער, ניקעל, האָט כלומרשט דערצעהלט איין אמת'ע מעשה, וואָס האָט פּאַסירט אין פילאַדעלפיא (אַלע גליקען טרעפען זיך אין פילאַדעלפיא!): איינמאָל חול־המועד ל"ג־בעומר צום דריטען סדר נאָך נעילה, בעת יודען זענען געזעסען אין די זאָקען אויף דער ערד און געגעסען מילכיגע בלינצעס, איינגעטונקען אין גענזענשמאַלץ, איז אַריינגעלאָפען אַ חאַליאַסטרע פּורים־שפּיעלער פון סט.־לואיס מיט הושענות אין די הענד און אַזוי שטאַרק געבלאָזען שופר און געזונגען כל־נדרי מיט'ן ניגון פון אקדמות, אַז

ס'האָבען זיך פערלאָשען אלע חנוכה־ליכטלעך...

נאָר מילא, וואָס די קיבעצארני קאָן אויסטראכטען! פלאָפּלערם! ליידיגגעהערם! שונאים! קאָנקורענטען! וואָס איז דאָס חדוש? אנו, לאָז פּרובען נאָך עמיצער פון די טהעאטער־מענעדזשערס זיך בעריהמען מיט אזא סוקכעס, ווי ער, ניקעל? אנו, לאָז נאָך עמיצער פּרובען, אזוי ווי ער, ניקעל א פאָהר טהון מיט דער טרופּפּע איבער דער קאונטרי, אין איין וואָך געבען צוועלף פאָרשטעלונגען אין אכט שטעדט צוויי מאָל פון פילאדעלפיא ביז שיקאגא און צוריק!

אזוי האָט זיך בעריהמט אונזער נייער בעקאנטער, ניקעל, פאר אונזערע צוויי אלטע בעקאנטע, ניסעל שוואלב און מיסטער קלאמער, ויאָס האָבען איהם אָפּגעענטפערט יעדער מיט זיין אייגענער געשיכטע, נישט פערשעהמט געוואָרען חלילה פאר ניקעל'ס פאָהר איבער דער קאָונטרי אין איין וואָך איבער אכט שטעדט צוויי מאָל פון פילאדעלפיא ביז שיקאגאָ און צוריק.

מען קאָן זאָגען, אז די דריי האָבען זיך פערהערט אין בלאָף און אין הומבוג, ווער וועמען עס וועט אריבערבלאָפען.

קאפּיטעל 142.

"בלאָף" און "הומבוג"

"בלאָף" און "הומבוג" — דאָס זענען אויך עכט־אמעריקאנישע ווערטער און בעגריפען, וואָס לאָזען זיך ניט אזוי לייכט איבערזעצען אין קיין אנדער שפּראַך. בלאָפען הייסט — ניט גלאט אָפּזאָגען א גראָבען ליגען, האקען שקרים אין דער וועלט אריין, אויסטראכטען אויפ'ן הימעל א יאריד, דערצעהלען א זאך, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען, אָהן א שום צוועק, גלאט לשם ליגען — פע, דאָס האָט אמעריקא פיינד. דאָרט ווערד עס אָנגערופען אויף זייער לשון: "האקען א טשייניק" — א מיאוס'ער, א נאררישער פערברעכען.

ניין. דער אמעריקאנער איז דערויף צו קלוג, צו פיעל א פיינשמעקער און צו פיעל ביזנעססמאן. דער אמעריקאנער, אז ער פעררוקט דאָס קאפּעלישעל אויף א זייט, פערלייגט ביידע גראָבע פינגער אונטער דער וועסטע און טאָקט אייך אָפּ א ליגען, איז עס קיילעכיג־גלאט און קונציג־אונשולדיג, און דער עיקר — עס געהער זיך אָן צום עסק, צו די "ביזנעס".

אָט די אלע אויבענדערמאנטע פארשוינען, וואָס זיצען אין "קיבעצארני" און קיבעצען זיך, זענען דאָס חלילה ניט קיין ליידיגגעהערס, ווי ביי אונז, למשל, די געוויסע "חכמי הלעזשאנקע" אין בית־המדרש, וואָס האָבען ניט וואָס צו טהון, דעריבער זיצט מען און מע שמועסט. ניין. קיבעצען — דאָס אליין איז איין עובדא, א בעשעפטיגונג, אָדער, ווי מע רופט עס דאָרטען, א "ביזנעס".

ניסעל שוואלב, מיסטער קלאמער און ניקעל, וואס זענען געזעסען יענעם פריהמאָרגען אין דער קיבעצארני, האָבען געשמועסט פון נויטיגע ביזנעס, און טאַקי צוליעב די ביזנעס האָבען זיי געבלאָפט. אונזערע צוויי אלטבעקאנטע בלאָפערס פון דער אלטער וועלט האָבען אָבער געמוזט יעדער ביי זיך אין הארצען צוגעבען, אז אין דעם ענין פון בלאָף מעגען זיי הייצען די הרובע ביי זייער נייעם בעקאנטען. ניקעל האָט זיי מיט זיינע מעשיות און בעריהמערייען אזוי פעררעדט די צייהן, אזוי פערקלאפּט דעם קאָפּ און פערטומעלט דעם מח, אז זיי זענען געבליבען כמעט אָפּהענדיג און געמוזט סוף־כל־סוף צושווייגען. עס האָט זיך דאָ געהאנדעלט וועגען א וויכטיגען ענין. ניקעל האָט נאָר־וואָס אנגאזשירט צו זיך אין טהעאטער דעם בעריהמטען יונגען סטאר פון בוקא־

רעשט, וואָס די קעניגין פון רומעניען האָט איהם געקרוינט אלס גרעסטען טראגיקער פון דער וועלט.

ניטעל שוואלב און מיסטער קלאמער האָבען ביידע, איינער איבער'ן אנדערן, געהאלטען אין איין דערצעהלען גרויסקייט און נסים ונפלאות פון'ם יונגען קינסטלער. אין דער צייט, וואָס מיסטער קלאמער האָט דערצעהלט, ווי אזוי ראַפאלעסקאָ האָט איבערראשט דאָס לאָנדאָנער פובליקום, בעצויבערט אפילו אזא מאן, וויא ער, מיסטער קלאמער, וואָס איז קיינמאָל ניט געגאנגען הערען דיא ציגיינערישע אקטיאָרשטשיקעס פון לאָנדאָנער פאוויליאָן־טהעאטער, האָט איהם ניסעל שוואָלב איבערגעשלאָגען אלע מאָל: "וואָס דארפט איהר מעהר? אמת'ע ענגלענדער, קריסטען, האָבען נישט געקאָנט זיך גענוג אָפּלויבען. אירווינג, האָבען זיי געזאָגט, איז א הונט אקעגען איהם, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענם גוטס!"

ניקעל האָט זיי אבער ביידע נישט געהערט. אין דער זעלבער צייט, ווען יענע צוויי האָבען געבלאָפט, האָט ער געשמייכעלט, בעוויזען די גאָלדענע צייהן און בעת־מעשה צוגעטראכט נייע מעשיות און נייע גרויסקייטען פון זיך און פון זיין טרופּע, וואָס האָט פערנומען דעם ערשטען פלאץ אין די "יונייטעד סטייטס אָוו אמעריקא". אנו, — האָט ער געזאָגט — לאָז א יודיש טהעאטער אין אמעריקא זיך אקאָרשט פּרובּען בעריהמען זיך, אז מע האָט געזעהן ביי זיך דעם פּרעזידענט פון דיא יונייטעד סטייטס זיצען אין באקס און קלאטשען בראוואָ! אזא זאך קאָן זיך טרעפען נור ביי איהם. נור ער, ניקעל, האָט זוכה געווען זיך פאָרשטעלען פאר רוזוועלטען, וואס האָט איהם געדריקט די האנד פאר'ן גאנצען טהעאטער אין די אויגען און געפּאטשט אין פּלייצע: "ניקעל, דו ביזט אָלל־רייט!" און פאר אלעמען אין די אויגען האָט טעדי אָפּגעטשעפּעט פון זיך דעם גאָלדענעם וואטש ענד טשיין און האָט איהם אונטערגעטראָגען א פּרעזענט צום אנדענקען... ביי די ווערטער האפּט ניקעל ארויס איין אָפּגעבארעטען שטאָהלענעם זייגער און פערענטפערט זיך, — אז דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט, וואָס דער פּרעזידענט האָט איהם געשענקט, טראָגט ער נישט מיט זיך אין דער וואָכען. נעווער!

אזוי לאָזט אויס ניקעל און זעהט ניט, וואָס הינטען טהוט זיך. הינטען זיצען חברה לצים און מע קיבּיצט דעם דירעקטאָר ניקעל מיט זיין קאָמפּאניע. מע מאכט חוזק פון זייער בוקארעשטער פויגעל און מע זאגט מבינות אויף איהם נאָך איידער מע האָט איהם געזעהן שפּיעלען. דאָ, אין דער קיבעצארני, האָט מען אונזער לעאָ ראפאלעסקא'ן שוין געקרוינט מיט אלערליי נעמען, ווי למשל "גרינהאָרן", "פּעכפויגעל", "חיים־יענקעל", "רומעניש פּאסטוכעל", "ציקאווע בחור'על" און נאָך אזעלכע צונעמעניש, וואָס האָבען ארויסבעוויזען, אז ניט אנדערש ווי די לייט דארפען האָבען איין אייגענעם אינטערעס דערביי.

דאָס יענען געווען אָדער פּאטריאָטען פון אנדערע טהעאטערס, וואָס זיי איז ניט געראָטען איבערצוכאפּען צו זיך דעם יונגען "סטאר" פון בוקארעשט, אָדער פאָרשטעהער פון דער "פּרעסס" פון'ם צווייטען לאגער, וואָס האָבען ניט געקאָנט ליידען, למאי דער "צד־שכנגדו" האָט פערכאפּט פריהער און אָפּגעלויבט דעם אויפגעהענדיגען שטערן אין טאָג אריין. און אפשר זיינען דאָס געווען יונגע אקטיאָרען־קאָנקורענטען, וואָס זיצען יאָהרענלאנג אין ניו יארק און ווארטען ביז די "יוניאָן" וועט זיך א מאָל דערבארעמען און זיי ארייננעהמען אין דער קאָמפּאניע, — און דאָ קומט א שנעק, א יונגעל, עפּיס איינער א ראפּא־

לעסקאָ, און ווערד אויפגעהאַפּט, ווי איין אבן טוב, בעקומט דעם בעסטען אַנגאַזשמענט, ווערד אויפגעהויבען פון דער "פּרעס" ב־ז'ן הימעל אריין — נו, קאָן ניט צעפּיקעט ווערען די גאַל ? נו, זאָל מען איהם ניט קיבעצען אויף וואָס די וועלט שטעהט ?

ניין, קיבעצען אליין איז ווינציג. מע דארף זעהן מאכען א קאָמפּלאָט קעגען אזא אונרעכט. מע בעדארף זעהען, אז דער "גרינהאָרן" זאָל האָבען א בכבוד'ען דורכפאַל, ער זאָל ביי'ם ערשטען אויפטריט ווערען אויסגעפייפט אויפ'ן שענסטען ארט. מיט איינעם וואָרט — ער זאָל האָבען המנ'ס מפּלה און זאָל בעקומען חשק אוועקצופאָהרען פון קאָלומבוסעס מדינה צוריק קיין בוקארעשט וואָס פריהער.

אָ ! אמעריקא איז א געבענשט לאנד, וואָס קאָן אלסדינג. דאָ קאָן מען א מענשען אויפהויבען אויף שטעקענס און ארויפזעצען גלייך אין הימעל אריין, אָדער אז ניט — איז גלייך אין דער שאול־תחתיה אריין. א מיטעלפּונקט, א גאָלדענער וועג — דאָס איז נישטאָ.

אָרעמער ראַפּאַלעסקאָ ! ער האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס פאר א סיורפּריז עס ערווארטעט איהם אין'ם גאָלדענעם לאנד. נאָר וואָס האָט זיי געהערט ראַפּאַלעסקאָ, אז זיין קאָפּ איז גאָר געווען ווייס איך וואו, דאָרט אין דעם סאמע אריסטאָקראטישען טהייל פון ניו יאָרק, אין דער פינפטער עוועניו ?

דאָרט האָט געוואָהנט און געקלונגען איבער גאנץ אמעריקא דיא בעריהמטע זינגערין פון דער פּאריזער גראנד־אָפּעראַ מיט'ן נאָמען מיס ראָזאַליע ספּייוואק.

קאַפּיטעל 143.

אביסעל וועגען דער העלדין פון'ם ראָמאַן

אונזער פריינד לעזער, וואָס האָט גענוג געדולד צו געהן דיא גאנצע צייט מיט אונזערע בלאָנזשענדע שטערן, די נע־ונד'נע העלדען פון אונזער ראָמאַן, פון לאנד צו לאנד, אָנגעהויבען פון'ם קליינעם אָרעמען שטעדטעלע אין בעסאַראביע, האָלענעשטי, ביז דער גרעסטער שטאָדט פון'ם ווייטען אמעריקא, וועט שוין מוזען זיין אזוי פריינדליך זיך אומקעהרען מיט אונז אויף א קורצע ווייל צוריק צו דער הויפּט־העלדין פון אונזער ערצעהלונג, צום חזן'ס מיידעל רייזעל, אָדער ראָזא ספּיוואק, אָדער, וויא מען רופט זיא שוין היינט גאָר, "מיסס ראָזאַליע ספּייוואק".

אונזער העלדין, וואָס האָט אין די יונגע יאהרען, נאָך כמעט קינדערוויז, ארומגעבלאָנזשעט מיט דער נע־ונד'נער טרופּע פון אלבערט שטשופּאק און משמח געווען דאָס יודישע פּובליקום מיט "שבת־מאכען", מיט "אוי־אוי־אוי, חוה !" מיט "פראטיג אויף דער נאכט" און מיט נאָך אזעלכע שענע ליעדעלעך, האָט זיך געוויס ניט געריכט, אז איהר נאָמען וועט אמאָל פערנעמען דעם אויבענאַן צווישען די ערשטע בעריהמטהייטען אין דער וועלט. עס האָט זיך איהר, מיינען מיר, אפילו נישט גע'חלום'ט, אז עס וועט קומען א צייט, ווען זי וועט פערנעמען א גאנצען אפּארטמענט אין איינעם פון די רייכסטע האָטעלס אויף איינער פון די רייכסטע גאסען—די פינפטע עוועניו — פון דער גרויסער רייכסטער וועלטשטאָדט ניו יאָרק. אָדער אז זי וועט ארויספאָהרען אין איין אייגענעם אויטאָמאָביל מיט א בלעק דרייווער אין פראָנט. אָדער אז רעפּאָרטערס פון די גרעסטע וועלט־צייטונגען וועלען זי טוצענדוויז בעלאגערען און שטונדענלאנג זי אָפּווארטען מיט פאָטאָגראפישע אפּאראטען, האָבען א זכיה מיט איהר צו רעדען כאָטש צוויי־דריי מינוט.

יאָ, פריינד לעזער, עס איז אזוי. **רייזעל איז גרוים און בעריהמט און רייך**

און מסתמא אויך גליקליך. אויב איהר זענט איצט אין ניו יארק און ווילט זיך מיט איהר זעהען, קאן איך אייך אויפגעבען איהר אדרעס און אויסלערנען וואס צו טהאן: איהר דארפט אייך ווענדען מיט א בריעף צו איהר מענעדזשער, דער וואס פאהרט מיט איהר ארום איבער'ן גאנצען לאנד פון דיא יונייטעד סטייטס, אויפגעבען אייער נאמען און אייער בעשעפטיגונג און אנווייזען, צוליעב וואס פאר א ביזנעס איהר ווילט זיך מיט איהר זעהען, און ערשט דערמאלט, אויב איהר וועט זוכה זיין ביי גאט, וועט איהר אויף מארגען בעקומען איין ענטפער פון'ם מענעדזשער, אז אין דעם און דעם טאג, אין דער און דער שעה, קאנט איהר קומען אין יענעם און יענעם ארט זיך זעהען מיט איהם, מיט'ן מענעדזשער הייסט עס, און ערשט דערמאלט, אויב אייער נאז וועט איהם געפעלען ווערען, קאנט איהר האפען, אז איהר וועט אפשר בעקומען איין "אפאינטמענט" אויף עטליכע מינוט מיט מיסס ראזאליע ספיוואק, פערשטעהט זיך, ניט חלילה אונטער פיער אויגען, נאר אין זיין געגענווארט, טאקי פון'ם אייגענעם מענעדזשער.

ווי ווערד מען דאס אזוי דערהויבט?

— וואונדערט זיך דער לעזער, און פערגעסט, אז אזא מין מעטאמארפאזא. אזא מין פערענדערונג קומט נישט פאר צווישען יא און ניין. א בעריהמטהייט ווערד נישט געבוירען אין איין נאכט. דאס לעבען פון יעדען איינציגען, וואס האט זיך בעריהמט געמאכט אין דער וועלט, זאל עס זיין א שפיעלער, א זינגער, א קינסטלער, א מאהלער, א שריפטשטעלער אדער א פיעלפאכער מיליאנער, שטעלט זיך אונז פאר, ווי א מין ארט שטייגען בארג ארויף שטורפענווייז. דער וועג איז א לאנגער, א ווייטער און א שווערער, און נישט אלע מאל איז ער אויסגעלייגט מיט בלומען, — מעהרסטענסטהייל מיט דערנער. מע זאל קענען איבערוועגען די צרות מיט די עגמת־נפש, וואס אונזער יונגע העלדין, למשל, איז אויסגעשטאנען, מיט די שטילע טרערען, וואס זי האט פערגאסען ביי זיך אויפ'ן געלעגער בסוד־סודות, אז קיינער זאל ניט וויסען, קאן זיין, אז זיי וואלטען א סך מאל איבערגעוועגען דעם גלאנץ פון איהר איצטיגען ערפאלג מיט די הילכיגע אפלאדיסמענטען, וואס דאס גרויסארטיגע פובליקום שענקט איהר אצינד אזוי גערן, מיט די שמעקענדיגע בלומען, וואס מע בעווארפט זי אומעדום פון קאפ ביז פיס, מיט די פיעלע רייכע מתנות, וואס מע טראגט איהר איצט אונטער אין דער גרויסער אריסטאקראטישער וועלט. און אז מיר זאלען זיך שטארק וועלען גריבלען, אריינדרינגען אין איהר נשמה, קאן זיין, אז מיר וועלען נאך איצט אויך געפינען א ווארים אין'ם שענעם עפעל און מיר וועלען מוזען איבער'חזר'ען דאס אלטע שפריכווארט: "ניט אלעס, וואס גלאנצט, איז גאלד".

מיר וועלען באלד האבען די געלעגענהייט צו בעקענען זיך נעהענטער מיט'ן לעבען פון אונזער העלדין. דערווייל וועלען מיר דערמאנען אונזער לעזער, אז מיר האבען זי איבערגעלאזט ביי דער טהיר פון דער בעריהמטער זינגערין מארטשעלא זעמבריך אינאיינעם מיט'ן מאטער פון'ם בעריהמטען פיעדלער גרישא סטעלמאך.

מיר וועלען ניט בעמיהען דעם לעזער מיט דער אויספיהרליכער בעשרייבונג פון אלעס, וואס זי האט דורכגעמאכט אין איהר לאנגען שווערען ארטיסטישען וועג פון דעמאלט אן ביז היינטיגען טאג. מיר וועלען נור, ווי ווייט מעגליך, אין קורצען איבערגעבען אייניגע צייטונגס־ארטיקלען וועגען דער איצט־בעריהמטער מיסס ספיוואק, וואס געפינט זיך אויף דער פינפטער עוועניו אין ניו

יאָרק. דאָס וועט זיין איהר אָפּיציעלע ביאָגראַפיע, וואָס מיר האָבען אויסגעלייענט אין די ניו יארקער צייטונגען. דערנאָך וועלען מיר פּרובען צוגעהן צו איהר א ביסעל נעהינטער, פּרובען אריינקוקען א ביסעל טיעפער אין דער דאָזיגער בלאָנזענדער נשמה אריין, זיך בעקענען, ווי מע רופט עס אָן, מיט איהר אינווענינגסטען "איך".

דאָס, וואָס מיר געהען געבען דאָ, איז ארויסגענומען געוואָרען פון עטליכע אמעריקאנער צייטונגען, ענגלישע און יודישע. דער לעזער וועט אליין דערקענען, וועלכס איז אמת און וועלכס איז א ביסעל צוגעבלאָפּט לכבוד רעקלאמע:

"געבוירען געוואָרען אין א קליין שטעדטעלע אין בעסאראביע ביי אָרעמע פאנאטישע עלטערען (דער פאָטער איז א רב און א חזן), איז מיסס ראָזאליע ספּיוואק קינדווייז געווען געקידנעפּט דורך א טרופּפּע וואנדער־אקטיאָרען, יודישע ציגיינערס, וואָס בלאָנזען ארום אין יענעם לאנד פון שטאדט צו שטאָדט און בעשעפטיגען זיך דערמיט, וואָס זיי גנבה'נען יונגע מיידלעך און מאכען זיי פאר אקטריסעס. מע זאָל זיי ניט חאַפּען, זענען זיי מיט איהר אריבערגעגאנגען די גרעניץ און געצוואונגען זי זאָל זינגען גאסענליעדלעך, פריהער אויף דער שטראססע, נאָכדעם אין אלע קאבארעס, קאפעשאנטאנען און מיוזיק־האָלס. מעגליך, אז איהר קאריערע וואָלט מיסס ספּיוואק געענדיגט מיט א טרויעריגען עפּילאָג, ווי אלע שטראסען־זינגערינס, ווען ניט א גליקליכער צופאל וואָלט זי געבראכט פאר דער וועלט־בעריהמטער זינגערין מארטשעלא זעמבריך, וואָס האָט זיך פעראינטערעסירט מיט איהרע רייצענדע ציגיינער־ליעדער, ווי אויך מיט איהרע ברענענדע ציגיינער־אויגען. די דאָזיגע זעלטענע זינגערין האָט נאכדעם ארויסגערופען מיט איהר רייצענדער שטימע גרויס ענטוזיאזם אין עסטרייכישען הויף, אזוי אז זי איז פון פראנץ יאָזעף'ען אליין בעעהרט געוואָרען מיט א סטיפּענדיום אויף צו שטודירען מוזיק. גלענצענד דורכגעמאכט אין א קורצער צייט דאָס וויענער קאנסערוואטאָריום, איז זי אויף דער רעכנונג פון א אונגארישען מאגנאט אָפּגעשיקט געוואָרען קיין בערלין און פון דאָרטען — קיין פּאריז אויף צוויי יאָהר, וואו זי האָט זיך בעקאנט מיט א געוויסען פראנצויזישען מעצענאט, זשאק רעשקאָ, וועלכער האָט זי אריינגעפיהרט אין דער פּאריזער גראנד־אָפּערא, וואו זי איז צום ערשטען מאָל אויפגעטראָטען אין דער נייער אָפּערא "עלעקטרא" אונטער דער אויפפיהרונג פון ריכארד שטרויס, מיט אזא גרויסען סוקסעס, אז זי איז באלד אנגאזשירט געוואָרען אין דער אָפּערא אויף דריי מאָנאט מיט א פרייז פון א האלבען מיליאָן פראנק. שפּעטער מיט א קורצער צייט זעהען מיר זי אין וויען און אין בודאפּעשט, וואו זי קריגט שוין צעהנטויזענד קרוין א נאכט. אביסעל שפּעטער ווערד זי אנגאזשירט אין לאָנדאָן מיט צווייהונדערט פונט א נאכט און איצט אין ניו יאָרק מיט צווייטויזענד דאָללער פאר יעדען ארויסטריט — א פרייז, צו וועלכער עס האָט דערגרייכט נור די גרעסטע זינגערין פון דער וועלט, די בעריהמטע מעלבא".

עד כאן טרוקענע פאקטען.

איצינד וועלען מיר ברענגען א פּאָר בריוולעך פון פערשיעדענע פּערשוינען, געשריבען אין פערשיעדענע צייטען. מיר האָפען, אז די דאָזיגע בריוולעך, וואָס האָבען א נאָהענטע שייכות צו אונזער העלדין, וועלען אונז זאָגען א סך מעהר פון אלע ביאָגראפיעס און צייטונגס־ארטיקלען.

קאַפּיטעל 144.

פון ראָזאַ ספּיוואַק צו מאַרטשעלא זעמב־יך

טהייערע מוטערכען מארטשעלא!

איך בין שוין די דריטע וואָך אין מיין געבורטשטאדט און האָב אייך נאָך קיין איינציגען בריעף געשריעבען. עס איז פון מיר איין אונרעכט און פערדיען בעשטראפט צו ווערען. מיין שטראף וועט זיין: א גרויסער בריעף. איך וועל אייך אויסשרייבען, ליעבע מוטערכען, אלסדינג. און דעם ריינעם, דעם הייליגען אמת. מיין מוטערכען ווייסט, אז פאר איהר איז ניטאָ ביי מיר קיין סוד, ווי ס׳איז ניטאָ קיין סוד פאר זיך אליין. איך הויב אָן פון סאמע אָנהויב — פון מיין היים.

איך האָב מיין היים געטראָפען, ווי איך האָב זי איבערגעלאָזט. דאָס אייגענע קליינינקע אָרעמינקע שטעדטעלע, וואָס געווען. די אייגענע קליינינקע אָרעמינקע מענשעלעך. די אייגענע קליינינקע פּיצינקע אינטערעסלעך און דשגות׳לעך. און דאָך האָט מיר דאָס הארץ געקלאפּט, שטארק געקלאפּט, בעת די אויגען האָבען דערזעהן דאָס אלטע בעקאנטע ליעבע שטעדטעלע. דער פּולס האָט געשלאָגען גוטע הונדערט צוואנציג, בעת דאָס אויהער האָט דערהערט דעם ליעבען זיסען נאָמען "האַלע־נעשטי".

האַ־לע־נעש־טי!... איהר וועט מיר גלויבען, מוטערכען? איך בין גרייט געווען צו פאלען קושען די שווארצע ערד, דעם גרויען שטייב פון די נישט־געפּלאַסטערטע, נישט־גערייניגטע גאסען. און איך וואָלט דאָס געוויס געטהאָן, ווען איך בין אליין, אָהן דער חאליאסטרע, אָהן מיין מאעסטראָ סאלפּאָניני און אָהן מיינע חבר׳טעס. אך, צו וואָס האָב איך זיי מיטגענומען? צו וואָס האָט מיר גענוצט דער טארעראם? למאי בין איך בעסער ניט געפאָהרען אליין? איך בין מיך מודה פאר אייך, מוטערכען, ווי העסליך דאָס זאָל ניט זיין, אז עס האָט מיר געפלאַמט דאָס פּנים פאר זיי, בעת מיין פאָטער און מוטער האָבען מיך ארומגעחאפּט קושען און האלזען. מיין מאמע האָט געוויינט און געלאכט און געשאָטען מיט רעד — זי האָט ליעב רעדען — און מיין טאטע איז געווען בלאס, ווי דער טוידט, און די הענד האָבען איהם געציטערט. איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז געווען, נאָר איך האָב מיר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. צי ווייל זיי געהען אָנגעטהאָן אלטפרענקיש, ווי אלע אין אונזערע קליינע שטעדטלעך? צי ווייל זיי פערשטעהען ניט קיין אנדער שפּראך, אויסער יודיש? נאָר דאָס איז א פאקט, ליעבע מוטערכען! איך ווייס, ווי ווייט געמיין דאָס איז, נאָר אזוי איז דאָס געווען: איך האָב מיך געשעמט. געשעמט מיט מיינע ליעבע געטרייהע עלטערען, וואָס האָבען פון מיר איבערגעטראָגען אזוי פיעל חרפּות־בושה, אזוי פיעל צרות, בזיונות, יסורים און הארצוועהטיג. אמת, איך בין איצט א בעל־תשובה׳טע. מיט אלע כחות וויל איך יוצא זיין קעגען זיי. נאָר וואָס פאר א ווערטה האָט דאָס? דער נחת מיט דעם ביסעלע פערגעניגען, וואָס איך קאָן זיי איצט צוטהיילען, איז ניט אימשטאנד צו דעקען אפילו א צעהנט חלק פון דעם גרויסען שמערץ, וואָס איך האָב זיי פערשאפען מיט מיין אנטרינען ווערען דעמאָלט מיט דער יודישער נע־ונד׳נעטרופּע. דעם דאָזיגען פערברעכען וועל איך קיינמאָל פערגלעטען, ווען איך זאָל אפילו זיין צו זיי צעהן מאָל אזוי גוט און ליעב און מילד, ווי איך בין צו זיי. יעדער הונדערטער, יעדער טויזענדער, וואָס איך געב אויס אויף זיי, הער איך שרייט צו מיר: "צו

שפעט! צו שפעט!”... און איך קוק אויף מיין אָרעמען קראנקען פּאָטער, וועלכען איך האָב אמאָל אזוי ליעב געהאט, און עס דאכט זיך מיר, אז זיינע גרויסע שווארצע אויגען פרעגען מיך: “וואו ביזט דו געוועזן, טאָכטער, דעמאָלט, אין דיא לאנגע פינסטערע נעכט, ווען איך האָב קיין אויג ניט געקאָנט צומאכען און גאָט געבעטען אויפ׳ן טוידט?... איין בריוועלע פון דיר, איין שורה דיינע, איין וואָרט א גוטס וואָלט דאך מיר דעמאָלט געגעבען דיא וועלט צו זעהען!”... און איך דערמאָן מיך, ליעבע מוטערכען, ווי איך האָב אמאָל געוואָלט פערלייקענען פאר אייך, אז איך האָב עלטערען, און ווי איהר האָט מיך נאָכדעם דערפאר מכבד געוועזן, — פלאמט מיר נאָך איצט דאָס פנים פאר זיך אליין, און איך געפין, אז ס׳איז ניטאָ די צווייטע אויף דער וועלט, וואָס זאָל זיין אזא שווערע זינדערין, ווי איך. עס מאָהלט זיך מיר אויס, אז ס׳איז ניטאָ דער קרבן אויף דער וועלט, וואָס איך בין ניט גרייט אויף איהם צוליעב מיינע אָרעמע בעליידיגטע עלטערען. איך האָב געוואָלט זיי אריבערנעמען צו זיך — איז ניט מעגליך. דער טאטע איז קראנק, און דיא מאמע וועט איהם נישט איבערלאָזען אליין אויף א טאָג אפילו, ווען מע זאָל איהר אָנשיטען, זאָגט זי, “אָט די שטוב מיט גאָלד און געבען איהר, זאָגט זי, די קרוין פון דער איינגעלשער מלכה א צוגאָב”. נו — האָב איך מיר געזאָגט—וועל איך זיי בעוואָהרענען אויף דער עלטער. איך וועל זיי קויפען א הויז, פערזאָרגען מיט א “נחלה”. דאָ שטרעבט יעדער בעל־הבית, ווי אָרעם ער זאָל ניט זיין, צו האָבען איין אייגענטהום, א “נחלה”. און אויך דאָ בין איך מיך בעגאנגען מיט מיינע עלטערען ניט אינגאנצען, ווי עס געהער צו זיין. איך האָב עס געטהאָן מעהר צוליעב זיך, ווי צוליעב זיי — פונקט ווי דער גאנצער אויפטהו פון מיין קומען צו פאָהרען אהיים איז געוועזן מעהר צוליעב זיך, ווי צוליעב זיי, וואָרום מיך האָט געצויגען אהער נור איין זאך, נור איין מענש...

מיין מוטערכען מארטשעלא ווייסט, וועמען איך מיין. נישט נור האָב איך איהם דאָ ניט געפונען, איך האָב נישט געקאָנט געוואָהר ווערן אפילו, וואוהין זיין געביין איז אהינגעקומען. קיין זכר פון איהם איז דאָ נישטאָ און קיין סימן ניט. פון דער גאנצער משפחה איז געוואָרען א תל. די מוטער געשטאָרבען. דער פאָטער פון זינען אראָפּ. ברידערשוועסטער זענען זיך צעקראָכען. געבליבען נור דער הויף. דער הויף, וועלכער האט אויסגעוויעזען אמאָל ביי מיר אין די אויגען אזוי גרויס און אזוי שען, און דאס הויז, וואס האט אמאָל אויסגעזעהען ביי מיר אזוי רייך און אזוי ליכטיג און אזוי יום־טוב׳דיג. דאָס הויז, וואוהין איך בין אמאָל אריינגעטראָטען, ווי אין א ניט־דערגרייכליכען גן־עדן. דאָס הויז, וואָס האט אמאָל אזוי געלעבט, געקאָכט, געלאכט און געפריידט זיך. קליין און ניעדעריג און אָרעם און וואָכעדיג און אומעטיג האט דאס איצט אויסגעזעהען ביי מיר אין די אויגען. פונ׳ם גאנצען טארעראם, וואס דאָרט איז אמאָל געוועזן, איז פערבליעבען מעהר נישט אז איין אלטע באבע, וואס איז שוין עובר־בטל, א שוואָגער א איריאָט און א הונד א זקן אויף איין אויג, וואס מע רופט איהם “טערקוש”.

דעם דאָזיגען הויף, האב איך געזאָגט, מוז איך אוועקקויפען פאר מיינע עלמערען, און געמיינט האב איך זיך אליין. ניט וויל מיר איז אזוי געפעלען דער הויף — אויף וועלכע גוטע יאָהר דארף איך איהם? ווען וועל איך דאָ זיין? ניין. דאס איז געוועזן נור א קאפריז. א קאפריז פון אזא

ציגיינערין, ווי איך בין. פאר דער מוטערכען מארטשעלא בין איך מיך מודה ומתודה, אז נאך דעמאָלט, ווען איך בין דעם ערשטען מאָל מיט צעריסענע שיך אריבערגעטראָטען די שוועהל, האב איך זיי מקנא געוועזן מיט סכנת־נפשות און ניט פערגונען זיי די ליכטיגקייט מיט דער פרייליכקייט מיט דער רייכקייט. פאר וואס קומט זיי, דיא נגידים, אזוי פיעל, און אונז, אָרעמע לייט, גאר־נישט? — אזוי האָב איך מיר דעמאָלט געטראכט טיעף אין הארצען און זיך דאסווארט געגעבען, אז גאָט וועט מיר אמאָל העלפען, מוז אָט דיא שטוב מיט דעם הויף זיין מיינע, מיינע, מיינע!... און אפשר איז מיר אָט דאס הויז טהייער, ווייל דאָ איז געבוירען געוואַרען, אויפגעצויגען און אויסגעוואקסען דער, וועלכער האט צום ערשטען מאל אָנגעצונדען דאס היילינע פייערעל אין מיין הארצען?... דער, וועלכען איך קאָן ניט, בין ניט אימשטאנד צו פערגעסען?

ווי די מעשה איז — איך האָב מיך לאנג נישט געדונגען און אוועקגעקויפט דעם הויף, נישט געקוקט דערויף, וואס מיין מאמע האט שטארק פראטעסטירט קעגען דעם. "צו וואס טויג איהר אזא ספּאָדיק? — האט זיא גע'טענה'ט. — צו וואס דארף זיא אזא גרויסען הארמידער?" פערשטעהט זיך, אז אויסגעפיהרט האָב איך. דער הויף איז מיינער. מיינער! אזוי האב איך מיר געזאגט און האב שוין כמעט גאר פערגעסען, אז איך האב איהם געקויפט צוליעב דיא עלטערען, א "נחלה", א בעוואָהרעניש אויף דער עלטער. און איך האב אוועקגעשטעלט בעלי־מלאכות רעמאָנטירען דאס הויז, רייניגען דעם הויף, איבערפלאנצען דעם גאָרטען, מאכען "פּיתום מיט רעמסס". איצט האָב איך שוין כמעט ווי חרטה אויפ'ן גאנצען עסק. מיין מאמע איז דענן ניט גערעכט נעווען: "צו וואָס אזא הארמידער?" איך וויים אליין ניט, צו וואָס אזא הארמידער? ניט אומזיסט רופט מיך די מוטערכען מארטשעלא מיט'ן נאָמען ציגיינערין. איך האָב דעם נאָמען כשר פערדיענט. איך לעב ווי א ציגיינערין. איך ברענג אוים געלד ווי א ציגיינערין. איך האָב ליעב שמאטעס ווי א ציגיינערין. איך זיץ נישט איין אויף איין אָרט ווי א ציגיינערין. און בין פול מיט ציגיינערישע פאנטאזיעס. איך די צייט פערברענג איך דאָ, ווי א ציגיינערין. דאָס גאנצע שטעדטעל (און מיין פאָטער און מוטער בתוכם) קוקען אויף מיר, ווי אויף א משוגענע. גאנצע טעג פליהען מיר ארום, איך און מיינע חבר'טעס און מיין מאעסטראָ, אויף איין אויטאָמאָביל. מיר מאכען אָפטע פּיקניקען אין נאָהינטען וועלדעל. מיר זינגען ציגיינערישע ליעדער. מיר טאנצען ציגיינערישע טענץ. מיר טהוען אזעלכע זאכען, אז די היגע פּאָליציע האָט שוין אויף אונז איין אויג. נאָר ווער הארכט פּאָליציע? בייטאָג מיט'ן אויטאָמאָביל, ביינאכט מיט א שיפעל. אך, אונזערע זומערדיגע נעכט אין בעסאראביע — וואָס איז צו זיי גלייך? איינציגוויין, ווי ליכטלעך, צינדען זיך אָז די שטערען אין ברייטען הימעלדעק. פון יענער זייט וואלד קוקט ארוים די לבנה און בעזילבערט דאָס טייכעל מיט'ן אָטשערעט מיט'ן גאנצען שטעדטעל, וואָס שלאָפט אזוי רוהיג, אזוי אומשולדיג, ווי עס קאָנען שלאָפען נור אזעלכע אָרעמע, עלענדע נפשות, וואָס דארפען ניט קיין סך, וואָס זענען צופריעדען מיט א ווילדען מאכל, וואָס מע רופט דאָס "מאמעליגע"... און נור מיר, באשיבוזוקען פון דער גרויסער וועלט, ציגיינער פון יענער זייט גרעניץ, אָנגעגעסענע, אָנגעטרונקענע און איבערגעזעטיגטע מיט אלערליי פערגעניגענס און לוקסוס, שטערען די

הייליגע שטילקייט פון דער כשוף׳דיגער נאכט דורך דעם פלעסקען פון די וועסלעס, וואָס זייער ווידער־קול לאָזט זיך הערען פון נאָהינטען וועלדעל ארויס. דעמאָלט איז א צייט פון שטילשווייגען. דעמאָלט איז א צייט פון קוקען אין הימעל אריין און זוכען בעקאנטע און אומבעקאנטע שטערענדלעך, וואָס בלאָנזען ארום אָהן א סדר און אָהן א וועג... דעמאָלט איז א צייט פון בענקען נאָך דעם, וואָס בעוויזט זיך נור איין מאָל אין לעבען... דעמאָלט איז א צייט פאר מיין מאעסטראָ, סעניאָר סאלפאניני, ער זאָל זיך ערקלערען מיר אין ליעבע, וויפיעל זיין הארץ גלוסט. אך! דאָס איז, איך האָב מורא, אויב ניט דער איין־און־צוואנציגסטער ליעבע־קרבן! איך וויל אָבער האָפען, אז אויך איהם, ווי מיינע ערשטע צוואנציג קרבנות, וועט מען חלילה א דערטרונקענעם אין טייך נישט געפינען, און אז מיין צוויי־און־צוואנציגסטער וועט ניט זיין מיט מעהר מזל.

אָט אזוי לעבט מען זיך אין דער שטילער, צנועה׳דיגער, אָרעמער היים, ווייט פון דער גרויסער, רייכער, פערשייטער וועלט.

איך קוש מיין טהייערע מוטערכ׳ען מארטשעלא שטארק־שטארק!

אייער איבערגעגעבענסטע פריינדין

ציגיינערין ראָזא.

קאַפּיטעל 145.

פון מאיר סטעלמאַך צו זיינעם אַ גוטען פריינד

מיין טהייערער פריינד!

איהר קאָנט אייך דענן פאָרשטעלען דעם פערגעניגען און די פרייד, וואס איך האב געהאט, אז איך האב בעקומען אייער ליעבען בריעף? ערשטענס, וואס איך זעה, אז איהר לעבט, דאנקען גאָט, און איך האב דאָך פון אייך אזא צייט ניט געהערט. זינט איך בין אין לאָנדאָן, האב איך פון אייך קיין איינגעטונקטע פען. והשנית, איז ביי מיר לייענען א־ייערען א בריעף גלאט א תענוג. עס מאָהלט זיך מיר אויס, אז קיינער שרייבט ניט אזוי זיס, אזוי קיילעכיג, אזוי קלוג און אזוי הארצעדיג, ווי איהר. עס גלוסט זיך אויסקושען איטליכם וואָרט. איהר ווייסט דאָך, אז איך בין פון תמיד אָן א ליובּיטעל פון זשארגאָן, ובפרט נאָך פון א גוטען פריינד, ווי איהר, וואָס מיר האָבען אינאיינעם, זאָגט ער, געבידעוועט, אינאיינעם פערשווארצט געוואָרען אין עושר און אין כבוד, אינאיינעם געגעסען א הערינג מיט ברויט, פון איין גלאָז געטרונקען, אין איין בעט געשלאָפען. אוי, יאָהרען! יאָהרען! געדענקט איהר חאָטש? איך געדענק זעהר גוט און דערמאָן עס צו יעדער צייט און ביי יעדער געלעגענהייט. איך האב פיינד, ווי אנדערע, פערלייקענען, ווער איך בין און וואס איך בין — אָט אזוי בין איך און איין עק. א פראָסטער חי־וקיים. קיין חכמות וויים איך ניט און שקרים האָב איך פיינד. איך דערצעהל מיין יחוס אלעמען. אז מע קומט צו מיר קאָררעספּאָנדענטען פון די גאזעטען, מיך אויספרעגען, אויסטאפּען, ווער איז גרישא און וואס איז גרישא און ווי אזוי איז גרישא, זאָג איך זיי: ברידערלעך, גרישא איז ניט גרישא, גרישא — דאס בין איך. ווען ניט איך, וואָלט ניט געווען קיין גרישא אויף דער וועלט. דאָס הייסט, ס׳וואָלט געווען א הערשעל, אָדער א יענקעל, אָדער א יוסעל, אָדע־
א מאָטעל, נאָר ניט קיין גרישא סטעלמאך, וואָס זאָל אזוי קלינגען, אזוי מרעיש עולם זיין, אז די קווין אליין (אזוי הייסט דאָ די קעניגין) זאָל איהם איינלאדען צו זיך אויף קאָנצערט, איהם

דריקען די האנד און אויספרעגען ביי איהם איטליכס ברעקעלע : צו האָט ער טאטע־מאמע, שוועסטער און ברידער, און נאָך אזעלכע זאכען. יאָ, איך מעג מיך בעריהמען, אז טאקי נור איך מיט מיין פראָסטען פערשטאנד און מיט דעם כח, וואָס גאָט האָט מיר אריינגעגעבען, און מיט דעם שטיקעלע הצלחה, וואָס ער האָט מיר געשענקט, האָב געקאָנט ברענגען אזוי ווייט, אז שטעדט און לענדער זאָלען זיך שלאָגען פאר מיין זוהן, אלע אין איין קול : גרישא סטעלמאך און גרישא סטעלמאך ! וואו איז דאָס געהערט געוואָרען, אז אין איין וואָך זאָל מען קריגען איינלאדונגען פון אכט שטעדט פון אלע ארבע כנפות הארץ : פון פּאריז און פון מאנטשעסטער, פון וויען און פון פעטערבורג, פון אנטווערפּען און פון ניו יאָרק, פון לייפּציג און פון טשיקאגאָ — מע ווייסט ניט, וועמען מע זאָל פריהער ענטפערען, האָטש צערייס זיך אויף צעהן שטיקער ! און וויא אויף צו־להכעיס, בין איך איצט געבליבען איין מענטש אליין. איך האָב מיין שותף, דעם פריהעריגען מענעדזשער, וואָס כ'האָב אייך א מאָל געשריבען, דאנקען גאָט, שוין געגעבען דעם וועג. עס זענען איהם אויסגעגאנגען די יאָהרען. ער האָט אפילו זעהר חשק געהאט מאכען א קאָנטראקט נאָך אויף פינף יאָהר. האָב איך געזאָגט : אזאס ! בענוג אָנגעזויגט זיך מיט מיין בלוט. עס וועט זיך איהם, מאָהלט אייך, מעהר שוין אזא חלום ניט חלומ'ען ווייל ער וועט לעבען, ווארום ס'איז דאָ נור איין גרישא סטעלמאך אויף דער וועלט. איצטער בין איך מיר אליין בעל־הבית. מיין התונה, מיינע כלי־זמר. וואָס איך טהו איז געטהאָן, און וואָס איך זאָג איז געזאָגט. אזוי האָב איך עס אוועקגעשטעלט, פערשטעהט איהר מיך, פון דער לכתחילה, אז א טאטע איז א טאטע און א קינד איז א קינד. ווארום וואָס איך האָב איבערגעטראָגען אויף מיינע פּלייצעס און וואָס איך האָב זיך אָנגעסטראדאיעט, ביז גרישא איז געוואָרען אָט דער גרישא סטעלמאך, וואָס ער איז היינט, ווייס איך ניט צי ס'איז פארהא. גאָר דער צווייטער אויף דער וועלט. איין אנדערער אויף מיין אָרט וואָלט שוין לאנג אָנגעשפּארט העט־העט. א בארג וואָלט פון איהם געוואָרען. גראָז וואָלט אויף איהם געוואכסען. נאָר דאָס אלצדינג ווייסט קיינער ניט און וויל ניט וויסען. די וועלט מיינט, אז אָט אזוי גרינג וואכסט אויס אזא שטערן, וויא גרישא סטעלמאך, און מע איז דאָס מיר א ביסעל מקנא. פשוט, מע פערגינט מיר ניט. מע טייט אויף מיר מיט די פינגער : "זעהט נור, ווי דער סטעלמאך שארט גאָלד מיט לאָפּעטעס !" פארדאן אזעלכע, כלומרשט גוטע פריינד, וואָס קומען צוגעהן מיט עצות, מיט גרטע רעד, זאָרגען זיך פאר מיין זוהן, למאי איך געב איהם ניט שטודירען און נאָך אזעלכע זאכען. גוטע פריינד, וואו זענט איהר געוועזען פריהער, אז מיין סעמייסטווע איז, ניט היינט געדאכט, געשוואָלען דריי מאָל א טאָג פון הונגער און אליין בין איך פערלאָפען מיט בלוט, וואָס מיין גרישא האָט נישט קיין פאָר גאנצע שטיוועלעך ? פאר וואָס האָט איהר דעמאָלט ניט געזאָרגט פאר מיין קינד, אז איך האָב מיך ארומגעטראָגען א הונגעריגער, א דערשלאָגענער אויף דער יודישער גאס מיט א בריליאנט, געשריגען : "אני שלמה ! יודען, איך פארמאָג א מיליון !" — ווער האָט מיך ז'עמאָלט געהערט ? אוי, איך קען א יודען! איך מעג מיך בעריהמען, אז איך בין שוין אויסגעפאָהרען א וועלט — נישטאָ, הערט איהר, נישטאָ די צווייטע אומה אויף דער וועלט, ווי אונזערע יודען, יאָלען געזונד זיין ! גאָט זאָל מיך ניט שטראָפען פאר די רעד — אזוי פיעל נגידים ביי אונז, גבירים, אדירים, וואכ

ווארפען געלד אין דער בלאָטע, ברענגען אויס טויזענדער, הונדערטער טויזענדער, אויף דער רוח ווייסט וואָס, אויף נאָכשטופּען די קאַרעטע, אויף נאָכטאַנצען די גויים — און קיין איינציגער נישטאָ ביי אונז, ווער ס'זאָל זיך אָפּרופען, אז סע שלאָגט אָן צו איהם א טאַלאַנט. ער מעג זיין משה רבנו, נאָר אויב אין צעריסענע שטיוועל, איז ער אויף צרות. פערשטעהט זיך, אז היינט זענען שוין פאַר אונז אָפען אַלע טהירען. שוין א גאַנצער כבוד ביי זיי און א פרייד, אז מיין זוהן בעהרט זיי מיט א קוק. דער גרעסטער מאגנאט וואָלט זיך איצט געשעצט גליקליך, ווען מיין זוהן זאָל זאָגען, אז ער וויל נעמען זיין טאָכטער. אָפּגעגילט וואָלט מען איהם פון קאָפּ ביז פיס, און אויך מיר וואָלט מען אָנגעשאָטען א פולע היטעל מיט גאָלד, איך זאָל נור געבען א וואונק. איז אבער דאָ א גאָט אויף דער וועלט, וועט איהר הערען א שענס. איך וויל עס אייך טאַקי דערצעהלען, אויסגיסען א ביסעל דאָס הארץ פאַר א גוטען פריינד. ס'איז א גאַנצע געשיכטע.

געדענקט איהר, איך האָב אייך א מאָל געהאַט דערצעהלט פון א מיידעל א קראַסאַוויצע, איין אקטריסע פון יודישען טהעאטער, מיט'ן נאָמען ראָזע ספּיוואַק? ביי שטשופּאַק'ען האָב איך מיך מיט איהר בעקאַנט. ער האָט זיך בעריהמט, אז זיא איז זיינע א פּלימעניטשקע פון ווארשאַ. איך וויים? ער זאָגט, א פּלימעניטשקע פון ווארשא — לאָז זיין א פּלימעניטשקע פון ווארשאַ. ס'איז מיר א נפקה־מינה! איז מיר אָבער דאָס דאָזיגע מיידעל געפעלען געוואָרען פון דער ערשטער מינוט, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? שטארק געפעלען געוואָרען! ערשטענס, טאַקי א שען מיידעל, א קראַסאַוויצע, מיט ברענענדיגע אויגען. א שווארצע אפילו, שווארץ וויא א ציגיינערין. נאָר מלא חן! און ניט קיין נאַריש מיידעל, מע קאָן זאָגען — א בר־דעת, א לעבעדיגע, א ברען — פלאַם־פייער. היינט איהר שטימע, איהר זינגען! איהר קענט דאָך מיך, אז איך בין א ליבּיטעל פון נגינה און פון יודיש טהעאַטער, און זינט איך בין אין דעם ברויט, האָב איך מיך שוין אָנגעהערט מסתמא אויף מיין לעבען זינגערס מיט זינגערינס גענוג, עס קריכט שוין פון'ם האלז. נאָר אזוי זינגען, וויא די ראָזע ספּיוואַק, האָב איך נישט געהערט און וועל נישט הערען. זיא זינגט צו אייך גלייך אין דער נשמה אריין! וואָס זאָל איך אייך זאָגען, דאָס מיידעל האָט מיך גענומען. נאָך איהר רעדען האָב איך באלד ארויסגעזעהן, אז דאָס דאַרף זיין ניט קיין געבאָרענע אקטריסע, ניט שטשופּאַק'ס א פּלעמעניטשקע, נאָר א טאַטענס א קינד. כך הוה. עס לאָזט זיך אויס, אז דיא גאנצע מעשה איז שקר וכזב. דאָס מיידעל איז ניט שטשופּאַק'ס א פּלימעניטשקע, נאָר א ווילד־פרעמדע. און ניט פון ווארשא, נאָר פון א קליין שטעדטעל ערגיץ פון בעססאַראַביע, א חזנ'ס א טאָכטער. אזוי בין איך געוואָהרע געוואָרען שפּעטער שוין, אז שטשופּאַק איז געוועזען דאָרט מיט זיין טרופּע און זיא געהערט זינגען, איז איהם געפעלען געוואָרען איהר שטימע, האָט ער זי ארויסגענאַרט פון דערהיים, איהר צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, אז אין אויסלאנד וועט ער זי געבען שטודירען מוזיק און נאָך אזעלכע זאכען. לסוף, אז ער איז נור אריבער מיט איהר די גרעניץ, האָט ער אליין גענומען מיט איהר שטודירען מוזיק. אויסגעלערענט זי זינגען פאַר א פּובליקום "חוה", "שבת־מאַכען", "פּראַטיג אויף דער נאַכט" און נאָך אזעלכע שענע ליעדלעך. און דערצו נאָך חאַפּען א טענצעל אויך... גאָט ווייסט, וואָס פון איהר וואָלט געוואָרען, ווען איך צערעד מיך ניט מיט איהר און איך בעקאָן זי ניט מיט דער בעריהמטער זינגערין מארטשעלע זעמבריך, וואָס

האָט געגעבען קאָנצערט אינאיינעם טאַקי מיט מיין גרישא׳ן. באַשערט אַ מיידעל אַ גליק, דאַרף זי זיך מיט מיר צערעדען און בעטען, איך זאָל זי בעקאַנט מאַכען מיט דער זעמבריך, און די זעמבריך, אַז זי האָט נור דערהערט דאָס דאָזיגע מיידעל זינגען, איז זי צוגעזאָטען געוואָרען צו איהר און גאָרניט געוואָלט אָפּלאָזען שוין. דאָס ערשטע האָט זי די זעמבריך ארויסגעריסען פון שטשופּאַק׳ס הענד און צוגענומען צו זיך, געגעבען שטודירען אין דער וויענער קאָנסערוואַטאָריע, איהר געדונגען די בעסטע פּראָפעסאָרען און געמאַכט פון איהר איינע פון די ערשטע זינגערינס אויף דער וועלט. אַ סברה, אַז זי וועט שוין היינט פערשטעקען אין גאַרטעל די זעמבריך מיט נאָך דריי זעמבריכס. וואָס דאַרף איך אייך דערצעהלען אַ סך מעשיות, איהר קאָנט פערשטעהן, אַז זי טרעט שוין ארויס מיט מיין גרישא׳ן אויף קאָנצערטען און בעקומט שוין כמעט אַזוי פיעל, וויפיעל מיין גרישא. און מע שלאָגט זיך שוין פאַר איהר, ווי מע שלאָגט זיך פאַר מיין גרישא׳ן — און דאָס האָט זי אַלץ צו דאַנקען מיר. און אפשר מיינט איהר, אַז זי דאַנקט מיר נישט אָפּ? נאָך אַ מין אָפּדאַנקען! אָט וועט איהר האָרכען. כ׳איז אַ מעשה מיט אַ "ליובאָוו", אַ שענע מעשה. נאָר איידער איך וועל אייך דערצעהלען די מעשה מיט אַ "ליובאָוו", דאַרף איך אייך זאָגען קודם אַ פּאָר ווערטער וועגען מיין זוהן.

איך האָב אייך פון מיין גרישא׳ן, דאַכט מיר, נאָך גאָרניט געשריבען, וואָס פאַר אַ פויגעל דאָס איז? שוין איין מאָל אַ פויגעל. ווי גרויס ער איז, אַזוי קליין און פּראָסט איז ער ביי זיך. קליין און פּראָסט און שטיל. ער ווייסט נור פּיעדעל און קאָנצערט, קאָנצערט און פּיעדעל. ווייטער געהער זיך מיט איהם נישט אָן קיין זאַך. פרעגט איהם בחרם, וויפיעל האָט ארייגעטראָגען זיין קאָנצערט? וויפיעל איז געפאַלען הוצאות? וויפיעל איז געבליעבען רווח? ס׳איז ניט זיין עסק. ער ווייסט נור פּיעדעל — און ווייטער גאָרנישט. אפשר מיינט איהר, חלילה, אַ פּלאַטשיג קינד? לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר, וואָס פאַר אַ חכם ער איז. נאָר גאָרנישט. צו די זאַכען איז ער ניט שייך. און וואָבשטשע איז ער מיט דער וועלט, ווי זאָגט דער ליטוואַק, אַ "קנאַפּער מחותן". וואָס דאַרף ער? פאַר די געשעפטען, אָדער פאַר די "ביזנעס", ווי מע רופט עס דאָ, איז פאַרהאַן, ווער ס׳זאָל זאָרגען. דערויף איז דאָ אַ מאַמע און אויף די איבעריגע זאַכען איז יאָ אַ מאַמע ביי דער זייט. און דער עיקר איז דאָך די פּיעדעל, היינט וואָס איז שייך? געה זיי אַ נביא, אַז ס׳וועט זיך ארייננמישען אַ חזן׳ס אַ מיידעל, אַ ראָזע ספּיוואַק, אַ שלאַק, אַ ליובאָוו!...

איך, אַז איך בין געוואָהרע געוואָרען פון דער מעשה — און געוואָהרע געוואָרען בין איך דאָס טאַקי פון איהרס אַ בריוועל, וואָס איז ארייגעפאַלען על־פּי נס צו מיר אין די הענד אריין, דאָס הייסט, איך האָב עס איבערגענומען ביי׳ם בריעפטרעגער, — האָט דאָס מיך פערברענט אויף איהר און פערבראָטען, טאַקי ממש אָנגעצונדען. סטייטש! איך פיהר דיך אריין צו דער זעמבריך, איך שלאָג דיר דורך, ווי זאָגט מען, אַ טהיר אין דער גרויסער וועלט אריין, און אין מיין זכות ווערסט דו אַזוי געהויכט און געקרוינט, נעמסט דו און טהוסט מיר אָפּ אַזאַ שפּיצעל און פערפיהרסט מיט מיין זוהן עסקים, נעכטיגע טעג, ליובאָוו?!... און איך פויל מיך ניט און איך זעץ מיך אַוועק און שרייב איהר אַוועקעט אַ בריעף, און דוקא פּראָסט, אויף זשאַרגאָן, כך וכך, אַזוי און אַזוי, און סטייטש, און נאָך אַ מאָל סטייטש, און צעהן מאָל סטייטש, וואו איז יושר און וואו איז גאָט!—אַזוי גוט־גוט! אויסגע׳לוימ׳ט, וואָס אויף׳ן האַרצען! איך בין ניט קיין

שרייבער, נאָר א טאטע, אז עס טהוט איהם וועה, איז א כפרה אכצעהן שרייבערס. טרעפט זשע, וואָס ענטפערט מיר אזא בחור'טע? אז איהר וועט זיין מיט אכצעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרעפען! קודם גיט זי מיר אוועק א פאַרציע פאר איהר בריעף, וואָס איז אריינגעפאלען צו מיר על־פּי נס. דער בריעף, זאָגט זי, איז אדרעסירט געוועזן צו איין אנדערען. זי זאָל געוועזן וועלען, זאָגט זי, שרייבען צו מיר, ווייסט זי מיין אדרעס. והשנית, זאָגט זי, ווער האָט מיך געמאכט צו דענקען — איהר הערט א שפּראך? — "ווער האָט אייך געמאכט צו דענקען, זאָגט זי, אז איך האָב אויסזיכטען אויף אייער זוהן? אלע אייערע געדאנקען, זאָגט זי, דרעהען זיך שטענדיג ארום איין פּינטעלע, וואָס הייסט מיט'ן נאָמען גרישא סטעלמאך. און איהר האָט א גרויסען טעות, זאָגט זי, אויב איהר מיינט, אז דאָס פּינטעלע, וואָס הייסט גרישא סטעלמאך, איז דער מיטעלפּונקט פון דער גאנצער וועלט, ארום וועלכען עס דרעהט זיך ארום אלעס, וואָס לעבט און וואָס דענקט. פאַרהאַן, זאָגט זי, אזעלכע מענשען — און זייער צאָהל איז א מענגע — וואָס האָבען איהם פאר די אויגען אזוי לאנג, ווי ער שטעהט אויף דער עסטראַדע און די פּיעדעל רעדט ביי איהם אין זיינע הענד אויף אזא לשון, וואָס ניט פיעל קאָנען רעדען אזוי, ווי ער. פון דער מינוט, אָבער, זאָגט זי, וואָס ער לעגט אוועק די פּיעדעל און געהט אראָפּ פון דער ביהנע, איז ער פאר דער וועלט נישט מעהר און אפשר נאָך ווינציגער, ווי א גוטער חלום"... געפעלט אייך א ביסעל א לשון ? ! און ווייטער שרייבט זי מיר: פון וואנען ווייס איך, אז איהר בריעף צו מיין זוהן איז ניט קיין ענטפער אויף זיין בריעף צו איהר? און אפשר איז דאָס נישט דער ערשטער און נישט דער איינציגער בריעף? דער אונטערשיעד איז נור דער, זאָגט זי, וואָס אלע בריעף פון מיין זוהן צו איהר קומען אָן גלייך צו איהר אין די הענד אריין, ווערהענד איהרע בריעף צו איהם מוזען, אפּנים, דורכגעהן דורך א געוויסע צענזור... אויב אזוי, זאָגט זי, קאָן זי מיר פערזיכערען, אז זי וועט אָנווענדען אלע איהרע קרעפטען און וועט טהון אלעס מעגליכעס, אז פון היינט אָן און ווייטער זאָלען איהרע בריעף דערגרייכען זייער צוועק און קיין נסים זאָלען זיך מעהר ניט טרעפען... "איך וועל עס טהון, זאָגט זי, נישט אזוי צוליעב דעם, וואָס עס געהט מיר אין לעבען, איך זאָל מיך איבערשרייבען מיט אייער זוהן, ווי צוליעב דעם, איך זאָל אייך בעוויזען, אז דאָטש איך בין, ווי איהר זאָגט, א בעסאַראַביער מיידעל, דאָך וועל איך אייך צייגען, אז אייער פּאַטערליכער דעספּאָטיזם, וואָס שטאמט פון אייער צופיעל געטריישאפט, איז ניט אזוי געפעהרליך, ווי איהר מיינט, און אז אלסדינג אויף דער וועלט האָט א גרעניץ". נו, וואָס זאָגט איהר אויף אזא מין עזות־פּנים? ניין, הערט, וואָס זי שרייבט מיר ווייטער! "איך פערזיכער אייך, זאָגט זי, אז ווען איך זאָל פיהלען צו אייער זוהן דאָס, וואָס ער פיהלט צו מיר, אין דער זעלבער מאָס, וואָלטען מיר אייך שוין בעוויזען, אז מיר ביידע וואָלטען ניט געהאט מעהר קיין דאגות און וואָלטען ביידע געוועזן אָלל־רייט". וואָס זאָגט איהר דערויף? רעדט זי שוין מיט מיר גאָר אויף איינגעלש!

איך וויל אייך ניט מאריך זיין, ליעבער פריינד, איך האָב איהר אָפּגעענטפערט אויף איהר בריעף, און זי האָט מיר אָפּגעענטפערט אויף מיין בריעף, און אזוי איז אוועק צווישען אונז איין איבערשרייבעניש, איך איהר און זי מיר. און דער שפּיץ איז געוועזן, אז מיר זענען מיט איהר געוואָרען חבר. אָבער וואָס חבר הייסט! דהיינו, ווי אזוי מיינט

איהר? אז זי איז געקומען קיין לאָנדאָן אויף א קאָנצערט — און דער קאָנצערט איז געווען טאקי אינאיינעם מיט מיין זוהן — האָבען מיר אויסגעשלאָגען פאר איהר א קניהע ערד, איך און מיין ווייב זאָל לעבען, איידער מיר האָבען ביי איהר גע'פועל'ט, אז זיא זאָל אונז בעעהרען מיט א וויזיט. וואָס טהוען ניט טאטע־מאמע צוליעב א קינד? און אז מיר וועלען זיך שטעלען אקעגען צעהן מאָל — וועט זיין בעסער? אז מע שמועסט ליובאָוו — איז דאָך ניט שייך... פון דעמאָלט אָן, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, איז דאָס מיידעל געוואָרען ביי אונז אזוי היימיש, אזוי ליעב און איינגעבאקען אלעמען אין הארצען, אז מיר וואָלטען שוין געוועזן גליקליך, דער שידוך זאָל זיין א שידוך — איין עק לאָז דאָס האָבען. איז אָבער ניין. ניט זי, ניט ער, היינטיגע קינדער! אז רעדען פראָסטע דבורים קאָן מען ניט. עס איז דאָך עפּעס ניט גלאט א בחור מיט א בתולה. דאָס זעען דאָך טאקי צוויי שטערען אויף דער וועלט. קיין ספק אזעלכע זענען נישט פארהאַן. א שמועס טהון מיט זיי וועגען חתונה — זאָל גאָט היטען! וואס דארפט איהר מעהר — אז דער נאָמען "חתן־כלה" טאָר גאָרניט דערמאנט ווערען — האָט איהר עפּיס צו זיי? דארף מען אביסעל צו־ווארטען — וואָס זאָל מען טהון? טענה'ט אבער מיין ווייב זאָל געזונד זיין: זי וואָלט שוין געוואָלט, זאָגט זי, דערלעבען א שטיקעל נחת... זאָג איך איהר: "האָב צייט. וועסט ניט פערשפּעטיגען"... און אליין פיהל איך, אז דאָס חיות געהט מיר אויס. איך וואָלט שוין אליין אויך געוואָלט, ניט אז' דעם נחת, איך בין דאָך נישט קיין יודינע, דאָס הייסט, א נחת — מהכתיתי, פאר וואָס ניט? מיך פּיקט איין אנדער זאַך. איך וויים ניט, צי איך וועל עס אייך קאָנען ארויסגעבען: מיין זוהן, פערשטעהט איהר מיך, איז איין ארטיסט, און א גרויסער אַרטיסט, און דערצו איז ער נאָך גאָר א קינד, א כשר לעמעלע, און זיין ליובאָוו איז מיט סכנת־נפשות! און זיא איז א מיידעל שוין צו א שעהנע און צו א קלוגע און צו א קאפּריזנע און צו א ספּריטנע — וואָס צו, זאָגט מען, איז איבעריג.... איצטערט פליהען זיי ארום ביידע איבער לאָנדאָן, חלילה ניט צו־פוס, נאָר אין א מאָטאָרקאר, איין אויטאָמאָביל הייסט עס, און מע קויפט און מע קויפט און מע קויפט! — וואָס פאר א ווערטה האָט ביי זיי געלד, אשטייגער? א שטיקעל גליק חאָטש, וואָס איך בין דאָ ביי דער זייט און לאָז ניט. ווייטער וואָלט מען פערברענט טויזענדער! דאָס גרייט מען זיך אין וועג אריין. עס קאָן זיין, אז מיר פאָהרען, אם ירצה השם, אלע אין גיכען קיין אמעריקא. זיי זיינען דאָרט ביידע אנגאזשירט אויף א גאנצען סעזאָן, און דאנקען גאָט, אויף אזעלכע קאָנדיציעס, אז מע מעג עס ווינשען אלע אונזערע ליעבע. גאָט זאָל זיי נור געבען געזונד און הצלחה, וויא ביז אהער, און יאָהרען א סך ביידען, און מיר זאָלען עס זעהען און קלויבען נחת, ווארום היינט זענען זיי ביידע פערעכענט ביי אונז גלייך, גאָר קיין חלוק ניט. זיא איז ביי אונז, מעגט איהר מיר גלויבען, טהייער וויא מיין אייגען קינד. נאָך אפשר טהייערער. חאָטש, דעם אמת זאָגענדיג, איז זיא מיט מיר נאָך איצט אויך ניט שוה בשוה. אפּנים, פון מיין ערשטען בריעף נאָך... איך בין, וויא זאָגט ער, מיט איהר אדרבה ואדרבה, און זיא איז מיט מיר קידער־ווידער. זיא קאָן ניט ליידען, למאי איך רעד פון געלד. זיא האלט מיך פאר א קמצן. קינד ער זענען נאראָנים. זיי פערשטעהען ניט, אז אלצדינג איז פון זייערטוועגען. למשל, איהר מאָהלט זיך אויס, אז טהייערער פון געלד איז ביי מיר גאָר ניט פארהאן. זיא אליין זאָגט דאָס מיר. געוויינטליך, פער־

שטעלט, זי מיינט, אז זי קען מיך שוין... ווערטלען מיר זיך אָפּט. איך לאַך, נאָר מיין זוהן סטראַדאיעט דערפון. איז דאָס מיר נישט איינגענעהמען.... נאָר מסתמא וועט זיך עס מיט דער צייט אויסגלעטען. אלע קינדער זענען אזוי. זיי מיינען, אז ערגער פון עלטערען איז שוין נישטאָ אויף דער וועלט. וואָס קאָן נאָך זיין ערגערס פון עלטערען?... נאָר מיר דאכט, אז איך האָב מיך שוין א ביסעל צופיעל צעשריבען. שוין באלד ניטאָ קיין פּאַפּיער. א ביסעל אויסגערעדט זיך, געוואָרען גרינגער אויף דער נשמה. זייט מיר רעכט וואָהל, און מאכט גוטע ביזנעס, און שרייבט מיר אָפּטע גוטע בריעף, אזוי ווי נור איהר אליין קאָנט.

פון מיר אייער אלטער פריינד

מאיר סטעלמאַך.

עיקר שכחתי: מיין ווייב בעט מיך, איך זאָל אייך לאָזען גריסען. און מיין זוהן פרעגט זיך נאָך, אויב איהר האלט נאָך א מאָל א פיעדעל אין האנד?

מאיר סטעלמאַך.

קאַפּיטעל 146.

פון שלום מאיר מוראַווטשיק צו ראָזאַ ספּיוואַק

צו מיין ליבע און געעהרטע פריינדין ראָזע ספּיוואַק לעבט וואָהל וואָס איז די מאַנסע וואָס איהר זענט צו מיר געוואָרען אזוי פרעמד אז איהר ווילט מיר אפילע ניט ענטפּערען אויף אלע מיינע בריף מיט וואָס האָב עך חייטע בייגעל געווען מיר דאכט אז אדראבע וואָס עך בין פאר אייך אויסגעשטאנען קומט מיר ניט איהר זאָלט מיר אזוי אָפּדאנקען ווארום ווען ניט עך וואָלט איהר נאָך איצטערט אויך געווען ביי שטשופּאקען דער קאדיק זאָל איהם נעמען ער האָט דאָך מיר ניט געוואָלט בעצאָהלען וואָס מיר קומט איבער אייך ווארום ער זאָגט אז אין גאנצען דער כאיוו בין עך וואָרום ווען ניט עך זאָגט ער וואָלט איהר ניט געוואוסט פון קיין זעמבריך און ער וואָלט נישט געבליבען זאָגט ער אָהן א סמיטשיק ער שווערט אז ער איז דורך אייך בעדילאדאל געוואָרען אזוי שרייבט ער מיר און וויינט אויףביידע אויגען איהר ווייסט דאָך אז עך גלויב איהם ווי דעם הונט נאָר אז יענער חאפּט די ערד ווייסט איהם דער ריך אפשר איז ער גערעכט עך ווייס נור אז ער האָט שוין איצט קאדאָחים ניט קיין מענדעליאָן און א פּאָר בארעליאנטענע פינגערלעך האָבען שוין אויך געפּעהלט און דעם גאָלדענעם זייגער האָט ער שיינט מיר אויך ערגיץ פארטאכטאָרעט און אלץ צוליעב אייך ווארום דער איד האָט זעך געניים א בייטעל גאָר א גרויסען אכיץ וואָס ער האָט זעך איינגעבראָמבעלט א מאחשאָווע אָט דער אידיאָט אז גאָט וועט איהם אויפרעכטען ער וועט לויז ווערען מירטשעם פון זיינע וו׳יבער וועט ער אייך מיט זיינע בארעליאנטען פארשאלאמאָנעווען דעם קאָפּ און סוועט זיין גימעל צום סוף נאט אייך אזא מאַפּאָלע און נור עך זאָגט ער בין שולדיג נישט קיינער דערוויל בין עך געבליבען וויא אויפן וואסער דאָס ביסעל פּאָרעם וואָס עך האָב פון אייך די ערשטע צייט בעקומען האָט מיר געקלעקט אויף איין צאָהן און האָב געהאט אויף זעך א צאָרע אנאָרעמע שוועסטער איבער געפּעקעלט קיין אמעריקע און אליין בין עך אויך געווען קראנק א שטיק צייט זעך שיר ניט געזעהען מיטן מאלכאמאָוועס ווען ניט איהר מיט אייער קליינע שטיצע וואָלט עך שוין איצטערט אָנגעשפּארט דאָרט וואו עס וואכסט ניט קיין חריין דאנק עך אייך זעהער אָבער פאר וואָס זאָלט איהר מיר ניט טהון די טייווע און אָפּענטפּערען מיר א מאָל חאָטש מיט עטליכע ווערטער דאכט מיר עך האָב עס ביי אייך ניט פערדיענט עך זאָל אייך

נאָכלויפען ווי א הונט פון פאריז קיין
לאָנדאָן און פון לאָנדאָן קיין פאריז און
פון דאָרטען קיין אנטווערפען און איהר
זאָלט אפילו ניט ווען מעך אויפנעמען!
איין גאָט וויים דעם עמעס אז עך בין
אייך טאָמער געשטאנען אין אייערע ניי־
טען אז איהר האָט מיר געזאָגט מוראווו־
טשיק גער בין איך געגאנגען מוראווטשיק
לויף בין איך געלאָפען פון דער ערשטער
צייט הייד עך שוין ניט נאָר אפילע דע־
מאָלט ווען איהר זענט ארוים פון שטשו־
פאקם רעשים און געקליבען זעך קיין אי־
טאליע גערענקט איהר האָב עך ניט גע־
זשאלעוועט מיין טערכע קיין מאָל און
אז מע האָט בעדארפט דעמאָלט ארוים־
ווארפען דעם שלעמאזעל וואָס האָט זעך
געוואָלט שיסען ווער האָט זעך מאפקער
געווען אז ניט מוראווטשיק און היינט
האָט איהר שוין גאָר פערגעסען ווער איז
דער מוראווטשיק וויפיעל מאָל עך האָב
מעך געקריביצרט צו אייך קאָן עך מעך
נישט דערקויבערען מע לאָזט ניט צו
עך בין איין מאָל אפגעזעסען ביי אייך
אין סאלאָן דריי זייגער שאָ געהערט אייך
ריידען מיט עפים א פראנצויז צום סאָף
קומט מען ארוים און מע זאָגט מיר אז
איהר זענט ניטאָ אין דערהיים איז מיר
פינסטער געוואָרען אין מיינע אויגען און
האָב קוים געטראָפען צו דער קליאמקע
אז אָך און ווי איז שאָלעם מייער צו
דיין קאפעליש אויף וואָס דו ביזט אי־
בערגעקומען האָב עך געזאגט צו מיר
אליין און אז סע מאכט זעך א מענטש
ווערט באגליקט דארף ער זעך שוין אזוי
איבערנעמען וואו זענען אייערע ווערטער
וואָס איהר האָט מיר צוגעזאָגט אז איהר
וועט מעך קיין מאָל ניט פערלאָזען און
צום סוף אז עך בין אייך נאָכגעלאָפען
אין לאָנדאָן אויף דער דאטשע האָב עך
אייך געזעהען דורכפליהען אין אנאווטע־
מעביל מיט סטעלמאכס באָכעריל האָב
עך ארויפגעהאפט דאָס היטעל האָט איהר
זעך געמאכט אז איהר זעהט מעך ניט
האָב עך אייך געשריבען איין מאָל און
צוויי מאָל און דריי מאָל ענטפערט איהר
מיר ניט פאר וואָס וויים עך ניט אצינ־
דערט אבער האָף עך אז איהר וועט מיר
שוין יאָ ענטפערען ווייל עך האָב צו
אייך א שטיקעל געשעפט דעהיינע עס
געפינט זעך ביי איינעם א מענטשען
אייערס א פעקעל מיט ב־יעף וואָס דער
מענטש האָט דאָס מיר געברייגגט צו
טראָגען אָנגעמאָסטען זעך א היטעל גע־
הייסען זעך גוט בעצאָהלען אָבער טאקי
א גראָבס ער וויים זאָגט ער אז איהר
זענט היינט אין די פעדערען און אזוי
ווי דאָרט געפינען זיך זאָגט ער אלער־
ליי בריעף וועט איהר מינעסטאמע ניט
דערלאָזען זאָגט ער מע זאָל זעך מיט
אייערע בריעף ארומטראָגען האָב עך
איהם געזאָגט וויסט איהר וואָס פעטער
אָט שרייב עך אוועק צו איהר א בריוועל
זאָגט ער הערסטע וואָס דען דורף עך
אייך א באקדייזשע עך מיין ניט זאָגט
ער די אגאָדע עך מיין די קניידלעך אל
קייהן בעט עך אייך מיין ליעבע געשעצ־
טע פריינדין ראָזע איהר זאָלט מיר באלד
שרייבען א בריעף אויב איהר ווילט צוריק
אייערע פאפיערען און אויב איהר דארפט
זיי שרייבט מיר וועל עך מעך זעהן מיט'ן
דאָזיגען מענטשען עך האָף אז עך וועל
איהם מיט גאָטס הילף איינבייסען און
שרייבט מיר אויף מיין נאָמען צום די־
רעקטער פון פאריזער אידישען טיאטער
וואקסמאן וויפיעל זאָל עך איהם אנצאָ־
לען ווייל דער מענטש וויים אליין ניט
וויפיעל ער זאָל זעך הייסען געבען פון
מיר אייער איבערגעבענסטער דינער

וואָס ווינשט אייך פיעל גליק און אצלאָכע
מיט אכטענקספאָל שאָלעם מייער
מוראָווטשיק.

קאפיטעל 147.

פון ראָזאַ ספיוואַק צו מאַר־טשעלא זעמבריך

טהייערע געטרייע מוטערכען מארט־
שעלא !

איצטיגס מאָל וועל איך ביי אייך
צונעמען א ביסעל מעהר צייט ווי אלע
מאָל, ווייל איך האָב אייך שוין לאנג
ניט געשריעבען, און ביי מיר האָט זיך
צונויפגעקליבען אזוי פיעל נייעס, אז
איך וויים ניט, פון וואנען אָנצוהויבען.
ערשטענס, בין איך שוין, ווי איהר זעהט,
ניט אין פאריז. אויס פאריז, אויס גראנד־
אָפערא. ווידער א פרייה פיגעלע. וויע־
דער א ציגיינערין. ווידער נע־ונד אי־
בער דער גרויסער פרייהער וועלט. און,
ווי איהר זעהט פון די בייגעלייגטע ציי־
טונגס־אויסשניטלעך, גאסטראָליר איך
מיט'ן גרעסטען ערפאָלג, און ניט אליין,
נאָר אינצווייען, מיט אונזער אמאָל זעהר
בעריהמטען "וואונדערקינד", איצט נאָך
מעהר בעריהמטען ווירטואָז גרישא
הטעלמאך, מיט וועלכען איך האָב מיך
צום ערשטען מאָל בעקאנט מאַקי אויף
אייער קאָנצערט. אויף יענעם אונפער־
געסליכען קאָנצערט, וואָס האָט געמאכט
איין איבערקעהרעניש אין מיין גאנצען
לעבען. אך ! דאָס איז א גאנצער ראָ־
מאן, וואָס איך מוז אייך איהם בעשריי־
בען. נאָר ניין. לאָם איך אייך פריהער
איבערגעבען די געשיכטע, ווי אזוי און
פאר וואָס איך האָב אוועקגעוואָרפען די
גראנד־אָפערא און אנטלאָפען פון פאריז.

יאָ. איך בין אנטלאָפען פון פאריז.
אנטלאָפען מיט דעם פעסטען בעשלוס,
אז איך זאָל קיינמאָל ניט אָנקוקען אָט
דאָס פרעכטיגע סדום מיט איהר פאל־
שען גלאנץ און מיט איהר פוסטען קלאנג
און מיט איהרע פערביסענע אנטיסעמי־
טען און מיט איהרע ראפינירטע בעס־
טיעס.

איך וויים, מוטערכען, אז איהר וועט
אודאי מיינען, אז איך האָב דאָרט ניט
געהאט גענוג ערפאָלג, אָדער גענוג
כבוד. ניין. אומגעקעהרט. ביידע זאכען
זענען געווען איבערגענוג. מיך האָט א
בים געגעבען איין אנדער פליעג. איך
בין בעליידיגט אין מיינע בעסטע גע־
פיהלען. מיר האָט אָנגעטראָטען איינער
פון די, וועלכע איך האָב פערעהרט אם
מעהרסטען. און ניט נור פערעהרט —
פערגעטערט. מיט איינעם וואָרט, דאָס
איז יענער יונגער קאָמפאָזיטאָר און גע־
ניאלער פיאניסט, וואס איך האָב אייך
איהם אזוי אָפגעלויבט, וועלכער האָט
מיך באמת פער'כישופ'ט, וועלכער איז
פון מיינעטוועגען געווען גרייט אין פייער
און אין וואסער און וועמען איך האָב
צו פערדאנקען מיט א היבשען טייל פון
מיין איצטיגען ערפאָלג. א טוידט וואָלט
איך זיך גיכער גערעכט אויף דעם דזשענ־
טעלמען, איידער איך זאָל פון איהם בע־
ליידיגט ווערען. און נאָך ווי אזוי
בעליידיגט ווערען ! אָט וועט איהר הע־
רען.

אז ס'איז נאָך ניט געבוירען געוואָ־
רען אויף דער וועלט יענער דזשענ־
טעלמען, וואָס זאָל וועלען טהון
פאר אונז פון דאנען אהין, נישט
צו האָבען דערביי א זייטיגע מחשבה
דאָס איז ביי מיר שוין גאָר קיין נייעס
ניט. איך מעג זאָגען אויף זיך אליין, אז
איך בין ניט אזוי אלט, ווי געניט. צו־
פריה בין איך ארויסגעטראָטען אויף
דער ארענע, וואָס מע רופט דאָס לעבען.
צו־פיעל בין איך געוואָהרע געוואָרען
פאר דער צייט (ניט אומזיסט האָב איך
דורכגעמאכט אזא שולע, ווי די ביהנע
פון אלבערט שטשופאק מיט זיין פליגעל־
אדיוטאנט !). צו־פיעל בין איך אויסגע־

שטאַנען אַלערליי נסיונות, אַז איך זאָל מיך נעמען צום האַרצען פון יעדען פּראַנט, וואָס שטעלט זיך אַרויס תּחילת פאַר אַ דזשענטעלמען, און סוף־כּל־סוף בעוויזט ער אַרויס די חיה... נאָר ערד־מאַנד ? דער איידעלער, געהיטער, קלור־גער, גלאַנצענדער ערמאַנד, מיט׳ן בלאַ־סען פּנים, מיט׳ן הויכען ווייסען שטערן און מיט׳ן שטענדיג שוואַרצען ראָק, און דערהויפּט — מיט זיינע שענע ווייסע הענד אין געטליכע פינגער, וואָס מאַכען רעדען דעם טוידטען אינסטרומענט, וואָס ציהען אַרויס פון דער פּיאַנאָ בלור־טיגע קולות, וואַרפען רעכטס און לינקס דונערען און בליצען, אָט שוועבען פאַר איהם מלאכים פון הימעל, און אָט טאַנ־צען שדים אונטער זיינע הענד — אָך, וואָס פאַר אַ קראַפט בעזיצט אָט דער מענש אין זיינע צעהן פינגער ! ווי־פיעל הויכע מינוטען האָט ער מיר גע־געבען אין דער קורצער צייט פון אונ־זער פריינדשאַפט ! און מיט אַ מאָל איז ער אַזוי ניעדעריג געפאַלען, אַזוי מיאוס דורכגעפאַלען !

מיין מאַעסטראָ סאַלפּאַניני, פון וועל־כען איך האָב אייך אַ מאָל געהאַט גע־שריעבען, איז אַ גאָלד אין פערגלייך מיט דעם דזשענטעלמען. ערנעסטאָ קאַר־רודזשאַ, וואָס האָט מיר אַזוי פערמיאוסט דאָס שענע איטאַליע, אַז איך בין אַנט־לאָפען פון דאָרט, ווי פון אַ פּעסט, איז געוועזען אַ מלאך. סאַלפּאַניני האָט זיך האָטש געוואַלגערט פאַר מיר אויף דער ערד, געשוואָרען, אַז בייז נאַכט איז ער אַ טוידטער קערפּער, און פאַר גרויסע צרות האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ באַלערינע און אוועקגעוואָרפען זי אויף דער צווייטער וואָך...

דער אַנדערער איז גלאַט געווען אַ ציני־ניק, וואָס האָט מיר געוואָלט איינרעדען, אַז אַלע בעריהמטהייטען פון דער וועלט, אַלע, גאָר אָהן אַ שום אויסנאַהם, האָ־בען נור דורך זייער פאַלען דער־גרייכט צו די העכסטע שטופען פון זייער גרויסקייט...

דאָס זענען אָבער אַלץ אַזעלכע עפּי־זאָדען, וואָס מע קאָן זיי דערצעהלען אין אַ אינטימער געזעלשאַפט, ס׳זאָל זיין וואָס צו לאַכען. גאַנץ אַנדערש האָט זיך אויפגעפיהרט מיט מיר אָט דער דזשענ־טעלמען. ער האָט מיר פאָרגעלעגט אַ קאָמפּראָמיס אויף׳ן סוחר׳ישען אָרט, איידעל וואָס איידעלער קאָן שוין גאָר ניט זיין. ער האָט מיר צוגעזאָגט אויסאַר־בייטען אַ קאָנטראַקט אין דער גראַנד־אָפּערא מיט אַזעלכע בעדינגונגען, וואָס קיין פרימאַדאָנאַ האָט דאָס נאָך ניט געחלומ׳ט, אויב... דערביי איז ער דורכגעלאָפען עטליכע מאָל הין און צו־ריק מיט די פינגער איבער די קלאַווי־שען און גענומען אַ פּאָר ווילדע אַקקאָר־דען... איך האָב איהם פערשטאַנען און בין געוואָרען אָנגעצונדען...

אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהן, אַז איך בין אַ געקאָכטע, האָט ער אויפ־געהערט צו שפּיעלען און מיך גענומען בערוהיגען — מיט וואָס מיינט איהר ? — מיט דעם, אַז אין דער פּראַקטישע־וועלט מוז מען אַליין זיין פּראַקטיש. אַז אַלעס פערקויפט זיך אין איצטיגער פּראַקטישער צייט... ווען ניט פאַר געלד — איז פאַר בריליאַנטען. ווען ניט פאַר בריליאַנטען — איז פאַר כּבוד...

פערשטאַנען, אַפּנים, ווי ווייט אויפ־גערעגט איך בין, האָט ער גענומען אויס־רעכענען מיר אַ צעטעל פערעהליכע דאַ־מאַנען פון בעריהמטע אַקטריסעס, זינ־גערינס, פרימאַדאָנאַס, נישט געשווינט אַזעלכע, וואָס איך קען זיי אַלס זעלטענע פרויען און איבערגעבענסטע מוטערס, און ניט געלעגט קיין כּבוד אפילו אויף די, וואָס זענען שוין לאַנג טוידט.

דאָ האָט ער ווידער געלאָזט לויפען די פינגער איבער די קלאַווישען פון דער גרינג און געקוקט אויף מיר פון דער זייט. וואָס האָט בעדייט דער דאָזי־

גער קוק ? אפשר האָט ער געוואָלט זעהען, וואָס פאר איין איינדרוק עס האָבען געמאכט אויף מיר די דאָזיגע ווערטער ? אפשר האָט ער געוואָרט אויף מיין ענטפער ? און אפשר האָט ער זיך נור געוואָלט נוקם זיין אָן מיר, זיך אפרעכענען מיט מיר דערפאר, ווייל איך האָב די גאַנצע צייט איהם אויסגעמאטערט, ארויסגעוויעזען מעהר סימפּאטהיע צו זיין שפּיעלען, ווי צו איהם אליין ? . . . איך האָב א גרונד אזוי צו דענקען, ווייל צום סוף האָט ער גענומען מיט א בעזונדער פייער אפּעליערען צו מיין געזונדען פערשטאנד און צו מיין אָפּשטאַמונג. ער האָט גענומען מאכען קאָמפּלימענטען מיר און מיין פאָלק. "די וועלט, האָט ער געזאָגט, געהערט צו אונז, צו די יודען. ווייל קיינער, זאָגט ער, האָט ניט אזוי ליעב געלד ווי מיר און קיינער פערשטעהט ניט, זאָגט ער, דעם כח פון געלד, אזוי ווי מיר"...

און נאָך אזעלכע ווערטער האָבען זיך ביי איהם געגאָסען, און יעדעס פון זיי איז געוועזן איינגעטונקען אין סם־המות. . . זיינע שענע ווייסע הענד האָבען שוין מעהר ניט געשפּיעלט. זיי זיינען מיט אמאָל ווי אויסגעוואַכסען אין מיינע אויגען און האָבען מיט א מאָל בעקומען איין אנדער פארב : פון ווייס זענען זיי געוואָרען גרוי, ווי שטאָל. שטאָלענע הענד ! עס האָט זיך מיר אויסגעוויעזען, אז אָט נעמען מיך ארום די דאָזיגע שטאָלענע הענד ארום האלז און הויבען אָן מיך צו ווארגען. . .

פון וואנען האָט זיך גענומען צו מיר א כח איהם אויסהערען ביז'ן סוף און ניט בעגעהן זיך מיט איהם, ווי איך בין מיך בעגאנגען מיט סאלפּאניני, קארודזשא און מיט אנדערע אזעלכע ווי זיי ? מיט דער גרעסטער העפליכקייט האָב איך איהם ארויסבעגלייט, צוגעזאָגט איהם מאָרגען געבען א קלאָרע תשובה, און אז די טהיר האָט זיך נאָך איהם צוגעמאכט, בין איך אריינגעפאלען אין א מין פיבער, לאנג נישט געקאָנט קומען צו זיך. איך האָב אָנגעקלונגען צו מיין פריינד רעשקאָ, איז ער ניטאָ אין פאריז. ניט ער, ניט זיין פאמיליע. און איך האָב דערפיהלט מיט א מאָל מיין עלענד און מיין קליינקייט און מיין נישטיגקייט און די נישטיגקייט פון אונזער כלומרשטער זעלבסטשטענדיגקייט און די ניעדערריגקייט פון די אויסגעפיינטע בעסטיעס, פון די ראפינירטע באנדיטען, און מיין יודישקייט האָב איך דערפיהלט. פלוצים דערפיהלט, אז איך בין א יודישע טאָכטער !

אך, מוטערכען ! מוטערכען ! עס איז א בזיון צו זאָגען, נאָר איך מוז מיר מודה זיין פאר אייך, אז ביז איך בין נישט געקומען קיין פאריז, האָב איך שוין כמעט אָנגעהויבען צו פערגעסען, אז איך געהער צו דעם אייביג נע־ונד'נעם פאָלק, וואָס גאָט האָט דאָס געבענשט מיט'ן נאָמען "יוד"... איצט האָט מען דאָס מיר דערמאָנט. נאָר אין וואָס פאר א פאָרם ? ! ! — — —

איהר האָט, געדענקט איהר, וויפיעל מאָל בעדויערט און בעוואונדערט די ביטערע לאגע פון מיינע אָרעמע ברידער און שוועסטער דאָרט, אין מיין פאָטערהיים ? אך, מוטערכען, וואָס ווייסט איהר ? וואָס ווייסט איהר ? ס'איז גאָר קיין פערגלייכען ! דאָרט, ביי אונז, איז דאָס שפּיעל אָפען און קלאָר פאר ביידע צדדים. איך וואָלט אבער אין לעבענסטאָג ניט געגלויבט, אז אין דעם ליכטיגען לאנד פון די דריי גלענצענדע שטערען : פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט — זאָלען יודען זיין אזוי שטיל נור טיעף געהאסט, לויט איך האָב מיך צוגעקוקט אין דער קורצער צייט, וואָס איך האָב דאָרט פערבראכט. מיינע ברידער זיינען אין דער דאָזיגער רעפּובּליקאנישער מדינה אזוי נידריג געפאלען

ביי יענעם און ביי זיך, אז זיי שעמען זיך מיט זייער אָפּשטאַם, זיי בעהאַלטען זיך מיט זייער יודישקייט ; עס איז א געלעכטער צו זאָגען, נאָר זיי פערבאָרגען פאַר'ן חבר, פאַר'ן שכן און פאַר דער דיענסט און אפילו פאַר איין אייגען קינד אז מע קומט ארויס פון יענער אומה, וואָס איז געשטעמפּעלט מיט'ן נאָמען "זשוויף" !

איך האָב פערבראַכט, מוטערכען, א שלעכטע נאַכט, א נאַכט אין טרערען... און אויף מאָרגען, גאַנץ פריה, האָב איך פערלאָזען מיין האָטעל און — איהר ווייסט דאָך, אז ביי מיר איז איינס־צוויי־דרײַ — ארויסגעפאָהרען פון דער זינדיגער שטאָדט אויף שטענדיג, אויף אייביג.

אויב איך וועל האַלטען וואָרט — דאָס וועלען מיר זעהען. נאָר דערווייל האָב איך קיין חרטה ניט. דערווייל האָב איך אונטערגענומען איין אינטערעסאַנטע טורנע, ווי איהר זעהט פון די בייגעלייגטע בלעטער, אינאיינעם מיט אייער בעריהמטען "וואונדערקינד" גרישא סטעלמאַך — און אָט בין איך געקומען צום ראָמאַן, וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט צו בעשרייבען. נאָר ווייל איך פיהל מיך זעהר אויפגערעגט פון דער געשיכטע, וואָס איך האָב אייך דאָ בעשריעבען, — אלעמאָל ווען איך רעד פון דעם ווער איך אויפגערעגט, — לייג איך אָפּ דעם ראָמאַן אויף א צווייטען מאָל. זייט מיר טיעף־הערצליך געגריסט און שרייבט מיר פון זיך און פון אלע אונזערע בעקאַנטע.

אייער שטענדיג נע־ונד'נע ציגיינערין ראָזאַ.

קאַפּיטעל 148.

פון מאיר סטעלמאַך צו זיין גוטען פריינד

טהייערער בעסטער פריינד !

איך האָב מיך ניט געקאָנט דערוואַרטען אויף אייער ענטפער און איך שרייב אייך שוין ווידער. איהר וועט מיר גלויבען צי ניין, איך פיהל עפּיס א מין בעדערפעניש אין דעם, עפּיס א מין מאַגנעט ציהט מיך, איך זאָל פאַר אייך אויסגיסען מיין הארץ. ווייל, ערשטענס, זענט איהר כמעט דער איינציגער אויף דער וועלט, וואָס פערשטעהט מיך, ווי עס געהער צו זיין. איהר האָט מיר אנומלטען געהאַט געזאָגט, אז וויבאַלד איך האָב געקאָנט מגדל זיין אזא זוהן, איז א סימן, אז איך בין אליין אויך ניט קיין פּראָסטער מענש, ווי די וועלט מיינט. די דאָזיגע ווערטער זענען מיר גוט אריין אין נאָז אריין. הערען אזעלכע ווערטער פון אזא קענער, ווי איהר, איז זעהר איינגענומען. דאָס פערשטעהט איהר אליין. והשנית, האָב איך גלאַט ליעב מיט אייך צו שמועסען, ווייל מיט אייך קאָן איך רעדען אָטקראָווענא און ארויסשרייבען אייך אלסדינג, וואָס ביי מיר טהוט זיך, ווי פאַר איין אייגענעם ברודער. איך האַלט אייך, פערשטעהט איהר מיך, פאַר'ן גרעסטען בעל־סוד אין דער וועלט. איך ווייס, אז איהר זענט איין אייזערנער קאַסטען, און איך בין בעוואָהרענט, אז מיינע בריעף, וואָס איך שרייב צו אייך, וועט, אחוץ אייך, קיין בן־אָדם ניט זעהען און קיין פויגעל וועט ניט וויסען.

אצינד טרעפט, פון וואַנען איך שרייב אייך דעם דאָזיגען בריעף ? פון שיף, מיין ליעבער פריינד, פון שיף שרייב איך אייך. מיר פאָהרען קיין אמעריקא. מיר — הייסט דאָס : איך און גרישא און ראָזע און דער מענעדזשער, איין אמעריקאנער פויגעל, וואָס האָט זיך אונטערגענומען פאַר א געוויסען מינימום און אויף זיינע הוצאות, געוויינטליך ערשטע קלאַס, מאַכען מיט אונז א טורנע איבער גאַנץ אמעריקא. דער מינימום — דאָס איז גאַראַנטירט. ווינציגער פון דער סומע, הייסט עס, טאָר שוין ניט זיין, און וואָס ס'וועט זיין מעהר — איז

יחדיו. האָט איהר עס צעקייעט? אויף
פּשוט יודיש גערעדט, וועלען מיר זאָ־
גען, אז ער האָט אונז אָפּגעדונגען, אָדער
לאָמיר שוין זאָגען דעם גאנצען אמת —
אָפּגעקויפט אויף א געוויסע צייט און
איין עק... געהערען צו יענעם, ליעבער
פריינד, זיין פערקויפט איז אפילו נ־ט
אזא געשמאקער ביסען, ובפרט — איך
בין שוין א געשלאָגענער הונט, אָנגעלע־
רענט פון מיין דייטש, ימח שמו זאָל ער
ווערען. נאָר וואָס זאָל מען טהון? דער
מינימום איז אזא שענער מינימום און
דער יצר־הרע פון געלד איז אזוי גרויס,
צו אלדי שווארצע יאָהר! תחילת האָב
איך גאָרניט געוואָלט האָרכען פון קיין
מינימום־שמינימום. וואָס הייסט — יע־
נער וועט מיך ארומפיהרען? און וואו
בין איך? איך קאָן אליין ניט דיא
מלאכה? האָט זיך אָבער אָט דער אמע־
ריקאנער פויגעל נאסיאדעכ אויף מיר,
וויא א קלעק, איין מאָל פאר אלע מאָל,
וויפיעל וויל איך מאכען ריינעם פראָ־
פיט, פערדיענסט הייסט עס, און ווי־
פיעל איז מיין מינימום, דאָס סאמע
מינדעסטע, לויט מיין השגה נאָך?
וואָס זאָגט מען איהם, אזא פויגעל?
דערזעהען, אז איך קווינקעל מיך,
מאכט ער צו מיר: ס'איז ניט נויטיג
צו זאָגען באלד. איך האָב, זאָגט ער,
צייט 24 שעה צו געבען איהם תשובה.
געפעלט אייך אזא מעשה? ער האָט
מיר פערגעבען, הייסט עס, א לייענען,
וויא זאָגט איהר, אויף פיער און צוואנ־
ציג שעה! געוויינטליך, בין איך שוין
יענע נאכט ניט געשלאָפען, גערעבענט
אהער, גערעבענט אהין, זיך גע'עצה'ט
מיט'ן וייב, איבערגערעדט מיט דיא
קינדער. נאָר וואָס וייסען קינדער?
אז מיינער איז, וויא איך האָב אייך
שוין געשריבען, צו די זאכען גאָר ניט
שייך. דאָס הייסט, איהר מיינט, אז ער
ווייסט ניט חלילה קיין צורת מטבע?
ער ווייסט גאנץ גוט, אז וואָס מעהר

איז בעסער, נאָר ער מישט זיך ניט.
ער פערלאָזט זיך שוין אויפ'ן טאטען.
ער ווייסט, פערשטעהט איהר מיך, אז
דער טאטע וועט זיך ניט לאָזען שפייען
אין דער קאשע. דערפאר איז זי שוין,
ראָזע מיין איך, א סך פראקטישער
פון מיין זוהן. דאָס הייסט געלט איז
ביי איהר אויך שמעלט, און אויף אויס־
ברענגען, טרענצלען, פלעכטען קערב־
לעך וועט זי זיך אויסגלייכען מיט מיין
זוהן, און נאָך פערשטעקען איהם אין
גארטעל. נאָר זי פערשטעהט איין
עסק. האָט איין אפּעטיט, קיין עין־
הרע, צו געלד און קאָן זאָגען א פרייז,
אז יענעם זאָל פינסטער ווערען אין די
אויגען! און פארקעהרט, איך האַלט
מיט איהר. יעדער מענש דארף וויסען
זיין ווערדע. איך וואונדער מיך נור,
פון וואנען האָט זיך עס צו איהר גע־
נומען? און רעדט מיט איהר, זאָגט
זי, אז איך האָב ליעב געלד!...

הכלל, ס'איז אויסגעגאנגען די 24
שעה — מיין אמעריקאנער פויגעל איז
דאָ. איין אָפּגעגאָלטער, איין אקוראט־
נער, א פערשפּילעטער אויף אלע קנעפּ,
ווארט ער, איך זאָל איהם זאָגען תשובה.
האָב איך איהם געגעבען א זאָג א מיני־
מום־פרייז, אז ווען איך רוף אייך אָן
די סומע, וועט איהר זיכער מיינען, אז
איך זאָג אייך א ליגען. מיינט איהר זשע,
אז ער האָט זיך איבערגעשראָקען?
איך וויים ניט, אויב עס האָט געדויערט
א האלבע מינוט, מיין חברה־מאן ציהט
מיר אוים א יד און מאכט צו מיר:
"אָלל־ראיט". אויף אונזער לשון וועט
דאָס הייסען: "מיט מזל־ברכה". וואָס
זאָלט איהר קלערען — ס'איז מיר געוואָ־
רען גוט קאלעמוטנע. דער נפש האָט מיר
דעם קאָפּ ארויפגענומען. נעחיי בי וואָלט
ער וועניגסטענס בעוויזען א מינע, אז ער
וויל אָפּרייסען האָטש וויפיעל ס'ניט איז.
גאָרנישט געדונגען זיך און שוין צושלאָ־
גען? **פאל איך מסתמא אויף א שכל**

און טהו איהם א זאָג, אז איך וויל, אז דער מינימום זאָל זיין גאַראַנטירט, דאָס הייסט, אז ער דאַרף משלשל זיין טאַקי מעות מזומנים אין באַנק, הייסט עס, אויף מיין נאָמען. מיינט איהר דאָך, אז ער ווערד נתפעל? עס הויבט זיך גאַר ניט אָן. "אָלל-רייט!" זאָגט ער וויעדער א מאָל און שטעהט שוין אויף און געהט "קייבלען", טעלעגראַפירען, הייסט עס, קיין ניו-יאָרק, מע זאָל איהם אַרויסשיקען געלד — און אָט אזוי איז געשלאָסען געוואָרען א געשעפט.

אודאי האָט זיך ראָזאַ מיט מיר נאָכדעם געדרייצט, לְמאַי איך האָב איהם אזוי ווינציג געזאָגט. איהר הערט וועדטער? איך האָב, זאָגט זי, קליינע השגות. מיר פעהלט, זאָגט זי, דער קנאַק. וואָס זאָגט איהר אויף אזא עזות-פנים? גענוג עס ברענט מיך אויף'ן אַמעריקאַנער בחור פאַר'ן מינימום, זאָלצט זי מיר נאָך אויף די וואונדען! האָב איך איהר אפילו געוואָלט אָפּענטפּערען, פון וואַנעט זאָל זיך נעמען צו מיר דער ק נ א ק? איך בין דען דורכגעגאַנגען אַלבערט שמושקאַק'ס שקאָלע?... נאָר איך האָב מיך מיישב געווען — לאָז מיינס איבערגעהן. איך וויל ניט, אז מיין זוהן זאָל וויסען פון א שטשופּאַק און פון נאָך אזעלכע זאַכען, וואָס אַמאָל איז געווען. און באמת, וואָס איז זי שולדיג, אז שטשופּאַק האָט זי אַמאָל אַרומגעפיהרט, וויא א ציגיינער פיהרט אַרום א בער, געמאַכט פון איהר געלד? און אז מע וויל צוריק — וואָס איז דאָ דער בזיון? אָרעם, ווי זאָגט איהר, איז קיין שאַנד ניט. און אז איך אליין, ניט היינט געדאַכט, בין געווען נע-ונד, אַרומגעבלאָנקעט אָהן שטיוועל מיט מיין גרישא'ן איבער שטעדט און שטעדטלאַך צווישען יודען, פאַר איין דרייערל געשפּיעלט זיי זעכס ניגונים און איינעם א צוגאָב און אויסגעהערט נאָך א מבינות, אז ביי זיי איז דאָ א בלי-זמר, הייסט ער משה-נח, שפּיעלט ער א וואולאַך — לאָזט זיך אויס די וועלט! גיין, מיין ליעבער פריינד, איך שעם מיך ניט מיט דעם, וואָס איז געווען אַמאָל. אדרבה, אז גאָט האָט מיר געהאָלפען, איך קאָן עס דערצעהלען אין פריידען, איז דאָס ביי מיר א כבוד. איך האָב ליעב, אז מיר נעמען זיך צענויף אַלע די גאַנצע סעמייסטווע און איך דערצעהל זיי מעשות פון אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, ווי אזוי מע האָט געשמייכעלט צו א פראַנזעל און א גלעזעל טיי מיט צוקער איז געווען א יום-טוב, און א פּערטעל עוף האָט מען געזעהן אין חלום, און פאַר איין עפּעל אָדער צוויי פלאָמען האָט אייך גרישא געקאָנט אָפּשפּיעלען דעם שענסטען ניגון!

מעהר פון אַלע האָט ליעב האָרכען די דאָזיגע מעשות ראָזאַ. עס צינדען זיך איהר אָן דעמאָלט די אויגען און זי ווערד נאָך שענער, ווי זי איז, און זי הויבט אליין אויך אָן צו דערצעהלען מעשות פון אַמאָל. און זי האָט ליעב צו דערצעהלען מיט אַלע פּישטשעווקעס. פון איהר שטעדטעל, פון האָלענעשטי, דערצעהלט זי אייך אזעלכע זאַכען, אז מען קאָן שטאַרבען. זי מאַכט נאָך די יודינעס פון מאַרק, אָדער פערשטעלט זיך פאַר א הייזעריגען חזן און זינגט שטיקלעך, זאָג איך אייך, ליעבער פריינד, אז מע דאַרף ניט קיין טהעאַטער. די געלעכטערען קאָן מען הערען אין דער דריטער גאַס. דער חסרון איז נור, וואָס ניט אַלע מאָל איז זיא אויפגעלעגט דערצו. איך האָב אייך שוין, דאַכט מיר, געשריעבען, אז זי איז א קאַפּריזנע מיידעל. ווי עס קומט איהר אויס. א מאָל זאָל זי אייך ווערען לעבעדיג און פריילעך, זינגען און טאַנצען, אָבער אזוי, אז די גאַנצע שטוב זאָל מיט איהר מיטטאַנצען. און א מאָל זאָל זיך אָנרוקען אויף איהר א חמאָרע, פערשפּאַרט זי זיך ביי זיך אין חדר איינע אליין אויף א גאַנצען טאָג. אָדער זי קאָן אוועקזעצען זיך שרייבען בריעף, זאָל זי

איך שרייבען און שרייבען — פרעגט זי, וועמען האָט זי אזוי פיעל צו שרייבען? אָדער אז ניט זאָל זי גאָר צופאַלען צו גרישא׳ן פלוצים, ער זאָל איהר שפיעלען אויף׳ן פיעדעל, חאָטש יענער איז גאָר ניט דערביי. נאָר אז ראָזע וויל, איז עפים א תירוץ? און אז זי זאָל אויפשטעהן, למשל, אין מיטען נאכט און איהם בעטען שפיעלען? אז מע שמועסט "ליובאָוו" — איז דאָך ניט שייך! נעמט ער די פיעדעל, און זי זעצט זיך אוועקאקעגען, שפארט זיך אָן אויף ביידע הענד, לאָזט ניט אראָפ קיין אויג פון איהם. זי אָנקוקען בעת־מעשה, זאָג איך אייך, — א מלאָך! א קארטינע! און פרובט, א שטייגער, בעט זי זינגען, וועט זי אייך קיינמאָל נישט טהון צוליעב. אדרבה, וואָס מעהר איהר וועט זי רעטען, וועט זי אייך אלץ מעהר ניט זינגען. נאָר אז עס קומט איהר אָן — זאָל זי זיך אייך צעזינגען טאקי נור ווי א סאָלאָוויי. איהר מיינט אודאי — אריעס? קאָנצערטען? חלילה! דוקא ציגיינער־ליעדער, דוקא א וואָלאך, אָדער גאָר יודישע ליעדלעך. איהר זאָלט זי הערען זינגען א חסידיש ליעדעלע, וואָלט איהר, זאָג איך אייך, געקומען אהער צו־פוס. איך וויים, אז איהר זענט א ליובי־טעל פון יודישע ליעדלעך, געב איך אייך דאָ איבער איינס, א חסידיש, וואָס זי זינגט עס מיט א פריילינען ניגון. איין עבירה, וואָס איך קאָן ניט קיין נאָטען. מוז איך אייך איבערגעבען נור די ווערטער אליין. אָט דאָס זענען די ווערטער:

פון חאסלאוויטש ביז ליבאוויטש —
אי וואָס הער איך אייך?
פון ליבאוויטש ביז חאסלאוויטש —
אי, איך לאַך פון אייך!
כ׳נעם דאָס פעקעל מיט׳ן שטעקעל —
אי וואָס הער איך אייך?
און דעם טלית תפילים יעקעל —
אי וואָס דארף איך אייך?

פון חאסלאוויט׳ש ביז ליבאוויטש
א. ז. וו.
איך פאָהר צום רבי׳ן קיין ליבאוויטש—
אי וואָס הער איך אייך?
איך פאָהר צום רבי׳ן פון חאסלאוויטש
אי איך לאַך פון אייך?
כ׳האָב א ווייב מיט זיעבען קינדער —
אי וואָס הער איך אייך?
און א ווייב מיט זיבען קינדער —
אי וואָס דארף איך אייך?
פון חאסלאוויטש ביז ליבאוויטש
א. ז. וו.
כ׳האָב א שטיבעל אָהן א דאך —
אי וואָס הער איך אייך?
און א סוכה מיט גרינעם סכך —
אי איך לאַך פון אייך?
און אין פענסטער שמייסט דער רעגען—
אי וואָס הער איך אייך?
און אין קוימען פייפט דער דלות —
אי וואָס דארף איך אייך?
פון חאסלאוויטש ביז ליבאוויטש
א. ז. וו.
אויף׳ן הארצען איז קאלעמוטנע —
אי וואָס הער איך אייך?
כ׳פאָהר צום רבי׳ן, אוי צום רבי׳ן—
אי איך לאַך פון אייך?
פון חאסלאוויטש ביז ליבאוויטש —
אי וואָס הער איך אייך?
פון ליבאוויטש ביז חאסלאוויטש —
אי וואָס דארף איך אייך?

אז איך זאָג אייך, ליעבער פריינד, א כפרה זיעבעצעהן קאָנצערטען מיט אכצעהן סימפאָניעס פאר איהר איין יודיש ליעדעל! אָדער, למשל, זי הערען זאָגען שטיקלעך פון אלע בעריהמטע חזנים פון דער וועלט, פון ניסי בעלזער, פון ירוחם הקטן, פון ראזומנע, פון קווארטין, פון קארמיאָל, פון סיראָטא און פון וועמען ניט? זי קאָן זיך אוועקשטעלען און געבען אליינ אוועק א "ומפני־חטאינו׳לע" אָדער איין "אתה־זוכר" מיט אלע דריידלעך און מיט אלע אָפשניצלעך און מיט

אלע ונאמר׳ס, און אזוי זיס, אז מע קאָן זאָג איך אייך, אויסגעהן אונטער איהרע הענד. א רעכטער ליץ! און צו דעם אלעם זאָלט איהר הערען, ווי דאָס רעדט דייטש, ווי דאָס רעדט פראנצויזיש! און אפשר ווילט איהר איינגעלש, רעדט דאָס אייך איינגעלש. אז מע שמועסט א געראָטענע — איז דאָך ניט שייך! נו געה האָב פיינט אזעלכם! איין חסרון נור — זי איז א ביסעל א שלאק. אוי א שלאק! מע דארף זיך היטען פאַר איהר מיט א וואָרט, מיט א קוק, ווארום טאָמער עפּיס ניט אזוי — איז חיות ניט זיכער. א שוועבעלע!... היטען מיר זיך. מיר געבען איהר נאָך. און אלץ צוליעב איהם, צוליעב׳ן זוהן הייסט עס... דאנקען גאָט, וואָס ער האָט אונז באשערט זיין גלייכען. חאָטש אז מע זאָל וועלען שמורעסען צוריק, וואָלט ער געקאָנט דאָסטיגאיען איך וויים אליין ניט וואָס. מאגנאטען וואָלטען זיך געשעצט גליקליך. מיט גאָלד וואָלט מען מיך אָפּגעשאָטען! נאָר פארפאלען. מסתמא איז דאָס א באשערטע זאך, ווי זאָגט איהר: א זיווג. לאָז גאָט געבען, ס׳זאָל שוין זיין וואָס צו זעהען, וואָס צו הערען. דערווייל איז נאָך גאָרניט. גאָלע גאָרניט. מעהר נישט אז ליובאָוו... איין עבירה, ליבער פריינד, וואָס איהר זיינט ניט דאָ. איך זאָל אייך האָבען דאָ ביי דער זייט, וואָלטען מיר געהאט וואָס צו ריידען. טעג מיט נעכט וואָלטען מיר אוועקגעזעסען און איך וואָלט אייך דערצעהלט און דערצעהלט און דערצעהלט פון׳ם דאָזיגען פאַרעל. ס׳איז א וועלט, זאָג איך אייך, מיט וועלטלאך! איך מוז אייך אבער ענדיגען דעם בריעף, ווארום מע קלינגט שוין אין די טאצען. מע רופט דעם עולם עסען. און עסען עסט זיך אויפ׳ן שיף, דארפט איהר וויסען, זעהר געשמאַק. די פּאָגאָדע איז אויסגעצייכענט. דער ים איז שטיל און רוהיג. און איין אפּעטיטעל איז ביי׳ם עולם, קיין עין־הרע, אזא, אז ביז מע דערלעבט הערען דעם גוטען קלונג, מוז מען פריהער צוויי מאָל עפּיס נעמען אין מויל אריין. איין עבירה, איין עבירה, וואָס איהר זענט דאָ נישט מיט אונז אויפ׳ן שיף! איך זאָג אייך צו, אם־ירצה־השם, פון ניו־יאָרק שרייבען נאָך א גרעסערען בריעף. לאָז גאָט געבען, מע זאָל נור קומען בשלום. דערווייל זייט מיר געזונד און שרייבט. שרייבט מיר אויף מיין ניו־יאָרקער אדרעס, וואָס איך געב אייך אויף, אָפטע און גוטע בריעף.

פון מיר אייער בעסטער פריינד,

מאיר סטעלמאך.

קאַפּיטעל 149.

פון ראָזאַ ספּיוואַק צו מאַרטשעלא זעמבריך

דער ראָמאן, מוטערכען, וואָס איך האָב אייך צוגעזאָגט צו בעשרייבען, הויבט אָן אויסצוזעהען וויא א טראַגי־קאָמעדיע (הלואי עס זאָל זיך ניט אויסלאָזען מיט א טראַגעדיע!). און בעשרייבען וועל איך אייך איהם וויא ווייט מעגליך אין קורצען, ווייל, ערשטענס, וויל איך ביי אייך ניט צונעמען קיין סך צייט, און, צווייטענס, שרייב איך דעם בריעף אויפ׳ן שיף, וואָס טראָגט מיך קיין אמעריקא. איבערמאָרגען זענען מיר שוין אין ניו־יאָרק.

"מיר" — דאָס מיינט, אז איך פאָהר ניט אליין, נאָר אינצווייען, אזוי ווי איך האָב געוואָלט, אזוי וויא איך האָב געשטרעבט דערצו שוין פון לאנג. אין דעם בעשטעהט מיין נצחון, מיין טריאומף. אך! ווי וואָלט איך וועלען אייך אצינד ארומנעמען, צודריקען צום הארצען און אויסקושען אייך, טהייערע, טהייערע מוטערכען! נאָר איהר רעכענט געוויס, אז איך בין פער׳שכור׳ט? יאָ, איך בין פער׳שכור׳ט, מוטערכען,

פער'שכורט, נאָר ניט פון ליעבע, ניין. רופט מיך אָן ציגיינעריין, רופט מיך פאַנטאַזירעריין, רופט מיך אַוואַנטוריסטין, רופט מיך אָן ווי איהר ווילט, נאָר הערט מיך אויס, אפשר וועט איהר מיך פערשטעהן. איהר, נור איהר וועט מיך פערשטעהן. דאָס, וואָס איך געה אייך דערצעהלען אצינד, איז איין עפיזאָד פון מיין לעבען, מיט וועלכען איך האָב אייך נאָך ביז אהער ניט בעקאַנט געמאַכט, ווייל אין דעם עפיזאָד שפיעלט איהר די הויפט־ראָלע. און געטראָפען האָט זיך עס אין יענעם זעלטענעם פריהמאָרגען פון אייער מאַטינע־קאָנצערט, וואָס איך וועל איהם אייביג און אייביג ניט פערגעסען. דאָס איז געווען דער גליקליכסטער פריהמאָרגען פון מיין קאַריערע.

א צעטומעלטע, א צעהיצטע, א פערלוירענע, א פער'כשופ'טע פון אייער זינגען און פון זיין שפיעלען, בין איך דערמאָלט מיט'ן שטראָם פון מענשענקעפ כמעט ארויסגעטראָגען געוואָרען פון זאַל און מיט א גרויסען טייל פון פובליקום געבליעבען שטעהן ביי דער טהיר, אָפּוואַרטען די צוויי העלדען פון יענער שעה, די בעריהמטע מאַרטשעלאַ זעמבריך מיט'ן בעריהמטען גרישאַ סטעלמאַך.

וויפיעל דאָס אָפּוואַרטען האָט גענומען — א מינוט, א שעה, א טאָג, — דאָס געדענק איך ניט, ווייל מיין נשמה איז געווען דערמאָלט אין איין אנדער וועלט, אין א וועלט פון הימעלשען געזאַנג און נישט־ערדישע טענער. פלוצים האָבען זיך געלאָזט הערען הילכיגע אַפּלאָדיסמענטען און דער שטראָם פון מענשענקעפ האָט זיך א וויעג געגעבען. איך האָב אויפגעהויבען די אויגען און דערזעהען צופאָהרען א גלענצענדען, פרעכטיגען אויטאָמאָביל. ווי א בליץ האָט איהר בייזדע דורכגעגלאַנצט פאַר מיינע אויגען, פריהער איהר, דערנאָך ער. אריינגעזעצט זיך מיט נאָך איינעם א דריטען — און ווי א שענער חלום זענט איהר אונטער'ן רוישען פון אַפּלאָדיסמענטען מיט טריאומף פערשוואונדען געוואָרען.

אָבער אין מיין געדעכעניש איז דער מאָמענט געבליבען פעסט. איך האָב נור בעדאַרפט צומאַכען די אויגען אויף איין אויגענבליק, איז שוין אויסגעוואַכסען פאַר מיר דער דאָזיגער זעלטענער חלום, אין וועלכען איהר זענט די קעניגין און ער איז דער פרינץ, און איך און אלע איבעריגע מענשען, וואָס דרעהען זיך ארום אויף דער ערד, זענען אייערע אונטערטעניגע, אייערע קנעכט, און איהר ביידע געוועלטיגט איבער אונז.

דאָס פובליקום האָט זיך שוין לאַנג צעגאַנגען ווי א רויך נאָך'ן אָפּגעלאָפענעם אויטאָמאָביל. געבליעבען זענען נור געציילטע היימישע מענשען, און איך בין נאָך אלץ געשטאַנען א פער'כשופ'טע, א פערחלומ'טע, פול מיט פאַנטאַזיעס, וואָס האָבען מיך אויפגעכאַפט אויף זייערע פליגלען און האָבען מיך אוועקגעזעצט אויף אייער אָרט, מיין פרעכטיגע קעניגין, אינאיינעם מיט'ן דאָזיגען יונגען שענעם פרינץ, און איך, די קליינע, עלענדע, אָרעמע ראָזאַ, האָב דערזעהען פלוצים מיין אייגענעם טריאומף און דערהערט מיין אייגענעם נאָמען אינאיינעם מיט'ן נאָמען גרישאַ סטעלמאַך, און איך בין פערציטערט געוואָרען. עס האָט זיך אויפגעהויבען א שטורם אין מיין קאָפּ און א פייער אין מיין הארצען, און איך האָב מיר געזאָגט: "דער חלום מוז מקוים ווערען!"...

— — — — — —

דער חלום, ווי איהר זעהט, איז מקוים געוואָרען. ער האָט זיך פערווירקליכט אויף'ן בעסטען ארט. נישט נור האָב איך זוכה געווען צו אזא נישט־פער'ריענטען טריאומף, איך האָב דערלעבט נאָך עטוואס מעהרערעס: דער יונגער פרינץ איז אויסגעוואַכסען. פון א "וואונדערקינד" איז ער געוואָרען א גרויסער

קינסטלער, און איצט מיינער, אינגאנצען מיינער.

איצט ווילט איהר וויסען, אויב איך בין גליקליך? אויב איך בין צופריעדען? אך, טהייערע, טהייערע, פרעגט מיך נישט אזעלכע זאכען. איך בין נישט ווערטה די ליעבע, וואס מענשען שענקען מיר אוועק. איך בין נישט ווערטה קיין הונדערט חלק פון דעם, וואס איהר, מוטערכען מארטשעלא, האט מיר אוועקגעגעבען. איך טראג אין זיך א בייז הארץ. איך בעזיץ א שלעכטען גייסט. איך האב קיינעם, קיינעם נישט ליעב! איך טהו נור דאס, וואס עס געפעלט מיר אין דער מינוט, נור דאס, וואס עס דיקטירט מיר מיין קאפריז. פרעמדע צרות זענען ביי מיר א שפאס. יענעמס טראגעדיע איז ביי מיר א שפיעל. א רוח האט זיך פערקליבען צו מיר אין הארצען. א שד, א ניט־גוטער האט זיך בעזעצט ביי מיר, אין דער נשמה. קיין זאך שטעלט מיך ניט צופריעדען. וואס מעהר דאס לעבען גיט מיר, מעהר פאדער איך. וואס מעהר עס גליקט מיר, מעהר ווער איך קאפריזנע. מינוטען, מעהר ניט אז מינוטען, זענען פארהאן אין מיין לעבען. אין אמת'ע הויכע, געהויבענע מינוטען, דאס זענען די מינוטען, ווען מיין פרינץ און מיין כשופ'מאכער געפינט זיך אויף דער עסטראדע. אך, ווי גרויס, ווי הויך, ווי שען ער איז דעמאלט! הימעל־שען. געטליך־שען. נישטא צו איהם קיין גלייכען, סיידען... אך! פאר וואס איז ער נישט יענער, דער וואס איהר וויסט?!...

. . . .

זאגט מיר, מוטערכען, וואס זאל איך טהון, איך זאל זיין צופריעדען? לערענט מיך אויס, וואו זאל איך זוכען מיין גליק? און צי וועל איך געפינען מיין גליק אין דער נייער וועלט, וואוהין איך פאהר אצינד? און צי ס'איז בכלל דא גליק אויף דער וועלט? און צי בין איך ניט גערעכט, אז איך זאג אייך אויף מיר אליין, אז איך בין א בייזעס וועזען, א פערדארבענע נשמה? איך ווייס, אז איך האב ניט פערדיענט, אז מענשען זאלען מיך אזוי ליעב האבען, ווי מע האט מיך ליעב, אזוי פערגעטערען, ווי מען פערגעטערט מיך. איך ווייס דאס אלץ — און דאך בין איך פער'שכור'ט פון מיין נצחון און איך געה מיין וועג. און איך טהו נור דאס, וואס עס דיקטירט מיר מיין קאפריז, מיין, יענעמס ליעבע האט ביי מיר קיין ווערטה. יענעמס טראגעדיע איז ביי מיר א שפאס. איך בין געוועזען, איך בין און איך וועל בלייבען

אייער פערדארבענע, צעלאזענע,
קאפריזנע
ציגיינערין
ראזא.

נ. ב. פון דעם נייעם לאנד, פון אמעריקא, ערווארטעט מעהר אויספיהרליכע בריעף פון מיר ראזא

קאפיטעל 150.

פון שלום־מאיר מוראוויטשיק צו זיין פריינד אלבערט שטשופאק

ליבער פריינד אלבערט עך שרייב דיר א בריעף און קום דיר צו מעלדען אז עך בין אין לאנדאן בארהאשעם שוין דאס צווייטע מאל און דו ביזט אין אדעס שרייב עך דיר קיין אדעס א בריעף אז דו זאלסט וויסען אלבערט אז ס'איז ניט גוט שלים שלים מאזעל ווי זאגט ער מיר דער פוטער ארופ עס געהט ניט חאטש צעריים זעך עך האב חארעטע ווי הינט עסען מעך אלעמאיי עך בין ניט געפאהרען ז'עמאלט מיט דיר צוריק אהיים איצט איז שוין פערפאלען שולדיג געווען דעם ריך א גאנג און באשערט געווען צארעס בין עך געבליעבען שטעקען פריהער אין ווין דערנאך אין פאריז א״צ־

טערט אין לאָנדאָן אלץ צו ליב אונזער יעפּייפּיע געמיינט עך וועל חאפּען דעם טאָטער צום סאָף האָב עך געהאפּט א פּערקיהלעכץ און א פּייג אונטער דער נאָז אז יענע זינט זי איז געקומען פון איטאליע איז זי געוואָרען אזוי גרויס גאָרנע פּריסטופּי א ווערמע׳ע ראָזע ספּיוואק דו מיינכט עפּשער אונזערע אידעלאךפּע קריסטע׳י סראָרעס עך זאָל אזוי האָבען גליק און אצלאָכע עך האָב שיר די אפּאָפּלעקצע בעקומען אז עך האָב זי דערהערט זינגען און זינגען זינגט זי אלבערט אז ניט דו ניט דיין באבע און ניט דיין באבעס באבע האָבען אזעלכס ניט געהאָרכט אין כאָלעם אפילע היינט דעם קאָוועד וואָס זי האָט היינט די באריליאנטען וואָס זי טראָגט היינט איהר ארויספאָהרען זאָלסט זעהען וואָלסט דו זעך דריי מאָל באגראָבען ווער איז דיר שולדיג אז דו ביזט זעך בעגאנגען מיט איהר ווי א אידעאָט און איבער דיר בין עך געבליבען ווי אויף׳ן וואסער שיר געפּייגערט פון הונגער א גליק וואָס אין פּאריז איז דאָ א אידעש טיאטער וואקסמאַן איז דער דרעקטאָר א ביטערער יונג און א טרופּע האָט ער אויף איהם אזא מאזעל קוים צעניפּגעשלאָגען א ביסעל קליין געלט און האָלאך מיישע מאָרדחי נאָך א מאָל קיין לאָנדאָן לאָזט זעך אוים אויף מאָרגען מיט איין איי זי איז שוין גאָר אין אנטווערפּען און אין ברוסעל מוז מען פאָהרען קיין אנטווערפּען און קיין ברוסעל און קיין פּאָדעם איז ניטאָ וואָס טהוט מען גיה עך און פּערזעץ מיין רענצעל אין לאָנדאָן ביי איינעם א כאיע מיט׳ן נאָמען קלאמער ער האלט א קאפּע איצט קום עך נאָך׳ן רענצעל לאָזט זיך אוים אז דער קלאמער איז נישטאָ דער ריך האָט איהם שוין אוועקגעטראָגען קיין אמעריקא און זי ראָזע הייסט עס איז נאָך פריער אוועק קיין אמעריקא ווייסט דוא מיט ווען טאקי מיט אונזער סטעלמאכס באָבערעל גרישא סטעל־ מאָך זי זינקט און ער שפּיעלט און געלט נעמען זיי זאָגט מען אזוי פיעל אז מיר ביידע מעגען זעך עס ווינשען פערדיענען אין דריי כעדאָשים וואָס זיי פאלט ארויין אין איין נאכט אין פאר מיר איז דאָס א גרויסער עזעק וואָרום אין רענצעל געפינען זעך ביי מיר פאפּירען טאקי איהרע פאפּירען זעהער נייטיגע געלייע׳ט האָב עך זיי ניט נאָר עך פערשטיי אז עס דארף זיין זעהער נייטיגע פאפּירען וואָרום זי שרייבט מיר אין א בריעף ראָזע הייסט עס עך זאָל איהר צושטעלען די פאפּירען אין געלט איז קיין מעניע ניט דארף זעך טרעפען אויף מיין מאזעל אז איהר בריף וואלגערט זעך אָפּעט פריער דריי כעדאָשים ביי וואקסמאנען קומען זאָל אויף איהם א גוטע כאָליערע עך האָב איהם געוואָלט צעפּאטשען די פּיסקעס האָב עך מיירע געהאט טאמער וועט ער מיר ניט בעצאָהלען וואָס מיר קומט נו וואָס זאָגסטע אויף מיין אצלאָכע דארף עך קומען אקוראט ווען זיי אלע האָבען זיך צעגאנגען אזוי ווי זאלץ אין וואסער איצט פרעגט זעך א קאשע וואָס טהוט מען און וואָהין זאָל עך מעך קערען און ווענדען אז ניט צו דיר מיין ליעבער אלבערט זאָלסט מעך דערהאלטען ביי מיין קאָוועד און ארוים שיקען מיר לעמאן אשעם באלד א הינדערטער טאקי אהער קיין לאָנדאָן דאָ האָסטע מיין אדרעס ביחדיי עך זאָל האָבען מיט וואָס צו דערשלעפּען זעך ביז אמעריקא דאָרט האָב עך שוין קיין דאגע ניט לאָם עך מעך נור דערקוויבערען צו אָט דעם שמינדער בגעץ און אָפּנעמען מיין רענצעל מיט די פאפּירען דו ווייסט אז עך האָב ביי דיר קאָשער פארדינט מער ווי איין הונדערטער געדענק זשע אלבערט זאָלסט ניט זיין דאָס וואָס סע קוויטשעט און מיר זעהען ארוים שיקען לעמאן אשעם וואָס פריער די עטליכע גראָשע׳ס עך האָב דיר ביז אהער ניט דאקוטשעט וויל כאָב ניט בעדארפט איצט שטיי עך אין

א נייט און האלט ביי אָפּפאָהרען קיין
אמעריקא מיין שוועסטער איז שוין לאנג
דאָרטען עך האָב פון איהר א בריעף
שרייבט זי מיר אז אלע זענען היינט אין
אמעריקא אפילע ברייגדעלע קאָזעק איז
אויך דאָרטען און קאָנסט מיר זיכער
גלויבען אז עך וועל דיר דיין געלט
מירטשעם אָפּשיקען און נאָך מיט גרוים
דאנק גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און
אצלאָכע עך דארף חאָלילע דיינס נישט
האָבען און אז דו וועסט מיר שרייבען א
בריעף זאָלסטע מיר שוין ארויסשרייבען
אלדינג פּאָדראָבנע ווי אזוי עס גייט דיר
דאָרט אין פּארנאָסע און צי האָסטע
עפּים א רעכטע טרופּע און וואָס פּארא
שטיק שפּילט מען ביי אייך אין אדעס
און ווי אזוי איז ביי אייך היינט מיט
ראזרעשעניעס און וואָס מאכען עפּים אונ־
זערע איבעריקע כעווערלייט האָצמאכן
געדענקסטע איז א סוואָרע אז ער איז דאָ
אין לאָנדאָן מיט אנאייגענער טרופּע
וואָס זאָגסטע אויף זיין טאטען ער ליגט
זאָגט מען קראַנק עך האָב פיינט אָט דעם
אידען אזוי ווי כאזער נאָר כאפּט איהם
דער וואטענמאכער מע דארף איהם מע־
וואקערכיילע זיין און זיי געזונט מיט
אכטונגספּאָל שאָלעם מייער מוראווטשיק.

קאפּיטעל 151.

פון אלבערט שטשופּאַק צו שלום-מאיר מוראווטשיק.

אָכגעשעצטער פריינד שאָלעם מייער
וואָס סהאָט זעך מיר געכאָלעמט יענע
נאכט און די נאכט ביזט מעשיגע צי
כאָסערדייע וואָס אייסט עך וועל לייגען
דאָס לעבעדיקע אויף׳ן טויטען דיר שי־
קען אינדערטערס עך אָב דעך קוים דער־
לעפּט צי דו ביזט ביי מיר א בעניאָכעט
צי עס וואקסט ביי מיר אויף׳ן גאָרטען
עך זאָל דעך אזוי אָבען פּאר א טאטען
ווי עך אָב אינדערטערס וואָרום ווער נור
עס אָט גאָט אין ארצען דער שלעפּט ביי
מיר געלט מע רייסט מע בייסט מע צי־
פּעט מע סיפּעט פון אלע זייטען מע צע־
טראָקט מיר די ביינער נאָך ניט פּאָטער
געוואָרען פון די פריעריקע שלעק אלע
מאָל א נייע צאָרע נאָר אויף קיינעם
ברענט מיך ניט אזוי ווי אויף דיין כא־
זע׳ים מיידעל וואָס דו אָסט מעך אריינגע־
שלעפּט אין א בלאָטע ווארום אביץ דעם
וואָס זי האָט מעך בעדילאדאל געשטעלט
מעך אָפּגעקאָסט אזא פּערמעגען אָט זי
מעך נאָך באליידיגט דעמעלט פּאר מיין
פריינד סטעלמאָך אין די אויגען מעך
אָנגערופען בעלפער זי זאָל מיר געוועזן
זאָגען גאנעף און גאזלען באנדיט און
רעצייאך און וואָס אין דער קאָרט וואָלט
מעך אזוי ניט געארט ווי בעלפער עך
וועל דאָס איהר קיין מאָל ניט פערגעסען
אפילע דעמעלט ווען עך וועל ליגען מיט
די פיס צו דער טיר און וואָס דו ווילסט
פּאָהרען צו איהר קיין אמעריקא איז מיר
דער פּלאן געפעלען און עך קען דיר גע־
בען צושטייער אויף עצאָוועס נאָר ניט
קיין גאנצען אינדערטער ווארום עך אָב
ניט נאָר מיט א טניי עך שיק דיר איהרע
קוויטלעך וואָס זענען ביי מיר פּארבלי־
בען עפּשער וועסטע קענען אויסטרויבע־
רען ביי איהר וואָס מיר קומט וואָרום
אויבער זי פּארדינט יאָ אזויפיעל געלט
ווי דו זאָקסט פּאר וואָס זשע זאָל זי מיר
ניט אומקערען דעם ׳זעק וואָס עך אָב
געאט דורך איהר פּליצליכען אוועקגיין
פון מיר אנעק עך בין איהר שוין מייכעל
דאָס פּראָצענט און בין איהר שוין
מייכעל דאָס וואָס זי אָט מיר געזאָקט
בעלפער אויך עך בין ניט אזא מענטש
כאסשאָלעם וואָס עך זאָל טראָגען סינע
אין ארצען און דיר לאָז גאָט עלפען
זאָלסט דאָרט מאצליאך זיין דו ווייסט
דאָך אז עך בין דיר חאסשאָלעם ניט קיין
׳סינע דאָרט איז א לאנד זאָקט מען פון
גאָלד זע נור זאָלסט אריינשרייבען אמאָל
א בריוועל ניט ווי ביז אהער געשוויגען
ווי א יורקע און פּלוצים טיץ טאָבי דורין

וואיובע אָמאָן מאכט ראשע טשאָרט
יעוואָ פרינציאָס לעמאיי אָסטע ניט גע־
שריבען פריער מאמזער געווארט ביז'ן
סאָף עס קאָן זיין אז פריער א ביסעל
וואָלט עך דיר אפשר געקאָנט ארויס
שיקען א גאנצען! אינדערטער איצט קען
עך ניט גאָט איז מיין אייזעס מער ווי
א פיפציקער קען עך דיר ניט שיקען
וואָרום די קאָנקערענץ איז גרויס און די
עצאָוועס זענען נאָך גרעסער און אלע
מאָל זוכט זעך אָפּ אנאנדער צאָרע מיט
אנאנדער שווארץ יאָהר און אז גאָט וועט
דיר עלפען וועסטע מיר מינאסטאמע אָפּ
געבען סיז ביי מיר נישט קיין גרינגע
קערבלעך גאָט וויים דעם עמעס ווי מע
האָריוועט ביז מע פארדינט א פיפציקער
און אז דו וועסט זעך זעהען מיט דער
דאָסיקער זאָלסטע איהר דערמאָנען די
ייכלאָך מיט די קאָנפעקטען מיט די
טשאָקאָלאדען מיט די באזונדערע קופעס
אין וואגאָן צווייטע קלאס און מיט די
קליידלעך אלע מאָל נייע זי האָט דאָך
מעך ביז'ן עמד אויסגעטין א גליק וואָס
עך אָב מעך דערשלאָגען אהער קיין האָ־
דעס דאָ איז מיין אלטע איים עך אָב דאָ
אמאָל געמאכט גוטע געשעפטען דאָס
אייסט עך קען מעך ניט באקלאָגען איינט
אויך ווען ניט די קאָנקערענץ דריי טיאַ־
טערע אין איין שטאָדט נאָר מיין טיאַ־
טער איז דאָס בעסטע וואָרום עך אָב
מיר מיין כיידער מיט מיינע קלאָפערס
אלע אויף זשגלאָוואניע איין כעסאָרען
נור וואָס מיר זענען דאָ דריי טרופעס
און די צייט איז שלעכט ביזן העק און די
כאָליערע איז שטארק און די טזשומא
איז א פארבייסעכץ און א נאטשאלניק
אָבען מיר דאָ א אָמען ערגער פון דער
כאָליערע מיט דער טזשומא אינאיינעם
פון דעסטוועגען מאך עך דאָ דיא בעסטע
סבאָרען דאָס פינטעלע באָרכאשעם
געהט נישט א ראָפּ פון דער בינע און
חינקע פינקע איז א סביירע און וועל־
וועל עסט קאמפּאָט איז א מייכעל און
ראזורעשעניעס וויפיעל עך וויל און אָב
דאנק גאָט א שיינעם נאָמען אין האדעס
פארעכענט פאר א באלעבאָס אויסגע־
קויפט צוריק דאָס ביסעל בארעליאנטען
און אב איין אייגענע סיפּערטיירע סאָל
א ריך אין דער וועלטס טאטען אריין און
וואָלט שוין געקאָנט אָבען איין אייגען
אייזעל אויך ווען ניט די שלעק וואָס
איך אָב אלע מאָל אז קיין מאָל איז מען
ניט זיכער מיט'ן לעבען און סאָנעס זענען
דאָ א סאך קומט מען צו מיין ווייב צו
דער איצטיגער און מע דערציילט איהר
א חימינע קורע אז עך אָב אין אויס־
לאנד א ליובאָווניצע א כאזענס א מיי־
דעל וואָס קאָסט מעך אָפּ א פערמעגען
און גיי פערענטפער זעך א כאָלעריע אויף
זיי נאדיר א ליובאָווניצע טאָמער איז
קארג מער ניטאָ קיין נייס דיר צו שריי־
בען זיי געזונט און שרייב מיר באלד
פון די פיפציק ראָך וואָס עך שיק דיר
און ענטפער מיר ווי ארימער קומען צו
דיר די פאפירען זי אָט זיי טאקי פער־
לוירען ראָזע צי דו אָסט זיי געפונען ביי
איהר אין טישקעסטעל אונטערען שלאָס
וואָרום דו ביזט דאָך געוועזן ביי איהר
א גאנצער מונדערפעצער א מין סעקריי־
טאָר דו מיינסט עך געדיינק ניט ווי דו
פלעגסט זעך מיט איהר שושקען אונטער
מיינע פלייצעס פון דעסטוועגען זאָלסט
איהר לאָזען גריסען און ברײנדעלע קאָ־
זעק פארחאפט זאָל זי ווערען געב אויך
איבער א גערים און טאָמער וועסטע
זעהן אָצמאכען זאָג איהם סאָל א ריח אין
זיין טאטען מיט אָכאכטינג דירעקטאָר
אלבערט שטשופאק.

קאפיטעל 152.

פון לאה דיא חזו'טע צו איהר טאָכטער ראָזא ספיוואַק

לבתי היקרה החשובה החכמה מרת
רייזעל שתחי'.

ערשטענס קום איך דיר צו מעלדען,

אז איך בין ברוך־השם געזונד, געב גאָט דאָס נעמליכע אין גוטען מיט פיעל נחת און פריידען פון דיר צו הערען, אָמן.

והשנית זיי וויסען, מיין ליעבע טהייערע טאָכטער, אַז איך האָב דיך ניט געוואָלט מצער זיין מיט דער שלעכטער בשורה פון'ם אומגליק, וואָס מיך האָט געטראָפען, ווי א קויל פון א ביקס, אָדער ווי א דונער פון'ם הימעל, גאָט איז מיין עדות, אז איך וואָלט דיר איצט אויך ניט געשריעבען, ווארום כל־זמן דו ביסט אין דעם ברויט, דארף מען דיר ניט שטעהרען. איך ווייס אליין גאנץ גוט, אז ווי ביטער און פינסטער מיר איז, וואָס איך בין געבליבען איין עלענדע אלמנה ביי די יאָהרען, וועט דיר זיין נאָך טויזענד מאָל ערגער, אז דו וועסט געוואָהרע ווערען, אז דו ביזט נעבאך געבליבען א יתומה, פערלוירען אזא מאטען, וואָס דו האָסט איהם אזוי ליעב געהאט, און ער דיך, וואָס ביז דער לעצטער מינוט האָט ער ניט ארויסגעלאָזט דעם נאָמען דיינעם פון'ם מויל, רייזעלע און רייזעלע, וואס זאָל מען טהון, גאָט האָט ניט געהייסען, ס'איז איהם אזוי אָנגעצייכענט געוועזן.

פון יענעם טאָג אָן, וואָס דו האָסט אונז פערלאָזען, האָט ער זיך אזוי גענומען צום הארצען, אז די גאנצע וועלט איז אויף איהם געפאלען, עס איז פאר איהם געוועזן אלץ איינס, יאָ עסען ניט עסען, יאָ שלאָפען ניט שלאָפען, וויפיעל מע האָט איהם ניט אויסגערעדט דאָס הארץ, עס מאכט זיך א קינד חלילה שטארבט אוועק, די שעה זאָל גאָר ניט זיין, איז דאָך טויזענד מאָל ערגער, ווארום א קינד אז עס פאָהרט אָפּ קאָן נאָך גאָט העלפען ס'זאָל אמאָל צוריק קומען, און אז א קינד שטארבט חס־ושלום אוועק וועט דאָס שוין צוריק ניט קומען קיין מאָל, וואָרום וואָס די ערד דעקט צו איז פערפאלען, און למאי אָט נעהם אונזער נגיד בעני ראפאלאָוויטש וויל אפילו ניט מע זאָל רעדען פון זיין ליכטיגען זוהן, דער שענער נאָמען לייבעל טאָר גאָר ניט דערמאנט ווערען אין שטוב, א ברכה אויף זיין קאָפּ, וואָרום מיט וואָס האָט די מאמע זיינע בעסער געמאכט, אז אָך און וועה צו איהר, אז זי האָט אזוי לאנג געוויינט און געקלאָגט אויף זיין קאָפּ ביז זי איז לאָז זי מיר מוחל זיין אויסגעגאנגען ווי א ליכט, אָט אזוי פלעג איך אלץ טענה'ן איבער איהם, איז דאָס אבער געוועזן ארויסגעוואָרפען, וואָרום אלע מיינע ווערטער און נחמות האָט דער טאטע דיינער ס'זאָל איהם אקעגען נישט קומען נישט געוואָלט הערען ניט זעהען, ער עליו השלום האָט אלץ געטענה'ט און געבראכט א משל פון דעם אָרעמאן מיט'ן שעפעלע, וואָס סע שטעהט געשריעבען אין די הייליגע ספרים, דער נגיד ראפאלאָוויטש האָט ער געזאָגט פערמאָגט א סך שאָף און רינדער, קאָן ער זיך פערגינען איין קינד אויסמעקען, אָבער ניט דער אָרעמאן וואָס פערמאָגט מעהר ניט אז איין שעפעלע איין אויג אין קאָפּ, קומט מען און מע נעמט צו ביי איהם זיין איינציגען טרייסט דאָס שווארצאפּעל פון'ם אויג, ווי קאָן ער דאָס אריבערטראָגען, אזוי האָט ער געטענה'ט און איז אפשר געוועזן גערעכט, וואָרום איך וועל ניט פערגעסען די נעכט ווייל איך וועל לעבען, ווי ער עליו השלום פלעגט אויפשטעהען זיך פערקלויבען אונטער'ן פאָרהאנג און קושען און קושען איך זאָל ניט זעהען דאָס בעטגעוואנט וואָס דו ביזט אויף דעם געלעגען און וויינען שטילערהייד שלינגען די טרערען, און אז איך האָב איהם געזאָגט, ישראָלי דו זינדיגסט פאר גאָט א מענש טאָר זיך אזוי ניט פייניגען זאָג איך, אָט וועסט דו זעהען זאָג איך, עס וועט אם־ירצה שם אָנקומען פון איהר א גוטע בשורה, פלעגט ער עליו השלום מאכען א פרייליך פנים כלומרשט און וועלען מיר איינרעדען אז ער הויבט שוין אָן כמעט פערגעסען פון'ם וועהטיג, איך האָב דען ניט

געזעהען אז דער מענטש עקט זיך ווערד
איינגעטריקענט פון טאָג צו טאָג, נאָר
איך מאַך דיך חלילה ניט שולדיג טאָכ־
טער מיינע טהייערע, איך ווייס אז דיין
הארץ האָט דיך געצויגען צו איהם נישט
ווייניגער ווי ער צו דיר, א סימן האָב
איך דיינע ערשטע בריעף וואָס זענען
געווען פאר איהם בעסער פון אלע רפואות
און אלע קרייטעכצער וואָס דער דאָקטאָר
האָט איהם פערשריבען ער זאָל טרינ־
קען, און נאָכדעם אז מיר האָבען דער־
לעבט דיך זעהען מיט די אויגען דו ביסט
געקומען צו אונז צו גאַסט איז דאָך איהם
נישט געווען צו דערקענען ממש פון
טוידט לעבעדיג א נייער מענטש געוואָ־
רען, איך האָב שוין געמיינט אז דאָס
איז אויסגעגאַנגען די זונן מלאָכים שפּי־
לען זיך מיט מיר אנ׳עק צו מיינע צרות,
צום סוף האָט דאָס מיך אָפּגענארט ווערה
איז מיר, עס האָט איהם אפּנים געקאָיעט
און געוואָיעוועט א נוועניג געגעסען איהם
און געטאָטשעט משטיינס געזאָגט אזוי
אז ס׳איז געקומען צום לעבען האָבען ניט
געסטייעט קיין יאָהרען, א שטיקעל גליק
וואָס ער האָט זיך א ביסעל אָנגעטיעשעט
חאָטש פאר׳ן טוידט געהאט פון דיר איזוי
פיעל כבוד־אָב וואָס קיינער האָט זיך
גאָר ניט גערעכט אפילו, איצטערט אָ
דארפט איהר שוין רבי ישראָלי לעבען
און לעבען, האָבען איהם געזאָגט אלע
בעלי־בתים אין שטאדט און מקנא געווען
אויף דער שטוב וואָס דו האָסט אונז
געקויפט מיט דעם בעל־הבתישקייט וואָס
דו האָסט אונז איינגעריכטעט חאָטש
אפילו ס׳איז פאר אונז געווען א צו גרוי־
סע יארמעלקע, און איצט אויך אז איך
בעטראַכט זיך וואָס וועל איך טהון א
שטייגער איין מענטש אליין א־בער אזוי
פיעל חדרים איך וועל דאָך שונאי־ציון
אראָפּ פון זינען ווי די אלטע ראפאלאָ־
לאָוויטשקע דעם נגיד׳ס מוטער וואָס
זיצט נאָך עד היום ביי מיר אין הויף,
משטיינס געזאָגט איידער דערלעבען

איהר עלטער איז שוין גלייכער ווי דער
טאַטע דיינער עליו השלום האָט גע־
טהאָן, אקוראט צוויי און צוואַנציג טאָג
אין אָב איז ער געשטאָרבען און היינט
איז איין און צוואַנציג טאָג אין אלול
שוין איבערגעגאַנגען שלשים וועסט דו
ניט דארפען אָפּזיצען מעהר אז איין
שעה, ווארום אז דו ביזט שוין אין דעם
ברויט קאָנסט דו דאָך ניט אנדערש
האָסט געגוג יוצא געווען דערמיט וואָס
דו האָסט געטהאָן און מיט דיין קומען
אהיים האָסט דו איהם עליו השלום פער־
לענגערט די יאָהרען און טעג חאָטש אויף
א ביסעל, און זיי ווייסען טאָכטער מיינע
טהייערע אז צוויי שעה פאר׳ן טויט האָט
דיך דער טאַטע דערמאָנט צו גוטען א
גוטער מליץ זאָל ער זיין פאר דיר און
פאר מיר און פאר כל ישראל, אז ער
עליו השלום האָט ניט זוכה געווען ביי
גאָט אפילו איבערצולאָזען א קדיש האָב
איך בעשטעלט חיים־שעיה דעם שמש
אָט דער וואָס דו האָסט איהם געשענקט
אויף א בהמה בעת דו ביזט געווען צו
גאַסט, דאָס שרייבט מיר זיין זוהנדעל
נחום טאקי דעם דאָזיגען בריעף איך זאָג
איהם און ער שרייבט, באשערט אז זיין
טאַטע זאָל זאָגען קדיש נאָך דיין טאַטען
אלע טאָג אין דערפריה און אויפדער־
נאַכט, און א לויה האָט ער געהאט ווייס
איך ניט אויב דער גרעסטער נגיד ביי
אונז האָט א מאָל געזעהען אזא לויה,
און אנ׳אָרט האָט מען איהם אָפּגעגעבען
אויפ׳ן בית־עלמין זעהר א בכבוד׳ען דער
דרייצעהנטער פון׳ם אלטען רב פון איין
זייט ליגט ברוך בער דער שוחט פון דער
אנדערער זייט רב שליאָמע כון טעלע־
נעשט און ווייטער געהען דאָרט נגידים
און בעלי־בתים, נישקשה ער האָט דאָס
נעבאַך כשר פערדיענט, גאָט זאָל מיר
העלפען איך זאָל דערלעבען צום יאָהר־
צייט וועל איך איהם אם־ירצה־שם צאָ־
מען אזוי ווי ער איז ווערטה, און איך
בעט דיך מיין טהייער קינד זאָלסט מיר

ראזרעשען פערדינגען חאטש א האלבע דירה, ווארום אז איך בעטראכט זיך וואס וועל איך טהון למשל איין מענטש אליין מיט אזוי פיעל חדרים, און זאלסט מיר שרייבען אפטע בריעף און גוטע ווי ביז אהער, ווארום דיין ליעבען בריעף וואס דו געזעגענסט זיך דארט אפ מיט אונז פאר דיין אוועקפאהרען קיין אמעריקע און וואס דו שרייבסט דארטען דעם טאטען ער זאל למען השם היטען זיין געזונד ביז דיין צוריקקומען נאך א מאל קיין האלענעשטי איז איהם עליו השלום ניט באשערט געווען צו לייענען, ווארום עם זענען איהם דעמאלט שוין געלעגען שערבעלעך אויף די אויגען, מע האט מיר דיין בריעף איבערגעלייענט שוין נאכדעם אין שבעה און דאס געלד האט מען מיר אפגעבראכט אין שטוב אריין, דארפסט מיר שוין מעהר טאכטער לעבען קיין געלד ניט שיקען עס וועט שוין זיין גענוג אויף'ן גאנצען ווינטער ביז פסח, ווארום אז איך בעטראכט זיך וואס דארף איך משטיינס געזאגט איין מענטש אליין איין אלמנה, איך בעט מעהר ניט ביי גאט איך זאל נור דערלעבען דיך זעהן חאטש נאך איין מאל אז דו וועסט קומען אם־ירצה־שם צוריק געזונדערהייד און וויטער דארף איך גארנישט, און איך בעט מעהר נישט ביי גאט נור דערלעבען דיך זעהען אונטער דער חופה, און זיי מיר געזונד און שטארק און זאלסט ניט וויינען קיין סך אויף דיין טאטען כל־זמן דו ביזט אין דעם ברויט און זאלסט אפהיטען דיין געזונד, און הלואי זאל דיר דער אויבערשטער צושיקען דיין גוטען זיווג אין גיכען און איך זאל עס דערלעבען דו זאלסט דערפרייען אין גיכע צייטען דאס הארץ פון דיין מאמע ווי איך בעט גאט פאר דיר ביי טאג און ביי נאכט.

פון מיר דיין געטרייהע מאמע וואס קושט דיך טויזענד מאל

לאה ספיוואק

קאפיטעל 153.

פון מאיר סטעלמאך צו זיין גוטען פריינד

מיין ליעבער טהייערער פריינד !

איך האב אייער ליעבען פריינדליכען בריעף ערהאלטען. איהר פרעגט זיך נאך אויף אמעריקא, וואס פאר א לאנד דאס איז, און איך האב מיך סאי וסאי געקלויבען זיך אוועקזעצען און בעשרייבען אייך קאלומבוסעס מדינה מיט אלע פישטשעווקעס. נאר איהר ווילט דאך קודם וויסען, אזוי שרייבט איהר אליין, וואס איך מאך און וואס מאכט מיין גרישא און וואס מיר אלע מאכען ? וואס זאל איך אייך שרייבען, ליעבער פריינד, אחוץ אונזער שאדען אויף אלע יודישע קינדער געזאגט געווארען. דער כבוד, וואס די צוויי, גרישא און ראזע, האבען דא, לאזט זיך דען בעשרייבען ? די גאנצע מדינה פון איין עק ביז'ן אנדערען, אלע בלעטער — די גרעסטע, די גויישע — זענען פול מיט זיי. איהר עפענט אויף א פייפער, איז באלד גרישא סטעלמאך און ראזאליא ספיוואק, ראזאליא ספיוואק און גרישא סטעלמאך! זיי הארכען דארף מען האבען א זכיה. ווער סע פערשרייבט זיך ניט מיט אכט טאג פריהער, דער קושט א בער. איך וועל אייך זאגען דעם אמת — איך וויים ניט, ווער פון די ביידע האט דא מעהר אויסגענומען ? מע צעררייסט אונז אויף שטיקער. מיר האבען פריגלאשעניעס פון וואשינגטאן און פון פילאדעלפיא און פון שיקאגא און פון קאנאדא און פון עק וועלט. מע רעדט שוין גארניט פון קיין געלד. איין עק. נעמט וויפיעל איהר ווילט, טהוט אונז אויס ביז'ן העמד, אבי קומט ! איין חסרון נור, וואס די סמעטענע נעמט אראפ דער מענעדזשער, אט דער אמעריקאנער פויגעל, ימח שמו. נאר איך פערגין איהם מיט'ן

נאַנצען האַרצען, וואָרום ער האָט זיך נעבאַך גוט אויסגעבייטעלט ביז ער האָט אונז אַראָפגעבראַכט, קיין עין־הרע אזא חאַליאַסטרע. נאָר גאָרנישט. דעם טאַטענס ירושה, ווי זאָגט איהר, וועט ער ניט דערלעגען. איהר האָט איהם שוין פערזאָרגט מיט פרנסה. איין שטיקעל איבערשלאָג האָבען מיר דאָ געהאַט : יום־טובים צייט. איהר מיינט אודאי, צוליעב פרומקייט ? זאָלט איהר זיך פאַר אמעריקאַ ניט זאָרגען. אמעריקאַ איז, ברוך־השם, א פריי לאַנד, נאָך פרייער ווי לאָנדאָן. יעדער טהוט זיך דאָ, וואָס ער וויל. קומט ימים־נוראים, לויפט איינער אין שול אריין דאַווענען, און דער אנדערער געהט ארבייטען אין שאָפ. יום־כפור, למשל, צו כל־נדרי, בעת איינעם ווילט זיך וויינען אויף די יעלות, פערגלוסט זיך דעם צווייטען דוקא געהן אויף א באַל, “יום־כפור־באַל” הייסט עס דאָ. מע קלויבט זיך צענויף פיינע יונגען, איינס און איינס, און מע רופט ארויס דעם בית־דין־של־מעלה אויף א וכוח און ביי א גלאָז ביער מיט א גויישען קאַלבאַס רעכענט מען זיך אָפ מיט'ן אלטען יודישען גאָט פאַר זיינע פאַראַדקעס, פאַר זיינע גזירות און פאַר זיינע פאָגראָמען און מע גיט איהם אוועק א פאָרציע, ער זאָל האָבען צו געדענקען ביז איבער א יאָהר כל־נדרי !... אז מע שמועסט א פרייע מדינה — איז דאָך ניט שייך !

הכלל, דער איבערשלאָג, וואָס מיר האָבען דאָ געהאַט היינטיגען יום־טוב, איז געווען גאָר איבער איין אנדער זאַך. אונזער ראָזע זאָל לעבען איז געבליבען א יתומה נעבאַך. געשטאָרבען דער טאַטע. א חזן געווען אין א קליין שטעדטעל. מילא, געשטאָרבען — ברוך דיין־אמת. עס טרעפט זיך. ניט דאָ געדאַכט, עס שטאַרבט א טאַטע. זאָלט איהר אָבער געווען זעהען, וואָס דאָס מיידעל האָט צעארבייט! קודם האָט זי זיך אָפגעזאָגט פון זינגען עטליכע נעכט דורכאיינאַנד ! ווייסט איהר, למשל, וויפיעל דער היזק טרעפט אָן ? נישקשה, איהר מעגט זיך עס ווינשען פערדיענען, איך בין אייך א גוטער פריינד. וואָרום על־פי קאָנטראַקט דאַרפען מיר צאָהלען דאָפעלט פאַר יעדען ארויסטריט, וואָס מיר פערפעהלען. וואָס מע האָט איבער איהר ניט צוגערעדט. איך און מיין זוהן און דער אמעריקאַנער פויגעל. זי וויל ניט הערען, ניט זעהען. זי האָט זיך נאָך גוט אויסגעבייזערט אויף. אז מע וועט איהר זאָגען, זאָגט זי, נאָך א מאָל, וועט זי גאָר, זאָגט זי ברעכען דעם קאָנטראַקט — און רופט מיך קנאַקניסעל ! קוים אין עטליכע טאָג ארום האָט מען ביי איהר גע־פועל'ט, זי זאָל אויפטרעטען. אניט, וואָלט אונז אויסגעקומען נור אנטלויפען פון אמעריקאַ. דערפאַר האָט זי אָבער ביי איהר לעצטען אויפטריט געזונגען אזוי, אז די ווענד האָבען געוויינט און די ערד האָט זיך געשפאָלטען. איך אליין, אלטער נאַרר, האָב געווישט די אויגען, און מיין גרישאַ — פון איהם שמועסט מען ניט ! האָט איהר אייך איינמאָל א מעשה. והשנית, איז זי זיך מיישב און זעצט זיך אוועק שבעה. אָבער ווי אזוי מיינט איהר שבעה ? פשוט, אַראָפגעוואָרפען די שיך און אוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד. “אין גאָטעס ווילען, זאָג איך, ראָזע לעבען, וואָס טהוסט דו ? מיר זענען, זאָג איך, צווישען גויים, צווישען כריסטען, אריסטאָקראַטען, סאַמע מאַגנאַטען, מילליאַרדערען !”. . . ווער־וואָס ? הערט די וואַנד ? און קיין סך רעדען טאָר מען דאָך ניט. א קאַפריזנע זאַך, זאָל דער אויבערשטער שומר ומציל זיין! קיין אנדערען וואָלט איך עס ניט געשריעבען. נאָר אייך האַלט איך דאָך פאַר א בעל־סוד. איהר וועט מיינע בריעף חלילה ניט ווייזען קיינעם. איך זאָג אייך, מיר האָבען פון איהר קאַלט און וואַרעמס!... שטעלט אייך פאַר א סקאַנדאַל, וואָס א מיידעל קאָן : געקומען

יום־טוב, טהוט זי זיך אָן און וויל געהן אין שול אריין. "וואָס איז דאָס ?" "איך וויל, זאָגט זי, מזכיר נשמות זיין!" "סטייטש, רוצח'טע, וואָס טהוסט דו ? ווילסט אונז איבערקוילען דעם האלז? נא דיר א מעסער און קוילע !"... מאכט זי צו מיר : "איהר געהט דענן ניט יום־טוב אין שול אריין ?" "גזלנ'טע ! וואָס גלייכסט דו זיך צו מיר ? איך קען, זאָג איך, געהן אומעטום. איך קאָן געהן אין שול, איך קאָן, זאָג איך, געהן, להבדיל, אין טהעאטער, אָבער נישט דו. עס וועט דאָך מאַרגען, זאָג איך, זיין אויף אלע בלעטער !"... "נו, איז וואָס ? למאי, זאָגט זי, שעמט זיך ניט מעלבא, זעמבריך, קאררוזא און נאָך אכטצעהן אזעלכע, ווי זיי ? געהען זיי דענן ניט אין קלויסטער אריין, אז עס קומט אונטער א חגא ?"... געפעלט אייך דבורים ? מאָהלט אייך, אז מע וויל צוריק, איז זי נעבאך זעהר גערעכט. נאָר וואָס קומט ארוים ? מען איז דאָך עפּים יודען אויף דער וועלט ! טענה אהער, טענה אהין — מע קאָן נישט. א גוי איז א גוי, און א יוד איז א יוד... א יוד איז וואָלוועל — דאָס איז מיין אַלטע טענה. ביי יידען אליין איז א יוד וואָלוועל, קוים ווייסט ער, אז דער יוד איז א יוד. איהר פערשטעהט, וואָס איך מיין ? איך האָב ליעב א יודען, גלויבט מיר, דאָס חיות, און האָב ליעב יודיש טהעאטער, יודישע בליודעס, ווייסט איהר דאָך און בין א ליוביטעל פון זשארגאָן, און א שטוב איז ביי מיר א יודישע, און מיין ווייב זאָל לעבן איז א כשר'ע יודינע, און מיינע קינדער זענען, דאנקען גאָט, יודען, און נאָך דעם אַלעם מוז איך פריזנא'ען, אז לאָז מיין גרישא איין מאָל פּרובען זיך א־אָפּלאָזען דאונטאון, דאָס הייסט — אין דער יודישער גאס, און אויפּט־עטען אויף א יודישער ביהנע פאר יודען, אָדער אריינטרעטען להבדיל, אין א יודישער שול — איז איין עק, פערפאלען די קוח מיט'ן שטריקעל, אוים קאפּעלישמאכער ! אוים גרישא סטעלמאך ! דאָס אייגענע איז מיט ראָזאליא ספּיוואק : כל זמן זי האלט זיך צווישען גויים, האָטש אלע ווייסען, אז זי איז א יודיש קינד, לויפען די רייכסטע יודען זי הערען זינגען. קוים אָבער האָט זי זיך בענארישט און ארפּגעלאָזט זיך צו די יודען — "ע ! ביזט דו דאָך א נאשבראט, היינט וואָס איז די מציאה ?!"...

הקצור, מע האָט ביי איהר קוים גע'פּועל'ט, זיא זאָל חאָטש אָנטהון א גערדיכטען שלייער אויפ'ן פּנים — קיין פויגעל זאָל ניט וויסען, אז זיא איז געווען אין שול... וואָס זאָלט איהר קלערען, ליעבער פריינד, מיר האָבען מיט איהר געהאט צו זינגען און צו זאָגען. איצט האָט זיא זיך שוין א ביסעל בערוהיגט. נאָר דיא ערשטע צייט האָבען מיר געמיינט, מיר וועלען פון איהר דעם שלאָג בעקומען ! און מע מוז איהר נאָכגעבען, וואָרום וואָס טהוט מען ניט צוליעב א קינד ?

איצט ווילט איהר, איך זאָל אייך א ביסעל בעשרייבען דאָס לאנד ? נאָך דעם, וואָס איך האָב אייך געשריבען אויבען, קאָנט איהר שוין אליין פערשטעהן, אז לאָם איך האָבען אזא יאָהר, וואָס פאר א מדינה דאָס איז. איך האָב מורא צו זאָגען, נאָר מיר דאכט, אז אמעריקא—דאָס איז ארץ ישראל. די יודען קאָנען, דאכט מיר, ניט בעקלאָגען זיך אויף קאָלומבוסען : ווער עס וויל און קאָן ארבייטען, דער מאכט א לעבען. איבערהויפּט איז דאָ מוזיקע בחשיבות. איך בין זיכער, אז ווען איהר, למשל, קומט אהער צופאָהרען, האָט איהר נישט חרטה. איהר וועט האָבען פּרנסה בכבוד און וועט זיך פיהלען, אז איהר זענט צווישען יודען. יודישע גאזעטען זענען דאָ לרוב. פאר אזא ליוביטעל, ווי איך, איז דאָ ממש א גן־עדן. איך קאָן זאָגען,

אז איך באָד מיך אין זשארגאָן, ווי א פיש אין וואסער. און קומט אויפדערנאכט, ווייס איך ניט, אין וואָס פאר א טהעאטער איך זאָל געהן פריהער. נאָך שבת׳דיגע וואָך טרעט דאָ אויף א גאכט אין יודישען טהעאטער, עפּיס איינער א ראפאלעסקאָ פון בוקארעשט, זאָגט מען, אזוינס ווי אזעלכם! עס טהוט זיך חושך!

הכלל, איך בין, ליעבער פריינד, פון אמעריקא זעהר קאָנטעט. הלואי וואָלט איך שוין דערלעבט עפּיס א נחת... וואָרום ס׳איי ביי זיי, ביי די קינדער הייסט עס, נאָך אלץ א מעשה אָהן איין עק. איך וועל אייך זאָגען דעם ריינעם אמת — מיט קיין אנדערען וואָלט איך פון אזא זאך ניט גערעדט, נאָר איהר זענט דאָך מיין בעל־סוד, זאָג איך עס אייך: מיר געפעלט ניט אזא ליובאָוו... ממה־נפשך: אָדער אהער, אָדער אהין?... ביז וואנען איז דער שיעור ליובאָוו?... איצט איז דאָ א תירוץ: טרויער. דער טאטע איז געשטאָרבען. זי וויל, זאָגט זי, געבען א דעפּעש דער מאמע, זי זאָל קומען אהערצוצו. און זי, אז זיא פּעיקלערט עפּים א זאך, מעגען שוין פאלען שטיינער פונ׳ם הימעל! וואָס וועט זיין, טאָמער קומט זי טאקי אהער צו־פאָהרען? וואהין וועלען מיר זיך אהינטהון מיט דער חזנ׳טע פון האָלענעשטי? לאָם איך אזוי וויסען בייז מיט אייך אינאיינעם! איין שטיקעל נחמה, וואָס טאָכ׳ער וועט מיר די חזנ׳טע קומען צו־הילף, און אין איהר זכות־אָבות וועט מען א מאָל ברעכען טעלער און טאקי אין איין וועגם שטעלען א חופּה?...

האָט קיין פּאראיבעל ניט, ליעבער פריינד, וואָס איך שרייב אייך אלץ סעמיינע זאכען. מע גיסט אוים א ביסעל דאָס הארץ פאר א גוטען פריינד, ווערד גרינגער. איך ווער גרוי און אלט פון׳ם דאָזיגען ראמאן. איך קאָן אייך גאָר אזוי פיעל ניט ארויסשרייבען. א סך דריגגען מיר, אז איך דארף עס לאָזען געהן, ווי עס געהט. מע זאָגט מיר, אז איך בין שוין צו א הייסער, צו א משוגענער פאָטער! עס קאָן זיין. נאָר וואס זאָל איך טהאָן? אָט אזוי בין איך. מיך וועט שוין קיינער ניט איבערמאכען. זייט זשע מיר געזונד און גליקליך. און שרייבט מיר, אויב איהר מיינט טאקי באמת קומען קיין אמעריקא? פאר מיר וואָלט דאס געווען, קאָן איך אייך זאָגען, א יום־טוב! עס וואָלט זיין חאָטש פאר וועמען אויסריידען זיך. ווארום ניט יעדער איז אן אמת׳ער פריינד, און ניט יעדען קאָן מען פערטרויען דאס, וואס איך פערטרויער אייך...

פון מיר אייער בעסטער פריינד,

מאיר סטעלמאך.

עיקר שכחתי: בעקאנטע קען מען זעהען דאָ אָהן א שיעור. נאָר איך היט מיך פון א בעקאנטען. אפילו אז איך קום אין א אידיש טהעאטער, מוז איך מיך אויסבעהאלטען, רוק אָן דאָס היטעל און פערקלויב מיך אין א ווינקעלע — וואס זאָל מען טהאָן? די וויסטע פרנסה!...

מאיר סטעלמאך.

קאפּיטעל 154.

אַ ביסעל דין וחשבון

כל־זמן אונזער יונגער העלד ראפאלעסקאָ איז געשוואוריען מיט׳ן שטראָם פון לעבען אויף גאָט׳ס גענאָד און געבלאָנזעט אין דער פינסטער אלץ ווייטער און ווייטער, האָט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט און קיינמאָל ניט אָפּגעגעבען זיך דין־וחשבון, זיך קיינמאָל ניט געפרעגט, פון וואנען און וואוהין, ביז עס האָט איהם ניט צו געשלאָגען צו א ברעג — קיין אמעריקא. ביז עס האָט איהם ניט ארויסגעוואָרפען אויף דעם אינזעל, וואָס הייסט ניו־יארק. דאָ האָט ער במעט צום ערשטען מאָל א קוק

געגעבען צוריק און דערזעהען דיא מורא'דיגע גרויסע שטרעקע, וואָס ער האָט דורכגעמאכט פון זיינע ערשטע יונגעלשע יאָהרען, און דעם פונקט, וואָס ער האָט דערגרייכט צו היינטיגען טאָג — און ער האָט געשטוינט.

און געשטוינט האָט ער ניט דערויף, וואָס ער איז א סך דורכגעגאנגען, וואָס ער האָט א סך דורכגעמאכט, א סך דורכגעלעבט, א סך אויסגעשטאנען און א סך דערגרויכט. יעדער פון אונז אז ער פיהרט אונטער א חשבון צו זיין פערגאנגענעם, זעהט ער, אז ער האָט א היבש ביסעל דורכגעמאכט, דורכגעלעבט, אויסגעשטאנען און דערגרויכט. ניין. זיין איבערראשונג איז געגאנגען פון איין אנדער קוואל. ער האָט ניט פערשטאנען, פון וואנען האָט זיך צו איהם גענומען כח, מוטה און ענערגיע דורכצומאכען אזא לאנגע נסיעה? ווער האָט איהם אנגעוויזען דעם דאָזיגען וועג? ווער איז געווען זיין פיהרער? ווי אזוי האָט געהייסען זיין רבי? וואו איז געווען זיין חדר? און וויא אזוי האָט אויסגעזעהען זיין סדור?....

ער האָט זיך געפרעגט: ווער האָט אָנגעצונדען אין איהם דעם ערשטען פייער פון קונסט? ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט איהם ארויפגעטריבען אויף דער ביהנע? און וועמענס ליכט האָט איהם געלויכטען אין דער לאנגער פינסטערער נאכט פון זיין נע־ונד זיין אויף זיין ארטיסטישען וועג?

און א רייהע פון פיגורען, אויף וויפיעל ער קאָן זיך דערמאהנען, געהען דורך איינע נאָך דער אנדערער פאר זיינע אויגען: פריהער יונגלעך, קונדסים, חדר־חברים, מיט וועלכע ער האָט געשפיעלט אין "פערשטעלעניש" צווישען מנחה און מעריב, דער רבי זאָל ניט וויסען.... דערנאָך אלבערט שטשופאק מיט זיין בערימטער טרופע אין האָלענעשטי און נאָכדעם האצמאך, זיין ערשטער אינטימער פריינד... דער דירעקטאָר פון לעמבערגער חזקה־טהעאטער געצעל בן געצעל... די ברידער שוואלב, און נאָך און נאָך — אלץ אזעלכע פארשוינען, וואָס ס'איז, דאכט זיך, אונמעגליך געווען ביי זיי עפּיס צו נאשען. די איינציגע ליכטיגע שטערען, וואָס האָבען זיך יאָ ווען בעוויזען אויף זיין פינסטערען הימעל, זענען געווען סיידען דער סופער בעני — דער "מענש פון בילדונג", וואָס האָט איהם געעפענט די אויגען ביז צו א געוויסען גראד, דער דאָקטאָר לעוויוס־לויתן — דער לעמבערגער מעצענאט, וואָס האָט איהם אויפגעדעקט נייע וועלטען, נאָר אז ער האָט דערהערט פון האצמאכען דאָס וואָרט "געלד", איז ער אנטלאָפען וואו דער שווארצער פעפער וואכסט, און דער גרויסער זאָנענטהאל, וואָס האָט זיך, ווי א מעטעאָר, בעוויזען פאר איהם נור אויף א מינוט און באלד פערשוואונדען געוואָרען.... און ווייטער קאָן ער זיך ניט דערמאנען אין קיינעם ניט, קיינעם ניט.

אליין, אליין פון זיך, אָהן א רבי'ן, אָהן א סדור, אָהן איין אלף בית, איז ער געוואָרען דאָס, וואָס ער איז.

אליין, אליין פון זיך איז אויפגעוואקסען א לעאָ ראפאלעסקאָ און, אויב ס'איז אמת, וואָס מענשען שרייבען וועגען איהם, איין אויפגעהענדער גלענצענדער לויכטענדער שטערן אויף דער יודישער ביהנע.

אונזער העלד האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זיך צוקוקען צו די איבעריגע גרויסע שטערען פון דער יודישער ביהנע אין ניו יאָרק, זיך נאָכפרעגען אויף זיי: ווער זענען די דאָזיגע "סטארס"? פון וואנען שטאמען זיי ארויס? וואָס זענען זיי געווען אמאָל? און ער האָט ווידער געשטוינט. ער האָט זיך אָנגעהערט אזוי פיעל זעלטענע חדושים מיט אזעלכע מאָדנע ביאָגראפיעס, וואָס ווען מע געהט דאָס בע־

שרייבען, וואָלט יעדע פון זיי געקאָנט זיין פאר זיך א בוך פון זעהר הויכען אינטערעס...

און עס איז איהם פערענטפערט געוואָרען זיין אייגענע לעבענסגעשיכטע, געוואָרען קלאָר א סך זאכען. ער איז געוואָהר געוואָרען, אז ס'איז פאראַן אויף דער וועלט אזעלכע חדרים, וואו מע לערענט זיך אויס זיין איין אקטיאָר, נאָר ס'איז נישטאָ אזא חדר ביי יודען. אז ס'איז פאראַן מעצענאטען אויף דער וועלט, וואָס געבען אוועק פערמעגענס צוליעב קונסט, נאָר ס'איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען אזעלכער ביי יודען. נישטאָ ביי אונז קיין חדר פאר יודישע אקטיאָרען, נישטאָ קיין רבי, נישטאָ קיין סדור, נישטאָ קיין אלף־בית, נישטאָ קיין מעצענאטען, נישטאָ קיין קונסט. פאראַן ביי אונז טהעאטערס, פאראַן אקטיאָרען, פאראַן טאלאַנטען, פאראַן זשעניאַלע ארטיסטען, פאראַן גרויסע ליכטיגע שטערען, וואָס לייכטען ארויס וויית־וויית פון דער אידישער ביהנע ארויס, וואָס זייער אָפּשיין דערגרייכט אזש אהין, צו דיא אומות־העולם, און נישט איין מאָל טרעפט זיך, אז זיי, די אומות־העולם, דערהערען פון אזא שטערען, פעראינטערעסירען זיי זיך, לאָזען זיך אראָפּ אין יודישען טהעאטער, שמייכלען זיך צו און דרעהען זיך ארום דעם דאָזיגען שטערן אזוי לאנג, ביז זיי נארען איהם אריבער צו זיך — און ער ווערד פערלאָשען פאר דער אידישער ביהנע אויף אייביג. צו־גרויס איז דער נסיון פאר א יודישען ארטיסט אָדער ארטיסטין, אז זיי זאָלען קאָנען ביישטעהן דעם גוי'שען יצר־הרע, אויסהערען נישט פון א יודען אזעלכע קאָמפּלימענטען, ווי למשל: "אייער פלאַץ איז ניט אָט דאָ, צווישען יודען"... "אויף אייך וואַרט א ברייט פעלד, א גרויסע ביהנע, א כריסטליך פובליקום"...

גרויס און מעכטיג איז דער גוי'ישער יצר־הרע אומעדום, ובפרט — אויף דער יודישער ביהנע. זעלטען־זעלטען ווער פון די יודישע שטערען עס חלומט ניט וועגען פערבלאָנזען אמאָל אויף דעם ניט־יודישען הימעל, און זעלטען־זעלטען וועמען פון די יודישע אקטיאָרען עס שפּיעלט דאָס גליק, ער זאָל נאָך גרויסער מיה האָבען די זכיה ארויסצוטרעטען פון זיין אייגען קליינעם יודישען קרייזעל און אריינטרעטען אין דער גרויסער ברייטער פרעמדער וועלט אריין.

אונזער העלד ראַפאַלעסקא איז געוועזען יענער גליקליכער, וואָס האָט געהאט ביד און דוקא אָהן מיה אריינצוטרעטען אין איינעם פון די גרעסטע נישט־יודישע טהעאטערס אין ניו־יאָרק און מאכען א גרויסע גלענצענדע קאריערע. און אויב ער איז אויסגעשטאנען דעם נסיון, אויב ער האָט געבראָכען דעם יצר־הרע, דעם דאָזיגען גויישען יצר־הרע, און ער האָט עס ניט געטהאָן, איז נור דערפאַר, ווייל עס זענען אריינגעטראָטען אין זיין לעבען געשעהענישען, וואָס ווערען בעשריבען אין די נאָהינטע קאַפּיטלעך פון אונזער ראָמאַן.

קאַפּיטעל 155.

אונזער העלד געהט אַרום אין עולם־התוהו

די גרויסע נע־ונד'נע ארטיסטיש־מוזיקאלישע קאָמונע "קלאמער, שוואלבעט קאָמפּ.", וואָס האָט זיך בעריהמט געמאכט אין אמעריקא מיט איהר "שטערן פון בוענאָס־איירעס" און מיט'ן "לאָמזשער סאָלאָוויי", האָט זיך יום־טוב'דיג געגרייט צו איהר לעצטען און גרעסטען טריאומף — צום ארויסטריט פון'ם וועלט־בעריהמטען שטערן פון בוקארעשט, דעם נייעם יונגען ארטיסט לעאָ ראַפאַלעסקאָ.

אונזערע אלטע גוטע פריינד, ניסעל

שוואלב פון איין זייט און מיסטער ניקעל פון דער אנדערער זייט, האָבען געטהאָן אלץ, וואָס נור מעגליך, אז דער ערפאָלג פון דעם דעביוט זאָל זיין א טויזד־קלאַפּ פאר אלע איבעריגע יודישע טהעאטערס אין ניו יאָרק. צוויי וואָכען דורכאיינאנד האָבען די בחצוצרות־ וקול־שופר׳דיגע אנאָנסען אין דיא יודישע צייטונגען געפּויקט, געגראַגערט און געטרומייטערט אויף קולי־קולות וועגען דעם יונגען סטאר ראפּאלעסקאָ, וואָס "די קעניגין קארמען סילווא האָט איהם אליין מיט איהרע הענד געקרוינט און דער גרויסער זאָנענטהאל האָט געוויינט, ווי א קליין קינד, אז ער האָט איהם דערזעהן אין דער ראָל פון אוריאל אקאָסטא". דאָס איז געווען די ארבייט פון אונזער קאָמבינאטאָר ניסעל שוואלב.

און מיסטער ניקעל האָט נישט געטהאָן גאָרנישט ניט. ער איז זיך נור ארומגעגאנגען מיט דיא הענד אין די קעשענעס און איבערגעגעבען אין דער "קיבעצארני" פאר אלעמען, אז ער האָט איינגעאַדען צו זיך אין טהעאטער אריין אויף דעם ספּעקטאקעל אלע פּראָמינענטע "יאהודים", ווי דזשייקאָב שיף, לואיס מארשאל, נייטען ביזשור און פיעל אנדערע. און אויף׳ן אויהער האָט ער א פּאָר מענשען איינגערוימט א סוד, אז ס׳איז א סברה, אז דער "גאָווערנאָר" פון סטייט ניו־יאָרק און נאָך א פּאָר הויכגעשטעלטע קריסטען וועלען אויך זיין ביי איהם היינט אויף דער נאכט אין טהעאטער. נאָר דאָס וואָלט ער וועלען, מע זאָל ניט פאנאנדערפּויקען איבער דער שטאָדט, ווארום עס זענען שוין אזוי אויך באלד ניטאָ קיין טיקעטס אין דער קאסע. בעת מעשה האָט איהם דאָס פּנים געשיינט, די בעקלעך געפלאמט און די גאָלדענע צייהן האָבען געבלישטשעט — א מכה האָט זיך ראקקעפעלער, קארנעגי אָדער וואנדערבילד געפיהלט אויף דער וואָל־סטריט ווען ס׳ניט איז אזוי גליקליך, ווי עס האָט זיך געפיהלט אין יענער צייט מיסטער ניקעל.

דערפאר האָט זיך אבער ניסעל שוואלב אין יענער צייט געפיהלט ניט אזוי פויגעלדיג. זיין געניאלע קאָמבינאציע וועגען געוויסען שדוך צווישען זיין שוועסטער און ראפּאלעסקאָ האָט זיך איהם נאָך ניט איינגעגעבען. אמעריקא איז א לאנד פון האררי־אָפּ, פון ביזנעס, טומעל און טארעראם. די גאנצע צייט נעמט צו די קאָמונע. רעדען וועגען דעם מיט דער שוועסטער, זאָגט זי: ס׳זאָל איהם ניט אהרען, ס׳איז איהרע ביזנעס... יענע איז פערנומען גאָר מיט טואלעטען, פּיקטשורס און נאָך אזעלכע זאכען. און דער "יאט", ווי האָלצמאן פלעגט איהם רופען, איז איהם גלאט ניט געפעלען. זינט מע איז געקומען קיין ניו־יאָרק, איז ער עפּיס "דאָסיג"... עפּיס געהט ער איהם ארום, ווי א נעכטיגער, און פרעגט זיך נאָך צעהן מאָל א טאָג אויף בריעף. פון וועמען ווארט ער דאָס אזוי אויף בריעף און וואָס פאר געשעפטען האָט ער מיט דער קאָמישער פיגור אין דער רויטער ראָטאָנדע (בריינדעלע קאָזאק), וואָס קומט צופליהען אלע מאָל נור אויף א ווילע און זיצט אָפּ אָדער ביי איהם, אָדער ביי דער שוועסטער דריי זייגער שעה? פרעגען ביי העגריעטא׳ן איז אליין איינס, ווי פרעגען ביי דער קליאמקע פון טהיר. וואָס פערשטעהט זי, א געשלייערטע האנדזי, מישטיינס געזאָגט? און דערצו האָט אָט דאָס ניו־יאָרק מיט׳ן ערפאָלג אויף דער ביהנע, מיט׳ן בלאָף וועגען דער פּרעמיע, וואָס זי האָט בעקומען אין פּאריז אויף דער אויסשטעלונג פאר שענקייט, אזוי שטארק פערדרעהט איהר דעם קאָפּ, אז מע קאָן שוין אבאלד מיט איהר קיין וואָרט נישט רעדען. באלד שיט זי אָפּ

מיט פריסעק. דער ברודער איזאק זאָגט צו איהם: "פערטשעפּע זיך ניט, ניסעל, מיט דער דאָזיגער טעלעצע — זי איז שוין אבאלד א קוה, זי וועט דיך נעמען אויף די הערנער!"...

דער ברודער איזאק איז גערעכט: טאקי א קוה. ווארום ווען זי זאָל האָבען א קלעפּקע אין קאָפּ, וואָלט זי ניט אין זינען געהאט אזעלכע נאררישקייטען, ווי פאָטאָגראפירען זיך מיט ראפּאלעסקאָ אין אכטצעהנערליי פּאָזעס. זי וואָלט בעסער געזעהען, אז ס'זאָל זיין איינס־צוויי־דריי — און א חופה... ביז וואנען איז דער שעור? מיסטער קלאמער זאָגט אויף דאָס אייגענע: "באק בייגעל, כל־זמן עס הייצט זיך, אָדער ווי זאָגט דער איינגעלשמען: איף יו וואָנט טו דו א טהינג. נאָר ווער איז אייך שולדיג, אז איהר זענט אידיאָטען?"...

אזוי זאָגט מיסטער קלאמער. אלע מישען זיך אריין אין'ם דאָזיגען שדוך. יעדער, ווער עס האָט נאָט אין הארצען, שטעקט אריין א נאָז. למשל, נעמט די לאָמזשער חזנ'טע, קומט זי אלע מאָל צוגעהן אין איהר נייעם אָווערקאָוט, וואָס דער מאַן האָט איהר געקויפט אין ניו יאָרק, זיך נאָכפרעגען, "ווען וועט שוין געבוירען ווערען משיח?"... וואָס מיינט זי דערמיט, די "פּרה־אדומה" מיט'ן רויטען פּאריק?... און וואָס דארף איהר דארען דער קאָפּ פאר זייער שוועסטער מעהר פאר אלעמען? די דאָזיגע חזנ'טע האָט דאָס א ביסעל פערריסען די נאָז, זינט איהר מאַן, דער "לאָמזשער סאָלאָוויי", איז אריין אין די פעדערען! און דער חזן אליין איז שוין אויך ניט דער, וואָס געוועזען. אמאָל, אז ער האָט נאָך געהייסען "דער לאָמזשער חזן", געזעסען אין ווהייטשעפּעל און געבענקט נאָך א קוילעטש, איז ער געקראָכען אונטער די נעגעל, זיך געהאלטען קלענער פון'ם קלענסטען. איצט, זינט ער הייסט שוין "דער לאָמזשער סאָלאָוויי", איז איהם שוין ניט צו דערקענען. קיינמאָל האָט ער קיין צייט ניט. שטעהט מיט דער יארמעלקע אויף'ן קאָפּ, מיט'ן שטעקעלע אין האנד און מאכט רעפּעטיציעס, קאָמאנדעוועט מיט דעו אָליאסטרע: "סי — בעמאָל, פּא — מינאָר, עס — דור" — א גאנצער מונדערפערצער!... ער וועט שוין אבאלד ניט וועלען רעדען א וואָרט מיט ניסעל שוואלב — חא־חא, ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס!...

אין אזעלכע טרויעריגע מחשבות האָט פערבראכט אונזער געניאלער קאָמבינאטאָר די ערשטע צייט אין ניו יאָרק און האָט זיך געגריזעט מיט'ן ברודער און מיט דער שוועסטער און מיט די שותפים. נאָר דאָס אלעס האָט זיך מיט אונזער יונגען העלד, ווי אלעמאָל, גאָרניט אָנגעקעהרט. ראפּאלעסקאָ האָט זיך, ווי אומעדום, ארומגעטראָגען אין דעם מורא'דיג גרויסען ניו יאָרק מיט זיינע געדאנקען און חלומות, געשפּאציערט, ווי אין א געדיכטען וואלד, ארומגעגאנגען אין איין עולם התוהו... וואָס געהער זיך אָן מיט איהם די קאָמונע מיט איהרע רעכענונגען, רייסעניש און בייסעניש, פּערעפּאלקעס, צאנקערייען און דריאזגעס? וואָס געהט איהם אָן זיין ערשטער דעביוט אויף'ן אמעריקאנישען באָדען, וואָס וועט געווים, אָהן שום ספק, אָפּלויפען מיט'ן זעלבען טריאומף, ווי אומעדום און ווי אלע מאָל ביז אהער? פאר וועמען דארף ער זיך דאָ אויספּיינען, וויבאלד אז אויף זיין דעביוטאָבענד וועט ניט זיין "יענע", וואָס ער וויל און וואָס ער האָט אויף איהר אזוי ארויסגעקוקט?... און אז "יענע" וועט ניט זיין — דאָס ווייסט ער פאר געווים. ס'איז א פערפאלענע זאך. פון אלע זיינע גאָלדענע חלומות איז ביז אהער ניט מקוים געוואָרען קיין איינ־

ציגער אפילו. פון אלע זיינע האָפנונגען אויף אַמעריקא האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך... מאדאם טשערניאק האָט איהם אומזיסט געדרעהט א מח. עס האָט זיך ארויסבעוויעזען, אז פון זינט ראָזא ספּיוואק איז אין אמעריקא, האָט די מאדאם טשערניאק ניט זוכה געוועזן אפילו אָנצוקוקען איהר פּנים. אמת, די מאדאם טשערניאק האָט זיך פערענטפערט פאר איהם, אז שולדיג אין דעם איז איהר נייער דזשאב, וואָס זי פערנעהמט אין דעם טומעלדיגען נ״ו יאָרק. זי זאָל, זאָגט זיא, קאָנען זיך ארויסרייסען אויף א טאָג מיט א נאכט צו איהר פריינדין ראָזא ספּיוואק, וואָלט שוין געווען אָלל־רייט. נאָך שבת'דיגע וואָך, זאָגט זי, האָט זי איי: אויסגאנגס־טאָג, וועט זי זיך אראָפּחאַפּען "אַפּטאַון", וועט שוין דעמאָלט, זאָגט זי, זיין טאקי אָלל־רייט...

און אָט אזוי קומט זי אלע מאָל צוגעהן מיט א נייעם ליגען, לייגט איהם אָפּ פון טאָג אויף טאָג, זאָגט איהם צו אויף מאָרגען צו קריגען א פּלאַץ אין דער אָפּערא, וואו ראָזע ספּיוואק זינגט, אָדער אין קאָנצערט, וואו ראָזא ספּיוואק טרעט ארויס אינאיינעם מיט'ן בעריהמטען גרישא סטעלמאַך — און עס לאָזט זיך אויס א בוידעם: ס'איז נישט צו בעקומען קיין פּלאַץ פאר קיין געלד, ער זאָל געבען אפילו א מילליאָן דאָלער!...

די מאדאם טשערניאק האָט זיך איהם שוין אזוי צוגעגעסען, אז ער קאָן שוין איהר פּנים ניט זעהען. און ער לאָזט זיך אוועק אליין אָפּ־טאַון קויפען א פּלאַץ אין יענעם האָל, וואו ראָזא זינגט, לאָזט זיך אויס, אז נעכטען איז זי געווען און היינט איז זי שוין ניטאָ אין ניו יאָרק. זי איז אוועקגעפאָהרען אויף גאסטראָלען אין דער קאָונטרי. ווען זי וועט קומען — ווייסט ער נישט. "ביזט געווען א שמאטע און א שמאטע וועסט דו בלייבען!" — זאָגט צו זיך אליין ראַפּאַלעסקאָ און עסט זיך אויף א לעבעדיגען. ארום איהם דרעהט זיך אום די קאָמונע, דולט איהם א קאָפּ וועגען זיין ערשטען ארויסטריט. רעפּאָרטערס פון צייטונגען שטעלען זיך איהם פאָר, ווילען איהם אינטערוויואירען. "שטיגרטערס" שמייכלען זיך צו איהם און מאַכען איהם גלענצענדע "פּראָפּאָזישאָנס". און דאָ קומט הענריעטא און דרעהט איהם א מח מיט איהרע טואלעטען און פּיקטשורס. ער ווייסט ניט, אויף וואָסער וועלט ער איז. ער געהט אום אין עולם־התוהו.

קאפיטעל 156.

מעפיסטאָפעל אין א קליידעל

"זאָלסט וויסען זיין, רייזעל, אז איך. לייבעל, בעני ראַפּאַלאָוויטשעס זוהן פון האָלענעשטי, — געדענקסט איהם נאָך? — בין איך דאָ איצט אין ניו־יאָרק, דאַון טאון, איין ארטיסט אין יודישען ניקעלטהעאטער, און מיין נאָמען איז היינט — ראפאלעסקאָ".

אָט דאָס האָט בעדארפט זיין דער אינהאלט פון'ם בריעף, וואָס אונזער יונגער העלד האָט פערטראכט אוועקצושיקען צו מיסס ראזאליא ספּיוואק. קורץ און שארף. וואָס האָט ער איהר צו שרייבען נאָך?

אזוי האָט ראפאלעסקאָ אָפּגע'פּסק'ענט ביי זיך און אוועקגעזעצט זיך שרייבען. און ער ווייסט אליין ניט, פון וואַנען עס האָט זיך צו איהם גענומען מאַטעריאל. דאָס איז געווען אויב ניט דער ערשטער ערנסטער בריעף אין זיין לעבען. א וועלט מיט געדאנקען האָט זיך ביי איהם געעפענט. עס האָט זיך געגאָסען ביי איהם, ווי פון א קוואל. זיין גאנצע לעבענס־געשיכטע האָט ער אוועקגעלייגט פאר איהר, פון זינט זיי האָבען זיך צעשיידט, פון יענער כשוף'דיגער נאכט, די נאכט פון דער שרפה אויף

"גאָט'ס גאס" אין האָלענעשטי, ביז צו היינטיגען טאָג. אַלץ האָט ער איהר בעשריעבען. אַלסדינג, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און אויסגעשטאַנען אויף זיין ארטיסטישען וועג, אַלע זיינע חלומות און האָפנונגען, מחשבות און געפיהלען, פריידען און ליידען...

ניין. דאָס איז ניט געווען קיין ליעבע־בריעף. דאָס וואָרט "ליעבע" האָט זיך קיין איינציג מאָל ניט ארויסגעריסען פון זיין פעדער. צו באַנאַל, צו וואָכעדיג וואָלט דאָ אויסגעזעהען דאָס וואָרט "ליעבע". צו הייליג זענען געווען ביי איהם די פעדעם, וואָס האָבען צענויפגעבונדען איהר נאָמען מיט זיינעם, זייער ביידענס פערגאַנגענע מיט'ן איצטיגען. און טאָמער האָבען זיך ארויסגעגעחאפּט ביי איהם ווארעמע ווערטער, זענען זיי געווען איינגעהילט, ארומגעוויקעלט, פערשטעלט.

רעדענדיג פון יענער זומערדיגער אויסגעשטערנטער נאכט אין האָלענעשטי, וואָס האָט גערעגנט מיט שטערען, האָט ער זי געבעטען, זי זאָל זיך דערמאָנען, וואָס זי האָט איהם געפרעגט וועגען די פאַלענדיגע שטערען. און זי זאָל זיך דערמאָנען, וואָס ער האָט איהר געענטפערט: אז שטערען פאַלען ניט, שטערען בלאָנזען... און זי זאָל זיך דערמאָנען שוין אין איין וועג, וואָס ווייטער איז געווען. זי זאָל זיך דערמאָנען, ווי זי איז אמאָל געגאַנגען צו א ציגיינערין — ערגיץ אין א קליין שטעדטעלע אין גאַליציע אָדער אין דער בוקאָווינא איז דאָס געווען, — אז די ציגיינערין זאָל איהר וואָראָזשען, ווארפען אויף קאָרטען. וואָס האָט איהר דעמאָלט געוואָראָזשעט יענע ציגיינערין? צי האָט איהר די ציגיינערין ניט דערמאָנט וועגען בלאָנזענדע שטערען, וואָס טראָגען זיך איינס אקעגען דאָס אנדערע און קאָנען זיך ניט צענויפקומען?...

פערשטעלט האָט איהר ראפאלעסקאָ געשריעבען זיין בריעף, איינגעוויקעלט אין אַלעגאָריעס און אָנצוהערענישען און פינטעלעך א סך האָבען זיך געפונען אין'ם דאָזיגען בריעף, פינטעלעך, פינטעלעך, אָהן א שעור פינטעלעך!...

צום סוף בריעף האָט ער זי געבעטען, עס זאָל זי ניט וואונדערען, וואָס ער רעדט מיט איהר דורך א בריעף און איז נישט געקומען צו איהר אליין. ער האָט דאָס נישט געטהאָן איבער צוויי זאכען: ערשטענס, האָט ער געהערט, אז מע קאָן צו איהר גלייך ניט צוטרעטען. מע דארף זיך מעלדען פריהער צו איינעם עפּיס א מיסטער באָהרמאַן און מע דארף איהם זאָגען, ווער מע איז און וואָס פאר א "ביזנעסס"! מע דארף צו איהר האָבען (דאָס וואָרט "ביזנעס" האָט ער גענומען אין גענזענפיסלעך און דריימאָל אונטערגעשטריכען און נאָך צוגעשטעלט א גרויסען אויסרופּסצייכען. און צווייטענס, האָט ער איהר געגעבען אָנצוהערען, איידעל און ווידער א מאָל מיט פינטעלעך, אז ער האָט מורא, טאָמער וועט ער שטעהרען עמיצען פון "יענע לייט", וואָס געפינען זיך איצט ארום איהר און וואָס טרעטען ארום אינאיינעם מיט איהר אויף דער ביהנע מיט אזוי פיעל ערפאָלג...

דאָ האָט אונזער יונגער דיפּלאָמאַט מיט א כיוון גענומען דאָס וואָרט "לייט" אין דער מעהרצאָל, חאָטש עס ווייס א מינדסט קינד אין ניו יאָרק, אז מיט מיסס ראזאליא ספּייוואק טרעט ארום נור איין גרישא סטעלמאַך.

אַך, "גרישא סטעלמאַך"! — דער דאָזיגער נאָמען פּלאָנטעט זיך אונזער יונגען העלד פאר די אויגען שוין פון א צייט און לאָזט איהם נעבאַך ניט שלאָפען. ווער איז ער? וואָס איז ער? ווי אזוי זעהט ער אויס?... וויפיעל עס זאָל איהם ניט ציהען צו רייזלען, וואָלט

ער אַ בעלן געווען זיך זעהען פריהער מיט אָט דעם גרישא סטעלמאַך, חאָטש אָנקוקען איהם פון דער ווייטען, וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט. אַלע מאָל, ווען ער דערהערט דעם דאָזיגען נאָמען, טהוט איהם אַ שטאָך אין הארצען, ווי מיט אַ נאָדעל. און דערצו האָט איהם די מאַדאם טשערניאַק פערבייגעהענדיג אריינגעלאָזט אַ גריל אין אויהער אריין, אַז זי ווייסט פאַר קלאָר, אַז אָט דער גרישא סטעלמאַך און ראָזא ספּיוואַק זענען חתן־כלה און אַז היינט מאָרגען איז ביי זיי חתונה...

ווי קומט דאָס, וואָס בריינדעלע קאַזאַק האָט גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ מעפיסטאָפעל? אָט ווי אַזוי דאָס איז געשעהען: איהר גאַנצער מיין איז דאָך געווען מעהר ניט אַז נקמה. נוקם זיין זיך אין איהר בלוטיגען שונא, אין האָצמאַכען. איהר צוועק איז געווען — אָפּוועקנעמען ביי איהם די פּרימאַדאָנא שוואַלב און אריבערנארען אהער דעם "יאַט" — און קוים איז דאָס איהר אָפּגעראָטען, היינט וואָס בעדאַרף זי נאָך? איך בעט אייך זעהר, זי איז טאַקי מחויב צו פערזאָרגען דער וועלטס תּכלית? וואו שטעהט דאָס געשריבען, אַז זי בעדאַרף זיך איינרייסען פאַר אַ ראַפּאַלעסקאַ? פאַר אַ רייזעל ספּיוואַק? לאָזען זיי זיך שלאָגען קאָפּ אָן וואַנט! אַ סך מענשען זענען עפּיס פאַרהאַן אויף דער וועלט, וואָס זאָרגען זיך פאַר דער מאַדאם טשערניאַק? לאָז זי, אַשטייגער, היינטיגען טאָג, חלילה וחס, פערליערען איהר דזשאַב — וועט זיך ארומקוקען אויף איהר אין דעם דאָזיגען זודיגען קעסעל, וואָס הייסט ניו־יאָרק? פון די מאַנסבילען איז אָפּגערעדט. אויף זיי וואָלט שוין לאַנג געמעגט קומען אַ חלירע, עס זאָל זיי אויסשטיקען איינציגווייז, ס'זאָל ניט בלייבען פון זיי קיין שׂריד ופליט! נאָר נעמט אפילו אַזאַ מיידעל, ווי אָט די דאָזיגע ספּיוואַק, וואָס זי איז מיט איהר געווען ווי צוויי שוועסטער, אינאיינעם געווען נעוונד, אינאיינעם געטראָגען שטשופּאַק'ס גלות, אינאיינעם געגעסען, כּמעט אין איין בעט געשלאָפען — קומט זי צו איהר איצט אין ניו־יאָרק מיט אַ וויזיט — לאָזט מען זי ניט צו! שרייבט זי איהר אריין עטליכע ווערטער: "ראָזעניו, נשמה'ניו, די מאַדאם טשערניאַק וויל זיך מיט דיר זעהען" — ענטפערט מען איהר ניט! שרייבט זי איהר אריין נאָך אַ מאָל — ענטפערט מען איהר ווידער נישט! קומט צו פאָהרען ראַפּאַלעסקאַ קיין ניו יאָרק, פאָהרט איהם ארויס די מאַדאם טשערניאַק אַקעגען, כאַפּט איהם ארום קושען, נעמט איהם אריין צו זיך, ווי איין אייגענעם, קייכעלט איהם, גיט איהם אַוועק די נשמה — איז ער נאָך ניט צופריעדען. באַשר וואָס איז? ער וואָלט וועלען, זי זאָל איהם אראָפּברענגען די ראָזע ספּיוואַק מיט דעם גרישא סטעלמאַך ביידע אויף איין בעזעם...

"אָט די מאַנסבילען, הערט איהר, ברענען זאָלען זיי אייך אויף איין פייער, אַז סע שפּאַרט זיי צו, איז ערד ווער צעשפּאַלטען און הימעל עפען זיך! האָב צייט אַביסעלע, מיין טהייערע ראַפּאַלעסקאַ. לאָמיר זיך פריהער אַ ביסעל אָנרעדען. וואָס מאַכט עפּיס האָצמאַך, פערהאַפּט זאָל ער ווערען? און דאָס מכוּעדיגע שוועסטערעל זיינס, מיט'ן קאָפּ זאָל זי אָנלייגען? און די אַלטע שקאַפּע די מאַמע זיינע? נאָך לעבט זי, די מכשפה?"...

אַזוי שמועסט זיך אוים בריינדעלע קאַזאַק מיט איהר יונגען פריינד ראַפּאַלעסקאַ און זי פערשטעהט ניט: "וואָס בלאָזט זיך עפּיס אַזוי אָט דער יאַט? וואָס מאַכט ער אָנשטעלען? וואָס שפּיעלט ער עם פאַר איהר אַ טראַגעדיע און וואָס חאַפּט איהם אַזוי אַוועק דער גוטער יאָהר נאָך דער ספּיוואַק?"...

און דערמאנט זיך ברײנדעלע קאָזאק אָן דער ספּיוואק, ברענט אין איהר א פייער. זי קען איהר ניט פערגינען דעם בזיון מיט'ן פערדראָס: סטייטש, סטייטש! מע זאָל זי, די מאדאם טשערניאק, ניט ווילען אויפנעמען? ניט צולאָזען, ניט ענטפערען אפילו איהר אויף איהרע בריעף — און ווער? א חזנ'ס א מיידעל, וואָס האָט ניט לאנג פערמאָגט איין פּאָר פערמערזשעטע זאָקען? באשר דאָס מזל האָט איהר געשפּיעלט — זי איז גרויס געוואָרען. נו, איז וואָס? מע מעג טאקי זיין גרויס און בעריהמט און רייך און אלסדינג, נאָר יענער איז אויך ניט קיין הונט. אז מע פליהט צו־הויך, פאלט מען אראָפּ. מע האָט שוין געזעהן אזעלכע זאכען. אָט איז הענריעטא שוואלב אויך א פּרימאדאָנא, אויך בעריהמט, מע פּויקט וועגען איהר אויך גענוג אויף די בלעטער. און אז זי טרעט ארויס אויף דער ביהנע, טהוט זיך חושך — פון דעסטוועגען, זאָל זי האָבען אזא יאָהר, ווי פּראָסט און לייטיש און צוגעלאָזט זי איז צו איהר, ווי א שוועסטער, ווי איין אייגענע שוועסטער. דעריבער איז איהר די מאדאם טשערניאק אויך געטרייה ווי א שוועסטער, ווייסט ביי איהר אלע סודות, קומט אריין צו הענריעטא'ן אלע טאָג, ווען זי האָט נור צייט, אויף א ווײלע, און מע זיצט און מע שמועסט, און מע שמועסט. תמיד איז ביי זיי פּארהאן, וואָס צו רעדען! א חיות! מע רעדט אזוי לאנג, ביז עס הויבט אָן ווערען פינסטערליך. דעמאָלט טהוט זיך די מאדאם טשערניאק א פּאטש איבער די פּעטע ליטקעס און א חאפּ אויף זיך די רויטע ראָטאָנדע: "א שלאק איז איהר! א דונער האָט זי דערשלאָגען! שוין שטאָק־נאכט!" — און ברײנדעלע קאזאק לאָזט זיך געהן טאנצענדיג איבער די גאסען פון ניו יאָרק, חאפּט א קאר און פליהט־פליהט צו איהר דזשאב אין טהעאטער אריין, און אין מח פּלאָנטעט זיך איהר א שענער א מעפיסטאָפעלשער פּלאן וועגען א גיכער חתונה (צווישען הענריעטא'ן און ראפאלעסקאָ'ן). ניין. לאָז איהר נאָמען ניט הייסען ברײנע טשערניאק, אויב ס'וועט ניט זיין קיין חתונה! עס וועט זיין א פריילעכע, א געהויבענע חתונה. די בלעטער וועלען פּויקען, אין דער קיבעצארני וועט מען רעדען, און זי, די מאדאם טשערניאק, וועט זיין די הויפּט־מחותנ'טע — פון וואָסער צד? פון כלה'ס צד? צי פון חתנ'ס צד? ניין, פון ביידע צדדים. און זי וועט חאפּען א טענצעל, חי־חי, מיט אָט דעם ווערגעלעץ ניסעל שוואלב. און חברה אקטיאָרען וועלען זיך עס אָנ'שכור'ען, הוליען און טאנצען ביז'ן ווייסען טאָג אריין. נאָכדעם וועט זי קומען אהיים, וועט זיך באלד אוועקזעצען און אוועקשרייבען א שען מעפיסטאָפעלש בריוועל צו דער ראָזע ספּיוואק און איהר אָפּגעבען מזל־טוב... און אפשר ניט אזוי? אין די העכסט־אינטערעסאנטע און שפּאנענדע ראָמאנען, וואָס די מאדאם טשערניאק לייענט זיך אָן אויף די בלעטער, פיהרט זיך אנדערש: מע דארף מאכען אזוי, אז ראָזע זאָל דוקא בעקומען איין איינלאדונג בעצייטענס, נאָר אָנקומען זאָל זי פּונקט אין דער מינוט, ווען חתן־כלה שטעהען שוין אונטער דער חופּה; ער טהוט איהר אָן דאָס פינגערעל און זאָגט איהר דעם געוויסען "הרי את"... פאלט ראָזע חלשות... ווערד א טארעראם... קומט צו לויפען איהר חתן (דער יונגער סטעלמאך) אין יאָגט זיך אריין א קויל גלייך אין הארצען אריין.. פאר וואָס קומט דעם יונגען סטעלמאכען א קויל אין הארצען אריין? זאָלט איהר ניט פרעגען. א מענש, אז ער האלט ביי נוקם זיין זיך, קוקט ער ניט, ווער ס'איז שולדיג, ווער ס'איז אומשולדיג, און עס גיסט זיך בלוט אזוי ווי וואסער.

קאַפּיטעל 157.

בריינדעלע קאַזאַק — א שדכנ'טע

דאָס איז געווען מיט א פּאָר טאָג פריהער, איידער דער נייער שטערן פון בוקאַרעשט, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ, האָט בעדאַרפט צום ערשטען מאָל אויפטרעטען פאַר'ן ניו־יאָרקער פובליקום. אלע הכנות, רעפּעטיציעס און פאָרבערייטונגען זענען שוין געמאכט געוואָרען. פון טהעאטער האָט מיסטער ניקעל געגעבען צו וויסען אלע צוויי מינוט צו דער קאָמונע דורך'ן טעלעפאָן, אז ס'איז אלל־רייט, אז ס'איז שוין באלד ניטאָ קיין טיקעטס אויף ראַפּאַלעסקאָ'ס ספּעקטאַקעל, אז מע רייסט פון די הענד, אז ס'איז א געשלעג ביי דער קאססע, אז ער האָט מורא, מע זאָל איהם ניט צעטראָגען דאָס טהעאטער, אז מע ברעכט שוין די טהירען... די קאָמונע האָט זיך אָבער וויניג־וואָס איבערגעשראָקען פאַר די דאָזיגע אלע שרעקליכע ידיעות. מע האָט געוואוסט גאנץ גוט, אז די גרעסטע העלפט פון דעם, וואָס מיסטער ניקעל זאָגט, מעג מען גלייך אוועק געבען דער וואנד, א דריט־חלק ארייןוואַרפען אין ים אריין און דאָס איבעריגע אוועקשענקען פאַר אָרעמע לייט...

פון דער קאָמונע זענען געווען נור די ברידער שוואלב, מיסטער קלאמער און דער לאָמזשער חזן. (ראַפּאַלעסקאָ און הענריעטא זענען געגאנגען זיך פאָטאָגראַפירען אין א נייער פּאָזע.) די שטימונג פון דער קאָמפּאניע איז געווען אין יענער צייט דוקא ניט קיין געהויבענע. נישט ווייל די ביזנעס זענען געגאנגען שלעכט. אדרבה, עס האָבען זיך ארויסגעזעהען גרויסע גלענצענדע אויסזיכטען. די אקציעס פון דער קאָמונע האָבען זיך געהויבען פון טאָג צו טאָג. נישט־מעהר עס האָט דאָ געפעהלט דאָס, וואָס עס פעהלט אומעדום און אלע מאָל אין יעדער מענשליכער געזעלשאַפט: אחדות, איינינקייט, שלום ושלות. וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט דער אנדערער געדרונגען קאַפּויר. יעדער האָט פון זיך געהאלטען איין עולם ומלואו און יענעם מבטל געווען גאָר אינגאנצען. למשל, דער עלטערער פון די שוואלבס (ניסעל) האָט זיך בערימט, אז דאָס איז אינגאנצען זיין קאָמבינאציע. ווען ניט ער מיט זיין אידעע, וואו וואָלטען זיי איצטער געווען? און מיסטער קלאמער האָט גע'טענה'ט, אז ווען ניט ער מיט זיין קעשעני, וואָלטען זיי איצט אלע בעדאַרפט נעמען די טאָרבעס און געהן איבער די הייזער. האָט איהם דער לאָמזשער חזן אָפּגעהאקט די פליגעל און א זאָג געגעבען, אז קיינער שטעהט שוין ניט איצט אין זיין קעשעני. מע קאָן זיך שוין בעגעהן, ברוך־השם, אָהן זיין הילף. און ווער שמועסט, ער, דער לאָמזשער חזן, קאָן שוין אודאי בעשטעהן זיין שטעדטעל.

דאָס האָט שוין אלעמען פערדראָסען, אפילו דעם יונגערען פון די שוואלבס (איזאקען). איז ער ארוים מיט זיין פּה־קדוש און א פרעג געגעבען ביי'ם חזן, צי געדענקט ער נאָך דעם לאָנדאָנער ווהייטשעפּעל מיט'ן נאסען קעלער און מיט'ן גרויסען אויווען, וואָס איז אויסגעגאנגען נאָך א שטיקעל האָלץ און נישט געזעהן פאַר זיך קיין פול טעפּעל קיינמאָל, א חוץ שבת און יום־טוב, אי דאָס — אז דער ברודער האָט איהם צענויפגענומען א פּאָר שיללינג ביי גוטע לייט מיט ווייכע הערצער?..

פערשטעהט זיך אז אזא קאַפּוליער אָנצוהערעניש האָט דעם חזן ניט געשמעקט. האָט ער דערמאָנט שוואלבען גאנץ אללעגאָריש, אז זיין אָרט איז אין טהעאטער אונטער'ן הימעל און זיין עובדה איז קלאָפּען מיט די הענד, ניט מיט דער צונג...

חאָט זיך איזאַק שוואַלב ניט געפּוילט אָפּצוענטפערען דעם חזן אויף אַללעגאָריש, אויף פערשטעלט: אז אויב עס וועט קומען די צייט, וואָס זיינע הענד וועלען דאַרפען קלאַפּען, און עס קאָן זעהר זיין, אז איצט איז די רעכטע צייט, וועט שוין דעמאָלט זיין אז אַך און וועה דעם לאָמזשער חזנ׳ס באָרד! און א קלאָג צו זיינע פּיסקעס!...

עס וואָלט געקאָנט דערפון ארויס א שטיקעל ספּעקטאַקל, ווען מע קומט נישט אריין מיט א ידיעה, אז עפּיס א לידי איז געקומען און פרעגט זיך נאָך.

— א לידי? צו וועמען? צו מיר?

אַלע פיער מאַנספּארשוינען האָבען זיך אויפגעחאַפּט.

— די לידי פרעגט זיך נאָך אויף מיסטער שוואַלב.

האָט זיך אויפגעהויבען ניסעל שוואַלב, זיך צו־רעכט געמאַכט דעם טואַלעט, אויפגעפּענט די טהיר און... ער האָט אויסגע׳בטל׳ט אַלע בייזע ווידסטע חלומות.

דערזעהען, אז ניסעל שוואַלב איז אריינבעראַשט, האָט די לידי, ברײנדעלע קאָזאַק (דאָס איז געווען זי) געמאַכט א גאַנץ פיינעם קניקסען און געלאָזט וויסען, אז זי האָט איהם צו זאָגען זעהר א וויכטיגע זאַך.

— א ביזנעס?

— א ביזנעס.

— א סוד?

— א סוד.

וויבאַלד א ביזנעס און א סוד, דאַרף מען די לידי אריינבעטען אין א בעזונדער חדר און אויסהערען איהר ביזנעס מיט איהר סוד.

פערשטעהט זיך, אז ברײנדעלע קאָזאַק האָט אָנגעהויבען מיט א לאַנגער הקדמה פון ווייט, לערך פון דער צייט, ווען זי איז נאָך געווען א פריילין און האָט זיך נאָך נישט געקאָנט אפילו מיט שטשופּאַק׳ען, פאַרחאַפּט זאָל ער ווערען. דעמאָלט האָט זיך איהר נאָך אפילו ניט געחלומ׳ט, אז זי וועט אמאָל זיין אין קאָלומבוסעס מדינה און פערטרעטען אַזאַ דזשאָב... דאָס הייסט, זי בעקלאָגט זיך ניט חלילה אויף איהר מזל. זי ווייסט, אז ס׳איז דאָ א סך אַזעלכע, וואָס וואָלטען זיך ווינשען האָבען איהר דזשאָב, וואָרום ווי אַזוי ס׳ניט איז, האָט זי נאָך א פּאָאר דאָללער אָפּגעשפּאָרט פון אמאָל, ניט קיין סך, נאָר אבי זי דאַרף ניט אָנקומען צו יענעם און קאָן מאַכען א לעבען...

ניסעל שוואַלב האָט געזעהען, אז די לידי איז אַוועק א ביסעל צו ווייט, האָט ער זיך ענטשולדיגט, וואָס ער האַקט איהר איבער סאַמע אין מיטען. עס פריידט איהם זעהר, וואָס זי דאַרף ניט אָנקומען צו יענעם און וואָס זי קאָן מאַכען א לעבען, ער זאָל אַזוי האָבען אַלעמענס גוטס. נאָר וואָס דענן? ער איז היינט זעהר ביזי. ס׳איז ביי זיי היינט סאַמע יאַריד: עס טרעט אויף אויף דער ביהנע זייער פרעמיער, לעאָ ראַפּאַלעסקאָ.

— וועגען איהם טאַקי בין איך דאָס געקומען צו אייך. — האָט איהם ברײנדעלע קאָזאַק א זאָג געגעבען, און ניסעל שוואַלב האָט איהר א קיק געגעבען אין איהרע קליינע יאַפּאַנישע אויגעלעך און איהר פערשוויצט רויט קיילעכדיג לבנה־פּנים און האָט זי א פרעג געגעבען האַלב ערנסט, האַלב כלומרשטדיג:

— צום בליישטיפט?

— וואָסער בליישטיפט?

— איך מיין, צום ביישפּיעל, וואָס קאָנט איהר מיר זאָגען וועגען לעאָ ראַפּאַלעסקאָ?

— וואָס איך קאָן אייך זאָגען וועגען ראַפּאַלעסקאָ׳ן? גיט מיר אָקאָרשט אייער האַנד.

— נאַט אייך מיינע בײדע הענד.

און ברײנדעלע קאָזאַק האָט זיך פריי־

הער גוט אויסגעווישט דעם פערשוויצטען רויטען פנים און נאָכדעם האָט זי צוגערוקט איהר שטוהל צו זיין שטוהל אזוי נאָהענט, אז ניסעל שוואלב האָט דערפיהלט א ווארעמקייט און א ריח פון מיענטא טראָפּען און פּאטשולי זייף אויסגעמישט מיט שוויים און מיט א שארפען אראָמאט פון ציבעלע... און די מאדאם טשערניאק, אָדער בריינדעלע קאָזאק, האָט איהם איבערגעגעבען ווי ווייט מעגליך אין קורצען, אז זי איז ניט מעהר וויא א שדכנ'טע, נאָר א שדכנ'טע אָהן א שום אינטערעס. איהר גאנצער אינטערעס בעשטעהט אין דעם, וואָס זי איז א גוטער פריינד העגריעטא'ן. עס מעג איהר אָנגעהן חאָטש האלב, וואָס זי ווינשט איהר. און אויב ער, ניסעל שוואלב, וויל, אז זיין שוועסטער העגריעטא שוואלב זאָל טראָגען דעם נאָמען ראפּאלעסקא, דארף ער זעהען, אז דאָס זאָל געשעהען וואָס גיכער, וואָרום טאָמער ניט, וועט זיין שפּעט...

ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך בריינדעלע קאָזאק אָפּגערוקט מיט איהר שטוהל אויף א פּאָר מעטער, אויסגעווישט נאָך א מאָל דאָס פערשוויצטע לבנה־פנים, אוועקגעשטעלט אויף שוואלבען איהרע קליינע יאפּאנישע אויגעלעך און געשמייכעלט מיט שטארק־צונויפגענומענע ליפּען, ווי א מענש, וואָס ווייסט עפּיס א זעהר וויכטיגע זאך, נאָר ער קאָן דאָס נישט ארויסגעבען מיט קיין ווערטער...

וויפיעל ניסעל שוואלב האָט זי ניט געמאטערט, זי זאָל איהם זאָגען, ווער און וואָס און ווען; וויפיעל ער האָט זיך איהר ניט געשוואָרען מיט אלע זיינע שבועות: "ווי זי זעהט איהם א שווימענדיגען", "ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס" "ווי ס'איז איין אויוועז פון גאָט", "אז ניט, זאָל ער זיך דערווערגען מיט'ן דאָזיגען טיש" — בריינדעלע קאָזאק האָט זיך איינגעהילט אין איהר רויטער ראָטאָנדע — און גוד־ביי!

— פּתח שין — שא! — האָט זי איהם געזאָגט שוין אויף דער שוועל, ארויפגעלייגט א פינגער אויף'ן מויל, מיט א ברייט שמייכעלע איבער איהר ברייטען פנים, און בעוויזען איהם אלע איהרע זעלטען־געזונדע ווייסע צייהן.

— געדענקט זשע, וואָס מע רעדט צו אייך: וואָס פריהער, איז געזינטער, און פּתח שין — שא, און גוד־ביי!...

קאפּיטעל 158.

אין לאָזשע נומער דריי

אז מע לעבט, דערלעבט מען זיך. געקומען דער טאָג פון'ם גרויסען עקזאמען פאר דעם נייעם "יודישען שטערן פון בוקארעשט", וואָס די פּרעססע האָט איהם אזוי אויפגעהויבען, אוועקגעשטעלט אין איין רייהע מיט די סאמע גדולים, ווי למשל, זאָנענטהאל, שילדקרויט, אירווינג, פּאָססארט, ראָססי און אנדערע.

דאָס שענע גרויסע ניקעל־טהעאטער איז געווען פול געפּאקט און שעהן אויפגעפּוצט. פון די דירעקטאָרען ביז די אָשערס זענען אלע געווען יום־טוב'דיג געשטימט און אויפגעלייגט. אויך דאָס פּובליקום איז געווען האָבערדיג. עס האָט זיך געפיהלט מעהר בענעפיס, עהרענאבענד, איידער פּראָבע־נומער פון א דעביוטאנט, וואָס טרעט אויף צום ערשטען מאָל פאר א גרויס פּובליקום. און דאָס פּובליקום איז באמת געווען גרויס. אויסער דעם געוועהנליכען פּובליקום, וואָס פילט אָן אלע נאכט די גאלערעע פון אלע יודישע טהעאטערס אין ניו יאָרק, האָט מען אין ניקעל־טהעאטער אין דעם דאָזיגען אָבענד געקאָנט זעהען אין די באקסעס, אזוי ווי אין פּארטער, א מאסע נייע פּערשוי-

נען, צווישען זיי פיעל אינטעליגענטען, און אויך א פּאָר כריסטען, ארום וועלכע דער דירעקטאָר ניקעל האָט זיך מיט גרויס רעשפּעקט און אונטערטעניגקייט ארומגעדרעהט, אליין אָנגעוויזען זיי זייערע פּלעצער, אליין אונטערגעטראָגען זיי דאָס פּראָגראם, כאָטש דאָס איז ניט זיין ארבייט. נאָר מיסטער ניקעל איז דאָך א יוד. און א יוד, ער מעג זיך זיין א פרייער בירגער פון'ם פרייען אמעריקא, האָט ער פאר א גוי דאָך מעהר דרך־ארץ, ווי פאר א יודען, וואָרום קוים האָט א גוי זיך אראָפּגעלאָזט צו די יודען אין א יודיש טהעאטער, קומט איהם, מע זאָל איהם אָפּגעבען כבוד...

בּערשטעהט זיך, אז מיסטער ניקעל האָט אויסגענוצט דעם דאָזיגען צופאל, ווי א גוטע רעקלאמע פאר זיין טהעאטער. ער האָט איינגערוימט יעדען איינציגען איין אנדער סוד, ווער די גויים זענען. ער האָט אָנגערופען נעמען פון דער הגדה און פארשוינען פון שושן הבירה, גאָרנישט געקוקט דערויף, וואָס א סך האָבען געוואוסט, אז דאָס זענען נישט מעהר ווי צוויי ברידער, מענעדזשערס פון א גרויס אמעריקאניש דראמאטיש טהעאטער.

די ניו־יאָרקער בלעטער האָבען אזוי פיעל געבומט וועגען דעם נייעם "שטערן פון בוקארעשט" אז דיא צוויי בעוואוסטע מענעדזשערס פון'ם דראמאטישען טהעאטער האָבען זיך נישט אויף קאטאָוועס פעראינטערעסירט מיט דעם יונגען יודישען סטאר, טאָמער — א קשיא אויף א מעשה — אויב ס'איז אפילו האלב אמת, וואָס מע שרייבט, וועט מען איהם אפשר קאָנען "קידנעפּען"? צו וואָס בעדארפען יודען האָבען ביי זיך א זאָנענטהאל, א שילדקרויט, א אירווינג, א פּאָססארט, אָדער א ראָססי? דאָס איז דאָך א פאקט, וואָס יודען אליין ווילען ניט אָפּלייקע־נען, אז זיי זענען א פאָלק פון ליפעראנטען, וואָס האָבען זיך אונטערגענומען צושטעלען דער וועלט דאָס בעסטע און דאָס פיינסטע וואָס זיי פערמאָגען...

זעלבסטפערשטענדליך, אז עס האָבען ניט געפעהלט אין יענעם אבענד קיין רעפּאָרטערס פון צייטונגען, ענגלישע אזוי וויא יודישע. דאָס זענען וואָהלע יונגען, איינס און איינס, גערויכערטע ליולקעס, געגאָלטע פנימ'ער, לעבעדיגע אויגען, דורכגעטריבענע פארשוינען, וואָס שרייבען לויפענדיג, עסען געהענדיג, שלאָפען זיצענדיג מיט א פאונטען־פען אין האנד.

צווישען דער מחנה רעפּאָרטערס זענען געווען אין ניקעל־טהעאטער אויך אונזערע בעקאנטע "חכמי הקיבעצארני" די געוויסע רעדעלפיהרער, פּאָליטיקער, פּאָעטען, פובליציסטען און רעדאקטאָרען פון צייטונגען, אָנגעוואָפּענט מיט כלי־זין אויף מלחמה צו האלטען און פיקירען זיך וועגען דעם נייעם "סטאר", וואָרום וויבאלד אז ער איז ביי איינעם א גא[illegible], איז ער ביי'ם אנדערען א יאָלד שבי[illegible]לדען; וויבאלד ער איז ביי דעם א זאָנענטהאל, א אירווינג, א פּאָססארט און א ראָססי, איז ער ביי יענעם א "גרינגהאָרן", א "פּעך־פויגעל", א "חיים־יענקעל", א "רומעניש פאסטוכעל", א "ציקאווע בחור'על" — נישט מעהר.

יאָ, עס האָט זיך געגרייט א קאָכעניש אין דער יודישער טהעאטער־וועלט אין ניו יאָרק. סאי די "פּאטריאָטען" פון ניקעל־טהעאטער, סאי דער "צד־שכנגדו" פון דיא אנדערע טהעאטערס, זענען געקומען מיט פארטיגע רעצענזיעס פאר די מאָרגענדיגע צייטונגען, וועלכע זיי רעפּרעזענטירען.

ביי אזעלכע אונגעוועהנליכע ספּעקטאקלען נעמען געוועהנליך די רעדאקטאָרען אליין אויף זיך די ראָל פון רעצענזענטען. ביי איין רעדאקטאָר פון א פּאָרגעשריטענער צייטונג האָט זיך די

רעצענזיע בעדארפט אָנהויבען מאָרגען אזוי צו זאָגען :

״שוין לאַנג האָבען די ווענד פון ניקעל־טהעאטער אזוי ניט געדונערט פון אונגעוועהנליכען אפלויז, און דער ענטהוזיאזם פון פובליקום, וואָס האָט נעכטען דערגרייכט ביז צו דער העכסטער שטופע, האָט בעדארפט איבערציינען אונזערע איבערגעקויפטע בעסטיאלע נעגנערס, אז...״

און ביי׳ם אנדערען נאָך מעהר פאָרגעשריטענעם רעדאקטאָר האָט זיך די מאָרגענדיגע רעצענזיע בעדארפט אָנהויבען מיט די דאָזיגע ווערטער :

״דער נעכטיגז׳ר מורא׳דיגער דורכפאל אין ניקעל־טהעאטער וועט זיין א גוטער לעסאָן פאר די צוויי־פיסיגע עזלען, וועלכע לייגען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו מאכען פון א וואָרט א קוואָרט און וועלכע וועלען אייך פאר א דאָלאר...״

מיט איינעם וואָרט, עס איז געוועזן, מעג מען זאָגען, א הויכע שטימונג אין ניקעל־טהעאטער. אלעמענס נערווען זענען געווען אָנגעשטרענגט, אלעמענס אויגען האָבען געקעהרט אהין, צום פאָרהאנג, וואָס האָט זיך בעדארפט אויפהויבען. און אָט זענען אויסגעלאָשען געוואָרען די פייערס. אָט האָט זיך אויפגעהויבען דער פאָרהאנג.

אין דער מינוט זענען מיט שטילע טריט אריינגעקומען דריי עלעגאנט געקליידעטע פארשוינען, וואָס זענען געהאט צו געפאָהרען צום טהעאטער אין א זעהר עלעגאנטען מאָטאָרקאר מיט א ״בלעקדרייווער״ אין פראָנט און געהייסען זיך צופיהרען גלייך צו דער לאָזשע נומער דריי — די טהייערסטע באקס וואָס אין ניקעל־טהעאטער.

די דריי פארשוינען זענען בעשטאנען פון איינעם איין עלטערען מיט א היבש בייכעל, איינעם נאָך גאָר א יונגען אין א ברייטען קאפעליש, שטאַרק אָנגערוקט אויף די אויגען, און מיט דעם יונגען מאן אונטער די הענד — א יונגע דאמע אונטער א געדיכטען שלייער. דאָס יונגע פאָרעל האָט דער עלטערער פארשוין, וואָס מיט׳ן בייכעל, אָפּגעפיהרט צו דער טהיר פון דער לאָזשע נומער דריי. דאָס פאָרעל איז אריין אין דער לאָזשע. דער שווארצער מענש איז געבליבען פון דער זייט טהיר מיט א דאמענמאנטעל און מיט א פלעד אויף דער האנד, און דער עלטערער פארשוין, וואָס מיט׳ן בייכעל, האָט זיך אומגעקעהרט צוריק און געלאָזט זיך דורך׳ן לאנגען שמאָלען קאָרידאָר אין פארטער אריין.

דארף זיך טרעפען, אז אקוראט אין דער מינוט זאָל דורכלויפען דעם שמאָלען קאָרידאָר איינער פון די דירעקטאָרען, ניסעל שוואלב, און בעגעגענען זיך א נאָז קעגען א נאָז מיט׳ן עלטערען פארשוין, וואָס מיט׳ן בייכעל. ביידע, סאי דער פארשוין וואָס מיט׳ן בייכעל, סאי ניסעל שוואלב, האָבען זיך א וואָרף געגעבען צוריק, געבליעבען שטעהן א ווייל׳ע און א קוק געגעבען זיך איינס דאָס אנדערע אין דיא אויגען אריין, צעגאנגען זיך, ווידער געבליבען שטעהן און ווידער א קוק אין די אויגען אריין. דאָס איבערקוקען זיך מיט׳ן שטעהען בלייבען האָבען אָבער מעהר נישט גענומען ביי זיי ווי צוויי־דריי סעקונדען, און איידער ביידע האָבען זיך געקאָנט דערמאנען, ווער מע איז, האָט מען זיך צעשיידט : דער פארשוין, וואָס מיט׳ן בייכעל, האָט זיך אוועקגעלאָזט אין פארטער אריין, און ניסעל שוואלב איז א ווייל׳ע געבליבען שטעהען און ג׳ זאָג געגעבען צו זיך אליין : ״ניט שוין זשע איז דאָס דער אייגענער לאמטידריידאָס? וואָס זשע האָט ער מיר אָנגעפייפט אין זיין באָרד?״ און באלד איז ער אוועק צו דער קאסע, אויפגעזוכט זיין שותף, דעם בעל־הבית פון טהעאטער, דעם

מיסטער ניקעל אליין, און עס האָט זיך פערבונדען צווישען זיי א קורצער, נאָר א שאַרפער געשפּרעך, וועלכען מיר גע־בען דאָ איבער וואָרט ביי וואָרט:

— ווער איז דאָס פּאָרעל, וואָס זיצט אין דער לאָזשע נומער דריי מיט א שווארצען מענשען ביי דער טהיר?

מיסטער ניקעל איז א פּארשוין, וואָס האָט פיינד לאַנג טראכטען.

— אין באקס נומער דריי? אויב ניט דזשייקאָב שיף, איז דאָס לואי מארשאל.

— אויב איהר זענט ניט קיין בלאָ־פער, זענט איהר א אידיאָט.

מיסטער ניקעל האָט אריינגעלייגטביידע הענד אין די קעשענים און האָט געשענקט זיין קאָמפּאניאָן אזא פריינד־ליכען קוק, גלייך ווי יענער וואָלט איהם נאָר־וואָס געמאכט דעם בעסטען קאָמפּ־לימענט.

— ווער זשע דענן זאָל עס זיין?

— אָט אזוי זשע רעדט און דרעהט ניט קיין יארמעלקע! אָט דער לאַמטיד־ריידאָס, וואָס האָט אָפּגעפיהרט דאָס פּאָרעל אין דער לאָזשע נומער דריי, זאָל מיר ניט געווען אָנפּייפען אין זיין באָרד אריין, וואָלט איך געזאָגט, אז דאָס איז סטעלמאך.

מיסטער ניקעל איז געבליבען מטושטש, וויא א מענש וואָס מען האָט איהם צעטרייסעלט, צעקולייטשעט זיינע מחשבות.

— וואָסער לאַמטידריידאָס? וועמענס באָרד? און ווער איז געווען דער סטעלמאך?

— מיר פאר דיין חכמה, ליכטיגער פּנים! איהר מאכט זיך תמ'עוואטע? צי איהר זענט טאקי א בהמה? צי איהר זענט ניט קיין היגער? איהר האָט קיינמאָל ניט געהערט דעם נאָמען גרישא סטעלמאך?

— גרישא סטעלמאך?

מיסטער ניקעל איז אונטער־געשפּרונ־גען, זיך דערלאנגט צוויי פּעטש אין בייד זיך אליין א זאָג געגעבען אונטער דער נאָז אזא וואָרט, וואָס לאָזט זיך ניט דרוקען אונטער קיין צענזור, ניט דאָ, ניט אין אמעריקא... נאָכדעם האָט ער אויסגעשריען דריי מאָל, שוין גאנץ הויך, אויף א קול:

— איך בין א אידיאָט און א אידיאָט און א אידיאָט!

— הערסט דוא! דאָס זאָג איך דאָך שוין לאַנג.

מיסטער ניקעל האָט דאָס דורכגעלאָזט פערביי און איז געוואָרען מלא שמחה:

— טע־טע־טע־טע! וויבאלד דאָס איז גרישא סטעלמאך, וויים איך שוין, ווער דיא יפהפיה איז. אניט זאָל איך ניט דערלעבען טאָג.

— אָמן. ווער זשע איז זי?

— מיסס ראזאליא ספּיוואק.

— ראזאליא ספּיוואק?

דאָ האָט זיך שוין ניסעל שוואלב דער־לאנגט א פּאטש אין שטערן, איבערגע־לאָזט דעם שותף ביי דער קאססע און אליין איז ער אוועק אין פּארטער, נאָך א מאָל א קוק טהון אויף זיין אלטען בע־קאנטען און זיך איבערצייגען, אויב דאָס איז טאקי דער "לאַמטידריידאָס, וואָס האָט איהם אָנגעפּייפט אין זיין באָרד"?

קאפּיטעל 159.

לאה דיא חזנ'טע אין ניו יארק

עס איז מעהר ווי נאַטירליך, אז אזא "ליוביטעל" פון יודיש טהעאטער, ווי דער סטעלמאך איז, זאָל זיין פון די ערשטע, וואָס איז געפלויגען זעהען און הערען דעם נייעם "שטערן פון בוקא־רעשט". א וואונדער איז נור, ווי קומט דאָס, ער זאָל זיך איינשטעלען אראָפּ־ברענגען מיט זיך די "קינדער" (גרישא'ן מיט ראָזא'ן), וואָס ער האלט זיי, ווי מיר ווייסען, אין א פושקעלע, האָט מורא זיי ווייזען פאר דער וועלט, ובפרט נאָך אינ'ם יודישען ניו יארק, דאון־טאון —

דע באקען, פריהער אין דער רעכטער, דערנאָך אין דער לינקער, און האָט אויף דאָרט קאָן זיי אודאי, לויט זיין טעאָריע, שאַדטען א גוט אויג ?... בכדי צו פער ענטפערען דאָס דאָזיגע רעטעניש, וועלען מיר זיך מוזען אויף א ווײלע אומקעהרען ווידער א מאָל צוריק צו אונזער העלדין פון'ם ראָמאן, זעהען, וואָס איז פאָרגעקומען מיט איהר אין דער לעצטער צייט.

מזל־טוב, פריינד לעזער, אונזער העלדין, ראָזא ספּייאַק... נאָר למאי זאָלען מיר חאפּען די פּיש פאַר דער נעץ ? געשעהענישען ווערען נישט פון זיך אליין, נאָר זיי געהען געקייטעלט איינס מיט'ן אנדערען, — דארף מען זיי אויך דערצעהלען איינס נאָך דאָס אנדערע.

פון סטעלמאכ'ס בריעף צו זיין גוטען פריינד געדענקען מיר, אז ראָזא האָט געהאט געזאָגט, אז זי וויל אויסשרייבען קיין אמעריקא איהר מאמע, וואָס איז ניט לאנג געבליעבען איין אלמנה נאָך איהר מאן, ישראלי דעם חזן. געזאָגט און געטהאָן. ראָזא ספּיוואַק איז ניט די, וואָס האָט ליעב לאנג טראכטען. און עס האָבען אָנגעהויבען פליהען דעפּעשען פון ניו יארק קיין האָלענעשטי אזוי לאנג, ביז ס'איז ניט געקומען קיין תשובה פון לאָה די חזנ'טע, אז זי פאָהרט. פערשטעהט זיך, אז די חזנ'טע איז געוועזן אויסער זיך פון די דאָזיגע דעפּעשען. זי האָט גערעכענט, ניט אנדערש, אז מיט איהר טאָכטער האָט זיך עפּיס געטראָפען איין אומגליק, אָדער זי איז חלילה פערביי, "ווארום וואָס דענן טארבאנעט מען מיט דעפּעשען, וואָס קאָסט א רענדעל א וואָרט ?" לאָה די חזנ'טע האָט זיך נאכדעם אליין מודה געוועזן פאר איהר טאָכטער, אז ווען ניט דאָס, וואָלט זי בפירוש ניט געהאפּט זיך קומען צו פאָהרען קיין אמעריקא, "ווארום, ערשטענס, וואָס האָט זי דאָ ניט געזעהען ? והשנית, וואָס וועט זיין מיט דער באָמבע ? "

— מיט וואָסער באָמבע ?

—מיט דעם נגיד'ס דירה, וואָס דו האָסט מיר אָנגעהאנגען אין האָלענעשטי, האָסט דו געזעהען א ביסעל ! ס'זאָל חאָטש זיין משך־צייט, וואָלט מען אפשר געקאָנט קריגען א שכן, חאָטש אפילו ביי אונז אין האָלענעשטי זענען דאָ ווינציג בעלנים אויף אזעלכע פאלאצען, סיידען אפשר צווישען כריסטען ? זענען זיי היינט ביי אונז אין דער בעסאראביע, ניט דאָ געדאכט, אזעלכע רשעים, אז ס'וואָלט שוין געמעגט אויף זיי קומען א מגפה.

אזוי פערענטפערט זיך לאָה די חזנ'טע, שיט און לאָזט אויס מיט איהר געוועהנליכען "האָסט דו געזעהן א ביסעל !".

מע קאָן זאָגען פאר געוויס, אז אונזער ראָזא ספּיוואַק האָט שוין בעדארפט חרטה קריגען אויף'ן גאנצען עסק ווארום דעם זעלבען טאָג, וואָס די מאמע האָט בעדארפט קומען צו־פאָהרען, איז שוין שיער ניט ארויס א שטיקעל קאָנפליקט צווישען איהר און גרישא סטעלמאכ'ס פאָטער. אלס פראקטישער מענש, האָט זי סטעלמאך א פרעג געטהאָן: "וואָס רעכענט זי, למשל, צו טהון מיט איהר מאמע ?" האָט איהם ראָזא דערויף נישט געענטפערט גאָר נישט. ניין. זי האָט איהם נור בעשענקט מיט איין קוק פון איהרע שווארצע ציגיינערישע אויגען. דאָס איז אָבער געוועזן אזא קוק, וואָס הלואי וואָלט זי איהם שוין בעסער אָפּגעזידעלט. מאיר סטעלמאך האָט נישט ליעב, אז ראָזא שוויגט שטיל. דאָס איז א שטילשוויגען פון א ים, איידער ער צעבייזערט זיך. דאָס איז א שטילשוויגען פאר א בורע... און ער האפּט זיך צו פערענטפערען, אז ער איז חלילה דערמיט ניט אויסען קיין יאה. ער מיינט נור, וואָס וועט זיין מיט א סטאנ־

ציע, און דער עיקר — "וואָס וועט די אָרעמע מאמע אכל'ען, עסען הייסט עס?"...

ראָזא האָט איהם פערשטאנען.

— א ? דאָס מיינט איהר ?

און נישט לאנג געטראכט, האפּט זי זיך אויף, קלינגט אָן, מע זאָל איהר צוגרייטען די רגע דעם אויטאָמאָביל, וועט זי זיך אראָפּחאפּען אויף א ווײלע דאון־טאון — בעשטעלען א יודישע סטאנציע מיט א כשר'ער קיך פאר דער מאמע.

— דער שומר־ישראל איז מיט אונז! נאָך דאָס פעהלט מיר ! ?...

מאיר סטעלמאך האָט זיך אויפגעחאפּט, ווי א מענש, וואָס מע האָט איהם אָפּגעקאָכט מיט זודיג וואסער, אָדער אָפּגעגאָסען מיט ברענענדיגען עסיג. ער האָט לאנג געארבייט און גערופען דעם זוהן צו הילף, ביז ער האָט קוים געפועל'ט ביי ראָזא'ן, אז זי זאָל בעסער זיצען אין דער היים. ער, מאיר סטעלמאך, וועט זיך שוין אליין מטריח זיין דאון־טאון. ער וועט שוין אליין דינגען איין 'אנשטענדיגע סטאנציע פאר איהר מוטער און וועט שוין אליין זעהען, אז ס'זאָל זיין, ווי מע זאָגט אין אמעריקא, אָלל־רייט.

און ס'איז געוועזן אָלל־רייט. נישקשה, מאיר סטעלמאך האָט מיט דער חזנ'טע געהאט צו זינגען און צו זאָגען. א גליק, וואָס ער האָט א גוטען פריינד, פאר וועמען אויסגיסען דאָס הארץ חאָטש אויף פאפּיער. האָט איהם מאיר סטעלמאך אוועקגעשריעבען א בריעף אויף דריי גרויסע בויגען פאפּיער, ווי זיין שטייגער איז, פון אלע פיער זייטען, געדיכט און מיט גאנץ קליינע אותיות'לעך אויסגעגאָסען פאר איהם אלע צרות, יסורים און הארצוועהטיג, וואָס ער איז אויסגעשטאנען פון דער האָלענעשטער חזנ'טע. שטעלט אייך פאָר, אז ער האָט איהר געמוזט אליין דינגען א סטאנציע און דוקא ביי א בעססאראביער יודען, א שוחט, און בעקאנט מאכען זי מיט אלע "נעקסט־דאָריגע" שכנות, קויפען איהר צוויי פאָר "סעקאָנדהענדיגע" לייכטער אויף ליכט בענטשען. און לאָה האָט דוקא געוואָלט, אז די לייכטער זאָלען זיין מעשענע, ווייל זינט זי איז א בעל־הבית'טע, אזוי זאָגט לאָה און שווערט זיך ביי דער טאָכטער, האָט זי געבענטשט ליכט נאָר אויף מעשענע לייכטער — געה וואָרף אוועק אלע ביזנעס און זוך איהר אויס אויף איסט־בראָדוויי צוויי פאָר מעשענע לייכטער ! מאיר סטעלמאך האָט נעבאָך גוט געשוויצט, ביז ער האָט זי פערזאָרגט מיט איהרע בענטשליכט. זענט איהר שוין פארטיג ? דארף מען איהר געהן זוכען א שוהל אויף צו דאווענען. פארטיג געוואָרען מיט דער שוהל, לאָזט זיך אויס, אז זי האָט איהר קרבן־מנחה איבערגעלאָזט אין גרויס איילעניש אין האָלענעשטי ביים איינבינדער — געה זוך אויף א יודישען מוכר־ספרים און קויף איהר א קרבן־מנחה. היינט מיט'ן עסען וואָס ער האָט געהאט, איידער ער האָט איהר געקריגען דעם אמת'ן רעסטאָראן. וואָרום אין'ם ערשטען רעסטאָראן, וואָס ער האָט זי אריינגעפיהרט, האָט מען איהר אויפ'ן אנדערען טאָג פאָרגעלעגט עפּיס א מין מאכל, וואָס ס'הייסט "ברעקפיש"". האָט זי געזאָגט, אז פיש וועט זי עסען, נאָר ניט קיין "ברעקפיש" — וואָרום ווער ווייסט, טאָמער איז דאָס ראקעם ?... טענה'ט מען מיט איהר, אז ס'איז ניט קיין ראקעם און ניט קיין פיש, ס'איז גאָר פלייש, און עס הייסט ניט "ברעקפיש", עס הייסט "ברעקפעסט"— אלץ איינס, וואָס מע רופט ביי אונז "אָנבייסען". זאָגט זי : עס מעג שוין הייסען ווי עס וויל זיך. זי האָט קיינמאָל ניט געגעסען קיין מיאוסקייט און וועט היינט אויך ניט עסען.

הכלל, מאיר סטעלמאך האָט זיך מיט איהר אָנגעפרעגט מפטיר. נאָר וואָס

טהוט ניט א טאטע צוליעב א קינד ?
אז ערשטענס, וויל ער ניט, אז רגזא זאָל
זיך ארומפיהרען מיט דער מאמע איבער
העסטער סטריט — נאָך דאָס פעהלט
איהם ! און צווייטענס, האָפט ער,
אז אין דער חזנ'טעס זכות וועט זיך
אויספּיקען, אם־ירצה־שם, דער שדוך, און
אפשר נאָך גאָר אין גיכען...

אמת, ער האָט די ערשטע צייט גע־
האט מיט דער חזנ'טע אליין גענוג וואָס
צו טהון, שיער געשפּיגען מיט בלוט, ביז
ער האָט ביי איהר גע'פּועל'ט, זי זאָל
מסכים זיין צום דאָזיגען ש'דוך. גוטע
יאָהרען, אז סטעלמאַך בעדארף זיך אָנ־
ווארפען מיט זיין גרישא'ן, אויסשלאָגען
א קניהע ערד פאר א האָלענעשטער
חזנ'טע, זי זאָל איינשטימען אויף'ן
שדוך ! נאָר וואָס טהוט ניט א טאטע
צוליעב א קינד ? די חזנ'טע, פער־
שטעהט איהר, האָט זיך אוועקגעשטעלט
איין מאָל פאר אלע מאָל : דער בחור
איז טאַקי א פיינער בחור, מע קאָן ניט
זאָגען. און א פערדיענער איז ער אויך.
ווער זאָגט דענן, אז ניין ? נאָר וואָס
קומט ארויס, אז ער איז נעבאך א כלי־
זמר, האָחט דו געזעהען א ביסעל !
טענה'ט נעבאך סטעלמאַך : אויף אלע
יודען געזאָגט געוואָרען ! זיין זוהן איז
אזוי א כלי־זמר, ווי ער איז א רב.. זאָגט
זי : וואָס דענן טהוט ער ? ער שרייבט
ספרים ?... גיט ער איהר צו פער־
שטעהן, אז זיין זוהן איז איין ארטיסט.
ענטפערט זי איהם : דרייסיג מאָל אר־
טיסט, קוים שפּיעלט ער אויף'ן פיעדעל,
איז ער א כלי־זמר. טאַקי א פיינער בחור
און א פערדיענער, ווער זאָגט דען, אז
ניין ? לאָז איהם גאָט צושיקען זיין
זווג, ווי ער פערדיענט, האָסט דוא גע־
זעהן א ביסעל ! און איהר טאָכטער זאָל
דער אויבערשטער בעשעהרען עפּיס אנ־
דערש, וואָרום איהר מאַן עליו השלום
האָט אליין ניט געשפּיעלט אויף'ן פיע־
דעל, און זיין טאטע האָט ניט געשפּיעלט
אויף'ן פיעדעל, און זיין טאטענס טאטע
האָט ניט געשפּיעלט אויף'ן פיעדעל —
אז מע שמועסט א חלירע פון א יודענע,
איז דאָך ניט שייך !

דערפאר אָבער, אז סטעלמאַך האָט
שוין גע'פּועל'ט ביי איהר, אז זי זאָל
איינגעהען אויף'ן שדוך, האָט ער געפּוּר־
נען אין דער חזנ'טע איין אמת'ען אוצר.
עס איז נור שווער געווען ביז מע איז
מיט איהר אליין פארטיג געוואָרען מיט
דער זאך. קוים אָבער האָט זיא נאָך א
קורצער צייט נאָכדענקען און נאָכקוקען
ארויסגעזעהען, אז דער בחור איז פאר
איהר רייזלען אָנגעמאָסטען, האָט זיך
די חזנ'טע נאָסיאדעט אויף דער טאָכ־
טער, וויא א גוטע זאקוציע : איין מאָל
פאר אלע מאָל — ביז וואנעט איז דער
שעור צו הוליען? אין זייער משפחה
האָט זיך נאָך ניט געטראָפען, אז א מיי־
דעל זאָל חלילה פערזיצען ביז'ן גרויען
צאָפּ... ער, עליו השלום, זאָל איצטער
לעבען, וואָלט ער געוואָרען ברייטער ווי
לענגער. ער וואָלט זיכער געזאָגט, אז
ס'איז מן השמים... נאָר אז גאָט האָט
איהם געשטראָפט, ער, עליו השלום, האָט
ניט זוכה געווען, זאָל זי, איהר צו לייג־
גערע יאָהר, חאָטש זוכה זיין, כל־זמן די
פיס טראָגען אויף זיך איהר זינדיגען
גוף, האָסט דו געזעהען א ביסעל !...

— — — — — — —

"בקיצור, וואָס זאָל איך אייך לאנג
מאריך זיין, ליעבער פריינד ? מיר האָ־
בען א שטארקען גאָט, און איך דאנק
איהם און לויב איהם אלע טאָג, וואָס ער
האָט מיר צוגעשיקט אהער די דאָזיגע
יודינע אויף צו פּיקען דער טאָכטער אין
קאָפּ אריין. זי וועט איהר אזוי לאנג פּי־
קען און פּיקען, ביז עס וועט זיך אויס־
פּיקען, און איך וועל אייך מסתמא אין
גיכען צושיקען א מזל־טוב, און אפשר
בעטען, איהר זאָלט קומען צו פאָהרען צו
אונז אויף חתונה, אָדער קיין לאָנדאָן,
אָדער אפשר נאָך אהער, קיין ניו־יאָרק,

און איהר וועט דאָך אודאי זיין א גוטער ברודער און וועט אונז מסתמא ניט אָפּ־זאָגען. נאָר — אוי! ווי דערלעבט מען עס שוין, רבונו של עולם!?"....

דאָס זענען דיא ווערטער, מיט וועלכע מאיר סטעלמאַך האָט פערענדיגט איי־נעם פון זיינע גרעסטע און הארצעדיגס־טע מליצה בריעף צו זיין אמת'ען גוטען פריינד.

קאַפּיטעל 160

מזל־טוב

עס איז איין אויסגעפּרובטע זאך אין דער וועלט, אז א גוטע בשורה קומט קיינמאל ניט, ווען מע וואַרט אויף איהר. נאָר תמיד אומגעריכט.

מאיר סטעלמאַך איז זיך געזעסען ביי'ם שרייבטיש, ביי זיך אין האָטעל. איז געשריבען א בריעף אהיים, צו זיין פלונית. ער האָט זיך געקלאָגט פאר איהר אויף דעם לאנד אמעריקא, וואָס שטעקט אזוי וויט, אָפּגעריסען פון דער גאנצער וועלט, און אויפ'ן טומעל מיט'ן הי־הא, מיט'ן טארעראם, וואָס דאָ איז — איין אמת'ער יאריד! און איבער־הויפּט האָט ער זיך געקלאָגט אויף דיא קינדער, וואָס סע ציהט זיך ביי זיי דאָס עסק אזוי לאנג.

"וואָס זאָל איך דיר שרייבען, זוגתי היקרה, עס האלט נאָך ביי זיי גאָר פון פאָרענט. — האָט מאיר סטעלמאַך זיך מתודה געווען פאר זיין ווייב. — עס איז ביי זיי א מעשה אָהן איין עק, א לאנגע קרענק, א פערצויגענע ליו..."

"ליובאָוו" האָט ער, אפנים, געוואָלט אוועקשטעלען האָט מען איהם איבער־געשלאָגען סאמע אין מיטען מיט א קלאַפּ אין טהיר.

— קאָם אין! — האָט אויסגערופען סטעלמאַך אויף ענגליש מיט'ן יודישען אקצענט און מיט איין "אזלא־גרש" טראַפּ, אזוי אז פונ'ם "קאָם אין" איז אויסגעקומען "קאָמען", און פונ'ם "קאָ־מען" — "קוימען", ווי דער שטייגער איז פון אונזערע ברידער אומעדום צו פערגרידישען די אָרטיגע שפּראַך. און עס זענען אריינגעקומען די קינדער (גרישא און ראָזא), ביידע אָנגעטהאָן אין ספּאָרט־קליידער און ביידע מיט שיינענ־דיגע פּנימער און גלאַנצענדיגע אויגען:

— פּאַפּאַ, אונז קומט מזל־טוב....

די ערשטע מינוט איז סטעלמאַך גע־בליבען ווי פאראליזירט און בלאַס, ווי דער טוידט, ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהען זיין גרישא'ן אזוי גליקליך, און אויך ראָזא האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אזא שיינענדיג פּנים, ווי אין יענעם פריהמאָרגען. ביידע קינדער האָ־בען געבליהט, ווי די שענע בלומען אין פריהלינגסצייט. דער פאָטער איז ניט געווען בכח צו ריהרען פונ'ם אָרט. האָט ער נור געביטען די אויגען פון גרישא'ן אויף ראָזא'ן און פון ראָזא'ן אויף גרישא'ן: "שוין זשע איז דאָס גע־שעהען?".... עס האָט איהם אזש בע־שלאָגען א שוויים. ער האָט אָפּגעזיפצט, זיך אָנגעשפּאַרט אויפ'ן שטוהל און קוים ארויסגערעדט:

— אזוי? עס קומט אייך, זאָגט איהר, מזל־טוב? הערט זשע, וואָס זשע שווייגט איהר? וואָס זשע בין איך גע־בליבען זיצען, ווי א לייהמענער גולם? קימט זשע אהער, וועל איך אייך אָפּגע־בען מזל־טוב.

און מיט די ווערטער האָפּט ער זיך אויף, נעמט ארום די קינדער איינציג־ווייז, האלזט זיך מיט זיי און קושט זיך מיט זיי, און בעמערקט גאָרניט, אז עס שטעהען איהם טרערען אין די אויגען.

דער זוהן, וועלכער איז אליין אויך געווען ניט ווינציג אויפגערעגט, האָט בעמערקט דעם טאַטענס טרערען:

— וואָס זשע איז דער געוויין, פּאַפּאַ?

— איך וויין דען? — זאָגט דער פאָטער, ווישענדיג די נאַסע אויגען. —

ווער האָט דיר געזאָגט, אַז איך וויין, נאַרעלע?

— ניין. חס ושלום. ווער זאָגט דענן, אַז איהר וויינט? — רופט זיך אָן ראָזא מיט א געלעכטער. — איהר וויינט ניט. נאָר עס גיסען זיך ביי אייך טרערען, ווי ביי מיין מאמע, אַז עס קומען אָן די ווייענדיגע טעג.... וויבאלד אזוי, היינט וואָס וועט שוין מיין מאמע זאָגען, אַז זי וועט געוואָהרע ווערען פון דער גדולה?... גרישא! מיר פאָהרען צו דער מאמע...

דעם פאָטערס הארץ ווערד ביי מאיר סטעלמאך שיער ניט צעגאנגען פאר תענוג.

— צו דער מאמע, צו דער מאמע! — חזר'ט איבער מאיר סטעלמאך ראָזא'ס ווערטער, און נעמט ארומלויפען איבער'ן חדר, זיך טאפּען אין די קעשענים און זוכען, ער ווייסט אליין ניט וואָס. פאר גרויס איממעט האָט ער גאָר פערגעסען, אַז ער דארף קייבלען קיין לאָנדאָן, צו זיין ווייב, וועגען דער דאָזיגער גליקליכער בשורה. און ער האָט זיך אויפגעזעצט אינאיינעם מיט די קינדער אין זייער אויטאָמאָביל און מע איז אוועק אלע דריי אין יודישען ניו־יאָרק, דאון־טאון, צו לאה דער חזנ'טע — אָפּגעבען איהר מזל־טוב.

לאה די חזנ'טע איז יענעם פריה־מאָרגען, ווי אלע אין דער פריה, געזעסען איבער'ן קרבן־מנחה, געהאלטען אין מיטען דאווגען בעת צו איהר אכסניה אין דעם יודישען ניו־יאָרק איז צוגעפלויגען מיט א ירגזון א גרויסאַרטיגע מאָטאָרקאַר מיט א שווארצען מענשען, אָנגעטהאָן אין ווייסע איבערגעקעהרטע שטיוועל.

דאָס איז אמת, אַז אין ניו־יאָרק איז איין אויטאָמאָביל און א נעגער עפּיס נישט אזא נייעס, וואָס זאָל ארויסרופען חדושים. נאָר פאר יודישע קינדער, ווייבע חברה'ניקעס, אין דער יודישער גאס, איז דאָס א שטיקעל געשעפט. ס'איז דאָ, וואָס צו בעטראכטען, פון וואָס צו רעדען, וואָס א גלעט צו טהון. און דעם שווארצען מענשען מיט די ווייסע איבערגעקעהרטע שטיוועל ארויסשטעלען א צונג — דאָס האָט דאָך גאָט אליין געבאָטען. א גליק, וואָס ס'איז פאראן א שאָפער מיט מורא'דיגע ברילען אויפ'ן דאשעק, וואָס קאָן געבען האלז אין נאקען: אניט וואָלטען חברה זיך געוויס ארויפגעדאפּט אויפ'ן משונה מורא'דיגען וואָגען. וואָס זעהט אוים, ווי א לעבעדיגע חיה אויף רעדער, און וואָלטען געוויס זיך געגעבען א פאָהר דורך איבער דער שטאָדט — לאָזען זיי זעהען, די יודען פון דער העסטער סטריט, א רוח אין זייער פאָטער און מוטער אריין!

צום אלעם ערשטען איז פון אויטאָמאָביל ארויסגעשפּרונגען סטעלמאך דער פאָטער. ער האָט געוואָלט די מצוה: אָנזאָגען דער חזנ'טע די גוטע בשורה און אָפּגעבען איהר דעם ערשטען מזל־טוב. ער איז אריינגעפלויגען צו איהר, ווי א וויכער:

— גוט מאָרגען אייך, מזל־טוב! איהר ווייסט, מיר זענען מחותנים!

סטעלמאך האָט גערעכענט, אַז די חזנ'טע, דערהערט אזא בשורה, וועט זי זיכער אוועקלייגען דעם סדור אויף א זייט און וועט ווערען אויסער זיך. צום סוף האָט ער א טעות געהאט. זי האָט איהם א וויין געגעבען אויף א שטוהל, ער זאָל זיצען א ווילע, און אליין האָט זי זיך אוועקגעשטעלט מיט'ן פּנים צו דער וואנד — שמונה־עשרה. סטעלמאך האָט זיך אוועקגעזעצט ביי א זייט, און אויך די קינדער, אַז זיי זענען אריינגעקומען מיט'ן ברייטען גוט־מאָרגען, דערזעהען די חזנ'טע שטעהן מיט'ן פּנים צו דער וואנד, האָבען זיי זיך אויך געמוזט אוועקזעצען און אָפּווארטען, ביז זי וועט אויסשטעהן שמונה־עשרה און אָפּזאָגען תחנון. און ערשט דעמאָלט.

אויסגעהערט דעם מזל־טוב, האָט זי פערבויגען א בלעטעל אינ׳ם קרבן־מנחה און זיך אָנגערופען צו די קינדער אַזוי צו זאָגען :

— מזל־טוב אייך און מיט מזל זאָלט איהר לעבען. לאָז גאָט געבען, ס׳זאָל מאַקי זיין שוין אין א גוטער שעה א מזל׳דיגער. ווארום וואָס דען איז דער תכלית פון׳ם מענשען, האָסט דו געזעהן א ביסעל ? אז דער אויבערשטער גיט קינדער, דארף מען האָבען פון זיי נחת. שלעכט איז נור דעם, וואס ליגט אין דער ערד. ער עליו השלום זאָל איצט זיין אָט א דאָ...

לאָה די חזנ׳טע האָט בעהאלטען דאָס פנים אין פארטוך.

— די טוידטע לאָזט צורוה, מחותנת׳טע ! — האָט איהר סטעלמאַך איבערגעשלאָגען די רעד, געוואָלט זי אויפמונטערען. — לאָמיר בעסער רעדען אצינד פון עפּיס פרייליכערעס...

די חזנ׳טע האָט אויפגעהויבען אויף איהם איהר פעררויטעלט פנים מיט די פערוויינטע אויגען :

— פרייליכערעס ? וועמען ס׳איז פרייליך, און וועמען ס׳איז אומעטיג, האָסט דו געזעהן א ביסעל ! וועמען עס לאַכט זיך, און וועמען עס וויינט זיך. וועמען עס קלעהמט דאָס הארץ, און וועמען עס גלוסט זיך חאפּען א טענצעל. ווי מיר זאָגען אין׳ם ונתנה־תוקף...

די חזנ׳טע האָט זיך ערשט געקלויבען אוועקלייגען א מענה־לשון און אָפּשפּיעלען איהר מחותן א וויוואט, ווי עס געהער צו זיין. האָט זיך אָבער אריינגעמישט די טאָכטער, וואָס איז געווען יענעם פריהמאָרגען מאָדנע פרייליך.

— מאַמע ! דעם ונתנה־תוקף לאָז איבער אויף ראש־השנה. איצט, אז דו האָסט זוכה געווען, דיין טאָכטער איז א כלה געוואָרען, און דו אליין האָסט דאָך מיר דערויף צוגערעדט, אויב ניט ארויפגעפיהרט, דאַרפען מיר צוקלערען, ווי אזוי מיר זאָלען פערברענג״ן אמבעסטען דעם דאָזיגען טאָג מיט דעם דאָזיגען אָבענד.

— קינדעניו ! וואס איז דאָ שייך צו קלערען ? — האָט זיך די חזנ׳טע ארויסגעזאָגט איהר מיינונג. — מע בעדאַרף צונויפרופען מענשען, שרייבען תנאים, ברעכען טעלער, מע איז דאָך עפּיס יודען אויף דער וועלט, האָסט דו געזעהן א ביסעל !

נאָר ווי ביטער איז נעבאך געווען דער חזנ׳טע אויסצוהערען פון איהר טאָכטער, אז קיין מענשען דאַרף מען ניט רופען, קיין תנאים ניט שרייבען און קיין טעלער ניט ברעכען — עס איז שוין ביי זיי איין אָפּגעמאכטע זאַך, זיי האָבען זיך ערקלערט אלס חתן־כלה, און דאָס איז אלעס.

מיט פערוואונדערטע אויגען האָט די פרומע מוטער בעטראכט דאָס דאָזיגע שענע גרויסארטיגע גליקליכע פּאָר און איז געווען ניט אינגאנצען בעפרידיגט. טאַקי אלסדינג גוט, אלסדינג פיין, אלסדינג קיין עין־הרע ניט, זיי זענען ביידע יונג און שען און רייך און בעריהמט. דאנקען דעם לעבעדיגען גאָט. זי האָט צו איהם קיין טענות ניט. נאָר וואָס וואָלט גאָט געאהרט, למשל, אז ס׳זאָל צוגעהען ביי זיי א ביסעל מעהר יודישליך, אויף׳ן אלטען יודישען שטייגער ? וואָלט דען ניט שענער געווען א מנין יודען, טאַקי אמת׳ע יודען, היימישע, מיט בערד און מיט היטלען, זאָלען זיך ארומדרעהען אין שטוב ? עס זאָל זיין אויך א רב און א חזן און א שמש. דער רב זאָל מקבל קנין זיין. דער חזן זאָל לייענען די תנאים. און דער שמש זאָל געבען א שליידער אין דער ערד אריין דעם ערשטען טעלער, און דער גאנצער עולם זאָל אויסרופען : ״מזל־טוב ! מזל־טוב !״ וואָס איז די שענקייט אין דעם, וואָס חתן־כלה העג־

געװען איינס ביי׳ם אנדערען אויף דער האנד, דער חתן געהט אָהן א היטעל, און אפילו דער טאטע זיינער, דער מחותן — איהם איז אויך שווער דאָס היטעל אויף׳ן קאָפּ. א וויסטע מדינה אָט דאָס אמעריקא!

אזוי טראכט זיך די פרומע חזנ׳טע און לאָזט אויס איהר פערביטערט הארץ אויף איהר מחותנ׳ס קאָפּ, למאי ער געהט אָהן א היטעל. זי רופט זיך אָן צו איהם:

—מילא יונגווארג, אז זיי פיהרען זיך אזוי הפקר׳דיג, איז גאָרניט. היינטיגע וועלט, ווי איהר רופט עס אָן, ארטיסטען. אָבער איהר, א יוד מיט א באָרד, האָסט דו געזעהען א ביסעל!...

ביי דיא ווערטער האָבען אלע זיך איבערגעקוקט: סטעלמאכ׳ס באָרד האָט די לעצטע צייט געחאפּט פון׳ם באַרבער א מיאוסען אָפּשניט, אזוי אז ס׳איז נור געבליבען א סימן פון א באָרד און אלע האָבען זיך צעלאכט, אויסער דער חזנ׳טע. זי האָט אויך אויפגעהויבען איהרע פרומע אויגען און דערזעהען איהר מחותנ׳ס איבערגעבליבען שטיקעל באָרד, האָט זי מעהר נישט געזאָגט גאָרניט. זי האָט נור א זיפץ געגעבען, איבערגעמישט א בלעטעל אין קרבן־מנחה און גענומען זאָגען שטילערהייד און גיך און מיט א ניגון:

— שומר ישראל שמור שארית ישראל ואל יאבד ישראל האומרים שמע ישראל...

קאפּיטעל 161.

א גליקליכער טאָג

הצלחה און שלים־מזל — דאָס זענען אזעלכע געסט, וואס קוים פערקלויבען זיי זיך צו עמיצען, בעזעצען זיי זיך פעסט און פערגעסען דעם זייגעזונד. א מענשען, אז עס הויבט אָן געהן, איז קיין קאַטאָוועס ניט!

מאיר סטעלמאך איז געוועזען איינער פון די גליקליכע, וואס די הצלחה האָט זיך צו איהם פערקלויבען און געשפּיעלט אָהן איין אויפהער. סאַי געלד, סאַי כבוד האָבען זיך ווי געגאָסען פון׳ם הימעל, זיך געריסען און געקראָכען צו איהם אין שטוב אריין. איהם האָט געפעהלט איצט נור איין זאך: דערלעבען א נחת אין זיין זוהן — און ער האָט איהם דערלעבט.

אויב עס האָט זיך געפונען ווען עס איז אמאָל אויף דער וועלט א גליקליכער פאָטער — איז דאָס געוועזען יענעם טאָג געוויס ניט קיין אנדערער, נאָר דער גליקליכסטער פון אלע פאָטערס, מאיר סטעלמאך. ער האָט נישט געפיהלט די ערד אונטער זיך. עס האָט איהם געטראָגען אין דער לופטען. פאר גרויס שמחה האָט ער גענומען די קינדער און איז אוועק מיט זיי אין דער גרעסטער ביזשוטערי, זיך געהייסען בעוויזען די פיינסטע דיימאנדס און געבעטען ראָזא׳ן, זי זאָל זיך אויסקלויבען דאָס בעסטע און דאָס טהייערסטע אויף זיין רעכענונג — "ניט זשאלעווען זיין געלד" און ראָזא האָט איהם צוליעב געטהאָן. זי האָט איהם געשטעלט צום צעטעל, ווי עס געהער צו זיין, "ניט געזשאלעוועט זיין געלד".

מאיר סטעלמאך האָט זיך יענעם טאָג געמוזט מודה זיין, אז דאָס איז איהם דאָס ערשטע מאָל אויף זיין לעבען, וואס ער טראנזשירט געלד מיט אזא ברייטער האנד און מיט אזא גרינג הארץ. ס׳איז, דאכט זיך, גאָר ניט געוועזען אזא זאך אויף דער וועלט, וואס זאָל זיין יענעם טאָג ביי איהם צו־טהייער צוליעב ראָזא׳ן. "דורשינקע! עד חצי המלכות!" — האָט ער איהר געזאָגט אויף לשון־קודש פאר גרויס פרייד און פערטייטשט אויף יודיש: "דאָס טעלערעל פון׳ם הימ־מעל!"...

נאָך׳ן עסען, אז ס׳איז געוועזען כטוב לב המלך ביין, דער פאָטער סטעלמאך

איז געזעסן ביי זיין זוהן אין א הייכען פאָטעל, האלב־צעשפּילעט, מיט א האַוואַנאַ־סיגאַר אין מויל, און סטעלמאך דער זוהן איז ארומגעגאנגען הין און צוריק איבער'ן צימער און געפאנטאַזירט אויף זיין אלטער כטראַדיוואַריוס־פיעדעל, האָט זיך מאיר סטעלמאך צוגעזעצט צו ראָזא'ן און גענומען איהר שטילערהייד שעפטשען זיסע ווערטער בסוד. דער סוד איז געווען: צו ווייסט זיא חאָטש, וויפיעל זיין גרישא פערמאָגט נדן ?...

ראָזא, וואָס איז געזעסן אָנגעשפּארט אויף איהר האנד און ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פון גרישא'ן און פון זיין פיעדעל, האָט דעם סוד ניט געהערט און ניט געוואָלט הערען. איהר נשמה איז געווען איצט אינגאנצען דאָרט, אין יענער וועלט, וואוהין עס האָבען זי פערטראָגען דיא הימעלישע מעלאָדיען, וואָס דער גרויכער כשוף'מאכער גרישא סטעלמאך האָט אזוי גרינג און אזוי גלאָט ארויסבעקומען פון זיין אלטער טהייערער סטראַדיוואַריוס־פיעדעל.

נישט קיין גרויסאַרטיג בעלייכטער זאל אין דער גרויסער וועלט, נישט קיין גלענצענדעס צוגעקלויבען פובליקום פון לויטער אריסטאָקראטען, מאגנאטען, מיליאָנערען און דאמען, נישט קיין קעניגליכע פאלאצען האָבען אויפגעחאַפּט דעם דאָזיגען מאעסטראָ און אוועקגעטראָגען איהם אויף זיין סטראַדיוואַריוס־פיעדעל אין א וועלט פון הימעלשע געזאנגען, פון געטליכע מוזיק און פון גן־עדן־מעלאָדיען. ניין, סך־הכל איין וואָרט, דאָס גוטע זיסע וואָרט "יאָ", וואָס ראָזא האָט איהם ערשט היינט געזאָגט, — דאָס דאָזיגע איינע וואָרט האָט בעוועגען דעם דאָזיגען יונגען נאָר גרויסען כשוף'מאכער, ער זאָל בעווייזען וואונדער אויף זיין פיעדעל.

און זיין פיעדעל האָט ניט געשפּיעלט, נאָר גערעדט. גערעדט אויף א געטליכער שפראך, אזא שפראך, וואָס נור א גרויסער ארטיסט קאָן אזוי רעדען און נור א גרויסער ארטיסט קאָן זיא פערשטעהן. עס האָט זיך געדאכט, אז מלאכים האָבען זיך געטראָגען אין דער דאָזיגער וועלט פון הימעלשע געזאנגען, אין דעם דאָזיגען ים פון ניט־ערדישע קולות. זיי האָבען זיך געטראָגען אויף און אָפּ. זיי האָבען בעגריסט און געזונגען אויף טויזענדער קולות. זיי האָבען געלויבט און געגעבען א שבח צו דעם, וואָס האָט בעשאפען דיא דאָזיגע גרויסע שענע וועלט פון געזאנג, פון מוזיק, פון שעהנהייט, פון כשוף און פון ליעבע. ניין, גרישא סטעלמאך האָט שוין לאנג אזוי ניט געשפּיעלט. גרישא סטעלמאך האָט נאָך קיינמאָל אזוי ניט געשפּיעלט, וויא אין יענעם פריהמאָרגען. אין יענעם פריהמאָרגען איז געפייערט געוואָרען א יום טוב אין זיין הארצען, א שמחה, א פרייד אין זיין נשמה. הונדערט גערטנער האָבען דאָרטען אויפגעבליהט. טויזענדער פויגלען האָבען דאָרטען געזונגען. און ער האָט ניט אויפגעהערט צו רעדען אויף זיין געטליכער שפראך, אלע מאָל זיסער און שטארקער. ער האָט ניט אויפגעהערט צו דערצעהלען ראָזא'ן אויף זיין פיעדעל שענע מעשיות. ער האָט ניט אויפגעהערט צו טרויימען פאר איהר זיסע מיט גאָלד געוועבטע חלומות — און ראָזא, וואָס האָט פערשטאנען די דאָזיגע געטליכע שפראך מעהר פון אלעמען, האָט זיך צוגעהערט צו די דאָזיגע שענע מעשיות, צו די דאָזיגע זיסע מיט גאָלד געוועבטע חלומות. עס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אז אָט־אָט געהט איהר אויס דאָס חיות, אָט־אָט פליהט ארויס איהר נשמה און בעהעפט זיך מיט אָט דער וועלט פון געזאנגען און ווערט דערטרונקען אין דעם ים פון הימעלשער מוזיק און ניט־ערדישע מעלאָדיען.

גרישא האָט געענדיגט, און ראָזא,

פערגעסען אָז דעם פאָטער סטעלמאַך, איז איהם געפאלען אויף'ן האלז... זיא וואָלט איהם אויך געפאלען צו די פיס. אזוי ווייט גערירט איז זי געווען פון זיין היינטיגען שביעלען. זי האָט זיך אָבער באלד בע־חאפט, צוגעלאָפען צום פאָרטעפיאַן, אויפגעריסען דאָס דעקעל, גענומען א פּאָר מעכטיגע אקקאָרדען און אוועקגעשטעלט זיך זינגען — אָהן א בעט מטען פלאַן, אָהן נאָטען, נאָר גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין. זי האָט ניט געזונגען, נאָר עס האָבען זיך געגאָסען קולות. עס האָבען זיך געשאָטען רולאדען און טרעללען. עס האָבען זיך געטראָגען געזאנגען און מעלאָדיען אזעלכע, וואָס קיין אויער האָט דאָס נאָך ניט געהערט, וואָס קיין קאָנצערט־זאל האָט נאָך ניט זוכה געווען דערצו.

אזוי זינגט א סאָלאָוויי פאר זיך, אייגער אליין אין וואלד, און גיסט זיך אויס אויף'ן האלז זיינע פערבאָרגענע געפיהלען, די טיעפע בענקעניש פון זיין עלענדער נשמה... דאָס איז געווען א מאָדנער, א זעלטענער קאָנצערט. א קאָנצערט־עקספּראָמט

— וויפיעל טויזענדער דאָלערס וואָלטען בעצאָהלט דיא אמעריקאנער יענקים פאר אָט דעם קאָנצערט? — אזוי האָט זיך געטראכט דער גליקליכער פאָטער סטעלמאַך, דער איינציגער צוהערער פונ'ם דאָזיגען זעלטענעם קאָנצערט־עקספּראָמט, און איז שיער ניט צעגאנגען געוואָרען פאר תּענוג און פאר נחת.

— ווייסט איהר, קינדער, וואָס איך וועל אייך דערצעהלען? — האָט זיך אָנגערופען דער גליקליכער פאָטער נאָך דעם דאָזיגען קאָנצערט.—ווייסט איהר, וואָס איך האָב צוגעטראכט אין דער מינוט?

— וואָס האָט איהר צוגעטראכט אין דער מינוט? — האָבען איהם ביידע א פרעג געגעבען, אויסגעדרעהט צו איהם זייערע יונגע שיינענדיגע פּנימ'ער און אוועקגעשטעלט אויף איהם זייערע אין דער מינוט פערליעבטע און מיט גליק שטראהלענדיגע אויגען.

דער גליקליכער פאָטער האָט זיך אָנגענומען מיט דער האנד ביי דעם אָרט, וואו ס'איז אמאָל געווען א באָרד, און האָט אויסגעזונגען מיט א גמרא־ניגון:

— אז דער צער פון טראָגען איז יאָ אזוי גרויס, אז מיר האָבען יאָ אזא גוטען גאָט, און דער גוטער גאָט האָט אונז יאָ געשענקט אזא גוטען טאָג, און דער־אבענד איז ביי אונז היינט במילא א פרייהער אבענד, וואָלט אפשר געווען א סברה אז מיר זאָלען זיך דורכפאָהרען אין א יודיש טהעאטער? איך וועל שווין ביי מיין אמעריקאנער פויגעל ווי עס איז פועל'ען, אז היינט זאָלען מיר זיין אינגאנצען פראנק און פריי, אינגאנצען אליין. וואָס וועט איהר זאָגען דערויף, מיינע ליעבע טייבעלעך?

די ליעבע טייבעלעך האָבען זיך איבערגעקוקט און אויסגערופען מיט אָפענער פרייד:

— אָלל־רייט — אין א יודיש טהעאטער. אָלל־רייט!

—און פון טהעאטער, מיינע ליעבע קאנאריקלעך, אין א יודישען רעסטאָראַן אויף יודישע פיש מיט יודישע געבראָטענס, מיט יודישע העלזלעך?

— בראוואָ, בראוואָ! — האָבען אינטערגעחאפּט די ליעבע קאנאריקלעך מיט א געלעכטער, און עס איז דערנאָך אוועק א סדרה: אין וואָסער טהעאטער זאָל מען פאָהרען? אין ניו יארק איז פאראַן עטליכע יודישע טהעאטערס. וואָס שפּיעלט מען היינט?

—וואָס שפּיעלט מען היינט? אָט וועל איך אייך באלד זאָגען.

דערויף איז דאָך רטעלמאַך, שייך צו זאָגען, עפּיס א "ליוביטעל" פון זשאַרגאָן. ער קויפט אלע טאָג אלע יודישע צייטונגען. זיין חדר איז פול און פול מיט

יודישע צייטונגען, זשורנאלען און ביכלעך. ער ווייסט גאָרניט, וואוהין וועט ער זיך אהינטהון מיט אזוי פיעל פאפיער? ארויסווארפען איז איין עבירה: א יודיש וואָרט איז ביי איהם הייליג. פיהרען מיט זיך דארף מען האָבען וואנדערבילד'ס פערמעגען אויף בעזונדערע קאסטענס מיט באגאזש!

און מאיר סטעלמאך האָט זיך א נעם געגעבען צו דיא בערג יודישע צייטונגען, וואָס זענען געלעגען צעוואָרפען אויף טיש און אויף בענק, דורכגעקוקט אויף איין פוס און א פאטש געגעבען זיך אין שטערן:

— קינדער, מיר האָבען א גרויסען גאָט! היינט איז א יום־טוב אין יודישען טהעאטער. היינט טרעט אויף צום ערשטען מאָל אין ניקעל־טהעאטער א בעריהמטער ארטיסט פון בוקארעשט, עפּיס איינער א ראפאלעסקאָ. מיר דאכט, איך האָב אייך שוין דערצעהלט וועגען איהם? די בלעטער פויקען שוין פון א צייט וועגען דעם דאָזיגען שטערן. ער מוז זיין א גרויסער קנאקער, אָט דער ראפאלעסקא! וואָרום. מע שרייבט וועגען איהם עפּיס גאָר חדושים. זעהט איהר? אָטאָ: "די קעניגין פון רומעניע קארמען סילווא"... "דער גרויסער זאָנענטהאל פון וויען"... "פאָססארט, בארניי, אירווינג, ראָססי" — עס טהוט זיך חושך. קינדער, מיר האָבען א שטארקען גאָט!

אזוי האָט אויסגעלאָזט דער גליקליכער פאָטער, און עס איז אויסגעארבייט געוואָרען ביי אלע דריי טאקי אָט דאָ אויף'ן אָרט א פּראָגראם פאר'ן גאנצען אָבענד: פריהער אין ניקעל־טהעאטער, דערנאָך אין שלום'ס רעסטאָראן. דאָרט קאָכט מען רומעניש פּאפּרעצירטע פיש און מע פערטרינקט מיט א בעססאראביער פּאָמיאק. שלום איז בעריהמט. זיין "פיקטשור" איז פול אלע יודישע בלעטער. איהר עפענט אויף א בלאט־צייטונג — שפּרינגט אייך אקעגען שלום מיט זיין רעסטאָראן.

— אלזאָ פריהער אין ניקעל־טהעאטער, דערנאָך צו שלום'ען אין רעסטאָראן. וואָס וועט איהר דערויף זאָגען, ווייסע חברה'ניקעס?

וואָס זאָלען זאָגען די ווייסע חברה'ניקעס? פערשטעהט זיך, אז זיי זענען אויף אלסדינג מסכים. די ווייסע חברה־ניקעס זענען קיינמאָל אזוי ניט אויפגעלייגט געווען, ווי דעם פריהמאָרגען, און האָבען קיינמאָל דעם פאָטער ניט געזעהען אזוי אויפגעלייגט, אזוי לעבעדיג, אזוי מילד און אזוי גליקליך. איצט בלייבט איבער נור איין זאך: קריגען א לאָזשע אין יודישען טהעאטער, א לאָזשע פאר זיי אין דרייען.

— פּע! אָבער גאָר לא מיט א ספּאָדיק! — האָט זיך אָנגערופען סטעלמאך דער פאטער. — אלסדינג יאָ, נאָר דאָס נישט. דאָס וועט נישט געהן! פאר וואָס? ווארום אזוי. א לאָזשע וועל איך אייך נעמען. די בעסטע לאָזשע. נור פאר אייך אינצווייען. איהר וועט אייך זיצען ביידע געזונדערהייד אין דער לאָזשע, און איך — אין פארטער. פאר וואָס? א פשוט'ער שכל: איך, פערשטעהט איהר מיך, בין מיט אייך אין יודישען טהעאטער קיין מחותן ניט. איך בין פאר אייך א שעטנז. מיך קאָן נאָך עמיצער דערקענען, און אייך ניט. א מכה דארף עמיצער וויסען, ווער סע זיצט אין לאָזשע. חיות ניט זיכער! דוא, גרישא, וועסט אָנרוקען, פערשטעהסט דוא מיך, דיין גרויסע ווייכע שליאפּע איבער דיא אויגען, און דו, ראָזע, וועסט זיין אזוי גוט און פרום און וועסט אָנטהון דעם גרעסטען הוט, וואָס דו פערמאָגסט נור, אזוי אז מע זאָל זיך דארפען גוט אָנבויגען און ערשט דעמאָלט זעהען א פּיג, ניט קיין אויגען. פאר א יודען דארף מען, פערשטעהט איהר מיך, זיין פאָרזיכטיג, חא־חא. א יוד איז קיין קא־

טאָוועס ניט. לאָז נור איין יוד, למשל, אָנשמעקען, וועד ס'איז געווען אין לאָזשע, אזוי זיינען פול אויף מאָרגען אַלע יודישע בלעטער מיט אָט אזעלכע גרויסע קעפּלעך: די גרעסטע סטארס פון דער וועלט, גרישא סטעלמאך און ראָזאליא ספּיוואק, אין יודישען טהעאטער—חא־חא! דער וואָס ווייסט נ ט, וועט זיכער מיינען, אז גרישא סטעלמאך און ראָזע ספּיוואק שפּיעלען שוין אין יודישען טהעאטער. נאָך דאָס פעהלט מיר — חא־חא.

אָט ווי אזוי פריילין עס האָט זיך אָנגעהויבען פאר אונזער גליקליכען סטעלמאך דער דאָזיגער גליקליכער טאָג.

קאַפּיטעל 162.

אַ קאָנטר־וויזיט

אונזער פריינד לעזער דארף געדענקען דעם וויזיט פון דער מאדאם טשערניאק, אָדער ברײנדעלע קאָזאק, ביי ניסעל שוואלב, און די אָנצוהערענישען, וואָס זי האָט איהם געהאט געגעבען, אז אויב ער וויל, אז זיין שוועסטער, הענריעטא שוואלב, זאָל טראָגען דעם נאָמען ראפּאלעסקאָ, דארף ער זעהען, אז דאָס זאָל גיישעהען וואָס גיכער, אַז ניט — וועט זיין שפּעט..

עס פערשטעהט זיך, אז די דאָזיגע ווערטער זענען אונזער קאָמבינאטאָר גוט אריין, ווי מע זאָגט עס, אין נאָז אריין. ניסעל שוואלב האָט זיך ניט בערוהיגט מיט די אָנצוהערענישען אליין. ער האָט געוואָלט וויסען א ביסעל מעהר טיעף און מעהר גרינדליך, ארום וואָס דאָ האנדעלט זיך. האָט ער זיך ניט געפוילט און האָט זיך איינמאָל אין א פריהמאָרגען מטריח געווען מיט א קאָנטר־וויזיט צו אָט דער חיה מיט דער רויטער ראָטאָנדע און מיט'ן מאלפּישען פּנים.

דערפרעגט זיך ביי דער שוועסטער דער מאדאם טשערניאק'ס אדרעס און די צייט, וואָס מע קאָן זי טרעפען אין דערהיים, האָט זיך אונזער שוואלב געשלאָגען דורך גאסען און געסלעך, ארויפגעקלעטערט גאנץ הויך אויף א פינפטען שטאָק ערגיץ אין ברוקלין, און קוים געטראָפען אין א לאָן, זיך געמוזט רעכט איינבויגען, איידער ער איז אריינגעקראָכען אהין.

— העללאָ! דאָ וואָהנט די מיסעס טשערניאק?

די מיסעס טשערניאק איז געווען אָנגעטהאָן אין איהר מאטינע, אזא מין מאָרגענקלייד מיט ברייטע ארבעל און מיט א שטארק אויסגעשניטענעם האלז און מיט שטעק־שיך אויף באָ־וו־סע פיס. די האָר נאָך ניט צוגעקעמט און דאָס חדר'על נאָך ניט איינגאנצען אויפגערוימט. דאָס בעט איז נאָך ניט געווען צוגעבעט, דער פייל מיסט איז נאָך געשטאנען ביי דער טהיר, און אויף'ן טיש זענען געווען סימנים פון דעם נעכטיגען סאפּער. דערזעהען פאר זיך אזא אונערווארטעטען גאסט (עס איז נויטיג צו בעמערקען, אז פון זינט ברײנדעלע קאָזאק איז אין אמעריקא, איז ניסעל שוואלב דער ערשטער מאנספּארשוין, וואָס האָט אריבערגעטראָטען איהר שוועל), האָט זי זיך תחילה ווי דערשראָקען, ניט געוואוסט, וואָס צו טהון פריהער: צי זאָל זי ארויפוואַרפען אויף זיך איין אנדער קלייד, צי זי זאָל צודעקען דאָס בעט, אָדער זי זאָל ארויסטראָגען דעם פייל מיסט, אָדער זי זאָל צונעמען פון'ם טיש די סימנים פון נעכטיגען סאפּער? פאר גרויס אימבעט האָט זי פערגעסען בעטען דעם גאסט זיצען, און אליין איז זי אויך געבליבען שטעהן, ארויפגעלאָזט די הענד און געווארט, וואָס וועט ער איהר זאָגען. ניסעל שוואלב האָט געזעהען, אז זי איז צעדרעהט, האָט ער זיך אליין אוועקגעזעצט און אויך דער מאדאם טשערניאס

אונטערגעטראָגען א שטוהל, און גענומען זי בע־והיגען מיט זייטיגע געשפּרעכען, אנגענעהמע ווע־טער. ער האָט איהר גאנץ אויפריכט־ג געזאָגט, אז ער האָט זיך שוין לאנג געוואָלט מ־ט איהר בעקענען א ביסעל נעהינטער. ובפרט, נאָך איהר וויזיט, פיהלט ער זיך שולדיג א קאָנט־־וויזיט. און אגב האָט ער געוואָלט מיט איהר זיך דורכרעדען א ביסעל וועגען היימישע זאכען, פאמיליען־אנגעלעגענהייטען... ער פיהלט, אז מיט איהר מעג ער רעדען פון אזעלכע זאכען, וואָס מיט קיין אנדערען וואָלט ער עס געוויס ניט גערעדט... רעדען אלסדינג פראנק און פריי, ווארום ער איז א דזשע.טעלמען און איין אָפּע.טליכער מענטש (דאָ האָט זיך שוואלב צעשפּילעט, ארויסגעשטעלט דעם קיילעכיגען בויך, וואָס איז געווען בעלייגט מיט א ווייסער וועסט און מיט א גרויסער גראָבער גאָלד־ערנער, אָדער פערגאָלדעטער, קייט).

— איהר קאָנט זיין זיכער, אז אלסדינג, וואָס מיר וועלען דאָ רעדען, וועט דאָס דאָ בלייבען. אט א דאָ, אין די פיער ווענד.

ניסעל שוואלב האָט א ווייז געגעבען מיט ביידע הענד אויף די פיער ווענד פון דער מאדאם טשערניאק'ס חדר'על און האָט איהר אין איינוועגס געמאכט א קאָמפּלימענט: ווי שען, ווי ריין, ווי זויבער דאָ איז! ער האָט שוין לאנג אזא זויבערקייט ניט געזעהן, ער זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס! ניט שוין זשע זיצט זי דאָ איינע אליין?

— איינע אליין, עלענד ווי א שטיין

— האָט איהם די מאדאם טשערניאק געענטפערט צום גראם און מיט א טיעפען זיפץ און איז רויט געוואָרען ווי א צוויק, און האָט אזש אָנגעהויבען צו שוויצען.

— מיר זענען דאָ אלע עלענדע. איך בין אויך איין מענש אליין, עלענד ווי א שטיין. — איז איהר שוואלב אריינגעפאלען אין טאָן אויין, מעהר נישט צו איבערקייען איהרע ווערטער. די מאדאם טשערניאק האָט דאָס אָבער אנדערש פערשטאנען. זי האָט זיך צוגעזעצט צו איהר ליעבען גאסט ווייז־א־ווי, צורעכט געמאכט זיך די האָר מיט ביידע הענד, צוגעגעבען איהר קיילעכיגען לבנה־פּנים מיט די יאפּאָנישע אויגלעך דאָס שענסטע קאָקעט־נאאיווע שמייכעלע, וואָס זי האָט נור פערמאָגט, און א פרעג געגעבען איהם כלומרשט פערבייגעהענדיג:

— איהר זענט דענן א סינגעלמאן?

אויף איהר ענגליש וואָרט "סינגעלמען" האָט איהר ניסעל שוואלב אויך אָפּגעענטפערט מיט איין ענגליש וואָרט: "שור!" וועלכעס זאָל בעדייטען: "אודאי!" און צוגעלייגט אויף יודיש:

— נאָך א מין סינגעלמאן! צווישען סינגעלמענס א סינגעלמאן!

געוואָהרע געוואָרען אויף אזא איין אופן פון איהר גאסט, אז ער איז נאָך ניט קיין בעווייבטער, איז די מאדאם טשערניאק געוואָרען צו איהם נאָך מעהר פריינדליך און צוגעלאָזט, און ביידע ארבעל פון איהר מאטינע האָבען זיך ביי איהר פערקאטשעט ביז אריבער די עלענבויגענס, און טראָפּענס שוויס האָבען ארויסגעטראָטען אויף איהר אויבערשטער ליפּ, וואָס איז עטוואָס בעוואכסען מיט שווארצע האָר.

— ווי קומט עס? — האָט זי איהם א פרעג געגעבען מיט זעהר א ליעבליכער מינע, אויסגעמישט מיט נייגיערינקייט און מיטלייד.

— אָט אזוי אָ. אז מע איז תמיד ביז טאָג ווי נאכט איז נור הו־הא. קומט דער פריהמאָרגען, לויפט מען ארום אהין־אהער. מע האָט קיין צייט ניט אפילו געמען א שייור, האַפּען א דרינק, פערבייסען מיט א סענדוויטש. פון שלאָפען שמועסט מען ניט. ניט איינמאָל מאכט

זיך, אז מע חאפט א דרימעל געהענדיג, וויא איהר זעהט מיך א שווימענדיגען. איהר וועט מיר גלויבען, צי ניין?—עס געהען אוועק וואָכען, מאָנאטען, וואָס מע עסט ניט, מע טרינקט ניט און מע שלאָפט ניט, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס!

דיא מאדאם טשערניאק, וואָס האָט אויסגעהערט איהר גאסט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט, האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און האָט זיך צוגערוקט צו איהם נעהענטער, ארויפגעלייגטביידע האלב־נאַקעטע הענד אויף איהר הויכער ברייטער רייכער ברוסט, וואָס האָט אויסגעזעהען אונטער'ן גאַרסעט, אויב ניט אזוי וויא דיא צוויי גאַזעלען, וואָס ביי דער שולמית פון שיר־השירים, נאָר וויא צוויי אונטערגעבעטע קאָפּענקישעלעך אודאי.

— נישט גוט אזוי. — האָט זיא איהם פירגעהאלטען, ווי א געטרייהע מוטער. — נישט גוט. א מענטש טאָר זיך ניט אָפּלאָזען. מען דארף אין זינען האָבען זיך אויך.

— ווי קאָן מען אין זינען האָבען זיך, אז מע האָט אזא הארב אויף די פּלייצעס? איך מיין דאָס מיין שוועסטער די פּרימאַדאָנא. איהר מעלה איז, וואָס זי איז א שענע, און דער חסרון — וואָס זי איז שוין צו א שענע. וואָס צו איז איבעריג... גאָט זאָל מיר העלפען, מיין שוועסטער זאָל שוין חתונה האָבען און מיין ברודער איזאַק זאָל קריגען עפּיס א רעכטען דזשאָב, וואָלט איך דעמאָלט אפשר אין זינען געהאט זיך אויך... שוין צייט, כאָטש איך בין נאָך... וויפיעל, רעכענט איהר, בין איך אלט מיין אייגענס? אנו, טרעפט.

וואָס איז דער חדוש, אז נאָך אזעלכע שמועסען איז דיא מאדאם טשערניאק צעווייקט געוואָרען און איהר פערשטיינערט הארץ איז צעגאַנגען, ווי א פּוטער? אך, וואָס פאר א מאן דאָס איז! וואָס פאר א דזשענטעלמען! איין אמת'ער דזשענטעלמען! היינט געהט שאַצט אָפּ א מענשען נאָך זיין אויסזעהען. זי וואָלט אין איהר לעבענס־לעבען ניט געזאָגט, אז אָט א דער הויכער ריזיגער דזשענטעלמען זאָל פערמאָגען אזא ווייך הארץ מיט אזא צערטליכער נשמה. און דאָס פּנים זיינס? און דאָס לשון? און דאָס שמייכעלע? און אלע זיינע פּאָסטעמפּקעס? א כפּרה א סך, א סך מאנסבילען פאר זיין מינדסטען נאָגעל!...

ברײנדעלע קאָזאק האָט זיך שוין לאַנג ניט געפיהלט אזוי אויפגעלייגט און אזוי גרינג, ווי זי האָט זיך געפיהלט מיט אָט דעם גאסט. זי געדענקט ניט, מיט ווען זי זאָל א מאָל רעדען אזוי אָפענטליך, ווי זי האָט גערעדט מיט אָט דעם דזשענטעלמען. זי האָט איהם אויסגעפּלעקט, קאָן מען זאָגען, אויסגעגאָסען איהר הארץ. עס איז ניט געווען א זאך, וואָס זי זאָל פאר איהם פערלייקענען.

ניין. ניסעל שוואלב האָט קיין חרטה ניט געהאט, וואָס ער האָט זיך בעמיהט צו אָט דער חיה מיט'ן מאלפּישען פּנים. אָט דער קאָנטער־וויזיט האָט איהם געעפענט דיא אויגען. עס איז איהם קלאָר געוואָרען א סך זאכען: דער שטילינקער ראפּאלעסקאָ מיט זיין שטילען ראָמאַן, דאָס ארומגעהן זיינס צעטראָגען, און דיא שענע געשיכטע פונ'ם חזנ'ס מיידעל, וואָס שפּיעלט היינט אזא גרויסע ראָלע אין דער טהעאטער־וועלט — אלסדינג איז איצט געווען פאר איהם קלאָר, ווי אויף א טעלער.

געהענדיג צוריק פון זיין קאָנטער־וויזיט און פּייפענדיג א פריילִיכען ניגון, האָט זיין קאָמבינירענדער קאָפּ געארבייט א קאָמבינאַציע, א געניאלע קאָמבינאַציע.

קאַפּיטעל 163.

ביים לאַמזשער חזן אויף אַ גלעזעל טיי

ניסעל שוואלב איז ניט געגאַנגען צו זיך אהיים. קודם האָט ער פערבלאָנזעט צו זיין שותף און צו זיין בעל־עצה—צום מיסטער קלאמער, און מיט איהם אינאיינעם איז ער אוועק צום לאַמזשער חזן וועגען זעהר־זעהר אַ וויכטיגע ביזנעס. וועגען אַ שפּאָגעל־נייער קאָמבינאַציע.

וואָס פאר אַ ביזנעס? וואָס פאר אַ קאָמבינאַציע? — דאָס האָט מיסטער קלאמער פון איהם נישט געקאָנט דערביווען זיך בשום אופן. ניט מיט גוטען, ניט מיט בייזען. ניסעל שוואלב האָט געבעטען ביי איהם איין זאַך: געדולד, און געשלעפּט איהם כמעט מיט גוואלד צום לאַמזשער סאָלאָוויי, נישט אויפגעהערט דעם גאנצען וועג צו רעדען מיט הענד, פּויקען און טאראבארען, ווי זיין שטייגער איז.

שוין אז מע איז געווען נאָהענט, כמעט ביי דער שטוב, וואו דער חזן וואָהנט, האָט זיך מיסטער קלאמער אוועקגעשטעלט—ער וועט נישט געהן. ביי איהם איז אַ פּרינציפּ: ער האָט פיינד אַ בלינדען אתרוג, אָדער ווי זאָגט דער איינגעלשמען: "איי דו נאַט באי אַ פּיג אין אַ פּאָק"...

נאָר רעד ענגליש, רעד טערקיש, רעמאָטערש — שוואלב האָט איהם אָנגענומען מיט זיין הנותן יד לפושעים און האָט איהם אַ זאָג געגעבען מיט'ן הארבען וואָרט:

— וועלל! איהר וועט ביי מיר געהן.

געקומען, האָבען זיי געטראָפען דעם לאַמזשער סאָלאָוויי אָהן אַ היטעל און אָהן אַ קאַפּאָטע, און דעריבער האָבען זיך ארויסגעזעהען דיא ציצית פונ'ם טלית קטן. ארום איהם איז געשטאַנען דיא חאליאַסטרע, זיין אייגענע קאַפּעללע. ער האָט געשטודירט מיט זיי אַ נייעם קאָנצערט.

דערזעהען דיא אריינגעקומענע, האָט דיא חאליאַסטרע זיך אַ וואָרף געגעבען צו ניסעל שוואלב. די עלטערע האָבען איהם געטרייסעלט ביי דער האַנד און דיא קלענערע זענען איהם געקראָכען אויף דיא פּלייצעס און האָבען אויסגעזעהען, ווי מערעשקעס אויף אַ וויזעלטהיער. תחילת האָט דאָס אָט דער עוג מלך הבשן איבערגעטראָגען גאנץ קאלטבלוטיג און נאָך צוגעשמייכעלט דערצו. דערנאָך האָט ער אָפּגעטרייסעלט פון זיך דאָס קליינווארג און געגעבען אַ הוק אויף דער חאליאַסטרע:

— שאראַפּ! ארויסט, ממזרים, אלע אין דרויסען ארויס! קיין שריד ופליט זאָל פון אייך ניט בלייבען! אָבער גיך! מיר האָבען דאָ צו שמועסען אַ ביזנעס... סיי, חזן, וואו איז ערגיץ אייער מיסעס? רופט זיא נור אריין אהער, מיר דארפען אָפּהאלטען אַ קאָנפערענץ.

מאָהלט אייך, דאָס זאָל זיך ערלויבען איין אנדערער, וואָלט ער זיך ניט געגארט פונ'ם לאַמזשער סאָלאָוויי פאר אזא בענעמען זיך. וואָס איז דאָס פאר אַ לשון: "סיי, חזן"? און נאָך ערגער וואָלט ער אָפּגעשניטען פונ'ם חזנ'ס לויפערס. ער וואָלט געהאט פון זיי אַ "שאראַפּ"! נאָר דער פעטער ניסעל (אזוי הייסט ביי זיי ניסעל שוואלב) מעג. דעם פעטער ניסעל האָט מען ליעב אלע, פון קליין ביז גרויס, דערפאר, וואָס דער פעטער ניסעל איז אַ גוד באָי. דער פעטער ניסעל האָט אויך פאר יעדען איינציגען און צו יעדער צייט אַ גוט וואָרט. דעם דערלאנגט ער אַ זעץ אין פלייצע. דעם — אַ קניפּ אין באַק. דעם — אַ רוק אין זייט. אז ניט — וואַרפט ער אייך גאָר אראָפּ דעם פּידזשאַק און שטעלט זיך אוועק מיט אייך פייטען, מאכען באָקס. דער פעטער ניסעל וועט

איך קיינמאָל ניט קומען צוגעהן מיט ליידיגע הענד. תמיד מוז ער עפּיס מיט זיך ברענגען אויף צו קייען. אויך איצט האָט ער געבראַכט מיט זיך קענדי — דאָס, וואָס דעם חזנ׳ס חאליאסטרע האָט דוקא נישט פיינד. אין איין כהרף־עין האָט מען די קענדי צעהאַפּט און אָפּגעליידיגט די שטוב, און דער חזן האָט גענומען אויף זיך די קאַפּאָטע, אריינגעהאַפּט זיך צו א נעכסטדאָריגע שכנה, ארויסגערופען פון דאָרטען די חזנ׳טע, און ביי געשלאָסענע טהירען איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען א קאָנפערענץ.

וואָס איז דאָס געווען פאר א מין קאָנפערענץ? וועגען וואָס האָט זיך דאָ געהאנדעלט? און פאר וואָס עפּיס ביי געשלאָסענע טהירען? — אונזערע לעזער וויסען שוין, אז פון סודות האלטען מיר ניט און רייסען זיך אין א פערשלאָסענע טהיר האָבען מיר פיינד. מיר וועלען בעסער ארייננקוקען אהער צום חזן טאקי דעם זעלבען טאָג, אויף דער נאכט, אינאיינעם מיט אלע איבעריגע געסט, וואָס זענען איינגעלאדען געוואָרען אין דער גיך, אויף איין פוס, צום לאָמזשער חזן אויף א "טי־פארטי". ביי אונז ווערד דאָס אָנגערופען אויף פשוט יודיש: "א גלעזעל טיי". און וואָס א גלעזעל טיי בעדייט — דאָס פערשפּאָרט מען איך שוין צו דערצעהלען. יעדער וויסט, אז דאָס גלעזעל טיי איז ניט נור א גלעזעל טיי, נאָר אויך א וועטשערע. און אז ניט דאס גלעזעל טיי און ניט די וועטשערע איז דער עיקר. דער עיקר איז, אייגענטליך, דאָס וואָס קומט צווישען טיי און צווישען דער וועטשערע. "קליין תהלים" רופט מען דאָס ביי אונז, און מיינען מיינט מען, פערשטעהט זיך, א קערטעל.

א סך מענשען דענקען, אז ווען, למשל, ס׳זאָל ניט זיין דער מין, וואָס מע רופט עס קאָרטען, אָדער מע זאָל די קאָרטען, חלילה וחס, פּלוצים אויסראָטען פון דער וועלט, וואָלט נישט געקאָנט עקזיסטירען קיין שום מענשליכע געזעלשאַפט. וואָס וואָלט מען געטהאָן צווישען טיי און וועטשערע? דער ווירטה מיט דער ווירטהין וואָלטען גענעצט. די געסט וואָלטען אנשלאָפען געוואָרען. מענשען וואָלטען אויפגעהערט געהן איינס צו דאָס אנדערע, שליסען בעקאנטשאַפט, פיהרען געזעלשאַפט, און ביסלעכווייז־ביסלעכווייז וואָלט אונטערגעגאַנגען די וועלט. לאָזען זיך די, וואָס פרעדיגען מאָראל, זאָגען וואָס זיי ווילען — קאָרטען איז נישט קיין פוסטער עסק. אין דעם ענין פון קאָרטען איז די גאנצע וועלט, קאָן מען זאָגען, איין שטאָדט. אומעדום, אויף דער גאנצער וועלט, אפילו אין די גאָר וויטע מקומות, קוים וואו עס געפינען זיך נור צוויי מענשען, אזוי ווערד געשפּיעלט אין קאָרטען. נישט מעהר איטליכער אָרט האָט זיך זיין שפּיעל, און יעדעס שפּיעל האָט זיך זיין נאָמען. למשל, ביי אונז, אין דער אלטער וועלט, איז מען זיך נוהג—מע שפּיעלט שוין מעהר ניט אין קאָרטען. איין עק, אוים מאָדע געוואָרען שפּיעלען. וואָס זשע דענן טהוט מען, אז מע קומט זיך צונויף אויף א גלעזעל טיי? מע "מאכט א פּרעפּעראנסעל", מע "חאַפּט אנ׳אָקעלע", מע "פּערלייגט א בענקעל" אָדער מע "מאכט זיך נארריש מיט א טערטעל־מערטעל". דאָ, אין דער נייער וועלט, איז דעסגלייכען: אין קיין קאָרטען שפּיעלט מען ניט. פע! דאָס טהוען נור "געמבלערס", שוליערס, פּראָפעסיאָנאליסטען. אנשטענדיגע לייט, אז זיי קומען זיך צונויף אויף א "טי־פּארטי", נעמט מען ארוים טאקי די אייגענע קאָרטען, וואָס ביי אונז, נאָר מע "אמוזירט זיך מיט א פּאָוקער", אָדער מע "פּיימ זיך אין א פּינאָקל". א ביסעל ווערד דאָס געטהאָן בכדי די צייט צו פערטרייבען און א ביסעל טאקי לשם ביזנעס. יעדער זעצט

זיך אוועק צום טישעל מיט די בעסטע האָפנונגען און מיט דער פעסטער איבערציייגונג, אז ער וועט היינטיגען אבענד געוויס זיין א געוואונענער. און נאָכדעם — וויא דאָס גליק טראָגט אויס: אָדער ער שפּיעלט אויס, אָדער ער ווערד בעגראָבען. ס׳איז א גאָט׳ס זאך.

אצינד, אז מיר ווייסען שוין, וואָס הייסט א "טי־פּארטי", ווילען מיר געהן זעהען, ווער איז די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך צונויפגעזאמעלט ביי׳ם לאָמזשער חזן אויפ׳ן גלעזעל טיי.

קאפּיטעל 164.

א געמישטע געזעלשאַפט

די געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבען יענעם אבענד ביי׳ם לאָמזשער סאָלאָוויי אויף דער "טי־פּארטי", איז שווער צו זאָגען, צו וואָסער א קלאַס זי געהערט, און דעריבער איז דאָס אויך ניט גרינג צו בעשרייבען, אזוי ווי ס׳איז בכלל שווער צו בעשרייבען דאָס אמעריקאנער פּובליקום אין דער גרויסער וועלט־שטאָדט ניו יאָרק.

דאָס איז געווען א מיש־מאַש פון טיפּען, מיינסטענטהייל לאנדסלייט פון דער חברה "אנשי לאָמזשע", א בינטעל יודען פון אלערליי מינים און פּראָפעסיעס.

אויפ׳ן ערשטען קוק האָט דאָס אויסגעזעהען אפילו, אז איינער מיט׳ן אנדערען געהער זיך ניט אָן גאָר ניט. וואָרום וואָס פאר א מחותן איז, למשל, א רעוורענד, דאָס הייסט — א רב און א מוהל אין א קאפּעלישעל, מיט אונטערגעבויגענע פּאה׳לאך, און א קאָסטאָמערפּעדלער, א יוד א יאדישליווער מיט א "זאדישקע"?

אָדער וואָס פאר א סמיכות הפּרשה איז איין איידזשענט פון טייפּרייטערס, א וואוילער יונג מיט ממזרישע אויגען, און א היברו טיטשער, א קליין יודעל מיט א געשטופּעלט פּנים?

אָדער וואָס פאר א שייכות איז א דראָגיסט, א טשאבאָטעטשיק מיט בייזע אויגען, און א פּראָסטער בוטשער פון עסעקס סטריט, וואָס שמעקט מיט אָכסענפליש?

אָדער א לענדלאָרד פון איין אייגענער דירה אויף די בראָנקס, א שווארצער יוד מיט א בולבעוואטע נאָז, וואָס רעדט מיט א גראָב קול א ביסעל הייזעריגליך, און איין אָפּרייטער פון דער באָוערי מיט אריינגעשטעלטע צייהן?

און די אלע אויסגערעכענטע פּארשוינען, וואָס געהערען זיי זיך אָן, איך בעט אייך, מיט א זוזן און מיט א חזנ׳טע, מיט אקטיאָרען, אקטריסעס, מוזיקאנטען און אָשערס פון יודישען טהעאטער?

און דאָך האָבען זיך דאָ געפיהלט אלע היימיש, אלע גלייך, יעדער שטאָלץ ביי זיך דערמיט, וואס ער איז אין אמעריקא, וואָס ער האָט א ביזנעס און וואָס ער מאכט א לעבען. קיינער האָט זיך ניט געבלאָזען אויפ׳ן צווייטען ווי ביי אונז איז דער פאל, אז איין עולם קומט זיך צענויף אויף איין אסיפה, אָדער אויף א שמחה. דער דעמאָקראַטישער גייסט פון דער אמעריקאנישער רעפּובליק לאָזט זיך פיהלען אויף יעדען טריט און שריט אין דעם דאָזיגען לאנד, און אונזערע ברידער, וואָס קומען אהער טאָג־טעגליך פון דער גאנצער וועלט, אקלימאטיזירען זיך אזוי גרינג, ווי אנדערע פעלקער, אין׳ם דאָזיגען שמעלץ־טאפּ און זויגען אריין אין זיך דעם דאָזיגען גייסט פון גלייכהייט אזוי גיך וויא מעגליך.

אלע דריי פּאראדנע חדרים פון׳ם חזנ׳ס וואָהנונג, דער פּארלאָר, די דיינינגרום און די בעדרום, זענען געווען פול געפּאקט מיט געסט. ווער עס האָט געטרונקען טיי, ווער עס האָט גערויכערט, ווער עס האָט געשפּיעלט אין שאָך און ווער אין פּינאָקל, און ווער עס האָט גלאַט אזוי גערעדט, געפּלאפּעלט, גע־

לאכט און געגראַגערט. אײנער האָט דערצעהלט התנצלות פון א ז׳שעניטאר, וואָס גיט ארויס אלע וואָך נײע רולס און רעגולײשענס פאר זײנע טענענטס. דער אנדערער האָט דערצעהלט א שענע מעשה נאָר א קורצע, ווי אזוי מע האָט איהם געוואָלט סוספּענדירען פון דער יוניאָן, געבען די סעק, האָט ער פערפיהרט קעגען דער יוניאָן א טרײעל... דער דריטער האָט דערצעהלט פון א פּײער, וואָס האָט שיער פּאַסירט בײ זײ אין דער פּעקטאָרי. א פערטער האָט געשמועסט פון ריעלעסטײט, סטאָקס און לאָטס און אנדערע ביזנעס פון דער וואָלל-סטריט. און חברה אקטיאָרען און אקטריסעס האָבען זיך גערעדט פון זײערע אינטערעסען: ראָלען, סטאַרס, פּיעסען, יוניאָן, פּולע הײזער, בענעפיס. און גערעדט האָבען אלע אינאײנעם, אויף׳ן יודישען שטײגער, און אלע האָבען זײ זיך דאָ געהאלטען פרײ און הײמיש און לעבעדיג אויף׳ן העכסטען ארט. און ווײל דער ליארם מיט׳ן הארמידער איז געווען אונגעהײער גרויס, און אָנגערויכערט איז געווען אזוי שטארק, ווי אין א שענק, און הײס ווי אין א באָד, איז כמעט אונמעגליך געווען צו בעמערקען יעדען אײנציגען, ווער דאָס איז און וואָס פאר א פּנים ער האָט.

פון אונזערע בעקאַנטע פארשווינען, אויסער דעם חזן מיט דער חזנ׳טע מיט זײער חאַליאַסטרע, איז געווען צו בעמערקען: מיסטער קלאַמער, אָנגעטהאָן אין זײן יום-טוב׳דיגען סמאָקינג און צעקעמט זײן הערצל-באָרד אויף צווײען. ער איז געזעסען א טשער קעגען א טשער מיט זײן נײעם פּאַרטנער, מיסטער ניקעל, וואָס האָט געהאט אויף זיך היינטיגס מאָל זײן גאָלדענעם וואטש און טשײן — די מתנה פון׳ם "פּרעזידענט אָוו דהי יונײטעד סטײטס אָוו אמעריקא". בײדע האָבען זײ גערעדט ענגליש און בײדע האָבען דערצעהלט גרויסקײט פון זיך און דערצעהלט אויף עהרענוואָרט וואונדערליכע זאכען, וואָס א זײטיגער מענש וואָלט זיך געמעגט ווינשען **די אלפים, וויפיעל דאָרט איז** געפאלען בלאָף...

פון אונזערע איבעריגע בעקאַנטע זענען געווען איזאַק שוואלב און ברײנדעלע קאָזאַק. די צוױי זענען געשטאַנען ארום א טישעל און צוגעזעהען, ווי מע שפּיעלט אין קאָרטען. צווישען די שפּיעלערס און שפּיעלערינס איז געווען די פּרימאַדאָנא, הענריעטא שוואלב, אָנגעטהאָן אין אלע איהרע בריללִיאַנטען. זי האָט געפּײערט, גערעדט און געלאכט און געהיצט זיך מעהר פון אלעמען. עס איז איהר געגאַנגען דאָס בלאט. נעבען איהר איז געלעגען א הויפען מיט געלד. אלע לײדיעס האָבען איהר מקנא געווען, און די מאַנספּאַרשוינען האָבען זיך איבערגעוואונקען, זיך דורכגעוואָרפען מיט ווערטלעך אויף איהר רעכנונג און האָבען פערצויגען זיך צו איהר גאַנץ פרײ. אויף אזוי פיעל פרײ, אז אײנער א דזשענטעלמאַן, א גלוח מיט א רויט פּנים, מיט א שפּיצעכיגער נאָז און מיט א "דײמאָנדרינג" אויף׳ן פינגער, וואָס איז געזעסען וויז-א-ווי, האָט איהר עטליכע מאָל שטארק אָנגעטראָגען אונטער׳ן טיש אויף׳ן פוס, טראָטץ דעם, וואָס דער **דזשענטעלמען — מיר ווײסען** עס פּאָזיטיוו — איז א בעווײבטער.

אין א זײט, אויף א ראָקינג-טשער, איז געזעסען לעאָ ראַפאלעסקאָ, גערויכערט און געוויעגט זיך. ארום איהם זענען געשטאַנען חברה אקטיאָרען מיט געגאָלטע פּנים׳ער און האָבען דערצעהלט טהעאַטער-אַנעקדאָטען, אײנס נאָך דאָס אנדערע, און אויסגעדונערט אלע מיט אזא געלעכטער, אז די ווענד האָבען געציטערט. מעהר פון אלע האָט זיך אויסגעצײכענט **אײנער א קאָמיקער, א** פערשלעפּטע קרענק, מיט אזא ריהרעוודיג **פּנים און מיט אזעלכע לאכענדיגע**

אויגען, אז איידער ער הויבט נאך אן צו דערצעהלען, הויבט מען שוין אן צו לאכען. און ער אליין לאכט אויך, און דוקא געשמאק, אזוי אז ער חאפט זיך מיט ביידע הענד ביי די זייטען און בויגט זיך אזש איין אין דרייען.

— ליידיעס ענד דזשענטעלמען ! — רופט אויס אויף זיין זיס קול דער לאמזשער חזן, וואס האט זיך אין דער קורצער צייט שוין אזוי ווייט אויסגעגרינט, אז ער רעדט שוין העכער האלב אויף ענגליש. — ליידיעס ענד דזשענטעלמען ! צום טיש, פליעז, שוין פארטיג דער סאפער.

דער עולם האט זיך ניט געלאזט לאנג בעטען. די, וואס האבען נישט געטהאן גארניט, זענען גרייט געווען באלד צו פערנעמען זייערע ערטער ארום טיש, און די, וואס האבען זיך אמוזירט אין "פינאקל", האבען נור איבערגעצעהלט דאס ביסעל מזומנים, איבערגעגעבען איינס דעם אנדערען מיט צעפלאקערטע פנימ'ער א רעפארט, ווער וויפיעל עס האט געוואונען, און ווער וויפיעל עס האט פערלוירען.

קאפיטעל 165.

ניסעל שוואלב — טאוסטמייסטער

עס האט זיך ארויסבעוויזען, אז פערלוירען האבען כמעט אלע, און געוואונען דאס גאנצע געלד האט נור אונזער פרימאדאנא, העגריעטא שוואלב. עס איז איהר דעם אבענד געגאנגען דורך טהיר און דורך טהויער. זי איז געוועזן אזוי פערטראגען אין'ם צעהלען דאס געלד, און דאס פנים האט איהר אזוי געפלאמט, אז זי האט נישט געזעהען ארום זיך קיינעם, נור דאללערס, דאללערס און דאללערס. דער ברודער איזאק און בריינדעלע קאזאק, וואס זענען די גאנצע צייט געשטאנען איבער איהר און צוגעזעהען מיט זשעדנע אויגען ווי זי זשעברעט דאס געלד צו זיך אין רידיקול אריין, האבען זי געפרעגט, וואר רעכענט זי צו טהאן מיט די דאללערס ? צי וויל זי זיך לאזען קויפען א מאטארקאר, אדער דיימאנדס, אדער א הייזקע אויף דער פינפטער עוועניו ? העגריעטא האט זיי אבער אויף זייער וויצלען זיך נישט געענטפערט גארנישט. זי האט גארניט געהערט אפילו, וואס מע רעדט צו איהר. זי האט דורכגעלאזט אונבעמערקט די פלאטשיגע קאמפלימענטען פון איהרע פארטנערס, אז זי שפיעלט אין קארטען ניט ערגעו' ווי זי זינגט אין טהעאטער...

— ביוטיפולל ! — האט מיט בעזונדערער בעגייסטערונג אויסגערופען דער געגאלטער דזשענטעלמאן מיט'ן רויטען פנים און מיט דער שפיצעכיגער נאז. דער דאזיגער דזשענטעלמען האט זיך די גאנצע צייט שטארק געשארט ארום דער פרימאדאנא. ער האט געמאכט איהר חנ'עוודיג־בוימעהלדיגע אויגלעך, געשמייכעלט און בעלעקט זיך, ווי א קאטער. עס ווייזט אויס, אז ער האט זעהר חשק געהאט זיך אוועקזעצען האנד ביי האנד מיט די פרימאדאנא, וואס איז איהם אהן איין ערך געפעלען געווארען. האט איהם אבער געטראפען איין אומגליק : אלס מענעדזשער און טאאסטמייסטער פון דעם אבענד האט זיך ארויסגעגעבען ניסעל שוואלב.

אונזער בעריהמטער קאמבינאטאר האט זיך גענומען פאר זיין דזשאב — אויסצוזעצען די געסט ארום טיש — מיט'ן גאנצען ערנסט פון א ביזנעסמאן און האט ארויסבעוויזען דערביי נישט ווינציגער בריה'שאפט, ווי ביי אלע אנדערע זיינע קאמבינאציעס. ער האט דעם עולם אויסגעזעצט אזוי קונציג, אז איטליכע "ליידי" זאל האבען ביי יעדען האנד א קאוואליער, דאס הייסט — צו

צוויי קאַוואַלירען אויף אַ ליידי. צום ביישפּיעל: די לאָמזשער חזנ'טע האָט געהאַט פון איין זייט דעם אַגענט פון שרייבמאַשינעס, דעם וואוילען יונג מיט ממזרישע אויגען, און פון דער אַנדערער זייט — דעם קצב, וואָס שמעקט מיט אָכסען־פליישׁ... איינע איין אַקטריסע מיט אַ גרויסען שיניאָן האָט געהאַט פון דער רעכטער האַנד דעם רב דעם מוהל מיט די אונטערגעבויגענע פּאה'לעך און פון דער לינקער האַנד — דעם שניידער פון דער באָדי, וואָס מע דערקענט, אַז ער טראָגט אַריינגעשטעלטע ציינער, וואָרום אַז ער עסט, קנאַקען זיי. און אַזוי ווייטער.

מע קאָן ניט זאָגען, אַז די ליידיעס מיט די קאַוואַליערען זאָלען האָבען זיך געפיהלט איבעריג גוט מיט זייער נאָכבאַרשאַפט. וואָרום וואָס האָט, למשל, אַ יודינע אַ חזנ'טע צו זאָגען מיט איין אַגענט, אָדער מיט אַ קצב? אָדער וואָס געהער זיך אָן איין אַקטריסע מיט אַ מוהל, אָדער מיט אַ שניידער? דערפאַר אָבער איז אויסגעקומען דער פּרימאַדאָנאַ שוואַלב צו האָבען פון איין זייט ראַפּאַלעסקאָ'ן און פון דער אַנדערער זייט דעם ברודער איזאַק — און דאָס איז געווען זיין גאַנצער מיין: ניסעל שוואַלב האָט געוואָלט דורכאויס, אַז דאָס פּאָרעל, הענריעטאַ און ראַפּאַלעסקאָ, זאָלען היינט זיצען אינאיינעם. דאָס האָט מען בעדאַרפט האָבען צום עסק, ווי מיר וועלען דאָס באַלד אַרויסזעהען...

אינגאַנצען אויסגעשטעלט און אימצופּריעדען איז געבליבען נור דער דזשענטעלמען מיט'ן רויטען פּנים און מיט דער שפּיצעכיגער נאָז, וואָס האָט זיך פערליעבט אין דער פּרימאַדאָנאַ. עפּים טאַקי נור ווי אויף צו־להכעיס איז איהם אויסגעקומען צו בעדיענען דיאַ מאַדאַם טשערניאַק, אָדער ברײנדעלע קאָזאַק, וואָס האָט געשוויצט, וויאַ אַ לאָקאָמאָביל, און שוין צופּיעל געשמעקט מיט פּאַטשולי־זייף און אַנדערע שאַרפע ריחות. עס מעג שוין פּאַלען אין ים אַריין, וואָס דער דאָזיגער קאַוואַליער האָט איהר אָנגעוויגשעוועט, חאָטש בעגאַנגען איז ער זיך מיט איהר זעהר־זעהר העפליך, ווי איין עכטער דזשענטעלמען: ער האָט איהר צוגערוקט דעם טעלער, אונטערגעטראָגען דאָס ברויט, אָנגעגאָסען וואַסער אין איהר גלאָז, זיך נאָכגעפרעגט, וואָס פאַר אַ וויין זי "גלייכט". ברײנדעלע קאָזאַק איז געווען בערעכטיגט דעם דאָזיגען אָבענד זיין צופּריעדען אין אַלע אופנים... נאָר לאָמיר ניט רעדען איצט פון ברײנדעלע קאָזאַק. לאָמיר זיך בעסער אומקעהרען צו איהר קאַוואַליער, דעם געגאָלטען דזשענטעלמען.

דער גאָט, וואָס פערלאָזט ניט קיין בעשעפעניש, האָט איהם אויסגעפיהרט. די טישען האָבען זיך אַרויסבעוויזען אַ ביסעל ענגליך, האָט דער מענעדזשער און טאָאַסטמייסטער ניסעל שוואַלב געגעבען אַ קאָמאַנדעווע דעם עולם, מע זאָל זיך רוקען. און דער עולם האָט גענומען זיך רוקען, און אַזוי לאַנג גערוקט זיך, ביז ס'איז אויסגעקומען אונזער דזשענטעלמען צו זיצען אַקוראַט אַקעגען דער פּרימאַדאָנאַ — און ס'איז איהם געוואָרען אַ ליכט אין די אויגען: ער האָט געהאַט די מעגליכקייט צו אַרבייטען מיט די פיס אונטער'ן טיש וויפיעל זיין הארץ גלוסט. אמת, עס האָט גענומען אַ ביסעל צייט ביז ער האָט געטראָפען אַהין, וואו ער האָט געציעלט. ער האָט זיך געהאַט בעגעגענט אַ פּאָר מאָל אָדער מיט ראַפּאַלעסקאָ'ס פיס, אָדער מיט די רגלים פון איזאַק שוואַלב. ערשט שפּעטער, אַז ער האָט בעגעגענט אַ שמייכעלע אויף דער פּרימאַדאָנאַ'ס פּנים, האָט ער פערשטאַנען, אַז ער איז אָלל־רייט.

פון דעסטוועגען האָט אין איהם געברענט אַ פייער אויף דעם גרינעם

בחור (ראַפּאַלעסקאַ), וואָס ער זיצט אַזוי נאָהינט נעבען אָט דער יפהפיה. און, ווי אויף צו־להכעיס, האָט זיך די פּרימאַ־דאָנאַ אַלע מאָל אָנגעבויגען צום גריי־נעם בחור אויף'ן אויהער, געס'סוד'עט זיך מיט איהם און געלאַכט, פּערוואָרפען דעם קאָפּ אַהינטער און בעוויזען צוויי רייהען פון אויסגעצייכענטע פּערעלדיגע צייהן. דער דזשענטעלמען, וואָס האָט פאַר די פיש און נאָך די פיש געהאַט גענומען א כוסה, איז נישט אויף קאַ־טאָוועס צעקאָכט געוואָרען פון קנאה און אייפערזוכט (ער האָט, אַפּנים, גאָר פערגעסען, אז ער איז א בעווייבטער). און האָט גענומען וואַרפען אויף ראַפּאַ־לעסקאַ'ן אַזעלכע בייזע גזלנ'ישע אוי־גען, אז העגריעטא האָט נאָך מעהר גע־נומען לאַכען, שיער ניט געפּלאַצט פאַר געלעכטער.

— וואָס לאַכט זי, וואָלט איך וועלען וויסען? און ווער איז אָט דער ציקאַווע בחור, וואָס זי שושקעט זיך מיט איהם? אלבעטשיו, אז דאָס דאַרף זיין א גרינ־האָרן, א חניאַק, א יאָלד שביאָלדען...

אַזוי האָט זיך געטראַכט דער אייפער־זיכטיגער דזשענטעלמען און געבראָכען זיך דעם מח אויף דעם רעטעניש. עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און דאָס רעטעניש איז איהם פערענטפערט געוואָרען באַלד נאָך'ן ערשטען ספּיטש.

— לײדיעס ענד דזשענטעלמען! — האָט ניסעל שוואַלב, דער טאָאַסטמייס־טער פון'ם אָבענד, געגעבען צו וויסען דעם עולם. — איך מאַך אויפמערקזאַם מיינע דאַמען און הערען, אז דעם ערש־טען ספּיטש וועט אָפּהאַלטען אונזער פריינד מיסטער קלאַמער. איך בעט אונ־זער געעהרטען ווירטה און זיין מיסעס, די געעהרטע וויטהין, זיי זאָלען אָנפּילען די באָקאַלען פון די געעהרטע געסט. מיסטער קלאַמער, איה' האָט דאָס וואָרט!

קאַפּיטעל 166.

מיסטער קלאַמער ספּיטשט

בעקומען דאָס וואָרט, איז מיסטער קלאַמער אויפגעשטאַנען, זיך אויסגע־הוסט, צורעכט געמאַכט דעם סמאָקינג, דאָס העמד און דעם שניפּס און צענומען זיין הערצעל־באָרד, מיט א זיידענער פּעטשיילע זיך אויסגעווישט דעם טרו־קענעם שטערן, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די גראָבע פינגער פון ביידע הענד אין טיש, ארומגענומען די גאַנצע געזעל־שאַפט מיט איין קוק, פערביסען א ליפּ, און נאָך א לאַנגער פּויזע האָט ער גע־נומען ספּיטשען.

אונזער פריינד מיסטער קלאַמער האָט זיך פון תמיד אָן געהאַלטען פאַר א "ספּיקער", דאָס הייסט — פאַר א גוטען רעדנער. נאָר אין דער קורצער צייט פון זינט ער איז אין אמעריקא האָט ער זיך אָנגעהערט אַזוי פיעל שענע לעקטשורס, דרשות און ספּיטשען, אז ער וואַרט נור אויף דער געלעגענהייט צו בעווייזען די אמעריקאַנער, וואָס הייסט גערעדט. און — פון דעם אמת קאָן מען ניט אוועק־געהן — מע מוז צוגעבען, אז מיסטער קלאַמער איז טאַקי א שענער רעדנער. דאָס הייסט, דער עצם רעדען אַליין איז ביי איהם ניט אַזוי רייך אין אינהאַלט, ווי אין ווערטער. און ניט אַזוי נאָך אין ווערטער, ווי אין דער אויסשפּראַך, אָט דאָס, וואָס ווערד אָנגערופען א "חתוך־הדבור". היינט די שטימע? מיסטער קלאַמער, פערשטעהט איהר מיך, ווייסט, ווען מע דאַרף, ס'זאָל דונערען און ווען מע דאַרף, אדרבה, זיך אראָפּלאָזען אויף דער נידעריגסטער אָקטאַווע, אַזוי אז קוים־קוים וואָס יע־נער זאָל דערהערען. היינט דאָס האַלטען זיך ביי'ם רעדען? היינט די הענד ביי'ם רעדען שפּיעלען; די הענד א זעהר וויכטיגע ראָל, אפשר נישט ווינציגער ווי דאָס מויל. מע דאַרף וויסען, ווען מיט

וואָסער האַנד וואוהין צו בעוועגן. ווען מע דאַרף די הענט אויפהויבן, און ווען — אַראָפּלאָזן. ווען מע דאַרף זיי צענויפליינגען אויף דער ברוסט, און ווען מע דאַרף זיי צענעמען. ווען מע דאַרף זיי האַלטן אין דער וועסט, און ווען — אין די הויזנקעשענים. און אַ מאָל דאַרף מען דוקא נאָך'ן גרויסן דונער מאַכן אַ בואַי בשלום צוויי שריט צוריק, די הענט האַלטן מחילה פון הינטן, דעם קאָפּ אַ ביסל אויף אַ זייט, און מאַכן דערביי אַ שענע בעוועגונג מיט אַ שענער פּויזע. "פּאָענטען" ווערד דאָס אָנגערופן אין אמעריקא, און די דאָזיגע פּאָענטען מיט'ן האַלטן די הענד אין די קעשענים און מיט אַלע איבעריגע שענע אָראַטאָרישע בעוועגונגען האָט אונזער מיסטער קלאַמער גענאַשט פון די אַמעריקאַנער ספּיקערס, איבערגענומען מיט אַלע פּישטשעווקעס.

איין עבירה, וואָס מיר קאָנען ניט ברענגען דאָ די גאַנצע רעדע, וואָס מיסטער קלאַמער האָט אָפּגעהאַלטן, ווייל זי איז צו לאַנג, צופיל אויסגעמישט מיט הויכע פּאָעזיע אָדער מליצה־ווערטער און צופיל דורכגעוועבט מיט פּוסטע נאָר קלינגענדע פראַזען, פּסוקים און אַפּאָריזמען פון געלעהרטע, וואָס זענען קיינמאָל ניט געזאָגט געוואָרען, און ענגלישע שפּריכווערטער, וואָס זענען אפילו זעהר שאַרף און גוט געפּעפּערט, נאָר זיי געהערען זיך ליידער ווינציג וואָס אָן צום עסק.

מיר קאָנען איבערגעבען נור דעם אינהאַלט פון דעם ספּיטש ווי ווייט מעגליך אין קורצען:

"דעם מענשענס לעבען — אַזוי אונגעפעהר האָט מיסטער קלאַמער אָנגעהויבען זיין ספּיטש — קאָן איינגעטיילט ווערען, ווי אונזער יאָהר, אין פיער עפּאָכען: פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער. דער פריהלינג, מיינע דאַמען און הערען, דאָס איז די סאַמע בעסטע, די סאַמע ליעבסטע, אָדער, ווי משה רבינו רופט עס אָן, די סאַמע פּאָעטישע צייט פון'ם יאָהר. דער פריהלינג — דאָס איז די צייט, ווען אַלעס הויבט אָן אויפבליהען, אויפוואַכען, אויפלעבען, ווען דער סאָלאָוויי, ווי זאָגט היינע, איז אָלל־רייט, ווען דאָס יונגע האַרץ פון'ם יונגען מענשען הויבט אָן צו קלאַפּען מיט אַ געפיהל פון ליעבע. אָ! ליעבע! — זאָגט וואָלטער. — ווער פון אונז האָט ניט געטרונקען פון דעם באָקאַל דעם זיסען געטראַנק, וואָס זיין נאָמען איז ליעבע? ווער פון אונז — זאָגט טאָלסטאָי — איז ניט געוועזן יונג און פריש און נאָך לאַנגער מיה און זורבענישען ניט געפונען די יעניגע, וואָס זאָל זיין די איינציגע בעגלייטערין פון זיין לעבענסוועג? וואָס קאָן זיין שענער, ערהאַבענער און הייליגער פון דעם געפיהל, וואָס אונזער אונשטערבליכער שעקספּיער האָט געקרוינט מיט'ן נאָמען סימפּאַטיע? נאָך די אַמאָליגע גרויסע געלעהרטע פון דער גאָר אַלטער צייט, ווי, צום ביישפּיעל, קאַנט, סאָקראַטעס, דיאָגענעס, מעפיסטאָפילוס, און אויך אונזערע תלמודיסטען האָבען געזאָגט, אַז אויף דריי זאַכען שטעהט די וועלט: אויף ליעבע, אויף ליעבע און אויף ליעבע! אָהן געלד — זאָגט איבסען — קאָן אַ מענש זיין אָלל־רייט, אָבער אָהן ליעבע איז אונזער לעבען פּוסט און לער און קלאָגעדיג, ווי אַ שיף אָהן אַ רודער, אָדער, ווי זאָגט דער איינגעלשמען:

"לייק אַ באַדיווידהאַוט אַ סאָול"...

"ליידיעס ענד דזשענטעלמען! פיהלט איהר ניט אָט דאָ, אין דעם אָבענד, ביי אָט דעם טיש, די אַנוועזענהייט פון דעם גליקליכען פּאָר, וואָס דאָס הייליגע געפיהל פון ליעבע און סימפּאַטהיע האָט צענויפגעבונדען זייערע יונגע הערצער, אמת אין געהיים, נאָך אויף יענער זייט אַטלאַנטיק? יאָ, מיינע הערען און דאַמען. אויף יענער זייט אַטלאַנטיק, נאָך

אין דער אלטער וועלט, האָט זיך ביי זיי די ליעבע צעברענט און צעפלאַקערט אין א העליש פייער. זייער ראָמאַן, מיינע העררען און דאמען, האָט זיך, ווי אלע ראָמאַנען, געפיהרט אין געהיים, נאָר הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, זאָגט עמיל זאָלא, אז ס'זאָל ניט זיין קיין פערבאָרגענע זאַך אויף דער וועלט, אָדער ווי זאָגט דער איינגעלשמען: "יו קאַננאָט האיד אן איל אין א סאק".

"לידיעס ענד דזשענטעלמען! איהר ווייסט מיין פּרינציפּ. עך בין אינדעפּענדענט, אונאבהעניגליך, דאָס מיינט, עך בין ניט דער מאַן, וואָס זאָל ארייננקוקען יענעם אין טעפּעל אריין, און עס ליגט ניט אין מיין חאראקטער יענעמס געהיימנים צו ענטדעקען. ענעמס ביזנעס זענען נישט מיינע ביזנעס, עס געהט מעך נישט אָן, ווי זאָגט דער איינגעלשמען: "ווהען פרענדס קוואָרל — אָל עלס קיפּ א סייד"...

"לידיעס ענד דזשענטעלמען! דער גרויסער דיכטער מילטאָן האָט א מאָל זיך אויסגעדריקט: "מיינט ניט, אז מיר זענען אזוי דום, אז מיר זאָלען עס האַלטען פאר איין אומרעכט וואָס א באָי האָט ליעב א מיידעל און א מיידעל האָט ליעב א באָי". עך ווידערהאָל זיינע ווערטער און מיט בעזונדערען שטאָלץ קאָן עך אייך מיטטהיילען, מיינע דאמען און הערען, אז עך און נאָך איינינע פון מיינע פריינד, וועלכע געפינען זעך דאָ מיט אונז, האָבען דאָס גליק געהאט צו בייוואָהנען, נאָך ווערענד מיר זענען געווען מיט דעם דאָזיגען פּאָרעל אויף'ן שיף, יענעם הויכען ערהאבענעם מאָמענט, ווען די היילינע ליעבע זייערע איז פערזיגעלט געוואָרען, ווי זאָגט בייראָן, מיט דער שבועה פון טרייהייט, איבערגעבענהייט און אייביגקייט, ווען זייערע זעעלען האָבען זעך צענויפגעשמאָלצען, ווי זאָגט זענגוויל, אין'ם "שמעלצטאָפּ"...

"לידיעס ענד דזשענטעלמען! דאָס איז געווען דער ערשטער אקט פון א הערליכען ראָמאַן, פון א הערצענס־דראַמא. דאָס איז א ראָמאַן, מיינע דאמען און הערען, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען דאָרט, אין דער אלטער וועלט. דאָס איז א דראַמא, פון וועלכען דעם לעצטען אקט איז באַשערט צו פערענדיגען זיך דאָ, ווי זאָגט טהעאָדאָר הערצל, אין דעם גליקליכען לאַנד פון'ם דאָלאַר. דאָ, אין דעם לאַנד, וועט געזאָגט ווערען דאָס לעצטע וואָרט. דאָ, אין דעם לאַנד, וועט פאַלען דער פאָרהאַנג. דאָ, אין דעם לאַנד, וועלען זיי זיין אָלל־רייט, אָדער ווי זאָגט שיללער: "פיניטא לא קאָמעדיא"...

"לידיעס ענד דזשענטעלמען! עס מאַכט מיר עהרע און פערגעניגען אייך מיטצוטהיילען, אז אויסערדעם, וואָס די העלדען פון דיעזען ראָמאַן זענען ביידע אָלל־רייט, דאָס הייסט — יונג און שען און פריש, זענען זיי נאָך דערצו ביידע גלייך בעריהמט און בעוואוסט אין דער גאַנצער וועלט, פון איין עק ביז'ן אנדערען, אויף'ן געביעט פון קונסט אין יודישען טהעאטער: ער מיט זיין שפּיעלען, זי מיט איהר זינגען".

"לידיעס ענד דזשענטעלמען! זאָל עך אייך זיי אָנרופען ביי'ם נאָמען? עך מיין, ס'איז איבעריג, וואָרום איהר קענט זיי. אַט זיצען זיי דאָ האַנד ביי האַנד פאר אייך, ווי די טייבעלעך. זי האָט איהר שוין געוויס אלע געהערט זינגען, אלע האָט איהר זי בעוואונדערט און אלע האָט איהר אנערקענט דעם שטערן פון בוענאָס־איירעס, און ער — איהר אויסדערוועהלטער — דאָס איז דער יונגער נאָר איבעראל שוין בעריהמטער סטאַר פון בוקארעשט, וועלכען מיר וועלען האָבען דאָס פערגעניגען צו הערען און צו בעוואונדערען ניט שפּעטער, ווי מאָרגען אין דער צייט, ביי זיין אויפטריט צום ערשטען מאָל אין'ם בעריהמ־

טען ניקעל־טהעאטער. אויב איהר האָט אייך בעזאָרגט מיט טיקעטס, זענט איהר אָלל־רייט. גוּן אויב איהר האָט נאָך ניט קיין טיקעטס, זאָלט איהר זעהען מאָרגען גאַנץ פריה זיך בעוואָהרענען, עך בין אייך ניט ערב, אז איהר וועט זיי קריגען, סיידען ביי ספּעקולייטאָרס".

"לײדיעס ענד דזשענטעלמען! עך קוק אויף דיעזען פּאָרעל און עך זעה זייערע פּנים'ער האָבען זעך אָנגעצונדען אין א העליש פייער, און עך פערשטעה זייערע געפיהלען אין דעם מאָמענט, ווען אונזערע אַלעמענס אויגען זענען אָנגעווענדעט אויף דעם דאָזיגען גליקליכען זווג. לאָמיר זיי ווינשען, זיי זאָלען זיין אָלל־רייט אין זייער לעבענס־קאַריערע נישט ווייניגער ווי זיי זענען אָלל־רייט אויף דער ביהנע. עס לעבע די יודישע קונסט! עס לעבען איהרע פּריסטער! עס לעבען אונזערע סטאַרס! עס לעבען די הנאהבים והנעימים — דאָס ליעבע־פּאָר! עך הויב אויף מיין טאָאסט און לאָז אויס מיט די ווערטער פון שלמה המלך: קול חתן וקול כלה — הוררײ פיר מיסטער ראַפאַלעסקאָ! הוררײ פיר מיס הענריעטא שוואַלב!! הוררײ!!!"

— הוררײ! — האָבען אויסגעדונערט אלע געסט, אויפגעהויבען די באָקאַלען און געגריסט צום גליקליכען פּאָרעל, הענריעטא שוואַלב און לעאָ ראַפאַלעסקאָ.

קאַפּיטעל 167.

דער צעבראָכענער טעלער

דאָס שרייען "הוררײ" און דאָס קלאַפּען זיך מיט די באָקאַלען נאָך'ן גלענצענדען ספּיטש פון מיסטער קלאַמער — דאָס איז געווען מעהר נישט אז אַפּיציעל, לויט ווי עס פאָדערט דער מנהג, דער עטיקעט און די מאָדע. די רעכטע שמחה האָט זיך אָנגעהויבען ערשט דערמאָלט, ווען די לאָמזשער חזנ'טע, צופריעדען און גליקליך פון דעם, וואָס די גדולה קומט פאָר ביי איהר אין שטוב, האָט זיך אזוי צעהיצט און צופלאַקערט, אזוי אריין אין אזארט, אז זי האָט געחאַפּט א טעלער אין ביידע הענד, געגעבען איהם א הויב אויף איבער'ן קאָפּ און א וואָרף אראָפּ, צעבראָכען אויף שטיקלעך, און, ווי איין אמת'ע מחותנת'טע, וואָס האָט דערלעבט אויסגעבען די מיזינקע, האָט זיא אויסגערופען:

—מזל טוב!

— מזל טוב! מזל טוב! — האָט אונטערגעחאַפּט דער גאַנצער עולם, און די נאָהענטע, די משפחה הייסט עס, האָבען זיך א לאָז געגעבען קושען מיט חתן־כלה. פריהער פון אלע, געוויינליך, דער הויפּט־מחותן — ניסעל שוואַלב. דערנאָך דער ברודער איזאַק, מיסטער קלאַמער, מיסטער ניקעל, דער חזן, די חזנ'טע, ברײנדעלע קאָזאַק. און מחמת דאָס קושעניש איז געגאַנגען נישט על־פּי סדר, נאָר אלע אינאיינעם, איינס איבער'ן אנדערען, ווי דער שטייגער איז ביי אזעלכע שמחות, האָט זיך דער געגאָלטער דזשענטעלמען מיט'ן רויטען פּנים און מיט דער שפּיצעכיגער נאָז מיישב געווען און האָט זיך פאַר גרויס אימפּעט אויך ארומגעחאַפּט קושען מיט חתן־כלה, דאָס הייסט — אייגענטליך, ניט אזוי מיט'ן חתן, ווי מיט דער כלה.

די שמחה נאָך'ן צעבראָכענעם טעלער איז ביי'ם לאָמזשער חזן אין שטוב געוואָרען אזוי גרויס, אז עס האָט שוין געהאַלטען כמעט ביי געהן א טענצעל.

— חאַפּט דאָס דער רוח! — האָט אויסגערופען ניסעל שוואַלב, געעפענט נאָך עטליכע פלעשלעך וויין, אָנגעגאָסען אַלעמען פולע גלעזער און זיך אויך ניט פערגעסען. — חאַפּט דאָס דער רוח! איך האָב נאָך היינטיגען אבענד נישט פערזוכט איהר זאָלט זאָגען א טראָפּען,

ווי איהר זעהט מיך א שווימענדיגען! מיסטער קלאַמער און מיסטער ניקעל, לאָמיר טרינקען לחיים פאַר קאָלומבוס'ען, וואס האט אויסגעטראכט אזא טהייערע מדינה, ווי דאָס אמעריקא. א זיסע מדינה, א גאָלדענע, אויף מיר אזא יאָהר! סעי, חזן! וואָס זיצט איהר מיר עפּעס, ווי א לאָמזשער שטאָדט־בעל־הבית אויף א בן־זכר? וואו זענען ערגיץ די קלאַפּערס, ימח שמם וזכרם, פאר וואָס זינגט מען ניט עפּיס א פּרייליכם? ברודער איזאַק, נעם אקאָרשט ארוים אהער די מיסעס טשערניאַק פון'ם טיש און חאַפּ מיט איהר א טענצעל, ווייז וואָס דו קאָנסט. ליידיעס ענד דזשענטעלמען! מיין ברודער טאַנצט, ווי א באַלערינע, חאָטש ער האָט א שווערען טראָט, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס!

ביי די ווערטער האָט זיך אויף דער מיסעס טשערניאַק (ברײנדעלע קאָזאַק) אָנגעצונדען דאָס קיילעכיגע פּנים און געברענט, ווי א שרפה, און דער ברודער איזאַק, וואָס איז שוין געווען אונטער'ן גלעזעל, איז אויפגעשטאנען און איז גרייט געווען צו בעווייזען וואָס ער קאָן. מיט איינעם וואָרט, ביי'ם לאָמזשער חזן אין שטוב איז געווען ששון ושמחה, א זעלטענער א פריילעכער קנס־מאָל. און דאָס גליקליכע פּאָר? דאָס גליקליכע פּאָר זענען געזעסען אויבענאָן, האַנד ביי האַנד, מיט שיינענדיגע און לויכטענדיגע פּנימ'ער, ווי אמת'ע חתן־כלה.

ניסעל שוואַלב האָט געמעגט זיין פריילעך. פון אלע קאָמבינאַציעס, וואָס זיין זשעניאַלער קאָפּ האָט ווען עס איז א מאָל צוגעטראכט, איז די דאָזיגע קאָמבינאַציע מיט'ן גלעזעל טיי ביי'ם לאָמזשער חזן און מיט'ן ספּיטש פון מיסטער קלאַמער געווען אויב ניט די בעסטע און געראָטענסטע. מע בעדאַרף איבערצוגעבען, אז דערצו האָט איהם נאָך געשפּיעלט די הצלחה אויך. ער האָט געטראָפען גראָד אין אזא צייט, ווען אונזער יונגער העלד איז געווען, ווי מיר האָבען אויבען געזעהען, אין דער היהנער־פלעט, ארומגעבלאָנזעט אין ניו יאָרק, ווי אין עולם־התוהו. פון איין זייט דער טאַרעראַם פון דער נייער וועלט מיט די נייע מענשען מיט דעם נייעם אַרט לעבען, צו וועלכען א פרישער מענש קאָן ניט אזוי גיך געוואָהנט ווערען. פון דער אנדערער זייט דאָס פּויקען פון די בלעטער, דאָס בלאָזען מיט'ן פייפען, מיט'ן טרומייטערען, מיט'ן דערצעהלען וועגען איהם גרויסקייטען, נסים ונפלאות, מיט'ן אויסטראכטען אויף איהם זאכען, וואָס ניט געשטויגען, ניט געפלויגען. און ועל כולם — די "שטיגוטערס", וואָס דרעהען זיך ארום איהם, לייגען איהם פּאָר גליקען, זאָגען איהם צו הרים וגבעות, געוויינליך, בסוד־סודות: "ווי באלד נור ער פערלאָזט די יודישע ביהנע, זאָגען זיי, און גערט אריבער צו די אומות־העולם, אזוי עפענט זיך פאר איהם א נייע וועלט"... דערביי האָט מען איהם געבראכט ביישפּיעלען פון בעריהמטע סטארס פון די גרעסטע ענגלישע דראַמאַטישע טהעאַטערס און אָפּערעס, וואָס זענען פריהער געווען אין פערגלייך מיט איהם גאָרניט שבגאָרניט, מע קאָן זאָגען, פליעגען קעגען א עלעפאַנט — און היינט דאַרף מען האָבען די זכיה, מע זאָל זיי זעהען: "אייגענע הייזער, אייגענע ווילל'עס, אייגענע אויטאָמאָבילען און די שענסטע נקבות — חא־חא! און דוקא גיך, און דוקא געשווינד, וואָרום ס'איז ניט יוראָפּ, ס'איז אמעריקא, א לאַנד פון האררי־אפּ"...

פערשטעהט זיך, אז די אלע מעשיות, מימרות און זאָגעכצען האָבען פערדרעהט דעם קאָפּ אונזער העלד און צוגעגעבען איהם קוראַזש, און ער האָט בעקומען חשק ארויסצוטרעטען וואָס גיכער אויף דער ביהנע, בכדי ער זאָל זיי בעווייזען,

ווער ער איז, וואָס ער פערמאָגט און וואָס ער איז בכח צו געבען.

א סך האָט מיטגעהאָלפען דערצו אויך דאָס, וואָס ער איז געבליבען אָהן איין ענטפער אויף זיין אָפענהערציגען בריעף, זיין ערשטען גרויסען בריעף אין זיין לעבען, וואָס ער האָט אוועקגעשריעבען צו דער, וואָס איז איהם געווען טהייערער פון אלסדינג אויף דער וועלט, וואָס ער האָט, ווי א הייליגטהום, אזא צייט ארומגעטראָגען ביי זיך אין הארצען.

נאָכגעקוקט די ניו יאָרקער בלעטער, האָט ער אלע מאָל בעגעגענט דעם נאָמען ראָזא ספיוואק, אלע מאָל צוזאַמען מיט'ן נאָמען פון גרישא סטעלמאַך, וואָס האָט זיך תמיד נאָכגעשלעפּט נאָך איהר, ווי א פּריטשעפּע, און געשטאָכען איהם די אויגען און געשניטען איהם דאָס הארץ. "לאָז זי זיין גליקליך — האָט ער זיך געטראַכט — מיט איהר גרישא סטעלמאַך. לאָז זי זיך מיט איהם עלטערען אין עושר און אין כבוד; ענטפערען אויף מיין בריעף האָט זי דאָך געמעגט. אָדער זי איז אזוי גרויס געוואָרען און אזוי ווייט אוועק אין איהר גרויסקייט, אז זי האָט שוין גאָר פערגעסען פון איהר אמאָליגע היים? אָדער זי וויל עס נישט געדענקען? זי וויל עס אינגאנצען פערגעסען, פערגעסען, ווי א בייזען חלום? וויבאלד אזוי, היינט וואָס ליינט ער איין אזוי די וועלט נאָך איהר? איז דענן ניט גלייכער, אז ער אויך זאָל זי פערגעסען, פערגעסען, ווי א בייזען חלום?"...

ראפאלעסקא איז גרייט געווען סוף־כל־סוף פערגעסען, צוליעב וועמען ער איז, אייגענטליך, געקומען אהער און וועלכס האָט איהם, אייגענטליך, געצויגען אהער, אין'ם דאָזיגען לאַנד. ער האָט זיך אליין געוואָלט איינרעדען, אז געקומען אהער איז ער צוליעב זיך, צוליעב זיין אייגענער קאריערע. און, ווי אמאָל, אין די בעסערע צייטען, אזוי אויך איצט איז אונזער יונגער בעל־החלומות ארומגעגאנגען אין א וועלט פון טרוימען און פאנטאזיעס. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז אָט איז איבערגעגאנגען זיין ערשטע גאסטראָל אין אמעריקא אזוי ווייט גלענצענד, אז צום צווייטען ספעקטאקל האָט דאָס שוין גאָרניט דערגרייכט: מע האָט איהם אויפגעחאפּט, אָדער, ווי מע רופט דאָס דאָרט, "געקידנעפּט", דאָס הייסט — צוגענומען פון דער יודישער ביהנע, בעצאָהלט פאר איהם וויפיעל מע האָט פערלאנגט, און אָט איז ער שוין אויף דער ענגלישער ביהנע, אין איינעם פון די גרעסטע ניו יארקער טהעאטערס, און דער נאָמען ראפאלעסקאָ קלינגט איבער אמעריקא און דערגרייכט אזש צו איהר, צו דער בעריהמטער ספיוואק, וואָס האלט זיך אזוי גרויס. אָ! דעמאָלט וועט ער זיך מיט איהר רעכענען! ער וועט איהר ווייזען, ווער עלטער איז! ער וועט איהר שוין אויס'לומר'ען אלסדינג, וואָס ביי איהם אויף דער נשמה. ער וועט איהר ארויסזאָגען דעם גאנצען ריינעם אמת — אז זי איז איהם, אייגענטליך, ניט ווערטה; אז זי האָט ניט פערדיענט די לאַנגע נעכט, וואָס ער האָט איבער איהר אמאָל פערבראכט אָהן שלאָף; אז ער איז געווען פער'שכור'ט, און איצט האָט ער זיך אויסגעניכטערט; אז ער איז געווען א נארר, און איצט איז ער קליגער געוואָרען; אז ער איז געווען קראנק, איצט האָט ער זיך שוין אויסגעהיילט, אינגאנצען אויסגעהיילט...

אין אזעלכע געדאנקען האָט דער החתן

גליך מיט אלע גענומען א כוסה נאָך א כוסה, געלאַכט און געפריידט זיך גליך מיט אלע אויף זיין אייגענער שמחה, אליין נאָך ניט רעכט צעקייעט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען מיט איהם אויף דעם אָבענד, אליין נאָך ניט רעכט אָפּגעשאַצט דעם ווערטה און די בעדייטונג פון'ם צעבראָכענעם טעלער...

קאַפּיטעל 168.

ראַפאַלעסקאָ שאַפט

אויף מאָרגען אין דער פריה האָט זיך אונזער העלד אויפגעחאַפּט מיט א זעלטענעם קאָפּוועהטיג. ער האָט נאָך ניט צייט געהאַט זיך אויסניכטערען פון'ם טשאַד, זיך ארומקוקען, וואו ער איז אין דער וועלט נאָך נעכטיגען אבענד, האָט מען איהם שוין אויפגעחאַפּט און אוועקגעפיהרט אין ניקעל-טהעאטער אויף פּראָבע. דאָרט, האָט מען איהם געזאָגט, וועלען זיין א פּאָר "סטאַרס" פון אנדערע יודישע טהעאטערס, וואָס ווילען איהם זעהען, און אויך א פּאָר רעצענזענטען פון ענגלישע צייטונגען.

זינט ראַפאַלעסקאָ איז איין ארטיסט, געדענקט ער ניט, ער זאָל ווען אזוי וועלען אויסנעמען מיט זיין שפּיעלען, ווי ער האָט עס געוואָלט אצינד, ביי זיין ערשטען ארויסטרעטען אין דער שטאָדט ניו יאָרק. קיין מאָל האָט ער נאָך אזוי ניט געברענט נאָך ערפאָלג, נאָך כבוד, נאָך בעריהמט זיין, ווי אין דעם דאָזיגען ערשטען אָבענד, וואָס ער האָט זיך בעדאַרפט בעווייזען פאַר'ן גרויסען פּובליקום אין'ם פולגעפּאַקטען ניקעל-טהעאטער. קיין מאָל האָט איהם נאָך אזוי דאָס הארץ נישט געקלאַפּט און קיין מאָל איז ער נאָך אזוי ניט געווען אין דער לאַגע פון א שילער, וואָס געהט צום פּערהערען זיך און וואָס האָט זיך דאָס וואָרט געגעבען, אז ער מוז אויסהאַלטען דעם עקזאַמען גלענצענד, מיט'ן גרעסטען נצחון.

וואָס איז דער חדוש, וואָס אלע אנדערע אינטערעסען זענען ביי איהם דעם דאָזיגען טאָג אוועק אויף א זייט ? וואָס איז דער חדוש, וואָס אלע אנדערע אינטערעסען האָבען אָפּגעטראָטען זייער פּלאַץ נור איין אינטערעס : געפעלען ווערען די ניו יאָרקער יודען, נעמען דעם עולם אויף זיכער ? יענעם אָבענד האָט זיך אויפגעחאַפּט אין ראַפאַלעסקאָ'ן דער ארטיסט, דער אמת'ער ארטיסט, מיט דעם גאַנצען פייער און מיט'ן גאַנצען פיבער פון איין ארטיסט, וואָס מאַכט ברענען די אויגען, וואָס מאַכט זידען דאָס בלוט און גיט איהם כח און קראַפט צו שאַפען גרויסקייט, צו בעווייזען וואונדער.

אז דער שווערער פאָרהאַנג פון ניקעל-טהעאטער האָט זיך מיט א רעש ארויפגעצויגען ארויף, האָט דער ים פון קעפּ אין'ם האַלב-פינסטערען גרויסען זאַל זיך ווי א ריהר געגעבען פאַר זיינע אויגען און א קיהל ווינטעל איז ווי איבערגעגאַנגען איבער'ן דאָזיגען ים. א מינוט צייט האָט נאָך אָנגעהאַלטען א שטילער רעש, ווען דאָס פּובליקום מאַכט זיך גרייט צו זעהען און צו הערען. נאָר באַלד איז אריינגעטראָטען די געוואונשטע שטילקייט, יענע אנגענעהמע ווייכע הייליגע שטילקייט, וואָס נעמט ארום דעם ארטיסט פון אלע זייטען, חאַפּט איהם אויף אין דער הויך, ווי אויף פליגלען, און טראָגט איהם אוועק פון דער ביהנע ארויף, איבער'ן ים פון קעפּ, און מאַכט איהם שוועבען איבער'ן אוידיטאָריום. יענע הייליגע שטילקייט, וואָס ריהרט אָן די איידעלסטע סטרונעס פון דער נשמה און ציהט ארויס די פיינסטע טענער פון'ם טאַלאַנט און מאַכט דעם ארטיסט געוועלטיגען איבער'ן פּובליקום.

לעאָ ראַפאַלעסקאָ האָט יענעם אָבענד געוועלטיגט איבער'ן ניו יאָרקער פּובליקום פון ניקעל-טהעאטער.

געשטעלט האָט מען, ווי אלע מאָל

בײ זײן ערשטען ארויסטריט, "אוריאל אקאסטא". פון דער ערשטער מינוט, וואס אוריאל האט זיך בעוויזען אויף דער סצענע, איז ער געווען דער מיטעלפונקט, וואס אויף איהם האבען געקוקט אלע אויגען. דער דאזיגער זײדענער יונגערמאנטשיק מיט'ן שענעם איידעלען בלאסען געזיכט, מיט די לאנגע האר, מיט די גרויסע אויסגעמאטערטע אויגען, מיט'ן נאר־וואס אויסגעשאטען בלאנדען בערדעל און מיט'ן אפענעם האלז האט געצויגען צו זיך די סימפאטיע פון'ם גאנצען פובליקום, עפּיס איז געלעגען שוין אין זײן האלטען זיך און אין זײן שטימע אלײן די דאזיגע קראפט וואס מאכט זיך בעליעבט בײ'ם צוהערער. א בעזונדערער חן איז געווען אויסגעגאסען אויף זײן יעדען טריט און אויף זײן יעדען ריהר טהון זיך אויף דער ביהנע. און די איבערגאנגען פון איין געשטאלט צום אנדערען זענען געווען העכסט נאטירליך און זעהר רייך אין פארבען. אט איז געשטאנען פאר אייך א יונגער דענקער, וואס שמועסט זיך אויס מיט'ן דאקטאר דע־סילווא אויף דעם שטייגער, ווי עס רעדט א יונגערמאן פון בית־מדרש, א יונגערמאן א פילאזאף, פון ענינים הויכע, פון זאכען הימעלשע.

"איך וויל ניט זאגען, אז איך ווייז אן דעם רעכטען אמת, וואס אלע מור־זען איהם מודה זײן. א ניין! איך ווײס נור, אז מײן ניט וויסען הייסט מיר נאכפארשען. מײן בלינדקײט הייסט מיר שארפער קוקען. מײן טויבקייט הייסט מיר בעסער זיך צו־הערען"... בײ די ווערטער: "מײן בלינדקײט" בעווייזט ער אויף די אויגען; "מײן טויבקייט" — בעווייזט ער אויף די אויהרען, — אלע פאסטעמקעס פון א יודישען לערנער, פון א בית־מדרש־משכיל, און מיר זאגען נאך א מאל: פון א זײדענעם יונגענמאן, וואס איז פול מיט בעזונדערען חן, מיט סימפאטיע.

עס מישט זיך ארײן אין'ם געשפרעך דער חתן פון זײן געליעבטער יהודית, און עס בײט זיך איבער בײ איהם די פיזיאנאמיע, און איהר זעהט שוין פאר זיך ניט מעהר קיין פילאזאף, נאר א פערליעבטען, וואס רעדט פון זײן געליעבטער וועלכע פאלט ארײן אין פרעמדע הענד, מיט התפעלות, מיט בעגײסטערונג:

"זי איז פון'ם הימעל אויף דער ערד אראפ געשיקט געווארען... זי איז איין אוצר פון גאט", — זאגט ער מיט התלהבות, און פלוצים טהוט ער זיך א ווארף צו איהר חתן בן־יוחאי מיט ליעבע, מיט געבעט און מיט תחתונים, נעמט איהם אן בײ דער האנד:

"א, ריהרט זיך ניט צו צו איהר מיט דער אייגענער האנד, וואס בעשעפטיגט זיך מיט געלד!.. בעטען, דאווענען, תפלה טהון דארפט איהר פאר איהר!"..

און באלד, וויא נור עס קומט ארײן דער יודישער טריבונאל, דער רב דעסאנטאס מיט די שמשים, איבערצוגעבען אוריאל אקאסטא'ס בוך אויף צו משפט'ען איהם אלס אפּיקורס, ווערט שוין ווידער אינגאנצען איבערגעביטען אקאסטא'ס פנים מיט'ן געשטאלט מיט'ן קוק. עס שטעהט שוין פאר אייך א מארטירער, וואס פרומע מענשען, פערבלענדטע פאנאטיקער, אפגעריסענע פון דער וועלט, יאגען איהם עד חרמה, ווילען איהם אדער מאכען דענקען דוקא אזוי וויא זיי, אדער נוקם זײן זיך ביז'ן בלוט.

דא האט מען בעדארפט אנקוקען ראפאלעסקא'ס אויגען, וויא זיי שפּיעלען, און ראפאלעסקא'ס פנים, ווי עס מינעט זיך און בייט זיך פון מינוט צו מינוט און גיט ארויס די גאנצע טראגעדיע פון זײן לעבען, דאס גאנצע לײדען פון זײן הארצען, דעם גאנצען פײן פון זײן נשמה.

און דוקא אָהן סקאַרבאָווע גענג, אָהן משונה־ווילדע העויות, נישט געחאפּט זיך מיט די הענד ביי'ם האַרצען, נישט געריסען זיך ביי די לאַנגע האָר פון'ם פּאַריק, נישט געבראָכען דיא הענד, נישט געשפּאַנט איבער דער סצענע מיט ברייטע טריט, נישט געמאַכט קיין קרום פּנים.

אַלע האָבען געמוזט מודה זיין, אַז דאָס שטעהט א געבוירענער מייסטער, א גרויסער קינסטלער, א פּאָעט פון זיין ליעבען נאָמען, איין אַרטיסט פון גאָט'ס גענאָד, וואָס ניט ער שפּיעלט, נאָר ער לעבט און שאַפט און טהוט אויף נייעס אויף דער ביהנע.

אַלע האָבען געמוזט מודה זיין, אַז דער אַקאָסטא, וואָס ראַפּאַלעסקא האָט זיי געגעבען, איז זיין אייגענער אַקאָסטא. נישט קיין אויסגעלייענטער פון א ביכעל, נאָר א טיפּ, וואָס ער האָט איהם נאָך לאַנגער מיה און שטודירען אַליין בעשאַפען.

די, וואָס האָבען געזעהען אָהן געהערט דעם דאָזיגען יונגען אַרטיסט אין זיינע חאַראַקטער־ראָלען ניט איין מאָל, נאָר עטליכע מאָל, האָבען געקאָנט עדות זאָגען, אַז יעדעס מאָל שאַפט ער א נייעס טיפּ, אַז יעדעס מאָל קומען צו ביי איהם א פּאָר נייע שטריכען, וואָס געבען א נייעם פּירוש, א נייע אויסטייטשונג מיט א נייער בעלייכטונג דער גאַנצער פּיעסע. אַזעלכע אויסטייטשער, אינטערפּרעטען, וואָלט זיך ווינשען האָבען יעדער דראַמאַטיקער צווישען די גאָר גרויסע־גרויסע שטערענס פון דער יודישער ביהנע.

צום סוף פון'ם ערשטען אַקט, ווען אַקאָסטא בלייבט אַליין, האָט זיך ראַפּאַלעסקא ווידער איבערגעביטען און אויף'ן אָרט פון א גע'רודפ'טען מאַרטירער איז שוין געשטאַנען א העלד, וואָס איז גרייט צו מלחמה האַלטען, ניט קעגען האַרצען, נאָר קעגען פערשטאַנד:

"אָ, בן־יוחאי, האָט ער אויסגעדונערט, האָסט א גרויסען טעות! דער וואָס איז געוואוינט צו קעמפּפען פאַר'ן אמת, דער וועט ניט לאָזען טרעטען מיט דיא פיס זיין גאָלדענע קרוין"...

דאָ האָט ראַפּאַלעסקא א מאַך געגעבען מיט דער האַנד אַרויף, און אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז מע זעהט פאַר זיך א געקרוינטען, אויב ניט מיט א גאָלדענער קרוין, איז מיט א קרוין פון צרות, פון יסורים און פון פּיין. און אַלעמענס סימפּאַטיעס זענען געווען אויף זיין זייט און אַלעמענס הערצער האָבען געקלאַפּט פאַר איהם. און עס האָט פערדראָסען, וואָס דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ אַזוי גיך. אַלעמען האָט זיך געוואָלט אָנקוקען אָט דעם שענעם ליעבען איידעלען אוריאל אַקאָסטא נאָך א מאָל און נאָך א מאָל. און אַלע האָבען ניט אויפגעהערט צו שרייען: "ראַפּאַלעסקאָ! ראַפּאַלעסקאָ!" און ראַפּאַלעסקא האָט ניט אויפגעהערט צו בעווייזען זיך פאַר'ן פּובליקום נאָך א מאָל און נאָך א מאָל.

ניין. דאָס ניו־יאָרקער ניקעל־טהעאַטער האָט שוין לאַנג ניט געהערט אַזעלכע קולות מיט אַזעלכע געוואַלדען מיט אַזעלכע אַפּלאָדיסמענטען. די מענעדזשערס פון ניקעל־טהעאַטער און די חברים פון דער קאָמונע "קלאַמער, שוואַלב עט קאָמפּ". זענען געווען אויף'ן זיעבעטען הימעל. און די שונאים, די פּאַטריאָטען פון אַנדערע טהעאַטערס, וואָס האָבען זיך געקלויבען אויספּייפען דעם דאָזיגען "גרינגהאָרן", און די זאַיאַדלע קיבעצאַרניע־קריטיקער, וואָס האָבען געשאַרפט די ציינער אויף'ן יודישען "פאָססאַרד־באַרניי־אירווינג־ראָססי", האָבען זיך געביסען די נעגעל. זיי האָבען פון דעסטוועגען נאָך ניט פערלאָרען זייער גאַנצע האָפנונג:

— עט! די נאַכט איז נאָך גרויס — האָבען זיי זיך געטרייסט — און די טראַגעדיע פון קאַרל גוצקאָוו האָט פינף אַקטען...

קאפיטעל 169.

צווישען דיא אַקטען

נאָך'ן ערשטען אקט, בעת אנטראקט, איז אין ניקעל־טהעאטער, ווי אין אלע טהעאטערס בעת בענעפיס, געווען א רעש מיט א געטומעל מיט א הו־הא. איטליכען האָט זיך געגלוסט איבערגעבען איינער דעם אנדערען, וואָס פאר איין איינדרוק עס האָט אויף איהם געמאכט דער נייער "סטאר". דער נאָמען ראפאלעסקאָ האָט זיך געטראָגען אין דער לופטען אומעדום: אונטען, אין פארטער און אין די לאָזשעס, אזוי ווי גאנץ אויבען, אויף דער גאלעריע, יעדער האָט דערצעהלט די ביאָגראפיע פון'ם דאָזיגען יונגען ארטיסט, לויט ער האָט דאָס אויסגעלייענט פון זיין "פייפער". דאָס האָט בעוויזען, ווי ווייט דאָס טהעאטער און די "פרעסס" זענען אין ניו־יאָרק געבונדען אינאיינעם. פערשטעהט זיך, אז ניט אומעדום אין אלע פייפערס האָט דיא דאָזיגע ביאָגראפיע געשטימט, און ניט אלע מיינונגען איבער'ן ארטיסט זענען געווען גלייך, אויך דאָס דארף מען צוגעבען, אז ניט אלע האָבען געוואוסט, וואָס אוריאל אקאָסטא איז און ווער איז דער פערפאסער פון דער טראגעדיע: לאטיינער, גאָרדין, ליבין אָדער פראָפעסאָר יאקאָבי? עס זענען געווען אויך אזעלכע, וואָס האָבען ערווארטעט פון די שפּעטעריגע אקטען עפּיס א מין "משה" אָדער איין אנדער ליעדעל. און דאָס האָט בעוויזען, ווי ווייט דאָס גרויסע פובליקום איז ענטוויקעלט אין'ם געשמאק פאר קונסט... דאָך מוזען מיר זאָגען, אז כמעט אלע האָבען זיך געפונען אונטער'ן איינפלוס פון א נייער קראפט, פון א כח, וואָס יעדער פערשטעהט איהם אפשר ניט מיט'ן שכל, נאָר ער פיהלט איהם מיט'ן הארצען, מיט'ן אינוויינגסטען אינסטינקט. און דעריבער האָט זיך כמעט יעדער איינציגער געאיילט איבערצוגעבען דעם צווייטען, אזוי ווייט ווי ער קאָן, אלץ, וואָס ער האָט געפיהלט און וואָס ער האָט ארויסגעטראָגען פון'ם דאָזיגען נייעם שטערן ראפאלעסקאָ.

נאָר איינער איז געווען אין טהעאטער איין עלענדער נעבאך, וואָס האָט נישט געהאט מיט וועמען צעטיילען זיין תענוג און דעם אמת'ען פערגעניגען, וואָס ער האָט געהאט פונ'ם דאָזיגען אבענד. דאָס איז געווען אונזער "לוביטעל" פון יודישען טהעאטער, מאיר סטעלמאך.

מאיר סטעלמאך האָט ניט נור געקליבען תענוג, ער האָט ניט נור פאר זיין געלד געשעפּט פערגעניגען מיט'ן פולען מויל — ער האָט זיך פשוט געשמאָלצען, צעגאנגען ווי א וואכס און נישט געהאט, ליידער, מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדען. האָט ער זיך מיישב געווען, ער וועט זיך שטילערהייד אריינחאפּען אין דער לאָזשע נומער דריי, ערשטענס, געוואָהר ווערען צו דיא קינדער, און צווייטענס, הערען, וואָס וועלען זיי עפּיס זאָגען אויף דעם אנטיק, אויף דעם דאָזיגען ראפאלעסקאָ?

נישט אָפּגעגאנגען קיין דריי טריט, איז אונזער סטעלמאך געבליבען שטעהן אין מיטען דריינען: אקעגען איהם איז אויסגעוואכסען דער זעלבער ריעז, וואָס האָט זיך בעגעגענט מיט איהם אין קאָרידאָר. עפּיס זעהר א קענטליכער פארשוין. מיט א פריילינך לאכענדיג פּנים איז ער געשטאנען אקעגען סטעלמאכ'ען און געקוקט איהם גלייך אין די אויגען אריין.

דאָס איז געווען ניסעל שוואלב.

— שלום עליכם אייך, לאמטעדערײדעס! איהר האָט מיך ניט דערקענט? ווי קומט עס? אין לאָנדאָן זיינען מיר געווען גאָר נאָהענטע שמעלקעס. איך בין אפילו געווען ביי אייך צו־גאסט, געדענקט איהר? דאָס הייסט, איך בין

געשטאנען אין דרויסען ביי דער טהיר, און איהר האָט געשיקט זאָגען, אז איהר זענט נישטאָ אין דער היים. איך האָב אייך דערקענט אין קול. האָב איך אייך אפילו באלד געוואָלט מאכען א סקאנדאל, ווי איהר זעהט מיך א שווימענדיגען. נאָר איך האָב מיך מיישב געווען: נעווער מיינד, לאָז ער איבערגעהן אויף אנדערע הענד. איך בין ביי אייך געווען, אויב איהר געדענקט, ניט צוליעב זיך, צוליעב איין אנדערען. צוליעב'ן לאָמזשער חזן מיט זיין געזינדעל, געדענקט איהר דיא חאליאסטרע? איהר זאָלט זיי זעהען אצינד—עהע־העו!—זיי דארפען שוין ניט אייער לאסקע, זיי זענען אָלל־רייט. נו, און איהר וואָס מאכט איהר עפּיס, פּאני פּיפּערנאָטער? איהר האָט מיר אזוי אָנגעפּייפט אין אייער באָרד, אז ווען נישט אייער גרישא זאָל דאָ זיין ביי אונז מיט דער ספּיוואק אין לאָזשע נומער דריי, וואָלט איך אייך אין לעבען נישט דערקענט, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס.

אז מאיר סטעלמאך האָט דעם שלאק ניט בעקומען דאָ אויף דער שטעל, איז דאָס א נס מן השמים. ערשטענס, דאָס בעגעגעניש מיט דעם דאָזיגען נפש און אויסהערען פון איהם אזא מענה־לשון—דאָס אליין איז שוין געווען גאנץ גענוג, ס'זאָל פערקיהלט ווערען דער מאמעס מילך אין בויך. ובפרט נאָך, אז מע הערט פון איהם אזעלכע דבורים וועגען זיין גרישא'ן און וועגען דער ספּיוואק. פון וואנען ווייסט ער, אז זיי זענען אין לאָזשע נומער דריי? ווען האָט ער עס צייט געהאט צו געוואָהר ווערען? און גלאט אָהן אלעמען, וואָס איז ער פאר א מחותן מיט אָט דעם "ווערגעלעץ"?

אודאי מעג עס פאלען אין ים אריין, וואָס סטעלמאך האָט איהם אָנגעווינשעוועט. נאָר איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אָן. א מענש שטעלט אָפּ, זאָגט, אז ער איז א בעקאנטער, קאָן מען ניט זיין אזוי גראָב און מע טאָר יענעם אין פּנים אריין ניט אָנשפּייען. אהין־אהער, דערווייל האָט מאיר סטעלמאך געהאט א פערשטעהרטען אָבענד. ער האָט שוין צו די קינדער אין לאָזשע ניט געקאָנט צוגעהן און געמוזט אָפּלייגען דאָס אויף נאָכ'ן צווייטען אקט, וועלכען ער איז אויסגעזעסען, ווי מע זאָגט, אויף שפּילקעס. מאיר סטעלמאך זאָל געווען זיין ביי די קינדער אין לאָזשע באלד נאָך'ן ערשטען אקט, וואָלט מסתמא נישט פאָרגעקומען אָט דאָס, וואָס מיר געהען בעשרייבען באלד אין קאפּיטעל הונדערט זיעבעציג, און עס וואָלט אפשר אלסדינג געווען גאָר אנדערש.

קאפּיטעל 170.

וואָס איז פאָרגעקומען אין דער לאָזשע נומער דריי?

אין דער לאָזשע נומער דריי איז, אייגענטליך, נישט פאָרגעקומען גאָר נישט. דאָרטען זענען ז'יך געזעסען, ווי מיר ווייסען, דאָס בעריהמטע פּאָרעל, גרישא סטעלמאך און ראָזא ספּיוואק, אויסגעהערט דעם גאנצען ערשטען אקט ביז'ן סוף, ניט אראָפּגעלאָזט קיין אויג פונ'ם עהרענגאסט, לעאָ ראפּאלעסקאָ, וועלכער האָט ביי זיי ביידען אויסגענומען נישט ווינציגער, אויב נישט מעהר נאָך, ווי ביי'ם איבעריגען עולם אין ניקעל־טהעאטער. עס איז פאר זיי ביידען געווען איין אנגענעהמער סיורפּריז צו הערען אזא באמת טאלאנטפאָלען ארטיסט, צו זעהען פאר זיך אזא באמת אויפגעהענדיגען שטערן אויף דער יודישער ביהנע.

בעזונדער אנגענעהם איז דאָס געווען פאר ראָזא'ן. פאר איהר איז דאָס געווען, קאָן מען זאָגען, א שטיק נצחון,

א טריאומף. זיא האָט דאָך אמאָל אליין אויף געהאַט עפּיס א שייכות צום יודישען טהעאַטער... זי האָט שוין לאנג ניט געהאַט אזא פולען גייסטיגען פערגעניגען, ווי אין יענעם אָבענד, און זי איז באמת געווען דאנקבאר סטעלמאך דעם פּאָטער פאר דער אידעע — צו געהן אין יודישען טהעאטער.

וואָס ווייטער איז איהר וואונדערען זיך געוואָרען גרעסער און גרעסער. זיא האָט כמעט נישט געגלויבט איהרע אויגען. זי האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכט, אז דאָס יודישע טהעאטער, ווי זי האָט דאָס געדענקט, זאָל אין אזא קורצער צייט דערגרייכען צו אזא הויכען גראד פון אמת'ער קונסט. זי האָט קיינמאָל ניט געגלויבט, אז צווישען די יודישע אקטיאָרען, ווי זי האָט זיי געקענט, זאָל אויסוואכסען אזא קאָלאָסאַלע פיגור, אזא ריעז, אזא גבור איין ארטיסט, ווי אָט דער גאסטראָלער ראפּאַלעסקאָ. מיט דעם העכסטען אינטערעס, מיט דער גרעסטער שפּאנונג האָט זי נאָכגעקוקט יעדען טריט, יעדע בעוועגונג פונ'ם דאָזיגען גרויסען ארטיסט, וואָס האָט זי מיט זיין הויכער נאטירליכקייט אריבערגעטראָגען אין דעם ווייטען אלטען אמסטערדאם מיט זיינע אמאָליגע אלטע אינטערעסען. דער כח־הדמיון, די אילוזיע איז געווען אזוי שטארק, אז ראָזא האָט זיך געזעהען אינאיינעם מיט דעם העלד אין דער אלטער וועלט, אינאיינעם מיט איהם געטיילט זיינע פריידען און ליידען פון דער אלטער צייט, די צייט פון מלחמה צווישען פרייען געדאנק און פאנאטיזם, די צייט פון ברוך שפּינאָזא. ס'איז נור א שאָד, וואָס פון דער צווייטער לאָזשע, וועלכע געהערט צו דער דירעקציע פון טהעאטער, שטערט מען, מע לאָזט נישט הערען, ווי עס געהער צו זיין. דאָרט האָבען זיך צענויפגעקליבען א בינטעל ווייבער און מע שמועסט זיך אויס שטי־לערהייד, ווי, להבדיל, אין שול צום דאַוונען, ווען עס ווילט זיך אי רעדען, אי ניט שטעהרען דעם חזן.

דאָס בינטעל ווייבער האָט, ווי עס שיינט, זיך אָנגעקעהרט טאקי מיט'ן ניקעל־טהעאטער און מיט דער קאָמונע "קלאמער, שוואלב עט קאָמפּ"., ווייל צווישען זיי האָט זיך געפונען אונזערע א בעקאנטע, די לאָמזשער חזנ'טע, און עטליכע שוין ניט קיין יונגע, נאָר שטארק אָנגעקאלכטע פּנימ'ער. אויב זיי זענען אליין ניט קיין אקטריסעס, זענען דאָס אקטיאָרסקע פרויען. וואָס פאר א וויכטיגע אינטערעסען ביי זיי איז געווען, וואָס זיי האָבען נישט געקאָנט אפּלייגען זייער שמועס אויף שפּעטער — איז שווער צו וויסען. ס'איז תמיד אזוי: ווען מע איז גענויט צו שווייגען, דעמאָלט גלוסט זיך דוקא רעדען. ס'איז א יצר־הרע.

נאָר די דאָזיגע ווייבער וואָלט נאָך געווען צו דערטראָגען, ווען עס זאָל זיך ניט עפּענען די טהיר פון דער דירעקטאָר־לאָזשע און עס זאָל זיך ניט אריינרייסען מיט א רעש סאמע אין מיטען ערשטען אקט עפּיס א מאָדנע יפהפיה מיט אזא גרויסען "העט", אז מע האָט פריי געקאָנט ארונטערנעמען אונטער איהם דאָס גאנצע בינטעל ווייבער. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבען די רעכטע חתונה.

ראָזא זאָל קאָנען, וואָלט זי צעריסען אָט די דאָזיגע יפהפיה מיט'ן מורא'דיגען העט. א מענש זאָל ניט רוהען א מינוט! עפּיס טאקי נור ווי אויף צו להכעיס האָט זי דער ניט גוטער אהער געבראכט צו טראָגען. די גאנצע צייט האָט זיך איהר דאָס מויל ניט צוגעמאכט. זי האָט זיך געסוד'עט און געשושקעט, אָט מיט דער, אָט מיט דער צווייטער פון דעם בינטעל ווייבער, געלאכט שטילערהייד, געוואָרפען זיך, אויפגעדעקט די ארבעל און בעוויזען די

בראַסלעטען מיט בריליאַנטען, און טאַ־
קי אין אײנוועגס — איהרע שענע גרוי־
סע ווייסע הענד. ראָזא האָט זיך מיט
איהר קאַוואַליער איבערגעקוקט עטליכע
מאָל, פרעגענדיג זיך איינס דאָס אנדע־
רע מיט די אויגען: "וואָס איז דאָס
פאַר א חיה?"...

אויף דעמאָלט, ווען דער ערשטער
אקט האָט זיך געענדיגט, דער פאָרהאַנג
איז געפאַלען און דאָס גאַנצע טהעאַטער
האָט געציטערט פון אפּלאָדיסמענטען
און געשרייען: "ראַ־פאַ־לעס־קאָ!"
— אויף דעמאָלט האָט די דאָזיגע "חיה"
ניט אויפגעהערט צו שמועסען מיט איה־
רע ווייבער, געלאַכט, געוואָרפען זיך און
אויפגעפיהרט זיך אזוי, אז עס האָט זיך
געגלוסט נור הייסען, מע זאָל זי בעטען
ארויספיהרען פון טהעאַטער.

צום דריטען מאָל, אז מע האָט ארויס־
גערופען ראַפאַלעסקאַ'ן אויף דער ביהנע
און ער האָט זיך גאַנץ העפליך פערנייגט
פאַר'ן דוננערענדיגען פּובליקום, האָט
ראָזא דערזעהען, ווי די דאָזיגע "חיה"
האָט איהם ארויסגעשטעלט א צונג, און
דאָס בינטעל ווייבער אין דער דירעק־
טאָר־לאָזשע האָבען אלע אויסגעשאָסען
אזא געלעכטער, אז עס האָט שוין אונ־
זער ראָזא'ן פערדראָסען נישט אויף קאַ־
טאָוועס, און ווענדענדיג זיך צו דער
יפהפיה מיט'ן העט, האָט זי איהר א
זאָג געגעבען אויף יודיש:

— ניט שוין זשע האָט ביי אייך
ניט אויסגענומען אָט דער ארטיסט?

— וועלכער ארטיסט? ראַפאַלעסקאַ?
חאַ־חאַ! ער איז דאָך מיינער א חתן,
חאַ־חאַ־חאַ!

דאָס איז געזאָגט געוואָרען אזוי
פּראָסט און מיט אזא אונשולדיגען גע־
לעכטער, אז ראָזא'ן איז די "חיה" מיט
א מאל געפעלען געוואָרען. האָט זי זיך
צוגערוקט צו איהר:

— אייערער א חתן? זענט איהר
אויך איין אקטריסע?

— אויב איך בין איין אקטריסע?
—זי האָט אויפגעהערט צו לאַכען. —
איך בין א פּרימאַדאָנא. מיין נאָמען איז
הענריעטא שוואַלב.

— עס פרייהט מיך זעהר.

ראָזא האָט איהר נאָמען נישט אָנ־
גערופען, נאָר זי האָט זיך צוגערוקט
צו דער פּרימאַדאָנא נאָך נעהינטער, אזוי
אז זיי זענען אויסגעקומען א פּנים קע־
גען א פּנים און נור דאָס דינע ווענטעל
פון ביידע לאָזשעס האָט זיי אָפּגעטיילט,
אזוי אז קיין דריטער האָט נישט גע־
קאָנט הערען זייער אינטימען געשפּרעך.

— וואָס איך וואָלט וועלען וויסען פון
אייך איז אָט וואָס — האָט זיך ראָזא
פריינדליך געווענדעט צו דער פּרימאַ־
דאָנא:—איז דאָס אמת, וואָס מע שרייבט
אויף דעם ראַפאַלעסקאָ פון בוקארעשט,
אז די קעניגין קארמען סילוואַ...

— גאָלע ליגען! — האָט איהר הענ־
ריעטא איבערגעשלאָגען מיט א געלעכ־
טער. — ערשטענס, איז ער ניט פון בו־
קארעשט, נאָר פון האָלאָנעשטי.

— האָלאָנעשטי?

דאָס וואָרט האָלאָנעשטי האָט ראָזא
ניט ארויסגערעדט, נאָר עס האָט זיך
ארויסגעריסען ביי איהר פון'ם הארצען,
און זי האָט אָנגעחאַפּט הענריעטאַ'ן ביי
איהר גרויסער נאקעטער קאַלטער האַנד.
זי האָט זיך אָבער באַלד פערחאַפּט,
גענומען כלומרשט בעטראַכטען הענריע־
טאַ'ס בראַסלעט:

— איהר טראָגט אזוי פיעל ציערונג?
אייער בראַסלעט געפעלט מיר...

— דאָס איז ביי מיר א מתנה פון
מיין חתן.

—ווי אזוי האָט איהר געזאָגט, הייסט
די שטאָדט?

— א שטאָדט? חאַ־חאַ־חאַ! א
שטעדטעל. האָלאָנעשטי הייסט עס. אין
בעססאַראַביע איז דאָס. דאָרט עסט מען
מאַמעליגעס, חאַ־חאַ־חאַ!

דאָס אינטימע געשפּרעך פון ביידע

פרימאדאָנא'ס האָט געמוזט איבערגעריסען ווערען אין רעכטען אָנהויב, וואָרום פלוצים זענען אויסגעלאָשען געוואָרען די ליכט אין טהעאטער, עס האָט זיך אויפגעצויגען דער פאָרהאנג און עס האָט זיך אָנגעהויבען דער צווייטער אקט.

קאפיטעל 171.

דאָס טהעאַטער איז משוגע געוואָרען

וואו זענען געוועזן איהרע אויגען ? ווי אזוי האָט זי איהם באלד ניט דערקענט פון דער ערשטער מינוט נאָך'ן ערשטען קוק, נאָך'ן ערשטען וואָרט ארויסרעדען ?

ראָזא קוקט אריין אין פראָגראם. זי לייענט : "אוריאל אקאָסטא — לעאָ ראפאלעסקאָ".

— נו יאָ — לעאָ...

— וואָס לעאָ ?

דאָס פרעגט ביי איהר גרישא סטעלמאך, וואָס זעהט, אז ראָזא איז עפּיס מיט א מאָל געוואָרען גאָרניט די, וואָס פריהער. פריהער, אין דער גאנצער צייט פון'ם ערשטען אקט, איז זי געזעסען נעבען איהם נאָהינט-נאָהינט. איהר האנד איז געווען אין זיין האנד. איצט, אין צווייטען אקט, איז ראָזא ניט געווען שוין מעהר דאָ. זי האָט זיך כמעט איינגאנציען ארויסגעצויגען פון דער לאָזשע און קוקט דורך איהר בינאָקל און זעהט פאר זיך א גאָרטען. עטליכע דעקאָראטיווע בוימער. צווישען די בוימער זעהט זי פיגורען. צווישען די פיגורען איז ניטאָ דער, וואָס איהרע אויגען זוכען איהם... עס ווייזט זיך איהר אויס, אז די פיגורען זענען פון'ם זעלבען מאטעריאל, וואָס די בוימער. דעקאָראטיווע פיגורען. ריהרעוודיגע מאנעקענען. רעדענדיגע גולמ'ס. **עפּיס איינער איין אלטער מאן, עלעגאנט געקליידעט, לייענט א פאפּיער, דער אלטער רעדט** וויינענדיג, מיט א פרעמד קול. נעבען איהם שטעהט א דיענער אין א אלטמאָדישער אוניפאָרם, מיט א צעפּעל פון הינטען. עפּיס שמועסען זיי, די דאָזיגע הילצערנע פיגורען, צווישען זיך. וואָס — ווייסט זי ניט. דערנאָך קומט אָן א מיידעל, נישט גוט גרימירט, מיט שלעכט אונטערגעפארבטע ברעמען. איהרע הענד זענען צו גרויס און רויט. ווער איז דאָס מיידעל ? וואָס טהוט זי דאָ ? זי רופט אָן דעם אלטען אויף דייטש : "פאטער". עפּיס רעדען זיי, דאכט זיך, נאררישע, איבעריגע רעד. פון דער אמסטערדאמער בערזע רעדען זיי ; פון רובענס און פון וואן דייק ; פון משה רבינו און פון סאָקראטוס און פון כריסטוס ; פון קונסט און פון רעליגיאָן ; און דוקא אויף דייטש : "רעליגיאָן". נאררישע, איבעריגע רעד... דער דיענער געהט אוועק — דאנקען גאָט, איינעם גע'פטר'ט. דער אלטער איז שוין אויך נישטאָ. דאָס מיידעל בלייבט אליין. זי דרעהט זיך ארום איבער דער ביהנע, ווי איין איבעריגע. זי פערגלאָצט די שלעכט אונטערגעפארבטע אויגען ארויף, דריקט צו די רויטע הענד צו דער פאלשער ברוסט און רעדט דייטש (דוקא דייטש) : "די קייטען פון קליינמוטהיגקייט ליעגען אויף מיין הערץ". נאררישע, איבעריגע רעד. נאָר אָט איז ער ! אוריאל אקאָסטא !... ראָזא פיהלט, אז עס האָט איהר פערחאפּט דער אָטהעם. עס פולסירט דאָס בלוט, און דאָס הארץ רייסט זיך ביי איהר, וויל ארויסשפּרינגען, נור ארויסשפּרינגען. טיק-טיק-טאק ! טיק-טיק-טאק ! א מינוט האָט זיך איהר אויסגעדאכט, אז אוריאל אקאָסטא קוקט צו איהר אין לאָזשע אריין, גלייך אויף איהר. זי פיהלט, אז איהר פּנים ברענט, ווי א העליש פייער. ניין, עס האָט זיך איהר נור אויסגעדאכט, אויסגעוויזען.

רוהיג, שטיל און געלאסען רעדט אוריאל מיט זיין געליעבטער יהודית. זיין קול איז ווייך. זיינע בעוועגונגען זענען שען, איידעל און פלאסטיש. אלעס מיט א וואג און מיט א מאס. קיין איבעריגער טראט. קיין אומזיסטער ניואנס. דאס גאנצע טהעאטער הערט זיך איין אין יעדען ווארט, וואס ער רעדט ארויס. גלייך, ווי נור ער אליין וואלט דא געוועזען, און אויסער איהם נישט קיינער. מיט א מאל העכערט זיך ביי איהם די שטימע. עס הערט זיך א בעזונדערע שטארקייט אין זיינע ווערטער. צערטליך ווייך און פול מיט ליעבע נעמט ער אן די געליעבטע יהודית ברודערליך ביי דער האנד: "מיין טהייערע יהודית, צום לעצטען מאל — זיי געזונד!"

אך! ווי שען, ווי גרויסארטיג שען עס זענען זיינע אויגען! וויפיעל געפיהל, וויפיעל שמערצליכע ליעבע עס פינקעלט זיך אפ אין זיי! ניט שוין זשע געהט ער דאס אוועק פון דער סצענע? ניין. עס קומט אן דער פריהעריגער אלטער מיט נאך עפּיס פארשוינען, און אוריאל איז געבליעבען — דאנקען גאט, וואס ער איז געבליעבען, ראזא שטעלט אן אויף איהם איהר בינאקל. זי זעהט, ווי יהודית נעמט איהם פאר א האנד, און זיי געהען פאוואלי אוועק. פון דערווייטענס הערט זיך מוזיק.

מיט א זיפץ לייגט ראזא אוועק איהר בינאקל. דער יונגע״ מאעסטרא סטעלמאך, וואס זיצט נעבען איהר, פערקוקט איהר אין די אויגען. ער וויל זעהען, וואס איז מיט איהר?... ער וויל זי פרעגען, וואס זיפצט זי אזוי? ראזא זעהט איהם ניט. ראזא זעהט קיינעם ניט. ראזא איז איצט ביי זיך אויף'ן אפגרונד פון איהר אייגענער נשמה: "נישט שוין זשע איז דאס ער? אט דער וואס זי האט אזוי לאנג אויף איהם ארויסגעקוקט? אט דער, וואס זי האט איהם אויסגעווארעמט אין איהרע געדאנקען? אט דער, וואס זי האט איהם געזעהען אזוי אפט אין חלום? אדער א חלום איז דאס, וואס זי זעהט אצינד? ניין, ס'איז ניט קיין חלום"... הינטער איהרע פלייצעס הערט זי, ווי מע שושקעט זיך. דאס איז פון דער צווייטער לאזשע. אלץ יענע, וואס האט זיך אנגערופען פרימאדאנא און האט בעריהמט זיך, אז ראפאלעסקא איז איהר חתן. איז דאס מעגליך?... זי וועט איהם פרעגען. נאך היינט וועט זי איהם פרעגען. וואו וועט זי איהם זעהען? טאקי דא, אין טהעאטער. הינטער די קוליסען. באלד ווי עס ענדיגט זיך דער צווייטער אקט, געהט זי ארויף און הייסט זיך ארויסרופען דעם גאסטראלער, לעא ראפאלעסקא. ווי אזוי זאל מען איהם זאגען? ווער פרעגט אויף איהם? א ליידי וויל איהם זעהען. אהן א נאמען — א ליידי.. אלע קוקען אויף איהר: ווער איז די ליידי, וואס פרעגט זיך נאך אויף ראפאלעסקא'ן? נאר וועמען הערט זי?.

איין זאך האט ראזא פערגעסען: אז זי איז ניט אליין אין טהעאטער. אז מיט איהר אין לאזשע זיצט נאך עמיצער. אז דא זיצט מיט איהר גרישא סטעלמאך. אך, גרישא סטעלמאך! אן איהם האט זי טאקי פערגעסען. אינגאנצען פערגעסען, וואס ער געהער זיך אן מיט איהר. פערגעסען, וואס היינט איז פארגעקומען צווישען זיי. פערגעסען גאר, אז ס'איז פארהאן אויף דער וועלט אזעלכער, וואס הייסט מיט'ן נאמען גרישא סטעלמאך... ארעמער, ארעמער גרישא סטעלמאך!

פלוצים דערהערט זיך פון דער סצענע א קול פון א שופר. ראזא טהוט זיך אווארף, גלייך ווי פון שלאף. די ביהנע איז פול מיט מענשען. אלע רעדען, ווי עס דאכט זיך איהר, מאדנע נארישע, איבעריגע ווערטער. וואו איז אוריאל? אט איז ער! שוין ווידער א גאנץ אנדער אויסזעהען. א גאנץ אנדער מענש. מיט א נייער קראפט קלינגט זיין שטימע.

ראָזא נעמט נישט צו דעם בינאָקל פון די אויגן, הערט זיך איין אין די ווערטער פון׳ם לאַנגען מאָנאָלאָג פון אוריאל אקאָסטא. דעם זינען פון מאָנאָלאָג פערשטעהט זי ניט אקוראט; נאָר איטליכם וואָרט בעזונדער האָט פאר איהר איין אנדער בעדייטונג. און ניט אזוי נאָך די ווערטער, ווי די שטימע. זיין שטימע. ווי אזוי האָט זי געקאָנט פערגעסען זיין שטימע? וויפיעל מאָל האָט זי מיט צוגעמאכטע אויגען געהערט איהם רעדען?...

"צרות טראָגען גלייך מיט אלע וויל איך! אייער חרם קאָן גילטען — איך בין א יוד!" — אזוי לאָזט אויס מיט גדלות אוריאל אקאָסטא זיין מאָנאָלאָג, און דאָס גאנצע טהעאטער ברעכט אויס אין א מורא׳דיגען אפלויז. דאָס האָט חברה יונגווארג זיך אָנגעצונדען אין געפיהל פון שארפען נאציאנאליזם, וואָס האָט דערגרייכט צו אונזערע ברידער אויף יענער זייט אטלאנטיק. זיי איז אם מעהרסטען געפעלען די ווערטער: "צרות טראָגען גלייך מיט אלע וויל איך". און אויף זיי קוקענדיג, האָט שוין דער איבעריגער עולם, וואָס זענען אין אמעריקא מעהר אָדער ווייניגער מבינים אויף קונסט, אויך גענומען אפלאָדירען, שטארק אפלאָדירען, ווייל אלע האָבען געפיהלט, אז עס שטעהט פאר זיי איין אונגעוועהנליכע קראפט, איין אמת׳ער ארטיסט, איין ארטיסט, וואָס טראָגט ארויס די גאנצע טרופפע אויף זיינע פלייצעס, וואס האלט דאָס גאנצע פובליקום ביי זיך אין האנד, וואָס האָט פער׳כשופ׳ט דאָס גאנצע טהעאטער. יאָ, דאָס איז א "סטאר",— האָבען אלע ווי איינשטימיג ארויסגעזאָגט — דאָס איז באמת א שטערן, איין אויבגעהענדיגער שטערן אויף׳ן הימעל פון דער יודישער ביהנע.

אויף דעמאָלט, ווען דער צווייטער אקט האָט זיך שוין לאנג געענדיגט, האָבען די אפלאָדיסמענטען ניט אויפגעהערט. זיי האָבען זיך אויסגעמישט מיט ווילדע געשרייען: "ראפאלעסקאָ! בראוואָ, ראפאלעסקאָ!"

— שאראפ! לאָז זיין שטיל! — האָבען זיך אנדערע געפרובט איינשטילען דעם עולם. עס האָט אָבער ניט געהאָלפען. אָנשטאדט "בראוואָ, ראפאלעסקא", האָט מען אָנגעהויבען שרייען: "הורריי פיר ראפאלעסקאָ!"

— דאָס טהעאטער איז משוגע געוואָרען! — האָט זיך דערהערט א קול פון פארטער.

דער, וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז געוועזן גערעכט: דאָס טהעאטער איז משוגע געוואָרען.

קאפיטעל 172.

מיסטער ניקעל ספיטשט אויך

אין אמעריקא ספיטשען אלע: קליין און גרויס, יונג און אלט. און אלע קאָנען ספיטשען. סיידען דער, וואָס איז א געבוירענער שטומער.

אין אמעריקא ווערד געספיטשט אויף יעדער שמחה און ביי יעדער געלעגענהייט: א קנס-מאָל, א חתונה, א ברית, א פדיון-הבן, א בר-מצוה, א חנוכת-הבית, א סיום-התורה, א גט, א חליצה, א שלאק, א צרה שלא תבוא — דאָס אלעס גיט א געלעגענהייט צו ספיטשען. און ווער שמועסט אויף איין אסיפה, א מיטינג, א לעקטשור, איין אָבענד, א גאסט, א רעסעפשאָן, א קאָנצערט אָדער א פאָרשטעלונג — דעמאָלט האָט דאָך גאָט אליין געהייסען ספיטשען.

אין טהעאטער, אז עס קומט א גאסטראָלער, א סטאר, ווערד פון זיין כבוד וועגען געספיטשט פון דער סטיידזיש צווישען די אקטען. דאָס טהוט, געוויינליך, אָדער דער גאסט אליין, אָדער איינער פון די אקטיאָרען, וואָס האָט א גוטע געמבע און קאָן געבען א טאָן, און א מאָל געהט ארויף דער מענעדזשער,

דער בעל־הבית פון טהעאטער הייסט
עס, און ניט צו וויסען דעם געעהרטען
פּובליקום דאָס, וואָס ער געפינט, אז
דער עולם דארף עס וויסען.

איצטיגס מאָל, נאָך'ן צווייטען אקט,
אז דאָס פּובליקום איז שיער משוגע גע־
וואָרען, קלאַפּענדיג בראוואָ און שריי־
ענדיג : "הוררײ פיר ראפּאלעסקא ! ",
און ראפּאלעסקאָ האָט זיך שוין איינגע־
מיעדט ארויסצוגעהן אלע האלבע מי־
נוט און פערנייגען זיך פאר'ן פּערריק־
טען ניו יאָרקער פּובליקום, האָט זיך
אויפגעהויבען דער פאָרהאנג און אנ־
שטאָדט ראפּאלעסקאָ'ן האָט זיך בעווי־
זען די אלעמען גוט בעקאנטע פּרייליכע
פיגור פון מיסטער ניקעל.

אָנגעטהאָן איז ער געוועזן גאנץ איינ־
פאך, ווי א בעל־הבית ביי זיך אין
שטוב : אין א קורץ ווייטיקעל, גאנץ
וואָכעדיג, די העגד אין די קעשענים,
און אויף די ליפּען א שמייכעלע. דאָס
בעקאנטע שטענדיגע שמייכעלע, וואָס
האָט געמאכט דעם מיסטער ניקעל פאר
א "גוד־באָי".

— ליידיס ענד דזשענטעלמען ! —
האָט מיסטער ניקעל אָנגעהויבען זיין
עקספּראָמט. — צום אלעם ערשטען גע־
פין איך פאר נויטיג אויסצודריקען מיין
טיעפסטען דאנק דעם געעהרטען פּוב־
ליקום פאר דער עהרע, וואָס זיי האָבען
מיר מיטגעטיילט מיט זייער קומען צו
מיר אין טהעאטער אריין. עס וואונדערט
מיך ניט, וואס אלע פאָרשטעלונגען פון
מיין טהעאטער קומען פאָר אלע מאָל
ביי פול־געפּאקטע הייזער, אין דער צייט
ווען אין אנדערע טהעאטערע אין ניו
יאָרק איז דאָ א פּלאץ אויף דורכפאָה־
רען זיך מיט א מאָטאָרקאר אין דער
ברייט און אין דער לייננ. איך מיין ניט,
חלילה, דערמיט צו בלאַמירען מיינע
קאָנקורענטען, נאָר די וואהרהייט קאָן
מען ניט פערבאָרגען, אז דאָס געעהרטע
פּובליקום גלייכט מיין טהעאטער מעהר
אלס אלע אנדערע. מעגליך, אז דאָס איז
דערפאר, ווייל איך טריי אלעם מעגלי־
כעס, אום דאָס פּובליקום צופריעדען צו
שטעלען. איך קער ניט פאר קיין געלד
און שטעל מיך ניט אָפּ פאר קיין אויס־
גאבען, וויא גרויס זיי זאָלען ניט זיין.
אויך איצט איז מיר געלונגען, זעלבסט־
פערשטענדליך, מיט אונגעהייערע קאָס־
טען, אראָפּצוברענגען פון בוקארעשט
דעם געעהרטען גאסט פון היינטיגען
אבענד אויף געצעהלטע גאסטראָלען.
דאָס איז דער קעניג פון די שוישפּיע־
לערס. דאָס איז דער וועלט־בעריהמטער
דראמאטישער ארטיסט לעאָ ראפּא־
לעסקאָ פון בוקארעשט, וועלכער האָט
ניט זיין גלייכען ניט דאָ ביי אונז, ניט
דאָרט אויף יענער זייט אטלאנטיק. עס
פריידט מיך צו זעהען, אז דאָס
ווערטהע פּובליקום האָט איהם אָפּגע־
שאצט לויט ווערטה, און איך בין גרייט
צו פערשפּרעכען אויך אויף ווייטער, אז
איך וועל ניט קוקען אויף קיין סומען,
וויא גרויס זיי זאָלען ניט זיין, בכדי דעם
זשעניאלען גאסט צו פערהאלטען וואָס
לענגער, אום צו געבען דיא מעגליכקייט
דיא יעניגע הונדערטער און טויזענדער
לייט, וועלכע האָבען נעבאך געמוזט היינט
מיט א וועהטיג אין הארצען אוועקגעהן
אהיים, ווייל ס'איז, וויא איהר זעהט,
נישט איין עפּעל דורכצוּוואַרפען.

ליידיעס ענד דזשענטעלמען ! אויס־
שפּרעכענדיג מיין אנערקענונג דעם גע־
עהרטען פּובליקום, קאָן איך מיך ניט
איינהאלטען פון אָפּצודאנקען די יעניגע
פּראָמינענטע געסט, וועלכע האָבען בע־
עהרט מיין טהעאטער מיט זייער אנ־
וועזענהייט. א גאנץ בעזונדערע פריידע
מאכט מיר אייך מיטצוטהיילען, אז
צווישען די פּראָמינענטע געסט, וואָס
האָבען מיט זייער הויכער אנוועזענהייט
בעעהרט מיין טהעאטער, געפינען זיך
דאָ אויך אזעלכע, וואָס האָבען קיין יודיש
טהעאטער ביז היינטיגען טאָג אין ניו

יאָרק, אויסער מיין טהעאטער, נאָך ניט בעזוכט. צווישען זיי האָבען אונז בעעהרט צוויי, וואָס זענען אליין אויך ארטיסטען און זענען אליין אויך שטארק בעריהמט אין ביידע וועלטען, אין יוראָפּ וויא אין אמעריקא. זיי געפינען זיך, ליידים ענד דזשענטעלמען, אָט דאָ אין דער באקס, וואָס אין דער לינקער זייט. איך גלויב, אז ס'איז ניטאָ א מענש וואָס זאָל ניט האָבען געהאט געהערט דעם נאָמען גרישא סטעלמאך אָדער מיסס ראָזאליא ספּיוואק, ווי ס'איז ניטאָ א מענש, וואָס זאָל ניט האָבען געהערט דעם נאָמען וואשינגטאָן, לינקאָלן אָדער עדיסאָן...

— — — — — — — — — — —

דאָס איבריגע, וואָס מיסטער ניקעל האָט געספּיטשט, האָט שוין קיינער נישט געקאָנט הערען, און אפילו ער אליין אויך ניט, ווייל דאָס פּובליקום, וואָס איז געווען רעכט צעהיצט נאָך פון פריהער, איז נאָך מעהר צעהיצט געוואָרען, אז מע האָט דערהערט, אז דאָ געפינען זיך גרישא סטעלמאך און ראָזא ספּיוואק, וועלכענס נעמען עס זענען נישט אראָפּ פון דער פּרעססע אין די לעצטע טעג. דאָס גאנצע פּארטער־פּובליקום האָט זיך וויא איין מענש אויפגעשטעלט און גענומען מאכען די דאָזיגע צוויי בעריהמטהייטען אזעלכע הייסע שטורמישע אָוואציעס, אז דעם בעריהמטען פּאָרעל, גרישא סטעלמאך און ראָזא ספּיוואק, איז ניט געבליעבען קיין אנדער אויסגאנג, וויא אויפצוהויבען זיך און אנטלויפען פון ניקעל־טהעאטער, גלייך ווי זיי וואָלטען דאָ געהאט דעם גרעסטען אומכבוד. דערצו האָט זיי כמעט ווי געצוואונגען סטעלמאך דער פאָטער, וואָס האָט קוים זיך דערשלאָגען צו זייער לאָזשע. ער האָט זיי ביידען איינגערוימט א סוד אויפ'ן אויהער, און אינאיינעם מיט'ן שווארצען מענשען, אונטער טריאומפירענדע אפּלאָדיסמענטען און קולות, זיי ארויסבעגלייט ביז צום אויטאָמאָביל. דאָרט האָט ער מיט זיי אינאיינעם אריינגעזעצט זיך און איז אוועק מיט א קללה אויף די ליפּען פונ'ם אידישען ניו יאָרק, פונ'ם פערשאָלטענעם דאון־טאון, וואָס האָט זיי געמאכט אזא פּאראדנע, כמעט א קייזערליכע לויה.

— — — — — — — — — — —

דעם געלונגענעם ספּיטש פון מיסטער ניקעל האָט ראפּאלעסקאָ געהערט, נאָר ניט ביז'ן סוף. וויבאלד יענער האָט גענומען דאנקען די פּראָמינענטע געסט, וואָס האָבען מיט זייער "הויכער אנוועזענהייט בעעהרט זיין טהעאטער", האָט ראפּאלעסקאָ שוין מעהר נישט געקאָנט אויסהאלטען און איז אָפּגעגאנגען צו זיך אין זיין גארדעראָבע, זיך גרימירען צום דריטען אקט.

— וואָס איז דאָרט פאר א געפּילדער? — האָט ער א פרעג געגעבען ביי'ם בארבער, וואָס איז אריינגעלאָפען א פערשוויצטער פון פּארטער.

— משוגעים! — האָט איהם געענטפערט דער בארבער, א יונגערמאן א פריידענקער און א "שאָשעליסט", וואָס לאָזט ניט דורך קיין איינציגען סאָציאליסטישען לעקטשור אין קלינטאָן־האָל, אבי עס קומט נישט פאָר ביינאכט, ווען ער איז פערנומען מיט'ן גרים. — ריינע משוגעים! ווילדע מענשען אָהן א טראָפּען ציוויליזאציע! אונזער מענעדזשער, מיסטער ניקעל, האָט זיך פערגלוסט האלטען א ספּיטש צוליעב היינטיגען אָבענד. האלט זשע דיר דיין ספּיטש אנשטענדיג, ווי עס געהער צו זיין. ניין. איז ער דאָך, צווישען אונז רעדענדיג, א באָס, א בורזשוי, דארף ער חנפה'נען די קאפּיטאליסטען, די פּראָמינענטע געסט און זייערע אריסטאָקראטישע ארטיסטען, וואָס האָבען אונז בעעהרט, זיך אראָפּגעלאָזט אזש פון דער פינפטע־

עווענױ צו אונז דאון־טאון. פּס—א קלײניגקײט! קארל מארקס זאָל זײן דאָ, װאָלט ער זיך בעגראָבען א לעבעדיגער!...

— װער זשע זענען דאָס די ארטיסטען פון דער פינפטער עווענױ? — פרעגט איהם ראפאלעסקא, אריינקוקענדיג אין שפּיעגעל און נעמענדיג א פּאָזע, װאָס זאָל איהם אם בעסטען פּאסען צום דריטען אקט, בעת זײן טראגיש בעגעגעניש מיט זײן פאמיליע און מיט דער בלינדער מוטער.

— װער זײ זענען? ער איז א װיאָלאָניסט, שפּיעלט פּיעדעל שפּיעלט ער, און זי איז א זינגערין, א פּרימאדאָנא. ער הײסט גרישא סטעלמאַך און זי—ראָזאליא ספּײװאק, אָדער ראָזא ספּיװאק...

דער בארבער דער סאָשעליסט זאָל איהם געװען אָפּבריהען מיט א הײסען אײזען, אָדער אײנשנײדען אומגעהרען דעם האלז מיט א שארפען גאָלמעסער, װאָלט ראפּאלעסקאָ ניט בעדארפט אויפשפּרינגען מיט מעהר אימפּעט, װי ער איז אויפגעשפּרונגען בײ די לעצטע װערטער פון׳ם בארבער. אײן רגע איז ער געשטאנען װי צעמישט, געװען בלאס װי דער טויט. דערנאָך האָט ער אראָפּגעהאפּט דעם פּאריק פון׳ם קאָפּ און דאָס אָנגעקלעפּטע בערדעל פון׳ם פּנים און האָט זיך געלאָזט לויפען צו דער טהיר. דער בארבער האָט געמײנט, אז דער יונגער מאעסטראָ איז פּלוצים געװאָרען נעריהערט, אראָפּ פון׳ם זינען... אין דער מינוט האָט זיך דערהערט א קלאפּ אין טהיר און, נישט דערװארט זיך אויף׳ן געװײנליכען "קאם אין", איז אריינגעקומען צו ראפּאלעסקאָ׳ן אין גארדעראָבנע מיט א רעש און מיט א חא־חא די פּרימאדאָנא — הענריעטא שװאלב.

— חא־חא־חא — א קאָמעדיע מיט אונזערע אפּ־טאונער אריסטאָקראטישע קאָללעגען! װי פון א פּעסט זענען זײ אנטלאָפען פון אונז. א קאָמעדיע, א װאָדעװיל, חא־חא־חא!

קאפּיטעל 173.

נאָך א בעגעגעניש

אין דער צײט, װען דאָס צעהיצטע פּובליקום פון ניקעל־טהעאטער האָט געשטורמט און געדונערט, געמאכט אָװאציעס פריהער ראפּאלעסקאָ׳ן, דערנאָך גרישא סטעלמאַך מיט ראָזא ספּיװאק, האָט זיך אין װעסטיבול פון טהעאטער אָפּגעשפּיעלט אזא מין סצענע:

אונזער עלעגאנטער פרײנד מיסטער קלאמער איז געשטאנען אין װעסטיבול, בײ דער טהיר, און פון דאָרטען צוגעהערט, װי מיסטער ניקעל ספּיטשט. אײן אויג האָט ער געהאלטען צו, א טהײל פון זײן הערצעל־באָרד האָט ער אריינגענומען אין מויל אריין, און דאָס גאנצע אויסזעהען זײנס האָט געזאָגט, אז איהם איז דער ספּיטש פון מיסטער ניקעל גאָר ניט געפעלען. ער פערשטעהט ניט, װי נעמט זיך עס אונטער א רויהער מענש, װאָס האָט נישט קײן ברעקעל ידיעה ניט פון דער היסטאָריע, ניט פון קונסט, ניט פון שעקספּיער, זיך אװעקשטעלען פאר אזא פּובליקום האלטען א רעדע? װען מע לאָזט איהם, מיסטער קלאמער׳ען, ארויף אויף דער סטײדזש, װאָלט שוין געװען אָלל רײט, עס װאָלט געװען אויף טיש און אויף בענק, אָדער װי זאָגט דער אײנגעלשמען: "אײ װאוד פּײר אװײ פאָר אָל אײ עם װאָרטה"...

— אאא? שלום עליכם, מײן ליעבער קנאקער, װאָס מאכט א יוד? אײך זוך איך דאָך טאקי מיט לעכט. צוליעב אײך טאקי בין איך דאָך אהער געקומען צו פאָהרען, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה!

מיסטער קלאמער האָט דערזעהן פאר זיך א ניעדעריגען פּארשוין מיט ממזר׳ישע אויגען, אָנגעטהאָן אין א נײעם אנצוג, נאָר־װאָס פון דער נאָדעל ארויס, מיט מאָדנע גרויסע לאקירטע שיך און מיט צו־ברײטע ארבעל פון׳ם אויבערש־

טען העמד, וועלכע האָבען זיך געריסען ארוים אריבער די הענד און וועלכע דער פארשוין האָט אלע מינוט געבעטען מחילה, זיי זאָלען געהן צוריק. צוליעב דעם זענען זיינע ביידע הענד געווען כסדר אין דער ארבייט. גערעדט האָט דער דאָזיגער נבֿש א ביסעל הייזעריגליך און גיך, אין איין אָטהעם, און נישט געווארט אויף כבוד, ביז יענער וועט איהם ענטפערן.

— זאָגט זשע מיר, מיין טהייערער איינגלענדער מיט די קעסטעלדיגע הויזען, ווי געהט׳ס אייך דאָ אין׳ם דאָזיגען לאנד, וואָס מאכט איהר אין געזונד, ווי אזוי זענען די ביזנעס און וואָס קוקט איהר מיך אָן, ווי א חתן אויף׳ן ניכטערען הארצען — איהר האָט מיך ניט דערקענט? אנו, דערמאנט אייך אקאָרשט: מיין נאָמען איז מוראוועשיק. שלום־מאיר מוראוועשיק. איך בין ביי אייך געשטאנען אין לאָנדאָן, ניט פאר איצטער געדאכט, געווען אויף גרויסע צרות. געמוזט אָנקומען צו אייך נאָך א גמילות־חסד, אויסלייהען עטליכע שילינג, געווינטליך, אויף א משכון. שלום בבית, משכון בקעשעני. איצט בין איך געקומען אָפּגעבען אייך אייער חוב און אָפּנעמען דאָס פּעקעל. נתן מעות, לקח קמח. איך האָב פיינט טראָגען א פּאַק אויף זיך, פערשטעהט איהר מיך. און אגב דארף איך טאקי האָבען די פּאפּיערען.

— וואָכערע פּאפּיערען?

עס ווייזט אויס, אז מיסטער קלאמער האָט איהם נישט אָנגעהויבען צו דערקענען. דער פארשוין מיט די ממזר׳ישע אויגען האָט זיך צעלאכט מיט זיין הייזעריגען געלעכטער, נישט אויפגעהערט צו מלחמה האלטען מיט די מאנזשעטען פון׳ם העמד.

— געפעלט אייך א יוד מאכט זיך נע׳פגר׳ט? איהר האָט פערגעסען? א קליין סעטשעל, א רויטליכס, מיט א בייכעל, פול געפּאקט מיט פּאפּיערען, נויטיגע פּאפּיערען. פאר אייך האָבען זיי אפשר ניט אזא גרויסען ווערטה, נאָר ביי מיר איז דאָס א גאנצער מאיאנטיק. אנו, פּרובט גיט מיר פאר מיינע פּאפּיערען טויזענד דאָלער, אויב איך וועל ביי אייך נעמען? גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה!

— טאקי באמת? זעהט אָבער, אויב איהר האָט אייך ניט טועה געווען און געטראָפען אין א פרעמדער טהיר?

מוראוועשיק האָט ניט אויפגעהערט לאכען:

— א שענע מעשה נאָר א קורצע! הערט איהר, איך האָב נאָך קיינמאָל קיין טעות ניט געהאט און טרעף תמיד וואו מע דארף, און אויב איהר ווילט וויסען נאָך מעהר, האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געפּאטשט דעם, וואָס מע דארף ניט. א סימן וועל איך אייך זאָגען, אז אייך רופט מען מיסטער קלאמער, און איהר זיצט סאמע אין מיטען ווהייטשעפּעל, און אייער אכסניא אָדער אייער האָטעל הייסט מיט׳ן הייליגען נאָמען "קאפּע־נאציאָנאל". איצט זעהט איהר שוין, אז איך האָב קיין טעות ניט געהאט? אויב אזוי, נאט זשע אייך נאָך א סימן: מיין סעטשעל מיט די פּאפּיערען האָט איהר ביי מיר צוגענומען פון דער האנד און ארויפגעטראָגען ארויף און פערשלאָסען אין א קליידער־שאפּע. וואָס וועט איהר איצטער זאָגען, פּאני פּיפּערנאָטער, מיין איך מיסטער קלאמער?

אפּנים, אז דאָ האָט זיך שוין מיסטער קלאמער יאָ דערמאנט, אז ער האָט א מאָל יאָ געהאט ביי זיך אָט אזא מין סעטשעל מיט פּאפּיערען. נאָר וואו דאָס איז אהינגעקומען — האָט ער פערגעסען, חאָטש נעמט איהם אראָפּ דעם קאָפּ. איז ביי איהם געבליבען, אז מע דארף זיך מאכען נע׳פגר׳ט:

— עך הויב ניט אָן צו וויסען פון קיין סעטשעל און פון קיין פּאפּיערען און פון קיין נעכטיגען טאָג און דרעהט מיר ניט

קיין מח, ווארום אַט גבעט עך א פּייף, ווארפט מען אייך ארויס פון טהעאטער גלייך אויף דער סטריט.

— גאָר אזוי ? פּייפען וועט איהר ? נו פּייפט זשע טאקי, פּייפט ! פאר וואָס פּייפט איהר ניט ?

מיט די ווערטער האָט זיך אונזער אַל־טער בעקאנטער, שלום־מאיר מוראוו־טשיק, צוגערוקט צו מיסטער קלאמער אַלע מאָל נעהענטער און נעהענטער, ביז ער האָט זיך צוגערוקט צו איהם שטארק נאָהענט, אזוי נאָהענט, אז קלאָמער'ס גרויסאַרטיגער הערצעל־באָרד איז שוין כמעט געווען ביי איהם אין די הענד, און ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט דערפון ארויס, ווען אויף מיסטער קלאָמער'ס גוואלד געשריי קומט נישט אָן ניסעל שוואלב (ווי איז דאָס מעגליך א סקאנ־דאל — און ניסעל שוואלב זאָל ניט זיין דערביי ?) און מיט איהם די חברה אַשערים און דיענערים פון טהעאטער, וואָס האָבען זיך א נעם געטהאָן צו שלום־מאיר מוראוועטשיק'ס נייעם אנצוג מיט'ן קאַ־פּעלישעל—און ס'איז געוואָרען ליהודים.

— — — — — — — — — — — — — —

אויב דער לעזער מיינט, אז שלום־מאיר מוראוועטשיק איז געקומען קיין ניו־יאָרק נור צוליעב דעם אליין, ער זאָל אריינפאָהרען דעם מיסטער קלאמער אין זיין הערצל־באָרד און קריגען דערפאר געבראָכען די ביינער און צעקנייטשט דאָס קאַפּעלישעל, האָט ער א גרויסען מעות. געקומען איז ער, אייגענטליך, קיין אמעריקא, אויסער זיינע פּאַפּיערען, אויסער זיינע געשעפטען מיט ראָזא ספּי־וואַק, צוליעב א גאנץ נויטיגער ביזנעס, צום יונגען העלד פון אונזער ראָמאן, צום בעריהמטען אויפגעהענדיגען שטערן לעאָ ראַפאַלעסקאָ. דאָס איז געווען אזא ביזנעס, וואָס אז אונזער העלד האָט דאָס דערהערט, האָ... ער... נאָר לֹמאי זאָלען מיר פערלויפען אויף צו פריהער ? לאָמיר זיך בעסער אומקעהרען אויף א ווײלע קיין לאָנדאָן און דערצעהלען ווי ווייט מעגליך אין קורצען, וואָס ס'איז פאָרגעקומען מיט אונזער מוראוועטשיקען דאָרטען.

קאפּיטעל 174.

אַ רעשטעל צו דיא צרות

פון שלום־מאיר מוראוועטשיק'ס בריעף פון לאָנדאָן צו זיין פריינד אלבערט שטשופּאק אין אדעס בעדאַרף דער לעזער געדענקען, אז ער האָט זיך געקלויבען מבקר חולה זיין דעם אמאָליגען קאָללעגא זיינעם, דעם דירעקטאָר האָלצמאַן.

לאָנדאָן איז אָבער ניט די שטאָדט, וואָס מע געפינט אזוי גיך דעם, וואָס מע זוכט, מע בעדאַרף זיך צו אזא שטי־קעל ארבייט גוט אונטערגאַרטלען. אוי־סער דעם איז אונזער שלום־מאיר גע־ווען אין יענער צייט, ווי ער אליין האָט זיך אויסגעדריקט, אויף גרויסע צרות. דאָס ביסעל מינץ, וואָס ער האָט מיט־געבראַכט מיט זיך פון פּאַריז, איז צו־קראָכען געוואָרען אונטער די הענד, און זיין פריינד שטשופּאק האָט זיך ניט אזוי געהאַפּט ארויסצושיקען איהם די „קערבלעך“, וואָס ער האָט ביי איהם געבעטען. אחת לאחת איז אוועקגעגאַנ־גען א טאָג נאָך א טאָג, ביז מוראוועטשיק האָט איינמאָל אין א חושכ'דיגער פאַגע, ווי עס גיט זיך אויס אין'ם חושכ'דיגען לאָנדאָן, נאָך גרויסער מיה דערשלאָגען זיך ערגיץ אין א העק, אין א ברוקליין סטריט, וואָס וואָלט געמעגט שטעהען אין ווילנא אָדער אין בערדיט־שעוו און וואָלט דאָרטען אויך ניט פער־שעמט געוואָרען.

אריינגעקומען איז ער אין א גרויסען הויף מיט צוויי טהירען, רעכטס און לינקס, ביידע מיט פינסטערע גליטשי־גע טרעפּ אראָפּ און ארויף און ביידע האָבען איהם אויסגעזעהען, ווי שוואַר־צע אָפענע מיילער, וואָס קוקען ארויס עמיצען איינצושלינגען. א געדיכטער

אַראָמאַט פון געפּרעגלטע ציבעלע מיט שמאַלץ, אויסגעמישט מיט בשמים פון געפּרייטע פיש אויף פּראָסטען עהל, און א געזאַנג פון קליינע קינדערלעך, אויסגעמישט מיט ווייבערשע קאָמפּלימענטען און ווינשעוואַניעס אויף אלערליי דיאַלעקטען: "מיט'ן קעפּעלע זאָלסט דו אַנליינען, ליכטיגער פּרצוף! ווער דערוואָרגען, טרפה'נער האלז! געהן זאָלסט דו אויף קוליעס, געשלייערטע שיקסע!" — דאס אַלעס האָט געזאָגט עדות, אז דאָ זיצען היימישע יודען און ווייבער, "מאַנשי שלומנו", ווי מע רופט עס אָן.

געלאָזט האָט זיך אונזער מוראַוושיק אויף גאָט'ס בעראָטה ארויף, מהאי טעמא, ווי וועט ער ניט בעגעגענען עפּיס א לעבעדיגען מענשען? און ווייל ער האָט קיין לעבעדיגען מענשען אויף די טרעפּ דאָך נישט בעגעגענט, איז ער געגאַנגען און געגאַנגען, כמעט ביז'ן לעצטען שטאָק. ער וואָלט געשטיגען נאָך העכער, האָט ער זיך אָנגעשלאָגען אויף עפּיס א בעשעפעניש אין'ם געשטאַלט פון א מכשפה, א הויכע טרוקענע אַלטע יודינע מיט ברייטביינערינע פּלייצעס און מיט אזא מורא'דיג פּנים, וואָס ס'איז גלייכער, מע זאָל אקעגען נאכט מיט אזעלכם זיך ניט בעגעגענען. דאָס בעשעפעניש, אָדער די מכשפה, האָט געטראָגען איןביידע הענד א גאַנץ גרויסען ברעמעק האָלץ פון אונטען ארויף און געסאָפּעט, ווי א בלאָז־זאַק.

— מוהמעניו! — האָט זיך מוראַווּשיק אָנגערופען צו דער אַלטער. — ווייסט איהר ניט, וואו זיצט דאָ ערגיץ א דירעקטאָר פון א יודיש טהעאטער, וואָס מע רופט איהם מיט זיין הייליגען נאָמען האָצמאַך, מיין איך האָלצמאַן!

די, וואָס מוראַוּוטשיק האָט זי אָנגערופען "מוהמעניו", האָט זיך אָפּגעשטעלט, איינגעקוקט זיך אין דער פינסטער, געוואָלט זעהען, ווער עס פרעגט.

נאָכדעם האָט זי ארויסגעלאָזט א קרעכ'ץ און א זאָג געגעבען:

— קומט, איך וועל אייך ווייזען.

ארויפגעשטיגען נאָך עטליכע טרעפּלעך, האָבען זיי זיך אראָפּגעלאָזט אין א מין זיצעכץ פון צוויי שטיבלעך מיט א קיך, וואָס האָבען ניט אויסגעזעהן אזוי ווייט קאָמפּאָרטאבעל, אז דאָ זאָל זיצען א דירעקטאָר פון א טהעאטער, חאָטש אפילו פון א יודישען. אין קיך האָט די אַלטע אראָפּגעוואָרפען דעם ברעמעק האָלץ, אויסגעגלייכט זיך די ביינער און בעטראַכט מיט איהרע אַלטע רויטע פערוויינטע אויגען דעם אריינגעקומענעם.

— צו וועמען, הייסט עס, דאַרפט איהר?

— הייסט עס צו איהם אליין טאַקי, צום דירעקטאָר האָצמאַך, מיין איך האָלצמאַן. זאָגט איהם, זייט מוחל, אז זיינער א גוטער פריינד איז געקומען איהם מבקר חולה זיין און וויל זיך זעהן מיט איהם.

— זיך זעהן מיט איהם? — די אַלטע האָט אויפגעהויבען און אראָפּגעלאָזט ביידע הענד. — מיט איהם זעהן זיך איז שווער: ער איז שוין ווייט...

— אוועקגעפאָהרען?

די אַלטע האָט ווידער אויפגעהויבען און אראָפּגעלאָזט ביידע הענד. נאכדעם האָט זי זיך אָנגעבויגען צום אריינגעקומענעם גוטען פריינד, ווייל זי איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון איהם, און האָט אויסגעשריען איהם אין אויהער אריין, גלייך ווי ער וואָלט געווען טויב:

— עליו השלום.

שלום־מאיר מוראַוּוטשיק איז אָפּגעשפּרונגען, פערבראָכען די הענד:

— געשטאָרבען? האָצמאַך, מיין איך האָלצמאַן געשטאָרבען? וואָס רעדט איהר?

— וואָס איך רעד? אז אָך און וועה איז מיר. ס'איז מיינער א זוהן. א בן־יחיד, איין און איינציג...

די אלטע האָט נישט געקענט אויסרעדען דאָס לעצטע וואָרט. זיא האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף א פּיערעקעכיגען קיכשטוהל ביי דער טהיר, בעהאלטען דאָס אלטע געקנייטשטע פּנים אין איהר אלטען צעריסענעם פּאַרטוך, און איהרע ב,ייטע טרוקענע פּלייצעס האָבען געזאָגט, אז, די אלטע וויינט יאָמערליך.

דאָס וואָרט "געשטאָרבען" איז א מיאוס וואָרט און האָט אין זיך, אפּנים, א געוואלדיגען כח. שלום־מאיר מוראוושיק איז געבליבען אפּהענדיג און האָט גאָר פערגעסען, אז דער, וואָס איז געשטאָרבען, איז, אייגענטליך, געוועזן זיינער א בלוטיגער שונא. אדרבה, עס האָט זיך איהם גאָר אויסגעדאכט, אז ער האָט פערלוירען א גוטען פריינד. א נאָהינטען פריינד. זעהר א נאָהינטען פריינד. מע קאָן זאָגען, איין אייגענעם. א קלייניגקייט — ער און האָלצמאַן? ער האָט אָפּגעוואַרט א ביסעל, ביז די אלטע וועט זיך אויסחליפּען. נאכדעם האָט ער זיך אוועקגעזעצט צו איהר נאָהינטליך, אויף א צווייטען קיכשטוהל:

— זענט איהר, הייסט עס, זיינע א מאמע? מיין פריינד'ס מאמע? מיין פריינד פלעגט מיר אבער טאקי דערצעהלען אָפּט פון זיין מאמע. כמעט ניט ארויסגעלאָזט די מאמע פון'ם מויל. "איך זאָל אזוי דערלעבען זעהען מיין מאמע" — דאָס איז ביי איהם געווען די גרעסטע שבועה. וואָס ווייסט איהר, וואס פּאר א געטרייהען זוהן איהר האָט געהאט? וואס פאר א גוטער ברודער דאָס איז געווען! א גוטער ברודער? מיט'ן לעצטען ביסען זיך טיילען! און ווער שמועסט מיט מיר — ניט שייך צו זאָגען, איין גוף, איין נשמה, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה.

און נאָך א סך מעלות און שבחים האָט שלום־מאיר מוראוושיק געהאט צו דערצעהלען אויף זיין געשטאָרבענעם פריינד פאר דער אלטער מאמע, און עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז אלסדינג, וואָס ער דערצעהלט, איז תורת אמת.

פאר דער אלטער מאמע זענען די דאָזיגע ווערטער געווען, פערשטעהט זיך, א זאלב צו איהר פרישען וועהטיג. דאנקען גאָט, עס האָט זיך געפונען חאָטש איינער א גוטער פריינד פאר איהר זוהן, וואָס איז נעבאך אויסגעגאנגען, ווי א ליכט, איינער אליין, עלענד און ווייט פון דער היים, אין דעם דאָזיגען וויסטען פינסטערען לאָנדאָן, וואָס וואָלט געמעגט איינגעזונקען ווערען אזוי ווי סדום, ווארום ווען ניט דאָס וויסטע פינסטערע לאָנדאָן, וואָלט דאָך איהר זוהן נאָך געהוסט און געהוסט ווער ווייסט וויפיעל יאָהרען...

און די אָרעמע שרה־ברכה האָט אויסדערצעהלט איהר אומגליק פאר איהר זוהנס פריינד, טאקי אָט דאָ אין קיך זיצענדיג, ווי אזוי איהר הערש־בער האָט געהוסט, ווי אזוי ער האָט געבלוט, ווי אזוי זי האָט איהם געראטעוועט, און וויפיעל דאָס האָט געקאָסט, ווארום א קלייניגקייט איהר זוהן? אזא זוהן? און נאכדעם ווי אזוי ער איז געשטאָרבען, ווי אזוי זי האָט ניט געוואָלט גלויבען, ווארום ווי קאָן איהר זוהן שטאָרבען? אזא זוהן?! און נאכדעם ווי אזוי מע האָט איהם צוגענומען, ניט בעהאלטען, ווי מע בעהאלט ביי אונז, מיט א מטה, מיט כלים, מיט שמשים. ווער? וואָס? געקומען עטליכע מלאכי־חבלה מיט שווארצע ספּאָדקעס, מיט א הויכען שווארצען וואָגען, אויפגעחאפּט און אוועקגעפיהרט, ניט געלאָזט אפילו זיך אָנוויינען, ווי עס געהער צו זיין. עפּ'ס טאקי נור איין אויסחאפּעניש איז אויף איהם געקומען, קומען זאָל אויף זיי אלעמען דאָ איין אויסחאפּעניש אין איין טאָג, רבונו־של־עולם!

— קווא! קווא! קווא! — האָט זיך געלאָזט הערען פון די אינווייניגסטע חדרים א מאָדנע קוויטשיג קול'כעל,

וואָס האָט געקאָנט זיין אַ פּישטשען פון אַ קליין הינטעל, אָדער אַ מיאַוקען פון אַ קעצעל.

מוראַווטשיק האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ, געכאַפּט אַ קוק אויף דער אַלטער, וואָס איז מיט אַ מאָל אַנשווי־גען געוואָרען. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון'ם אָרט, ניט געוואוסט, וואוהין זאָל זי זיך וואַרפען, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געבליבען שטעהן איינ־גאַנצען אַ פערלוירענע.

שלום־מאיר, וואָס איז געווען ניט אַזוי אַלט ווי געניט, האָט נאָך'ן טאָן, אַפּנים, פערשטאַנען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין קוואַקען, און ער האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן פּנים צו דער אַלטער און אויף זיין הייזעריג קול אַ פרעג געגעבען:

— אַ "יאַטעל"?

נישט בעקומען דערויף קיין ענטפער, האָט ער געשטעלט איין אַנדער פראַגע:

— וועמענס "יאַטעל"?

נישט בעקומען קיין ענטפער דערויף אויך און בעטראַכט די אַלטע, ווי זיא שטעהט נעבאָך אַ פערלוירענע, האָט ער געפונען פאַר נויטהיג מעהר נישט פרע־גען גאָרנישט. ער האָט נור אַ זאָג געגעבען פון זיך, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אריין:

— אַ רעשטעל צו די צרות?

— אַ רעשטעל צו די צרות! — האָט אַ זאָג געגעבען אויך די אַלטע און האָט זיך צוגעזעצט צוריק צום אריינגעקומע־נעם גאַסט, צו איהר זוהנס פריינד. — איהר האָט דאָס גוט געזאָגט, לאָם איך האָבען אַזאַ יאָהר, ס'איז טאַקי אַ רעש־טעל, אוי אַ רעשטעל צו די צרות!...

— — — — — — — — — — — — — —

דאַכט זיך, וואָס ליגט אַזעלכס אין די פינף ווערטער: "אַ רעשטעל צו די צרות"? זיי זיינען אָבער געזאָגט גע־וואָרען אַזוי צו דער צייט און מיט אַזאַ ריכטיגען טאָן, אַז זיי זענען געווען אַ שליסעל אויף צו עפענען דער אַלטער'ס מויל און דער אַלטער'ס האַרץ, און זי האָט פאַר איהר זוהנס פריינד דער־צעהלט אַלסדינג, דעם גאַנצען אמת — דאָס, וואָס האָבען געזאָלט וויסען נור זיי אינצווייען: זי און איהר טאָכטער זלאַטקע, און גאָט אַ דריטער...

קאַפּיטעל 175.

שלום־מאיר מוראַווטשיק — אַ גוטער פריינד

אַ מענש קאָן גאָר ניט וויסען, ווער ס'איז איהם אַ גוטער פריינד און ווער אַ שונא. איין עבירה, וואָס דער דירעק־טאָר האָלצמאַן קאָן ניט אויפשטעהען פון קבר און אַ קוק טהון אויף זיין בלוי־טיגען שונא שלום־מאיר מוראַווטשיק, ווי ער ליינט זיך אַוועק פאַר זיין אַלטער מאַמע שרה־ברכה און פאַר זיין שוועס־טערעל זלאַטקע. ער וואָלט זיכער נישט געגלויבט זיינע אויגען. ער וואָלט גע־שטוינט, ווי אַזוי אַט דער שלום־מאיר, וועמענס פּנים ער האָט נישט געקאָנט זעהען אָהן דעם, ס'זאָלען איהם ניט "אויפקאָכען אַלע גאַליטען", פאָהרט איצט מיט זיין מאַמע און שוועסטער אויף'ן שיף קיין אמעריקא, טהיילט זיי צו "כל הפערגעניגען", לויפט אריין אַלע מאָל צו זיי אין דעם קאַבין צווייטער קלאַס, געוואָהרע ווערען, וואָס פעהלט זיי, וואָס פערלאַנגען זיי, טאָ־מער דאַרפען זיי עפּיס?

דער אַלטער שרה־ברכה און איהר טאָכטער זלאַטקען פעהלט אָבער גאָר־נישט און זיי פערלאַנגען ניט קיין זאַך און זיי דאַרפען נישט קיין זאַך. זיי בייד־דע זיצען איבער אַ קליין בעשעפעני־שעל, אַ נפש'על וואָס איז איינגעהילט אין ווינדעלעך און איינגעוויקעלט אין קי־שעלעך און קוקט אַרויס ווי אַ ליאַלקע אויף גאָט'ס וועלט מיט אַ פּאָר אויגע־לעך, בלויע ווי דער הימעל און קלאָר ווי דער שיין. און אַ מיילעכעל האָט עס, ווי אַ פּוינעלע, און דאָס פּנים'על ביי

דעם איז ווי פערטראכט, גלייך ווי עס האָט שוין אייגענע מחשבות. אך, ווי גוט דאָס איז, וואָס זיי האָבן געטראָפען מיט זייער נסיעה אין אזא צייט, ווען דער ים איז שטיל, "ווי שבת נאָך'ן טיש". געלויבט דער אויבערשטער! ניט אזוי פאַר זיך דאנקען זיי גאָט, ווי פאַר אָט דעם נפש'על. נעבאך א גאָט'ס בעשעפענישעל — וואָס ווייסט עס? און א קליין קינד, האָבען זיי געהערט זאָגען, ליידט נעבאך אויף'ן וואסער נישט ווינציגער ווי א גרויסער. נישט מעהר—איין עופה'לע, א שטומע צונג...

א מאָדנע זאך מיט די צוויי! מילא, פון זלאטקען שמועסט מען ניט. זלאטקע, אז זיא איז נאָך געלעגען אין געהאקטע וואונדען, געמיינט, אז ס'איז איין עק, זי געזעגענט זיך מיט'ן לעבען, ממש געזעהען פאַר זיך דעם מלאך־המות, נור דערהערט דעם ערשטען פּיסק פון'ם געבוירענעם ווערזען, האָט זי זיך שוין געבעטען, מע זאָל איהר ווייזען דאָס, וואָס ס'איז געבוירען געוואָרען. און פון דער ערשטער מינוט, וואָס זי האָט דאָס דערזעהען, האָט זיך דערוועקט אין איהר א געפיהל פון רחמנות אָהן איין ערך צום דאָזיגען נפש'על, און עס זענען איהר אין איין מינוט פערגאנגען אלע וועהטיגען, פערהיילט אלע וואונדען. וואו איז אהינגעקומען דער בזיון, וואָס זי האָט געמיינט פריהער, אז זיא וועט איהם זיכער ניט אריבערטראָגען? וואו זענען אהינגעקומען איהרע פריהעריגע געדאנקען וועגען דעם, וואָס מע זאָל זי וועלען עמיצער איבערפאָהרען אין דעם טומעלדיגען גיהנם, וואָס הייסט לאָנדאָן, אבי פּטור צו ווערען איין מאָל פאַר אלע מאָל פון דער חרפּה, וואָס האָט זיך, ווי א מורא'דיגער וואָלקען, געטראָגען אקעגען איהר מיט סכנת־נפשות!? אלע געדאנקען און אלע געפיהלען האָבען אָפּגעטראָטען דעם איין און איינציגען געדאנק, דעם איין און איינציגען געפיהל, אז זי איז א מאמע...

אויב דאָ איז פאַרהאַן ווער צו בעוואונדערען — איז דאָס די אלטע שרה־ברכה. פאַר איהר איז דאָס יאָ געוועזן, ווי א דונער אין מיטען העלען טאָג, ווי צעהן מויערען וואָלטען איינגעפאַלען אויף איהר, ווי הונדערט הארמאַטען וואָלטען איהר געטראָפען גלייך אין הארצען אריין.

דאָס איז געוועזן סאמע אין דער צייט, וואָס זיי זענען געזעסען שבעה מיט איהר טאָכטער נאָך איהר געטרייהען זוהן. זייערע אויגען האָבען שוין לאנג אויסגעטריקענט. די קוואלען פון טרערען האָבען זיך שוין לאנג אויסגעלאָזען. און א מאָדנע פוסטקייט איז איינגעטראָטען אין זייערע הערצער, און א מורא'דיגע סומנעקייט מיט א מרה'שחורה האָבען ארומגענומען זייערע נשמות.

— היינט איז דער זעכסטער טאָג. — האָט זיך די מאמע אָנגערופען צו דער טאָכטער. — אם־ירצה־השם, איבערמאָרגען שטעהען מיר שוין אויף. וואָס וועלען מיר טהון? וואוהין וועלען מיר געהן? צו וועמען וועלען מיר זיך קעהרען און ווענדען?

די אלטע איז שוין גרייט געוועזן ווידער א מאָל איבער־א־נייעס זיך צעוויינען, איז איהר פּלוצים די טאָכטער געפאַלען אויף'ן האלז, ארומגעחאפּט קושען די אלטע מאמע, מורא'דיג רויט געוואָרען, זיך אָנגעחאפּט מיט ביידע הענד ביי'ם בויך און אויסגעלאָזט מיט א געשריי:

— מאַ — מע! ראטעווע — איך בין פערביי!...

— גאָט איז מיט דיר, טאָכטער! א דונער האָט מיך געטראָפען — וואָס איז דיר? וואָס איז דיר?

די טאָכטער האָט גענומען ברעכען די הענד, חאפּען זיך אלע מינוט ביי'ם בויך, זיך שלאָגען אין קאָפּ, רייסען פון

זיך שטיקער פליישׁ און ניט אויפגעהערט צו שרייען אין איין קול :

— מאַ — מע ! איך בין פערביי!...

עס איז געשעהען א נס, אָדער אפשר איז דאָס געווען דער אינסטינקט פון א פרוי און פון א מוטער — די אלטע שרה־ברכה האָט געחאפּט אויף זיך דעם צעריסענעם בורנעס, פערגעסען דעם בזיון, פערגעסען אלסדינג אויף דער וועלט, אריינגעלאָפען צו איין שכנה, צו דער אנדערער, זיך דערפרעגט אויף איין אקושערקע — און נאָך א שווערער נאכט, אין וועלכער איהר טאָכטער, איהר אויג אין קאָפּ, האָט זיך געראנגעלט מיט'ן מלאך־המות, געשוועבט צווישען לעבען און טויט, האָט זי גאָט בעגליקט — שוין צום טאָג־גלייך — מיט איין אייניקעל . . . .

. . . .

איין אויסגעמאטערטע, א בלאַסע, איין אויסגעצעהרטע, איז זלאטקע געלעגען אין בעט, די צוואָרפענע שוואַרצע האָר האָבען זיך צעשפּרייט אויף'ן ווייסען קישען. איהר שפּיצעכיג נעזעל האָט זיך נאָך מעהר פערשפּיצט. די אויגען האָבען געבלאָנזעט, זיך געצויגען מעהר אהין, צופוסענס, וואו איינגעשוויקעלט אין א ליילעך האָט זיך געריהרט און גערודערט א לעבעדיגע זאך. זי האָט זיך צוגעהערט מיט נייגעהריגקייט, ווי עפּים שנאָרכט און פאַרשקעט און פּישטשעט און קאוויטשעט שטיל, ווי א קעצעלע.

יונג און שעהן איז געווען דיא דאָזיגע געווינערין. דאָס פּנים קינדיש, בלוט און מילך. די הענטלעך קליין. די ברוסט האַרט און שעמעוודיג, און אלעס אינאיינעם האָט זיך ווי געבעטען און בעקלאָגט זיך : "יודישע קינדער, אוּוועה, איך בין נאָך נישט אלט קיין אכטצעהן יאָהר !"...

גאַנץ אנדערש האָט אויסגעזעהן שרה־ברכה. די אלטע מאמע האָט פערקאָטשעט די אַרבעל ביז די ברייטביינעריגע עלענבויגענס, ארויסבעוויזען די אָפּגעשטאַנענע אָנגעדראָלענע אָדערען פון איהרע ברייטע טרוקענע הענד, פערלייגט די פּעטשיילע אויף יענער זייט אויהרען, אונטערגעשטעקט דעם פּאַרטוך, געבראַכט צו טראָגען א שווערע הילצערנע באַליע, וואס מע וואשט גרעט, צוגעשטעלט איין אָקראָפּ אויף צו באָדען דאָס קינד און געזידעלט, געשימפּפט און געטאַדעלט די שטאָדט לאָנדאָן מיט איהרע איינוואָהנער אויף וואָס די וועלט שטעהט.

— א שטאָדט — איינגעזונקען זאָל זי ווערען! א הויף — פאַרברענט זאָל ער ווערען ! שכנים — אויף קיין גוטען אָרט זאָלען זיי ניט שטעהן! עס זאָל זיך ניט געפינען צווישען יודען א מולטער, א הילצערנע מולטער !...

הקיצור, די אלטע איז אריין אין איהר מאַמע־ראָל, גלייך ווי זי וואָלט זיך צו דעם געגרייט שוין פון לאַנג, גלייך ווי זי וואָלט געוואוסט, וואָס דאָ וועט פאָרקומען... וואָס זאָלט איהר קלערען ? אודאי איז איהר וועהטיג געגוג גרויס און דער בזיון נאָך גרעסער. עס זאָל זיך איהר עפּענען א גרוב, וואָלט זי זיכער אריין א לעבעדיגע. נאָר וואָס זאָל מען טהון ? זי וועט דאָך ניט אוועקזעצען זיך איצטער זאָגען מוסר דער טאָכטער, וואָס איז נאָר־וואָס איבערגעקומען אזא סכנה. לאָז נור דער אויבערשטער העלפען, זי זאָל שוין אויפשטעהן בשלום, וועט זי איהר, נישקשה, אויס־לומר'ען ווי עס געהער צו זיין. זי וועט זיך שוין צו איהר א נעהם טהון, איהר געבען א וויסטען סוף : "זאָג נור, טאָכטער לעבען ! ווי אזוי און ווען און וואו און וואָס און... פון וועמען ? פערפינסטערט און פערוויסט זענען זיי ביידע געוואָרען — וואָס וועלען זיי טהון? וואוהין וועלען זיי געהן ? צו וועמען וועלען זיי זיך קעהרען און ווענדען ?"...

דאָס וועט אָבער אַלץ זיין נאָכדעם. שפּעטער, נישט איצט. איצט דאַרף מען זי צוזעהען, צו־פּילנעווען, צו־שטעלען צוויי מאָל אין טאָג אַ יאַיכעל; אַ קימפּעטאָרין, אַיין ערשטלינג — אַ דוננער האָט זי דערשלאָגען !... און דאָס קינד ? וואָס איז שולדיג דאָס קינד ? גאָט דיא נשמה. אַ לעבעדיג בעשעפעניש. אַ צער בעלי־חיים. ס'זאָל וועלען אַליין זיך אָפּטראָגען, וואָלט עס אודאי געווען אַ חכמה פון דעם. נעמען דאָס און דערוועיגען —דאָס ניט. אָדער אָפּקאָכען מיט זודיג וואסער — דאָס אויך ניט. מע איז דאָך עפּיס יודישע קינדער אויף דער וועלט, צי ניין? אַ שטיקעל גליק חאָטש, וואָס ס'איז געבוירען געוואָרען אַ מיידעל, ניט קיין יונגעל : פערשפּאָרט אַ ברית — ווינציגער מיט אַ בזיון... און וויא אויף צו להכעיס, אַ געזונד מיידעל, קיין עין־הרע, אַ מויד ! און שעהן איז דאָס — טאַקי נור אויף אַ טשיקאַוועסט. אַלע שכנות זאָגען, אַז זיי האָבען אַזא קינד שוין לאַנג ניט געזעהען. און וועמען איז דאָס געראָטען ?

— און וועמען ? אינ'ם טאַטען. — זאָגט זיי שרה־ברכה. — ער איז אַ שענער יונג, אַ שניידער, אין אַמעריקא איז ער...

שרה־ברכה פיהלט, אַז עס ברענט אויף איהר דאָס אַלטע פּנים פּאַר בושה. אָפּגעלעבט אַזוי פיעל יאָהרען, און אויף דער עלטער געוואָרען אַ ליגנערין, אַז אָך און וועה איז צו איהרע גרויע האָר און אַ קלאָג אויף איהרע שונאים'ס קעפּ, זיין זאָלען זיי אַלע די כפּרה פּאַר איהר קינד מיט איהם אינאיינעם !...

וועמען די אַלטע האָט געמיינט מיט'ן נאָמען "איהם" — דאָס איז ניט אַזוי שווער צו טרעפען... שוין איז נור דאָס, וואָס זלאטקע איז שוין אויפגעשטאַנען פון קימפּעט, שוין אַרומגעשלעפּט זיך איבער דער שטוב — און שרה־ברכה האָט איהר קיין ווייסטען סוף נאָך אַלץ נישט געגעבען. עס איז געווען לחלוטין איבעריג. ערשטענס, דאָס קינד, איין עופה'לע. מע דאַרף עס וויקלען. מע דאַרף עס צעוויקלען. מע דאַרף עס זויגען, מע דאַרף עס באָדען — וואָס ווייסט זלאטקע ? משטיינס געזאָגט, אַליין אַ "פּיסקליא". און צווייטענס, אָט דער הייזעריגער שלים־מזל, איהר זוהנס גוטער פריינד, שלום־מאיר מוראַוועטשיק. ער האָט זיך פערנאַדעט צו זיי אין שטוב, אָנגעהויבען געהן צוויי מאָל אַ טאָג און האָט פאָרגעלייגט דער אַלטער שרה־ברכה'ן אַ פּלאַן, וואָס האָט בעדאַרפט אויסלייזען זיי פון אַלע צרות און פון אַלע בזיונות. ער מיינט חלילה ניט דערביי קיין זאַך. אדרבה, ער טהוט עס נור אויס ריינע גוט־פריינדשאַפט צו איהר און צו איהר זוהן, עליו השלום, וואָס איז געווען זיין בעסטער איינציגער פריינד — "גאָט זאָל איהם אַזוי געבען גליק און הצלחה".

קאַפּיטעל 176.

אַ מענש אָהן אַ גאַל

תחילת איז אונזער מוראַוועטשיק—עס קאָן זיין — טאַקי נישט אויסען געווען קיין זאַך. אַריינשטעקען אַ נאָז אין יעדנעמס טעלער, געוואָהר ווערען, מיט וואָס דאָרט שמעקט, און דיענען יענעם מיט איין עצה — דאָס איז אַ יודישע זאַך. נישט מעהר שלום־מאיר'ס נאָז האָט אַ ביסעל צו אַ שאַרפען חוש הריח. דאָס וואָס איין אַנדערער בעדאַרף האָבען דערויף וואָכען און אפשר חדשים, וועט דאָס אייך מוראַוועטשיק דערגעהן אין אַ טאָג. אָט דער דאָזיגער מענש האָט אין זיך אַ כח — באַלד ווערד ער אייך אַ גוטער ברודער, און איהר וועט איהם פערטרויען, וויא איין אייגענעם, אויסדערצעהלען, וואָס ביי אייך אונטער די נעגעל טהוט זיך. נישט נור די אַלטע שרה־ברכה, נאָר אפילו די שעמעוודיגע זלאטקע האָט איהם געקוקט אין מויל אַריין און זיך צוגעהערט צו זיין הייזע־

ריגער שטימע און צו זיינע ווערטער, וואָס האָבען זיך, ווי א בוימעהל, געגאָסען צו זיי אין הארצען אריין. ער האָט צו זיי געזאָגט:

— וואָס זאָל איך מיט אייך טהון, אז איהר, מוהמעניו, זענט א יודינע פון דער אלטער וועלט, און אייער טאָכטער איז א שעפעלע. איהר פרעגט מיך, וועל איך אייך זאָגען אקוראט, וואָס דאָ טהוט זיך. איך וועל אייך עס לייענען ווי פון א ביכעל. איך קען מיינע לייט, פערשטעהט איהר מיך, אויסגעבונדען. איך בין דאָך עפּיס אליין אקטיאָר. דער חברה־מאָן, אויף וויפיעל איך קען איהם פון דער היים, נאָך פון האָלענעשטי — איך געדענק איהם ווי דורכ'ן שלאָף — איז א בחור, לאָם איך האָבען אזא יאָהר נישט מעהר, ער איז אוועק קיין אמעריקא, איז ער ארוים פון דיא האָלאָבלים און פערגעסען דעם זיי־געזונד, ווי זאָגט מען ביי אונז: "דאלי אָטשי דאלי סערדצע". איז אָבער אין אמעריקא פארהאן א זאָקאָן, באם אז א בחור טהוט אָפּ אזא מעשה, וואָס סע קומט איהם דערפאר א קניפּ זיין בעקעל (ביי די ווערטער האפּט ער א קוק אויפ'ן "יאטעל", וואָס ביי זלאטקען אויפ'ן שוים, און זלאטקע ווערד רויט ווי א צוויק און לאָזט אראָפּ די אויגען...), מאכט מען ניט מיט איהם קיין לאנגע שהיות: איינס־צוויי־דריי — און "הרי את מקודשת לי, בטבעת זו, האלט מיך צי, איך פליה, איך פליה"... און טאָמער חלילה זאָגט ער לא, איז דערויף פארהאן א חד־גדיא: דאָרט רופט מען עס "קונקעל־מונקעל", אָדער "מיקסינג"; איך ווייס, חאָטש איך בין דאָרט נאָך נישט געוועזן. איך געה ערשט אהין: איך האָב דאָרט, פערשטעהט איהר מיך, א ביזנעס צו איינער א בעריהמטער זינגערין, א פּרימאדאָנא, וואָס אויב עס וועט מיר געראָטען, וועל איך מאכען המוציא מיט האָניג און וועל אָנשלאָגען אָט אזא היטעל מיט גאָלד — דאָללערס רופט מען עס ביי זיי. דאָלארס, דארפט איהר וויסען, איז א גוטע מטבע. פאר איין דאָללער בעקומט מען ביי אונז אזוי גרוים ווי צוויי קארבויינעס... וואָס זשע, הייסט עס, האָב איך אייך געוואָלט זאָגען? יאָ. אז פאָהרען, זאָלען מיר פאָהרען אינאיינעם, וואָרום איך, אז איך וועל געבען א רעד מיט דעם בחור, וועט דאָס זיין ויאמר און ער האָט געזאָגט, אל צו, משה משה'ן, לאָמר אזוי צו זאָגען. איך, פערשטעהט איהר מיך, האָב פיינד ציגעלע־מיגעלע, און איין אקטיאָר מיט איין אקטיאָר איז גאָר אנדערע ברבורים. ביי מיר, זייט זיכער, וועט ער שוין געהן אויפ'ן דראָנזשיק! איהר מיינט, מחמת וואָס טהו איך עס? מעהר נישט פאר רחמנות. איך האָב רחמנות אויף אייער טאָכטער און איך וויל, אז איהר "יאטעל" — אויף מיר אזא יאָהר וואָס פאר א "יאטעל" דאָס איז — זאָל האָבען א טאטען, מעהר וויל איך גאָרנישט, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה.

שלום־מאיר מוראוואטשיק האָט זיך ניט בעגנוגענט מיט ווערטער אליין. ביי איהם איז א כלל: איז ער עמיצען איבערגעגעבען — איז מיט'ן גוף און מיט דער נשמה און מיט לייב און לעבען. ער האָט נישט געקאָנט צוזעהען, ווי די אלטע שרה־ברכה טראָגט זיך אליין אלע מאָל אָדער מיט א ברעמעק האָלץ, אָדער מיט א בארעל מיסט. "לאָזט מיך, וועל איך אייך ווייזען, ווי אזוי מע טראָגט האָלץ אז ס'זאָל זיך אייך אויסווייזען, אז ס'איז ניט קיין האָלץ, נאָר פעדערען". אָדער: "ניט אזוי נעמט מען א בארעל מיסט. א בארעל מיסט נעמט מען אָט אזוי".

דעסגלייכען האָט ער נישט געקאָנט ליידען, וואָס זלאטקע טויטשעט זיך מיט'ן "יאטעל" גאנצע טעג מיט גאנצע נעכט. אמת, ער אליין האָט קיין "יאטלעך" קיינמאָל ניט געהאט, הלואי ווויי־

טער, דערפאר האָט ער א שוועסטער, אפילו נישקשה פון א קבצנ׳טע, נאָר א קינדעלדיגע איז זיא מיט סכנת נפשות! זי האלט פון דער מאָדע "צוויי־קינדער־סיסטעם" און האָט אלע יאָהר א צווילינגעל. דעריבער איז ער אזוי געניט אין די זאכען. ער ווייסט אפילו א סגולה, וואָס מע טהוט, אז א קינד זאָל אויפהערען שרייען.

און נישט לאַנג געטראכט, חאפּט ער ארויס ביי זלאטקען פון דיא הענד דאָס קינד, וואָס האָט אין דער מינוט געהאלטען סאמע אין רעכטען שרייען, און האָט דאָס גענומען ווארפען מיטביידע הענד רעכטס און לינקס, ארויף און אראָפּ, אזוי אז דאָס "יאטעל" איז טאקי אנשוויגען געוואָרען, נאָר דערפאר איז אָבער ביי זלאטקען שיער דאָס הארץ נישט איינגעפאלען פאר שרעק.

פאר איהר אייגענעם ברודער האָט זלאטקע אין איהר גאנצען לעבען נישט ארויסגעזאָגט קיין הונדערט חלק פון דעם, וואָס זיא האָט ארויסגעזאָגט פאר אָט דעם מוראַווטשיקען. איהם האָט זי פערטרויעט אָט דאָס, וואָס זיא האָט אפילו פאר איהר אייגענער מאמע נישט פערטרויעט.

דאָס איז געווען אין א פריהמאָרגען, ווען שרה־ברכה איז געווען אין מארק איינקויפען "אויף דינער" און זלאטקע איז געבליבען מיט מוראַווטשיקען אליין; — יענעם פריהמאָרגען איז זלאטקע געווען מאָדנע אויפגערעגט.

— איך האָב צו אייך א בקשה. — האָט זיא איהם א זאָג געגעבען מיט א געבראָכען קול און האָט שוין; חרטה געהאט. נאָר אָנגעהויבען—איז פארפאלען.

— וואָס פאר א בקשה, קעצעלע ? אין פייער און אין וואסער.

מיט ציטערענדיגע הענד האָט זלאטקע ארויסגענומען פון בוזעם אין א געלער פעטשיילע איינגעוויקעלט עפּיס א זאך. די דאָזיגע "זאך" איז איהר פערבליבען פון איהר ברודער. ער האָט דאָס איהר איבערגעגעבען א שעה פאר׳ן טוידט, אָנגעזאָגט איהר, מיט האלבע ווערטער שוין, "זיא זאָל דאָס היטען, ווי דאָס שווארצאפּעל פונ׳ם אויג, אז קיין פויגעל זאָל פון דעם ניט וויסען, אפילו די מאמע"... ביי די דאָזיגע ווערטער האָט זיך האַלצמאַן פערהוסט, אָנגעהויבען גוסס׳ען און מעהר נישט געקאָנט שוין זאָגען גאָר נישט ניט...

אָפּגעגעבען די "זאך" צו איהר נייעם פריינד, האָט זלאטקע דערפיהלט, אז ס׳איז איהר אראָפּ א שטיין פונ׳ם הארצען. זי האָט צו איהם געזאָגט :

— איך געב אייך אוועק אָט דאָס קניפּעל — אונזער גאנצען חיות. איך פערטרוי אייך מיין נשמה. נעמט אָט דאָס אָ און טהוט מיט דעם וואָס איהר ווילט, אבי ברענגט מיך צו איהם, אזוי ווי איהר האָט געזאָגט...

מעהר האָט די אָרעמע זלאטקע ניט געקאָנט רעדען. א גאנצער שטורם האָט זיך אויפגעהויבען ביי איהר אין הארצען און עס האָבען זי געשטיקט די טרערען. שלום־מאיר מוראַווטשיק איז געווען אזוי געריהרט, אז ער האָט גאָרניט ארייגעקוקט, וואָס אין קניפּעל טהוט זיך, און האָט דאָס, ווי א קונצענמאכער, אראָפּגעלאָזט גלייך אין קעשעני. אגב איז אָנגעקומען דיא אלטע, און ער האָט מעהר נישט געקאָנט אז א טרייסעל טהון זלאטקען ביי דער האנד און א זאָג טהון צו איהר :

— זייט זיכער, ליובעניו, זאָל מיין נאָמען ניט הייסען מוראַווטשיק.

נישט שפּעטער ווי אויף מאָרגען איז מוראַווטשיק געקומען צוגעהן א געראַזירטער און אָנגעטהאָן פון קאָפּ ביז פיס אין שפּאָגעל נייעם, ווי א חתן צו דער חופּה, און א זאָג געגעבען ברייטליך :

— הערט זשע אויס, מוהמעניו, די מעשה דערפון איז אזוי. מיינע ביזנעס,

דאַנקען גאָט, געהען א סך בעסער, וויא איך האָב גערעכענט. ס'איז גאָלע גימעל ארום און ארום. נישט מעהר איין זאך: מע רופט מיך קיין ניו יאָרק. אויב איהר ווילט פערגעסען אָן אלע צרות און האָבען נחת אויף אייערע עלטערע יאָהרען, זאָלט איהר ניט מאכען קיין לאנגע שהיות און שוין נעמען, ווי זאָגט ער, דאָס פעקעל מיט'ן זעקעל, איך מיין די טאָכטער מיט'ן "יאטעל", און הלך משה מרדכי מיט'ן רעכטען פוס. איך טהו א שפּרונג נאָך טיקעטס, שיפסקארטען הייסט עס, און פון קיין געלד זאָלט איהר מיט מיר ניט רעדען. גאָט וועט העלפען, וועלען מיר זיך צערעכענען...

שרה־ברכה האָט זיך איבערגעקוקט מיט איהר טאָכטער. זי האָט ניט פערשטאנען, וואָס דאָס איז פאר א מין אָנשיקעניש? דאכט זיך, א שלים־מזל— און נעמט אויף זיך אזוי פיעל! און פאר גרויס התפעלות, אפּנים, האָבען זיך אראָפּגעקייקעלט אראָפּ איבער איהר אלט געקנייטשט פּארמעט־פּנים צוויי קיילעכדיגע טרערען, ווי באָב. זיא האָט נאָר־וואָס געקליבען זיך אָפּדאנקען איהר זוהנס גוטען פריינד, איהם בענשען און ווינשעווען איהם, ווי ער האָט דאָס ביי איהר כשר פערדיענט, האָט ער זיך פערשטעלט מיט די הענד ביידע אויהרען און איז אוועק, גאָרנישט געוואָלט הערען אפילו.

— שען! שען! שען! א גוטען טאָג. איך לויף נאָך בילעטען, און איהר גרייט זיך אין וועג אריין. מאָרגען פאָהרען מיר. אדיע.

— ביזט עפּיס א מבין? א מענש אָהן א גאל! — האָט דיא מוטער א זאָג געגעבען צו דער טאָכטער, אויפגעהויבען און אראָפּגעלאָזט ביידע הענד און געבליבען שטעהן אין מיטען שטוב.

— א מענש אָהן א גאל. — האָט איהר די טאָכטער צוגעגעבען, און ביידע האָבען זיי זיך גענומען גרייטען אין וועג אריין.

קאַפּיטעל 177

ראַפאַלעסקאָ'ס גרויסער דורכפאַל

מיר האָבען איבערגעלאָזט אונזער יונגען העלד ראַפאַלעסקא צווישען צווייטען און דריטען אַקט מיט דער פּרימאַדאָנע הענריעטע שוואלב, ווי זי האָט זיך אריינגעריסען צו איהם מיט א געלעכטער אין גאָרדעראָבנע פּונקט אין דער מינוט, ווען ער איז נאָר וואָס געוואָהרע געוואָרען פונ'ם בארבער, אז אין טהעאטער אויף זיין פאָרשטעלונג געפינט זיך ראָזע ספּיוואק.

— א קאָמעדיע מיט אונזערע אפּ־טאָונער אריסטאָקראַטישע קאָללעגען, א קאָמעדיע, א וואָדעוויל, חא־חא־חא! דו ווייסט? זיי זענען דאָך אנטלאָפען געוואָרען, חא־חא־חא!

ראַפאַלעסקאָ, וואָס האָט געהאַלטען ביי ארויסצולויפען פון דער גאָרדעראָבנע אליין נישט צו וויסען וואוהין, בעגעגענט זיך מיט הענריעטען, האָט ער זיך א נעם געגעבען צוריק און אויטאָמאַטיש א פרעג געגעבען ביי איהר: "ווער איז אנטלאָפען געווארען?" דערויף האָט איהם הענריעטע דערלאנגט גאַנץ בלאָזנע א שמיר איבער דער נאָז:

— דו גרינער אגרעס וואס דו ביזט! דו ווייסט גאָרנישט וואָס פאר געהויבענע געסט מיר האָבען דאָ געהאט? גרישא סטעלמאך און ראָזע ספּיוואק... אין לאָזשע נומער דריי זענען זיי געזעסען. די צווייטע פון דער דירעקטאָר־לאָזשע. מיר האָבען זיך מיט איהר בעקענט... עס זענען איהר געפעלען מיינע בראסליעטען. איך האָב איהר געזאָגט, אז דאָס האָב איך א מתנה פון דיר. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט פון וואנען דו ביזט...

— וואָס זשע האָסט דו איהר געזאָגט?

— וואָס זאָל איך איהר זאָגען? איך האָב איהר געזאָגט, אז דו ביזט פון בו־

קאַרעשט, חא, חא! די רומענישע קעניגין חא־חא־חא! מע קאָן שטאַרבען פאַר געלעכטער, נאָר דאס איז נאָך אַלץ גאָרניט אַקעגען דעם, ווי זיי זענען אַנטלאָפען פון טהעאַטער. ווער עס האָט זיי ניט געזעהען קויפען, דער האָט גאָר קיין שענס ניט געזעהען, חא־חא־חא!

ראַפאַלעסקא האָט זיך גענומען ווישען דעם קאַלטען שוויים וואָס איז איהם אַרויסגעטראַטען אויפן שטערען און ער האָט זי קאַלטבלוטיג, אויף וויפיעל ס'איז נור מעגליך געווען, א פרעג געגעבען:

— וואָס זשע האָבען זיי אייגענטליך בעדאַרפט אַנטלויפען?

— אפנים, ס'איז זיי ביי אונז ניט געפעלען, חא, חא, אַזעלכע אַריסטאָקראַטען! א קלייניגקייט? איך האָב נאָכגעקוקט די גאַנצע צייט, וואָס דו האָסט געשפּיעלט, איז דאס פּאָרעל געזעסען און געלאַכט, חא־חא־חא!...

אין דעם קלאַגעדיגען ראָמאַן פון אונזער העלד צו דער פּרימאַדאָנאַ שוואַלב זיינען געווען פערשיעדענע מאָמענטען. עס זענען געווען צייטען ווען ער האָט זי פיינט געהאַט פאַר איהר נאַרישקייט, נישט געקאָנט אָנקוקען. עס זענען געווען צייטען, וואָס ער האָט איהר מוחל געווען איהר טפשות, איבערגעטראָגען אַלע איהרע קאַפּריזען און געווען מיט איהר חבר... אין דער מינוט, וואָס מיר בעשרייבען אַצונד, איז זי איהם געווען אַזוי נמאס, אַז ניט נור ער האָט זי פיינט געהאַט — ער איז גרייט געווען זיך אַרויפוואַרפען אויף איהר, זי אָננעמען מיטביידע הענד פאַר'ן גאָרגעל און דערוואַרגען זי, אָדער פערשטופּען איהר דאס מויל מיט א טאַשעןטיכעל און זי דערשטיקען, ווי ביי שעקספּירען אָטעלאָ דערשטיקט דעזדעמאָנען — אַזוי שטאַרק האָט געקאָכט אין איהם דאס בלוט. און עס האָט איהם געקלאַפּט ווי מיט

צעהען האַמערס אין די שלייפען. און מאָדנע רינגעלעך פון אַלערליי פאַרבען האָבען זיך איהם געדרעהט פאַר די אויגען. עס האָט איהם געקיצעלט אין נאָז, און די צייהן האָבען איהם שטילערהייד געקריצט אין מויל. א חיה, א ווילדע, א צערייצטע חיה האָט זיך אין איהם אויפגעוועקט. מע האָט בעדאַרפט זיין שטאַרקער פון אייזען, מע האָט בעדאַרפט זיין אין דער אמת'ן א העלד, מע זאָל אַריבערטראָגען דאס, וואָס אונזער העלד ראַפאַלעסקא האָט איבערגעלעבט אין די דאָזיגע עטליכע שווערע — שווערע מינוטען.

און הענריעטע שוואַלב איז שוין לאַנג נישט געווען אַזוי אויפגעלעגט ווי אין דעם אָווענט. זי האָט זיך א וואָרף געגעבען אויף ראַפאַלעסקאס בענקעל, וואָס אַקעגען שפּיגעל, און פערוואָרפען דעם קאָפּ אַרונטער און קוקענדיג אין שפּיגעל אויף איהרע אייגענע ווייסע צייהן, האָט זי זיך אַזוי צעלאַכט, אַז דער באַרבער האָט זיך געטראַכט: "טאָמער איז קאַרג, נאַט אייך נאָך א משוגענע"...

— ניין! — האָט הענריעטע איבערגעקייעט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל

— מע האָט בעדאַרפט אָנקוקען, ווי די צוויי האָבען זיך גענומען אונטער די הענד און מאַרש־מאַרש פון דער לאַנגער איבערען גאַנצען קאָרידאָר, ווי א בליץ גלייך אין דרויסען אַרויס, צום אויטאָמאָביל, און דאָס פובליקום: בראַוואָ, ספּיוואַק! בראַוואָ, סכיעלמאַך!

—א ריינע קאָמעדיע, א וואָדעוויל, חא־חא־חא! חא־חא־חא!...

— האַרריאַפּ! עס געהט שוין דער דריטער אַקט — האָט אויסגערופען א הויכער דזשענטעלמען און האָט אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צו ראַפאַלעסקאַן אין גאַרדעראָבנע און בעוויזען, אַז ער האָט א פויגעלש פּנים אָהן א סימן פון ברעמען אויף די רויטע אויגען. דאס איז געווען דער רעזשיסער פון ניקעל טהע־

אטער, וואס גיט אכטונג אויפן ארויסטריט פון די ארטיסטען, עס זאל זיין אין דער צייט.

דערהערט דעם "הארריאפ", האט זיך אונזער פרימאדאנא אויפגעהאפט און בעפרייהט דאס בענקעל, און ראפאלעסקא האט זיך מיט איין אראפגעלאזטען קאפ אוועקגעזעצט צוריק צום גרים, און דער בארבער האט זיך גענומען צו זיין ארבייט מיט'ן גאנצען ערענסט פון איין ארטיסט, וואס ווייסט, וואס ער האט צו טהון. גיך איז ארויפגעזעצט געווארען אויף זיין ארט דער פארוק, עס איז ארויפגעקלעבט געווארען צוריק דאס קליינע בערדעל; א שמיר אהער, א רייב אהין — און אוריאל אקאסטא איז שוין געשטאנען ווידער גרייט אויפצוטרעטען אויף דער ביהנע פאר'ן פובליקום, וואס האט זיך שוין אביסעל בערוהיגט און ארויסגעקוקט אויפן גאסטראלער, אויף דעם יונגען אויפגעהענדען שטערען לעא ראפאלעסקא פון בוקארעשט.

נאר אנשטאדט דעם אויפגעהענדען שטערען פון בוקארעשט, אנשטאדט דעם סימפאטישען אוריאל אקאסטא, איז אויף דער ביהנע געזעסען ביי א שרייב טיש דער אונסימפאטישער מנשה און געגודעט דעם עולם מיט זיינע מאנאטאנע רעד פון ביכער, חשבונות, ציפערען. "לאנג נאך וועט ער דרעהען א מח אט דער אלטער שטורמאק?" האט זיך דאס פובליקום געטראכט און געקוקט צו דער טיר, ווען וועט זיך שוין אמאל בעווייזען אוריאל? ענדליך עפענט זיך די טיר, נאר אנשטאדט אוריאל'ן קומט אן יהודית — און עס פערבונדט זיך צווישען איהר און צווישען איהר פאטער מנשה א לאנגער געשפרעך אהן א סוף: "עס וועט אמאל נעמען אנ'עק, צי ניין?" דאנקען גאט, אט איז דער דיענער:

— דאקטאר סילווא איז געקומען.

"שאראפ! — זאגט שטילערהייד איינער פון פובליקום — אין דער ערד אריין דעם דאקטאר דע סילווא, אוריאל אקאסטא'ן גיט אהער! אט נודניקעס. איידער מע דערלאנגט דאס ביסעל איינגעמאכטס צום טיש, דארף מען זיך פריהער אנזשליאקען מיט וואסער... א! אט איז ער דא, דער בחור."

עס קומט אן אוריאל אקאסטא און בלייבט שטעהן ביי דער טיר מיט צענויפגעלעגטע הענד אויף דער ברוסט, און א שוידער געהט דורך איבערען גאנצען טהעאטער, און עס ווערט שטיל — א פליג דורכצופליהען. אלע זענען גרייט צו הערען עפים נייע דבורים, הויכע ווערטער, זעהען נייע אונגעוועהנליכע בעוועגונגען. און ראפאלעסקא בלאנזעט מיט די אויגען איבערן גאנצען טהעאטער, און קוים וואס מע הערט פון איהם א ווארט:

"דאס בין איך, דע סילווא...."

— א ליטל לאודער! העכער! — דערהערט זי א געשרעה פון דער גאנץ אויבערשטער גאלעריע און דער עולם פון דער איבעריגער גאלעריע חאפט אונטער:

— ספיק אפ! — העכער! העכער!

און ראפאלעסקא קוים וואס ער שעפטשעט ארוים:

"מעג דער פערשאלטענער צו טריטען צום הייליגען בעשיצער פון ריינע נשמות?"

— לאודער! ספיק אפ! העכער! העכער! — שרייט מען צו איהם פון דער גאנצער גאלעריע.

— שאראפ! שטילער! קווייעט! שטיל זאל זיין! — ענטפערט מען פון פארטער, און דער טומעל וואכסט.

ראפאלעסקא, וואס איז ניט געוואהנט צו אזא אויפנעהמען, קוקט ארויף. ער פערשטעהט ניט, וואס בעדייטען די דאזיגע קולות. עס דאכט זיך איהם, אז ער רעדט גאנץ הויך. ער ווערד מבולבל

און פערגעסט, וואו ער האלט. נאך איידער דע סילווא ענדיגט זיין דיאלאג, וואו ער דארף איהם ערקלעהרען, וואס צו טהון ביים רב בן עקיבא, פרעגט איהם אוריאל: "זיך אפזאגען? דאס ווארט קלינגט מיר אזוי פרעמד..." און ער ווערד אנשוויגען, ווארום דער וואס שפיעלט די ראלע פון דאקטאר דע סילווא, איין אקטיאר מיט א שוועהרען טריט און מיט גראבע ליפען, קוקט אויף איהם מיט א מוראדיגען קוק און זאגט צו איהם שטילערהייד:

— אין גאטעס ווילען! וואס פערחאפט איהר די פיש פאר דער נעץ?...

און ער לאזט אויס הויך: "איך קום ערשט פון בית־דין, אקאסטא. זיי זענען שוין אביסעל וויכער..."

ענטפערט איהם דערוויף אוריאל: "דאס וויים איך גאנץ גוט. איך זוך מיר שוין לאנג א וועג. נאר וואס געהר זיך אן איינס צום אנדערען?..."

— גוט מארגען געלי, רעטיך טראג איך — לאזט זיך הערען א קול פון דער גאלעריע, און דאס גאנצע טהעאטער וויא איין מענש ווערד לעבעדיג. עס טראגט זיך א געלעכטער ווי אין וואלד א וויטער דונער. דער געלעכטער קאטשעט זיך, און דער ארעמער ראפאלעסקא, וואס איז נישט געוועהנט געווארען אנקומען צום סופלער, טהוט זיך איצט א ווארף צום סופלער־ביידעל און דערזעהט, ווי יענער מאכט צו איהם עפים מאדנע העויות, ווייזט איהם מיט די הענד, ווינקט איהם מיט די אויגען. נאר ער פערשטעהט ניט, וואס יענער מיינט.

ראפאלעסקא האט שוין אליין דערפיהלט, אז ער געהט ניט גלייך, אז עפים וויגט זיך אונטער איהם דער באדען, אט אט פאלט ער אום. ער איז שוין געגאנגען אויף גאטס בעראט, ווי א מענש, וואס האט צוגענומען די האנט פון'ם הארצען: "חאפט דאס דער רוח — ערגער פון ערגער וועט דאך ניט זיין!..." און ער פערלאזט זיך אויף זיין זכרון און טהוט א זאג צו דע סילווא'ן גלאט אין דער וועלט אריין:

"וויא איך זעה האב איך מיט אייך גארניט וואס צו רעדען..."

— דאטס רייט! — האט זיך געלאזט הערען דער זעלבער קול פון דער אויבערשטער גאלעריע, און דאס גאנצע טהעאטער האט געקייכט פאר געלעכטער. מע האט שוין נישט געהערט, ניט דעם דאקטאר דע סילווא, ניט דעם מאנאלאג פון אוריאל אקאסטא, וואס רעדט בעת ער בלייבט אליין, מיט שטאלץ, אז "חרטה האבען קאן ער ניט און זיין קאפ פאר די רבנים וועט ער ניט אנבויגען". דאס פובליקום הערט ניט אויף צו לאכען אויך דעמאלט, ווען עס קומט אן די בלינדע אסתר מיט איהרע צוויי זיהן. עס העלפט ניט יהודית, וואס האט ערשט אט דא אנגעהויבען אריין אין איהר ראל. עס העלפט נישט דאס, וואס ראפאלעסקא ענדיגט זיין ראל אינ'ם דריטען אקט מיט היץ. פארפאלען. ער מעג שוין שפיעלען ווי גאט אליין, וועט איהם שוין ניט העלפען. דאס פובליקום איז געוועזן אויפגערעגט, צערייצט און בעז אויף'ן קומיר, אויפן אפגאט, וואס ער האט זיך צו איהם נאר וואס געבוקט, און מע האט גענומען הוקען און פייפען, אויס פייפען איהם גאר אויף'ן העכסטען גראד. די שונאים פון מיסטער ניקעל, און דער צד שכנגדו פון דער "קיבעצארני", זענען געוועזן גערעכט, וואס זיי האבען געזאגט, אז די נאכט איז נאך גרויס און אז די טראגעדיע אוריאל אקאסטא האט אין זיך פינף אקטען. זיי האבען זיך דערלעבט אזא נקמה און דער אויפגעהענדער שטערען ראפאלעסקא האט געהאט אזא גרויסען מוראדיגען דורכפאל, וואס זיי אליין

האָבען זיך אויף אזוי פיעל ניט גע־ריכט.

קאפיטעל 178.

מוראַווטשיק הינטער דיא קוליסען

די לעצטע סצענע פון דעם לעצטין אקט, וואו אוריאל אקאסטא לאָזט זיך לויפען, האָט ראפאלעסקא דאָך דורכגעפיהרט גלענצענד. עס האָט זיך אומגעקערט צו איהם דער פריהעריגער גרויסער ארטיסט. ער האָט זיך אנגעחאפּט ביים קאָפּ און מיט בעזונדערען פייער און מיט זעלטענער קראפט האָט ער ווי פון שלאָף אויפגעוואכט, אויסגערופען מיט א לייבענגעשרעה:

"געוואַלד!... לאָזט מיך! לאָזט מיך! איך געה... איך לויף!..." און איז ארויסגעלאָפען הינטער די קוליסען און דאָרט האָט ער דערפיהלט, אז עס גליטשט זיך איהם דער באָדען אונטער די פיס און עס דרעהען זיך איהם די דעקאָראציעס פאר די אויגען — איז ער געפאלען אויף די הענד פון'ם ערשטען מענשען, וואָס ער האָט בעגעגנט, עפּיס איין אומבעקאנטען פארשוין פון ניעדעריגער וואוּכס מיט א צעקנייטשטע קאָפּעלישעל און מיט ממזרישע אויגען. דער דאָזיגער מענש האָט בעמערקט, אז אוריאל אקאָסטא פאלט, איז ער צוגעלאָפען און האָט איהם אונטערגעחאפּט און אויסגעשריען אויף א הייזעריג קול צו די איבריגע לייט וואָס הינטער די קוליסען:

— וואס שטעהט איהר, ווי ליימענע גולם'ס? וואסער גיט אהער. וואסער!

אין עטליכע מינוט ארום איז ראפּאַלעסקא געלעגען ביי זיך אין גאַרדעראָבנע אויסגעצויגען אויף א סאָפע, שוין איינגאַנצען בערוהיגט, און נעבען איהם אויף א פיערעקעכיג טאבורעטעל איז געזעסען שלום מאיר מוראַווטשיק (דאָס איז געוועזען ער.)

— ווי קומט אהער מוראַווטשיק? — דער לעזער דאַרף געדענקען די סצענע וואָס איז פאָרגעקומען אין וועסטיבול פון ניקעל־טהעאטער צווישען שלום מאיר מוראַווטשיק און מיסטער קלאמער. אפּגערעכענט זיך מיט מיסטער קלאמערס הערצעל־באָרד און בעקומען א רעכטע פּאָרציע פון ניסעל שוואלב'ס פּעכקע ידים, האָט זיך אונזער מוראַווטשיק ממזריש ארויסגעדרעהט פון זייערע הענד און פון די הענד פון די אָשערס און דיענערס, וואס זיינען געקומען דעם מיסטער קלאמער צו הילף.

שלום מאיר מוראַווטשיק מעג זיך רעכענען פאַר א מוצלח, וואס ער איז ניט אריינגעפאלען אין די הענד פון די ניו־יאָרקער פּאָליסלייט. אמעריקא האָט טאקי זעהר א ליבעראלע "קאָנסטיטושאָן", נאר פון דעסטוועגען איז גלייכער, אז מע קאָן זיך מיט דער "פּאָליס" פון דערווייטען...

— דער רוח האָט מיך געטראָגען איך זאָל מיך זאטשעפּען מיט אָט דער וואנץ... (מיסטער קלאמער זאָל הערען, מיט וואס פאר א נאמען מע האָט איהם געקרוינט!) ווי א כשר'ער יוד קאָן ניט זעהען קיין חזיר, אזוי קאָן איך ניט אנקוקען אָט דעם יודענס באָרד!

אזוי האָט זיך אויסגערעדט דאָס הארץ אונזער מוראַווטשיק, ווי ווייט מעגליך זיך צורעכט געמאכט דאָס צעיושעטע פּנים און האָט זיך גענומען דורכשלאָגען דורך די הינטערשטע טירען אויף יענער זייט קוליסען. דאָרט האָט ער זיך אוועקגעשטעלט צווישען די דעקאָראציעס אזוי קונציג, אז ער האָט געזעהען אלעמען און איהם האָט נישט געזעהען קיינער. מיט אלע אויגען האָט ער גענומען בעטראכטען די ביהנע. זוכען צווישען די שפּיעלערס דעם, וואס ער בעדאַרף האָבען.

— וועלכער פון זי איז ראפּאלעסקא?

— האָט ער זיך צערעדט שטילערהייד

מיט דעם, וואס גיט אכטונג אויף׳ן פאַר־האנג, א פערזאָרגטער נפש, א פעסי־מיסט מיט בלויזע אויגען, וואָס זעהט אויס ווי די גאנצע וועלט איז אויף איהם נעפאלען.

— אט דער וואס מיט די לאַנגע האר און מיט׳ן ווייסען קאלנער, וואָס שפּיעלט די ראָל פון אוריאל אקאסטא.

— חכם! זיי טראָגען אלע לאַנגע האר מיט ווייסע קאלנערס.

דער פערזאָרגטער האָט אוועקגע־שטעלט אויף מוראווטשיקען זיינע בלוי־זע אויגען:

— איך בין ניט שולדיג, אז איהר זענט א יאָלד און אלע יונים האָבען ביי אייך איין פּנים. ביי אייך איז אלץ איינס, וואס מנשה און וואס אוריאל אקאסטא.

— מיר פאר דיין חכמה, ליכטיגער פּנים! מיר דאכט, אז איהר זענט גע־רעכט. שא, איך ווייס שוין ווער פון זיי איז דער אמת׳ער אוריאל אקאסטא.

אזוי האָט זיך מוראווטשיק אויסגע־טענעט שטילערהייד מיט זיין נייעם גו־טען פריינד, וואס ער האָט זיך ערוואַר־בען דא ביי די דעקאָראציעס און האָט איהם א וואונק געגעבען מיט די ממזרי־שע אויגען:

— געפינט זיך ביי אייך, ליובעניו, א סיגארעטעל?

דער בעזאָרגטער פעסימיסט האָט שיער ניט אויפגעגעסען מוראווטשיקען מיט זיינע פעסימיסטישע אויגען:

— גרינהאָרן. וואס ווילט איהר, מע זאָל אייך פלעטען דעם מח און ארונ־טערלאָזען פון אלע טרעפּ? דא ביי די דעקאריישענס ווילט איהר רייכערען סיגארעטלעך?

— שא־שא! איז אינו מיט די קניי־שעס. זעה נאר, גלייך מע האָט איהם געקוילעט דיא קאפּאטע.

און שלום מאיר מוראווטשיק האָט איהם דערלאנגט א קיצעל אונטער די פּאחוועס און געבעטען ער זאָל זיין אזוי גוט זיך א רוק טהון אביסעל, וועט ער זיך קאָנען אוועקזעצען מיט איהם אויף איין בענקעל.

— ווארום — האָט ער איהם געגעבען צו פערשטעהען — אויסשטעהן אויף די פיס א גאנצען אקט בין איך ניט בכח. איך האָב נאך היינטיגען טאג כמעט גארניט געגעסען, ניט מחמת ס׳איז ביי מיר א תענית, און ניט מחמת איך האָב ניט חלילה פאר וואס; אחוץ מיין שאָדען אויף אלע אידישע קינדער געזאָגט געוואָרען, נאר פּשוט. איך בין היינט זעהר פארהאלעפּורימט.

— ביזי זאגט מען ביי אונז — האָט איהם דער פערזאָרגטער פעסימיסט פעררירכט און טאקי אין איין וועגס אויסגעפרעגט ביי איהם, וואָס פאר ביז־נעס ער האָט דא אין ניו יאָרק און ווען קומט ער פון יוראָפּ און מיזי וואסער שיף און ווי אזוי איז איהם געגאנגען די רייזע?

שלום מאיר האָט איהם אויסגעטראכט אזעלכע ביזנעס, וואס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, און אזוי איז אוועק ביי די צוויי אין שמועסען דער גאנצער לעצטער אקט, און עס האָט געבראכט דערצו, אז דער פערזאָרגטער נפש וואָס איז געזעצט געוואָרען אט דא אכטונג געבען אויף׳ן פארהאנג, האָט שיער שיער ניט דורכגעלאָזט זיין דזשאָב, און דאָס וואָלט פעראורזאכט א נייעם סקאנ־דאל: דאָס גאנצע פּובליקום וואָלט גע־קאָנט זעהען, ווי אוריאל אקאסטא איז געפאלען צו עמיצען אויף די הענד. אט ווי אזוי אויסטערליש ס׳איז פאַרגעקו־מען זייער בעגעגניש.

ווי באלד נור ראפאלעסקא איז געקו־מען צו זיך האָט ער א זאג געגעבען צו דעם, וואָס האָט איהם אזוי קונציג אונטערגעכאפּט אויף די הענד:

— אייער פּנים איז מיר עפּיס זעהר קענטליך.

— א חדוש אביסעל! וויפיעל מאָל האָבען מיר זיך געזעהען אין האָלענעשטי?

— אין האָלענעשטי ?!

דאָס איז געווען גענוג פאר אונזער יונגען העלד, ער זאָל פערגעסען אין זיין גרויסען דורכפאל, וואָס ער האָט געהאט נאָר וואָס אין טהעאטער און ער זאָל בעטען דעם גאנצען עולם ארומגעהן פון זיין גארדעראבנע. און אז זיי זיינען געבליבען אינצווייען, האָט ער זיך ארויפגעוואָרפען אויף מוראַוואַטשיקען, ער זאָל איהם דערצעהלען, ווער ער איז און וואָס ער איז. און פון וואנען ער קומט און וואָס ער טהוט דאָ?

— ווער איך בין? אויך א באַנדער. איין אקטיאר הייסט עס פון אידישען טהעאטער. פון וואנען איך קום? פון לאָנדאָן. וואס איך טהו דאָ? איך זוך דעם נעכטיגען טאג. מיינער א פריינד און א חבר, אויך א יודישער אקטיאר, האָט ביי מיר גענומען די האנד א שעה פאר'ן טוידט: באשר בכן אזוי ווי ער האָט א שוועסטעריל, א מיידעל, א באָקסער, בלוט און מילך, וואס א בחור, אויך איין אקטיאָר, האָט זיך געליעבט מיט איהר, און וואָס פון דער ליעבע האָט זיך ניט דא געדאכט געטראָפען — עס זאָל זיך אזוי ניט טרעפען — דאָס מיידעל האָט צו נייען חדשים למזל געבוירען א "יאטעל", און אזוי ווי דער בחור, דער פאטער פון'ם "יאטעל" הייסט עס, האָט זיך בעצייטענס אפגעטראָגען קיין אמעריקא, על כן זאָל איך איהם געבען מיין האנד תקיעת־כף און שווערען איהם ביי גאָט, וואָס זיצט גאנץ אויבען און ווייסט פון אלע פאדלעסטען וואס ווערען אפגעטהון פון אונטען, אז איך זאָל נעמען זיין שוועסטעריל מיט'ן "יאטעל" און ברענגען זיי קיין ניו יארק און נישט אפטרעטען פון'ם פיינעם בחור, ביז ער וועט ניט שטעלען מיט איהר א חופה כדת משה וישראל. און איך האָב איהם געמוזט געבען דיא האנד און שווערען מיט כל השבועות פון דער תוכחה. נו? האפט דאָס ניט דעם אפבליק ביי אייך אין די אויגען פון א ראמאן, פון די ראמאנען וואָס דרוקען זיך אין די ביכלעך?

מעגליך, אז אונזער העלד האָט געהאט א פאָרגעפיהל, איי מעגליך אז ער איז גלאט געווען נייגעהריג צו בעקענען זיך נעהינטער מיט'ן דאזיגען מאדנעם ראמאן. ער האָט א פרעג געגעבען ביי זיין אומבעקאנטען בעקאנטען:

— קאָן מען וויסען, ווי אזוי האָט געהייסען אייער פריינד, וואס האָט אייך איבערגעגעבען אזא פיינע ביזנעס?

— פאר וואס זאָל מען ניט קאנען וויסען? מיט'ן גרעסטען כבוד! גערופען האָט מען איהם, מיין פריינד הייסט עס, האצמאך, נאר דער אמת'ער נאמען זיינער איז געווען האָלצמאן.

ראפאלעסקא האָט זיך אויפגעחאפט טוידט ווי די וואנד:

— האלצמאן? בערנהארד האלצמאן, זאָגט איהר איז...

— געשטאָרבען זאָל לעבען. און זיין שוועסטעריל רופט מען זלאטקע. זי איז דאָ מיט מיר אין ניו יאָרק. זי האָט אפילו זעהר חשק געהאט צו געהן מיט מיר אין טהעאטער הערען אייך שפיעלען. קאָן זי ניט אוועק־ווארפען דאָס "יאטעל". א יונגע מאמע און אזוי געטריה. קאָן מען אפשאצען א יודישע נשמה?... ווילט איהר אפשר וויסען, ווער איז דער בחור, דאס הייסט דער פאטער פון'ם "יאטעל"? — האָט מוראַוואַטשיק איהם א פרעג געגעבען און פערקוקט אין די אויגען אריין — ער קומט ארויס אזש פון בוקארעשט. דאָס הייסט ער איז אזוי פון בוקארעשט, ווי איך בין פון ירושלים... גאָט איז מיט אייך! וואָס זענט איהר אזוי בלאס געוואָרען? וואס ציטערט איהר אזוי? עס וועט אייך חלילה קיין שלעכטס ניט געשעהען... גלויבט מיר בנאמנות, איהר קענט מיך

נאר ניט וואס פאר א מענש איך בין. איך בין שלום מאיר מוראווטשיק... איך מיין נישט מעהר נאר אייער טובה און דיא טובה פון מיין פריינד אויף יענער וועלט, גאט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה!...

קאפּיטעל 179.

געפּלאַצט נאָך אַ קאָמבינאַציע

ווי פאר וועמען—פאר ניסעל שוואלב מיט זיינע קאמבינאציעס איז דער גרויסער דורכפאל פון ראפאלעסקאן געווען דווקא די גרעסטע מעלה. ער האָט דורך דעם געקענט זיך א נעם טהון דורכפיהרען זיין פלאן מיט א סך מעהר ערפאָלג ווי פריהער, ווארום א געשלאָגענער הונט איז ווינציגער מיוחס, און א מענש, אז ער איז ביי זיך געפאלען קאן מען מיט איהם מאכען וואס מע וויל.

אזוי האָט זיך אונזער קאמבינאטאר שוואלב געטראכט און האָט זיך גענומען צו זיין ארבייט ניט שפעטער ווי אויף מארגעדיגען טאָג נאָך'ן געוויסען ספעקטאקעל, ווען מע האָט געבראכט צופיהרען ראפאלעסקאן אהיים מיט א געבראָכען האַלז און מיט א געשלאָגענעם געמיטה.

געקומען צו זיין יונגען פריינד, האָט ער צו זיין גרויס בעוואונדערונג געטראָפען ביי איהם דעם נייעדעריגען נפש מיט די ממזרישע אויגען, וואס ער האָט איהם נעכטען אין וועסטיבול פון טהעאטער קוים אפגעריסען פון מיסטער קלאמערס באָרד.

— איהר לעבט נאָך? — האָט איהם שוואלב א פרעג געגעבען פרעהליך, ווי זיין שטייגער איז — אפנים וואו מע זייעט אייך ניט, דאָרט וואכסט איהר?

— וואָס דענן האָט איהר געמיינט?

— האָט איהם יענער אפגעענטפערט מיט'ן זעלבען פרעהליכען טאָן. — אייער טרפהנער גליק, וואָס איהר זענט נעכטען געווען א סך און איך בין געווען איינער. אניט וואָלט איך אָט דעם שענעם דזשענטעלמען פון לאנדאנער ווהייטשעפעל קיין גאנצען פון מיינע הענד נישט ארויסגעלאָזט. אהן א באָרד וואָלט ער ביי מיר געבליבען, מיט א פעדער אונטער דער נאָז וואָלט ער ביי מיר געלעגען און מיינע פאפירען וואָלט ער מיר אָפּגעגעבען. מאלט אייך ער וועט זיי מיר אזוי אויך אפגעבען, איהר קאָנט שוין זיין זיכער. דאָס זאָגט אייך שלום מאיר מוראווטשיק.

— מוראווטשיק? — א קעניגליכער נאָמען. פון וועלכע מוראווטשיקעס זענט איהר?

שוואלב האָט זיך צוגערוקט צו זיין נייעם בעקאנטען און אויסגעצויגען איהם א מוראדיג גרויסע פעטע ווייכע האנד און מוראווטשיק האָט איהם אָפּגעענטפערט אויף זיין הייזעריגער שטימע:

— פון וואסערע מוראווטשיקעס איך בין? פון די אמת'ע מוראווטשיקעס, וואָס זענען קיינעם אויף זייער לעבען קיין געלד ניט שולדיג געווען, ווארום קיינער האָט זיי ניט געליהען און אז זיי האָבען געליהען, איז געווען פארפאלען, אזוי ווי דיא קלעפּ וואָס מע האָט מיר נעכטען איינגעלעגט; איהר מעגט מיר גלויבען אויף נאמנות — איך האָב שוין לאַנג אזעלכע קלעפּ ניט פערזוכט, גאט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה. פון דעסטוועגען איינס צום אנדערען געהער זיך ניט אן. אייער פנים געפעלט מיר א סך מעהר פון אייערע הענד. א פּאָר ירדים ביי אייך — זיי מעגען אייך אפדארען. איך געב אייך מיין עהרען־וואָרט, אז איך וועל האָבען צייט, וועל איך מיך מיט אייך בעקענען אביסעל נעהינטער. דערוויי! בין איך ביזי, ווי מע זאָגט ביי אייך, איך מוז געהן. זייט מיר געזונד און שטארק, לאָזט גריסען און שרייבט בריוולעך,

מיט די ווערטער האָט איהם שלום־מאיר א טרייסעל געגעבען זיין מוראדיג גרויסע פעטע ווייכע האנד, און שוואלב האָט איהם געזאָגט מיט זעהר א פריינדליכען טאָן :

—איהר קאָנט אייך גארניט פאָרשטעלן, ווי עס האָט מיך געפריידט אייער בעקאנטשאפט, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס...

— דאָס האָב איך נאָך געזעהען נעכטען, און ניט אזוי געזעהען מיט דיא אויגען, ווי געפיהלט מיט די ביינער, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה.

אזוי האָט איהם געענטפערט מיט א קאָמפלימענט אויף א קאָמפלימענט מר ראוווטשיק שוין ביי דער טיר. ראפאלעסקא האָט דעם גאסט ארויסגעבעגלייט פון חדר, און אויף יענער זייט טיר האָבען זיי זיך אקעגען א צוויי מינוט געסודעט שטילערהייד, און אז ער איז אריינגעקומען צוריק, האָט איהם ניסעל שוואלב א פרעג געגעבען :

— ווער איז ער, אט דער שלים־מזל מיט די ממזרישע אויגען? זעהט אוים א פיקפאקעט, א פערד־גנב, אָדער פון די ווגים האנדלען מיט לעבעדיגע סחורה...

נישט דערווארט זיך אויף איין ענטפער, מאכט ניסעל שוואלב נאָך א מאל צו ראפאלעסקאן שוין מיט איין ערענסטען טאָן, ווי איין עלטערער ברודער :

— איך וואָלט אזא שלים־מזל ווי אָט דער הייזעריגער נפש געגעבען דעם וועג, אז וואו ערגיץ א שלעפער, א שווארץ יאהר זאָל ניט האָבען קיין אריינטריט צו מיר אין שטוב אריין!... הכלל, מיין ליעבער ראפאלעסקעלע, לאז ער געהן אין דער אדמה. מיר וועלען בעסער געהן צו אונזערע ביזנעס.

אזוי איז ניסעל שוואלב צוגעטראטען צו זיין קאמבינאציע, ארומשפאנענדיג ווי זיין שטייגער איז איבערן חדר.

— איך בין געקומען צו דיר, ערשטענס, אויסרעדען אביסעל דאָס הארץ. מע דארף ניט זיין אזוי טראווערדיג, טאמער מאכט זיך אמאל, מע חאפט א פסק, מע האָט א דורכפאל.

— אלץ הייסט א פסק! אלץ הייסט א דורכפאל! — האָט איהם ראפאלעסקא געענטפערט און אויף איהם קוקענדיג אויך גענומען ארומשפאנען הין און צוריק איבערען חדר. — א דורכפאל צו א דורכפאל איז ניט גלייך. זינט איך לעב, זינט איך קען מיך מיט דער ביהנע, האָט זיך מיר נאָך אזעלכס ניט געטראָפען, אז איך זאָל דארפען אנקומען צום סופלער! ניין, דאָס איז געווען די אמת'ע מפלה.

— מאָהל דיר, צו א מפלה איז דאָס נאָך ווייט. גאָט וועט העלפען איבערמאָרגען, צום צווייטען ספעקטאקל, וועלען מיר זיי פערבעסערען. דערווייל דארף מען זעהען אין די פּאָר טעג וואס מיר האָבען פרייה, אפטהון אונזער היימיש שטיקעל ארבייט, איינס צוויי דריי

— און איין עק לאז דאָס האָבען. ווען רעכענסט דו, זאָל זיין די חתונה?

— וואָסער חתונה?

— וואס הייסט — וואסער חתונה?

ביידע האָבען זיי אויפגעהערט ארומצושפאנען איבערען חדר. געבליבען שטעהען איינס אקעגען דאָס אנדערע און אנגעקוקט זיך איינס דאָס אנדערע, גלייך ווי זיי זעהען זיך דאָס צום ערשטען מאָל אויף זייער לעבען.

— דו טרייבסט קאטאָוועס? — האָט ניסעל שוואלב א פרעג געגעבען זיין יונגען פריינד און געוואלט א שמייכעל טהון, איז דאָס איהם ניט געראטען.

— איך טרייב קאטאוועס? — האָט איהם ראפאלעסקא געענטפערט — דאָס טרייבסט דו קאטאוועס. איהר אלע האָט זיך אנגערעדט טרייבען מיט מיר קאטאוועס.

— מיר אלע האָבען זיך אנגערעדט טרייבען קאטאוועס?

— איהר אלע : דו און דיין אַחי און דיין שוועסטער די פּרימאַדאָנאַ. וואס דענן איז געווען אט דער ספּיטש פון מיסטער קלאַמער ביים לאַמזשער חזן, אז ניט קיין קאַטאָוועס ? אז ניט קיין שפּאַס ? אַ מאוסער שפּאַס, א באַנאַלער שפּאַס ! וואס מיינסט דו, שוואַלב, איהר האָט דערטאַפּט א יונגעלע א פּראָווינציאַל און וועט איהם פיהרען אויף א שטריקעל ? גאָט האָט אייך בעגליקט מיט א שוועסטער, אַ שענע פּרה אדומה, א גאַטס בהמהלע, וואָס איהר אליין רופט זי "שיקסע" און "דורבאַטש" און "שייט האָלץ" און קאָנט פון איהר ניט פּטור ווערען, ווילט איהר מיך פערשלייערען פאַר איהר, איך זאָל קיין תחית המתים קיין מאָל ניט אויפשטעהן ? — איך דאַנק אייך זעהר און זעהר ! זוכט אייך איין אַנדער אידיאָט.

מיט די ווערטער האָט זיך ראַפּאַלעסקאַ אַנגעבויגען פאַר זיין פריינד שוואַלב אזוי העפליך־שען, אזוי אַפּעטליך־גראַציעז, און האָט דעם דאָזיגען מאָנאָלאָג דורכגעפיהרט מיט אזוי פיעל קונסט און חן, אז ווען דאָס קומט פאַר אויף דער ביהנע, וואָלט ער געכאַפּט דערפאַר דעם גרעסטען אַפּלויז. נאָר אזוי וויא דאָס איז פאָרגעקומען ניט אויף דער ביהנע, נאָר אינם לעבען, און נאָך ביי אַזאַ פראַגע, וואָס דאָס איז געגאַנגען א גאַנצער פאַמיליע, וויא מע זאָגט, אין נפש אריין, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלען, ווי אזוי ניסעל שוואַלב האָט אויסגעזעהן. פריהער איז ער געוואָרען בלייך. דערנאָך רויט. דערנאָך בלוי. אויף זיין גראָבען רויטען האַלז האָט זיך אַנגעבלאָזען איין אָדער און גענומען פּולסירען ארויף און אראָפּ, ווי ביי איין אָקס א מינוט נאָך דער שחיטה. עס האָט אויסגעזעהן, אז די אויגען ביי איהם האָבען זיך געקליבען ארויסצושפּרינגען פון זייערע ערטער, ווי ביי א פיש, ווען מע האַלט איהם מיט'ן בויך אראָפּ און מע רייניגט איהם די ליסקע פון דער פעל, דער פיש טראַכט זיך אַפּנים בעת מעשה : "רייניגט, רייניגט. מיר וועלען זעהען, וואָס וועט זיין ווייטער..." פאַר גרויס איבערראַשונג און ערגערניש האָט זיך ניסעל שוואַלב שוועהר אראָפּגעלאָזט אויף א שטוהל און שוועהר אָפּגעאָטהעמט. עס איז איהם געוואָרען טרוקען אין מויל און דאָס קול האָט זיך ביי איהם איבערגעביטען. ער האָט זיך אַנגערופען צו ראַפּאַלעסקאָן מיט א טאָן נידעריגער :

— זאָג מיר נור, טייערער, וואס איך וועל דיך פרעגען : ווייסט דו, וואָס בעדייטען דיא ווערטער "בריטש אָוו פּראָמיס" ?

ראַפּאַלעסקאַ האָט זיך איהם אוועקגעשטעלט אַקעגען, די הענד פערלעגט אַהינטער. ער איז געווען ניט ווינציגער אויפגערעגט ווי זיין פריינד שוואַלב, נאָר ער האָט זיך געהאַלטען רוהיג.

— וואָס בעדייטען דיא ווערטער "בריטש אָף פּראָמיס" ?

— דאָס בעדייט, אז א בחור גיט א וואָרט א מיידעל פאַר עדות, אז ער וועט זי נעמען און שטעלט איהר א פייג, בעקומט ער א קניפּ אין בעקעל און מוז פאַר איהר חתונה האָבען.

ראַפּאַלעסקאַ געהט צו צו ניסעל שוואַלב גאַנץ נאָהינט :

— ווען האָב איך געגעבען אייער שוועסטער א וואָרט ? אפשר יענעם אויפדערנאַכט ביים לאַמזשער סאָלאָוויי, ווען איהר האָט מיך אַנגעשיכורט מיט זויערען שאַמפּאַניער ווייַן און געקראָכען צו מיר אלע זיך קושען, אזוי אז אפילו ברייַנדעלע קאַזאַק און אפילו די חזנטע האָט מיך ארומגעהאַפּט און געסמאָצקעט, האַ־האַ־האַ ?

דער געלעבטער איז געווען פאַר ניסעל שוואַלב אפשר נאָך פיעל ערגער פון די ווערטער, וואָס ער האָט דא אויסגע-

הערט. ניט שוין זשע האָט געפּלאַצט די גאַנצע קאָמבינאַציע? אזא דראָט־ארבייט, וואָס ער האָט דא געהאט, און פּלוצים — טראַך! ער האָט שוין מעהר נישט געקאָנט איינזיצען. האָט ער זיך אויפגעהויבען, ארויפגעלעגט זיין שווערע האנד אויף ראַפאַלעסקאס יונגע פּלייצעס און ארויסגעזאגט גיך, אין איין אָטעם, ווי זיין שטייגער איז:

— ראַפאַלעסקעלע! מיר וועלען האָבען א מאוסען דין תורה דא אין אמעריטשקע. נארעלע, אמעריטשקא איז א לאַנד, וואָס האָט פיינט קאטאָוועסלעך. מיר האָבען עדות, נארעלע, וואָס וועלען ארויסטרעטען צום משפּט מיט א שבועה, אז זיי האָבען געזעהען, ווי דער בחור האָט געהאַלטען דאָס מיידעל אויף די הענד און געקושט... אויף'ן שיף איז דאָס געווען — געדענקסט עס נאך, צי דו האָסט דאָס שוין פערגעסען?.. און נאך וועלען זיך געפינען עדות, וואָס דו האָסט געקויפט ביי זיי בראסלעטלאך מיט נאָך אזעלכע זאכענישען פאר מיין שוועסטעריל און אנגעטהאָן איהר אויף דער האַנד פאר אלעמען אין די אויגען... נארעלע, פאָלג מיך, איך בין דיר א גוטער פריינד, גיי בעסער מיט גוטען, ווארום מיט בעזען וועסט דו מאכען ערגער, איך זאָל אזוי האָבען אלעמענס גוטס. וועסט מיר זאגען א דאנק, קינדעניו. אניט זאָלסט דו דיך דערווארגען מיט'ן דאָזיגען טיש.

מיט די ווערטער איז ניסעל שוואלב אוועק.

— דערוואָרגען וואָלט איהר געמעגט ווערען אלע, — האָט ראַפאַלעסקא נאכגעזאגט איהם מיט א ביטערען געלעכטער, בעת ניסעל שוואלב איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

נאכדעם ווי ער האָט נאך אביסעל ארומגעשפּאנט איבערען חדר, האָט זיך אונזער יונגער העלד אוועקגעזעצט ביים פענסטער, פערדרייכערט א סיגאַר, פערלעגט א פוס אויף א פוס, און האָט זיך שטארק — שטארק פערטראכט.

קאַפּיטעל 180.

ראַפאַלעסקאָ — ווידער א בעל תשובה

ראַפאַלעסקא האָט געהאט פון וואס צו טראכטען. געדיכטע וואָלקענס האָבען זיך אויף זיין הימעל צענויפגעזאמעלט. עס האָט זיך צונויפגעקליבען ביי איהם אלעס אויף אמאל. און איבערהויפּט דער נעכטיגער דורכפאל, וואס ער האָט געהאט אין ניקעל־טהעאטער. נאר דאָס איז געווען, אייגענטליך, פון די קלענסטע אומגליקען. ווארום נישט קוקענדיג דארויף, האָבען נעכטען צווישען די אקטען און נאָך'ן שלום זיך געדרעהט ארום איהם פערשיעדענע מענשען, שלוחים פון ענגלישען טהעאטער, איהם איינגערוימט א סוד אויף'ן אויהער, אז ער איז אללרייט. דאָס האָט געהייסען, אז ער זאָל זיך ניט בינדען מיט קיין טהעאטער, ביז עס וועט ניט קומען צו איהם מאָרגען א געוויסע פערזאָן און וועט איהם מאכען אזא פּראפּאזישאן, וואס קיין אידיש טהעאטער פערמאגט דאָס גאר נישט אויף זיין אייגענס.

און דיא געוויסע פערזאָן האָט זיך דווקא ניט געלאזט לאנג ווארטען און איז געקומען צו איהם היינט גאנץ פריה.

דאָס איז געווען א פרישער, אויסגעצוואָגענער און אפּגעראזירטער איינגלענדער מיט א נאַקעטען שארבען, מיט גאלדענע צייהן און מיט מאדנע לאנגע נעגעל. צוזאמען מיט'ן איינגלענדער איז געקומען נאך איינער, א רעפּארטער פון א גרויסע ענגלישע צייטונג, א דורכגעטריבענער נפש מיט א שמייכלענדיג פּנים, אביסעל רויטליך, וואס רעדט אלע שפּראכען, אפילו אידיש. נאך'ן נאמען, וואס דער שמייכלענדיגער רעפּארטער

האָט זיך אנגערופען — ארטשיבאלד בויערוולם — און נאָך זיין אויסגעצייכענט איינגעלִש ספּאָקען, מיט דער "טהדזי" אויף דער שפּיץ צונג און מיט'ן "ערדוו" אויף'ן הוילען גימען, וואָלט ער געקאָנט זיין איין אמת'ער א געבוירענער אמעריקאנער, איין עכטער יענקי. נאר דער אויבערשטער טייל פון דער נאָז, דער גלאַנץ פון די האר און איבערהויפּט די אויגען (אוי, אידישע אויגען!) האָבען געשריגען: "וואָס מיר ארטשיבאלד? ווער מיר בויערוולם? זאָג, אז מע רופט דיך ארצי בערעלם און א סוף!..."

די ביידע דזשענטעללייט, אז זיי זענען אריינגעקומען, האָבען זיי זיך אוועקגעזעצט, פערקאטשעט די הויזען אויף די קניהעס, ארויסבעוויזען די ברייטע נעזלעך פון זייערע בעקוועמע אמעריקאנער שוכווארג, און מע איז צוגעטראטען גלייך צו די ביזנעס. דער וואָס מיט'ן נאקעטען שארבען האָט גערעדט, ווי א מענש, וואס מע האָט איהם ערשט היינט ארויסגעריסען צוויי באקציינער און אריינגעלעגט וואַט; און דער שמייכלענדיגער ארטשיבאלד בויערוולם האָט איהם איבערגעזעצט אויף אידיש. דער אינהאלט פון'ם שמועס איז געווען, אז מע לעגט איהם פאר, אז ער זאָל אריבער גלייך אין איינגעלש טהעאטער; די ערשטע צייט קאן ער שפּיעלען זיינע ראלען אין אידישען, ביז ער וועט זיך אויסלערנען פּלענטי די איינגעלשע שפּראַך, און בעדינגונגען גיט מען איהם אזעלכע, אז ראפאלעסקאָ האָט זיך אזש דער קאָפּ פערדרעהט. פון דעסטוועגען האָט אונזער ראפאלעסקא געהאַט אויף אזוי וויִט שכל און טאקט, אז ער האָט זיי אויסגעהערט גאנץ קאַלטבלוטיג און געזאגט, אז ער מוז האָבען 24 שעה אויף צו בעטראַכטען זיך.

— אָללרייט! — האָט אויסגערופען דער דזשענטעלמען מיט'ן נאקעטען שארבען און האָט זיך אויפגעחאַפּט געהן, און דער רעפּאָרטער מיט'ן שמייכלענדיגען פּנים האָט א זאג געגעבען צו ראפאלעסקאָן אויף אידיש:

— יהודי בלא! לאָזט נישט דורך דעם סלוטציי, סא פּעטער פּגר... גוד באַי!

דאָס איז געווען נומער איינס, דער צווייטער פּונקט, וואס האָט געמאכט אונזער העלד צו זיין פערטראַכט מעהר ווי אַלע מאָל, איז געווען ראזע ספּיוואַק.

וואס האָט זי געבראכט אין ניקעל טהעאטער גראדע אין דעם ערשטען אָווענט פון זיין אויפטריט? איז דאָס געווען א פּראסטער צופאַל, אדער זי האָט נאכגעקוקט די אידישע ניו יארקער צייטונגען און געוואוסט, אז דאָס איז זיין, ראפאלעסקאס, בענעפיס? אויב אזוי — וואָס זשע איז זי אנטלאָפען צווישען צווייטען און דריטען אקט? און צי איז אמת דאס, וואָס העֶנריעטע דערצעהלט, אז ראזע מיט איהר אריסטאָקראטישען קאוואליער, גרישא סטעלמאך, האָבען, זיצענדיג אין דער לאָזשע, זיך איבערגעקוקט און געלאכט בעת ער ראפאלעסקא האָט דורכגעמאכט זיין ערנסטע, טראגישע ראָל? אמת, ער איז נעכטען געווען שוואכליך אין זיין ראָל. אבער לאכען וואס האָט מען בעדארפט? און נאָך אין דיא ערשטע צוויי אקטען, וועלכע זיינען דורכגעגאנגען, דאכט זיך, מיט'ן גרעסטען ערפאלג? אך, וויפיעל וואָלט ער אוועקגעגעבען פון זיין לעבען, ער זאָל קאָנען אט דאָס אַלעס געוואוהרע ווערען! וואלט דאס געווען אין איין אנדער צייט, וואָלט ער ניט גערוהט, ביז ער וואלט ניט אויסגעטראָטען א וועג, ביז ער וואָלט זיך ניט דורכגעשלאָגען סוף כל סוף צו דער, צו וועלכער ער שלאָגט זיך שוין אזוי פיעל יאהרען, צוליעב וועלכער עס האָט איהם געבראכט איינענטליך אהער. איז אבער

איצט !... און דא קומט דער פונקט נומער דריי. דאס איז אט דער שלום מאיר מוראַוושיק מיט זיין גוטער בשורה און מיט זיין מזל טוב...

דער טוידט פון זיין אמאליגען גוטען פריינד און חבר האָלצמאַן, מיט וועלכען ער איז אנטלאָפען פון זיין ליעבער היים און מיט וועלכען ער האָט פערבראַכט, מע קאן זאָגען, זיינע בעסטע יונגע יאהרען, האָט אהן אלעמען געמאַכט אויף איהם א מורא'דיגען איינדרוק. ער איז געוועזען כמעט אזוי פיעל געבראָכען, ווי אין יענער מינוט, ווען ער האָט דערהערט פון'ם קאססיר "ששון ושמחה", ווי דער לעזער געדענקט, די בעזע בשורה פון זיין מוטערס טוידט. מיט דעם אונטערשיעד נור, וואס זיין מוטערס טוידט האָט ארויסגערופען ביי איהם מעהר ניט אז טרעהרען פון רחמנות און עטוואס חרטה, וועהרענד דער טוידט פון זיין אומגליקליכען פריינד האָט איהם געמאכט צו דענקען, אז ער האָט זיך בעגאנגען מיט האלצמאנען ווי א מענש א פערדארבענער, אהן א שום געוויסען, אהן א טראָפען יושר און — אויב איהר ווילט — טאקי ווי א מערדער. ווי האָט ער געקאנט אזוי לייכטזיניג און מיט אזא גרינג הארץ פערלאזען א קראנקען פריינד, ביי וועמענס בעטעל — ער געדענקט דאס גאנץ גוט — ס'איז שוין געשטאנען דער מלאך המות ?...

און נישט ווילענדיג, דערמאנט זיך ראפאלעסקא אין יענעם פריה מאָרגען, ווען ער איז געקומען זיך געזעגנען מיט זיין פריינד, און דאס טרויעריגע בילד, וואס האָט איהם נאכגעיאגט אויף'ן שיף איז איהם געקומען אפיר אויך איצט...

און נאָך זאכען דערמאָנט זיך אצינד אונזער יונגער העלד, זיצענדיג זיך אזוי ביים פענסטער, זאכען, פון וועלכע עס געהט איהם איבער א שוידער איבער'ן לייב, זאכען, פון וועלכע ער וואָלט וועלען פערגעסען און קען ניט...

נאר שרעקליכער פון אלע ערינערונגען איז זלאטקע... מיט זלאטקען — געדענקט ער — האָט ער אפילו ניט געזעגענט זיך. ער האָט זיך געשעצט גליקליך דעמאלט, וואס ער האָט זי ניט געטראָפען אין דערהיים. פון איהר איז ער פשוט אנטלאָפען. אנטלאפען, ווי עס אנטלויפט א גנב, וואס האָט מורא, מע זאָל איהם ניט חאפען מיט דער גנבה... קיין יונגער מענש האָט זיך נאך אזוי אונמענשליך ניט בעגאנגען מיט א מיידעל, ווי ער האָט זיך בעגאנגען מיט דער ארעמער אונשולדיגער זלאטקע...

וואָס האָט זי זיך געטראכט נאכדעם, אז זי האָט זיך דערוואוסט פון איהר קראנקען ברודער, אז ער, ראפאלעסקא, איהר אידעאל, איהר גאט, איז אנטלאָפען נאָך זיי קיין אמעריקא ? וואס האָט זי איבערגעטראָגען און איבערגעליטען אין דער גאנצער צייט ? וואס פאר א מיינונג איז זי ווענען איהם געוועזען דעמאלט און אויך איצט ? וואו איז דא אויף דער וועלט אזא שטראָף, וואס דער לייכטזיניגער מערדער, האָט כשר פערדיענט ?... זיין שטראף איז אט וואס: ער בעדארף ארויסרייסען פון'ם הארצען אלע זיינע יונגעלשע חלומות, נארישע פאנטאזיעס. ער בעדארף פערגעסען, אז ס'איז געוועזען אמאל א ראָזע אויף דער וועלט, און בעדארף שוין, גארנישט געטראכט אפילו, אומקערען דער ארעמער זלאטקען איהר אוועקגערויבטען אידעאל, קומען צו דער אומגליקליכער זלאטקען, פאלען איהר צו די פיס, קושען איהר די הענד און זאָגען איהר : "זלאטקע, איך בין דיינער, דיינער אויף אייביג !"

און ער וועט דאָס אזוי טהון. זיכער טהון. ער וואָלט דאס געטהאָן נאך היינט אין דער פריה, האָט איהם אט דער מוראווטשיק אָפּגעהאלטען. ער האָט איהם

געגעבען צו פערשטעהען, אז מע דאַרף עס טהון ניט אזוי ראשענד. "זלאַטקע, האָט ער איהם געזאָגט, איז א פּראָסט עהרליך מיידעל (חא חא, חאטש זי האָט א "יאטעל"...), וואס האָט קיין ראמאַנען קיין מאָל ניט געלייענט, און אז עס וועט קומען צו איהר א בחור און וועט זיך געבען א וואַלגער איהר צו די פּיס און אנהויבען שרייען: חטאתי, כפּרתי, חליפתי, וועט זי חלש'ן פאר דערשרעק, וועט קומען צולויפען די מאַמע — מע דאַרף ניט פערגעסען אז ס'איז דאָ איין אַלטע מאַמע מיט'ן נאמען שרה ברכה —קאָן זי איהם געבען א וויסטען סוף און אָפּשפּיעלען א וויוואַט ער זאָל האָבען צו געדענקען"... ניין, בעסער וועט ער, שלום מאיר מוראַווטשיק, זיך דורכגעהן אַקאַרשט אהין, צו זיינע ווייבער הייסט עס, און וועט זיי ביסלעכווייז צוגרייטען, און פערקעהרט, דווקא ניט דערצעהלען זיי קיין מעשיות אז מע שלאָגט זיך איבער זיי על חטא. ווייבער האָבען פיינט צעקוועטשטע מאַנסבילען, וואָס באַלד עפּעס צעיאַחמערען זיי זיך און צעגיסען זיך מיט סקאַרבאָווע וועריטער, אַנטימאָניע מיט שמעריצע, פּילאָזאָפּיע מיט קרויט, פּעטרישקע מיט זייף — פע! ווייבער האָבען ליעב, אז א מאַנס־פּאַרשוין זאָל זיין א מאַנס־פּאַרשוין... מוראַווטשיק ווייס שוין דיאַ זאַכען גוט. ער האָט ניט אזוי פיעל האר אין קאָפּ, וויפיעל ער האָט שוין איבערגעהאנדעלט מיט ווייבער, גאָט זאָל איהם אזוי געבען גליק און הצלחה.

אזוי האָט אויסגעלאָזט, ווי אַלע מאָל, אונזער שילאַטען שמש ביי אַלע שווערע זאַכען, און איז אוועק, ווי מיר האָבען דאָס געזעהן, אין זיין שליחות, און אונזער יונגער העלד, וואס איז שוין ווידער געוואָרען א בעל־תשובה, האָט ארויסגעבעגלייט מיט א מיאוסער נאָז זיין צווייטען פריינד ניסעל שוואַלב, און איז געבליעבען זיצען מיט א ציגאַר אין מויל איינער אליין מיט זיינע געדאַנקען ביים פענסטער פון האָטעל און געקוקט אין דרויסען ארויס.

קוקענדיג אזוי, דערזעהט ער צופאָהרען צום האָטעל א גרויסארטיגען אויטאָמאָביל. פון אויטאָמאָביל שפּרינגט ארויס א שווארצער מענש און לאָזט זיך גלייך צום האָטעל. "שען וואָלט דאָס געווען, ווען דאָס איז צו מיר" —טראַכט זיך ראפּאַלעסקא גלאַט אזוי, נישט צו האָבען דערביי קיין שום זייטיגע מחשבה. און כּך הוה — ער דערהערט א קלאַפּ אין טיהר.

— קאם אין!

עס קומט אריין דער שווארצער מענש. ער האָט ... לעטער אפּצוגעבען פּוירסענלי נור צום מיסטער ראפּאַלעסקא אין די הענד אריין.

— אי עם ראפּאַלעסקא.

מיט ציטערענדיגע הענד האָט ראפּאַלעסקא אָפּגענומען פון'ם שווארצענס הענד א שען קאָנווערטעל, פערזיגעלט מיט א פּערפומענשמעקענדיגע חתימה, פאָרזיכטיג אויפגעעפּענט און צום אלעם ערשטען געחאַפּט א קוק אויף דער אונטערשריפט — און עס האָט איהם אזוי שטאַרק אנגעהויבען קלאַפּען דאָס הארץ, אז ער האָט זיך געמוזט צוזעצען.

קאַפּיטעל 181.

דאָס בריוועל

"מיין טייערער בלאָנזענדער שטערן!
"דיא געפעהרליכסטע פאנטאזיע
"פון'ם ערגסטען שונדראמאן איז ניט
"אימשטאנד אזוי ווילד צו פערפלאָנ־
"טען און פערקייטלען איין געשעהעניש
"מיט'ן אנדערען, ווי דאָס האָט געמאכט
"דער צופאל, דאָס לעבען אליין. איך בין
"אבער נאָך אזוי אויפגערעגט פון דעם,
"וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין די

״לעצטע 12 שטונדען, אז איך פיהל, אז
״איך בין ניט אימשטאנד איבערצוגעבען
״אפילו א הונדערט חלק פון דעם, וואס
״איך האָב דיר צו זאָגען פערזעהנליך.
״אין קורצען מוז איך דיר צו וויסען גע־
״בען, אז נור א ווילדער צופאל האָט
״מיך געבראכט נעכטען צו דיין בענע־
״פיס אין ניקעל־טהעאטער. אויב מיין
״הארץ איז ניט צעשפרונגען געוואָרען
״אויף שטיקלעך, אז איך בין געוואהרע
״געוואָרען, אז אוריאל אקאָסטא דאָס
״ביזט דו, איז א סימן, אז מיין הארץ
״איז פון שטאָל. ווי א פערשטיינערטע
״בין איך אויסגעזעסען ביז׳ן שלום פון׳ם
״צווייטען אקט. אבער מעהר ניט ווי
״דעם צווייטען אקט. דען עס איז פאר־
״געקומען א שטיקעל סקאנדאל, וואָס
״קיינער האָט זיך אויף איהם נישט גע־
״קאנט ריכטען: מע האָט אונז דער־
״קענט אין דער לאזשע און ענדעקט אונ־
״זער אינקאגניטא אויף א מיאוסען ארט
״און מע האָט מיך געצוואונגען איך זאָל
״אנטלויפען, חאטש דער הימעל איז
״מיין עדות ווי אזוי עס האָט מיך גע־
״צויגען צוריק, נאָך איין מאָל
״א קוק טהון אויף דיר, נאָך איין מאל
״צו הערען דיין קול, וועלכם האָט ניט
״אויפגעהערט צו קלינגען אין מיינע
״אויהרען אלע יאָהרען פון אונזער
״ארומבלאָנזען איבער דער גרויסער ליכ־
״טיגער וועלט. נאר ווארט אוים — דאָס
״איז נאָך ניט אינגאנצען. געקומען
״אהיים האָב איך געטראָפען ביי זיך
״אויף׳ן טיש א גאנצען פאק מיט בריעף,
״וואָס לויט די פאסטשטעמפלען, זיינען
״עטליכע פון זיי שוין לאנג אָנגעקומען,
״נאר זיי זענען מיר נישט איבערגעגע־
״בען געוואָרען צו דער צייט איבער דער
״צענזור, וואָס מיין מענעדזשער —
״אפילו איין איינגלענדער און א דזשענ־
״טעלמען — האָט זיך ערלויבט אויף
״מיר קעגען מיין ווילען און אהן מיין
״וויסען ארויפצוואורפען. דער שפיץ
״איז געווען, איך האָב איהם היינט נע־
״שיקט רופען און אהן לאנגע דבורים און
״חקירות איהם געגעבען צו וויסען, אז
״פון היינט אן בין איך פרייה פון מיין
״אגרימענט און ער קאן אויף מיר דער־
״לאנגען, מיך מאָהנען דעמעדזשעס —
״דאָס איז זיין זאך. נאר נישט דאָס איז
״דער עיקר. די הויפטזאך איז, וואָס
״אין׳ם פעקעל מיט בריעף איז געווען
״אויך דיין בריעף, וועלכען איך האָב
״דורכגעלייענט איך ווייס אליין ניט
״וויפיעל מאָל, און דער גאנצער גיהנם
״האָט אויפגעפלאקערט אין מיין האר־
״צען. קושענדיג די אותיות פון דיין
״טייערען בריעף האָב איך זיי בענעצט
״מיט מיינע טרעהרען. וואָס עפּים
״טרעהרען ווערסט דו פרעגען? דאָס
״האָב איך בעוויינט אונזער געשטאר־
״בענע קינדהייט, אונזערע גליקליכע יונ־
״גע יאהרען, אונזער פריהצייטיגע ליע־
״בע, וואָס מעגליך אז זי זאָל קענען
״זיין איצט פיעל הייסער, פיעל פלא־
״מענדיגער ווי זי איז געווען דעמאָלט,
״זי וועט אבער, מע מוז מודה זיין, שוין
״קיין מאָל, ניט זיין אזוי קרישטאָל־ריין,
״אזוי הימעל הויך, אזוי געטליך־שען
״און אזוי קינדעריש־נאאיוו, ווי זי
״איז געווען דעמאָלט אין אונזער קליי־
״נינקען, ארעמינקען, אונפערגעסליכען
״האלענעשטי...

״אך, האלענעשטי! ווייסט דו, אז
״איך בין דאָרטען געווען און געזוכט מיין
״לייבלען, זיך נאכגעפרעגט אויף מיין
״נגידם יונגעל״? ליידער האָט מיר
״קיינער — קיינער ניט געוואוסט וואס
״צו דערצעהלען וועגען דיר! דו ביזט
״ווי א זיסער חלום פערשוואונדען גע־
״וואָרען פון מיין הימעל, ווי א טרוים
״וואָס מע זעהט נור איין מאָל, ניט
״קיין צוויי מאָל!...

״טייערער מיינער! דו פרעגסט מיך

"אין דיין בריעף, אויב איך גערענק,
"וואס מיר האָט געזאגט די אלטע קאָר־
"טענוואַרפערקע אין יענעם שטעדטעלע
"אין גאליציע ? אָ ! איך געדענק זעהר
"גוט. נאר ווי ארום ווייסט דו פון דעם?
"איז געדרונגען, אז דו האָסט זיך נאכ־
"געפרעגט אויף מיר, ווי איך אויף דיר?
"פאר וואס זשע האָסט דו זיך, שלעכ־
"טער מענש, אזוי מיאש געוועזן פון
"מיר, אז דו האָסט ערלויבט איין אנדע־
"רע אויך א פרימאַדאָנא — אפשר א
"שענערע פון מיר נאָר א סך א סך
"א נארישערע — אז זי זאָל זיך בעריה־
"מען פאר אלעמען, אז דו ביזט איהר
"אויסדערוועהלטער ? .. נאָר אך !
"וואָס רעד איך ? ווי טאָר איך דיר
"זאָגען מוסר אין דער צייט, ווען איך
"אליין בין דורך פערשיעדענע פער־
"פלאָנטערטע אומשטענדען געוועזן גע־
"טריבען ארויפצוהענגען אויף זיך גאל־
"דענע קייטען ?... נאר לאמיר ניט
"רעדען פון קיין קייטען, וועלכע מע קען
"יעדע מינוט צערייסען און אראָפוואר־
"פען פון זיך, אבי מיר זאָלען נור
"וועלען... לאָמיר בעסער רעדען פון
"דעם, וואו מיר קענען זיך היינט זעהען.
"אונטען געפינסט דו אן אדרעס. צווי־
"שען 4 און 5, ווען דו קומסט אהין,
"זוכסט מיך גוט, געפינסט דו מיך דאָרט.
"מיר זענען דאָרט גאנץ אליין און קאָ־
"נען זיך געניגע אנרעדען, (און מיר האָ־
"בען דאָך אזוי פיעל צו רעדען !) זיי
"דאָרט היינט פון 4 ביז 5 און זוך מיך.
"איך היים דיר זאָלסט זיין. ניין,
"ס'אליגען. — למאי זאָל איך דיר ניט
"זאָגען דעם גאנצען אמת ? — ניט
"איך היים דיר, נאר איך בעט דיך,
"טייערער, טייערער ! איך בעט דיך,
"איך חלש פאר דיר, איך פאל דיר צו
"דיא פיס, און איך קוש דיך. איך קוש
"דיך ! דו הערסט ? איך קוש דיך !...
רייזעל."

קאַפּיטעל 182.

ווידער אַמאָל בריינדעלע קאָזאַק

שלום מאיר מוראַווטשיק איז געקור־מען צו זיין נייעם פריינד ראפאלעסקא פינקטליך אין דער צייט, וואָס זיי האָ־בען אפגעשמוסט. האָט אבער שוין ניט געטראָפען איהם אין דער היים. אויף'ן טיש איז געלעגען צוגעגרייט איין אָפען צעטעלע, ווייזט אוים טאקי פון זיינע־טוועגען :

"מיין ליבער מוראַווטשיק. איך פאהר אפ פון ניו יארק אויף עטליכע שעה. ווען איך וועל זיין צוריק — ווייס איך ניט. אונזער נסיעה לעגען מיר אפ אויף איין אנדערסמאָל. איך בעט פער־ענטפערען מיך פאר יענע וואָס איהר ווייסט און ווי אזוי איהר ווייסט — איך וועל דאָס אייך קיין ־אָל ניט פער־געסען !

אייער ל. ראפאלעסקא".

— וואס ס'האָט זיך מיר געחלומט די נאכט און יענע נאכט, און וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט די גאנצע צייט, הן אויף'ן ים, הן אויף דער יבשה, זאָל פאלען אויף מיינע שונאים'ס קעפ, — איין אקטיאָר בלייבט איין אקטיאָר, ער מעג זיך זיין צעהן מאָל א טאטענס א קינד ! א מענש רעדט אָפ מיט מיר אויף'ן זייגער. א מענש ברענט און פלאָ־קערט, נעמט איין אָקערשט א מיתה משונה — צום סוף...

דא האָט אונזער מוראַווטשיק זיך אויסגעדרעהט צוריק, שוין גרייט געוועז צו געבען א שפיי אוים, — דערהערט זיך א קלאפ אן טיר : סטוק־סטוק.

מוראַווטשיק האָט זיך דערפרעהט : "ס'איז אוודאי ער"... — אריין !

עס הערט זיך ווידער אמאָל : סטוק סטוק. "די משמעות אז ס'איז ניט ער"... אויף זיין צווייטען "אריין" דערהערט

ער א דריטען סטוק־סטוק. ווערד שוין מוראַוועטשיק אין כעס און רופט זיך אָן הויך:

— מיט'ן קאָפּ אין וואַנט!

עפּענט זיך אויף פּאַוואָלינקע די טיר און עס קומט אַריין — ברײנדעלע קאַזאַק!

ווען אויף'ן אָרט פון ברײנדעלע קאַזאַק וואָלט אַריינגעקומען למשל האַצמאַך פון יענער וועלט, וואָלט אונזער מוראַוועטשיק נישט בעדאַרפט זיין מעהר איבערראַשט, ווי ער איז געוועזען אין דער מינוט. פון דעסטוועגען האָט ער נאָך געפונען אין זיך אַזוי פיעל כח, אַז ער זאָל נישט מעהר ווי אין א האַלבע מינוט אַרום קומען צו זיך און ווערען דער אייגענער לעבעדיגער, פרייליכער, אויפגעלעגטער מוראַוועטשיק וואָס אַלע מאָל. מיט א זעלטענער פריינדליכקייט, מיט איין אויסגעשטרעקטע האַנד און מיט א ברייט הייזעריג געלעכטערעל איז ער אַרויסגעטראָטען אַקעגען דער אַריינגעקומענער:

— ברוך הבא, סקאַצעל קומט, א גאַסט! וואָס מאַכט איהר עפּעס גוטס, ברײנדעלע — טפו! — מיין איך מאַדאַם טשערניאַק?

דערפאַר האָט אָבער די מאַדאַם טשערניאַק נישט געפונען קיין איינציג וואָרט וואָס איהם צו ענטפערן. זי איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר אין איהר רויטער ראַטאָנדע באמת פּאַראַליזירט, נישט צו קענען ריהרען זיך פון'ם אָרט.

וואָרום אויב מוראַוועטשיק האָט געהערט זאָגען, אַז ברײנדעלע קאַזאַק געפינט זיך ערגיץ אין אַמעריקאַ, האָט ברײנדעלע קאַזאַק אפילו ניט געחלומט זיך, אַז זי זאָל זיך בעגעגענען דא אין ניו יאָרק מיט איהר אַמאָליגען שונא שלום מאיר מוראַוועטשיק. און וואו? —ביי ראַפּאַלעסקאַ'ן! און ווען? בעת זי איז געקומען ראַטעווען דעם יונגען סטאַר פון איין אומגליק.

פון איהר נייעם גוטען פריינד ניסעל שוואַלב האָט זי נאָר וואָס דערהערט א שרעקליכע נייעס: אַז ראַפּאַלעסקאַ זאָגט זיך אָפּ פון זיין שוועסטער, פון דער פּרימאַדאָנאַ הענריעטאַ שוואַלב, און אַז ניסעל שוואַלב איז אַוועקגעלאָפען צו א לאָיער, ווייל איינגעבען אויף איהם אין קאָורט א קלאַגע פאַר ברעכען דאָס וואָרט ("בריטש אָוו פּראָמיס"); א חוץ וואָס דער חזן מיט דער חזנטע מיט'ן מיסטער קלאַמער וועלען געהן שווערען, אַז זיי האָבען געזעהען די פּרימאַדאָנאַ ביי ראַפּאַלעסקאָן אויף די הענד נאָך פאָהרענדיג אויף'ן שיף, שטעלט ער עדות א האַלבע שטאָדט ניו יאָרק (און די מאַדאַם טשערניאַק בתוכם), וואָס זענען געוועזען אויף זייער אָפּיציעלען קנסמאָל, געבראָכען טעלער, געטרונקען שאַמפּאַניער, געקושט זיך מיט אַלע געסט — מיט איינעם וואָרט, ניסעל שוואַלב שוועהרט מיט כל השבועות, אַז ער וועט אויפהויבען אַזאַ סקאַנדאַל אין ניו יאָרק, וואָס זינט קאָלומבוס האָט ענטדעקט אַמעריקאַ איז נאָך אַזאַ סקאַנדאַל ניט געוועזען. נו, ווי קאָן דאָס די מאַדאַם טשערניאַק דערלאָזען אַזאַ זאַך? ערשטענס, איז א רחמנות אויף ראַפּאַלעסקאָן. א יונגער אַרטיסט. א סטאַר וואָס האַלט ערשט אין אויפגעהען, א בלום, וואָס האַלט ערשט אין בליהען — ער קאָן דאָך חלילה פערליערען זיין גאַנצע קאַריערע! איז איין; מאָל אַוועק. והשנית, האָט די מאַדאַם טשערניאַק געהאַט איהר אייגענעם אינטערעס אויך דערביי.

אונזער לעזער געדענקט גאַנץ גוט, אַז מיט'ן אַנקומען קיין ניו יאָרק פון דער בעריהמטער קאַמונע "קלאַמער שוואַלב עט קאָמפּ". האָט זיך ביי דער מאַדאַם טשערניאַק אָנגעהויבען א נייע עפּאָכע אין איהר לעבען, א נייע סדרה מיט'ן נאָמען "ניסעל שוואַלב". ניסעל שוואַלב — דאָס איז געוועזען איהר לעצטע האָפ־

נונג, די לעצטע סטאַנציע פון איהר לאַנגען לעבענסוועג, דער איינציגער שטערן, וואָס האָט נאָך העל געלייכט אויף איהר טונקעלען הימעל. זי איז גרייט געווען דעריבער פון זיינעטוועגען אויף אַלעס, ווי מע זאָגט, אין פייער און אין וואַסער.

אָרעמע ברייגדעלע קאַזאַק! אין דער דאָזיגער צייט איז זי נעבאָך געווען פֿערליעבט אין איהר פריינד ניסעל שוואַלב מיט'ן זעלבען פייער — אויב נישט מעהר נאָך — ווי דאָס ערשטע מאָל אויף איהר לעבען. און עס איז גאָר קיין עולה ניט, כלעבען; עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען, אז די מאַדאַם טשערניאַק זאָל אַמאָל אויך זיין לייטענגליך, אז זי זאָל זיך אַמאָל אויך צושלאָגען צו א ברעג, אז זי זאָל זיך אַמאָל אויך ארויפארבייטען אויף א שטיקעל תכלית, אויפהערען זיין נעוונד, קלויבען א דאָלאַר צו א דאָלאַר און זיך וואַלגערען אויף דער וועלט.

עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס די מאַדאַם טשערניאַק איז גרייט געווען זיך מוסר נפש זיין צוליעב איהר נייעם אידעאַל ניסעל שוואַלב. ער האָט איהר איבערגעגעבען דעם אינהאַלט פון זיין אין דערפריהעדיגען געשפּרעך מיט ראַפאַלעסקאַן און אויך די מעשה פון דעם נעכטיגען וויזיט אין ניקעל טהעאַטער פון ראַזע ספּיוואַק מיט איהר גרישא סטעלמאַך, האָט ברייגדעלע קאַזאַק גלייך אָנגעשמעקט וואָס דאָ טהוט זיך און ס'איז געבוירען געוואָרען ביי איהר אין קאָפּ עטליכע קאָמבינאַציעס מיט אַמאָל: 1) צוליעב וועמען האָט ראַזע געקאָנט זיין פּלוצים אין מיטען דרינען אין ניקעל טהעאַטער, אויב ניט צוליעב ראַפּאַלעסקאַ'ן? 2) הייסט עס אז זיי האָבען זיך אויפגערעדט דורך דער פּאָסט, אז זי זאָל קומען צו זיין ערשטען ארויסטריט? 3) אי די קשיא וואָס איז דאָס געווען פאַר א קאָמעדיע ביים לאַמזשער סאַלאַווי מיט'ן צעבראָכענעם טעלער און מיט די מזל טוב'ס און מיט'ן קושען זיך? — דאָס איז אַפּנים נור געווען אום צו פערבלענדען די אויגען. 4) ווי באַלד אזוי דאַרף מען זיך ארייגכאַפּען אויף א מינוטקעלע צו דעם פיינעם בחור, ערשטענס, איהם א קוק טהון אין די אויגען אריין — זי דאַרף מעהר ניט — און אַגב זיך איינקויפען צו איהם מיט גוטע רעד, טאָמער וועט זי דורך איהם קענען דערשלאָגען, זיך צו איהר אַמאָליגע פריינדין ראַזע, וואָס מע לאָזט זי נישט צו צו איהר און מע ענטפערט אפילו נישט אויף קיין בריעף. לאָז די מאַדאַם טשערניאַק אַקאָרשט זיך אַביסעל דורכרעדען מיט ראַזען, וועט זי זיי שוין צורעכט מאַכען דאָס מזל. דער בחור וועט שוין דעמאָלט שטעלען א חופה מיט העגריעטען שוואַלב — און דעמאָלט... אָ! דעמאָלט וועט שוין זיין טאַקי, ווי מע זאָגט אָט דאָ אין דעם לאַנד, "אָל־רייט".

אָט דאָס זענען געווען די אויסזיכטען, מיט וועלכע די מאַדאַם טשערניאַק, איין אויסגעפּוצטע און איין אָנגעפּודערטע, איז אריינגעקומען צו ראַפּאַלעסקאַן און געטראָפען איהר אַמאָליגען ביטערען שונא, שלום מאיר מוראַווטשיק.

און שלום מאיר מוראַווטשיק, דערזעהען, אז פון ברייגדעלע קאַזאַק איז געוואָרען דאָס אייגענע, וואָס אַמאָל איז געוואָרען פון לוט'ס ווייב, האָט ער רחמנות געקריגען אויף איהר און איז איהר געקומען צו הילף.

— וואָס טויג מיר גרוים — איהר האָט זיך קיין עין הרע גוט פּאָפּראַוועט אין'ם דאָזיגען לאַנד און אפילו ניט אויף א האָר פערענדערט זיך! אדרבה, איהר זענט נאָך געוואָרען יונגער מיט איך ווייס אליין ניט וויפיעל. ווען ניט אייער רויטע ראָטאַנדע, אָסור אויב איך וואָלט אייך דערקענט, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה!

די מאדאם טשערניאק וואס איז ניט געוואוינט געווארען צו אזעלכע קאמפלימענטען פון די "שאלקאפטיגע מאנספארשווינען", איז צעגאנגען געוואָרען ווי א פוטער און איהר קיילעכיג לבנה פנים האָט זיך באלד איבערגעביטען, געווארען רויט און אנגעהויבען שוויצען. אין דער מינוט איז זי גרייט געווען צו פערגעסען אלסדינג, אלע בעליידיגונגען, וואָס זי האָט ווען געהאט פון אט דעם הייזעריגען שלים־מזל, און דעם וועהטיג, וואָס ער האָט איהר אמאל פערשאפען, און אפילו דעם אלטען חוב וואס איז שטעהען געבליעבען אויף איהם — אלסדינג איז זי גרייט געווען צו פערגעסען איהם אין דער מינוט. און זי האָט צעשפיליעט די רויטע ראטענדע, צוגערוקט צו מוראווטשיקען איהר שטוהל, און צווישען זיי האָט זיך פערבונדען א געשפרעך, וועלכען מיר געבען איבער מיט כמעט סטענאגראפישער פינקטליכקייט.

קאפיטעל 183.

דער געשפרעך

אָט דאָס איז געווען דער דיאלאג, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען ברייינדעלע קאָזאק און שלום מאיר מוראווטשיק:

ברייינדעלע קאָזאק: וועמען־וועמען, נאָר, אייך האָט זיך מיר אפילו ניט גע'חלומ'ט צו בעגעגענען אָט דאָ.

מוראווטשיק: א סימן אז איהר האָט מיך אין דער ערד, וועהרענד איך טראכט פון אייך טאָג ווי נאכט, אין חלום און אויף דער וואָהר.

ברייינדעלע קאָזאק: לעבען זאָלט איהר מיר אזוי.

מוראווטשיק: אָמן אלע ווייבער.

ברייינדעלע קאָזאק: איהר זענט דערזעלבער משומד וואָס געווען... זאָגט מיר בעסער, וואו איז אצינד אָט דער גאנאמניק, אייער בעל הבית, פערברענט זאָל ער ווערען?

מוראווטשיק: ווער? שטשופאק? אין אָדעס, די חלירע זאָל איהם דאָרטען דערשטיקען אין מיטען ווינטער!

ברייינדעלע קאָזאק: איהר קעהרט וועלען זאָגען דיא טשומא?

מוראווטשיק: ביי מיר האָט איהר געפועלט גלאט א מיתה משונה אין מיטען העלען טאָג, אבי ס'זאָל זיך ניט אריינציהען חלילה אין די גרויסע פרעסט. וואָס זשע טהוט איהר דאָ, ליובעניו? איהר דארפט אויך צו אונזער ראפעלעסקאָן?

ברייינד. קאָזאק: צו וועמען? מיר איז נור א וואונדער: אין דער צייט טרעפט מען איהם אלע מאָל אין דערהיים.

מוראווטשיק: נאָך שענער! מיר האָט ער אָפּגעשטעלט א שעה, אויסגעגלייכט די זייגערס. ווי זשע געהט דאָס אייך, קעצעלע?

ברייינדעלע קאָזאק: נומער ערגער, אבי מע מאכט א לעבען... נו, און איהר?

מוראווטשיק: פאָסטאראָמו. מע טויטשעט זיך און מע מאָרדעוועט זיך, קוים קוים וואסער צו דער קאשע... זאָגט זשע מיר, בשמהניו, וואָס איך האָב אייך געוואָלט פרעגען? יאָ. איז וואָס זשע הייסט עס טהוט איהר דאָ ביי אָט דעם שמויגער? עפּיס א ביזנעס?

ברייינד. קאָזאק: אך, אונזערע ביזנעס!... שוין לאנג זענט איהר אין ניו יאָרק?

מוראווטשיק: וועדליג די קלעפּ, וואָס איך האָב דאָ געחאפּט וואָלט איך געמיינט אז איך בין שוין דאָ אין איין צייט מיט קאלומבוסען. זאָגט זשע מיר, הארצעניו, א שטייגער פאר עקזאמפּעל נאפשיקלאד בדומה למשל נאפּ־

רימער, וואָס פאר א ביזנעס קאָנט איהר האָבען צו מיין יאָקעמבעמבא?

בריינדעלע קאָזאק: פון ווען אָן איז ער דאָס געוואָרען אייערער?

מוראַוושיק: פון ווען אָן? חא־חא! א סברה, אז איך קען איהם נאָך, ווען ער איז געווען מיט א קאָפּ גרעסער פון א קאַץ.

בריינדעלע קאָזאק: ס'איז אלסדינג מעגליך. וויא באלד אזוי קעהרט איהר דאָך קענען האָבען אויף איהם א שטיקעל איינפלוס...

מוראַוושיק: חא־חא! אויב איך קען האָבען?

בריינדעלע קאָזאק: פאר וואָס זשע זעהט איהר ניט ס'זאָל שוין זיין א חופה?

מוראַוושיק: צו א חופה, ליובעניוי, איז נאָך ווייטלעך.

בריינדעלע: טאקי? און וואָס איז דענן אייגענטליך דיא מניעה?

מוראַוושיק: די מניעה איז אין אָט אזא פּיצינקעלע נפש'ל!

בריינדעלע קאָזאק: פון וואָסערן פאל רעדט איהר דאָס?

מוראַוושיק: —איך רעדט פונ'ם "יאַטעל".

בריינדעלע קאָזאק: — וואָסער יאַטעל?

מוראַוושיק: אזוי? איהר פרעגט וואָסער "יאַטעל"? איז דאָך א סימן אז איהר ווייסט עטוואָס מעהר פון א טוידטען, היינט וואָס דרעהט איהר א מח?

בריינדעלע קאָזאק: האָט קיין יסורים ניט, איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס איך רעד. איך רעדט פון דער פּרימאַדאַנא און איהר קומט צו געהן מיט אייער "יאַטעל".

מוראַוושיק: ערשטענס איז דאָס "יאַטעל" ניט מיינס. און צווייטענס פון וואָסער פּרימאַנדאַנא רעדט איהר?

בריינדעלע קאָזאק: פון וואָסער פּרימאַדאַנא רעדט איהר? איך ווייס פון צוויי פּרימאַדאָנעס.

מוראַוושיק: פון וואַנען האָבען זיך גענומען צוויי פּרימאַדאָנעס?

בריינדעלע קאָזאק: זעהט איהר שוין, אז איהר ווייסט ניט ווער עס האָט אייך געשלייערט, אז איהר פרעגט פון וואַנעט האָבען זיך גענומען צוויי פּרימאַדאָנעס.

מוראַוושיק: ווייסט איהר וואָס? אָט ווערד דערוואָרגען מיט אייערע פּרימאַדאָנעס!

בריינדעלע קאָזאק: ווערד איהר פריהער, איהר זענט עלטער.

מוראַוושיק: מאָלט אייך ווער ס'איז עלטער קען מען ניט וויסען... איך זעה נור, אז היינט איז מיט אייך נישט צו מאכען גאָר נישט ניט. איהר זענט נאָך איין ערגערע ניכפה ווי איהר זענט געוועזן.

בריינדעלע קאָזאק: און איהר זענט געוועזן א משומד און א משומד וועט איהר בלייבען.

מוראַוושיק: מיט אייער פּנים וואָלט אייך אָנגעשטאַנען זיין א סעדיכע אין מיטען ווילנא אויף גיטקע טויבעס זאַוואולעק.

בריינדעלע קאָזאק: און אייך שטעהט אָן נור ארומפאָהרען מיט אזא פעזעווניק ווי שטשופאק און האנדלען מיט ווייבער.

מוראַוושיק: איהר זאָלט אזוי וויסען פון אייערע וואָנסים ווי איך ווייס פון שטשופאקען מיט זיינע ווייבער.

בריינדעלע קאָזאק: און ווער האָט ארויסגענארט דעם חזנ'ס מיידעל פון האָלענעשטי, ניט איהר מיט שטשופאקען?

מוראַוושיק: פון וואַנען ווייסט

איהר האלענעשטי? פון וואנען ווייסט איהר דעם חזנ׳ס מיידעל?

ברײנדעלע קאָזאק: אהא! זעהט איהר שוין, אז איך וויים מעהר פון אייך?

מוראַווטשיק: ווייסט איהר וואָס? למאי זאָלען מיר זיך קריעגען אין אמעריקא? אמעריקא איז א לאַנד פון שלום. לאָז זיין אזוי: איך וועל אייך דערצעהלען די מעשה מיט׳ן "יאטעל". נאט אייך מיין עהרען וואָרט, און איהר דערצעהלט מיר די מעשה מיט די פרימאדאָנעס... איז דאָס געמאכט?

ברײנדעלע קאָזאק: אייער האנד תקיעת כף.

מוראַווטשיק: אָט האָט איהר מיין האנד תקיעת כף.

ברײנדעלע קאָזאק: שוועהרט זיך.

מוראַווטשיק: איך זאָל אזוי...

ברײנדעלע קאָזאק: אזוי וואס?

מוראַווטשיק: אזוי האָבען גליק און הצלחה.

ברײנדעלע קאָזאק: און אז ניט?

מוראַווטשיק: זאָל פון מיר ווערען א חאָליווע...

ברײנדעלע קאָזאק: בלאָטע!

מוראַווטשיק: זאָל אויף מיר אײנפאלען א קאזארמע.

ברײנדעלע קאָזאק: נארישקייטען!

מוראַווטשיק: זאָל מיך קומען ווארגען קאלומבוס פון יענער וועלט...

ברײנדעלע קאָזאק: דאָס איז ניט קיין שבועה!

מוראַווטשיק: טפו זאָלט איהר ווערען, עס האָט מיך אזש בעשלאָגען א שווייס!

דער סוף איז געווען, אז ברײנדעלע קאָזאק האָט ביסלעכווייז איבערגעגעבען מוראַווטשיקען אלסדינג, וואס זי האָט געוואוסט וועגען ראפאלעסקאָן און וועגען ביידע פרימאדאָנעס: הענריעטע שוואלב און ראָזע ספיוואק. און אז ס׳איז געקומען צו מוראַווטשיקען ער זאָל איהר דערצעהלען זיין געשיכטע מיט׳ן "יאטעל", האָט ברײנדעלע קאָזאק ארויסגעזעהען, אז ער דרעהט מיט דער צונג און אז ער האקט א טשייניק, האָט זיא זיך אויפגעהויבען, א רויטע און א פערשוויצטע, איינגעוויקעלט אין דער ראטאנדע און ארויסגעלאָזט אזא געלעכטער, ווי טויזענד שדים קאָנען אזוי ניט לאכען. מוראַווטשיק האָט זיך אזש דערשראָקען פאר איהר:

— וואָס איז מיט אייך? וואָס איז אייך אזעלכס צוגעקומען?

— חא־חא־חא! — האָט די מאדאם משערניאק ניט אויפגעהערט צו לאכען —אלסדינג, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט, איז א נעכטיגער טאָג, שקר וכזב, נישט געשטויגען ניט געפלויגען —חא חא חא!

שלום מאיר מוראַווטשיק· האָט אָנגעשטעלט אזא פנים, גלייך ווי ער איז מיט סכנת נפשות אויפגעבראכט אויף דער מאדאם טשערניאק, וואָס האָט איהם אזוי מאום אָפגענארט. נאָר אין הארצען האָט ער זיך געטראכט: "דאָס וועסט דוא שוין דערצעהלען, ברײנדעלע קאָזאק, דער באבע דיינער!..." און דאָס אינטערעסאנטע פּאָרעל איז זיך צעגאנגען, יעדער אין איין אנדער שטימונג: ער—זעהר צופריעדען פונ׳ם בעגעגעניש מיט ברײנדעלע קאָזאק, וואָס ער האָט פון איהר ארויסבעקומען דאָס, וואָס ער בעדארף, און זיא—גזלן אויף דעם היינטיגען ממזר, פערהאַפט זאָל ער ווערען, און אין בעט אויף זיך אליין, פאר וואָס זי האָט זיך געלאָזט ווידער אמאָל פיהרען פאר דער נאָז פון אָט דיא "שאלקאפטיגע מאנסבילען", א חלירע זאָל אויף זיי קומען אויף אלעמען, חוץ איינעם!

קאפיטעל 184.

בײ שלום׳ן אין רעסטאראן

דיא געשיכטע, וואס מוראוועטשיק האט זיך אנגעהערט פון ברײנדעלע קאזאק וועגען דעם בחור (ראפאלעסקא) מיט דער פרימאדאנע הענריעטע שוואלב, און איבערהויפט דער ראמאן מיט דער יפהפיה (ראזע ספיוואק), זענען באמת געווען בײ איהם וויכטיגע נײעס, הפלא ופלא. זײ האבען איהם פשוט געעפענט די אויגען. עס זענען איהם פערענטפערט געווארען א סך זאכען, וואס ער האט זײ פריהער ניט אנגעהויבען צו פערשטעהן. ער האט זיך דערמאנט, ווי די ראזע האט אמאל געצאפעלט, זיך נאכגעפרעגט אלץ אויף האצמאכ׳ען בלומרשט, און געמײנט האט זי גאר אפנים את דעם "יאט", וואס פלעגט זיך פלאנטען פאר דיא אויגען דעמאלט אין דעם וויסטען האלענעשטי. — אי ראזע! — האט ער זיך נעטראכט — און דווקא א חזן׳ס א מײדעל. ביזט ווערט, שלום מאיר, מע זאל דיך אוועקלעגען את דא, אין מיטען אמעריקא, און ארײנצימבלען חאטש א שטיקלעך פיפציג, אז דו האסט ניט אויסגענוצט דיא לאגע און ביזט אהער ניט צופגעלעקט א בײנדעל ניט פון חתן׳ס צד און ניט פון כלה׳ס צד. און טאמער האסט דו שוין יא דערטאפט א פעקיל מיט כתבים פון את דער בחורטע ראזע, געהסט דו און פערהאנדעלסט זײ פאר עטליכע שילינג בײ את דעם לאנדאנער קראסאוועטשיק, פערהאפט זאל ער ווערען אין מיטען ניו יארק! ער האט דאך מיך בדיל הדל געשטעלט. איך וואלט געקענט איצט ווערען נאך אמאל אן עושר, ווען איך האב בײ זיך דיא פאפירען... איצט קאן איך מיך אפילו ניט בעווײזען פאר איהרע אויגען, ווארום איך בין דאך בײ איהר געבליבען אי א פארך, אי א ליגנער...

דא האט זיך אונזער מיראוועטשיק אביסעל פערטראכט. דערנאך האט ער זיך אויפגעכאפט ווי פונ׳ם שלאף און ווידער גענומען רעדען צו זיך אלײן:

— מאהלט אײך, אזא מכה זאל זיך זעצען שטשופאקען אין אדעס און מיסטער קלאמערען אין ניו יארק, ווי איך וועל נאך אויסנוצען די דאזיגע געשיכטע אם ירצה השם מיט׳ן אויבערשטענס הילף. א ניט ביזט דו ווערטה, שלום מאיר, מע זאל דיר געבען קײען שטרוי, גאט זאל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה...

און ס׳איז פארטיג געווארען בײ איהם אין דער דאזיגער שעה א פלאן, א גאלדענער פלאן, וואס ער אלײן האט זיך געוואלט געבען א קניפ אין בעקעל:

— מוראוועטשיק, ביזט א ממזר׳שע קאפ!...

דערווײל איז געקומען די צײט פון עסען. האט ער זיך אוועקגעלאזט זוכען א יודישען רעסטאראן און געטראפען אקוראט צום בעריהמטען שלום׳ס רעסטאראן, וואס הערט ניט אויף צו רעקלאמירען און צו דרוקען זײן פיקטשור אלע טאג אין אלע ניו יארקער בלעטער:

"פערגעסט ניט אײער פרײנד שלום, וואס בעזארגט אײך אלע טאג מיט די בעסטע רומענישע שפײזען, כשר און פריש און געשמאק און אזוי ווײטער..."

ארײנגעקומען צו שלום׳ען אין רעסטאראן, האט שלום־מאיר מוראוועטשיק געטראפען שוין כמעט אלע טישלעך בעזעצט מיט ביזנעסלײט, וואס האבען קײן צײט ניט און עסען יעדער זײן מאהלצײט בחפזון׳דיג, האררײאפ, ווי אלסדינג אין אמעריקא, און ער האט גענומען אויסקוקען א פלאץ, וואו ער זאל קאנען בלײבען אײנער אלײן מיט זײן מיטאג און מיט זײנע פלענער און געדאנקען.

אײדער ער האט זיך ארומגעקוקט איז אויסגעוואכסען א זשוואווע יונג א

דזשענטעלמאן מיט א ווייס טישטעכעל, א געלער און א גענאָלטער ווי איין ארטיסט, ארויסגעחאפּט ווי א קונצענמאַכער א פאונטען פּען מיט א קליין ביכעלע און א וואָרף געגעבען א פּאָר קויל־פייערדיגע אויגען אויף׳ן אריינגעקומענעם גאסט, עטוואס זיך אנגעבויגען צו איהם ווי ער וואָלט וועלען זאָגען: ״מיסטער, בעשטעלט אייער דינער, נאָר באדערט מיך ניט לאנג: איהר זעהט וויפיעל קאָסטאָמערס מיר האָבען? האָרריאָפּ!״

מוראווטשיק האָט זיך אָבער פאר דעם דאָזיגען געלען דזשענטעלמען מיט׳ן ווייסען טישטיכעל ווינציג וואס איבערגעשראָקען. ער האָט זיך געזעצט ביים טישעל און ארויפגעווארפען דאָס נייע קאַפּעלישעל, וואס אט דער ווערגעלעץ, ניסעל שוואלב, האָט דאָס איהם נעכטען צעקנייטשט, — ״אָפּדארען זאָלען איהם די ידים!״ נאָכדעם האָט ער ארויסבעקומען פון א זייט קעשענע א קליין קעמעלע וואס לעגט זיך צענויף איינצווייען, גענומען זיך צוקעמען די האר פון פארענט ארויף, און אין איין וועגס בעשטעלען זיך א מיטאג נאך זיין אייגענעם מעניו, וואס האָט איהם אונטערגעזאָגט זיין צערייצטער אפּעטיט, בזו הלשון:

—א פאפּרעצירטער גולאש פון פּיפּעקלאך, לעבערלעך, פליגעלעך איז ניט איינס. א יוך מיט איין אנשטענדיג פערטעל עוף איז ניט צוויי. איין איינגעלעגטס מיט פארפעלאך איז ניט דריי. א מערצימעסעל מיט א שטיקעל געפּיללטע קישקע איז ניט פיער. א קליין גלעזעלע קאניאק ״פין שאפּאן״ מיט א שטיקעלע רעטאך מיט שמאלץ דערביי און א פיינע גלאז לאגער ביער איז ניט פינף. און היידא מיט דעם רעכטען פוס און ריהרעוודיג און מיט׳ן קוק און מיט׳ן קנאַק און א רוח אין דיין פארענט אין מיטען אריין!

די לעצטע ווערטער האָט מוראווטשיק אויסגעלאזט גיך אין איין אָטעם און לעבעדיג, ווי זיין שטייגער איז. דער געלער דזשענטעלמען מיט׳ן ווייסען טישטיכעל האָט פערשריעבען די אלע אויסגערעכענטע מינים מיט אזא גיכקייט, וואס מע דארף ניט קיין סטענאגראף. דערנאך האָט ער געגעבען א קוק איבער דאָס גאנצע צעטעל פון אויבען אראפּ און א פרעג געגעבען ביים גאסט: — וועל! וואס איז דאס אייגענטליך ״איין איינגעלעגטס״?

מוראווטשיק האָט אוועקגעשטעלט זיינע ממזרישע אויגען אויף׳ן געלען חברהמאנן און האָט זיך אנגערופען צו איהם האלב ערענסט האלב אויף א קאַטאוועס:

—איין איינגעלעגטס ווייסט דו ניט? א געדישעכץ. ווייסט דו אויך ניט? וואס זשע ביזט דו פאר א משרת אין א רעסטאראן? פאר וואס זאלסט דו בעסער ניט געהן פוצען קיין שטיוועל אויף דער סטריט, אדער רייניגען די...

ניין. מוראווטשיק האָט נישט גערענדיגט. ווארום דער געלער דזשענטעלמען מיט׳ן ווייסען טישטיכעל האָט געגעבען אויף איהם א ווארף זיינע קויל־פייעריגע אויגען, ארויפגעטראטען גלייך אויף מוראווטשיקען, געעפענט אויף איהם א מויל און גענומען רעדען מיט איהם בלשון אמעריקא, דאס הייסט העכער האלב אויף ענגליש:

— סעיי, מיסטער, האלט׳ס מויל! איך בין ניט קיין משרת, איך בין א ווייטער אין א דזשואיש רעסטאראן! איך בין א מעמבער פון א יוניאן! איך בין א...

א גליק וואס איז אונטערגעקומען שלום דער רעסטאראטאר אליין און האָט זיך אריינגעלעגט אין א שלום. אניט וואָלט איינער פון די צוויי ניט גוט אָפּגעשניטען.

די אויבענבעשריבענע סצענע האָט פון רעסטווענען גאָר ניט געשאדט אונזער

מוראַווטשיקען חלילה צום אַפּעטיט. ער האָט זיך גענומען צו זיין בעשטעלטען מיטאָג גאַנץ געשמאַק, און אין קאָפּ האָט זיך ביי איהם בערך מעשה געוועבט אזא מין פּלאַן:

דאָס וואס דער שפּיעל־פויגעל ראַפּאַלעסקא האָט זיך פערקאַכט אין מיין בחורטע (ראַזע ספּיוואַק) איז דווקא א מעלה צום שדוך. מע בעדאַרף נור זעהען אַז דער עסק זאָל חלילה ניט קאַליע ווערען. איך האָב צו זיי אייגענטליך גאַר נישט ניט. לאָזען זיי זיך עלטערען אין עושר און אין כבוד. אי וואס וועט זיין מיט זלאַטקען? דאָס וואס מיט אַלע מיידלעך, וואס גליטשען זיך אוים, גלויבען אויף נאמנות און געבען אוועק דעם נדן פאַר דער חתונה. אודאי איז דער רחמנות אויף איהר גרויס, נאָר וואס זאָל מען טהון? זיא וועט אַזוי לאַנג וויינען ביז זי וועט אויפהערען. איך וועל זי מסתמא ניט לאָזען פאַלען... איך בין ניט שמשופּאַק, און האָב ניט קיין בינטעל וויבער, איך האָב אפילו קיין איינע ניט... עס איז שוין דאַכט מיר צייט איך זאָל שוין א מאָל אויך האָבען איין אייגען ווינקעל וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען. ביז וואַנעט איז דער שעור צו זיין נע ונד, דיענען פרעמדע עבודה זרה'ס? ובפרט אַז דיא זלאַטקע איז א גאַנץ פיין מיידעל. א שטילע, איין עהרליכע, א כשר לעמעלע און זיא איז נעבעך ביי זיך זעהר געפאַלען, אַזעלכע אַז מע נעמט האָט מען דאָך טאַקי א מצוה... ביי מיר שפּיעלט ניט קיין ראָלע מיט א "יאַטעל" אָהן א "יאַטעל" — אַבי איין עהרליכע... און אַז ביי מיר וועט איהר זיין גוט — לאָם איך שוין האָבען אַזא יאָהר. איך וועל איהר ניט אויפמישען קיין אַלטע עבירות... און דאָס שטיקעל ברויט וועט זי ביי מיר אויך ניט זשעדנע זיין. איך בין דאָך ניט שמשופּאַק ימח שמו זאָל ער ווערען! געוויינטליך וועלען זיי אונז דאַרפען געבען שטיצע... איך מיין טאַסי, ער און זי.... זיי זענען ניט קליין. נישקשה, אָהן איין אומגליק. זיי זענען ביידע גוטע פערדיענערס, און ווער שמיסט זי — יענע זשעברעט, זאָגט מען, גאָלד אין אמעריקא מיט ביידע הענד... ער דאַרף דאָך אריינגעהן אין מיין פּאָלאָזשעניע: איך נעם דאָך זי ווי זי שטעהט און געהט, מיט א קינד און מיט א מאמען א צוגאָב טאָמער איז קאַרג... איך האָף, אַז ער וועט זיך ניט לאָזען לאַנג דינגען און וועט מסתמא נאָכגעבען, וואָרום איך האָב איהם אין האַנד... לאָז ער מיר נור וועלען מאַכען פוילע תנועות, ברענגט מען איהם צו דער חופּה, א מתנה א "יאַטעל"... אָה מיסטער לאָקשמאַן! צאָהלען!

דער לעצטער אויסרוף האָט געהערט אייגענטליך דעם געלען דזשענטעלמען מיט'ן ווייסען טישטיכעל, נאָר ווייל צווישען זיי איז דאָך געהאַט ארוים א שטיקעל אינצידענט, האָט זיך יענער געמאַכט ווי ער הערט ניט, מוחל געווען איהם דאָס טרינקגעלד, און געשיקט דעם בעל־הבית זיך צורעכענען מיט'ן גרינהאָרן.

זיך צעצאָהלט פאַר'ן מיטאָג און א וואָרף געגעבען אויפ'ן טשער פאַר'ן קעלנער אויך א פּאָר סענט, איז מוראַווטשיק אויפגעשטאַנען פון טיש מיט אַן אויסגעגלעט בייכעל, ווי א זאַטער בורזשוי, פעררויכערט א סיגאַר און איז ארוים מיט א טענצענדיג גענגעל מאַכען א שפּאַציר איבער דיא סטריטען פון ניו יאָרק.

קאַפּיטעל 185.

אונטער דער ערד

צו פריה האָט זיך אונזער העלד געכאַפּט געהן אויפ'ן ראַנדעוואו וואָס ראָזע האָט איהם בעשטימט. ער האָט פערגעסען אפילו א קוס טהון אויפ'ן זייגער. ערשט אַז ער איז געווען אין

גאס און צום צעהנטען מאל געלייענט דאס ליבע זיסע בריוועלע, וואס ער האט דאס שוין באלד געקענט אויף אויסענווענדיג, און דערזעהען די ציפערען פון 4 ביז 5, האט ער זיך ארומגעקוקט, אז ער האט נאך גענוג צייט אויף אריינצוגעהן אין א בארבערשאפ נעמען א שייוו, פון דארט אין א גרויסארטיגען קאפע־סאלאן איבערהאפען דעם הונגער און דעסגלייכען. דיא ווייזערס פונ'ם זייגער האבען זיך גערוקט פויל און שלעפעריג. קיין מאל איז איהם נאך די צייט ניט געווען אזוי לאנג ווי איצט. ער איז געגאנגען מיט זעהר קורצע לאנגזאמע טריט. כמעט ביי יעדען בלאק האט ער זיך אפגעשטעלט לייענען די דריי איילענדיגע אפישען מיט די מורא'דיג גרויסע פעטע אותיות פון פערשיעדענע מוראדיגע אדווערטייזמענטס און שרייענדיגע אנאנסען מיט געוואלדיגע פיקטשורס און משונה'דיגע פנימער, וואס איז צו זעהען אין ניו יארק אויף יעדען בלאק. נישט בעמערקטערהייד האט ער זיך אראפגעלאזט אין יענער אינטערערדישער וועלט, וואס ווערד אנגערופען אין אמעריקא מיט'ן נאמען "סאבוויי", אדער מעטראפאליטען באהן, וואס בינדט צונויף אלע גאסען פון דער שטאדט ניויארק אונטער דער ערד. די "סאבוויי" — דאס איז א נייע שטאדט מיט נייע גאסען מיט א נייער וועלט, א וועלט פון אייזען און פון עלעקטריע. אהין קומט נישט אריין קיין איינציגער שטראל פון דער זונן און דאך איז דארט ליכטיג און לעבעדיג 24 שעה אין מעת לעת, דארט ווייסט מען ניט פון קיין נאכט. אלע פיער און צוואנציג שעה זעהט איהר דארטען מענשען לויפען אויף און אפ ווי אין איין עולם התוהו, יעדער אין זיין וועג, יעדער מיט זיינע ביזנעס און שטענדיג געהאפט זיך, שטענדיג געיאגט זיך, שטענדיג האררי אפ. כמעט דאס אייגענע לעבען מיט'ן לויפעניש און מיט'ן יאגעניש און מיט'ן גאנצען טארעראם, וואס קומט פאר אינם פערהאוועטען ניויארק פון אויבען, אויף דער ערד, קומט דארט פאר אויך אונטער דער ערד.

איהר לאזט זיך אראפ דורך טרעפ אין דער אונטערערדישע ממשלה און איהר דערפיהלט באלד, אז איהר זענט אין איין אנדער וועלט. אייזען און עלעקטריע נעמען ארום ווי מיט צוואנגען אייער גאנצען "איך", און עס דאכט זיך אייך, אז איהר הערט די סודות פון דעם אפגרונד און ניט ווילענדיג בעטראכט איהר אייך אויף זאכען, וואס אין איין אנדער ארט זענט איהר ווייט פון זיי. און ניט ווילענדיג טהוט איהר א קלעהר פון די אייביג פערבארגענע כחות, וואס זיינען איבער אייך און אונטער אייך. לאנג טראכטען אבער לאזט דאס אייך ניט. פון דערווייטען נאך דערהערט איהר א הילך און הודזען פון א חיה, וואס טראגט זיך ערגיץ אין דער פינסטערניש מיט א געוואלדיגען כח. אט־אט שניידט זי זיך ארויס פון דעם טיפען פינסטערען אפגרונד, און אט זעהט איהר שוין פאר זיך אט די מאדנע ריזיגע אייזערנע חיה מיט די מוראדיג גרויסע עלעקטרישע אויגען. אט ציהט זי זיך אוים פאר אייך, געדרעהט ווי א שלאנג, איבער די גלאנצענדיגע רעלסען. ווי די שדים שפרינגען אויף די קאנדוקטארעס און שרייען אוים דעם נאמען פון דער סטיישען און עס הערט זיך א קלאפען פון טירלעך. און עס טהוט זיך א שאט אדוים הונדערטער און אפשר טויזענדער מענשען, און אויף זייער ארט ציהען זיך אריין הונדערטער און אפשר טויזענדער מענשען — איין שטראם ארויס, דער אנדער שטראם אריין — און דאס אלםדינג ווערד אפגעטהון שא שטיל אהן א שום בהלה, און ווינציגער ווי אין א

האלבע מינוט, ווארום ס'איז ניטאָ קיין צייט — האררייאַפּ!

מיט דעם דאָזיגען שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגען אריין, איז געווען אויך אונזער העלד ראפאלעסקא, וואָס האָט שוין געהאלטען כמעט מיט איין פוס אין וואגאָן. נאָר פלוצים האָט איהם א בלישטשע געגעבען אין די אויגען צווישען די ארויסגעשאָטענע פּאססאַזשירען א בעקאנטע פיגור, א נידריגע, מיט א קליין צעקנייטשט קאפעלישעל, דאַכט זיך, מוראַווטשיק? און ראפּאַלעסקא איז געבליבען פון דער זייט.

אויך מוראַווטשיק, דערזעהען ראפּאַלעסקאַן, איז ער געבליבען שטעהן איבערראַשט. ער האָט זיך נישט געריכט, אז ער וועט זיך בעגעגענען אָט דאָ מיט ראפּאלעסקאן פונקט אין דער צייט, ווען ער איז דורך ברײנדעלע קאָזאק געוואהרע געוואָרען פון אזעלכע זאכען, וואָס ער האָט זיי פריהער ניט געוואוסט.

נאָך זיצענדיג ביי שלום'ן אין' רעסטאָראַן, איז ביי אונזער מוראַווטשיקען פארטיג געוואָרען א גאנצער פּלאַן, ווי אזוי אויסצונוצען אם בעסטען די וואונדערליכע לאגע אין וועלכער עס האָט זיך געפונען זיין נייער פריינד ראפּאלעסקא מיט זיינע דריי כלות: די פרי ־מאדאָנא שוואלב, ראָזע ספּיוואק און זלאטקע האָלצמאַן. מילא, פון די ערשטע צוויי כלות — אזוי האָט מוראַווטשיק ביי זיך אָפּגעפּסקענט — איז קיין ספק ניט, אז לויט די געשיכטען, וואָס ברײנדעלע קאָזאק האָט איהם דערצעהלט, וועט מיט דער פרימאדאָנא שוואלב ראפּאלעסקא אם ירצה השם שלאָגען כפרות, ווארום מע דארף זיין א אידיאָט און איין אָכס פונ'ם בארג סיני, מע זאָל פערבייטען אזא גאָלדען עפּעלע, ווי ראָזע ספּיוואק, וואָס קלינגט מיט איהר די וועלט, אויף עפּים א לעמבערגער מויד, א פרימאדאָנא פון אידישען טהעאַטער. אי וואָס ס'איז געווען צווישען זיי א קנסמאל?

איז רוף מיך קנאקניסעל און לאָד מיך צום ונתנה תקף. אן ארטיסט און נאָך א אידישער דערצו שרעקט זיך טאקי איבער פאר אזעלכע זאכען. קארג איז פארהאן ביי אונז אידישע אקטיאָרען, וואָס האָבען נישט נור דריי כלות, נור טאקי דריי ווייבער: מיינס און דיינס און שותּפות'דיגם... וואָס זשע קומט איהם אָבער ארויס דערפון? גאלע גאָרנישט! עס בלייבט איבער נור די כלה נומער דריי: זלאָטקע מיט'ן יאטעל... און דאָ ליגט דער הונט בעגראָבען. דאָ דארף מען זעהען אָפּלעקען א ביינדעל. זיי נור ניט, שלום מאיר, קיין אָכס פונ'ם בארג סיני און וויים וואָס דו האָסט צו טהון מיט'ן צימפּעל־געריםפּעל, וואָ. גאָט האָט דיר צוגעשיקט אין ניו יאָרק, אניט וועט מען דיר דארפען געבען קייען שטרוי"...

אזוי האָט געזאָגט מוראַווטשיק צו זיך אליין, אז ער האָט זיך בעגעגענט מיט ראפּאלעסקאן פלוצים אָט דאָ, אונטער דער ערד. נאָר ער האָט בעהאלטען זיין פרייד ביי זיך אין הארצען, זיך געמאכט קאלטבלוטיג און א זאָג געגעבען תמ'עוואטע צו ראפּאלעסקאן — אז אזא פויגעל ווי איהר פאָהרט אונטער דער ערד, היינט וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען, פראָכטע בשר ודאָסען פון די קאבצעניוקעס?

קאפּיטעל 186.

אי אַמעריטשקע!

אויב מוראַווטשיק האָט געפונען פאר נויטיג צו פערבאָרגען פון ראפּאלעסקאן זיין שמחה, האָט ראפּאלעסקא פאר מוראַווטשיקען ארויסגעוויזען **גאנץ** אָפּענטליך זיין צופריעדענהייט און זיין פרייד, וואָס ער האָט זיך בעגעגענט מיט זיין נייעם בעקאנטען.

— האללאָ! האדעיודאו! — האָט ראפּאלעסקא אויסגערופען מיט א פרייד

אויפ׳ן אמעריקאנישען שטייגער און האָט איהם אויסגעצויגען א האנד — גוט וואָס מיר זעהען זיך. נאָט אליין האָט אייך אהער געבראכט. איך דארף אייך טאקי האָבען.

— מהכתיתי הנני — איך בין אָנגעברייט — האָט איהם מוראַווטשיק א זאָג געגעבען תמ׳עוואטע קאלט—וואָהין וועלען מיר געהן כדומה למשל נאָפרימער?

— אין ערגיץ ניט — זאָגט ראפאַלעסקא און זוכט מיט די אויגען א פלאץ אויף צוצוזעצען זיך — אָט איז א באנק. דאָ וועלען מיר אביסעל שמועסען.

— אָט דאָ טאקי אונטער דער ערד?

— אָט דאָ טאקי אונטער דער ערד.

— טא! אז אייך איז ליעב, איז מיר ניחא.

אוןביידע האָבען זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער באנק און גיך האָט זיך פערבונדען ביי זיי א געשפּרעך. גערעדט האָט אייגענטליך ראפאלעסקא, און שלום מאיר מוראַווטשיק האָט איהם געקוקט אין די אויגען אריין און געהערט מיט קאָפּ. א מאָדנעם כח האָט אין זיך אָט דער מוראַווטשיק. מיט קיינעם וועט איהר אייך ניט קענען אזוי גיך בעפריינדען אזוי ווי מיט איהם, ווערען א מחותן, א קנעפּעל שבקנעפעל און פערטרויען איהם וואָס אויף דער נשמה. ראפאלעסקא וויינינגסטענס האָט זיך געפיהלט מיט איהם אסך נאָהינטער ווי מיט א ברודער. היינט האָט ער זיך א מעלה, אָט דער מוראַווטשיק: מע בעדארף מיט איהם קיין סך ניט רעדען. ווערטער זענען לחלוטין איבעריג. ער קוקט אויף אייך מיט זיינע ממזרישע אויגען און טרעפט וואָס ביי אייך אויפ׳ן הארצען טהוט זיך און חאפּט ארויס ביי אייך די ווערטער פונ׳ם מויל. א מחיה, א פערגניגען מיט אזא מענשען!

— איהר בעדארפט מיר קיין פינגער אין מויל ניט ארייגלעגען — האָט מר ראווטשיק אונטערגעזשומזשעט מיט זיין מאנאטאָנער הייזעריגער נאר גלאַטער שטימע צו ראפאלעסקאן אין אויהער אריין. — גלויבט מיר, איך פערשטעה די זאך ארום און ארום. איך וועל עס אייך זאָגען, אויב איהר ווילט, ווי פון א סדור: מע זאָל בעהיט און בעשירמט ווערען פון א גוט אויג, עס מאכט זיך אמאָל מיט נאשבראט, א זינדיגער מענש, מע פאלט אריין, א מיידעל איז א יצר הרע, און אמאָל איז מען אליין ניט שולדיג, גאָט די נשמה און דעם רוח א גאנג, געה זיי א נביא אז סט׳זיך אויסלאָזען מיט א "יאטעל", ווי זאָגט ער, האלט זיך מיט דער באָמבע... אין אמת׳ן אָבער איז דאָס נישט פאר אייך און נישט פאר איהר און נישט פאר אייךביידען. איהר מיינט, זי פערשטעהט דאָס ניט? זי פערשטעהט דאס אליין בעסער פון אונז אלעמען, גאָט זאָל מיר אזוי געבען גליק און הצלחה.

ביי אונזער העלד האָט זיך ביי די ווערטער אראָפּגעקויקעלט א שוועהרער שטיין פונ׳ם הארצען. ער האָט ארויסגעזעהען, אז אלע זיינע רעד מיט אלע זיינע הקדמות, התנצלות און פערענטפערעכצען זענען גאָר געוועזן איבעריג. מוראַווטשיק האָט ניט נור בעוויזען א ווידערשטאנד, ניט נור אָנגענומען זיך די קריוודע פון דער געפאלענער זלאטקע נעבאָך, נאָר אדרבה, נאָך זיינע רעד קומט אויס, אז זלאטקע אליין יאָגט זיך גאָרניט אזוי שטארק נאָכ׳ן שדוך. אום נאָך מעהר צו בערוהיגען אונזער העלד, זאָגט צו איהם מוראַווטשיק:

—פון וואנען מיינט איהר פאָהר איך דאָס אצינד? טאקי פון דאָרטען, געוואָלט איבערגעבען איהר אייערע ווערטער, וואָס איהר האָט מיר געהייסען, ווייגט זי: וואָס בין איך, זאָגט זי, פאר א גלייכען מיט איהם? ער איז, זאָגט זי, היינט אזוי אין די פערערען,

ווער ווייס, וואו ער קאָן זיין מאָרגען, למאי זאָל זיך מיר דאכטען, אז איך בין ביי איהם איין אנגעהאנגענע, איין איינגעבעטענע? — איהר הערט ווערטער?

ראפאלעסקא איז געריהרט:

— טאקי באמת?

— וואָס זשע? איך וועל אייך אויסטראכטען אויפ׳ן הימעל א יאריד?

—ניין. איך מיין ניט דאָס. איך מיין, אט מיט די ווערטער טאקי האָט זי אייך געזאָגט?

— איך זאָל אזוי האָבען גליק און הצלחה. איהר ווייסט דענן, וואָס פאר א כשרה נשמה דאָס איז? א כפרה אכצעהן פרימאדאָנעס!

אויף ראפאלעסקאס אויגען בעווייזען זיך טרערען. נאָר ער פערשטעלט זיי פון זיין נייעם פריינד. און זיין נייער פריינד מוראוושיק האקט ווייטער:

— אהין־אהער, איך זעה, דאָס מיידעל רעדט ווי א בר דעת, טראכט איך מיר: אפשר ביזט דו גערעכט. און רוף מיך אָן צו איהר אזוי: הער זשע אויס, נשמהניו, זאָג איך, די מעשה דערפון איז אזוי: דער בחור, זאָג איך, האָט געמיינט מעהר ניט אז דיין טובה, זאָג איך, און דיא טובה פון דיין קליינעם נפש׳ל. נאָר ווי באלד, זאָג איך, אז ביי דיר איז דאָס ניט אי־אי־אי, איז אויך די אייגענע מעשה. נויטען, זאָג איך, וועט מען דיך ניט און מיט גוואלד וועט מען דיך ניט שלעפען. אי וואָס? דאָס יאטעל? דארפסט דו דיך, זאָג איך, ניט זאָרגען. דארפסט געדענקען, זאָג איך, אז ער איז ניט קיין אבי ווער, קיין בחור׳ל פון דער גאס, און א פערדיענער איז ער, קיין עין הרע, א שענער, וועט ער מסתמא זעהען, זאָג איך, בעוואָרענען דיך, ווי עס געהער צו זיין, דיך און דאָס קינד, זאָג איך, און אפילו די מאמע, זאָג איך, וועט אויך ניט דארפען אָנקומען חלילה צו לייטען. ובפרט, זאָג איך, דו בלייבסט ניט אליין, איך בין, זאָג איך, נאָך אויך ניט געשטאָרבען. איך בין, זאָג איך, געוועזן מיט דיר, מיט דיר וועל איך בלייבען. ווער, זאָג איך, האָט דיך אהער געבראכט צופיהרען, אז ניט מוראוושיק? ווער, זאָג איך, האָט דיך פערשריבען אויף זיין נאָמען ביים שיף אראָפגעהן, אז ניט מוראוושיק? לאָז זיך דיר דאכטען, זאָג איך, עלעהיי דו ביזט שוין מיינע און איך בין שוין דיינער און וואָס מאכט דאָס אויס? און טאָמער וועט דאָס האלטען דערביי, קאָן מען אין אמעריקא אויך קריגען פייער שטעקענס און שלום מאיר מוראוושיק נעמט און זאָגט אָפּ דעם כדת משה וישראל און — א גוטען טאָג. און איך אליין, ווי איהר קוקט מיך אָן, בין ניט שטארק ווייט דערפון. ערשטענס, מצד רחמנות. נעבאך א יתומה. און והשנית— איין עהרליך קינד, א שטילע טויב. אי די קשיא, וואָס וועט זיין מיט׳ן פיסק? איז גאָט א פאָטער און ווי געזאָגט איהר וועט מסתמא אויך ניט פערגעסען...

— פערגעסען? — ראפאלעסקא האָט אָנגעכאפט מוראוושיקען ביי דער האנד. ער זאָל זיך ניט שעמען פאר זיך אליין, וואָלט ער איהם ארומגעכאפט קושען — איך קאָן מיך מיט אייך אפילו צושרייבען אויב איהר ווילט.

— צו וואָס איז דאָס שרייבעניש? איהר וועט אונטערשרייבען א פּאָר וועכסעלעך און איין עק, טאקי אויף מיין נאָמען היינט אויף דער נאכט. איך וועל ביי אייך זיין, וועל איך אייך שוין ברענגען אלסדינג. איצטער קערט איהר דאָך מסתמא ערגעץ וועלען געהן?

ראפאלעסקא איז געוועזן אזוי אריינגעטהאָן אינ׳ם שמועס, אז ער האָט גאָר ניט בעמערקט, וויפיל מאָל די שטאָלענע שלאנג מיט די עלעקטרישע אויגען איז דורכגעלאָפען פערביי זיי, ארויסגעוואָרפען שטראָמען און אריינגעצויגען שטראָמען. די ווייזערס פונ׳ם זייגער

האָבען זיך קוים אָנגעהויבען דערנעהענטערען צו דריי. אין א שעה ארום בעדארף ער שוין זיין דאָרטען. דאָס ווארט: "דאָרטען" האָט איהם א בריה געגעבען אין הארצען. ער האָט זיך זעהר פריינדליך אָפּגעזעגנט מיט מוראוושיקען, ארייגעכאפּט זיך אין איינע פון די לאנגע וואגאָנעם און אין א האלבע מינוט ארום האָט איהם איינגעשלונגען די אונטערערדישע פינסטערניש.

— שלום מאיר, דו ביזט אָללרייט! — האָט מוראוושיק א זאָג געגעבען צו זיך אליין און גענומען ארויסקוקען אויפ'ן אנדערען טריין. — אזא יאָהוי אויף מיר, וואָס פאר א לאנד עס איז אָט דאָס אמעריטשקע. נו, אמעריטשקע!

קאַפּיטאל 187

צווישען חיות

דער ארט, וואָס ראָזע ספּיוואק האָט בעשטעלט פאר איהר געליעבטען ראַפאלעסקא, איז זעווען דער פּארק פונ'ם גרויסען זאָאָלאָגישען גאָרטען וואָס איז ווינטער נישט אזוי שטארק בעזוכט וויא זומער און מע קאָן דעריבער דאָרט גאָר פרייה שפּאצירען און כמעט מיט קיינעם זיך ניט בעגעגענען אויסער מיט די חיות, וואָס שטעהען איינגעשפּארט אין זייערע שטייגען.

געקומען איז אונזער העלד צום אָפּגעשטעלטען פּלאץ, נישט קוקענדיג אויף זיינע אפּהאלטעניש׳ען אינ'ם דאָזיגען טאָג, דאָך מיט גוטע אָנדערהאלבען שעה פריהער פאר דער צייט. און וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די אנדערהאלבען שעה, שפּאצירענדיג צווישען די חיות, פון שטייג צו שטייג, האָט ער זיכער ניט איבערגעלעבט אין אלע זיינע יונגע יאָהרען פון זיין נע־ונד זיין אויף דער וועלט. די וויכטיגקייט פון דעם מאָמענט, צו וועלכען ער שטרעבט יאָהרען מיט יאָהרען, איז שוין אליין געווען גענוג, אז דאָס הארץ זאָל איהם קלאַפּען ווי א האמער, און אליין זאָל ער ציטערען ווי א לולב, און דערצו זעגען איהם ארויפגעקומען אויפ'ן קאָפּ אלערליי ווילדע מחשבות און משונה'דיגע געדאנקען, שווארצע, טרויעריגע, געדאנקען, איינער טרויעריגער פון'ם אנדערען: ווער וויים — האָט ער זיך געטראכט — אויב זי וועט גאָר קומען? און אז זי וועט קומען — ווער וויים מיט וואָס זי וועט קומען? ווער וויים, וואָס עס טהוט זיך ביי איהר מיט די "גאָלדענע קייטען", אויף וועלכע זי האָט איהם אָנגעוואונקען אין איהר בריעף? ווער וויים, וואָס ביי איהר האָט געקענט פּאָרקומען אין דער לעצטער מינוט פאר א סצענע מיט גרישא סטעלמאך?"... אלסדינג וואו נור עס איז פארהאן ערגיץ איין אומעטינער געדאנק, א פינסטערע מחשבה, איינגעהילט אין שווארצען, איז עס געקראָכען צו איהם אין קאָפּ אריין. און וויפיעל ער האָט ניט געטריבען פון זיך די דאָזיגע טונקעלע מחשבות, און וויפיעל ער האָט זיך ניט געפלייסט בייצוקומען זיך, האָט זיך איהם ניט איינגעגעבען, ער זאָל זיין רוהיג. ער האָט געפיהלט, אז עס טרעט איין א וויכטיגער מאָמענט, דער סאמע וויכטיגסטער אין זיין לעבען, און נישט ווילענדיג האָט ער זיך פערטראכט אויף דעם, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָפּגעארבייט מיט אָט דעם מוראוושיקען — ווי אזוי ער האָט איהם נאָר וואָס פערקויפט בידים די גאָט די נשמה שולדיגע זלאטקע, איבערגעגעבען זי פון האנד צו האנד, ווי מע גיט איבער א זאך, א שקלאַף, א קנעכט. און צו וועמען? צו א מענשען, וואָס ער קען איהם ניט און וויים איהם ניט. און ווען? נאָכדעם ווי ער איז ערשט היינט אין דערפריה גרייט געווען לויפען צו דער ארעמער זלאטקע, פאלען איהר צו די פיס, שוועהרען איהר, אז ער איז איהרער, איהרער אויף אייביג? ! און עס דאכט

זיך איהם אויס, אז עמיצער שעפּטשעט איהם אין אויהער אריין שטילערהייד:

— קין! — קין! — קין!...

ראַפּאַלעסקא פּערטיעפּט זיך נאָך ווייטער אין זאָאָלאָגישען גאָרטען, צווישען די חיות. ער וואָלט וועלען אנטלויפען פון זיך אליין — קאן ער ניט. ער וואָלט וועלען אויסמעקען, אָפּווישען דאָס גאנצע פערגאנגענע פון זיין לעבען — קאן ער ניט. אדרבה, עס ליגט איהם פאר די אויגען אזוי קלאָהר און דייטליך מיט אלע זיינע גרויסע און קליינע פעהלערען און פערברעכענס, מיט אלע זיינע ארטיסטישע שטרעבונגען און אידעאלען, און, ווי פון איין אָפען בוך, לייענט ער דעם סך הכל, וואָס ער אליין האָט זיך אונטערגעפיהרט, און דעם פסק דין, וועלכען ער אליין האָט זיך ארויסגעגעבען: אלס מענש איז ער א פערברעכער, א קין, א קין!... אלס ארטיסט — איז ער קליין און נישטיג, ארומגערינגעלט מיט קליינע מענשעלעך, איינגעטונקען אין פאלשע רעקלאמעס, פון אויבען ביז אראָפּ בלאָף און בלאָף און בלאָף!... א סך וואסערען וועלען נאָך אָפּלויפען, א סך קרבנות וועלען אויפגעבראכט ווערען, א סך מזבחות וועלען חרוב ווערען, און נאָך וועט ער שטעהן, ווי איצט, אין דרויסען פון דער זייט טהיר פון יענעם הייליגען טעמפּעל, וואהין עס רייסט זיך פון קינדווייז אויף זיין יונגע נאָר שוין צעוויטיגטע נשמה.... נאר שא! ווער געהט עס?... ער דערפיהלט ווי דאָס הארץ האָט זיך איהם אָפּגעשטעלט. די אויגען זענען געוואָרען ברייט און קיילעכיג, אָט־אָט שפּרונגען זיי ארויס: ניט שוין זשע? ניט שוין זשע? ער קוקט זיך איין נאָך שטארקער. אקעגען איהם שניידט זיך א מיטעלמעסיגע פיגור פון א בילד שענע פרוי, וואָס ניט זי געהט, נאָר זי שוועבט, טראָגט זיך אין דער לופטען. ניט שוין זשע איז דאָס "זי"?...

יאָ, דאָס איז געווען "זי".

עס האָט זיך נאָך ניט געטראָפען אויף דער וועלט, אז מיר זאָלען בעגעגענען אין א מענשען דעם, וועלכען מיר האָבען ערוואַרטעט, און געפינען אין איהם דאָס, וואָס מיר האָבען ארויסגעקוקט צו געפינען. עס איז ניט געווען די, וועלכע ראַפּאַלעסקא האָט זיך פאָרגעשטעלט אין זיינע חלומות. עס איז ניט געווען ניט די רייזעל, וועלכע ער האָט געקענט אין האלענעשטי, און ניט די ראָזע, וואָס האָט זיך איהם געמאָלט אין זיין פאנטאזיע. א גאנץ אנדערע האָט ער פאר זיך דערזעהען. זי האָט איהם אויסגעוויזען אסך גרעסער און אסך עלטער און אנדערש, אנדערש, אנדערש, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט. צו ערענסט, צו שטרענג און צו קאלט האָט זי זיך איהם אויסגעוויזען אין דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט זיא דערזעהען. דאס קלאסיש שענע פּנים איהרס האָט איהם אויסגעוויזען צו בלאס און איהר פלאסטישע פיגור איז געווען צו שטרענג. נאָר די אויגען זענען געווען די זעלבע מאָט שווארצע פייעריגע ציגיינער אויגען.

אויך ער האָט אויס געזעהען אין איהרע אויגען נישט דער ראַפּאַלעסקא, וואָס זי האָט זיך פאָרגעשטעלט אין איהרע חלומות, און נישט דער לייבעל, דעם נגידס יונגעל, וועלכער איז פערבליבען ביי איהר אין זכרון פונ'ם חדר. אינגאנצען, אינגאנצען פערענדערט. נישט פערענדערט האָבען זיך נור זיינע אויגען, זיינע גוטע בלויע מילדע אויגען. א מינוט זענען זיי אזוי געשטאנען איינס אקעגען דאָס אנדערע אָהן א וואָרט אויסצורעדען און נישט צו ריהרען מיט איין אבר. עס האָט אויסגעזעהען, אז ביידע לייענען אויף זייערע געזיכטער דאס גאנצע פערגאנגענע, אז ביידע ווילען געפינען אין זייערע אויגען די געשיכטע פון זייער יוגענד, וואָס

איז אוועקגעגאנגען פאר זיי אזוי נישט פרעהליך, אין דער פרעמד, אין זייער גרויסען נע ונד זיין אויף דער וועלט. דאָס אלעם האָט אָבער מעהר ניט גענומען ווי א מינוט. באלד האָט זיך בעוויזען אויף איהר פנים א שמייכעל, דאָס ערשטע שמייכעל, און ער האָט דערפיהלט, אז זיין הארץ האָט א צאפעל געטהאָן און עס האָט איהם א ציה געגעבען צו איהר ווי א מאגניט און...

ווען איך זאָל שרייבען, למשל, א מעלאָדראמע, וואָלטען זיך מיינע העלדען מסתמא געוואָרפען איינס דעם אנדערען אויפ'ן האלז. ער וואָלט אויסגעשריגען: "רייזעל!"... זי וואָלט אויסגעשריגען "לייבעל"!... און טרעהרען וואָלטען זיך געגאָסען אזוי ווי וואסער. דאָס לעבען איז אָבער ניט קיין מעלאָדראמע. א מעלאדראמע איז אויף דער סצענע, אין טהעאטער. אינ'ם לעבען קומט עס פאָר גאנץ אנדערש, ווי אין טהעאטער. נאָר מיר האַלטען זיך אויף פון צו בעשרייבען די ריהרענדע סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען צווישען אונזערע העלדען. צו הויך איז געווען דער מאָמענט, צו הייליג זענען געווען זייערע געפיהלען, מע זאָל זיי קאנען ארויסגעבען אין ווערטער. דאָס איז געווען א בעגעגעניש פון צוויי בלאָנזענדע שטערען, וואָס האָבען זיך אזא צייט געטראָגען איינס אקעגען דאָס אנדערע און ביז א געוויסען מאָמענט נישט געהאט די מעגליכקייט צו בעגעגענען זיך. מיר לאָזען זיי איבער אָט דאָ אויף זייער אָריגינעל־מאָדנע ראנדעוואו צווישען די חיות. לאָזען זיי זיך דאָ ארומשפאציערען פון שטייג צו שטייג, צווישען די חיות. לאָזען זיי זיך צוזעצען אלע מאָל אויף איין אנדער באנק, און קוקען זיך איינס דאָס אנדערע אין די אויגען אריין, און רעדען און רעדען. לאָזען זיי אויפשטעהן, ווידער אמאָל שפאציערען, ווידער אמאָל זיך אוועקזעצען און ווידער אמאָל רעדען. לאָזען זיי זיך זאט אנרעדען. לאָזען זיי אויסגיסען איינס פאר דאָס אנדערע זייערע הערצער, ביז עס וועט ווערען נאכט, ביז שטערען וועלען זיך בעווייזען אויפ'ן הימעל. און אויב זיי וועלען זיין אָפענהערציג אין זייערע רעד, און אויב זיי וועלען זיין עהרליך אין זייערע מחשבות, וועלען זיי, ניט קוקענדיג אויף זייערע קליינע און גרויסע נארישקייטען און פיעלע פיעלע פעהלערען וואָס זיי האָבען בעגאנגען אין זייער לעבען, דאָך קענען געפינען איינס ביי דאָס אנדערע זייער אידעאל, וואָס זיי האָבען אזוי לאנג און אונערמידליך געזוכט...

פריינד לעזער! לאָמיר זיי צו־ווינשעווען, זיי זאָלען געפינען דעם דאָזיגען אידעאל. און לאָמיר אריבערגעהן צום שלום פון דער געשיכטע, צום עפילאָג. דאָס הייסט, מיר וועלען ווי ווייט מעגליך אין קורצע שטריכען אונטערפיהרען א סך־הכל צו אלע אונזערע בלאָנזענדע שטערען, דאָס הייסט צו די הויפט העלדען פונ'ם ראָמאן, ווי אויך צו די זייטיגע פארשוינען, מיט וועלכע מיר האָבען געהאט א געלעגענהייט צו בעקענען זיך אין אונזער גרויסער נסיעה, אין אונזער אמת'ען, נישט אויסגעטראכטען ראָמאן.

עפילאָג

קאפיטעל 188.

(קורצע אויסציגע פון פערשידענע בריוולעך)

פון ראָזאַ ספיוואַק ראַפאַלאָוויטש צו מאַרטשעלא זעמבריך

"...נאָר צי בין איך גליקליך מיט מיין זיעג ווילט איהר וויסען? — אויב עס קאן געמאָלט זיין א גליקליכער אויף

דער וועלט — זענען דאָ מעהר ניט אז צוויי אזעלכע: איך און מיין ראפאלעסקא. ניין, ס'איז ניט אמת, מוטערכען, ס'איז ניט אמת. ניטאָ קיין אבסאָליוט גליקליכער מענש אויף דער ערד. אלסדינג איז פערהעלטניסמעסיג. פערהעלטניסמעסיג זענען מיר די גליקליכסטע. אום איהר זאָלט מיך רעכט פערשטעהן, וואָלט איך בעדארפט אייך ניט א בריעף, נאָר א בוך אָנשרייבען. און דערצו איז ניט איך בין פעהיג, ניט איך האָב צייט. און אזוי ווי מיר זענען איצט ווידער אין אונזער אלטען "יוראָפּ" און איך בין אנגאזשירט אויפ'ן סעזאָן קיין לאָנדאָן — פאריז — בערלין — וויען און בודאפעסט, וועלען מיר זיך זעהען פערזעהנליך און איך וועל אייך פאָרשטעלען מיין אידעאל — איין אונגעהייער גרויס קינד מיט זעהר ווינציג בילדונג, נאָר מיט אזוי פיעל טאלענט און הייליג פייער, וואָס מיר אלע דארפען זיך פאר איהם בעהאלטען. זיין אידעאל איז די ביהנע, און זיין צוועק איז דאָס אידישע טהעאטער צו רעפאָרמירען און אוועקשטעלען עס אזוי הויך, ווי מעגליך. אויב דאָס וועט איהם געראָטען — ווייס איך ניט. איך ווייס נור, אז ער וועט זיך ניט אָפּשטעלען אין האלבען וועג, און איך — וויפיעל עס וועט זיין געוועגדעט אין מיר — וועל איך איהם מיטהעלפען זיין ציעל צו עררייכען. דערווייל איז ער נאָך גענוג גרין און רויה און ווילד, נאָך מעהר ווילד, ווי איך אייער אייבינגע ציגיינערין, וואָס קושט אייך און האלזט אייך —

ראָזע ספּיוואק־ראפאלאָוויטש".

פון מאיר סטעלמאך צו זיין גוטען פריינד.

"...אָט אזוי איז דאָס, ברודער, פרעגט נישט קיין קשיות. ס'איז, ווי זאָגט ער, א וועלט מיט וועלטעלעך, נאָר גארניט. נעחיי בי וואָלטען זיי זיך צעגאנגען און איין עק. עס מאכט זיך א שדוך ווערד אויס שדוך — וואָס זאָל מען טהון? אין ניין. אי אויס שדוך אי גוטע פריינד איז מען. נאָר ווי אזוי מיינט איהר גוטע פריינד? גוטע פריינד צו גוטע פריינד איז ניט גלייך. מע שרייבט זיך בריוולעך איינס דאָס אנדערע אלע וואָך. און נישט נור מיט ראָזען אליין. מיט איהם, מיט איהר מאנן, שרייבט ער זיך איבער, מיט דעם ר"ז־פאלעסקאן הייסט עס. פון זינט די צוויי האָבען זיך דערקענט, מיין גרישא מיט דעם ראפאלעסקא'ן, איז מען געוואָרען איינס צום אנדערען צוגעזאָטען, נפש אחת, און מע האלט איינס פונ'ם אנדערען איין עולם ומלואה, אז מע שמועסט "ליובאָוו" — איז דאָך ניט שייך! נו, וואָס זאָגט איהר דערויף? וואָלט נאָך געוועז דאָס אליין, איז אויך גאָר ניט. ווי זאָגט איהר, אז דיר איז ליעב, איז מיר ניחא. איז אָבער דער בזיון פאר לייטען. סטייטש איך האָב דאָך אויסגעפּויקט אומעדום, אז ס'איז א שדוך. געה זיי א נביא, אז זי וועט חתונה האָבען פאר איין ארטיסט פון אידישען טהעאטער! און ווער איז שולדיג אז ניט איך אליין? ווארום איך זאָל זיי ניט געוועזן ברענגען דעמאלט אין אידישען טהעאטער אויף דעם ראפאלעסקאס בענעפיס, וואָלט דאָך גאָר ניט געוועזן.... און נאָך אלעמען דארף מען אָננעמען א פולע מויל מיט וואסער און פתח שין שא! רעדען מיט מיין גרישא'ן אויף זיי טאָר מען ניט קיין שלעכט וואָרט. חיות ניט זיכער! באלד עפּים צינדט ער זיך אָן ווי א שוועבעלע. און א וועלט שלאָפט ניט. אידען ווייסען פון אלע שוועהרע הערצער. אז מע בעגעגנט זיך, פרעגען זיי זיך נאָך: "סטייטש, פאני סטעלמאך, היתכן? געשיקט זיך עס? ווי האָט איהר עס דערלאָזט אזא זאך? איהר זענט דאָך עפּים א פראקטישער מענש כלעבען און א פאטער!"... און נאָך און נאָך הערט

מען זיך אָן אזעלכע מימרות און דבורים, וואָס מע קאָן חלש'ען. גענוג ס'איז ביטער אויפ'ן הארצען, קומען זיי צוגעהן און זאלצען אויף די וואונדען! הערט איהר, וואָס איך וועל אייך זאָגען, ליבער פריינד? אידען זענען א קליינע אומה, נאָר א פאסקודנע!... און אז איהר וועט מיר שרייבען, זאָלט איהר מ״ר שרייבען קיין לאָנדאָן, ווי איהר האָט מיר געשריבען ביז אהער, און האָט קיין פאראיבעל ניט, וואָס איך האָב אייך אנגעדולט א קאָפּ. מע רעדט זיך אויס דאָס הארץ פאר א גוטען פריינד מיינט מען ס'וועט ווערען גרינגער.

פון מיר אייער פריינד, וואָס איז צעדרעהט און צעפלאָכטען און אָנגעדרודעלט אויף דער גאנצער וועלט,

מאיר סטעלמאך.״

פון שלום מאיר מוראווטשיק צו אלבערט שטשופאק

״...אָט דאָ האָסטו דיר דיין פיפצעריק עך האָב דעך אין דער ערד מיט די ביינער עך בין באָריך אשעם אימשטאנד אצינדערט אליין דיר אויסלייהען א פיפצעריק אויב דו בעדארפסט האָבען נעלד און עך שרייב דיר אז עך האָב חאסענע געהאט לײמאזעל פאר האָצמאך'ס שוועסטערעל זלאטקע א קאָשערווייבעל עך מיין א מיידעל און זי האָט א קינד מיין עך מיר האָבען א קינד און עך האָב ליעב דאָס קינד דאָס חאיעם מיט דער נישאָמע זייער א גערעטען קינד און חאטע פאָקרישקע און עך האָב נאָך ליסאטע קיין שום געשעפט עך קוק נאָך א טהעאטערעל דאס הייסט ניט קיין טהעאטערעל נאָר א וואָדעוויל הייזעל סזאָל זעך מאכען אין גלייכען נעלד וואָלט עך אָפּדונגען און וואָלט געמאכט גוטע ביזנעס חאָטש דאָס אידישע טהעאטער דארף עך דיר זאָגען גאנץ אפענטליך איז דאָ אין אמעריטשקע אביסעל קאלי געווארען מע האָט שוין גאָר אָנגעהויבען אראָפּברענגען פון בערלין די בעסטע דייטשע אקטיאָרען און מע צאָהלט זיי אין טאָג אריין און סאַ סווארע אז דער ראפאלעסקע וואָס עך שרייב דיר וועט קומען אין גיכען אהער מיט דיין ראָזען באלד נאָך דער חאסענע און זיי וועלען אראָפּברענגען אהער פון ריסענלאנד נייע אקטיארען מיט נייע שרייבערס מיט נייע פיעסען אמעריטשקע גאנעוו א קלאג צו קאלומבעסען נאָר ביז עפּיס וואָס מיין עך אז מע קאָן נאָך מיט דיין קאָל מעקאדעש אויסנעמען אין אמעריטשקע בעחען שרייב עך דיר אלבערט אויב דו ווילסט טהו א שפּיי אויף ריסענלאנד און קום צופאָהרען וועלען מיר מאכען שיטפעס און אז ניט ליג אין דער ערד און באק בייגעל מיט אכטענגספאל

שאָלעם מייער מוראווטשיק״.

קאפּיטעל 189.

פון ברײנדעלע קאָזאָק צו הענריעטע שוואָלב

״...און שרייבט מיר ארויס, נשמהניו, אלסדינג ווי געהט עס אייך דאָרט אין דעם נייעם אָרט אין יאָהאַניסבערג? איך האָף אז איהר זענט אָללרייט, ווארום וואָס געהט אייך אָפּ קיין בייז אויג? אלע זאָגען, אז ער איז א פיעלפאכער מיליאָנער און אז ער האָט אייך געקויפט אזוי פיעל דיימאנטס מיט בריליאנטען אז נור א ראָקקעפעלער קען זיך פערגינען אזוי פיעל צו קויפען. איהר קאָנט אייך גאָרניט פאָרשטעלען, ווי אזוי דאָס האָט מיך געפריידט. ווארום ווער ווייסט נאָך אזוי פיעל ווי איך ווי אזוי איהר האָט זיך נעבעך געפּלאָגט דאָס גאנצע לעבען ביי אייערע ברידער. און אפילו די לעצטע צייט, אז איהר האָט שוין אָנגעהויבען פערדיענען שען געלד און מאכען א לעבען, האָבען זיי אייך אויסגעקאָכט דאָס וואסער, איינער מיט גוטען,

דער אנדערער מיט בעזעם. איך וויל אויף זיי קיין שלעכטס ניט רעדען, זיי זענען דאך אייערע ברידער. נאר כלעבען זיי זענען ניט ווערט אייער מינדסטע פינגערל. איך דארף אייך ניט חנפה'נען און וויל זיי ניט שימפפען, נאר כלעבען זיי מעגען ביידע זיין די כפרה פאר אייער מינדעסטען נאגעל. און ווער שמועסט אייער ניסעל מיט זיינע זיסע רעדעלעך און מיט זיינע שבועות. גאט מעג זיך מיט איהם רעכענען ווי ארענטליך און ליימיש ער האט זיך מיט מיר בעגאנגען, אזא יאהר אויף אלע מאנסבילען, רבונו של עולם, און אזא מזל אויף איהם אליין. מאהלט אייך ער האט דאס זייניגע. ס'איז א סברה אז ער ווערד אויסגעריסען אויף זיינע יאהר און טעג, איך מיין טאקי, אייער ברודער ניסעל. זינט די קאמונע איז זיך צעקראכען, האט ער שוין איבערגעדיענט דיא אלע עבודה זרות, דורכגעפאלען מיט אלע זיינע קאמבענאציעס. איצט האט ער א נייע קאמבענאציע. ער האט דערטאפט ערגיץ א אידען מיט א מאדעל פון'ם בית המקדש, געמאכט פון פאפיער און קלעפט אפישען איבער גאנץ ניו יארק, און וועט מסתמא בעגראבען ווערען מיט דער קאמבענאציע גלייך ווי מיט אלע קאמבענאציעס. גאט מעג איהם צאהלען פאר אייך און פאר מיר און פאר כל ישראל. אייער ברודער איזאק איז שוין א גאלד אקעגען איהם. אבוואהל דער רוח האט איהם אויך ניט גענומען. אויך א גוטע נשמה. וואס דער רעדט אוים אויף אייך, זאל עס נור פאלען אין ים אריין. ער זאגט, אז איהר האט אייך אליין פערקויפט פאר געלד און אז אייער מאנן האנדעלט מיט... איך וויל גארניט נאכזאגען זיינע ווערטער. און אלץ איבער וואס? איבערען וויסטען דאלער. איך וואלט אייך געראטען איהר זאלט איהם פערשטופען דאס מויל מיט א פאר דאלער. ער מעג זיך אויסציהען דא אין מיטען גאס, וועט איהם קיינער ניט העלפען. ווער וועט זיך אויף איהם ארומקוקען? דער "לאמזשער סאלאוויי"? ווי לאנג קרענקט זי, די חזנטע זיינע מיט איהרע רויטע האר! זי האט שוין אראפגעווארפען דעם געלען פארוק און איז געווארען א גאנצע מיסעס. א קליינינקייט! איהרע קינדער, זאגט מען, שארען דא געלד מיט לאפעטעס. א מדינה, ווי א קדחת: וועמען עס חאפט אן. גערעכט זיך, אז א לאמזשער חזן וועט קומען צופאהרען אהער מיט א חאליאסטרע פיקערס, וועט מען איהם אפגילטען. און יושר האט אין זיך אט דער חזן אקוראט אזוי פיעל וויפיעל א רוסישער קאזאק. אייערע ברידער זאלען זיך פאר איהם אויסציהען, וועט ער זיי א סענט ניט געבען. וואס דארפט איהר מעהר? מיסטער קלאמער, וואס האט זיך אויסגעבראכט אויף איהם מיט דער משפחה, ביז ער האט זיי אראפגעבראכט און צענויפגעשטעלט די קאמונע, איצט האט ער קוים געקראגען אויף הוצאות אוועקצופאהרען צוריק קיין לאנדאן. און ווייסט איהר, ווער עס האט איהם אויסגעליהען די פאר דאללער? אז איהר וועט זיין מיט אכצעהן קעפ, וועט איהר אויך ניט טרעפען. דווקא אט דער שלים מזל מוראוטשיק, וואס האט חתונה געהאט פאר אייער ראפאלעסקאס ערשטע כלה און גענומען אויף זיך דאס קינד... א בעשרייבונג, א קאמעדיע פון זיי צו מאכען! און שענער פון אלץ איז דאס, וואס ראזע אליין, זאגט מען, שיקט זיי געלד און שרייבט זיי בריוולעך און בעט מוראווטשיקען אכטונג געבען אויפ'ן קינד — מיינע צרות אויף זייער קאפ! אויף וויפיעל דא איז אמת ווייס איך ניט. אזוי האב איך געהערט דערצעהלען. וואס איך האב — דאס פערקויף איך. צוקאפענס בין איך ניט געשטאנען... און זיי אליין, ראזע מיט איהר ראפאלעסקאן, זענען איצט אין יוראפ. זיי האבען דארט חתונה געהאט און זענען אללרייט, וואס זאלט

איהר קלעהרען? נאָר איהר דאַרפט איהר ניט מקנא זיין, ליובעניו, כלעבען איהר האָט זייביידען אין דער ערד. גאָט האָט איך געהאָלפען, איהר זענט רייכער פון זיי און איהר פערמאָגט מעהר שמוק פון איהר, און דרעסעס האָט איהר אויך שענערע פון איהר, און בענקען נאָך דער ביהנע דאַרפט איהר אויך ניט, ס'איז — האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט — א נאַרישקייט פון אייך וואָס איהר בענקט אַזוי נאָך דער סצענע. איהר זעהט, לעבט בעסער א גוטען טאָג אין עושר און אין כבוד און טהוט אייך אָן וואוילטיג און פערגעניגענס און פערגעסט ניט, נשמהניו אייער משפּחה, איך מיין טאַקי די ברידער אייערע, אָבוואָהל זיי האָבען עס ביי אייך ניט פערדיענט און ביי מיר אוודאי ניט, איך זאָל מיך אָננעמען זייער קריווּדע. נאָר האָפּט זיי דער גוטער יאהר. איידער זיי זאָלען דאַרפען אָנקומען צו פרעמדע, איז גלייכער איהר זאָלט עס ניט דערלאָזען. און פערגעסט ניט, האַרצעניו, אויך אייער פריינדין, וואָס איז אייך איבערגעבען מיט לייב און לעבען. שרייבט מיר אריין אמאָל א בריוועל און וואָס איהר וועט פרעגען, וועל איך אייך ענטפערען, און וואָס איהר וועט דאַרפען וועל איך אייך אויספּאָלגען. און טאָמער וועט זיך געפונען ביי אייך עפּיס א רעכטער דזשאב פאר מיר, שרייבט מיר, וועל איך קומען צופאָהרען צו אייך קיין יאָהאניסבערג, אָבוואָהל ס'איז אַזוי ווייט ווי אויף יענער וועלט, ווארום עס האָט זיך מיר שוין צוגעגעסען דאָס לאַנד פון קאָלומבוסען מיט די מענשען און איבערהויפּט די מאנסבילען און איבערהויפּט אונזערע אקטיארען, ס'זאָל אויף זיי קומען א מגפה אויף אלעמען אין איין טאָג, קיין שריד ופליט זאָל פון זיי ניט בלייבען. אמן. אמן. אמן.

איך שיק אייך איבער 1000 קוש.

אייער איבערגעבענסטע פריינדין

בריינע משערניאק"

קאַפּיטעל 190.

פון לאה דיא חזנ'טע צו איהר טאָכטער

"...און זיי וויסען, מיין קינד, אז איך קוק שוין ארוים אויף דיר, ווי דו שרייבסט מיר, אז דו קומסט צופאָהרען מיט דיין ליבלען קיין האָלענעשטי צו גאסט. איך בעט גאָט פאר אייך ביידען, איהר זאָלט זיין געזונד און פערדיענען אסך געלד און קומען צופאָהרען. ווען ניט דאָס, וואָס איהר ווילט קומען צופאָהרען, וואָלט איך שוין לאַנג פערקויפט די דירה. וואָס דאַרף איך, איין מענטש אליין, אזא דירה מיט קיין עין הרע אַזוי פיעל חדרים? נאָר טאָמער מיינסט דו אז ס'איז דאָ ווער צו פערקויפען די דירה — האָסט דו א טעות. ווער בעדאַרף אזא דירה מיט קיין עין הרע אַזוי פיעל חדרים אין האָלענעשטי? א שטאָדט פון סאמע משטיינס געזאָגט קבצנים עניים ואביונים, ניטאָ ביי קיינעם קיין געלד. און ווער עס האָט געהאט אביסעל געלד דער איז ארויסגעפאָהרען קיין אמעריקא. איין שטיקעל האָפענונג איז אויף העניך דעם וויינשענקערס איידעב. א נייער גיד אין האָלענעשטי. ער האָט שטארק חשק צו דער דירה, נאָר ער האָט מורא ארויסצוגעבען זיך פאר א קונה, איך זאָל חלילה ניט וועלען צו טייער. און איך וויל ניט ארויסבעווייזען אז איך פערקויף די דירה ער זאָל ניט וועלען האנדלען קיין מציאה. דערווייל בין איך געבליבען שטעקען ניט אהין ניט אהער, און איך קוק שוין ארוים אויף דיר, מיין טייערע טאָכטער, די זאָלסט שוין קומען צופאָהרען מיט דיין מאַנן ווי דו שרייבסט מיר, און אפשר וועסט דו קומען צו דער מאַמען איבערקומען בשלום, אויב דו פיהלסט שוין, אז גאָט האָט מיר געשענקט פון דיר א נחת?... נארעלע, דו האָסט ניט וואָס צו שעמען זיך, ס'איז א אידישע זאַך, האָסט דו געזעהען אבי־

סעל. אדרבה דארפסט מיר שרייבען אקוראט, וועל איך זעהען בעצייטענס צוגרייטען דאָ אלסדינג וואָס מע דארף. און פארקעהרט, טאָמער וועט גאָט העלפען א נאָמען נאָך דיין טאטען זאָל האָבען א ליבטיגען גן עדן? נישקשה, ער האָט דאָס כשר פערדיענט. צרות האָט ער געהאט פון דיר געענוג. איהם איז ניט באַשערט געוועזן, אפנים איבער מיינע זינד, צו דערלעבען אזוי פיעל תענוג ווי איך, אז איך זאָל זיצען אינ'ם נגיד ראפאלאוויטשעס דירה איין מענטש אליין איבער קיין עין הרע אזוי פיעל חדרים, און דעם נגיד ראפאלאוויטשעס זוהן, דער בעסטער פון אלע קינדער, זאָל זיין מיין איידעם, גאָט זאָל העלפען מיט אריכות ימים און מיט אסך גליק, ווארום די איבעריגע זיינע שוועסטער און ברידער האָבען נעבאך גאָר קיין גליק ניט. א תל געוואָרען פון דער גאנצער משפחה. קינדער צעזייעט און צעשפרייט אויף אלע זיבען ימים, מע ווייס גאָר ניט ווי זייער געביין איז אהינגעקומען. איין אנשעל האלט זיך עפים נאָך. ער קומט אמאָל צופאָהרען איך זאָל איהם בעהילפיג זיין, האלט איך איהם אונטער ווי ווייט מעגליך. נאָר א לעבעריגען זאק איז דענן מעגליך אָנצושטאָפען? און דערצו איז ער אייך אויסברענגער, זעהט אויס, און א פנים האָט ער א מגושמדיגם, וואו איך האָב ערגיץ א שונא! ביילקע עליה שלום זאָל אויפשטעהן פון קבר און א קוק טהון, וואָס איז געוואָרען פון איהר שטוב און פון איהרע קינדער, און פון איהר מאנן משטיינס געזאָגט! ער איז נעבאך גאָר אינגאנצען געריהרט און געפינט זיך ערגיץ אין א הקדש אָדער אין א באָלניצע, און קוקט ארויס ביז דער געניידעם, "ששון ושמחה", וועט אמאָל קומען צופאָהרען מיט א פונט טיי און מיט א היטעל צוקער. אז אָך און וועה די יאהרען, אויף וואָס בעני ראפאלאוויטש איז איבערגעקומען, אז דער קאסיר איז זיין גע־ניידעם און זיין ברויטגעבער! ער קומט אמאָל צופאָהרען צו מיר אויך, אָט דער "ששון ושמחה", זיצט אָפּ א גאנצען טאָג מיט א גאנצער נאכט און רעדט און רעדט און רעדט. א איד א נודניק, גאָט זאָל ניט שטראָפען פאר די רעד! און די אלטע באָבע זייערע די בלינדע, זאָלסט אָנקוקען, לעבט נאָך. אפנים, אז דער רבונו של עולם האָט גאָר פערגעסען אין איהר? משטיינס געזאָגט, ווער עס לעבט אויף דער וועלט! ווי מיר זאָגען אינ'ם ונתנה תקף'ם: "ווער עס לעבט און ווער עס ליגט אין דער ערד". וואָלט דען ניט גלייכער געוועזן צעהן טויזענד מאָל, אז דיין טאטע עליו השלום זאָל איצט לעבען און זיין מיט מיר, ניט איך זאָל מיך ארומדרעהען איין מענטש אליין איבער קיין עין הרע אזוי פיעל חדרים? נאָר געה פרעג גאָט א קשיא. למאי יחיאל דעם בלי זמר — געדענקסט דו? איז ער זיך מישב ערשט יענע וואָך און נעמט און שטארבט אוועק. נאָך גאָר א יונגערמאן געוועזן. אָט איז העניך וויינשיינקער אויך אוועקגעשטאָרבען, איז חאָטש ניט אזא פערדראָס — א איד א זקן און א נגיד. ער האָט דאָס געהאט א לויה עפים מאקי נור ווי א גוטער איד. טאָמער ווייסט דו פאר וואָסערע מעשים טובים? מילא אז דיין טאטע עליו השלום האָט געהאט א שענע לויה — פערשטעהט מען נאָך. אָבער העניך וויינשענקער! וואָס איז מיט איהם די גדולה? פאר וואָס קומט דאס איהם? באשר ער איז א נגיד קומט איהם מע זאָל איהם חנפענען נאָכ'ן טוידט? נאָר גאָרניט. איך פערגין איהם דעם כבוד און רעד נישט חלילה קיין לשון הרע. ער האָט נעבאך געלאָזט איין אלמנה מיט פיער קינדער חאָטש אפילו מיט א גוט געשעפט און מיט א סך געלד, נאָר פאָרט יתומים. קיין טאטען וועלען זיי שוין ניט האָבען. וואָס די ערד דעקט צו איז פארפאלען. א קלאפּ מיט דער לאָפּעטע און א גוטען טאָג. אסך ערגער

איז נעבעך דער כליזמרקע. זי איז יאָ געבליבען ווי אויפ'ן וואסער. זי האָט ניט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען. מאכט מען איהר פון דער שטאָדט. איך האָב אויך געגעבען וויפיעל איך האָב געקענט, האָבען זיך די גבאים נאָך געקנייטשט. ס'איז ווינציגליך, זאָגען זיי. איהר זענט, זאָגען זיי, ביי אונז היינט קיין עין הרע א גבירענטע. איהר האָט, זאָגען זיי, קיין עין הרע אזא טאָכטער און זיצט, זאָגען זיי, אין אזא דירה, מיט קיין עין הרע אזוי פיעל חדרים. היינט געה רעד מיט זיי, אז מיר איז דאָס גאָר אינגאנצען אייבער דער טבע די דירה מיט די חדרים מיט'ן טארעראם. דער אויבערשטער זאָל מיר העלפען איך זאָל שוין דערלעבען דו זאָלסט טאקי קומען געזונטערהייד וואָלט איך מיך אנ'עצה געהאלטען מיט דיר און מיט דיין לייבלען מכח דער דירה, צו וואָס דארף איך אזא דירה איין מענטש אליין מיט קיין עין הרע אזוי פיעל חדרים? דו מיינסט נור איך זאָג עס? אלע זאָגען עס ביי אונז. און אלע קוקען שוין ארוים אויף דיר, זאָלסט קומען. גאנץ האָלענעשטי. אפילו נעחע די אלמנה מיט איהרע שוועסטערלעך (נאָך האָבען זיי ניט חתונה געהאט, א מכה זיי!). זיי פרעגען זיך נאָך ביי מיר אלע מאָל: "זאָלט איהר געזונד זיין, לאהניו, ווען קומען שוין אייערע קינדער?" פערשטאָכענע אויגען! זי האָט שוין גאָר פערגעסען די בזיונות וואָס איך האָב דורך איהר געהאט ניט היינט געדאכט דערמאלט, ווען דו ביזט כערפאלען געוואָרען און מע האָט מיך געשלעפט צום פריסטאוו, ימח שמו וזכרו — ער איז שוין לאנג אויף דער וועלט נישטאָ. און זיי מיר געזונד, מיין קינד, און שרייב מיר צי ס'איז אמת, אז דו קלויבסט זיך מיט דיין לייבלען אם ירצה שם נאָך אמאָל קיין אמעריקא? מיר געפעלט ניט דער פלאַן. דאָס לאנד איז טאקי נישקשה פון א לאנד און די מענטשען זיינען טאקי נישקשה'דיגע מענטשען, נאָר דאָס לשון זייערס געפעלט מיר ניט. אז טשיקען איז אנ'עוף און קיטשען איז א קעך און רעווערינט איז א שוחט, היינט וואָס איז דאָס פאר א לעבען? נאָר קומט צופאָהרען מיט גאָטס הילף פריהער קיין האָלענעשטי, וועלען מיר שוין איבעררעדען פון אלסדינג. דערווייל לאָזען אייך גריסען גאנץ האָלענעשטי און חיים שעיה'ס זוהנדעל, נחום, דער וואָס שרייבט דעם דאָזיגען בריעף, שיקט אייך ביידען א בעזונדערען גערום.

דיין מאמע וואָס בעט גאָט פאר אייך אלע מאָל בייטאג און ביינאכט

לאה ספיוואק."

ע נ ד ע